דער אינזל

דער אינזל

ליטעראַרישער חודש זשורנאַל

ערשטער יאָרגאַנג

ניו יאָרק

מערץ, 1925 — פעברואַר, 1926

אינהאַלט פאַרצייכעניש

פּאָעזיע:

אפרים אויערבאַך: העפט
לידער — 9
דער פּאסטעך טימאָפּעי — 12

מערי אוסטין:
אינדיאַנער לידער — 6
אינדיאַנער תּפלות און קלאָג־
לידער — 12

ר. אייזלאַנד:
פיר לידער — 5
צווישען רייד און רויך — 9
אין א פארשלאָפענער שעה — 12

א. בערגער:
דריי לידער — 10

אל. גוריה:
פיר לידער — 8

נפתלי גראָס:
א רגע — 6
אין צימער פון כלה מיידעל — 10
דער מגיד, א גאָלדען זינגען — 12

א. מ. דילאָן:
לידער — 3
מיט'ן אָווענט שיין — 7

יוליאַן טואווים:
זעקס לידער — 10

זישא לאַנדוי:
די גאָלדענע האַרף — 2
דריי לידער — 4
דריי לידער — 5
לידער — 6
דריי לידער — 7
סענטימענטאַלע פערזען — 8
אין אָנפאנג איז געווען
דאָס וואָרט — 9
די באַלאַדע פון די נאקעטע ברי־
ליאַנטען — 11
ענגלישע באַלאַדען — 12

משה ליוושיץ:
העברעאישע לעהרערס — 8

מאַני לייב: העפט
דריי לידער — 2
אַן ענטפער ה. לייוויקן — 3
דריי לידער — 10
דריי לידער — 12

א. נירענבערג:
אמעריקאַנער פאָלקס־לידער — 8

י. י. סיגאַל:
לידער — 7

מענדל נייגרעשל:
כינעזישע לידער — 5
ווערטער — 6
צוויי לידער — 12

י. קיסין:
טויבן וואַרקען — 4

ה. ראָזענפעלד:
וואַינאַמאָינען און וויפּונען — 6-7

אבא שטאָלצענבערג:
צוויי לידער — 2
צום פאָטער — 7
אַז מיין גלינע קומט — 9
לידער — 11
לידער — 12

מאיר שטיקער:
אין א שאַפּענפּעלץ — 12

בעלעטריסטיק:

ר. אייזלאַנד:
מר. גוסטאַוו גילדנער — 2-3-4-5-6-7
ר' אשר כהנא (דראַמע) — 10-11

ה. געלבוים:
דרום־פלעטבוש — 12

פיליפ ס. וואַלד:
אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן — 5

עוזר וואַרשאַווסקי:
דער שינעל — 9

א. מ. פוקס:
שבועה — 1
זעמל און זיין ווייב — 2
חילף — 4
שרעק — 10

תעפט

דוד קאזאנסקי:
אַ בלעטל פון אַ ראָמאַן — — — — 1
אש־גרוי, א קנעפל — — — — — 3
אין ראד — — — — — — — — 4
יודל — — — — — — — 5
פרעמד — — — — — — — 6
ווערא׳ס טויט — — — — — 7

א. ראַבאַי:
ענטל — — — — — — — — 1
דער פריטשמעלעטער — — — 8

ארטיקלען און נאָטיצען:

ר. אייזלאנד:
קונסט און פראָפּאַגאַציע — — 1
אַ. מ. פוקס — — — — — — 2
די טראָבעל מאכערס, דער נאַאי־
ווער דוד איגנאַטאָוו — — — 4
י. י. שווארץ אין קענטאָקי — 6
אין גאָרטען פון יעדא — — 8
שלום ושלוה — — — — — 9

ר. א.:
נאָטיצען — — — — — — — 5
חצוף, טפּוש אָדער מלך המשיח—6

ב. י. ביאַליסטאָצקי:
וואָס איז אידישיזם? — — — 2

משה גראם:
הומאָר און מרה שחורה — — 1
דער נייער גודניק — — — — 3

חעפט

הייליקייט און אידישקייט אין
דער אידישער ליטעראטור — — 7
שלום ושלוה — — — — — — 9
א מחלוקת וועגן שלום — — 11

נפתלי גראָם:
וואוילקלאנג און וויסענשאפט— 11

זישא לאַנדוי:
פאר׳ן כבוד פון וואָרט — — 1
דער נייער נשמה פארזאָרגער — 2
דיכטונג, דיכטער און לעזער — 3
קלאָגמוטערס, עוואָלוציע, און
אומגערעכטע אַטאַקע — — — 4
דער ענין לעזען, פּאול הייזע אין
חדר, אַ מיידל אין די יאָרן, דער
קריזיס אין דער אידישער דיכ־
טונג, מאַיאַקאָווסקי אין ניו
יאָרק — — — — — — — 8
פּאָעזיע — — — — — — — 10
א מחלוקת וועגן שלום — — 11

נ. פּאָמעראַנץ:
פּיליפּ ס. וואַלד — — — — — 5

א. מ. פוקס:
שלום ושלוה — — — — — — 9

י. קיסין:
געזעצען און גרענעצען — — 1
די געפאַר פון איינזייטיקייט — 3
פאָלק און שפּראַך — — — — 4

ה. ראַזענפעלד:
די קאַלעוואַלאַ — — — — — 8

דער אײנזל

חודש זשורנאַל

נומער 1. מערץ, 1925

זישא לאַנדוי: פאַר'ן כבוד פון וואָרט
דוד קאַזאַנסקי: אַ בלעטל פון אַ ראָמאַן
ר. אײזלאַנד: קונסט און פּראָפּאַגאַנדע
א. ראַבאָי: ענטל
משה גראָס: הומאָר און מרה שחורה
א. מ. פוקס: שבעה
י. קיסין: געזעצן און גרעניצן

25 סענט אַ נומער. $2.50 אַ יאָהר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
issued by the
Inzl Publishing Co.
12 Jefferson St., N. Y.

Price per year, $2.50 Single copies, 25c.

BUTLSTAX
PJ
5125
.I68
num. 1-12

צו די לעזער!

צוליב דעם וואס דער אידישער בוכ־האנדל אויסער ניו יאָרק איז דיסאָרגאַני־זירט און עס איז שווער צו געפינען פאַסיקע פאַרטרעטער פאַר אונז, בעטן מיר אַלע, צו וועמען דער זשורנאַל אפּעלירט, אַז ויי זאָלן אַזוי גוט זיין זיך אבאָנירן אויף אים. דאָס וועט פיל פאַרלייכטערן אונזער אויפגאַבע. — די עקזיסטענץ פון „אינזל" איז פאַרזיכערט אויף א יאָר.

פאַרלאַג אינזל

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 1. מערץ, 1925. ניו יארק.

זישא לאנדוי:

פאר׳ן כבוד פון ווארט

דער נביא, דער פריידיקער, דער פאליטיקער האבן עפעס ווייטע צילן; ווייטע, אבער זייער אפט טונקעלע. און אויסרעכונונגען פאר־נעמען אפט ביי זיי דעם פלאץ פון צילן.

בלויז מיר, עסטעטן, האבן ניט קיין צילן און קיין צוועקן. זיכער ניט קיין אויסרעכענונגען.

דער בוים בליט—שיין איז דער בוים! שיין איז דיין שמייכל! ביז ווייטיק דערפרייט די נשמה דער וואוילגערוך פון לידער און דער אויפשוואונג פון געדאנק! שיין איז דער גאנג פון טעג און פון וועגן! — אלץ, וואס איז דא, איז שיין, עס איז שיין ווייל עס איז דא.

מיאוס איז בלויז דאס, וואס ס׳איז ניטא, דאס, וואס דארף ערשט קומען, וואס דארף ערשט געבוירן ווערן.

דאס איז דער אמת פון די, וואס האבן א הארץ צו פילן, וואס לעבן מיט זייערע חושים, פאר וועמען יעדעס געפיל לעבט זיין אייגן לעבן, אין זיין אייגן רעכט.

נביאים, פאליטיקער און פריידיקער פארזיכערן אונז אז דאס וואס איז נאך ניטא, אז דאס וואס דארף ערשט קומען, אז דאס צו־קינפטיקע איז מלא חן, מיינענדיק צו זאגן, אז עס איז ניצליך, נויט־ווענדיק, באקוועם, יושר׳דיק. די וואס זיינען אומצופרידן מיט דעם, וואס איז דא, די וואס לעבן ניט דורך נאר האבן א ש ט ע ל ו נ ג צו ערשיינונגען פון לעבן ווייסן ניט פון קיין פרייד און במילא איז זיי פרעמד דאס געפיל פאר דאס שיינע. זיי רעדן, האמפערן זיך, היצן זיך וועגן אן ענין וואס זיי קענען אים ארגאניש ניט באנעמען.

דאס געפיל פאר דאס שיינע, ווי דאס עטישע געפיל קען אין געוויסע צייטן זיין שטארק ביי א מענטשן און דערנאך ווערן שוואַ־כער, אדער אים אין גאנצן פארלאזן. אפט איז דאס מיט׳ן געפיל פאר דאס שיינע, זעלטענער מיט׳ן געפיל פאר גערעכטיקייט. ווען א מענש איז געבויט אזוי אז ער קען ניט פארטראגן קיין אומרעכט, וועט זיין וועזן שטענדיק פראטעסטירן ווען עס וועט אן עולה בא־

דער אינזל

גאנגען ווערן. — אַט דעם פּרימיטיוון, געזונטן געפיל, צו אינסטינקט, האָט די נאַטור צעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט רעכטס און לינקס. מען דאַרף נים זיין אויסדערוויילט דערצו. עס מיינט נים חלילה צו זאָגן, אַז מיר דאַרפן דאָס געפיל ניט האָבן. עס איז קיין מענש ניט דער וואָס האָט אים ניט, אָבער איבערנעמען זיך דערמיט איז ניטאָ וואָס. עס איז די זעלבע מעשה ווי מיט אַ האַנט אָדער פוס. עס איז אַז אָך־און־ווייי ווען מען האָט זיי ניט, אָבער שטאָלצירן דערמיט וואָס מען האָט יאָ אברים, איז נאַריש.

אַנדערש איז מיט דעם געפיל פאַר דאָס שיינע. בלויז אויס־דערוויילטע האָבן אים, בלויז געציילטע זיינען מיט אים באַשאָנקען. די שוואַכערע זוכן מיט אַלע מיטלען, ניט פילנדיק אַליין, פון אים פּטור צו ווערן. ער איז שווער, איז אומניצליך, פאָדערט קרבנות, איז דעספּאָטיש, ווייל זיך מיט קיינעם ניט טיילן מיט זיין הערשאַפט און זויגט אויס, מעשה שפּין, די לעצטע טראָפּן כחות פון די, וואָס האָבן זיך אים פאַרקויפט, און זייער לעצטער אָטעם איז אַ לויב־געזאַנג צו אים.

מיט אַ פּאָר שורות פריער האָב איך געזאָגט, אַז דאָס געפיל פאַר דאָס שיינע קען ביי אַ מענטשן אין געוויסע צייטן זיין שטאַרק און דערנאָך אים פאַרלאָזן אינגאַנצן. מעגלאָך, אַז עס איז ניט אַזוי: עס איז דאָך ניט עפּעס אויסערליכעס, עס איז דאָך ניט עפּעס צוגע־קלעפּטס, וואָס מען קען פאַרלירן, און דער וואָס האָט עס ניט איצט, האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט. עס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט, אָדער ער האָט זיך עס איינגערעדט. מעגלאָך. איך בין אין דעם ניט זיכער. צום עצם ענין האָט עס ניט.

אַזוי איז מיט דעם יחיד. מיט׳ן כלל טרעפט יאָ, אַז אַ געוויסער געפיל זאָל אין אַ געוויסער צייט זיין שטאַרק ביי אים און דערנאָך אָפּשטאַרבן. דער יחיד קען לעבן זיין לעבן, קען האָבן זיין אמת. דער כלל איז שטענדיק אומרואיק, איז שטענדיק היסטעריש, ווערט פאַרפירט פון פרעמדע. „די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט“, — זאָגט אַן אַלטער אמת. — קיין אייגענע שטימע האָט דער כלל נים.

די לעצטע יאָרן דאָמינירט דאָס געפיל פון נערעכטיקייט. די בימערע נויט צווינגט דערצו. אין אייראָפּע האָט דאָס געפיל אַזוינע טיפע וואָרצלען געשלאָגן, אַז אַ פונק דערפון איז געפאַלן אין געוויסע ליטעראַרישע ריכטונגען אין אַמעריקאַ. לאָמיר אַלע בעטן צו גאָט, אַז די לאַגע אין אייראָפּאַ זאָל אויף אַזויפיל פאַרבעסערט ווערן, און דאָס מענשלאַכע לעבן זאָל ניט זיין אַזוי הפקר און עס זאָל נים זיין אַזוי נרוים די מורא פאַר׳ן מאָרגענדיקן טאָג, כאָטש אויף אַזויפיל

דער אינזל

אויף וויפיל עס איז אין אמעריקע, און אויך דאָרט זאָלן אנדערע גנעפילן געפינען אַן אָפּקלאַנג אין מענשלאַכע הערצער, און ניט בלויז דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס האָט בלויז אַ קיום אין שלעכטע אומשטענדן און ביי מענטשן וואָס קענען זיך קיין עצה ניט געבן.

דאָס געפיל און דער זין פאַר דאָס שיינע איז איצט אַטראָפּירט, איז דער׳הרג׳עט, און עס זעט זיך ניט די צייט ווען עס זאָל אַמאָל אויפשטיין תחית המתים.

און אויף שריט און טריט פון דער אַלטער וועלט שטייען לייט אַזוינע און זיינען זיך משמח. וואָס איז די שמחה, רבותי? — עס קומט אַ נייע קונסט, די אַלטע איז טויט!

אפשר איז דאָס אַלץ אמת. מיר לעבן אין וואונדערלאַכע צייטן, אַלץ קען פּאַסירן! אָבער זיכער איז, אַז די דאָזיקע לייט האָבן מיט קונסט ניט וואָס צו טאָן. אַ מענש וואָס לעבט, וואָס האָט אַ פונק לעבן אין זיך, וועט זיך ניט אַריבערפּעקלען מיט גרויס פרייד אויף דער אמת׳ער וועלט, בלויז דערפאַר, ווייל עס זאָגט זיך, אַז זי איז בעסער ווי אונזערע. ווי שלעכט אונזער וועלט זאָל ניט זיין, איז זי טויזנט מאָל זיסער פון יענער, שוין דערפאַר וואָס זי איז דאָ, וואָס זי האָבן מיר שוין פאַרזוכט, און אפילו דער, ביי וועמען זי האָט איבער־געלאָזט ניט קיין איבעריק זיסן נאָך־טעם אויף די ליפּן, וועט זי ניט פאַרביטן אויף אַ פרעמדער, אויף אַ ווייטער.

דאָס טוען מענטשן, וואָס זיינען אינגאַנצן דערשלאָגן, און דאָס בלויז אין היסטערישע רגע׳ס. דאָס זעלבע מיט קונסט. לעכצן נאָך אַ קונסט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער היינטיקער, קענען בלויז אַזוינע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון דאָס שיינע.

האָסטו עס איינמאָל פאַרזוכט וועסטו עס קיינמאָל ניט וועלן פאַרבייטן אויף עפּעס ניט עקזיסטירנדיקעס, אויף צוגעזאָגטעס, ווען מען זאָל אפילו האַלטן אין שווערן, אַז דאָס נייע, אַז דאָס קומענדיקע איז ממש אַנטיק.

נייע שיכטן רייסן זיך צום פאָדערגרונט, דער אַרבעטער וויל ווערן דער באַלעבאָס פון זיין לעבן, און ווען דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבן פון מענטשן וועט פאַרבעסערט ווערן און עס וועט פאַרשווינדן די חיה׳שע מורא פאַר׳ן קומענדן טאָג און דער נייער באַלעבאָס וועט זיך אַביסל אויספּאַשען דאָס בייכל, וועט ער גנעדיק גרייט זיין צו פאַרזוכן אַ ביסל גייסטיקע שפּייז.

די גוואוורנאַנטקעס פון דעם קומענדן באַלעבאָס גיבן אים שוין צו פאַרזוכן פון „גייסטיקער“ שפּייז. זיי דערלאַנגען עס אים אין אַן

אויפגעלייזטער פאָרם, עס זאָל אים לייכט זיין צו פאַרדייען. מען ניט עס אים איין זייער פּאַרזיכטיק.

די ליטעראַטור, וואָס האָט די צושטימונג פון די אויפזעער פון קומענדן באַלעבאָס, אַפּעלירט ניט צום האַרצן נאָר צום קאָפּ. גע־דאַנקען זיינען דאָ הויכע און נידעריקע, גרינגע און שווערערע, מען קען זיי פּאָפּולאַריזירן, סערווירן אין אַ צוגעגנגלאַכער פאָרם. אָבער דאָס וואָס דאַרף אַפּעלירן צום האַרצן קען מען ניט פאַרוואַסערן, עס איז גאַנץ, האַרמאָניש, עס איז לעבן, און דאָס לאָזט זיך ניט צעטיילן, דאָס לאָזט זיך ניט פּאָפּולאַריזירן.

די ליטעראַטור, וואָס האָט אָט דעם הכשר, דערמאָנט זיי־צר אָפּט אָן דרוש. עס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלעגאָריע, מיט טיפע רמזים און אומגעווינלאַך שטאַרקע, טעכנישע ווערטער. ביי מענטשן, וואָס זיינען פאַרזאָרגט דעם גאַנצן טאָג מיט פאַרדינען אויף ברויט אָדער אַפילו אין געשעפט, ווערט צוביסלאַך טעמפּיק דאָס האַרץ צו פיינע, אויסגעצאַליעטע ווערטער און געפילן. עס אַרבעט בלויז דער קאָפּ, ניט אַזאַ איידעלער אַפּאַראַט, צו וועלכן מען דאַרף זיך ווענדן מיט שטאַרקערע, גרעבערע מיטלען.

די ליטעראַטור איז פול מיט הויכע טעמאַס און נאָך שטאַרקערע ווערטער. דאָס וואָרט האָט אָנגעוואָרן זיין אמת'ע באַדייטונג, און ווען דאָס וואָרט מיינט עפּעס אַנדערש ווי עס איז, איז קונסט אומעגלאַך.

מעגלאַך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין טעגלאַכן לעבן פון יענער זייט ים האָט מען געמוזט אָנהויבן נוצן אויפגעשוואָ־לענע ווערטער און ציפער, פאַר ברויט צי קאַרטאָפּל דאַרף מען אין די הונדערטער טויזנטער און שוועבעלאַך אין די טויזנטער, מען האָט אָנגע־וואוירן דעם אמת'ן ווערט פון ציפערן און ווערטער.

אָבער אין אַזאַ צושטאַנד איז אוממעגלאַך קונסט. קונסט קען ניט פאַרטראָגן ווילדע איבערטרייבונגען.

נידעריקער פון דער וואַליוטע און טראָגען איז געפאַלן דאָס וואָרט און פאַר דעם כבוד פון דעם וואָרט דאַרף קעמפן דער, וואָס האָט אַ זין און אַ געפיל פאַר דאָס שיינע.

דאָס איז ניט קיין קולטור־אַרבעט, דאָס איז פאַר אונזער איי־גענעם נוצן. עס איז אוממעגלאַך צו אַרבעטן אין אַן אַטמאָספער, וואו די נשמה און דער זין פון דאָס שיינע, — דאָס וואָרט, — האָט פאַרלאָרן זיין פּנים.

דאָס וואָרט פאַרלירט קיינמאָל ניט זיין ווערט, זיין באַדייטונג, אויסער ביי די, וואָס האָבן עס קיינמאָל ניט געהאַט. אָבער מען קען זיך ניט העלפן, זיי שרייען אַזוי, זיי טומלען זיך אַזוי, זיי באַנוצן

כסדר די הייליקסטע און פֿאַרהייליקטע ווערטער, אַז מיר הויבן אָן קריגן אַ ווידער־טעם צו זיי, צו די אומשולדיקע ווערטער.

אָט טרעף איך זיך לעצטנס מיט אַ באַקאַנטן אידישן זשורנאַליסט. געשמועסט אַ ווײַלע, געוויצלט זיך; שפּעטער נעם איך אַ בלאַט צײַטונג אין האַנט און לעז דאָרט, אַז דער, מיט וועמען איך האָב נאָר־וואָס גערעדט, איז אַ פֿאַררעטער, רענעגאַט, און מיר דאַכט זיך ווי איך וואָלט געלייענט פֿאַרטרעטער, סאָלדאַט, האַרמאַט. ניט מיר האָט פֿאַרוואונדערט, ניט מיר האָט געאַרט, ניט איך האָב געזען אין דעם עפּעס אומגעוויינלאַכס. ניט דערפֿאַר, וואָס איך ווייס ניט וואָס עס איז אַ פֿאַררעטער, אין געגנטייל, דערפֿאַר ווייל איך ווייס יאָ, און נאָך מער ווייס איך, אַז יענער שרייבער דאָרט וואָס האָט עס געשריבן, האָט ניט געוואוסט וואָס ער פּלוידערט. וויל זאָגן שלעכטס, און זייענדיק טויב, שטום, ניט האָבנדיק קיין טעם אין ווערטער שיט ער זיי ווי באָב, און בלויז „שטאַרקע“ ווערטער. וואָלט דאָס יאָ געוואוסט דעם פּשט פֿון וואָרט וואָלט ער דאָך ניט געזעסן מיט יענעם שרייבער אין דער זעלבער קאַפֿע כמעט ביי דעם זעלבן טישל.

ביי אַזאַ לאַגע מוז דער קינסטלער בלײַבן אין אַ פֿאַרלעגנהייט. כדי אַרויסצוברענגען זײַן העלד אין אַזאַ ליכט מוז ער אים ברענגען אין פֿיינלאַכע סיטואַציעס, מוז אַרויסברענגען און זיך גריבלען אין דעם קאַמף, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זײַן נשמה און ערשט דערנאָך קען ער אים באַטיטלען מיט דעם רעזולטאַט צו וועלכן ער איז געקומען. דאָס מוז מאַכן אַ קאָמישן אײַנדרוק אויפ׳ן לעזער און סוף כל סוף אויף זיך אַליין. געאַרבעט צוקומען צו אַ שלום, צו וועלכן יעדער שטומער צײַטונגס־שרייבער קומט אָן געפּיל, אָן האַרץ, אָן איבערטראַכטונג, נאָר גלאַט אַזוי זיך.

דער שרייבער מוז ווערן פֿאַרצווייפֿלט, ער הויבט אָן צו צווייפֿלען צי דאָס וואָרט דריקט טאַקע אויס דאָס, וואָס עס דאַרף אויסדריקן.

און אַזוי לאָזט ער זיך פֿאַרפֿירן פֿון מענשן, וואָס האָבן קיין זין ניט פֿאַר׳ן וואָרט.

און דאָס זעלבע איז מיט טמאס.

אָן עפּעידעמיע אויף טיפּע טמאס. עס איז געוואָרן אַ שאַנד פֿאַר ווייב און קינד צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ געוויינלאַכן ענין. איך האָב מער אָדער ווייניקער אַ באַגריף וועגן די אידישע לידערזאַמלונגען אין די לעצטע פֿאָר יאָר, איך קען אַ גרויסן טייל פֿון זייערע פֿאַרפֿאַסער פּערזענלאַך, גאָר אַ גרויסער פּראָצענט פֿון זיי איז פּשוט מינדערזיניק, אַ גאַנץ פּעסל פֿון די דאָזיקע מינדערזיניקייטן

דערגרייכט ניט די קנעכל פון א פשוט׳ן אדם, אבער עפּעס דאָס נאָר דעם מויל שיטן זיך ממש פּערל און טיף איז דאָס ווי דער ים סוף.

וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? גאָרניט בלייבט צו טאָן! אין תוך עקזיסטירען זיי ניט און מיר אלע דארפן דערפילן, אז טויבע, שטומע, מינדערזיניקע זיינען פאר אונז קיין מוסטער ניט! אונזער אויפגאבע, עס איז אייגנטלאך ניט קיין אויפגאבע, אונזער פליכט איז צוריק־צושטעלן דאָס וואָרט אויף דעם פּעדעסטאל פון וועלכן עס האָט זיך ארונטערגעליטשט.

דער אמת׳ער קינסטלער איז געזעץ! און זיין וואָרט, נאָך מער ווי געזעץ. דאָס וואָרט איז, אמת, ניט זיין ציל, דערפאר אבער דער עקזאקטער אויסדרוק פון זיין געפיל, פון זיין געדאנק און דעריבער קען עס ניט זיין אלט, אפּגעלעבט, פארלירן זיין באדייטונג. עס איז דער שפּיגל, דער ריינער, דער וואונדערבארער שפּיגל, דער איינציקער פאר׳ן געדאנק, פאר׳ן געפיל, דערפאר היט אים דער קינסטלער אזוי אָפּ, און דערפאר איז דער, וואָס האָט ניט קיין געפיל פאר׳ן וואָרט קיין קינסטלער, פארשטייט ניט דעם תוך פון קונסט.

דוד קאזאנסקי:

אַ בלעטל פון אַ ראָמאַן

אסתר האָט געוואוסט, אז דער שבת וואָס וועט קומען וועט שוין זיין דער לעצטער. גענוג. קיין סך טראכטן וועגן דעם האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט אפילו ניט געוואַרט אויפ׳ן שבת. זי איז געווען רואיק. נאָר הערשל האָט געזען אין איר אז עפּעס איז דאָ, און ס׳הארץ האָט אים געשראָקן. און ער איז די גאנצע וואָך געווען צו איר אזוי וויינענדיק איבערגעבן און געטריי, ווי עס קען נאָר זיין א שטומע באשעפעניש.

די טעג האָבן זיך געצויגן ווי אלעמאל, און זיי זיינען אסתר׳ן ניט געפאלן אזוי שווער, נאָר אז ס׳איז געקומען שבת און זי האָט זיך אומגעקוקט אויף דער דורכגעגאנגענער וואָך, האָט זי ערשט דערפילט, אז די וואָך האָט זיך געצויגן שרעקלאך לאנג און אז זי איז מיד, שטארק מיד. נאָר גאָר ניט. גאָר ניט. זי האָט אויף זיך א קוק געטאָן אין שפּיגל און דאָס פּנים אירס איז געווען רואיק. נאָר בלייכער א ביסל און שענער. אסתר האָט לאנג געקוקט אויף זיך אין שפּיגל, געשמייכלט און זיך ליב געהאט. אזוי שיין איז זי געווען.

דער איגזל

דער שבת האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַלעמאָל. אפריער איז מען געזעסן ארום טיש און מען האָט געגעסן אינאיינעם, און נאָכ'ן עסן איז יאָסעלע אוועק צו זיך און הערשל האָט זיך צוגעלעגט אויף א ווײַלע. אסתר איז געבליבן זיצן אין דעם הויכן און גרויסן זאַל, וואָס איז געוועזן עפּעס אי צו הייך און אי צו גרויס. אין זאַל איז געווען פּוסט ווי אויף א וואָקזאַל און שטיל און איינגעגעסן האָט דאָרט גע־קלונגען א מאָדנע קלעפּיגע שטילקייט. נאָר אסתר איז שוין גע־וואוינט צו דעם.

דער טאָג איז געווען א פראָסטיקער מיט א סך זון. און אויפ'ן שנײַ זײַנען געלעגן און האָבן זיך געצויגן לעבעדיקע שאָטנס. אסתר איז געזעסן ביים פענסטער און האָט ארויסגעקוקט. זי האָט וועגן גאָר ניט געטראַכט. זי איז געווען רואיק, אינגאַנצן רואיק.

און אָט האָבן זיך שוין גענומען קלײַבן די חסידים. אפריער איז געקומען איינער, דערנאָך דרײַ מיט אמאָל און דערנאָך זײַנען געקומ'ן נאָך עטלאַכע, נאָר פון דאַנען, פון זאַל, האָט מען זיי שוין ניט געקענט ציילן, וויפיל זיי זײַנען געקומען.

יאָסעלע איז ארויס פון זײַן חדר. ער דאַרף דורכגיין דעם זאַל, ווען ער גייט צו דער עס־שטוב. און ער זעט אסתר'ן, ווי זי זיצט דאָרט ביים פענסטער — זי זיצט דאָרט שטענדיק כמעט — און זי הערט אים, ווי ער גייט דורך פארביי איר. נאָר זי קערט זיך צו אים ניט אום און ער פארהאַלט זיך ניט.

די חסידים זעצן זיך פאַנאַנדער ארום דעם לאַנגן טיש און יאָסעלע זעצט זיך אויבן־אָן. ארום טיש ווערט ביסלאַכווייז שטיל און שטילער, ביז יאָסעלע לאָזט אראָפּ די ברעמ'ן, בייגט אביסל אָן דעם קאָפּ און הייבט אָן מיט'ן ערשטן וואָרט.

גערעדט האָט ער איצט וועגן דעם, אז ס'איז א טעות וואָס מען מיינט, אז דער עיקר חידוש אין חסידות איז שמחה. אמת, שמחה איז אַן ענין, א גרויס'ער ענין, און קיינער פון די ערשטע צדיקים האָט אים ניט אויסגעלאָזן. אָבער דער תוך איז פאָרט ניט שמחה, נאָר טהרה. ריינקייט פון הארץ, ריינקייט פון דער נשמה, ריינקייט פון דער מחשבה. ווען די מחשבה איז ריין, טראַכט ניט נאָר דער קאָפּ, נאָר אויך דאָס הארץ, און ניט נאָר דאָס הארץ, נאָר אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, ערשט דעמאָלט שיקט זיך צו זאָגן: „כל עצמותי תאמרנה..." און ערשט דעמאָלט קומט די אמת'ע שמחה.

יאָסעלע זאָגט שטיל. און צווישן איין וואָרט און צווייטן גע־יוירט אָפּט א מינוט, און יעדעס וואָרט זײַנס לעבט ביז עס קומט

ניט נאָך אַ וואָרט, און די ווערטער שטאַרבן ניט און מעקן זיך ניט אָפּ, נאָר פאַרגייען, ווי עס פאַרגייט למשל די זון.

אַרום טיש איז שטיל און דער עולם זיצט אַן אויסגעטאָנענצ'ר פון זיך און אַ פאַרטיפטער. און די ווערטער, וואָס יאָסעלע ברענגט אַרויס, הילכן ניט און הערן זיך ניט ווי ווערטער דאַרפן זיך הערן, און אָפט דאַכט זיך, אַז עפּעס זיינצ'ן דאָס גאָר קיין ווערטער ניט, נאָר גאַנצע און אייגענע זאַכן פאַר זיך, און וואָס לעבן פאַר זיך. און פּלוצים אין מיטן דערינען עפנט זיך אַ טיר פון אַ זייטיקן חדר און אסתר גיט פון דאָרטן אַ רוף:

— יאָסעלע!

דאָס רופן גיט זיך אַ רייס אַריין אַהער ווי דער קנאַק פון אַ בייטש, ווי אַ כעס'דיק צערייסן פון עפּ'עס אַ זאַך, און יאָסעלע פאַר־כאַפּט מיט שרעק דאָס לעצטע וואָרט זיינס וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען, און קוקט אַהין צו דער טיר. אָט דאַכט זיך אים, אַז ס'איז גאָר ניט, אַז דאָס האָט זיך אים מסתמא נאָר אויסגעוויזן אַזוי, און ער הויבט ווידער אָן זאָגן. נאָר דאָ עפנט זיך שוין די טיר ברייט פאַנאַנדער און אסתר גיט אַ רוף אַזוי, אַז ער מוז זי שוין דער־הערן:

— יאָסעלע!!

איצט איז'ס שוין אויף געווים. און ביי אים לאָזן זיך אָפּ די הענט און די פּיס. ער זעט ניט מער דעם עולם, וואָס זיצט אַרום אים, נאָר הויבט זיך אויף און גייט צו איר. גייט ווייל זי רופט אים.

אַריין אין חדר האָט זי גלייך פאַרהאַקט די טיר הינטער אים און איז געבליבן שטיין אַן אויפגעציטערטע ביז נאַק'צט. דאָס פּנים האָט איר געברענט ווי פייער, נאָר זי האָט עס אַפילו ניט געוואוסט. יאָסעלע איז דאָ נעבן איר, און גאָר ניט, גאָר ניט. און עפּעס פאַרלירט זיך, און עס ווערט פון 'צפּעס גאָר ניט. זי האָט דאָך וואָס געוואָלט, נאָר אָט גייט עס אַוועק אָט־דאָ פאַר אירע אויגן און זי חלש'ט, חלש'ט. אָט שווימט עס אַרויף, דאָס וואָס זי האָט געוואָלט, בלייך און שוואַך ווי אַ זאַך, וואָס שווימט אַרויף אויפ'ן זכרון פאַר'ן איינשלאָפן. נאָר אַז זי האָט זיך שוין דערמאָנט, האָט זי עס מער ניט אָפּגעלאָזן. יאָ, זי ווייס וואָס זי האָט געוואָלט און זי איז שוין אַ געראַטעוועטע. זי האָט שטאַרק אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און שטאַרק אַ קוק געטאָן אויף יאָסעלען. אירע אויגן האָבן געקוקט אויף אים אַזוי ווי זי האָט זיי געהייסן, און ווי נאָר אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים, האָט זיך איבער איר אויסגעגאָסן אַ מאָדנע קאַלטקייט, איינגאַנצן איבער איר, פון קאָפּ ביז די פּיס. און זי איז ג'צשטאַנען אַ געהויבענע און אַ ווייטע, ווי עס בלייבט אַ מענש, וואָס

דער אינזל

איז גרויס ביי זיך און ווייס ווען עס באַפאַלט אים אַן אומגליק. געזאָגט האָט זי אים גאָר ניט און האָט אים גאָר ניט געדאַרפט זאָגן. דאָס וואָס עס האָט זיך איר געוואָלט איז שוין געוועזן און וואָס זי האָט געדאַרפט טאָן האָט זי שוין געטאָן. און יאָסעלע איז געשטאַנען און האָט געוואַרט. וואָס האָט זי גערופן? וואָס וועט דאָ זיין? נאָר געהערט האָט אים ניט די גאַנצע זאַך. ער האָט נאָר געכאַפּט פאַרביילויפיק, אַז עס האָט אים אָנגעהויבן ווי טאָן דער קאָפּ. געדויערט האָט דאָס עטלאַכע לאַנגע מינוטן, וואָס האָבן זיך ניט געצויגן נאָר אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, ביז זי האָט אים פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— גאָר ניט. דו קענסט שוין גיין.

און דאָרט אין עס־שטוב, אַרום טיש, איז מען דערווייל געקומען צו זיך, און מען האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף, אַז וואָס איז דאָ, וואָס? אַלע האָבן זיך מיט אַמאָל אַ ווענד געטאָן צו הערשלען, און הערשל האָט גלייך געוואָלט אויפשפּרינגען נאָך יאָסעלען, און זען וואָס דאָרט טוט זיך. נאָר אַז ער איז ניט געלאָפן די ערשטע מינוט איז ער שוין געבליבן זיצן; און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט צו דוב־בער׳ן, נאָר דוב־בער איז זיך געשטאַנען ביי דער וואַנט וואו דאָרט שטענדיג, און ווי גאָר ניט, ווי עס וואָלט גאָר ניט געוועזן. און אַז דוב־בער וויל אַז ס׳זאָל גאָר ניט זיין איז גאָר ניט, אַפילו ווען אַלע זעהען, דאַכט זיך, אַז עס איז יאָ עפּעס. און הערשל וויל ווידער אויפשטיין און נאָכגיין אין יענעם חדר, נאָר דוב־בער וויל ניט. און אַז דוב־בער וויל ניט מ׳זאָל גיין; גייט מען ניט. און הערשל׳ס אויגן בעטן זיך עפּעס און דוב־בער ענטפערט אויף זיין בעטען זיך, און הערשל וואַרט ניט קיין רגע, נאָר הייבט זיך גלייך אויף און שטעלט זיך אויך אַנידער ביי דער וואַנט נעבן דוב־בער׳ן. ער טוט עס אַזוי פּראָסט און אַזוי אָפן, פונ׳ם גאַנצן האַרצען, ווי אַ קינד, און דוב־בער קוקט אים אָן און ענטפערט אים מיט די אויגן:

— גוט, גוט.

אַרום טיש איז שטיל. ווי עס איז שטיל צווישן אַ צעטומלטן עולם, וואָס הייבט ערשט אָן קומען צו זיך און קיינער ווייס ניט אויף וואָסער וועלט ער איז. איינער קוקט פאַר זיך און פרעגט וואָס מיט זיינע אויגן, און וואַרט ניט מען זאָל אים ענטפערן; איינער שווייגט פאַרטראַכט, אַז מען הערט ווי ער שווייגט; און נאָך איינער זאָגט אַרויס אַ וואָרט, גלאַט אַ וואָרט, צו קיינעם ניט און וואָס מיינט גאָר ניט, און דאָס וואָרט פאַלט טאַקי ווי אַ פּוסטער קלאַנג וואָס רירט קיינעם ניט אָן.

נאָר אָט איז דער עולם שוין ביסלאַכווייס געקומען צו זיך, און

הייבט אָן טומלען און רעדן און פרעגן. און דוב־בער שטייט זיך די גאַנצע צייט ביי דער וואַנט, באַזונדער פון אַלעמען און האַלט שטאַרק בײדע אויגען אויף אַלעמען, ווי ער וואָלט זיי געהיט זיי זאָלען זיך ניט אַרויסגליטשען פון אונטער זיינע הענט. דובר־בער לאָזט דעם עולם ווי אַ גרויסער לאָזט קינדער, ווען ער ווייס אַז ער קען זיי שטענדיק צוריק איינגעמען. דער טומל וואַקסט, נאָר דוב־בער איז רואיק.

און אָט עפנט זיך די זייטיקע טיר. עפנט זיך אַזוי שטיל, אַז קוים מען הערט ווי זי האָט זיך געעפנט. און די טיר בלייבט אַ ווײלע שטיין אָפן ווי אָנגעגרייט פאַר עמיצן, און יאָסעלע באַווייזט זיך טאַקע באַלד אויפ'ן שוועל. דער עולם ווערט מיטאַמאָל אַנטשוויגן און בלייבט אַזוי, ווי די טריט יאָסעלע'ס האָבן אים פאַרכאַפּט, און ס'ווערט אַלץ אַזוי אָפּגעהאַקט אויפ'ן אָרט, ווי אַ שניט געטאָן מיט אַ מעס׳ער. יאָסעלע גייט אַזוי אין דער שטילקייט וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אים ביז ער קומט צו צום טיש און זעצט זיך אַנידער אויף זיין אָרט. ער גיט אַ רייב דעם שטערן, מאַכט צו די אויגן, בויגט אַביסינקע אָן דעם קאָפּ און עס ווערט באַלד לעבעדיק פאַר אים דאָס ערשטע וואָרט. און ער ברענגט עס טאַקע גלייך אַרויס. נאָר דאָס וואָרט פאַלט אין אַ פּוסטקייט און קלאַפּט זיך אָן אָן פּוסטע ווענט. ער קניפּט ווידער אָן דאָרטן וואו ער האָט פריער אָפּגעהאַקט, נאָר די ווערטער, כאָטש קלאָרע, קומען אָבער אַרויס טויטע פון זיין מויל. און פלוצים הויבט ער אויף דעם קאָפּ, עפנט די אויגן און קוקט איבער דער גאַנצער לענג פון טיש און עס ווערט אים מיט אַ מאָל מאָדנע קאַלט, ווי איינער וואָס דערפילט גאָר פלוצלינג אַז ער איז אין דער פרעמד. יאָסעלע ווערט אַנטשוויגן און דאָס גערוערט אַ מינוט, און כאָטש ער ווייס אַז וואָס לענגער עס גערוערט אַלץ ערגער איז, נאָר זאָל זיין. עס אַרט אים ניט. עס אַרט אים אַזוי ניט, אַז כאָטש נעם און וויין זיך פאַנאַנדער.

יאָסעלע ווייס ניט ווי לאַנג עס גערוערט. נאָר עס דאַכט זיך אים אַז דאָס שווייגן דויערט שוין עפּעס זייער לאַנג. און מיטאַמאָל הייבט ער זיך אויף פון טיש, זאָגט קיינ׳עם גאָר ניט און לאָזט זיך אַרויסגיין פון עס־שטוב. ער גייט שטיל מיט איינגעהאַלטענע טריט, ווי מען גייט פאַר פרעמדע אין די אויגן, און ער גייט דאָס צו זיך, אין זיין חדר.

אין אַז דער עולם איז געבליבן אַליין, האָט מען זיך אַ ריס געטאָן פון די ערטער, און ע׳ס איז געוואָרן אַ טומל און אַ גערעדעריי. נאָר דאָ שפּאַרט זיך באַלד דוב־בער דורך דורכ'ן עולם, גנעהט צום טיש און גיט זיי אַלעמען אַ זאָג שאַרף און באַפעלעריש:

— גייט, גייט אייך אהיים!

דער עולם גייט זיך פאנאנדער שטיל און צעטומלט. און דוב־בער מיט הערשלען, אז זיי בלייבן אליין, קוקן זיי זיך איבער אויף דער גיך, און זיי ווייסן ביידע ניט, וואס איצט וועט זיין. דוב־בער שטעלט אוועק א שטול אויפ׳ן ארט און מאכט נאך עפעס צורעכט, דערנאך זעצט ער זיך אנידער און נעמט ווארטן אויף אסתר׳ן. יאַ־סעלע איז דארט בא זיך, און איינער אליין. און דוב־בער ווייס עס, נאר ער ווארט דא אויף אסתר׳ן. און אסתר קומט טאקע באלד אריין. זי האט זיך שוין איבערגעבראכן און איז איצט א רואיקע און א בלייבע. זי קוקט זיך נאר א ווײַלע אויף די הענט, ווי זי אליין וואלט אויך געוואלט ווײסן, צי זי איז טאקע א רואיקע. דערנאך גייט זי צו צום טיש און זעצט זיך אנידער צוזאמען מיט הערשלען און דוב־בער׳ן. זיי שווייגן אלע דריי, נאר זיי ווייסן אז זיי שווייגן און עס איז ניט שטיל ארום טיש.

ר. אײזלאנד:

קונסט און פראפאנאציע

אין אנהויב איז געוועזן דער געשריי — דער אויסדרוק פון דעם יחיד׳ס צער און שרעק. און ווען די געשרייען פון עטלאכע האבן זיך באהעפט אינאיינעם איז אנטשטאנען דער טאנץ, וואס האט געבוירן די פרייד — די מוטער פון אלע קונסטן.

* * *

דער וועג פון דער קונסט איז פון אפלאכונג צו אפלאכונג דורך באוואונדערונג, הכנעה און אנטציקונג. פאראן קינסטלער וואס מאכן דורך דעם גאנצן וועג אליין. פאר די איבעריקע טוען דאס די עפאכן און שולן.

יעדע נייע קונסט־עפאכע הייבט אן און דעגענערירט אין אפּ־לאכונג. ביים אנהויב לאכט זי פון א פריהערדיגע, ביים סוף פון זיך אליין. דער אנהויב פון יעדער נייער עפאכע איז דער סוף פון איר פארגייערין.

* * *

דער קינסטלער איז קיינמאל ניט קיין נביא. ווייל נביא זיין מיינט קעמפן פאר א פאראויס באשטימטן אמת, וואס מוז גילטן פאר אלעמען, און קינסטלער זיין מיינט אלעמאל זוכן נייע אמת׳ן, וואס דארפן פריער פאר אלץ באפרידיקן אים אליין. דער נביא איז מאנאטעאיסט, דער קינסטלער פאליטעאיסט.

* * *

דער אינזל

דער אויפריכטיקסטער שונא פון דער קונסט איז דער נביא. דער גרעסטער באוואונדערער פון נביא איז דער קינסטלער.

* * *

בלויז איין זאך איז ביי ביידן אייגן: ביידע זוכן זיי א תיקון פאר׳ן לעבן. דער נביא דורך זיין איינציקן אמת. דער קינסטלער ־רך אלע זיינע אמת׳ן, אפילו דורכ׳ן נביא ווען ער ווערט פאר אים א׳ אמת.

* * *

ווען דאָס פאָלק ישראל איז געוואָרן מאָנאָטעאיסטיש איז עס געוואָרן פיינדלאך צו יעדער קונסט. „לא תעשה לך פסל . . .“ איז דער וויכטיקסטער פון אלע געבאָטן.

דער גייסט פון נבואה האָט זיך שוין לאנג אָפגעטאָן פון אונז אידן. די שנאה צום בילד איז אָבער פארבליבן אין בלוט ביז אויפ׳ן היינטיקן טאָג. דעריבער זיינען מיר אזוי אומקינסטלעריש ווען אפילו מיר רעדן וועגן קונסט.

* * *

ווי אלע ניט קינסטלערישע מענטשן קענען מיר ניט פארשטיין אז יעדע ערשיינונג האָט זיך איר אייגענעם זכות הקיום, נאָר מיר מוזן איר געבן עפּעס א פונקציע. זי מוז דוקא דינען עפּעס אונזערן א תכלית. ווען ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן א ליטעראטור האָט זי געמוזט דינען דער „הימלישער טאָכטער“ השכלה; שפּעטער — סאָציאלע און נאַציאָנאלע אידעאלן, און היינט — דער וועלט־איבערקערעניש, משיחיזם און דעם גייסטלאָזסטן פון אלע גייסטיגע פארזעענישן: דעם אידישיזם.

* * *

א גרויסער טייל פון אונזער היינטיקער ליטעראטור איז ניט מער ווי א פארזצעניש פון אונזער אמאָליקער אלעגאָריע. אלס „אויפגעקלערטע“ מענטשן, „וויסן“ מיר שוין, אז שיר השירים איז ניט מער ווי א זאמלונג פון אלטע העברעאישע ליבע־לידער. אין אונזער קונסט־אויפפאסונג זיינען מיר אָבער די געזעצליכע יורשים פון אונזער זיידעס וואָס האָבן געוואוסט, אז דער שיר השירים איז א הייליקער משל אויף דער כנסת ישראל מיט דער שכינה. אויף אזא אופן פראָפאנירן מיר אי די הייליקייטן פון אונזערע אָבות און אי די הייליקייט פון דער קונסט.

* * *

כדי דער גאָט־באגריף זאל ווערן לעבעדיק מוז ער איינגעהילט ווערן אין די קליידער פון אלעגאָריע. כדי די קונסט זאל ניט פאר־

שוועכט ווערן, מוז מען זי לאָזן נאַקעט. יעדע זייטיקע כונה וואָס ווערט אריינגעטייטשט אין אַ קונסט־ווערק איז פּראָפּאַנאַציע.

* * *

ביז מען וועט ביי אונז ניט וויסן, אַז אַ וואָרט אין אַ ליד איז ניט מער ווי דאָס וואָס עס זאָגט, וועט ביי אונז ניט זיין קיין פאַר־שטענדעניש פאַר פּאָעזיע.

* * *

ווען מען וועט אויפהערן זוכן ביי אונז רמזים, וועט מען ערשט דערמאָלט זען ווי מיסטיש עס איז דאָס וואָרט אין זיין הוילער נאַ־קעטקייט.

* * *

ווען עס פעלט דער חוש פאַר דעם לעבעדיקן וואָרט, ווערט גע־בוירן די אָנגעשוואָלענע מליצה; ווען עס פעלט דער חוש פאַר אמת'ער שיינקייט, צירט מען זיך מיט אָנגענומענע שיינקייטן; ווען עס פעלט דער זין פאַר'ן סוד פון לעבן, קלערט מען אויס מיסטיפי־קאַציעס. און ווען עס פעלט די באהעפטונג צו דער וועלט, לעגט מען איין וועלטן וועגן קאָסמאָס.

* * *

פאַראַנען קינסטלער וואָס מוזן דוקא האָבן אַ לייטער, וואָס זאָל זיי פירן אין הימל אריין. פאַר אַנדערע איז גענוג אַ קליין ווערעמיל זאָל זיי באהעפטן מיט דער ערד. און ווידער פאַר אַנדערע איז די קלענסטע קלייניקייט דער פּעגאַז, וואָס טראָגט זיי אויף זיין רוקן איבער אַלע וועלטן. און קיינער האָט נאָך ניט אויסגעמאָסטן, וועל־כער וועג איז דער קירצסטער.

קאַרל סאַנדבורג באהעפט זיך מיט דער וועלט דורך אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער געפינט אין גאַס. מאַני לייב דורך אַ ווייס רויכל וואָס גייט פון אַ קוימען.

* * *

אַלץ קען דינען דעם קינסטלער פאַר זיין טעמא. ווען דאָס ווערק איז אָבער געשאַפן, לעבט עס ניט מער אין זכות פון דער אידייע אָדער געפיל, וואָס האָבן עס ארויסגערופן, נאָר אין זיין אייגענעם זכות. בלויז די ניט קינסטלערישע סענטימענטאַלע דייטשע בחורים און מיידלאַך זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער געטהע'ס „ווער־טער“; בלויז די ניט קינסטלערישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אין די מייסטער פון דער רוסישער נאָוועלע געזען בלויז דעם הומאַניטאַרן אָדער, און נאָר די ־ניט קינסטלערישע נאָכלויפער פון מאָדערנעם עקספּרעסיאָניזם זעען ב ל ו י ז דאָס אין וואָלט וויטמאַן.

* * *

דער אינזל

ווען מען לייענט ביי אונז די נאַרישע דיסקוסיעס וועגן פאָרם און אינהאַלט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז פאָרם איז עפּעס אַ מין זעלבשטענדיקע כלי, וואָס אַז מען וויל קען מען זי אָנפילן מיט ווײַן און וויל מען גיסט מען זי אָן מיט וואַסער, און זיי ווייסן ניט, די טפשים, אַז דער זאַפט באַשאַפט די פאָרם פון דער טרויב.

* * *

נאָר דעמאָלט קען מען זאָגן אויף אַ ווערק אַז ס׳פאַרמאָגט פאָרם, ווען אַלע איינצלנע באַשטאַנדטיילן זיינען אונטערוואָרפן דעם קינסט־לערישן ענדציל.

* * *

געבן אַ זאַך פאָרם, מיינט צווינגען זי אָנצונעמען איר אייגענע געשטאַלט.

א. ראַבאָי:

ענטל

.1

עס איז געווען אַ שלעכטער ווינטער און אין ר. זיינען אַ סך מענשן געשטאָרבן; ענטעלס מוטער איז אויך געשטאָרבן. ענטעל איז געבליבן איינע אַליין אין דעם גרויסן, פיר־עקיקן, ווייסן הויז מיט די גרויסע פענסטער. ענטעל איז כמעט גאַנצע טעג געזעסן ביי איינעם פון די פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דאָס גרויסע פענסטער און איר טרויעריק פנים האָבן שלומ׳ן פאַרבונדן צו זיך און וואו ער איז געשטאַנען און געגאַנגען איז פאַר זיינע אויגן אַלץ געשטאַנען דאָס דאָזיקע פענסטער מיט דעם טרויעריקן פנים פון ענטעל.

שלום איז דאַמאָלט נאָר־וואָס אַריין אין זיין בחור׳שאַפט; ער האָט שוין אויפגעהערט גיין צו אַ מלמד און אַליין געלערנט אין בית־המדרש; ער האָט זיך פון בית־המדרש אַרויסגעכאַפּט אין יאַריד־טאָג און געהאַנדלט מיט פאַסאָליעס און דיניע קערלאַך און מיט ווייץ און פאַפּשויעס; ער האָט שוין אין קלויז ביים לייענען געשמועסט מיט גרעסערע פון זיך און זיך געמישט אין שטאָטישע זאַכן; עס האָט אים שוין געשפּראָצט דאָ און דאָרט ערשטע האָר פון זיין באָרד און עס איז געווען נאָך אַנדערע אַזוינע זאַכן, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז שלום הייבט אָן צו ווערן אַ בחור.

דער טאַטע זיינער, אַ איד אַ פרומער און אַ שטרענגער, האָט שוין אָנגעהויבן אָוועקצונעמען זיין „אָפן אויג" פון שלומ׳ען, וואָרים

דער אינזל

ער האָט געזען, אַז פון שלומ׳ן וועט שוין סיי ווי קיין גרויסער למדן ניט אויסוואַקסן און גראַד דאָ לעצטנס האָבן זיך די גיִשעפטן אַנידערגעשטעלט אין דער קרום. שלומס פאָטער איז געווען אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ שיינעם גרויסן פּנים מיט אַ גרויסער אידישער נאָז און האָט פאַרמאָגט גרויסע שוואַרצע אויגן וואָס האָבן געקוקט ביסטריע און אַז זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי געקאָנט זיין פול מיט תמימות; אַ איד וואָס האָט געקאָנט בעסער לערנען פון אַלעמען אין ר., דעם רב אויסגענומען פון כּלל, וואָרים עס האָט ניט געפּאַסט צו זאָגן, אַז ער קען בּיִסער לערנען פונ׳ם רב; אַ איד וואָס האָט זיך ניט געגרויסט מיט זיין לומדות און דאָך איז ער געווען גרעסער פון איטלאַכן. וואָרים מען האָט פאָרט געוואוסט, אַז ביי אים שטייט איין דאָס קענטניש; אַ איד צו וועמען מען איז געקומען מיט דין־תורות, מיט קריגערייען אויף אויסצוגלייכן; צו וועמען מען האָט געשיקט די אינגלאַך פאַרהערן; אַ איד וואָס האָט געקאָנט גוט פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד און אַריינוואַרפן אַ שלעכטן גוי אַ פאַרפאָר אין דער מאָרדע, אַז דעם גוי איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן; אַ איד וואָס האָט גערעדט וואָלאַכיש אַזוי ווי אַן אמת׳ער וואָלאַך און האָט געקאָנט פייפן און האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַנדלט מיט פעלדער און ווייץ און פּאַפּשויעס און איז געווען קלאָר אין אור־החיים אָדער אין מהרש״ע אַזוי ווי אין אַ זשמעניע ווייץ. ווי געזאָגט, האָט זיך שלומ׳ס פאָטער ניט געגרויסט מיט זיין לערנען. ער האָט געלערנט ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, אָדער ביי זיך אין דער היים אָדער ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש אַריין. געלערנט האָט ער פּשוט ווייל ער האָט דערפון אַליין הנאה געהאַט, אָדער אַנדערש געזאָגט, דערפאַר ווייל ער האָט אָפּגערוט ביים לערנען. גרויס האַלטן זיך מיט דעם איז ניט געווען אין זיין טבע. ער האָט זיך בעסער ליב געהאַט צו באַרימען, אַז ער קאָן רייטן אויף אַ פערד אָן אַ זאָטל אָדער אַז ער קאָן לעבן אויף הוילע מאַמאַליגע מיט ברינזע.

אָט פון דעם פאָטערס „אָפן אויג" האָט זיך שלום באַפרייט— וואָס דאָס האָט גיִהייסן אַז ער איז שוין אַ בחור.

באַוויזן האָט שלום, אַז ער איז באַפרייט מיט דעם, וואָס ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אַביסל העכער. וואָרים ביז דאַמאָלט האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקוקט ווי אַזוי ער איז געגאַנגען. איצט האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ אָן ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, איז ער שוין טאַקע געוועזן אַ היבשער בחור.

דורכגעגאַנגען איין מאָל אַזוי און דערזען ענטעלען ביים פענסטער. דאַכט זיך אַזאַ פּשוט׳ע זאַך, זי זיצט ביים פענסטער, אָבער

דער אינגל

שלום האָט זי מיטגענומען מיט זיך אין זיין געדאנק און אין זיין בלום.

ער איז ארומגעגאנגען א סך טעג און ניט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך; געמאכט אַלערליי פּלענער און זיי צוריק צעשאָטן אַזוי ווי שטויב.

ביז איינמאָל אין אַ טאָג, ווען ענטעלס פאָטער איז ניט געווען אין דער היים, נאָר ערגעץ אויף זיינע פעלדער, איז שלום שטילער־הייט אריין צו ענטעלען אין הויז.

ענטעל איז געזעסן ביים פענסטער, זי האָט געזען ווי שלום לאָזט זיך גיין צו איר אין הויז אריין און האָט געוואוסט, אַז ער איז אריין אין הויז, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי זיך דערשראָקן בשעת ער איז אריינגעקומען אינעווייניק אין שטוב.

— זע נאָר, איך האָב זיך דערשראָקן.

— האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקן — האָט שלום געזאָגט און איז אַליין געווען ווייס ווי דער שניי אינדרויסן און זיינע ציין און הענט האָבן געציטערט — דאָס בין איך.

— דו, שלום?

— איך, ענטעל.

— וואָס האָסטו געוואָלט?

וואָס ער האָט געוואָלט, פרעגט זי? אניט ווייס שלום וואָס ער וויל? עמיצער האָט אים מיט כח אריינגעצויגן אהער אין הויז אריין און כאָטש עס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס שלום קומט אין ענטעלס הויז, אָבער איצטער, ווייסט ער ביי זיך, איז ער געקומען ניט ווי מען קומט גלאַט אַזוי.

— וואָס האָסטו געוואָלט? — האָט ענטעל געפרעגט נאָכאַמאָל.

— ווארם, לאָמיך אָפּאָטעמען — בעט זיך שלום און פילט ווי אין האַלז ווערגט אים און אַז זיין גאַנץ פּנים שוויצט מיט גרויסע טראָפּנס שווייס.

— אין דרויסן מוז זיין קאַלט, — וואונדערט זיך ענטעל.

— האָ, האָ!

— און מיין טאַטע איז נאָך נישטאָ צוריק —

— נישטאָ דיין טאַטע?... — וואונדערט זיך שלום.

— ער איז אַוועקגעפאָרן פאַרטאָג.

— אַזוי? און דו ביזט איינע אַליין אין הויז?

— איך האָב ניט מורא.

— איך האָב געזען, אַז דו זיצסט אין פענסטער, האָב איך גע־וואוסט אַז דו ביזט איינע אַליין. בין איך אריינגעקומען.

— אַ גרויסן דאַנק.

— איך פארדין ניט קיין דאנק.
— זיי זשע, שלום.
— ניין, איך וויל ניט זיצן.
— וואס־זשע ווילסטו, זאג!
— ענטעל, וואס ביזטו אזוי טראוועריק?
— וואס הייסט?... פארלוירן מיין מאמע... זאגט ענטעל און צעוויינט זיך.

שלום לויפט צו און נעמט אן איר פנים מיט זיינע קאלטע הענט. ער פילט אז זיינע הענט זיינען זייער קאלט בשעת זיי רירן זיך אן אין ענטעלס הייסן פנים. אזוי ווארים אין זיין פנים האט ער נאר געפילט ווען ער האט געכאפט א סך קלעפ פון זיין טאטן.

האלט שלום ענטעלס פנים אין זיינע הענט, פרואווט אנרירן מיט זיין פינגער אירע האר און כאפט צוריק דעם פינגער. ענטעל נעמט פאוואליע ארויס איר פנים פון זיינע הענט און שעמט זיך אויפצוהויבן אירע אויגן פון דעם דיל.

— איך בין געקומען דיך פרעגן, וואס דו ביזט אזוי טראוועריק? — זאגט שלום נאכאמאל.
— וואס קאן איך טאן?
— איך וועל דיר זאגן וואס זאלסט טאן.
— וואס? — הייבט ענטעל אויף אירע אויגן צו אים.
— טראכט פון מיר — האט שלום ווי זיך ארויסגעכאפט אומבאוואוסט פאר זיך אליין.
— וואס הייסט?
— איך טראכט פון דיר און עס איז מיר פריילאך — זאגט שלום און האט אזוי ווי מורא פאר עפעס און קוקט זיך ארום צי עמיצער הערט ניט — אויב דו וועסט פון מיר אויך טראכטן, וועט דיר אויך זיין גוט.
— און אז איך וויל ניט?
— וואס הייסט?
— איך וויל ניט! — האט שוין ענטעל געטאן א געשריי אזוי הייך, אז שלום האט זיך דערשראקן און די האר אויף זיין קאפ זיינען געווארן ווי שפיזלאך.

שלום האט געטאן א לויף צו דער טיר, זי געעפנט מיט א פראל און איז ארויס אין דרויסן. ער איז אינגאנצן געווען איינגעטונקען אין שווייס און דער פראסט האט אים ארומגענומען און איז אריין אין זיינע ביינער. יענעם האלבן טאג איז שוין שלום ניט געגאנגען אין בית־המדרש. ער האט זיך ארומגעדרייט גאס איין גאס אויס און איז געווען פארטראכט און ניט באמערקט ווי דער טאג איז אוועק.

דער אינזל

ער האָט זיך געכאַפּט אַז אין דרויסן איז שוין פינסטער. קיין מנחה און מעריב האָט ער ניט געדאַוונט. פאַרפאַלן. אַ דערשלאָגענער איז ער געגאַנגען אַהיים. דער שני האָט זיך געקרישעט אונטער זיינע פיס און דער רויך פון די קוימענס איז אים געקראָכן אין זיינע נאָזלעכער און ער האָט זיך שטייף אַריינגעוויקלט אין זיין ווינטער־מאַנטל און איז געווען נאָך קלענער פון די קליינע שטערן אין הימל.

.2

אין דער היים איז געווען ליכטיק און וואַרים. אין דער גרויסער שטוב איז דער טיש געווען געשפּרייט מיט אַ ווייס טישטוך און די צוויי דיוואַנעס זיינען שוין געווען אויסגעבעט פאַר די קליינע קינדער וועגן און אויך פאַר אים. ביים טיש איז שוין געזעסן דער מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט די קלענערע קינדער, און געוואַרט אויף דעם עסן.

בשעת שלום איז אַריינגעקומען האָט אים דער דאָזיקער מלמד עפּעס זייער פריילאַך באַגריסט. שלום האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס האָט געמיינט. ער האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

— דער טאַטע איז נאָך ניטאָ? — פרעגט שלום ביים מלמד.

— נאָך ניט. וואו געווען אַזוי שפּעט, כע, כע, אַביסל פריער ווען דו קומסט...

— וואָס איז דען?

— וועסט שוין באַלד הערן.

— וואָס הייסט? — איז שלום אומרואיק און ער שטויסט זיך שוין אָן, אַז עפּעס איז דאָ געווען.

— וועסט שוין באַלד הערן — האַלט זיך דער מלמד ביי דאָס זייניקע — אַזאַ פּאַסקודנע מויד...

— ווער?

— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז דו ווייסט ניט פון גאָר ניט — זאָגט דער מלמד — מיר מעגסטו זאָגן דעם אמת...

— וואָס? — מאַכט זיך שלום ווי ער ווייסט פון גאָר ניט און אין הארצן שעלט ער דעם דאָזיקן מלמד דערפאַר, וואָס ער מאַכט זיך פאַר אַ קלוגן.

— ביזט געווען ביי איר אין שטוב?

— יאָ. וואָס־זשע, מען טאָר ניט אַריינגיין?

— ווער זאָגט דען?

— וועסט באַלד הערן.

דער אינזל

דערווייל איז שלומ׳ס מוטער אריינגעקומען מיט א הויפן טעלער פון דער קיך. דערזען איר בחור, האָט זי געטאָן א וואַרף די טעלער אויף דעם טיש מיט אזא שטויס, אז זיי זיינען זיך צעלאָפן איבער דעם טיש.

— ביזט שוין דאָ, בחור מיינער, — האָט זי אָנגעהויבן באַלד אינדערהויך אויף א קול — וואַרט, דער טאַטע קומט באַלד... א מויד ווילסטו שוין... ליבע...

— באַלעבאָסטע, ער ווייסט פון גאָר ניט, — פּרואווט דער מלמד זיך אָנצונעמען פאַר שלומ׳ען.

— זי איז מיך דאָ באַפאַלן — האָט די מוטער אָנגעהויבן דאָס מאָל מיט א וויינענדיק קול — אַז זי וויל ניט!

— שלום, דער מאַמען מעגסטו זאָגן דעם אמת — האָט דער מלמד אָנגעהויבן מיט אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט דאָ געוועזן א בעל־משפּט, — זאָג איר דעם אמת מיט דעם תנאי, אַז דער טאַטע טאָר פון גאָר ניט וויסן.

— וואָס דען, איך וועל דעם טאַטן דערציילן? — האָט די מוטער געוויינט און טרערן האָבן פון אירע אויגן גערונען — ער קאָן דיך נאָך פאַר א קאַליקע מאַכן.

— וואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט? — האָט זיך שלום געבעטן — איך וועל אַנטלויפן פון שטוב.

— דערצייל מיר דעם אמת, — פאַלט צו אים צו די מוטער — אַזאַ מויד, עס שטייט איר נאָך ניט אָן.

— ענטעל איז דאָ געוועזן? — פרעגט שלום פּלוצים.

— זי קומט אַריין — הייבט אָן די מוטער — און פרעגט מיך צי דער טאַטע איז דאָ. זאָג איך איר אַז ניט. צו וואָס באַדאַרפסטו אים? זאָגט זי אַז זי האָט עפּעס געוואָלט פרעגן ביים טאַטן. זאָג איך איר, אַז דער טאַטע איז נישטאָ. זאָגט זי צי איך וויל מיט איר אַוועק אין אַלקיר און זי זאָגט מיר, אַז איך זאָל וויסן, אַז שלום איז צו איר געקומען זיך איינליבן. זאָג איך, אַז איך ווייס ניט וואָס זי מיינט. זאָגט זי שוין אויף א קול, אַזוי אַז די פענסטער אין אַלקיר האָבן געקלונגען, אַז דו, שלום, ביזט געקומען צו איר, ווען זי איז געוועזן איינע אַליין אין הויז און זי אָנגענומען מיט ביידע הענט ביים פּנים און זיך איינגעליבט אין איר. פרעג איך זי, כאָטש עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן פון בושה, פרעג איך זי וואָס זי וויל פון מיר. זאָגט זי, אַז וויבאַלד איך וועל דיר גאָרניט טאָן, וועט זי דערציילן איר טאַטן, וועט איר טאַטע שוין טאָן וואָס מען דאַרף דיר טאָן...

מיט אַמאָל איז שלומ׳ן אויסגעקומען, אַז מ׳צן האָט אין הויז

דער אינזל

אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און ניט אַנדערש ווי מען האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. וואָרים עס איז אים טאַקע באמת פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אַז ענטעל זאָל קומען דערציילן, אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכנט.

שלום איז געשטאַנען ביי אַ ווינקל פון טיש און מיט זיינע הענט געוואָלט, ווי עס האָט אויסגעוויזן, פאַרקריכאַכיקן דעם דאָזיקן ווינקל; ער האָט זיינע אויגן ניט אויפגעהויבן און געפּילט ווי זיך צו באַהאַלטן. זאָגן, אַז עס איז אים ניט געווען גוט איז ווינציק. וואָרים עס איז געווען ערגער ווי ניט־גוט.

ער האָט געשוויגן.

די מוטער זיינע האָט שוין ניט באַדאַרפט גאָר ניט. זי האָט שוין געוואוסט, אַז עס איז אמת; עס איז איר שוין ניט געגאַנגען אין דעם צי עס איז אמת צי ניין. דאָ איז געשטאַנען אַן אַנדער זאַך אין קאָן. עס איז אמת. נו, איז וואָס, דו אַזוינע און אַזוינע, שטייט דיר ניט אָן?

אַזוי האָט גע'טענה'ט די מוטער.

דער מלמד האָט געגעבן דער מוטער גערעכט.

אָבער שלום האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער מלמד שמייכלט אין איין זייט פון זיינע ליפּן. דאָס דאָזיקע שמייכעלע האָט אים זייער באַליידיקט — אָבער ער האָט געשוויגן.

.3

שפּעטער איז שלום'ס פאָטער אהיים געקומען.

שלום האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם אומבאַוואוסטן, אַזוי ווי זיין טבע איז געווען אַלע מאָל, ווען ער איז געווען שולדיק אָדער גערעכט. וואָס עס וועט טרעפן, וועט זיין פאַרפאַלן.

עס האָט אָבער גאָרניט געטראָפן.

מען האָט געגעסן וועטשערע און דער פאָטער האָט געלערנט די קלענערע קינדער אַלערליי שיינע מידות און זיך געבייזערט אויף זיי — אָבער מיט שלומ'ן האָט ער אָדער גערעדט מיט גוטן אָדער גאָרניט גערעדט.

שלומ'ן איז דער דאָזיקער מאָלצייט ניט גוט באַקומען. וואָרים דער מלמד האָט אים אַלע מאָל געטאָן אַ קוק אין די אויגן. פאַרפאַלן! דעם דאָזיקן מלמד האָט שלום פון היינט אָן פיינט באַקומען.

געשלאָפן איז ער דוקא זייער גוט. ווען ער האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ האָט ער נאָר דורך דעם פענסטער געכאַפּט אַ קוק צו ענטעלס הויז. ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס ער וויל דאָרטען

זען. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אַהין און איז אַריינגעשפּרונגען אין זיין בעטגעוואַנט, זיך איינגעדעקט און איז געשמאַק איינגעשלאָפן.

אינדערפרי האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן.

און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס בשעת ער האָט באַדאַרפט דורכ־גיין די גאַס דורך ענטעלס פענסטער.

אויפגעשטאַנען אינדערפרי האָט שלום באַלד דאָס ערשטע ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז ער וועט אין זיין גאַנץ לעבן ניט דורכגיין ענטעלס גאַס. נאָר אַן אָפּמאַך איז איין זאַך און דאָס אויספירן פון דעם אָפּמאַך איז אַן אַנדער זאַך. עס איז געווען אוממעגליך פאַר שלום'ן אַרויסצוגיין פון זיין שטוב אָדער צוריק אַריינצוגיין אין זיין שטוב, אַז ער זאָל ניט באַדאַרפן דורכגיין ענטעלס שטוב. שלום'ס שטוב איז פונקט געשטאַנען אויף דעם ווינקל פון צוויי גאַסן און ענטעלס שטוב איז אויך געשטאַנען אַקעגנאַיבער אויף אַן אַנדער ווינקל פון די זעלבע צוויי גאַסן. שלום'ס הינטער־טיר און אויך די פאָדער־טיר זיינען געלאָפן צו די צוויי גאַסן פונקט אַזוי, ווי ענטעלס פאָדער־טיר און הינטער־טיר זיינען געלאָפן. מיט די פענסטער פון ביידע שטי־בער איז שוין געווען אַנדערש: איין שורה פענסטער פון שלומ'ס שטוב האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ שורה פענסטער פון ענטעלס הויז, אָבער די דאָזיקע פענסטער אין שלום'ס הויז, וועלכע האָבן אַרויס־געקוקט צו דעם מעריב־זייטיקער גאַס, זיינען געווען באַזונדערע; דאָס הייסט, דורך זיי האָט מען ניט געקאָנט זען ענטעלס הויז. איז אָט דורך די פענסטער אַריין און אַרויסצושפּרינגען אין און פון הויז, וואָלט ניט געווען שליכט ווען מען וואָלט געמעגט. מעגן האָט מען אָבער ניט געטאָרט. וואָס הייסט, גאָר פּלוצלונג שפּרינגען פון פענ־סטער? שוין בעסער שפּרינגען פון דער הויט אַרויס.

דאָס לעצטע האָט טאַקע שלום געטאָן ווען ער איז דורכ־געגאַנגען די גאַס און דורך ענטעלס הויז. ער האָט ממש געפילט, ווי עס שפּרינגט פון אים אַראָפּ זיין הויט. וואָרים ער איז געווען זיכער, אַז ענטעל קוקט אים נאָך פון פענסטער און איר פאָטער, דער סאָלידער הויכער אהרן מילכזאָן, שטייט אויך נעבן איר ביים פענסטער און ענטעל דערציילט אים און ווייזט אויף אים און באַלד וועט איר פאָטער אַרויס אויף דעם גאַניק און שרייען מיט זיין גראָ־בער, סאָלידער שטים: שלום! שלום!

שלום איז געלאָפן איבער דעם פאַרפרוירענעם גראָען שניי; זיין אָטעם האָט זיך פאַרהאַלטן און אָנגעפילט דאָס מויל און די נאָזלעכער און זיין גאַנצער גוף האָט זיך געבויגן צו דער ערד. עס איז געווען אַ גראָער מאָרגן. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט

דער אינזל

גראָע וואָלקנס און אין דער לופט האָט געשמעקט מיט שניי. איין קליינצם בלאָז און שניי הויבט זיך אָן צו שיטן.

שלום איז געקומען, און געדאַנקט גאָט וואָס ער איז געקומען, אין קלויז אריין. אידן האָבן שוין געוויקלט רציעות אויף נאַקעטע גראָע הענט. ער האָט אויך דאָס אייגענע געטאָן. קאַלטע רציעות אויף דעם וואַרימען גראָען לייב. עס איז געווען גוט אַזוי צו וויקלען און צו וויקלען און זיך איינצוואַוויקלען. דערנאָכדעם האָט מען גע־דאַוונט. שלום האָט דאָס מאָל געדאַוונט ערלאַך און מיט׳ן גאַנצן הארצן. ער האָט ניט פאַרפעלט קיין איין וואָרט. און אין דער מי־נוט האָט ער אמת געדעדט צו גאָט און אים זאָגאַר געזען, ווי ער איז געקומען צו פאָרן פון נאָך ערגעץ העכער און ווייטער אויף א רייט־וואָגן און ווי אַזוי ער האָט געטאָן א שפאַן אַראָפּ מיט איין פוס פון דעם רייט־וואָגן און געבליבן שטיין אַזוי ווי איינהערנדיק זיך אין עפּעס. הערסט, גאָט, איך רעד צו דיר, האָט שלום געטראַכט, אַרומשפּאַנענדיק איבער דער לענג פון קלויז.

נאָכ׳ן דאַוונען איז שלום געזעסן איבער דעם יורה דעה און זיך געשאָקלט און מיט זיך אליין גערעדט. און עס האָט אים פּלוצים געטאָן א נעם אַרום א פאַרלאַנג צו ענטלען. דער פאַרלאַנג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זי כאָטש געוואָלט אָנרירן מיט זיינע פינגער. עס איז אים, ווייזט אויס, געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיט זיינע פינגער געגלעט די גלאַטע בלעטער פון דעם יורה דעה. ענטעל איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן מיט אירע שיינע לאַנגע פיס און הענט, און מיט די צוויי שיינע שפּיציכדיקע בריסטן, וואָס האָבן זיך קוים־קוים אַרויסגעזען פון אונטער דער שאַל. און מיט אירע צוויי לאַנגע צעפּ האָר וועלכע ענטעל האָט אַזוי שיין אויס־געפלאָכטן, און אַריבערגעוואָרפן אויף אירע שמאָלע, שיינע אַקסלען. זי איז אַזוי געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און ער האָט איר געוויזן אַן אָרט נעבן זיך אויף דער באַנק און זי איז ווידער פאַרשוואונדן און אַזוי ווי זיך אויסגעוועפּט פון פאַר זיינע אויגן.

שלום האָט פאַרמאַכט דעם יורה דעה און איז אַרויס אין גאַס. ער איז געגאַנגען אין מאַרק אַריין, צו דעם גרויסן קיילאַכדיקן פּלאַץ, וואו די פורן קומען אָן מיט אַלערליי זאַכן צום פאַרקויפן. די וואָלקנס זיינען שוין געווען זייער נידריק ביי דער ערד און עס איז געוואָרן זייער וואַרים, אַלענפאַלס האָט זיך אַזוי שלום׳ן אויסגעוויזן.

ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פורן. איינציקע מאָל האָט מען אים געטאָן א שטויס אין זייט אָדער גלאָט אָנגעקוקט ווי א משוגענעם. ער האָט קיינעם ניט געזען.

עס האָט זיינעם א חבר, אַביסל אַן עלטערער פון אים, גענומען

זייער פֿיל מי איידער ער האָט שלום'ן אָנגעיאָגט און דערוויזן ביי אים אַרויסצושלעפּן אַ גוטמאָרגן.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט, שלום? גוטמאָרגן.

— גוטמאָרגן, חאַצקל, גוטמאָרגן. דיך ניט געזען.

— פליי אין דער נאָז.

— חלילה.

— איך שריי און שריי און לויף נאָך — ציט אָפּ דעם אָטעם חאַצקל.

— אַ צרה אויף מיר, חאַצקל.

— וואָס איז? פאַרלאָרן געלט? אַ שלעכטע קניה? — האָט חאַצקל געפרעגט אינדערגיך און אָן אָטעם.

אין דער מינוט האָט שוין שלום חרטה געהאַט וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער צרה. ער איז טאַקע געוואָרן אַזוי ווי שטום.

— האָסט עפּעס אָנגעהויבן דערציילן, שלום, פאַרוואָס־זשע שווייגסטו?

— קום אַוועק ערגעץ אין אַ הינטער־גאַס, חאַצקל.

— היינט איז מאַרק — האָט חאַצקל אויסגעשפּרייטביידע הענט מיט די וואָלענע הענטשקעס, וואָס דאָס האָט געמאַכט זיינע הענט מאָדנע גרויס און ריזיק. כאָטש אַליין איז ער געווען, אָט־דער חאַצקל, ניט גאָר קיין גרויסער. אין דעם זאָג „היינט איז מאַרק" איז געלעגן אַזוי פיל אַלטקייט און זאָרג, אַז שלום'ן האָט זיך אין דער מינוט אויסגעוויזן, אַז זיין חבר חאַצקל איז אַלט הונדערט יאָר און ער וועט אים אפשר ניט פאַרשטיין, איז זאָל שוין בעסער זיין טאַקע אויף אַן אַנדערש מאָל.

— גוט, — האָט שלום נאָכגעגעבן, — זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל. — האָסט שוין עפּעס פאַרדינט?

— דערווייל איז גאָט אַ פאָטער.

— גאָט איז אַ פאָטער! — האָט שלום אויסגעשריען.

חאַצקל איז שוין ניט געוואָרן און זיך אַזוי ווי נעקייקלט אין זיינע ווינטערדיקע וואַטאָווע קליידער אַקעגן אַן אָנקומענדיקער פור.

4.

פון יענעם טאָג אָן האָט שלום אָנגעהויבן צו ווערן אַן אַנדערער. ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַ פאַרטראַכטער און אַז מען האָט צו אים גערעדט, האָט ער ניט דערהערט.

פאַרשטענדלאַך, אַז די מוטער זיינע איז צו אים צוגעשטאַנען און אים געפרעגט פאַרוואָס ער גייט אַרום אַזוי דערשלאָגן:

דער אינזל

— שלום, וואָס האָסטו דיר אריינגענומען א מאַנקאַליע אין קאָפּ אריין — האָט די מוטער צו אים אויסגעשטרעקט אירע דאַרע הענט — זע נאָר וואָס פון דיר איז געוואָרן... איך וועל דערציילן דעם טאַטן, גערדיינק!

— מאַמע, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, — האָט זיך שלום געוואָרפן נערוועז — עס איז גאָרניט מיט מיר. גלאַט אַזוי.

שלום האָט געוואוסט, אַז די מאַמע וועט די מעשה מיט ענטלען ניט דערציילן דעם טאַטן. מיט דער מאַמען איז ער געוועזן זיכער. אָבער מיט דעם טאַטן אליין איז נאָך ביי אים ניט געוועזן אַלעס אויף א וועג. אמת, מיט דעם טאַטן האָט ער אויך מורא געהאַט צו געפינען זיך אויג אויף אויג און אין שטוב די לעצטע עטלאַכע טעג.

שלום האָט חושד געווען טאָמער האָט עמיצער דעם טאַטן שוין דערציילט און אויב מען האָט אים נאָך ניט דערציילט, וועט מען אים מן הסתם דערציילן.

דערווייל האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דורך די נעכט האָט ער גראָד גוט געשלאָפן. איז אָבער די צרה געוועזן, וואָס די נעכט האָבן זיך פאַר אים געענדיקט אַזוי גיך. די טעג זיינען געוועזן פאַרשאַלטענע. און שלום׳ן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוואווייזן, אַז ער איז שוין א גרויסער און ער באַמבלט זיך ארום אונטער די פיס, ווי אַן איבעריקער און עסט אומזיסט דעם ביסן ברויט ביים טאַטנס טיש. עס פלעגן זיין מאָלצייטן ווען שלום האָט איינגאַנצן געפּעלט ביים טיש. ער קומט דערנאָכדעם, שפּעטער אַהיים, און די מוטער, א באַזאָרגטע, גרייט פאַר אים א באַזונדערן טיש און נייט אים אַז ער זאָל זיך זעצן עסן. שלום וויל ניט, אָבער קאָן ניט ביישטיין דאָס געבעט פון דער מוטער און עסט, און עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס עסן ווערגט אים אין האַלז.

פון צייט צו צייט רייסן זיך ביי אים אומווילקיק אַרויס אַזוינע זיפצערייען.

די מוטער פרעגט זיך נאָך, אויב זי דערהערט, וואָס שלום זיפצט.

שלום פילט, אַז אויב ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער זיך באַדאַרפט גוט אויסוויינען פאַר דער מאַמען. ער ווינשט זיך און בעט גאָט, אַז ער זאָל אריינגעבן דעם טאַטן א מחשבה אַזעלכע: דער טאַטע זאָל אים גוט אָנשלאָגן, זאָל זיין דאָס לעצטע מאָל, אָבער אַזוי גוט אָנשלאָגן, אַז ער זאָל קאָנען וויינען. גלאַט אַזוי וויינען וועט ער דאָך ניט.

שלום׳ס וואונש איז מקוים געוואָרן באַלד דעם קומענדיקן שבת. ביים טיש איז ער געזעסן נאָנט נעבן זיין פאָטער. דער פאָטער איז געוועזן, ווי זיין שטייגער אַלע שבת, אביסל פרייליך פונ׳ם „קידוש“.

דער אינזל

ארום גרויסן טיש זיינען געזעסן די קלענערע קינדער און די מאמע האט אויסגעטיילט די יויך.

— שלומ'ן האסטו באדארפט געבן פריער ווי איטלאכן — האט דער פאטער געזאגט און אויפגעהויבן די שווארצע באָרד אין דער הייך, פארמאכנדיק דערביי זיינע אויגן. אזא מין געלעכטער זיינער.

— כ'בעט דיך, אברהם, לאז מיך אפ, — האט די מאמ'ע זיך געבייזערט,—האסט זיך אנגעטרונקען און פארדרייסט מיר דעם קאפ.

— ניין, אים קומט היינט פריער, — האט דער פאטער נאך אלץ באשטאנען אויף זיינס — א שיינער בחור. ניוכעט זיך שוין די מוידן...

און אין דער מינוט האט זיך דערהערט א פליאסק.

שלומ'ן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן; דאס בלוט איז אים געקומען אין דער באק, אויף וועלכער דער פאטער האט נאר־וואס אראפגעלאזט א פאטש.

די מאמע האט ארויסגעלאזן דעם גרויסן לעפל פון איר האנט און געטאן א קוויטש פון שרעק.

די קינדער האבן זיך צעוויינט.

שלום איז אוועק פון טיש, אריין אין א באזונדער צימער, זיך געוואָרפן דאָרט אויף א דיוואן און אליין ניט־וויסנדיק ווי אזוי עס איז געשען, האט ער דערפילט ווי הייסע פאסיקלאך טרערן האבן גע־רונען אויף זיינע באקן. ער איז געלעגן שטיל מיט אן איינגעהאלטע־נעם אָטעם, אזוי ווי ער וואלט דא אין צימער ניט געווען. און דאָרט אין עס־צימער האט געקלונגען מיט טעלער און מיט לעפל, אָבער עס האט זיך שלומ'ן אויסגעוויזן, אז עס איז דאָרט אויך קיינער נישטא, נאָר די טעלער מיט די לעפל קלאפן אליין צווישן זיך.

באלד איז געקומען די מאמע און זיך איבערגעבויגן איבער אים.

— שלום, שלום, קום אריין. דער טאטע האט חרטה. דער קידוש האט דיר געטאן א פאטש, ניט ער. קום אריין.

שלום איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און גאר ניט געענט־פערט.

די מאמע איז אוועק און צוריקגעקומען מיט דעם פאטער און ביידע האבן שלומ'ן געגלעט און געקושט און אים מיט געוואלד אויפ־געעפנט די אויגן און אים אריינגעפירט אין עס־צימער, און די קליינע קינדער זיינען געזעסן שטיל און מורא געהאט צו קוקן אויף אים.

שלום האט געגעסן; די באקן זיינע פארפלאמט; אין די שלייפן האט געקלאפט ווי מיט האמערלאך און דער קאפ האט וויי געטאן.

נאך דעם עסן האט דער פאטער זיך צוגעלייגט דרימלען. שלום

דער אינזל

איז געזעסן איבער א בוך פון מענדעלע מוכר ספרים און געלעזן א שורה און ניט געקענט כאפן דעם מיין פון די ווערטער. אים איז געשטאנען דער היינטיקער טאג אלס דער שווארצער שבת. אין קלויז האט ער זיך צעקריגט מיט זיין חבר חאצקל.

עס איז געוועזן ביים שחרות דאוונען. רופט אים חאצקל אוועק הינטער דער הרובע.

— איך האב געהערט אין שטאט זאגן — — —

— אז וואס?

— דיך האט ענטעל ארויסגעשטופט פון הויז?

— אמת, חאצקל, אמת.

— און דו האסט געשוויגן, שלום?

— א ווייטאג און מען מוז שווייגן.

— ווי קומסטו אהין?

— דורכגעגאנגען, האט עס מיך געטאן א ריס.

— אזא לאנגער גאנער... — פרואווט חאצל חוזק מאכן פון ענטלען.

— מאך ניט קיין חוזק, — בעט שלום.

— מען קען ניט זאגן — זי איז ווערט... ווינקט חאצקל מיט זיין אויג.

— ביזט א פאסקודניאק!

ביזט א פאסקודניאק! דאס האט שלום חאצקלען צוגעווארפן און איז פון אים אוועק א ברוגז'ער, כאטש יענער האט אים גע־פרואיוט איבערבעטן, אבער שלום האט זיך ניט געלאזן.

א שווארצער שבת, האט שלום געטראכט, און געקוקט אין אפע־נעם בוך און אלץ ניט געקאנט כאפן דעם מיין פון די שורות.

משה גראס:

הומאר און מרה־שחורה

דאס זיינען דאכט זיך מיר די צוויי אנטאגאניסטישע הויפט־טענדענצן אין דער מאדערנער אידישער ליטעראטור: איר יצר טוב און יצר הרע.

איך וויים וואויל, אז פאר דער געבילדעטער ליטעראטור־פראזע פון דער נייער צייט, וואס האט אויף זיך אזויפיל ריכטונגען, באווע־גונגען און עפאכן, וואס דארפן אלע פארזארגט ווערן אין גייסט, לוינט זיך, נאטירלאך נישט צו אינוועסטירן איר שארפזין אין א ליטעראטור, וואס מען קאן זי טעארעטיש אפקומען מיט אזעלכע צוויי

אלטע און פראסטע באגריפן — הומאר און מרה שחורה — וואס זיינען צוליב זייער טערמינאלאגישער פשטות אליין שוין אביסל פארדעכטיג.

אבער איך מיין, אז די דאזיקע צוויי עקסטרעמע געזיכטספונקטן זיינען פארט גיכער מסוגל צו שאפן אריענטירונג אין דער ליטעראטור, איידער די „שטרעמונגען”, וואס גייען אלע אין איין גריבל אריין, וואס האבן אפילו — לויט פראגראם — יעדער פאר זיך אן אייגענעם אויסדרוק, ווי אויך א סטיל — וואס זיינען אבער אין ווירקלאכקייט אזוי מיזערנע גלייך און צו פארבייטן איינע מיט דער אנדערער, ווי איין טאלאנטלאזיקייט מיט דער אנדערער.

פארשטייט זיך, אז איך וועל אין דעם צוזאמענהאנג נישט פארפאסן קיין רשימה פון יענע ווערק, וואס זיינען געשריבן מיט הומאר און פון יענע אנדערע, וואו עס געוועלטיקט מרה שחורה. איך וויל נאר בדרך כלל אנווייזן אויף דעם נישט גענוג באמערקטן פאקט, אז אונזערע „איינגסטע” ליטעראַרישע פראדוקציעס צייכענען זיך כמעט אלע אויס מיט א מאדנער זעלבסט־באוואוסטער הומארלאזיקייט, מיט יענער שטאלצער קבצנות, מיט וועלכער זיי מאכן אזוי רייך די ארימע אידישע ליטעראטור (קיין ציטאטן קאן איך דא נישט ברענגען).

די אזוי־גערופענע קליינשטעטלדיקע פריילאכקייט פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט די קאסמישע מרה שחורה — דאס זיינען צוויי אנטקעגנדיקע קרעפטן, וואס ווירקן היינט אין דער אידישער ליטעראטור אין פאזיטיוון און אין נעגאטיוון זין. זיי שטייען נעבנאנאנד אזוי ווי סטיל און — שלום־לשון.

ווארים אונזער נאציאנאלער סטיל, אדער פארזיכטיקער: די אנצייכענישן פון א נאציאנאלער באזונדערקייט אין די רעפרעזענטאטיווע שאפונגען פון דער מאדערנער אידישער ליטעראטור זיינען דייטלאך כאראקטעריזירט דורך הומאר, אלס פארמאטיוון עלעמענט. דער שטאף, ד. ה. די מענשן און געשעענישן ביי מענדעלי מוכר ספרים און ביי שלום עליכם'ן זיינען פאר זיך זייער אפט ווייט פון הומאריסטישקייט און אין א סך פאלן קומען זיי אונז אויס אפילו טראגיש — אבער זייער פארם, ד. ה., זייער אומגעריכטע איינארדנונג אין א נייעם, נישט געזעענעם וועלט־צוזאמענהאנג, מיט וועלכן דער קינסטלער איבערראשט אונז, מאכט פריי דעם הומאר, וואס איז איינגעבונדן אין זיי פון נאטור אויס, דערוועקט פריילאכקייט.

הומאר האט גאר נישט קיין שייכות מיט יענער חכמה'וואטער ווערטל־זאגעריי, וואס גארגלט זיך וויציק און וואוילעריש גלאט אין דער וועלט אריין און וואס פון לויטער מתיקות קאן זי זיך שוין קיינמאל נישט צוריקכאפן מער צום אייגנטלאכן פסוק, צו דער רעאלי־

מעט, צו וועלכער מען מוז זיך דאָך סוף כל סוף אומקערן... די ריינע גייסטיקע פריילאַכקייט ווערט אַרויסגערופן נישט דורך דער קאָמיש־קייט פון די זאַכן, וועלכע דער קינסטלער ווייזט אונז, נאָר דורך דער אַבסאָלוטער זאַכלאַכקייט, אין וועלכער ער זעט זיי. וואָרים די זאַכן פאַר זיך זיינען אייביק שיין און האַרמאָניש, אוי לאַנג זיי ווערן נישט דיסהאַרמאָניזירט דורך דער, אַזוי־צו־זאָגן, פּערזענלאַכקייט פון דעם ליטעראַט, וואָס פאַר'מרה־שחורה'ט זיי מיט זיין גייסטיקער אינטער־ווענץ. ער „דערהייבט" זיי צופיל.

דער אידעאַלער ציל פון יעדער קונסט איז, לויט מיין געפיל, צו קריסטאַליזירן לויטערע פריילאַכקייט אין דער וועלט, צו מאַכן ליכטיק און קלאָר דאָס לעבן און נישט צו פאַרפינסטערן עס מיט יענע דע־קאָראַטיווע מעטאַפאָרישע לאַכעס, וואָס פאַרשטעלן מיט זייער „שיינקייט" דעם אויסבליק אויף דער נאַטור. צו דעם דאָזיקן אידעאַלן ציל איז די אידישע ליטעראַטור באַזונדערס נאָענט צוגעקומען אין די רעפּרעזענטאַטיווע ווערק פון איר „קלאַסישן" פּעריאָד און אויך אין מאַנכע ערשיינונגען פון איר שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג.

אָבער שוין אין דער גלאַנץ־צייט פון אונזער ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקע רעאַקטיווע קראַפט, וואָס האָט — ביי די בעסטע און ריינסטע כוונות — געשטערט דעם אינערלאַכן וואוקס פון דעם אידישן סטיל. דאָס איז געווען: י. ל. פּרץ. פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט קולטיווירט אין דער אידישער ליטע־ראַטור דאָס קאַרדינאַלע מיספאַרשטענדניש: די ליטעראַרישע אי־דעאַליזירונג. ער איז געווען אין אונזער ליטעראַטור דער ערשטער ליטעראַט פון גרויסן שנית, וואָס זיין פאַנטאַזיעלאַזיקייט צום ווירקלאַכן לעבן האָט אים פאַרפירט צו די ראַפינירטסטע פאַנטאַ־זיעס און אויסטראַכטענישן, צו יענע נישט דערגרייכטע ספערן, וואו די ליטעראַטור איז העכסטנס נאָך אַ חכמה, אָבער נישט קיין מלאכה. און טאַקע זייט פּרץ'ן — ביי זיינע עפּיגאָנען — איז עס געוואָרן די גרעסטע חכמה, נישט צו קאָנען די מלאכה. מען קומט ביי זיך אַזוי אויס אַ סך איידעלער, אויסגעפיינטער און מען קוקט אַראָפּ מיט ביטול אויף יענע קינסטלערישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס אַרבעטן שאַרוועריק אַרום דער האַרטער ווירקלאַכקייט.

וואָרים דער ליטעראַט, באַפליגלט און אויסגעקאָכט אין אַלע ש״י עולמות, קאָן זיך נאַטירלאַך נישט לאָזן אימפּאָנירן פון אַזאַ פּראָסטער וועלט און ער האַלט פון איר ערשט דעמאָלט, ווען זי לאָזט זיך ביי אים „פאַרשענערן". ער איז נישט באַפרידיקט פון דער „טויי־טער" נאַטור און ער האַלט עס פאַר זיין אויפגאַבע, אַריינצוגעבן:

איר א נשמה. אָבער די ליטעראַרישע „נשמה" איז אייביק געווען א צוגעטשעפּעטע, אַן איבעריקע, אַלזאָ אַן אמת'ע נשמה י ת י ר ה — און זי האָט טאַקע פאַרשפּרייט ארום זיך יענע שבת'דיקע מרה שחורה, וועלכע נעמט זיך דערפון, וואָס אידן חכמים הערן פּלוצים אויף רעדן דברי חול און הייבן מיט אמאָל אָן באַלעבעטשן הייליקן שטום־לשון, לויט דעם באַוואוסטן נוסח.

די דאָזיקע איידעלע מרה שחורה האָבן אָנגעטראָגן אין דער אידישער ליטעראַטור אַריין יענע פאַרהוילענע וואַסער־טרעגער, די ל"ו'ניקעס, וואָס זייענדיק שטומפּיק אויף דער פּראָסטער עברי, האָבן זיי זיך נעבאָך שווער גערוקט אויף האַרבער אייבער־עברי ווי אויף גרודעס, און וועלכע האָבן — גולמ'עוואַטע אביסל און געלייטערט—גערעדט אַזוי־צו־זאָגן צ ו ו י ש ן די שורות. דאָ, צווישן די שורות, האָבן זיי טיף באַהאַלטן אַלערליי רמזים און כוונות, וואָס פלינקע פאַרשטייערס און קריטיקער האָבן דערנאָך מיט רעכט געפונען, אַז זיי זיינען — פאַרבאָרגן.

די שורות גופא אָבער האָט מען מיסברויכט צוליב דעם „צווישן". מען האָט ביי זיי אוועקגענומען זייער באַדייטונג און זיי זיינען ביי דעם מאָדערנעם ליטעראַט אַראָפּגעקומען אויף דער מדרגה פון קוליסן, וואָס הינטער זיי שושקען זיך שטיל און בורטשן סודות און מיסיטעריעס, וועגן וועלכע מען הערט אַלץ כסדר, אַז מען דאַרף זיי „כאַפּן" — דערוויילע אָבער גייען אַוועק די יאָרן און כאַפּן כאַפּט מען, נישט. עס איז פּונקט אַזוי ווי מיט די זלידנע הינער פון דער היים, וואָס דרייען זיך אַרום אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אויפ'ן בוידעם, גאָגערן און קאַדקעדאַקן און מאַכן אָן אַ מושב, און אַז ס'קומט פאַר פּסח, מען וויל זיין כאַפּן און אַוועקלעגן אויף יום טוב, ווערן זיי געהיימניספול נעלם ערגעץ אונטער די קראָקוועס און נישט מען זעט זיי און נישט מען הערט מער זייער קול.

פון דעם דאָזיקן באַהאַלטן און נישט אויסזאָגן האָט זיך אַנטוויקלט אין אונזער ליטעראַטור אַ מין ליטעראַרישע אַסקעטיס. מען פּייניקט זיך, ס'זאָל אַרויסקומען שלעכט — און אַזוי קומט עס טאַקע אַרויס. די דאָזיקע „ריכטונג" האָט באַזונדערס שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. וואָרים דער נייער ליטעראַטור־„משה", קאָמפּליצירט און מיט אַ זעלבסטשטענדיקער נשמה, אַ מאָנערקע, וואָס קאָן נישט ליידן, אַז מען „ליידט" נישט — ער נייטיקט זיך היינטיקע צייטן אין „עפּעס שטאַרקעס, עפּעס אומפאַרשטענדלאַכעס", און ער קאָן לחלוטין נישט מער קיין הנאה האָבן פון זאַכן, פון וועלכע ער קאָן הנאה האָבן. ביי אים אָן איינגנאַרט אַזאַ.

ער וואָלט לכאורה געקאָנט געניסן פריי און פריילאַך זיין איינ־

דער אינזל

נעבווירענע גייסטלאָזיקייט ווי א מתנה פונ'ם הימל, פאַרגינט ער זיך אָבער נישט דעם דאַזיקן וואוילטאָג און שלעפּט אויף זיך גייסטיקן דלות. ער האָט ליב מרה שחרה. ער דאַרף געניטיק האָבן רעיונות, כדי ס'זאָל אים נודיען און זיין אייגנטלאכער קונסט־געגנוס, הייבט זיך אָן שווין ביי דעם הארבן לשון, וואָס ער פארשטייט נישט. אזוי ווערט ער דערהויבן. ער פליט קאָסמיש מיט די געפליגלטע ווערטער פון זיין דיכטער — און ער ציטערט דאָרט בידנע פאַר פּחד און פאַר תענוג רוחני.

פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אין דער אי־דישער ליטעראטור דעם דאַזיקן געהויבענעם לשון — הוילע באַצי־אונגסלאָזע שפּראַך. ער איז געווען דער באשעפער פונ'ם „שיינעם אידיש" — אָבער טאַקע מיט אָט־דעם שיינעם אידיש האָט ער זשארגאָניזירט די ליטעראטור. ווארים זשארגאָן איז דער אויסדרוק פון א־נערלאכער נע־ונד'קייט, פון ליטעראטנהאפּטיקן „זוכן" און נישט געפינען — און די שענסטע ווערטער, וואָס מען פירט דאָ אריין, פארגרעסערן נאָך דעם אומעט. ווארים די דאַזיקע ווערטער האָבן זיך מייסטנס נישט באַצויגן אויף גאָרנישט. זיי האָבן אַרומ־געפלאַטערט אין דער וועלט, ווי די ריינע נשמות, אויסגעטאָן פון גשמיות און אָן א תיקון — און זיי האָבן געמאַכט א פוסטן גע־שאָרך, אזוי ווי די פּאַפּירענע מלאכים־פליגל פונ'ם אידישן טעאטער. אין מענדעלי'ס אָפּט גרייזיקער שפּראַך האָט זיך קריסטאַליזירט אי־דישער סטיל, פּרץ'ס שיינער אידיש האָט פארפלאנצט מרה־שחורה אין דער אידישער ליטעראטור.

און עס איז קיין חידוש נישט, וואָס אונזערע „יונגסטע" פילן זיך א סך מער צוגעצויגן צו פּרץ'ן ווי צו מענדעלי'ן און שלום־עליכם'ן. ווארים פון אים האָבן זיי זיך אָפּגעלערנט דאָס הייליקע בלאָנדזשן — כאָטש על פּי רוב אָן זיין אינטעלעקטועלער און עטי־שער ליידנשאַפט — און פון אים האָבן זיי אויך גע'ירש'נט יענעם מאָבילן ב י ל ד ו נ ג ס־וואָקאבולאר, וועלכער האָט שווין ביי פּרץ'ן פארנומען א וויכטיקע שטעלונג אין זיין שאַפן, און וועלכן דער נייער ליטעראַט האָט פארגרעסערט און אויפגעפּוצט לויט דעם גייסט פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט. ער האָט פארברייטערט דעם האָ־ריזאָנט.

דער נייער ליטעראַט ווארפט פאַר דער אידישער ליטעראטור איר אָפּגעשטאַנענקייט און באַגרעניצטקייט. ער זעט דאָ נישט מער ווי פאַר'עפּוש'טע שטעטלאַך מיט אָרימקייט, מיט שלים־מזל'ען און הייזער־אידן — און ער גארט שטארק נאָך דעם „נייעם איד", וואָס

דער אינזל

גייט איבער די האָריזאָנטן. ער איז אַליין אַ געניטער האָריזאָנטן־גייער און טאַקע פון דאָרט טראָגט ער אָן אין דער ליטעראַטור אַריין דעם גרויסן מיש־מאַש פון אידייען און מרה שחורה. ער שלעפּט צונויף בילדונג פון אַלע פּלאַנעטן און ביי אים איז רעכט, אַז די אידישע ליטעראַטור זאָל אויפגעריכט ווערן מיט יענעם אינטער־נאַציאָנאַלן תרגום־לשון, וואָס איז אויסגעקלויצעט געוואָרן צווישן גייסטיקע אַרחי־פּרחי׳ניקעס, מיט יענעם קאַלאַמוטנעם געפּילס־זשאַרגאָן, וואָס באַהערשט היינט די אויבערפלאַך פון אַלע שפּראַכן אין דער וועלט.

איך האָב נישט קיין עצות פאַר דער אידישער ליטעראַטור און איך מיין, נאַטירלאַך, נישט, אַז אונזערע מאָדערנע שרייבער זאָלן שרייבן פּונקט אַזוי ווי מענדעלי אָדער שלום־עליכם. אָבער עס פעלט דאָך אויף אַ מאָדנע זאַך: וואָס פאַר אַ פריילאַכע ליכטיקייט און פאַרבן־רייכקייט אויף מענדעלי׳ס אַ אידישן רינשטאָק פון קאַב־צאַנסק — און וואָס פאַר אַ האָפנונגסלאָזע מרה שחורה אין דער בונ־טער פּאַנאָראַמע פון ניו יאָרקער ראַוישיקן לעבן, אָדער אויף די ברייט־צעעפנטע ליכטיקע נאַטור־לאַנקעס, ווי מיר זעען זיי, למשל, אין ברוך גלאַזמאַנ׳ס שילדערונגען פון דעם גרויסן, פּולסירנדן אַמעריקע!

עס איז אַ טאָפּלטער פּאַרדרוס: מען האָט שוין יאָ אַמאָל אויס־געשפּרייט אַזעלכע אומענדלאַכע פלאַכן — פעלט ערשט גאָר נישט אַריין. מיר האָבן ענדלאַך שוין זוכה געווען צו דעם גרויסשטאָטישן „לעבן־און־באַוועגונג״ פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט צו די ראַוישנדיקע ווייצנפעלדער פון דער וועסט מיט אירע נייע אידן — אָבער די דאָזיקע נייע אידן האָבן אַ טעם ווי דאָס גראָז, וועגן וועלכן זיי פילאָזאָפירן. וואָרים דער אַווטאָר האָט זיי נישט געזען אַזוי ווי זיי ז י י נ ע ן, האָט זיי נישט באַשאַפן מיט ה ו מ אָ ר, נאָר ער האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט מיט דעם כח פון זיין „גייסט״, וואָס פאַרשטעלט. ער האָט אַבסאָלוט נישט געוואָלט בלייבן לענגער אין דער בטלנ׳ישער וועלט פון אידן מיט קאַפּאָטעס, וואו מען קאָן גאָר נישט „אויפטאָן״, און ער האָט דערפאַר אַרויסגעשיקט זיין פאַנ־טאַזיע אויף דער מדינה. זיין געבילדעטקייט האָט אַנטפּלעקט פאַר אים נייע טעריטאָריעס.

די דאָזיקע פּוסטע געבילדעטקייט דראָט צו פאַרשיטן דעם לע־בעדיקן קוואַל פון אונזער ליטעראַטור. דאָס איז די מיזערנע גיי־סטיקייט פון אַלטע אימפּאָטענטע ליטעראַטור־בחורים, וואָס וואַלגערן זיך אַרום עלנד און פאַר׳חושכ׳ט אויף אַן עולם התוהו און זיינען מוציא גייסטיקע מיזערע לבטלה. זיי ניוכן אַרום אין דער וועלט

גיריק און אָן כח, און נישט קאָנענדיק בייקומען זי מיט טאַלאַנט, באַווייזן זיי זי מיט בילדונג.

דער הומאָר אָבער נייטיקט זיך נישט אין קייןברייטן האָריזאָנט. ער קאָנצענטרירט זיך אויף דעם ענגסטן שטח און פון דער דאָזיקער ענגשאַפט וואַקסט אויס זיין וועלט־געפיל. זיין פונקציע איז, לויט בערגסאָן, צו קאָרעגירן די פאַרקרומטע שטעלונגען, צו באַפרייען דאָס אָרגאַנישע פון דעם מעכאַנישן, דאָס לעבן פון דעם אויטאָמאַט.

און דאָס איז אויך זיין נאַטירלאַכע פונקציע אין דער אידישער ליטעראַטור: באַפרייאונג פון יענעם באַרבאַרישן בילדונגס־אויטאָמאַט, וועלכער איז, אַזוי ווי דאָס אַלטע סדום־בעטל פונ׳ם טייטש־חומש, געמאַכט געוואָרן דאַרויף, צו פאַרברייטערן איר מיט געוואַלט דעם האָריזאָנט, כדי זי זאָל זיין פונקט צוגעפּאַסט צו יענער אומענדלאַכער פּוסטקייט, וועלכע יאָגט אריין אהער פונ׳ם קאָסמאָס.

די ברייטע בילדונגס־פּוסטיניע, אויף וועלכער דער ליטעראַט דראַלעט אַרום אַזוי האָפּערדיק, איז דער ווידעראַנאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור. וואָרים דער לעבנס־עלעמענט פון דער אידישער ליטעראַטור איז דער הומאָר — און הומאָר בליט נאָר אין דער אַטמאָספערע פון לעבן, ער ווערט אָבער שנעל פאַרוויאַנעט אין דער קאַלטער לופט פון די נייע האָריזאָנטן, וואָס שטייען אייביק ליידיק און אין וועלכע עס האָבן זיך דערפאַר געיאַוועט אַלערליי פאַרוואָגלטע טונקעלע נשמות, די נישט־גוטע פון דער ליטעראַטור.

א. מ. פוקס:

שבעה

קאַפּיטל 1.

פּיינער, רויטלאַך־גאָלדיקער זון־נעפּל וואָס ציטערט קוים־אָנזעהעוודיק, ווי געזיפּט דורך אַ גאָלדענער זיפּ, גליט צווישן די גראָע מאַסיווע מויערן, וואָס זייערע גאַניקצַס רוען אויף מעכטיקע קעפּ פון די שטיינערנע ריזן־מענטשן, און פאַרשלייערט די שפּיציקע טורעמס, די קיילעכדיקע קופּאָלן, ביז אַהין אין דער ווייטקייט צו די רויטלאַך־פאַרנעפּלטע בערג אין עק שטאָט, און ס׳דאַכט זיך, אַז דאָרט אויפ׳ן גרינלאַכן הימל־פּלעק איבע׳ר זיי, איז צוגעקוועטשט אַ גרויס שמייכלדיק אויג, וואָס פון זיין מידן בליק שפּינט זיך געלע צייטיקע האַרבסטלאַכקייט. דאָס שטילע לויפנדיקע וואַסער פונ׳ם דאָנוי־שטראָם, גע־קרייזלט און געריגנגעלט, ציט זיך פון יענעם עק שטאָט גלאַטיק און

געקרומט ווי א לאנגע גרינלאכע שלאנג. זי שמעקט מיט דער שיינקייט פון צייטיקע ווײַנטרויבן־פעלדער און מיט דער הארבקייט פון פאלנדיקע בלעטער, און אין דער קלארקייט פונ׳ם וואסער שפיגלען זיך די זייטיקע מויערן מיט די דעכער צום גרונט, די פענסטער איבערגעקערט מיט׳ן פנים אראפ, און זיי שאקלען זיך אביסל אין דער טיפעניש. אויף די בויגיקע בריקן לויפן די רויטע טראמס און מען הערט זייער שטיל טויבלאך ברומען ווי ווייטע דונערן, מידע. ווי א נעץ פון קופערנעם שפינוועבס שפינען זיך די דראטן צווישן די מויער־װענד און די וועג־שטיינער לייכטן ווייסע פון זון־ליכטיקייט.

די פארביקע פייערן פון אײדלשטיינער, דער ווייסער בליאסק פון זילבערנע כלים און דער שטילער גלאנץ פון בראנז איז די פראכטיקע שויפענסטער, מאכן שלאנקער די פיס און דורכזיכטיקער די לענגלאכע פארצעלאן־מאטע פנים׳ער פון די שיינע ווייבער, וואס קוקן אויף זיי, גלוסטיקע און אנגעגרייטע. די קיילאכדיקייט פון זייערע הינטנס און דאס ווינקן פון די אויגן זאגן־צו פארשווינגענע פרייד. די רויטע פארב אויף זייערע ליפן ברענען ליכטיקער ווי בלוט־פלעקן אין דער זון. שווער און מאסיוו שטרעקט דער אלטער שווארצלאךגראער קלויסטער זיינע געצאקטע שפיציקע טורעמס אין גרינלאכן הימל אריין, אין מיטן פון טומלדיקן שטאט־רעש צוויש; די שרייענדיקע אויטאמאבילס, וואס לויפן ארום אים אויפ׳ן שווארצן פלאסטער ווי גרויסע גלאנציקע פליגלען. אין די ווינקלען פון זיינע שטויביקע מויערן, קרומען די שטיינערנע הייליקע מיט די אפגעבראכענע נעזער, זייערע שווארצע, פון יסורים פארצערטע, פארביסענע פנים׳ער. די נאקעטע שטיין־ברוסטן זיינען דורכגעבויערט פון פייל; און די אויפגעהויבענע צוויי פינגער שווערן אייביקע בלוטיקע נקמה צו די פייניקער. די צוויי קיילאכדיקע זייגערס אין מיטן פון דער גראער קלויסטער־וואנד, זעען אויס ווי צוויי אויגן אויף א שווארצן שרעקיקן שטערן, די אויגן פון דער צייט, און מ׳זעט ווי די גרויסע ווייזערס טוען זיך א רוק און א ציטער. אונטער זיי שטייען תמיד די צוויי קליינע אידישע קארליקעס, א מאן מיט א ווייב, קיישלאך סחורה אויפגעהאנגען אויף די הענד און מען הערט זייער שטענדיקן זינגענדיקן פזמון:

— ביטע זייער, לייטע גיטע, גיטס עפּיס צו פארדינען!

— קויפן זי זייף! קויפן זי שיך־בענדלאך, ציין־בערשטלאך, גוטע, ביליקע און שיינע!

ווי צוויי קליינע קינדער, וואס האבן זיך פארשטעלט און אנגעטאן די בגדים פון גרויסע מענטשן, שטייען די צוויי קארליקעס צווישן די היגע ווייבער, וואס טראגן קוישן קאלירטע בלומען אויפגעהויבענע

דער אינזל

אויף די רויטע העלזער, און זינגען א וואונדערלאכן ניגון צום לויב פון זייערע שיינע בלומען, צווישן אלטע שווארץ־געבויגענע שטומע בעטלערינס מיט א געשטרעקטער איינגעדארטער ציטערנדיקער האנד און מורמלדיקע טויטע ליפן, וואס באנעפלען דאס געמיט מיט שטיל־קייט און רו.

— יונה־מאיר, — זאגט די קארליטשקע אלעמאל א שטארק־טוענדיק דעם מאן אירן מיט׳ן עלנבויגן: — הערסט, מ׳לייזט נישט א גרייצער, יונה־מאיר.

יונה־מאיר קרעכצט שוואך און דרעכעטשליוועט:

— וואס־זשע בין עך שולדיק? עך לאז דעך נישט לייזן קיין געלט? אי, אי, עך בין נאך היינט ניכטער! עך האב נאך היינט נישט געדאווגט...

די קארליטשקע ענטפערט נישט. איר קליין קיילאכדיק פנים געקנייטשט מיט קליינע קנייטשעלאך ווי אן אלטער עפל, ווערט פינ־סטער און הערשנדיק־אנגעשטרענגט. די אויגן, אלטווייבעריש־ביטרע, סוחר׳ישע, אונטער׳ן גרויסן האריקן שייטל אויפ׳ן קוים־אנזיכטיקן שטערן, פינטלען מיט וואקסנדיקן ירגזון און זי ברומט, נישט־קוקנדיק צום מאן:

— נא דיר אזא שלים־מזל. נאדיר אזא איד, נו־נו.

א צעדרייט קליין סאמעטן קאפלאטשל זיצט ביים קליינעם יונה־מאיר איבער דער יארמולקע אויפ׳ן גרויסן האריקן קאפ. זיינע לאנגע פאות זיינען ארייגעוואקסן אין דער גראלאך־שווארצער לאנגער בארד אריין, אונטער דער שווארצער פאטשיילע אויף זיין ארויסשטעקנדיקער הויקערדיקער ברוסט, די קליינע בעקעשע איז פאר־גארטלט מיט א ברייטן פרומען גארטל. יונה־מאיר פאסט א האלבן טאג. ערשט מיטאג־צייט גייען די צוויי קארליקעס אוועק פונ׳ם קלויסטער, האלטנדיק זיך פאר די הענטלאך, דרייען זיך צווישן די קני פון די גרויסע מענשן נאנט צו די וועג־שטיינער, ווי צוויי שווארצ־לאכע פייגל אריבער דער דאנוי־בריק אין די אידישע געסלאך אריין, קריכן ארויף מיט סקריפנדיקע הילצערנע טרעפ אויף א פינסטערן פערטן שטאק אין א טונקלער שטוב אריין און יונה־מאיר הילט זיך איין אין א קליין טלית׳ל אריין, שטעלט זיך מיט׳ן פנים צו דער וואנט און דאוונט מיט פארמאכטע אויגן. און בעת די קארליטשקע פארעט זיך שקראבנדיק ווי א מייזל צווישן די טעפ, רעדט זי דער־ווייל אביסל צו זיך אליין פון די מסחרים:

— זיי ווייסן דיצן וואס זיי ווילן די לייטע? האסטו זייף, ווילן זיי בענדלאך, האסטו בענדלאך צו פארקויפן, דארפן זיי גראד זייף! אז ס׳זאל זיי שוין קריכן זייף פונ׳ם גארגל און בענדלאך פונ׳ם

הינטן, רבונו של עולם! נאָר אויף מיין שטייגער זאָל זיי קומען. זאָלן נאָר געפּרואווט ווערן מיט מיין טעם. ווען כ׳זאָל האָבן אַ לייטישן מאַן, וואָלט מיך דען עפּעס געפעלט? וואָלט ער געשטאַנעןביים קלויסטער און איך וואָלט ארומגעגאנגען אין די קאַפע־הייזער, וואָלט מען געקאָנט עפּעס לייזן. איז דאָך דאָס אבער יונה־מאיר, אַ למך און אַ שוואַנץ, האָט ער מורא אַליין צו שטיין ביים קלויסטער מ׳זאָל אים נישט אָפּבייסן אַ שטיקל...

יונה־מאיר ענדיקט דאָס דאַווגען און ער טוט ביי עלינו אַ שפּיי, אַ העכערן ווי געוויינטלאַך, מיט אַ בייזער:

— ט־פ־וי...

אינאיינעם שוין צו דער תפלה און צום ווייבס רייד.

קאַפּיטל 2.

אין די גרויע רעגנדיקע אָסיען־טעג איז דער פּלאַץ פאַר׳ן קלויסטער ליידיק. אין די נאַסע שטיינער שפּיגלען זיך דורכלויפנדיקע מענשן, פאַרנעצטע מיט בלאָע פּנים׳ער, שלעכטע איינגעגעסענע. אויף די ריטלאַך פון אַ ליידיק ביימל ביי דער זייט גאַס זעט מען פּלוצים אַ ליידיקע צעשויבערטע פייגל־נעסט זיך שאָקלען אין ווינד. די לאַמטערנעס זיינען פאַרוויינט און זייערע גלעזער קלינגען ציטערדיק און טרויעריק. דעמאָלט קריכן ארוםביידע קאַרליקעס אָנגעבויגענע, איילנדיקע, די איינגעפּאַקטע קיישלאַך סחורה אויפגעהאנגען אויף אַ פאַרשטאַרטער האַנד נידריק צו דער בלאָטיקער נעץ. זיי שווייגן שטיל און פילן זיך אַליין און פאַרלאָרן אויף גאָטס גרויסער וועלט.

געוויינטלאַך גייט די קאַרליטשקע פאָרויס און יונה־מאיר פון הינטן. ביידע הוידן זיך און שלייכן ארום צווישן די טיש־און־בענק אין די אָנגערייכערטע קאַפע־הייזער און שענקען, דרייען זיך צווישן די קני פון די זיצנדיקע מענשן, ארויפקוקנדיק מיט תחנונים אין די אויגן. מ׳הערט דער קאַרליטשקעס בעטנדיקן נגון:

— ביטע, קויפן זי עפּעס ביי מיר! אַ גרויסע מציאה. אַ שיין שפּיגעלע. שטאַרקע בענדלאַך, פּילייכט ברויכן זי אַ קעמל, אַ שטיק שמעקנדיקע זייף פאַר אירע ליבע פרוי און טייערע קינדערלאַך, זאָלן לעבן.

זי קוקט מיט אַן ארויספאָדערנדיק באַפעלעריש בליקל און מ׳האָט מורא איר אָפּצוזאָגן.

אַז מען קויפט עפּעס ביי איר, באַווילינט זי דעם קונה מיט אַ גנב׳יש שמייכעלע, אַ ווינקענדיקס און פאַרשטענדיקס, אַז מען מעג אַ שמייכל טאָן פון דעם קליינעם יונה־מאיר׳ן מיט דער גרויסער באָרד און פּאות און מיט זיין גאַליציש־פאַרטאַלאַפּעטער קליינער בעקעשע.

טאָמער אָבער גיט מען איר נישט צו לייזן, היט זי מיט איר שטרענג, כיטרע און גיפטיק אויגל, אַז מ׳זאָל אומזיסט נישט אַ שפּעט טאָן פון דעם מאַן אירן, פון יונה־מאיר׳ן, מיט זיין לאַנגער באָרד און פּאות און מיט זיין קליין בעקעשל.

טיילמאָל, אַז דער מסחר גייט גוט, דאָס קיישל סחורה אויף דער האַנד ווערט גרינגער און דאָס געלד ביי דער קאַרליטשקע אין דער באַהאַלטענער גרויסער בייטל־קעשענע, אונטער׳ן קליינעם פאַרטוכל, ביי איר אויפ׳ן בויך, מערט זיך, צינדט זיך אָן אין אירע סוחר׳ישע אויגן אַ גרינלאַך פלעמל פון געלדגיריקייט. זי גאַרט נאָך מער ריוח. זי טוט אַ וואונק צו יונה־מאיר׳ן איבער׳ן אַקסל אַריבער און דער אָרימער קאַרליק ווייסט שוין וואָס זיין ווייב וויל. ער דאַרף אַצינד מאַכן דעם אָנשטעל פון חלש׳ן, כדי אָפּצונאַרן דעם עולם, צו דערוועקן רחמנות. יונה־מאיר טוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ מיט׳ן הענטל פאַר׳ן שפּיציקן האַרץ, דער שווערער האָריקער קאָפּ טוט זיך אַ טרייסל, די אויגן פאַרגלייזן זיך און ער זעצט זיך אַנידער אויף דער ערד.

די קאַרליטשקע טוט אַ פאַרברעך די הענט און אַ געשריי:

— ווײ איז מיר, יונה־מאיר! דו חלש׳סט! מענשן, ראַטעוועט! גיכער! אַ גלאָז וואַסער!

און זי טוט דעם קליינעם אַ הייב אונטער און אַ זעץ אַנידער אויף אַ בענקל. די קליינע פּיסלאַך באָמבלען זיך נאָך ווי ביי אַ קינד, וואָס מען זעצט דאָס אַנידער אויף אַ טיש. זי שטופּט יונה־מאיר׳ן דאָס גלאָז וואַסער אין האָריקן מויל אַריין, אונטערהאַלטנדיק אים פון הינטער דעם קאָפּ און זי רעדט מיט וויינענדיקן ירגזון דורכשפּיזנדיק מיט איר שאַרפן בליקל צו די שמייכלענדיקע קוקערס מיט די גלייכגילטיקע, געפלעקטע און שטומפּיקע נעז, וואָס קיין שום נייס אונטער דער זון קען זיי שוין נישט פאַרוואונדערן:

— וואָס לאַכן זי? זי, הע? אַז זי וועלן חלש׳ן וועל איך זי אויך ראַטעווען! נישקשה! זי ברויכן נישט צו לאַכן. זי מיינען אַז מיר זיינען עפּעס אַבי־ווער? מיר זיינען באַלעבאַטישע מענשן! מיר האָבן געהאַט אין דער היים אַ גרויסע קראָם מיט סחורה! מיר זיינען נעבאַך אָפּגעברענט געוואָרן. מען האָט אונז באַ׳גנב׳עט... יאָ, יאָ, זי מעגן גלייבן. דאַנקע שיין... דאַנקע זייער... גאָט זאָל אינען באַצאָלן... זייערע פרוי מיט די קינדערלאַך זאָלן זיין געזונד און שטאַרק.

צונויפנעמנדיק גיך די נדבות, כאַפּט די קאַרליטשקע איר מאַן פאַר׳ן הענטל און, נאָכשלעפּנדיק אים הינטער זיך, מיט גרויס פאַרטראָגנקייט גלייך זי וואָלט אים געראַטעוועט פון אַ שׂרפה, אַנטלויפן זיי ביידע גיך און דריבניטשקע, מיט די קליינע קינדערשע טריטלאַך,

ווי צוויי שוואַרצלאַכע איבערגעשראָקענע פייגל, וואָס קענען נישט פליען — אין אנדערן שענק אריין.

קאַפּיטל 3.

די דעכלאַך פון די לויפנדיקע טראַמס זיינען אָפּגעוווייסט פונ׳ם פאַלנדיקן שניי און אויף די קעפּ פון די בראָנזענע מענשן אויף די מאָנומענטן, זיינען אָנגעטאָן ווייסע שניי־יאַרמולקעס. גליווערנדיקע אומרו, פאַרטויבטע, הוידעט זיך אינאיינעם מיט דער וויסטער פרעמד־קייט, וואָס הויערט אויף די גייענדיקע פּלייצעס, ביי די מויער־ווענד, און זי ווינקט מיט באַהאַלטענער שרעק פון די פאַרנעצטע פאַרבן אויף די פּלאַקאַטן — זיילן וואָס וועקט די פאַרלוירענקייט...

שווער איז צו באַגעגענען אין גאַס די צוויי אידישע קאַרליקעס מיט די קיישלאַך סחורות אויפגעהאַנגען אויף די הענד. יונה־מאיר׳ס קאָפּ איז איינגעפּאַקט אין אַ היימישער פאַטשיילע און זיינע ליידנ־דיקע אויגן קוקן אַרום גרויס, שטום און שרעקיק פון דער שלאָפער האַריקייט איבער דער בלייכער קנעכערנער נאָז, ווי די אויגן פון אַ סאָווע. אויף דער קאַרליטשקעס יום־טוב׳דיק פאַרפּוצט שייטל זיצן וואַסער־טראָפּעלאַך פון צעגאַנגענעם שניי. איר קליינטשיק קליידל גרייכט ביז איבער די שיך־שפּיצן. זי האַלט דעם מאַן ביים אָרעם און זי רעדט מיט איר איינגעזעסענעם גיפטיקן בייזער, ווינקענדיק און פינטלנדיק מיט איין אייגל:

— נו, יונה־מאיר, הערסט וואָס מ׳רעדט צו דיר? אין פּאַרק זאָלסטו מאַכן... ס׳גייען דורך אַ סך מענשן. הערסט, יונה־מאיר, זאָלסט פריער אַביסל קרעכצן זאָג איך דיר.

יונה־מאיר קריכט ווייטער, פּאַוואָליע, דעכעטשליווע און שוין קרעכצנדיק זאָגט ער:

— זאָלסט אַזוי כח האָבן צו לעבן ווי עך האָב כח צו חלש׳ן. קענסט מעך נייטן? עך וויל נישט חלש׳ן און שוין.

דער קאַרליטשקעס קליין פּנים ווערט דראָענדיק איינגעשרומפּן:

— ווילסט נישט, יונה־מאיר! וועסט דיר אויסגראָבן אַ קבר, יונה־מאיר. קאָנסט מיך נאָך נישט.

זי טוט אים פריער אַ שטויס מיט׳ן קליינעם קולאַק אין דער פּלייצע אַריין און אַז זיי קומען שוין צו צום עק פונ׳ם קליינעם ווינטערדיק־ליידיקן גאַסן־פּאַרק, טוט זי אים נאָך אַמאָל אַ שטילן קניפּ אין דער האַנט אַריין, אַ טיפּן און אַ פינסטערן:

— אי! — טוט זיך יונה־מאיר אַ קנייטש אין ווייטאָק און ער נעמט חלש׳ן. דער קאָפּ פאַרלייגט זיך טויט אויפ׳ן אַקסל, די אויגן ווערן איבערגעצויגן מיט בלינדן שטומפּיקן גלאָז. דאָס קליינע גופ׳ל

זינקט געבראָכן אנידער צו דער ערד, שווער באַלאָדן מיט'ן טויט פון אַלע אברים.

די קאַרליטשקע טוט, ווי תמיד, אַ פּאַטש מיט איר געמאַכטער אָפּנאַרנדיקער שרעק־מינע ארום מויל און ס'רייסט זיך ארויס פון דאָרט אַ הייזעריקלאַך־ברייטער ניגון:

— וויי איז מיר, מענשן! ער חלש'ט! ניכער אַ גלאָז וואַסער! יונה־מאיר, וואָס איז דיר?

ווי תמיד האָט זי אים געטאָן אַ כאַפּ אונטער די אָרעמס און אַני־דערגעזעצט אויף דער נאַסלאַכער שוואַרצער באַנק, אָבער געפילט האָט די קאַרליטשקע, אַז יונה־מאיר איז עפּעס אַצינד פּלוצים שווערער ווי תמיד. אַז דער אָנשטעל פונ'ם חלש'ן איז איצט ביי אים עפּעס אַן אַנדערער, נישט ווי געוויינטלאַך. זי האָט אים גענומען רייבן דעם שטערן, שלעפּן די באָרד, אָבער יונה־מאיר איז געלעגן אין באַנק־ווינקל ווי אַ פינסטער בינטל שמאַטעס, וואָס רירט זיך נישט. די קאַרליטשקע האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט נאָכאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן אין די הענד, אָן אַנדערן, אָן אמת'ן, און אונטערשפּרינגענדיק ווי אַ באָל אויף איין אָרט, האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— יונה־מאיר, ביזט געשטאָרבן!

פונ'ם געזעמל קוקערס, וואָס האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום דער באַנק, האָט זיך ארויסגעשיילט אַ מענש מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ. ער האָט וואוילקענעוודיק ארויסגענומען אַ בלאַט צייטונג פון דער קעשענע, צעשפּרייט זי און צוגעדעקט דאָס מת אויף דער באַנק. דער לייכטער ווינטל האָט אַלע מאָל אונטערגעהויבן דאָס פּאַפּיר און ס'האָט זיך באַוויזן יונה־מאיר'ס באָרד, אָן אונטערגעהייבענע און איינגעקוועטשטע, גלייך ער וואָלט עמיצן אָפּגעטאָן אויף צו־להכעיס.

ס'האָבן זיך דערהערט רייד פון די קוקערס:

— אפשר איז ער גאָר נישט געשטאָרבן.

— ער קען מאַכן אַזאַ אָנשטעל.

— ער האָט תמיד אָפּגענאַרט מיט זיין חלשות.

— זיי נאַרן אָפּ כדי מ'זאָל זיי געבן נדבות.

— מ'קאָן זיי שוין.

ארומטענצלדיק און קרעכצנדיק איז די קאַרליטשקע פּלוצים שטיין געבליבן אין שטום־שוויינעניש. ס'איז געווען אַ דראָענדיק און פינסטער שוויינן, ווי דאָס שוויינן פון אַ שוואַרצן וואָלקן איידער דער שטורם ברעכט אויס. פון אונטן ארויף האָט זי גענומען מעסטן דאָס געזעמל מענשן מיט דורכבויערנדיקער שנאה, פינסטערער און שטומער, וואָס פאַרברענט דעם אָטעם און די רייד. איר קליין פּנים

מיט די דריבנע קנייטשלאַך איז געוואָרן שוואַרץ און האַרט ווי אַ קיזל־שטיין. צאָרנדיקע גערעכטיקייט האָט ווי אַ צוגעדושעטער פייער־פלאַם געשפּאַרט זיך ברענענדיק אין איר נפש. אַלץ שאַרפער האָט איר פאַרניכטנדיקער בליק געגנישטערט איבער די פּנים'ער פון דעם אַרום־שטייענדיקן געזעמל מענשן, געהיט און געלויערט מיט וואַקסנדיקע פּיין, צי ס'באַווייזט זיך נישט ערגעץ אויף אַ פּנים אַ שמייכל פון חוזק. און ס'איז מעגלאַך, אַז עפּעס אַלץ פון'ם רעדל מענשן, וואָס דער טויט אַליין איז נישט מסוגל געווען צו שלאָגן אים מיט אָפּהענטיקייט האָט אַ שמייכל געטאָן פון דעם אומגליק פון די דאָזיקע מענשלאַכע פאַרזעהעניש, וואָס גאָט האָט זיי נישט באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון זיין אָפּבילד, נאָר צום געשפּעט פון די לצים.

די קאַרליטשקע האָט באַמערקט דעם דאָזיקן שמייכל נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן אויף יענעמס פּנים. געשטאַנען איז זי אַצינד צווישן דער באַנק הינטער'ן טויטן יונה־מאיר'ן אַזוי אַז מען האָט זי נישט אַרויסגעזען און ס'האָט זיך פּלוצים דערהערט איר מורא'דיק הייזעריקלאַך קול, גלייך ס'וואָלט געקומען פון'ם מת, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט'ן צייטונגס־פּאַפּיר. אַ פייערדיקער האַגל פון חרמות און קללות האָט זיך פון דאָרט געשאָטן, פּעך און שוועבל:

— איר לאַכט? וואָס לאַכט איר! איר מיינט איר וועט נישט שטאַרבן? איר וועט שטאַרבן גיך און באַלד, און אייער געביין וועט פוילן אין דער ערד. ווערים וועלן טאָטשן אייערע בייכער און אין אייערע אויגן־לעכער וועלן שטעקן שטיינער. איר לאַכט פון אָרימע קאַליקעס! איר וועט אַליין פאַראומגליקט ווערן און איר וועט פילן דעם טעם פון דער שאַנד! אייער שאַרבנס וועלן צעבראָכן ווערן און די ציין וועלן אייך אַרויספאַלן פון די מיילער. אַ, וואַרט'ס נאָר! איר זייט נאָך נישט פאַרזיכערט מיט גאָט! אומגליקן און שלעק וועלן אייך טרעפן יונגערהייט. איר לאַכט! שפּל'ע ברואים! איר וועט נאָך באַקומען הויקערס און קרענק, ביי אייערע ווייבער וועלן געשוואָלן ווערן די טראַכטען און אייערע ממזרים וועלן צעפּרעסן ווערן פון קרעץ. יאָ, יאָ! מ'וועט שניידן אייער פלייש אין די שפּיטאָלן און אייערע שטינקיקע געדערים וועלן זיין שוואַרץ פון'ם בראַנד. ווי די פליגן וועט איר פאַלן אין די גאַסן...

וויסט און שווער זיינען געווען די קולות און דער קאַרליטשקעס ברענענדיק מויל האָט זיך ערשט צוגעמאַכט נאָך דעם, ווען דאָס מת איז שוין אַוועקגענומען געוואָרן אין טויטן־הויז און דאָס געזעמל איז זיך פּאַוואָלי צעגאַנגען, שמייכלענדיק מיט בטול און גלייכ־גילטיקייט. די קאַרליטשקע איז געגאַנגען אַליין אַהיים. טראָגנדיק ביידע קיישלאַך סחורה, אירס און יונה־מאירס, אויפגעהאַנגען אויף

דער אינזל

ביידע הענד, האָט זי זיך איילנדיק געשטופּט צווישן די קני פון די גרויסע מענשן נאָנט צו די בלאָטיקע וועגשטיינער. די אויגן זיינען ביי איר געווען רויט און ליידנדיק און זי האָט נישט אויפגעהערט צו סרעכצן מיט געצויגענעם הייזעריקלאַכן ניגון:

— אָי... אָי... אָי... נישטאָ שוין יונה־מאיר.. וואו ביזטו, יונה־מאיר...

אריינקומענדיק אין טונקעלן קאַלטן שטיבל אריין, האָט זי אי־בערגעציילט די נדבות, באַהאַלטן די קיישלאָך סחורה אויף זייער פּלאַץ, צוקאָפּנס פונ'ם בעט. דערנאָך האָט זי פאַרבראָכן די קליינע הענד דערפילנדיק די גאַנצע לאַסט פון דער אליינקייט אויף גאָט'ס וועלט. דאָס קליינע פּנים מיט די האַרטע דריבנע קנייטשלאָך אונ־טער'ן גרויסן שווערן האַריקן שייטל האָט זיך געקרומט אין איילעניש און ציענדיק ווייטער דעם ניגון האָט די סארליטשקע געקלאָגט מיט טרוקענע אויגן:

— ווי איז מיר... כ'בין געוואָרן אַן אַלמנה... א וויסטע אַלמנה, נעבאָך...

דערנאָך האָט זי אויסגעטאָן די שיך און אַנידערגעזעצט זיך אין ווינקל צווישן בעט שבעה זיצן. שטיל־אָנגעשטרענגט, מיט'ן שטילן, מידן, איינגעצויגענעם קעפּל אין דער טרויעריקער שטילקייט, האָט זי אויסגעזעצן דאָרט, ווי אַ הון וואָס זיצט אויף צו לייגן אַן איי.

י. קיסין:

געזעצן און גרעניצן

גרעניצן באַשאַפן געזעצן. געזעצן באַשאַפן פרייהייט. פון כאַאָס ווערט באַשאַפן גאָרניט, און פון נאַכט ווערט נאָר חושך געבאָרן. הייך און נידעריק ווערן נאָר דעמאָלט, ווען דער פון דער ערד און צו דער ערד און אויף דער ערד גייענדיקער יחיד שטעלט זיך אויף זיינע איי־גענע פיס. דער פאָרשער, דער זעהער געפינען אַרום זיך „פּאָרמאַטיווע פּרינציפּן". אין זיך האָבן זיי נאָר איין פּרינציפּ אַזאַ, אָבער זייער אייגענעם, ניט קיין „אַנטנומענעם". ווייל יענער טויג ניט און נילט ניט.

אַזאַ גאַנג איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די מענשלאַכע קונסט. זי איז, דאַרף און מוז זיין באַגרענעצט, פון און צו דער ערד און איבער דער ערד אויף אַ געזעצמעסיקער דיסטאַנץ. קונסט איז ניט נאָר דווקא די באַשאַפונג פון קונסט־זאַכן, נאָר יעדער קרעאַטיוו אינ־דיווידועלער אַקט.

דער אינזל

כלל און יחיד האָבן פאַרשידענע געזעצן. דאָס געזעץ פון כלל איז פאַר'ן יחיד דער באַלאַנס פון די געזעצן פון די יחידים. אָפּט־מאָל גייען זיי להיפּוך איינס דעם אנדערן. קאָלעקטיווע קונסט איז ניט ווייניגער אבסורד, ווי אינדיווידועלע פּאָליטישע באַוועגונג.

דער אַלערהעכסטער „טרעפיק פּאָליסמאַן", וואָס הענגט איבער אונז סיי אין ליטערן און סיי אין פּאַרוואָלקענטן וועטער, ווייזט אונז כסדר אָן, אז אונזער גאַנג איז איינווענדיק און שמאָל. ווייסן מיר דאָס. אָבער יעדערער פון אונז האָט צוויי דורכאויס איבעריקע אויגן. און מיט זיי זעען מיר, וואָס ארום אונז טוט זיך און אפילו דעם פּאָליציסט אין דער הויך זעען מיר אויך, — אויב דער וועטער איז קלאָר, און דער געדרענג איז ניט צו ברוטאַל.

און די פונקציע פון דעם אויג איז א דורכאויס אינדיווידועלע, וואָס דער פּאָליציסט פון אויבן וועט אונז גנעדיגסט באַווילינגן און דערמוטיגן. מיט זיין ערלויבניש, וועלן מיר שוין זען, אזוי ווי מ י ר, ווי יעדערער באַזונדער, ק אָ ן דאָס נאָר טאָן.

די פונקציע פון דעם קינסטלערישן אויג איז אין תוך אזא, וואָס קיין וויסנשאפט קאָן ניט פאַרענדערן אויף א האָר, אפילו ניט די וויסנשאפט וועגן אויגן.

אונזער צייט איז א צייט פון ראַדיאָ און ראַציאָ, פון דעמאָס און פון סאָציאַלע עקספּערימענטן. מען מוז מודה זיין, אז די אַלע זאַכן זיינען ניט גינסטיג פאַר קונסט, און אָט פאַרוואָס די קונסט וועלט איז אזוי אויפגעטרייסלט ביז צו אירע יסודות. און אָט פאַרוואָס קונסט נאָכקרימעניש און פּסעוודאָ־וויסנשאפט אין קונסט האָבן באַשאפן אונזער דור הפלגה.

יעדער גרויסער וויסנשאפטלאַכער און אינדוסטריעלער נצחון מיינט אַן איבערקערעניש אדער א חורבן אין קונסט. די פּראָווינץ פון קונסט ווערט אַלץ ענגער, ווערט אַלץ מער פאַרדרענגט, דערפאַר אָבער ווערט זי אַלץ קאָנדענסירטער, קריסטאַליזירטער, וואָגיגער און טיפער.

אזוי האָט געשריבן דער צוואַנציק־יאָריקער עדגאַר עלען פּאָו מיט הונדערט יאָר צוריק (אין זיין „סאָנעט צו וויסנשאפט"):

„האָסטו דען ניט די ליבסטע פון געטינען
פאַרטריבען ? און געצוואונגען די דריאַדן
אויף אנדערע שטערן שוץ זיך צו געפינען ?
און פון דעם שטראָם פאַרטריבן די נאַיאַדן,
פון גראָז די עלפן, און דעם זומער־טרוים
פון מיר אונטער א טאַמארינדן־בוים ?"

דער אײנזל

דאָס איז אַן אײביקע טענה. „אין אָנהויב איז געווען קונסט." דערנאָך איז אויפגעגאַנגען דער טאָג פון וויסנשאַפט. און ווען איר זון וועט שטײן אין זעניט, ווער ווײס, אפשר וועט דעמאָלט ניט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק שרײבן אויסגעצײכנטע פערזן (וואָס קאָן מען קעגן דעם אײנווענדן?), נאָר עס וועלן אפשר אויסגעפונען ווערן פּאָעטישע „ראָבאָטס", קאָמפּאָנירנדיקע אויטאָמאַטן, וואָס וועלן אפילו אָן אויפזעער „פּראָדוצירן", ווען איר וועט עפּעס א דריק טאָן אָדער א דריי טאָן.

די פאָטאָגראַפיע האָט אָנגעטאָן א היזק (און מיט רעכט!) דער פּאָרטרעטן מאַלערײ. דער קינעמאַטאָגראַף האָט פארשטויסן די דראַמע. די אַלגעמײנע פאָלקס צײטונג האָט פארטריבן דאָס בוך פאַר'ן אײנשלאָפן. דער גראַמאַפאָן האָט גענומען קאָנקורירן מיט'ן אָרקעסטער, און דער ראַדיאָ אַפּאַראַט מיט'ן גראַמאַפאָן. די פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט זײנען נאָך ראַדיקאַלער. דער באַרימטער איטאַליענישער פוטוריסט מאַרינעטי אַנאָנסירט אין מודעות און מאַניפעסטן, אַז די קונסט פון דער נאָענטער צוקונפט וועט זײן עפּעס א מין צוגאָב צו — פּערזענלאַכער היגיענע, מענשן וועלן קאָנען נעמען עסטעטישע וואַנעס, ווען זײ וועלן וועלן. מיר זײנען מיט אונזער אײגענעם מרחציזם אים פאַרלאָפן דעם וועג, מיר האָבן דאָס שוין רעאַליזירט.

אויף אַזאַ אופן וועט דעם קינסטלער בלײבן מאַקי בוכשטעבלאַך נאָר — הערן, זען און שווײגן. און דאָס מוז מען פאַראַלגעמײנערן, אַרײנעמענדיק דאָס גאַנצע נשמה לעבן פון יעדן יחיד.

די גמרא זאָגט... דאָס פאָלק זאָגט... פּראָפעסאָר פרויד זאָגט...

עס איז ניטאָ קײן מענש, וואָס איז ניט א געטרײ קינד פון זײן פאָלק. אָבער די אמת'ע ליבע צום פאָלק דאַרף ניט גראָד זײן בלינד. אַנומלט, למשל, האָב איך אין א צײטונג געזען א קעפּל איבער א פּובליציסטישן אַרטיקל פון א באַוואוסטן שרײבער: „אַז מען איז אין כעס אויפ'ן חזן..." דאָס איז א פאָלקס־שפּרוך, דער רעזולטאַט פון אָנגעזאַמלטער לעבנס חכמה בײם פאָלק. דאָס גילט אויך פאַר'ן פאָלק און פאַר כּלל אַרבײט. אָבער דער יחיד קאָן טראַכטן גראָד פאַרקערט: אַז מען האָט פײנט דעם חזן, קאָן מען זײן קול ניט פאַרטראָגן, און מען איז ניט מחויב צו גײן אין זײן שול. און בכּלל קאָן דער יחיד ניט זײן געבונדן ניט פון אַזעלכע שפּרוכן — האַלב־אמת'ן, און ניט פון קײן ראַציאָנאַלע טעאָריעס און פּראָגראַמען און פאַרגליווערטער חכמה, בעת ער רעאַגירט אויף אויסערלאַכע שטויסן, און ניט מיט

זיין רעאקציע אָן ענטפער און אַ זעלבסט־באַשטעטיקונג דעם פּאָליציסט אין דער הויך.

אויף אַזאַ אופן ווערן די האַלב־אמת'ן פון פאָלק מיט דער צייט קאָרעגירט.

די גאַנצע אַנטוויקלונג האָט די עלפן, למשל, פאַרטריבן טיף אין די גייסטער פון זייערע באַשאַפער, ווי די שאָטנס בייטאָג. אָבער זיי לעבן און ווען נאָך צוריק אַרויסשפּרינגען.

אָבער ביי אונז (אגב, ניט נאָר ביי אונז אליין) האָט מען זיך תיכף באַוואָפנט מיט ווילעס און מיט העק אויף דער אָרימער פּסיכיי. מילא, די פוטוריסטן האָבן אויף זייער פאָן אָנגעשריבן בפירוש: פאַראַכטונג צו דער פרוי! אָבער אונזער מלך ראַוויטש רעדט גאָר וועגן עקספּרע־סיאָניזם, און רעדט ניט נאָר אין זיין אייגענעם נאָמען. און דער עקס־פּרעסיאָניזם האָט דאָך געוואוסט נאָר פון נשמה געשרייען, פון פּסיכיי טראַגעדיעס און פון דורכאויס „אומרעאַליסטישע" בריקן צו יענזייטיג־קייטן. תיקו.

דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט און אַלע איבעריקע פּאָפּולאַרי־זירער פון אַלערליי אַנדערע „פליסנדיקע", אַלץ־אויפקלערנדיקע וויסנ־שאַפטלאַכע טעאָריעס, זיינען אין תוך די ערגסטע שונאים פון קונסט. ער איז אין עצם געניינגט צום עטישן רעלאַטיוויזם און קינסטלערישן ניהיליזם, וואָס איז דורכאויס קעגן דעם כבוד און קעגן דער סאַמע עקזיסטענץ פון קינסטלער.

אָבער אַ סך געפערלאַכער פון אים איז דער, וואָס אָפּערירט מיט אומוויסנשאַפט (ניט אומוויסנקייט, וועלכע איז אומשעדלאַך). אַ קינסטלער ווערט מען אפשר געבאָרן. אָן עם הארץ — אויך. און דאָס בלייבט מען, אפילו ווען מען איז דער אויטאָר פון וויסנשאַפט־לאַכע ביכער.

דער קלאַסישער קאָנפליקט צווישן וואַקס פּאַפּולי און וואַקס דעאי איז פאָרגעקומען אין מדבר, ווייט פון די פליישטעפּ און פון דעם צוגע־זאָגטען לאַנד.

אַ וואונדערלאַך וואָרט: צוריק. (ניט אין געזעלשאַפטלאַך־פּאָלי־טישן זין). זיי קומען צוריק, די אַלע ניטדאַאיגקייטן (לאַנדוי'ס נעאָ־לאָגיזם. „אָניעזדיעשיט" ביי אַ פריילאַכן רוסישן פוטוריסט). נשמה, קונסט, פאָרם, אמונה, קלאַסיק, אָרגאַנישקייט... אין דער תפילה פון דעם קינסטלער וועט דאַרפן אַריינגענומען ווערן דער פּסוק: „גאָט פון פּראָגרעס, היט מיך אויס פון דעם אַלץ־אויפקלערנדיקן טייטש פון דעם אולטראַ־מאָדערנעם אינדוסטריאַליזירטן גראָבן פינגער, און

דער אינזל

פון דער ביימש, וואָס קאָן אזוי קונציג פּאַכן אין דער לופט און באוויזן, אז די נשמה קאָן זיך באהאַלטן אין די פּיאַטעס, אָט די ביימש נעם צוריק — אין שטאָל.

דער היסטאָרישער פּראָצעס וועט יעדערן פון אונז שוין ארויפּ־טייטשן אויף זיין געהעריגן אָרט, אָבער מיט געטע׳ס רוהינקייט, מאָ־דיפיצירט און בארייכערט פון אונזער גאנצער אָנגעזאמלטער אייגענער ערפארונג, גייען מיר זאָרגלאָזע אויף אונזער וועג, מעג ער אויך פירן צו אונזער אומפארמיידלאכן אונטערגאנג.

די קונסט וועט זיך ווען עס איז אָפּרעכענען מיט דעם ליבן, שמייכלענדיקן, אַלץ־פארשטייענדיקן פאנאטישן אָרטאָדאָקסאַלן מארק־סיסט, וואָס איז אזוי זיכער, אז אויב עס איז דאָרטן ערגעץ עפּעס גע־בליבן ניט דערקלערט, וועט מען דאָס זיכער אויפקלערן שפּעטער. — זי וועט אים פאראייביקן אין א ניט זייער שמייכלהאַפטיקן, אָבער אמת׳ן קונסט ווערק.

די גאָטיק בוך סטאָר

בוכהאנדלונג פאר דעם אינטעליגענטן אידישן לעזער.

ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט צו
באַשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק

ביבליאָטעקן און אָרגאניזאציעס באקומען גרויסן ראַבאַט.

GOTHIC ART BOOK STORE

176 Second Avenue, New York City

דעם „קונדס" באַריהמטע

לאַכנאַכט

זונטאָג אָוועגט, דעם 7טען מערץ,

אין מאנהעטען אפערא הויז.

דר. ש. פאַקס

ד ע נ ט י ס ט

אַפּטאַון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פארק, איסט

דאון טאון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

„די פעדער"

(6טער יאָרגאנג)

חודש-זשורנאל

פאר ליטעראטור און קונסט

רעדאקטירט פון

ז. וויינפער

25 סענט א נומער.

אין גיכן דערשיינט:

„קענטאַקי"

א בוך פּאָעמען פון

י. י. שוואַרץ

הויפּט פארקויף ביי:

מאקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט ניו יאָרק.

די ליעבלינג מצה

פון הונדערטער טויזענדער אידען פאר מעהר
ווי 40 יאָהר.

„די מצה מיט די בעסטע.
געשמאק”. „זייט 1884

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען,

383-369 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק

An Outline of Jewish History

By S. M. DUBNOW

Authorized translation from the Russian.

3 vols., cloth, gilt top, boxed, $7.50 postpaid.

Dubnow's Outline in English garb meets a wide-spread demand for a non-technical yet scholarly guide to the knowledge of the History of the Jews, their Literature, Teachings and Influence.

Max N. Maisel, Publisher,

424 GRAND STREET, NEW YORK CITY

Up-To-Date Printing Co., Inc., 195-197 Canal St., New York

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 2. אַפּריל 1925

מאַני לייב — דריי לידער; ר.
אַייזלאנד — א. מ. פוקס; אבא
שטאָלצענבערג—צוויי לידער;
זישא לאנדוי — דער נייער
נשמה־פארזאָרגער; ר. אַייז־
לאנד — מר. גוסטאוו גילדנער;
זישא לאנדוי — די גאָלדענע
האַרף; א. מ. פוקס — זעמל
און זיין ווייב; וואָס איז אי־
דישיזם?—ב. י. ביאלאסטאָצקי.

25 סענט אַ נומער. $2.50 אַ יאָהר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
issued by the
Inzl Publishing Co.
12 Jefferson St., N. Y.

Price per year, $2.50

Single copies, 25c.

ליטעראריש־רעליגיעזע
אויפמערקזאם !

נוטע געלעגנהייט פאר פאסנדער פערזאן

פארלאנגט ליטעראריש־רעליגיעזע לייטע וואס זיינען פעאיק און ווילינג צו פארמעסטען זיך 2 מאל טעגלאך מיט'ן אין סוף און שלאגן זיך ח"י מאל טעג־לאך דעם קאפ אן וואנט. גאראנטירט א פיינעם לעבן צו מאכען, אויך כבוד. די וואס קענען זיך ראנגלען און האבן נאט אין הארצן — פארגעצויגן. זיך ווענדן צו:

י. אפאטאשו,
דף 78 „פון צייט צו צייט".

דאָס אידישע בוך אין אמעריקע
(א בלעטל געשיכטע)

פון

משה שמואל שקלארסקי

פרייז 40 ס. געבונדן 60 ס.

YIDDISH LITERARY
PUBLISHING CO.
439 Grand St., New York City

דר. אברהם איסען
ד ע נ ט י ס ט

423 גרענד סטריט, אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אָוו.
ניו יאָרק. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ש. פאַקס
ד ע נ ט י ס ט

אַפּטאַון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פארק, איסט

דאון טאון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

„די פעדער"
(6טער יאָרגאנג)

חודש־זשורנאל
פאר ליטעראטור און קונסט

רעדאקטירט פון
ז. וויינפער

אבאנימענט פרייז $3.00 א יאָר
$1.50 א האלב יאָר.
איינצעלנער פארקויף, 25 סענט.

DIE FEDER
49 E. 7th St., New York City

שוין ערשינען

„קענטאַקי"

א בוך פאעמען פון
י. י. שוואַרץ

פרייז $2.00.

הויפּט פארקויף ביי:

מאקס נ. מייזעל

424 גרענד סטריט ניו יאָרק.

לייענט דעם „קונדס" יעדע וואָך

דער אינזל

חודש זשורנאַל.

נומער 2. | אפּריל, 1925. | ניו יאָרק.

מאני לייב:

קום, פּשטות...

קום, פּשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקען מעסער,
שנייד אויף דעם שווארצן פּלאָנטער פון מיין זעל ;
מיין וועלט פון אונטער טונקעלע און שווערע שלעסער,
זאָל אויפשטראַלן פאר מיר ווי זונען פאר מיין שוועל.

און וואָס אין טיפער פינסטערניש פון מיינע אויגן
איז בלינד, פארבלענדט געווען, פארהוילט און פרעמד,
זאָל ווערן קלאָר פאר מיר ווי ליכט פון רעגנבויגן
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מיין העמד.

און אַלע לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע זאכן,
וואָס לעבן ווייט פון מיר און אָפּגעווענדט —
דערנען, דעק אויף ווי ריינע וואסער־פלאַכן,
ווי מיינע ליבע צען פינגער פון די הענט.

און אויף מיין ענגער ערד פון ניט־דערשעפּטן טרויער,
די שטים פון אַלץ וואָס ליגט אין צער געשמידט,
ווי בלוט צו בלוט זאָל קלינגען צו מיין אויער
און אין מיין וואָרט געלייטערט דורך מיין ליד.

מיינע אויגן אין אייערע שלייפן...

ווי נאָך טויבן די קעץ אויף די הויפן
ברענען גרין מיט די אויגן צום דאך,
מיינע אויגן אין אייערע שלייפן
ברענען גרין פון מיין ערדישער פלאַך.

דער אינזל

קומט מיט אייער דערנענונג דערפרייען,
ווי פאר גאָט, זייט איר אַלע מיר גוט ;
פון מיין פינסטערן בלוט די געשרייען
זאָל נאָר הערן איר מילך און איר בלוט.

און צו איר פאר די פיס וועל איך לייגן
מיין עשירות — מיין הוילן געביין,
און מיין חכמה — מיין פייל און מיין בויגן,
און מיין באָרד — מיין מאַנסבילשע קרוין.

מיט די הויפנס, געצונדענע פליגל,
וועל איך צינדן די קאַלטלאַכע בריסט,
ווייבער וואָקס, הייסער שטאָלענער זיגל,
פרייד פון פייער און פרייד וואָס פארוויסט.

און אז אָפענע בלענדן די לענדן
מיט'ן גאָלד מיט'ן צייטיקן גרייט,
וועל איך אויפלויכטן, ברענען און בלענדן
ווי פון וואַקס־ליכט דער ליינענער קנויט.

און צוויי לייבער — צוויי גאָלדענע גארבן,
אונטער הימלען — פארדרויכערטן גלאָז,
זאָלן שטילע פארשטארבן און שטארבן
אין דעם יאָמער פון הארבסטיקן גראָז.

איך האָב ליב די מעוברת'ע ווייבער

איך האָב ליב די מעוברת'ע ווייבער
מיט די בייכער פארשפיצט און געשוואָלן,
ווען זיי שלעפן די טאָפלטע לייבער
ווי די קי אויף די גראָזיקע טאָלן.

וועלכע זיכערקייט טראָגן זיי אַלע
אין די אויגן וואָס שטראַלן ווי קוואַלן !
נאָר זיי שמעקן מיט מילך און מיט קאַלע,
ווי זומער פארנאַכט אין די שטאַלן.

דו, מיט אויגן ווי שטאָלענע שפּיצן,
דו פאַרגעסט ביי דער שׂרפה פון וואונדן,
אַז די רויזן פון זייערע ציצן
זיינען אויף די ליפּן געצונדן.

ר. אײַזלאַנד:

א. מ. פוקס

ביי אונז איז מען שוין אויך מיד געוואָרן צו קוקן אויף גאָט'ס וועלט ווי זי איז. דערמיט מיינט מען צו זאָגן, אַז דער היינטיקער אידישער שרייבער וויל מער ניט זיין קיין שקלאַווישער נאָכמאַכער פון דער אויסערלאַכער נאַטור, נאָר שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע וועלט פון זיינע אינערלאַכע זעאונגען.

מילא, געגן מיד־געוואָרענע קען מען גאָר ניט האָבן. ווען איי־נעמס אויגן ווערן מיד קען מען איהם מיט גוואַלט ניט צווינגען, אַז ער זאָל זיי דוקא האַלטן אָפן. ער האָט דאָס פולסטע רעכט צו גיין שלאָפן און וואַרטן אַז דער מלאך פון שלאָף זאָל אים דערפאַר באַ־לוינען מיט גוטע חלומות און זעהענישן. עס זיינען אָבער, אַ דאַנק גאָט, פאַראַן ביי אונז מענטשן, וואָס ליידן דערווייל נאָך ניט פון דער דאָזיקער מידקייט. פאַר זיי איז נאָך אַלץ אַ פרייד, ווען זייערע אויגן קענען זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס רעאַלעס, ממשותדיקס. און פאַר זיי ליגט אָנגעגרייט אַ סך פרייד אין א. מ. פוקס' שילדערונגען.

איך שטעל זיך אָפּ הויפּטזעכלאַך אויף פוקס'עס שילדערונגען, ווייל אַן ערציילער איז ער, לויט מיין מיינונג, דוקא אַ קנאַפּער. דער־צו פעלט אים די נויטיקע רואיקייט און אויסדויער. אויסער דעם ווערט ער צופיל פאַרכאַפּט פון דעטאַלן, אַזוי אַז דאָס שטערט אים צו שאַפן אַ גאַנצן, אַלץ ארומנעמענדיקן בנין. פון די אַכט זאכן, וואָס ער האָט איצט צונויפגעזאַמלט אין צוויי ביכער („אויפ'ן בערגל" און אונטער דער בריק") האָב איך זאָגאַר אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז ער אַליין ליינט אויך ווייניק געוויכט אויף דעם ספּור המעשה. אַז פאַר אים איז די איינצלנע שילדערונג דער עיקר און די ער־ציילונג פאָרם בלויז אַ תפל. צום בעסטן זעט זיך דאָס אַרויס דערפון, וואָס קיין איינציקע פון פוקסעס ערציילונגען האָט ניט קיין מיטלפּונקט, וואָס זאָל דינען ווי אַן אַקס אַרום וועלכן אַלץ זאָל זיך באַוועגן.

דער אינזל

בלעעטערנדיק זיינע צוויי ביכער, דאַכט זיך מיר אפילו אויס, אַז ניט נאָר איז דער ספור המעשה פאַר אים אַ תפל, נאָר זאָגאַר אויך זיינע פּאַרשוינען, הגם ער שילדערט זיי אַזוי מייסטערהאַפט. טיף אינערלאַך איז אים מער נוגע די אַטמאָספער, אין וועלכער זיי באַוועגן זיך, די לופט וואָס זיי אָטעמען, ווי זיי גופא. אים אינטערע־סירט מער צו זען די דאָזיקע פּאַרשוינען זיינע אין געוויסע מאָ־מענטן און באַשטימטע סיטואַציעס איידער אין זייער גאַנצער גרויס, אין דער ראַם וואָס דאָס לעבן און די אומשטענדן האָבן פאַר זיי באַשטימט. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס אין דער הינזיכט קען פּוקס ניט אָפּטיילן איין מענטשן פון אַנדערן, ווייל פאַר אים איז איין גורל באַשטימט פאַר אַלע. אַ גורל אַ טראַגישער, אַ פּאַטאַליסטישער, וואָס מאַכט אַז אַלץ, וואָס דער מענטש טוט און צו אַלץ, וואָס ער שטרעבט, זאָל אויסקוקן אַזוי מיזערנע קליין און אומבאַדייטנד. ביי אַזאַ קוק אויפ'ן לעבן מוז מען קומען צו פאַר־צווייפלונג, און עס וואָלט טאַקע געווען צום פאַרצווייפלען, ווען מיר וואָלטן ניט געווען געבענטשט מיט חושים, וואָס קענען הנאה האָבן אפילו דעמאָלט ווען מיר ווערן אינערלאַך פאַרצערט פון אַ נאָגנדיקן פיין, און נאָכמער, וואָס אַ דאַנק זייער פעאיקייט הנאה צו האָבן פאַרוואַנדלען זיי דעם פיין גופא אין אַ דערפרייענדיקן שפּיל.

אודאי איז אַ גאָטס רחמנות אויף די אַלע אידן און אידענעס פון „בערגל" אין דעם קליינעם שטעדטל, און אויף יענע אַלע אונ־טערוועלט פּאַרשוינען פון די קרומע, פאַרהויקערטע געסלאַך פון דער גרויסער שטאָדט, וואָס מוטשן זיך אָפּ אַ גאַנץ לעבן אין עלענד, דחקות און נויט, פירן זייערע ביטערע מסחרים אויף ערלאַכע און אומ־ערלאַכע וועגן, האַנדלען אפילו מיט זייערע אייגענע לייבער און זיי־ערע געוויסנס און ווייסן און פילן אַליין ניט ווי נישטיק עס איז זייער לעבן און אַלץ וואָס זיי טוען כדי עס צו דערהאַלטן. אָבער אין דער זעלביקער צייט סאַראַ פרייד איז צו קוקן אויף די אַלע פּאַר־שוינען, וואָס זיינען אַזוי קאָמיש אין זייער טראַגישקייט! מיט וועלכער פרייד מוז זיך דאָס אויג אָפּשטעלן אויף זייער אויסזען, זייער הולך, זייער האַנדל און וואַנדל, זייער עסן און שלאָפן, זייער פיזישע גבורה און זייערע חולשתן, זייערע פאַרפאַפטע בערד און צעטאַלאַפּעטע בעקעשעס, און די לעכער און קופּעס מיסט וואו זיי לעבן, האָבן חתונה און שטאַרבן. זער אָפט מוז זיך אין אויג שטעלן אַ טרער. אָבער אפילו דאָס קען פון דעם אויג אויך ניט צונעמען זיין פרייד פון זען. און אָט די פרייד שעפּט פּוקס אויס אין דער פול־סטער מאָס.

עס איז זיכער אַ ביטער רחמנות אויף ר' שמואל יאָסי, דעם אָרי־

דער אינזל

מען, פאַרהאָרעוועטן אידען, וואָס שווייגט פאַרביסן און איז תמיד אָנגעכמורעט בייז, למאַי ער איז געצוואונגען זיך ארומצושלעפּן אי־בער די דערפער מיט זעק און קוישן, און דאָ ווערט ביי אים אַ טאָכטער פאַרזעסן, אַזוי אַז מען זאָגט שוין אויף איר, זי וועט חתונה האָבן מיט׳ן קלאָץ אויף וועלכן זי זיצט טאָג נאָך טאָג און פאַרקויפט זעמל. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דאָך אַ חיות פאַר׳ן אויג נאָכצוקוקן דעם אידן ווי ער קומט אַהיים פון דאָרף אָן אָנגעבויגענער, דעם צעפּליקטן גרינלאַכן שפּענצער אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקעל, איין כאָליאַווע פונ׳ם שטיוול שטייט אַביסעל אָפּ, ווייל דאָרט ליגט דאָס שטאַרקע לייוונטענע בייטעלע פאַרבונדן מיט אַ האַרט שטריקל, און ווי פאַרבייגייענדיק דעם קלאָץ וואו זיין מיזינקע ברײַנדעל זיצט, גיט ער אַ קרומען קוק פונ׳ם צוגעקוועטשטן האַלב האָריגן אויג זיינעם צו דעם מולטער מיט זעמל, און ווי דער טאַטע מיט דער טאָכטער קוקן זיך ניט אָן, נאָרביידע טוען זיך אַ בויג מיט בייזקייט און קוקן אַוועק יעדער אין אַן אַנדערער זייט. און וואָס פאַר אַ פרייד איז צו קוקן ווי דער זעלביקער ר׳ שמואל יאָסי זיצט „ביים טיש און עסט אָנבייסן פון אַ גרויסער פאַרנדיקער ער־דענער שיסל מיט באַבילע יושקע״, און ווי „ער פירט דעם הילצער־נעם לעפל פאַוואָליע אַרום און אַרום דעם ברעג פון שיסעל, בלאָזט אין אים פאַוואָליע, באַרעכטיקט מיט דער אויבערשטער איינגעטונ־קענער וואָנצע, וואָס אין דעם באַדעכטיקטן בלאָזן אין הייסן לעפל נעקעכץ אריין, ליגט די גאַנצע הנאה פונ׳ם לעבן. עס דאַכט זיך, אַז ס׳וועט לאַנג דויערן ביז ר׳ שמואל יאָסי וועט פאַרטיג ווערן מיט אַזאַ שיסל געקעכץ, קיין עין הרע, אָבער אין אַ רגע אַרום איז די שיסל ליידיג, ריין און טרוקן און דער בלאָער אויסגעמאָלטער האָן גלאַנצט אַרויס פונ׳ם דנאָ...״ („אויפ׳ן בערגל״).

ווען מען ווייס וואָס פאַר אַן אָרימקייט עס הערשט אין די נידעריגע, אין בלאָטע שטייענדיקע און האָרבאַטע אידישע כאַטעס פון שטעדטל, פאַרקוועטשט דאָס טאַקע ביים האַרץ, אָבער ווען עס קומט דער ליבער זומער און פון דער צעוואַרימטער ערד שפּראָצן אַרויס יונגע גרעזלאַך ווי „פיינע דינע צינגלאַך״, און די לופט איז פול מיט דעם פריידיקן פּיפּן פון שוואַלבן, וואָס שערן מיט זייערע שאַר־פע עקלאַך גיך, גיך די לופט אין אַ ראָד ווי מיט שערלאַך, און אויף די אידענס הויזן זעט מען ווידער די לייבצודעקלאַך און זייערע בערד זיינען נאַקעטע, איבערגעווינטערטע, דעמאָלט זיינען אפילו די האָרבאַטע, צעקראָכענע אידישע דעכלאַך, וואָס לייכטן מיט נייע ווייסע לאַטעס, אויך פול מיט חן, כאָטש די אידישע געוועלבלאַך שטייען פּוסטע און בייזע, און אויף ווייבערשע אויסגעצויגענע

דער אינזל

פנימער ליינגט זיך א נייע זארג. ווארים אפילו אין דער זארג אליין ליגט שוין אויך דער טעם פון זומער. און אז דער צווייט שים זיך און פארדעקט פיין מיט די ווייסע קליינע בלעטלאך די קופע מיסט אונטער ר׳ שלמה מלך׳ס פענסטער, וואו עס ליגט דער אלטער איבער־געקערטער שליטן מיט׳ן דישעל ארויף, און אויף אים דראפן זיך באר־וועסע אינגלאך און קוקן אריין דורכ׳ן פענסטער צו ר׳ שלמה מלך אין שטוב אריין, ווי זאלן די אינגלאך ניט אנקווענלן, ווען זיי זעען: ווי אט דער אלטער ר׳ שלמה מלך ליגט אויפ׳ן בעט מיט׳ן קאפ אראפ, די יארמולקע אויפ׳ן קארק, די שטיוול איבערגעקערט, קרעכצט ווי א אידינע און פון צייט צו צייט טוט ער א געשריי: — איי גע־וואלט — עך שטא־א־רב... עך בין פארביי...!

נאר א קליינער שאלטיק, ביי ווען די חושים זיינען נאך גע־זונט, פריש און שארף, קען אזוי געזונט הנאה האבן פון דעם וואס זיינע אויגן זעען ווי פוקס. און טאקע דערפאר וואס פוקס אליין האט אזא גוואלטיקע הנאה פון דעם, וואס ער זעט, באליידיקן אונז ניט זיינע שילדערונגען, ווען אפילו ער ווייזט אונז עפעס אזוינס, וואס מיר זיינען געווענט צו האלטן פאר ניט עסטעטיש. ר׳ שלמה מלך איז איינער פון פוקסעס פארשוינען אינ׳ם שטעדטל, וואס האט אין מרחץ זיך אייגעהאנדלט א מכה און מען האט געמוזט רופן א רופא ער זאל זי אים האקן. די גאנצע מעשה וואס ער דערציילט דא איז ניט מער ווי אן אנעקדאט, וואס מאנכבילן וועלן נאר וואגן צו דערציילן, ווען זיי זיינען אליין, און ווען עס ציט צו ריידן אביסל נבול פה. זי וואלט זיכער ניט ווערט געווען דאס פאפיר אויף וועלכן זי איז אנגעשריבן געווארן, אבער א דאנק די דעטאלן, וועלכע פוקס שילדערט אזוי וואונדערלאך, ווערט דערפון א מייסטערהאפטע זאך. נעמט, למשל, די פאלגנדע שטעלע:

„נו, ווייזט נאר אהער, וואס איהר האט אזוינס גוטס...״ האט גע־זאגט דער רופא, וואס איז „צוגעקומען צום בעט מיט יענער קאלטער, מערדערלאכע גלייכגילטיקייט פון די דאקטוירים, וואס דעם מענטשנס לעבן האט ביי זיי ניט די ווערט א פרוטה, און ר׳ שלמה מלך האט אראפגערוקט די הויזן, מפקיר געווען זיין מעכטיקן הינטער־חלק אין יענעמס הענט. גרויס, קיילעכדיק און גלאנציק רויט מיט א שלעכטן ווייסן הייטל אויפ׳ן שפיץ, האט די מכה אויסגעזען ווי א גרויס, שרעקיק אויג מיט א בילמע, דאס אויג פון חולאת׳ן״.

מיר איז ניט באקאנט קיין איין אידישער שרייבער וואס וואלט געקענט צוטרעטן צו אזא ריזיקאלער שילדערונג און זאל זיך דערביי ניט פאר׳מיאוס׳ן אין אונזערע אויגן. אבער ווען מיר זעען דאס

דער אײנזל

בײ פּוקסן פאַרגעסן מיר אַז ס'איז אָנגענומען אַזױנס ניט צו װײַזן, נאָר צוזאַמען מיט אים האָבן מיר אױך הנאה פון דעם דאָזיקן בילד. מיר װערן אַפילו ניט אין כעס, װען פּוקס שעמט זיך ניט אונז צו װײַזן, װי פון גרױס פאַרצװײפלונג און אָנמעכטיקײט זיך אַקעגנצושטעלן איר מאַן, דעם אַלפאָנז מאַקסל, װאָס האָט זי מערדערלאַך געשלאָגן, דערפאַר װאָס זי האָט געװאַגט פאַר אים אין די אױגן צו האָבן מחזקות מיט זײַן שונא, און איצט שלעפּט ער זי אַהײם פון שענק, פאַרהײבט מיצי (די הױפּט־פיגור אין זײַן ערצײלונג „אונטער דער בריק") דאָס קלײדל און פּאַטשט זיך מיט דער פלאַכער האַנט איבער דעם נאַקעטן געזעס פאַר אַלעמען אין די אױגן און שרײַט דערבײ איבער דער גאַנצער גאַס: — דו קאַליקע... איר פאַרשאָלטענער... קום זיך גט'ן... צום ראַבינער קום... צום ראַ־בי־נ־ע־ר !...

די דאָזיגע שטעלן, װי אַלע אַנדערע ענלעכע, װאָס געפינען זיך בײ פּוקס'ען, באַלײדיגן אונז ניט, װײל מיר פילען, אַז זײ זײַנען אַרױסגעבראַכט געװאָרן ניט סתם אַזױ זיך לשם עפעקט, אָדער צו רײצן אונזערע נידעריגע אינסטינקטן, נאָר װײל דער מחבר האָט בשום אופן ניט געקענט צוריקהאַלטן פון אונז עפּעס אַזױנס פון װאָס זײַנע אױגען האָבען געשעפּט תענוג.

אױב עפּעס באַלײדיגט אונז יאָ בײ פּוקס'ן זײַנען עס דוקא מאַנכע שטעלן, װאו ער װערט סענטימענטאַל און הױבט אָן פילאָזאָפירן, װאו דער באַאָבאַכטער װערט אָפּגעשטופּט אין א זײט פון מאָראַליזירער. אָבער צו זײַן גליק פאַרמאָגט פּוקס גאַנץ װײניק אַזױנע שטעלן. דערפאַר אָבער איז ער פול מיט אַנדערע, װאָס װײַזן אַז דער זעלביקער פּוקס װאָס קען אַזױ װאונדערלאַך זען, קען אױך גאַנץ אָפט װערן שטומפּיג אױף דער ראיה, און דעמאָלט הױבט ער צו צוטראַכטן געשטאַלטן, סצענעס און סיטואַציעס, ממש װי אָפּאַטאַשו. אין אַזױנע פאַלן, הערן מיר אױף צו זען באַשטימטע זאַכן, װאָס יעדע אײנע האָט זיך איר אײגענע געשטאַלט און אָנשטאָט דעם קריגן מיר גענעראַליזאַציעס. סתם אידן און אידענעס, װאָס האָבן אַלע אײן צעשװאָומען, בשותּפות'דיג פּנים, און כדי די דאָזיקע צעשװאָומענקײט זאָל זיך ניט אַרױסזען, פאַרדעקט ער זי מיט דרײ און פיר גאָרנדיקע אַדיעקטיװן, װאָס זאָגן גאָר ניט און מײנען גאָר ניט. אָדער טאָמער װײַזט ער אונז אײנציקע געשטאַלטן זײַנען זײ, װידער װי בײ אָפּאַטאַשו'ן, פון יענעם סטערעאָטיפּנעם מין, װאָס איז אונז שױן װאױלבאַקאַנט פון אַלע שונדיסטישע דעטעקטיװ מעשיות און פון עקראַן. אין אַזאַ פאַל טשעפּעט ער זיך

דער אינזל

גלאַט צו צו אַן אויסערלאַכן דעפעקט, וואָס איז ביי אַלע שאַבלאָנע שרייבער שוין אָנגענומען פאַר אַ כלל, אַז ער סימבאָליזירט דעם אינערלאַכן כאַראַקטער, אָדער אַן איבערטריבן עקיקע אויסערליכע באַוועגונג, וואָס דאַרף כלומר'שט אויסדריקן אַן אינערלאַכן זעלען־צושטאַנד. אין אַזוינע שוואַכע מאָמענטן באַווייזן זיך ביי פוקס'ן יענע אַלע סמישנע קאַשקעטלאַך, קאַפעליושלאַך, רעקלאַך און געקעסטעלטע הויזן, וואָס גילטן אויף דער וואָדעוויל בינע און אין פילם אלס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אונטערוועלטישער וואוילאינגישקייט.

אָבער אפילו דער דאָזיקער חסרון קען פוקס'ן ניט פאַר'מיאוס'ן, ווייל ער איז געגוג קינסטלער צו דערפילן, אַז ווייט קען מען מיט אַזוינע שאַבלאָנען ניט אוועק, און ווען אפילו ער ווערט געשטרויכלט, כאַפּט ער זיך אָבער באַלד צוריק און דאַן לאָזט ער זיך ווידער פירן פון זיינע חושים, און זיי וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרפירן.

פאַקטיש איז ביי אונז ניטאָ נאָך איין וואָרט קינסטלער, וואָס זאָל האָבן אַזוינע שאַרפע און סענסיטיווע חושים ווי פוקס. ביי אים זיינען וואַך ניט נאָר אויג און אויער, נאָר אויך אַלע איבעריקע חושים. איך וואָלט זאָגאר זאָגן: אַלע זיינע אברים. אזא הונגעריקע זינלאַכקייט ווי ביי אים, איז זעלטן וואו צו טרעפן. גאַנץ אָפט, ווען מען לייענט זיינע אַ שילדערונג, קריגט מען דעם איינדרוק, ווי צווישן זיינע זינען וואָלט אָנגעגאַנגען אַ מין וועט־געיעג, וועלכער פון זיי עס זאָל זיך פריער אָפרופן אויף זאַכן און געשעענישן און וועלכער פון זיי זאָל זיך מער אָנזעטיקן מיט די עמפינדונגען. קוים שטעלט זיך אויף עפעס אָפּ איינער פון זיי, ציטערן באַלד אויף אַלע איבעריקע און פאַרלאַנגען גלייך אויך זייער חלק. און אָפט טראָגט ביי איהם איין חוש עפעס אונטער צו אַ צווייטן. ביים סוף פון זיין ערציילונג „צווישן ביימער”, ווען די צוויי זקנים ר' זעליג און ר' ליפע ליגן אויסגעצויגן אויפ'ן פייכטן גראָז פון סאָד, „ה ע ר ע ן (זיי) מיט רואיקער צופרידענער ע ר וו אַ ר ט ו נ ג, ווי דאָס טעפל וועטשערע צווישן די גליענדיקע קוילן קאָכט שטיל, זידט און זינגט אונטער...” ווען אַ אידענע שטופּט מיט אַ פינגער זריעה אין דער ערד אריין „ש מ ע ק ט שוין מיט די גרינע יונגע פריש־זאַפטיקע קרייטעכצער... וואס ווילן איבערנאַכט ארויסשפּראָצן גרינע יונגע שטענלאַך אַלע גלייך אין איין שורה...” דאָס אויער זאָגט אָן די בשורה דעם גומען און דער פינגער זאָגט אָן אויף וואָס עס מעגן זיך ריכטן די נאָז און דאָס אויג. אויף אַזוינע שטעלן קען מען אָנווייזן אין פוקסעס צוויי ביכער אויף יעדן זייטל כמעט. אָבער אין

ערגעץ, דאַכט זיך מיר, ווייזט ער ניט אַרויס אַזאַ שאַרפע זינליכע עמפינדלאַכקייט ווי אין דעם פאָלגענדן פּאַראַגראַף, וואָס איך נעם אַרויס פון זיין ערציילונג „ביינאַכט”:

„דער קליינער שמעון, וואָס איז געשלאָפן מיט דער מאַמען, האָט זיך טיפער אַרונטערגערוקט אונטער דעם גראָבן הייסן איבערבעט. צונויפגעדרייט ווי אַ קעצל, דאָס פּנים צווישן די מאָגערע שפּיציקע קני, איז אים געווען גוט אַזוי מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און גע־שפּיצטע, וואַכע אויערן שאַרף אָנגעשטרענגט, לאַנג זיך איינצוהערן אין דעם שטילן, לייכטן קלאַפּן, וואָס עמיצער אין דער פינסטערער נאַכט, האָט געקלאַפּט אין דער שוואַרצער שויב. אונטערברומענדיק מיט אַ ווידערקול, האָט דאָס שרעקיקע קלאַפּן טיף אָפּגעציטערט אין אינגעלס וואַכן געמיט, ווי די קלעפּ אויף אַ פּייקל. און ווי פאַרלוירן אין זיין טונקעלן פּחד האָט זיך איצט געשטאַרקט דאָס צאַפּלען פון זיין נפש אין אַ פאַרהוילענעם באַגער צוצורוקן לייכט, לייכט זיין קליין פיסל צו דער מאַמעס הייסע זייט...”

אַזוי אָנגעשטרענגט שאַרף, שרעקיק און פלאַטערדיק־אַנגענעם זיך צוהערן צו אַ קלאַפּן אין מיטן נאַכט, אַז דער לייב זאָל דערפילן אַ ציטערדיקן פאַרלאַנג זיך אָנצורירן אין אַ צווייטן לייב, דאָס קען טאַקע נאָר אַזאַ קליין אינגל ווי שמעון, ביי וועמען אַלע חושים זיינען נאָך פריש און וואַך ווי ביי אַ חיה, און אַזאַ קינסטלער ווי פוקס.

אַ דאַנק זיינע פיינע חושים נעמט פוקס אויף ניט בלויז דאָס אויסערליכע און אויבנאויפיגע פון מענשען, זאַכען און ערשיינונגען, נאָר אויך זייער טיפערן אינהאַלט, זייער תוך, זייער נשמה, וואָס אַנט־פּלעקט זיך אַלעמאָל אַ נייע און אַלעמאָל אַן אַנדערע אין דער געשטאַלט פון די זאַכן גופא.

אבא שטאָלצענבערג :

פון גלינע מיין שטאָט.

פון דער פּאָמפּע און פון שטומן וואַסער־טרעגער,
פון אַפּטייקער וואָס איז מאָגנליידנד,
פון יאַרידים און פון זאַגראַם טרעגער
און פון דבורה קאַטשקעלוויכעס קאַנען,
וואָס זייען בלוטיג באַרשט אין ווינטער,
און פון מאַראַזן דעם גוי פון צווינטער,
וועל איך היינט דער וועלט דערמאָנען. —

דער אינזל

ס׳פליען פעדערן פון אויסגעפליקטע יאָרן,
ס׳קאַפּעט בלוט פון אויסגעקראַצטן מולטער,
ס׳שרייען נעגל, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן:
„בעסער וואָלט מען ניט געווען געבוירן!"
ס׳שווענקט דער שולטייך אָפּ דאָס פּעטס פון טעלער,
ס׳פּאַרן זיך דער זון אָקעגן, מיסטן,
ס׳גייט מיט פּנים פּינסטערן פאַרוויסטן,
אַ מענש וואָס איז געווען צעלעגט אויף טעלער.
געוואָרגן האָט מען זיך מיט אים ביים לאַכן,
פאַרשיט מיט זאַלץ האָט אים אַ יעדערער די וואונדן,
און קוים דערזען אים — פלעגט מען זיך פאַרקייכן,
און מיט ווערטער, ווי מיט שטיינער, אין קאָפּ אריין איהם טראַכן.

זשאַנדאַר הונדז.

געווען אמאָל חברים צוויי און דו דער דריטער.
צוויי זיינען שוין פון לאַנג ניט מער דעם קאַיזערס היטער.
אויפ׳ן צווינטער לייכטן זייערע טשאַקעס און די זעבל —
דמיטער האָט געהייסן איינער און דער צווייטער שוועבל.
דיין טשאַקע מיט׳ן פּיקלהויב און גאָלדענע מעדאַלן —
הונדז, אָך, הונדז, וואו זיינען זיי פאַרפאַלן?
זיי וואָלטן דאָך געקאָנט דערציילן,
וואָס עס האָט צו זייערע פיר איילן
פאַר דער צייט געפירט די חברים דיינע.

געווען איז דאָס ווען דמיטער האָט געקיילט אַ חזיר
און שוועבל האָט צושטיי׳ר געגעבן צו דעם פּראַזניק,
און דו ביזט גלאַט אזוי געקומען טרינקען, עסן,
כדי דעם נאָגנדיקן וואָרים צו פאַרגעסן.
געווען איז דאָס גלייך נאָך די טאָוסטן פאַר אַ יעדנס מזל,
פאַר׳ן לאַנגן לעבן און פאַר גוטער עלטער דעם קייזער יאָזעף פראַנצן,
ווען מען האָט צוקושט זיך און אוועקגעלאָזט זיך טאַנצן.
— געדענקסטו, דמיטער ברודער, אין סערביע אין די שאַנצן,
ווען זיבן טעג מען איז געווען ארומגערינגלט פון באָסניאַקעס,
נאָר אז פון ווייטנס האָבן זיך באוויזן אונזערע אולאַנערס טשאַקעס,
איך— צום זעבל, דו— אגעוואַלט: פאַרוואָס ניט אונטערלויפן שוועבל,

דער אײנזל

אזוי אין פּלײצע האַקן ס'זאָל אזש גײן א רויך,
און ליפּן ביז צום טויט ווי לאַנג ס'וועט סטאַיען כח ?
העי, וויפיל קעפּ מיר האָבן פריינעלאָזט פון אקסלען !
— געדענקסטו, שוועבל ברודער, דעם באַל פון די הוזאַרן
ווי דו האָסט צו מײן דאַמע זיך גענומען שאַרן,
און מיך פאַרשעמט אין מענשנס אויגן, געררופּען : שוויין, דו פּאָלאַק !
צי ווייסטו, אז עס איז נאָך שטאַרק גענוג מײן קולאַק,
וואָס קאָן א זעבל האַלטן און צעשפּאַלטן אזא שוואָם ווי שוועבל ?

און צי געדענקסטו, הונדז, ווי זיי זײנען ווילד געוואָרן,
ווי צוויי ביקלאַך ווען א האָרן שטויסט זיך אין א האָרן,
און ווי זעבלען האָבן זיך געקושט, די פּנים'ער געווישט,
און ווי בלוט האָט געקאַפּעט, דעם ברוק פאַרכליאַפּעט,
און ווי דו האָסט געשריגן ווען זיי זײנען שוין געלעגן
טויטע מתים אײנס דעם אַנדערן אקעגן ?

און צי געדענקסטו, הונדז, ווי די בעסטע צוויי חברים
מ'האָט געפירט אויף צווינטער,
דו ביזט אַליין געבליבן צו מוטשען זיך א ווינטער נאָך א ווינטער,
ביז וואַנען גאָט האָט זיך דערבאַרימט
און דײן פאַרשטאַרטן גוף אויף זײן פּאָטערלאַכן שוים דערוואַרימט.

זישאָ לאַנדוי :

דער נײער נשמה פאַרזאָרגער

פון אַלע פּאַראַזיטן איז דער מיאוס'טער, איז דער עקלהאַפּט־סטער דער נשמה פאַרזאָרגער.

דאָס איז א מיזאַנטראָפּ, ניט קוקנדיג, וואָס ער רעדט שטענדיג פון ליבע צום מענטשן. זײן אמת'ער ציל אין לעבן, זײן אמת'ע אויפ־גאַבע איז צו דערנידעריגן, צו דערשלאָגן איטלאַך מענשלאַך געפיל.

כמעט שטענדיג מאָגער, קאַרג, אָן א שמייכל אויף דער נשמה, גייט אָן א זייט, שאַרט זיך כמעט ביי דער וואַנט, גלויבט ניט קיין מענטשן, און נאָך ווינציקער זיך אַליין ; אָט דער געפיל קומט ניט צו אים פון צווייפל, פון אומזיכערקייט, פון מורא צו שטעלן אויף זיך ; ניין, אים זײנען פרעמד אײדעלערע געפילן, עס קומט צו אים פּשוט פון ניט פאַרגינען, ער קען זיך אָרגאַניש ניט פאַרגינען דאָס פאַרגעניין

דער אינזל

צו גלויבן אַ מענשן, מעג דער מענש זיין ער אַליין.

פון דעם ניט פאַרגינען שטאַמט זיין פאַראַכטונג צו מענשן און פון זיין פאַראַכטונג צו מענשן — זיין איבערנאַטירלאַכע פאַרגעטע־רונג פון פּרינציפּן, געדאַנקען, אידייען, וואָס האָבן ניט אויפגעשפּראָצט אין זיין וועזן, נאָר זיינען געקומען צו אים פון פרעמדע ביכער אָדער פון זיין אייגענעם קאָפּ, — צוויי ניט גאַנץ ווירדיגע שטאַמען.

אים אַרט ניט וועלכע געדאַנקען, וועלכע פּרינציפּן ער פאַרטיי־דיגט, ער וועט זיי בייטן ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילו אויף דעם, ווייל עס אַרט אים ניט דער גאַנצער ענין: יעדער מענש דאַרף האָבן אַן אנהאַלט אין לעבן און אַזוי ווי דער טיפּישער נשמה פאַרזאָרגער האָט בלויז עקל צו פלייש און בלוט, האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו פּרינציפּן, צו אַ טויטן — פאַר אים טויטן — געגנשטאַנד און לאָזט אים ניט אָפּ. ער וועט זיך האַלטן ביי פּרינציפּן וואָס ער האָט איינ־געחזר'ט אין זיין יוגנט און וועלכע האָבן זייער אמת שוין לאַנג פאַר־לאָרן. אָדער ער וועט גיין פאָראויס, בייטנדיק לויט דער מאָדע זיינע — אומשטיינס געזאָגט ז י י נ ע— אָנזיכטן און שטאַנדפּונקטן. אים אַרט ניט דער אמת, אים אַרט ניט קיין נשמה, אַבי גיט אים נאָר אַ מעגליכקייט צו ריידן וועגן נשמה, וועגן אמת.

אומזיסט וועסטו זוכן ביי אים אַן עצה. ער קען דיר דאָס ניט געבן, ער האָט מורא זי דיר צו געבן, ווייל אַן עצה קען מען אָפּפרעגן, און ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן, האָט מורא צו ענטפערן. דאָס מיינט דאָך אריינציען זיך אין אַ שמועס און ער ציטערט צו טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט אַן אנדערענס מיינונג. ער איז בלויז גרייט דיך צו לערנען, מוסר'ן דיך, געבען דיר באַפעלן, וואָס דו דאַרפסט בלינדערהייט אויספאָלגן. ער קוקט אויף דיר ווי אויף אַ תלמיד און האָט דיך פיינט שנאת מות, ווען עס באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף דיין פּנים. ער פאַרדעכטיגט, אַז דאָס לאַכסטו פון אים. ער איז גרייט דיך צו שמייסן מיט ווערטער ווי דער מלמד מיט'ן קאַנטשוק דעם תלמיד, וואָס האָט מיט אַ פייערל אין די אויגן זיך פאַרקוקט אויף דער ציג אין הויף, אויף דעם שטראַל פון דער זון, וואָס טאַנצט אויף דער וואַנט, צי גאָר אויף דעם מלמדס רויט קעפּיקער טאָכטער, וואָס איז נאָר וואָס פאַרביי דאָס צימער.

וואו אומגליק, וואו עס אייטערט נויט, אָפּהענגיקייט און הילפ־לאָזיגקייט, צובליט ער זיך. מיט אַן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ און צו־נויפגעדריקטע ציין טראָגט ער אונטער די תורה פון ליבע צו דערשלאָ־גענע, פאַרהונגערטע אידישע אימיגראַנטן. דאָס איז דער אַלטער נשמה פאַרזאָרגער, דער נייער גייט אויף דעם זעלבן וועג און נוצט

אויס די זעלבע מיטלען. ער שאַרט זיך צו צו מענשן, וואָס קענען זיך קיין עצה ניט געבן, וואָס זיינען הפקר אין די הענט פון דעם שיקזאַל אָדער אומשטענדן. דער טיפּישער נשמה פאַרזאָרגער וועט זיך ניט באַנוצן מיט ווייזן זיי ווי זיי קענען זייער לאַגע פאַרבעסערן, דאָס איז ווייניג פאַר אים. ער מוז זיך נאָך נעמען צו פאַרזאָרגן זייער נשמה.

עס איז אַן אינסטינקטיווער שרעק ביי אים, אַז דער קרבן אויף וועלכן ער האָט געוואָרפן אַן אויג זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן פון זיינע הענט. אויב דער קרבן זיינער זאָל ווערן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק איז דער נשמה פאַרזאָרגער קאַפּוט. ער וועט זיך דאַמאָלט ניט לאָזן קיין עצות געבן פון אַ ניט געבעטענעם.

דער נשמה פאַרזאָרגער, דער נייער ווי דער אַלטער, איז ניט דער חסיד, וואָס וויל מיט זיין פייער אָנצינדן דאָס קאַלטע האַרץ פון אַ צווייטן. עס איז דער מתנגד, דער מענש פון געזעץ, וואָס וויל דעם צווייטן אַרויפפירן אויפ'ן דרך הישר. ווען עס געלינגט דעם חסיד, איז זיין נייער חבר זיין גלייכן, ער ווערט צו אים נאָך מער, נאָך צערטלאַכער צוגעבונדן. מיט'ן מתנגד איז פּונקט פאַרקערט: ער האָט מיט דיר שוין מער ניט וואָס צו טאָן אויב דו נעמסט אָן זיין אמת, דו ווערסט אים נאָך פרעמדער, ער וויל פון דיר וואָס שנעלער פּטור ווערן, ווייל ער האָט דיך אין תוך ניט ליב. ביז איצט האָט ער נאָך געהאַט אַן אורזאַך פאַר אַזאַ געפיל צו דיר: אַ נידעריקע באַשעפעניש. איצט איז די אורזאַך פאַרשוואונדן, אָבער דער געפיל צו דיר איז ביי אים געבליבן דער זעלבער. ער טראָגט זיך אָפּ, וויל קיין מגע ומשא ניט האָבן מיט דיר.

מיר דאַרפן בכלל האָבן אין זינען אַז דער גאַנצער ענין פון אויסבעסערן אימיצענס געשמאַק, צו פאַראיידלען אימיצנס אַ נשמה, ערלויבט מען זיך בלויז דאַמאָלט ווען יענער, וואָס דאַרף אויסגעאיידלט ווערן איז האַלב הונגעריק און איז אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. דאָס טוט דער באַלעבאָס מיט אַרבייטער וועלכע אַרבייטן ביי אים פאַר אַ הונגער לוין, ער וועט ניט דורכלאָזן אַ געלעגנהייט ניט צו דערמאָנען זיי, אַז זיי זאָלן ניט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, אַז מען דאַרף האָבן גאָט אין האַרצן. דאָרט וואו דער אַרבייטער קריגט גוט באַצאָלט און איז מער אָדער ווייניקער זיכער מיט זיין עקזיסטענץ און וואָלט דורך דעם געהאַט אַ מעגליכקייט צו פאַרטראַכטן זיך אַביסל וועגן גאָט, וועגן גערעכטיגקייט, איז ניטאָ ווער עס זאָל אים וועלן ווייזן דעם ר י כ ט י ק ן וועג: קיינער וועט דאָס ניט וואַגן. און בלויז צו אָפּגעשטאַנענע, האַלב הונגעריקע אַרבייטער

און פויערים ערלויבט זיך דער נייער נשמה פאַרזאָרגער צו ווענדן מיט זיין פּרעדיגט.

בלויז בהמות טראַקטירט מען אַזוי, ווי אונזערע נייע נשמה פאַרזאָרגער באַהאַנדלען דעם אָרעם מאַן. דאָס לעבן פון דער בהמה ווערט רעגולירט לויט די פאָדערונגען פון דער פלייש אינדוסטריע און פון דעם לעבן פון אָרעם מאַן ווילן די נייע נשמה פאַרזאָרגער ארויס־קוועטשן יעדען טראָפּן פרייד אין נאָמען פון דער קומענדער געזעל־שאַפטלאַכער אָרדנונג. זיי ריידען מיט טויטע, אומווירדיקע רייד.

עס איז אומווירדיק, עס איז געמיין אַלץ וואָס עס פּרעדיקט דער נייער נשמה פאַרזאָרגער. צי עס איז פּראָלעטאַרישע קונסט, צי עס איז די באַציאונג צווישן געשלעכטער, צי עס איז באַציאונג צווישן מענשן. פאַר זיך אַליין זיינען די אַלע דערמאָנטע און ניט דערמאָנ־טע ענינים מסתמא תוך, בלויז אויף דעם וועג ווי ער טראָגט זיי אונטער, בלויז אין זיין מויל ווערן זיי ליגן.

ר. אייזלאַנד:

מר. גוסטאַוו גילדנער

ראָמאַן.

דוד קאַזאַנסקי׳ן
אַ מתנה.

.1

ווי אַלט ער איז געווען, ווען זיין פאָטער איז אַוועק פון דער היים, דאָס האָט גרשון ניט געוואוסט. ער האָט נאָר געדענקט, אַז איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט, ווען ער איז נאָך געווען זייער קליין, האָט זיין מוטער זיך פלוצים צעוויינט און וויינענדיק געכאַפּט זיין אינגערן ברידערל שימעלע, אים געטוליעט צו זיך און זיך נאָך העכער צעוויינט. דערנאָך האָט זי אויך גיך געכאַפּט די טערקישע שאַל אויף די אַקסל, גענומען שימעלען אויף דער האַנט און אים אַליין ביים הענטל, און אַ וויינענדיקע זיך געלאָזט לויפן מיט זיי צום זיידן. ביים זיידן אין שטוב האָט זיך די מאַמע נאָך מער צע־וויינט און מיט איר האָט אויך געוויינט די באָבע. נאָר דער זיידע האָט געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ אין דער ברייט און געשריען הויך אויפ׳ן קול. יענעם אויף־דער־נאַכט האָבן זיי געגעסן וועטשערע ביים זיידן און דערנאָך זיינען געקומען דער פעטער זלמן און דער פעטער וואָלף און עפּעס אַ אידענע, וואס ער האָט ניט

געקענט און ביי וועלכער עס האָבן שטאַרק געציטערט די הענט און דאָס קול. דער זיידע מיט די פעטערס זיינען געזעסן ביים טיש און עפעס שטיל און אָנגעצויגן גערעדט צווישן זיך. דער פעטער זלמן האָט דערמאָנט זיין פאָטער'ס נאָמען און זיך צעשריען אויף א קוויטשיק קול: מען דאַרף אים ווייזן דעם שיי־גאַץ! נאָר דער זיידע האָט ווי פריער א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט, אַזוי אַז דער פעטער זלמן איז אנטשוויגן געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָט גרשון געוואוסט, אַז ווען דער זיידע גיט אַזא שאָקל מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט איז ער שטאַרק בייז.

אביסל שפעטער איז געקומען א הויכער שיינער איד מיט אן אויסגעגלעטער רויטער באָרד און מיט א גאָלדן קייטל איבער א סאַ־מעטן וועסטל. די צוויי פעטערס האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַר אים, די ווייבער האָבן זיך אָפּגערוקט פון טיש אין א ווינקל און די באָבע האָט אריינגעשריגן אין קיך צו דער דינסט זי זאָל ברענגען טיי מיט צובייסן. וואָס ווייטער איז געווען יענעם אויף־דער־נאַכט, האָט שוין גרשון ניט געדענקט זייער קלאָר. עפעס האָט ער זיך יאָ דערמאָנט, אַז שימעלע איז איינגעשלאָפן ביי דער מאַמען אין שויס מיט אַן אָפן מויל, און די פרעמדע אידענע האָט מיט אירע ציטערדיקע פינגער גע־גראַבלט אין זיין קעפל. ער, גרשון אַליין, האָט געפונען דאָס שאַכטל פון זיידנס ברילן, און דערמיט זיך געשפּילט אַזוי לאַנג ביז עמי־צער האָט אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוועלאַך, און א וואַרימקייט האָט אים ארומגענומען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז געווען פינסטער און ער האָט זיך געפילט צונויפגעדריקט צווישן א גרויסן, שווערן גוף און דער וואַנט. וואו ער געפינט זיך האָט ער ניט גע־וואוסט. נאָר געפילט האָט ער, אַז ניט אין זיין אייגענעם בעט. עפעס איז אים געוואָרן אומהיימלאַך און ער האָט זיך צעוויינט הויך אויפ'ן קול. פון דער פינסטער האָט זיך דערהערט דער באָבעס קול: מרדכי! מרדכי! דאָס קינד! — און דער שווערער גוף האָט זיך אויס־געדרייט מיט'ן פנים צו אים. א ברייטע וואַרימע האַנט האָט געזוכט זיינע א באַק און זי גענומען גלעטן. אים איז געוואָרן היימלאַכער, נאָר וויינען האָט ער דאָך ניט אויפגעהערט, ביז ער האָט דערהערט דעם זיידנס קול — נו, שא, קינד. נו, שא! — ער האָט פונדעסטוועגן ווייטער געוויינט ביז דער זיידע האָט אים אַרומגענו־מען מיטביידע הענט און ער איז איינגעשלאָפן אויף זיין וואַרים האָריק האַרץ.

אויף־צו־מאָרגנס איז ער אין חדר ניט געגאַנגען. אויפ'ן צווייטן טאָג אויך ניט. נאָר אויפ'ן דריטן טאָג איז געקומען דער באַהעלפער, אים איינגעוואַשן, געזאָגט מיט אים „מודה אני“ און דערנאָך אים

דער אינזל

אריינגעפירט אין זיידנס געוועלב, וואו די באָבע האָט אים געגעבן קאַווע, צוויי שטיקלאַך ברויט מיט פּוטער, און א שקאַרמיצל מיט צו־קערלאַך, און נאָכדעם ווי זי האָט אים געקושט און באַנעצט זיינע באַקן מיט טרערן, האָט אים דער באַהעלפער גענומען ביים הענטל און אוועקגעפירט אין חדר אריין. פונ'ם חדר האָט אים דער באַהעל־פער מער ניט געבראַכט צום זיידן, נאָר אַהיים, וואו ער האָט ווידער געפונען די מוטער און שימעלען. דאָס מאָל האָט די מאַמע שוין ניט מער געוויינט, נאָר די באַקן האָבן איר געפלאַמט, גלייך ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אָפּגעווישט די טרערן. די רויטע פלעקן זיינען שוין קיינ־מאָל מער ניט אַראָפּ פון זיין מוטערס באַקן, און יעדעס מאָל ווען גרשון האָט א קוק געטאָן אויף איר האָט ער זיך דערמאָנט אָן יע־נעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פלאַמען אַזוי אירע באַקן נאָך פון יענעם געוויין.

אינ'ם שטיבל מיט'ן אַלקער, וואו זיין מאַמע האָט גע־וואוינט, האָט זיך גאָר ניט געביטן. נאָר אַז מען האָט א קוק געטאָן אויף זיין מוטער, האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס פעלט דאָרט. גרשון האָט געוואוסט אַז פעלן פעלט דאָרט זיין טאַטע, נאָר געפילט האָט ער עס ניט. אים האָט ער ניט געפעלט. די ערשטע צייט פלעגט גרשון, אַהיים קומענדיק פון חדר און אָפּעסנדיק וועטשערע, אָפּט אוועק־לויפן צום זיידן. ער האָט געדענקט ווי דעם זיידנס ברייטע האַנט האָט אים יענע נאַכט אַזוי געגלעט, און ער האָט געוואָלט דאָס פילן נאָכאַמאָל. גאַנץ אָפּט פלעגט ער אַזוי בענקען נאָכ'ן זיידנס א גלעט, אַז ער פלעגט זיך אַזש צונויפקאָרטשן פון דעם ערוואַרטעטן תענוג. אָבער דער גלעט איז מער ניט געקומען. און דער זיידע האָט אים מערסטנס אַפילו גאָר ניט באַמערקט. בלויז די באָבע פלעגט אים אַמאָל צורופן, אים אָפּווישן דאָס נעזל און אַמאָל אויף א קוש טאָן אויפ'ן שטערן. אָבער עפּעס האָט ער דאָס ניט ליב געהאַט. צי דערפאַר וואָס זי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אים אָפּצוואווישן דאָס נעזל, צי דערפאַר ווייל זי פלעגט דערביי אויך קיינמאָל ניט פאַר־פעלן צו צולייגן מיט א וויינענדיק קול: „לעבעדיקער יתום נעבאַך!" דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. נאָר ער האָט עס ניט ליב געהאַט.

מיט דער צייט, ווען זיין ברודערל שימעלע איז אונטערגעוואַקסן און איז שוין אויך געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט גרשון אינגאַנצן אויפגעהערט גיין אין דער וואָכן צום זיידן. געקומען אַהיים פלעגט ער מיט שימעלען אַראָפּ אין מאַרק, געפינען דאָרטן חברים און זיך שפּילן אַזוי לאַנג ביז עס האָט זיך דערהערט דער מוטערס קול פון פענסטער, וואָס האָט זיי גערופן שלאָפן. דערפאַר אָבער פלעגט ער

דער אינזל

קיינמאָל ניט פאַרפעלן צו גיין אַהין שבת. ווען די באָבע האָט פון אַ ברייטן ווייסן פאַרטוך מיט שפּיצן געטיילט שבת־אויבסט אַלע אייניקלאַך, און טיילמאָל פלעגט ער זיך דאָרטן אויך אַריינכאַפּן אַ דאָנערשטאָג אויף־דער־נאַכט, ווען רישעלע די דינסט פלעגט אים אַריינצײלן אין קעשענע עטלאַכע ראָזשינקעס מיט מאַרענצלאַך, וועל־כע זי האָט אַרונטערגע׳גנב׳עט פון די ראָגעלאַך וואָס זי וועט מאָרגן באַקן אויף שבת. רישעלע האָט אַפילו אויך געהאַט די מיאוס׳ע טבע צו פאַרקרימען דאָס פּיסקל ווי פאַר אַ געוויין און דערביי אויך צו דערמאָנען אַז זי איז אַ לעבעדיקער יתום נעבאַך. נאָר ווען זי האָט עס געטאָן האָט אים ניט געאַרט.

דאָנערשטאָג אויף־דער־נאַכט וואָלט ער סאַי ווי ניט פאַרבליבן אין דער היים ווען אַפילו עס זאָל ביי דער באָבן ניט געווען זיין די דינסט רישעלע, וואָס גיט אים ראָזשינקעס מיט מאַרענצלאַך. ווייל דעמאָלט איז די היימישע שטוב געווען פאַרלעגט מיט גרויסע קרענץ ציבעלעס, שוואָמען און קנאָבל; אויף די צוויי בעטן אין אַלקיר זיי־נען געווען אָנגעשיט בעבלאַך און אָפּטמאָל פלעגט שטיין אין אַ ווינקל אַ קליין טאָרבעלע מיט תבואה, אַ קאָשיקל אייער און נעבן בעט פלעגן ליגן געבונדענע הינער. גאַנץ אָפּט פלעגט ער אַהיים קומענדיק פון חדר אויף געפונען טרפה׳נע פּוטער, וואָס די פויערטעס האָבן יעדן דאָנערשטאָג געבראַכט פון די דערפער, ווינטער אין ערדענע טעפּ און זומער איינגעוויקלט אין גרויסע בלעטער, וואָס פון איין זייט זיינען זיי געווען גרין און פון דער צווייטער זייט ווייס ווי זילבער. גרשון האָט ניט ליב געהאַט צו זיין אין שטוב ווען דאָרטן האָבן זיך געפונען די אַלע זאַכן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין מוטער קויפט זיי אויף יעדן דאָנערשטאָג אויפ׳ן יאַריד, און אַז זי שעמט זיך דער־מיט, ווייל עס שטייט איר ניט אָן צו זיין אַ פּשעקופּקע. וואָס עס איז אַזוינס אַ פּשעקופּקע, און פאַרוואָס מען דאַרף זיך שעמען דער־מיט, דאָס האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט אָבער געהערט ווי זיין מוטער האָט אַמאָל גערעדט וועגן דעם מיט דער באָבן און געזען ווי ביידע האָבן זיך דערביי געווישט די אויגן, און געשאָלטן דעם טאַטן זיינעם, דעם „שוואַרצן ימח שמו׳ניק, נאָטעלע שייגעץ“, וואָס האָט זי געבראַכט אויף אַזאַ מערכה, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס ניט גוט, און אַז מען דאַרף זיך שעמען דערמיט. שפּעטער האָט ער מעהר ווי אַלץ ניט געקענט פאַרטראָגן צו זען אין דער היים די קרענץ שוואָמען צוליב אַזאַ מעשה:

איין דאָנערשטאָג האָט ער מיט נאָך אײנגלאַך זיך אַרויסגע־גנב׳עט פון חדר און איז מיט זיי געגאַנגען באַקוקן דעם יאַריד אויפ׳ן מאַרק. און ווי זיי האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט צווישן ביידלאַך און

דער אײנזל

פויערישע װעגענער, צװישן פערד, קי און קװיטשנדיקע חזירים, צװישן געשטעלן אויף װעלכע ס'זײנען געװען אויסגעלעגט פאַרשידנע קאָלירטע רעשטלאַך און אַנדערע, װאָס זײנען געװען באַהאַנגען מיט לעדערנע רימענס און שטריק; צװישן גוי'איש'ע בעטלערס װאָס האָבן געשפּילט אויף באַנדורעס און שיקסלאַך קאַליקעס װאָס זײנען געזעסן אויף װעגעלאַך און געזונגען לאַנגע צעצויג'ענע לידער; צװישן קופּעס ערדענע טעפּ און שיסלען און צװישן פּויערטעס װאָס זײנ'ען געזעסן אויף דער ערד נעבן קופּקעלאַך מיט אײער, בעבלאַך, ציבעלעס, קנאָבל, שװאָמען און אַנדערע זאַכן, האָט אים פּלוצים אײנער פון די אינגלאַך אַ צופּ געטאָן בײם אַרבל און אויסגעשריגן: — גרשון, דײן מאַמע! דאָס איז געקומען אַזױ פּלוצים, אַז ער האָט אַ שפּרונג געטאָן װי פון אַ ברי פון אַן אײזן. אַ װײַלע זײנען אים די אויגן געװען װי פאַרשטעלט. באַלד אָבער האָט ער דערזען װי זײן מוטער רײסט אַ קראַנץ שװאָמען פון אַ פּויערטעס האַנט, און שרײט דערבײ מיט אַ באַנומען קװיטשיק קול אויף פּויליש, און די פּויערטע האַקט איר איבער די פינגער מיט איר גראָבער און רױטער האַנט און מיט אַזאַ רציחה, אַז אַלע צײן קוקן איר אַרױס פון מויל. גרשון האָט זיך אַזױ פאַרשעמט און ס'האָט אים אַזױ פאַרקװעטשט בײם האַרצן, אַז ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זײנע חברים און איז אַנטלאָפן. װען ער איז יענעם פאַרנאַכט אַהײם געקומען פון חדר, האָט ער לאַנג זיך געשעמט קוקן אויף זײן מוטער, װײל אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער װעט זי זען אַ פאַרװײנטע. װען ער האָט אָבער אַביסל שפּעטער אויפגעהויבן די אויגן און געזען װי די מוטער האַלט אַן עוף אין אײן האַנט און װעגט עס און מיט דער אַנדערער באַטאַפּט זי אַ קראַנץ קנאָבל, די צעפּלאַמטע באַקן אירע זײנען צעצויגן אין דער ברײט פון הנאה און די אויסגעװײנטע אויגן שמײכל'ען, האָט ער זי פאַר עפּעס ניט געקענט אָנקוקן, און עס האָט געדױערט עטלאַכע טעג אײדער ער האָט געקענט פאַרטראָגן װען זי האָט גערעדט צו אים.

גרשון איז אַלט געװען נײן יאָר, װען עס איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון זײן טאַטן. ג'װען איז דאָס אין אַ שבת, גלײך װי מען איז געקומען פון דאַװנען. די מאַמע, װאָס האָט געהאַלטן בײם אויסטאָן פון זיך דאָס געפּאַסטע שבת'דיק זײדענע יאַקל מיט די סטאַלקעס, דאָס אײנציקע שטיקל שבת'דיק מלבוש, װאָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון אירע חתונה־קלײדער, האָט, דערזעענדיק דעם בריוו־טרעגער, פאַרגעסן אַז זי איז האַלב נאַקעט און מיט אַ געשרײ: „אוי, פון נאָטען!“ זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר. דער בריוו־טרעגער האָט האַלב אויף פּויליש און האַלב אויף אַ גוי'איש'ן אידיש זיך

געוויצלט ווען ער האָט איר איבערגעגעבן דעם בריף, און ווי איינער וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין אַלע הייזער, האָט ער פאַרלאַנגט ניט אַנדערש זי זאָל אים געבן צוויי טרינק בראָנפן. וואָרים אָט האָט ער איר דאָך געבראַכט אַ בריף פון איר מאַן, וואָס האָט פון זיך אַזוי לאַנג ניט געלאָזט הערן. גרשון איז געשטאַנען און האָט אָנגעקוואָלן פון דעם גוי'אישן בריף־טרעגערס אידיש רעדן און זיך געוואונדערט פון וואַנען ער וויים אַזוי אַלץ. ער איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט דעם בריף־טרעגער, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן, וואָס יענער האָט געבראַכט אַזוינס און גאָר ניט באַמערקט ווי זיין מאַמע, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ האַלב נאַקעטע, ציטערט אַזוי שטאַרק אַז ס'איז איר שווער אָנצוגיסן אַ גלעזל בראָנפן פאַר דעם בריף־טרעגער. ערשט ווען יענער איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען האָט ער דערזען ווי זי גיט זיך אַ וואַקל און פאַלט צו דער ערד אַ גע'חלש'טע.

ווער עס האָט אָנגעהויבן שרייען, ער צי זיין ברודער שימעלע, דאָס האָט גרשון ניט געדענקט. ער האָט נאָר געזען שפּעטער, ווען די מאַמע זיינע איז שוין געלעגן אויפ'ן בעט אַ דערמינטערטע און די שטוב איז געווען פול מיט שכנים, אַז שימעלע שטייט נאָך אַלץ אַ דערשראָקענער נעבן דער שאַנק און שרייט. דער טומל אין שטוב האָט אָנגעהאַלטן ביז עס איז געקומען צו לויפן פּנחס'ל רופא און געגעבן זיין מאַמע שמעקן פון עפּעס אַ פלעשעלע פון וואָס אויף אירע באַקן האָבן זיך ווידער בּיסלאַכווייז באַוויזן די רויטע פלעקן ווי אַלעמאָל. דער פעטער זלמן איז אָנגעקומען און דער פאַרמידער עולם האָט זיך בּיסלאַכווייז אָנגעהויבן ארויסרוקן. זיין מוטער איז געלעגן אויפ'ן בעט מיט צוגעמאַכטע אויגן און געקרעכצט. ערשט ווען עס זיינען אויך געקומען צו לויפן דער זיידע מיט דער באָבן, האָט זי זיך אַ הייב געטאָן, דערשראָקן צעעפנט די אויגן און אויסגעשריען:
„דער בריף!“

אַלעמענס אויגן האָבן אָנגעהויבן זוכן אויפ'ן דיל. דער בריף איז אָבער נאָך אַלץ געווען צונויפגעדריקט אין איר רעכטער האַנט, און ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט אַז ער איז ניט קיין געעפנטער, און אַז גרשון דאַרף ארויסלויפן אין גאַס זוכן אַ שבת־גוי. ווען ער איז צוריק געקומען מיט דעם אָפענעם בריף, האָט זיך די מוטער האַלב אויפגעזעצט אין בעט און אָנגעלענט אויף איין האַנט און דער פעטער זלמן האָט אָנגעהויבן לייענען הויך אויפ'ן קול.

לייכט איז אים דאָס ניט אָנגעקומען. וואָרים דער בריף איז געווען געשריבן אויף עפּעס אַ מאָדנעם לשון און פול מיט אַזוינע האַרבע ווערטער, וואָס זיינען פאַר אים געווען שווער צו פאַרציען. ווען

דער אינזל

ער האָט איבערגעלייענט דעם ערשטן זאַץ: „מיין זייער געשעצטע און האָכגעאַכטעטע פרוי, הינדע מירל תחי‟, האָט זיין מאַמע איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַזאַ שטילן געוויין, אַז די באָבע האָט אָנגעהויבן שנייצן די נאָז און דער זיידע האָט אָוועקגעקערט דאָס פּנים. זיינע אַקסלען האָבן אָבער אַזוי געציטערט הינטער דיִר אַטלאַסנער בעקעשע, אַז גרשון האָט געקענט שווערן דער זיידע וויינט אויך.

געננוי וואָס אין דעם בריף איז געשטאַנען האָט גרשון ביים לייענען נישט געכאַפּט. נאָר פון דער פריילאַכקייט וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרשפּרייט איבעיר דער שטוב און פון דעם שמועס, וואָס האָט זיך פאַרבונדן נאָכדעם ווי די מאַמע האָט פאַרזיכטיק צוריק צונויפגעלייגט דעם בריף און אים באַהאַלטן אין בוזים, האָט ער געוואוסט, אַז דער פאָטער געפינט זיך ערגעץ אין דייטשלאַנד, אַז ער האָט ביז איצט ניט געשריבן ווייל ער איז געוועזן אויף גרויסע געהאַקטע צרית, זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד, געליטן הונגער און נויט און זיך בשום אופן ניט געקענט דערשלאָגן צו גאָר ניט. אָבער איצטער האָט ער שוין, אַ דאַנק גאָט, אַ שטיקל פּרנסה און מהיום והלאה וועט ער שוין שרייבן, און אויך שיקן געלט; און אַז גאָט וועט געבן, אַלץ וועט גיין ווי עס דאַרף צו זיין, וועט ער אי״ה בקרוב אַהיים קומען.

און כאָטש גרשון האָט קיינמאָל פריער ניט געבענקט נאָך זיין טאַטן, האָט אים איצט פונדעסטוועגן אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פרייד, און ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז ער האָט אים געפעלט ביז אַהער, אַז עפּעס איז ער אָן זיין טאַטן ניט געוועזן ווי אַלע אַנדערע אינגלאַך, און אַז אַפילו ביים זיידן אין שטוב האָט מען אויף אים און שימעלען אויך געקוקט אַנדערש ווי אויף די איבעריקע אייניקלאַך.

יענעם טאָג און אויף־צו־מאָרגנס איז הינדע־מירל געלעגן אין בעט. און ווען זי איז אויפ׳ן דריטן טאָג אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעטאָן, איז זי געוועזן גאַר אַן אַנדערע. די באַקן אירע האָבן אַפילו איצט אויך נאָך געפלאַמט. אָבער די אויגן זיינען איר געוואָרן ליכטיקער, דיִר קאָפּ אויפגעהויבענער און ווי גרשונ׳ען האָט זיך געדאַכט, איז זי אויך געוואָרן העכער.

אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך אַ בריף פון טאַטן און אַ פּאָסט־אָנווייזונג אויף צען רייניטשלאַך. אין דעם בריף האָבן זיך געפונען עטלאַכע שורות אין וועלכע נאָטיץ פלאַקס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע צוויי זין. באַזונדערס אויף דעם עלטערן, „וועלכער איזט וואַרשיינליך שאָן איין היבשער און געשייטער בורשע‟, גרשון האָט ניט געוואוסט וואָס די דאָזיקע הויכע ווערטער מיינען, ער האָט אָבער געפילט אַז זיי מיינען עפּעס גוטס און אַז דעם טאַטן האָט

הנאה געטאָן, ווען ער האָט זיי אָנגעשריבן. און ער איז אים אזוי ליב געוואָרן, אז ער האָט זיך געקענט צעוויינען.

פון דעמאָלט אָן האָט גרשון זיך פאָרגעשטעלט זיין טאַטן ניט אנדערש ווי ר' מענדעלי גילדנער, דעם הויכן שיינעם אידן מיט דער שיינער אויסגעגלעטער באָרד, וואָס איז יענעם ווינטערדיקן אָוונט געקומען צום זיידן און מיט וועלכ'ע אלע אין דער משפחה האָבן זיך אזוי געגרויסט, ווייל ער איז געווען זייערער א קרוב. הגם ער האָט געוואוסט, אז זיין טאַטע איז ניט קיין רויטער נאָר א שווארצער.

2.

אין עטלאכע וואָכן ארום האָט הינדע מירל באקומען פון איר מאַן א צווייטע געלט־אָנווייזונג, דאָס מאָל אויף צוואנציק ריינישלאך און אויך א בריוו אין וועלכן ער האָט איר געשריבן, אז פון היינט אָן וועט ער איר שיקן געלט רעגלמעסיק יעדן חודש, און זאָל זי ניט קארגן, ניט אויף זיך און ניט אויף די קינדער, נאָר עסן, טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין, ווייל ווען ער וועט, מיט גאָטס הילף אהיים קומען, ווינשט ער „צו פינדן איינע געזונדע פראו און שענע געזונדע בורשען". דעם בריוו האָט פאר איר פאָרגעלייענט גרשון. און ווער ער איז צוגעקומען צו דער שטעלע, האָט זי ארומגענומען אזא פרייד, אז אירע קליינע אויגעלאך האָבן זיך אָנגעהויבן שמעלצן אין זייערע רויטע ראנדן און די פלעקן אויף איר. פנים האָבן אזש אָנגעהויבן גלאנצן.

און ווי זי וואָלט ניט גלויבן, אז גרשון האָט טאַקע איבערגעלייענט אלץ, וואָס אין דעם בריוו איז געשטאַנען, איז זי מיט אים אוועק־געלאָפן צו איר פאָטער, ר' מרדכי גילדנער און ער האָט אים געמוזט לייענען פאר איר נאָכאמאָל. איבערגעלייענט, האָט דער אלטער שטאַרק צופרידן א פיפקע געטאָן זיין לאַנגע ליולקע. — פיין, פיין! — האָט ער א מורמל געטאָן ווי פאר זיך — זיך ניט געריכט אויף אים. ניט געריכט. און ווידער א פיפקע געטאָן די ליולקע. אָבער דאָ האָט זיין ווייב, דאָבעלע, פלוצלינג א שנופ געטאָן מיט דער נאָז, ווי זי וואָלט זיך געקליבן צעוויינען, מיט פאַרזשמורעטע אויגן א מעסט געטאָן איר טאָכטער פון קאָפ ביז די פיס און א זאָג געטאָן מיט זיפץ:

— ווייסט, וואס כ'על דיר זאָגן, הינדע מירל? שוין צייט זאָלסט ווערן אוים פשעקופקע.

הינדע מירלען האָט פון איר מוטערס רייד צי פון איר בליק עפעס א צופ געטאָן ביים הארצן, אזוי אז זי האָט געמוזט אָפקערן איר פנים. און ווען זי איז שפעטער אהיימגעקומען און א קוק געטאָן

דער אינזל

אויף זיך אין קליינעם שפיגעלע וואָס איז געהאנגען אויף דער וואַנט נעבן איר בעט, האָט זי מיט ציטערדיקע פינגער ארויסגענומען דעם בריף פון בוזים, זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די אותיות וואָס זי האָט ניט געקענט איבערלייענען, און דערפילט ווי איהר האַרץ זינקט.

דעם גאַנצן טאָג נאָכדעם האָט זי זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפונען און ביינאכט האָט זי בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט איצט פיינט געהאַט די מוטער, איר מאַן און די גאַנצע וועלט. און ווען זי האָט געהערט ווי אירע צוויי קינדער אָטעמען שווער אין שלאָף, האָט זי זיי, אליין ניט ווִיסנדיק פאַרוואָס, געוואונשן דעם טויט. דערשראָקן זיך פאַר דער בייזער מחשבה, איז זי אראָפּגעשפרונ־גען פון אירע געלעגער, צוגעגאַנגען צו די שלאָפנדיקע קינדער, זיי· בעסער איינגעדעקט און ציטערדיק מיט׳ן גאַנצן לייב געשטאַנען אי־בער זיי, ווי א פאַרשטיינערטע, א היבשע ווײַלע. דערנאָך האָט זי מיט א שווער געמיט געטראַכט אז זי איז מוחל איר נאָטע׳ן זיין געלד און זיינע בריף און זאָל ער בעסער ניט אהיימקומען. קיינמאָל פריער האָט זי אזוי ניט געפילט ווי צעבראָכן זי איז, און געדאַכט האָט זיך איר אז אַלע אברים וויינען אין איר. פאַר די אַלע יאָרן פון זינט נאָטע איז אוועק און זי געלאָזן אן עגונה מיט צוויי קליינע עופה׳לאך אויף די הענט, האָט זי ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן. זי האָט דאָך אים אָפּגעהיט ווי אן אבן טוב, קיין שטויבעלע האָט זי דאָך ניט געלאָזט פאַלן אויף אים, אונטער די נעגל איז זי דאָך אים געקראָכן, פאַרוואָס איז עס איר געקומען, פאַרוואָס? נאָר איצט, האָט זיך איר געדאַכט, אז זי ווייס שוין פאַרוואָס, און געפילט, אז זי איז א פאַרלוירענע.

אויף צו להכעיס נאָטע׳ן, דער מוטער צי עמיצען אנדערש, האָט זיך איר איצט געוואָלט, זי זאָל דוקא ווערן נאָך צעבראָכענער. און פון דעסטוועגן, ווען זי איז אויפגעשטאַנען צומאָרגענס אין דער פרי, האָט זי ניט אָפּגעלאָזט די קינדער ביז זיי האָבן פריער ניט געטרונקען קאַווע און דערנאָך האָט זי זיי געבראַכט צוטראָגן אין חדר אריין זעמעלאך מיט לויזע אייער, און ווען זי איז צוריק אהיימגעקומען איז זי ווידער צוגעגאַנגען צום שפיגעלע, מיט צער געקוקט אויף אירע שמאָלע אַקסלען, וואָס האָבן זיך נעבעכדיק געקרומט הינטער דעם קאַפּטל, אויף איר דינעם איינגעפאַלענעם האַלז מיט די גרויסע בלויע אָדערן, און מיט די פינגער פון ביידע הענט געזוכט מיט געוואַלט אויסגלעטן די קנייטשן אויף איר נידעריקן שטערן. פון דעמאָלט אָן איז זי פון הויז ניט אַרויס ביז זי איז פריער ניט צוגעגאַנגען צום שפי־

דער אינזל

געלע און אויף זיך צורעכט געמאכט די קליידער און די פאטשיילע, און נאך יענעם דאנערשטאג האט זי אויפגעהערט צו גיין אויפ׳ן מארק.

א שטיק צייט האט זי גאר ניט געטאן, נאר געפילעוועט זיך און די קינדער און געבונדן א קניפל. נאר ווען עס איז אוועק א יאר און נאטע האט געגעבן אנצוהערן אין זיינע בריף אלץ אפטער, אז ער דענקט בקרוב צו זיין אין דערהיים, האט דער אלטער ר׳ מרדכי געזאגט, אז לעבן פון גרייטן איז ניט קיין תכלית. מען דארף זען אז ווען נאטע וועט קומען זאל זיין א שטיקל געשעפט פון וואנען צו ציען פרנסה. מיט דעם ביסל געלד וואס זי האט געהאט אנגע־שפארט און מיט דער הילף פון רייכן קרוב ר׳ מענדעלע, האט מען פאר איר געעפנט א קלייטל מיט רעשטלאך און הינדע מירל איז געווארן א סוחר׳טע.

דריי יאר שפעטער, ווען גרשון איז שוין געוועזן א בר־מצוה אינגל, האט אים שימעלע איינמאל אויפגעוועקט אין מיט׳ן נאכט מיט אן איבערגעשראקן קול:

— גרשון, מע קלאפט!

מיט א כרופ האט גרשון אויפגעריסן די אויגן און תמ׳עוואטע געקוקט אין דער געדיכטער פינסטערניש און ניט געוואוסט צי האט אים טאקע עמיצער געוועקט אדער האט זיך אים נאר אויסגעדאכט אזוי. און איידער וואס ווען, האט ער צוריק צוגעמאכט די אויגן און ער איז שוין ווידער געשלאפן. אבער דא האט ער מיט אמאל דערפילט א ריס ביים ארעם און שימעלעס דין דערשראקן קול׳כעל האט איבער זיין פלייצע אריבערגעשריגן צו אים אין פנים אריין:

— גרשון! גרשון!

— הא?

— מ׳קלאפט, גרשון, מ׳קלאפט! — האט שימעלע ניט אויפ־געהערט צו וועקן אים און טארן ביים עלנבויגן ביז ער האט ניט ווייט צעעפנט די אויגן. איצט האט שוין גרשון אויך געהערט ווי עמיצער פויקט מיט איין פינגער אין לאדן אריין שטיל און פאר־זיכטיק.

געוואוסט האט גרשון אז זיין מאמע דארף צוריקקומען פון טארנע וואוהין זי איז געפארן איינקויפן אביסל סחורה, ווי זי טוט עס אלע פאר וואכן פון זינט זי האט דאס קלייטל. אינ׳ם קלאפן האט ער אבער דערקענט אז דאס איז ניט זי. ווארים די מאמע קלאפט קיינמאל ניט אזוי שטיל. ווער זשע קען דאס זיין? א דער־שראקענער איז ער אראפגעשפרונגען פון בעט און איז געבליבן שטיין

דער אינזל

א נאַקעטער און באָרוועסער אין מיט'ן דער גערדיכטער פינסטערניש. און ווי נים מיט זיין קול האָט ער אויסגערופן:

— ווער איז דאָרט?

אויף א ווײַלע איז דאָס קלאַפּן שטיל געוואָרן און קיינער האָט נים געענטפערט.

— ווער איז דאָרט? — האָט גרשון אויסגערופן נאָכאמאָל.

פון דרויסן האָט זיך דערהערט א צוגעדושעט הוסטל און דער־נאָך א מענערש קול:

— עפנע זי, ביטע!

ביידע, אי דאָס הוסטל און דאָס קול האָבן געקלונגען אזוי פרעמד, אז גרשון האָט זיך נאָכמער דערשראָקן און נאָך העכער ווי פריער האָט ער איבער'גע'חזרט:

— אָבער ווער איז דאָט?

— איך... איך... — האָט דאָס קול פון דרויסן זיך שוין דער־הערט דרייסטער — איך... נאָטע.

— אוי, דער טאטע! — האָט אויסגעשריען שימעלע און איז אויך אראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

א ווײַלע האָבן ביידע אינגלאך ארומגעטאַנצט צוטומלטע אין דער פינסטערער שטוב און נים געוואוסט וואָס זיי דאַרפן טאָן, ביז גרשון האָט זיך געכאַפּט אז פריער פאַר אַלץ דאַרף מען אָנצינדן דעם לאָמפּ. אָבער נאָך איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט אָנטאָן דאָס גלעזל אויפ'ן לאָמפּ, האָט שוין שימעלע געהאַט געעפנט די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן מיט א גרויסן ראַנץ אין האַנט א הויכער און דאַרער פּאַרשוין אין אַן אָפּגעכוימלט געל און שמאָל איבערציערל און מיט א שוואַרץ געבאַלטן קאַפּעלושל אויפ'ן קאָפּ, פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, שוואַר־צע און אומהיימליכע אויגן. פון זיין לענגלאַך שוואַרצן פּנים, ארומ־גערינגלט מיט א שיטער בערדל, וואָס איז געווען ווי אײַנגעטיילט אין דריי חלקים, און פון דעם גאַנצן הולך זיינעם, האָט אויף די צוויי אינגלאַך א בלאָז געטאָן מיט אזא פרעמדקייט, אז זיי האָבן זיך אָפּגערוקט אויף צוריק. ערשט ווען אין די גרויסע אויגן האָט עפּעס א פינטל געטאָן און דער פרעמדער האָט מיט א פאַרקרומטן שמייכל אויסגעשטרעקט די לאַנגע הענט און א צי געטאָן שימעלען צו זיך, האָט גרשון אויף דער גיך אָנגעהויבן ארויפציען אויף זיך די הויזן. און מיט קלאַפּנדיקע ציין האַלב וויינענדיק און האַלב לאַכנדיק ארויסגעשאָסן:

— טטטאַאַטע!

דער אינזל

אין דעם קליינעם שטיבל מיט'ן אַלקער איז עטלאַכע טעג געווען אַזאַ וואַרימע היימלאַכקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט מען קען זי אָנטאַפּן מיט די הענט. שימעלע האָט פון גרויס גדולה זיך געמאַכט אַ יום טוב און איז ניט געגאַנגען אין חדר אַריין, און גרשונ'ען, וועמען די מוטער האָט שוין לאַנג געהאַט צוגענומען פון חדר, ווייל זי האָט אים געדאַרפט האָבן אין איר קלייטל, האָט מען געמוזט טרייבן פון הויז, ווען מען האָט אים געדאַרפט ערגעץ שיקן. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען. און נאָטע, וואָס איז געזעסן ביים טיש מיט אַ פּלאַטשיק זיידן קאַפּל אויפ'ן הויכן שפּיציקן שטערן, האָט געהאַלטן אין איין דרייען און רויכערן ציגאַרעטלאַך, און פאַר יעדן נייעם מענטשן האָט ער געמוזט אויפס ניי דערציילן פון די חידושים, וואָס מען זעט זיך אָן אויף דער גרויסער וועלט, און צי האָט ער טאַקע אַליין געזען ראָטשילד'ן.

מיט פאַר'חידוש'טע אויגן האָט דער עולם באַקוקט און מבינות'דיג באַטאַפּט די אַלע גוטע זאַכן וואָס דער שוואַרצער נאָטע האָט געבראַכט פון דייטשלאַנד, כאָטש זיי זיינען מערסטנס באַשטאַנען פון אַלטוואַרג אָדער פון אַזוינע קליייניקייטן ווי אַ פּעדער־מעסערל, אַ ציגאַר־שפּיץ, צי אַ טאַבאַק דאָזע, וואָס ער האָט געפונען אין די קעשענעס פון די אַלטע קליידער, וועלכע ער פלעגט אויפקויפן אין די הויפן פון האַנאָווער. ווי אויף אַ פּלאַי פּלאַימ'דיקע זאַך האָט מען געקוקט אויף אַ פּעדער־מעסערל מיט זעקס קלינגלאַך, וואָס האָט נאָך אַלס צוגאָב געהאַט אַ שערעלע און אַן אויער־לעפּעלע. מען האָט געשמאָצקעט מיט די ליפּן: „אוי־וואַ! אוי־וואַ! אַן אַנטיקל!" — אָדער: — „טאַקע נאָר דאַטש ממזר קען אַזוינס אויסטראַכטן!" — נאָטע האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ ביטול'דיק שמייכעלע, ווי איינער וואָס ווייס, אַז ס'זיינען דאָ בילכערע זאַכן פון וואָס נתפעל צו ווערן.

עטליכע אידען אין אָפּגעטראָגענע בעקעשעס און פאַרפּעצטע סאַמעטענע קאַפּעלושן, האָבן אָפּגעוואַרט ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען און מיט שפּל'ע אויגן אין וועלכע עס איז געלעגן די דערשלאָגנקייט און צער פון מענשן וואָס האָבן ניט קיין פּרנסה, האָבן זיי שטיל אויפ'ן אויער כמעט זיך נאָכגעפרעגט, צי וואָלט ניט גלייך געווען אַז זיי זאָלן אויך פאָרן קיין דייטשלאַנד פּרוּוון זייער מזל.

אַזוי שנעל ווי נאָטע איז פאַרבליבן אַליין מיט אַזאַ אידן און יענער האָט פאַרשטעלט אַ האַלב פּנים מיט איין האַנט, גלייך ווי דאָס וואָלט געשאַפן אַ מחוצה צווישן זיי ביידן און דער איבעריקער שטוב, האָט שוין נאָטע דערשמעקט, וואָס ער וויל אים דאָ פרעגן,

דער אינזל

און נאָך איידער יענער האָט דאָס מויל געעפנט האָט ער שוין געהאַט פּאַרטיק דעם ענטפער: — „נו, געוויס, וואָס פריער דעסטאָ בעסער!״ אָדער: „נאַטירליך! עס האָט יאָ קיין צוועק דאָס לעבן צו פאַר־קימערן אין זאָ איין העק.״ — און זאָגן פלעגט ער דאָס אַזוי גרויס־שטעטיש גדלותדיק, אַז מען האָט געקענט מיינען דאָס גאַנצע גליק פון דער וועלט און דער שליסל דערצו ליגט ביי אים אין קעשענע, און דער עצה־פרעגער האָט זיך דערפילט נאָך שפּל׳ער און פאַרלוירענער.

עס האָט אָבער געטראָפן אַז איינער פון די אידן, וואָס האָט זיך אַזוי סודות׳דיג אָנגעבויגן צו אים, האָט גאָר געבעטן אַ גמילת חסד, דעמאָלט האָט זיך נאָטע שטאַרק צעהוסט און דאָס פּנים זיינס האָט אָנגענומען אַזאַ אויסזעהן, אַז ס׳איז געווען שווער צו דערקענען ווער ס׳איז שפל׳ער ביי זיך, ער צי דער אַנדערער איד. און פון דעמאָלט אָן האָט די היימליכקייט אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון דער שטוב. די שטעטלדיקע אידן האָבן אויפגעהערט קומען און אפילו זיין שווער, ר׳ מרדכי, און זיינע שוואָגערס, זלמן און וואָלף, האָט מען שוין אויך גע־זען זעלטענער.

הינדע מירל איז נאָך אַלץ געקומען צו לויפן עטלאַכע מאָל אַ טאָג פון קלייטל געוואָר ווערן צי האָט ער, נאָטע, אויסגעטרונקען די וואַרימע שאָל מילך, וואָס זי האָט פריער אָנגעגרייט פאַר אים, און צי איז אים שוין אביסעל בעסער אויפ׳ן הוסט און לייכטער פון דער פאַרקילונג, וואָס ער האָט געכאַפּט אין צוג אויפ׳ן וועג אַהיים. אָבער נאָטעס פּנים איז געוואָרן אַלץ פינסטערער, ביז ער האָט איינמאָל פאַרגעסן אַז ער רעדט נאָר דייטש, און אויף פּראָסט אידיש איר אַ געשריי געטאָן אין פּנים אריין: „בהמה, וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט אויף מיר?״

דער גאַנצער יום טוב האָט זיך מיט אַמאָל אפּגעטאָן פון שטוב, און גרשון מיט שימעלען האָבן זיך דערשלאָגענע און דערשראָקענע אַרויסגעשאַרט אין דרויסן. הינדע מירל איז אַ ווייַלע געבליבן שטיין אין מיטן שטוב אַ שטומע און פאַרשטיינערטע, דערנאָך האָט זי גע־כאַפּט אויף זיך די שאָל און איז אַוועק געלאָפן צו איר פאָטער, פאַר־קליבן זיך דאָרט אין אַ ווינקעלע און זיך גוט אויסגעוויינט. און כאָטש זי האָט ניט געוואָלט זאָגן ניט אים, ניט דער מוטער און ניט קיינעם פון די וואָס זיינען געווען אין פאָטערס שטוב פאַרוואָס זי וויינט, האָט איר ברודער, זלמן, ביי וועמען די באַקן זיינען געוואָרן אויפגע־בלאָזן פון כעס, אַרויסגעשאָסן אויף זיין שטייגער מיט אַ קוויטש: — נאָטעלע שייגעץ בלייבט נאָטעלע שייגעץ! — און דער אַלטער ר׳ מרדכי האָט אויסגעטאָן דאָס שטוב כאַלאַט, אָנגעטאָן די שוואַרצע

דער אינזל

קאמגארענע בעקעשע אַז דעם ברייטן סאמעטענעם קאפּעלוש און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעווישט די באָרד און די וואָנצעס מיט זיין רויטער פאטשיילע, האָט ער צוויי מאָל א שאָקעל געטאָן מיט דער באָרד אין דער ברייט און זיך געלאָזט גיין צו זיין איידעם.

זישא לאַנדוי:

די גאָלדענע האַרף

1.

די דיכטונג.

גאָט און זיין משפּט איז גערעכט
און קען ניט זיין גערעכטער!
און איך האָב ליב מיין ארעם ברויט.
מיין ווייב און מיינע טעכטער.

און איך האָב ליב דעם שלאַנקן ווינד.
דעם שלאַבעריקן רעגן,
דעם אָראַנזש טעפּיך, וואָס אויף אים
ביזט היינט פאר מיר געלעגן.

און ביז'ן מארך פון יעדן ביין,
און ביז'ן תהום פון גלידער,
האָב איך אייך ליב וואויל קלינגענדיקע,
וואויל דופטנדיקע לידער.

אָ, לידער! — ס'פּלאַפּלען פון א קינד,
דער שמייכל פון דעם ווייזן!
אָ, לידער! — ס'לאָזט דער אינגלינג זיך
אין וועלט אין ווייטער שפּרייזן.

און טויזנט פרויען גייען נאָך
מיט אָנגעצונדענע פאקלען.
— וואָס ווײנט איר, כלות? — ווי ווײנט מען ניט,
ווען זיינע פיס זיך וואקלען?

— אָ, כלות, איידער ס'מאַכט די צייט
צוריק אויף אירע ברעמען
וועט קומען דער חתן מיט אוצרות צוריק
און יעדע פון אייך וועט ער נעמען.

— דער חתן וועט קומען, וועט קומען צוריק,
דער חתן, ער איז שוין געקומען.
דער חתן האָט מיך — האָט מיך — האָט מיך —
— האָט מיך — האָט מיך גענומען.

2

דאָס ליד פון מידן פּאַרצעליי.

קליפּ קלאַפּ באַטאַווים,
באַטאַווים גאָלדן האַרץ,
ליכטיק איז אין האַרצן,
נאָר די נאַכט איז שוואַרץ.

קום, קום, באַטאַווים,
באַטאַווים, קום אַרוים.
וואָס אין האַרצן ליגט מיר
זאָג איך באַלד דיר אויס.

חתן־כלה בלייבן
האָט ניט מער קיין מיין.
לאָמיר חופּה שטעלן
און טאַקע, טאַקע שוין.

פרעגסט נאָך, ווי עס וועט דיר
שפּעטער זיין ביי מיר.
איז עפּעס גוט דער מלכה?
זיין וועט בעסער דיר.

עסן וועסטו עסן
פון מידן פּאַרצעליי,
שלאָפן וועסטו שלאָפן
אויף האָלענדישן ליין.

און דער אָראַנזש טעפּיך,
ווי אַ דינע שפּיז
קיצלט צונג און שולטער,
קאָסעט פון די פּיס.

פאַלסט אַ זאַנג אַ פּולע —
שוויינ, זיי שטום, זיי שטיל!
גוט זיינען אומעטום פרויען,
דאָך בעסער אויפ'ן דיל.

.3

דער פּוס אין רוים.

באַטאַווים'ס ווייסער קני
אין שוים פון דעם באַגין,
אין בליי פון אין דער פרי —
רייצט ווי דער בים פון בין.

עס שטרעקט אַ פוס זיך העל
פאַרלאָרן אינ'ם רוים.
אַ, קופּער־גרינע וועל,
אַ, שנייאיק ווייסער שוים!

מיט אויגן האַלב פאַרשנירט
גלעט זי דעם פוס און גלעט —
פרימאָרגן גרוי פאַרלירט
זיין גרוי און פּיאַלעט.

.4

דאָס ליד פון פאַרלאָרענעם לייב.

וויין ניט, פאַרלאָרענער לייב,
מיט הענט אויפ'ן נאַקן פאַרוואָרפן
און מיט בלאָנדזשענדיקע בריסט אין דער נאַכט.

איבער דיר שטיי איך געבויגן,
דו, אָבער, דו זעסט מיך ניט.
די אויגן דיינע, מיט טרערן באַזעצטע,
קוקן אויפ׳ן באַלקן. —
וויין ניט, פאַרלאָרענער לייב
מיט הענט אויפ׳ן נאַקן פאַרוואָרפן
און מיט בלאָנדזשענדיקע בריסט אין דער נאַכט.

נאַכט, סאָפע, נאַקעטער לייב,
נאַקעטער געוויסן,
וויינענדיקע אויגן —
פאַרלאָרענער לייב,
מיט הענט אויפ׳ן נאַקן פאַרוואָרפן,
וויין ניט אין דער נאַכט.

.5

אומעטום איז הימל.

אדיו אדיו, באַטאַאווים,
איך פאָר פון דיר אוועק; —
ניט די שטאָט די פרעמדע,
ווי דער ווייטער וועג.

אויב איך וועל וואו קומען,
וועל איך ערגעץ זיין:
אומעטום איז הימל
און לבנה שיין.

אומעטום די שטערן
לייכטן נאָנט און העל,
ברויט און זאַלץ און וואַסער
שטייט ביי יעדער שוועל.

שרעק זיך ניט, באַטאַאווים,
טו זיך אויס פון שרעק,
גאָט אליין וועט היטן
אלע מיינע טעג.

זיי געזונט, באטאווים,
הארץ מיינס, זיי געזונט!
וויים, עס איז מיין ליבע
ווי דער ים אָן א גרונד.

.6

דאָס ליד פון די גרין-בלויע קרעלן.

איך וועל צו דער קעניגין קומען,
דאָס הארץ וועל איך אויפרעקן איר:
קעניגין, איך בין געקומען
צו בעטן מחילה ביי דיר.

באטאווימ׳ס גרין־בלויע קרעלן,
זיי האָבן פאר׳סמ׳ט מיר דאָס הארץ!
באפעל, אז זי זאָל מער די קרעלן
ניט טראָגן אויף איר האלז.

האלב פינסטער איז אין טעאטער,
ווי ס׳דארף געוויינלאך זיין,
אוּן אין דעם האלב־דונקעלן טעאטער
א האלז פון פאָרצעליי.

און פון דעם פאָרצעלייענעם האלז
וויינען די גרין־בלויע קרעלן.
קוק איך אויף דעם פאָרצעלייענעם האלז
און וויין מיט גרין־בלויע קרעלן.

און דער האלז איז געוועזן באטאווימ׳ס,
און געטראָגן האָט זי דאָס דעם שנור.
אָ, קעניגין מיינע! באטאווים
האָט צוגע׳גנב׳עט מיין הארץ.

זייט געזונט, חברים טייערע,
חברים ליבע, זייט געזונט!
זיי געזונט מיר אויף אייביק מיין בעט,
איך וועל מער ניט שלאָפן אין דיר.

זיי געזונט מיר מיין ליכטיקער ווינט,
מיין זומער, מיין ווינטער, מיין פרילינג, מיין הערבסט.
פאַר אונזער איינציקער קעניגינס וועגן
לייג איך מיט שמחה מיין קאָפּ אויפ'ן קלאָץ.

7.

דאָס ליד פון ווייסן ציגעלע.

ווייס ווי מיין מאמעס נאָמען,
ווי די לבנה ריין,
פריש ווי די פרילינגס שטראָמען
קום איך צו אייך צו גיין.

איך טראָג פון ווערטער דינע
די מילד פארהוילכטע ווייט,
איך טראָג פון פעלדער גרינע
דאָס ציטערדיקע זייד.

די מלכה פון דער מעשה
מיט מיר אין איינעם שפאַנט,
דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
צופּט גרעזלאך פון מיין האנט.

מיין פּאווע האָט די פליגל
די גאָלדענע צעשפּרייט;
די נאַכט ליגט אונטער ריגל,
די שרעק ליגט אויף א קיים.

א. מ. פוקס:

זעמל און זיין ווייב

אין גרויען גאסן־ווינקל, אונטער דער שטיינערנער מויער־וואַנט, שטייט א געזעמל קויטיקע לײדיק־גייערישע מענשן, א ביסל אָפּגע־רוקט פון דער ווייטנס און מ'קוקט שטום מיט רחמנות'דיקן אָפּשיי אויף די קרומלאַכע פארוואונדערטע מיילער, ווי א יונגער אָרעמער מענטש, א לאַנגער, א דארער מיט א ניט־געגאָלטער שטעכיקער באָרד,

דער אינזל

וואַרפט זיך אין חולה־נופל. זיין היטל ליגט אַ ביסל ווייטער. אין די צעשויבערטע צוגעקלעפּטע האָר שטעקט בלאָטע און מיסט. דאָס בלאָע פּנים ציט זיך אין דער לייננ, גליווערט און ציטערט. פון די בלאָע מויל־ווינקלען רינט ווייסער שוים. די ליפּן זיינען צעבלוטיקט, צעביסן פון די בלייכע ציין. ער קאַטשעט זיך אויף דער ערד, רייסט אָנ־מאַכטיק מיט די ציטערנדיקע פינגער די שטיינער, גראַבלט אויף מיט די צעריסענע נעגל אַ ביסל שטויב און פאַרקראַמפּט דאָס אין די פויסטן, גלייך ער וואָלט געהאַט בדעה דאָס ביסעל שטויב פון די פויסטן ניט מער אַרויסצולאָזן, ווי עפּעס אַ טייערע מציאה, וואָס ער האָט געפונען. די גלע אַרויסגעקוועלטע אויגן, איבערגעצויגן מיט גרינלאַכן גלאָזיקן געפיל, דרייען זיך שרעקיק אין ווילדער אָנשטריינ־געניש, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט צו זען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער זעט ניט. מ׳הערט דאָס זענגדיקע קייכן פון זיין ציענדיקער ברוסט, מ׳זעט דאָס טונקעלע ציטערן פון זיין גאַנצן גוף. ער בלייבט אַ רגע ליגן אָפּגעשוואַכט, אָפּגעמוטשעט, פאַרטראָגן, ווי מען דערוואַכט אין בייזן חלום אַראָפּפאַלנדיק פון אַ באַרג. דערנאָך בלייבן די אויגן שטיין. פּאַוואָלי, פאַרשעמט, קוקן זיי זיך אַרום מיט ליידנדיקער פרעמדקייט. ווי קומט ער אַהער? וואָס טוט ער דאָ? ער הייבט זיך פּאַוואָלי אויף, נעמט דאָס היטל און ווישט דאָס אָפּ פון דער בלאָטע, טרעסעט דאָס אָפּ און גייט פּאַוואָלי אַוועק, אומזיכער, זיך הוידענדיק אַ ביסל. זיין פּלייצע, פאַרשטויבט פונם קאַטשן זיך אויף דער ערד, דערווייטערט זיך אין זילבעריקן זונען־שיין צווישן די מויערן אין דער ברייטער גאַס אַריין, אַוועקטראָגנדיק אַהין, אין דער אָפענער וועלט אַריין, די טרויעריקייט און דאָס אומגליק.

דאָס רעדל קוקערס האָט זיך ניט גערירט פונ׳ם אָרט. ווי צוגע־וואַקסן צו די שטיינער איז מען נאָך אַלץ געשטאַנען, עפּעס ווי מען וואָלט געוואַרט, אַז דער קראַנקער זאָל צוריק קומען און נאָך אַמאָל זיך וואַרפן אין חולה־נופל.

זעמל איז אויך דאָ געשטאַנען. ער האָט זיך אַרויסגערוקט דער ערשטער פונ׳ם רעדל. ער האָט צוגעבויגן נאָענט זיין געל פּנים מיט דער קענעכערנער נאָז צו אַ שוואַרצער אַלטיטשקער מיט אַ קיישל אויף דער האַנט און ער האָט געפרעגט מיט יענער פלוצימדיקער שטיל־קייט אין קול, וואָס קומט אַרויס צוגעדישעט פון שווערער שרעק, גלייך אַ גרויסער שטיין וואָלט אויף דעם געלעגן.

— וואָס פעלט אים דעם מענש?

— וואָס זאָל אים פעלן? קראַנק איז ער, — האָט די אַלטע געענטפערט.

— פון וואָס קומט דאָס? — האָט זעמל ווידער געפרעגט.

דער אינזל

— דאָס קומט פון אַ פאַל. ער איז אוודאי קליינערהייט אַראָפּ־געפאַלן פון׳ם טיש, אָדער ער האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס. — האָט געזאָגט די אַלטע. און ערשט אַצינד האָבן זיך אירע טרוקענע, פאַר־זינקענע און צוקנייטשטע אויגלאַך אָנגעשטעלט מיט חשד אויף זעמלען, דערזען דעם קליינעם פאַרשוין אין דעם צו־גרויסן ליכטיקן ראָק, מיט די צעדרייטע שיך זיינע, מיט דעם געלייממטן טויטן הענטל, וואָס ס׳האָט אַרויסגעקוקט פון׳ם אַרבל ווי אַ קנעכערנער לעפל און מיט דעם שפּיציקן געקרייזלט שאָפּענעם קעפּל. די אַלטע האָט זיך אוועק־געררוקט פון אים מיט בטול און אָפּגענאַרטקייט. אויף איר איינגעפאַלן שמאָלן מויל איז געלעגן פאַרביסענע שלעכטיקייט, אָן אַ מאָס.

— ביזט זיינער אַ שותף? — האָט זי געזאָגט, צומאַכנדיק איין אויג.

פויל און אומצופרידן איז זיך דאָס רעדל מענטשן צעגאַנגען און בלויז אַ רגע האָט זעמל געפילט, אַז דאָס אומגליק פון דעם אַנדערן האָט פאַרטויבט זיין אייגענעם ווייטאָג. די שרעק, וואָס ער האָט גע־פילט אין דער ערשטער מינוט פּנים־אל־פּנים מיט דער אומהיימלאַכער קרענק פון דעם פרעמדן מענש, איז שוין געווען פאַרפלויגן ווי אַ קאַלטער ווינט, וואָס טוט אַ נעם דורך און פליט ווייטער, און ווידער איז זעמל געגאַנגען גיך, ניט וויסנדיק צו וואָס און וואוהין, איילנדיק געשטופּט זיך צווישן די גייענדיקע מענשן, אַריבערגעלאָפן דעם וועג נאָענט פאַר אַ ברילנדיקן, פליענדיקן אָטאָמאָביל, פאַר׳ן קלינגענדיקן טראַם און ער איז ווידער אַמאָל אויסגעקומען אין זיין גאַס, וואו ער האָט געוואוינט, געדרייט זיך דאָרט אַרום דעם שווערער מויער מיט די פאַרמאַכטע שטומע פענסטער, דעם קאָפּ אָנגעבויגן מיט׳ן פּלאַטערדיקן צער אין די אויגן, ווי אַ פויגל, וואָס קרייזט אַרום זיין צעשטערטער נעסט און ער איז ווידער פון דאָרט אוועק, אַרויסגעלאָפן די גאַס און געקרעכצט ווי זיין שטייגער איז געווען, הויך ריידנדיק צו זיך אַליין:

— וואו גייט מען און וואָס טוט מען און וואו לויפט מען?

און דערנאָך נאָך אַמאָל:

— אָי, מאַמע מיינע...

דער דאָזיקער קרעכץ זיינער „אָי, מאַמע מיינע" איז אים פּלוצים אויסגעקומען פרעמד, זייער דערווייטער און צוגלייך זייער היימיש. ער האָט אים דערקענט און געשמייכלט. ס׳איז געווען דעם טאַטנ׳ס נאַכטלאַכער הייזעריקער קרעכץ. אַצינד איז שוין זעמל געווען מיד און אָפּהענטיק. די בושה, וואָס זי איז געווען אָנגעוואַקסן אויף זיין האַרצן געמיט, ווי זשאַווער אויף אייזן, איז געלעגן אַצינד אַנטפּלעקט פאַר זיין אינערווייניקסטן בליק און ער האָט זיך אונטערגעגעבן, גע־בויגן אונטער איר פרעסנדיקער לאַסט. ער איז אַהיים געגאַנגען שטום

דער אינזל

און צושטערט, געשטיגן אין דער הייך אויף די פינסטערע, קאלטע שטיינערנע טרעפ, ווי א נשרף וואס גייט דאס ערשטע מאל אריין אין דער אפגעברענטער חורבה, אן א דאך. מ'האט געהערט אלע דריי קינדער וויינען אינאיינעם. דאס קליינע איז געלעגן אין בעט, איינגעפאקט אין קישעלע, ארומגעוויקלט מיט'ן שנור, ווי א לענגלאך פעקל, וואס ס'שרייט. דאס עלטערע דארע אינגעלע מיט'ן שטארק באוואקסענעם שווארצן געקרייזלטן קעפל, זעמל'ס קאפ, האט מיט דער אלטקלוגער מינע פון קינדער ביי ארימע־לייט, וואס פארשטייען שוין אלצדינג וואס ס'טוט זיך אפ צווישן טאטע־מאמע, און וואס דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער דערנאך אין זייער לעבן, האט פארשפילט דאס איינגערע מיידל מיט א קלעפערל. דאס מיידל האט זיך גערוקט מיט'ן נאקעטן פארשמירטן געזעסל אויף דער פאדלאגע, געהיפּט אין דער טונקלקייט ווי א פראש און זעמלען האט אנגעכאפט א גרויסער רחמנות צו די פארלאזענע קינדער זיינע. זייערע פארשמירטע פנים'לאך זיינען געווען אזוי ארים און גרין, די אויערלאך אזוי דין און געל, אז די טרערן האבן אים געווארגען אין האלז פון רירונג. מיט ווייבערישער געניטשאפט אין אזוינע זאכן, ווי ער האט דאס געזען ביי דער מאמען און ביי די מומעס, דארט אין דער ווייטער היים, אין די בלא־געקאלעכטע, ארימע, הארבאטע שטיבלאך, האט ער אויפגעפאקט דאס קליינע קינד פון די קישעלאך, געצויגן דעם שנור און ער האט דערזען אז דאס פיצעלע איז איינגערעכט ביז צום העלזל.

— אי־אי־אי! — האט זעמל געזאגט.

ס'זיינען געווען שווערע, פארביטערטע טעג, אנגעפילטע מיט וויטאג, גיפט און שנאה. דאס ווייב האט ניט גענעכטיקט אין דער היים. זעמל האט גענישטערט אין די גאסן, געלאפן זי זוכן אין די היימען פון אלע באקאנטע. זי איז ניט געווען דארט, זי איז אפילו ניט געקומען אין טעאטער אריין. און זעמל איז אליין געשלאפן מיט די קינדער אין שטיבל און א ברענענדיק פערעניש האט אנגעפילט זיין גאנצן נפש, ווי אן אנגעגאסענע כלי, פול־מיט'ן־אויג. דער שלאף איז ניט געקומען. דער שטערן האט געשוויצט א גליענדיקער און די פינסטערניש האט אויסגעוועפט די לופט. ער האט ניט געקאנט אטעמען און די היץ האט געמאכט ציטערן זיין געליימט הענטל. וואכנדיק האט ער געזען זיין ווייב מיט אן אנדערן, געזען זי אין די הענט פון א פרעמדן מאנזביל. איר צעשמייכלטע הנאה דערביי האט זעמלען געפייניקט מיט שווערע לייד. די ציטערדיקע רייד, וואס זי האט דערביי גערעדט, ווי ער האט זיך דאס אויסגעמאלט, האט אים געקניפן מיט צוואנגען. אין חלום האט ער דאס אלץ געזען דייטלאכער, שארפער, אומדערבארמדיקער, פארגרעסערט, ווי מען זעט דייטלאכער און פאר־

דער אינזל

גרעסערט סצענעס אויף וועלכע מ'קוקט דורך א שפאקטיוו. און די לייד זיינען געוואקסען, געשטארקט זיך. אלע מאל אויפ'ס ניי האט ער זי, אין חלום, געכאפט מיט יענעם א לאכנדיקע, אויף צו להכעיס, און זעמל האט זיך געדרייט ארום איר, ווי א האן אין א רעדל. ער האט גערעדט צו איר פארצארנטע רייד, געשריגן אן א קול, געפאטשט זי אין פנים, געקניפן, געוויינט דערביי טיף און שווער און ער האט זיך ווידער אויפגעכאפט אין מיטן דרינען מיט א קלאפנדיק הארץ, אפגעגאסן פון שוויים אין דער שווארצער וויסטעניש אריין, פון דער שטומער נאכט.

בייטאג איז זעמל'ס וויב פלוצים אריין אין שטוב אריין. ס'האט זי געטריבן צו זען וואס די קינדער טוען. זי האט נישט אויסגעטאן דעם מאנטל און דער הוט מיט'ן פויגל איז געזעסן קרימלאך־האפערדיק אויפ'ן קאפ. זי איז געשטאנען ביי דער טיר, ווי א פרעמדע, און זי האט געזען ווי זעמל האדעוועט דאס קינד, שטופנדיק דעם א פלעשל מילך מיט א גומענעם ציצל אין פיספל אריין. איבער'ן פארזשאווערטן אויוון־רעהר זיינען געהאנגען אויף א שטריקל ווינדלאך צום טריקענען און ס'האט זיך געפילט פון זיי יענער דומפיקער ריח פון די ארעמעלייט, וואס דערשרעקט אזוי די נעז פון די רייכע און אפגעפיינטע. זעמל האט זיך נישט אומגעקוקט צום וויב. זיין שפיציקע פלייצע איז געשטאנען פעסט ווי א מויער, אנגעלאדן מיט פינסטערן ברוגז. ער האט געפילט דורך דער פלייצע, אז זי שמייכלט. א רגע איז אים ליכטיק געווארן אין די אויגן. ער האט נאך נישט געוואוסט פארוואס. ער האט זיך דערנענטערט, איז געשטאנען א קליינער, א פאראומערטער נעבן איר פולער ברייטקייט, גרייכנדיק קוים מיט'ן קאפ צו איר בוזים, וואס איז געווען קיילאכאדיק הויך, גלייך זי וואלט דארט געטראגן איינגעפאקט א פעסל. ער האט א קוק געטאן אויף איר פאררייסענער נאז, וואס זי איז געווען אנגעשטעלט אין דער לופטן, ווי א קוימען, ווי דער סימן פון דער גאנצער ווייבערישקייט און א דינע גלוסטונג האט אים א פאק געטאן ארויפצוכאפן זיך אויף איר שווערער פליישלאכקייט, ווי א קאץ, וואס טוט א פלוצים'דיקן שפרונג און א כאפ, לאז זיך טאן וואס ס'ווילט זיך. דער קיצלדיקער געדאנק פון דעם האט אויפגעציטערט אין זיין טונקעלן געמיט. הייזעריק־בייז האט ער א פרעג געטאן:

— נאך וואס ביזטו געקומען אהער? און ער האט אויסגעשטרעקט א טראגישע האנד ווי די שפילערס אויף דער בינע, בעת ער, זעמל, זיצט אין סופליאר־קאסטן און זאגט אונטער די דראמע.

— וואס גייט דאס דיך אן? כ'בין ניט געקומען צו דיר, זעמל,

— האָט געענטפערט דאָס ווייב, אַ וואָרף טוענדיק דעם קאָפּ, פּונקט ווי אויף דער בינע.

אצינד האָט דער אָרעמער מענטש שוין געפילט דעם גאַנצן שווערן בטול, וואָס האָט געשפּיזט פון אירע אויגן אויף אים. ס'האָט אים שוין באַנג געטאָן די פריערדיקע שאלה. רואיק, מיט הארטן עקשנות, האָט זעמל געזאָגט צו זיין ווייב:

— כ'האָב שוין געבעטן די באַלעבאָסטע, זי זאָל אכטונג טאָן צו די קינדער. קום, וועלן מיר גיין צום רב...

זי האָט געטאָן אַ וואָרף ביידע הענט, געכאַפּט איין קינד נאָכ'ן אַנדערן און זיי אַ שטאַרקן זעץ אַנידערגעטאָן אויפ'ן בעטל, שרייענדיק מיט איר נאָגנדיקן, איבערשרעקנדיקן קול:

— קום צום רב, זעמל, קום! מיינסט כ'וויל מיך נישט גט'ן!? קום שוין, די מינוט, די...

איר פּנים איז געווען רויט, אָפּגעגאָסן מיט נאַסן כעס און ס'האָט אויסגעזען, ווי די הויט דערפון וואָלט געווען אָפּגעשונדן. די שכנות אין די שטיבלאַך האָבן שוין ווידער געהערט די וויינענדיק־שרייענדיקע קולות פון דאַנען און מ'האָט זיי געזען ביידע אינאיינעם, אים אַ קליי־נעם און זי אַ גרויסע, גיין גיך, לויפנדיק, איבער די שטיינערנע גאַסן, אָפּגעגאָסענע מיט יונגער זון, צוויי ביטערע שונאים, אהין צום טונ־קעלן שמאָלן אידישן געסל צו דער קהלה, וואו מען זעט אין די פענ־סטער פון די געוועלבלאַך זיידענע טליתים'לאַך צום פארקויפן, ציצית, מזוזות, אַ זילבערנע יד מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער, מעשה־ביכ־לאַך, ספרים, בינטלאַך אַלטע שטיוול מיט נייע פּאָדעשוועס, אָנגע־שלאָגענע מיט טשעוועקעס, הענגען אויף טירן, קופּעס דוממייקע, אַל־טע אָפּגענוצטע בגדים ליגן אויף שוועלן און צווישן זיי קוקן ארויס פרעמד אַ פּאָר פּאַרבלאָנדזשעטע זעלנערישע הויזן. די ענגע אידישע געסלאַך דאָ זיינען טונקל גלייך זיי וואָלטן זיך באַהאַלטן פאר דער ליכ־טיקער טאָג־שיין, אייביקע פינסטערע בלאָטע ליגט דאָ. די גאַנצע בלאָטע פונ'ם גלות. די גרויסע האָרבאַטע מויערן זיינען אין דער הייך אַזוי ענג צונויפגעשטעקט אקעגנאיבער, אַז ס'דאַכט זיך אַז זיי רירן זיך אָן מיט די טרויעריקע קעפּ. ס'שמעקט דאָ תמיד שאַרף מיט גע־קאָכטע פיש, מיט טהרה־כלים, מיט שטויביקער סאַמעטענער חופּה, מיט בלוט־בלבול, מיט מקוה, מיט הויכבוזימדיקע אידענעס, באַהאַנ־גענע מיט גאָלד און בריליאַנטן, מיט גזרות און שחיטות. דאָס פּאַר־זשאַווערטע אייזערנע שילדל, צוגעשלאָגן צו אַן עק שוואַרצער וואַנט, מיט שוואַרצע אַלטע און שווערע מאַטערניש־טשוועקעס פינסטערע. קוקט אַראָפּ מיט בייזער בלוטדורשטיקייט. מ'קען אויף דעם לייענען:

דער אינזל

„דאָ זיינען 1420 אין יאָר פון דעם האַר פאַרברענט געוואָרן פינף הונדערט הינטישע אידן".

ס'דערפילט זיך סמאַלינע פון מענטשן־פלייש. ס'דאַכט זיך, אַז מ'הערט האַרצרייסנדיקע יאָמערן פון ווייבער און קינדער, וואָס גרייכן ביז צום טויבן הימל. ברומענדיקע פאַר'עקשנ'טע שמע־ישראלס פון שוואַרץ־באָרדיקע אידן מיט שפּיציקע ספּאָדיקס אויף די האַרטנעקיקע קעפּ. רויע פאַר'שכור'טע געלעכטערס פון אייזן־געפּאַנצערטע זעלנער מיט לאַנגע שאַרפע פערדישע שפּיזן אין די הענד, הירזשען מיט בייזער פרייד. זייערע איינגעשנירטע מוסקולן פון די נאַקעטע פּיס שטעקן אַרויס קיילאַכדיק און האַרט, ווי סענקים פון קלעצער. שוואַרצע גלחים מיט קאַפּעשאָנעס אויף די קעפּ הייבן זילבערנע צלמים צו די שויי־טערהויפנס מיט ברענענדיקע בינטלאַך בערדיקע אידן. פון דער אַלטער שרעק וואָס בלאָזט דאָ אין די אידישע געפּלאַך, ווערט קאַלט אין אַלע אברים. נאָך טיפער און פינסטערער אָבער איז די מרה־שחורה אין דער קהלה־געביידע אליין. דער שטיינערנער מגן־דוד אויפ'ן טויער רופט אַרויס פאָרכטיקע ליבשאַפט און גרייטקייט צו קידוש השם און דאָס גאַנצע מיסט פון אַלע אידישע שטיבער איז דאָ אָנגעזאַמלט אין אייביקע שוואַרצע בערגלאַך, אור־אַלטע, פאַר'עקשנ'טע. ווי שאָטנס שלייכן אויף די אויסגעטראָטענע שוואַרצע טרעפּ פון דער קהלה די אָרימע לייט, די צעקרימטע קאַליקעס מיט אייביקע קללות אין די פאַרצאָרנטע מיילער און פון די שטעכיק־געשווירענע בערדלאַך ביי די פאַרמאָרעטע כלי קודש שפּיזט אַראָפּ די גאַנצע אָנגעזאַמלטע, פאַרביטערטע בייזקייט פון אַלע אידן אין גלות. זיי טרייבן און שעלטן, וואַרפן פון די טירן, טלומען מיט ביינער, קריגן זיך מיט די ווייבער און רייסן געלט פון טויט און פון לעבעדיק. אין די שטיינערנע קאַלטע שטיבער זיינען די שוואַרצע פעטיקע קהל'שע ווענד אָנגעזאַפּט מיט געוויין און אומגליק און פון דער סטעליע קוקט אַראָפּ אַ האַרטע שטיי־נערנע אומדערבאַרעמקייט. דער ירגזוז פון די חתונה־האָבערס דער־שרעקט מיט זיין טרויער, בעת די בליקן פון די פאָר־פּאָלקן, וואָס קו־מען זיך אהער גט'ן, פאַרברענען מיט זייער שנאה. די פאַרלאָזנקייט פון די אַלמנות און יתומים פינסטערט אין געמיט און די פאַרוואָגלט־קייט פון די פרעמדע, וואָס מען זעט דאָ, באַשווערט די אייגענע בענ־קעניש, נישט־ווייסנדיק צו וואָס, ביז טרערן. זעמל'ען קען מען שוין דאָ. מען קען אים פון זיין חתונה, פון די ברית'ן. מ'קוקט זיך נישט אום אויף אים, מ'הערט אים נישט. זיינע רייד שלאָגן זיך אָן אין קאַלטע בייזע פּלייצעס, מ'טוט אים אַ טלום מיט פינסטערן בטול:

— וואָס ווילן זיי שוין ווידער? גט'ן? דער הערר ראַבינער

איז נאָך נישטאָ. ביטע באַצאָלן זיי און וואַרטן זי. רעדן זי נישט פיל.

אַ צעקנייטשטער, קויטיקער זקן, מיט אַ געלן, גלאַנצנדיקן קאָפּ, וואָס איז ווייך, גרויס און נאַקעט ווי אַן ארבוז, שרייבט שטייענדיק ביים שטענדער מיט דער גענזענער פּען שטום און טויב אין אַ געוואַלדיק־שווערן גרויסן בוך אריין, דעם טויטן־בוך, די נעמען פון געשטאָרבענע. מיט צוויי געלע טאַביק־פינגער האַלט ער זיך צו די מעכטיקע ברילן אויף דער איינגעפּלעטשטער נאָז און זיין פּלייצע הוידעט זיך אביסל, מיט כונה, גלייך ער וואָלט געדאַוונט פאַר'ן עמוד. זעמל דערקענט אים. ס'איז דערזעלבער וואָס פאַרשרייבט אין געבורטן־בוך ווען אַ קינד ווערט געבוירן. דער בוך איז אויך דערזעלבער. ס'דערהערט זיך פּלוצים אַ קורצער ווייבערשער קוויטש, אַ דינער, אַ פאַרצווייפלטער, וואָס בויערט דורך דעם מאַרך און די ביינער:

— זי גזלן! איך וועל אינען אויסרייסן די אויגן. שוין זיבן וואָכן, אַז איך קום אַהער יעדן טאָג און ער זאָגט אַלץ מאָרגן, מאָרגן.

אַ געגאָלטער שמש מיט אַ לאַנגער ברוינער נאָז ווי אַ האָרן, אַ שוואַרץ פּלעסטערל אויף אַן אויג און מיט אַ דייטש־פאַרסמאַלצעוועט קאָפּעל אויפ'ן שפּיץ גרויען קאָפּ, באַווייזט זיך אַ בייזער, אַ שרייענדיקער, און הינטער אים לויפט נאָך אַ לאַנגע שוואַרצע אידענע אַ אונגאַרישע, מיט אַ שייטל אויפ'ן קאָפּ. אירע אויגן ברענען פון פרומקייט. דער שמש טראָגט אונטער'ן אָרעם אַ חלוצה־שוך. ער איז וואונדערלאַך־עקיק, דער שוך, גרויס און גליטשיק־ווייך איז ער, אָן אַ לעבעדיקן פאָרם. אַ שוואַרצע קבר־קעלט געניצט אַרויס פון זיין טיפן מויל. ס'שמעקט פון אים מיט בית־עולם־ערד. ס'איז נישט דער שוך פון אַ לעבעדיקן מענטש. ס'איז דער שקראַב פון אַ מת, פון יענער וועלט. דער שמש בויגט זיך סודותדיק צו דער חלוצה־אידענע מיט'ן אָפּגעריבענעם שייטל:

— ווען זיי וועלן מיר געבן אַ גוטעם טרינק־געלד ווערדע איך שוין אַלעם מאַכן. שאַ, זי ברויכן נישט צו שרייען ווי זי האַבן נישט קיין געלד זאָ ברויכן זי נישט קיין חלוצה.

זעמל מיט זיין ווייב זיצן דאָ לייטישלאַך, אָנגעדרודלט, אויף דער צעשניצטער שווערער הילצערנער באַנק אַ גאַנצן טאָג, און זיי וואַרטן. זיי זיצן נאָנט צענויפגערוקט און קוקן זיך נישט אָן. מיר און שווער אָטעמען ביידע די לופט אָנגעזאַפּט מיט'ן דומפּיקן שווייסיקן אָטעם פון פרעמדע מענטשן דורות־לאַנג, און דאָס אומגליק פון יענע פלאַטערט ווי אַ שוואַרצער פויגל איבער די קעפּ.

אַז מ'קומט אריין צום רב, אין זיין באַזונדער שטיבל, זעט מען שטיין דעם רב'ס מעכטיקן צילינדר־הוט אין מיט טיש, איבערגעקערט

דער אינזל

מיט׳ן מויל אראפ ווי א טאפ, פונקט ווי דעמאלט ווען מ׳איז געקומען צו אים חתונה האבן. און ווי דעמאלט זיצט ער מיט דער דייטשער יארמולקע אויפ׳ן גרויסן גרויען קאפ רואיק ברייטלאך, אן א סימן פון צרות, זיצט אויפ׳ן שווערן אויסגעבעטן שטול, פויקט נחתדיק מיט די קיילאכדיקע פליישיקע פינגער, וואס זעען אויס ווי קאלבאסלאך, אויפ׳ן טיש און מיט דער אנדערער האנט טוט ער א גלעט די ברייט־צע־שפרייטע גראליכע בארד, וואס ס׳שמעקט פון איר מיט גענזענע פיפקעס. ער גלעט זי נאך אמאל מיט אזוי פיל נחת און הרחבה, אז ס׳איז אומזיסט צו זאגן צו וואס מ׳איז געקומען צו אים. ער וועט נישט גלויבן.

— וואס ווילן זיי ?

מ׳דערשרעקט זיך פאר אים, פאר זיין קיילאכדיקער בלאלאכער פליישיקער נאז, ווי פאר׳ן רבי׳ן אין חדר. מ׳ווערט בלייך. די בושה ווערגט אין האלז און מ׳היקעט אונטער :

— מיר ווילן זיך ג־ג־גט׳ן.

— וואס, וואס ?

— גט׳ן !

שרייט מען שוין הויך, פארלוירן פוןביידע וועלטן.

— אזוי, גט׳ן ? ווארום ווילן זיי זיך עפעס גט׳ן ?

גערעדט האט זעמל׳ס ווייב גיך און שרייענדיק :

— גט׳ן ? ווער וויל זיך דא גט׳ן ? זי וויל זיך נישט גט׳ן. איר מאן זעמל איז משוגע געווארן. זי ווייסט נישט וואס ער וויל, דער מאן אירער זעמל. ער קלאגט איר אפ די יארן. ער לויפט ארום די גאנצע טעג, דער רוח ווייסט וואו, און ער קער האבן אנדערע ווייבער.

זעמל האט זיך דערשראקן. קאלטער שוויים האט אים ארויס־געטראטן אויפ׳ן שטערן. ער האט אונטערגעטאנצט פון חדוש מיט א פינסטער געלעכטערל :

— ווער ? עך גיי ? עך לויף ? עך טו עפעס ? הערר ראבי־נער ! איך־קאן שוין נישט אויסהאלטן ! איך זאג אייך דעם ריינעם אמת, כ׳בין שוין אוים מענטש.

זעמל כאפט זיך מיט דער האנט פאר׳ן הארץ. זיין קול איז טונקל־וויינענדיק :

— הערר ראבינער, זי דערגייט מיך די יארן. זי טרייבט מיך יונגערהייט אין דער ערד אריין. ווען כ׳זאל כאטש ווייסן וואס זי וויל, וואס זי וויל פון מיין לעבן האבן ! מיר האבן שוין דריי קינדער, קיין עין־הרע ! שיינע קינדער ווי די ליאלקעס. צוויי מיידלאך און איין

דער אײנזל

אינגעלע, טײערע קינדער, שטילע, ציכטיקע און דאָ נאָר מ׳קריגט זיך, מ׳שרײַט און מ׳קוויטשעט! כ׳שעם מיך פאַר די אָרימע קינדער, פאַר די בידנע שעפעלאַך נעבאַך, פאַר די שכנים, פאַר זיך אַלײן. װײ־איז־מיר־נישט־געשען! װאָס טוט זיך עפּעס דאָ? נאָר זי קוויטשעט און נאָר זי שרײַט און נאָר זי שעלט, די שטוב גײט אויף רעדער. כ׳האָב דאָך שױן עפּעס געזען שלעק און צרות און פּרעניות׳ן אין מײַן לעבן, אָבער אַזױנס? אַזאַ אומגליק! װאָס טוט מען? װאו גײט מען? װאָס הױבט מען אָן צו טאָן? און װאו לױפט מען?

װאָס מער זעמל האָט גערעדט שטיל־הײזעריקלאַך, אונטערװינקנדיק מיט זײַן שפּיציק־שװאַרצן געגרײַזלטן קאָפּ גלײַך ער װאָלט געזעסן אַצינד דאָרט, אין סופליאָר־קאַסטן און אונטערגעזאָגט די דראַמע, די נאָז בלױלאַך אױסגעצױגן, דער שטערן האַרט אָנגעבױגן, אַלץ מער זײַנען די רײד געװאָרן דין־נאָגנדיקע, ענלאַך צו די רײד פון דער מאַמע זײַנער, װאָס האָבן זיך אײביק אַראָפּגעשיט פון׳ם אָנגעװײטאָקטן האַרץ אירן, מיט׳ן ציל דאָס צו דערלײַכטערן.

— אַ װײבל זאָל נישט פאַררעכטן דעם מאַן אַ פּאָר זאַכן, אײַנגײען אַ קנעפּל! װײ־איז־מיר־נישט־געשען! בײַ אונז אין דער הײם איז דאָך אויך עפּעס געװען אַ שטוב! װי אַזױ האָט עפּעס געלעבט מײַן מאַמע מיט מײַן טאַטן?

דאָס װײַב האָט געטאָן אַ שפּרונג אונטער. אירע גראָבלאַכע ליפּן האָבן געציטערט, די ברײטע צעפּלעשטע נאָז האָט געפּאָכעט, געבלאָזן אין כעס:

— אָי, הערר ראַבינער, כ׳װעל דאָס נישט אױסהאַלטן. קוקט אים נאָר אָן, דעם קריפּל, דעם קאַליקע! ער האָט מיך אימגליקלאַך געמאַכט. כ׳װאָלט געװען געקאָנט נעמען אַ לײַטישן מאַן. קוקט אים נאָר אָן! זעט נאָר אַ פּנים! זעט נאָר אַ נאָז! אָט דאָס איז מײַן מאַן? אָי, געװאַלד, כ׳האָב אים פײַנט. כ׳קען אים נישט אָנקוקן, נעמט אים אַװעק פון מיר!

איר פּנים איז געװען אַצינד בלאָס און צעדרײַט פון עקל. פון די אױגן האָט געבליצט אַ שנאה, אַ געדיכטע, אַ גרינלאַכע, װאָס באַנעמט דעם אָטעם אַ בריענדיקע, װאָס שפּריצט, שרײַט און פאַרברענט װי בױמאײל װאָס גיסט זיך אויף פײַער.

זעמל האָט געהױבן אָן אַקסל, געקוקט דעם רב גלײַך אין די אױגן אַרײַן, װי אײנער רעדט: נו, װאָס זאָגט מען צו אַזאַ מעשה? דער רב אָבער, װײַזט אױס, האָט געהאַט אַ טבע צו אַזױנע מעשיות גאָר נישט צו זאָגן. ער האָט נישט אױפגעהערט שװײַגנדיק און פּאַװאָלי צו פּױקן מיט פלײשיקע פינגער אין טיש און זײַן גלוסטיק בליקל פון

דער אינזל

אונטער די געדיכטע שטאַרק־מאַנסבילישע אַריבערהענגענדיקע ברעמען־בינטלאַך, האָט פאַר׳גנב׳עט זיך, געגלימשט איבער דעם ווייבלם פליישלאַכער פולקייט, איבער׳ן ווייסן, פעטן האַלז אירן ביז אַריין אין הויכן בוזעם אַריין און ער האָט אונטערגעבאַמקעט:

— בום־בים־בים־בים־בים־בים־בים.

נישט־קוקנדיק צו זעמלען, האָט ער פּאַוואָלי פויל געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגן זיי עפּעס?

— ווער, עך? עך זאָג גאָר נישט, הערר ראַבינער, וואָס זאָל עך זאָגן? זי לויפט, זי גייט, זי טוט מיט אַנדערע.

— וואָס טוט זי?

זעמל ענטפערט שטאַרק שטיל, אַזוי אַז מ׳קען קוים הערן. זיין געלעמט הענטל ציט זיך טיף אין אַרבל אַריין, אויף דער קנעכערנער נאָז שאַטנט דער שווערער צער פון׳ם אייביקן חשד:

— הערר ראַבינער, ווער ווייסט וואָס זי טוט, מ׳קען עפּעס וויסן?

— זאָ?

— נו, יאָ, הערר ראַבינער.

אַצינד איז דער רב שוין אַ היימישער מענטש. ער טוט אַ שנייץ די מעכטיקע נאָז אין דער פּאַטשיילע אַריין און מען באַקומט פאַרטרויען צו זיין גראָער באָרד. מען דערציילט אים אַלץ. אָבער דער רב חדוש׳ט זיך גאָר נישט. זיין אויג טוט נישט קיין פינטל. ער טוט אַ ברייטן געניץ מיט דער גאַנצער געדיכטער האָריקייט פון׳ם מויל:

— זאָ־זאָ.

זאָגט ער, און זעמל ענטפערט אונטערטעניק און גלויביק:

— יאָ, יאָ.

— הם, ווי אַזוי? זיי האבן זי געכאַפּט ביי דער האַנד? ווען וואר דאס? וואָ?

ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז דער רב וויל אַלצדינג וויסן, זייער גענוי, מיט אַלע פּיטשעווקעס. זיין ברייטקייט צעוואַקסט זיך אויפ׳ן שטול, און זיין אויג, דאָס געשאַרפטע אויג פון אַ מבין, רוט אינגאַנצן שוין אָן באַהעלטעניש, אויפ׳ן ווייבל׳ס קיילאַכדיקע פליישן. זיין האַנט טוט נאָך אַמאָל אַ גלעט די ברייטע באָרד, ער הוסטלט אונטער מיט הנאה און נעמט אונטערברומען העכער דאָס נגונ׳דל אונטער׳ן נאָז:

— הים־פּי־ם־פּי־ם־פּ־י־ם.

דערנאָך קוקט ער לאַנג אָן זעמלען און פרעגט אים:

— פון וואו זיינען זיי?

— פון דראָביוועסי, אין גאַליציע.

— האבן זיי געקאַנט דעם דראביוועקער רבי'ן ?

— אַ שאלה אַביסל ! אַ טייערער גוטער איד !

— ער איז פאַר אַ פּאָר טאָג נפטר געוואָרן, זאָגט דער רב.

זעמל בלייבט שטיין דערשלאָגן פון טרויעריקייט. ער טוט פאַר־וואונדערט אַ צמאָקע מיט די ליפּן :

— אזוי... שוין דער רבי אויך געשטאָרבן ?... איי, איי, איי.

ס'טוט אַ שווים פאַר די אויגן דער ערפאַרכטיקער גרויסער סויב־לענער ספאָדיק, דאָס פיינע ווייסע בערדל, ווי פריש־געפאַלענער שניי, דער דיקער בורשטינענער ציגאַר־שפּיץ מיט'ן פיינעם ברענענדיקן צי־גאַרל צווישן די בלייכע איידעלע פינגער. אזוי האָט מען אים געזען שטיין דעם רבי'ן ביים פענסטער, ווען מ'האָט זיך אריינגעכאַפּט צום רבי'ן אין הויף־גאָרטן רייסן אַגרעסן פונ'ם קאָרטש. אַ רגע איז דאָס קליין־אינגלישע האַרץ פאַרגליווערט געבליבן דעמאָלט. דעם רבינ'ס איידעלער פּנים האָט זיך געלבלאַך געווייסט דורך דער שויב. ס'האָט געהאַט אין זיך די פאַרכטיקע הייליקייט פון דער תורה אליין. מ'איז גיך אַרויס פונ'ם גאָרטן, אריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און מ'האָט צעריסען די הייזלאַך ביי די טשוועקעס :

— איי... שוין דער רבי אויך געשטאָרבן.

— יאָ. מיר וועלן אַלע שטאַרבן.

זאָגט דער רב און ער שאָקלט טרויעריק דעם גרויסן גראָ־באַהאָרטן לייבן־קאָפּ :

— נו, גייען זיי אהיים און בעטן זיי זיך איבער. אין אַכט טאָג קענען זיי ווידער קאָמען. זי מוזן קומען פיר מאָל.

וואָס איז „אידישיזם"?

(אַ בריוול צו ראובן אייזלאנד).

ליבער קאָלעגע :

— „דער אידישיזם איז דאָס גייסטלאָזסטע פון אַלע גייסטיקע פאַרזעעענישן".

אזוי זאָגט איר אין אייער „קונסט און פּראָפּאַגאַציע" („אינזל", נומער 1).

וואָס מיינט דאָס ? פון וואַנען, פרעג איך, נעמט זיך אייער כעס אויפ'ן אידישיזם ? אָדער, אויף ו ע מ ע ן זייט איר דאָס אזוי מלא רציחה ? ווער איז דער שולדיקער ?

לאָמיר קלאָר ווערן : וואָס איז „אידישיזם" ?

אידיש — מיינט : אידיש.

דער אינזל

„אידישיזם" — מיינט : געזעלשאַפטלאַכע קאָלעקטיווע באַהעפ־טונג מיט אידיש ; אין נעגאַטיוון זין — געגנזאַץ צום הידד־העב־ראַאיזם.

„אידישיסטן", „אידישיזם" — דאָס זיינען אַלץ אויסדרוקן, ווער־טער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם אויפגענומענעם קאַמף פאַר דער דערהויבונג, אויסלייטערונג פון אונזער לשון. צום טייל איז דער באַגריף פון אַט די ווערטער אַלץ שאַרפער און בולט'ער געוואָרן אויך צוליב יענע אידן, וואָס האָבן אונז געשלעפּט און האַלטן אונז נאָר אין איין שלעפּן צו די לאַנדס־שפּראַכן, צו אַלע שבעים לשונות.

אידישיזם מיינט דעריבער :

א י ד ע א י ש : — באַהעפטונג ניט נאָר מיט'ן שבת, נאָר אויך מיט'ן מאָנטאָג, ניט אַזוי מיט דער נשמה יתירה, ווי מיט דער נשמה.

פ ע ר ז ע נ ל י ך : — שטאַרקן, רייניקן, אָדער אָפּהיטן די ריינ־קייט פון דער שפּראַך. לערנען אונזערע קינדער אידיש. בויען, אויפ־האַלטן שולן, טעאַטער, קולטור־אינסטיטוציעס.

ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י ך : — נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. זייט איר געגן דעם, קאָלעגע אייזלאַנד ?

אָדער מיינט איר פּיליכט מיט אייער כעס'דיקן אויסדרוק דאָס זעלבע, וואָס קאָלעגע ש. י. אימבער מיינט מיט זיין קונציקן עפּיגראַם :

„אידיש — אַ ברכה, אידישיזם — אַ קללה" („געגנוואַרט", נומער 3) ?

עפּיגראַמען האָבן אַ טבע צו קלינגען און צו פאַרכאַפּן דאָס אויער.

אָבער לאָמיר זען דעם אמת, וואָס שטעקט אין דעם ; אָדער, נאַקעטער גערעדט, לאָמיר אויפזוכן דעם הונט, וואָס ליגט דאָ באַ־גראָבן.

אָט איז דאָס :

אידיש — אַ גאָלדענער מיטל.

„האָט געזאָגט" — איז אַ ברכה, כל זמן נאָר מיר האָבן פון דעם געוואוסט דעם טייטש פון „ויאמר". אָבער „האָט געזאָגט" אַליין ? — זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

אידישיזם, אין געגנזאַץ צו אָט די שפּראַכלאַכע בעלי־צדקות, מיינט : אידיש ניט בלויז אַלס מיטל, נאָר אַלס ציל. מיטלען ווערן פראָפאַנירט ; ציל — דערהויבן.

זעט איר שוין, אז ווען מען בייט אויס די שיינענדיקע מטבע „אידישיזם", באַקומט זיך — פּראָסט־פּשוט'ער אידיש.

איך וויים :

עס טוט ווי ; מען פילט אָפט אַ בושה צו זיין „אידישיסטן", צו ד אַ ר פ ן זיין אידישיסטן ! עס טוט ווי, פאַרוואָס עס איז פאַר יעדן ניט קיין זעלבסטפאַרשטענדלאַכע זאַך, אז אידיש א י ז ; א י ז

דער אינזל

און — דאָס אַלץ! עס איז אַ ווייטאָג צו טראָגן אַ מין פּאַרטיי־פּלאָמבע אויף דעם וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מויל...

נו, און אז עס טוט וויי, דאַרף מען ברוגז ווערן? צי ווערט דער אידישיזם אַ „פּאַרזעעניש" צוליב דעם, וואָס עס איז אונז ביטער און פינסטער? צוליב דעם, וואָס עס פעלט לופט און באָדן פאַר אונזער גאַנצע אַרבעטן און שאַפן? ווער איז אָפּטימיסטישער, ווער — פּעסימיסטישער. אָבער וואָרום אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ פאַר'גוזמה'טן וואָרט? דאָס עקזאַקטע וואָרט, קאָלעגע אייזלאַנד, איז נויטיק ניט נאָר אין לידער...

געיוים, מגידות, אַ מוסר־שטיבל, געזעלשאַפטלאַכע פּראָגראַמען אין קונסט איז אַן אומגליק. אַרויסטרייבן!

אָבער צי דאַרף מען אויך אַרויסטרייבן געזעלשאַפטלאַכקייט פון געזעלשאַפטלאַכקייט?

און דערביי: וואו און ווען האָט מען עס, ווי איר ווילט האָבן, גערינט ביי אונז אין דער ליטעראַטור דעם אידישיזם, דעם אידישיסטישן פּראָגראַם? סאָציאַליזם — יאָ; ציוניזם — יאָ; משיח'יזם אפילו — יאָ. אָבער ווער האָט גערינט דעם „אידישיזם"? וועלכער פּאָעט? וועלכער דערציילער?

אפשר קאָן מען דירעקטן „אידישיזם" געפינען צום טייל אין דער קריטיק. קליינע טאַלאַנטן זיינען צושריען געוואָרן; דריט־קלאַסיקע ווערק צופּויקט געוואָרן, — אַלץ כדי צו פּאַקן וואָס גיכער דעם אידישן סטיל; מיט דער גוטער, שוין צו־גוטער, כונה, וואָס שנעלער אָנצו־פילן, אָנצומילגרוימען דעם אידישיזם מיט וואָגיקע פּראָבלעמען, מיט שווערער אַרטילעריע. אָפּט האָט זיך פון דעם געפילט דער ריח פון קליינשטעטלדיקן ליטעראַרישן שאָוויניזם.

אָבער אפילו אין דער קריטיק האָט דאָס, נאָך אַלעמען, ניט באַ־קומען די אויבערהאַנט. פרעגט זיך: טאָ ווער זשע האָט אין אונזער ליטעראַטור געזונגען לידער, געשריבן ראָמאַנען אַרויסצוברייננגען די אידייע פון אידישיזם?

איך זאָג: הלואי, קאָלעגע אייזלאַנד, וואָלטן מיר אַלע — ניט אין קונסט — נאָר אין פּערזענלאַכן לעבן, יע אַ ביסעלע מער גערינט דעם אידישיזם!

אַלענפאַלס, אידישיזם — אַ גייסטלאָזע און נאָך די גייסט־לאָזסטע!) פּאַרזעעניש, ווי אַזוי? אויף וועמען זייט איר דאָ אין כעס געוואָרן? ווער איז דער שולדיקער?

אייער

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

די ליעבלינג מצה

פון הונדערטער טויזענדער אידען פאר מעהר
ווי 40 יאָהר.

„די מצה מיט געשמאק". „זייט 1884 די בעסטע"

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען,

369־383 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק

די אמאלגאמייטעד באַנק

האָט נאָהענט צו

$6,000,000.00

דעפאָזיטס

די אמאלגאמייטעד באנק האָט די בעסטע פארבינדונגען מיט אלע טיילען פון אייראָפּע, צאָלט אויס אין דאָלארס פינקטליך, שנעל און זיכער.

The Amalgamated Bank of New York

103 East 40th STREET NEW YORK CITY

Up-To-Date Printing Co., Inc., 200 195-197 Canal St., New York

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 3. מאַי, 1925

דוד קאַזאַנסקי — אַש-גרוי; דוד קאַזאַנ-
סקי — אַ קנעפּל; משה גראס — דער ניי-
ער נודניק; מאַני לייב — אַן ענטפער
ה. לייוויק׳ן; א. מ. דילאָן — לידער;
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילד-
נער; י. קיסין — די געפאַר
פון איינזייטיקייט; זישא
לאַנדוי — דיכטונג,
דיכטער און
לעזער.

25 סענט אַ נומער. $2.50 אַ יאָר.

באקאנטמאכונג!

די פלאַטן און מאנוסקריפטן פון פארלאג „ניי צייט“ זיינען
אָפּגעקויפט געוואָרן פון פארלאג

אינזל

די פלאַטן זיינען פון פאָלגנדע ביכער:

דזשעק לאָנדאָן: — — — — דער אייזערנער קאנפּל
" " — — — — — — די שטימע פון בלוט
" " — — — — — — — דער וועג
" " — — — — — — — — פאַר אדם
הערמאן באנג: — — — — — — — אָן א פאטערלאנד
ב. לאַפּין: — — — — — — — — — די רוסישע ליריק
פעטער אלטענבערג: — — — — — ווי איך זע עס
אָסיפּ דימאָוו: — — — — — — — מיידלאך — מוטערס
א. קופּרין: — — — — — — — — — שולמית
א. קופּרין — — — — — — — — — דערציילונגען

מאַנוסקריפּטן

היפּאָליט טען: — — — — — די פילאָזאָפיע פון קונסט
רודיאַרד קיפּלינג: — — — — איבער דער וועלט
דזשעק לאַנדאָן: — — — — — — — — דער ים וואלף
" " — — — — — — — — מארטין אידין
" " — — — — — — — — ווען גאָט לאכט
ווינישעווסקאָ: — — — — — — — דערציילונגען
באַלזאַק: — — — — — — — — — פריילאכע מעשיות
" — — — — — — — — — מאַדעם מינאַן
" — — — — — — — — — דער אַלטער גאָריאָ

מער איינצלהייטן קומענדן מאָנאַט.

DER INZEL

254 Henry Street — New York City

דער אײנזל

חודש זשורנאַל

נומער 3. מאַי, 1925. ניו יאָרק

דוד קאַזאַנסקי

אַש-גרוי

איך געדיינק זיך זייער יונג. און איך געדיינק: איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין קינד. מען האָט שוין גערעט צו מיר, ווי צו אַ גרויסן, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס אָדער זיבן. מיין מוטער, ווי איך וויל זי איצט געדיינקען, איז געווען אַ הויכע ,אַ שלאַנקע און זייער אַ שיינע, זייער. עפּעס האָט שטענדיק אַראָפּגעזוונגען פון איר, ווי פון אַ טיפער ווייטקייט. הענט האָט זי געהאַט דינע, גע־טרייע, און די פינגער אירע זיינען געווען אַ זעלכע לאַנגע און ווי פון געשליפענעם גלאַז. מיר איז גוט וואָס איך האָב גע׳ירשנ׳ט אירע הענט. מיין זון האָט פּונקט אַזוינע הענט ווי איך.

איך ווייס ניט צי איך האָב ווען עס איז געהאַט אַ טאַטן. אַן אמת׳ן טאַטן. מיר דוכט, איך בין אַ ממזר. עס פאַרדריסט מיך ניט, נאָר איבערנעמען זיך מיט דעם איז ניטאָ וואָס. דער וועמען איך האָב גערופן טאַטע, איז געווען אַ נידעריקער, מיט ברייטע פּלייצעס און זייער אַ געזונטער, זייער אַ שטאַרקער. ער האָט געהאַט אַ גרויס קיילעכדיק פּנים, ווי אַ טאָפּ און דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז געווען אַריינגעכאַפּט אין אַ געדיכטער, געלער באָרד. די באָרד, ווי אַ רייף, האָט ניט אָפּגעלאָזט דאָס פּנים, האָט עס שטאַרק געהאַלטן, און געדאַכט האָט זיך אַז דערפון איז עס געווען רויט און אָנגעגאָסן. איך געדיינק אים אין אַ שוואַרצן סורדוק און פון זיינע גרויסע שטיוול האָט גראַב געשמעקט מיט רויען לעדער. ער האָט זיך ניט געפּאַסט צו דער מוטער און די מוטער האָט זיך ניט געפּאַסט צו אים. נאָר זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט געקריגט הויך אויפ׳ן קול. ער פלעגט נאָר אַמאָל אַריינכאַפּן די באָרד זיינע, און פלעגט זי נעמען ציען, ווי מען ציט אַ שטריק:

— איך שווייג, אָבער אַז איך וועל אָנהויבן צו ריידן!

זיינע ווערטער פאַלן ווי שטיינדלאַך אויף אַ טאַץ, און די מוטער הויבט זיך אויף פון טיש, לאָזט זיך אַרויסגיין פון עס־שטוב, און גייענדיק פאַרלירט זי שטיל, צו קיינעם ניט:

דער אינזל

— מיין מזל. . . .

איך האָב פיינט געהאַט דעם טאַטן און דער טאַטע האָט מיך פיינט געהאַט. און צווישן אונז איז שטענדיק געשטאַנען די מוטער, אַ נאָענטע ביז טרערן און אַ פרעמדע ביז טרערן. זי האָט זיך ניט צוגערירט, ניט צו מיר און ניט צום טאַטן, זי איז נאָר געשטאַנען צווישן אונז און איז שטענדיק געווען אַליין, אַט ווי אַ בוים אויפ'ן נאַקעטן פעלד.

ווען דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים, פלעגט אָפט קומען צו אונז אַ יונגערמאַן — ער האָט געהייסן איסאַק און איך וואָלט געקענט שווערן, אַז ער איז געווען דער מוטער'ס אַ ברודער. ער איז געווען אַזוי שלאַנק ווי זי, און אַזוי שיין ווי זי. זיין בלאָנד בערדל איז געווען ווי פון זיידנס און די ברילן וואָס ער האָט געטראָגן זיינען געווען אַ ביסינקע צו גרויס פאַר זיינע אויגן, פאַר זיין גאַנצן פנים, און זיי האָבן אויסגעקוקט ווי געליענע.

ווען איסאַק פלעגט קומען צו אונז, האָט ער מיך שטענדיק גענר־מען צו זיך אויף דער קני. ער האָט שטאַרק געוואָלט מיך אַרומנעמען, מיך צודריקן צו זיך, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן. ער פלעגט נאָר קוקן אויף מיר, לאַנג, אָן אָן אויפהער. די מוטער פלעגט שטענדיק זיצן נעבן אונז און קוקן אויף אונז. אויף ביידן. איך בין נאָך געווען אַ קינד, נאָר איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מיר אַלע אין דרייען, איך און די מוטער און איסאַק, זיינען עפּעס אַנדערש, ווי אַלע איבעריקע מענטשן. אפילו ווי דער טאַטע.

און איין מאָל, ווען מיר זיינען געזעסן אַט אַזוי, און אונז איז אַלעמען געווען גוט, איז פּלוצלינג, ניט־געריכטערהייט אַנגעקומען דער טאַטע. איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר איך האָב מיט שרעק גענומען קוקן אויף דער מאַמע'ן. אָבער זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי איז געזעסן אַזוי ווי פריער. נאָר איך האָב איר ניט געגלייבט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן — אַז זי האָט זיך עפּעס אָפּגעווישט, איז ניט געוואָרן, און אויף איר אָרט האָט מען דאָ אַנידערגעזעצט אַן אַנדע־רע, ניט קיין לעבעדיקע.

איסאַק האָט מיך אַראָפּגענומען פון זיינע קני, ווי איך וואָלט געווען אַ גלעזערנער, האָט מיך אַנידערגעשטעלט נעבן זיך, און האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט ניט געקוקט צו דער מוטער, נאָר זי האָט זיך אַליין אויפגעהויבן גלייך נאָך אים, ווי אויף פרוזשינעס. מיר איז היים געוואָרן אין קאָפּ און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך ווייס אַלץ, אַז איך פאַרשטיי אַלץ. זיי האָבן קיינער נאָר ניט געזאָגט, האָבן קיינער גאָרניט געטאָן און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט,

ד ע ר א י נ ז ל

אַז די מוטער מיט איסאַק'ן זאָלן איצט בייקומען דעם טאַטן און ניט דער טאַטע זיי. נאָר עס איז גאָרניט געווען, גאָרניט. דער טאַטע האָט זיך באַלד אָפּגעקערט פון זיי און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון זאַל. ער איז יעמאָלט געווען אַזאַ גרויסער, אַזאַ צעשוואָומענער, אַז זיינע פּלייצעס האָבן זיך געריבן אַרום די ווענט. די מוטער האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן און אין גאַנצן איז זי געווען, פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אויסגעהאַקט פון אַ שטיין אַזאַ. נאָר באַלד האָבן זיך אַ בראָך געגעבן אירע קני, און זי האָט אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. איסאַק און דער טאַטע האָבן זיך גלייך אַכאַפּ געטאָן צו איר, און איך האָב זיך אויך אַ וואָרף געטאָן מיט זיי אינאיינעם, נאָר דאָ האָט מיך דער טאַטע אַזאַ שליידער געטאָן פון זיך מיט אַ פוס, אַז איך בין פאַרפלויגן אין אַ ווינקל :

— ממזר !

איך געדיינק ניט ווי אַזוי איסאַק איז אין יענעם אוונט אַוועק פון אונז און ווי אַזוי עס איז דורכגעגאַנגען די נאַכט. איך געדיינק נאָר, אַז אויף מאָרגן איז אין דער גאַנצער שטוב געווען אַזוי רוישיק־שטיל און צעשראָקן אומרוהיק, ווי אויף אַ בית עולם. די מוטער האָט גאָרניט געטאָן. זי איז געזעסן אין אַ ווינקל ,עפּעס ווי אַן אָפּגע־ווישטע, נאָר זי האָט זיך אָנגעזען איבער דער גאַנצער שטוב. און דער טאַטע האָט אַרומגעשפּאַנט איבער'ן חדר אַהין און צוריק. אַהין און צוריק. אָהן אַן אויפהער, ווי דער אומרו פון אַ זייגער. ער האָט געטרונקען קאַלטע טיי פון אַ שאָל און די שאָל האָט ער געהאַלטן מיט אַ פולער האַנט, אַזוי שטאַרק, מיט דער לאַדאָניע אַרויף, מיט צעשפּרייטע פינגער, אַז אָט און די שאָל וועט צעקוועטשט ווערן אין זיין האַנט.

דערנאָך, שוין צו פאַרנאַכט צו, האָט זיך די מוטער אָנגעטאָן, ווי זי וואָלט געגאַנגען שפּאַצירן, האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און מיר האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין פון שטוב. די מוטער האָט גע־טראָגן מיט זיך אַן איינגעפּאַקטן רענצל. איך האָב ניט געוואוסט וואוהין מיר גייען עס, נאָר איך האָב גאָרניט געפרעגט. דער טאַטע איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום פענסטער, האָט ניט געקוקט אויף אונז, נאָר די מוטער האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט, שוין ביי דער טיר, און האָט אַרויסגערעדט,, ווי אַ פאַר'משפּט'ע :

— אַ גוטע נאַכט !

דער טאַטע האָט זיך ניט אומגעקוקט צו אונז, האָט אונז נאָר ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו אונז ווי

דער אינזל

אַ בלינדרע וואַנט און מיר האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

מיר זיינען געקומען צום וואָקזאַל און דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אונז איסאַק. די מוטער האָט געשמייכלט מיט דעם קאָליר פון בליי, ווי אַ קראַנקע און איסאַק איז געווען בלייך ווי די וואַנט. ער האָט עפּעס גערעדט מיט צעטראָגענע ווערטער, וואָס זיינען געפאַלן באַזונדער, אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט, נאָר אפילו די מוטער האָט אים אויך ניט געהערט. ער האָט ביי איר צונייגעמען דאָס רעגנצל און מיר זיינען ארומגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע. אַהין און צוריק. זיי האָבן ביידע געשוויגן. די נאַקעטע רעלסן האָבן געגלאַנצט אויף דער נידעריקער זון און דער אַנטקעגנדיקער וואַלד האָט זיך צעגייפנעגאָסן אין איינעם און איז געוואָרן ווי אַ שווערער פאָרהאַנג וואָס פאַרהיינגט עפּעס. און צום סוף, אַז מען האָט זיך שוין געדאַרפט געזעגענען, האָט איסאַק מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און האָט מיך אָפּגעפירט פון דער מוטער. ער האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט ניט געקענט. עס האָבן ביי אים געציטערט די הענט און די פּיס. איך האָב געקוקט אויף אים, גלייך אים אין די אויגן אריין און איך האָב אים געוואָלט זאָגן:

— איך האָב דיך פיינט!

ער האָט מיך שטאַרק געהאַלטן פאַר אַ האַנט, נאָר איך האָב זיך ארויסגעריסן פון אים, בין צוגעלאָפן צו דער מאַמען, האָב ארומגעכאַפּט אירע קני און האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט. די מאַמע האָט אריינגעגראָבן אירע פינגער צו מיר אין די האָר און האָט געזאָגט צו איסאַק'ן, איבער מיר, אריבער מיין קאָפּ.

— ער וועט נעבאַך אָפּקומען פאַר אַלץ.

איסאַק איז געבליבן שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע און איך מיט דער מוטער זיינען אריין אין אַ וואַגאָן. איסאַק איז געשטאַנען אַזוי, ווי מען וואָלט אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אויף אַ פעלד און דער וואַגאָן אונזערער האָט זיך גענומען רירן פון אָרט, פּאַמעלאַך און שווער, ווי אַן אָנגעלאַדענער ביז פול. איך האָב געוואָלט שרייען צו איסאַק'ן:

— אהא? !

די מוטער האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבן זיך און האָט באַלד פאַרגעסן וועגן מיר. ניט וואָס איך טו, ניט ווי אַזוי איך זיץ. דעם גאַנצן וועג וואָס מיר זיינען געפאָרן. און מיר האָט זיך געוואָלט אַ צי טאָן זי ביים אַרבל און פרעגן ביי איר מיט טרערן אין די אויגן:

— ווער איז איסאַק? זאָג מיר!

די מוטער האָט מיך געבראַכט אין אַ פרעמדער שטאָט, האָט

דער אינזל

מיך אריינגעפירט אין א פרעמד הויז און האָט מיך צוגעפירט צו א פרעמדער אידענע:

— דאָס איז דיין טאנטע, דארפסט זי ליב האָבן.

איך בין שוין נים געווען קיין קינד, האָב שוין א סך פאר־שטאַנען און איך האָב געוואָלט ביי איר איבערפרעגן:

— איך דארף?

נאָר איך האָב עס נים געטאָן. די מוטער האָט גערעט צו מיר הארט און קאלט, ווי זי וואָלט געוואָלט, אז איך זאָל איר ריידן אנטקעגן, און איך האָב עס געזען און האָב געשוויגן — טאקע איר אויף צו להכעיס, די מוטער האָט געזען וואָס איך טו און זי האָט מיך נים אָפּגעלאָזט:

— דאָ איז גוט. בעסער ווי אין דער היים.

און אז איך האָב נאָך אַלץ געשוויגן, האָט זי לאַנג מיך אָנגע־קוקט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך געפעל איר אזא ווי איך בין.

— דו ביזט אַן עקשן. איך האָב דיך נים ליב.

זי האָט עס געזאָגט אָן כעס, האָט נים געשריען אויף מיר, און עס איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט זיך געגרויסט מיט מיר פאר דער פרעמדער אידענע.

די דינסט האָט מיך צוגענומען פון דער מוטער, און האָט מיך אריינגעפירט אין א באזונדערן חדר. זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער אויסגעבעטער בעט און האָט מיר געזאָגט, אז איך דארף זיך לייגן שלאָפן, עס איז שוין שפעט.

די דינסט איז ארוים פון חדר. האָט צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר און איך בין געבליבן אליין. איך בין געווען אין כעס אויף דער מוטער. איך האָב עס קלאָר געפילט, איך האָב אפילו קלאָר געוואוסט פאר וואָס. די מוטער איז געבליבן דאָרט, מיט דער פרעמדער אידע־נע און איך האָב געוואָלט ארויסגיין צו איר און איר זאָגן:

— דער טאטע איז גערעכט. איך האָב אים טאקע פיינט, נאָר ער איז גערעכט.

פון מיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

די מוטער איז געווען מיט מיר אויף מאָרגן דעם גאנצן טאָג, האָט נים אָפּגעטראָטן, און מיר איז געווען פון דעם נים גוט. זי האָט עס געזען, זי האָט עס געפילט און דאָס האָט זי שטארק געמא־טערט. און צום סוף, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר — איך וועל עס קיין מאָל נים פארגעסן. עס איז גאָר נים געווען, נאָר איך וועל עס געדיינקען, אייביק, שטענדיק. זי האָט לאַנג גערעט צו מיר.

דער אינזל

איך בין אליין אויף דער וועלט. איך האָב קיינעם נים. און איך דאַרף זיין אַ מענטש. זי איז געווען צו מיר ניט גוט און ניט שלעכט, זי האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרשטיין, זאָל זיך גוט אַריינגעמען אין קאָפּ אַריין, דאָס וואָס זי זאָגט מיר. און איך האָב איר גראָד געוואָלט טאָן אויף צו להכעיס. נאָר אויף צו להכעיס.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז צוריק אַריין צו מיר. זי איז שוין געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע:

— וועסט בייגקען נאָך מיר?

איך האָב געשוויגן, און זי איז געשטאַנען פאַר מיר — אַזוי איז זי אַפילו קיין מאָל ניט געשטאַנען פאַר'ן טאַטן.

— ווילסט מיך באַלייטן צו דער סטאַנציע?

— ניין!

— פאַרוואָס?

איך האָב אויפגעהויבן צו איר דאָס פּנים, און אַז זי האָט מיך דערזען האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַרויס.

2

דאָס הויז ביי דער מומען איז געווען גרויס, מיט אַ סך חדרים. יעדעס חדר, איז זיך געשטאַנען באַזונדער און האָט באַזונדער פאַר זיך אַליין, איינגעשלאָסן אין זיך אַ שווערע פּוסטקייט. די חדרים זיינען שטענדיק געווען אויפגעראַמט, צוגעקליבן. נאָר פון אַלץ, אַפילו פון די ווענט האָט זיך געפילט, אין אַלע חדרים אַלץ איינס, אַז שוין לאַנג ווי דאָ לעבן נים קיין מענטשן.

איך וויים נים, צי די מומע איז טאַקע געווען דער מוטער'ס אַ שוועסטער. די מוטער מיינע איז געווען אַ הויכע, אַ בייגיקע, און די מומע — אַ נידעריקע און אַ פעטע. אַ גרויסער שטיק ניט־דערקנאָטן טייג.

איך געדיינק נים צי איז מיר געווען גוט ביי דער מומען צי נים גוט. איך וויים נאָר אַז ממזרים און יתומים לעבן ערגער איידער מיר איז געווען. געלערנט האָב איך זיך גוט, נאָר אָן חשק. איך האָב זיך געהיט פון מענטשן, בין געווען ווייט פון קינדער. איך האָב געוואוסט, אַז איך דאַרף עפּעס באַהאַלטן, פון אַלעמען, און איך האָב עס שטאַרק געהיט. די מוטער האָט קיין מאָל ניט געשריבן צו מיר, איז קיין מאָל נים געקומען מיך זען. און איך האָב קיין מאָל נים געפרעגט ביי דער מומען:

— וואו איז די מאַמע?

דער אינזל

מיר פלעגט אמאָל איינפאַלן, אַז אפשר איז די מוטער גאָר ניט מיין מוטער? נאָר וואָלט סיידן בעסער געווען, ווען די מומע איז מיין מוטער?

די מומע האָט קיין מאָל ניט גערעט צו מיר, ניט וועגן דער מוטער, ניט וועגן איסאַק׳ן און ניט וועגן טאַטן. גאָר ניט. זי פלעגט נאָר מיר זאָגן:

— גיי עסן.

אָדער:

— גיי שלאָפן.

און איך האָב געפאָלגט. איך האָב אַלעמען געפאָלגט. נאָר זיי זיינען אַלע געווען פרעמד צו מיר און איך בין געווען פרעמד צו זיי. אָט אַזוי בין איך געוואַקסן. בין געוואַקסן הויך און שיין. צו פופצן יאָר האָב איך שוין געהאַט וואָנצעס. איך האָב אָפט געקוקט אויף זיך אין שפיגל. איך האָב אַלץ געוואָלט אויסגעפינען: אין וועמען בין איך געראָטן? אין איסאַק׳ן, צי אין טאַטן?

די מומע פלעגט אָפט קוקן אויף מיר און פלעגט שטיל אַזוי מורמלען, אַז איך האָב קוים געקענט הערן:

— אַ שיינער, נאָר אָן מזל. . .

פאַר וואָס פלעגט זי עס זאָגן? פון וואַנען האָט זי געוואוסט, אַז איך וועל ניט האָבן קיין מזל? איך האָב זי פיינט געהאַט.

די שטאָט אונזערע איז געווען אַ שיינע, מיט ווייסע מויערן און מיט ברייטע גאַסן. די שטאָט ליגט ביי אַ טייך און דער טייך איז שמייענדיק, ווי אַ שפיגל אויף דער זון. דאָס וואַסער קרייזלט זיך בלוי. איך בין געווען אַ גוטער שווימער און איך האָב ליב געהאַט דעם טייך. שטאַרק, מיט מיין גאַנצער נשמה. דאָס איינציקע וואָס איך האָב יעמאָלט ליב געהאַט. דער ברעגביים טייך איז אַ זאַמדיקער, אַ ווארימער און עס איז אַזוי גוט אויסצוציען זיך אין דער גאַנצער לענג און קוקן אין הימל אריין. איך ווייס ניט, צי איך לאַך, צי איך וויין, נאָר מיר איז גוט. אַ מאָל איז דאָ קיינער ניטאָ, און אַמאָל איז אַ גאַנצער יאַריד. עס קומען שיקסעס, גויעס, פאַרקאַטשען זיך די קליידלאַך און קריכן אריין אין וואַסער, ביז צו די קני. זיי וואַשן גרעט. זיי זיינען אַ סך און זיי ריידן הויך, שרייען, און זיי קלאַפּן אַזוי מיט די גרעט, ווי זיי וואָלטן געהאַקט האָלץ. זיי צעברעכן דעם טייך.

מיר געפעלט אַלץ, און איך ליג פון דער ווייטנס און קוק אויף זייערע נאַקעטע פיס. איך ווייס, אַז עס איז ניט שיין, נאָר איך קוק.

דער אינזל

איינע קריכט ארויס פון וואסער און א צווייטע קריכט אריין. און אמאל דערזעט מיך איינע פון זיי און זי שרייט אויף מיר אן:

— וואס דראפעסטו זיך די אויגן? וואס האסטע דא נים געזען? צעלאזענער!

און זי קאטשעט זיך אפ דאס קליידל, פארדעקט זיך די פיס. איך ניי דערנאך שפעט אהיים און מיר איז שטארק מיאוס. פאר זיך אליין. איך שעם זיך, וויל אן עפעס פארגעסן, נאר טיף אין מיר ציטערט א פארבאהאלטענע אומרוהיקייט.

און איין מאל בין איך אזוי געלעגן ביים טייך און ביים טייך איז קיינער ניט געווען. עס איז שוין געווען פארנאכט. די זון איז געשטאנען א נידעריקע, א שווערע און זייער א רויטע. א פארגליווער־טער שטיק פלאם, וואס מען האט שארף ארומגעשניטן, געמאכט גוט קיילעכדיק. פון הימל האט זיך געזיפט א קופערנער שט׳ב גלייך אין טייך אריין און דער טייך, א פארשלייערטער, האט זיך געקרייזלט איינגעהאלטן, מיט דעם גערויש פון זיידנס.

— ראטעוועט!

איך שפרינג אויף, קוק צום טייך, און איך דערזע: דארט, ווייט אין מיטן טייך, באווייזט זיך א קאפ, ווי ער וואלט מיט געוואלד דורכגעבראכן דעם טייך, באווייזט זיך און ווערט ניט. איך וויל שוין ארײנשפרינגען אין וואסער, נאר ניט ווייט פון מיר איז א שיפל, און איך לויף צו, גיב א כאפ דאס שיפל און דעם גרויבן שטעקן וואס ליגט דערביי. דער שטעקן איז גרויס און שווער ווי א פלאקן. איך גראב דעם טייך און דאס שיפל גליטשט זיך איבער׳ן וואסער, גליטשט זיך ווי אין דער לופטן. און אט שפרינג איך שוין אריין און טונק זיך אונטער. טיף, זייער טיף. און אט שלעפ איך ארויס און ווארף צו זיך אין שיפל — א נאקעטן מענטשן. איך בין שוין צוריק אין שיפל, האלט דעם גרויסן שטעקן, דארף נאך עפעס טאן, אזוי דוכט זיך מיר, און איך אטעם שווער. איך וויל לאכן, הויך, אויפ׳ן קול. דאס מיידל וואס איך האב געראטעוועט זיצט אנטקעגן מיר. זי זיצט אזוי, ווי איך האב זי אריינגעווארפן. זי ווייסט נים, אז זי זיצט, זי ווייסט ניט אז איך האב זי געראטעוועט. זי האט לאנגע האר און די האר אירע שלעפן שווער אראפ דעם קאפ און זי האלט פאריסן דאס פנים, ווי זי וואלט געקוקט אין הימל אריין. זי איז א נאקעטע, אינגאנצן, אפילו אן א העמד. איך בין אינ׳ם אנטאן און די זאכן אויף מיר זיינען נאסע, אנגעשוואלענע. זיי קלעפן זיך מיאוס צו מיינע אברים און איך וויל זיך אויך אויסטאן נאקעט.

איך ווייס ניט, צי איך קוק אויף דער מיידל, איך ווייס גאָר ניט. איך האַלט שטאַרק דעם שטעקן איןביידע הענט, האַלט אים אויף די קני און דאָס שיפל רירט זיך ניט פון אָרט. די זון איז נידעריק און ניט ווייט פון אונז. נאָר אַפריער, פאַר דער זון, זיצט דאָס מיידל און זי קוקט אויס ווי אַ קופּערנע. זי איז ניט קיין לעבעדיקע און איך בין אויך ניט קיין לעבעדיקער. לאַכט ניט! איך האָב געוואָלט אַפּאַל טאָן פאַר איר אויף די קני. נאָר זי האָט באַלט אויפגעציטערט, איך ווייס ניט פאַר וואָס. איך שווער, אַז איך האָב זי ניט אָנגע־ירט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט דערזען אַפריער מיך און דערנאָך אַז זי איז נאַקעט. און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די הענט אירע און די פיס, האָט געוואָלט מיט דעם פאַרדעקן דעם לייב. זי האָט זיך געדרייט אין דרייען, נאָר זי האָט גאָר ניט געקענט מאַכן. איר נאַקעטער לייב איז אַרויסגעטראָטן אַלץ נאַקעטער און נאַקעטער. איך האָב געקוקט אויף איר, האָב געזען ווי זי מאַטערט זיך און עס האָט מיר הנאה געטאָן. שאַרף ווי אַ מעסער. זי האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרים, עס איז געווען אויף איר אַ רחמנות און איך האָב אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון בלוט. נאָר אָט האָט זי אָפּגעלאָזן די הענט, האָט אויסגעצויגן די פיס און האָט אַ קוק געטאָן אויף'ן טייך. באַלד, און זי וועט זיך צוריק אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. מיך האָט עס ניט געאַרט, עס האָט מיך ניט געשראָקן, נאָר איך האָב אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס רעקל און האָב עס אַוואָרף געטאָן צו איר. זי האָט זיך אַזש אונטער־געבויגן, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס רעקל מיט אַזעלכע לאַנגע הענט און האָט זיך גענומען פאַרדעקן. זי האָט זיך צענויפגעדרייט און האָט זיך אַזוי פאַרהאַנגען מיט'ן רעקל, אַז עס האָבן זיך נאָר אַרויסגעזען אירע פיס און דער האַלז. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, איז געבליבן צופרידן, דערנאָך האָבן זיך אירע אויגן אָפּגעשטעלט אויף מיר:

— אַ דאַנק אייך. . .

אין איר קול האָבן געקלונגען זיסע טרערן. איך האָב געוואָלט אַראָפּשלינגען די טרערן, נאָר מיין מויל איז געווען טרוקן ווי אַ ביין. איך האָב אויסגעצויגן צו איר דעם שטעקן, האָב אַלץ איבערגעלאָזט פאַר איר, און אַליין בין איך אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. איך האָב געקוקט ווי זי גליטשט זיך אַוועק פון מיר, האָב געזען איר נאַקעטע פּלייצע און איך האָב איר נאָכגעוואָרפן — אַ מיאוס וואָרט.

דערנאָך בין איך געקומען אַהיים. עס איז שוין געווען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. איך בין אַריין צו זיך אין חדר, האָב זיך

דער אינזל

איבערגעטאָן און בין ארויס צו דער מומען אין עס־שטיב. די מומע האָט שוין געוואַרט אויף מיר און זי האָט זיך אזש אונטערגעהויבן פון אָרט:

— וואו ביזטו דאָס געווען?

איך בין צוגעגאנגען צום טיש און האָב זיך אנגעגאָסן א גלאָז טיי. איך בין געווען אין כעס, צערייצט. און פּלוצלינג, איך האָב נאָר קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם — האָב איך אָפּגערוקט די גלאָז טיי און האָב געקוקט דער מומען גלייך אין פּנים אריין:

— איך פאָר א היים!

איך האָב געוואוסט, אז די מומע וועט פון דעם ווערן א פאַר־צאַפּלטע און עס איז טאקע געווען אזוי:

— אהיים? וואָס הייסט אהיים?

— צו דער מאַמען!

די מומע איז צוגעגאנגען צו מיר, נאָענט:

— זי וועט פון דיר ווייניק נחת האָבן. . . .

— פאַר וואָס?

די מומע האָט מיך געוואָלט אָננעמען פאַר א האַנט, האָט מיר געוואָלט א גלעט טאָן, נאָר זי האָט עס ניט געטאָן. די מומע האָט זיך שטענדיק געהיט פון מיר, אָט ווי זי וואָלט ניט געטאָרט ארויסווייזן, אז זי האָט מיך ליב.

— דו ביזט שוין ניט קיין קליינינקער, דאַרפסט שוין אליין פאַרשטיין.

נאָר איך האָב געשריען, ווי איך וואָלט אימעצן געשלאָגן:

— איך וויל ניט! איך וויל ניט!!

די מומע איז געבליבן, ווי זי וואָלט ניט געוואוסט וואָס זי זאָל מיר זאָגן, וואָס זי זאָל מיט מיר טאָן און איך בין ארייגעלאָפן צו זיך אין חדר, האָב פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר און האָב זיך אריינגע־וואָרפן אין בעט. איך האָב וועגן גאָר ניט געטראַכט, האָב זיך אויף גאָר ניט געריכט, האָב אויף גאָר ניט געוואַרט. אויף מיין נשמה איז געלעגן א שטיין, און אונטער׳ן שטיין האָט וואָס געציטערט, ווי דאָס פאַרגיין זיך פון אַן עופה׳לע. און אז עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, בין איך אראָפּ פון בעט און בין שטיל, ווי א גנב ארויס פון שטוב. די מומע האָט נים געוואוסט, אז איך פאָר פון איר אוועק, איך האָב עס איר ניט געזאָגט. איך בין ניט געלאָפן צו דער מוטער, בין ניט געלאָפן צו איסאַק׳ן, איך בין אפילו ניט אנטלאָפן פון דער

מומען. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן יענער מיידל, וואָס איך האָב זי געראַטעוועט, אַז איך פאָר אַוועק. איך ווייס ניט צי די מומע האָט מיך טאַקע ליב געהאַט און צי האָב איך איר דערנאָך געפעלט. אויב יאָ — טאָ זאָל זי מיר מוחל זיין. קיין שלעכטס האָט זי מיר געוווּס ניט געטאָן. איך ווייס עס איצט, איך פאַרשטיי עס איצט.

אַ קנעפּל

די שטאָט האָט אַ סך קלויסטערס, אויף די קלויסטערס זיצן גאָלדענע צלמים, און די צלמים שפּיגלען זיך אויף דער זון. איך האָב ליב צו קוקן אויף דעם. איך פאַרגעס, אַז דאָס זיינען צלמים. די גאַס ליגט אַן אויסגעצויגענע, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק, און מענטשן לויפן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. זיי שרייען, זיי טומלען, זיי איז גוט. איך בין ניט פאַרביטערט, בין אויף קיינעם ניט אין כעס. נאָר איך געדיינקט נאָך וואָס די מוטער האָט מיר אָנגעזאָגט: איך בין אַליין. איך האָב קיינעם ניט אויף דער וועלט.

איך וואוין אויפ'ן זעקסטן שטאָק, ביי אַן אָרעמען שניידער. מיין צימער איז אַ קליינס, נאָר אַ ליכטיקס און אַ ריינס. דער באַלע־באָס מיינער, דער שניידער, איז אַ קורצער, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס און זייער אַ פעטער. ער קוקט אויס ווי אַ פעסל, וואָס מען האָט שוין אָנגעפילט און פאַרפּאַקט. ער געפעלט מיר. איך האָב אים ליב. נאָר ער זיצט דעם גאַנצן טאָג אויפ'ן הארטן טיש, האַלט הינטער זיך די פיס און נייט. ער רירט זיך קיין מאָל ניט פון אָרט. איך קען עס אַמאָל ניט פאַרטראָגן, און איך וויל זיך אונטער'גנב'ענען צו אים און אַ שטויס טאָן. זאָל ער אַראָפּפאַלן פון טיש, זאָל ער צעבראָכן ווערן. ווי אַ ליימענער. די הענט זיינען ביי אים פעטע, אָנגעגאָסענע, און די פינגער אַזעלכע קליינינקע, מיאוסע, ווי אָפּגע־האַקטע, ווי קאַרליקעס. עס איז אַ וואונדער ווי אַזוי ער קען נייען מיט אַזוינע הענט, נאָר די נאָדל בליצט, בליצט צווישן זיינע פינגער און עס איז אַ מחיה צו קוקן. איך בין אים אָפּט מקנא. דער שניידער האָט אַ זיבן־אַכט קינדער, און זיי זיינען אַלע אַזעלכע קליינינקע, פעטינקע. זיי שמייען אַרום איבער דער שטוב און אין דער גאַנצער שטוב איז שטענדיק אַ גיהנם, אַז עס איז ניטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן. נאָר מיך אַרט עס ניט. עס געפעלט מיר אַפילו. נאָך דער מומע'ס

דער אינזל

גרויסע און פוסטע חדרים איז דאָ זייער גוט. זייער. איך האָב ליב די קינדער. כאָטש איך ווייס ניט ווער איז ווער. און אַמאָל ווילט זיך מיר אַכאַפּ טאָן איינעם פאַר אַ פּיסל, ווי מען באַפּט אַ חזר'ל און זאָל עס שרייען ווי אַ חזר'ל.

די מאַמע זייערע, דעם שניידערס ווייב, איז אַ לאַנגע, אַ גלייכע און אַ טרוקענע, ווי אויסגעשניצט פון האָלץ. אין שטוב איז זי ווי אַ פּרעמדע. זי קלעפּט זיך צו גאָר ניט צו און גאָר ניט קלעפּט זיך ניט צו איר. אַ ברעט. זי גיט אַמאָל אַ געשריי אויף די קינדער: זאָלן זיי שטום ווערן, זאָלן זיי קראַפּירן. דאָס קול אירס קומט ביי איר אַרויס ניט פון האַלז, נאָר פון דעם איינגעשרומפּטן בויך. נאָר זי געפעלט מיר אויך. זי קומט אַמאָל אַריין צו מיר אין חדר, טראָגט מיר אַריין אַ גלאָז טיי און זאָגט:

— טרינקט.

זי איז דעמאָלט אינגאַנצן אַן אַנדערע און איך ווייס איר ניט ווי אַזוי צו דאַנקען. איך בין אין כעס אויף זיך און איך טראַכט דערנאָך אַז אפשר איז זי גאָר אַ שיינע?

אין דער פריה, ווען איך גיי אַרויס פון מיין חדר און קום אַריין אין קיך זיך איינוואַשן, זיצט שוין דער שניידער אויף דעם לאַנגן און האַרטן טיש. דער טיש גלאַנצט אַזש, אַזוי טרוקן, אַזוי האַרט איז ער. איך זאָג אים:

— גוט מאָרגן!

ער פאַרהאַלט אַ רגע דאָס נייען, קוקט מיך אָן, נאָר זאָגן זאָגט ער גאָרניט. אָבער איך ווייס: ער האָט מיר שוין געענטפערט אויף מיין גוט־מאָרגן.

אַ חוץ דעם שניידער און זיין ווייב און זיינע קינדער, דרייט זיך נאָך אַרום אין שטוב אַן אַלטע אידענע. זי איז דער באַלעבאָסטעס מאַמע, דעם שניידער'ס אַ שוויגער. זי איז זייער אַ שלעכטע. זי רעט מיט קיינעם ניט הויך אויפ'ן קול, קריגט זיך מיט קיינעם ניט, נאָר פאַמעלאַך און געטריי און ניט געאיילטערהייט קלייבט זי זיך די ווערטער אירע, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און אַ וואָרט צו אַ וואָרט, אָט ווי זי וואָלט געצערעוועט אַ זאַק. זי האָט זיי, די ווערטער, וואָלט זיי געקענט אויסשיטן מיט אַמאָל, ווי פון אַ זאַק, נאָר זי איילט זיך ניט מיט זיי. זי האָט זיך גוט נעקענט איינעמען אין די ביינער, ווי אַ וואָרים. ניט דער שניידער און ניט די טאָכטער אירע פּלעגן זיך ווען עס איז אומקוקן אויף איר, נאָר אַז מען האָט געזען, אַז זי וועט שוין ניט אויפהערן, וועט ניט אָפּלאָזן, עס איז אַ פאַרלאָרענע זאַך. —לייגט דער שניידער אַוועק דאָס שטיקל אַרבעט, קריכט אַראָפּ פון

דער אינזל

טיש, גייט צו איר צו און הויבט זי אָן צו שלאָגן. שלאָגן, שלאָגט ער זי אָן כעס, נאָר מיט חשק, מיט הארץ. און זי רייסט זיך ניט פון אים, זי שרייט אפילו ניט, זי שופעט נאָר, ווי פון הנאה. די קינדער רינגלען ארום דעם טאַטן מיט דער באָבען, און הויבן אויף אזא גוואלד, אזעלכע קולות, אז באלד וועט זיך אויפהויבן די סטעליע, דער דאך. נאָר דאָ מישט זיך שוין אריין די באַלעבאָסטע אויך און דער שניידער לאָזט אָפּ די שוויגער און שרייט צו דער ווייב, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פון עפּעס פארהיטן: — באשע!

נאָר באשע האָט עפּעס אין זיך פון דער מאַמען פון אירער, און זי לאָזט ניט אָפּ און ער ציט אוים א האַנט און גיט איר א זעץ אין הארצן. דער זעץ הילכט אָפּ, ווי פון א באראבאַן, און זי גיט זיך א כאַפּ פאר׳ן בויך און פארוואַרפט דעם קאָפּ. דער שניידער בלייבט א פארלאָרענער, א צעטומלטער, וויל זיך אוואַרף טאָן צו איר, וויל זי ראַטעווען, נאָר ער גיט א ריס אויף זיך דאָס היטל און לויפט ארוים פון שטוב.

אין שטוב ווערט פּוסט נאָך אים, פּוסט און שטיל ווי אין א קעלער. די באַלעבאָסטע ווישט זיך טרוקן די טרוקענע אויגן און די אלטע שטעלט זיך אוועק אין מיטן חדר, גיט א פּאַטש מיט די הענט און הויבט אויף א גוואלד:

— אידן, ראַטעוועט! ער וועט אונז דער׳הרג׳ענען!

די באַלעבאָסטע לאָזט זיך אראָפּ אויף א ביינקל, קוקט אויף דער אלמער און זאָגט טרוקן, רואיק:

— מאַמע, לעבאַי וואָלסטע שוין שטאַרבן.

צום ערשטן מאָל, אז איך האָב עס דערזען, האָב איך גלייך געוואָלט אנטלויפן פון דאָרט. נאָר ביסלאַכווייז האָב איך זיך צוגע־וואוינט און עס האָט מיך שוין ניט געאַרט. און וואָס ווייטער פלעג איך שוין גאָר אליין וואַרטן אויף דעם. ווי נאָר עס פלעגט זיך אָנהויבן, אזוי שטעל איך זיך אוועק אויפ׳ן שוועל פון מיין חדר, פארלייג זיך א האַנט אויף א האַנט און קוק און שמייכל. נאָר איין מאָל, ווי איך שטיי אזוי און האָב הנאה, לאָזט די אלטע איבער אלץ מיט אנאַנדער, גייט צו מיר צו און גיסט מיך אָפּ מיט דער גליטשיקער געלקייט פון אירע אויגן:

— וואָס, אייך איז סיידן אזוי וואויל, וואָס איר לאַכט?

2

איך האָב זיך גוט איינגעלעבט ביים שניידער. עס האָט מיר נאָרניט געפעלט. ביז איין מאָל, שפּעט שוין אין דער נאַכט, ווען

דער אינזל

איך בין געשמאק געשלאָפן, האָב איך פּלוצלינג דערפילט, אַז מען וועקט מיך. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און האָב דערזען דעם שניידער. ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער, אָן הויזן, און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט. איך האָב ניט געוואוסט, צי זאָל איך זיך פאַנאַנדערלאַכן, אָדער צי זאָל איך זיך דערשרעקן. און ער האָט שטיל גערעדט צו מיר, האָט מיך געבעטן אַ פאַרלאָרענער, אַז איך זאָל אים העלפן נעמען דאָס ווייב אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס איז?

נאָר דאָ האָט ער זיך בריוו פאַנאַנדערגעשמייכלט: עס איז גאָר ניט, זי גייט נאָר צו קינד.

מיר האָבן זי אונטער די הענט אַראָפּגעפירט פונ׳ם זעקסטן שטאָק. האָבן זי געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין און אין אַ ווייסע אָרום זיינען מיר שוין געווען אין דרויסן. איך און דער שניידער. דער שפּיטאָל האָט זיך געהויבן ווי אַ באַרג, אַ פינסטערער, אַ פאַרהאַקטער, און דער שניידער איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער, אַ צעטומלטער:

— נו?

— וואָס נו?

— מאָדנע. . . .

ער האָט געפינטלט מיט די אויגן, האָט זיך געלעקט דעם צונג און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וויינט. מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס ווייב זיינס, און אים אַליין האָט מען אַרויסגעטריבן, אַרויסגעוואָרפן און ער איז געבליבן מיט גאָר ניט. איך האָב געוואָלט אויסשיסן אין אַ געלעכטער, נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן.

די נאַכט איז געלעגן אַ נאַסע, אַ רויע, ווי געדיכטער, שוואַרצער טוי. מיר האָבן געציטערט פאַר קעלט, נאָר עס איז אונז עפּעס ניט איינגעפאַלן, אַז מיר קענען גיין אַהיים. דער שניידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שטיינערנע טרעפּ פון שפּיטאָל און איך בין געשטאַנען נעבן אים. איך האָב אים אַרופגעטאָן ביים נאָמען. און ער האָט אַרויגעקוקט צו מיר מיט אויגן, ווי ביי אַ קינד. איך האָב אים געוואָלט טרייסטן און ער האָט שטיל אַרויסגערעדט, מיט׳ן גאַנצן האַרצן:

— אַ רחמנות אויף איר!

ניט ווייט פון שפּיטאָל האָט זיך געפונען אַ שיינק, אַ צעבראָכע־נער, אַ פאַרויכערטער. מיר זיינען אַריין אין שיינק, האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ טישל און עס איז באַלד צוגעקומען צו אונז אַ קעלנער. דער שניידער האָט זיך הנאה׳דיק געריבן די הענט און האָט זיס אַרויסגערעדט, מיט צעשמייכלטע ליפּן:

דער אינזל

— א פּאָר גלעזלאַך!

איך האָב ניט דערקענט, ניט אים און ניט זיין קול. ער האָט לאַנג געטרונקען, לאַנג און א סך און פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טראָפּנס, ווי פון א פאַרשוויצטן שטערן.

די באַלעבאָסטע האָט ניט געפעלט אין הויז. עס איז געווען אַן איר, פּונקט ווי מיט איר. נאָר איין מאָל, אין א פּאָר וואָכן אַרום, ווען איך בין געקומען אַהיים, איז זי מיר אַנטקעגן געגאַנגען, א לאַנגע, א דינע. פאַר מיר האָט א שיין געטאָן א ווייסקייט, אַז איך האָב זי קוים דערקענט. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט, ניט געריכטערהייט פאַר זיך אַליין, נאָר די ווייסקייט וואָס האָט געשלאָגן פון איר האָט מיך אָפּגעהאַלטן, האָט מיך אָפּגעטיילט. איך האָב איר אָפּגעגעבן דעם מזל טוב, און זי האָט אָפּגעבויגן דעם קאָפּ און האָט נעענטפערט, ערשט אין א מינוט אַרום:

— מיט מזל זאָלט איר לעבן.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי איז אין כעס אויף מיר. נאָר איך האָב זיך גלייך אָפּגעהאַקט, האָב דערפילט, אַז איך בין א פרעמדער. איך בין אויף גיך אַריין צו זיך אין חדר, נאָר ביי מיר אין חדר איז געשטאַנען א וויגעלע און אין וויגעלע איז געלעגן א קינד. איך בין צעטומלט געוואָרן, האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, האָב שוין געוואָלט ווערן אין כעס, נאָר באַלד האָט זיך די באַלעבאָסטע אַליין באַוויזן אויפ׳ן שוועל. זי איז געווען צעטראָגן, ניט ווי איר שטייגער איז, האָט געקוקט אויף מיר און אויף איר לינקער באַק האָט זיך געביסן א רויטער פלעק. זי וויל מיך בעטן, זי וויל מיך זייער בעטן, אַז איך זאָל לאָזן האַלטן ביי מיר דאָס קינד. אין שטוב איז אָנגעוואָרפן, ענג, און די קינדער קלעפּן צו דעם, ווי פליגן צו א שטיקל צוקער. קינדער — וואָס פאַרשטייען זיי סיידן? איך דאַרף ניט מורא האָבן, עס וועט ניט וויינען, זי וועט שוין אַכטונג געבן, אַז עס זאָל ניט וויינען. איך האָב איר געענטפערט, אַז יאָ, פאַר וואָס ניט? יאָ! און זי איז געבליבן א פאַרטראַכטע. דערנאָך איז זי אַרויס פון חדר, האָט געלאָזט אָפן נאָך זיך די טיר און איך האָב לאַנג נאָך איר נאָכגעקוקט.

דאָס קינד איז געווען זייער א קליינס, מיט א שפּיציקן בויך און איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי פון אַזאַ נפש׳ל קען אַמאָל אויסוואַקסן א מענטש. א גרויסער. אָט אַזאַ ווי איך בין. עס האָט שטענדיק געהאַלטן פאַריסן די פיסלאַך, און עס האָט שטענדיק געקוקט אויף דער סטעלע. איך ווייס ניט צי איך האָב עס ליב געהאַט, צי איך האָב עס פיינט געהאַט, נאָר ווען מען וואָלט עס

דער אינזל

פלוצלינג אַרויסגענומען פון מיין חדר, צוגענומען פון מיר, וואָלט מיר געוואָרן זייער אומעטיק. שפּעט אין דער נאַכט, ווען איך פלעג שוין איינשלאָפן, פלעגט עס שטאַרק אויפוויינען. נאָר די באַלע־באָסטע פלעגט באַלד אַריינלויפן און אים אַריינשפּאַרן די ברוסט. די ברוסט אירע האָט אויסגעזען אין דער פינסטער צעשוואָומען און ווייס. זי כאַפּט זיך אַמאָל, אַז איך קוק און זי פאַרשטעלט זיך, און מיר איז גוט — פון אַלץ.

נאָר מער גאָרניט. דער שניידער איז זיך, ווי שטענדיק, געזעסן אויפ'ן טיש, און האָט, ווי שטענדיק גענייט, און איבער'ן שטוב זיינען אַרומגעלאָפן די קינדערלאַך, האָבן געשריען, געליאַרמט און נאָר די איין אַלטע איז שטילער געוואָרן. זי האָט איינגאַנצן אויפגעהערט. זי האָט קיינעם ניט געטשעפּעט, האָט קיינעם ניט נעגריזשעט, און עס איז שוין אפשר אַ חודש, אַז דער שניידער האָט זי ניט געשלאָגן. ניט זי און ניט קיינעם ניט.

איך האָב אָפט געקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, ווי זי דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב. ביי טאָג איז זי אַנ'אַנדערע איידער ביי נאַכט. איינגאַנצן אַנ'אַנדערע. איך האָב אַמאָל געזען, ווי זי האָט געזויגן דאָס קינד, זיצנדיק אין קיך. אירע ברוסטן זיינען געווען לאַנגע, אויסגעצויגענע, ווי גומענע זעקלאַך, און צווישן איין ברוסט און דער צווייטער האָט זיך געבראָכן אַ בלויער, אַ געשוואָלענער אָדער. איך האָב ניט געקענט קוקן אויף דעם און האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ווען זי קומט אַריין צו מיר ביינאַכט איז זי אַ נאַקעטע, אין איין העמד נאָר, און די העמד אויף איר איז אַזאַ לאַנגע און אַ ווייסע. עס שמעקט מיט טרוקענעם ביין, און איך ליג אַ צענויפגענומענער, אַ נעפּענטעטער. זי זייגט אָן דאָס קינד, גייט אַרויס, און איך ליג מיט אָפענע אויגן און האַלט קוים איין אין זיך די פרייד. איך האָב דעמאָלט געוואָלט ריידן צו מענטשן, אַ סך ריידן, נאָר איך האָב ניט געהאַט צו וועמען. זי איז מיר געוואָרן נאָהענט, איז אַריין אין מיינע אברים, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר ווייסן עפּעס. נאָר איך און זי.

ביז איין מאָל — איך ווייס ניט, צי בין איך געלעגן און האָב געוואָרט אויף איר, צי בין איך געשלאָפן און האָב זיך ערשט אויפ־געכאַפּט פון דעם קינד'ס געוויין. איך ווייס ניט! נאָר איך האָב געזען ווי זי זייגט דאָס קינד, און ווי זי האָט עס דערנאָך צוריק אַריינגעלייגט אין וויגל. זי איז נאָך געשטאַנען אָן איבערנעבויגענע איבער דעם ווי זי וואָלט געהיט, אַז דאָס קינד זאָל טאַקע איינשלאָפן, און איך האָב פּלוצלינג אויסגעצויגן מיינע הענט, האָב זי אַרומגע־כאַפּט און האָב זי צוגעצויגן צו זיך. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב

עס געטאָן, צוליב וואָס איך האָב עס געטאָן. איך געדיינק ניט, צי האָט זי וואָס גערעט צו מיר, צי האָט זי זיך געבעטן, איך ווייס נאָר, אַז איך וואָלט זי געקענט אפילו דער׳הרג׳ענען. און דערנאָך איז זי אראָפּ פון בעט, האָט זיך ארויסגעכאַפּט, און האָט זיך ארויסגעשאַרט פון חדר, אַזאַ דינע, אַזאַ לופּטיקע, ווי אַ ווינט וואָלט זי אַוועקגע־בלאָזן.

און אויף מאָרגן, ווען איך האָב געדאַרפט ארויסגיין פון מיין חדר און אריינקומען אין קיך, איז פּלוצלינג אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שרעק. נאָר דער שניידער איז זיך, ווי שטענדיק געזעסן אויף זיין לאַנגן טיש און די נאָדל האָט געפינקלט, האָט געבליצט אין זיינע הענטלאַך. איך האָב לאַנג געקוקט אויף אים און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט צוגיין און פאַטשן אים איבער די באַקן. און אַט וועל איך אים טאַקע באַלד דערציילן — אַלץ.

— גוט מאָרגן!

איך האָב זיך צוגעהערט. נאָר מיין קול האָט ניט געציטערט. דער שניידער האָט פאַרהאַלטן דאָס געניי זיינס און האָט מיר גע־ענטפערט אויף מיין גוט מאָרגן, אַ רוהיקער, אַ שווייגעדיקער. איך בין צעטומלט געוואָרן, און שפּעטער מיט אַ מינוט, ווען איך בין אריין אין צווייטן צימער און האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט איר אַליין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן — אפשר איז גאָר ניט געווען? אפשר נאָר אַ חלום? און איך האָב געוואָלט צופאַלן צו איר און זאָל זי מיר זאָגן, זי ווייסט דאָך! נאָר זי האָט באַלד אַליין אויפגעהויבן די אויגן, האָט מיך אָנגעקוקט און איך בין געבליבן שטיין פאַר איר אַ שולדיקער פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב גאָר ניט געקענט טאָן. האָב נאָר ניט געקענט העלפן.

איך בין אריין צו זיך אין חדר און האָב פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. פּאַמעלאַך אַזוי, ווי איך וואָלט זיך שטאַרק געהיט. נאָר אירע אויגן האָבן זיך געדראַפּעט נאָך מיר, ווי נעגל.

איך האָב זיך געוואָלט ארויסקלייבן פון זיי ,אַנטלויפן, נאָר איך האָב ניט געקענט. ווען אימיצער קומט און נעמט מיך אָן פאַר אַ האַנט און פירט מיך אַוועק וואָלט איך נאָכגעגאַנגען אַ שטילער. איך וואָלט אַלעמען געפאָלגט. נאָר קיינער איז ניט געקומען און איך בין געבליבן. איך האָב, ווי פריער, זייער ווייניק גערעט מיט׳ן שניידער, און די שניידערקע האָט ווייניק גערעט מיט מיר און די אַלטע האָט זיך אינגאַנצן ניט געמישט. נאָר צווישן אונז אַלעמען

האָט זיך עפּעס אויסגעוועבט ווי אַ היטל, האָט אונז צעגויפגעפּלאַכטי, און איך האָב געוואַרט, אַז אָט באַלד און אימיצער וועט אין דעם אַריינשפּאַרן אַ פינגער, וועט עס צערייסן.

זי טראָגט מיר אַמאָל אַריין אַ גלאָז טיי, קוקט מיך אָן און פרעגט:

— וואָס איז אייך?

זי האָט אויף מיר רחמנות, איך זע עס, און איך וויל איר אַ שליידער טאָן אין פּנים אַריין, אַ וואָרט אַזאַ, נאָר איך שווייג. זאָל זיין.

איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און זי איז אַריינגעקומען אויפ'ן קינד'ס געוויין. איך זע ווי דאָס קינד זייגט איר ברוסט, און איך וועל באַלד אָנעם טאָן דעם קינד און וועל אים אַראָפּדרייען דאָס קעפּל. נאָר זי איז אַליין צוגעגאַנגען צו מיר, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעזייגן דאָס קינד. אירע הענט האָבן לאַנג געטאַפּט אין דער פינסטער, ביז זיי האָבן אָנגעטאַפּט מיין פּנים. זי איז געשטאַנען אָן איבערגעבויגענע איבער מיר, ווי אָקאָרשט איבער'ן קינד. איך אָטעם ניט, בין איין לאַנגער, גאַנצער מעסער און זי בויגט זיך נאָך נידעריקער אָן צו מיר, גיט מיך אַ קוש און פלאַטערט אַרויס פון חדר. אַ רגע איז שטיל, פּוסט. נאָר באַלד דערהער איך, ווי דאָרט, אינ'ם צווייטן צימער, אוואו זי שלאָפט מיט'ן שניידער, רירט זיך וואָס שווער און אימיצער שעפּטשעט וואָס פאַרשטיקט, אָפּגעהאַקט. איך כאַפּ זיך אויף מיט אַן'אָנגעצונדענעם מוח, וויל אַריינלויפן צו זיי, וויל זיי ביידן דער'הרג'ענען, נאָר מיט בלינדע הענט קלייב איך צענויף מיינע זאַכן, פּאַק זיי איין, און גנב'ע זיך אַרויס פון שטוב. איך בין אַ באַשפּיגענער, אַ מיאוסער. איך האָב זיך לאַנג געשאַרט איבער די פינסטערע חדרים, האָב זיך ניט אַרומגעקוקט. מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז עס ציען זיך נאָך מיר אין דער פינסטער, דעם שניידער'ס קלעפּיקע, אָפּגעהאַקטע פינגער, ציען זיך ווי ווערים.

3

איך האָב זיך אַרויסגעקליבן פון זיי. בין אַנטלאָפן. אין מיטן דער נאַכט. איך האָב זיך ווייט פאַרקליבן, אויפ'ן צווייטן עק שטאָט. און איך בין געווען רואיק. עס האָט מיך גאָר ניט געאַרט. נאָר עפּעס האָט מיר געפעלט. איך בין געווען ווי אַ צעבראָכענער זייגער.

דער אינזל

איך האָב ניט געביינקט, נאָך קיינעם ניט, נאָך גאָר ניט. נאָר איך פלעג זיך אָפט אין די אוונטן ארומדרייען אויף יענער גאַס, וואו עס האָט געוואוינט דער שניידער און זיין ווייב און זיין שוויגער און זיינע זיבן־אכט קינדערלאך. מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז איך האָב דאָרט עפּעס פארגעסן, האָב עפּעס איבערגעלאָזט. און איין מאָל איז מיר איינגעפאַלן, אז איך זאָל גאָר ארויפגיין צו זיי. וואָס וועלן זיי מיר סיידן טאָן?

איך בין אויף גיך אריין אין הויף, האָב געהיפּערט א טרעפּ איבער א טרעפּ, און ווען איך האָב אנ׳עפן געטאָן די טיר, און בין אריין אין שטוב, האָט מיר אויסגעפעלט אָטעם. איך האָב אי יא געזען, אי ניט געזען דעם שניידער, די שניידערקע, די אַלטע און דעם אויפגענייטן מאַנטל, וואָס הייינקט דאָרט אויף דער סטעליע. נאָר דער שניידער האָט זיך באַלד אראָפּגעקייקלט פון טיש און איז צו־געגאַנגען צו מיר, א לאַכנדיקער, א צופרידענער:

— אַ, איר, ווי קומט איר אהער? א גאַסט!

איך האָב דערפילט אין מיין האַנט זיינע פעטינקע פינגערלאך און איך בין געקומען צו זיך. די שניידערקע איז געשטאַנען אנטקעגן מיר א דינע, אַן אויסגעצויגענע און איך האָב געציטערט, אז אַט און זי וועט אפאַל טאָן אין איר גאַנצער לענג, ווי אנ׳אונטערגעזעגטע. איך האָב געוואָלט צולויפן צו איר, האָב זי געוואָלט אונטערכאַפּן, נאָר זי האָט שטיל ארויסגערעדט, ווי עס וואָלט איר שווער אָנגעקומען דאָס ריידן:

— וואָס מאַכט איר?

דער שניידער האָט ארומגעטאַנצט ארום מיר, האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר, און באַלד האָט שוין געקאָכט דער סאַמאָוואַר און מיר זייגען געזעסן ארום טיש. ער איז געווען אויפגעלייגט, זייער אויפגעלייגט, און זי האָט אַלץ געקוקט אויף מיר, האָט געקוקט אַזוי. אז איך אַליין האָב אויך א קוק געטאָן אויף זיך. נאָר איך האָב גאָרניט געזען. סיידן דאָס, וואָס ביי מיר אין מאַנטל האָט געפעלט א קנעפּל. איך האָב זיך פארשעמט, איך וויים אַליין ניט פאר וואָס און זי האָט אויסגעצויגן צו מיר א האַנט: זאָל איך איר געבן, וועט זי מיר איינניייען דאָס קנעפּל. דער שניידער האָט זיך אכאַפּ געטאָן — ער וועט איינניייען. און ער האַלט שוין א נאָדל, איז שוין גרייט, נאָר זי מאַכט אים אוועק אַן א זייט, שפּרייט פאַנאַנדער דעם מאַנטל מיינעם ביי זיך אויף די קני, ווי זי וואָלט זיך מיט אים צוגעדעקט און נעמט איינניייען דאָס קנעפּל זי נייט לאַנג און פאַר־

מעלאך, אזוי לאנג און מיט אזוי פיל הארץ, אַט ווי יעדער שטאָך, יעדע צי מיט'ן פאָדים, וואָלט וואָס אָפּגעווישט, פון איהר נשמה, פון מיין נשמה.

וואָס ווייטער? גאָר ניט. איך האָב נאָך ביי זיך דעם מאַנטל און איך טו אים אָפּט אָן און קוק אויפ'ן קנעפּל, וואָס זי האָט מיר איינגענייט. איך בין דאַמאָלט אַ רואיקער, אַ פריידיקער.

משה גראס

דער נייער נודניק

איינייגעם מיט דער „נייער צייט" איז אויפגעקומען דער נייער נודניק. ער האָט זיך באַזעצט אין ליטעראַטור און קונסט און ער מליצה'ט מליצות פון דעם גאַנצן קאָסמאָס. ער איז אַ היימישער איינגייער אין כאָאָס און פון דאָרט טאַקע באַציט ער אַלעמאָל פרישע פראַגן. ער ווייסט אַ סך מאָל, אַז „מיר לעבן היינט אין אַ צייט", וואָרים ער ווייסט אַלץ צו עטלאַכע מאָל. מיט דעם דאָזיקן „וויסן" דערקוטשעט ער באַזונדערס דער ליטעראַטור. ער וויל איר פאַרברייטערן דעם האָריזאָנט — און זי לאָזט זיך נישט. ער זוכט פאַר אירעטוועגן אַלעמאָל „נייע וועגן", און זיין אַנימאַלישער הונגער צום גייסט קאָן נישט געשטילט ווערן פריער, ביז ער דערשמעקט נישט, אַז ערגעץ „קאָכט" זיך עפּעס. דעמאָלט ערשט באַקומט ער צוטרוי און זיכערקייט. ער האָט אַ געוואַלטיקע זיכערקייט אין — אויפטרייסלונג.

אנטקעגן דעם קליינשטעטלדיקן נודניק פון פאַרצייטנס, דעם דילעטאַנט, צייכנט זיך אויס דער היינטיקער מיט דער פּראָפעסיאָנעלער ברייטקייט פון זיין פאַרנעם און קודם כל מיט זיין אַגרעסיווער בילדונג. ער איז אַ „געענדיקטער" נודניק. אין תוך גענומען זיינען זיי אפשר טאַקע ביידע גלייך. דער אַלטער נודניק און דער נייער. ביידע האָבן אַן אויפפאַליק שטאַרקן חוש דוקא פאַר דעם אַרום און אַרום פון צופעליקייטן און נעבנזאַכן, אויף וועלכע זיי קאָנצענטרירן זיך מיט הערואישער אָנשטרענגונג און מיט וועלכע זיי ריידן געוויינטלאַך אַזוי קונציק פאַרביי דעם עיקר, וואָס זיי מיינען. דער חילוק צווישן זיי ליגט אין דער קוואַנטיטעט.

דער אַלטפרענקישער נודניק האָט נישט מער ווי אַ קליינעם קרייז פון היימישע און מילדע לעבנס־נאַרישקייטן, מיט וועלכע ער דערקוטשעט זיין סביבה אָן אויפהער. אים פאַלט קיינמאָל נישט איין

דער אינזל

„עפּעס אָריגינעלעס" און ער האָט דערפאַר אויך נישט קיין פּרעטענזיעס אויף ליטעראַרישן ווערט. ער נודעט געוויינטלאַך פאַר איינענעם געברויך און פאַר צרות. ער פאַרענטפערט זיך טויזנטמאָל, איידער ער וואַגט זיך אַרויס מיט זיין אָרימער באַגרעניצטקייט — און טאַקע אויף דער דאָזיקער באַגרעניצטקייט לאָקאַליזירט ער זיין גייסטלאָזיקייט. ער באַלאַמוטשעט אויף אַן ענגן שטח און אין דער היים. ער פאַרנעמט מיט זיין מינימום פון אינטערעסאַנטקייט אַ מאַקסימום פון צייט און אַזוי אַרום ווערט ער לאַנגווייליק. זיין אַרבעט גייט אָן נאָר אויף א י י ן דימענסיע : די צייט.

דער נייער נודניק אָבער האָט דעם שטאַרקן אימפּעט פון דער נייער צייט און ער נודעט שטאָל און אייזן. ער האָט אַ ברייטן קרייז פון די נייסטע נאַרישקייטן, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמלט אויף די פאַרשידענע געביטן פון בילדונג, און זיין אינערלאַכע באַגרענעצטקייט איז צעשפּרייט אויף אומענדלאַכע פלאַכן. ער דערקוטשעט פון וויילטאָג און פון גייסטיקן איבערפלוס. ער באַנוגט זיך נישט, ווי דער אַלטפרענקישער נודניק, מיט זיין איינציקער אָפּגעריבענער באַנאַליטעט — ער האָט טויזנטער נייע און אָריגינעלע, און זיין מיסיע איז אַראָפּצופירן זיין קרבן פונ׳ם עיקר טאַקע מיט הילף פון אָט די אָריגינעלע באַנאַליטעטן. ער פאַרשלעפּט אים ווייט אַוועק, אויף פרעמדע געביטן און צווישן ווילד־פרעמדע ווערטער און ער „אַמוזירט" אים דאָרט, אין דער פרעמד, כדי צו פאַרגרעסערן די גרויזאַמקייט. ער לערנט אים אָן מיט בילדונג. זיין ווירקונג איז אַ צוויי־דימענסיאָנאַלע: צייט און רוים.

און ווייל ער איז אַזאַ געניטער נודניק און מיט טאָפּלטע כלים, דערפאַר האָט ער באַזונדערס לייכט איינגענומען די מאָדערנע ליטעראַטור. ער האָט אויסגענומען מיט זיין פּראָגרעסיוויטעט. ער האָט געלערנט די ליטעראַטור וואַרפן אַן אומ׳חן אויף איר גייסטיקן קאָנסערוואַטיזם און זי האָט באַלד דערפילט, אַז אין דעם דאָזיקן אָנשיקעניש שטעקט אַ „מיסיע". און זיין מיסיע איז געוואָרן, צו דערלאַנגען דער פאַרשלאָפענער ליטעראַטור אַלעמאָל אַ נייעם אימפּולס, צו דערקוטשען איר — פון איר אייגענער טובה וועגן. ער האָט איינגעהאַנדלט אין דער גרויסער וועלט אַלערליי טאַנדעטנע טעאָריעס וועגן אַלטקייט און נייקייט און גייסטיקן איבערבראָך — און, ווייל ער קאָן זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן, גיט ער מיט זיי אַן עצה. ער האַלט, אַז דער ליטעראַטור מוז געהאָלפן ווערן און ער האָט אויסגעפונען, אַז די ראַדיקאַלסטע סגולה פאַר איר אָפּגעשטאַנענקייט איז : איבערברעכן און אויפרייסן.

דער אינזל

ער איז אַזוי ווי יענער איד, דער שכן, וואָס אַז ער קומט אַריין אַמאָל צו אַ חולה, איז ביי אים דאָס ערשטע וואָרט: שניידן, אויפשטעכן, אויסברענען! דאָס איז זיין עצה. ער איז אפילו על פּי רוב נישט אַזאַ בייזער גזלן, ווי עס ווייזט זיך אויס, און ער איז מן הסתם אויך נישט פון די גרויסע העלדן, דער שכן — איז ער אָבער דערפאַר אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן שכל הישר, וועלכער איז ביי אים מחייב. אַז עס דאַרף גאָר אין תוך נישט אַזוי מסוכן ווי טאָן, ווען מ׳וועט אים דאָרט אויסשניידן עפּעס, דעם איד, איינמאָל פאַר אַלע מאָל — ער וועט זיך דערנאָך ערשט מחייה זיין.

ווייל עס איז פון תמיד אָן די טבע פון דעם אומבאַטייליקטן עצות־געבער, צו געבן די „בעסטע עצה“, וואָס דערווייל פאַרגרעסערט זי אפילו נאָך דעם ווייטאָג, פון וועלכער מען קאָן אָבער הנאה האָבן — שפּעטער. ער האָט אַ ווייטן קוק, דער עצות־געבער, און ער קאַן זיך דאָס אויך פאַרגינען. ער האָט פיינט דאָס דילעטאַנטישע העלפן אויף דער וויילע, מיט פּראַקטישע און היימישע מיטלען, וואָס מען מוז זיי *טאָן* אויפ׳ן רעכטן אמת, און ער וואַטעוועט אָם ליבסטן מיט אַ פּרינציפּ, וואָס ער שטעלט אויף. די פּראַקטיק באַפרידיקט נישט זיין גראַנדיאָזן גייסט, מיט אַן „אידיי“ אָבער קאָן ער אויסשעפּן *טעאָרעטיש* אַלע ווייטסטע לעזונגס־מעגלאַכקייטן פונ׳ם פּראָבלעם, נישט מוזנדיק זיך אָנקערן מיט אים פּערזענלאַך, נישט מוזנדיס דערביי אַרויסטרעטן פון זיין ריינער „אָביעקטיוויטעט“. ער קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף שוואַכער מענטשלאַכער באַציאונג, אַזוי־צוזאָגן אויף דער נויט לאחדים, און ער מוז זיך שאַנעווען און דערהאַלטן זיין „שאַפערישע ענערגיע“ אויף דעם גרויסן וועלט־צער פונם כלל, וואו ער האָט שוין געלאָזט פאַררעכענען אויך די אינדיווידועלע נויטן פונ׳ם יחיד.

אַזוי איז ער אין לעבן און אַזוי איז ער באַזונדערס אין דער ליטעראַטור. ווארום אין דער ליטעראַטור, דאַרף מען וויסן, האָט ער שוין גאָר אַ טבע, צו זיין ראַדיקאַל און אויסגעהאַלטן און נישט צו מאַכן קיין פּשרות. ער קאָן באַשטיין, זיי זאָלן דאָרט נעמען שאַפן שטאַרק און גניאַל — דאָס איז זיין אידעאַל־צעה פאַר דער ליטעראַטור און דערפון קאָן ער גאָרנישט נאָכלאָזן. ער האָט פיינט די מיטלמעסיקע בעל־מלאכה׳שע אַרבעט אין דער קונסט און זיין דעוויזע איז: „אַלץ אדער גאָרנישט!“ ער איז נישט אַזאַ מקפּיד אויף טאַלאַנט און ער קאָן זיך באַגיין אָן קאַלטער קינסטלערישער פאָרם. וואָס „זאָגט“ אים גאָרנישט — אָבער עס פאַרדריסט אים שטאַרק, אַז מען הויבט אים שוין אָן זשאַלעווען דאָס ביסל וואַרימע לאַווע אויך — דאָס מוז ער האָבן צום אויפברויז!

דער אינזל

די קונסט איז חרוב געוואָרן — וואָס'זשע דען איז נאָך פאַרבליבן פאַר אים אַ חוץ אויפבראַוזן! דאָ האָט ער כאַטש „שטורם“ און „מעשי בראשית“ און „מבול“, און מען קאָן זיך דאַ אַרויסווייזן לייכטער מיט זיין אייגענעם גייסטיקן תוהו ובוהו. ער איז אַריין אין דער געמיטלאַכער חברה „כאַאָס“, וואו מען בראָדזיעט ברידערלאַך אַלע אינאיינעם און וואו מען האָט די בעסטע האָפנונג, אַז מען וועט שוין פון דאַנען נישט אַרויסטרייבן קיינעם. ער האָט ליב נעפּל און טונקלקייט אין דער ליטעראַטור און ער דערלייגט קיינמאָל נישט צו אַזעלכע זאַכן — ער „שאַפט מיט“. ער איז דער גרעסטער געברויכער פון „אינערלאַכער צעריסנקייט“, וועלכע ער באַקומט שוין היינטיקע צייטן גאַנצערהייט אין דער נשמה אַריין, גלייך מיט דעם בעסטן בלאָנדזשער, און ער רעדט זיך איין, אַז די „אידישע מטושטשקייט“. וואָס טראָגט זיך אויף די „כוואַליעס פון דער צייט“ — דאָס אַלץ מיינט מען אים. ער נוצט די העכסטע מיטאָלאָגישע מעטאַפערן פאַר זיין מיזערנער נישטיקייט און ער זעט נישט אין דעם גרויסן טומל, אַז די „צעבראָכענע שטיינערנע לוחות“, וועלכע ער באַיאָמערט, זיינען מאָדנע שטאַרק נעגליכן צו יענע פאַפּירענע ק אַ ל ע נ ד ע ר ס מיט ליטעראַטור, וואָס ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, זיי אַרויסצוגעבן.

אַזוי איז דער גודניק אַריין אין דער ליטעראַטור אַריין. ער האָט געהערט, אַז ביי לייטן האָט מען היינט דעם „קריזיס פון דער קולטור“, האָט ער זיך געוואָרפן אויף „קריזיס“. דאַ איז ער ערשט געוואָרן „שאַפעריש“. וואָרים „קריזיס“ — דאָס איז אייגנטלאַך פון תמיד אָן זיין חזקה און ער האָט טאַקע באַלד אויפגעטאָן גרויסע זאַכן אויף דעם געביט. ער האָט שטאַרק פאַראיינפאַכט די שווערע אָריענטאַציע אין דער קולטור, באַשאַפנדיק דעם געבענטשטן סינטעז פון אַלע מעגלאַכע קריזיסן, אַזויצוזאָגן דעם גענעראַל־קריזיס פון אַלעמען: קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיע.

וואָרים קונסט אַליין, ווייסט ער, איז אַ האַרבער ענין: מען לאָזט נישט אַריין. דער קינסטלער איז אַלעמאַל עקסקלוסיוו פאַרשלאָסן און ער לאָזט זיך נישט „דינען“. ער דאַרף נישט קיין עצות און ער וויל נישט, מען זאָל ביי אים מיטשאַפן. און פונקט אַזוי קאָן אויך נישט די פילאָזאָפיע און נישט די רעליגיע באַפרידיקן זיין הייסן פאַרלאַנג צו קאָלעקטיווער קהל'אַכץ. וואָרים אַלע זיינען זיי קאָנסערוואַטיוו און איינגעשפאַרט און זיי לאָזן נישט צו צו זיך אָן אינערלאַכער צוגעהעריקייט, אָן באַציאונג.

דער קריזיס אָבער איז לויט זיין נאַטור אַ סך מילדער און צוגעלאָזטער און מען דאַרף דערצו קיין כוח נישט. עס איז פאַראַן

דער אינזל

אין אים אזא ווייכע פּאָעטישע שלאַפקייט, אזא חנ'עוודיקע צעקראַכנקייט, וואָס לאָזט זיך ריידן. די קונסט „ניט" אים גאָרנישט, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו איר חורבן, און ער איז שוין יוצא מיט אים די קונסט אויך. עס איז אזוי ווי מיט יענע קונדסים, ווייסע־חברה'־ניקעס, וואָס פּלעגן זיך ווייזן אין חדר נאָר דעמאָלט, ווען מ'האָט געקאַלכט, ווען ס'איז געווען אַן איבערקערעניש — זיי האָבן דערמיט שוין יוצא געווען אויף אַ גאַנץ יאָר.

ער פאַרשטייט נישט, דער נודניק, ווי אזוי דער קינסטלער קאָן זיך נאָך היינטיקע צייטן אָפּגעבן מיט דער געשטאַלטונג פון דעם קליינעם לעבן, דעם באַקאַנטן און באַנאַלן — און זיין טיפע בענקשאַפט ציט זיך צו דעם גרויסן אומבאַקאַנטן, צו דער וועלט'ס אור־נשמה און צום אור־מיטאָס. ער „זוכט", דער גריבלער, דאָס גוטע ביסעלע אָריגינאַל־מיסטיק פון אינדיע און די כינעזישע פּאָעזיע פון בעסטן סאָרט, און ער פילט נישט, דער טרוימער, אַז זיין גליסטונג צו דער שטאַרקער נאַטור־רעליגיע פון די שוואַרצע שבטים און צו דער באַהעפטונג מיט גאָט, איז אָפט נישט מער ווי אַ בלאַסער אָפּשיין פון זיין ווייב'ס גליסטונג צו דער באַהעפטונג מיט'ן נעגער. אזוי שטאַרק איז די בענקשאַפט נאָך ריינער הייליקייט.

קיינער פילט נישט אזא אַגרעסיווע ליבע צו דער ליטעראַטור, ווי דער ליטעראַרישער עצות־געבער און מען האָט זעלטן ווען געהערט. אַז דער שאַפערישער קינסטלער, וואָס האָט דאָך סוף כל סוף אויך אַ חלק אין דער ליטעראַטור, זאָל אזוי געוואַלטיק ליאַרעמען, זאָל זיין אזוי ביטער באַזאָרגט וועגן איר קיום ווי גראָד דער ליטעראַרישער נודניק.

וואָרים דער שאַפערישער קינסטלער, וועלכער איז צוליב דער מלאכה פאַרגרווידזעט אין די ד'־אמות פונ'ם ווערק — אים פעלט לחלוטין דער „ברייטער קוק". ער איז געוויינטלאַך קאָנצענטרירט אויף אַן ענגן שטח און ער ווייסט אפשר סתם נישט, אַז אַ צייט איז בעסער, וואָס גרעסער. ער איז צו שטאַרק צוגעקאָוועט צו דער רעאַליטעט פון דער וועלט און די דאָזיקע אינערלאַכע געבונדנקייט מאַכט אים שווער און פאַרמינערט זיין באַוועגלאַכקייט. ער איז נישט אזא פלינקער טראַכטער.

דער ליטעראַרישער נודניק אָבער טראַכט שטאַרק. ער איז לייכט און באַפליגלט און אומעטום פול. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט „אויף אַ מדרגה" וואו ער האָט דעם הויכן איבערבליק און פון וואַנען ער רעפּרעזענטירט שוין אין איין וועג דעם קינסטלער אויך. ער נעמט אַלץ אויף זיך. ער שטעלט צו די מינאָריעס צו דעם קינסטלערס

ארבעט און ער מאכט דערצו די פאסיקע „באוועגונג“. ער האט ליב, אז ס׳טוט זיך עפעס. ער וואלט זיך שוין אפשר ווי ס׳ניט איז אנעם געטאן אליין „שאפן“ — טאר ער אבער נישט אנווערן זיין גייסטיקע סאווערעניטעט. ער קאן נישט אראפנידערן.

ער האט א שווערע מיסיע אין דער ליטעראטור. ער פארזארגט זי מיט צייטגייסט און מיט דעם „לעצטן ווארט“ און ער האט אין זין, ס׳זאל איר גארנישט מאנגלען. ער וואלט וועלן, זי זאל פון אים הנאה האבן און ווייל ער האט צו׳ן איר נישט קיין כוח, פארערדט ער זי מיט קריזיס. ער וואלט בכלל וועלן, זי זאל זיך אפקערן אינגאנצן פון דער פראסטער און הארטער ווירקלעכקייט, וואס מאכט נאר פארגרעבט, און זיין עצה וואלט געווען, זי זאל ענדלעך דערפילן דעם אמת׳ן טעם פון זיין ווייבער איידלקייט און דעם סוד, וואס איז פארבארגן איז זיין גייסט.

דאס איז די ריינע ליבע פון דעם אימפאטענט. ער קאן נישט -- אבער ער האט „גייסט“. צוזאמען מיט זיין ארגאנישער שלאפקייט האט זיך ביי אים דוקא געשארפט די חכמה. דא קאן ער. ער זעט ווייט און מיט טויזנט אויגן און ער ווייסט קלאר, אז ער טאר זיך דא נישט פארלאזן. דערפאר דרייט ער זיך ארום אזוי צעטומלט, ניוכעט און רודערט. ער ווייסט נישט, וואס ער זאל מיט איר אנהויבן טאן, מיט דער ליטעראטור, טשעפעט ער זיך כאטש כתם אזוי. ער וועט נאך פרואוון, אפשר דא ארום. ער וועט זי איבערקערן. ער ו ו י ל עפעס — אבער ער וואלט וועלן, אז ז י זאל דאס ק ע נ ע ן.

דערפאר איז היינט אזא געמוטשעטע שטימונג אין דער ליטעראטור און אזא טיפע אומבאפרידיקונג. דער אויפגעטרייסלטער נייער נודניק האט זי אוועקגעשטעלט פאר אויפגאבן, וואס זיינען קעגן איר נאטור — און דערמיט האט ער פראבלעמאטיזירט איר עקזיסטענץ. ער האט געמאכט פון איר א „ברענענדיקע פראגע“. עס איז איבערגעריסן געווארן אויף א רגע די נאטירלעכע אומבאוואוסטקייט פון איר ארגאנישן וואקסן, און אט די „איבערגאנג־צייט“ האבן שנעל אויסגענוצט די ליטערארישע „באוואוסטזיניקע“, די נודניקעס, און האבן זי גענומען ארומריידן. פאראן היינט „מיינונגען“. מען דעבאטירט היים וועגן איר קיום, מען זאגט איר אלערליי נבואות, מען האט יאוש אדער בטחון און מען גיט עצות. די אידישע ליטעראטור איז געווארן אן ענין פון דיסקוסיע, זי איז געקומען אויף סברות.

ד ע ר א י נ ז ל

איך מיין אָבער, אַז די אידישע ליטעראַטור דאַרף שוין היינט זיין נענוג פאַרפונדעוועט מיט עצות און אידייען אַזוי, אַז מען קאָן זיי שוין אפשר פּאָרט איבערשלאָגן די נייע אימפּולסן. מען דאַרף נישט מער. מיר האָבן שוין אַלץ, וואָס מען קאָן זיך ווינטשן אין אַ ליטעראַטור: קריזיס און איבערבראָך און דעם נייעם מבול — עס פעלט נאָר די קונסט. די אידישע ליטעראַטור איז שוין אויסגעוועזן די לעצטע יאָרן אַלע טומלדיקע גייסטיקע רשות־הרבים׳ס, וואו זי האָט פאַרלאָרן די כוחות. זי דאַרף היינט ווידער קומען צו זיך, זי מוז זיך אומקערן צום רשות היחיד פונ׳ם ד י כ ט ע ר.

אויף דאָס איז אַן עצה.

א. מ. דילאָן

לידער

מאַני לייבן

1

איך בין ווייטער פון אייך און נענטער צו זיך,
דערפאַר איז טיפער מיין פיין און טיפער מיין פרייד.
איך בין איינזאַם און קראַנק, דאָך טראָג איך מיט זיך
מיין ליכט צו דער וועלט, מיין געזאַנג צום טויט.

איך בין ווייטער פון אייך און נענטער צו זיך,
דערפאַר איז גאַנץ מיין טראַט און מיין בליק אַזוי ריין.
ווען עס פרעסט מיך דער צער ווי די שאָטנס די נאַכט,
געפין איך מיין טרייסט אין דער שטילקייט אַליין.

2

און ווען די נידערטרעכטיקייט דערגרייכט די העכטע הימלען
דאָך זינגט פון ערגעץ וואו אַרויס געזעכטיקייט און פרייד;
און ווען די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט נישטיקייט און גאוה,
דאָך הערסטו אין דער שטיל אַמאָל די אויסדערווילטע רייד.

און ווען ס׳פּאַרטויבט די ערד די שרייענדיקע פֿאַלשקייט
דאָך שלאָגט אַ האַרץ אַנקעגן דעם אמת פֿון דער וועלט;
און ווען די חוצפּה שרייט פֿאַרשייט און אויסגעלאַסן,
פֿרעסט דאָך די שטילקייט ווער צום שוועל פֿון דיין געצעלט.

מאני לייב

אַן ענטפֿער ה. לייוויק׳ן

בין איך פֿאַרצווייפֿלט? — קוק אין מיינע אויגן,
וואָס גרינען נאָך מיט ליבע און מיט סם.
און הער מיין ליד, וואָס קלינגט ווי רעגנבויגן —
אַ בריק דורך רוים, דורך טרוקעניש און ים.

נאָר אָפּטמאָל פֿאַל איך צו דער ערד אַ מידער,
אַן אָקס אין יאָך, מיטביידע שוואַרצע הענט;
די אויגן מיינע, מיינע אַלע לידער
ווי דערנער ליגן קאַלט און אויסגעברענט.

איז קאָן איך אַזוי לייכט אַריבערהויבן
מיין לעצטן כּח איבער יאָך און נויט;
באַלייכטן בין איך ווי מיין שטילער גלויבן:
מיט זאַלץ פֿון שוויים צו הייליקן מיין ברויט.

נאָר אָפֿט, נאָר זייער אָפֿט בין איך פֿאַרלאָרן
אין לאַנגווייל פֿון געזיכטער און פֿון טעג;
נים מיט זיין זילבער זינגט אין זעל מיין האָרן,
נאָר זויער זעגט אַ הייזעריקע זעג.

איז קאָן איך אַזוי לייכט אַריבערטרעטן
צו יענער לויזער אָפּגעגוויגטער שעה:
דאָס זיץ איך מיט נביאים און פּאָעטן
אין רונדן קרייזל מיט דער טאַליע־האַ.

אזוי און אנדערש — פלאַטער איך און שטרויכל,
און צאָל מיין צינז פאַר יעדן טראַט און טאַט.
דאָ בליט מיין צער, און דאָ גייט אויף מיין שמייכל,
און פּראַקטיק בין איך ווי דער גרינער בלאַט.

דעריבער גיי, און איך וועל גיין באַזונדער.
מיין וואַנגשאַל צייכנט ווען איך פאַל אין שטייג.
און מיך — אזא — און איינציקן באַוואונדער,
אַ, מוסר'ניק־פּאַעט, און שווייג, שווייג, שווייג!

ר. אייזלאַנד

מר. גוסטאַוו גילדנער

3

ווען הינדע מירל האָט געכאַפּט די שאַל אויף זיך און איז אַרויס, האָט איר נאָטע נאָכגעקוקט מיט אַ בייסיקן שמייכל. אזוי שנעל אָבער ווי ער איז געבליבן אליין איז דער שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פּנים און אַ פינסטערער האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש. מיט זיינע לאַנגע פיס, וואָס אונטער דעם קורצן דיימשן רעקל און אין די שמאָלע הויזן האָבן זיי אויסגעזען נאָך לענגער, האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן אהין און צוריק, און נאָכדעם ווי ער האָט עטלאָכע מאָל אויסגעמאָסטן דאָס שטיבל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קופּע פאַרשטויבטע רעשטלאַך, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל, אָנגענומען עטלאָכע פון זיי מיט דער האַנט, זיי באַטראַכט אַ ווײַלע, אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ און זיי געלאָזט דורכגליטשן דורך זיינע לאַנגע, ביינערדיקע פינגער.

— מיין ווייב'ס מסחרים! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט ווייטאָק און זיין מויל האָט זיך אַ קרים געטאָן. מיט'ן פוס האָט ער אַ שאַר געטאָן איינס פון די רעשטלאַך, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אַביסל ווייטער פון דער קופּע, ווי מען שאַרט אַוועק פון זיך אַ שרץ וואָס פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס, און מיט אַלע צען פינגער פאַר־דראָסיק אַפּיר געטאָן איבער'ן פּנים פון אויבן אַראָפּ אַזוי, אַז די האָר פון זיין שיטער בערדל האָבן זיך געלייגט און צוריק אויפגעהויבן ווי גרעזלאַך איבער וועלכע עס קייקלט זיך אַריבער אַ שווערע זאַק. מיט אַ פאַרצויגענעם שטערן האָט ער אין זיין זכרון געפּרואווט

דער אינזל

צענויפרעכענען די אלע געלדער, וואס ער האט די לעצטע יארן געשיקט אהיים, און וואס מער ער האט גערעכנט, אלץ שטארקער האט זיך צעברענט אין אים דער כעס. פון א גערייד וואס ער האט געהאט מיט הינדע מירלען גלייך אין ערשטן טאג נאך זיין אהיים קומען, האט ער שוין געוואוסט, אז אלץ וואס ער האט אהיים געשיקט האט זי ארייננעלייגט אין די רעשטלאך, און וואס זי האט פון אט א די שמאטעס, — און דא האט ער ווידער א שאר געטאן מיט'ן פוס דאס פארוואלגערטע רעשטל — דאס האט זי אים שוין ניט געדארפט דערציילן. ווארים ער האט עס אראפגעלייענט פון איר פנים, פון איר פארשלומפערטן הולך און פון די געלאטעטע בגדים אין וועלכע זיינע אינגלאך זיינען ארומגענאנגען.

— וואס טוט מען? וואס טוט מען?

און ער האט ווידער אנגעהויבן ארומשפרייזן איבער'ן שטיבל. און מיט אמאל האט ער דערלאנגט א שפיי: — האלט עס דער טייפל! — און מיט ביטערקייט געטראכט, אז ער וואלט זיך גאר געדארפט אויפהויבן, איינפאקן זיין רענצל און צוריק אוועק פון וואנען ער איז געקומען.

— זאל זי דא קראפירן! — און ער האט אזש דערפילט א ווילדע הנאה ביים געדאנק אז ווען ער זאל איצט אוועק און הינדע־מירלען מער קיין געלט ניט שיקן, וואלט זי געדארפט אויסגיין פון הונגער.

אבער דא האט ער זיך דערמאנט אן די אלע שווערע יארן, וואס ער האט איבערגעלעבט אין דער פרעמד, אן די קויטיקע געלעגערס אויף וועלכע ער האט זיך ארומגעוואלגערט און וואס האבן געשמעקט מיט שוויים, שטויב און וואנצן, און אן דעם פעקל אלטע קליידער מיט וועלכן ער האט זיך דארט ארומגעשלעפט פון הויף צו הויף, און דער־ביי האט ער דערשפירט אזא מידקייט אין די פיאטעס און אזא שלאפקייט אין רוקן און אין אלע ביינער, גלייך ווי ער וואלט דאס איצטער געטראגן ס'זעקל אויף די פלייצעס, און מיט א פארריסע־נעם האלז און אנגעשטרענגטע אויגן געקוקט ארויף צו די אויבערשטע נארנס אין די האנאווער הויפן, צי באווייזט זיך ניט אין א פענסטער עמיצער וואס רופט. אזא עלנדקייט האט אים ארומגענומען, אז ער האט דערפילט, נאכאמאל וועט ער דאס אלץ מער ניט קענען.

— וואס טוט מען? וואס טוט מען?

און ער האט ווידעראמאל א פיר געטאן מיט אלע פינגער איבער'ן פנים.

זיין כעס אויף הינדע־מירלען איז אזוי געוואקסן, אז אים האט

זיך געדאַכט, ווען זי זאָל זיך איצט געפינען אין שטוב וואָלט ער זי אָנגענומען ביי דעם שפּיציקן גאָמבקעלע אירן: — נו, חכמה מיינע, וואָס פאַר אַ נפש ביזטו? — און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זי איז דאָס איצט אַנטלאָפן צו איר פאָטער זיך אויסוויינען, ווי זי פלעגט טאָן נאָך דעמאָלט איידער ער איז אַוועק, איז זיין כעס אויף אריבער אויפ'ן שווער, און פּונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן האָט זיך אים געדאַכט אַז אין דעם וואָס ער איז אַ לא יוצלח זיינען נאָר שולדיק זי, הינדע־מירל און ער, דער שווער זיינער, דער שיינער איד ר' מרדכי גילדנער.

ווי אַלעמאָל ווען ער איז אין כעס געוואָרן אויף זיין שווער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענער ווינטערדיקער נאַכט, ווען זיין שוועסטער מלכה'לע, דעמאָלט נאָך גאָר אַ קליין און קיילעכדיק פּעמפּיקל, איז אָן איינגעהילטע אין איר שאַלכל געקומען צעלויפן אין בית המדרש אריין, וואו ער איז געזעסן און געלערנט, און האָט אים אָן אָן אָטעם איינגערוימט אין אויער אריין, אַז דער טאַטע וויל ער זאָל שוין אהיים קומען.

— וואָס איז?

— גאָר נישט. איך ווייס נישט.

אָבער אָן איר פאַררייסן נעזל האָט ער דערקענט, אַז זי ווייס יאָ, און אַז עפּעס טוט איר הנאה פון דעם וואָס זי ווייס, האָט ער פאַרמאַכט די גמרא און איז מיט איר אַוועק אהיים.

אין דער היים האָט ער געטראָפן זיצן ביים טיש אַ פרעמדן אידן מיט אַ ווייס פּנים און אַ געלער באָרד, וואָס האָט געגעסן ברויט מיט ציבעלע. געשניטן קליינע קראָמקעלאַך ברויט און זיי בנעימות'דיק אריינגעלייגט אין מויל אריין און דערנאָך מיט צוויי פינגער אָנגענומען אַ שטיקל ציבעלע און פּונקט אַזוי בנעימות'דיק אריינגעלייגט אין מויל אריין.

אָט איז ער, מיין בחור! — האָט אַ זאָג געטאָן זיין פאָטער, פישל דער מלמד, ווען ער האָט אים דערזען אויף דער שוועל. ארויסגעקומען איז דאָס מיט אַזוי פיל איבערגעטריבענער ליבשאַפט, אַז נאָטע איז שוין גרייט געווען צו ווערן אין כעס אויף זיין פאָטער, וועמען ער האָט בכלל ניט איבעריק ליב געהאַט. נאָר דערזען דעם פרעמדן איד, וועמען ער האָט דערקענט אַלס ר' הערשל דוקלער, דעם לאַנד שדכן, האָט ער זיך פאַרשעמט און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— וואָס שטייסטו עפּעס ביי דער טיר? זעסט דאָך אַז מיר האָבן אַ גאַסט? —

געקענט דעם אידן האָט נאָטע פון זשיקאָוו, וואו ער האָט אים

דער אײנזל

נעזען ביים רבי׳ן אויף ראש השנה. שוין דעמאָלט האָט זיך דער איד געדרייט פאַר אים, אים עטלאַכע מאָל אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און אפילו פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. שוין דאַמאָלט האָט נאָטע דערפילט, אַז ביי ר׳ הערשל דוקלער אין מוח פּלאָנט זיך אַ שדוך פון זיינעט וועגן, און כאָטש דאָס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, ווייל ראשית האָט ער שוין לאַנג געוואָלט אַ חתן ווערן און אַ חוץ דעם האָט ער געוואוסט, אַז נאָר אַ גוטער שדוך קען אים אויסלייזן פון דעם עיפּוש׳דיקן דלות, אין זיין טאַטנ׳ס הויז, האָט ער פון דעסט־וועגן געהיט זיך פאַר דעם אידן און געזוכט אויף אַלערליי אופנים אים אויסצואויייכן. דער איד האָט אים אָבער ניט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. און ביי דער גרויסער רקידה, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַרק נאָך תשליך, האָט ער געזען, ווי דער „געלער" ווייזט אָן אן עפּעס אַ אידן אויף אים. און כאָטש אים איז די גאַנצע מעשה ניט אָנגעשטאַנען, האָט ער זיך פונדעסטוועגן גענומען נאָכפרעגן, ווער יענער איד איז, ביז איינער האָט אים זייער וואַזשנע געענטפערט: — אַ, דער, איר קענט אים ניט? דאָס איז דאָך ר׳ מרדכי גילדנער פון ראַדלע, איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים אין זיין שטאָט און אַ היבשער חשוב ביי׳ם רבי׳ן.

ווען ער האָט איצט ר׳ הערשל דוקלער דערזען ביי׳ם טאַטן אין שטוב, איז אים גלייך איינגעפאַלן, אַז ער איז אים געקומען ריידן אַ שדוך מיט יענעם ר׳ מרדכי, איז ער צוגעגאַנגען און אים געגעבן שלום.

דער פרעמדער האָט אָפּגעווישט די האַנט ביי אַ ברעג פון דעם וואָכעדיקן טישטוכל, וואָס האָט צוגעדעקט בלויז אַ פערטל פון טיש און געענטפערט קייענדיק: „עליכם שלום!" און נאָכדעם ווי מען האָט פון שטוב אַרויסגעשיקט זיין שוועסטער׳ל, האָט זיין פאָטער אַזאָג געטאָן:

— ווייסט, נאָטע ווער דאָס איז? דאָס איז ר׳ הערשל דוקלער. ער איז געקומען צוליב דיר.

— אַלץ הייסט צוליב אים! — האָט דער איד אַריינגעוואָרפן אַלץ קייענדיק. — מען האָט מיך בפירוש געשיקט צו אים.

נאָטע האָט גלייך פאַרשטאַנען ווער. און הגם ער איז געווען גרייט פאַר יעדן שדוך אַבי פּטור צו ווערן פון פאָטער׳ס הויז, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אָנגענומען מיט גדלות און אַ זאָג געטאָן: — אויב נאָר אַ לייטישער מענטש און אַ . . .

געוואָלט האָט ער צוגעבן: און אַ לייטישע כלה. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ חסיד׳ישן בחור, אַ למדן, האָט ער אָפּגעהאַקט.

דער אינזל

דאָ האָט דער שדכן אויפגעהערט קייען, ווידער אָפּגעווישט די הענט אָן ברעג פון טישטאכל און געענטפערט: — דאָס לאָזט שוין צו מיר. איך ווייס שוין וואָס עס פּאסט פאר אזא בחור ווי ר׳ פישל׳ס זון, וואָס האָט אַ שם אין דער גאנצער געגנט. — און דערביי האָט ער פון דער בוזים־קעשענע ארויסגענומען אַ פּעקעלע פּאפּירן, וואָס זיינען געווען ארומגעבונדן מיט אַ רויט בענדל, און פון דאָרטן ארויסגעשלעפּט אַ פּאפּירל, אויף וועלכן עס איז אין דריבנע אותיות, וואָס זיינען געלאָפן אין האלב קיילעכדיקע שורה, געווען אָנגעשריבן אַ רשימה מיט אזא נוסח:

„אני החתום מטה, בין מודיע אז איך האָב געגעבן למוכ״ד כח הרשאה צו ריידן אין מיין נאָמען אַ שדוך פאר בתי הינדע־מירל תחי׳, ואם יגמר הדבר בכי טוב, בין איך זיך מתחייב מסלק צו זיין שמונה מאות רייניש כסף במזומנים, און צוויי יאָר קעסט על שלחני.

ולראיה באתי על החתום,

מרדכי גילדנער.״

זיין גאנץ לעבן האָט נאָטע נים פארגעסן, אז אָנשטאָט די אכט הונדערט רייניש נדן, האָט ער בלויז געקראָגן פיר, און אז קעסט האָט ער ביי׳ם שווער געגעסן בלויז אַ האלב יאָר, מחמת עס האָט זיך באלד אָנגעהויבן אַ קריגעריי צווישן אים און זיין שוואָגער זלמן, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ בחור, און וועלכער האָט מיט אלערליי תהבולות שוין געזוכט אז אים זאָל דאָרט ווערן ענג. זיך אליין האָט ער נים געקענט מוחל זיין למאי ער האָט פריער נים חוקר ודורש געווען סאָראַ פּארשוין די כלה איז, וואָרים וואָלט ער געווען וויסן אז זי איז אזא, וואָלט ער בשום אופן נים מסכים געווען אויף דעם שדוך. אין דער ערשטער צייט האָט ער געטראכט וועגן אַ גט. אָבער ווע! ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין טאטנ׳ס הויז, און ווי אים ווער אויסקומען צו עסן יעדן טאָג קליסקעלאך מיט בעבלאך, האָט ער ביסלאכווייז אויפגעהערט טראכטן וועגן דעם.

אין עטלאכע חדשים האָט ער דעם נדן געהאט גע׳פּטר׳ט. ערשט איצט האָט זיך אין אים צעברענט דער כעס אי אויף הינדע־מירל׳ען און אי אויף איר פאָטער. ווען זיין ווייב זאָל נים זיין אזא אַ, האָט ער געטראכט, און ווען זיין שווער וואָלט אים נים געווען באַ׳גזלנ׳ען מיט׳ן נדן, וואָלט ער איצט אויסגעזען אנדערש. נאָר זיי מאכן אים פּאר אזא לא יוצלח. און אויס נקמה האָט ער גענומען צוטראכטן פארשידענע שפּיצלאך מיט וועלכע ער זאָל זיי ביידן דערגיין די יאָרן.

ער האָט געוואוסט אז הינדע־מירל פלייסט זיך, קאָכט און באקט פאר אים דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און הגם ער האָט שטאָרק

דער אינזל

הנאה געהאַט פון אַ גוטן ביסן, וואָס אין דער היים ביי זיין טאַטן איז דאָס געווען אַזוי זעלטן, איז ער פונדעסטוועגן זיין ווייב אויף צו להכעיס תמיד אַהיים געקומען שפּעט און געלאָזט די וועטשערע קאַלט ווערן. און גאַנץ אָפט פלעגט ער גאָר ניט אַהיים קומען. און זי האָט דאָס עסן געמוזט אַרויסגיסן. ער האָט געוואוקסט, אַז זיין שווער איז זייער אַ האָנאָראָווער מענטש, און פּאַסט אויף אויף זיינע קינדער אַז זיי זאָלן זיך ניט חבר'ן מיט מענטשן וואָס שטייען נידעריקער פון זיי, האָט ער אים אויף צו להכעיס אָנגעהויבן צו חבר'ן זיך מיט אָרטשע שניידער, אויף וועמען מען האָט געזאָגט אַז ער ווייס ניט ווען ער האָט יאָרצייט, ווייל מען האָט אים געפונען אין אַ קייבערל. און ווייל ער האָט געוואוסט אַז זיין שווער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן יחסן, פלעגט ער אָפט נעמען דעם שטאָט גנב, שלמה'לע קראַדניק, וואָס איז געווען דעם שווער'ס עפּעס אַ ווייטער קרוב און מיט אים פאַרבייגיין דווקא דעם שווער'ס קראָם, זאָל ער אדרבא זען, סאַראַ טייערן קרוב ער האָט.

ווי שטאַרק פאַרביטערט נאָטע איז איצט געווען, האָט ער זיך דאָך געמוזט צעלאַכן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלע שטיקלאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן זיין שווער, און פאַר וועלכע מען האָט אים אין דער משפּחה גערופן „דער ימח שמוניק“. טרערן האָבן זיך אים אַזש געשטעלט אין די אויגן פון געלעכטער, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דער שווינגער: איינמאָל ווען אין מאַרק איז געווען אָן אויפגעלאַף, ווייל אַ זשאַנדאַר האָט געפירט שלמה'לען אַ געשלאָסענעם אין קייטן, נאָכדעם ווי מען האָט אים געכאַפּט גנב'ענען פעל אויף אַ בוידים, איז ער, נאָטע, אַריינגע־לאָפן אָן אָטעם אין זיין שווער'ס קראָם און מיט אַ טויט ערנסט פּנים געפרעגט די שווינגער:

— שווינגער לעבן, וואו איז דער שווער?

די שווינגער האָט זיך דערשראָקן אויף טויט: — וו־וואָס, וואָס איז געשען? אוי ווייי איז מיר נישט!

— אַ גרויס אומגליק איז געשען! — האָט ער געענטפערט נאָך ערנסטער — מען האָט שלמה'לען געכאַפּט ביי אַ גנבה, און מען פירט אים אין מאַרק אַ געשלאָסענעם אין קייטן, דאַרף מען אים גיין אויס־לייזן.

די שווינגער, וואָס איז ניט קיין גרויסע חכמה, פּונקט ווי איר טאָכטער, האָט זיך ניט געכאַפּט אַזוי שנעל, וואָס ער איז אַזוינס אויסן געווען, און ווען זי האָט זיך שוין געכאַפּט, איז ער מער אין קראָם ניט געווען. דער שווער אָבער האָט דערנאָך מיט אים אַ יאָר ניט גערעדט, און יעדעס מאָל ווען מען האָט דערמאָנט זיין נאָמען

דער אינזל

האָט ער צענויפגעפּרעסט די ליפּן הינטער זיינע געדיכטע וואָנצעס.

די אַלע אמאָליקע שפּיצלאַך זיינע האָבן אין נאָטע'ן אַביסל פאַרטעמפּט זיין איצטיקע ביטערקייט. באַלד אָבער איז דער ווייטאָק צוריקגעקומען, און דאָס מויל זיינ'ס האָט זיך ווידער געגומען קרימען.

די אויגן אָנגעשטעלט ביסטרע אויף איין פּינטל. דער שטערן פינסטער צוזאַמענגעצויגן, דאָס קאָפּל פאַררוקט אויפ'ן קאַרק, דער קאָפּ צווישן די שפּיציקע אַקסלען און דער אונטערשטער טייל פון פּנים איינגעגראָבן איןביידע הענט, אז מען האָט נאָר ארויסגעזען עטלאַכע שיטערע האָר פון זיין באָרד, אַזוי האָט אים געפונען דער שווער זיצן ביי'ם טיש.

— גוט נאָוונט! — האָט ר' מרדכי ארויסגעמורמלט פון זיין געדיכטער, שווערער באָרד.

אָבער נאָטע איז געבליבן זיצן ווי פריער און זיך ניט קיין ריר געטאָן. גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט געזען און גאָר ניט געהערט.

— גוט נאָוונט! — האָט שוין דער אַלטער געלאָזט הערן זיין קול אַביסל העכער. אָבער זיין איידעם איז אַלץ געבליבן זיצן ווי פריער און ניט געענטפערט.

ביי ר' מאָרדכי'ן האָט אָנגעהויבן ציטערן די וואָנצע און די ליפּן האָבן זיך פאַמעלאַך געעפנט און צוריק פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט זיך איבערלייגן, צי זאָל ער נאָכאַמאָל זאָגן אַ גוט נאָוונט צי ניט. אָבער מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

ערשט איצט האָט זיך נאָטע אויפגעהויבן, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר'ן שווער און האָט ברייט פאַנאַנדערגענומען די הענט:

— זיצן זי, ביטע!

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט, אים צוגעוואָרפן אַ פאַר־אַכטנדיקן בליק און איז ארויס.

— חצוף! — האָט ער אַזאַנג געטאָן צו זיך ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר און זיך האַסטיק געלאָזט גיין צוריק אהיים. אין מיטן וועג אָבער זיינען זיינע טריט פּלוצלינג געוואָרן פאַמעלאַכער און ווער ער איז אהיים געקומען איז זיין רוקן געווען אַזוי געבויגן און זיין פּנים אַזוי פינסטער, אז מען האָט אין שטוב זיך דערשראָקן און מען האָט מורא געהאַט צו פרעגן, וואָס ער האָט געשמועסט מיט נאָטע'ן.

ערשט ווען דאַבעלע איז אין עטלאַכע מינוט ארום אריינגעקומען פון קראָב האָט זי אים געפרעגט: — נו, וואָס זאָגט ער עפּעס, דער שיינער מענטש?

ר׳ מרדכי האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ס׳איז גאָרניט כדאַי צו פרעגן. און ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען און ער איז פאַרבליבן אין שטוב אַליין מיט הינדע־מירל׳ען, און דערזען ווי זי זיצט אין ווינקל אַן איינגעקאָרטשעטע און צענויפגעדרייטע, די הענט פאַרלוירענע אין שויס און זי שאָקלט זיך ווי זי וואָלט באַוויינט אַ טויטן, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, און אָן ווערטער זי גענומען גלעטן איבער דער פאַטשיילע. געפילט ווי זי קורטשעט זיך אונטער זיינע הענט, האָט אים אַרומגענומען אַזאַ רחמנות, אַז ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו איר ווי מען רעדט צו אַ קליין קינד:

— נו שאַ! נו שאַ! — און ווי ער וואָלט דערפילן, אַז ניט ראָס האָט ער איר געדאַרפט זאָגן, האָט ער צוגעגעבן: — גאָט וועט העלפן, טאָכטער. גאָט וועט העלפן! — און דערביי האָט ער דערפילט אַזאַ שלאַפקייט, אַז זיינע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און מיט וואַקל־ריקע טריט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו דער קאַנאַפּע, וואו ער האָט זיך שווער אַנידערגעלייגט און אויסגעגלייכט די פּלייצע מיט אַ קרעכץ.

4

אויף צו מאָרגנס פאַרנאַכט, ווען די שויבן פון די אויבערשטע גאָרנס האָבן געגליט און הינטער דעם גלח׳ס הויף איז די זון געהאַנגען צווישן צוויי בוימער ווי אַ ריזיקער מאַראַנץ, האָבן אידן וואָס זיינען געשטאַנען אין מאַרק פּלוצלינג דערזען, ווי פון אַ זייטיק געסל שפּאַנט מיט אויסטערליש לאַנגע שפּרייזן אַ הויכער און דאַרער פאַרשוין, וואָס לויט׳ן הולך איז ער ניט קיין איד, לויט׳ן אויסזען אָבער עפּעס נאָר אַ באַקאַנטער.

קעפּ האָבן זיך אומגעדרייט. אַנדערע האָבן זיך אָבער געלאָזט אים אַנטקעגן און באַלד איז אַרום אים שוין געשטאַנען אַ רעדל מענטשן, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן גרעסער, און הענט האָבן זיך געשטרעקט פון אַלע זייטן:

— אַ, נאָטע!

— שלום עליכם, ר׳ נאָטע!

— טאַקע ער, אויף מיין נאמנות!

— וואָס מאַכסטו עפּעס, נאָטע?

— דערקענסט מיך נישט?

און גלאַט הענט פון אַזוינע, וואָס האָבן אפשר פריער געהערט זיין נאָמען אָבער וואָס האָבן ערשט איצט געזען אים צום ערשטן מאָל.

דער אינזל

נאָמע האָט נאָר געזען פאַר זיך שמייכלענדיקע, פון דער פאַרנייענ־דיקער זון ראָז באַשיינטע פּנים׳ער, און די הענט וואָס האָבן איבער־קעפּ זיך געשטרעקט צום אים. און זיינע ציין האָבן פון דעם צע־עפנטן מויל אַרויסגעלויכטן מיט הנאה.

אין מאַרק איז געשטאַנען אַ ריח פון היי, קומל און פערדישן אָפּפאַל, די מערסטע פּנים׳ער זיינען געווען פאַרשמירט, בערד און פאות צעפּלאָשעט און פאַרשטויבט און אַלץ האָט געשמעקט מיט׳ן זומערדיקן יאַריד, וואָס האָט זיך געענדיקט אַזוי פרי. און אַז די הענט האָבן זיך מער ניט געהויבן און דאָס רעדל אידן אַרום אים איז געשטאַנען ווי איין צענויפגעגאָסענער קנויל, האָבן זיך פאַר אים ערשט אָנגעהויבן אַרויסצושיילן איינציקע פּנים׳ער, וואָס ער האָט דערקענט פון אַמאָל און וועלכע פלעגן אין דער פרעמד פון דער העלער הויט פּלוצלינג אַ שווים טאָן פאַר זיינע אויגן. ערשט איצט האָט ער אַ יעדערן געענטפערט ווי עס דאַרף צו זיין, און כמעט יעדן מיט אַ וויץ אָדער אָנצוהערעניש אויף אַ שטאָב־וואָרט. אָבער ס׳האָט קיינעם ניט ווי געטאָן, ווייל דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ גרוס פון אַמאָליקע יאָרן. מען האָט נאָר שמייכלדיק געשאָקלט מיט די קעפּ: — דער זעלביקער נאָטע! אַז ס׳זאָל דאָס פעלן אַ האָר!

און ווען אויך דאָס איז שוין געווען פאַריבער, און מען איז גע־שטאַנען און מען האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און אַנדערע האָבן פאַרלייגט אַ האַנט הינטער אַן אויער און זיך צוגעהערט פון אַ זייט צו דעם, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. האָט פּלוצלינג איינער איבער אַלעמענס קעפּ אַ זאָג געטאָן הויך:

— וואָס טויגן מיר די אַלע מעשיות, נאָטע? דו דערצייל בעסער דעם עיקר: עפּעס אַ גרויסע אַפּותיקי אַהיים געבראַכט?

נעקומען איז דאָס און געפאַלן צווישן עולם אַזוי פּרעטשמעלענדיס, ווי אַ שטיין אויף וועלכן מען ריכט זיך ניט, און אויף איין רגע האָבן עטלאַכע פון רעדל דערפילט אַ שטאַרקן פאַרדראָס. למאי מען האָט אַזוי אומבאַרמהערציק איבערגעריסן אַ שיינע מעשה, וואָס אָט־אָט האָט זי זיך אָנגעהויבן אויפוויקלען פאַר זיי, און צוגעזאָגט אַזוינס און אַזעל־כעס, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אָבער נאָך וועלכן מען האָט אייביק געבענקט. באַלד אָבער האָט אַ צווייטער פון רעדל אונטערגעכאַפּט יענעמס רייד און זיי אונטערגעטראָגן אַביסל אַנדערש:

— נו טאַקע, נאָטע, האָט זיך כאָטש געלוינט?

ביי נאָטע׳ן האָט עפּעס אַ שפּיל געטאָן אין די אויגן און ער האָט דעם פרעגער צוריקגעשליידערט:

דער אײנזל

— און דיר, שמחה משה, לוינט זיך אויף שבת הגדול צו מאכן א רייזע קיין מצרים?

דער עולם האט זיך צעלאכט. און שמחה משה, א דארער איד מיט א ברודיק פלאקסן בערדל און פארגעלט פנים, ביי וועמען די שופן אויף דער פארגרינטער בעקעשע און דאס פארפעצטע קאפל, וואס האט אפיר געשיינט פון אונטער דעם קאפעלוש האבן געוויזן אז ער ליידט פון דער זעקסטער מכה, און דאריבער ווערט ער אין יענע מקומות פאררעכנט צווישן די, וואס דארפן אויף יעדן שבת הגדול פארן קיין מצרים, אט דער ארימער שמחה משה נעבאך איז אזוי געטראפן געווארן פון נאטע׳ס רייד, אז ער האט א מינוט גאר ניט געקענט זאגן, צום סוף אבער האט ער מיט א קווימש וואס האט געשמעקט מיט געוויין א געשריי געטאן: — ימח שמוניק! — און אלע האבן דערפילט. אז עפעס ווייטס און שיינס, וואס אט אט האט עס געהאלטן אין אנטפלעקן זיך פאר זיי איז צערונען און פארשוואונדן און ס׳וועט שוין מער ניט צוריק קומען.

דאס רעדל האט זיך אנגעהויבן פאנאנדערצוגיין, און ווען ארום נאטע׳ן זיינער מער ניט פארבליבן ווי בלויז עטלאכע אידן, האט איינער אן עלטערער אנגעוויזן אויף נאטע׳ס הארטן געבאלטענעם קאפעליוש, דערנאך אויף זיין דייטשן איבערציהערל און הייזעריקלאך א פרעג געטאן:

— האסט ניט קיין אנדערע בגדים, נאטע?

— וואס זשע? — האט נאטע געענטפערט — און די געפעלן אייך ניט, ר׳ מאיר קלמן?

— יא, אבער. . . .

— וואס אבער? גיט נאר, זייט מוחל א טאפ דעם שטאף, ר׳ מאיר קלמן. טייערע סחורה! אבער טאקע גאר גאר טייערע סחורה! גלויבט מיר: אויף מיין מיסט איז דאס ניט געוואקסן. איר זעט דעם איבערציהער — אים האט מסתמא אמאל געטראגן א גראף צי . . .

— און שעטנז, נאטע? שעטנז? — ר׳ מאיר קלמן האט גע־שאקלט מיט׳ן קאפ גלייך ווי ער וואלט אים שטארק באדויערט, — און גלאט, ווי שעמט זיך ניט א איד אזוי א, צווישן אידן? אז מען איז אין דער פרעמד, פרנסה, פארשטיי איך. אבער דא?

— א איד וועט זיך טאקע שעמען, אבער דער א, פושע ישראל?

געקומען איז דאס פון נאטע׳ס שוואגער, זלמן, וואס קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז פלוצלינג אויסגעוואקסן.

דער אײנזל

נאָכדעם האָט אױף אים אַ קוק געטאָן מיט זײנע גרױסע אומהײמלאַכע אױגן און דערבײ אַזױ פאַרצױגן דעם שטערן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, זלמן װערט קלענער װי ער איז. דאָס האָט אָבער נאָר געדױערט אַ רגע, װאָרים באַלד איז זלמן געקומען צו זיך און אָנגעהױבן אונטערצוהאָצקען און גראַזשען מיט אַ פינגער צו נאָטע'ן: — װאַרט! װאַרט! װעסט זיך נאָך אַ שװאַרץ יאָר אױסריכטן! אױסקאָרעניען װעט מען דיך, דו עוכר ישראל!

עמיצער איז אונטערגעלאָפן און אים אָװעקגעריסן. און דאָס לעצטע ביסל אידן װאָס איז נאָך געװען אין מאַרק האָט זיך געאײלט צו מנחה מעריב, און נאָטע מיט זײ.

אין קלױז װאו ער איז געקומען דאַװנען, האָט זיך שױן קײנער ניט אומגעקוקט אױף אים. װאָרים מען האָט געזען װי ר' מרדכי האָט זיך אױסגעדרײט מיט'ן פּנים צו דער װאַנט, װען ער האָט אים געזען אַרײנקומען, האָט מען פּאַרשטאַנען אַז אים שטײט ניט אָן, װאָס זײן אײדעם איז געקומען. צװישן אידן אין אַזאַ הולך, און נאָטע האָט מיט אַמאָל דערפילט אַז מיט דעם, װאָס ער האָט געװאָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל דעם שװער זײנעם, האָט ער קײנעם ניט אָפּגעטאָן נאָר זיך אַלײן. אים האָט איצט פאַרדראָסן למאי ער האָט טאַקע ניט אָנגעטאָן די קאַמגאַרענע בעקעשע, װאָס ער האָט געפונען הענגען אין שאַנק װי ער האָט זי איבערגעלאָזן. פון אַ בריף װאָס הינדע־מירל האָט אים אַמאָל געשריבן, האָט ער געװאוסט, אַז אַלע זײנע זאַכן, װאָס ער האָט געלאָזן װען ער איז אַװעק, זײנען נאָך דאָ און װערן אָפּגעהיט אַז עס זאָל אױף זײ ניט זײן קײן קנײטשעלע און קײן שטױבעלע. און װען ער איז אַהײם געקומען, האָט ער געזען אַז אַפילו זײן אַמאָליקער סאַמעטענער קאַפּעליוש איז נאָך דאָ. אין אַ באַזונדער שאַכטל איז ער געלעגן, און נעבן דעם שאַכטל איז געשטאַנען נאָך אײנס אין װעלכן עס איז געלעגן זײן שבת'דיק שטרײמל. אָפּגעפּרישט און איבערגענוצעװעט מיט אַ נײעם װערך, האָט עס אױסגעזען כמעט װי נײ. אין ערשטן טאָג, װאָס ער איז געװען אין דער הײם, האָט אים הנאה געטאָן װאָס הינדע־מירל האָט דאָס אַלץ אַזױ אָפּגעהיט: װאָרים ער האָט געװאוסט, אַז כדי צו האָבן אַ פּנים פון אַ לײטישן מענטשן אין דער הײם, מוז מען האָבן די אַלע זאַכן און צי גילטן פאַר אַ לײטישן מענטש'ן איז אים נעגאַנגען אין לעבן. אָבער דער חשק אָפּצוטאָן זײן שװער אױף טערקיש האָט און אים אַפילו דאָס גובר געװען, און װיסנדיק װי שטאַרק דאָס װעט זײן שװער אַרן, איז ער דאַריבער צום ערשטן מאָל דװקא אַרױס װי אַ דאַטש, און זאָל אים פּלאַצן די גאַל, אין זאָל ער װיסן! איצט

אָבער, ווען ער האָט דערזען אַז ער טוט זיך דערמיט מער ווי זיין שווער, האָט אים די גאַנצע מעשה שטאַרק פאַרדראָסן. און וואָס מער עס האָט אים פאַרדראָסן, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך אייגנעשפּאַרט, אַז דוקא אַזוי און ניט אַנדערש וועט ער זיך אָנטאָן.

י. קיסין

די געפאַהר פון איינזייטיקייט

סיי ביי איינצלנע ליטעראַרישע דערשיינונגען (ביי איין פּאָפּולערן קריטיקער באַשטייט ליטעראַטור נאָר פון איינצלנע דערשיינונגען), און סיי ביי אַ גאַנצן אַנטוויקלונגס גאַנג פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וואָס קען באַוויזן ווערן פון דעם ליטעראַטור פאָרשער, און וואָס האָט אירע אייגענע אימאַנענטע געזעצן און טענדענצן פון אַנטוויקלונג (אין אַ גאַנצע רייה אינטערעסאַנטע קריטיקער האַלטן, אַז אַ ליטעראַטור האָט אירע אייגענע אַנטוויקלונגס געזעצן), — איןביידע פאַלן זיינען ניכער שעדלאַך, ווי נוצלאַך אַלערליי תורות, פּאַרטיקע צי „ווערנדיקע“.

אפילו די ערנסטע און טיף דורכגעטראַכטע, צי דורכגעליטענע פון ערלאַכע וואָרט־קינסטלער, אַפילו אַזעלכע תורות זיינען אין זייער גאַנצקייט פּרוכטבאַר נאָר ביי זייערע באַשאַפער.

דורכאויס נויטיג וועט אפשר זיין נאָר אַ מינימום פון אַזאַ תורה.

מיין האַרץ האָט זיך געבעטן: „זאָג מיר וואָס,
און תורה לערן מיך“. האָב איך נאָר דאָס
געזאָגט אים — אַ ל ף. „זאָג ניט מער. איז דאָ
אין הויז נאָר אַ י י נ ע ר, איז גענוג איין אות“.
(פון אָמאַר כאַיאַם'ס „רוביאַט“)

אָננעמען כלל הייסט אָננעמען יחיד. אָננעמען כלל אָן יחיד אויפ'ן חשבון פון יחיד, הייסט זיך אַוועקרייסן פון דער ערד, פון דעם ממשות'דיקן באָדן, הייסט די „מרה שכורה“, וועגן וועלכער משה גראס האָט אַזוי שיין געדעדט.

און „אָננעמען דעם איינצלנעם“ הייסט פאַרשטיין, אַז די „אימאַנענטע געזעצן“ ביים כלל, צי אַפילו אין אַ ליטעראַטור געשיכט'ע זיינען ניט די. און אַמאָל פאַרקערטע, ווי דיזעלביקע געזעצן ביים איינצלנעם. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ נאַטור געזעץ און ווילן מיר, אַז ליטעראַטור, זאָל זיין נאַטירלאַך און אָרגאַניש, דאַרפן

דער אינזל

מיר קיינמאָל זיך ניט שטעלן אַנטקעגן אַזאַ געזעץ פון דער נאַטור.

די געפאַר פון דאָגמע, פון איינזייטיקייט לויערט אַף דעם קריטיקער ניט ווייניקער ווי אַף דעם שרייבער. ניט איינמאָל וועט איר זען, ווי אַ יונגער קרעפטיקער קריטיקער־שאַפער וועט אַ יאָג טאָן זיין אויטאָמאָביל, כדי צו העלפן אַרויסשלייפן אַ גרויסן ליטעראַרישן וואָגן, וואָס איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין אַ בלאָטע, און וועט אַליין אַריין אין וואַסערן פון איינזייטיקייט. ער האָט געמיינט ריכטיק; האָט געצילט אין געוויסע גייענדיקע דערשיינונגען אַף אַ ליטעראַרישער גאַס, ער האָט אין זיי טאַקע געטראָפן אויך, אָבער נאָר טיילווייז אין דערביי האָט ער אומגערן אַביסל פאַרשפריצט אומשולדיגע אַרומיגע — געטען, ביירענען, ישעיה'ן און דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל די פאָרמעל פון ריכטונג איז געווען ביי אים ניט גאָר די פּאַסיקע.

דעם קריטיקערס וועג איז אומגעהויער שווער. ער האָט נאָך, חוץ אַלעמען, נאָך אַ פּראָבלעם פון „איך" און „ניט־איך". דעם שרייבער איז דאָ אַ סך לייכטער, ווייל זיין אַרבעט איז פּשוט'ער.

און ווען דער שרייבער וועט זיך שטעלן פאַר דעם בית דין של מעלה, און מען וועט אים אַ פרעג טאָן: „וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן דאָרטן אונטן?" וועט ניט אויסמאַכן, וואָס פאַר אַ ליטעראַרישע ריכטונג, צי מאָדע, עס וועט דאָרטן הערשן, און צי די צייט וועט זיין אַ רעוואָלוציאָנערע, אָדער אַ געוויינלאַכע, — דער שרייבער וועט קאָנען געבן אַ קלאָרע תשובה — וואָס, פאַרוואָס, און צוליב וואָס, און פאַר וועמען.

איינע פון די גרויסע שטרויכלונגען פאַר'ן קריטיקער איז דער נסיון צו נעמען און אַנפּאַסן אויף עפּעס אָרגאַנישעס און לעבעדיקעס אַ וועלכע ס'איז פאָרמעל. אמת, דער זעלביקער נסיון שטייט אויך פאַר'ן שרייבער, אָבער פאַר יענעם איז ער נאָך ניט אַזוי געפערלאַך, ווי פאַר דעם „שאַצער" אָדער „קלאַסיפיצירער" פון ווערטן.

אי שרייבער, אי קריטיקער ראַנגלען זיך כסדר מיט אַלערליי טויטקייטן, און אַ פאָרמעל קאָן דאָך אויך זיין אַ טויטקייט.

דאָס איז אפשר ניט געשען מיט משה גראָס'עס אינטערעסאַנטער קאָנצעפּציע פון הומאָר און מרה שחורה. ביי אונז האָט עס אָבער לייכט געקאָנט געשען.

עס איז אפשר בכלל אַ ריזיקאַלישע און אומדאַנקבאַרע אַרבעט צו פּרוּוון שפּאַלטן אַף הומאָר און מרה שחורה דאָס וואָרט, וואָס האַלט אין זיך זיי ביידן.

אויב הומאָר האָט ווען עס איז וועמען אויסגעצייכנט, איז דאָס, דוכט זיך געווען געטע. און אויב „פאַוסט" איז ניט טיפע מרה שחורה, איז קיין מרה שחורה אַף דער וועלט ניטאָ. ווען די נביאים

איז אָפּגערעדט. נביאות גייט ניט אַנדערש ווי מיט הונדערט פּראָצענט מרה שחורה. דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס זי איז אין געוויינלאַכע צייטן אַזוי אויסער אָרט. און משה גראָס האָט אפשר טאַקע אין זינען געהאַט אַ געווינסן מין פאַלשן נביא אין בעל־לעטער פון „אונזער שעה“.

ריינער הומאָר איז מסתמא דער, וועלכן מיר אַסאָציאירן מיט נעטער און אַנדערע הימלישע בירגער. איז דער בעל־הומאָר נידעריקער פון גאָט, האָט זיין הומאָר אַליין שוואַכע פּונקטן, וואו מען קאָן אים פאַרוואונדן. און אַזאַ ריינער הומאָר קאָן מסתמא נעמאַלט זיין נאָר דאַמאָלט, ווען גאָט'ס קעניגרייך וועט פעסט איינגעשטעלט ווערן אויף דער ערד, און ניט פריער. אַנדערש האָט ער זיין שאַטנדיקע זייט. מוזן מיר דערווייל וואַרטן — אַ ברירה האָבן מיר! און וואַרטן איז ווידער אַ לאַנגווייליקער ענין און מוז אין אַ וועג ווידער באַשאַפן אַ רעכט ביסל מרה שחורה. מיר קאָנען זיך גאָרניט העלפן.

הכלל, מיר זיינען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט די וואַסערן פון מרה שחורה.

מען קאָן ניט צעשטערן די נאַטירלאַכע האַרמאָניע און פּראָפאָרציע אין דער פאַרשידנקייט פון זאַכן, אַזוי גוט ווי מענטשן, און מען קאָן ניט אַריינשטעלן אין ראַמען פון ווירקלאַכקייט עפּעס אַ ז ו י נ ס און הייסן אים דאָמינירן איבער'ן איבעריקן.

ניט קיין אַנדערער, ווי ל. ד. טראָצקי, זאָגט ערגעץ אין אַן אַרטיקל, אַז עס האָט קיין שום זין ניט אַרויסצורייסן אַ פראַגמענט פון דער צוקונפט פאַר'ן היינט.

און היינט נעמט צו ביים מענטשן, ביים דורכשניטלאַכן מענטשן, און ביים דורכשניטלאַכן שרייבער, גאָר זיין פאַרמעג אין מרה שחורה, וואָס וועט בלייבן? עס וועט ניט בלייבן יענע פּשוט'ע פרייד פון זיין, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט אייזלאַנד. — און חוץ דעם איז דאָך פאַראַן פרייד און פרייד. פרייד זאָאָלאָגישע און פרייד פּרימיטיוו־שיינע, פרייד שוואַכזיניקע אָדער פאַרברעכערישע און פרייד שאַפערישע, מוטערלאַכע אָדער גייסטיקע. מיין פרייד איז אַנדערש ווי דיינע. — עס וועט מסתמא בלייבן עפּעס אומאָרגאַנישעס, אומקינסטלערישעס און אוממענטשלאַכס, עפּעס אַן אוממעגלאַכע פאַרזעעניש. הגם אין משך פון די לעצטע נאָך־מלחמה־יאָרן האָבן מיר זיך אָנגעזען גענוג אַזעלכע אוממעגלאַכקייטן.

די פוטוריסטן האָבן געפּרואווט באַשאַפן אַ מין פריילאַכע קונסט, לויטער הומאָר. האָבן זיי טאַקע באַשאַפן אַ ליטעראַטור דורכאויס אָן מרה שחורה, אָבער דערפאַר אויך אָן טאַלאַנט, — מיט אייניקע אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך.

דער אינזל

און אפילו די אויסנאַמען זיינען אויך אַזוי אומבאַשטענדיק איך האָב שוין דאָ געוואָלט ציטירן און הנאה האָבן פון איינעם פון זיי. דעם רוסישן דיכטער וואַסילי קאַמענסקי, פון דעם „קאָמפּוט“ (פאַראַן אַ „בורפוט“, בורזשואַזער פוטוריזם, אין איטאַליע, און אַ קאָמוניסטישער אין סאָוועט רוסלאַנד). לייען איך איצט אין אַ צייטונג, אַז אַ גלאַווורעפּערטקאָם (אַ הויפּט קאָמיטעט וועגן רעפּערטואַר) האָט געפּסל׳ט קאַמענסקי׳ס אַ פּיעסע, ווייל זי איז קאָנטר־רעוואָלוציאָנעריש. גראָב אַנטיסעמיטיש און פיליסטעריש — „פּאָשלע“. נאָט אייך! און דער דיכטער קאַמענסקי, איז אין זיינע ראָוואָלוציאָנערע לידער געווען, דוכט זיך, דער לויטערסטער, דער זוניגסטער און לעבנסווירדיקסטער פון אַלע זיינע חברים. ער האָט געשריבן: „פּאָעטן, קינסטלער, מוזיקאַנטן, נעכטן האָבן מיר זיך געלערנט ביי טאָלסטאָי׳ען און ביי קאַנט׳ן, היינט אָבער בליהט אויף אונז אַן אייגענער קאָפּ“. איך האָב אַביסל געצווייפלט אין דער „אייגנקייט“, אָבער אין דעם דיכטע׳ס האַרץ און נשמה האָב איך ניט געצווייפלט. פון זיינע וואונדערבאַרע שורות האָב איך גראַד אַרויסגעזען אַ קאַנט׳יאַנער און אַ טאָלסטאָי׳אַנער, אָבער עס האָט אויסגעזען, ווי אַ דיכטערס נשמה וואָלט זיך דאָ צעגויפּגעגאָסן איינגאַנצן מיט דער אַרומיקער סטיכיע, — עס מאַכט דאָך ניט אויס, וואָס זי איז.

מען וועט זאָגן: אַלץ ווענדט זיך ווער, וואו און ווי אַזוי; דער עיקר איז כסדר — פון וועמעס האַנט קומט דאָס? דער עיקר איז פאָרט דער מענטש הינטער דעם קינסטלער. יע, דאָס איז דער עיקר.

און פּשוט׳ער הומאָר?

קאָמיזם און טראַגיזם הויבן זיך אָן און ענדיקן זיך מיט אונז. און דאָס לעבן אונזערס איז אין ערגעץ ניט באמת קאָמיש. וואָלט דאָס אַזוי געווען, וואָלטן מיר אַלע שוין לאַנג אַריינגעפאַלן אין דער טיפסטער מרה שחורה, און גראַד ווייל דאָס לעבן פאַרמאָגט אַזוי פיל שוואַרצקייט, ווייזן מיר, אַז עס איז פאַראַן פרייד, די פרייד איז צוליב דעם אַ טיפערע, אַ דערהויבענערע.

און ריינער הומאָר?

ריינער ליטעראַרישער הומאָר איז אַ ספּעציאַליטעט. דאָס איז פאַר די הומאָריסטן. און אפילו ווען דער הומאָריסט אַליין גיט אונז דאָס טעגלאַכע ברויט פון זיין הומאָר ניט דורכגעווייקט מיט טרערן, קומט דאָס אונז אויך אויס עפּעס אוממענטשלאַך און דערוועקט אין אונז אַן אומאַנגענעם געפיל, אויב ניט אַ חשד.

אַן אַמעריקאַנער קלאַסיקער דערציילט, ווי עס האָט אַמאָל אין איין איטאַליענישן שטאָט נאַסטראָלירט אַ גרויסער קאָמיקער, וואָס האָט די גאַנצע שטאָט אַריינגעוואָרפן אין קאַנוואולסיעס פון געלעכ־

מער. אין דערזעלביקער צייט איז צו אַ דאָרטיקן דאָקטאָר געקומען אַ קראַנקער, וואָס די מרה שחורה האָט אים פאַרצערט זיין לעבן. דער דאָקטאָר האָט אים געראָטן גיין זען דעם באַרימטן אַקטיאָר. דער פּאַציענט האָט געענטפערט: „איך בין דאָס טאַקע יענער באַרימטער קאָמיקער".

זישא לאַנדוי

דיכטונג, דיכטער און לעזער

טיפקייט, באַציהונג און ערנסט איז ניט קיין מדרגה פאַר אַ דיכ־טער. עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. ווען מען זאָגט אויף אַ דיכטער אַז ער איז טיף, אַז ער איז ערנסט, אַז ער האָט געדאַנקען מיינט עס, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס איז טעמפּ, וועמען קיין שום זאַך גייט ניט אָן, וואָס איז אין תוך לייכט־זיניק און צו די אַלע מעלות שרייבט ער נאָך פערזן. צווישן לידער שרייבער איז דאָ פּאָעטן און ניט קיין פּאָעטן.

קיינער וועט ניט האָבן די חוצפּה צו זאָגן, אַז געטע איז טיף. ווי אַנדערש? ער איז דאָך איינער פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער וועלט. פּושקין צי ווערלעין זיינען ניט טיף. זיי זיינען בלויז גרויסע דיכטער. דיכטונג איז עלעמענט. דיכטונג איז ווי די נאַטור. דיכטונג נאָך וועלכער עס שלעפּט זיך נאָך „באַציהונג", „ערנסט", „געדאַנקען" איז ווי די לבנה, ווי דער הימל אויף די באַרימטע טעאַטער דעקאָראַציעס אָדער אויף די „אָריגינעלע" אייל־בילדער, וואָס מען גיט צו אומזיסט אין געוויסע געשעפטן צו בעטן, נאַכטטעפּלאַך און טישן.

דיכטונג איז ווי די נאַטור. זי איז ציל און צוועק פאַר זיך אַליין. עס זיינען ניט פון פאַרויס באַשטימט, און דערפאַר ניט באַשרענקט, די געדאַנקען, געפילן און שטימונגען וואָס די נאַטור קען אַרויסרופן אין אונז. דאָס איז אָפּהענגיק אָן דעם מענטשן. דאָס זעלבע מיט דיכטונג. אויב אייער געמיט און געפיל קען אויפנעמען פּאָעזיע, קען אַ ליד אַרום אַ טאָג טענלאַכן ענין אויפוועקן אין אייך געדאַנקען וועגן אייער שיקזאַל, וועגן דעם שיקזאַל פון אייער פאָלק, אָדער גאָר די מענטשהייט. די ווירקונג פון דירעקטע לידער אָדער דערציילונגען איז באַשרענקט. זיי ווירקן בלויז אין אייגענעם קרייז, זיי אַפּעלירן בלויז צו די, וואָס האָלטן שוין פון פריער פון דעם וואָס עס איז אין

זיי געזאָגט געוואָרן. טענדענציעזע ליטעראַטור פאַרשטאַרקט בלויז די איינגענע רייהען, אָבער שאַפט ניט קיין נייע אנהענגער.

איז די לבנה טיף? פונקט אזוי טיף און געדאַנקנרייך זיינען לידער. דאָס ראַפינירטע, דאָס פאַרפּלאָנטערטע, ווי דאָס פשוט'ע, נאַאיווע פאָלקס לידל. אינטערעסאַנט איז וואָס דער אמת'ער דיכטער, מעג ער זיין ווי עקזאָטיש, מעג ער זיין ביז צו ווייטאָג ראַפינירט פילט אַ קרובה'שאַפט מיט דעם אומגעהובעלטן פאָלקס ליד. דאָס איז ניט בלויז וועגן דעם אוממיטלבאַרן דיכטער, נאָר אפילו ביי דעם, וואו לעבן און בוך מישן זיך שוין אויס אין איינעם, און וועלכער האָט על פי טעאָריע געדאַרפט האָבן אַ נייגונג צו פּאָעזיע מיט „באַציהונג", „ערנסט" און „געדאַנקען". קענסט דיר ניט העלפן, אזוי איז עס.

אַלס פאַרטיידיקער פון דעם געוויינלאַכן אַלט מאָדישן ליד האָב איך עס ניט געדאַרפט פאַרגלייכן צו דער נאַטור און באַזונדערס צו דער לבנה, וואָס איז לעצטנס זייער אין אומ'חן ביי אינטעליגענטע יונגע לייט און אידענעס, וואָס מאַכן יאַ אָדער ניט לידער. אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אז קוקנדיק אויף אָט דער אַלטער דאַמע פילט מיין הארץ זיך פרייליכער און מיין געדאַנק באַוועגט זיך גיכער ווי ווען איך קוק אריין, למשל, אין אַן ערנסטן, סעריעזן אַרטיקל פון ש. ניגער וואָס איז פול מיט באַציהונג, און וואו שאַרפזין טראָגט זיך מיט דעם אימפּעט פון מענדעלי'ס קליאַטשע, און געדאַנקען זיינען כמעט אזוי טיף ווי דער ירדן.

די דאָזיקע „געדאַנקען" און דער דאָזיקער „ערנסט" און די דאָזיקע „באַציהונג" מאַכן אייך טעמפּ ווען איר געפינט עס אין אַן אַרטיקל. אין אַ ליד איז עס פאַטאַל.

אַ ליד לעבט בלויז מיט זיין רעכט. מיר האָבן ליב צו זיין אין דרויסן ניט דערפאַר, וואָס דאָס זאָל זיין זייער געזונט פאַר די לונגען, נאָר ווייל עס איז גוט, זייער גוט און אַנגענעם. לידער איז דאָ בלויז גוטע און שלעכטע. ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אז פּאָעזיע טיילט זיך אויף לידער און אויף פאַראַדיעס אויף לידער. עס איז דאָ גוטע, כמעט גוטע און שלעכטע לידער און עס זיינען דאָ געלונגענע און ווייניקער געלונגענע, אָדער שלעכטע פאַראַדיעס.

לידער מיט די באַרימטע באַציהונג, ערנסט און טיפקייט זיינען פאַראַדיעס. ווי אזוי קען מען דאָס באַשטימען?

גאַנץ פשוט און מיט דעם זעלבן רעכט וואָס מיר האַלטן פאַר אַן אידיאָט דעם וואָס ערקלערט אונז, אז ער קלייבט זיך חתונה האָבן ניט ווייל ס'ווילט זיך אים, נאָר ווייל דאָס אידישע פאָלק דאַרף פאַרגרעסערט ווערן. עס איז גאַנץ מעגלאַך, אז ער מיינט עס ערנסט. אָבער דערמיט ווערט עס נאָך קאָמישער. און בכלל האָבן אידיאָטן און

מינדערזיניקע אַ טבע צו זיין ערנסט. חתונה האָבן איז אַן ענין פאַר זיך אַליין, לידער זיינען שוין גאָר אַן ענין, און נויטיקן זיך נים אין באַרעכטיקונג אָדער אַ צוטשעפעניש.

אַמעריקע, וואו דאָס אידישע ליד האָט געקראָגן זיין תיקון, וואו דאָס אידישע ליד האָט געקראָגן אינהאַלט און איז פון עפּעס אומ־געלומפערטס געוואָרן אַן ענין, האָט אויך אַרויסגעבראַכט דעם גרעסטן אידישן לידער פּאַראָדיסט, יהואש׳ן, אין וועמען עס איז קאָנצענטרירט די געשמאַקלאָזיקייט פון דער אידיש־אַמעריקאַנער גאַס. אָט דער עסטעט פון דעם אידישן אַל־רייטניק, איז פּונקט ווי דער, וועמעס שליח ציבור ער איז, אַ שרעקלאַכער עולם הזה׳ניק, האַלט זיך אין איין באַלעקן. עס איז כמעט ניטאָ קיין ליד ביי אים, וואו ער זאָל נים געברויכן דאָס וואָרט ז ו י ג ע ן. א ל ץ ז ו י ג ט ביי אים. עס זויגט די ערד, עס זויגט דער ים און ער אַליין, דאַכט זיך זויגט אויך פון זיין געליבטער׳ס מויל קושן. דערביי זאָגט ער אַרויס געדאַנקען — מאַמעלאַך, סאַראַ טיפע — ווי למשל אַז אַלץ איז פאַר־גאַנגלאַך און ענלאַכעס דערצו.

און דאָך, וואָס פאַר אַ צויבער ליגט אין לידער. מענטשן, אומ־שולדיקע וואוילע, לעזן די דאָזיקע "שאַפונגען" און זייער האַרץ ווערט נאָך ריינער, ווערט לויטערער און די אויגן קוקן פאַר׳חלומ׳טער.

עס איז וואָר, אַז זיי זיינען נים קיין אמת׳ע לייענער פון דיכ־טונג. אָבער וואָס איז דער אונטערשיד ! פּאָרט אמת וואוילע מענטשן. אייגנטלאַך איז אַזוי מיט אַלע שונד לייענער, און אָפּטמאָל ווייס איך נים, וואָס מען וויל די אָרימע מענטשן צו נעמען פון שונד און מכבד זיי זיין מיט „ליטעראַטור". „ליטעראַטור" קען אויף זיי נים האָבן קיין בעסערע ווירקונג, ווי די שונדישע ראָמאַנען אָדער לידער.

אגב וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס נים נאָר שונד־פּאָעטן, נאָר אויך שונד ראָמאַניסטן און דראַמאַטורגן חלש׳ן אַוועק פאַר אַ אידעע אָדער געדאַנק. דאָס אייגנטלאַך, איז דאָס איינציקע וואָס זיי קענען קאָפּירן פון אַ גוטן ראָמאַן אָדער פּיעסע.

דער חילוק איז אָבער, וואָס ביי די לעצטע איז דאָס תוך, עלעמענט. און ביי די ערשטע אַ דרויסנדיקע צוטשעפעניש, אַ באַפּוצונג, וואָס דאַרף צוגעבן „טיפקייט" און „שיינקייט" דער אייגענער נישטיקיים.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Co.
254 Henry St., N. Y.

Price per year, $2.50 — Single copies, 25c.

דער לעבעדיקער

ג ע ע ר ט

פון בארימטע אידישע

ל י ט ע ר א ט ן

ש ו י ש פ י ל ע ר

מ ו ז י ק ע ר

אין קעסלער׳ס סעקאַנד עוועניו טעאַטער,

מאָנטאָג אוונט דעם 18טן מאַי 1925

לכבוד

דעם 10-יאָריקן יובילעאום פון זיין

„פ ל י א ו ן כ א פ״

—— פאַר מער איינצלהייטן זעט דעם קונדס. ——

זאַקס און שטיינפעלד

י ו נ י א ָ ן פ ר י נ ט ע ר ס

12 דזשעפערסאָן סטריט

(נעבן בראָדוויי)

ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן דריידאָק 0432

נאָטיק בוך סטאָר

בוכהאַנדלונג פאַר דעם אינ-
טעליגענטן אידישן לעזער.

ספעציעלע אויפמערק-
זאַמקייט צו באַשטעלונ-
גען פון אויסער ניו יאָרק

ביבליאָטעקן און אָרגאַניזאַ-
ציעס באַקומען גרויסן
ראַבאַט

Gothic Art Book Store
176 2nd Ave. N. Y. City

דר. ש. פאַקס

דענטיסט

דאַון טאַון אָפיס :

12 דזשעפערסאָן סטריט.

אַפטאַון אָפיס :

1490 קראָטאָנא פּאַרק, איסט.

דר. אברהם אייסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפיס-שטונדן : 10 מאָרגנס ביז 8

אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראָבערטס

(דר. גראָבאַרד)

דענטיסט

184 — 7טע גאַס, ניו יאָרק נ. י.

טעלעפאָן אָרטשאַרד 6794

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 4. | יוני, 1925

א. מ. פוקס — — — — — — — הילף
י. קיסין — — פאָלק און שפּראַך
דוד קאַזאַנסקי — — — — אין ראָד
זישאָ לאַנדוי — — — — דריי לידער
י. קיסין — — — — — — — — ליד
ר. אײַזלאַנד—מר. גוסטאַוו גילדנער
זישא לאנדוי —
קלאָגמוטערס; עוואָלוציע;
אן אומגערעכטע אטאַקע.
ר. אייזלאנד —
די טראָבל־מאכערס; דער
נאַאיווער דוד איגנאטאָוו.

25 סענט א נומער. | ‎$2.50 א יאָר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

Price per year, $2.50 — Single copies, 25c.

HARRY BARNETTS FARM

פארוואלטעט פון

הינדע באַשע דילאָן

א שעהן מעבעלירטע הויז פאר זומער געסט אין
דעם בערגיגען געגענד פון פיקסקיל, נ. י., אויפ'ן
ברעג פון וואונדערליכען לייק מאהיגאן. צימערען
מיט אדער אָהן עסען פאר מעסיגע פרייזען.

ניו־יאָרקער אַדרעס:

J. DILLON

709 Brighton Beach Ave. Brighton Beach, N. Y.

Phone: Coney Island 1447

ה. געלבוים'ס האָטעל ראָסמאָר

געפינט זיך אויף דעם העכסטן
פונקט אין די קעטסקיל בערג.
די אלע באקוועמליכקייטן, וואס
האָטעל ראָסמאר פארמאָגט, די
פיינסטע באהאנדלונג, די אויסגע־
צייכנטע שפייזן און די געזעלשאפט
וואס איר וועט דאָרט באגעגענען,
פארזיכערן אייך א וועקיישאָן ווי
איר האָט נאָך ביז איצט ניט געהאט.

HOTEL ROSSMORE, Highmount, N. Y.

// דער אינזל

חודש זשורנאל

נומער 4. | יוני, 1925. | ניו יארק

א. מ. פוקס:

הילף

כאטש טשיזשיק האט שוין געהאט לאנג אויסגעקויפט זיין גאנץ ביסל ארימקייט, די גאנצע באלעבאטישקייט, אלע לאכעס און שמאטעס, די פלעשלאך און די אלטע שקראבעס, זיינען פונדעסטוועגן, ווען די באלעבאסטע זיינע האט אים ארויסגעווארפן פון דער דירה, געלעגן אין דרויסן ביי דער זייט געסלדיקן רינשטאק, א גאנצע קופע מיט איינגעפאקטע פעק, צעשאטענע קעסטלאך, ארומגעבונדענע מיט שטריק, צעפלאכטענע קיישלאך, אנגעפולטע מיט שקראבעס, פלעשלאך, שמאטעס, טעפ, און ביכער, צעפלאכטענע, צעשאטענע.

טשיזיקס ווייב מיט די צוויי מיידעלאך זיינען געזעסן אויף דער קופע פעק, אנגעטאן שוין אין די יום־טוב'דיגע בגדים, אין וועלכע זיי זיינען געקומען אהער, דיזעלבע ארימע אפגעריסענע מענטאלאך, מיט די צעריסענע פאטשעווקעס, וואס האבן אפיר געקוקט פון די פאכוועס, דיזעלבע קליידלאך, פארדריפעטע מיט נייער בלאטע. זייערע צעפליקטע שיך, זיינען געוועזן צוגעבונדן מיט שטריקלאך. פון א קיישל האט ארויסגעקוקט דער לאנגער האלז פונ'ם אייביקן טשייניק, ווי דער נאקעטער נארגל פון אן אינדיק. זיי זיינען געווען פארטיג צו דער נסיעה.

א קאלטער, שארפער הארבסטליכער רעגן האט פון גאנץ פרי אן נישט אויפגעהערט צו ריזלען קרימלאך צווישן די גראע פארנעצטע מויערן דא אינ'ם צוואווייקטן בלאטיקן געסל. דער רעגן האט בלוי און ווייך געמאכט די פנים'ער פון די פארבייגייערס און די שווארצקייט פון דער ערד האט זיך געלעגט שווער און פינסטער אויפ'ן געמיט, געפינקעלט אין די אויגן, פארשטאפט אלע שפארעס פון בטחון. די שיטערע ביימלאך ביים זייט וועג, זיינען געשטאנען מיט ליידיקע ריטלאך ווי אויפגעשטעלטע בעזימס, איבערגעבויגענע, פארנעצטע און טרויעריקע. טריב און פינסטער האבן געקוקט די פארמאכטע מויערן־פענסטער. די געזימסן האבן זיך געשפאלטן, דער טינס פון די ווענט האט זיך געברעקעלט, געשיילט, גלייך זיי וואלטן

דער אינזל

זיך געוואָלט אָפּרייסן פון דער וועלט. אָבער גראד דעמאָלט, אין אזא מין מעמד קענען זיך דערוועקן אין מענטשלאכן נפש פאַר׳עקשנ׳טע כחות, הארטע, דוויערהאפטיקע, וואָס מען האָט זיי ביז אצינד נישט געקאָנט, און וואָס דרענגען און שטופּן צו ראטעווען דאָס לעבן, ווי ס׳דרענגט דער דאַמף אין דער מאַשין און באוועגט זי.

טשיזשיק איז אלע מאָל געקומען אָנגעלאָפן מיט׳ן אויפגעשטעלטן שירעם איבער׳ן קאָפּ. בייגנדיק זיך א טאָפּ געטאָן די פּעק מיט גרויסער באזאָרגעניש, גלייך ער וואָלט מורא געהאט, אז זיי וועלן אהינקומען און אין גרוים איילעניש האָט ער אלע מאָל א זאָג געטאָן:

— דער צוג גייט אָפּ נאָכמיטאָג... כ׳האָב נאָך נישט קיין געלט אויף בילעטן, אָבער כ׳וועל שוין באקומען.

דאָס ווייב האָט גאָר נישט געענטפערט. געשטומט אָן אָטעם, גלייך זי וואָלט נישט געהאט קיין שום קול. זי האָט געוואוסט נאָך פון נעכטן, זייט זי זיצט שוין דרויסן אין רינשטאָק, ביי די פּעק, אז טשיזשיק האָט נישט קיין געלט און קיין בילעטן. איר שטומער פארצאָרנדיקער בליק האָט טשיזשיקן נאָכגעשפּירט אין דער פּלייצע און אז די אויגן פון מאַן און ווייב האָבן זיך א רגע באגעגנט, האָט א בליץ געטאָן פון זיי א גרינלאכע שנאה, א שארפע און א גליענדיקע, פון די סאַמע טיפסטע אפּגרונטן פון די נשמות, וואָס דער ים אליין מיט אלע זיינע וואַסערן וואָלט זיי נישט געקאָנט פארלעשן. ביידע האָבן לאַנג און אָנגעשטרענקט געשוויגן. דערנאָך האָט דאָס ווייב נאָך אמאָל אונטערגעבונדן די איינגעפאַלענע לאכעס אויפ׳ן חרוב׳ן לייב אירן, וואָס איז געווען ענלאך צו א ווערמדיקער פאסאָליע, האָט זיך ווידער א קרים געטאָן אין האלבן געוויין און זי האָט געזאגט:

— נו, וואָס הערט זיך, טשיזשיק, אפשר וואָלסטו מיך ארויפגעפירט מיט די קינדער אויפ׳ן בית־עולם?

— וואָס זאָל זיך הערן? האָסט נישט קיין צייט? כ׳מוז נאָכאמאָל לויפן אין „קאָמיטע”. וואוהין ווילסטו פאָרן, קיין בערלין צי קיין פאריז? — האָט טשיזשיק געפרעגט און ער האָט גענומען פעסטער איינפּאקן דעם טשיינ
יק.

— קיין פאריז, — האָט געזאגט דאָס ווייב. — זאָל זיין פאריז. וואָס זאָל איך טאָן אין בערלין, טשיזשיק, הא?

טשיזשיק האָט נישט געוואוסט וואָס זיין ווייב מיט די קינדער וועלן טאָן אין פאריז. ער האָט א געשריי געטאָן:

— איך לויף שוין!

און ער איז אנטלאָפן מיט׳ן שירעם אין „קאָמיטע”.

די אָפּגעריבענע קויטיקע ווענט פילן זיך דאָ אין ליידיקן סאלטן קאָמיטע־הויז מיט אָנגעזעצטן זויערן שווייס פון פרעמדע אָרימע־לייט.

דער אינזל

די מענטשן וואָס שטופּן זיך דאָ זיינען אַממערסטן פּאַרוויאַנעטע, פאַרצאָרנטע אידישע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס ריידן פרעמדע לשונות, איינגעוויקלט אין פרעמדע לאַכעס אויף די קויטיקע לייבער, מיט געלע צוקנייטשטע פּנים'ער, ווי אויסגעדריקטע לימענעס. מען זעט דאָ מידע, נישט אויסגעשלאָפענע, בלייכע נעז, ליידיקע, שוואַכע פאַרדריפּעטע הויזן. מען טראָגט קלומיקלאַך אונטער די אָרימס, פאַרבונדענע הונגעריקע קינדער מיט רויטער נאַסקייט אונטער די נעזלאַך, אויף די הענט. מ'זעט דאָ אויך אָפּטמאָל אַ שוואַרץ־קעפּיקן קויטיקן פאַרשוין אין אַ שוואַרץ העמדל, וואָס קנעפּלט זיך ביים זייט האַלז, אין זיין שוואַרצן פאַרפּאַפּטן, גוואַלדיק אָפּנאַרערישן שויבער אָנגעשטעקט מיט פּעדע־לאַך, וואָס הענגט אַרטיסטיש־שטאָלץ אַראָפּ איבער דער שאַרפער גאוה'דיקער נאָז, דערקענט מען דעם „טוער". ער וואָלט געוואָלט, דער „טוער", אַז אַלע זאָלן וויסן שוין אין פאָרויס, אַז ער איז דאָס ער, חאַצקעלעוויטש. מען זעט אים אין אַלע שטעט, דעם „טוער", מיט'ן שוואַרצן באַוואַקסענעם האַלז. ער איז פול אין אַלע „קאָמיטעטען", אומעטום פאָרט ער, אומעטום נעמט ער און אומעטום איז ער דאָ. ער שטופּט זיך מיט אָפּשיי און תרעומות צווישן די פאַרצאָרנדיקטע און מידע וואַרטנדיקע מענטשן, וואָס ס'דאַכט זיך, אַז מ'קען זיי, מ'האָט זיי שוין ערגעץ־וואו געזען, מ'האָט זיך שוין ערגעץ־וואו מיט זיי באַגעגנט: אין באַן, אין אַ גאָר־קיך, אויף אַ שיף, אין אַ שפּיטאָל... עפּעס שווערס לויערנדיקס און אומרואיקעס ליגט אין זייער בליק. ס'איז די אומרו פון דער נאָרער וועלט, דער בליק פונ'ם אייביקען איד, וואָס קריכט איבער איר קיילעכדיקייט ווי אַ וואָרים אויף אַ באַרג, אייביק.

מער פון אַלעמען זעט זיך דאָ טשיזשיק. ער שטופּט אַוועק פרעמדע אַקסלען, דראַפּעט זיך איבער קעפּ, ליגט צעלייגט אויף פּלייצעס, שרייט העכער פון אַלעמען און ווינקט אין דער לופטן מיט'ן פאַרבונדענעם שירם. דאָס שיינע מיידל פון דער קאָמיטע־קאַנצליי, וואָס שרייבט הינטער'ן פענסטערל, עסט אָנבייסן. זי שיילט אַן איי מיט אירע איידעלע ווייסע פינגער. זי דרייט זיך אומגעדולדיק אויפ'ן בענקל און ס'קיצלט זי שוין אין די שיינע פיס, וואָס לייכטן זיך דורך די זיידענע זאָקן, אין דער דערוואַרטונג פונ'ם אָוונט, ווען זי וועט זיך דרייען אין טאַנץ מיט'ן בחור אירן. מ'האַלט זיי נעבאַך געפאַנגען די שיינע מיידלאַך אין די קאַנצלייען, ווי די פייגל אין די שטייגן. זי טוט אַלע מאָל מיט טרויעריקייט אַ קוק אויפ'ן גרויסן וואַנט־זייגער. די לאַנגע שוואַרצע ווייזערס, ווילן זיך נישט רוקן. ס'אַ צער בעל החיים. טשיזשיק וויל כסדר רעדן מיט'ן פּרעזידענט אַליין. נאָר אים אַליין קען ער זאָגן אַלצדינג. ער וועט מיט אים שוין

לערנען בלק. ס'איז שווער אים צו פּטר'ן, טשיזשיקן. ער אַנטלויפט
און קומט ווידער. אַז ער שטופּט זיך אַריין צום פּרעזידענט אין
באַזונדערן ליכטיקן צימער אַריין, שטייט יענער שווייגנדיק מיט דער
פּלייצע ביי דער שמעקנדיקער וואַרימער גלאַנציקער קאַכל־הרובע, דאָס
בייכל אַרויסגעשטעלט מיט שטומפּיקער זאַטער רואיקייט, אַ גראָבן
לעדערנעם ציגאַר אין פעטן געשפּיצטן מויל. ער לייענט אַ צייטונג,
דער פּרעזידענט, נאָענט פאַר'ן גאָלדענעם צוויקער און פון דער
ווייסער וועסט בלישטשעט אַראָפּ אַ גראָבע גאָלדענע קייט, וואָס
שטויסט פון זיך אָפּ די אָרעמע לייט אויף טויזנט מייל. מ'ווערט
בטל בששים. מ'פּאַרלירט דאָס לשון. מ'דרייט אַנמעכטיק דעם קאַ־
פּעלוש אין דער האַנט, מ'קוקט צו דער גלאַנציקער בריק און מ'היקעט
אונטער בלייך און דערשראָקן. מ'ווייסט נישט וואָס מ'וויל, וואָס
מ'טוט דאָ. מ'דערפילט זיך אַרויסגעשטויסן פון גאָט'ס וועלט. דער
פּרעזידענט נעמט נישט אַוועק די צייטונג פון די קליינע אויגלאַך
איינגעבעטע אין פעטע ראָזע קישעלאַך, און ער זאָגט מיט אַ הייזע־
ריקלאַך פעט קול אונטער'ן ציגל יענעם באַזונדערס פעט קול'כל.
וואָס קומט נאָר פון מענטשן וואָס זייער אָבער איז צו קורץ:

— זיי ווילן שוין ווידער פאָרן? שוין ווידער געלט? שוין
ווידער בילעטן? זיי קערען האָבן שפּילקעס אין הינטן, וואָס?

פרעגנדיק די דאָזיקע שאלה, טוט דער פּרעזידענט אַ פיר מיט'ן
ווייכן פעטן הענטל איבער זיין גלאַט קעפּל, וואָס גלאַנצט מיט אַ
פעטן ראָזן שיין, ווי אַן אָפּגעקרילט יונג חזיר'ל.

טשיזשיק נעמט הייזעריקלאַך ריידן, פּאָכן מיט'ן שירעם. דאָס
סעצישע נעזל זיינס איז ווייסער פון קרייט און טויט:

— הער פּרעזידענט, מ'האָט אונז אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה!
מיין ווייב מיט די קינדער וואַלגערן זיך אין גאַס אויף די פּעקלאַך
אין רינשטאָק. איך בין אַ שוישפּילער. מיין ווייב איז אַ זינגערין
און די צוויי מיידעלאַך לערנען טאַנצן באַלעט. אין פּאַריז וועלן זיי
אויפטרעטן... מיר וועלן אַלע אויפטרעטן. איך שפּיל „האַמלעט“...

דעם פּרעזידענטס שלעפעריק בייז בליקל טוט אַ מעסט מיט
ביטול טשיזשיקן פון אונטען אַרויף. שאַצט אָפּ די צעריסענע שקראַ־
בעס, די ליידיקע שוואַכע פּאַרדריפּעטע הויזן, דעם גרינלאַכן איינגע־
שרומפּענעם פראַק, דאָס סעצישע נעזל, די פּאַרפּאַפּטע קוטשעראַווע
טשופּרינע. ער קען זיי שוין, די לייט, די סטודענטן, טוערס, שפּילערס
און זינגערס. די שלעפּער און בעטלערס, מיט זייערע אייביקע פּרע־
טענזיעס און אָפּנאַרעכצן. ער טוט אַ קלונג אין גלעקל וואָס שטייט
אָנגעגרייט אויפ'ן גרינעם טיש און אין דער טיר באַווייזט זיך שוין

דער אינזל

דער דינער פון דאנען, מיט זיין לאנגער קרומער האָרבאַטער נאָז, וואס די גאנצע וועלט מיט בייזקייט איז אָנגעלאָדן אויף איר. צוויי שאַרפע לאַנגע ציין שטעקן ארויס איבער דער אונטערשטער ליפּ און ער איז ווי צוויי טראָפּן וואסער, ענלאך צום שמש פון דער קהלה, צום טיר־היטער פונ׳ם אידישן טעאטער. טשיזשיק האָט נאָך קוים צייט צו שרייען, בלייך פון באדרענגעניש, דראָענדיק מיט׳ן שירם אין דער לופטן, אז ער וועט ברענגען אהער דאָס ווייב זיינס מיט די קינדער, מיט די פּעק, און זיי וועלן זיך אַלע אָט־דאָ אנידערזעצן וואַרטן.

— וויר ווערדן זיי פון דאנען אויך ארויסשמייסן! וויר ווערדן זיי איינזעצן! זי, גאַר־נישט, וואס זי זינד. וואָס מיינען זי? וויר זינד דאָ פון אירעט וועגן? זי שלעפּער וואס זי זינד! זי פארדאמטער בעטלער! אררויס פון היר! זי!

אזוי שרייט נאָך דער פּרעזידענט מיט׳ן ציפּיליאַווע קול, דאָס גלאַטע קעפּל רויט פון צאָרן, זיין נעווייינלאכער פּזמון, וואָס עס שרייט נאָך אַלע ארעמע לייט וואס קומען צו אים נאָך הילף, און דער דינער, מיט דער שרעקלאכער נאָז, שטופּט שוין מיט זיין אייזערנעם סולאק טשיזשיקן אין פּלייצע, אונטעררייידנדיק:

— נו, גיכער, גייען זיי... ווארפן זיי זיך אליין ארויס...

און טשיזשיק פליט שוין ווידער אראפּ פון די שטיינערנע טרעפּ, שרייענדיק, פאָכנדיק מיט׳ן שירם אין דער הייך.

— גנבים! זיי גנב׳ענען צו די גאנצע הילף. רויבערס, איך וועל מאכן א געוואלד!

אבער זיינס פּירט טשיזשיק דאָך אוים, ווי אלע מאָל. ער באקומט פונ׳ם קאָמיטע שטיצונג, באַן־בילעטן און מ׳זעט אים שוין אין דער גראָער דעמערונג, צווישן די טונקעלע מויערן, לויפן מיט דער נאָס צום באַן. ער טראָגט צוויי פּעק אין די הענט און איינעם — אונטערן אָרים. ער פירט די מיידעלאך ביי די הענטלאך און זיין ווייב לויפט אונטערטראָגנדיק בשותפות מיט טשיזשיקס באקאנטער, מיט לאזארס ווייב (זי איז שוין ארויסגעקומען פון משוגעים־הויז) א קופערט. איינע טראָגט דעם קופערט ביי איין אויער און די צווייטע — ביים אנדערן, לויפנדיק דורך דער ברייט פונ׳ם שטיינערנעם וועג.

טשיזשיק טרייבט אונטער:

— גיכער, גיכער... מיר וועלן פארשפּעטיקן דעם צוג!...

לאזארס ווייב קען נישט איינהאלטן איר שגעון. זי זאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, טשיזשיק, וועסט נישט פארשפּע־טיקן... וועסט שוין אוועקשיקן אין דער ערד אריין דאָס ווייב דיינס.

קינדער האָט אים נאָך געפעלט, דעם שלים־מזל, ווײ איז דאָס לעבן! נעם בעסער א מעסער און קוילע זיי, ווערסטו האָבן א מצוה.

מ׳שטופּט זיך צווישן דעם מענטשן־קנויל אין דעם געוועלבטן שטיינערנעם באַן־הויף און אונטער׳ן פאַררויכערטן גלעזערנעם דאַך שטייט שוין דער צוג זינדיק און פאַרנדיק, גרייט צו פאַרשלינגען און אוועקצוטראָגן. די פייפעלאַך פייפן, דער רויך קנוילט זיך. מ׳שלעפּט די האַרטע פּעק, דער אָטעם קייכט, דער שווייס זעצט ארויס אויפ׳ן שטערן, אויף דער אויבערשטער ליפּ. עפּעס ווילדס, משוגענס איז דאָ אין דעם ליידנדיקן, איילנדיקן לויפן פון די מענטשן ווילד אָן אָטעם. טשיזשיק פאַרגעסט זיך צו געזעגענען מיט׳ן ווייב. ער האָט נאָך קוים צייט אונטערצוהויבן די מיידעלאַך און זיי צו קושן. די טיפע באַקן־קנייטשן זיינע, זיינען בלייך און ציטערן. דער קאַפּעלוש פאַרלירט זיך פונ׳ם קאָפּ, פון הינטן. עמיצער טוט א שטויס מיט קופערט אין פלייצע. די טרערן ווערגן אים אין האַלז. דער צוג באַוועגט זיך שוין, ברומט און אנטלויפט, קלאַפּנדיק אלע מאָל העכער. אָט זעט מען אים שוין נישט און טשיזשיק שרייט נאָך פאַרטומלט אין נעפּלדיקן רויך, ווינקענדיק מיט׳ן שירם אין דער לופטן.

— דאָ סווידאַניא...

ס׳איז ווערט. ס׳איז ווערט זיך אויסצושטיין א לעבן לאַנג צרות, אומגליקן און פּרעניות׳ן, צוליב איין איינציקער רגע פון פרייקייט און דערלייזונג. מיט א נייעם ליכט, א פריילאכן און א האָפערדיקן האָבן איצט געלויכטן די קיילעכדיקע עלעקטרישע לאַמטערנעם אין דער רעש׳דיקער נאַכט. זיי האָבן אויסגעזען אין דער פינסטערער הויך ווי געלע פולע לבנה׳ס, וואָס שאָקלען זיך אביסל. אויפ׳ן הימל האָט מען פלוצלינג געזען שיינען א גרויסן בלאָען ציטערדיקן שטערן. טשיזשיק איז אהיימגעגאַנגען פונ׳ם באַן, פּאַוואָליע, געשפּאַנט ברייטלאַך, מיט רחבה, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, ווי א מענטש וואָס איז פאַרזיכערט מיט רו און פרידן ביז צום סוף פון זיינע טעג. כ׳האָט געשמעקט מיט גרינלאַכער האַלבטונקלקייט פון פרעמדע געסלאַך, מיט נייעם געשעהעניש און גוטע באַגעגענישן. און אָט קומט דאָס טאָקע, וואָס מען באַגערט. ס׳איז אָנגעגרייט, ווי די יום־טוב׳דיקע סעודה אין א באַלעבאַטישקייט. א מיידל גייט פאַראויס מיט ליידיגנייערישע צעלאָזטע טריטלאַך. מ׳פאַרלויפט פאָראויס, מ׳טוט איר א קוק אריין אין פּנים און מ׳דערקענט אין דער אויפגעהויבענער ווילינגער נאָז, אינ׳ם ווייכן פאַרקעמטן בלויזן קאָפּ, אין גלייכגילטיקן בליק, אז מ׳קען ביי איר פועל׳ן. ס׳ווערט שווער צו וואַרטן ווען זי שטעלט זיך אָפּ קוקן אין שפּיגלען אין אלע שויי־פענסטער און ס׳איז אנגענעם

איר נאָכצוגיין גאַס־אויס־גאַס־איין אין דער שטילער פרעמדקייט, צו קלערן פון די ווערטער וואָס מ׳וועט מיט איר ריידן און מ׳שמייכלט שוין אין פאָראויס, פילנדיק דעם טעם פון דער פרייד.

— אַ שיינער דרויסן היינט, איאָ?

— דער רעגן האָט אויפגעהערט.

— אַביסל קיל.

— נישקשה.

— איר וואוינט דאָ אין דער געגנט?

— דאָ באַלד, אין דער אנדערער גאַס.

אין אַ נייעם פרעמדן שטיבל, אינאיינעם מיט אַ פרעמדן מענטש, מיט אַ פרעמדן ווייבערישן לייב, דערפילט מען אַ נייע האָפענונג אין לעבן.

— נו, טוט זיך אויס.

טשיזשיק האָט זי געהאַלטן אויפ׳ן שויס, צערטלאַך געגלעט איר די פולע פליישיקע אברים, גערעדט צו איר זיסע רייד. ביידע האָבן געשמייכלט. און טשיזשיק האָט מיט אַלע חושים געפילט די וואַקסנדיקע רו אין נעמיט, די פאַרגעלטונג פאַר אַלע פּלאָגענישן.

י קיפין:

פּאָלק און שפּראַך

שפּראַך און פּאָלק זיינען אזוי ענג צוזאַמענגעוואַקסן איינס מיט׳ן אנדערן, אַז נאָר ריין טעאָרעטיש קען מען זיי צוטיילן. איינס אָן דעם אנדערן קען קיינמאָל ניט זיין.

ליטעראַטור אָבער איז יענע מענשליכע קונסט, וואָס אָפּערירט מיט שפּראַך, מיט ווערטער, מיט וואָרט. ליטעראַטור אַרבעט אויס אַלץ אַ מער באַוואוסטזיניקע באַציאונג צו שפּראַך. אַ באַוואוסטזיניקע. און מיט באַוואוסטזיין דאַרף מען שוין זיין פּאָרזיכטיק. באַוואוסטזיין, ווי באַקאַנט, גייט ניט אַלעמאָל האַנט אין האַנט מיט ליבע און מיט חוש און מיט געשמאַק.

צו שפּראַך מוז מען אָבער אָט די אַלע דריי זאַכן זייער נויטיק האָבן.

מיט באַוואוסטזיין דאַרף מען קאָנען אומגיין. דאָס איז אויך אַ מין רויב־חיה, וועלכע מען מוז זיך אויסלערנען צוימען.

דער אינזל

און אָט פון וואַנען עס שטאַמט דוקא ביי ליטעראַטן די אינערלאַכע ראַנגלעניש זייערע מיט דער ליטעראַטור, אַמאָל אַפּילו די פּאַראַכטונג צו איר. אַ ביישפּיל — די לעצטע שורה אין באַרימטן פּראָגראַם ליד ביי ווערלען.

שפּראַך איז לעבן. וואָרט איז אַן אָרגאַנישע באַשאַפונג. וואָרט איז ניט הפקר. צו שפּראַך מוז מען האָבן אַ געבוירענעם חוש און אַן אַנטוויקלטן געשמאַק. אַנדערש איז דער לשון טויט, אָדער נאָך ערגער.

וואָרט קאָן ניט אַזוי סתם אונטערגעוואָרפן ווערן, — מעג די שפּראַך זיין ווי אָרים, אָדער ווי רייך ; מעג זי זיין אַזוי אָרים, ווי אונזער ליבער מאַמע לשון אידיש, אָדער אַזוי רייך, ווי די רייכסטע פון אַלע שפּראַכן, ענגליש.

וואָרט דאַרף און קאָן אויפווייזן זיין יחוס־בריף. מאַלע וואָסערע ווערטער עס דרייען זיך אַרום היינטיקע צייטן ! עס זיינען דאָ פאַראַן באַשטימטע געזעצן און גרענעצן. וואָרט איז שטאַם, שורש. וואָרט איז דאָס פלייש פון דעם פאָלקס גייסט און דער סך הכל פון זיין לעבן.

ניט קלענער פון אַנדערע גרויסע פריידן פון לעבן, ניט קלענער פון דער פרייד פון ליבע קאָן זיין די באמת גרויסע פרייד פון וואָרט, דאָס פריידיקע געפיל פון שפּראַך, וואָס אונטער אים איז אפשר פאַר־באָרגן דאָס געפיל פון לעבעדיקער אָנגעהעריקייט צום פאָלק. דאָס איז די פולע פרייד פון מענשלאַכער אַרבעט, פון מענשלאַכער קונסט. יעדע שאַפערישע טעטיקייט איז פריידיק, און צו יעדער אַרבעט דאַרף מען האָבן חוש און געשמאַק.

וואָרט פליט ניט אַרום אין דער לופטן, פאַלט ניט אַראָפּ ווי מן פון הימל פון ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער, נאָר קומט אַרויף פון דער ערד. אַ קליין הייפל פון פאָלקס־מענשן ערגעץ אין אַ דערפל מעג פאַרמאָגן איינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט ווערטער, וועט אָט די שפּראַך כמעט אַלעמאָל זיין באַלעבטער, אָרגאַנישער און וואָגיקער, איידער אַ גאַנצער „ווערטער שאַץ" פון 40,000, לאַטיינישע גראַמאַטיק ביישפּילן אריינגערעכנט, ביי דעם עקסטערנישן הענדלער מיט אידי־יען אַלט־ווארג.

געפינען זיך וואָרט־קינסטלער, וואָס זיינען ניט צו שטאַרק מקפּיד אויף דעם „ווי" פון וואָרט, ווי פון דער גאַנצער פאָרם. ביי זיי איז דער עיקר בויען וואָס גרעסער. זיי „אַנטוויקלען זיך אין דער ברייט". איז דאָס פּאָרט אַרבעט, קונסט, כאָטש ניט געלייטערטע. זיי וועלן, פאַרשטייט זיך, זיין די לעצטע צו פאַרלייקענען דעם ווערט פון ריינעם, ניט געפעלשטן וואָרט, דעם ווערט פון שפּראַך און פאָרם.

דער אינזל

די דאנקבארסטע ארבעט פון דעם וואָרט־קינסטלער איז די ארבעט אויף דער שפּראַך. דער קינסטלער איז בנוגע דער שפּראַך אַן איש תמים. ער היט אָפּ איר ריינקייט. ער לעבט מיט דער שפּראַך און פילט און שאַצט אָפּ, וועלכע עלעמענטן און פון וועלכן מקור עס וועלן זיך מיט דער שפּראַך צונויפוואקסן, ווייל זיי זיינען אין איר גייסט; אין דיכטונג: וועלכע שפּראַך עלעמענטן און וועלכע פאָרמען עס זיינען איינגן דער שפּראַך.

די אומנאָרמאַלע דערשיינונג אויף אונזער שפּראַך־טעריטאָריע איז דאָס, וואס גאָר א סך ביי אונז זיינען „באַוואוסטזיניגע", „טעאָרע־טישע" געגנער פון אזא תמימות'דיקן געפיל צו שפּראַך ביים וואָרט־קינסטלער. עס טרעפט אויך, אז זיי זיינען אגרעסיווע שטערער אין אזא מין ארבעט זיינער.

דאָס זיינען שוין אמת'ע ג ע ג נ ע ר. און זיי „צערעמאָניען" זיך גאָר ניט מיט די אָפּגעהיטערע קינסטלער פון וואָרט, — אמת, איצט שוין ניט אזוי ווי אמאָל. פּוריסטען, פּוריטאַנער, מאַכמעדאַנער, קאַלוויניסטען, קנאים, פּראים, גויים, משוגעים, און וועלכע צונעמען זיי ווייסן דאָרטן ניט, זיינען אלעמאָל גרייט אויף זייער גלאַטער, אָפּט־מאָל צו גלאַטער צונג. זיי זיינען, ווייזט אויס, איבערצייגט ביי זיך, אז די ארבעט אויפ'ן אידישן וואָרט האָט ניט קיין זין און איז שיער ניט בטלנות.

זיי ו ו י י ס ן א סך זאכן. זיי ווארפן זיך מיט'ן וואָרט, ווי מיט א שמאַטע. דאָס ריינע גאָלד פון דעם פאָלקס שפּראַך פאַרמישן זיי כסדר מיט וואָס פאַר א ליגאַטור עס מאכט זיך ביי דער האַנט. זיי פילן ניט, אז וואָרט האָט טעם, ריח, קאָליר, פאָרם, קלאַנג און וואָג און לעבן, חוץ דעם בלויזן פירוש, און אז אפילו אָט דער פּירוש גופא איז אָפּטמאָל א סך רייכער, ווי זיי ווילן דאָס וויסן.

קעגן „באַוואוסטזיין" און „טעאָריע" קאָן מען שטרייטן נאָר מיט דיזעלביקע זאכן. עס איז כדאי צו שמועסן וועגן דעם ענין פאָלק און שפּראַך מיט אָט די פאַרלייקענער פון אונזער באָדן, פון אונזער שפּראַך־טעריטאָריע. זייער צאָל איז זייער גרויס. אָבער דאָס זיינען זייער אינטעליגענטע מענשן, און זיי וועלן מיט דער צייט פאַרשטיין.

און חוץ וואָס זיי וועלן פאַרשטיין און מסכים זיין, איז דאָס אויך אַן ארבעט פאַר זיך אליין, צוליב אייגענער קלאָרקייט.

דוד קאזאנסקי:

אין ראַד

עס איז געווען אין אַ פּאַרנאַכט און יודל איז שוין געווען אין דער היים. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איסאַק׳ן און האָט גלייך גענומען ארומפּאַדען אַרום אים, ווי ארום אַ קראַנקן:

— זיצט, איסאַק, זיצט!

נאָר ווערא האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטנס. איסאַק האָט אומגעדולדיק געקוקט צו איר. ער האָט איר געוואָלט זאָגן:

— איר זיינט גערעכט, ווערא, איר זיינט גערעכט.

אין שטוב איז געווען אויפגעראַמט און פריילאַך־שטיל. אַ שטילע, אָן אַנגעפּילטע רואיקייט איז געלעגן אויף יעדער זאַך. אַזוי איז שטענדיק אין אַ שטוב, וואו עס לעבן מענשן וואָס זיינען גליקלאַך. איסאַק האָט שטאַרק אימיצן מקנא געווען.

— אייך איז גוט...

יודל האָט געשמייכלט נאַריש, שולדיק און צופרידן.

איסאַק קוקט היינט אוים מאָדנע אויסגעפּוצט, געהויבן־יום־טוב׳דיק. ער איז אינגאַנצן אין שוואַרצן, דער פּנים זיינער איז בלייך, די האָר אויפ׳ן קאָפּ ווי ביי אַ מענשן וואָס איז צוטראָגן און די אויגן זעען זיך עפּעס ניט, זיי זיינען פאַרשטעלט. און נאָר די האַנט זיינע, אַ זיידענע, מיט אַ פינקעלדיקן ברילִיאַנט אויף אַ פינגער, רעדט פאַר אים און טוט פאַר אים זאַכן. ער אַליין איז ארומגענומען, ווי אין אַ קאָרסעט, אין אַ טיפן, אין אַ פאַרבאָרגענעם גלאַנץ. ווען ניט דאָס, צופאַלן איצט זיינע ביינער און צושיטן זיך ווי שערבלאַך. אַזוי ריכט מען זיך, אַזוי איז מען גרייט אויף עפּעס, גליק אָדער אומגליק, וואָס קומט אָבער איין מאָל אין לעבן. מען איז יעמאָלט בלינד.

די האַנט זיינע, אַ זיידענע, גיט אַ מאַך אין דער לופטן. ער קוקט אויפ׳ן זייגער. ער זאָגט: זאָל מען גיין ערגעץ, אין אַ טעאַטער, צי וואוהין, זיי ווילען?

ווערא׳ן געפעלט עס. זעהר. נאָר יודל וויל ניט. ער זאָגט: זאָל ווערא אַליין גיין מיט אים. ער דאַרף מאָרגן אַרבעטן. ער וועט זיך לעגן שלאָפן.

איסאַק פאַרבאָרגט אין זיך די פרייד, ווי אַ אינגל, נאָר ווערא וויל ניט. זי קווינקלט זיך. זי וויל ניט גיין אַליין, אָן יודלען. זי קוקט ניט, ווען זי זאָגט עס, ניט אויף יודלען און ניט אויף איסאַק׳ן. איסאַק שווייגט, נאָר יודל רעדט זי איין, בעט זיך ביי איר. און זי

גיט אים נאָך. זי גייט אוועק צו זיך אין חדר און באַלד קומט זי צוריק אַרויס פון דאָרט, שוין אָן אָנגעטאָנענע, אַ צוגעפּוצטע.

זי בלייבט שטיין פאַר זיי און זיי קוקן אויף איר. ביידע, אי יודל, אי איסאַק. און איר ווערט עפּעס ניט גוט פון דעם אויף דער רגע פון ביידן. זי דאַרף זיין ווי אַ צוגעבונדענע, אָדער צו דעם אָדער צו יענעם, און זי וויל עס ניט, זי וויל עס אינגאַנצן ניט. זי וויל זיין אַליין, אָן קיינעם ניט.

נאָר איצט זאָגט זי וועגן דעם גאָרנישט. זי לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער.

זי וויל אַז יודל זאָל זי אַ קוש טאָן, איידער זי גייט אַוועק. נאָר יודל שעמט זיך. זיינע ליפּן ווערן גרויס, ציטערן פייכט, און די אויגן קוקן, ווי ביי אַ גלאָטער, גלאַנציקער קאַלב. די האַנט ביי איסאַק׳ן, אַ זיידענע, גיט אַ מאַך אין דער לופטן.

זיי גייען אַרויס פון שטוב, איסאַק און ווערא. זיי גייען און שווייגן. ווערא׳ן פאַרדריסט פאַר וואָס זי גייט. קלאָר פאַר וואָס זי איז היינט אַזאַ, ווייסט זי אַליין ניט. זי איז אין כעס, אי אויף זיך, אי אויף איסאַק׳ן, אי גלאַט אַזוי. זי זוכט אַ תירוץ פאַר זיך אַליין און זי געפינט אים באַלד: זי זשאַלעוועט יודלען. ער איז געבליבן אַליין. אָן איר איז אים אומעטיק. זי ווייסט עס. נאָר אָט זיינען זיי שוין אריין אין קאַר, האָבן זיך אַנדערגעזעצט און זיינען אַוועקגעפאָרן און זי טראַכט שוין וועגן גאָרניט.

אין טעאַטער, וואוהין זיי זיינען געקומען, האָט מען געשפּילט אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע. די בינע, אַ פאַרפּוצטער פּאַרק, ווי פאַר קינדער, איז פול געווען מיט מענשן, יונגע, עלטערע און גאָר אַלטע. די מענשן האָבן געזונגען, געטאַנצט און האָבן געזאָגט גלייכווערטלאַך.

ווערא׳ן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן זייער זינגען, זייער טאַנצן. עס איז געווען יום־טוב׳דיק, נאָנט און גוט. זי האָט געלאַכט. פון אַליץ. און איסאַק איז געזעסן נעבן איר דעם גאַנצן אָוונט, ווי אַ פאַרגליווערטער אין זיך. נאָר אַז אימיצער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אים, האָט אים אָנגערירט, איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען, אַ פאַר־זיכטיק־העפלאַכער:

— פּאַרדן מי!

ער האָט זיך שטאַרק געהיט. דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט, נאָר אינוועניג, אין טעאַטער, האָט מען קיינעם ניט געזען אַרום זיך, ניט געפילט. ערשט נאָך דער פאָרשטעלונג, נאָכ׳ן שפּילן, האָט זיך דער עולם אַ גאָס געטאָן פון טעאַטער, אַ באַגאָסענער מיט ליכט, ווי אַ שטראָם שוימיק וואַסער אויף דער זון. ווערא האָט זיך

געטוליעט צו איסאַק׳ן, אַ פאַרלאָרענע, אַ פריידיקע. זי האָט עטלאַכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט, גלאַט אַזוי:

— איסאַק באָריסאָוויטש... איסאַק באָריסאָוויטש...

זיי זיינען אריין אין אַ רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן איז געווען אַ רייכער, אַ גרויסער. די ווענט זיינען שפּיגלדיקע און פון דער הויך גיסט זיך אַ מאַטע ליכט, אַ שאָטן־שיין. די געסט וואָס זיצן דאָ זיינען אויסגעפּוצטע, פרעמדע. עס איז אי שטיל אי ניט שטיל. עס מישט זיך אַ שווייגנדיקע געהויבנקייט מיט פראָסטן רעש, מיט טומל. איבער דער שמאָלער לענג פון רעסטאָראַן טראָגן זיך קעלנערס, פאַרנומענע, פאַרטאָגנענע, נאָר שטיל, שווימענדיק, ווי אויף גומענע פיס.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ טישל. ווערא האָט זיך געפילט ווי אין דער פרעמד, אי גוט, אי געענגט, און איסאַק האָט, צום ערשטן מאָל פאַר׳ן גאַנצן אָוונט, אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אָפענע, מיט אויסגעטאָנענע אויגן. ער איז געווען רואיק.

עפּעס ברעקלט זיך אין דער נאַכט, און די ברעקלאַך פאַלן ווי אַ האָגל, ווי שטיינדלאַך אויף בלעך.

ווערא גיט זיך אַ ריס פון בעט. זי וויל פון גאָרניט טראַכטן, וויל גאָרניט וויסן, זי איז משוגע. זי לויפט אָט אַזאַ ווי זי איז, אַ נאַקעטע, ארויס פון איר חדר און יאָגט אריין צו יודלען. זי טאַפּט מיט צודרייטע פינגער אויף דער וואַנט, וואָס ביי דער טיר, געפינט דאָרט דעם עלעקטרישן קנעפּל און גיט עס אַ קוועטש. עס ווערט ליכטיק. די פּלוצלונגדיקע ליכט גיט זיך אַ שניט אריין אין די אויגן, ווי די בלאַנקע שאַרפקייט פון אַ מעסער. נאָר ווערא׳ן אַרט עס ניט.

יודל שלאָפט ביי זיך אין בעט. ער שלאָפט געשמאַק. ער פייפט מיט׳ן נאָז. די ליילאַך, מיט וואָס ער איז צוגעדעקט, האָט זיך אַ ביסל פאַרדרייט, פאַרקאַטשעט, און עס שטעקט ארויס פון אונטער איר זיינע אַ נאַקעטע פוס. די פוס זיינע איז אַ גרויסע, אַ ברודיקע, מיט צודרייטע פינגער. דער נאָגל פונ׳ם גראָבן פינגער איז שוואַרץ און גרויס, ווי אַ לאָפּעטע,

ביי ווערא׳ן צוקן די אַקסל, צוקן און לאָזן זיך אָפּ. זי טראַכט שווער, מיט איר גאַנצן מוח, וואָס איז ווי אַ שטיין: פאַרפאַלן!

זי הויבט אויף אַ שווערע האַנט, טאַפּט ווידער אויף דער וואַנט וואָס ביי דער טיר, געפינט דעם עלעקטרישן קנעפּל און גיט עס ווידער אַ קוועטש. עס ווערט פינסטער. ווערא רירט זיך ניט פון אָרט. ווי אַ ביין פון אַ טויטן זעט זיך די פוס זיינע אין דער פינסטער. ווערא איז ניט משוגע. זי ווייסט אַלץ. זי וויל אַ געשריי טאָן: איך וועל שטאַרבן! זי גייט ארויס פון חדר.

זי קומט צוריק אריין צו זיך, לעגט זיך אריין אין בעט. זי פֿאַרגעסט אַז ס׳איז נאַכט. זי ליגט מיט אָפֿענע אויגן. זי טראַכט ווידער און ווידער:

ווי אַזוי איז עס געווען? ווי אַזוי? זי געדענקט אַלץ, אַפֿילו דאָס קלענסטע. זי און איסאַק. עס איז שוין געווען פֿינסטער. אַפֿריער איז געוואָרן שאָטנדיק, פֿאַר׳חלומ׳ט שטיל, און דערנאָך איז געוואָרן פֿינסטער. ווי ביי נאַכט. זי האָט ניט געזען, ווען און ווי אַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען. זי האָט געוואָלט אָנצינדן די עלעקטריק. ער האָט זי שטיל אָפּגעהאַלטן:

— מען דאַרף ניט.

ווי קאָלירטע שטיינדלאַך זיינען זיינע ווערטער געפֿאַלן אין דער פֿינסטער. אַלץ וואָס ער האָט נאָר געזאָגט.

— איר ווייסט, ווערא, אַז איך האָב אייך ליב?

— יאָ...

ער האָט געגלעט אירע הענט, איר האַלז. ער האָט זי געקושט. ניין, ער האָט זי ניט געקושט. זי האָט זיך געפֿילט מאָדנע פֿאַרלאָרן, וויינענדיק־אַליין, פּונקט אַזוי ווי ער, און זי האָט זיך געטוליעט צו אים. עפּעס האָט זיך געוועבט אַרום זיי, גרינג און דורכזיכטיק און ווי דאָס אָטעמען פֿון בלוט. עס האָט גענאָגט ווי אַ וואונד וואָס היילט זיך. און פּלוצלונג, ווי פֿון אַ שטאַרקן שטויס אין זיך אַליין, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים. זי האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן: וואָס ווילט איר טאָן? נאָר זי האָט ניט געשריען. פֿאַר וואָס האָט זי ניט געשריען?

ווערא פֿילט איצט ווי דער גאַנצער קאָפּ אירער איז אריינגע־קוועטשט. אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רייף. נאָר זי שטעלט זיך ניט אָפּ.

זיינע הענט, איידעלע אַזעלכע, זיידענע — קיינער האָט ניט אַזעלכע הענט — האָבן פֿאַמעלאַך, ווי געצוואונגענערהייט, אָנגערירט אירע אָרעמס, אירע ברוסטן. דער גאַנצער קערפּער אירער האָט זיך אַ ריס געטאָן, האָט זיך געגעבן אַ דריי אין אַ שפּיזל, און באַלד דערנאָך האָט זיך צוגאָסן איבער אַלע גלידער אַזאַ פֿוילקייט, אַזאַ פֿוילקייט. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט און די וויעס האָבן געשטאָכן ווי אָדערן פֿול־אָנגעגאָסענע מיט בלוט. זי האָט געוואָלט שרייען, פֿון גוטקייט, פֿון גוטקייט. זי האָט זיך ניט געשעמט.

און ער איז געשטאַנען פֿאַר איר, אַן אומגליקלאַכער, ווי אַ פֿאַר־משפּט׳ער. זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט. ער איז איר גאַנצער לעבן. זי האָט נאָך קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט, קיינעם ניט, זי שווערט! עס האָט איר ניט געאַרט פֿאַר זיך, וואָס מיט איר וועט זיין, זי האָט

דער אינזל

נאָר אים געוואָלט רייסן, צופּן, שלעפּן ערגעץ, ער זאָל ניט שטיין אַזוי, ער זאָל ניט זיין אַזאַ.

זי האָט עפּעס גערעדט צו אים, און ער האָט געקוקט אויף איר אינגאַנצן אַ טוט־ווײ'איקער. זי האָט אים געוואָלט זאָגן:

— לאָמיר שטאַרבן, ביידע. ווילסטו?

אַך, ווי זי האָט געליטן פאַר אים! נאָר דאָ האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן יודלען. ווי מען שטויסט זיך מיט אַמאָל אָן אויף אַ שטיין. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט זיך אַ ריס טאָן פון אים, וועט אַנטלויפן, נאָר זי האָט גאָר, ניט ווויסנדיק עס פריער אַליין, דערפילט צו אים, צו יודלען, אַזאַ כעס, אַ האַס. קלאָר ווי אין אַ בליץ האָט זי גלייך דערזען דאָס, וואָס עס וועט באַלד מיט איר זיין, נאָר עס האָט איר ניט געאַרט. זי האָט שוין גאָר ניט געהאַט וואָס אָנווערן אין איר לעבן.

איר קערפּער איז געוואָרן שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט עפּעס. זי האָט עס דערפילט ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, און זי האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. עס איז איר געווען ניט אָנגענעם, איבעריק. זי האָט געוואָלט וועגן דעם ריידן מיט איסאַק'ן, מודה זיין זיך פאַר אים, לאַכן איבער דעם.

נאָר איר קערפּער איז שוין זייער שווער און זייער גרויס, און זי אַליין, אַ קליינע, אַ פרעמדע, האָט זיך איינגעטוליעט אין אים, האָט זיך באַהאַלטן. און זי וואַרט, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט אַ נייגיר וואָס שטעכט ווי מיט נאָדלען: וואָס וועט דאָ זיין?

און איסאַק האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, אַזוי גרינג, אָט ווי גאָרניט. ער טראָגט זי ערגעץ, ערגעץ — וואוהין? איר אַרט ניט וואוהין, זי האָט ניט מורא. זי דערמאָנט זיך נאָך אַמאָל אויף יודלען, און זי וויל אַזוי, ער זאָל דאָ איצט זיין, נעבן זיי, און זאָל זיי ביידן זען. אַלץ.

דאָס לייב אירע, דאָס נאַקעטע, איז שיין און רואיק. זי פילט עס. אינווייניק נאָר, און טיף אַזוי, ציטערט וואָס. זי ליגט ביי אים אויף די הענט. זי ליגט ניט גוט און זי גיט זיך אַ דריי, פאַריכט זיך. זי זעט אַלץ, זי ווייסט אַלץ. נאָר איר מוח ווערט פאַרטרונקען. זי האָט אַמאָל געטרונקען וויין. זי הערט איצט דעם ריח. זי האָט מורא, אַז זי וועט וואָס פאַרלירן, וועט וואָס אָנווערן, און זי גיט זיך אַ וואָרף צו אים, אינגאַנצן, כאַפּט אים אַרום מיט איר לייב, ווי אַ בייגל, און עסט זיך איין אין זיין האַלז, בייסט זיך איין מיט די ציין.

און אָט לעגט ער זי אַוועק אויף עפּעס. עס לויפט איר דורך, ווי אין אַ חלום, אַז ער לאָזט זי איבער, לאָזט זי איבער. זי וויל אַ געשריי טאָן, נאָר ניין — ער האָט זי ניט איבערגעלאָזט. ער איז

נעבן איר. זי וויל אַ טראַכט טאָן, צום לעצטן מאָל, וואָס מיט איר איז, וויל אים זעהן, קלאָר, זיין פּנים, צום לעצטן מאָל, נאָר זי פאַרלירט זיך שוין, ווערט ניט, אַ גליקלאַכע אַזאַ, אַ גליקלאַכע.

און דערנאָך איז ער געזעסן נעבן איר, אויפ׳ן בעט, ווי אַ טויטער. עס האָט שטאַרק געדריקט אויף אים. ער האָט, דוכט זיך, געוואָרט אַז זי זאָל אים וואָס טאָן. ער איז גרייט געווען אויף אַלץ. ער איז שולדיק.

און זי איז געלעגן אַן איינגעטוליעטע צו זיך. זי האָט געקוקט אויף אים. זי האָט געשמייכלט. לויטער איז אַלץ געווען צווישן אים און איר. זי האָט געפילט מיט אַלץ, וואָס אין איר, אַפילו מיט די שפּיץ נעגל וואָס טוען איר איצט אַזוי וויי, אַז זי האָט אַקאָרשט וואָס פאַרלאָרן, אויף אייביק, האָט אויף אייביק וואָס אַנגעוואָרן. אין איר לייב שטעקט נאָך דער לייביקער ווייטאָג, וואָס קאָן זיך עפּעס ניט פאַרווישן, פאַרגלעטן. זי וועט שוין פון איצט אָן מער קיין מאָל ניט זיין אַזאַ, ווי זי איז געווען ביז איצט. נאָר זי וויל זיך צונויפקלייבן, וויל זיך אויף עפּעס אָפּשטעלן און עס גיט זיך איר איין. זי וויל אים זאָגן:

— מיך אַרט ניט, איסאַק, טשעסטנאָיע סלאָוואָ, מיר איז אַלץ איינס, איך בין אַפילו גליקלאַך.

זי הערט אירע אייגענע ווערטער, זיי וויינען פאַר איר.

ווערא גיט זיך אַ הויב אויף אין בעט, פירט מיט אַ האַנט איבער׳ן שטערן, ציט זיך שטייף די האָר, אָט ווי דאָס וואָלט איר געהאָלפן צו דעם שטאַרקן קאָפּ־ווייטאַק, וואָס זי האָט. און עס ווערט איר טאַקע גרינגער. זי טראַכט אַז זי דאַרף עפּעס טאָן, שוין, איצט, די מינוט, נאָר זי פאַלט באַלד צוריק אַנידער אויף די קישנס, איינגאַנצן אַן אויסגעמאַטערטע און מיט אַ פלאַכן ווייטאַק אין אַלע אבֿרים.

זי איז ניט אין כּעס, אויף קיינעם ניט. קיינער איז ניט שולדיק. ניט זי, ניט איסאַק און ניט יודל. יאָ, אַפילו ער אויך ניט. זי איז בלויז אַן אומגליקלאַכע, דער מזל אירער איז שוין אַזאַ. עס פאַרדריסט איר ניט אויף דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען, וואָס איז געווען; עס וויינט זיך איר נאָר. און אַז עס וויינט זיך, ווערט שטיל און וואַרים. זי איז אַ גוטע, צו אַלעמען. און אַז זי טראַכט גוט, דערמאָנט זי זיך, אַז זי האָט יעמאָלט געטראָגן דעם אַלטן בראַזיר, און אַז פון אים שפּירט זיך שווייס. זי וועט מאָרגן אַרויסוואַרפן דעם בראַזיר.

עס קלעפּן זיך ביי איר די אויגן און זי דרעמלט איין — מיט דעם איין פאַרדראָס נאָר, וואָס זי האָט יעמאָלט געטראָגן דעם אַלטן

דער אײנזל

בראָזיר און ניט דעם נײעם. װען זי װאָלט שױן ניט געדרעמלט, װאָלט זי זיך איצט שטאַרק פאַנאַנדערגעװײנט. זי זשאַלעװעט ניט דעם נײעם בראָזיר, נאָר ס'האָט זיך עפּעס גראָדע אַזױ געמאַכט. דער פּאַרדראָס דריקט איר אױף דער נשמה מיט אַ האַרטן קנעפּל, און זי שלאָפט אומרואיק, װאַרפט זיך אומרואיק פון שלאָף. — — —

לײזער זאָגט:

— קומט!

פלאָרא פרעגט:

— װאוהין?

לײזער שװײגט. עס װאָלט געװען גוט, װען ער זאָגט איר, װען ער קען איר זאָגן:

— איך דאַרף אײך ניט!

פלאָרא הױבט אױף אױף אים די אױגן. שװער, זי צװינגט זיך צו דעם. זי קוקט אים אָן.

— נו, גוט... קומט!

זי האָט װאָס דערשטיקט אין זיך, אין אירע װערטער פילט זיך אַ צוריצײַצקײט. נאָר עס גײט באַלד דורך. זי חזר'ט איבער:

— קומט, נו?!

פלאָרא האָט זיך זײער געביטן, פאַר דער לעצטער צײַט, זינט יענעם אָװנט, װען זײ זײנען געװען אין װעלדל. זי רעדט איצט זײער װעניק, כמעט גאָרניט, און אַז זי זאָגט עפּעס, איז עס קורץ און באַשטימט. עס איז אַזױ װי זי זאָגט און ניט אַנדערש. מען קאָן זיך איר ניט שטעלן אַנטקעגן.

מיט לײזער'ן גײט זי שױן ניט, ניט שפּאַצירן און ניט אין װעלדל. לײזער קוקט איר שטענדיק נאָך, מיט די אױגן, װי אַ שאָטן, און עס װײזט זיך אים אױס, נײן, ער זעט עס קלאָר: זי װיל, אַז ער זאָל שױן אַװעקפאָרן. ער שטערט איר. װאָס שטערט ער איר?

דער אַלטער שוחט האָט געמײנט די גאַנצע צײַט, אַז בײַ פלאָ־ רא'ן מיט לײזער'ן װעט זיכער זײַן אַ שידוך און איצט קוקט ער אױף פלאָרא'ן מיט רחמנות, מיט געטרײשאַפט, און אױף לײזער'ן מיט כעס, שטעכיק, אַז לײזער װיל צו אים צוגײן און װיל אים זאָגן: איר זײַנט אַ נאַר, אַן אַלטער נאַר!

און אַפילו די שװעסטער פלאָרא'ס, די זעקס מױדן, האָבן אױך געזען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. נאָר גאָרניט. ניט זײ זײַנען צו־ פרידן און ניט זײ אַרט.

דער אינזל

לייזער קוקט אמאָל אויף זיי, ווי זיי זיצן אויף דער וועראַנדע, שמייכלען און שאַרן זיך צו זיין חבר, סאַלאמאָן, און ווי זיי פּאַרנעמען, פליישיקע, ניט נאָר די וועראַנדע, נאָר, דוכט זיך, אַלץ ארום. און ער טראַכט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ טערק, אָדער אַז אַ טערק וואָלט געווען אויף זיין אָרט, וואָלט ער, דער טערק, גענומען און וואָלט מיט זיי חתונה געהאַט, פאַר אַלע זעקס מיטאַמאָל. זיי וואָלט עס ניט געאַרט, זיי וואָלטן געווען צופרידן. עס איז גוט אַז מען איז אַ טערק!

פלאָרא מיט לייזער׳ן גייען ארויס פון שטוב. זיי גייען און שווייגן. לייזער האַלט שטאַרק איר אָרעם, דריקט איר שטאַרק די האַנט. איר אַרט עס ניט.

זיי זיינען ביידע פאַרטראַכטע. לייזער ווייסט ניט צי האָט ער זי ליב, צי האָט ער זי ניט ליב, און ניט דאָס גאָר אַרט אים. ער זעט נאָר, אַז עפּעס איז ניט קלאָר צווישן זיי, זיי האָבן ביידע וואָס ניט דערעדט, און ער פאָרט שוין באַלד אוועק, נאָך אַ פּאָר טעג.

און פלאָרא האַלט שווער אויף זיך דעם קאָפּ, די אַקסלען, און זי קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן, ווי זי וואָלט זיך שטאַרק צו וואָס צוגעהערט, כאָטש זי הערט זיך צו גאָרניט צו. עס איז איר איבעריק די גאַנצע זאַך. זי דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט פאַראַנטפערן.

די גאַס, וואו זיי גייען, איז אַ ברייטע, אַ לאַנגע. פון ביידע זייטן גאַס ציען זיך בוימער, אין אַ גלייכער שורה. הויכע, פאַנאַנדערגעשפּרייטע — אַלטע. די בוימער שטייען, ווי פאַרגליווערטע.

פלאָרא שטעלט זיך מיט אַמאָל אָפּ, ווי זי וואָלט שוין מער ניט געוואָלט וואַרטן. זי קוקט אים שאַרף אָן. זי נעמט ארויס די האַנט אירע פון זיינער. זי זאָגט אים: —

זי וויל ניט רעדן. עס איז שווער. נאָר ער דאַרף פאַרשטיין. זי דאַנקט אים זייער! זי ווייסט: ווען עס טרעפט צווישן צוויי מענשן דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן צווישן זיי, רעדט מען געוויינלאַך וועגן ליבע. דאָס מיידל שרעקט זיך, ציטערט, האָט חרטה, און דער בחור פילט זיך ווי אַ קיסר. אָבער זי איז אַן אַנדערע. און ער איז דאָך אַן אַנדערער. איאָ, ער איז אַן אַנדערער? נו... וואָס נאָך? זי וועט ניט לייקענען: ער געפעלט איר. אפילו דאָ, אין דער ענגער לאָך, וואו זי לעבט די גאַנצע צייט, האָט זי שוין אויך באַגעגנט אַ סך, אַ סך מענשען, און פונדעסטוועגן האָט מיט איר נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן צווישן אים און איר. קיינמאָל ניט!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט געוואַרט. נאָר ער שווייגט.

דער אינזל

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. זי האָט פאַרבאַהאַלטן אין זיך אַ כעס: —

אפשר גלויבט ער ניט? זי זאָגט: קיינמאָל ניט! אויב עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיין דער ערשטער ביי אַ פרוי, ביי אַ מיידל, איז ער ביי איר געווען דער ערשטער! ער ווייסט, זי האָט עס אים ניט איין מאָל געזאָגט: זי קען דאָ ניט לעבן. זי מוז אַוועקפאָרן. זי מוז זיין אין ניו יאָרק. דאָרטן ערשט וועט זי זען ווער זי איז, וואָס זי קען ווערן. זי האָט אָבער מורא געהאַט צו פאָרן אין ניו יאָרק, האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. עס איז אפשר מיאוס, זי וויל אָבער זיין מיט אים אָפן. זי וואָלט דאָ אפשר געבליבן, אויף שטענדיק, וואָלט אפשר געוואָרן אַזאַ, ווי עס זיינען אירע שוועסטער. ער דאַרף ניט לאַכן. אָבער איצט — זי דאַנקט אים פאַר אַלץ! זיי וועלן זיך נאָך אפשר אַמאָל טרעפן אין ניו יאָרק, וועלן נאָך אפשר אַמאָל, — אָבער מען דאַרף וועגן דעם ניט טראַכטן, ניט רעדן. מען דאַרף ניט!

זי האָט גערעדט קורץ, באַטראַכט. ער האָט זי פאַרשטאַנען. ער האָט זי נאָר געוואָלט איבערלשאָגן, לאָזן זי אין מיטן דערינען:

— אַ גוטע נאַכט!

נאָר זי האָט זיך שוין אַראָפּגערעדט פון האַרצן, איז שוין דורכגעקומען דאָס, וואָס זי האָט געמוזט דורכקומען, און זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרנומען מיט זיך. זי איז זיך געפעלן געוואָרן. זעהר. אַז זי האָט אפילו געקענט ווערן, צום סוף, איראָניש, שטיפעריש:

איז ער באַקאַנט מיט זשאָרזש זאַנד? ווייסט ער איר ביאָגראַפיע?

פריי, ניט פאַרשקלאַפט, דאַרף זיין דאָס לייב,
אונטערטעניק און שטיל די נשמה — — —

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז. האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט — מיט אַ שמייכל. ער האָט אָנגענומען איר האַנט — אַ וואַקעלדיקער, אַ ניט קיין באַשלאָסענער. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און האָט אים אַ קוש געטאָן.

ער האָט זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן און ער האָט איר שטיל געזאָגט:

— איך גלויב אייך ניט.

— פאַר וואָס?

ער איז פון עפּעס געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן, און זי האָט ניט געוואַרט, אַז ער זאָל איר ענטפערן. זי איז גלייך אַריין אין שטוב, אַליין, אַ געטראָפענע, אַ באַליידיקטע — צום ערשטן מאָל, אפשר, פון זינט זי קען אים.

דער אינזל

און ער איז דערנאָך ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. ער האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן איר. זי האָט אים אָפּגענאַרט.

מען האָט זיי באַלייט צו דער סטאַנציע, לאַזאַר׳ן און סאָלאָ־מאָנ׳ען. באַלייטן זיי איז געגאַנגען די גאַנצע משפחה — דער שוחט אַליין און אַלע זיינע זיבן טעכטער.

סאָלאָמאָן איז געלאָפן אהער איז געלאָפן אהין, האָט זיך אַלץ גע׳עסק׳ט מיט די פעק און מיט די פעקלאַך. דער שוחט האָט אים צוגעהאָלפן, האָט אים געגעבן עצות. און לייזער מיט פלאָראַ׳ן זיינען די גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע. זיי האָבן געשוויגן. די איבעריקע טעכטער דעם שוחט׳ס זיינען געשטאַנען איינס נעבן איינס, אין אַ רעדל, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו שפּילן אין קוצי־באַבע.

סאָלאָמאָן איז פאַרטיק געוואָרן מיט די פעק. ער איז מיט׳ן שוחט צוגעגאַנגען צו די טעכטער. עס איז ניט געווען אומעטיק נאָר קיינער האָט ניט גערעדט.

און אָט קומט שוין באַלד אָן דער צוג. מען האָט זיך גענומען געזעגענען.

סאָלאָמאָן האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו קושן מיט די שוועס־טער — פאַר דעם שוחט אין די אויגן. ער האָט עס געטאָן פריילאַך, שטיפעריש, אַז דער שוחט האָט גלאַנציק־שטיל און הנאה׳דיק גע־שמייכלט. דערנאָך איז סאָלאָמאָן צוגעגאַנגען צו פלאָראַ׳ן. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט. ער האָט צו איר אויסגעצויגן אַ האַנט — עס איז אים גאָר אפילו ניט איינגעפאַלן, אַז ער קען זי אויך אַ קוש טאָן. איר איז עס געפעלן געוואָרן, שטאַרק געפעלן געוואָרן און זי האָט געשמייכלט: און מיט איר? איז זי סיידען אַזאַ מיאוס׳ע?

סאָלאָמאָן האָט זיך פאַרשעמט, ווי אַ אינגל. זיי האָבן זיך צו־געבויגן איינער צו דעם אַנדערן און האָבן זיך צוקושט.

דערנאָך האָט זיך פלאָראַ געזעגנט מיט לייזער׳ן. ער איז געווען אַ שוויינגעדיקער, אַ פינסטערער. ער האָט אויף קיינעם ניט געקוקט. פלאָראַ׳ן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי דאַרף אים עפּעס זאָגן. זי מוז.

עס איז אָנגעקומען דער צוג. סאָלאָמאָן האָט געטומלט, האָט געשריען, האָט זיך געזעגנט אַזוי, ווי מען געזעגנט זיך אין דער גוטער, אַלטער היים. ניט ווייט זיינען געשטאַנען אַ פּאָר אַמעריקאַנער, האָבן געקוקט און געשמייכלט.

דער אינזל

דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. פלאָרא האָט נאָכגעקוקט דעם צוג, אַ רואיקע, אַ קלוגע.

ווען ווערא האָט דערהערט, אַז לייזער איז צוריקגעקומען אין ניו יאָרק, איז זי געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעגאָסענע, אינגאַנצן אַ בלייכע, פון קאָפּ ביז די פיס.

וואָס וועט זי אים זאָגן, וואָס וועט זי אים דערציילן?

אויף איר מוח האָט זיך אַרויפגעזעצט, האָט זיך אָנגעטאָן, אַ גרויסע טעלער, גרעסער פון איר מוח. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּע, האָט זיך אויסגעצויגן. שטיל, אָן וויי־טאָג, מיט אַ קיצלדיקער קעלט נאָר, האָבן גענומען חלש׳ן ביי איר די הענט, די פיס. דאָס טרעפט גאַנץ אָפט מיט איר די לעצטע צייט, אָן לייזער׳ן אויך. נאָר זי שרעקט זיך ניט, זי ווייסט: זי שוואַנגערט.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי דרעמלט. זי האָט ליב, אַז זי דרעמלט.

יודל, איסאַק, לייזער. זיי דרייען זיך אַלע אַרום איר, ווילן פון איר עפּעס, און זי דאַרף זיך פאַר זיי פאַרענטפערן. זי איז ניט אין כעס, אויף קיינעם ניט. דער מזל אירער איז נאָר אַזאַ. וואָס קען מען העלפן?

ווען זי איז געווען ביי רבקה׳ן, האָט זיך רבקה אַזוי דערפרייט. זי האָט איר געזאָגט: דו, ווערא, ביזט אַ גליקלאַכע, אין אַלץ! איך האָב שוין געמיינט, אַז איך שוואַנגער, ערשט ניין. איך בין געווען ביים דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר געפּרעגט ווי אַלט איך בין, און אַז ער האָט דערהערט די יאָהרען מיינע, האָט ער געזאָגט: מען וועט אפשר מוזען מאַכן אַן אָפּעראַציע. נאָר וואָס איילט איר זיך אַזוי? וואַרט נאָך אַ ביסל, אפשר וועט עס קומען אַליין, מיט דער נאַטור, קומט צו מיר אין אַ חודש אַרום! און וואָס זאָגט יודל? צופרידן? גליקלאַך? איך שטעל זיך נאָר פאָר!

און יודל ווייסט נאָך גאָר ניט. די גאַנצע וועלט ווייסט שוין, נאָר ער ניט. און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך דערוויסן? וואָס? זיי זיינען פרעמדע מענשן. אפשר ניט? ער קען איר גאָר ניט טאָן. זיי זיינען פרעמדע מענשן. זי וועט עס אים אָפן זאָגן. ער דאַרף אפילו גאָר ניט פרעגן ביי איר, ער טאָר ניט! און אַז ער וועט זי אַרויסוואַרפן? פּשוט, וועט נעמען און וועט זי אַרויסוואַרפן? וואוהין וועט זי יעמאָלט גיין? וואו וועט זי זיך אַהינטאָן? זי האָט דאָך גאָר ניט! זי וועט וויינען פאַר אים, וועט אים בעטן,

אָדער — ניין: זי וועט אוועקגיין צו איסאַק'ן. איסאַק וועט זיך אויסלאַכן פון איר. געוויס וועט ער זיך אויסלאַכן. נאָר זי וועט אים בעטן ער זאָל זי צונעמען צו זיך. אוי, וועט זי אים בעטן!

דער זייגער שלאָגט זעקס. ווערא גיט זיך א הויב אויף, שטעלט זיך אנידער אויף די פיס — פון געוואוינהייט. ווען עס איז זעקס, דאַרף זי גרייטן צום טיש. אַלץ, וואָס זי האָט אַקאָרשט געטראַכט, ווי אין א חלום, אפשר צום הונדערטן מאָל שוין, האָט זי איבערגע־לאָזט אויף דער קאַנאַפּע, אינגאַנצן איבערגעלאָזט, ווי מען לאָזט איבער א שאָל, אין וואָס מען איז געלעגן איינגעוויקלט, איינגעטוליעט.

יודל קומט שטענדיק אַהיים אין צייט, צו דער מינוט. ער זעצט זיך גלייך אנידער צום טיש. ער איז אַזוי הונגעריק און ער עסט אַזוי געשמאַק, אַז ער זעט גאָר ניט, צי זי עסט יאָ, צי זי עסט ניט. ווערא'ן פאַרדריסט עס שטענדיק, אָבער היינט ניט. זי קוקט אויף אים. עפּעס ציט זי, עפּעס וויל זי — זי וויל זיך מיט אים רייצן:

— ווייסט ווער איז געקומען? לייזער!

— טאַקע? פיין!

זיינע ציינער קנאַקן, די ליפּן זיינען פעט. ער האָט הנאה. פון וואָס האָט ער עס אַזוי הנאה?

ווערא ווערט אַן אויפגעקאָכטע. איר כעס וואַקסט, וואַקסט, און אויב זי וועט באַלד עפּעס ניט טאָן, וועט זי — זי ווייסט אַליין ניט וואָס! און מיטאַמאָל, אין דעם כעס, פאַלט איר עפּעס איין. זי גיט א טראַכט וועגן דעם, וואָס איז איר איינגעפאַלן, זי ווייסט ניט ווי אַזוי עס קומט צו איר, נאָר עס געפעלט איר אַזוי, אַז זי לאַכט זיך שיעור ניט פאַנאַנדער.

זי גייט אויף גיך אריין צו זיך אין חדר, טוט זיך דאָרט איבער, פּוצט זיך אויס, גיט א קוק אויף זיך אין שפּיגל און זעט: זי איז זעהר א שיינע.

זי קומט צוריק אריין אין עס־שטוב, גייט דורך פאַרביי יודלען, אַז ער זאָל זי זען, און ער זעט זי טאַקע. ער פרעגט:

— וואוהין גייסטע?

— צו רבקה'ן.

זי האָט אפילו ניט א טראַכט געטאָן. זי האָט גלייך געזאָגט דעם ליגן.

זי לאָזט זיך גיין צו דער טיר, און יודל קוקט איר נאָך, ווי שיין זי איז, ווי רייך זי איז, און ער קוועלט פון איר אָן, האָבנדיק דערביי שטאַרק הנאה פון זיך אַליין:

— א גראַפיניע!

און ווערא איז געגאַנגען און איז געקומען צו לייזער'ן. ער האָט

דער אינזל

לאַנג און שטאַרק געדריקט איר די האַנט, וואָס זי האָט צו אים אויס־געצויגן. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל זי אַ קוש טאָן, די האַנט אירע.

זיי זיינען אַראָפּ אין גאַס, זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר קוואַר־טאַלן און זיינען צוגעקומען און זיינען אַריין אין דעם קליינעם פּאַרק. אין פּאַרק איז געווען פינסטער, געדיכט־שאָטנדיק. וואו ניט וואו האָט געשטעקט אַן אָרימע לאַמטערנע, וואָס האָט געברענט קאַרג, פאַרשטויבט. דער גאַנצער פּאַרק האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרוואַר־פענער, אַ פאַרלאָזענער ווינקל, וואָס נאָר אַמאָל, אַמאָל באַווייזט זיך דאָ אַ מענש, גייט דורך פאַרביי... דער אָוונט איז דאָ אַרומגעקלעפּט מיט שטיקער נאַכט.

ווערא האָט אים דערמאָנט, ווי זיי פלעגן אַמאָל אַרומגיין, אין דעם זעלבן פּאַרק, יעדן אָוונט כמעט. ער געדענקט?

יאָ, ער געדענקט.

זי האָט עס אים דערמאָנט גלאַט אַזוי, גרינג, ווי עס חנ'ט זיך אַמאָל אַ מיידל, ווען זי האָט ניט וועגן וואָס צו רעדן. זי קוקט אים אָן. זי וויל אים זאָגן:

— לייזער, איאָ איהר האָט מיך אַמאָל, יעמאָלט, ליב געהאַט?

און זי ווייסט, ער וועט ענטפערן:

— יאָ, איך האָב אייך ליב געהאַט.

זיי זיצן אויף אַ באַנק. נאָר זיי, מעהר איז קיינער ניטאָ. די שטילקייט אַרום איז אַן איינגעגעסענע, אַ קריכנדיקע, ווי דער גע־דיכטער, קלעפּיקער טוי.

ווערא קוקט זיך אַרום: וואָס האָט זי אַקאָרשט געטראַכט?

— לייזער!

זי כאַפּט אָן זיין האַנט: ווען קלייבט ער זיך שוין אַריבער צו איר?

זי רעדט אויף גיך, אין איין אָטעם, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט. זי רעדט צו זיך אַליין מער ווי צו אים. ער קוקט זי אָן, וויל ביי איר עפּעס פרעגן, וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר זי לאָזט ניט: ער געדענקט, ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט חתונה האָבן, וועט ער זיך אַריבערקלייבן צו איר, ער האָט איר צוגעזאָגט, ער געדענקט?

יאָ, ער געדענקט.

ביי ווערא'ן רייסט זיך אַרויס:

— אַ דאַנק!

פון ווערא'ן קלעפּט זיך עפּעס אָפּ, שווער, אַ גאַנצע וואַנט. זי שמייכלט צו אים, דורך טרערן. זי דאַרף מער גאָר ניט, זי וויל מער גאָר ניט, זי איז גליקלאַך. און ער קוקט זי אָן. זי איז אים איצט

אזוי נאַנט, ווי אַ שוועסטער. זי האָט געטראַכט וועגן אים, האָט אים שטענדיק יערענקט, און עס איז אים גוט פון דעם.

יאָ, ער וועט זיך אַריינקלייבן צו איר, ער וועט אַלץ טאָן, וואָס זי וועט וועלן, וואָס זי וועט אים הייסן. ער וויל איר נאָר זאָגן, דערציילן וועגן פלאַראַ'ן. אַלץ דערציילן. ער איז אַליין, ער האָט קיינעם ניט.

די שטילקייט אַרום איז אַן איינגעגעסענע, אַ קלעפּיקע. ווערא זאָגט:

— קומט...

זיין האַנט ליגט אַרום איר טאַליע. זיי הויבן זיך אויף פון אָרט. זיי שטייען נאָנט, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. זי זאָגט נאָך אַמאָל:

— קומט...

זי וויל אים שוין נעמען אונטער דער האַנט, נאָר ער בויגט זיך צו איר אָן, און קושט זי. זיי גייען אויף גיך אַרויס פון פּאַרק. זיי קענען איצט ביידע ניט פאַרטראָגן דאָס הילכן פון זייערע אייגענע טריט.

זישאַ לאַנדוי:

מיידלאַך ווי האַלבע לבנות.

און לאַנד און טראָן איז מיר געקומען,
איך האָב געדאַרפט דער קעניג זיין:
מיך האָבן, אָבער, מער פאַרנומען
דער ים און דער לבנה־שיין.

פון הויף די רייצנדיקסטע דאַמען
זיי לאָזן מיינע אויגן שטום,
און ווי דער ווײַ פון זיבן ימים
אַ שווייגנדיקער שפּאַן איך אום.

האָב איך געזאָגט צום ברודער: בלייבן
זאָל דיר די קרוין, איך שענק זי דיר.
און איך וועל זיך אין טאָל פאַרקלייבן
און ביי דעם ים פאַרבלייב איך מיר.

דער אינזל

עס גיט מיין ברודער מיר מתנות,
און קעניגלאך איז זיין געשאנק:
שענקט מיידלאך מיר, ווי האלב לבנות,
אזוי פארשפרעכנדיק און שלאנק.

האט אויך געוואלט דעם הויף־נאר געבן.
„אָ, קעניג, שענק אים ניט אוועק.
„גיב ליבערשט מיר דעם פאלק, אז שוועבן
„זאָל ער פאר מיר דורך מיינע טעג".

מארקיזין פאמפאדור.

— עס גייט ניט ארויס מיר פון זינען
מארקיזין פאָמפאדור.
— וואָס גייט ניט ארויס דיר פון זינען
מארקיזין פאָמפאדור?

— אזוי פיל פרוי איז קיינמאָל
קיין פרוי נאָך ניט געווען.
— און מיר, מיר דאכט זיך טיילמאָל,
אז דו ביסט עהנלאך צו איר.

— צו צען יאָר האָט זי דערוואוסט זיך,
אז זי איז דעם קעניג באשערט.
און ווען האָט באטאָווים דערוואוסט זיך,
און וועמען, זאָג, ביסטו באשערט?

— א קאָרטנוואָרפערקע האָט איר
דאָס אלץ פאָראויסגעזאָגט.
— ווען מען וואָלט עס דיר געזאָגט,
וואָס וואָלסטו אויף דעם געענטפערט?

— א צוק געטאָן מיט די ליפּן,
א קוק געטאָן אויף איר לייב,

און אין דער וויג פון נאכט האָט זי
די גלידער אויסגעקושט:

„וואקסט אויס, איר קליינע גלידער,
„שטראָמט אָן, איר קליינע בריסט,
„דעם קעניג'ס פארלאנגען גייען
„פון בענקשאפט אוים נאָך אייך".

— ניט רעד אזוי, באטאָווים,
אזוי צו רעדן איז זינד
און ביז צום טויט דערשראָקן
איז מיין פארבלוטיקט הארץ,

און ס'שווימט די לבנה אין פלעקן:
אַן אומגליק וועט היינט נאָך געשען.
אדיע, באטאָווים, איך ווארף זיך
פון בריק אראָפּ אין טייך!

מארקיזין באטאָווים.

פון מיינע דינע, פיינע לידער שמעקט מיט טויט.
ר. אייזלאנד

דער טויט האָט זיך צו מיר אין מיין בלוי ווייסער רו
צום ערשטן מאָל ערשט לעצטע נאכט באוויזן;
ווען ביי דעם ברעג פון ים א ראנדעוואו
האָב איך געהאט מיט דער מארקיזין.

די אויגן מיינע קוקן האלב פארליבט
און זיינען אויף איר נאסן שטיין פארבליבן.
— מארקיזין איז פאר מיר א מאנוסקריפט,
וואָס איז פארמעקט און אָפּגעריבן.

מארקיזין לאכט. איר הויט ווערט געלבלאך מאט,
און ס'וויט פון אירע נאָכגעביקע גלידער
אָט יענער רייצנדיקער אראָמאט,
וואָס פילסט אין טויט און אויך אין מיינע לידער.

י. קיסין:

טויבן וואָרקען...

א מתנת מרדכי ווייסמאַן'ען

טויבן וואָרקען איבער אַלע ווייטע ווייסע שוועלן,
ווייסע פרומע ברומער, — איך זאָל תפילות ניט פאַרפעלן.

צווייגלאַך — אויגינער געפלעכט, געצייכנט פון א היטער:
פון אַן אויג — א בלאַט אין גרינעם ציר און ערשטן ציטער.

אין די קילע מאָרגנס קומען בלאַנקעגדיקע זונען —
גאָר דיין פרייד און גאָר דיין גאָלד האָסטו אין זיי געפונען.

מיינע באַנען לויפען אויף א פּאָר נאָנט־ווייטע רעלסן:
פירן, ווייס איך, ווייט צו וועלדער און צו הויכע פעלזן.

קרום רונדרוקנדיקע שאָטנס שלייכן און פאַרשווינדן,
ווען זיין גרויסן לאָמפּ נאָר נעמט דער גרויסער צינדער צינדן.

ביי א זקן'ס פיס האָב איך מיין ליכטיק וואָרט געלערנט...
און וואָס פאַר א נאַכט געווען איז! און ווי טיף צושטערנט!

ר. אייזלאַנד:

מר. גוסטאַוו גילדנער

.5

געקומען פון קלויז, האָט נאָטע אין דער היים קיינעם ניט גע־טראָפן. דער לאָמפּ איז געווען אראָפּגעדרייט און צווישן די טונקל באַלויכטענע ווענט איז געשטאַנען א זויערלאַכע שטיקעניש, וואָס האָט זיך געלעגט אויפ'ן הארצן שווער און קלעפּעדיק. אויפ'ן באַלקן איבער דעם לאָמפּ איז געווען א ליכטיגער רייף און אין דעם רייף האָבן געקלעפּט פליגן. איינע א גרויסע און פעטע, איז ארום־געפלויגן מיט א שווערן זשום, און נאָטע'ן האָט זיך געדאַכט אַז דאָס זשומען פון דער פעטער פליג מאַכט די שטיקעניש נאָך געדיכטער. ארויפגעדרייט דעם קנויט פון לאָמפּ, האָט ער זיך א לאָז געטאָן נאָך

דער פעטער פליג. צוערשט מיט זיין פּאַטשיילע און דערנאָך מיט איינעם פון די רעשטלאַך, וואָס זיינען געלעגן אין אַ ווינקל. אַזוי איינגעשפּאַרט האָט ער זיך געיאָגט נאָך איר, אַז ער האָט פאַר־געסן אָן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַרק און דערנאָך אין קלויז. נאָר עפּעס האָט נאָך אַלץ געגנאָגט ביים האַרצן. ער איז אָבער ניט געווען זיכער צי נאָגט אים דאָס פון הונגער, אָדער סתם אַזוי.

און פון דעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן: אַרום זיך ווי אַ קאַץ וואָס דערשמעקט עסן און ווייס נאָך ניט פון וואַנען דער ריח קומט. ערשט איצט האָט ער באַמערקט וואָס זיינע אויגן האָבן איינגנטלאַך שוין פריער געזען: אַז דער טיש איז געגרייט און אַז אויפ׳ן האַלב־געדעקטן טיש ליגט ברויט און זאַלץ, דאָס גרויסע ברויט־מעסער און אַ לעפל מיט אַ גאָפּל. דער לעפל מיט׳ן גאָפּל האָבן אים געזאָגט אַז ערגעץ איז אויך דאָ געקעכץ. און באַלד האָט ער טאַקע געפונען אויפ׳ן אויוון אַ וואַרים טעפּל, וואָס איז געווען אַרומ־געלעגט מיט היים אַש און האַלב פאַרלאָשענע קוילן.

דאָס מויל האָט אים אָנגעהויבן צו וואַסערן. און ערשט איצט האָט ער דערפילט אַזאַ הונגער, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן ביז ער וועט זיך וואַשן צום עסן, נאָר איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דעם לעפל צוריק צום אויוון און אַזוי שטייענדיק גענומען עסן פון טעפּל אַרוים איבערגעשטאַנענע קאַרטאָפל־זופּ, וואָס האָט זיך געצויגן ווי פּאַפּ און איבערגעלאָזט אַ זויערן טעם אויפ׳ן גומען.

אין מיטן דערינען ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און געגעסן האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריין דער שווער.

— גוט נאָוונט!

נאָטע׳ן איז דער לעפל געקעכץ געבליבן שטיין אין האַלז.

עס האָט אים אַזש אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן. ווי עמיצער וואָלט אים פאַר מענשן אין די אויגן אַראָפּגעלאָזט אַ פייער־דיקן פּאַטש. די האַנט וואָס האָט געהאַלטן דעם לעפל איז געבליבן הענגען אין דער לופטן ווי אַ געלעמטע, און רעדער האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זיינע אויגן.

דער שווער זיינער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און זיך אָנגעבויגן כלומרשט ווי ער וויל נעמען אַ בענקל צום זיצן. אָבער נאָטע האָט דערפילט, אַז דאָס טוט ער פון זיינעטוועגן. זאָל ער, נאָטע, זיך ניט פאַרשעמען. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין און זיין פּנים האָט זיך צונויפגעצויגן ווי פון אַ שטאַרקן ווייטאָק.

ר׳ מרדוי האָט זיך געזעצט מיט דער פּלייצע צו אים און, ווי צום טיש, האָט ער אַ זאָג געטאָן זייער געלאַסן:

דער אײנזל

— איך בין געקומען ווײל איך האָב עפּעס צו רעדן מיט דיר, נאָטע.

ערשט איצט האָט נאָטע אָװעקגעלעגט דעם לעפֿל און װי אַ געפּענטעטער זיך געלאָזט גײן צום טיש.

— דו דאַרפֿסט דיך ניט שטערן, נאָטע — און ר׳ מרדכי האָט נאָך אַלץ ניט אױפֿגעהױבן די אױגן צו אים. — מען קען פֿאַרשטײן אַז אַ מענטש איז הונגעריק. נאָר איצט . . . קענסטו ענדיקן די װעטשערע בײם טיש.

די געלאַסנקײט פֿון קול און דאָס גוטסקײט װאָס האָט אַרױס־געשמעקט פֿון די דאָזיקע װערטער, האָבען נאָטע׳ן אַזױ צעטראָגן אַז ער האָט געקענט זיך צעװײנען. אין דער זעלביקער צײט אָבער האָט עס אים געמאַכט אַזױ קלײן, אַז ער האָט ניט געװאַגט זיך צו זעצן.

— נו, װאָס שטײסטו? — האָט ר׳ מרדכי געפֿרעגט און אים אָנגעװיזן אױף זײן בענקל, אױבן אָן בײם טיש. — זעץ דיך און ענדיק דײן עסן.

אָבער נאָטע איז אַלץ געבליבן שטײן.

ר׳ מרדכי איז געװאָרן אומרואיק און אין זײן גאַנצער שװער־קײט זיך אומגעדרײט מיט׳ן בענקעל אינאײנעם און געקוקט אים גלײך אין פּנים אַרײן.

װאָס נאָטע האָט דערזען אין שװער׳ס אױגן האָט ער אַלײן ניט געװאוסט. דערפֿילט האָט ער אָבער װי זײן נכנע׳דיקײט איז עפּעס מיט אַמאָל פֿאַרשװאונדן, און שטאָט דעם האָט זיך אין זײן בלוט גענומען בלעזלען אַ כעס למאי ער האָט אױף אַ װײלע גאָר אַרױסגע־װיזן אַזאַ שװאַכקײט.

ער האָט זיך געזעצט און אַ זאָג געטאָן חוצפּה׳דיק:

— ביטע זײער!

זײערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט װי מעסערס.

— איהר האָט דאָך עפּעס געװאָלט זאָגן.

— הם. יאָ.

— נו ביטע!

זײן אײדעמס חוצפּה׳דיגער דײטשער „ביטע”, אַלײן, האָט ר׳ מרדכי׳ן אונטערגעהױבן. אָבער ער האָט זיך אײנגעהאַלטן און נאָכדעם װי ער האָט אַ װײלע געשװיגן האָט ער װידער אַזױ געלאַסן װי פֿריער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אפשר ניט געדאַרפֿט קומען. דו האָסט עס דיר ניט פֿאַרדינט. נאָר גאָרנישט, זאָל מײנס איבערגײן.

אין אַ װײלע אַרום:

— אַז דו טראָגסט אַ כעס אױף מיר, נו מילא — געזונטערהײט.

באַטש איין גאָט ווייס פאַרוואָס. די ריבן פון פעלד האָב איך דיר נית אונטערגעצונדן. און ווען דו ביזט אוועק און געלאָזט א ווייב מיט קינדער אויף הפקר, האָט קיינער נית געצאָלט קיין שכר למוד נאָר איך. און א מלבוש אויף יום־טוב האָב איך געלאָזט מאַכן. נאָר גאָרנישט. אַז דו ביזט אין כעס, האָסטו מן הסתם פאַר וואָס.

נאָטע האָט א צי געטאָן די אַקסלען, אָבער ר׳ מרדכי האָט פון דער זייט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אים אָפּווישן, און ווייטער גערעדט:

— אָבער נית דאָס בין איך אויסן. נית דאָס, נאָטע. יעדער מענש מעג זיך זיין אין כעס. נאָר, — און דאָ האָט זיין קול זיך פּלוצים געביטן — נאָר קיין טפּוש דאַרף מען נית זיין. הערסט?

נאָטע האָט זיך אַזש צונויפגעקאָרטשעט. איין רגע און ער וואָלט אויפגעשפּרונגען פון כעס. אָבער דעם אַלטענס קוק האָט אים ביינגעקומען און ער איז געבליבן זיצן.

ר׳ מרדכי האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן רואיק און געלאַסן:

— איך בין געקומען, נאָטע, אמת פאַר מיין טובה וועגן. אָבער מעגסט מיר גלויבן אַז כ׳האָב דיך אויך אין זינען. אויב נית פאַר דיין טובה וועגן איז עס פאַר דער טובה פון דיין ווייב און קינדער.

נאָטע האָט געפילט, אַז דאָס וואָס דער שווער רעדט צו אים, האָט ער זיך גוט איינגע׳חזר׳ט איידער ער איז געקומען אהער. ער האָט אויך געוואוסט וואָס דער שווער איז אויסן. און דאָס האָט אים אונטערגעטראָגן.

— אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — און ער האָט זיך א הייב געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן שפּאַנען אהין און צוריק.

ר׳ מרדכי האָט זיך אומגעדרייט מיט׳ן פּנים צו אים:

— פאַרלאַנגען פאַרלאַנג איך גאָר נישט. איך וויל דיר נאָר זאָגן אַז דו זאָלסט נית זיין קיין טפּוש און נית מאַכן פון זיך קיין חוזק.

און ער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

א ווייל̇ע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען פּנים אל פּנים. ביידע אָנגעלאָדענע און ביידע איינגעהאַלטענע. ביז ר׳ מרדכי האָט א שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אין דער ברייט און זיך אָפּגעקערט:

— איך האָב געטאָן מיינס, און איצט טו ווי דו פאַרשטייסט.

גענומען דעם שטעקן, וואָס ער האָט ביים אריינקומען געלאָזט שטיין ביי דער טיר, און איז אַרויס.

שפּעטער, ווען הינדע־מירל איז אהיים געקומען מיט די קינדער פון קלייטל, האָבן זיי געפונען נאָטע׳ן ליגן א האַלב אויסגעטאָנענעם אויפ׳ן בעט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט. מיט׳ן שווערן שליסל פון קלייטל אין איין האַנט און עפּעס א פּעקל אין דער צווייטער איז

דער אינזל

הינדע־מירל געבליבן שטיין אין מיטן שטוב און געקוקט דאָ אויפ'ן געגרייטן טיש און דאָ אין אַלקער אריין, וואו נאָטע איז געלעגן און פון וואנען עס האָט ארויסגעשיינט דאָס הינטערשטע בלעכל פון זיינע שעלקעס ווי א פארגליווערט אויג. דערנאָך האָט זי דאָס פעקל אנידערגעלעגט אויפ'ן טיש און מיט'ן שליסל נאָך אַלץ אין דער האנט איז זי צוגעגאַנגען צום אויוון און אריינגעקוקט אין טעפּל. צום סוף אויפגעהאנגען דעם שליסל אויף א נאָגל אין וואנט, ווידער געוואָרפן א בליק אין אַלקער אריין, פאריכט אויף זיך די פאטשיילע און גע־נומען אָפּראַמען פון טיש.

גרשון מיש שימעלען האָבן זיך גענומען צורעכט מאכן זייער געלעגער. גרשון האָט אונטערגעהויבן און שימעלע האָט אים גע־האָלפן אויפהייבן די דעק פון דער שלאָף־באַנק, און נאָכדעם ווי זיי האָבן זי אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל, האָט שימעלע מיט א פינגער אָנגעוויזן אויפ'ן פאָטער און געפרעגט מיט די אויגן, וואס דאָס קען מיינען. גרשון האָט ניט געענטפערט. נאָר זיין שטערן האָט זיך פארצויגן.

ווען זיי זיינען שוין געלעגן אויף זייער געלעגער איז נאָטע פלוצים אויסגעוואקסן אין מיטן שטוב. איצט, אָן דעם רעקל, האָט ער אויסגעזען נאָך לענגער און נאָך דארער ווי אַלעמאָל, און איין שפּיץ פון זיין באָרד איז אָפּגעשטאַנען פון פּנים ווי א צוגעקלעפּטער. הינדע מירל איז איצט געזעסן ביים אויוון אין א ווינקל, אויסגע־קראצט דאָס טעפּל און געקייט פּאַוואָליע און אָן חשק, ווי אָן ציין. נאָטע האָט אויף איר א קוק געטאָן פון דער זייט און גענומען פאר־דרייען א ציגאַרעטל. און נאָכדעם ווי ער האָט עס א פיר געטאָן איבער די ליפּן און פארקלעפּט מיט די פינגער, האָט ער א וואָרף געטאָן אין דער לופטן אריין:

— דער שיינער איד איז דאָ געווען.

ערשט אין א ווייַלע ארום האָט הינדע מירל זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט:

— ווער? דער טאַטע?

— נו, געוויס, דער הער נילדנער!

ארויסגעזאָגט האָט ער דאָס מיט אזוי פיל גאַל, אז הינדע מירל האָט אים שוין מורא געהאַט איבערצופרעגן, און גרשון האָט דער־פילט אז ער מוז פארמאכן די אויגן, אז ער זאָל אים ניט זען, דעם שיינעם טאַטן זיינעם.

די שנאה צווישן נאָטע'ן און זיין שווער איז געוואָרן אָן אָפּענע. אוןביידע האָבן עס ארויסגעוויזן וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ר' מרדכי, אויף זיין שטייגער — שטאָלץ און שווייגנדיק; און נאָטע

אויף זיין שטיינער — חוצפה'דיק און הויך אויפ'ן קול. באנגענט זיך ערגעץ, האָט דער אַלטער אַ הייב געטאָן אַן אַקסל, אָפּגעקערט דאָס פּנים און געגעבן צו פילן: „תּרבות, יונגאַטש!" נאָטע ווידער, פון זיין זייט, פּלעגט אים דוקא לאַכן אין פּנים אריין. און הינטער די פּלייצעס אים צעלעגן אויף טעלער, חוזק מאַכן פון זיין גדלות'דיקן גאַנג, זיין פאַרציען די ברעמען, ווי ער וואָלט געטאָן אַ טובה וואָס ער רעדט צו דיר, און פון זיין וואַזשנעם שטעקן, וואָס גייט פאָראויס און מאַכט פאַר אים אַ ווארע.

און קוים האָט נאָטע זיך צעלאָזן וועגן זיין שווער, האָט ער אין איין וועג שוין אויך חוזק געמאַכט פון דער שוויגער זיינער, פון זיינע שוואָגערס זלמן און וואָלף, און פון דער שוויגערס שוועסטער, די מומע חאָמעלע, וואָס זומער ווי ווינטער זיצט זי איבער דעם פייער־טעפּל, ווי אַ קוואָקע איבער די אייער, און פאַרענדיקן פּלעגט ער אויף דייטשמעריש:

— שאָן איין מאַל איין הערליכעס געזינדכען!

די ערשטע צייט האָט דער עולם אָנגעקוואָלן פון דעם אַלעמען. און יעדעס מאָל ווען נאָטע האָט זיך באוויזן אין מאַרק איז באַלד אַרום אים געוואָרן אַ רעדל, און מיט אָפענע מיילער האָט מען שוין אין פאָראויס הנאה געהאַט פון די וויצן, וואָס ער וועט זאָגן אויפ'ן חשבון פון זיין ווייבס משפּחה. ביסלאַכווייז האָבן זיך אָבער זיינע וויצן אויסגעשעפּט און די אַלטע האָבן זיך דעם עולם צוגעגעסן. און ס'האָט געטראָפן ווען נאָטע האָט איינמאָל זיך גענומען דערנענטערן צו אַ רעדל אידן, איז עס צערונען נאָך איידער ער איז צוגעקומען. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים שוין זעלטע געזען אין מאַרק.

גאַנצע טעג איז ער איצט אָפּגעלעגן אין שטוב. געהאַלטן אין איין רויכערן, שפּייען אויפ'ן דיל און בייסן אַ שפּיץ פון זיין שיטער בערדל. אָפּטמאָל פּלעגט ער אויפשפּרינגען ווי פון אַ שאַרפן ביס, נעמען ארומשפּאַנען אהין און צוריק אין שטוב און בייסן זיך אַליין, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. ווען הינדע מירל אָדער איינער פון די אינגלאַך זיינען אין אַזוינע מינוטן אריינגעפאַלן אין שטוב, האָבן זיי זיך שנעל אָפּגעטראָגן און דערנאָך זיך געהיט ניט אריינצוקומען אַליין.

איין נאָכמיטאָג, ווען די ביינער זיינען אים געווען אָנגעגאָסן ווי מיט בליי און יעדער אבר האָט אים וויי געטאָן פון דעם שטענדיקן ליגן און שטענדיקן טראַכטן וועגן איין און דערזעלביקער זאַך, וואָס האָט ווי אַן עגבער זיך געדרייט און געבויערט זיין מאַרך, האָט ער דערפילט אַז מער וועט ער דאָס ניט אויסהאַלטן. איז ער אויפ־

געשפּרונגען, גענומען אויף זיך דאָס איבערציערל און זיך געלאָזט גיין אין מאַרק אַריין. אין מיטן וועג האָט ער זיך אָבער אַ קערעווע געטאָן און מיט זיינע לאַנגע שפּרייזן גענומען גיין דורך גאַסן און געסלאַך ביז ער געווען אויסער'ן שטעטל.

אַ פאַרלאָזטער זאַמדיקער וועג, וואָס איז ביז העלפט געווען פאַרוואָקסן מיט גראָז און שטעכיקע קרייטאַכער, האָט אים פאַרפירט אַלץ ווייטער און ווייטער צווישן פעלדער מיט קאָרן און גרוי־גרינע האַרב־שמעקנדיקע קאַרטאָפל־בלעטער; צווישן ווייס־בליענדיקער און זיס־שמעקענדיקער רעטשקע און יונגע פון דער ערד אַרויס־שטעקנדיקע בוריקעס; צווישן קוטשעראַווע אַרבעס און נאָר וואָס אָפּגעקאָסעטע קליי לאָנקעס. פון אַ זייטיקער גראָזיקער סטעזשקע איז אים אַקעגנגעקומען אַ קו און הינטער איר אַ באָרוועך שייגעצל וואָס האָט זי געפירט אויף אַ שטריק. אַ ביסל ווייטער איז אויף אַ לאָנקע געשטאַנען אַ פויער מיט'ן העמד איבער די הויזן און געשאַרפט אַ קאָסע, און נאָך ווייטער האָט פון פעלד מיט קאָרן זיך אַ הויב געטאָן אַ מחנה קוראָפּאַטוועס, וואָס האָבן מיט זייערע שווערע פליגל אָנגעמאַכט אַ ווינט.

די זון איז נאָך געשטאַנען גאַנץ הויך אין הימל און נאָטע'ן געבריט און געשטאָכן אין פּלייצע. שנירלאַך שווייס האָבן גערונען פון זיין שטערן איבער זיינע באַקן דורך דער שיטערער באָרד און ווי קילע שלענגעלאַך זיך אַראָפּגעגליטשט אויפ'ן האַלז הינטער'ן קאָלנער. אָבער נאָטע האָט דאָס אַלץ ניט געפילט און ווי געטריבן פון עמיצן געשפּאַנט אַלץ ווייטער און ווייטער ביז זיינע פיס האָבן פון זיך אַליין אָנגעהויבן גיין פּאַמעלאַכער, און ווען ער איז צוגעקומען צו אַן אַלטער ליפּע, וואָס איז געשטאַנען איינע אַליין אויף אַ בערגל נעבן וועג, האָבן אים די פיס שוין אַליין צוגעפירט און ער האָט זיך געזעצט אָפּרוען אונטער דעם שאָטן.

ערשט איצט האָט ער דערפילט ווי מיד און דערהיצט ער איז. דאָס העמד וואָס האָט געקלעפּט אויף אים, האָט דאָ אונטער'ן שאָטן פון בוים גענומען קילן זיין לייב און ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער לענג אין גראָז מיט'ן בויך אַראָפּ.

אַ לייכטער ציטער איז אים דורכגעלאָפן דורכ'ן לייב, ווען ער האָט דערפילט אַ קיצל אויפ'ן האַלז. איין האַנט זיינע האָט זיך פון זיך אַליין אויפגעהויבן און אַראָפּגענומען פון האַלז אַ לאַנגן און פעטן גאָנשער, וואָס האָט צווישן זיינע פינגער זיך איינגעדרייט ווי אַ בייגל און געגלאַנצט מיט זיין האָריקן פעלץ און מיט זיינע אומצייליקע קלעפּיקע פיסלאַך. מיט עקל האָט נאָטע אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם גאָנשער און זיך אַביסל אָפּגערוקט פון פּלאַץ, וואו

ד ע ר א י נ ז ל

ער איז איצטער זייער קונציק געהאנגען אויפ'ן שפּיץ פון א גרעזל. אָבער זיינע אויגן האָט נאָטע ניט געקענט אראָפּנעמען פון דעם קריכנדיקן באשעפעניש, און כסדר אים נאָכגעקוקט ביז ער איז זיך פארקראָכן ערגעץ צווישן גראָז און ער האָט אים מער ניט ארויסגעזען.

ווען נאָטע האָט איצט אויפגעהויבן זיינע אויגן און זיך פארקוקט אויף די פעלדער וואָס האָבן פון דאנען אויסגעזען ווי א גרויסער צעעפנטער פאָכער אין פארשיידענע קאָלירן, האָט ער זיך אליין געוואונדערט וואָס זיין גאנצע ביטערקייט פון די לעצטע טעג איז עפּעס פּלוצלונג פארשוואונדן, און ווי אלע דאגות וואָלטן זיך מיט אמאָל אָפּגעטאָן פון אים. מיט הנאה האָט ער איצט איינגעזאַפּט אין זיך די פארשיידענע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אלע זייטן, און אליין ניט וויסנדיק פארוואָס האָט ער איצט אָנגעהויבן טראכטן וועגן זיין עלטערן אינגל גרשון.

— א גאנץ וואוילער יונג! — האָט ער געטראכט ביי זיך. — געראָטן, פארשטענדיק און ניט קיין פוילער. העלפט דער מאמע אין קלייטל, און ווען ער קומט אין קלויז נעמט ער א ספר און קוקט אריין. קיין סך פארשטייט ער נעבאך ניט. פון וואנען זאָל ער קענען? ווען האָט ער צייט געהאַט צו לערנען? נאָר גאָרניט, א וואוילער בחור איז ער. יאָ.

א שטאָטישער גוי איז פארבייגעגאנגען און אים געגריסט. נאָטע האָט געענטפערט און ווייטער געטראכט: — יאָ, א וואוילער בחור. און שימעלע איז אויך נישקשה פון א אינגל. א ביסל צו קליין פאר זיינע יאָרן און פארגרינט. נאָר גאָרניט, ער וואָלט אויך געקענט ווערן א לייט. יאָ. און ער האָט אָפּגעזיפצט.

און פּלוצים מיט ווייטאָק: ווען איך זאָל נאָר האָבן וואָס צו טאָן, עפּעס פארדינען און זיך ניט ארומדרייען שלינג און שלאנג!

ער האָט זיך אויפגעזעצט.

די זון איז שוין געשטאנען גאנץ נידעריק. און איבער די פעל־דער האָבן זיך געלעגט ראָזעווע שאָטנס. פון דערווייטנס האָט זיך באוויזן א שווארץ פּינטעלע, וואָס האָט זיך געקייקלט און דאָך אויס־געזען ווי עס וואָלט געשטאנען אויף איין אָרט. באלד אָבער איז עס פארשוואונדן הינטער א בוים און אין א ווײלע ארום זיך צוריק בא־וויזן פון הינטער א פעלד מיט זאנגען. דאָס מאָל האָט שוין נאָטע דערקענט, אז דאָס גייט א איד פון ערגעץ. אזוי שנעל איז דער איד געגאנגען, אז עס האָט זיך געדאכט, אז ניט ער גייט נאָר ער קייקלט זיך אויף רעדלאך.

דער איד איז צוגעקומען אלץ נענטער און נענטער און נאָטע

דער אינזל

האָט דערקענט, אַז דאָס איז פישעלע דאָרפסגייער. יאָ, דאָס איז ער. באַטש זיין פּנים האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָנגעזען. ער האָט אים דערקענט אָן די דריי קאָרבן וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך — איינעם אויף דער פּלייצע און צוויי אָנגעהאַנגען אויף די הענט. ווי אַ זייגער פּלעגט זיך פישעלע אָנרוקן יעדן פאַרנאַכט אין מאַרק אַריין מיט זיינע דריי קוישן און אָפט נאָך מיט אַ טאָרבעלע צוגע־בונדן צו איינעם פון זיי און מיט קינינגלאַך איינגעשטעקט אין דעם שטריק, וואָס האָט ווי אַ גאַרטל אַרומגענומען זיין שפּענצער. די אידן וואָס זיינען געשטאַנען אין מאַרק האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען פישעלע קומט איז צייט צו גיין צו מנחה־מעריב.

די משא, וואָס פישעלע האָט איצט געטראָגן אויף זיך, האָט אויסגעזען זייער שווער. וואָרים גאָרניט ווי זיין שטייגער איז זיין קאָפּ דאָס מאָל געווען שטאַרק אָנגעבויגן, אַזוי אַז די אויגן האָבן ניט געקוקט פאַר זיך נאָר צו דער ערד. און פון דעסטוועגן האָבן זיך זיינע פיסלאַך געיאָגט גיך, גיך, ווי זיי וואָלטן זיך גוואַלדיס איילן און מורא געהאַט זיי זאָלן ניט פאַרשפּעטיקן.

נאָטע האָט געשמייכלט ווען פישעלע איז אים פאַרביי־געגאַנגען און אים אַפילו ניט באַמערקט. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ רוף טאָן פישעלע׳ן ביים נאָמען, גלאַט אַזוי, צו זען אויב די יאָגנדיקע פיסלאַך וועלן זיך אָפּשטעלן. אָבער איידער וואָס־ווען, האָט זיך שוין פישעלע געהאַט פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקער סטעזשקע.

— אָט דאָס באַשעפעניש — האָט נאָטע געטראַכט — איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, און איך, נאָטע, — נאַ! בעסער ניט טראַכטן וועגן דעם.

אָבער עס האָט זיך פאָרט געטראַכט, און וואָס מער ער האָט געטראַכט אַלץ אומעטיקער איז אים געוואָרן אויפ׳ן האַרצן.

— וואָס וועט זיין, נאָטע? וואָס וועט זיין?

אַן אויסגעצויגענער, ברייטער און הייזעריקער ברום פון אַ בלעכענער טרובע האָט זיך דערהערט פון דערווייטנס און ווי מיט אונטערגעהאַקטע שפּרונגען זיך צעשאָטן און צעלעגט איבער די פעלדער. נאָטע האָט געוואוסט, אַז דאָס טרובעט איצט דער שטאָט־פּאַסטוך, וואָס טרייבט די בהמות אַהיים פון דער בלאָניע, און האָט דערפילט אַז מען דאַרף גיין אַהיים.

אין מיטן וועג זיינען אים אַקעגנגעקומען עטליכע באָרוועסע שקצים און שיקסעס, וואָס זיינען איצט געגאַנגען פון דער אַרבעט, געשטויסן זיך און געלאַכט הויך אויפ׳ן קול. נאָטע האָט זיי נאָכ־געקוקט, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט האָט זיך זיין עלנבויגן ניט ווילנדיק אָנגעשטויסן אָן עפּעס אַ ווייכע און לעבעדיקע זאַך,

וואָס איז צוריק אָפּגעשפּרונגען ווי אַ גומענער באַל. אַ שאַרף פון אַ קלייד — און זיינע פיס האָבן זיך פון זיך אַליין אָפּגערוקט אין אַ זייט און האַרט ביי זיין נאָז איז פאַרבייגעלאָפן אַ שיקסע, וואָס איז קענטיק צוליב עפּעס געבליבן פון הינטן און האָט זיך איצט געיאָגט דערכאַפּן יענע. עפּעס האָט אים אַ צימבל געטאָן אין די אויערן און אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט ווי זי לויפט און קאַטשעט זיך אין דער ברייט ווי אַ קאַטשקע און ווי עס טרייסלען זיך אויף איר די היפטן. דערנאָך האָט ער אַ צי געטאָן די פּלייצעס, אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

ביינאַכט, ווען גרשון מיט שימעלע'ן זיינען שוין געשלאָפן און הינדע מירל איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי פּלוצים באַמערקט, ווי נאָטע, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט אויף און אָפּ אין שטוב מיט אַן אָפן מויל, שטעלט זיך פּלוצינג אָפּ און קוקט אַריין צו איר אין אַלקער. זיין קוק איז געווען עפּעס גאָר אַנדערש ווי אַלעמאָל, און אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס איז איר מיט אַמאָל ווי אַ דין און שאַרף נאָדעלע דורכגעלאָפן פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער.

וואָס ווייטער איז געווען איז פאַר איר שוין ניט געווען קלאָר. איר גאַנצער קאָפּ איז איצט געווען פול מיט הייסע נאָדלען, וואָס האָבן געבריט און געשטאָכן, ביז צום חלש'ן. דערנאָך, ווען דער לאָמפּ איז שוין געווען אויסגעלאָשן, און נאָטעס באָרוועסע טריט האָבן זיך דערהערט אין דער פינסטער, האָט הינדע מירל מיט איר גאַנצן לייב געוואוסט, אַז דאָס גייט ער ניט צו זיין בעט נאָר צו איר.

זישאַ לאַנדוי:

קלאָג מוטערס

די טעג האָט יעקב מילך פאַרעפענטלעכט אין דער „פרייע אַר־בייטער שטימע" אַ דריי־פיר שפּאַלטיקע טענה, פאַרוואָס מען מאַכט ביי אונז אַזאַ ווען פון פּאָעטישע נאַרישקייטן און וויכטיקע וויסנ־שאַפטלאַכע אַרבעטן פאַרנאַכלעסיקט מען אינגאַנצן. מיט אותות און מופתים האָט ער באַוויזן, דאָס וואָס אַנדערע אידישע פּובלי־ציסטן האָבן שוין געטאָן פאַר אים, און וועלן מסתמא טאָן נאָך אים, אַז די קולטור פון אַ פאָלק דריקט זיך ניט אויס בלויז אין לידער און מעשיות.

די טענה איז זיכער אַ גערעכטע. און יעדער איינער וועט מודה זיין, אַז אַזוי דאַרף ניט זיין. דאָך קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן,

דער אינזל

אז מאָרגן, צי איבערמאָרגן, וועט די דאָזיקע טענה ווידער ארויפ־שווימען און ווידער מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט: אַלץ וועט בלייבן ביים אַלטן.

פאַרוואָס? גאָר פּשוט, ווייל די דאָזיקע קלאָגמוטערס נעמען אַליין ניט ערנסט דעם גאַנצן ענין וועגן וועלכן זיי קלאָגן אַזוי פיל. וואָרים וואָלט עס זיי ווירקליך אַזוי געגאַנגען אין לעבן, אַז וויכ־טיקע וויסנשאַפטלאַכע אויפטואונגען זאָלן ניט פאַרשווינדן, ווערן וואָלטן זיי דאָך אַנשטאָט קלאָגן עפּעס געטאָן.

נעמט, למשל, די אַלע וויכטיקע דערשיינונגען, וואָס יעקב מילך דערמאָנט אַז זיי זיינען מיט אומרעכט פאַרשוויגן געוואָרן. צו וואָס קלאָגן וועגן דעם? אויפ'ן זעלביקן פּלאַץ האָט ער זיך דאָך געקאָנט אַוועקזעצן, אָנשרייבן עפּעס און גע'פּטר'ט אַן עסק! ער מיינט דאָך געוויס ניט, אַז איך, אָדער אַן ענלאַכער צו מיר, וואָס ווייס ניט וועגן יענע הויכע ענינים זאָל שרייבן וועגן זיי. וואָרים ער ווייס דאָך, אַז וועגן אַזוינע זאַכן דאַרף שרייבן ער אַליין, אָדער כאַטש שמערל, וואָס איז אַזאַ בר סמכא ווי ער. פאַרוואָס־זשע שרייבן זיי טאַקע ניט, ער צי שמערל?

די דאָזיקע פּובליציסטן דערמאָנען זייער שטאַרק אָן יענע כשר'ע אָבער זייער ניט רירעוודיקע ווייבלאַך, וואָס גייען אויס פון קנאה, ווען זיי זעען ווי אַלע יונגעלייט ווערן פאַרכאַפּט פון אַ שיין מיידל, וואָס קאָן זיך דרייען אויפ'ן קאָרק, און האַלטן אין איין טענה'ן אַז אַ שיין פּנימ'ל איז ניט אַלץ. און זיי ווייסן נעבאָך ניט, די כשר'ע צניעות, אַז יענע, די פאַרשייטע, געפעלן, ווייל זיי ווילן געפעלן ווערן, ווייל זיי טוען אַלץ וואָס איז נויטיק כדי געפעלן צו ווערן.

מען מוז ריידן וועגן אונזערע פּאָעטן און דערציילער, ווייל זיי זיינען לעבעדיקע מענטשן, און ניט קיין קלאָג אידענעס, ווי אונזערע פּובליציסטן. זיי לאָזן זיך פּשוט ניט פאַרשוויגן. די אידישע צייטונגען ווילן ניט אָדער דאַרפן ניט קיין לידער? קיין אומגליק ניט. שאַפט מען פאַר זיך אייגענע זשורנאַלן. זיי האָבן ניט קיין אריכת ימים? אויך ניט קיין אומגליק. גייט אונטער איינער גיט מען ארויס אַ צווייטן. אַזוי טוען לעבעדיקע מענטשן וועמען עס איז באמת נוגע דער ענין מיט וועלכן זיי באַשעפטיקן זיך.

אָבער די דאָזיקע אידענעס טוען דאָס ניט. מוז מען אָננעמען אַז זיי אַרט ניט זייער ארבעט. אַז אין תוך איז זייער גאַנצע וויסנשאַפט מסתמא ניט זייער באַרוף, נאָר אַ מין נעבענזאַך, צו וועלכער מען נעמט זיך אין דער פרייער צייט אָדער פּשוט אויס לאַנגווייליגקייט.

אַ זשורנאַל געווידמעט ריין וויסנשאַפטלאַכע אָדער פּובליציס־

טישע פראגן וואָלט מסתמא געהאַט זיין לעזער קרייז, זיכער מער לעזער ווי אונזערע ליטעראַרישע זשורנאַלן. אָבער אונזערע וויסנ־שאַפטסלייט וועלן עס ניט טאָן. פשוט ווייל דערצו פאָדערט זיך אביסל אָנשטרענגונג און צו דעם זיינען זיי ניט פעאיק.

איבריגנס איז אפשר בכלל באַקוועמער צו זיין אַ קלאָג מוטער, איידער אַ טוער. מיט טאָטן איז מען קיינמאָל ניט זיכער צי וועלן זיי אויסנעמען. ווען מען האָט אָבער טענות צו דער וועלט, האָט מען אי מער אָנזען און אי מען איז חשוב׳ער ביי זיך. וואָרים אַ געקריוודעטער וואַקסט אייביק אויס אין די אייגענע אויגן.

עוואָלוציע

באַגעגנסט אמאָל אַ וואָרט, אַן אויסדרוק צי אַ זשעסט, וואָס דערלאַנגט דיר ווי מיט אַ שטעקן איבער׳ן קאָפּ און דו מוזסט דיר שטאַרק אויסרייבן די אויגן איידער דו קומסט צו זיך.

און אַז דו ביזסט שוין געקומען צו זיך און האָסט שוין דריי מאָל אויסגעשפּיגען, פּילסטו ערשט אַז עפּעס אומריינעס איז דיך באַפאַלן און אַז דו דאַרפסט זייער נויטיק אַ וואַנע.

אַרגומענטירן וועט דאָ ניט העלפן, האָסט ניט וואָס צו ענטפערן, האָסט ניט וואָס קעגנצושטעלן, אַלץ וואָס עס בלייבט דיר איז אויס־צובייטלען אַל די גוטע יאָר, אַ ציה טאָן דעם הוט איבער די אויגן, אריינשטופּן די הענט אין די קעשענעס און אויסשפּייענדיק אַוועק־שפּאַנען.

אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק ווען איך האָב געלייענט דאָס פאָרוואָרט, וואָס מלך ראַוויטש האָט פאַרפאַסט צו זיינע „נאַקעטע לידער“, אָבער אַ געפיל פון ווייטאַג און שאַנדע פאַר ראַוויטש׳ן איז מיך באַפאַלן, ווען איך האָב עס צופעליק איבער־געלייענט נאָך אַ מאָל מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

„צו אונזער ליטעראַטור, צו וועלכער מיין מזל און מיין מאַמע לשון האָט מיך צוגעבונדן, ווילם איך אַוועקגעבן מער ווי מיין לייב און מער ווי מיין גייסט. און זי דאַרף מענשן און ווערק — נישט לידער און פּאָעטן“.

עס האָט זיך שוין געטראָפן, אַז מענשן, וואָס האָבן געהאַט אַ פּען אין דער האַנט, האָבן זי אַוועקגעוואָרפן און גענומען זיך צו פּאָליטיק. זיי האָבן אָבער דערפון ניט געמאַכט קיין צימעס. ווען איך האָב עס געלעזן צום ערשטן מאָל, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָב איך ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענש ראַוויטש קלייבט זיך צו ווערן,

און מיט וואָס ער איז דאָס פריער קיין מענש ניט געווען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז גראָד שוין גאָר אַ מענש געווען. אָבער פאַרפאַלן — מסתמא וויל ער מיך דאָס איבעראַשן. איך האָב ניט געוואוסט, איך האָב ניט געהאַט קיין אַנונג, וואָס פאַר אַ ווערק ער קלייבט זיך דאָס געבן. איך האָב געמיינט אַז „שפינאָזא" איז אַן אויפטו; אַז „רואינען גראָז" איז אַן אויפטו, און די אַלע אַנדערע פיינע זאַכן זיינע. אָבער איך האָב געוואַרט.

נאָר אַפּנים, אַז ראַוויטש האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ער איז געוואָרן דער מענש, ער האָט געשאַפן דאָס ווערק, ווייל איצט קלאָגט ער זיך שוין ניט.

מלך ראַוויטש האָט אַ רעכט צו טאָן מיט זיך וואָס ער וויל. קוים אָבער איז ער דערמיט אַרויס אין דער עפנטלאַכקייט, האָב איך אויך אַ רעכט צו טראַכטן, אַז עס איז ניט כדאי געווען אַ באַדייטנדן פּאָעט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן אומהיימליך ביליקן קווי־טשער, צו ווערן אַ „מענש" אין די ליטעראַרישע האַנדלס־בלעטער, און אַ משרת ביי יעדער טאַלאַנטלאָזיקייט וואָס פאַרגלאָצט די אויגן צום באַלקן.

שווער איז מיר צו זאָגן די דאָזיקע ווערטער. מיר איז בכלל שווער צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן אַ מענשן, וועמעס איין־איינציקע שורה האָט מיך אַמאָל אַ רייץ געטאָן. איר, מלך ראַוויטש, זיינט דאָך אַמאָל געווען פאַר מיר אַזוי פיל, און נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג קען איך זיך ניט באַפרייען פון בילדער און שורות אייערע, וואָס האַלטן זיך אין איין פּלאָנטערן אין מיין קאָפּ.

אן אומבאַרעכטיקטע אַטאַקע

די אַטאַקע וואָס י. י. זיננער האָט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" געמאַכט אויף אורי צבי גרינבערג, האָט מיך פאַרוואונדערט. וואָס האָט דאָ גרינבערג אַזוינס געטאָן? ער האָט אָפּגעלאַכט פון אידיש? ווען אַ מענש קען אָפּלאַכן פון דער שפּראַך אין וועלכער ער האָט געשריבן, איז דאָס ניט קיין אומכבוד פאַר דער שפּראַך נאָר פאַר אים אַליין.

אַלץ, וואָס זיננער זאָגט וועגן גרינבערגן איז אמת. אָבער עס איז געווען פונקט אַזוי פאַראַיאָרן אָדער פאַרצווייייאָרן, ווען גרינבערג און דער רעוואָלוציאָנערער גראַגער פּרץ מאַרקיש האָבן געקערט וועלטן. מיט וואָס גרינבערג איז היינט ערגער געוואָרן ווי פריער, הייב איך אָסור ניט אָן צו ווייסן. אפילו ביי זיינע בעסטע געפילן און זיין

העכסטער מיינונג וועגן אידיש האָט פון אים אויך געשלאָגן צום הארצן.

איך האָב דאָס געפיל, אז ביי אזא שרייבער ווי זינגער האָט אזא פלאָקן־שיסער ווי גרינבערג אייביק געדארפט ארויסרופן אן עקל. פונקט ווי מיר דאכט, אז אזא דיכטער ווי מלך ראוויטש וואָלט פשוט פיזיש ניט געדארפט פארטראָגן אזא פסעוודאָ־פּאָעט ווי פרץ מאר־קיש. און דאָך האָט דער זעלביקער ראוויטש, וואָס זיין טיף עטיש געפיל און זיין גרויסע ליבע צו אלץ וואָס לעבט האָט אים געמאכט פאר א וועגעטאריער און א פריינט פון לייז, העלפאנטן און עקדישן, ווי א צעווילדעטער אייזל זיך געוואָרפן אויף מענשן, וואָס האָבן געוואגט צו צווייפלען אין מארקיש'עס גרויסקייט. און איך האָב מורא, אז ווען זינגער וואָלט דעמאָלט געזאָגט וועגן גרינבערג'ן דאָס, וואָס ער זאָגט איצט, וואָלט ער ביי ראוויטש'ן ניט בעסער אָפּגעשניטן.

שווידערלאך שלעכטע לידער האָט געשריבן גרינבערג. דאָס זעלביקע האָט געטאָן פרץ מארקיש.ביידע האָבן געוואָרפן די שולד אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, און אויף די אידישע אומגליקן. מעגליך, אז דאָס איז אן אנטשולדיגונג, אָבער אין קיין פאל ניט קיין בארעכטיקונג. רוסישע רעוואָלוציע און אידישע פּאָגראָמען בארעכ־טיקן בשום אופן ניט קיין שלעכטע לידער. פונקט ווי עס בארעכ־טיקן ניט קיין שלעכטע ווערק גרויסע טעמאס, וועלכע מען קען ניט איינבייסן, אָדער גרויסע היסטאָרישע געשטאלטן, צו וועלכע מען ווייס ניט ווי אזוי צוצוגיין.

זינגער'ס אטאקע אויף אורי צבי גרינבערג ווייזט כאָטש איין גוטע זאך, אז מען האָט ביי אונז די לעצטע צייט אויפגעהערט דרך ארץ צו האָבן פאר „שווידערלאכע" טעמאס. זאָל דאָס פאר אונז זיין א טרייסט און אן אָנזאָג, אז עס קומט באלד די צייט און מען וועט ביי אונז אויך אויפהערן דרך ארץ האָבען פאר „גרויסע" טעמאס.

דער אינזל

ר. אייזלאַנד:

די טראַבל מאַכערס

פון 53טן נומער „ליטעראַרישע בלעטער" דערוויסן מיר זיך, אז י. אָפּאַטאָשו איז שוין בשלום אָנגעקומען אין וואַרשע, און ווי אַלע חשוב'ע געסט, זיך געלאָזט אינטערוויואירן. פון זיין אינטערוויו אין די „ליטעראַרישע בלעטער" ווערן מיר אויך געוואָר, אז ער האָט צו אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים געבראַכט גוטע בשורות פון אונז, דאָ, אין אמעריקע: אז אידן מאַכן דאָ, ב"ה, א פיינעם לעבן; אז די צוקונפט פון אידיש איז דאָ א גלענצנדע, א דאַנק די אידישע שולן, און אז די אידישע ליטעראַטור געפינט זיך דאָ אין א בליענדן צושטאַנד. ווי דער שטיינער, האָט ער אויך ניט פאַרגעסן צו דער־מאָנען, אז אמעריקע לאָזט זיך שטאַרק פילן אין די ווערק פון די היגע אידישע שרייבער. ניט נאָר דערמיט, וואָס די היגע אידישע שרייבער האָבן זיך גענומען צו אמעריקאַנער טעמעס, נאָר אויך דערמיט, וואָס אפילו אין די ווערק וואו זיי שרייבן פון אַמאָליקן לעבן, אין דער אַלטער היים, פילט זיך אויך דער היגער אמעריקאַנער גרויסער פאַרנעם. פאַר דעם קומט אים געוויס א גרויסער יישר כח, הגם עס מעג אביסעל פאַרדריסן למאי ער האָט ניט אָנגעוויזן, אז אנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין, ווען מען לעבט אין א לאַנד פון פּריירים און שטאָלענע הימל־קראַצערס. דאָס וואָלט געווען איבערצייגנד.

בלויז איין זאַך פאַרשטערט אָפּאַטאָשון אביסל די שמחה: די עטלאַכע טראַבל־מאַכערס, וואָס האָבן זיך די לעצטע צייט באַוויזן אויף דער היגער אידישער גאַס, באַשאַפן א קינסטלאַכע גרופּן־צעטיילונג און דערלאָזן ניט, אז אין היגן אידיש־ליטעראַרישן וועלטל זאָל הערשן שלום און אחדות. ווען ניט די דאָזיקע טראַבל מאַכערס, וואָלט שוין לאַנג געקומען די גרויסע ליטעראַרישע גאולה, און עפּעס קאָלאָסאַלעס וואָלט געשאַפן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אז דאָס איז א נישטיקע חברה, וואָס האָט קיינמאָל קיין סך ניט געהאַט צו זאָגן, און דאָס ביסל וואָס זיי האָבן יאָ געהאַט איז שוין אויך לאַנג אויס־געוועפּט געוואָרן. און די קינסטלאַכע צעטיילונג אין ריכטונגען איז זיי נייטיק, כדי מען זאָל וויסן, אז זיי זיינען נאָך דאָ אויף דער וועלט.

איז ער מסתמא נערעכט, אונזער ליבער אָפּאַטאָשו. אבער פאַר־וואָס קלינגט זיין קול אזוי טרויעריק, ווען ער רעדט וועגן זיי? איז דאָס ניט א סימן, אז עפּעס איז ער נאָך גאָרניט אזוי זיכער מיט דער דאָזיקער חברה? אז עפּעס שרעקט זיך אים דאָס הארץ, אז זיי

זאָלן נים אין איין שיינעם טאָג ארויסקומען אומגעריכטערהייט און ערקלערן, אז הינטער דעם כלומרשטן טעאָרעטישן קאמף צווישן „עסטעטיס" און „עטיק", גייט אייגנטלאך אָן א מער ממשות'דיגער קאמף צווישן טאַלענט און אויפגעבלאָזענע רעפּוטאציעס?

דער נאַאיווער דוד איגנאַטאָוו

איך מוז זיך מודה זיין, אז ביי מיר אין הארצן איז נאָך אַלץ פאראן א שטיקל שוואכקייט צו דוד איגנאטאָוו, הגם דאָס וואָס ביי מיר איז איצט רעכט איז ביי אים שוין לאַנג נים ניחא. און פאר־קערט. דעריבער „בלוטיקט" מיר פשוט דאָס הארץ, ווען איך דערמאָן זיך, אז ער, דוד איגנאטאָוו, האָט געקענט זיין אזוי נאאיוו צו גיין זוכן גערעכטיקייט ביי שכנא'ן מיט משה'ן.

און נאָכמער ארט מיך, וואָס דוד איגנאטאָוו איז אין זיין נאַ־איווקייט אוועק אזוי ווייט צו מיינען, אז דאָס וואָס עס ווערט באַ־טראכט פאר א רעוואָלוציע ביי קינסטלער, ווערט אויך בארטאכט פאר א רעוואָלוציע ביי סאָציאַל־פּאָליטיקער און פּארטיי־פירער, בעת ער האָט געדארפט וויסן בעסער, אז דוקא דאָס וואָס ביים קינסטלער איז א רעוואָלוציאָנערער אויפטו, איז ביי די סאָציאַל־פּאָליטיקער און פּארטיי־פירער א רעאקציאָנערער אקט. און געדארפט האָט ער אויך וויסן, אז ביי דעם אמת'ן סאָציאַל־פּאָליטיקער דארף דער עצם ענין פון קונסט אין תוך זיין פארהאסט, מחמת אין דער קונסט זעט ער דעם געפערלאכן גענגער, וואָס נים נאָר לאָזט ער זיך נים ביי־קומען נאָר ער ווירקט נאָך אקעגן דאָס, וואָס זיי, די סאָציאַל־פּאָלי־טיקער, ווילן אייגנטלאך דערגרייכן, אז אַלץ וואָס לעבט און רעגט זיך אין מענטשן, זאָל פארטעמפּט ווערן, כדי ער זאָל האָבן פאר זיך בלויז איין ציל, דעם, וואָס זיי האלטן פאר זיינע אויגן. געפינען זיך שוין טאקע היינט צו טאָג אזוינע קאָמוניסטישע שרייבער (ווי, למשל, דזשיימס פוקס פון דער „ניו יאָרקער פאָלקסצייטונג"), וואָס זאָגען, אז איין צווייג פון דער קונסט, דער ראָמאַן, איז שעדלאך פאר די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, ווייל, פונקט ווי די רע־ליגיע, איז דער ראָמאַן „אָפּיום פאר'ן פאָלק". און טאָמער וועט מ'ען מיינען, אז ער האָט אין זינען געהאט דעם שונד־ראָמאַן, באמת ער זיך און נים צו פארשטיין, אז ער מיינט דוקא דעם קינסטלערישן ראָמאַן. וואָרים דעם שונד־ראָמאַן, וואָס האָט נים זיינע אייגענע

געזעצן, קע, מען זייער לייכט אויסנוצן פאר פראפאגאנדע־צוועקן.

וואלט דוד אינגאטאוו ניט געווען אזוי נאאיוו, וואלט ער גע־וואוסט, אז אין דעם פרט איז זיכער שכנא גערעכט און ניט ער. נאר דער קינסטלער האט אים ערגעץ אנדערש, אפילו ווען ער איז פון זיין שטאנדפונקט גערעכט. אבער ווען דוד איגנאטאוו וואלט ניט געווען אזוי נאאיוו, וואלט ער דאך אויך געוואוסט, אז מען דארף ניט ערשט ווארטן צו זען, אויב דער נייער פראלעטארישער פריץ וועט זיך אפשטעלן און א געשריי טאן: „ניע פאזוואליאם“, כדי דערנאך זיך אויפצוהייבן און א שפאן צו טאן איבער זיין קאפ, אז עס איז פיל לייכטער אים פשוט פארבייצוגיין און זיך איגנאנצן ניט אומקוקן אויף אים.

אין פארלאג „אינזל“

ערשיינען אין גיכן פאלגנדע ביכער:

דזשעק לאנדאן:

דער אייזערנער קנאפל.
די שטימע פון בלוט.
דער וועג.
פאר אדם.
איבער דער וועלט.
דער ים־וואלף.
מארטין אידען.
ווען גאט לאכט.

הערמאן באנג: אן א פאטערלאנד.

ב. לאפין: די רוסישע ליריק.

אסיפ דימאוו: מיידלאך—מוטערס

פעטער אלטענבערג:

ווי איך זע עס.

א. קופרין: שולמית.

א. קופרין: דערציילונגען.

היפאליט טען:

די פילאזאפיט פון קונסט.

רודוארד קיפלינג:

איבער דער וועלט.

ווינטשענקא: — דערציילונגען.

באלזאק:

פריילאכע מעשיות.

מאדעם מיניאן

דער אלטער גאריא.

צו אונזערע אבאנענטן

דער „אינזל“ דערשיינט בעפאר דעם 1טן פון יעדן מאנאט. אויב עמיצער פון אונזערע אבאנענטן האט דעם נומער ניט באקומען ביז׳ן 5טן, בעטן מיר אים אונז צו לאזן גלייך וויסן.

דער קונדס

באהאנדלט די וויכטיקסטע געזעל־שאפטלאכע און קולטורעלע פראגן — שארפזיניג, אן מורא און אן רחמנות.

קעמפּ „גן־עדן“

אידעאַלסטער זומער־פּלאַץ

פּראַכטפול שעהנע בערג — גרויסע לאָנקעס. — צעהנדליגער אקערס וואלד. — אן אייגענער טייך.

בלויז אַ שעה און אַ האַלב פון ניו יאָרק

דער קעמפּ „גן־עדן“ פארנעמט איבער הונדערט אקער לאנד. געפינט זיך אין קאָלד ספּרינג. אַנדערהאלבן מייל פון סטיישאַן. 52 מייל פון ניו יאָרק. איר קענט פאָ־ן מיט „גרענד סענטראל“. $3.40 הין און צוריק, אָדער מיט דער שיף. בעסטע באהאנדלונג פאר זייער א מעסיקן פרייז.

פּאַר אַלע אינפאָרמאַציעס זיך ווענדען:

קעמפּ „גן־עדן“ 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

אן אויסגעבעסערטע אויפלאגע

פון

מאני לייבס

לידער

סלאווישע מאטיוון

באלאדן

אין איין באנד.

ווערט צוגעגרייט אין פארלאג „אינזל".

פערלשטיין און קאָמ.

האָט געעפנט א נייע סטאָר

באקאַנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאָק דעם רייכסטן און פארשיידנ־ארטיקסטן אויסוואל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיק אטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.,
200 East Broadway,
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

געזאַנגען פון אונזער דור

א באנד לידער פון

י. גויכבערג

ערשיינט אין גיכן.

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר

אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער ספּעציעלע פּרייזן פאַר די זומער חדשים. שרייבט פאר אינפאָרמאציע.

באשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

דר. ש. פּאקס

דענטיסט

דאַון טאַון אָפּיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

אָפּ־טאַון אָפּיס:
1490 קראָטאָנא פּארק

דר. אברהם איסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפּיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)

דענטיסט

184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשאַרד 6794

„אַ מעשה פון ים און אנדערע לידער"

פון אלף כץ.

צו באַקומען אין בוכהאַנדלונגען און פון
ALEPH KATZ
85 Washington Place
New York City
פּרייז 1 דאָלאר.

זאקס און שטיינפעלד

יוניאָן פּרינטערס

12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרח, נ. י.
טעלעפאָן דריידאק 0432

סופרים פּרעס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.

דרוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

דער נייער אדרעס פון

„אינזל"

254 הענרי סט.
ניו יאָרק.

מייזעל'ס בוך סטאָר

לייגט פאָר פאר גאָר א קורצער צייט אַ ווירקלאך גרויסן באַרגיין:

3 ווערטפולע סעטס ביכער פאר דעם פרייז פון איין סעט

דעם ווערט פון $45.50 פאר בלויז $27.50

י. ל. פרץ, געזאמלטע ווערק, 13 בענד, פראכטפול געדרוקט און געבונדן, פרייז — — — — $27.50.

דארווינס אפשטאַמונג פון מענשן, דע־לוקס אויסגאבע, אין 3 בענד, 1,060 זייטן, פרייז — — — $9.00.

משה נאַדירס געזאמלטע שריפטן, 6 בענדער אין לעדערעט איינבאנד, פרייז — — — $9.00.

אלע דריי סעטס אין איינעם פאר $27.50

(עקספרעס עקסטרא)

באנוצט זיך מיט דער געלעגנהייט ווי לאנג איך האָב נאָך די מעגלאכקייט צו פארקויפן די סעטס פאר אזא נידעריקן פרייז.

Max N. Maisel, 424 Grand St., New York

זישע לאַנדוי:

אנטאלאגיע

פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקא

פרייז $2.00

צו באַקומען אין פארלאג „אינזל".

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 5 — יולי, 1925

ר. אייזלאנד — פיר לידער.

פיליפּ ס. וואלד — אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן.

מענדל נייגרעשיל — כינעזישע לידער.

ר. אַייזלאַנד — מר. גוסטאוו גילדנער.

ז. לאַנדוי — צוויי לידער.

נ. פּאָמעראַנץ — פּיליפּ ס. וואַלד.

דוד קאַזאַנסקי — יודעל.

ר. א. — נאָטיצן.

25 סענט א נומער. — $2.50 אַ יאָר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

Price per year, $2.50 — Single copies, 25c.

ה. געלבוים׳ס האָטעל ראָסמאָר

געפינט זיך אויף דעם העכסטן
פונקט אין די קעטסקיל בערג.
די אלע באקוועמליכקייטן, וואס
האָטעל ראָסמאר פארמאָגט, די
פיינסטע באהאנדלונג, די אויסגע־
צייכנטע שפייזן און די געזעלשאפט
וואס איר וועט דאָרט באגעגענען,
פארזיכערן אייך א וועקיישאָן ווי
איר׳ האָט נאָך ביז איצט ניט געהאט.

HOTEL ROSSMORE, Highmount, N. Y.

זישא לאַנדוי:

אנטאלאגיע
פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקא

פרייז $2.00

צו באַקומען אין פארלאג „אינזל".

דער קונדס

באהאנדלט די וויכטיקסטע געזעל־
שאפטלאכע און קולטורעלע פראגן
— שארפזיניג, אן מורא און אָן
רחמנות.

זישאָ לאַנדוי
דער בלויער נאכטיגאל
שפיל אין דריי סצענען.
פרייז 35 סענט.
צו באקומען אין פארלאג „אינזל".

UP-TO-DATE PRINTING CO., INC., 195-197 CANAL ST., NEW YORK

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 5 | יולי, 1925 | ניו יאָרק

ר. אייזלאַנד:

פּאָרטרעט

דאָס שאַרפֿע נעזל ברוגז צו דעם דיל,
די דינע ליפּלאַך ווי צונויפֿגעקלעפּט.
דאָס דאַרע הענטל ווי פֿון דראָט געוועבט
קלעפּט אויפֿ'ן טיש פֿאַרביסן, האַרט און שטיל.

און ווי אַ שלענגעל צווישן גלאַנציק שטרוי,
קלאַפּט אויף איר שלייף אָן אָדער דין און בלוי.
די בייזע שנאה צינדט די אויגן גרוי.
דאָס הענטל אָבער קלעפּט פֿאַרביסן שטיל.

זיין וועג

זיין וועג באַלייטן יונגע געשווירענע קליאָנען,
און פֿאַר די פֿיס די שטיינער לייגן זיך און מאָנען.
און גראָזן נייגן זיך, און חורבות וואו די שדים וואוינען
גייען אויכעט מיט

און אַ פּראָצעסיע קייטלט זיך פֿון אולמען און טאָפּאָלן,
און ברייטע פּלאַנקענס בונט באַמאָלן,
און ס'קומט אַ פֿעטער, ברוינער זשוק צוקריכן פֿויל,
אַ קיילעכדיק לבנה־פּנים מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל,
און פֿון אַ וואַלד אַרויס, אַ רויטער קוימען.
ווי ווייטע אינזלען — האַלב פֿאַרגעסענע טרוימען,
און ריחות אויסגעוועפּטע, פּנימ'ער פֿאַרמעקטע,
פֿאַרבליטע שמייכלען און הענט פֿאַרגליווערט אויסגעשטרעקטע.
און איבער אַלץ אַ וויאָלעטער שיין.
וואָס ריזלט דורכ'ן בלוט ווי שמעקעדיקער וויין.

ד ע ר א י נ ז ל

דאָס ליד פון סאַקסאַפאָן

ווי געטראַנק, גיסט זיך געזאַנג
איבער אַלע גלידער.
אויבן פלאַם, און ווי אַ ים
נעפל אין דער נידער.

בייגיק־דין, ווי ביי אַ שפין,
שפרייטן זיך די הענט אויס.
יונג און ווייך, ווי כלות בלייך,
בייגן זיך די ווענט אויס.

גרויס דאָס גליק. און אינ׳ם בליק
גאָרטנס רייך־צעבליטע.
ס׳ווייננט נאָר שטיל אין האַרץ אַ גריל,
און שטערן רויט־צעגליטע.

ד ע ר ר ו ף

אַ האָרן רופט. און גרויער נעפל קנוילט זיך פעט און שווער.
דריי אויגיק שרעקיק ליכט און פון דער ווייט אַן אויטאָ פליהט אהער.
און אויפ׳ן ראָג דער גאַס־לאָמפּ, ווי אַ שטומער שומר שטייט און שטרענג
וואַרפט אָפּ זיין שיין.

נאָר פעטער נעפל זאַפט אים איין.
און זעצט זיך ווי אַ שד אַ שוואַרצער אויפ׳ן קאָפּ פון היטער,
און ווערט אַ זייל און ווערט אַ בוים און אויפ׳ן וועג פאַרציט ער
נעצען אין דער ברייט און לענג.

דער האָרן רופט. און איינעם ווערט איצט פלוצים ענג
זיין אייגן לייב. דערמאָנט ער זיך אויף ליבע וועגן,
וואו ס׳חלומ׳ט יעדעס גליד, ווי נאָך אַ זאַטן רעגן
בוים און גראָז.

א לייכטער בלאָז,
אַ שטויס, און ס'שפּרינגט דער וועג אָפּ אויף צוריק
נאָך איינמאָל כאַפּט ער יענעם שטומען שומר'ס בליק, —
ער איז ביים ציל.

פיליפּ ס. וואלד:

אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן

אין ניו יאָרק האָב איך געהאַט אַ סך שלעכטע חברים. יעדן סענט, וואס איך האָב פאַרדינט, פלעג איך פאַרשפּילן אין קאָרטן. האָב איך ביי זיך באַשלאָסן קיינעם גאָר ניט זאָגן און אוועקפאָרן קיין באָסטאָן. איך האָב גערעכנט, אַז אין באָסטאָן וועל איך אָנהויבן אַ נייַ לעבן.

איך בין געקומען קיין באָסטאָן, זיך אָפּגעזוכט אַ באָרדינג־הויז אין דער אידישער געגענט און גענומען פעדלען.

אָבער גאָר גיך האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן שרעקלאָך איינזאַם און איך האָב פאַרלאָרן די אַמביציע עפּעס צו טאָן. די פוילקייט איז מיר אַריין אין די ביינער און האָט ביי מיר צוגענומען די ענערגיע און דעם חשק ווייטער צו פעדלען. אַ גאַנצן טאָג פלעג איך אָפּזיצען אין די „לאַנטש־רומס" און לעזן די שפּאַנענדע שונד־ראָמאַנען פון די טעגלאַכע ענגלישע צייטונגען, און ביינאַכט פלעג איך גיין איינער אַליין אין טעאַטער.

ביסלאַכווייז איז מיין קליינער קאַפּיטאַל איינגעשרומפּן געוואָרן. אין באָרדינג־הויז בין איך שוין שולדיק געווען פאַר צוויי וואָכן און איך פלעג זיך שעמען קוקען אימיצען דאָרט אין פּנים אריין.

איין טאָג, בשעת אַלע באָרדערס זיינען געזעסן ביים פרישטיק, האָט מיך דער איינגנטימער אריינגערופן אין קיך...

איך האָב אינסטינקטיוו געפילט צו וואָס ער רופט מיך. איך האָב געהערט ווי די איבעריקע באָרדערס רעדן וועגן מיר און ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט סאַרקאַסטיש: „דער איד איז נעבאַך געבראָכן..."

אין קיך האָט מיר דער איד געלאָזט ווּיסן, אַז ער איז אַן אָרימאַן און קאָן מיך ניט האָדעווען, אַז ער האָט שוין מיין געלעגער פאַרדונגען אַן אַנדערן, און אַזוי ווי עס קומט אים פאַר צוויי וואָכן

רענט, זאָל איך ניט פאַרגעסן אים דאָס אריינברענגען ווען איך וועל זיין ביי געלט...

איך האָב זיך אריינגעצויגן אין א פינף־און־צוואנציק סענטיקן „האָטעל" אין האנאָווער סטריט.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבן צו פאַלן אַלץ טיפער אין דעם זומפּ פון לעבן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווינטער. שוין באַלד אין חודש נאָוועמבער האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע קעלטן. אַלטע איינוואוינער האָבן צווישן זיך געשמועסט און נביאות געזאָגט, אז מען קען זיך ריכטן אויף א לאַנגן און שטאַרקן ווינטער.

איך האָב שוין דאַן ניט געהאַט קיין שטענדיקע היים. גאַנצע טעג פלעג איך אָפּזיצען אין די „לאָנטש־רומס" פון העריסאָן עוועניו און צוקוקן ווי מען שפּילט אין קאָרטן. ביינאַכט, — אז איך האָב ערגעץ באַקומען צען סענט, — פלעג איך נעכטיקן אין דעם „לאָדזשינג־הויז" פון דער „סאַלוויישאָן־אַרמי". זייער אָפט אָבער האָב איך ניט געהאַט קיין צען סענט און אַזוי ווי די „אַרמי" האָט מיר ניט געוואָלט געטרויען קיין געלעגער האָב איך גענעכטיקט אין דרויסן.

אין באָסטאָן, אויב מען איז נאָר ניט קיין גרינער, זיינען פאַראַן אייניקע פּלעצער, וואו א היימלאָזער קען פאַרברענגען די נאַכט.

פון צען ביינאַכט ביז אַזייגער איינס בין איך געזעסן אין דעם גרויסן, באַקוועמען און וואַרימען סויט־סטיישן און כלומרשט געוואַרט אויף א טריין. איינס אַזייגער, ווען דער סטיישן־באַאַמטער איז געקומען און זיך געהייסן ווייזן א בילעט, ווייל ער וויל וויסן, וואו פאָר איך, האָב איך זיך שטילערהייט ארויסגערוקט פון סטיישן און בין גלייך אוועק אין די „קאָמאָנס".

די „קאָמאָנס" איז א פּאַרק, וועלכער געפינט זיך אין רעכטן צענטער פון שטאָדט, און די באָסטאָנער נעמען זיך שטאַרק איבער מיט זיין שיינקייט.

די שיינקייט פון'ם פּאַרק אינטערעסירט מיך ווייניק. א גרויסן אינטערעס האָט דער פּאַרק פאַר מיר, וואָס דאָרטן איז פאַראַן א מאָדערנע פּאָבליק „קאָמפאָרט־הויז" און אין דעם דאָזיקן „קאָמפאָרט־הויז" איז וואַרים...

עס איז אפילו ניט אזא אָנגענעמער אָרט צו פאַרברענגען עטלאַכע שעה, אָבער ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז אין דרויסן איז זייער קאַלט, קיין וואַרים רעקל איז ניטאָ, די שיך זיינען שטאַרק

צוריסן, מיד און שלעפעריק איז מען — איז אזא אַרט גאַנץ באַ־
קוועם...

איבעריגענס, בין איך דאָרט געווען אַ שטיקל בעל־הבית. ביי־
נאַכט איז דאָרט קיינער ניט געווען, אפילו אַ משוגע'נער האָט זיך
ניט באַוויזן. דער וועכטער, וואָס רייניקט דעם פּלאַץ, האָט אים
אינגאַנצן איבערגעלאָזט אין מיינע הענט. איך האָב זיך דאָרט
געפילט זיכערער ווי אין סטיישן, און אַ דרימל האָב איך דאָרט
געקענט כאַפּן און ניט באַדאַרפט ציטערן טאָמער כאַפּ איך „אַ
שנעל אין נאָז" פון אַ פּאָליסמאַן.

אומגעפער דריי אזייגער בין איך אוועק פון דאָרט און גענומען
אַ שפּאַציר אין דעם שמאָלן געסל, וואָס באַסטאָנער רופן „ניוס־
פּייפּער־עלי". דאָס געסל איז דער הינטערשטער אריינגאַנג צו די
אָפיסעס פון די עטליכע באָסטאָנער גרויסע, טעגלאכע צייטונגען.
דאָרטן האָבן זיך שוין געפונען די אינגלאַך, וואָס פאַרקויפן די
צייטונגען און האָבן שוין געוואַרט אויף די מאָרגן־אויסגאַבן.

איך בין דאָרט געקומען צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל
דאָרט בין איך געווען זיכער, אַז אַ פּאָליסמאַן וועט מיך ניט אָנ־
נעמען פאַר אַ וואַגאַבונד, אַן ארומטרייבער, ווייל איך קען דאָך זיין
איינער, וואָס וואַרט אויף די אויסגאַבע, און צווייטנס, — וואָס
איז געווען דער עיקר, — אין דעם דאָזיקן געסל געפינט זיך „גרילי'ס
רעסטאָראַן". דאָס איז אַ גרויסער און רייכער רעסטאָראַן און אין
דער פרי, ווען מען קאָכט די שפּייזן פאַר דעם קומענדן טאָג, איז
שטיין לעבן קיך ניט שלעכט. די הייסע פּאַרע שלאָגט זיך דורך אַ
וועג דורך די שפּאַלטן פון טיר און פון די עטוואָס־געעפנטע פענ־
סטער, און מען האָט אַ טאָפּלטן פאַרגעניגן: אי עס איז וואַרים
דאָרט צו שטיין און אי מען קען פילן דעם טעם פון די פאַרשיידענע
מאכלים...

אָבער דאָרטן בין איך ניט געווען איינער און איך פלעג מורא
האָבן דאָרט לאַנג צו פאַרברענגען. זייער אָפט פלעגן זיך חברה
דאַרפן שלאָגן צו קריגן אַ שטיי־פּלאַץ לעבן די קיך. די וואַרימע
פּאַרע אין דרויסן און די גוטע עסנס אינעווייניק האָבן ווי אַ מאַגנעט
צוגעצויגן צו זיך דאָס רוב פון די, וועלכע זיינען געווען היימלאָז
אין די גרויסע שטאָדט, און עס פלעגן זיך דאָרט, אין דעם פינ־
סטערן געסל, צוזאַמענלויפן פאַרשיידענע מינים טיפּן פון די, וואָס
ווערן גערופן „די פסולת פון דער געזעלשאַפט". די פּאָליציי האָט
שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף זיי, און כמעט יעדן געקענט ביים
נאָמען אָדער צונאָמען. ניט זעלטן פלעגט מען פון דאָרט אוועק־

פירן איינעם אין קייטן. און אָפט פלעג איך באמערקן אַ חשד אין די אויגן פון אַ פּאָליסמאַן קוקנדיק אויף מיר...

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, בין איך ווידער אַוועק צום סטיישן. דאָרט איז שוין געווען לעבעדיק, עס האָט שוין דאָרט גע׳רעש׳ט און געטומלט פון הונדערטער מענשן. איך בין אריין אין טואַלעט־רום, האָב זיך ארומגעוואַשען דאָס פּנים, פאַרקאַמט די האָר און מיט אַ מאָרגן־צייטונג, וואָס מען האָט לייכט געקענט דאָרט געפינען, בין איך ארויס אין גאַס...

יעדעם מאָל, וואָס איך פלעג „נעכטיקן" אויף דעם אויבן־באשריבענעם אופן; יעדעם מאָל וואָס איך פלעג זיצן און דרימלען אין דעם „קאָמפאָרט־הויז"; יעדעם מאָל וואָס איך פלעג שטיין אינ׳ם געסל און איינאָטעמען דעם ריח פון די געשמאַקע מאכלים; יעדעם מאָל וואָס איך פלעג זיצן אין סטיישן און היטן די אויגן פון די באַאַמטע, אויב זיי האָבן ניט עפּעס אַ חשד אויף מיר, — פלעג איך ביי זיך אָפּמאַכן: „גענוג! מאָרגן, באַלד אין דער פרי, מוזסטו זען קריגן אַ דזשאַב; מאַכט ניט אויס וואָס, אבי אַרבעט, אבי האָבן אַ בעט וואו צו נעכטיקן".

אַזוי פלעג איך באַשליסן ביינאַכט. פלעגט אָבער קומען אין דער פרי און איך פלעג איבערקוקען די צייטונגען און זען וואָס דאָרט איז פאַראַן פאַר מיר, פלעג איך פאַרלירן דעם מוט.

עס האָבן זיך אפילו יע געפונען איייניגע אַנאָנסן, וואו מען האָט באַדאַרפט אַ יונגענמאַן אין מיין עלטער, אָבער איך האָב ניט געהאַט דעם מוט אָפּצורופן זיך אויף די אַנאָנסן. מיינע שיך זיינען געווען האַלב צופאַלן, מיין געוועזענער „סטעטסאָן"־הוט איז געווען צובראָכן, דאָס זומערדיקע רעקל שמוציק און פאַרפלעקט, און מיינע הויזן זיינען געווען מיאוס צוריסן, אַז עס האָט מיר אַזש געפלאַמט דאָס פּנים. און אַז דער בעל־הבית וועט מיר געבן אַ פרעג, וואו איך האָב געאַרבעט פריער, און וואו זיינען מיינע רעקאָ־מענדאַציעס, וואָס וועל איך אים ענטפערן?

איך גיי אַוועק אין דער אידישער גאַס, — אין סיילעם סטריט. מענטשן גייען צו דער אַרבעט. איך זוך אַ באַקאַנט געזיכט, און דערוואַרט זיך ענדלאַך. עס קומט אָן איינער, וואָס קומט מיר פאַר באַקאַנט: „אפשר האָט איר ביי זיך צוויי איינציקע פּענים, איך באַדאַרף אויף אַ מאַרקע", — פרעג איך און מאַך זיך ווי עס איז מיר אַלץ איינס צי ער׳ט מיר יע געבן אָדער ניט געבן.

פאַר צוויי סענט קען מען שוין קויפן עטלאַכע זעמל, און מיט

דער אינזל

איינעם אין קעשענע און איינעם קייענדיק גיי איך אוועק אין מאַרק, וואו די פּאַרמערס ברענגען אַריין זייערע פּראָדוקטן צום פאַרקויפן.

דאָרטן ווער איך אַ ניצליכער מענטש. העלף דעם אַראָפּשלעפּן אַ שווערן קאָשיק פון וואָגן; יענעם העלף איך אַרויספּלאָנטערן די פערד פון דישעל; און איך כאַפּ אַן עפּל דאָ, אַ ניקל דאָרט און איך ווער ביי זיך מוטיקער. „אפשר באַדאַרפט איר, — פרעג איך ביי איינעם, — אַ העלפער; איך בין צופרידן צו אַרבעטן שווער". „ניין, — ענטפערט יענער מיסטרויאיש. — איך באַדאַרף ניט". „יע, — זאָג איך, און מאַך זיך ווי איך באַמערק ניט זיין חשד. — יע, אַ שלעכטע צייט איצט..."

נאָך אַזאַ דורכפאַל דריי איך זיך אַרום צווישן די וועגן פון די פּאַרמערס, קוק זיך צו ווי מען האַנדלט, ווי מען קויפט און פאַרקויפט, און וואָס שפּעטער עס ווערט אַלץ קלענער ווערט דער האַנדל. ביסלאַכווייז פאַרקויפן די פּאַרמערס אויס זייערע פּראָדוקטן און צופאָרן זיך. ביסלאַכוויים ווערט דער מאַרק־פּלאַץ לעדיק, און וואָס לעדיקער דער פּלאַץ ווערט, אַלץ טרויעריקער ווערט מיר אויפ'ן האַרצן. צורונען מיין האָפנונג צו באַקומען אַ טאָג אַרבעט...

מיר געלינגט צו באַקומען עטליכע פרוכטן און איך לאָז זיך אוועק מיט אַ שווער געמיט צוריק צום סטיישן.

עס איז שוין אַרום צען אַזייגער. עס איז טאַקע קאַלט, דער שניי איז נאַס און עס פרירן די פיס, אָבער אַז מען שטייט אין דרויסן, לעבן אַריינגאַנג פונ'ם סטיישן, קען מען אַמאָל כאַפּן אַ שטיקל „דזשאַב'ל". אפשר קומט איינער אַרויס מיט אַ שווערן פּעקל אָדער אַ טראָנק, און מען קען פאַרדינען אַ פּאָר סענט אונטערטראָגנדיק די משא... וויפיל מאָל האָב איך שוין אַזוי־אַרום פאַרדינט גאַנצע קוואָדערס!...

שטיי איך און וואַרט און עס דערוויַיל אויף מיינע עטלאַכע פרוכטן, ביז עס ווערט מיר נמאס וואַרטנדיק...

איך דערמאָן זיך, אַז ביי שעלמאַנען אין „לאָנטש־רום" קומט אַריין דער אַלטער, טויבער לייבאָוויץ, וואָס ביי אים איז לייכט צו געווינען אַ פּינאַקל. און ביי דעם געדאַנק קומט מיר שוין אין דער מחשבה, אַז ביי שעלמאַנען אין לאָנטש־רום איז וואַרים און היימלאַך, ניט ווי דאָ אין דרויסן לעבן סטיישן, און אַז דאָרט געפינט מען שטענדיק קאָמפּאַניע, וואָס רעדן פון אַלץ אין דער וועלט: אָנגעהויבן פון פערד ביז ליטעראַטור, און אַז עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט דאָרט צו זיצן און זיך צוהערן...

דער אינגל

גייענדיק צו העריסאָן עוועניו, וואו דער לאָנטש־רום געפינט זיך, קומט מיר אַפילו אויפ׳ן זינען, אַז קיין שטאַרק אָנגעלעגטער גאַסט בין איך דאָרט ניט... אמת טאַקע, שעלמאַן איז ניט קיין שלעכטער יונג. ער ווייס, אַז איך בין ניט קיין גזלן און ניט פֿון די פֿאַרדאָרבענע קערלען; אָפּטמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז ער האָט מיך ניט פֿיינט, ער דערלאַנגט מיר ווען־עס־איז עפּעס צום קייען, זאָגנדיק כלומרשט אין כעס: „נאַ, גאַליצקי, נאַ דיר אַ שטיק ברויט מיט וואורשט, און כאַפּט דיך דער טייוול!" אָדער: „נאַ, דו טרעמפּ איינער, נאַ דיר אַ גלאָז טיי!"...

אָבער אַ סך מאָל קוקט ער אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך וועלן דורכשטעכן מיט די אויגן... און צוויי מאָל האָט ער מיך שוין אָנגעפּאַטשט און, במחילה, אַרויסגעוואָרפֿן... ער האָט טענות צו מיר, אַז איך מאַך אים קאַליע זיינע ביזנעס... עס קומען דאָרט אַריין אָנשטענדיקע מענטשן און איך בין ניט דער פּאַסענדער מענטש פֿאַר אַזאַ געזעלשאַפֿט...

און אָפּטמאָל באַמערק איך: טאָמער זעץ איך זיך אַוועק ניט ווייט פֿון איינעם, היט יענער זיינע קעשענעס... און טאָמער קוק איך אויף איינעם, פֿאַרשפּיליעט יענער זיין רעקל און טאַפּט אינסטינקטיוו מיט די הענט, אויב זיין זייגערל ליגט נאָך אין זיין וועסטל...

און גייענדיק אַזוי אין לאָנטש־רום, דערמאָן איך זיך אַז ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָב איך דאָרט געהאַט אַ „פּייט"...

איך בין געזעסן און צוגעקוקט ווי צוויי האָבן געשפּילט פּינאָקל. האָט מיך פֿאַרדראָסן: אַ מענטש זאָל זיין אַזאַ וויסטע קאַליקע און ניט „מעלדען" קיין הונדערט־און־פֿופֿציק בשעת עס ליגן בלויז פֿיר קאָרטן אויפ׳ן טיש און יענער קען אים גרינג אָפּהאַלטן פֿון מעלדן... האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט... האָט עס דעם צווייטן פֿאַרדראָסן: „אַוועק, דו באָמער!" האָט ער מיט רציחה אויסגעשריען.

אייגענטלאַך, וואָס איז אַזוי דער רעש, אַז ער האָט מיך גערופֿן „באָמער"? וואָס דען בין איך — אַ „דזשענטעלמאַן"?

נאָר מיך האָט עס שטאַרק פֿאַרדראָסן און איך האָב אַ באַליידיקטער אויסגערופֿען: „איר זיינט אַליין אַ „באָמער", אַז איר רופֿט מיך באָמער!"...

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און מיר האָבן זיך צושלאָגן.

אייגנטלאַך האָב איך געכאַפּט אַן ערגערן פּסק ווי יענער. ער איז געווען געזונט און שטאַרק און איך בין פֿאָרט ניט געווען מעהר ווי אַן אויסגעהונגערט אינגל. ער האָט מיך צובלוטיקט די גאַנ

און געמאכט א גוואלד־רים אין מיינע שוין־אזוי־אויך צוריסענע הויזען, בעת איך האב אפילו ניט באוויזן אים צו געבן א רעכטן קלאפ...

אבער ביי שעלמאנען אין פלאץ איז געווארן א טומל: „פייט, פייט...“ האט מען געשריען, און ווער ס'האט נאר געהאט א האנט און גאט אין הארצן, האט מיר דערלאנגט א קלאפ, א שטויס... און צולעצט האט מיר דער בעל־הבית אליין געגעבן צוויי פעטש און מיך ארויסגעווארפן מיט א ווארנונג: אויב איך וועל זיך דער־וועגן נאך א מאל ארייננקומען, וועט ער מיך איבערגעבן צו דער פאליציי.

צו מיין מזל האב איך גראד דאן געהאט א „קווארדער“ און איך בין גלייך אוועק שלאפן אין „לאדזשינג“־הויז. דעם נעקסטן פרימארגן, ווען איך בין אריין צו שעלמאנען אין פלאץ און זיך געהייסן געבן א טעפל קאווע מיט צוויי „סענדוויטשעס“, אקוראט ווי נעכטן וואלט גארניט געשען, האט שעלמאן זיך אויך געמאכט ניט וויסענדיק און מיר געגעבן וואס איך האב פארלאנגט...

איך בין אנגעקומען אין שעלמאן'ס פלאץ מיטאג־צייט. אין הינטערשטן צימער האט מען געשפילט אין קארטן און דער גאנצער צימער איז געווען איינגעהילט אין א וואלקן פון רויך. אין סטאר זיינען געזעסן מענטשן און האבן געגעסן.

איך האב געהאט צען סענט אין קעשענע און זיך געשלאגן מיט דער דעה: „זאל איך עסן עפעס, אדער זאל איך בעסער באַ־האלטן דאס געלט פאר „לאדזשינג“, אדער זאל איך אפשר גאר פרובירן מזל אין פינאקל?“...

שטארק הונגעריק בין איך ניט געווען; ערשט זיך אנגעגעסן מיט פרוכט. צו נאכט איז נאך ווייט, און עס איז נאך פאראן גענוג צייט צו קלערן וועגן א נאכט־לעגער. דאס בעסטע איז צו פרואוון מזל...

אינוועניג, אין הינטערשטן צימער, זיינען געזעסן ביי א טישל דער אלטער, טויבער לייבאוויץ און זאלצמאן דער „רעג־פעדלער“. ביי זיי, האב איך געטראכט, איז לייכט צו געווינען עטלאכע סענט אין פינאקל...

איך בין גלייך אריין אין הינטערשטן צימער און איינגעלאדן לייבאוויץ'ן און זאלצמאנען צו שפילן א דריי־הענטיקע „גיים“.

געשפילט האבן מיר א ניקל א גיים. ווען איך האב פארלוירן די ערשטע גיים, האב איך באצאלט און געהאפט אז איך וועל גע־ווינען די צווייטע. ווען איך האב די צווייטע גיים אויך פארלוירען, און איך האב אוועקגעגעבן מיין לעצטן ניקל און גע־

דער אינזל

וואָלט אויפשטיין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי עפּעס אַ פּעסטע האַנט האַלט מיך צוגעשמידט צום ביינקל:

„די דריטע גיים מוזטו געווינען"... האָט מיר אימיצער געשעפּ־טשעט אין אויער אריין...

איך שפּיל די דריטע גיים. מיינע „פּאַרטנערס" האָבען גוטע קאָרטען בעת מיר גייט עס מיט די פּוטער אראָפּ...

עס האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים סוף, און די גיים געווינען קען איך שוין ניט...

וואָס וועל איך טאָן, אַז עס וועט קומען צום באַצאָלן? זאָגן: „איך האָב ניט"? סטייטש, ווי זעצט מען זיך אַוועק שפּילן, אַז מען האָט ניט קיין געלט? דאָס הייסט דאָך, גענומען מענטשן „אויף זיכער"? פאַר אַזאַ זאַך קען מען כאַפּען קלעפּ...

אפשר זאָל איך אַוועקלעגן די קאָרטן און מאַכן אַן אַנשטעל, אַז איך באַדאַרף נויטיק אַרויס און איך קום אין אַ רגע אַרום אַריין?... ניין, דאָס טויג ניט. אַזוי האַנדלט אַ פּייגלינג, איינער וואָס האָט מורא איינצושטעלן...

און אפשר גאָר אַוועקלעגן די קאָרטן און זאָגן פריי און אָפּנ־האַרציק דעם אמת: „אַנטשולדיקט מיר, פריינט, כ'האָב מער קיין געלט ניט, זייט מיר מוחל דאָס מאָל"...

די גיים האַלט שוין ביים סאַמע סוף... זאָל נאָר דער „רעג־פּעדלער" קומען אין „ליד" און צו דער גיים איז אַ סוף — ער'ט שוין האָבן „געננוג"...

דאָס טאָר ניט געשען... פלינק נעם איך איינע פון מיינע קאָרטן און לעג זי צו צו דעם פּעקל קאָרטן פון זאַלצמאַנען...

— זאַלצמאַן, — זאָג איך צאָרניג און שטעל זיך אויף, — מיט וויפיל קאָרטן שפּילט איר דאָס? עס איז ניט קיין קונץ צו געווינען מיט זיבעצען קאָרטן קעגן פופצען!...

— ווער שפּילט מיט זיבעצען קאָרטן?! איך?! — ווערט זאַלצמאַן אַן אַנגעצונדענער.

— אדרבא, ציילט איבער! — שריי איך נאָך העכער.

דער פּעדלער ציילט איבער זיינע קאָרטן און געפינט טאַקע אויס, אַז ער האָט מיט אַ קאָרט מער און הויבט זיך אָן שעלטן מיט טויטע קללות און שווערט זיך, אַז דאָ איז אַ טעות געשען...

— טעות, שמעות! — רוף איך אויס, — מער שפּיל איך ניט!

דער פּעדלער קאַכט זיך און שרייט. דער אַלטער לייבאָוויץ, וועלכער זעט אַז ער קען דאָ איינשפּאָרן אַ ניקל, האַלט אָבער מיט מיר, און איך גיי אַוועק פון טיש אַ שטאָלצער, אַן אַ סענט אין

קעשענע, אָבער מיט דעם אָנשטעל, אז קעגען מיר איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַן עולה...

איך גיי ארויס פון „לאָנטש־רום“ און נעם שפּאַנען אין גאַס מיט פאַרביסענע ליפּן: „ווען איך וואָלט איצט געהאַט די צען סענט, וואָלט איך דאָך איצט ניט באַדאַרפט דאגה'ן, וואו וועל איך נעכטיקן היינט ביינאַכט? וואָס וועט זיין דער סוף פון מיר? צען לעצטע סענטן האָב איך, גיי איך און פאַרשפּיל זיי אין קאָרטן!“

דער הימל ווערט וואָס א מינוט מער פאַרוואָלקנט, און ווען איך קום אריין אין וואַשינגטאָן סטריט, הויבט אָן שיטן א קאַלטער, טרוקענער שניי. דער ווינט בלאָזט מיר גלייך אין פּנים און דער שניי שטעכט מיין לייב ווי מיט דינע שפּילקעס. איך בינד ארום מיין רעקל מיט א שטריקל, באַהאַלט מיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס און ציטערנדיק מיט אַלע גלידער גיי איך ווייטער...

איך בלייב שטיין לעבן דעם ווייס־געקאַלכטן „לאָדזשינג־הויז“ פון דער „סאַלוויישן־אַרמי“. „עפּעס בין איך דאָך דאָ א קאָסטימער, — טראַכט איך. — פאַרוואָס זאָל איך ניט ארויף זיך אָנווארימען?“...

איך גיי ארויף אין „לעזע־צימער“ פון דער „אַרמי“. דאָס גרויס צימער איז פול־געפּאַקט מיט מענער. גאַנצע פּלאַכטעס רויך הענגען איבער די סטעליע. א שאַרפער, באַטויבנדער ריח פון אַלקאָהאָל גיט מיר א האַק אין נאָז, אזש צום חלש'ן. אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע ליגן אָנגעוואָרפן שטיקער ציגאַרן, ציגאַרעטן און פאַרשידענע פּאַפּירן פון טאַבאַק. די שפּיי־קעסטלאַך זיינען איבערפילט פון שוואַרצע טאַבאַק־זאַפט, וואָס מאַכט מיר איבלען צום ברעכן. אויף די פאַרשמאָלצענע טישן וואַלגערן זיך זשורנאַלן, דאָס רוב רעליגיעזע פּעריאָדישע שריפטן און פּאַמפלעטן. מענטשן זיצן אויך־מיין־דאגה'דיק און מישן די בלעטער פון די זשורנאַלן און רעדן בשעת מעשה צווישן זיך אויף א הויכן קול, וואָס איין וואָרט קלעפּט זיך ניט צום צווייטן.

די ווענט זיינען שוואַרץ פון רויך און מיט שפּינוועבס ארומגעצויגן. די בענק ארום די טישן זיינען לאַנג און צוגענאָגלט צום פּאָדלאָגע.

א סך פון דעם עולם זיינען שיכור, מיאוס שיכור — ליגן מיטן קאָפּ אויפ'ן טיש, מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט, און כראָפּען און פּייפן מיט די נעזער.

ארום דעם גרויסן, אָנגעגליטן אויוון זיצן עטליכע און דרעמלען

דער אײנזל

און שאָקלען זיך, און עס ווייזט זיך אויס: אָט־אָט און איינער פון זיי וועט אַריינפאַלן מיט'ן קאָפּ אין דעם הייס־צוגליטן אויוון...

די וואַרימקייט פון דעם „לעזע"־צימער צונעמט מיר די שטייפע גלידער, און וואָס לענגער איך געפין זיך אין דעם וואַרימען צימער, אַלץ מער נעם איך פילן ווי נויטיק איך וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ באָד און ריינע אונטערוועש... איך טו בגנבה אריין די האַנט צו מיר אין לייב און פיל ווי די שרצים, וואָס האָדעווען זיך אויף מיין בלוט, מאַכן פון מיר אַ תל... און דאָ, אַז זיי האָבן די וואַרימקייט דערפילט, האָבן זיי זיך גאָר צוהוליעט און לאָזן מיך ניט איינזיצן אויף אַן אָרט...

מיר ווייזט זיך אויס, אַז יעדערער קוקט אויף מיר, און אפילו אַ געשמאַקן קראַץ טאָן שעם איך זיך, כאָטש אַנדערע זיצן און קראַצן זיך גאַנץ אַפּעטיטלאַך און עס אַרט זיי גאָרניט...

איך נעם פון טיש אַ מאַגאַזין און מיש די בלעטער. איך זע דאָרט אַ בילד פונ'ם וואַטיקאַן און פון דעם פּאַפּסט פּיוס דעם צענטן, און די בילדער פון נאָך עטלאַכע פעטע, אָפּגעפרעסענע קאַרדינאַלן.

קוקנדיק אויף די פעטע און זאַטע גייסטליכע, מאָלט מיר אויס מיין צורייצטע פאַנטאַזיע אַ ווייס־געדעקטן טיש, אַ טעלער מיט געבראָטנס, מיט ברויט, מיט זויערע אוגערקעס, מיט צושפּייזן, מיט אַ גלעזעלע ביר און נאָך און נאָך גוטע זאַכן...

איך באַנעץ מיט'ן צונג די ליפּן, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס איז גאָרניט קיין אילוזיע, אַז איך פיל אויף די ליפּן דעם טעם פון די גוטע זאַכן, וואָס איך האָב ערשט „אָפּגעגעסן". אָט אַזוי זויגנדיק די ליפּן זיץ איך און דרימל...

וואָס אַ מינוט ווערט דאָס „לעזע"־צימער אַלץ מער געפּאַקט מיט באַזוכער. לעבן אָפיס, וואו מען פאַרקויפט די „בעטלאַך", ווערט אַ געדרענג: יעדערער איילט זיך קויפן אַ בעטל. מען ווייס, אַז היינט וועט אין דרויסן זיין סכנות נפשות און די „לאַדזשינג־הייזער" וועלן זיין איבערגעפּאַקט...

איך זיץ און דרימל. דער קאָפּ איז מיר שווער און מיד און די אויגן בעטן זיך רחמים ביי מיר: „לאָז אונז נאָך אַ מינוטקעלע, נאָך אַ טראָפּעלע...", אָבער דער מח מיינער איז אַ צו־להכעיס'ניק און טאָרעט מיך: „זיץ, זיץ, דו פוילענצער! אַ בעטל האָסטו שוין פאַר דער נאַכט?..."

ניט־ווילנדיק הויב איך זיך אויף פון מיין אָרט און בלייב שטיין טראַכטנדיק: „אפשר גאָר צוגיין און בעטן מען זאָל מיר

געטרויען א בעטל אויף היינט ביינאכט? צען סענט איז דאך ניט קיין אייגנס!"

און אז מען וויל צוריקרעכענען קומט דאך מיר די „ארמי" צען סענט. איך דערמאן זיך, אז איך האב אמאל זייערע א מיידל אריינגעווארפן א קווארטער אין פייקל... איך פארליר אבער באלד דעם חשק, זעענדיק ווי הארטהארציק מען באנעמט זיך לעבן אפים. צו וואס זיך נאריש מאכען בחנם?!

די שויבן פונ'ם „לעזע"-צימער זיינען מוטנע, פארשאטן מיט שניי פון דרויסן. קענטיק, דער שניי האלט אלץ אין איין פאלן. איך נעם זיך צוזאמען אויף וויפיל איך קען נאר, ס'זאל מיר זיין ווארים, און גיי האסטיק אראפ אין גאס.

איך גיי אין גאס, שוידערנדיק פאר קעלט, אן א צוועק און אן א ציל, בלויז מיט איין געדאנק: ווען עס וועט ווערן עטוואס פינסטערער, אימיצן אפשטעלן און בעטן עטלאכע סענט...

איך שטעל זיך אוועק לעבן אריינגאנג פון א געביידע און נעם ווארטן ביז ס'וועט ווערן פינסטערער. מענטשן לויפן פארביי אין איילעניש. א געפיל פון קנאה נעמט מיך באהערשן, ווען איך זע ווי יענע, וואס לויפן פארביי, טראגן ווארימע, פוטערנע אויבערמאנטלען און האבן אודאי א רייכע, לוקסוספולע היים. ווארום פרעגט מיך קיינער ניט, אויב איך נויטיק זיך ניט אין עטלאכע סענט? איך שטיי דאך דא מיט טרערן אין די אויגן און טאפע א פוס אן א פוס און בלאז פון מויל דעם ווארימען הויך אין מיינע פארפרוירענע הענט?. ווארטן זיי ביז איך וועל צוגיין און בעטן? ווי קען איך צוגיין און פלוצלונג אפשטעלן ראפטאם א מענטשן, ווען יענער האלט אין מיטן לויפן? וואס קען זיין מיין ערשטער ווארט? „איך וויל געלט!" וועל איך זאגען? א חוצפה אביסל, מען נעמט אין אזא בליזארד און מען שטעלט אפ א ווילד-פרעמדן מענטשן, וואס מען קען ניט און מען ווייס ניט, און מען בעט: „גיב מיר געלט!"... וועט מיר דען יענער ניט געבען א שפיי אין פנים אריין און זאגן: „איך האב בילכערע צו געבן!"

און וואס וועל איך טאן, אויב יענער וועט אין זיין גרימצארן פאר מיין חוצפה מיך לאזן ארעסטירן פאר בעטלען אין גאס, און מייז נאמען וועט נאך פארשריבן ווערן אין די שטאדט-ביכער, אז איך בין געזעסן זעכציק טעג אין טשארלסטאן דזשייל פאר „וואגראנסי"... און נאכהער וועל איך זיך שעמען קוקן א באקאנטן אין פנים אריין...

דער אינזל

אויף די אנדערע זייט טראָטואַר גייט און וואַקלט זיך פון שכרות אַן אָפּגעריסענער, עלטערער מאַן. דער מאַן איז שטאַרק באַטרונקען און האַלט זיינע ביידע הענט צושפרייט אין דער לופטן, ווי אַ קונצן־מאַכער וואָס גייט אויף אַ שטריק...

מענטשן קוקן אויף דעם ספּעקטאַקל און שמייכלען. פּלוצלונג גיט זיך דער מאַן אַ גליטש און בלייבט ליגן אין זיין גאַנצער גרויס אויפ'ן פריש־געפאַלענעם שניי.

איך גיי אַריבער און מיט אַלע מיינע כחות מאַטער איך זיך אויפצושטעלן דעם מאַן אויף זיינע פיס. ענדלאַך געלינגט עס מיר. אויף דעם אָרט, וואו דער מאַן איז געפאַלן, דערזע איך אַביסל זילבער־געלט.

איך נעם זוכן אין שניי מיט מיינע פאַרפרוירענע פינגער און קלייב דאָרט צוזאַמען אַ דאָלאַר מיט פינף און אַכציק סענט אין זילבער.

אַ בליץ פון מאָמענטאַלער פרייד גיט מיר אַ שיין אין קאָפּ: „איך האָב געלט!"...

דער מאַן שטייט און קוקט מיר אָן מיט זיינע שכור'ע אויגן. קענטיק, ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער קען ניט געפינען קיין ווער־טער. ער שטרעקט אויס זיינע הענט, ווי אַ פאַרלוירענער, צו מיר. זיין פּנים איז צוקלאַפּט און מיט בלוט־צוזאַמענגעלאָפענע, טונקל־בלויע פלעקן אָנגעשוואָלן...

ער איז אַ מאַן נאָנט צו זעכציק און די האָר זיינען ביי אים ווייסלאַך.

איך באַהאַלט דאָס ביסל זילבער־געלט צו זיך אין קעשענע און מיט דעם אַלטען אונטער די הענט נעם איך שטעלן שנעלע, ראַשע טריט צום לאַדזשינג־הויז פון דער „סאַלוויישן־אַרמי".

איך דינג אַ בעטל פאַר זיך און אַ בעטל פאַר דעם אַלטן און גיב איבער דעם אָפּיס־מאַן אַ דאָלער מיט פופציק סענט, ער זאָל אַזוי גוט זיין און אין דער פרי איבערגעבן דאָס געלט דעם אַלטן.

„פופצען סענט מזומנע און אַ בעטל צום שלאָפן איז גאַנץ גענוג פאַר מיין טרחה"...

איך בין געקומען אין לאַדזשינג־הויז פון דער „סאַלוויישן־אַרמי" ריכטיק אין צייט. עס איז נאָך דאַן ניט געווען רעכט פינסטער, דאָך אַ ווײַלע שפּעטער האָט שוין דער מאַן לעבן אָפּיס אַרויסגעהאַנגען אַ „נאָטיס", אַז ער האָט מער קיין בעטלאַך ניט. אונטען, לעבן אַריינגאַנג, זיינען געשטאַנען עטלאַכע פון די „לאַד־

זשערס" און אָנגעזאָגט די, וואָס האָבן געזוכט נאַכט־לעגער, די בשורה, אַז „דאָס הויז איז פול". פילע האָבן ניט געוואָלט גלויבן און זיינען ארויף זיך איבערצייגן אויב ס'איז אמת און זיינען שטיל און טרויעריק צוריק אַרויס פון „לעזע"־צימער.

איך בין צוגעגאַנגען צום אויפזעער און ביי אים אַנטליען אַ נאָדל מיט אַ שוואַרצן פאָדים און בין אַרויף אין דעם גרויסן „שלאָף־צימער" אָפזוכן מיין געלעגער.

אין דעם גרויסן צימער זיינען געווען נאָנט צוזאַמענגעשטעלט אַרום הונדערט און פופציק בעטלאָך. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער אייזערנער אויוון און פון זיך אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקע היץ. אויף אייניקע פון די בעטלאָך זיינען געלעגן אויסגעצויגן אין די קליידער באַטרונקענע מענער און מיט די נעז שטאַרק געכראָפּעט. אַרום דעם גרויסן אויוון זיינען געזעסן אייניקע און זיך געקראַצט, דערלאַנגט אַרום־און־אַרום צווישן זיך אַ היפּשע פלעשל בראָנפן, און יעדערער האָט געגעבן אַ געשמאַקן זופּ פון פלעשל און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך פון דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנישן קריג...

מיין בעטל איז געווען ניט ווייט פון'ם הייסן אויוון. איך האָב איבערגעשלאָגן דאָס האַלב־צופוילטע שטרויענע מאַטראַצל און דאָס קליינע ניט זייער ריינע קישעלע און זיך גענומען אויסטאָן.

מיינע בגדים זיינען געווען פייכט און שטאַרק צוריסן און איך האָב פלייסיק גענומען אַרבעטן מיט דער נאָדל.

פאַרזיכטיק האָב איך באַהאַלטן מיינע הויזן אונטער מיין קישעלע און בין אריין אין בעטל. ווי מיד און שלעפעריק איך בין געווען, האָב איך דאָך ניט געקענט איינשלאָפן.

דער ליאַרם און געפּילדער אין דעם צימער איז געווען אומבאַשרייבלאָך. יעדע אַנדערע רגע איז אריינגעקומען אַ פרישער שיכור און געמאַכט קולות ביז'ן הימל: דער איז ניט געווען צופרידן מיט'ן בעטל און האָט עס איבערגעקערט מיט די פיסלאָך אַרויף; איינער האָט געפונען, אַז אויף זיין בעטל ליגט גאָר אַ צווייטער, מיט די קליידער און מיט די שיך, און שלאָפט ווי אַ געהרג'עטער. ער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און דעם שלאָפענדן אַרויסגעוואָרפן און זיך אַליין מיט קללות און געשרייען אַריינגעלעגט מיט די קליינער מיטאַנאַנדער אין דעם זעלבן בעטל. דער אַנדערער איז אַראָפּגעפאַלן פון בעטל מיט אַזאַ טראַך, אַז דער אויוון מיט די בלעכענע רערן האָבן געציטערט. איך האָב ערוואַרט, אַז דאָ וועט ווערן אַ בלוטיקער געשלעג צווישן די צוויי, אָבער יענער איז אַזוי געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע און איז זיך

דער אינזל

ווייטער געשלאָפן... איינער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין בעטל מיט די בלאַטיקע שיך און גענומען זינגען אַ רעליגיעזע ליד און האָט בעת מעשה צוגעפּלעסקעט מיט די הענט:

„אָ, יו מאָסט בי ע לאָווער אָוו דהי לאָרד,
אָ, דהי לאָרד!
אָר יו דאָנט גאָ טו העווען ווען יו דאַי,
ווען יו דאַי...“

די, וועלכע זיינען געזעסן לעבן אויוון און אויסגעלעדיקט איין פלאַש בראָנפן נאָך דער צווייטער און געשמועסט פון דעם שפּאַניש־אַמעריקאַנער קריג האָבן זיך געפונען געשטערט פון דעם זינגען. מען האָט אים געוואָרנט עטלאַכע מאָל ער זאָל אויפהערן זינגען, און צולעצט האָט איינער פאַרלוירן די גערולד און דעם זינגער דערלאַנגט אַזאַ זעץ מיט'ן פויסט אין די ציין, אַז יענער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט, זיך שטילערהייט אוועקגעלעגט אין בעטל און געבליבן שטיל ווי אַ פויגעלע די גאַנצע נאַכט...

אַזוי זיינען אוועק עטלאַכע שעה. ביסלאַכוויים איז דער עולם זיך צוזאַמענגעקומען און וואָס גרעסער דער עולם איז געוואָרן, אַלץ לעבעדיקער איז געוואָרן אין צימער.

אַרום צען אַזייגער זיינען געקומען צוויי מענער, מיט שכור'ע, רויטע צורות, די „איינגענטימער“ פון די צוויי בעטלאַך פון ביידע זייטן פון מיין בעטל.

די צוויי מענער זיינען קענטיק געווען שותפים. איינער איז צוגעקומען צו מיין בעטל און אַראָפּציענדיק די לייכטע קאָלדרע פון מיר, האָט ער פון מיר געפאָדערט איך זאָל אַרויס פון מיין בעטל און זיך לעגן אין דעם נעקסטן בעטל, כדי ער זאָל קענען ליגן נאָענט צו זיין שותף און מיט אים שמועסן, וואָס איך דאַרף ניט הערן...

איך האָב אים געפאָלגט און אַריבערגעצויגן אין דעם נעקסטן בעטל.

איך האָב נאָך געהערט ווי דער אויפזעער האָט אויסגעלאָשן די גאַז, ווי די צוויי שכנים מיינע האָבן זיך שטילערהייט געקריגט וועגן עפּעס...

איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער מלאך פון די גוטע חלומות האָט אפנים ניט געוואָלט אין אַזאַ קאַלטער נאַכט מאַכן אַ נסיעה אַזש אינ'ם הויז פון דער „סאַל־ווייישן־אַרמי“ און איז בעסער געבליבן אין הימל. דערפאַר איז אָבער דער מלאך פון די בייזע, פינסטערע חלומות ניט געבליבן

דער אינזל

אין הימל און האט מיך געמאטערט מיט שוידערלאכע חלומות די גאנצע נאכט.

איך האב זיך אויפגעכאפט, ווען עס איז שוין געווען גרויסער טאג אין דרויסן. די זון האט אריינגעשיינט אין דעם גרויסן צימער און דער קלאר־ווייסער שניי אויף די דעכער האט נאך ווייסער און ליכטיקער געשימערט אין די אויגן.

ביים שיין פון דער זון האט מען ערשט דערזען ווי שרעקלאך שמוציק דאס צימער איז געווען. די בעטלאך מיט די „בעט־געוואנט" זיינען געווען איבערגעקערט. אויף דער פאדלאגע האבן זיך ארומגעוואלגערט צוריסענע העמדער, שמוציקע אונטערוועש, צוריסענע שיך און הויזן און אן א שיעור לעדיקע פלעשער.

איך בין האסטיק אויפגעשטאנען און האב אנגעטאן מיינע קליידער און גענומען זוכן די פופצען סענט...

מיינע הויזן־קעשענעס זיינען אבער געווען לעדיק...

עס האט מיר אזוי פארדריקט ביים הארצן, אז איך האב זיך מיט אלע כחות אנגעשטרענגט ניט צו וויינען... א גאנצע נאכט האב איך זיך געטרייסט מיט דער האפנונג, אז אין דער פרי וועל איך קענען עסן א ווארימען פרישטיק... „כא ווען זיי מיר כאטש איבערגעלאזט א ניקל!"...

געערגערט און מוטלאז בין איך אראפ אין גאס. די זון האט געשיינט אבער ניט געווארימט. דורך דער נאכט איז אנגעפאלן א טיפער שניי און מיינע פיס זיינען באלד געווארן נאס.

עס איז שוין געווען צו שפעט צו גיין אין מארק. די פארמערס קומען ניט אריין אין אזא שלעכטן וועטער, און די וואס זיינען יע געקומען האבן שוין מסתמא אויספארקויפט זייער סחורה און זיינען אהיימגעפארן.

איך בין געווען שטארק הונגעריק. די לעצטע 48 שעה האב איך מער ניט געהאט אין מויל ווי צוויי זעמל און עטלאכע „אנגעקלאפטע" פרוכטן. איך בין געגאנגען לאנגזאם און גענומען קלערן וועגן א פלאן ווי אזוי צו באקומען עטלאכע סענט.

איך בין געבליבן שטיין לעבן פענסטער פון א גרויסן רעסטאראן. די מאכלים און געבעקס, וואס זיינען געלעגן אין פענסטער, האבן געררייצט מיין אפעטיט און ווי צוגעוואונקען צו מיר...

אינווייניק איז געווען היימלאך. מענטשן זיינען געזעסן און געגעסן. מיידלאך אין קלאר־ווייסע שירצן זיינען ארומגעלאפן אין גרויס איילעניש פון איין טישל צום צווייטן און געשמייכלט

און געוויצלט זיך מיט די קונים. לעבן טישל, נים ווייט פון טיר, איז געזעסן אַ גראָב־בייכיקער מיטליעריקער מאַן און אַ ברייט־צופרידענער שמייכל איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער זיין גאַנצן פּנים.

אַ ווילדער געדאַנק איז מיר אריין אין קאָפּ: „כ'קען דאָך אריינגיין, זיך גוט אָנעסן, מאַכן זיך ווי איך גיי באַצאָלן און פּלוצ־לונג נעמען און ארויסלויפן... איך קען דאָך לויפן אַ סך פלינקער ווי דער גראָב־בייכיקער בעל־הבית...

איך האָב געעפנט די הענטל פון'ם טיר און בין אריין אינ־ווייניק. די וואַרימקייט און דער ריח פון די שפּייזן האָט מיך ווי צוטומלט. איך בין געבליבן שטיין לעבן טיר ווי געלעמט. אַלע האָבן אויף מיר געקוקט מיט פאַראַכטונג. איך האָב פאַרלוירן דעם מוט און האָב געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטשולדיקן זיך און האָב עפּעס געגנומען שטאַמלען מיט די ליפּן... אין די אויגן פון'ם אייגנ־טימער האָב איך באַמערקט אַ גליענדן האַס... ווי אַ ווילדע חיה איז ער צוגעלאָפן צו מיר, מיט איין האַנט האָט ער האַסטיק אויפ־געפּראַלט די טיר און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער מיר אַ טרייסל געטאָן, אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש איבער'ן פּנים און מיך ארויסגעוואָרפן פון סטאָר...

איך האָב דערפילט אַ שאַרפע וואַרימקייט אויפ'ן באַק, אַזוי ווי זי וואָלט אין פלאַמען געווען... איך האָב אין טיפן שמערץ אוועקגעקערט מיין פּנים פון'ם פענסטער און זיך ארומגעקוקט אויב אימיצער האָט געזען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע, אַלע אין רעסטאָראַן און אין גאַס האָבן געזען.

איך האָב פאַרשעמטערהייט פאַרביסן די ליפּן און האָב גענומען פיבערהאַפט־שנעל טראַמפּלען, אָן אַ ציל, אין אַ טיפע שנייען אין מיטן גאַס.

„פייגלינג! פייגלינג!“... האָט מיר אימיצער געדונערט אין די אויערן.

דאָס שנעלע גיין האָט דערוואַרימט מיין קערפּער און געטריבן דאָס בלוט האַסטיקער אין מיינע גלידער. מיט יעדער מינוט בין איך געוואָרן מער פאַרצווייפלט: „איכ'ל ווערן אַ גנב און זאָל עס נעמען אַ סוף!“...

איך בין געבליבן שטיין לעבן אַ קעלער פון אַ קוילן־הענדלער. איך בין אַראָפּ אין קעלער. די טיר איז געווען אָפן. איך בין אריין אינוועניג און גענומען זוכן עפּעס, וואָס קען האָבן אַ ווערט, אָבער

דער אינזל

דאָרט איז גאָרניט געווען אחוץ אביסל קוילן, צוהאַקטע האָלץ און א קוילן־שופל.

איך האָב גענומען די שופל און בין בגנבה ארויס פון קעלער.

„וויפיל גיט איר פאר דעם?...“ האָב איך געפרעגט א מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין פראָנט פון זיין סטאָר און געדרויכערט א סיגארעט.

דער מאַן האָט אויף מיר געקוקט און געשמייכלט.

„איך גיב דיר צען סענט, אויב דו וועסט אָפּשופלען דעם שניי פון דאַנען!“ — האָט ער געשמייכלט.

„וואָס דען האָט איר געמיינט?“... — האָב איך ערגערליך געזאָגט. — „איך האָב אייך געוואָלט פארקויפן מיין שופל?“...

איך האָב גענומען ארבעטן מיט די לעצטע כחות און האָב ענדלאַך געזען אַן אמת׳ן צען־סענט־שטיק ביי מיר אין האַנט...

פארנאַכט בין איך אוועק צום קעלער. דער אַלטער קוילן־מאַן איז געשטאַנען פאַר׳ן אריינגאַנג.

„א מאַן האָט מיך געבעטן איך זאָל אייך געבן דעם שופל“, האָב איך אים געזאָגט און בין שנעל אוועק.

איך האָב באַשלאָסן מער ניט צו נעכטיקן ביי די „סאַלוויישן־ארמי“. איך האָב זיך אויסגעזוכט א ביליקן „לאָדזשינג“־הויז אין ביטש סטריט, וואָס מען האָט גערופן „איגל האָטעל“. דאָרטן האָט א בעטל געקאָסט פופצן סענט און פאר פינף־און־צוואַנציק סענט האָט מען געקענט קריגן א באַזונדער צימער.

געוויינלאַך פלעג איך נעכטיקן אין האָטעל צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך. די איבעריקע נעכט האָב איך „גענעכטיקט“ אין דרויסן.

דער ווינטער איז געוואָרן וואָס א טאָג שאַרפער. איך האָב אָנגעהויבן ליידן פון פארקילונגען און פלעג אָפט ליגן אין א בעטל אין „האָטעל“ און פיבערן.

איך בין געוואָרן האָפנונגסלאָז פארצווייפלט און ניט געזען קיין שום אויסוועג, ווי זיך ארויסצוראַטעווען פון דער פארצווייפל־טער לאַגע. איך פלעג גאַנצע טעג ארומגיין אין די גאַסן מיט דער האָפנונג צו געפינען עפּעס צו טאָן. מיינע שיך זיינען שוין געווען אַזוי צופאַלן, אַז איך האָב זיי געמוזט צובינדן מיט שטריקלאַך.

איין טאָג בין איך געבליבן שטיין לעבן א רעקרוטינג־אָפיס אין האַנאָווער סטריט. לעבן אריינגאַנג זיינען געווען אויסגעהאַנגען גרויסע אַנאָנסן, אַז מען פאַרלאַנגט געזונטע לייט מיט גוטע כאַ־

ראקטערע צו דינען אין מיליטער. אלץ איז פריי: עסן, שלאָפן, קליידער, דאָקטאָר־מעדיצין און נאָך דרייצן דאָלאר א חודש.

איך האָב זיך אוועקגעשטעלט באטראכטן די בילדער פון די אָפיצירן און סאָלדאטן, וואָס זיינען געווען אויסגעמאָלן אויף די אנאָנסן און גענומען זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי איך וואָלט אויס־געזען אין א סאָלדאטסקן מונדיר...

אין האָל, לעבן אריינגאנג צום רעקרוטן־אָפיס זיינען געשטא־נען עטלאכע סאָלדאטן און געשמועסט אין א ווולגארע שפראך צווישן זיך. איך האָב באמערקט ווי זיי קוקן אויף מיר און לאכן פון דעם, וואָס איך שטיי אזוי ערנסט און לעז די אנאָנסן.

— „אים וואָלט גיכער געפאסט צו ווערן א זעלנער ביי דער סאלוויישן־ארמי”... — האָט איינער געלאכט און אָנגעוואונקען אויף מיר.

איך האָב זיך פארשעמט און בין מיט שנעלע טריט אוועק פון דאָרט.

איך האָב גענומען שפאנען ארויף און אראָפ האנאָווער סטריט. איך בין געווען הונגעריק. איך האָב אפילו געהאט פופצן סענט אין קעשענע. נאָר איך האָב זיי געהאלטן פאר נאכט־לעגער. איך האָב בעסער געוואָלט צוהונגערן איידער נעכטיקן היינט ביינאכט אין דרויסן.

„די בעסטע זאך, — האָב איך געטראכט, — איז צו נעמען א שפאציר קיין קעמברידזש; אהין און צוריק וועט דער גאנג געדויערן עטלאכע שעה און איך וועל צוריקקומען אין צייט צו גיין שלאָפן”.

אויפ’ן קאָרנער איז געווען א גרויסער ביליקער סאלון. איך בין צוגעגאנגען צו א טרעפל פונ’ם אריינגאנג און גענומען פעסטער צובינדן די שטריקלאך ארום מיינע שיך, זיי זאָלן ניט צופאלן אין וועג.

אינעוועניק, אין סאלון, איז געווען פריילאך... אייניקע דאָק־ארבעטער, „מארינס”, מאטראָסן און שיפס־העלפערס זיינען גע־שטאנען לעבן „באר” און הויך געלאכט און געטומלט. איינער האָט געטאנצט א „דזשיג” און עטלאכע האָבן געזונגען און צוגעפלעסקעט מיט די הענט...

איינער פון זיי האָט מיך באמערקט. א גרויסער, ריזיקער דאָק־ארבעטער, וואָס איז שוין געווען היבש שכור’לאך, איז וואק־לענדיק זיך אויף די פיס ארויסגעקומען. זיינע אויגן זיינען געווען רויט, ווי באגאָסן מיט בלוט, און האָבן געפינטעלט אידיאָטיש.

דער אינזל

— סעי, יאַנג פעלאָו! — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, — קאַם אין ען' העוו ע דרינק!...

ער האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען מיט זיינע הענט. איך האָב מורא געהאַט צו מאַכן וועלכע איינווענדונגען, און אגב, האָב איך זיך געטראַכט, וועט מיר אַ גלעזל ביר ניט שאַטן.

איך בין מיט אומזיכערע טריט אַריין אינעווייניק. די חברה האָבן מיך אַריינגענומען אין מיטן. איינער האָט געשטעלט ביר פאַר אַלעמען.

כ'האָב זיך געמאַכט האַרץ און גענומען דאָס גרויסע גלאָז ביר אין האַנט און הויך אויסגערופן צו אַלעמען: „היר איז לאַק!"... „דרינק האַרדי!"... האָבן זיי מיר צוגעוואונטשן.

גערעכנט האָב איך אויסצוטרינקען, אָפּדאַנקען און אַרויסגיין. אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן האָט אַ צווייטער באַשטעלט ביר פאַר אַלעמען, און איך האָב ווידער אויסגעטרונקען אַ גרויסע גלאָז ביר.

דאָס צווייטע גלאָז ביר איז מיר שווערלאַך אָנגעקומען אויס־צוטרינקען. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט מער טרינקען ווי איין גלאָז ביר. מיינע נייע באַקאַנטע האָבן מיט איין צוג אין זיך אַריינגעגאָסן דאָס גלאָז ביר און אַפילו ניט געמאַכט קיין קרומע מינע.

איך האָב נאָך רעכט ניט געהאַט געקאָנטשעט טרינקען דאָס צווייטע גלאָז, און פאַר מיר איז שוין געשטאַנען אַ דריט גלאָז.

די חברה זיינען געשטאַנען אַרום מיר אין אַ קרייז און זיך געאַמפּערט און געשטויסן איינער דעם צווייטן. איך האָב אָנגע־הויבן מורא האָבן, אַז דער סוף וועט דאָ ניט זיין קיין גוטער.

לאַנגזאַם האָב איך גענומען זופּן דאָס דריטע גלאָז ביר און האָב זיך געוואָרגן מיט יעדען זופּ. ווען איך האָב ענדלאַך געענ־דיקט טרייקען דאָס דריטע גלאָז און האָב געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרויסצוגיין, האָט איך דערפילט צוויי גראָבע פינגער ביי מיר אין קאָלנער:

— אייל זיך ניט אַזוי, — האָט דער מאַן, וואָס האָט מיר געהאַלטן ביים קאָלנער, אַרויסגעברומט. — איך האָב נאָך ניט „געטריט"...

דער מאַן האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנעם דאָלער פון קע־שענע, אים געגעבן; אַ וואָרף אויפ'ן „באַר", און דער „באַר־טענדער" האָט ווידער אָנגעצאַפּט ביר פאַר אַלעמען.

איך האָב געפילט, אַז מער וועל איך ניט קענען טרינקען. די דריי גרויסע גלעזער ביר זיינען מיר אַריין אין קאָפּ, די אויגן־דעק־

דער אינזל

לאָך זיינען מיר געוואָרן קלעפּיק און איך האָב זיך געפילט מיד און שלעפּעריק...

דער ריזן־גרויסער דאָק־ארבעטער האָט גענומען זיין גלאָז ביר אין האַנט און אויפגעהויבן אין דער הויך און אויסגעשריען צו מיר: „היר איז לאַק!“...

די חברה ארום האָבן אים נאָכגעטאָן און געיובלט: „אָל העטס אָף טו סקאַטי!“...

ניט־ווילנדיק האָב איך אויך אויפגעהויבן מיין גלאָז ביר אין דער הויך. פאַר די אויגן איז מיר פלוצלונג געוואָרן טומאַנע און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע געביידע הוידעט זיך ארויף און אַראָפּ...

איך האָב דאָס גלאָז ביר צוגעטראָגן צו מיינע ליפּן און דעם גאַנצן אינהאַלט ארייגעגאָסן אין מויל מיטאַמאָל...

בלויז אַביסל האָב איך אַראָפּגעשלונגען. דאָס איבעריקע ביר איז מיר ארייגערונען אין לייב און דורכגענעצט די קליידער.

ארום מיר האָב איך געהערט שכור'ן געלעכטער. איך האָב מיט'ן ארבל פון מיין רעקל גענומען ארומווישן דאָס ביר פון מיין פּנים און האָב געשמייכלט.

— איט'ס אָפּ טו יו נאַו!... — האָט מיר „סקאַטי“ געקלאַפּט איבער'ן פּלייצע...

— איט'ס יור נעקסט!... — האָבן חברה געשריען.

די גאַנצע כאָפּטע האָט זיך ארום מיר ארומגעשטעלט און געפּאָדערט . . . איך זאָל טראַקטירן...

איך האָב מיט ציטערנדע הענט ארויסגענומען מיינע לעצטע פופצן סענט פון קעשענע און זיי לאַנגזאַם אַוועקגעלעגט אויפ'ן „באַר“...

דער „באַר־טענדער“ האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פאַרעכטלאַכן בליק און מיינע פופצן סענט נאָכלעסיק ארייגעוואָרפן אין זיין געלט־קעסטל...

— קאַם אָן, פעלאָו!... — האָט סקאַטי מיר געקלאַפּט איבער די פּלייצעס און זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט, — דאָס איז ניט גענוג!...

איך האָב הילפלאָז עפּעס געשטאַמלט.

— וואַרף אים ארויס, סקאַטי! וואַרף אים ארויס! — האָבן עטלאַכע מיטאַמאָל אויסגערופן.

איך האָב מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען זיך ארויסגעריסן פון די מעכטיקע הענט פונ'ם דאָק־ארבעטער און זיך געלאָזט צום טיר. ביים טיר האָט מיך אימיצער אָפּגעגאָסן מיט אַ גלאָז ביר.

דער אינזל

איך בין ניט־טויט־ניט־לעבעדיק ארויסגעלאָפן אין דרויסן און האָב הינטער זיך געהערט דאָס הייזעריקע, שכור'ע לאַכן פון דער כאַליאַסטרע.

אין דרויסן איז שוין געווען פינסטערלאך. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט און ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער צפון־ווינט.

דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק ווײ געטאָן און איך האָב גע־ציטערט מיט'ן גאַנצן קערפּער פון נאַסקייט.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז איך וואָלט אפשר געקענט באַקומען אויף נאַכט־לעגער ביי שעלמאַנען אין „לאָנטש־רום". דאָרטן קומט אַמאָל אַריין אַ מאַן, וואָס האָט מיר שוין עטלאַכע מאָל ארויסגעהאָלפן מיט עטלאַכע סענט.

עס איז אַ היפּשע שטרעקע פון האַנאָווער סטריט ביז העריסאָן עווענוי.

גייענדיק אַזוי בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסע אַפּטייק. אין פראָנט איז געווען אַ גרויסער שפּיגל און ניט־ווילנדיק האָב איך זיך דערזען אין מיין גאַנצער גרויס.

אַ שוידער איז מיר דורך איבער די גלידער. אַ טיפער רחמנות האָט זיך דערוועקט ביי מיר צו זיך אַליין און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן.

„שעם זיך... שעם זיך... שעם זיך..." האָט מיר דער ווינט גע־בלאָזן אין די אויערן.

איך האָב זיך צוריק אומגעקערט און זיך געלאָזט גיין מיט זייטיקע געסלאך.

אין איינער פון די זייטיקע געסלאך בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ גרויסן שטאַל.

די טירן זיינען געווען אָפן און איך בין אריין אינעווייניק.

אין אָפּיס, וואָס אַזוי געווען אין דער זייט, זיינען געזעסן עט־לאַכע מענטשן און גערעדט.

איך בין אוועק צום ווייטסטן ווינקל פון פּלאַץ. דאָרט איז געלעגן אַ גרויסע קופּע שטרוי און היי.

די וואַרימקייט פון'ם פּלאַץ האָט מיך ווי באַצויבערט. מיר האָט זיך אויסגעוויזען ווי די גרויסע קופּעס שטרוי און היי רעדן צו מיר און ווינקען צו מיר: „קום, קום, לעג זיך אוועק, רו זיך אויס אַביסל; דאָ איז וואַרים, אַ מחיה..."

איך האָב זיך איינגענורעט אין אַ גרויסער קופּע היי און בין באַלד איינגעשלאָפן ווי אַ טויטער.

ד ע ר א י נ ז ל

מענדל נייגרעשל:

פיר לידער פון לי־טאַי־פּאָ

(נאָך קלאַבענד)

קרעטשמע אין פרילינג

זיבן פערד
שפּאַלטן
דעם הימל און די ערד;
לייצעם טוט דער בליט־ווינט האַלטן...
אויף די קרעטשמע קוקט
א מכשפה אַלט־פאַרדאַרט...
פון די זילבער־ווייסע זאָטלען האָבן זיבן מענער זיך
געבוקט.
זיבן ווערן אָפּגעוואַרט:
פרילינג, יונגע מיידלאך, גוטער ווײַן.
אַלע זיבן קומען איצט אַרײַן.

דער קוק אין שפּיגל

מיין שפּיגל איז פון אָסיען־נעפּלען בלינד. איך קען ניט מער צום מאַי צוריק.
איך פלעכט מיר אויס פון מיינע ווייסע האָר א לאַנגען שטריק,
און בינד אים פעסט צו צו דעם לבנה־האָרנס ווייסן גלאַנץ,
ער זאָל זיך ניט צעררייסן, ווען איך וועל גיין מיט ווינט א טאַנץ.
צעווישן מיינע ציינער וועט די צונג מיר קלאַפּן...
רייס זי אַרויס: עס זאָל א דאַרער הונט זי כאַפּן!
(פון יעמאָלט וועט ער נאָר נאָך שיינע לידער שאַפן...)

זינגענדיקע געשפּענצטער

נעם, ברודער, אויף איינמאָל אַרײַן
א קריגל ווײַן!

דער אינזל

ליכט בליט אויף אלע וועגן.
געגנוג קען איך ניט האבן הי,
איך צי און צי. דער וואלקן־פלי
און בלומען טאנצן מיר אקעגן.

עס זינגט די ליפ, די וויע ווארט.
עס עפנט זאכט
זיך איבער אונז א פענצטער.
א מחנה פייגל פליט דורך נאכט,
דורך אונזער הארצנס טונקלער נאכט,
ווי זינגענדיקע שרעק־געשפענצטער.

דער ים־קרעבס

טרינק אוים דריי הונדערט כוסות אלטן וויין
און דו וועסט פטר'ן די פלונית'טע דיין און הפקר ווי א בחור זיין!
גרוים איז די צאל פון ווייעניישן און די צאל פון כוסות — קליין.
טא לאמיר שיכורן און טרינקען און ניט ליידיק שטיין!
צו וואס דערמוטשען זיך א שם, ווי דאא־שו און קואן־אי?
מיר ווילן ליבער פוסט און פאס אויף דער טעראס זיך לייגן פריי
פון מי.
א הייס־געקאכטן, רויטן ים־קרעבס טיילט אצינד ארום!
ברעננט אום אצינד דעם ווייטאק און די פיין ברעננט אום!
מיר זייגן זיי אוים ביז צום הארטן שאלאכץ און זאמלען
מיט קרעבסישע שערלאך, זיי זאלן הייליקע שייטער־הויפן ווערן —
לאזט אונז שיכור מיט אייביקע פליגלען אריבערפליען די נאכט און
די שטערן!

ר. אייזלאנד:

מר. גוסטאוו גילדנער

6.

הינדע מירל איז ניט געווען זיכער צי נאטע האט איר געזאגט
עפעס אדער איר האט זיך נאר אויסגעדאכט אזוי. סיי ווי איז איר
געווען גוט דערפון, און דער גאנצער לייב איז איר געווען אנגעגאסן

דער אינזל

מיט א פולער זאטקייט, וואס האט צוגעזאגט גוטע און פריילאכע טעג.

ווען זי האט געעפנט די אויגן האט די זון אריינגעשיינט קרום דורכ'ן פענסטער און נאטע איז שוין ניט געווען אין שטוב. גרשון, וואס איז געשטאנען ביי דער שאפע אין די תפילין, האט זיך אויסגערוקט שמונה עשרה און געזאגט:

— ער איז געגאנגען עפענען דאס געוועלב.

— ווער?

— דער טאטע.

— טאקע?

דאס הארץ האט אין איר א שפרונג געטאן פאר פרייד. און געדאכט האט זיך איר, אז א ניי לעבן האט זיך אנגעהויבן פאר איר. די גאנצע שטוב איז פול דערמיט, און אפילו די זון שיינט אנדערש ווי ביז אהער.

זי האט געשמייכלט און געפרעגט:

— ער האט גאר ניט געזאגט?

— ניין.

— און ווען איז ער אוועק?

— שוין לאנג.

דער שמייכל איז געבליבן קלעפן אויף אירע צעפלאמטע באקן דעם גאנצען טאג.

אויף צו מארגנס האט נאטע ווידער געעפנט דאס קלייטל און אויפ'ן דריטן טאג האט ער פארביטן דעם דייטשן איבערציער אויף דער היימישער קאמגארענער בעקעשע.

ביי ר' מרדכי'ן אין הויז האט מען דאס באטראכט פאר א געשעהעניש. און ווען דער אלטער האט עטלאכע טעג שפעטער באגעגנט זיין איידעם אין מארק האט ער זיך שוין ניט אפגעקערט פון אים, נאר פריינטלאך א שאקל געטאן דעם קאפ:

— גוט מארגן!

געקומען אהיים האט ר' מרדכי א זאג געטאן צו זיין ווייב:

— הערסט, דאבעלע, מ'וואלט געדארפט שיקן נאך זלמן שניידער און זאל ער אויפנייען נייע זשופעצלאך פאר נאטעס אינגלאך.

נאר ווען נאטע האט דאס דערהערט האט ער גרשונ'ען מיט שימעלן ניט געלאזט גיין צום שניידער נעמען די מאס:

— איך וויל ניט קיין טובות.

אין איינעם פון די טעג האט נאטע א רוף געטאן גרשונ'ען:

— קום!

דער אינזל

— וואוהין?

— וואָס אַרט דיך? אז מען רופט דיך גייט מען.

און נאָטע איז אוועק מיט אים הינטער דער שטאָט. א שטיק וועג זיינען זיי ביידע געגאַנגען שווייגנדיק, נאָר ווען זיי זיינען שוין געווען אין פעלד, האָט נאָטע א ווייז געטאָן אויף דעם ברייטן און אָפענעם ארום און געזאָגט: — א שיינע וועלט! א הערלאַכע וועלט! און זיי זיינען ווידער געגאַנגען שווייגנדיק, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום בערגל הינטער די ליפע, וואו נאָטע האָט אויסגעטאָן פון זיך די בעקעשע און זיך אויסגעצויגן אין גראָז אין זיין גאַנצער לענג. אָפגעריסן א שטענגעל גראָז, האָט נאָטע א זאָג געטאָן:

— הערסט, גרשון? אין דיינע יאָרן בין איך געווען א סך גרעסער ווי דו, היינט. נאָר שכל האָב איך געהאַט ווינציקער פון א קאַץ.

גרשון האָט אים אָנגעקוקט, געוואונדערט זיך וואָס דער טאַטע רעדט צו אים, ווי צו א גלייכן, און זיך פאַררויטלט.

— אַנטקעגן וואָס איך זאָג דאָס? אַנטקעגן דעם, וואָס מיר איז ניט גוט. אוי, ניט גוט! און הלואי וואָלט איך דעמאָלט געהאַט דעם שכל וואָס היינט, וואָלט איך איצט געהאַט א שענער פּנים און ניט געווען אזא לא יוצלח.

גרשונ׳ען האָט ווי געטאָן וואָס זיין פאָטער רעדט אזוי וועגן זיך. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט אים עפּעס געשראָקן פאַר דעם פאָטערס רייד, כאָטש ער האָט אליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

נאָטע האָט ווייטער גערעדט:

— מיינסט, אז איך וואָלט דאָ געווען כאָטש איין טאָג? — אָסור. כאָטש ס׳איז זייער ביטער צו וואַלגערן זיך אין דער פרעמד און שלעפן זיך מיט א פּאַק איבער די הויפן. איך פאָר אָבער ניט אוועק צוליב דיר און צוליב שימעלן. ניט צוליב דיין פאַרדריפּעטער מאַמע, חלילה. און ניט צוליב דיין זיידן, דעם שיינעם איד...

פון דעם וואָס ער האָט ווייטער גערעדט האָט זיך שוין ביי גרשונ׳ען מער ווי הוילע ווערטער ניט אָפּגעשטעלט. די מאַמע און דער זיידע ביי וועלכע ער איז אויפגעוואַקסן זיינען אים געווען צו נאָענט, אז ער זאָל קענען הערן ווי מען רעדט וועגן זיי מיט אזוי פיל גאַל. נאָטע האָט א היבשע ווײַלע ניט באַמערקט ווי גרשון הערט אים ניט. און ווען ער האָט צום סוף דערזען ווי זיין זון ליגט נעבן אים מיט אן אָפענעם מויל און די באַקן זיינען ביי אים רויט אָנגעבלאָזן, איז ער געוואָרן אן אָנגעצונדענער און אויסגערופן:

— ער איזט דאָך דום ווי איין קלאָץ!

און זיך אויפגעשטעלט.

דער אינזל

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי איז הינדע מירל אריינגעפאַלן אין איר פאַטערס שטוב מיט א געשריי: — אוי, איך חלש! — און זיך צעשלוקערט ווי א האָן. ווען מען האָט איר דערלאַנגט א גלאָז וואסער און זי איז געקומען צו זיך, האָט מען זיך דערוואוסט, אז נאָטע האָט פארטאָג אויפגעוועקט גרשונ'ען און אים אוועקגעפירט צו יאַנקל היטלמאַכער, וואו ער האָט אים אָפּגעגעבן אויף דער לער.

— וואוּ? — האָט ר' מרדכי אויסגערופן, ווי ניט מיט זיין קול, — איז ער משוגע געוואָרן צי חסר דעה?

— דאָס קינד האָט נעבאך אזוי געוויינט, אזוי ניט געוואָלט גיין מיט אים, אז ס'האָט מיר געשניטן ביים הארצן. — האָט הינדע מירל געקלאָגט און זיך ווידער צעשלוקערט.

ר' מרדכי האָט א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט: — דאָס וועט ניט זיין! בשום אופן ניט! ווען די גאנצע וועלט זאָל זיך צוזאמענקומען! אזוי מיר דאָס פּנים פארשוואַרצן!

און עטלאכע טעג האָט געקאָכט מיט דעם אין דער משפחה. ר' מרדכי איז פון הויז ניט ארויס. אפילו צום דאַוונען ניט געגאַנגען. דאָבעלע האָט געהאַלטן אין איין שנופּן און ווישן די אויגן. און די מומע חאַמעלע האָט זיך געקניפּן די באַקן. — מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין! דעם שייגעץ! — האָט געשריגן זלמן און זיין שטילערער ברודער, וואָלף איז אוועק צו נאָטען אים פּרוּוון איבער־רעדן מיט גוטן, אז ער זאָל דאָס אינגל צוריק אפּנעמען. דער רייכער קרוב, ר' מענדעלע, האָט פון זיין זייט שטילערהייט געשיקט זיינעם א מענטש צו נאָטען. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן. נאָטע האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניקע. אזוי וויל ער און אזוי וועט זיין. נענוג, וואָס ער איז א לא יוצלח. זיין זון אָבער וועט מוזן זיין א מענטש.

— פון זינט ווען איז דאָס א טשאַפּניק א מענטש — האָט ר' מענדעלעם שליח געפּרוּווט זיך ווייצלען און געביכעט אין בערדל אריין.

— פון זינט איר זענט א לעקיש!

און גרשון איז פארבליבן ביי יאַנקל היטל־מאַכער.

7.

דאָס פּנים ביי גרשונ'ען האָט געפלאַמט, און פאַר די אויגן זיינען אים געשטאַנען גרויסע רעדער, ווען זיי פאַטער איז ארויס פון יאַנקל היטלמאַכערס וואַרשטאַט און אים דאָרט געלאָזן. ווי דורך א נעפּל האָט ער געזען די צוויי געזעלן, פייוועלע האָפּ און דעם שיינעם

איציק, ווי זיי זיינען געזעסען אויף אַ באַנק, אָנגעצויגענע שמוישענע היטלען אויף קיילעכדיקע קלעצלאַך און זיך דורכגעוואונקען. ער האָט אויך געזען ווי די יאַנקעלכע, אַ הויכע, פאַרגרינטע דאַרע אידענע מיט אַן אייביג צעפּל אויף דער נאָז, האָט זיך אָנגעבויגן צו איר מאַן, געמאַכט מיט אירע לאַנגע הענט און שטאַרק מיט אים איינגע׳טענה׳ט. וואָס זי האָט אַזוינס גע׳טענהט מיט איר מאַן, האָט ער ניט געהערט. ער האָט אַבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס טענה׳ט זי עפּעס וועגן אים, און אַז זי איז ניט צופרידן, וואָס יאַנקל האָט אים צוגענומען אויף דער לער.

דאָס האָט אים נאָכמער צערודערט, און איצט האָט ער שוין גאָר ניט געזען. אָבער דאָ איז צו אים צוגעאַנגען דער מייסטער און אָנווייזנדיק אויף אַ קופּע אַלטע זעלנערשע קליידער, וואָס איז געלעגן אָנגעהויפט אויף אַ לאַנגן טיש אין אַ ווינקעל, האָט ער געזאָגט: — קום!

גרשון איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אין שלאָף, און יאַנקל האָט פון דער קופּע אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַר זעלנערשע הויזן, צעשפּרייט זיי ביי זיך אויף דער קני און מיט אַ מעסערל אין האַנט אים געוויזן ווי אַזוי ער זאָל אויפטרענען די נעט. דערביי האָט ער זיך געוויצלט:

— זעסט? פון די אַלטע פּלודערן וועלן מיר, מיט גאָטס הילף מאַכן עטלאַכע נייע קאַשקעטן, און אַז דו וועסט זיין אַ וואַוילער יונג און טאָן וואָס דער מייסטער הייסט, די מייסטערין הייסט, און וואָס אַלע גוטע און פרומע לייט הייסן דיר טאָן, וועסטו שבת עסן קוגל און אַז מיר וועלן דערלעבן ביז פּורים, וועלן מיר נאָך געפינען אַן אַנדער פּאָר פּלודערן און מען וועט דיך אויסשלייערן ווי אַן אָפּיצער, אַז אַלע מוידן וועלן פאַר דיר איינגעמען די כפּרה.

געענדיקט דעם פּזמון, האָט ער פון אַ זייט אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויגל צו זיינע געזעלן: — נישט אַזוי? זאָגט. — און פייוועלע האָפּ, אַ נידעריקער מיט אַ קוטשעראַווע קעפּל און פינקעלדיקע שוואַרצע אייגעלאַך, האָט געענטפערט מיט פונקט אַזאַ וואונק: — אָהאָ, נאָך ווי די כפּרה!

גרשון איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן, און ווען יאַנקל האָט אים געהייסן זיך אַנידערזעצן און נאָכטאָן דאָס וואָס ער האָט אים געוויזן, האָט זיך ביי אים דער קאָפּ פאַרדרייט, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל ניט קאָנען. יאַנקל איז נאָך געשטאַנען לעבן אים אַ ווײַלע, אים געוויזן ווי אַזוי ער זאָל האַלטן דאָס מעסערל, אַז ער זאָל ניט אַיינשניידן אין דעם געוואַנט:

— וואָרים, פאַרשטייסטו מיך, די פּלודערן זיינען טאַקע אַלטע

און זיינען ניט ווערט קיין פּייעס, אבער מיך קאָסטן זיי בלוטיקע גראצערס, און ווען דו וועסט מאכן פון זיי א תל, דארף איך זיי כאָטש אוועקשענקען דודען דעם וואסער־טרעגער, דו קענסט דאָך אים, דעם טייערן פּארשוין, נו, זאָג אַליין, איז ער ווערט אזא מתנה?

ביי גרשונ׳ען האָט אָנגעהויבן צו דרודלען אין די אויערן פון יאנקלס גלאָטע און וויציגע ריידעלאך, נאָר דאָס דריקעניש ביים הארצן האָט אויפגעהערט און די גרויסע רעדער זיינען אויך פארשוואונדן פון זיינע אויגן.

שפּעטער ווען דער מייסטער איז אויף א ווייל¬ע ארויס פון שטוב, האָט פּייוועלע האָפּ א פּייף געטאָן צווישן די ציין: פּסט! און ווען גרשון האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער וואוילינגעריש א דריי געטאָן דאָס קעפּל אין א זייט און א פרעג געטאָן: — זאָג מיר נאָר, האָסט שוין געקושט אן אַלט באבקעלע? — גרשון איז ווידער רויט געווארן און דער צווייטער געזעל, דער שיינער איציק, האָט זיך אזוי צעשאָקלט פון געלעכטער, אז די באקן זיינען ביי אים געוואָרן רויט און אָנגעבלאָזן.

גרשונ׳ען האָט ווידער אָנגעהויבן צו קלעמען ביים הארצן, און ער האָט געטראכט, אז ווען קיינער וועט ניט זען, וועט ער זיך ארויסשארן פון דאנען און אנטלויפן וואו די אויגן וועלן אים טראָגן. ער האָט זיך שיער ניט צעוויינט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער וועט דאָ מוזן נעכטיקן ערגעץ אין דרויסן און ער וועט קיינמאָל מער ניט זען ניט די מאמע, ניט שימעלען און ניט קיינעם ניט פון דער משפּחה. דעם פאָטער איז ער איצט געווען אזא שונא, אז אים וואָלט אפילו ניט געארט ווען ער זעט אים שטארבן.

ווי אַלע לער־אינגלאך האָט גרשון געדארפט עסן און שלאָפן ביי זיין מייסטער. יאנקל האָט אפילו דאָס געוואלט ביי אים אָפּדינגען:
— אז איך האָב אפילו ניט וואו אים צו ליגן! — האָט ער געהאלטן אין איין טענה׳ן. — ליג אים אויפ׳ן פּעקעליק צי אפילו אויפ׳ן בוידים — האָט נאָטע זיך געהאלטן ביי זיינס — זאָל ער ביי דיר ניט זיין קיין יחסן. הערסט יאנקל נאָר ניט קיין יחסן! ער איז שוין אזוי אויך גענוג צעפּעשטשעט.

נאָר ווען מען האָט צו וואָרעמס דערלאנגט צום טיש א גרויסע שיסל קארטאָפל פון וואָס ער האָט צוזאמען מיט די צוויי געזעלן געדארפט עסן מיט א הילצערנעם לעפל, האָט ער ביים ערשטן לעפל זיך דערמאָנט אן א גרויסער, פעטער לויז, וואָס איז ארומגעקראכן אויף די פּלודערן, וואָס ער האָט צעטרענט, און דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האלז.

דער אײנזל

דעם גאַנצן נאָכװאַרעמס האָט אים געצויגן צו ברעכן, און ער האָט זיך גע׳מיאוס׳ט אָנצורירן די אַלטע בגדים.

— אוי, איז דאָס אַן אײדל געבאָרדענס! — האָט פּײוועלע א זאָג געטאָן װען ער האָט דערזען װי גרשון רירט אָן דעם שטאָף קוים מיט די שפּיץ פינגער. — זע נאָר פינגערלאַך! און װי דאָס ארבײט! דאָס טוט ער דאָך עמיצן א טובה!

דער שײנער איציק האָט געשמײכלט און געזאָגט: — א טײערער באַלמעלאָכע װעט דאָס אויסוואַקסן, אָהאָ!

גרשון האָט זיך קוים דערוואַרט ביז עס איז געוואָרן פאַרנאַכט און מען האָט אָוועקגעלײגט די ארבעט. פּײוועלע און דער שײנער איציק האָבן זיך אָנגעטאָן און זײנען אַוועק אין מארק ארײַן און גרשון האָט מיט הינטערגעסלאך זיך געלאָזט גײן אהײם.

א פינסטערער און דערשלאָגענער איז ער ארײַן אין שטוב, און אָן װערטער זיך אַוועקגעזעצט אין א װינקעל. װען הינדע מירל האָט אים דערזען האָט זי א פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— אוי, א קלאָג צו מיר נישט!

גרשון האָט עס מער ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט.

די מוטער האָט אים מער ניט אָפּגעלאָזן. יענעם אָוונט האָט ער געמוזט עסן אין דער הײם און ער האָט דאָרט אויך שוין געמוזט נעכטיקן. און פון דעמאָלט אָן האָט ער א שטיק צײַט געגעסן װעטשערע און גענעכטיקט אין דער הײם. נאָטען האָט דאָס ניט געשמעקט, אָבער ער האָט געשוויגן. נאָר אײנמאָל, װען נאָטע האָט געזען װי הינדע מירל פּאָרעט זיך ארום גרשון׳ען און ציטערט איבער אים װען ער עסט, װי ער װאָלט נאָר װאָס אויפגעשטאַנען פון א קרענק, האָט עס אים אונטערגעטראָגן. ער װײל מאַכן פון דעם זון א מענטש און זי מאַכט פון אים א צעקראָכענע שמאַטע! איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָן װערטער האָט ער צוגענומען דעם טעלער פון אונטער גרשונ׳ס נאָז און א זאָג געטאָן:

— פון הײַנט אָן עסט ער בײַם מײַסטער.

בײַ גרשונ׳ען האָבן זיך געשטעלט טרערן איז די אויגן און הינדע מירלען האָט עס אזא שניט געטאָן בײַם הארצן, אַז צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי א טופּע געטאָן מיט א פוס און דערלאַנגט א געשרײַ:

— ימח־שמו׳ניק!

דער גאַנצער צער פון איר פאַרביטערט לעבן האָט זיך א ריס געטאָן מיט דעם אויסגעשרײַ, און נאָטע איז א װײַלע צעטומלט געוואָרן. באַלד אָבער האָט ער א כאַפּ געטאָן דעם טעלער, װאָס ער

דער אינזל

האָט נאָך אלץ געהאלטן אין האנט און אים אזא זעץ געטאָן אין דער ערד, אז ער איז זיך צעפּלויגן אין שטיקלאך און די זופּ וואָס איז געווען אין אים האָט זיך צעשפּריצט אין אלע זייטן.

ווי א ווילדע קאץ האָט זיך הינדע מירל א לאָז געטאָן צו אים מיט די נעגל און מיט באנומענע קולות, און באלד איז זי שוין מיט אירע נעגל געווען אין זיין באָרד, אין זיין האלז, אין זיינע אויגן. נאָטע האָט זי אָפּגעריסן פון זיך, און זי האָט איצט גענומען רייסן אויף אים די בעקעשע און ווידער זיך געדראפּעט מיט די פינגער צום פּנים זיינעם.

אירע קולות זיינען געוואָרן אלץ ווילדער און ווילדער און די טירן פון שכנישע הייזער האָבן אָנגעהויבן קלאפּן. באלד איז אין דרויסן פאר׳ן פענסטער שוין געשטאנען א קופּע אידן, אידענעס און קליינע קינדער. די מאנסבילן האָבן זיך געוויצלט, די אידענעס האָבן געשריגן און געשאָלטן און דאָס קליינווארג האָט געמאכט א קאצענמוזיק, וואָס האָט צונויפגעבראכט נאָך אנדערע מענטשן. און איין מיידעלע האָט צוגעפּלעטשט איר נעזל צו א שויב, ארויסגעשטעלט א צינגל און זיך צוגעקוקט צום בייז וואונדער.

גרשון, וואָס איז די גאנצע צייט געשטאנען אין א ווינקל און האָט געציטערט האָט איצט א פּראל אויפגעטאָן די טיר און זיך געלאָזט לויפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך געהיט ניט אהיים צו קומען ווען ער האָט געוואוסט, אז ער קען דאָרט טרעפן דעם טאטן. און טאָמער האָט ער אים באגעגנט אין דרויסן האָט ער זיך צונויפגעקאָרטשעט און זיך אָפּגערוקט אויף צוריק.

פאר דעם געשלעג צווישן הינדע מירלען און נאָטען איז גרשון געווען פּטור פון די אלע זייטיקע זאכן, וואָס יעדער לער־אינגעל איז מחויב צו טאָן פאר זיין באלעבאס און באלעבאָסטע. יאנקל האָט אים געשאנעוועט, ווייל ער איז דאָך פאָרט עפּעס ר׳ מרדכי גילדנערס אן איניקל. איצטער אָבער, האָט ער מיט אמאָל פארלוירן דעם גאנצן דרך ארץ, און איין פארנאכט, נאָך דער ארבעט, ווען גרשון האָט זיך געקליבן ארויסגיין, האָט אים יאנקל פּלוצים א רוף געטאָן:

— העי, דו חתן־בחור, גיב נאָר א נעם דאָס פּאָמעשאף!

ערשט איצט האָט גרשון דערפילט: פארפאלן! ער וועט שוין דאָ פארבלייבן.

8.

ארום חנוכה־צייט איז נאָטע ווידער אַוועק און צוריקגעקומען איז ער ערשט פאַרן צווייטן ראש השנה. די גאַנצע צייט האָט ער גאָר ניט געשריבן און פון הינדע־מירלען איז געוואָרן אַ תל. פון ערגערניש צי פון די פּעק רעשטלאַך, מיט וועלכע זי האָט זיך איצט ארומגעשלעפּט אויף דראַביניאַסטע וואָגנס פון איין יאַריד צום צווייטן, זיינען איר די פּלייצעס געוואָרן נאָך שפּיציקער און איינע העכער ווי די אַנדערע, מיט אַ שאַרף הויקערל, וואָס האָט נעבאַכדיק־שפּיציק איר אונטערגעהויבן דאָס קאָפּטל. איר פּנים איז געוואָרן טרוקן און האַרט און פאַרצויגן מיט דינע פעלבעלאַך, אַז ס'האָט זיך געדאַכט די הויט איז געוועבט פון שטריקלאַך. די אַמאָליקע רויטע פלעקן איבער די באַקן־ביינער זיינען איצט געווען בלוילאַך און די ראַנדן פון די אויגן אַזוי אויסגעטריקנט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַזוינע אויגן קענען זיך קיינמאָל ניט צומאַכן.

אין די צוויי יאָר איז איר געווען ביטערער ווי ביז אַהער. אפילו די טרייסט, וואָס זי האָט אַמאָל געפונען אין די קינדער, איז איצט אויך ניט געווען. שימעלע האָט אונטערגעקרענקט און גרשונ'ען האָט זי זעלטן געזען אויסער שבת, ווען ער פלעגט קומען צו איר, שוין פאַרנאַכט־צו, אויף שבת־אויבסט און צו שלש־סעודות. דאָך האָט זי ניט אַרויסגעוויזן קיין שום פרייד, ווען נאָטע איז צוריקגעקומען. אירע בלויע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן בלויז אַ ציטער געטאָן אין די אויגן זיינען איר געוואָרן פייכט, ווען זי האָט אים דערזען. איין רגע האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט און זי וועט זיך צעוויינען. באַלד אָבער האָט זי אַ שנופּ געטאָן, ווי זי וואָלט עפּעס אַרונטערשלינגען, פאַרבונדן די פאַטשיילע הינטער די אויערן און זיך גענומען פאָרען אין הויז, און אויף נאָטען זיך ניט אומגעקוקט. גלייך ווי ער וואָלט אין שטוב ניט געווען אָדער ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט אַוועקגעפאָרן.

גרשון איז איצט געווען אויף דער לער שוין איבער צוויי יאָר. פאַר דער צייט איז ער געוואָרן אַ הויכער און ברייטער בחור מיטן ערשטן שפּראָץ פון אַ וואָנצע. מיט זיין הויך און זיין גאַנג איז ער געווען געראָטן אין פאָטער. זיין ברייט אָבער און זיינע לענגליכע ווייכע אויגן האָבן געוויזן, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיין מער ענלאַך אויפן זיידן ווי אויפן טאַטן. די מלאָכה האָט ער שוין געקענט ווי אַ פאָלנער געזעל און זיין מייסטער האָט זיך געגרויסט מיט אים. און כאָטש גרשון האָט זיך שוין געהאַט צוגעוויינט צו דעם באַלמעלאָכישן לעבן און די אַרבייט אפילו ליב

דער אינזל

געקראָגן, באַזונדערס ווען אים איז געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַ היטל מיט וועלכן דער מייסטער האָט זיך געצאַצקעט, דאָך זיינען אויף אים גאַנץ אָפט אָנגעפאַלן טעג, ווען ער האָט זיך געפילט אַזוי באַטריבט ווי אין דער ערשטער צייט וואָס ער איז געקומען אויף דער לער. און אין אַזוינע טעג האָט ער זיך דערמאָנט מיט שנאה אָן זיין פאָטער.

צום מיינסטן פלעגט דאָס געשען נאָכדעם ווי אים איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט איינעם פון זיינע אַמאָליקע חברים. זיי, די געוועזענע חברים זיינע, זיינען שוין איצט אַלע געווען יונגע באַלעבאַטישע בחורימלאַך, וואָס האָבן געלערנט אין קלויז אָדער אויסגעהאָלפן די טאַטעס אין זייערע מסחרים. ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער, האָבן זיינע חברים געטראָגן שבת זיידענע בעקעשלאַך, און איינער פון זיי, וואָס איז שוין געווען אַ חתן, האָט אפילו געטראָגן אַ סויבעלנעם קאָלפּאַק און אַ גילדן זייגערל. געוויינלאַך האָבן זיינע אַמאָליקע חברים אים אויסגעמיטן. נאָר טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט זיך ניט געקענט אויסמיידן און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און אויסריידן אַ וואָרט, איז דאָס געטאָן געוואָרן אַזוי אַז ביידע זיינען רויט געוואָרן און ביידן איז געוואָרן לייכטער, ווען מען איז סוף כל סוף זיך צעגאַנגען יעדער זיין וועג.

אַפילו זיינע אייגענע געשוועסטער־קינדער, ווי יודעלע דעם פעטער זלמנס, און בירך, דעם פעטער וואָלפס, וואָס זיינען געווען אינגער פון אים, האָבן אים אויך אויסגעמיטן, און אַפילו זיין אייגענער ברודער שימעלע האָט אַצינד אויך אַנדערש גערעדט צו אים. דער איינציקער אין דער משפחה, וואָס האָט אים מקרב געווען, איז געווען דער זיידע זיינער. ביי ר׳ מרדכין פלעגן די אויגן תמיד ווערן ווייך און וואַרעם, ווען ער האָט אים דערזען. און כמעט תמיד פלעגט ער עפענען דאָס ביימעלע און אים ארייינשטופּן אין דער האַנט אריין אַ זילבערנע מטבע, און דערביי האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז ער זאָל זען למען השם קומען צו אים שבת אויף קידוש אָדער נאָכן טיש.

גרשון האָט דעם זיידן זייער ליב געהאַט. נאָר געקומען צו אים איז ער זייער זעלטן. ווייל דוקא פאַרן זיידן האָט ער זיך געשעמט מער ווי פאַר אַלע. און אַחוץ דעם האָט ער זיך שוין געהאַט צוגעוויינט שבת גלייך נאָכן טיש צו גיין צו ריוועלע די ציצערקע, וואָס האָט געגעבן אויף באָרג פאַרשיידענע שבת־אויבסטן און עפּל־קוואַס, און וואו עס פלעגן שבת זיך צונויפקלויבן אַלע געזעלן, גרעסערע לער־אינגלאַך, די דינסט־מיידלאַך און די מוידן פון די הינטער־געסלאַך.

דער אינזל

גיין אהין פלעגט ער צוזאמען מיט דעם שיינעם איציק, צו וועלכן ער האט זיך צוגעבונדן גלייך נאכדעם ווי עס זיינען אוועק די ערשטע דערשראקענע און צעטומעלטע וואכן אויף דער לער. מיט איציקן איז ער געשלאפן צוזאמען אין איין בעט, פון אים האט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה און פון אים האט ער זיך אויס־געלערנט צו זיצן גלייך ביי דער ארבייט און אויך אביסל „אונטער־צושטופן". דער שיינער איציק איז געווען דער ערשטער וואס האט אים אפגעשניטן די קעלנער פון זיינע העמדער און די לייסטעלאך אזוי פאריכט אז ער זאל אויף זיי קענען אנטאן א הארטן געפרעסטן קראגן. ער האט אים אויך אוועקגעשענקט א געפרעסט „ברוסטל" מיט א שניפס און ער האט אים אויך אונטערגעשוירן די פאות. פון דעם שיינעם איציק האט ער זיך אויך דערוואוסט וועגן זאכן, וואס האבן אים געמאכט רויט ווערן און צוליב וועלכע ער האט דערנאך עטלאכע נעכט ניט געקענט רואיק שלאפן.

ווען איציק האט אים צום ערשטן מאל מיטגענומען צו ריווע־לען, און גרשון האט דערזען ווי די שניידער־יונגען קיצלען דארט די מיידן, איז ער רויט געווארן, און איין מויד מיט א רויטן קאפ און א הויכן בוזים האט זיך אזוי צעלאכט, אז זי האט זיך אזש גענומען וויגן אויף אירע ברייטע פליישיקע באקעס, און פייוועלע האפ, וועמען מען האט יעדעס יאר צום יוסף־שפיל אויסגעקליבן צו שפילן די ראל פון דער מוטער רחל, פאר זיין קוויטשיק בייקולכל, האט אנגעהויבן אונטערברומען אונטערן נאז א טרויעריק חסידיש ניגונדל, צוערשט אן ווערטער און דערנאך אביסל העכער מיט א קוויטשל:

„אינם פעלד זיצנדיק
זיצט א חסידל וויינענדיק.
אוי, חסידל, וואס דו וויינסט?"

און עטלאכע שניידער־יונגען האבן אונטערגעכאפט:

„אוי, אוי, אוי, אוי, כוויין, כוויין."

און פייוועלע האט פארענדיקט שפאטיש פארדבקהט:

„כ'וויל מיט די־יר אהיים גיין".

דערביי האט ער אזוי ממזריש־חסידיש פארקנייטשט מיט די אויגן, אז צוויי מיידן האבן זיך גענומען אונטערקנייפן און איינע האט מיט טרערן אין די אויגן און פארקייכנדיק זיך פון געלעכטער אויסגערופן:

— פייוועלע ממזר, א כאלערע אים אין די ביינער!

אין דעם „כאלערע אים אין די ביינער" איז געלעגן אזוי פיל

ד ע ר   א י נ ז ל

ליבשאַפט, אַז סאיז געווען קענטיק זי איז גרייט אים אַזש אַ ביס צו טאָן פאַר זיין „ממזרישקייט". און פייוול האָט ווייטער געזונגען:

„אין דער היים זיצנדיק
זיצט דאָס חסידל וויינענדיק.
אוי, חסידל, וואָס דו וויינסט?
— אוי, אוי, כוויין,
כ'וויל מיט די־יר אין בעט אריין גיין.

דאָ האָבן זיך שוין אַלע מיידן געשטויסן מיט די עלנבויגנס, געקנייפּט זיך, געלאַכט און געוואָרפן זיך איינס דאָס אַנדערע צו די יונגען, און גרשון האָט געפילט ווי דאָס גאַנצע לייב פלאַמט אים און ווי עס זעצט אין זיינע שלייפן ווי מיט האַמערס.

ווי אַזוי ער איז ארויס פון דאָרטן האָט ער אַליין ניט גע־וואוסט, און ווען ער איז שפּעטער געגאַנגען אַהיים זען די מאַמע, איז אים גייענדיק יעדעס מאָל דורכגעלאָפן אַ קעלט דורך די ביינער, נאָר די נעגל פון די פינגער   האָבן אים געברענט און היים איז אים אויך געווען אין קאָפּ. דאָס טעפּעלע זויער־מילך, וואָס די מאַמע האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט, האָט ער אויסגעטרונקען, נאָר צום יאַגדע־קיכעלע האָט ער זיך ניט צוגערירט.

געזאָגט האָט ער זיך, אַז מער וועט ער שוין קיינמאָל ניט גיין אַהין צו ריוועלען. און דאָך ווען ער איז אויף צו מאָרגנס גע־שטאַנען ביי דער אַרבעט און אָנגעצויגן שמוישענע היטלען אויף די רונדע קלעצלאַך, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס שפּאָט־לידל, וואָס פייוועלע האָט נעכטן געזונגען אויף אים, זינגט זיך איצט פון זיך אַליין אין אים אינווייניק, און ערשט איצט איז פאַר אים קלאָר ארויסגעטראָטן אַלץ, וואָס ער האָט זיך נעכטן אָנגעזען ביי די יונגען מיט די מיידן און אַ שווערע היץ האָט ארומגעכאַפּט זיין קאָפּ ווי אַן ענגע רייף. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דעם קומענ־דיקן שבת, ווען דער שיינער איציק וועט אים ווידער רופן. אָבער איציק האָט אים מער ניט גערופן. דעם צווייטן שבת אויך ניט, און אויפן דריטן שבת האָט ער שוין אַליין אַ פרעג געטאָן זלמן שניידערס לער־אינגל צי וויל ער ניט גיין מיט אים צו ריוועלען אויסטרינקען אַ גלאָז עפּל־קוואַס. און פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געגאַנגען אַהין יעדן שבת. יעדעס מאָל געשעמט זיך וואָס ער גייט און געזאָגט זיך, אַז מער וועט ער דאָס שוין ניט טאָן, און איז דאָך ווידער געגאַנגען.

ווען זיין פאָטער איז אַהיים געקומען האָט גרשון ניט געוואָלט גיין אים זען. איז נאָטע אויף צו מאָרגנס געקומען צו אים. דאָס מאָל איז נאָטע אַהיים געקומען מיט אַ געשוירן בערדל, וואָס איז געווען דורכגעוואָרפן מיט אַ סך ווייסע האָר, און אויסגעזען האָט

דער אינזל

עס ווי א שיטער הארט בערשטל, פון וועלכן מען האט פוןביידע זייטן אויסגעדזשובעט צוויי שטיקער. געדעדט האט ער, ווי נאך זיין ערשטן אהיים קומען, נאר דאטש.

גרשון איז געווען פארנומען ביים איבערניצעווען אן אלט שטריימל, ווען זיין פאטער איז אריינגעקומען.

— גוטן טאג! — האט זיך צעטראגן זיין ברייט קול איבער דער ארבייטס־שטוב, וואס איז געווען אנגעשטעלט און אנגעלעגט מיט מאשינען, מיט קלעצלאך, שטויסן פויערשע קאפעלושן, שמוי־שענע היטלען, קופעס אלטע קליידער און פאליצעס מיט הארטע קאשקעטן. מיט פעלכלאך און שטיקער געוואנט, מיט שטויב און שפינוועבס, מיט ווינדלאך, וואס האבן זיך געטריקנט אויף א שטריקל פארצויגן אין דער קרים פון איין וואנט צו דער אנדערער און מיטן ריח פון אן איינברען און געפרעגלטע ציבעלעס, וואס האט זיך געטראגן פון צווייטן חדר.

גרשונען האט א זעץ געטאן אין הארצן, ווען ער האט דער־הערט דאס באקאנטע קול. און ווען ער האט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ארבעט און דערזען דעם טאטן, איז ער אזוי צעטומלט גע־ווארן, אז ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן.

פייוועלע האפ האט אפגעשטעלט די מאשין. דער שיינער איציק האט זיך אויפגעשטעלט און דער מייסטער אליין האט געלאזט פאלן א פעלכל, וואס ער האט געהאלטן אין אויסקלאפן מיט א ים־שטעקעלע, אפגעווישט ביידע הענט אן די הויזן און אויסגערופן:

— אה, שלום עליכם! א גאסט!

— עליכם שלום! — האט נאטע געענטפערט און אים דער־לאנגט די שפיץ פינגער.

— ני, ווי גאיטס עפים? — האט יאנקל געפרעגט אביסל פארלוירן, און ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיין האנט, פון וועלכער נאטעס פינגער האבן זיך קאלט ארויסגעגליטשט. אבער נאטע האט בלויז א קנייטש געטאן מיטן קאפ: „דאנקע, זייער פיין!" און געקוקט אויף זיין זון. אבער גרשון האט זיך נאך אלץ ניט געקענט רירן פון ארט, און די באקן זיינען ביי אים געווארן רויט אנגעבלאזן, ווי ביי זיין פעטער זלמן, ווען ער ווערט בייז. דא האט ביי נאטען עפעס א טיאכקע געטאן אין הארצן און מיט א פארקרימטן שמייכל איז ער צוגעגאנגען צו אים.

איצט ערשט האט זיך גרשון אויפגעשטעלט און א צעטומלטער און פארשעמטער אים דערלאנגט די האנט:

— שלום עליכם!

נאטע האט אים א ווייל דורכגענומען מיט זיינע גרויסע אויגן,

דער אינזל

וואָס זיינען איצט געוואָרן נאָך גרעסער און אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך טאָפּען אין א ווארימער פליסיקייט, און מיט אמאָל האָט ער גרשונען א צי געטאָן און אים פעסט צוגעדריקט צו זיך.

א מאָדנע ווייכע ווארימקייט האָט זיך געזומען שפּיגלען אין אלעמענס אויגן און א ווײלע איז געווען אזוי שטיל, אז סהאָט זיך געהערט ווי אין צווייטן חדר פרעגלען זיך די ציבעלעס. מיט אמאָל האָט נאָטע א זאָג געטאָן:

— טו זיך אָן און קום!

ווען גרשון איז מיט זיין טאטן ארויס פון שטוב איז ער נאָך אלץ געווען רויט. יאנקל מיט זיינע גענעלן האָבן א היפּשע ווײלע נאָכדעם ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. עפּעס איז געווען א שאָד איבערצורייסן די ווארימע שטילקייט, וואָס האָט נאָך אלץ ארומגעשוועבט אין שטוב.

זישאָ לאַנדוי:

ברויט און וואַסער

און דער באַגין הייבט אויף די ברעמען:
צוויי שווערע לאָדן גרויען בליי,
און בלייאיק וועט ער זיך פארנעמען
און גיין די גרויסע שטאָט פארביי.

הארט ביי א וואלד וועט ער זיך שטעלן
און בלייבן ברוגז וועט ער דאָ;
און ווייטער וועט א לעבן העלן
און ראָזיקן זיך וואָס א שעה.

ווי ברויט און וואסער נעמט דערפרישן
דער אויפגעוואכטער אין־דער־פרי.
לאָם! עס וויל מיין הארץ פארווישן
די הייסע קיש פון דיינע קני.

נאָר וואָס צוקט היינט אזוי דיין שמייכל
און ס'גריבל פון דיין לינקער באַק!

דער אינזל

דו ביסט, ווי א צייטיקער עפּעל
פול בלוטיק און געשמאַק.

דיין לייב, ווי אַ פינסטערער אָפּריס,
ציט און פאַר'כישופ'ט און רייצט!
קוים וואָס איך שטיי אויף די פיס נאָך —
מיך האָט דיין אָטעם פאַרפלייצט.

א טרויעריק ליד

אין הערבסט פון מיינע דרימלענדיקע ווערטער
איז אויפגעגאנגען פּיאָלעט.
(—דו וויינסט, באַשערטע? — איך וויין, באַשערטער,
אַ כלה ביי דעם חופּה־בעט.)

מיין פּיאָלעט האָט זיך צעגאָסן
און האָט פאַרשווענקט מיין לעבנס ליפּ.
(—מיין ווייסע כלה! — מיין ווייסער חתן!
— דו האָסט מיך ליב? — איך האָב דיך ליב.)

שוין ערדיק מיינע אויגן קוקן
אפיר פון דעם פאַרשעמטן בלוי.
(דו ציטערסט, כלה? — די ליפּן צוקן,
און ס'וואָרט מיינס שלאָגט זיך אָן אָן גרוי.)

נ. פּאָמעראַנץ:

פיליפּ ס. וואַלד

ער איז געווען וואָס מען רופט א „בער באָי" — אַ שלעכטער אינגל, וועלכער האָט ניט געפאָלגט וואָס טאַטע־מאַמע און גוטע, פרומע לייט הייסן.

ער האָט ליב געהאַט די פרייע גאַס — אונזערע איסט־סיידער גאַסן פון ניו יאָרק. דאָרט האָט ער ליב געהאַט ארומצושטיפן מיט אַנדערע אינגלאַך, צו פירן „מלחמות" געגען די אינגלאַך פון אַנדערע

דער אינזל

גאַסן, אַפּטאָן כל׳ערליי שפּיצלאַך, אָפּט אַרויסלאָזן אַ פייער־אַלאַרם כּדי עס זאָל ווערן לעבעדיק אין גאַס א. אז. וו.

דער טאַטע זיינער איז געווען אַ שמש אין עפּעס אַן איסט־סיידער שול — אַן אַלט־פרענקישער, קליין־שטעטלדיקער גאַליציאַנער איד, וואָס האָט ניט געקענט פאַרשטיין, שוין ניט ריידן פון צופּאַסן זיך, צו דעם פרייען, שטיפערישן געמיט פון דעם אינגל. און ער פלעגט אַריינלעגן קלעפּ אין דעם אינגל וויפיל עס איז אין אים אַריין — פאַר ניט גיין אין סקול, פאַר ניט גיין אין חדר און פאַר טויזענט און איין אַנדערע זאַכן.

די גאַנצע אַטמאָספערע פון זיין „היים“ — די שטיף־מאַמע און אירע טעכטער, וועלכע האָבן זיך זייער גוט געלערנט און מיט וועלכע מען פלעגט אים שטענדיק שטעכן די אויגן — האָט אים געשטויסן אין אָפּגרונט אַריין. לויט אַלע טעאָריעס פון דער ווירקונג פון די „אומשטענדן“, איז ער געווען דער ריכטיקער קאַנדידאַט פאַר אַ „גענגסטער“. עס איז אָבער געווען עפּעס איינגעבוירענעס אין אָט דעם אינגל, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון די אומשטענדן און וואָס האָט אים אַרויסגעפירט פון אַלע זיינע נסיונות אַ געלייטערטן מענטשן — אַן אויסערגעוויינלאַך עהרלאַכן און שיינעם מענטשן.

*   *   *

ווען ער איז געוואָרן אַביסל עלטער איז ער שטאַרק צוגעצויגן געוואָרן פון דעם אידישן „מיוזיק־האָל“ פון יענער צייט. פריער האָט ער זיך אויסגעלערנט זינגען די פעפערדיקע לידלאַך פון יענע צייטן און האָט זיך אויך אויסגעלערנט גאַנץ פיין „דזשיגן“, וואָס יעדער „מיוזיק־האָל“ אַקטיאָר האָט דעמאָלט געמוזט קענען. נאַכט־איין־נאַכט פלעגט ער אַרומהענגען אַרום די מיוזיק־האָלס און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט אויפצוטרעטן „אויף די ברעטער“. און ניט איין מאָל האָט ער די געלעגנהייט געהאַט — אין אַן „עמעטשור“־נאַכט אָדער ווען עס האָבן אויסגעפעלט „טאַלענטע“. ער איז אָבער ניט געבליבן שטיין ביי די אַקטיאָרסטוואָ. זיין אידעאַל איז געוואָרן צו שרייבן „פאַרסן“ פאַר די מיוזיק־האָלס.

אָט אַזוי איז ער געקומען צו שרייבעריי.

און — ווער ווייס! — אפשר האָט דער אידישער מיוזיק־האָל אויך געדראַט אַ חלק אין ראַטעווען דעם אינגל פון אָפּגרונט?

*   *   *

מיט יאָרן שפּעטער — ער איז שוין דאַן געווען אַ פול־געוואַקסענער מענטש מיט אַן אויסגעקריסטאַליזירטער פיזיאָנאָמיע און

כאַראַקטער (און מיט טובערקולאָזע לונגען) — האָט ער זיך פאַרשלעפּט אַזש קיין סט. לואיס.

דאָס איז שוין געווען נאָך אַלע זיינע איבערלעבענישן אין באָסטאָן, וואָס ער באַשרייבט אין דעם מאַנוסקריפּט אין דעם נומער „אינזל“, און נאָך זיין אַריינטרעטן אין דער פּלאָטע, וואו ער האָט זיך געגנוג אָנגעליטן, און נאָך זיין אַנטלויפן פון דאָרט.

אין סט. לואיס איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אַ טעגלאַכע צייטונג מיט׳ן נאָמען „פאָרשטייער“, וואו איך האָב געאַרבעט אַלס זעצער. איין מאָל איז דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג אַריינגעקומען אין דער דרוקעריי מיט אַ שמחה, ווי איינער וואָס האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס. דאָס האָט ער אַריינגעבראַכט צום זעצן אַ מאַנוסקריפּט פון אַ נייעם טאַלאַנט, וואָס ער האָט „אַנטדעקט“ טאַקע אין סט. לואיס גופא. דאָס איז געווען אַ דערציילונג פון פיליפּ ס. וואַלד.

דער „אַנטדעקטער“ שרייבער, וועלכער האָט אַריינגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט אין רעדאַקציע אַריין דורך פּאָסט, איז אַזוי געפעלן געוואָרן דעם אַרויסגעבער, אַז ער האָט אים גלייך געשריבן אַ בריוו ער זאָל קומען אים זען, און אויף מאָרגן איז פיליפּ ס. וואַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע.

איך געדענק נאָך ווי איצט דעם ערשטן איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, כאָטש עס איז שוין דאָ אין דעם וועלכע פופצן יאָר. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט גלאַט־פאַרקאַמטע טונקלברוינע האָר, מיט אַ געזונטן קאָליר אין פּנים און מיט אַ ברייטן פלאַטערנדן „פּאָעטישן“ שניפּס. אַזאַ אידישן בחור האָב איך געזען צום ערשטן מאָל. קיינער וואָלט פון זיין אויסזען ניט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז ניט קיין שייגעץ.

איך בין גלייך אַ צוגעקאָכטער געוואָרן צו אים. פאַרנאַכט האָט ער מיר געפרעגט צי ווייס איך ניט פון אַ עפּעס אַ „לאָזשי“, ווייל ער האָט ניט וואו צו נעכטיקן. איך האָב אים מיטגענומען נעכטיקן צו מיר אין צימער, און צוזאַמען מיט מיר אין צימער איז ער שוין פאַרבליבן ביז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין דענווער, אין אַ סאַניטאַריום.

שפּעטער האָב איך זיך אָפט געפרעגט: וואָס איז דאָס געווען, גוטסקייט אָדער נאַרישקייט פון מיין זייט אַריינצונעמען צו זיך אין צימער אַ געפערלאַך קראַנקן מענטשן? אין דעם איז אָבער ניט געווען שולדיק ניט מיין גוטסקייט און ניט מיין נאַרישקייט, נאָר די פערזענלאַכקייט פון פיליפּ ס. וואַלד. אגב האָט זיך ביי מיר פשוט ניט געקענט איינבירגערן דער געדאַנק, אַז אָט דער

דער אינזל

יונגער, פרייליכער, געזונט־אויסקוקנדער פיליפּ איז אַ געפערלאַך קראַנקער מענש. ער איז געווען פול מיט הומאָר, און אַז ער פלעגט זיך צולאַכן פלעגט ער זיך אַזוי האַרציק פאַרגיין, אַז די אויגן פלעגן ביי אים ווערן קליין און אָנגעפילט מיט פרייד און אויף די ליפּן פלעגט אים אַזש אַרויסשלאָגן אַ שוים. ער פלעגט זעלטן רעדן וועגן דעם, אַז ער איז אַ קראַנקער, און טאָמער פלעגט ער יאָ אַמאָל דערמאָנען, פלעג איך אים פּשוט אָפּזידלען און אים זאָגן, אַז ער האָט זיך איינגערעדט אַ קרענק. ער האָט עס מסתמא אָנגענומען אַלס אַן אויפמונטערונג פון מיין זייט; איך אָבער האָב עס געמיינט ערנסט. נאָך ביז איצט קען איך ניט גלויבן, אַז ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש.

* * *

איין מאָל — געדענק איך — האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ חברה יונגע־לייט ביי מיר אין צימער און מיר האָבן געשפּילט אין קאָרטן. וויפיל מיר האָבן אים ניט צעבעטן ער זאָל אויך „נעמען אַ האַנט", האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. נאָכדעם ווי דער עולם איז אַוועק, בין איך אָנגעפאַלן אויף אים און אים געזידלט פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט מיטשפּילן.

אָבער וואָס מער איך האָב אים געזידלט, אַלץ מער האָט ער געלאַכט. צום סוף האָט ער מיר די זאַך אויפגעקלערט:

— דו מיאוס'ער ליטוואַק, צלם־קאָפּ! וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל ביי אייך אַלעמען אויסלעדיקן די קעשענעס?! ערלאַך שפּילן אין קאָרטן קען איך ניט, און ניט־ערלאַך וויל איך ניט.

איך בין נשתומם געוואָרן פון זיין ענטפער. אָבער נאָך מער נשתומם בין איך געוואָרן ווען ער האָט גענומען די טאַש־קאָרטן און האָט מיר באַוויזן, אַז ער קען זיך ווירקלאַך אַרויסטאַשן וועלכע קאָרטן ער וויל...

טאַשנדיק פלינק די קאָרטן מיט זיינע דינע לאַנגע פינגער פלעגט ער כאַפּן אַ קוק אין מיטען, אונטן, און בעת'ן אויסטיילן זיי פלעגט ער אונבאַמערקטערהייד קענען אַרויסכאַפּן אַ קאָרט פון מיטן, פון אונטן, און ער פלעגט כמעט יעדן מאָל האָבן בעסערע קאָרטן ווי זיין געגנער.

ער האָט אָבער נאָכדעם פאַר קיינעם ניט געוואָלט באַווייזן דעם אייגענעם קונץ נאָך אַמאָל.

* * *

אין סט. לואיס איז ער אָפּגעווען וועלכע צוויי יאָר.

ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין „פאָרשטייער", וואו

ער פלעגט שרייבן נייעס, ארטיקלען, פעליעטאָנען און דערציילונגען.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אָפּגעדרוקט עטלאכע גרעסערע זאכן אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ און אין „אידישען קעמפער“.

פון סט. לואיס האָבן מיר אים „אָטפּראוועט“ אין א סאַני־טאַריום אין דענווער, וואו ער איז געווען זעקס חדשים. ווען ער איז ארויס פון סאַניטאַריום איז צו אים געקומען פון סט. לואיס זיין געליבטע ראָזע, וועלכע האָט מיט אים חתונה געהאַט געגן דעם ווילן פון אירע עלטערן, וועלכע האָט געארבעט צוזאמען מיט אים אין דער גרינצייג ־ סטאָר, וואס זיי האָבן דאָרט געקויפט; געוואכט איבער אים ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם; פארזיסט אים זיינע לעצטע יאָרן, און נאָך זיין טויט איז זי אוועק ארבעטן אין שאפּ און אָפּגעצאָלט אלע חובות זיינע, כדי צו האַלטן ריין איר געליבטן פיליפּ׳ן נאָך זיין טויט ווי ער איז געווען פאַר זיין לעבן.

וואָס פאר א שיינער, פּאַסיקער חבר זי איז געווען פאַר אים!

* * *

איך קען ניט פאַרגעסן די וואונדערבאַרע, מיט הומאָר־שפּריצנדע בריוו, וואָס ער פלעגט מיר שרייבן פון דענווער.

אויך פון זיינע בריוו איז געווען שווער צו גלויבן, אַז דאָס שרייבט א מענטש וואָס שטייט ביים ראַנד פון קבר. זעלטן איז אין זיי געווען צו געפינען א פּעסימיסטישן טאָן, און טאָמער האָט זיך אַזאַ טאָן יאָ אַמאָל אריינגעכאַפּט, איז עס גיכער געווען א פאַר־שטענדנים אַז אַזוי מוז עס זיין, אַז אַנדערש קען עס ניט זיין, ווי א טאָן פון פאַרצווייפלונג און פאָרוואורף.

ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז איך וועל קומען צופאָרן אים זען אין דענווער. איך קען ניט פאַרגעסן איבערהויפּט איין בריוו זיינעם, אין וועלכן ער האָט באשריבן זיין וואוינונג, זיין „פּאַלאַץ“, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט אַלץ באשריבן מיט אַזאַ שפּרודלענדן הומאָר, אַז איך האָב זיך בוכשטעבלאַך געשטיקט פון געלעכטער לייענענדיק עס. דאָרט האָט ער שוין אויך געהאַט באַ־שריבן דעם בכבוד׳יקן אָרט וואָס ער האָט דאָרט אָנגעגרייט פאַר מיר ווען איך וועל קומען צו אים.

אין זיינע בריוו האָט זיך אם בעסטן אָפּגעשפּיגלט זיין כאַראַק־טער און זיין תמימות׳דיקער הומאָר.

א שאָד, א שאָד, וואָס איך האָב זיי ניט מער!

* * *

דער איינזל

פיליפּ ס. וואַלד איז געשטאָרבן מיט וועלכע זיבן און אַ האַלב יאָר צוריק. געשטאָרבן פּלוצלונג, ווי אַלע שווינדזיכטיקס.

ביי מיר אין געדעכניש לעבט ער אַזוי פריש, ווי דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר האָבן זיך געשיידט מיט אַ צען יאָר צוריק.

ביי מיר אין זכרון וועט ער אייביק לעבן אַלס איינער פון די שענסטע מענטשן וואָס איך האָב געקענט.

און איך שטעל מיר פּאָר, אַז ווען איך וועל ליגן אויפ׳ן טויטן־בעט און אין מיין אָפּגעשוואַכטן קאָפּ וועלן פאַרנעבלט דורכבליצן די לעצטע געדאַנקען, וועט אין מיין געדאַנק אויפשיינען אַ שוואַ־כינקע האָפענונג:

— אפשר וועל איך דאָרט נאָך אַמאָל באַגעגענען פיליפּ׳ן.

דוד קאָזאַנסקי:

יודל

ווערא איז שפּעט געקומען אהיים, און יודעל איז שוין געשלאָפן. זי איז געווען שטאַרק אָנגעהאָרעוועט, נאָר זייער צופרידן. זי ווייסט נאָך אַליין ניט וואָס עס וועט זיין, אַז לייזער וועט זיך שוין אריינ־קלייבן צו זיי, נאָר זי טראַכט ניט וועגן דעם.

זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער קאַנאַפּע, ציט זיך אויס און מאַכט צו די אויגן. עס דוכט זיך איר, אַז זי דרעמעלט. זי האָט ליב, אַז זי דרעמעלט.

לייזער וועט זיך אריינקלייבן אין יודעל׳ס צימער און יודעל׳ס בעט וועט זי אריינשטעלן צו זיך. זיי וועלן שלאָפן אין איין חדר. יודעל וועט ביינאַכט אראָפּקריכן פון זיין בעט און וועט צוקומען צו איר. וואָס וועט זי טאָן? זי וועט זיך אפריער מאַכן אַז זי שלאָפט.

ווערא פילט ניט, ווי אָפן זי טראַכט וועגן דעם, ווי אָפּגעדעקט נאַקעט, און אַז זי שעמט זיך ניט.

יודעל וועט זיך דערוויסן, אַז זי שווענגערט, ער מוז זיך דאָך אַמאָל דערוויסן, און אַז ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער טראַכטן, אַז ס׳איז לייזער!

ווערא לאַכט אין זיך, ווי אַ מיידעל אַ שטיפערקע. זאָל ער טראַכטן אויף לייזר׳ן, זאָל ער טראַכטן וואָס ער וויל, זאָל ער זיך נאָר ניט כאַפּן אויף איסאַק׳ן. נאָר ניט דעם אמת.

דער אינזל

עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. ווערא ווייסט, אַז זי דאַרף זיך אויפהויבן, דאַרף גיין צו זיך אין בעט, דאַרף זיך לייגן שלאָפן. נאָר זי רירט זיך ניט פון אָרט. זי קאָן ניט.

אין דרויסן טאָגט שוין. יודעל כאַפּט זיך אויף, גיט אַ קוק אין פענסטער, און דעקט גלייך אָן מיט זיין גרויסער האַנט דעם וועקזייגער, ער זאָל ניט קלינגען.

דערנאָך קריכט ער אַראָפּ פון בעט, טוט זיך אָן, און קומט אריין אין עס־שטוב. ער דערזעט באַלד ווי ער קומט אריין, אַז ווערא ליגט אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע און ער לויפט צו איהר צו:

— ווערא?!

זי רייסט אויף די אויגן. זי דערפילט, אַז זי איז געשלאָפן.

— שוין שפּעט?

יודעל שטייט נידעריג אָנגעבויגן איבער איר. ער פאַרשטעלט איר דעם וועג, אַלץ.

— לאָז...

— ווערא, וואָס איז מיט דיר?!

נאָר איר איז גוט. מאָדנע גוט. זי שמייכלט. אַזוי שמייכלען קראַנקע.

— גאָר ניט... וואָס איז סיידען? שוין שפּעט?

יודעל בייגט זיך אָן, קושט זי, ווי שטענדיג, און גייט אַ צו־טראָגענער אַוועק צו דער אַרבעט.

ווערא טראַכט וועגן גאָר ניט און עס אַרט איר גאָר ניט. נאָר אין אָוונט, אַז יודעל איז געקומען פון דער אַרבעט און האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש אַ רואיקער, אַ צופרידענער, אָט ווי גאָר ניט, ווי גאָר ניט — האָט זי שיער ניט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין: זי קען עס מער ניט אַריבערטראָגן, זי קען ניט! זי וועט זיך באַלד אַ וואָרף טאָן צו אים, און וועט אים אַלץ דערציילן, אַלץ. אָדער — ניין: זי וועט זיך שטיל אריינ׳גנב׳ענען צו אים אין בעט, אין מיטן דער נאַכט. נאָר — ניין, ניין! זי וועט גאָר ניט טאָן. גאָר ניט. זי ווייסט ניט צי איז זי אין דער אמת׳ן טאַקע אין עפּעס שולדיק געגן יודלען, צי זי איז ניט שולדיג. זי טראַכט ניט וועגן דעם, און ניט דאָס אַרט איר. זי וויל נאָר אַז ער זאָל זיך ניט דערוויסן. זי וועט שטאַרבן, ווען ער וועט זיך נאָר דערוויסן. זי וועט זיך אַליין נעמען דעם לעבן.

זי טראַכט רואיק וועגן דעם. זי ווייסט, אַז זי וועט עס טאָן. נאָר אָט פאַרגעסט זי וואָס זי האָט אָקאָרשט געטראַכט, און עס פאַרווילט זיך איר מיט אַ וואונדריקער הנאה, אַז יודעל זאָל זיך גראַ־

דער אינזל

דע יאָ דערוויסן, אלץ. און טאַקע באַלד, די מינוט. זי קוקט אויף אים, ווי ער עסט געשמאַק און אַ סך, אויף ביידע באַקן, און זי שמייכלט ביטער אַ באַליידיקטע, אַן ערנידעריגטע: אַך, ווי זי האָט אים פיינט!

און איסאַק ווייזט זיך ניט. די גאַנצע צייט ניט. פאַר וואָס קומט ער ניט?

ווערא גיט אַ כאַפּ דאָס היטעלע, וואַרפט אויף זיך אַרויף דעם מאַנטל און לויפט אַרויס פון שטוב. זי לויפט דורך די גאַס, יאָגט אָן די קאַר, און אָט איז זי שוין ביי איסאַק׳ן. זי רייסט דעם גלעקל. די דינסט עפנט איר די טיר און ווערא קומט אַריין אין שטוב.

זי קוקט, זוכט, נאָר ס׳איז קיינער ניטאָ. די דינסט שטייט נעבן איר. די דינסט וואַרט הפנים, אַז ווערא זאָל איר וואָס זאָגן, וואָס פרעגן. נאָר אַז ווערא פרעגט ביי איר גאָר ניט, זאָגט זי איר אַליין, אַז דער באַלעבאָס איז היינט ניטאָ אין דער היים, — פון אין דער פרי אָן.

ווערא קוקט זי אָן און פאַרשטייט ניט: וואָס הייסט ניטאָ? ווי קען ער?!

די דינסט וואַרט און ווערא זעהט עס. ווערא ווערט אָן אָנ־געצונדענע, וויל אַנפאַלן אויף דער דינסט, נאָר זי גייט מיט כעס אַרויס פון שטוב.

זי הערט ווי די דינסט פאַרשפּאַרט נאָך איר די טיר. און דאָס רייצט זי אַזוי אויף, אַז זי טראַכט ווילד, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן ווער זי איז: אַרויסגעטריבן!

זי לויפט אויף גיך דורך די ערשטע גאַס און קומט אָן אויף אַ צווייטער, אַ רוישיקער. נאָר דאָ שטעלט זי זיך מיט אַמאָל אָפּ. זי שאַרט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, ווי זי וואָלט ניט געוואָלט אַז מען זאָל זי צוטרעטן, און זי שטייט און קוקט. די מענשן וואָס לויפן דאָ אַרום, אַהין און צוריק, זיינען פאַרנומען מיט זיך, זיי שווייגן און די גאַס רוישט, רוישט.

ווערא שפּאַרט זיך אָן צו אַ וואַנט, אין אַ ווינקל, און וויינט זיך שטיל פאַנאַנדער. זי איז אַן אומגליקליכע, אַ פאַרלאָזענע, אַז כאָטש נעם און גיי אויס פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ווערא איז אַ פאַרטראַכטע אריין אין עס־שטוב, און האָט זיך, רואיק און פאַרטראַכט, אנידערגעזעצט וואַרטן. זי האָט געוואַרט ניט לאַנג און ווען עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, האָט זי גע־

ד ע ר   א י נ ז ל

וואוסט: ס'איז לייזער. זי האָט אים געעפנט די טיר, האָט איב באגעגנט מיט א שמייכל:

— איך האָב געוואוסט, אז דאָס זיינט איר.

זי האָט אים אריינגעפירט אין עס־שטוב, האָט אים אנידערגע־זעצט אויף דער קאנאפּע און אליין איז זי געבליבן שטיין נעבן אים. אין דער גאנצער שטוב איז געווען שטיל, אויפגערוימט, און לייזער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט שטיל ארויסגערעדט:

— דאָ איז גוט ביי אייך.

און אָט איז שוין יודעל אויך געקומען פון דער ארבייט. ער איז שטיל אריין אין שטוב, א פארזאָרגטער פאר ווערא'ן, נאָר אז ער האָט דערזען, אז זי זיצט מיט לייזער'ן, און זיי פארברענגען, האָט ער זיך שטארק דערפרייט, ער איז צוגעלאָפן צו לייזער'ן, האָט זיך מיט אים אזש שיער ניט צוקושט און פון דעם, וואָס ער האָט זיך געוואָלט מיט אים צוקושן, און זיי האָבן זיך ניט צוקושט זיינען זיי ביידע געבליבן נארישע, פארשעמטע. נאָר מען האָט זיך באלד אנידערגעזעצט צום טיש און ווערא האָט דערלאנגט דאָס עסן. ווי א באלעבאָסטע. היינט איז זי געווען מער באלעבאָסטע איידער אלע מאָל. זי האָט אנידערגעשטעלט א טעלער אויך פאר לייזער'ן, נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש: — א דאנק. ער איז ניט הונ־געריק.

נאָר ווערא איז היינט זייער א רעש'יקע און זי לאַכט הילכיק אויפ'ן קול: „ער מוז, אנדערש וועט זיין ניט מזל'דיק".

יודעל האָט געגעסן אזוי ווי אלע מאָל: הונגעריק און געשמאַק. ער האָט געוואוסט, אז לייזער איז א פרעמדער מענטש, און אז א פרעמדער מענטש זיצט ביים טיש דארף מען זיך שעמען, דארף מען עסן ווי א מענטש, נאָר עפּעס רייצט זיך אין אים א צו־להכעיס, און אימיצן אויף צו־להכעיס שפּארט ער אָן א גרויסן מויל, עסט אויף ביידע באקן, האָט הנאה פון די פעטע הענט און קנאקט שטארק מיט די ציין.

נאָר זיי קוקן ניט אויף אים. ניט ווערא און ניט לייזער. יודעל נעמט דאָס גלאָז מיט וואסער, וויל א טרונק טאָן, און ווי ער האַלט דאָס פולע גלאָז וויל ער עס א שליידער טאָן אויף דער פּאָדלאָגע אז עס זאָל זיך צעשיסן אין פּיצלאך, און זאָל זיך אלץ איבערקערן.

ביים טיש שווייגט מען מער איידער מען רעדט. ביז ווערא גיט זיך פלוצלינג א כאַפּ, אָט ווי זי וואָלט גאר געהאַט אָן דעם פארגעסן, און ערשט איצט האָט זי זיך עס דערמאָנט: זי קוקט

דער אינזל

יודלען גלייך אין פנים אריין און זאָגט אים, דערציילט אים: לייזער וועט שוין וואוינען ביי זיי, ער האָט זיך היינט אריינגעקליבן.

לייזער וויל זיך אריינמישן, אז ניין, ער קען זיך ניט אריבער־קלייבן. די שוועגערין זיינע לאָזט אים ניט. און יודעל איז געבליבן מיט א גרויסן ביסן אין האלז, האָט אויסגעשטעלט אויף איר א פּאָר אויגן, נאָר זי האָט זיך געמאַכט אז זי זעט גאָרניט, הערט גאָרניט.

יודל האָט אראפּגעשלונגען דעם ביסן, האָט צוריק איינגענומען זיינע אויגן. ער האָט איר גאָר ניט געזאָגט. ער האָט נאָר גע־קוקט צו זיך אין טעלער אריין און האָט שווער געטראַכט: מיך וועסטו ניט נאַרן, ניט מיך!

ווערא האָט צוגענומען פון טיש און האָט דערלאַנגט א שעהנעם, א וויניקן טיי. מען האָט איצט גערעדט נאָך וויניקער איידער פריער. לייזער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, זאָגן „א גוטע נאכט" און אוועקגיין. ער דאַרף שוין גיין. נאָר ווערא האָט א קוק געטאָן אויפ'ן זייגער, האָט דערזען, אז עס איז שוין באַלד צען, און זי האָט זיך אמת'דיג דערפרייט. אפשר וויל שוין לייזער גיין צו זיך? זי וועט אים ווייזן זיין צימער.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. לייזער איז איר נאָכגע־גאַנגען און יודל האָט זיי נאָכגעקוקטביידן, ביז ער האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, האָט א שליידער געטאָן פון זיך דעם שטול און האָט זיי אָנגעיאָגט.

זיי זיינען אַלע אין דרייען ארויף אויבן און זיינען געבליבן שטיין אין דעם ענגען דורכגאַנג, הארט איינער לעבן דעם אנדערן. ווערא האָט א קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, און אז ס'איז געוואָרן ליכטיק האָבן זיי זיך אָנגעקוקט.

ווערא האָט געעפנט די טיר פון יודלס חדר און האָט אָנגעוויזן לייזער'ן:

— אהער...

לייזער איז ענג דורכגעגאַנגען צווישן זיי, צווישן יודלען און ווערא'ן. ער האָט געהאַלטן אראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט שטיל פארלאָרן:

— א גוטע נאכט...

יודל האָט אים נאָכגעקוקט און האָט גאָר ניט פארשטאַנען. ער איז אינגאַנצן געווען א צוטומעלטער. ער איז געשטאַנען א צוגע־קלעפּטער מיט זיינע ביידע פיס, נאָר באַלד וועט ער זיך א ריס טאָן און עס וועט עפּעס זיין, עס וועט עפּעס זיין. ווערא זעט עס און זי

דער אינזל

שטעלט זיך אויף גיך אַנידער אויפ'ן שוועל פון איר שלאָף־צימער און רופט צו יודלען מיט א פינגער, מיט די אויגן:

— קום אהער.

יודל גייט צו איר צו, ווי געצויגן אויף א שטריק, און ווערא כאַפּט איבער דעם אָטעם. זי וואַרט, אַז לייזער זאָל צומאַכן זיין טיר, און אַז ער מאַכט צו די טיר, גייט זי מיט יודלען אַריין צו זיך, אין איר שלאָף־צימער.

זיי בלייבן שטיין אין מיטן חדר, אין דער פינסטער. ביי ווערא'ן גיבן זיך א בראָך די קני, מיט אַ קנאַק, אַז עס הילכט אָפּ אין די אויערן. נאָר זי פאַרלירט זיך ניט. זי ציט אויס א האַנט און ווייזט אָן יודלען אויף זיין בעט.

אין דער פינסטער זיינען יודלס אויגן אַזעלכע גרויסע, און ווערא כאַפּט זיך אַרויס פון חדר, גייט אַראָפּ אונטן און קומט צוריק אַריין אין עס־שטוב.

דאָ איז נאָך ליכטיק. אויפ'ן טיש שטייען נאָך די ניט־דער־טרונקענע גלעזער טיי און די שטולן אַרום טיש זיינען פאַנאַנדער־גערוקט, פאַנאַנדערגעוואָרפן. עפּעס האָט מען דאָ פריער א ווײַלע פאַרגעסן אין איילעניש, אַזוי דוכט זיך אויס. ווערא שפּאַרט זיך אָן און שטייט און קוקט. א פרעמדע. עס איז אַזוי פּוסט אין איר, אין איר גאַנצן לייב, אַז זי שמייכלט צעמישט. עס טראַכט זיך איר נאָר, ווייט ערגעץ, ווייט פון איר, אַז זי וואָלט זיך איצט געדאַרפט געווען אַנטאָן און אַוועקגיין פון דאַנען, איינגאַנצן אַוועקגיין.

זי שטעלט צונויף די גלעזער, מאַכט צורעכט די שטולן און פאַרלעשט די עלעקטריק. זי איז רואיק. נאָר אַז זי לאָזט זיך גיין אויף די טרעפּ, צו זיך אין שלאָף־צימער, ברעכן זיך אונטער איר די פיס, און עס דוכט זיך איר, אַז איהר איז קאַלט.

אין שלאָף־צימער באַגעגנט זי קיינער ניט און זי לייגט זיך אַריין אין בעט. זי מאַכט צו די אויגן, נאָר זי שלאָפט ניט. זי קוקט צו יודל'ס בעט, הערט זיך שטאַרק איין און זי הערט: ער שלאָפט אויך ניט. ווערא האַלט איין דעם אָטעם און יודל הויבט זיך באַלד אויף, קריכט אַרויס פון בעט, גייט אַרויס פון חדר און לאָזט זיך אַראָפּ אונטן. זיין טראָט איז א שווערער, א געזונקענער.

ווערא גיט זיך א כאַפּ, לויפט אַרויס פון בעט און לאָזט זיך גיין נאָך אים.

— יודל?

אין עס־צימער איז פינסטער, מ'קאָן גאָר ניט זען, און ער

שוויגט, ער רופט זיך צו איר ניט אָפּ, נאָר זי ווייסט, אז ער איז דאָ און זי גייט צו אים צו:

— יודל!

זי דערפילט פלוצלינג, אז זי וויינט. זי ווערט שטאַרק פון דעם צעטומלט, נאָר באלד דערפילט זי צו זיך א רחמנות. יודל זיצט אויף דער קאנאַפּע. ער האַלט איינגעגראָבן דעם קאָפּ. ער קוקט אויס ווי א גרויסער, א שווערער קנויל, וואס האָט זיך דאָ פארטשעפּעט אָן עפּעס, איז געבליבן שטעקן. ער קוקט ניט אויף איר, זאָגט איר גאר ניט. ווערא איז אין א שלאָף־ראָק וואס איז ארויפגעוואָרפן אויף איר, ווי א ליילאך, און זי לאָזט זיך אראפּ אויף דער קאַנאַפּע און טוליעט זיך אָט אזא־אָ צו יודלען. קלאָר און שטיל, אָן א ווייטאָג אפילו, גיט זי א טראַכט און פארשטייט, אז זי דאַרף אים איצט אלץ דערציילן. אלץ. נאָר אַז זי וויל עס שוין טאָן, דערפילט זי, אז זי האָט ניט קיין כח. אָך, ווי זי איז אויסגעמאַטערט! און זי נעמט דעם קאָפּ אירען, וואָס האַלט זיך קוים און לייגט אים אַוועק צו יודלען אויף די קני. נאָר ער רירט ניט מיט קיין אבר. ער לעבט ניט. ווערא הייבט ארויף צו אים די אויגן. אירע אויגן זיינען צונויפגעגאָסענע, ווי צוויי שוואַרצינקע פינטלאך און זיי שיינען ליכטיק:

— האָסט מיך טאַקע אזוי ליב?

און ער ענטפערט איר שווער, ווי טיף פון אונטער דער ערד ארויס:

— יאָ, איך האָב דיך ליב.

יודל קוקט אויף לייזער'ן. מעסט אים מיט די אויגן. פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך באטראַכט ער די אייגענע האַנט זיינע, די רעכטע. ער מאַכט פון דער האַנט א קולאַק, וועגט און מעסט דעם קולאַק און מאַכט צוריק א גלאַטע האַנט.

ער ווייסט: ווען ער זאָל איצט צוגיין צו לייזערן און זאָל אים אראָפּלאָזן א זעץ, מיט דער רעכטער האַנט; מיט דער לינקער טויג ניט, איין זעץ נאָר, אין קאָפּ, צי אין האַרצן, פאַלט לייזער גלייך אנידער, א טויטער. ער קען עס טאָן אפילו באלד, די מינוט, און ער וועט עס טאַקע טאָן. שפּעטער.

יודל שטייט אויף יעדן אין דער פרי, כאַפּט זיך ארויס פון שלאָף־צימער, קומט אריין אין עס־שטוב און דאָ וואַרט ער אויף ווערא'ן. און זי קומט באלד אַרויס צו אים, אָן אַרומגעוויקלטע אין איר שלאָף־ראָק. ער קושט זי, און גייט אַוועק צו דער ארבעט.

ד ע ר   א י נ ז ל

ווערא בלייבט אליין. עס צונעמט זיך אויף איר דער שלאָף־ראָק, און זי קוקט אויף זיך, אויף איר גרויסן, קיילאכדיקן בויך, און עס פאלט איר גאָר ניט איין, אז עס קאָן איר פארדריסן, אז עס קאָן איר ארן, פארוואָס זי שווענגערט.

אָט אזוי איז כמעט יעדן אין דער פרי, נאָר היינט האָט זי זיך אויפגהויבן א סך פריער איידער יודל. עס איז נאָך פרי אין פארטאָג, עס איז נאָך פינסטער. זי מאכט צוריק צו די אויגן, נאָר שלאָפן וויל זי שוין מער ניט. און זי ליגט אָן אויסגעשלאָפענע און עס טראכט זיך איר: זי וועט עס אים היינט דערציילן. היינט. זי וועט אים זאָגן: יודל, איך שווענגער. ער וועט מיינען, אז זי איז משוגע געוואָרן.

— גלויבסט מיר ניט, יודל?

דרויסן זיפּט זיך א צעשטייסענער, א צעריבענער בליי, דין ווי רויך. עס ווערט אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. יודל כאפּט זיך אויף, און דעקט גלייך אָן מיט א האנט דעם וועק־זייער. דערנאָך קריכט ער אראָפּ פון בעט, טוט זיך שטיל אָן און גייט ארויס פון חדר.

ער גייט אראָפּ אונטן, אין עס־שטוב. ער וואַרט דאָ אויף ווערא'ן ווי שטענדיק. און ווערא באווייזט זיך טאקע באלד אויף די טרעפּ. ער גיט זיך א קער אום צו איר, דערזעט זי און בלייבט א פארגליווער־טער. ווערא גייט צו אים א טרעפּ נאָך א טרעפּ, א טרעפּ נאָך א טרעפּ. זי איז ווי א בלינדע, זי גייט בלינד, און דער שלאָף־ראָק אויף איר איז פאנאנדערגענומען און זי שטופּט שווער, מיט'ן גאנצן לייב דעם גרויסן, אָנגעשטאָפּטן בויך אירן, וואָס שפּארט זיך אפריהער פון איר.

ווערא ווייסט ניט, צי האָט זי טאקע געוואלט אז ער זאָל זען איר בויך, אָדער עס האָט זיך נאָר אזוי געמאכט. זי האָט זיך באלד א כאפּ געטאָן, האָט זיך געוואלט פארשטעלן, פארבאהאלטן, נאָר עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

זי איז צוגעגאנגען צו אים, איז געשטאנען פאר אים אָט אזא, ווי זי איז און ער האָט איר וואָס געזאָגט. נאָר זי האָט ניט געהערט וואָס. וואָס האָט ער געזאגט? יודל, טייערער, וואָס האָסטו געזאגט?

פאר די אויגן איז אַלץ קלאָר, ווי אין א שפּיגל. און זי זעט: יודל האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון אָרט, א גרויסער און א שטומער, ווי א וואנט, האָט זיך אומגעקערט צו איר מיט דער פּלייצע, און האָט זיך געלאָזט ארויסגיין פון שטוב. ער האָט זי ניט א קוש געטאָן, ווי ער טוט עס אַלע מאָל.

— יודל!

דער אינזל

עס האָט אַ זעץ געטאָן נאָך אים די טיר און ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי אַ שמיץ מיט דער בייטש איבערן נאַקעטן לייב, אַז ער האָט זי איבערגעלאָזט, אַז ער איז אַוועק פון איר. זי וויל לויפן נאָך אים, כאַפּן זיינע הענט, שרייען, בעטן, נאָר זי קען גאָר ניט טאָן. זי דאַרף אים נאָר עפּעס זאָגן, איין וואָרט נאָר, צום לעצטן מאָל: — יודל!

זי הערט זיך צו, צי זי רופט אים, נאָר זי הערט גאָר ניט, און זי גיט רואיק אַ טראַכט: פאַרפאַלן. אויס.

זי נעמט ברייט פאַנאַנדער אויף זיך דעם שלאָף־ראָק, מיטביידע הענט, און קוקט אויף זיך. זי איז זיך טויט־ווייטיק נאָנט, טויט־ווייטיק אייגן, און קוקן קוקט זי אויף זיך ווי אויף עפּעס, וואָס איז איר אינגאַנצן פרעמד, און וואָס זי פאַרשטייט ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַזוינס.

זי גייט צו צום פענסטער. אין גאַס איז קיינער ניטאָ. אָט איז אַ מענטש און אָט איז נאָך אַ מענטש און אָן איז יודל. ער גייט. זי זעט אים. זי קוקט אים נאָך, נאָר זי וויל שוין אים ניט רופן, וויל אים שוין ניט אומקערן צו זיך.

פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן. סאַמעטענע. און זי אַליין שטייט, ווי מען וואָלט זי געגלעט. עס איז איר גוט. זי קלייבט פון אימיצן נקמה. אַזוי קלייבט אַן אַלטער, אַ קאַרגער, די אַוועקגעוואָר־פענע שערבלאַך, וואָס וואַלגערן זיך אויפ'ן מיטן גאַס.

און אָט איז שוין לייזער אויפגעשטאַנען און איז אויך אַריינ־געקומען אַהער. ווערא קוקט אים אָן: זי ווייסט עפּעס ניט ווי אַזוי ער קומט איצט אַהער, און ווער ער איז. זי קוקט לאַנג אויף אים, מאַטערט זיך צו דערמאָנען און זי דערמאָנט זיך באַלד:

— לייזער?...

זי שמייכלט צו אים און ער קוקט און וואונדערט זיך: זי איז אין אַ שלאָף־ראָק, ער האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געזען. עס זעען זיך ביי איר אַרויס גאַנצע שטיקער נאַקעטע לייב און זי שעמט זיך ניט. מאָדנע. ער קוקט, פאַרשטייט ניט וואָס דאָ איז, נאָר זי גיט זיך באַלד אַ כאַפּ פאַר'ן קאָפּ מיט ביידע הענט און שיסט אויס אין אַ געלעכטער.

לייזער מיינט אַ פריער, אַז ס'איז גאָר ניט, ער וויל זיך עס איינריידן, נאָר זי לאַכט אַזוי, עס וואַרפט זיך אין געלעכטער דער גאַנצער לייב אירער און זי כאָרכלט, ווי אַ דערוואָרגענע. ער לויפט צו איר צו:

— ווערא?! ווערא!!

דער אינזל

ער קוועטשט איר דעם נאָז, שפּאַרט איר א גלאָז וואסער אין דעם צונויפגעביסענעם מויל, נאָר די גלאָז קלאַפּט אָן די שטיינערנע, צונויפגעשלאָסענע ציין, און דאָס וואסער רינט טויט ארויס פון איר מויל.

ער איז איינער אליין, ווייסט ניט וואָס ער זאָל טאָן, קען זי ניט איבערלאָזן, קען אין ערגעץ ניט לויפן, און זי רירט ניט מיט קיין איין אבר, אָטעמט ניט, זי איז טויט.

— ווערא! ווערא!!

זי עפנט די אויגן, קוקט אים אָן, און זי איז אזוי רואיק און ווייסט אלץ אזוי קלאָר, אז זי וואונדערט זיך און וויל ביי אים פרעגן:

— וואָס שרייט איר?

זי וויל מאכן א טראַט, נאָר זי קען ניט. אירע פיס זיינען שווער ווי קלעצער. ער האלט זי אונטער און זי שפּאַרט זיך אויף אים אָן. ערשט איצט דערמאָנט זי זיך אז זי איז טאַקע קראנק און אז ער האָט טאַקע געדאַרפט געווען שרייען.

ער פירט זי צו דער קאַנאַפּע. זי לייגט זיך אנידער, ציט זיך אויס. דער לייב אירער, אָן אָנגעווייטאַקטער נעמט זיך פאַנאַנדער, לייגט זיך אויס ווי עס איז בעסער פאַר אים, און רוט. דער בויך ווערט נידעריק, צעשווימט אין דער ברייט און זי אָטעמט שטיל, שטיל, ווי פאַר׳ן שלאָף.

און לייזער שטייט לעבן איר, ציטערט איבער איר. זי זעט עס און זי וויל אים זאָגן:

— איך בין א פּאסקודנע, א פּאסקודנע... האָט מיך פיינט!

נאָר זי זאָגט אים בלייך אזוי:

— א דאנק...

זי מאכט צו די אויגן. זי קוקט אוים ווי זי וואָלט איינגעדרעמלט.

די מינוטן האָבן געפּויזט פּאמעלאַך און שווער, ווי ווערים. דער זייגער האָט שוין געשלאָגן אכט, ניין, צען. ווערא זיצט אויף דער קאַנאַפּע, אָן איינגעטוליעטע אין זיך אליין און זי וואַרט. זי ווייסט ניט וועט זיך ניט רירן פון אָרט, זי וועט וואַרטן, ביז וואנען ער וועט קומען. נאָר טאָמער וועט ער שוין ניט קומען? ...קיינמאָל ניט? זי וועט יעדן־מאָלט אוועקגיין צו איסאַק׳ן און וועט אים א שליידער טאָן, גלייך אין פּנים אריין:

דער אינזל

— פֿאַרליעץ! מיך אַרט ניט פֿאַר זיך, איך בין גאַר ניט, נאָר וואָס האָט איר געהאַט צו יודלען?

נאָר אַט דערהערן זיך שוין טריט און ווערא ציטערט אויף. זי דערקענט די טריט, עס איז יודעל. און יודעל קומט טאַקע באַלד באַלד אַריין אין עס־שטוב. ווערא קוקט אים אָן און עס פֿאַרקלעמט איר דאָס האַרץ:

— איך מאַטער דיך, האַ?

נאָר אירע ווערטער זיינען ווי פֿלעקן און זיי הערן זיך ניט יודעל נעמט אַראָפּ די היטל און גיט זיך אַ וויש דעם שטערן. זיין האַנט ווערט נאַס פֿון דעם קאַלטן שווייס.

זי זאָגט אים גאָר ניט, רעדט אים ניט אויס: ניט וואו ער איז עס געווען ביז איצט, זי האָט געוואַרט אויף אים די גאַנצע נאַכט, אָך, וואָס זי האָט איבערגעלעבט; און ניט פֿאַר וואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט. זי האָט זיך נאָר אויפֿגעהויבן, אַ רוהיגע, איז דורכגעגאַנגען פֿאַרביי אים, און האָט זיך, אַ שווערע, אָנ־געלאָדענע, געלאָזט גיין אויף די טרעפּ צו זיך אין שלאָף־צימער.

— גיי, לייג זיך שוין...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. האָט זיך אַנידערגע־זעצט. זיינע פּיס זיינען איצט געווען מאָדנע לאַנג, און ער האָט זיי אויסגעצויגן. ער האָט געפֿילט אַז ער איז אין דער היים, ביי זיך אין דער היים. ער האָט אויסגעטאָן די שיך, האָט אַראָפּגעשלעפּט די שקאַרפּעטקעס און האָט זיך לאַנג און מיט הנאה געקאַלופּעט מיט די הענט צווישן די שווייסיגע פֿינגער פֿון זיינע פּיס.

דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, האָט פֿאַרלאָשן דעם עלעק־טרישן לאָמפּ, און איז אויך אוועק אין שלאָף־צימער. אין דעם זעלבען וואַס ווערא. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט, האָט זיך אויסגעטאָן, און האָט זיך אַנידערגעלייגט.

ער האָט געהאַלטן אָפֿן די אויגען — גלאַט אַזוי. ער איז גע־ווען ווי אַ ליימענער. אַ גרויסער, אַ שווערער און עפּעס אַ צונויפֿ־געקלעפּטער פֿון באַזונדערע שטיקער. ערגעץ טיף אין אים, ווי אין אַ גרוב, האָט אַרומגעבלאָנדזעט אַ פֿאַרגעסענער ווייטיק, אַ בלינדער פֿאַרדרוס אויף עפּעס. דאָס האָט אַרומגעבלאָנדזעט אין אים, דין און פֿלינק, ווי אַ נאָדל.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צו וואָס צוהערן. נאָר אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער דער־פֿילט, אַז ער זינקט אין אַ טיפֿעניש. ער איז געווען אַ גרויסער, אַ שווערער און אַ געפּענטעטער. ער איז איינגעשלאָפֿן.

דער אינזל

ער איז געשלאָפן ניט לאַנג, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער קלאָר אַ טראַכט געטאָן אַוואו ער איז. ער האָט זיך אויף גאָר ניט געוואונדערט. ער האָט געוואוסט, רוהיג און קלאָר, וואָס ער דאַרף איצט טאָן.

ער איז אויף גיך אַראָפּ פון בעט, אַ פאַרנומענער, אַ פאַר־טאָנענער, איז צוגעגאַנגען צו ווערא'ן און האָט מיט ביידע הענט אַ ריס געטאָן פון איר דעם צודעק. זי האָט זיך אויפגעזעצט אַ דער־שראָקענע, האָט אים אָנגעקוקט: יודעל, טייערער!...

נאָר זי האָט זיך באַלד אַ וויג־געטאָן, ווי אַ שיכור'ע און איז צוריק אומגעפאַלן אויף די קישנס. די הענט אירע האָבן זיך דערביי פאַנאַנדערגעשפּרייט און זיינען געבליבן, ווי שלעכט־צוגעשרויפטע צו איר קערפּער.

זי איז געלעגן פאַר אים אַן אָפּגעדעקטע, אינגאַנצן אַ נאַקע־טע, פון קאָפּ ביז די פיס. איר בויך, אַ גרויסער, אַ צושוואומענער, האָט רואיק געאָטעמט, אַ צופרידענער פון דער אַרומיקער, נאַכ־טיקער פרישקייט. די פרישקייט האָט זיך געקלעפּט צו אים מיט ווייכינקע שטעכילקעס...

יודל איז געשטאַנען נעבן איר. לאַנג. ער האָט געקוקט. עס האָט אים גאָר ניט געאַרט, גאָר ניט. עס האָבן אים נאָר ווי געטאָן די יאַסלעס, אַזוי שטאַרק האָט ער צונויפגעביסן די ציין. זיין לעבן איז שוין סיי ווי אַן אָנגעוואָרענער. ביז ער האָט זיך אַליין אויפ־געהויבן, ווי גרויס ער איז און האָט זיך אַליין אַ וואָרף געטאָן אויף איר בויך, — ווי מען וואַרפט אַ שטיין, מיט'ן גאַנצן כוח.

ווערא איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע, ווען זי האָט דערזען, וואָס ער וויל מיט איר טאָן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, זייערע אויגן זיי־נען געווען אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן עס ניט געקענט פאַרטראָגן, די אויגן זייערע, און עס האָבן זיך איבער זיי אַראָפּגעלאָזט די דעק־לאַך. ביי יודלען האָבן געקנאַקט די ציין, און ווערא האָט אינגאַנצן ניט געאָטעמט.

ער איז געשטאַנען נעבן בעט, מיט אַ קני אָנגעשפּאַרט צו דער ווענטל. זיינע פיס, באָרוועסע, זיינען געזונקען אין דער קאַלטער, האַרטער פּאָדלאָגע. ער האָט געקוקט אויף איר, און זיין מוח האָט זיך געהויבן, ווי טויג אויף הייוועז, האָט געשפּאַרט צום שאַרבן. ביז ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי, איז אַרויסגעלאָפן פון חדר, איז אַריינגעלאָפן צו לייזער'ן און האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ שלאָפעדיקן.

לייזער האָט געקוקט מיט פאַנאַנדערגעריסענע אויגן, אַ דערשראָ־

קענער אויף טויט, נאָר יודל האָט אים שוין אריינגעטראָגן צו ווערא׳ן און האָט אים אוועקגעשטעלט ביי איר אויפ׳ן בעט. יודעל האָט געשטופּט פון זיך דעם אָטעם, ווי פון א פאַרזשאַווערטער טרויב.

ווערא האָט זיך א כאַפּ געטאָן, האָט זיך געוואָלט צודעקן, נאָר יודעל האָט זי אָנגענומען מיט דער צווייטער האַנט, און האָט זי צו־ריק אָנידערגעלייגט, זי זאָל ליגן.

יודל איז געשטאַנען אַן אייזערנער, אויף צוויי פאַנאַנדערגע־שפּרייטע פיס. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן ווערא׳ן, זי זאָל זיך אפילו ניט א ריר טאָן, און מיט דער צווייטער האַנט, וואס איז ווי א רייף געלעגן אויף לייזער׳ס האַלז, האָט ער אים געבויגן צו ווערא׳ן.

ווערא האָט שוין פאַרשטאַנען וואס דאָ איז, וואס דאָ טוט זיך, און זי האָט ארויסגעלאָזט פון זיך א געשריי, דין און שאַרף, ווי א שפּיזל. דער שפּיזל האָט זיך אפּגעבראָכן, האָט דורכגעשטאָכן יוד־לען, אויף דורך און דורך, און ער האָט גלייך אָפּגעלאָזן זיינע הענט, אי פון איר, אי פון לייזער׳ן. לייזער האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ און ערשט איצט האָט ער דערפילט אזא שאַרפן ווייטאָג ארום זיין נאַקן. ער האָט זיך געוואָלט ארויסכאַפּן פון בעט, ארויסכאַפּן זיך פון דאַנען, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי מען טוט עס, און ער האָט געציטערט אין זיינע ברייטע אונטערוועש און האָט אויס־געזען, ווי א מת אין תכריכים.

ווערא האָט א כאַפּ געטאָן דעם לײלאַך, האָט זיך איינגעדעקט און דערנאָך האָט זי זיך אומגקוקט צו יודלען:

— קאָוואַל!

נאָר יודלען האָט עס שוין ניט געאַרט. ער איז געשטאַנען א גרויסער, זייער א גרויסער און ווי אַן אויסגעקלעפּטער פון ווייכען בליי.

נאַטיצן

פאַראַן מענטשן, וואָס די וועלט איז זיי צו קאַרג, און כבוד טיילט זיי צו כאַטש מיט עמערס. אָט די אויף כבוד קראַנקע מענטשן קענען קיינמאָל זיך ניט פאַרשטעלן, אז זיי האָבן געטאָן עפּעס אזוינס וואָס טויג ניט, און אז גאַנץ אָפּט איז זייער טואַכץ אזוי קלאָגעדיק, אז קיינעם פאַלט גאָר ניט איין זיך אומצוקוקן דערויף, און ווען מען

דער אינזל

קוקט זיך שוין יאָ אום, פאַרגעסט מען עס גלייך, ווייל עס האָט אבסאָ־לוט ניט געלאָזט קיין שום איינדרוק.

צו דעם סאָרט מענטשן געהערט אונזער גרויסער, אונזער באַ־רימטער און אונזער איינציקער יהואָש. מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער איבערזעצט אַ טייל פון אָמאר כאַיאַם׳ס „רובאַיאַט". די איבערזעצונג האָט ער דעמאָלט פאַרעפנטלאַכט אין דער „צוקונפט" און שפּעטער אין איינעם פון זיינע ביכער. דאַרף זיך טרעפן, אַז היינט, נאָך צוואַנציק יאָר, האָט זיך י. קיסין׳ען אויך פאַרוואָלט איבערזעצן דעם רובאַיאַט, און זיין איבערזעצונג איז אויך געדרוקט געוואָרן אין דער זעלביקער „צוקונפט" נאָר שוין אונטער אַן אַנדערן רעדאַקטאָר. צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג האָט קיסין אויך פאַר־עפנטלאַכט אַן אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פאַרביי־גייענדיק געזאָגט, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל ווי דער „רובאַיאַט" איז איבערזעצט אויף אידיש.

איז אפשר טאַקע אַן עולה פון אים און פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", וואָס איז אַליין אַ אידישער דיכטער, ניט צו וויסן אַז יהואָש האָט שוין געמאַכט אַ טיילווייזן „איבערזעץ" פון דעם ווערק. (אָ, הייליקער ענגלייכטער פון דעם אידישן מאָדערניזם, ווי דו אינספּירירט אונזער גרויסן צו ערפינדערישקייטן אין דער שפּראַך!). אָבער, ווייל מען, לאָזט זיך זאָגן, אַז אויב צוויי אידישע דיכטער האָבן ניט געוואוסט וועגן יהואָש׳ס אַרבעט, איז דאָס מסתמא געוועזן שוין איינמאָל אַן איבערזעץ, אַזאַ וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט געדענקען, סיידן צוליב זיינע לעכערלאַכקייטן. וואָלט אונזער גרויסער, באַרימטער און איינציקער געווען אַביסל קליגער, וואָלט אים דווקא געדאַרפט הנאה טאָן, וואָס מען געדענקט ניט זיינע אַ יוגנט־זינד. אַזוי ווי אָבער זיין גרויסוואַן, וואָס פאַרשטעלט אים דעם שכל, קען ניט פאַרטראָגן, אַז אַן אַנדערער זאָל צונעמען דעם „לאָר־בער־קראַנץ" פאַר אַן אַרבעט, וואָס ער האָט געפּרואווט טאָן פריער, האָט ער זי אויסגעגראָבן פון זיינע ביכער און אויפ׳ס ניי פאַרעפנט־לאַכט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", און — זאָל, אדרבא, די וועלט זען, וועמען דער לאָרבער קומט.

נו מילא, וואָלט מען דאָס לייכט געקענט אַרונטערשלינגען. וואָרים סאַרג שלעכטע לידער, אייגענע און איבערזעצטע, ווערן גע־דרוקט ביי אונז? מען וואָלט אפשר אויך געקענט אַרונטערשלינגען זיין חנ׳עוודיק בריוול, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו דער „פ. אַ. ש." צוזאַמען מיט זיין אַרבעט. הגם עס שלאָגט צום האַרצן ווען מען זעט ווי בעת עס פלאַקערט זיין גרימצאָרן למאַי קיסין און ליעסין האָבן ניט געוואוסט פון זיין „איבערזעץ", נעמט ער פאַר זיך אַליין

דער איינזל

די פּריווילעגיע צו מעגן ניט וויסן, אַז אויסער אים האָבן נאָך צוויי אַנדערע געמאַכט דעם זעלביקן פאַרזוך, און נאָכמער ווען מען זעט מיט וועלכער יעזואיטישער קאַרגשאַפט ער היט זיך ניט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם איצטיקן איבערזעצער. אָבער ווען אונזער איינ־ציקער קריטיקער, ש. ניגער, דערפילט אויך אַז קיסין איז באַגאַנגען אַן עולה, פאַר וועלכער מען דאַרף אים אויס׳מוסר׳ן, מחמת דאָס איז איינע „פון די אויפּטועןˮ, פון וועלכע מען קען זיכער עפּעס לערנען, איז כדאַי צו ברענגען עטלאַכע מוסטערן פון דעם דאָזיקן **„אויפטוˮ**.

אָט איז למשל איינער:

אין פינפטן רובאַי, לויט פיצדזשעראַלדס ענגלישע איבערזעצונג, ווערט געזאָגט: אַז איראַם מיט זיינע רויזן איז שוין ניטאָ. וואו אשמידס זיבן־רינגען־בעכער געפינט זיך ווייס שוין קיינער ניט. אָבער דער רובין פינקלט נאָך אַלץ אין וויינרעב, און גערטנער בליען ביים וואַסער.

ביי יהואָש׳ן באַקומט זיך דערפון אַזאַ מחיה׳דיקער סטראָף:

„ניטאָ איראַם מער מיט זיין רויזנשאַץ,
פון יאַמשידס צויבער־כוס ווער ווייס דעם פּלאַץ?
דאָך פינקלט נאָך אין וויינטרויב דער רובין,
פיל גערטנער בליען אויף דעם וואַסערס לאַץˮ.

וואָס אַ „רויזנשאַץˮ איז, דאָס וויסן מסתמא אַלע גוטע און אָנשטענדיקע שונד־ראָמאַנען־לעזער. אָבער וואו דאָס וואַסער האָט גענומען אַ לאַץ, און ווי אַזוי מען קען אויף איין איינציקן לאַץ צו־נויפדריקן „פילˮ גערטנער, — דאָס, האָב איך מורא, איז נאָר פאַר־שטענדלאַך פאַר ש. ניגער.

פאַראַן ביי יהואָש׳ן צוויי שורות, וואָס לייענען זיך אַזוי:

„צייטספוינגל פלאַטערט אום אַ ווייל,
און באַלד שוין איז אוועקצופליען גרייטˮ.

ווערטערלאַך איבערזעצט איז „צייטספּויגלˮ אפשר טאַקע דאָס זעל־ביקע, וואָס „דהי בוירד אָוו טאַיםˮ. נאָר פונקט אַזוי איז „דאָנט נאָק עי טי־פּאָטˮ אַ כשר׳ע איבערזעצונג פון „האַק ניט קיין טשייַ־ניקˮ. אָבער נאָר אַ טויטער מענטש, וואָס הערט ניט און זעט ניט און האָט ניט קיין ברעקל פאַנטאַזיע, וועט דערציילן דער פלאַכער שפּיצקעפּיקייט וועגן „צייטס פויגלˮ, און ניט באַנוצן דעם פיינעם לעבעדיקן אויסדרוק: „דער פויגל צייטˮ.

נאָר זאָל שוין זיין „צייטספּויגלˮ. וואָס־זשע געשעט מיט אים? פריער פלאַטערט ער אום אַ ווייל, און באַלד איז ער שוין גרייט אוועקצופליען, — בעת דער פערזישער דיכטער האָט געוואָלט זאָגן,

דער אינזל

אז דער פויגל צייט האָט נאָר אַ קורצע ווייל צום פליען און אַז זיינע פליגל זיינען שוין גרייט צום פלי.

אַן אַנדערער סטראָף אין יהואש'ס איבערזעצונג לייענט זיך אַזוי מחיה'דיק זיס:

„דאָס ווייך מחיה'דיקע גראָז וואָס דעקט
דעם טייך ברעג, וואו מיר ליגן אויסגעשטרעקט —
ניט דריק עס צו שווער. ווער ווייס
וואָס פאַר אַ שיינע ליפּ זיין וואָרצל לעסט".

דער שפּיציקער בעל־שכל, וואָס קען אַלץ אַזוי פלאַך פאַר־טייטשן, נאָר האָט ניט דעם מינדעסטן כח פּאָעטיש צו באַלעבן, האָט גענומען צוויי פון די שענסטע עפּיגראַמען כאַיאַמ'ס, ווי דעם צוויי און צוואַנציקסטן און דריי און צוואַנציקסטן, און געמאַכט פון זיי מטעמים, וואָס דאַרפן זיך פּשוט צעגיין אויפן גומען פון יעדן פיינ־שמעקער. ער ווערט אין זיי געפינען אַזוינע זיסיקייטן ווי „שענסטע בעסטע געסט", „זומער ברענגט אַ נייעם בלומענשאַץ" און „מיר וועלן ליגן אויך מיט ערד פאַרבעט, מיר אויך — ווער ווייס פאַר וועמען? — אַ מאַטראַץ". וואו מען האָט גענומען אין פערזיע מיט אַ קנאַפּ טויזנט יאָר צוריק אַ מאַטראַץ? און וואָס עס האָט זיך גע־לוינט אים צו שלעפּן דורך די אַלע יאָרהונדערטן און דורך אַלע לענדער ביז אונז קיין ניו יאָרק, — דאָס איז אַ ביסל קשה. אָבער הלואי וואָלט נאָר דאָס אַליין געווען קשה אין דעם דאַזיקן „אויפּטו".

* * *

פיליפּ ס. וואַלד'ס זאַך, וואָס דרוקט זיך אין דעם נומער „אינזל", איז געלעגן ביי מיר צווישן אַנדערע כתבים, וואָס זיינען מיט אַ יאָר צען צוריק צוגעשיקט געוואָרן פאַרן „ליטעראַטור און לעבן". אין יענער צייט האָט דער מחבר נאָך געלעבט, און מיר האָבן די זאַך גע־וואָלט דרוקן צוליב איר פּשטות און צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז אַ לעבנס־דאָקומענט פון אַן אינטערעסאַנטן מענטשן. האַלב וואַגאַבונד און האַלב שולער, נאָר מיט אַן עהרלאַכן סענטימענטאַלן עטישן אָדער, וואָס האָט אים פאַרהיט פון פאַלן אין זומפּ. צוליב פאַרשיידענע סבות איז עס דעמאָלט ניט געדרוקט געוואָרן, און פאַר דער צייט איז אַ טייל פון מאַנוסקריפּט פאַרלוירן געגאַנגען.

דער מחבר האָט די זאַך גערופן „אויף אַ העכערער מדרגה". מיט דעם נאָמען האָט ער געוואָלט אויסדריקן זיין פאַראַכטונג צו דער גזעלשאַפט דערפאַר, וואָס ווען ער איז געווען ערלאַך נאָר אַן

אָרימער וואַגאַבונד, איז ער געווען פון אַלעמען אַ פאַרשטויסענער; אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אַמעריקאַנער פלאָט און האָט זיך צווישן די זעלביקע מענטשן באַוויזן אין זיין אוניפאָרם, האָבן אַלע געקוקט אויף אים מיט אַנדערע אויגן, בעת ער אַליין האָט נאָר געהאַט פאַראַכטונג צו זיך, למאי ער איז געווען געצוואונגען צו ווערן אַ מאַטראָס. מיר האָבן דעם נאָמען געביטן, ווייל אָן דעם סוף האָט ער מער קיין זין ניט.

ר. א.

דזשעק לאָנדאָן:

דער אייזערנער קנאַפּל
דער וועג
פאַר אדמ'ן
די שטימע פון בלוט

פ ר אַ כ ט - א ו י ס ג אַ ב ע ן

ערשינען היינטיגן מאָנאַט.

פ אַ ר ל אַ ג א י נ ז ע ל

פּערלשטיין און קאָמפּ.

האָט געעפנט א נייע סטאָר

באַקאַנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיג אין סטאָק דעם רייכסטן און פארשיידנ־ארטיקסטן אויסוואַל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיג אטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.,
200 East Broadway,
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

זאקס און שטיינפעלד

י ו נ י אָ ן פּ ר י נ ט ע ר ס

12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן דריידאק 0432

ס ו פ ר י ם פּ ר ע ס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי
אין בראָנזוויל.
דרוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר

אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער ספּעציעלע פּרייזן פאר די זומער חדשים. שרייבט פאר אינפאָרמאציע.

באשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּ י נ ק ט ל א ך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

דר. ש. פּאקס

דענטיסט

דאָון טאָון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

אָפּטאָון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פּארק

דר. אברהם אייסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8
אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)
דענטיסט

184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשאָרד 6794

שוין ערשינען!

געזאַנגען פון אונזער דור

א באנד לידער פון

י. גויכבערג

פּרייז 1 דאָלאַר

צו באקומען אין אַלע
ב ו כ ה א נ ד ל ו נ ג ע ן

הויפּט־פארקויף ביי:
B. CHALFEN
1176 Columbus Ave.
Roxbury, Mass.

דער נייער
אדרעס פון

„א י נ ז ל"

254 הענרי סט.
ניו יאָרק.

אן אויסגעבעסערטע אויפלאגע

פון

מאני לייבס

לידער

סלאווישע מאטיוון

באלאדן

אין איין באנד.

ווערט צוגעגרייט אין פארלאג „אינזל“.

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 6. אויגוסט, 1925

זישא לאנדוי — לידער.
ר. אייזלאַנד — י. י. שווארץ אין קענטאַקי.
הערשל ראָזענפעלד וואינאַמאָינען און וויפּונען
דוד קאַזאַנסקי — פרעמד
נפתלי גראָס — א רגע
מענדל — נייגרעשל — ווערטער
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער
מערי אויסטין — אינדיאַנער לידער
ר. א. — חצות, טפּוש אָדער מלך המשיח?

25 סענט אַ נומער. $2.50 א יאָר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

Price per year, $2.50 Single copies, 25c.

דזשעק לאַנדאָן:

דער אײַזערנער קנאַפּל
דער װעג
פֿאַר אדמ׳ן
די שטימע פֿון בלוט

פּראַכט-אױסגאַבען

ערשינען הײנטיגן מאָנאַט.

פֿאַרלאַג אינזעל

דער קונדס

באהאנדלט די װיכטיקסטע געזעל-
שאַפטלאַכע און קולטורעלע פֿראַגן
— שאַרפֿזיניג, אָן מורא און אָן
רחמנות.

װישאַ לאַנדױ
דער בלױער נאַכטיגאַל
שפּיל אין דרײ סצענען.
פּרײז 35 סענט.
צו באַקומען אין פֿאַרלאַג „אינזל״.

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 6. אויגוסט, 1925 ניו יארק

זישא לאנדוי:

דאָס ליד פון גאָט'ס קנעכט ישראל בעל שם טוב.

ישראל בעל שם טוב, גאָטס אייביקער קנעכט,
גייט זינגענדיק איבער די וועגן.
— וואס זינגסטו, ישראל? — ווייל איך בין גאָטס קנעכט
און איך גיי מיין כלה אנטקעגן.
און שיין איז מיין כלה אזוי ווי א בוים,
און אפשר נאָך שענער אפילו.

— און זאָג מיר, ישראל, זאָג ווי רופסטו זי,
און ווי אזוי רופן זי אלע?
— בת טובים, בת טובים, אזוי רופט מען זי,
ביי מיר אָבער הייסט זי מיין כלה.
און ווי די לבנה אזוי איז זי ווייס,
און אפשר נאָך ווייסער אפילו.

— און זאָג מיר ישראל, זאג, וואס זאָגסטו איר,
ווען איר האָט זיךביידע באגעגנט?
— מיין כלה, מיין כלה, — אזוי זאָג איך איר, —
מיר האָבן זיך ביידע באגעגנט,
קום, גיב מיר דיין האנט, קום אין עק פון דער וועלט,
— כ'וועל גיין מיט דיר ווייטער אפילו!

אין שענק.

ווי אָפּגעניצטע, ניט דערפאָרענע אקטיאָרן
אויף א מין הייזעריקן ביי־קול האָבן זיי גערעדט,
און ס'האָט די נאכט די שעה'ן אירע אָנגעוואָרן
נאָך איידער ס'איז געוואָרן שפעט.

דער אינזל

ביים רונדן טיש, ביי פולע גלעזער ביר דריי מענטשן זיצן,
דער אינגסטער איז א זעכציקער געווים.
און קוקנדיק אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן
געצווינגן האָבן זיי אלץ מעשיות, אנעקדאָטן, וויצן,
פון פרויען, וואס געוואַלגערט האָבן זיך ביי זייערע פיס,
פון מענער, וואס זיי האָבן לייכט אזוי אמאָל באַטראָגן, —
דער לינן סקריפּעט ווי א ניט געשמירטער וואָגן.

און א פארשיים געלעכטערל איז פון זייער קעל ארויסגעקראָכן
פּונקט ווי אן אלטער פערד אין שווערן שפּאַן.
גאָט! שטראָף ניט פאר די רייד מיך! מיד אזוי און אָפּגעקראָכן
קען בלויז א ווייב זיין אין די אויגן פון איר מאַן.

מאַן און ווייב

צו ר. ל.

דו זאָגסט אמאָל צו פרעמדן לייב:
לייב פרעמדער, ווער מיר אייגן!
און אויב ס'איז נאָר די רעכטע שעה,
וועט פרעמדער לייב באַהעפטן זיך מיט דיר אויף אייביק.
און אָן די פליגלען פון דיין נאָז
א נייער ריח וועט א בלאָז,
א קלאַפּ א מילדן געבן. —
און עפענען וועסטו פאר אים
די טויערן פון דיין לעבן.

אַי, אלו־לו־לו, פיינעלע,
אין נעסט אין דעם געטרייען!
דער פּאַוועס גרוס וועט איטלאך הארץ
פון בענקעניש באפרייען!
און ווי דאָס זאַטע קאָרן־פעלד
אין זומערדיקן רעגן,
מיט שפע פול וועט יעדער טאָג
זיך וויגן דיר אנטקעגן.

דער אינזל

— מיין ווייב, אז וואויל און וואויל איז מיר,
וואָס איך האָב דיך גענומען!
— מיין מאַן, אז וואויל און־וואויל איז מיר,
וואָס דו האָסט מיך גענומען.
— מיין ווייב, מיין ווייב, גיב מיר דיין האַנט.
— מיין מאַן, מיין מאַן, נעם דיר מיין האַנט,
כ׳וועל דיר אויך ס׳הארץ מיינס געבן.
די גאָלדענע פּאווע באַלייט דיך, באַלייט,
די גאָלדענע פּאווע די פליגל צעשפּרייט,
און ס׳עפנט די גאָלדענע פּאווע דיר ברייט
די טויערן פון אייגענעם לעבן.

אין נעץ פון דער לבנה.

אין נעץ פון דער לבנה
ציטערן די שיפן;
עס ציטערן די שיפן
אין קופּער־גרינעם ים.

צו דער לבנה הויבט זיך
דער ים אין א געבעט. —
לאַך מיט די ברוינע אויגן,
טייל היינט מיט מיר מיין בעט.

איך האָב אויף טעג און מעשים
געשיקט דעם רוימן תּאָן;
און וואָס ס׳וועט קומען שפּעטער
ווארף איך שוין איצט אין קאָן.

אָ, דרימלענדיקע שיפן!
אָ, כישוף׳דיקער ים!
לאַך מיט די ברוינע אויגן,
ברוין־אויגנדיקער לאַם!

אויף וואס שרה בת טובים פּטר׳ט אירע טעג.

וואס טוט שרה בת טובים א גאַנצענעם טאָג?
וואס זאָל זי טאָן?
גאָרנישט טוט שרה בת טובים א גאַנצענעם טאָג,
טוט גאָרנישט ניט טאָן.

דער אינזל

שיקט טויזנד דינסטן ארויס אינ'ם מארק,
שיקט זיי מיט פלעשער און זעק,
ברענגען די דינסטן צו שלעפן פון מארק,
בוימעל אין פלעשער און מעל אין די זעק.

דריי טויזנט הינדעלאך זיצן אין הויף
און לייגן א וועלט אָן מיט אייער;
קומען די קוכער און מישן צונויף
בוימעל מיט מעל און מיט אייער.

שטייט אן עלעקטרישער אויוון דערביי,
גרויס ווי א העלפט פון דעם פארק,
און אין א ווײַלע ארום איז שוין דאָ
קיכעלאך א גאנצענער בארג.

באלד ווערן די קיכעלאך צעטראָגן, צעטיילט
אין יעטווידן אידישן הויז.
דורך וועמען? איך וויים נישט. דאָס מוז זיין א סוד.
מען זאָגט עס מיר קיינמאָל נים אוים.

ר. אייזלאנד:

י. י. שוואַרץ אין קענטאַקי.

די גרעסטע מעלה ביי שווארץ'ן איז זיין שארפע זינלאכע עמפינדלאבקייט. דאָרט וואו שווארץ פארלאָזט זיך אויף זיינע חושים, פירן זיי שוין אוים זייער שליחות בשלימות. זיי קוקן אוים, האָרכן זיך צו, שטעקן אומעטום די נאָז, באטאפן און פאר־זוכן און שמעלן זיך נים צופרידן ביז זיי געיפנען נים אוים אלץ. וואָס שווארץ דערגרייכט און דערגרונטעוועט דורך זיינע חושים איז עכט, קערניק און גאנץ. און וואו נאָר מיר באגעגענען ביי אים א שמעלץ, וואָס איז דיקטירט געוואָרן פון זיינע חושים, איז זי מייסטערהאפט.

אזוי אין זיינע אמאָליקע קלענערע לידער און אזוי אין זיינע פּאָעמען און אידיליען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע

דער אינזל

עטלאַכע יאָר און איצט אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערן בוך מיט'ן נאָמען „קענטאָקי“.

און הלואי וואָלט שוואַרץ זיך כּסדר פאַרלאָזט אויף זיינע חושים. זיי וואָלטען אים, ווי יעדן קינסטלער, שוין געפירט ווייטער — צו פּסיכאָלאָגישער איינזיכט, און אַנטפּלעקט פאַר אים יענעם טיפערן תוך, וואָס ליגט הינטער דעם אויסערלאַכן שיין פון זאַכן און ערשיינונגען. דערצו איז אָבער נויטיק אינטענסיווע אָנשטרענגונג, פון איין זייט, און דאָס אָפּוואַרפן פון יעדן זייטיקן מיטל, פון דער אַנדערער זייט. און דאָס איז ניט אָפט דער פאַל ביי שוואַרץ'ן.

דער מאַנגל אין אינטענסיוויטעט פילט זיך ביי שוואַרץ'ן אין דער אָרימקייט און אָפּטמאָל וואַסערדיקייט פון זיין שפּראַך; אין זיין שוואַכקייט צו פאַרטיקע, פון ששת ימי בראשית שוין באַקאַנטע בילדער, וויצן און משלים; און דער עיקר — אין דעם אידישלאַכן סוק, וואָס ער האָט אָפט אויף זאַכן און ערשיינונגען — יענער אידישלאַכער סוק, וואָס איז אונז אַזוי באַקאַנט פון אונזער משכיליש־לשון קודש'דיקער און אידישיסטישער נאַציאָנאַל־מאַמריסטיק, וואָס האָט אויף אַלץ שוין אַ פאַרטיקע שכל'דיגע ערקלערונג און וואָס איז ווי סם פאַר יעדער קינסטלערישער שעפערישקייט.

וואו שוואַרץ איז פריי פון אָט דעם אידישלאַכן סוק, — ווי, למשל, אין זיינע אַמאָליקע פּייזאַזשן און אין זיינע איצטיקע קעלענער אידיליען, — זעען זיך זיינע אַנדערע חסרונות ניט אָן אַזוי שטאַרק, און גאַנץ אָפט ווערן זיי איינגאַנצן אָפּגעווישט. וואָרים קוים איז שוואַרץ באַפרייט פון אָט דעם אָנשיקעניש, מוז ער, ווילנדיק, ניט ווילנדיק, צענויפנעמען אַלע זינלאַכע כחות, און זיי העלפן אים שוין באַשאַפן עפּעס ווערטפולעס און טיילמאָל אפילו עפּעס גרויסעס, ווי למשל זיינע צוויי בעסטע זאַכן: „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן“ און „דער סוף פון טאָמאַס'ן“.

אין „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן“ איז שוואַרץ'ן געלונגען צו שאַפן ניט נאָר אַ גאַנצע, אָפּגערונדעטע זאַך, נאָר — וואָס איז נאָך וויכטיקער — אַ גאַנצע טראַגי־קאָמישע געשטאַלט, וועלכע אָטעמט מיט צאַפּלדיק לעבן פון אָנהויב ביז'ן סוף. ווי יעדע לעבעדיק געשאַפענע געשטאַלט, קריגן מיר ליב דעם לייכטזיניקן, תּמ'עוואַטן נעגער, הגם מיר וואָלטן ניט געוואָלט עסן מיט אים פון איין שיסל, און הגם מיר קענען אָפט זיך קוים איינהאַלטן פון אַ שמייכל, ווען מיר דערזעען די קאָמישקייט פון דעם דאָזיקן שוואַרצן פאַרשוין, וואָס איז הוילע פּרימיטיווע זינלאַכקייט, און אַזוי מורא'דיק אומבאַהאָלפן אין זיין יעדן קער.

דער איזל

ווי יעדע פרימיטיווע באשעפעניש, ווערט דזשאָרדזש אפילו אויף איין מינוט ניט דער האר איבער זיינע אינסטינקטן, און אין דער זעלביקער צייט האָט ער ניט דעם כח נאָכצוקומען דעם וואונש פון די דאָזיקע אינסטינקטן. במבע פויל ווי אַ קאַץ, און דאָך מוז ער האָרעווען ווי אַן אייזל; כיטרע ווי אַ פוקס, און דאָך טעמפּ ווי אַ קלאָץ ווען עס איז נויטיק אַ האָרעלע שכל׳דיקע אָנשטרענגונג; אייביק אויף דער וואָך און אייביק געדייצט אָפּגן זיין ווייב, מעני, וועלכע ער איז חושד אין אומטרייקייט, און דאָך בלינד, בעת פאר אים אין די אויגן נאַרט זי אים מיט זיין פאַרביסענסטן שונא, דעם אוואַנטוריסט, טאָמאַס. און אַזוי כסדר.

די דאָזיקע פאָעמע איז רייך אין איינצלנע שטעלן, וואָס באַווייזן אַן איבעריקן מאָל, וואָס פאַר אַ פיינער באָאָבאַכטער און מייסטערהאַפטער שילדערער שוואַרץ קען זיין. ס׳איז גענוג אָנצוווייזן אויף דער סצענע אין דער קליינער נעגערשער קירך ביי אַ מיטנוואָכיקן גאָטעסדינסט. צי אויף דעם „טהענקסגיווינג דינער", וואָס דזשאָרדזש טרעפט אומפאַרהאָפט ביי זיך אין שטוב, ווען ער פאַלט אריין אַהין אַן אויסגעמאַטערטער און דערפרוירענער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

„דער שיינער אינדיק האָט ארויסגעשטעקט
און האָט ארויסגעלויכטן גאָלדיק־ברוין,
מיט קלאָרע טראָפּנס פעטס אַזוי ווי פּערל;
און האָזן פונקט ווי לעבעדיק, מיט אַלע גלידער,
זיי זיינען ווי פאַרגליווערט שפּרינגענדיק
געבליבן שטעקן צווישן ברוינע בולבעס
און כל המינים לעבעדיקע גרינסן.
דער זויער־זיסער זאַפּט פון זשוראַווינעס
האָט אים זיין מויל געמאַכט צו וואַסערן,
און ס׳האָבן פון געפּלאָכטן קאָרב געלויכטן
די רויטע, גרויסע עפּל און אָראַנזשן,
און קילע ריחות אין דער היץ פאַרשפּרייט.
און אויף דער ערד פון טיפן קובעל פון׳ם גרעט,
מיט העלזער אויסגעשטרעקט, שערענגעסווייז,
אַזוי ווי זעלנער, האָבן פלעשער ביר
ארויסגעקוקט פון אָנגעבראַקטן אייז".

אַזוינע מייסטערהאַפטע שילדערונגען געפינען מיר אויך אין די אַנדערע קלענערע פּאָעמען, באַזונדערס אין „דאָס זיידן העמד" און „דער סוף פון טאָמאַס׳ן", וואו די הויפּט־פיגור איז אין ביידע דער אויבן־דערמאָנטער אוואַנטוריסט טאָמאַס.

דער אינזל

טאַמאַסעס געשטאַלט אַלס גאַנצע איז שוין שוואַרץ'ן ניט אַזוי געלונגען, הגם ער גיט זיך מיט אים אָפּ מער ווי מיט דזשאָרדזש'ן. דערפאַר אָבער ווי וואונדערלאַך איז דער פראַגמענט, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דער אָנקום פון טאָמאַס'עס סוף. דאָ ווייזט שוואַרץ ארויס מייסטערשאַפט ניט נאָר אין אויסערלאַכע שילדע־רונגען, נאָר אויך אין שילדערונגען פון אינערלאַכע איבערלעבונגען. און ווי ביי יעדן אמת'ן קינסטלער, זיינען די ביידע ביי אים אַזוי צענויפגעפלאָכטן, אַז איינס וואַקסט ארויס פון דאָס אַנדערע. ווען טאָמאַס ליגט באַהאַלטן אין וואַלד און דער הונגער טרייבט אים ענדלאַך ארויסצושטעקן זיין קאָפּ פון זיין באַהעלטעניש און ער וויל פאַרנאַרן צו זיך אַ ווערעקע, וואָס שפּילט זיך ניט ווייט פון אים, דערפילן מיר ווי אַלץ אין אים רייסט זיך צו דעם קליינעם בעשע־פעניש, וואָס וואָלט קענען שטילן זיין נאָגענדיקן הונגער, און מיר דערזעען ווי

„ס'האָט דער קאָפּ
זיך איינגעפּרעסן אין די גרויע פעלעכלאַך
מיט בלוט פאַרלאָפענע און טעמפּע אויגן".

צי שפּעטער, ווען מען האָט אים שוין געכאַפּט און געבראַכט אין געריכט אַ פאַרוואונדעטן, אויסגעמאַטערטן און אויסגעשמירטן און

„דאָס פּנים איז געווען גרויליך־בלוי:
ארום איין אויג האָט שרייענדיק געגליט
אַ בייל ווי אַ קולאַק גרויס. דאָס צווייטע אויג
איז ווי אַ רויטע און געיאָגטע מויז
ארומגעלאָפן איבער ווענט און קעפּ . . . "

לעבן מיר איבער צוזאַמען מיט אים דעם גאַנצן שרעק פאַר דעם אומבאַוואוסטן, וואָס וועט זיך דאָ באַלד אַנטפּלעקן.

און ענדלאַך, ווען טאָמאַס דערפילט פּלוצים, אַז דער אומפאַר־מיידלאַכער און שוואַרצער סוף רוקט זיך אָן, און אים באַפאַלט אַ מורא'דיקער אנגסט, און דאָס יונגע און קאָכיקע בלוט וויל ווילד אויפשרייען, וויל ארויספּלאַצן אין אַ חיה'שן ברום, באַגעגנט זיך דאָ זיין אויג מיט אַן אַנדערן'ס בליק און ס'ווערט אים אומהיימלאַך קלאָר:

„אַז אַנדערש קען נישט זיין און וועט נישט זיין".

בלייבן מיר פאַרגליווערט ווי מיר וואָלטן אַליין געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דעם אומפאַרמיידלאַכן.

אין די צוויי זאַכן האָט שוואַרץ זיך געלאָזט פירן פון זיינע חושים און נאָר פון זיי, און ס'האָט זיך באַקומען צוויי אמת'ע מייסטערווערק, אין וועלכע די מערסטע פון זיינע חסרונות זיינען

דער אינזל

אבסאָלוט אָפּגעווישט געוואָרן. אין „דזשאָו" באַווייזן זיי זיך שוין דאָ און דאָרטן. אין דער פּאָעמע זיינען שוין פאַראַן גאַנצע שטעלן, וואָס ווייזן, אַז דער דיכטער האָט מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיינע חושים און גענומען צו־הילף זיין אידישלאַכן שכל. צום שטאַרקסטן און בולט'סטן אָבער טרעטן ארויס זיינע חסרונות אין זיין גרעסטער פּאָעמע, „קענטאָקי". אין ערגעץ איז די שפּראַך ביי שוואַרץ'ן ניט אַזאַ אָרימע און וואַסערדיקע ווי אין דער פּאָעמע. אַפילו אין די בעסטע שטעלן שלאָגסטו זיך פּלוצים אָן אין ווערטער און אויסדריקן וואָס פּאַסן זיך בשום אופן ניט אַהער, אָדער וואָס האָבן גאָר קיין זינען ניט. דו פילסט, אַז שוואַרץ האָט זיך באַנוצט מיט דעם אָדער יענעם אויסדרוק נאָר ווייל ער האָט זיך געפוילט צו זוכן דאָס עקזאַקטע וואָרט. דאָ שטויסט מען זיך אָן אָן רעדנס־אַרטן און אַפילו אָן גאַנצע זאַצן, וואָס זיינען ניט אידיש נאָר שלעכט איבערזעצטער ענגליש. און — מאַמעלאַך! — גייען אַמאָל אַוועק אַזוינע פּסוקים גאַנצע, וואָס מען קען זיי אַפילו ניט געפינען אין דעם ערגסטן ציַיטונגס־לשון.

אָט זיינען עטלאַכע מוסטערן:

„די דייטשע ברידע וועלכע זיינען שוין
ביי יענער צייט געשטאַנען אויף די פיס".

אָדער:

„און אַלם אַזעלכע האָבן זיי געווירקט".

צי:

„דאָס לעבן איז דערווייל געגאַנגען פאָרווערטס
ווי ס'גייט דער זייגער אויפ'ן וואַנט".

און נאָך צענדליקע אַנדערע אַזוינע.
אין „קענטאָקי געפינען מר אויך אַזאַ מין פּערל פון אַ משל:

„אַ בוימל שטייט אויף פעלזיקן, אויף האַרטן גרונט —
די ווינטן שלאָגן, ברעכן זיינע צווייגן,
עס שרפה'ט אומדערבאַרמדיק אַ געלע זון
און שיילט און פּיצלט אים זיין קראַנקע קאָרע;
אָט איז אַ שטיק אין גאַנצן אָפּגעפאַלן,
עס טריקנט וואונדיק יענער פּלאַץ און שמאַרצט
און ווערט פאַרדאַרט, און ווערט פאַרברוינט, פאַרשוואַרצט.
און די געציילטע געלע בלעטלאַך פונ'ם בוים
זיי חלש'ן פון זון און צאַפּלען פונ'ם ווינט.
נאָר ס'גראָבן זיך די וואָרצלען טיף אין דער ערד
און קעמפען מיט'ן פעלז אויף טויט און לעבן".

די וואָרצלען „קעמפן" מיט'ן פעלז „אויף טויט און לעבן".

ניט ווינציקער. און ווי א שטייגער, מיינט איר, פירן זיי אָן דעם פאַרביסענעם קאַמף?

„זיי שטרעקן זיך מיט דורשטנדיקע מיילעכלאַך,
און גראָבן זיך ארונטער טויטע שטיינער
דורך זאַמדן טרוקענע, צו זוכן חיות —
(א חיות'דיקער אויסדרוק.)

ביז גאָט העלפט און זיי דערשלאָגן זיך צום וואַסערדיקן גרונט. דאָס איבעריקע קענט איר זיך שוין אליין אָנשטויסן, און ניט אזוי אָנשטויסן ווי דערמאָנען. וואָרים אלע געדענקען מיר זייער גוט ווי דאָס פאַרדאַרטע ביימעלע, נעבאַך, האָט פּלוצים אויפגעלעבט, נאָר פונדעסטוועגן איז פּאָרט כדאי צו זען ווי אזוי ביי שוואַרץ'ן קומט פאָר די איבעראַנד־ערשונג:

„און פּלוצים, זע: פון ביימל איז געוואָרן בוים".
(פּלוצים, איבער־נאַכט, איז'ס געשען.)
„די צווייגן, אָדערן ווי אָנגעבלאָזן,
זיי זיינען טונקל, שוואַרצלאַך־גרין געוואָרן,
די דאַרע, אָפּגעלעבטע צווייגן ווערן
פון נייע צאַפּלדיקע צווייגן אָפּגעשאָסן,
די קאָרע גלעט זיך אויס, ווערט ווייך און גלאַנציק
און פריש און זאַפטיק. און די בלעטער,
זיי מערן זיך, און ווערן טונקל גרין,
זיי ווערן דיק און שווער און — אָנגעגאָסן.
דו קוקסט און ס'לעגט זיך אויף דער ערד א שאָטן.
עס גרינען פּאַסן גראָז אין געלן זאַמד . . ."

פון וואַנען עס האָט זיך דאָ פּלוצים געיאַוועט זאַמד, און וואָס פאַר א שייכות האָט דאָס גראָז מיט'ן ביימל וואָס איז געוואָרן בוים, איז אפילו ניט זייער קלאָר. אָבער פּונקט אזוי ניט קלאָר איז דער נמשל וואָס פאָלגט, און נאָך ווייניק קלאָר איז, ווי אזוי אזא וואונדערלאַכער באַאָבאַכטער ווי שוואַרץ האָט בכלל געקענט אויס־גראָבן פון אַלטע שמות אזא באַנאַלן משל, וואָס טראָגן שוין מתושלח'ס יאָרן אויף זיך, און וועלכער וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צו די פּאָעטישקייטן פון א יהואש.

אודאי פעלן אין „קענטאַקי" אויך ניט אמת־געזעענע בילדער פון עכטער מייסטערשאַפט. אָבער זיי ווערן גאַנץ אָפט דערטרונקען אין באַנאַלן וואַסער, שלעכטער שפּראַך, פלאַכן וויץ, זיסלאַכן שמייכל און פּייערלאַכן טרויער, וואָס שטאַמען פון די זעלביקע צוויי מקורים — דיכטערישע פּוילקייט און אידישלאַכע אויפּאַסונג.

דער אינזל

די זעלביקע חסרונות, וואָס מען געפינט אין די רעטאָלן, שרייען אויך אַרויס פון דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון דעם ווערק.

אין „קענטאַקי" האָט אונז דער ד'כטער געוואָלט ווייזן ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן און ווי עס איז אויסגעוואַקסן אַ אידישער ישוב אין אַ פאַרוואָרפענעם העק אין איינעם פון די דרום־שטאַטן. ווי יעדער גוטער און געניטער צייטונגס־רעפּאָרטער, האָט ער באַמערקט, אַז אין די מערסטע קלענערע ישובים אין אַמעריקאַ פאַרנעמען זיך די אידן אין דער ערשטער צייט פון זייער אָנקומען מיט דעם „דזשאָנק" האַנדל. האָט ער אויסגעקליבן אַ „דזשאָנק־פּעדלער" אַלס דעם פאָטער פון יענעם אידישן ישוב. ער האָט אויך באַמערקט, אַז צווישען די דאָזיקע אידן מיט די אייביק פאַריסטע נעזער געפינט מען אָפט איינעם, וואָס איז אַמאָל געוועזן אַ בן־תורה און אַ שיינער באַלעבאָס אין דער היים. האָט ער דעם אידן יהושע אויך געמאַכט פאַר אַזאַ איינעם. אין די קלענערע פונקטן ווי אין די גרויסע ישובים ווערן די אידן איינגעטיילט אין דייטשע און מזרח־אייראָפּעאישע אידן, — האָט שוואַרץ געטאָן דאָס זעלביקע אין זיין געשאַפענעם ישוב. אַלץ ווי עס וואָלט געטאָן יעדער גוטער צייטונגס־מענש, ווען ער קריגט אַן „אַסיינמענט" פאַר אַזאַ אַרבעט.

און פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער איד, וואָס באַזעצט זיך אויף דער פרעמדער ערד, איז זייער פרום און זייער ערלאַך צו גאָט און צו לייטן, און אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך גרין און האָט זיך נאָך ניט אויפגעאַרבעט, גיט ער זיך אָן גאָט ניט אַ ריר און איז מדקדק אויף יעדן געבאָט און פאַרבאָט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ כשר'ן פרומען אידן. און, אפנים ווייל ער איז אַזאַ צדיק, האָט אים גאָט אויסגעקליבן, אַז ער זאָל קומען און „אַרבן" דאָס לאַנד, פונקט ווי ער האָט אַמאָל אויסגעקליבן יעקב אָבינו און אים אָוועקגעשענקט דאָס לאַנד כנען. פונקט ווי יעקב, האָט יהושע אויך אַ חלום, אין וועלכן מען זאָגט אים אָן וועגן זיין שפּעטערדיקער גרויסקייט; און פונקט ווי אברהם אָבינו איז געגאַנגען צו די בני חת נאָך אַ שטיקל פעלד, ווען ער האָט געדאַרפט אַ קבר פאַר שרה'ן, אַזוי גייט יהושע צו זיינע „בני חת" בעטן אַ שטיקל פעלד אויף אַ קבר פאַר זיין פאַרשטאָרבן קינד. און אַז ער רעדט צו זיי, רעדט ער אויך כמעט מיט'ן זעלביקן לשון פון אברהם אָבינו.

די און אַנדערע אַזוינע געשעענישן האָבן טאַקע געקענט פאָרקומען. אָבער דער זיסלאַכער אופן מיט וועלכן שוואַרץ דערציילט אונז דאָס, איבערצייגט אונז, אַז גראַד אין דעם פאַל איז עס אַ ליגן; אַז די גאַנצע מעשה איז אויסגעטראַכט געוואָרן און צונעשניטן געוואָרן אַזוי, כדי צו פאַרשאַפן אַ נחת רוח שיינע אידישלאַכע געפילאַכצן.

דער אינזל

ווען אַ מענטש דאַרף האַנדלען לויט אויסגעטראַכטע מעשיות, קען ער שוין ניט האַנדלען ווי קיין לעבעדיקער מענטש. און דעריבער זעען מיר טאַקע, אַז ווי שטאַרק שוואַרץ פּלייסט זיך ניט באַליבט צו מאַכן אין אונזערע אויגן די צענטראַלע פיגור פון דער פּאָעמע, געלינגט עס אים אָבער בשום אופן ניט. דאָס העלסטע, וואָס ער קען, איז אַרויסרופן ביי אונז אַ שטיקל אינטערעס צו אים ווי צו אַ באַשטימטן טיפּ, וואָס האָט נאָר די קאָנטורן פון אַ מין כלל־מענטשן. סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע קענען מיר נאָר פילן צו אַ כאַראַקטער, וואָס לעבט זיין אייגן לעבן.

און ס'איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש, וואָס הגם די צענטראַלע פיגור איז דער חוט השדרה, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער גאַנצער געביי פון דער פּאָעמע, און הגם שוואַרץ באַמיט זיך אים אונז צו באַווייזן פון זיינע יונגע יאָרן ביז אין טיפסטן עלטער, דאָך שטעלט זיך ביי אונז בשום אופן ניט אָפּ אין זכרון, ווי אַזוי ער זעט אויס, שוין אָפּגערעדט פון וועלכער ניט איז אינערלאַכער פיזיאָנאָמיע. אַזוי מיט אים און אַזוי מיט די מערסטע אַנדערע איידישע פּאַר־שוינען, צו וועלכע דער מחבר האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג. און, מערקווירדיק, דוקא יענע אידישע פּאַרשוינען, וועלכע ער שטעלט אַרויס אין אַ ניט שיינעם און לעבערלאַכן ליכט, און די ניט־אידישע פיגורן, וואָס שפּילן בלויז אַ זייטיקע ראָליע אין דער פּאָעמע, דוקא צווישן זיי זיינען פאַראַן אַנדערע, וואָס שטייען פאַר אונז ווי לעבע־דיקע און פרעסן זיך איין אין זכרון, ווי יעדע געשטאַלט, וואָס איז געשאַפן פון אַ קינסטלערישער האַנט.

הערש ראָזענפעלד:

וואַינאַמאָינען און וויפּונען

17־טע רונע פון דער „קאַלעוואַלאַ".

וואַינאַמאָינען, אַלטער זינגער,
האָט קיין ווערטער ניט געפונען,
האָט קיין כישוף ניט געלערנט
אין טואָני'ס טונקעלע הייזער
אין די וואוינונגען פון מאַנאַ.
הויבט ער אָן צו טראַכטן, קלערן,
אין זיין קאָפּ אַלץ איבערוועגן,

דער אינזל

וואו צו זוכן כישוף־שפּרוכן,
וואו דאָס כישוף־וואָרט געפינען.
קומט אַ פּאַסטוך אים אַנטקעגן
און הויבט אָן אַזוי צו ריידן:
„קענסט געפינען הונדערט ווערטער,
זאַמלען אפשר טויזנט שפּרוכן,
אין וויפּונען'ס מויל דעם קלוגן,
אין דעם גוף פון גרויסן גבור,
צו דעם פלאַץ ווייס איך אַ צוגאַנג,
כ'ווייס דעם כישוף־וועג צום קבר,
אויסגעטראָטן שוין פון העלדן;
פריער מוזטו לאַנג־לאַנג רייזן
אויף געשאַרפטע נאָדל־שפּיצן,
נאָכדעם ווידער גיין אַ מהלך
אויף אַנטבלויזטע שאַרפע שווערדן,
און צום סוף אַ צייט ערשט שפּאַנען
אויף אַ שורה שאַרפע העקלאַך.״
קלעפּט דער אַלטער וואַינאַמאָינען,
טראַכט אַרום גוט די נסיעה,
און ער גייט אַוועק אין קוזניע
און ער זאָגט אַזוי צום קאָוואַל:
„אילמאַרינען, גרויסער מייסטער!
מאַך מיר גלייך אַ העמד פון אייזן,
פון מעטאַל שמיד אויס מיר שטיוול,
גיס אויס הענטשקעס מיר פון קופּער,
גיס מיר אָפּ אַ שטאַרקן שטעקן,
טו אריין אין אים אַ כישוף,
האַרטן שטאָל פון אינעווייניק
און אַרום נאָר ווייכן אייזן;
כ'וויל אַוועקגיין איצטער זוכן
כישוף־ווערטער, כישוף־שפּרוכן,
אין דעם מויל פון דעם מכשף,
אויף וויפּונען'ס צונג דעם קלוגן״.
זאָגט דער מייסטער אילמאַרינען:
„שוין געשטאָרבן איז וויפּונען,
שוין אַ צייט איז ער פאַרשוואונדן,
ער פאַרלייגט שוין ניט קיין פּאַסטקעס,
ער פאַרוואַרפט שוין ניט קיין נעצן,

דער אינזל

קענסט פון אים קיין כישוף לערנען,
קענסט פון אים קיין וואָרט ניט הערן".

וואינאמאָינען, פול מיט גלויבן,
הערט די ווערטער ניט פון מייסטער,
ווערט ניט אָן זיין מוט און האָפנונג,
טוט פון אייזן אָן די שטיוול,
ציט ארויף זיין שטארקן פאנצער,
לאָזט אין וועג זיך פלינק און פריילאך;
לויפט ער אָפ א טאָג א גאנצן
אף געשארפטע נאָדל־שפיצן,
און אף מאָרגן שפאנט ער ווידער
אף אנטבלויזטע שארפע שווערדן,
גייט דעם דריטן טאָג אלץ ווייטער
אף א שורה שארפע העקלאך.

און וויפונען דער מכשף,
אלטער העלד און גרויסער זינגער,
ליגט זיך דאָרטן אויסגעצויגן,
און לע'ם אים די כישוף־שפרוכן.
אף זיין אקסל וואקסט אן עספע,
צוויי בערעזעס — אף די שלייפן,
פון זיין גאָמבע שפארט אן אָלכע,
פון זיין באָרד — פארצווייגטע ווערבעס,
פון זיין מויל — א גרינע סאָסנע,
פול מיט האָזן אף די צווייגן,
און א ריז א דעמב — פון שטערן.

וואינאמאָינען גייט צו נעענטער,
ציט ארויס זיין שווערד פון שיידל,
פון זיין לעדער זאק דאָס העקל,
האקט דעם עספען־בוים ארונטער,
האקט אראָפ די צוויי בערעזעס,
האקט פון גאָמבע אָפ די אָלכע,
שניידט פון באָרד אראָפ די ווערבעס,
פון דעם מויל — די גרינע סאָסנע,
מיט די האָזן אף די צווייגן,
און דעם ריזן־דעמב — פון שטערן.

דער אינזל

נאָכדעם כאַפּט ער זיך צום שטעקן
און ער שפּאַרט אַריין דעם אייזן
גלייך אין מויל פון דעם מכשף
און צעשפּאַרט אים זיינע ציינער
און הויבט אָן אַף אים צו שרייען:
„שטיי שוין אויף, דו, פוילער פּעפער!
הויב זיך אויף פון דיין געלעגער,
ביסט גענוג שוין דאָ געשלאָפן!

און וויפונען דער מכשף,
דער באַרימטער גרויסער זינגער,
טוט אַ הויב זיך פון געלעגער,
און דערשפּירט אין מויל דעם שטעקן,
און דערפילט דעם שאַרפן ווייטאָג;
טוט ער גלייך אַ ביס דעם שטעקן
און צעבייסט דעם ווייכן אייזן
ביז צום סאַמע שטאָל דעם האַרטן,
נאָר דעם שטאָל קען ער ניט רירן.

און דער אַלטער וואַינאַמאַינען,
וואַינאַמאָינען פון וואַינאָלאַ,
שפּאַנט אַרום זיך רואיק, זאָרגלאָז,
אין זיין פּאַנצער, אין די שטיוול,
פונקט ביים מויל פון גרויסן חכם
און ער טוט אַ גליטש זיך פּלוצלונג,
טוט אַ פאַל און קערט זיך איבער
גלייך אין מויל פון דעם מכשף,
אין וויפונען'ס מויל דעם ברייטן.
און דער גרויסער העלד וויפונען
עפנט אויף זיין מויל נאָך ברייטער,
און פאַרשלינגט דעם אַלטן זינגער,
מיט זיין פּאַנצער, זיינע שטיוול,
מיט זיין שטאַרקן כישוף־שטעקן.
דאָ הויבט אָן וויפונען ריידן:
„כ'האָב פאַרזוכט שוין פיל מאכלים,
שאָף געגעסן, ציגן, הירשן,
בערן, אָקסן, וועלף און שווייגען,
נאָר אַ מאכל אַזאַ זיסן

דער אינזל

נים פארזוכט האָב איך נאָך קיינמאָל".
זאָגט דער אַלטער וואַינאַמאָינען:
„איצטער זע איך שוין די צרה,
זע דעם אומגליק אַף זיך הייגגען,
אין דער טונקלער איסי־פעסטונג,
אין דעם קאַטאַקאָמב פון קאַלמאַ".

הויבט דער אַלטער וואַינאַמאָינען,
הויבט ער אָן צו טראַכטן, קלערן,
ווי צו לעבן און געדייען,
ווי ארויסקריכן פון אומגליק.
אין זיין גאַרטל שטעקט אַ מעסער
מיט אַ הענטל פון בערעזע,
זאָגט ער גלייך זיך אָפּ אַ כישוף
און פון הענטל ווערט אַ שיפל;
זעצט ער זיך אריין אין שיפל
און ער הויבט זיך אָן צו שיפן
אין דעם בויך פון דעם מכשף
און ער פאָרט אַ־דורך די קישקעס,
פאָרט אריין אין יעדן אָדער
פון דעם גרויסן כישוף־מאַכער.
נאָר וויפונען דער מכשף
שפירט דעם העלד ניט פון וואַינאָלאַ,
שיינקט קיין אכט אים ניט אפילו.
נעמט דער אַלטער וואַינאַמאָינען
און הויבט אָן מעטאַל צו שמידן;
מאַכט פון פאַנצער זיך אַ קוזניע,
און אַ בלאָז־זאַק פון די ארבל,
נוצט די קני ווי אַ קאָוואַדלע,
און די פויסט נוצט ער אַלס האַמער;
ווי אַ שטורם רוישט דער בלאָז־זאַק,
און עס דונערט פון קאָוואַדלע,
און דער זינגער, וואַינאַמאָינען,
שמידט אַזוי און קאָוועט דאָרטן,
שמידט אַ טאָג אָפּ און אַ צווייטן,
און אַ גאַנצן טאָג דעם דריטן,
אין דעם גוף פון דעם מכשף,
אין דעם בויך פון גרויסן גיבור.

דער אינזל

הויבט וויפונען אָן צו ריידן,
זיך צו חידוש'ן און פרעגן:
„זאָג, ווער ביזטו פון די העלדן,
ווער פון די גיבורים גרויסע?
ד'האָב שוין העלדן פיל געגעסן,
אָן אַ צאָל געשלונגען מענטשן,
נאָר אַזאַ ווי דו נאָך קיינמאָל
אין מיין לעבן ניט דערשלונגען;
פון מיין נאָז טוט רויך זיך שפּאַרן,
פון מיין מויל — אַ פייער רייסן,
און פון האַלז צעשמעלצטער אייזן.

גיי דו, מאָנסטער, גיי פון דאַנען,
גיכער לויף, דו פעסט פון נאָרדלאַנד,
איידער איך זוך אָפּ דיין מוטער,
און דערצייל דער אַלטער מאַמע,
וועגן דיינע שטיק די מיאוסע.
גרויס וועט זיין דער ווייטאָק אירער
און די שאַנד פאַר דיינע מעשים.
אַז איך הויב ניט אָן באַגרייפן,
ד'קען דעם סוד גאָרניט אַנטפּלעקן,
וואָס דו ביסט אַהער געקומען,
וואָס דו מאַטערסט מיך אַצינדערט?
ביסטו איסי פון דעם הימל,
צי אַן אומגליק נאָר פון אוקקאָ'ן?
אפשר האָט דיך גאָט באַשאַפן
מיך צו מאַטערן און קוועלן?
אויב דו ביסט דאָס שלעכטס פון הימל,
צי אַ צרה נאָר פון אוקקאָ'ן,
וואָס געשיקט האָט מיין באַשעפער, —
בין איך גרייט אַצינד צו ליידן;
גאָט פאַרדאַרבט קיין גוטע מענטשן,
און פאַרלאָזט ניט די וואָס גלויבן.
אָבער אויב דו שטאַמסט פון מענטשן,
און געשיקט צו מיר פון העלדן
וועל איך אויסראָטן דיין אָפּשטאַם
און פאַרניכטן דיינע קרובים.

דער אינזל

„שוין ניט איינמאָל קומען צרות,
קומען שלעק מיך צו פארניכטן,
פון דעם לאנד פון גורל־ווארפער,
פון דער היים פון שטערנזעער,
פון דעם טאָל פון די ניט־גוטע,
פון די פליינגען פון מכשפים,
פון די וויסטע קאלמא־סטעפעס,
פון די אָפגרונטן פון מאנא,
פון די קברים פון די מתים,
פון דעם קעניגרייך פון טויטן,
און פון לויזע בערג פון זאמדן,
פון סכנות׳דיקע זומפּן,
און פון פאלנדיקע שטיינער,
און פון זינקענדיקע זאמד־בערג,
און פון טיפע, טיפע טאָלן,
און פון מאָך באדעקטע זומפּן,
פון די רוישנדיקע כוואליעס,
פון די טיפע איסי־וועלדער,
פון די שפאלטן צווישן פעלזן,
און פון בערג מיט קופער־שפיצן,
פון געוויש פון הויכע סאָסנעס,
פון געוויש פון טאנענבוימער,
און פון היילן פון די בערן,
און פון וועלף, פון טשאטעס גרויסע,
פון דעם ווייטסטן פאָהיא־געגנט,
און פון ווייטן לאפּלאנד גרעניץ,
פון די ניט־פארזייטע לאנען,
און פון שלאכט די ברייטע פעלד־צר,
און פון פעלד, וואו גראָזן רוישן,
פון דער בלויער ים׳ען פלאכקייט,
פון דער שווארצער וואסער־בלאָטע,
פון די טויזנט־קלאפּטער טיפן,
פון די שטארקע שטורם ווינטן,
פון געוויש פון קעסל־גריבער,
און פון רוטיא׳ס וואסערפאלן,
פון דעם ווייטסטן פלאץ אין הימל,
פון דעם לעצטן וואָלקן־גרעניץ,
פון די וועגן פון דעם דונער,

דער אינזל

פון די ליכטיק־העלע בליצן,
פון דער היים פון פרילינג־ווינטן,
פון דער וויג פון שטורם ווינטן.

אפשר קומסטו פון די פלעצער,
איילסט פון דאָרט אהער אריבער,
צו דעם האַרץ פון העלד דעם ריינעם,
צו פארשלינגען מיך אצינדערט,
צו פארניכטן איצט דעם זינגער,
גיי פון דאַנען, הונט דו, לעמפּאַס,
גיי, דו מאָנסטער פון מאַנאַלאַ.

(סוף קומט)

דוד קאַזאַנסקי:

פרעמד

דער טאַטע האָט אים אריינגערופן צו זיך, האָט פארמאַכט נאָך אים די טיר. די הענט ביים טאַטן זיינען לאַנגע, האַריקע. ווען זיי בייגן זיך, קנאַקן זיי. ווי בלעכענע. אויפן טיש זיינען געשטאַנען צוויי אָנגעגאָסענע גלעזלאַך מיט בראָנפן:

— טרינק, יאַטקע!

און יאַטקע האָט געוואוסט, אז ער ווערט א חתן.

דער טאַטע האָט דער ערשטער אויסגעטרונקען זיין גלעזל מיט איין אָטעם. ער האָט נאָר דערביי ווייך א ציטער געטאָן. פון קאָפּ ביז די פיס. ווי צו זיין נאַקעטן לייב וואָלט זיך פלוצלונג צוגערירט א נאַס געריכטע האַנט. יאַטקע האָט געקוקט אויף אים און איז געוועזן אין אים פארליבט.

— נו, יאַטקע, טרינק!

דער בראָנפן איז געווען שטאַרק, האָט געברענט ווי א פייער, און יאַטקע האָט זיך שטאַרק פארהוסט. דער טאַטע האָט געקוקט אויף אים מיט א געלקייט אין די אויגן און יאַטקע איז געבליבן א פארלאָרענער, א פארשעמטער. דאָס ניט דערטרונקענע גלעזל האָט זיך שיער ניט אראָפּגעקייקלט פונם ברעג טיש. ביי יאַטקען האָט געציטערט די האַנט. ער האָט געוואָלט זאָגן דעם טאַטן:

דער אינזל

— איך ווייס, אז דו האסט מיך פיינט, נאר איך בין ניט שולדיק.

ווען יאטקע איז געווען א סטודענט, האט דער טאטע שטענדיק געשריבן צו אים קורצע, פריילאכע בריוולאך, מיט א סך אויסרופ־צייכנס. פון די בריוו האט געאָטעמט אויף יאטקען א בלויער, א לויטער׳ער אומעט. יאטקע האט געלייענט די בריוו און האט שטיל און מיטן גאנצן הארצן וואס צוגעזאגט דעם טאטן. האט זיך גע־שוואוירן פאר אים. נאר אין איינעם מיט דעם טאטנס בריוו איז שטענדיק מיטגעגאנגען דער מאמעס א לאנגע מגילה: זי קען עס שוין מער ניט אריבערטראגן, זי קען ניט! אויף אן אקס אין סאכע האט מען דאך אויך אמאל רחמנות און אויף איר האט קיינער קיינ־מאל קיין רחמנות ניט געהאט. דער טאטע, ווייסט ער דאך, טוט גארניט, און זי אליין האט זיך שוין לאנג ארויסגעשלאגן פון אירע כחות. און וואס וועט זיין, וואס? ביז וואנען וועט ער זיך דארט לערנען? וויפיל איז דער שיער? און אז זי ווייסט נאך ניט די גליקן וואס זי וועט כאפן, ווען ער וועט שוין ווערן אן אינזשינער, א פאלנער אינזשינער. זי דארף עס ניט!

און יאטקע האט ניט אויסגעהאלטן, האט ניט דערצויגן ביז צום סוף און איז געקומען אהיים. דער טאג איז יעמאלט געווען א נאסער, א רעגנדיקער. די קליינע, היימישע סטאנציע איז ארומ־גערינגלט מיט אפענע פעלדער, און יאטקען האט זיך אויסגעוויזן, אויף דער ערשטער מינוט, אז שוין לאנג, זייער לאנג, אז ער האט ניט געזען קיין נאקעטע ערד. ער איז געשטאנען א פאר׳שכור׳טער און ער האט זיך אנגעבויגן און האט פאמעלאך, פאמעלאך א גלעט געטאן די נידעריקע גראז. קאלט און גלאנציק האבן זיך געצויגן די נאקעטע רעלסן.

יאטקע האט פארגעסן, אז ער ווארט דא אויף אימיצן, נאר פונם דארף זיינען באלד אנגעקומען דער טאטע, די מאמע. דער טאטע א לאנגער, אין א שווארצן פאלטא, איז גלייך צוגעלאפן צו אים און האט אים שטארק ארומגענומען:

— יאטקע!

דער טאטע איז געווען פול, אז עס האט זיך אזש אריבערגע־גאסן פון אים, און די מאמע האט אפגעקערט דעם קאפ און האט שטיל געמורמלט צו זיך:

— א דאנק דעם אויבערשטן, א דאנק דעם אויבערשטן!...

דערנאך האט מען זיך אריינגעזעצט אין דעם ברייטן, פויערשן וואגן און די מאמע האט אנגעטריבן די פערד. די מאמע, אז זי האלט די לייצעס, האט זי פיינט צו טרייבן די פערד, האט פיינט

דער אינזל

צו פֿאָרן גיך. זי זשאַלעוועט, זי פֿאַרגינט זיך ניט. נאָר היינט האַלט זי שטאַרק אָנגעצוויגן די לייצעס און די פֿערד טראָגן זיך גיך, ווי געשפּאַנט צו אַ שליטן. ביי דער מאַמען שנורעוועט זיך דאָס מויל, ווי זי וואָלט שטאַרק געוועזן אין כּעס, אָדער ווי זי וואָלט געוואָלט וואָס דערשטיקן אין זיך, ניט אַרויסגעבן זיך.

און ווען מען איז געקומען אַהיים, האָט זיך דער טאַטע ברייט אַנידערגעזעצט ביים טיש, ניט נאָך זיין שטייגער נאָך, און זיין גאַנצער פּנים האָט זיך געבראָכן אין אַ שמייכל:

— נו, יאַטקע, דערציילֿ!

דער טאַטע איז געוועזן אויפֿגעצלעגט, זייער אויפֿגעלעגט, און די מאַמע האָט געקלונגען מיט די שווערע שליסלען, און אַפֿילו די אַלטע דינסט האָט זיך אויך אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן פֿאַרטוך. יאַטקע האָט זיי אַלעמען ליב געהאַט.

די ערשטע עטלאַכע טעג האָבן זיך דורכגעטראָגן ווי אַ רעגנבויגן, נאָר ווי אַ רעגנבויגן האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעווישט. אינגאַנצן. די טעג זיינען דערנאָך געוועזן לאַנגע, קריכנדיקע, און יאַטקע האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך. ער האָט אַפֿילו ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טראַכטן. ער האָט געוואָלט אוועקפֿאָרן, ערגעץ, נאָר די מאַמע האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן: פֿאָרן? וואוהין ווייטער? נאָך וואָס? צו זייערע שונאים'ס קעפּ! און וואו וועט ער נעמען געלט? נאָך ווניק אפשר האָט ער אָפּגעקאָסט?

די מאַמע האָט דעם גאַנצן טאָג, קאָמאַנדעוועט מיט די דינסטן, וואָס אַרבעטן אין הויף און מיט די פּויערים וואָס אַרבעטן אין פֿעלד, און שפּעט אין אָוונט זעצט זי זיך אַנידער אויפֿן גאַניק אינאיינעם מיט יאַטקען און קוקט מיט אים אינאיינעם אויף דער פֿאַרגייענדיקער זון. זי קלאָגט זיך פֿאַר אים אויף אירע מידע, אויסגעמאַטערטע גלידער און שעלט דערביי דעם טאַטן. יאַטקע הערט זי אויס, רעדט איר ניט אַנטקעגן און זי גענעצט דערנאָך געשמאַק, מיט הנאה. די זון פֿאַרבאַהאַלט זיך צווישן די געדיכטע בוימער און ביים גאַניק דרייט זיך אַרום אַ זאַטער הונט. ערגעץ, אין אַ ווינקל, זשומעט אַ בין.

דער טאַטע טוט גאָרניט, פֿון שטענדיק אָן אַזוי. ער מישט זיך אין גאָרניט, טשעפּעט קיינעם ניט, נאָר עס איז פֿול מיט אים די גאַנצע שטוב. די מאַמע קען זיך צו דעם ניט צוגעוואוינען, קען זיך ניט אונטערגעבן, דעם גאַנצן לעבן אירן, און זי איז שטענדיק אַ צערייצטע, אַ כּעס'דיקע. ווען דער טאַטע וואָלט פּלוצלונג פּאַר עפּעס ניט געוואָרן, וואָלט אויפֿגעהערט צו זיין, וואָלט יאַטקע גלייך

אוועקגעפאָרן פון דאַנען, און אפילו די מאַמע אַליין וואָלט אויך געוויינט מיט ביטערע טרערן. דער טאַטע רעדט זייער ווייניק, אפילו מיט יאַטקען. נאָר אַז ער קוקט אויף יאַטקען, לייכטן ביי אים אויף די אויגן. יאַטקע ווייסט, אַז דער טאַטעס וואָרט פון אים עפּעס, האָפּט אויף אים, און יאַטקען איז עס שווער, זייער שווער. דער טאַטע איז אַ לאַנגער, אַ גלייכער און יאַטקע איז אַ קליינער, אַ מאָגערער. דער טאַטע לעגט אַרויף אויף אים זיינע ביידע הענט און פרייט זיך מיטן גלאַנץ פון קופּער:

— נו, יאַטקע?

יאַטקע וויל אים זאָגן, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַ גרויסן טעות, נאָר ער קען עס ניט. פּונקט ווי מען קען פּלוצלונג ניט אַ כאַפּ טאָן אַ שפּיגל און אַ שליידער טאָן עס אויף דער פּאַדלאָגע.

דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט מיט טרוקענע טעג. זוניקע, בלויע. און ווען עס איז אַרויסגעפאַלן דער ערשטער, פּעטער שניי איז צו זיי געקומען ר' וואָלף, דער פּאַסעסאָר פונם שכנישן דאָרף. ר' וואָלף איז אַ גרויסער איד, אַ שווערער איד. שווער אויפן טראָט און שווער אויפן צונג. עס שוויצט שטאַרק ביי אים דער שטערן, ווען ער רעדט, און די ווערטער וואָס ער רעדט אַרויס זיינען ווי גרויסע שטיקער קלעפּיק ערד. געקומען איז ער צו זיי ניט אַליין, נאָר מיט זיין איין און איינציקער טאָכטער, מלכה. און אַמאָל רופט ער זי: — מלכה'לע!...

די טאָכטער זיינע איז שטאַרק געראָטן אין אים. זי איז אויך אַ גרויסע, אַ שווערע, מיט גראָבע, פלאַקסענע האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ פאַרקאַטשעט נעזל אויף איר גרויסן, פליישיקן פּנים. מען מוז פון דעם אַ שמייכל טאָן.

געקומען איז ר' וואָלף צו זיי ניט אומזיסט. עס איז געווען ביי אים מיט דער מאַמען אָן אָפּגערעדטע זאַך. יאַטקע האָט געמיינט, אַז ער וועט משוגע ווערן, נאָר דער טאַטע האָט גאָר ניט געטאָן. ער האָט נאָר געקוקט פון דער ווייטנס, האָט געהיט וואָס דאָ וועט זיין, און יאַטקע האָט אָפּט געטראַכט אַ מידער, אַן אויסגעמאַטערטער: אים אויף צו להכעיס!

יאַטקע האָט זיך ניט אומגעקוקט ניט אויף ר' וואָלפן און ניט אויף זיין טאָכטער. ווי ניט זיי, ווי ניט דאָס גאָר וואָלט דאָ געשטאַנען אין קאָן. נאָר ר' וואָלף האָט געוואַרט אַ טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, און איז צום סוף צוגעגאַנגען צו דער מאַמען: — נו?

די מאַמע האָט אים באַלד גאָר ניט געענטפערט, נאָר אין אָוונט האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויפן גאַניק אינאיינעם מיט יאַטקען

דער אינזל

און האָט אינאײנעם מיט אים געקוקט אויף דער פאַרגײיענדיקער זון. זי האָט זיך אַפּריער באַקלאָגט פאַר אים אויף אירע אַלט׳ע, שווערע יאָרן, דערנאָך האָט זי געשאָלטן דעם טאַטן, און ערשט דערנאָך האָט זי אים דערציילט אַז זיי האָבן גאָרניט, פאַרמאָגן גאָרניט. אַלץ, וואָס ער זעט, איז פאַרזעצט, און טאַקע ביי ר׳ וואָלפן. און ווען ר׳ וואָלף וויל נאָר, דאַרפן זיי זיך אַלע נצמען פאַר די הענט, זי און דער טאַטע און ער, דער אינזשענער, און זיך אַוועקלאָזן איבער די הייזער. יאַטקע האָט געוואוסט, אַז ניט אַלץ, וואָס די מאַמע דערציילט אים, איז אמת, נאָר ער האָט געשוויגן. עס האָט אים אפילו הנאה געטאָן. און די מאַמע האָט געוואַרט אַ מינוט, נאָך אַ מינוט, און האָט שאַרף ווי אַ מעסער אַ קוק געטאָן אים גלייך אין פּנים אַריין: ער וויל אפשר זיין אַן אינזשעניר? פּיין, זייער פּיין! נאָר זאָל ער עס טאָן אויף זיינע אייגענ׳ע פּלייצעס, ניט אויף אירע. זי האָט אויף זיך דעם טאַטן זיינעם, און דאָס איז גענוג פאַר איר, זייער גענוג. און ביי וועמען, מיינט ער, האָט זי גענומען די הונדערטערס וואָס זי האָט אים איבערגעשיקט? ביי ר׳ וואָלפן! ער מעג עס וויסן!

אירע ווערטער זיינען געווען איינגעוויקלט אין אַ גרינער, גלאַנציקער גאַל, און יאַטקע האָט געקוקט אויף איר, האָט זי געהערט, און האָט געטראַכט, מיט דעם זעלבן ניגון מיט וועלכן זי האָט גערעדט, אַז אפשר איז זי גאָר ניט אַזאַ שלעכטע, און אַז דער טאַטע איז אפשר גאָרניט אַזאַ גוטער. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל שעלטן דעם טאַטן, אַז זי זאָל ריידן אויף אים שלעכטס.

ער האָט גאָרניט געזאָגט דער מאַמען, ניט יאָ און ניט ניין. נאָר אויף מאָרגן זיינען שוין אַלע געזעסן ביים טיש און ביים טיש איז געווען יום־טוב׳דיק, געהויבן. מלכה איז געזעסן אַ רויטע, ווי אַ זאַפטיקער בוראַק, און ר׳ וואָלף האָט געקוקט אויף איר און האָט זיך געפרעגלט אין נחת:

— טאָכטער... מיין טאָכטער!

יאַטקע האָט געקוקט אויף ר׳ וואָלפן, אויף זיין טאָכטער און האָט געשמייכלט. נאָר דער טאַטע האָט פּלוצלונג אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז מיט ווייסן, קרישטאָלענעם וויין, האָט אַריינגענומען די גלאָז אין זיין גאַנצער האַנט, מיט אַלע פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער און האָט הייזעריק אַ וואָרף געטאָן איבערן גאַנצן טיש:

— לחיים!

יאַטקע האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן צו אים, נאָר ער האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון אָרט, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ גלייכער, זייער אַ גלייכער, און האָט נאָך אַמאָל איבערגע׳חזר׳ט:

דער אינזל

— לחיים!

ר׳ וואָלף האָט געקוקט מיט צעטומלטע אויגן, און ביי דער מאַמען איז דין געוואָרן דער מויל, אײנגאַנצן אָן ליפּן, ווי איינגע־שניטן בלויז מיט אַ פאָדים. נאָר דער טאַטע האָט זיך ניט צוגע־רירט צום ווײַן. ער האָט צוריק אַוועקגעשטעלט די גלאָז, פּאַמע־לאַך, אַזוי פּאַמעלאַך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די גלאָז זאָל זיך ניט צעברעכן, און דערנאָך, אַז ער האָט דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער זיך געלאָזט אַוועקגיין פון טיש.

ר׳ וואָלף איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, האָט געוואָלט אויף אימיצן אָנפאַלן, נאָר ער האָט געקוקט אַ צעטומלטער און האָט צעטומלט געמורמלט:

— אַ מאָדנער איד... אַ מאָדנער!

יאַטקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טאַטן, האָט אים אָנגע־כאַפּט מיט ביידע הענט און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. דער טאַטע האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן מיטן טראָט, האָט אים אָנגעקוקט, און יאַטקע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער טאַטע איז אַוועק צו זיך, און יאַטקע איז צוריקגעגאַנגען צום טיש. די מאַמע האָט שטיל און ליבלאַך גערעדט צו דער כלה, און ר׳ וואָלף האָט נאָך שווער געאָטעמט. אין יאַטקען האָט געוויינט דאָס האַרץ, די נשמה, נאָר ער אַליין האָט שוין מער גאָרניט גע־וואָלט. גאָרנים.

און שפּעטער, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט אים דער טאַטע אַרײַנגערופן צו זיך. אויפן טיש זיינען געשטאַנען צוויי אָנגעגאָסענע גלעזלאַך מיט בראָנפן:

— טרינק, יאַטקע!

און יאַטקע האָט געוואוסט, אַז ער ווערט טאַקע אַ חתן.

דער טאַטע האָט זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים מיט זיינע ביידע הענט. די הענט ביים טאַטן זיינען לאַנגע, האַריקע. יאַטקע האָט געוואַרט אַ מינוט און האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון חדר.

די חתונה איז געווען נאָך אין דעם זעלבן חודש, און באַלד נאָך דער חתונה האָט אים ר׳ וואָלף צוגענומען צו זיך. ווען יאַטקע האָט זיך געזעגנט מיטן טאַטן, האָט דער טאַטע לאַנג אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, מיט פאַנאַנדערגענומענע פּאָלעס, און יאַטקע איז געשטאַנען אין מיטן חדר. זיי האָבן ביידע געשוויגן:

— אָט אַזוי איז שטענדיק, יאַטקע. דער מענטש נאַרט זיך, נאַרט זיך, ביז וואַנען ער דערוויסט זיך, אַז ער האָט זיך גענאַרט.

איז וואָס איז דערנאָך מיינסטע? גאָרניט. ער נאַרט זיך פון דאָס ניי, אויב ער האָט נאָר כחות. עס איז ווי אַ ראָד. וואו איז דער סוף פון אַ ראָד? ווען עס צעברעכט זיך!

דערנאָך האָבן זיי ווייטער געשוויגן, און יאַטקע האָט דערפילט, אַז דעם טאַטן איז שווערער פון אים.

אַוועקגעפאָרן איז יאַטקע, ווען עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. דער גאַנצער הימל איז געווען פאַרזייט מיט שטערן. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען געשטאַנען אויפן גאַניק און קיינער פון זיי האָט גאָרניט געזאָגט. קיינער ניט. קיין איין וואָרט ניט. ר׳ וואָלף האָט זיך דער ערשטער אריינגעזעצט אין שליטן:

— זאָל מען שוין פאָרן, זאָל מען!

די פערד האָבן זיך גרינג געטראָגן, דער שליטן האָט זיך גלייך געגליטשט און ארום, ווייט אויף אַלע זייטן, איז געווען ווייס און פינקלדיק. דער ווייכער, אָנגעבעטער שניי איז שוין געווען פאַרצויגן מיטן גליענדן הויך פון פראָסט.

ר׳ וואָלף האָט אַ פּאָר מאָל אַ פרעג געטאָן ביי יאַטקען:

— דיר איז קאַלט?

און אַליין האָט ער זיך אָפּגעשפיליעט די פּאָר אויבערשטע קנעפּ פון זיין פוטער. געקומען איז מען אהיים שפּעט, נאָך האַלבע נאַכט, און ר׳ וואָלף האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פוטער, דאָס היטל און האָט זיך אויסגעגלייכט די אברים:

— איך גיי שלאָפן!

און ער האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין.

יאַטקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און מלכה איז געשטאַנען נעבן אים, אַ גרויסע און אַ מאָרנע. זייער אַ מאָדנע. יאַטקע ווייסט, אַז זי הייסט מלכה. ער אַליין האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי ניט גערופן, נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז אַזוי רופט זי ר׳ וואָלף. און ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו איר:

— מלכה...

ביי איר האָבן זיך פּאַר עפּעס געשטעלט טרערן אין די אויגן, און זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אַז זי איז אַ יתומה פון קינדווייס אָן. נאָר ער האָט זי ניט געזען, ניט זי און ניט אירע טרערן. ער האָט נאָר געקוקט אויף אירע גרויסע, שווערע הענט.

מלכה האָט אים אויף מאָרגן ארומגעפירט איבער דער אַלטיצער, צעשפּרייטער שטוב, האָט אים געוויזן די חדרים. חדרים זיינען געווען אַ סך און גרויסע, און מלכה האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אייגעם פון זיי, אין דעם גרעסטן, און האָט אים געזאָגט: דאָס איז

פאַר אים. נאָר פאַר אים. קיינער וועט אים דאָ ניט מישן. ער וועט זיך דאָ קענען זיין אַן אינזשענער דעם גאַנצן טאָג, פון אין דער פרי ביז ביינאַכט, ווייפל ער וועט נאָר אַליין וועלן. זי פאַר־שטייט סיידן ניט? זי וועט אָנזאָגן דער דינסט, און אפילו די דינסט וועט גיין פאַר אים אויף די שפּיץ פינגער.

זי האָט געערדט שטיל, שעמעוודיק, האָט זיך דערביי געריבן די הענט, און יאָטקע האָט געקוקט אויף איר און האָט געטראַכט, אַז אפשר איז זי גאָרניט אַזאַ נאַרישע ווי זי ווייזט זיך אויס.

ר׳ וואָלף איז אַן אַלטער, איינגעעזסענער פּאַסעסאָר און מלכה פירט ביי אים די באַלעבאַטישקייט. זי עסק׳ט זיך אין הויף דעם גאַנצן טאָג און יאָטקע שטייט ביים פענסטער און קוקט. מלכה שרייט, שילט זיך מיאוס, און אָט גייט זי צו צו אַ גרויסן, געזונטן פויער, הויבט אויף אַ שווערע האַנט און לאָזט אים אַראָפּ אַ זעץ אין פּנים אַריין, אַז דער גוי גיט זיך אַ וואַקל, ווי אַ שכור׳ער.

יאָטקע גייט אָפּ פון פענסטער און בלייבט שטיין אין מיטן חדר. דער חדר זיינער איז אַ גרויסער, זייער אַ גרויסער, און יאָטקע נעמט זיך שטאַרק צענויף, ווערט נאָך קלענער איידער ער איז און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט ניט פיינט די ווייב זיינע, פאַר וואָס זאָל ער זי פיינט האָבן? זי טוט אים גאָרניט. זי קומט אַמאָל אַריין צו אים פון הויף, אַ געזונטע, אַ ריינע, ווי די שמעקעדיקע ערד, און יאָטקע קען זיך יעמאָלט ניט אָפּרייסן פון איר. ער טראַכט: אפשר איז זי גאָר גערעכט, אפשר!

ר׳ וואָלף שטייט אויף אַ שטיק פאַרטאָג, און אַז ער שטייט אויף, נענעצט ער שווער און קרעכצט שווער. דערנאָך גיסט ער אָפּ נעגל־וואַסער און זעצט זיך אַנידער ביים אָפענעם פענסטער, אפילו אין ווינטער, און הויבט אָן זאָגן תהלים. ער זאָגט הויך, מיט אַ ניגון, און די ווערטער קייקלען זיך אַרויס פון פענסטער און קייקלען זיך פאַנאַנדער, ווי קאַלירטע, פינקעלדיקע שטיינדלאַך איבער דעם נאַכטיקן, שלאָפנדיקן הויף. נאָר דער אַלטער פעדאָט קומט שוין אַרויס פון שטאַל, הערט אַ ווײַלע און צלמ׳ט זיך פרום.

יאָטקע עפנט פּאַמעלאַך די טיר צום גאָרטן, און גייט אַרויס אויף דעם לאַנגן, צעשוואָומענעם גאַניק. ערגעץ דאָ ניט ווייט כאַפּן זיך אויף אַ הונט, שפּיצט אָן די אויערן און וואַרפט אַרויס אַ בילן, און פון שטאַל קומט באַלד אַרויס דער אַלטער פעדאָט:

— ווער איז דאָרט?

— איך.

— דו, באַלעבאָס?

יאָטקע גייט צו אים צו, נאָר האָט אים ניט וואָס צו זאָגן, ווייס

ניט וואָס צו רעדן. און ער שווייגט. ווי עס שווייגט אַ קינד אין דער פרעמד. ווי עס באַקלאָגט זיך אַ שטומע באַשעפעניש. ער שמעקט די פייכטע, געדיכטע נאַכט, וואָס זיפּט זיך ווי אַ דינער, דינער רעגן, און דער אַלטער פערד נעמט זיך באַטראַכטן אַרויס די פּיפּקע פון מויל: — פאַר וואָס אַ שטייגער קען אַזאַ איינער ניט שלאָפן? אַ זינדיקע וועלט!

יאַטקע קומט צוריק אַריין אין שטוב. זיינע טריט וועקן ווידער אויף דעם הונט, נאָר דער הונט בילט שוין ניט. ר׳ וואָלף׳ס תהלים זאָגן גיסט זיך פריי און זאַפטיק פון אַ נשמה וואָס איז ריין און ניט פאַרבאָרגן, און אין צווייטן חדר וועקט זיך שוין מלכה פון איר שלאָף. יאַטקע כאַפּט אויף דער גיך און פאַרלעשט דעם לאָמפּ. עס ווערט פינסטער, ווי אין אַ פּוסטער גרוב, און ער הערט מיט זיינע אויסגעשטעלטע, איינגעגעסענע אויגן: מלכה איז אַראָפּ פון בעט און אָט שטייט זי שוין אויפ׳ן שוועל. אירע נאַקעטע פיס זעען אויס אין דער פינסטער ווי פרישע, אָפּגעשיילטע קלעצער.

— יאַטקע, דו ביזט דאָ?

זי האָט צו אים ניט קיין טענות, זי מאָנט ביי אים גאָרניט. נאָר יאַטקען נעמט עס אַרויס די נשמה. אויב זי וועט נאָר ניט אויפהערן, איין רגע נאָך, און ער וועט זיך אַ וואָרף טאָן צו איר, וועט איר פאַלן צו די פיס, וועט וויינען, וועט זיך בעטן.

יאַטקע האָט געוואוסט אַז ער איז קלענער פון ר׳ וואָלפ׳ן, קלענער פון מלכה׳ן. נאָר ער קען זיך ניט ראַטעווען, ער האָט ניט קיין כח, און ער גיט זיך אונטער, אָן ביטערקייט, אָן כעס.

ר׳ וואָלף איז איין מאָל צוגעגאַנגען צו מלכה׳ן, באַלד נאָך איר חתונה:

— טאָכטער, נו?

נאָר מלכה האָט אים ניט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, און ר׳ וואָלף איז גלייך אַריינגעפאַלן צו יאַטקע׳ן. ווי אַ גזלן:

— דיר קומט נאָך עפּעס? צאָל נאָך דיר אַרויס?!

און ר׳ וואָלף האָט ערשט איצט, דוכט זיך, דערזען, ווער יאַטקע איז — אַ קליינער, אַ נבזה׳ניק. ר׳ וואָלף האָט אים געוואָלט צעקוועטשן, נאָר דאָ האָט ער פּלוצלונג דערפילט צו אים אַ רחמנות, ניט געריכטערהייט פאַר זיך אַליין.

— שעם זיך!

ר׳ וואָלף האָט עס אים ווייך אַ וואָרף געטאָן, מיט האַרץ, נאָר יאַטקע׳ן האָט עס געטראָפן, ווי מיט אַ ציגל אין נאָז אַריין. דער

וויטאָק האָט זיך צעשאָסן איבער׳ן פּנים, איבער׳ן מוח, אין די אויערן האָט געקלונגען און די אויגן האָבן געזען פאַר זיך פונקען.

ר׳ וואָלף האָט גיך פאַרגעסן אָן דעם, יאָטקע איז שוין געווען ביי אים איינגעבאַקן אין הארצן, ווי אַן אייגן קינד, נאָר פון יאָטקע׳ן האָט עס זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּגעווישט, קיינמאָל נישט.

ר׳ וואָלף קוקט אַמאָל אויף אים, גלאָט אַזוי, אָן אַ מיין, נאָר גראָדע פאַרקערט: אפשר קלייבט ער נאָר פון אים נחת? נאָר יאָטקע ווייסט: ער איז איינגאַנצן אין פּלעקן. די פלעקן נעמען זיך טיף פון אים, פון זיין בלוט.

יאָטקע איז אויף קיינעם ניט אין כעס און האָט צו קיינעם גאָרניט. ער ווייסט: ר׳ וואָלף איז גערעכט, און מלכה איז גע־רעכט, און דער טאַטע איז אויך גערעכט, און די מאַמע איז אויך גערעכט. אַלע זיינען גערעכט. נאָר וואָס וויל מען פון אים? זיי האָבן זיך אַלע אָנגעבונדן אָן אים, און ער אַליין האָט זיך ניט צו וועמען צוצוטוליען.

יאָטקע איז לאַנג געשטאַנען ביים פענסטער, און דער הויף האָט ביסלאַכוויים אויפגעלעבט. פון שטאַל איז ארויסגעקומען אַ יונגע גוי׳קע. זי איז, דאַכט זיך, געווען באַשפּריצט מיט טוי. זי האָט געטראָגן איןביידע הענט צוויי גרויסע, שווערע עמערס מיט מילך. זי איז געגאַנגען צום שטוב, האָט געטראָגן די שווערע עמערס און אירע הענט זיינען געווען אָנגעצויגן, ווי סטרונעס. זי האָט געלאָזן אָפן דעם שטאַל, און דאָרט האָט זיך באַלד באַוויזן אַ קעלבל. דאָס קעלבל איז געשטאַנען אַ רגע, ווי צעטומלט פון דער בלייענער, פאַרטאָגיקער ליכט, און פּלוצלונג האָט עס אַ בריקע געטאָן מיט די הינטערשטע פיסלאַך און האָט זיך אַ טראָג אַוועק געגעבן איבער׳ן הויף מיט אַ לאַנגגן און ווייכן: ממע! מממעע!!!

און דער אַלטער פערדאָט האָט ארומגעפירט איבער׳ן הויף דעם נייעם בולאַן. ר׳ וואָלף האָט געקויפט דעם בולאַן ניט פאַר ארבעט אין פעלד, נאָר פאַר אַ שיינדל אין הויף. דאָס פערד איז געווען לאַנג און דין און געשטאַנען איז ער אויף הויכע, שטיפערישע פיס. די האַלז איז ביי אים געווען אַן אויסגעבויגענע, אַ שטאָלענע. פערדאָט האָט ארומגעפירט דעם בולאַן און עפּעס גערעדט צו אים.

יאָטקע האָט געבעטן פערדאָט׳ן, ער זאָל איינשפּאַנען דאָס פערד. אין הויף האָט שוין גע׳רעש׳ט, געקאַכט, און יאָטקע איז שטיל און פּאַמעלאַך דורכגעפאָרן דעם הויף — ביז צום טויער. ער איז דורכ־געפאָרן פאַרביי מלכה׳ן און מלכה האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָט אויף דער רגע פאַרגעסן אָן אַלץ, האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלץ. זי האָט אים נאָר נאָכגעקוקט, אַן אומעטיקע אַזאַ, אַן אומעטיק׳ע און אַ

גליקלאכע. איר גרויסער פלאקסענער קאפּ האר האט גלאנציק געציטערט.

און יאטקע, אז ער איז ארויסגעפארן פון הויף, האט ער גלייך נעגעבן א ציאן די לייצעס, און דאס פערדל האט זיך אוועקגעטראגן, ווי געשוועבט אין דער לופטן.

דער וועג איז געווען א שמאלער, און פוןביידע זייטן וועג האבן זיך געשפרייט ווייטע, שוין אויפגעגאנגענע פעלדער. די געלבליך־גרינע פעלדער האבן זיך צענויפגעגאסן מיט דעם וואסער־בלויען הימל, און אלץ איז געווען באגאסן מיט זון.

אין פעלד האבן געארבעט שקצים, שיקסעס, נאר יאטקע האט זיי קיינעם ניט געזען. פונקט ווי ער האט ניט געזען די ווייטע טעלעגראף־סלופעס, וואס האבן זיך גערוקט איינס נאך איינס, אין איין גלייכער שורה.

יאטקע האט ניט געוואוסט וואוהין ער פארט און נאך וואס ער פארט. עס האט זיך אים נאר אויסגעוויזן, אז ער פארט אוועק, פארט אוועק, און פון דעם וואס ער פארט אוועק איז אים געווען אזוי גוט, אזוי שארף הנאה׳דיק, אז ער האט ניט געקענט פארן ווייטער און ער האט אפּגעשטעלט דאס פערד.

ביים זוים פון וועג און פעלד איז זיך רואיק געלעגן א שיינע, גרינע זשאבע. דער בולאן האט אויסגעדרייט דעם קאפּ, האט א שמעק געטאן די זשאבע. די פעל ביים פערד איז ענג אנגעצויגן און איז זיידן־דין און זיידן־גלאנציק, און די זון האט זיך איינגעגעסן אין דעם פערד׳ס בויך מיט א שפּיגלדיקן פלעק. יאטקע ציט אוים א האנט, שפּרייט פאנאנדער די פינגער און וויל צודעקן דעם פלעק. די פעל אויפ׳ן פערד שוידערט אויף, דער שפּיגלדיקער פלעק גיט א ציטער, און יאטקע כאפּט צו די האנט. נאר באלד טוט ער נאך אמאל דאסזעלבע. ער שפּילט זיך. ווי א קינד. — — —

נפתלי גדאס:

א רגע...

א רגע איז ער שטיין געבליבן,
ווי דורך די פים אויף דער ערד
וואלט ער וואס וואונדעלאכס דערהערט,
און נאכדעם האט ער זיך א צי געגעבן

דער אינזל

פאַראויס און אין דער הויך, זיך אויסגעצויגן,
און עפעס טיף אין זיך אזוי פאַרקלערט,
ווי ער וואָלט זיך אויפּסניי באַניים.
אַ זיסע ווארעמקייט האָט אין זיין אינגעווייד
זיך אויסגערונדט און איז ארויף ביז זיינע אויגן,
וואָס זיינען אים געוואָרן ווי אַ פּיילנבויגן,
וואָס זעט אַ פעסטן צילפּונקט אין דער ווייט.
און מיטאמאָל האָט אַלץ זיך אָפּגעלאָזן
ווי פאַר אַ זומעררעגן יונגע גראָזן,
און ווי עס וואָלט די פייל ארויסגעלאָפן
און אין באַשטימטן ציל געטראָפן.
די אוינגנדעקלאַך האָבן זיך אראָפּגעבויגן,
ווי זיי וואָלטן פאַר אימיצן געקניט
און לאַנג געקושט יענעמס זיסע טריט;
און נאָכדעם האָבן זיי זיך צוגעשלאָסן,
ווי ס'וואָלט אַ ליכטיקייט זיך אויסגעגאָסן
און איבער זיי געקומען,
און ווי זיי וואָלטן וואָס ארומגענומען
און לאַנגזאַם פעסט אין זיך ארייַנגעזויגן.

מענדל נייגרעשל:

ווערטער.

ווי סומנע, זייט איר, ווערטער, אין די ווערטער־ביכער,
ווי זעלנער אין קאָלומנעס גלייכע אויפגעשטעלט!
פאר'גולם'ט גלאָצן „וויעס” ביי דעם „וואָרט” און „וויכער” —
סימבאָלן טויטע פון דער ברויזנדיקער וועלט!

העי, ברעכט ארויס פון שורות! ברעכט ארויס! צעשמעטערט!
און לאָזט אייך מיט שגעון אין אַ ווילדן טאַנץ!
צעכראַסטעט אייך! ווערט מענטשלאַך־נאַקעט און אנטגעטערט —
און זים צעגיסט אייך אינ'ם מויל, ווי אַ מאַראַנץ.

ארויס אין אַ געוויר און ווילדע קאַראַהאָדן,
צעהילכט אייך גלעקער־שטאַרק און ריטמיש טאַנצט צום טאַקט,

ד ע ר   א י נ ז ל

צעבליט אייך, ווי די קאַרשן דאָרפיש אין די סאָדן,
און ברענט ווי פראָסט, ווען ווינטער אייזיק קנאַקט!

צעבליט אייך און צעוואַקסט מיט שמחה מיט געַרעכטער,
צעפלאַקערט אייך, ווי שטאָל און טוט אַ ברי, ווי בליץ!
העי, בלאָנדער שמייכל דו — צעוואַקס דיך צום געלעכטער
און קייקל דיך און שטיק דיך פונ׳ם בעסטן וויץ!

איר פונ׳ם מענטשנ־פלייש, איר לעבעדיקסטע שטיקער,
איר אַקראָבאַטן טאַנצנדיקע אויף דער ליפּ!
ווי גוטער שאָם פון ביקסן טוט אַ טרעף צום עיקר
און פאַלט אַריין, ווי דונערס, אין דער זיב׳טער ריפּ!...

פליט לייכט, פליט לייכט אַרויס, ווי וויעסנעדיקע שוואַלבן,
און בליט אויף יעדנס ליפּן פרילינגדיק און זיס;
און ווערט איר אָנהייבן צו וויאַנען און פאַרפאַלבן,
פאַלט צו דער ערד; איך זאָל אייך טרעטן מיט די פיס!

און איצטער שטילער, שטילער, פליסנדיקע ווערטער:
פון אַלע ביימער טריפט די בלויקייט פון פאַרנאַכט...
פאַר׳חלומ׳ט אייך, ווערט שטילער, ווייכער און פאַרקלערטער,
ווי סאַמעט־ווייכע טייכן אין אַ מידער נאַכט.

און נאָכדעם — וועקט אייך אויף! און ווידער פריש און ניכטער.
דער מאָרגן קומט! אַרויס! די פינסטערניש צעפּראַלט!
צעקלינגט אייך ווירטואָזיש, ווי אַ פידל־דיכטער —
און וואָיעט, ווי אַ פינסטער וואָיענדיקער וואַלד...

זייט צאַרט, ווי מידע מיידלאַך, פערלדיק, ווי טויען;
ווי פוקסן כיטרע, אָנגעכמאַרעט, ווי דער חשד;
זייט היים און בייגעוודיק, ווי גלוסטנדיקע פרויען,
און ווי דער פּוך פון פלאַטער־פייגל דעליקאַט.

און איצט — ווערט ווידער מעכטיק! וויכערט ווילד און ברויזט.
און ווימלט, ווי אַ סטאַדע אויפגערייצטע שקלאַפן!
באַווייזט די קראַפט פון וואָרט (אַ וואָרט איז ווי אַ פויסט).
געדענקט: בלויז מיט איין וואָרט האָט גאָט די וועלט באַשאַפן!...

דער אינזל

ר. אייזלאַנד:

מר. גוסטאַוו גילדנער

.9

אַ טרוקענער, ברוינער און ווינטיקער נאָכמיטאָג. איין העלפט פון יאַנקל היטלמאַכערס שטוב איז נאָך געווען יום־טוב'דיק צוגעקליבן. די אַנדערע העלפט אָבער איז געווען פאַרלעגט מיט פויערשע קאָזשוכעס און שווערע שטיקער האָריק געוואַנט, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ געמישטן ריח פון טראָן, קאַמפער און שטויב און דערמאָנט אָן דעם אָנקומענדיקן ווינטער. די קאָזשוכעס און די שטיקער געוואַנט האָט מען נאָר־וואָס געהאַט אַרונטערגענומען פון בוידים. און גרשון, וואָס האָט זיי אַרונטערגעטראָגן, האָט ניט געקענט פאַרגעסן אָן דעם בוידים־פענסטערל, וואָס האָט ווי אַ שטייגל זיך אויפגעהויבן אין מיטן דער קרום פון דאַך און אַריבערגעקוקט איבער אַנדערע דעכער, פלויטען און דעם שעכטהויז־פלאַץ, וואו אַ פעטע חזירטע האָט מיט איר שנוק גענורעט אין אַ קופע אָפפאַל און אַרום איר האָבן פיר קליינע חזירימ'לאַך זיך געדרייט גיך, גיך, ווי אויף נידעריקע הילצערנע פיסלאַך און זייערע שטייף איינגעקרייזלטע דינע עקלאַך האָבן געלבלאַך געגלאַנצט אַקעגן דער זון. אַ לאַנגע צייט איז גרשון געשטאַנען אַף אַן אַלטן, האַלב־צעבראָכענעם בענקל און אַרויסגעקוקט דורך דעם בוידים־פענסטערל. פון דער ווייט הינטער אַלע דעכער און פלויטן האָבן זיך אויפגעוויקלט פוסטע ברוינע פעלדער, אַ שוואַרצער סאָסנע־וואַלד, וואָס האָט די פעלדער אָפגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט און אַ שפיציקער טורעם מיט אַ גאָלדענעם צלם, וואָס האָט אַריבערגעקוקט פון יענער זייט וואַלד.

גרשון האָט געוואוסט, אַז דער טורעם מיט דעם צלם איז פון זאַסעווער קאָשציאָל, וואָס שטייט אַף אַ בערגל, און אַז אַ מייל פון דאָרטן איז די באַן־סטאַנציע, פון וואַנען זיין פאָטער איז היינט אָפגעפאָרן צוריק קיין דייטשלאַנד. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי ווייט זיין פאָטער איז איצט שוין אָפגעפאָרן, און אַ מאָדנער געפיל האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַז איין שיינעם טאָג וועט ער אפשר אויך אויפשטייגן אויף דער באַן ביי יענער סטאַנציע, און ער וועט אויך אַוועקפאָרן אַהין, וואו זיין טאַטע איז היינט געפאָרן. פון דעם וואָס דער פאָטער האָט אים דערציילט

דער אינזל

אין די לעצטע עטלאכע וואָכן, און דערציילט האָט ער אים וועגן דעם כמעט יעדן טאָג, האָט גרשון געוואוסט, אַז דאָרטן איז עפּעס גאָר אַן אַנדערע וועלט און אַן אַנדער לעבן. די הייזער זיינען אַנדערש, די מענטשן זיינען אַנדערש און דער עיקר, מען לעבט אַנדערש. נאָר ווי אַזוי אַנדערש, דאָס האָט זיך גרשון בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן. אויף די שפּולן פּאָדים און אויף שאַכטלאַך פון קנעפּלאַך האָט ער געזען בילדער פון גרויסע פאַבריקן מיט הויכע קוימענס פון וועלכע עס ציען זיך וואָלקנס רויך, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבער די געביידן ווי פאָנען. און ווען דער פאָטער האָט אים דערציילט וועגן די ריזיקע געביידן, וואָס געפינען זיך אין די דייטשע שטעט, האָט ער עפּעס איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז ער ווייס ווי די געביידן זעען אויס און האָט גענומען אָפּמאָלן אַ פאַבריק־געביידע, וואָס ער האָט געזען אויף איינעם פון די שאַכטלאַך. דער פאָטער זיינער איז אָבער אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז זיין פּנים האָט זיך אַזש אויסגעקרימט, און גרשון איז שטיל געוואָרן. אויף אַ מאַרקע פון אַ וויין־פלעשל האָט ער אַמאָל געזען אַן אַנדער סאָרט געביי מיט טורמס און שפּיצן, און אַ וואַלד פון הינטן. האָט ער גע'חלש'ט פרעגן צי זעען די הייזער אין בערלין ניט אויס ווי אויף יענער מאַרקע. ער האָט שוין אָבער מורא געהאַט צו פרעגן און פון דעמאָלט אָן איז וויפיל דער פאָטער האָט אים ניט אָפּגעמאָלן די גרויס־שטעטישע הייזער פון דייטשלאַנד, האָט זיך אָבער ביי אים בשום אופן גאָר ניט באַקומען דערפון. אַלץ וואָס איז אים געבליבן אין קאָפּ, איז געווען, אַז אין בערלין געפינען זיך אַזוינע לאַנגע גאַסן, וואָס ציען זיך אַוועק ווער ווייס וואוהין און אַז אין איין־איינציקער פון די גאַסן זיינען פאַראַן מער מענטשן, ווי אין צען ראַדלעס. געוואוסט האָט ער אויך, אַז אויף די גאַסן זיינען פאַראַן גרויסע געשעפטן און אַז מענטשן טוען דאָרט גאָרניט נאָר שפּאַצירן אַרום, און אַז די הערן און דאַמען, וואָס שפּאַצירן דאָרטן, זיינען שענער און בעסער אָנגעטאָן, ווי דער זאַסעווער כראַביע מיט זיין משפּחה.

דאָס שיינע אָנטאָן איז געווען דאָס איינציקע וואָס ער האָט זיך געקענט גענוי פאָרשטעלן. וואָרים דאָס מאָל איז זיין פאָטער אַהיים געקומען אין אַזאַ שלום־ראָק, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך אין ראַדלע קיינמאָל ניט געזען. אַפילו די פּריצים טראָגן דאָ קיינמאָל ניט אַזעלכע שיינע און טייערע מלבושים. און פאַר אים, גרשונען, האָט ער געבראַכט צוויי אַנצוגן. איינעם אַ נייעם און איינעם אַ געניצטן, און אַ פּאָר נייע שטיוועלעטן, וואָס אַלע זיינען אים מקנא.

מיט הנאה האָט ער זיך דערמאָנט ווי פיין דער נייער אַנצוג

דער אײנזל

ליגט אויף אים און ווי דער שטאָף גיט זיך אונטער ווייך און וואַרים, ווען ער באַרירט אים. ער איז געוואָרן רויט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי מיידלאַך האָבן אים נאָכגעקוקט ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין מאַרק אין זיין נייעם אָנטאָן, און ווי איינע האָט אַפילו געשמייכלט צו אים.

עפּעס האָט אים נאָר וויי געטאָן פאַר זיין מוטער, ווען ער האָט געטראַכט וועגן זיין נייעם אַנצוג. לכתחילה, ווען זי האָט געזעהן ווי ער פרייט זיך מיט די מתנות, וואָס זיין פאָטער האָט אים געבראַכט, האָט זי אויף זיי אַפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן, און פון אים אַליין האָט זי זיך אָפּגעקערט יעדעס מאָל ווען ער איז אַריין אין שטוב. נאָר ווען ער האָט דעם ערשטן טאָג סוכות צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן דעם נייעם אַנצוג און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דעם שפּיגעלע, וואָס הענגט נעבן איר בעט, האָט זי זיך אומגעקוקט צו נאָטיץ איז ניט אין שטוב, און דערנאָך האָט זי אַ שמייכלדיקע אַ זאָג געטאָן: — קום נאָר אַהער, גערשעלע, לאָמיך דיך אָנקוקן! — — און ווען ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, און זי האָט אים אַ לאַנגע צייט אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, האָבן ביי איר פּלוצים אָנגעהויבן צו ציטערן די נאָז־פליגלען און די אויגן האָבן גענומען שיינען, שיינען ביז טרערן. דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט די אָרעמס, אים אַרומגעכאַפּט, געטוליעט אים צו זיך און געקושט אים איבער די אויגן, די ליפּן, די באַקן, און ווידער איבער די אויגן: — מיין קרוין! מיין אוצר! מיין ליכטיקע צורה!

דעם גאַנצן טאָג איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען ווי שכור פון עפּעס אַ פרייד און עפּעס אַ ווייטאָג, וואָס ער האָט אַליין ניט געוואוסט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען. די פרייד מיטן ווייטאָק זיינען אים נאָכגעגאַנגען אין שול אַריין און האָבן אַרויסגעזונגען פון אַלע תפלות און אַלע געזאַנגען. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען אין דער סוכה אַריין און ער האָט זיי אַרויסגעפילט פון דער מוציא מיט האָניק, די פיש, דער יויך, דעם פלייש, דעם צימעס און פון די פרישע האַלב־גרינע וועלשענע ניס, וואָס די אושפּיזין האָבן געטיילט פון גרויסע טאָרבעס אַרויס. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען אויף שפּעטער ווען ער איז נאָכן טיש מיט זיינע חברים אַוועק אין פעלד אַריין שפּאַצירן און שפּעטער ווידער אין שול און ווידער אין סוכה און אַפילו ווען ער איז געגאַנגען שלאָפן. און דערנאָך האָט זיך אים ביינאַכט גע׳חלום׳ט אַ פעלד נאָך אַ רעגן. שיטערע, אויסגעוואַשענע וואָלקנס זיינען געלאָפן גיך איבערן הימל און אַ סטאַדע קאַטשקעס מיט קליינע קאַטשאַלאַך האָבן זיך געקאַטשעט

דער אינזל

אין דער ברייט איבער אַ נאַסער לאַנקע און די צעשפּרייטע הייטלאַך פון זייערע פיס האָבן געפּאַטשט אין וואַסער. פון אַ שורה הויכע טאָפּאָלן איז ארויסגעקומען אַ יונג שיקסל מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ, וואָס האָט אויפגעהויבן דאָס קליידל און אַ באָרוועסע זיך געלאָזן גיין איבער דער לאַנקע. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, געשמייכלט און געוואונקען ער זאָל איר נאָכגיין, און ער האָט איר געוואָלט נאָכגיין, נאָר דאָ האָט ער זיך פאַרשעמט און די אויערן האָבן אים אָנגעהויבן ברענען. און פּלוצים וואַקסט אויס נעבן אים די רויטע שיינדל, וואָס קומט יעדן שבת צו ריוועלען, און וועלכע ער קען ניט אָנקוקן, ווייל זי לאַכט תמיד מיט אַזא ברייטן, מאַנסבילשן געלעכטער, ווען זי דערזעט אים. זי זאָגט: — זע נאָר, ווער ס'איז דאָ! — שטעלט זיך אַוועק אקעגן אים מיט די הענט אויף די באָקעס און זאָגט: — קוק, גרשון, זע, סאַרע ווייסן האַלז איך האָב. און זי נעמט אָן זײַנעם אַ פינגער און וויל מיט אים באַרירן איר הויכן בוזים, פון וואַנען עס שלאָגט אַ וואַרימקייט.

ווען ער האָט אין דער פרי זיך אויפגעכאַפּט האָבן אים די שלייפן נאָך אַלץ געהאַקט און יענעם טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. עסן האָט ער ניט געקענט און ווען דער פאָטער האָט גערעדט צו אים, האָט ער אים כמעט ניט געהערט. נאָטע האָט זיך אָנגעצונדן: — ער איזט דאָך דום ווי איין קלאָץ! — אָבער דאָ האָט הינדע מירל אַ זאָג געטאָן פון הינטערן אויוון אַפּיר: — אַהאַ, עס הייבט שוין אָן טליקן אין אים די נכפּה! זעט ער ניט אַז דאָס קינד איז קראַנק?

גרשונען האָט אַזוי פאַרקוועטשט ביים האַרצן פון דער מאַמעס רייד, אַז ער האָט מורא געהאַט ער זאָל זיך ניט צעוויינען. איז ער אַריין אין אַלקער און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ בעט און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער דערהערט ווי די מאַמע קומט אריין, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און זיך געמאַכט שלאָפנדיק. נאָר ווען ער האָט דערפילט איר האַנט אויף זיין שטערן, האָט ער זיך פּלוצים אַ קער געטאָן, אָנגענומען מיט ביידע הענט אירע פינגער און זיי צוגעפּירט צו זיינע ציטערדיקע ליפּן.

די טעג זיינען געוואָרן טריביצער און קעלטער. גרויע און גרוי־וויסע וואָלקנס זיינען ווי שווערע און קאַלטע בערג געהאַנגען איבער די דעכער, פּלויטן און נאַקעטע ביימער, וואָס האָבן געקרעכצט און געוויגט זייערע נאַקעטע צווייגן. אידן און אידענעס זיינען ארויפגעקראָכן אויף די בוידימער און דאָרטן אויפגעזוכט די פּאַראַיאָריקע

געבעמע זשופּעצעס, קאַפּטאַנעס, וועסטל־שפּענצערס און די שווערע בורניסלאַך פאַר די אינגלאַך, וואָס האָבן איצט כמעט אַלע נעהאַט רויטע און טריפנדיקע נעזלאַך. קרעמערקעס און זיצערקעס האָבן אויפגעזוכט די פייער־טעפּלאַך און זיך געזעצט איבער זיי מיט זייערע צעשפּרייטע ברייטע ספּאָדניצעס, ווי קוואָקעס איבער די אייער. און ביי יאַנקל היטלמאַכער האָט זיך די טיר ניט צוגעמאַכט. טאַטעס און מאַמעס זיינען געקומען מיט זייערע אינגלאַך אָפּמעסטן נייע היטלען אָדער פאַריכטן אַלטע. אַנדערע אידן האָבן געבראַכט צו פאַריכטן די ווינטערדיקע ראַזשעווילקעס מיט די פוקסענע אונטערשלאַקן; שטעטלשע חזירניקעס האָבן געבראַכט זייערע קורצע ווי אונטערגעהאַקטע שאָפענע פעלצלאַך און פּויערים זיינען געקומען מיט קאָזשוכעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט לייז און סמאָלע. יאַנקל און יאַנקעליכע זיינען גאַנצע טעג ארומגעגאַנגען מיט פאַרשמירטע נעזער, געדונגען זיך מיט די קונים, געשריגן, געבייזערט זיך און ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. ביי יאַנקלען איז דאָס קאָפּל געווען פאַרוקט אויף אַ זייט, און יעדעס מאָל ווען עפּעס איז אים ניט געווען צו דער האַנט האָט ער געשריגן דאָ אויפן ווייב, דאָ אויף ווערלווען און דאָ אויף גרשונצן, און „וואו איז ערגעץ איציק, צו אַלדי שווארצע יאָר!“ אין זיין פאַרהאַוועטקייט האָט ער פאַרגעסן, אַז איציק איז שוין מער ניט ביי אים, אַז ער געפינט זיך שוין גאָר ניט אין ראַדלע, און אַז נאָך פאַר סוכות איז ער אַוועק קיין טאָרנע זוכן אַן אַנדער שטעלע. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם האָט אין אים אָנגעהויבן זידן מיט כעס אויף זיין אידענע, דעם דאַרן דראַנג, וואָס אומעטום שטופּט זי אַריין די נאָז און יעדער איז איר גרויס אין די אויגן. נאָר זי איז שולדיק, וואָס ער האָט אַוועקגעלאָזט אַזאַ גאָלדענעם באַלמעלאָכע ווי איציק, וואָרים ווען זי מישט זיך אים ניט אַריין, וואָלט ער אים דען ניט געגעבן די הוספה, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט צום נייעם זמן?

— דאָס האָב איך אַלץ דיר צו פאַרדאַנקען. דיר! — שיסט ער פּלוצים אויס און טייטלט מיט אַ פינגער אויף זיין אידענע — אַז דאָס פאַרגינט קיינעם ניט דאָס לעבן, פאַרגינט עס נים.

די יאַנקעליכע קוקט אים אָן אַ בייזע און שווייגט. נאָר אין איר שווייגן פילט זיך; זאָל ער נאָר פּרוּוון זאָגן נאָך אַ וואָרט, וועט אים ווערן פינסטער אין די אויגן. אָבער יאַנקל זעט דאָס ניט און ער הויבט איר אָן אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל מיט חטאים, ווי זי פאַרטרייבט אים אַלע געזעלן, ווייל זי ציילט די גרויפּן אין טעפּל אַריין און טאָמער דערלאַנגט זי אַ ברייטל צום טיש שטעלט

זי זיך אָוועק פון ווייטן קוקן מען זאָל עס ניט אינגאַנצן אויפעסן און . . .

דאָ קען זי זיך שוין מער ניט איינהאַלטן. ציט זי אויס דעם לאַנגען האַלז און גיט אַ געשריי: — יאַנקעלע גנבה, וועסט פאַרשטומט ווערן?

און דאָס איז געגנוג. ער רעדט שוין מער קיין וואָרט ניט אויס, נאָר דעם גאַנצן טאָג גייט ער דערנאָך ארום אָן אָנגעבלאָזענער און מרוקעט צו זיך שטילערהייט.

די אַלע ערשטע ווינטער־טעג איז גרשון געווען אַזוי פאַרלעגט מיט אַרבעט, אַז ער האָט קוים געהאַט צייט אָפּצועסן. ביינאַכט איז מען געזעסן ביים לעמפּל אַזוי שפּעט, אַז ווען מען האָט שוין אַוועקגעלעגט די אַרבעט, איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער ווי אַן אונטערגעהאַקטער. אין יענע טעג האָט זיך אים גדאַכט, אַז ער וויל קיין זאַך ניט נאָר שלאָפן. ווען סזאָל זיך פּלוצים מאַכן און סזאָל ניט זיין קיין אַרבעט, וואָלט ער גאָר ניט געטאָן נאָר געשלאָפן. און טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט געדאַרפט אַ לויף טאָן אין צעלניק־קראָם צי ערגיץ אַנדערש עפּעס איינקויפן פאַר זיין באַלעבאָס, און ער האָט אויפן וועג באַגעגנט איינעם פון די באַלעבאַטישע בחורים׳לאַך, וואָס איז אַ פרישער און אויסגעצשלאָפענער געגאַנגען אין אָדער פון קלויז, האָט זיך ביי גרשונען דערוועקט די אייביקע שנאה פון דעם האָרעפּאַשניק צו דעם לעדיג־גייער, און אים האָט זיך געוואָלט אונטערלויפן, אַ צי טאָן אַזאַ „אויסגעצוויקט כניאָקל” ביי די פּאַחקעלאַך, און זאָל עס זיך צעקוויטשען ווי אַ מייזל, צו אַלדי שווארצע יאָר!

מיטן אויספאַלן פון ערשטן שניי, איז צוגעקומען נאָך מער אַרבעט. אָבער אַ וואָך שפּעטער האָט מען שוין געקענט זיצן אביסל ענגער ביי די פּאַריקע קאַרטאָפלעס מיטן הייסן באָרשט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט צו וואַרעמעס און איינמאָל, ווי מען איז אַזוי געזעסן און מען האָט געגעסן האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אריין פריער אַ קאַלטע פּאַרע און דערנאָך אַן אָנגעפּעלצטע אידענע, וואָס מען האָט ביי איר ניט ארויסגעזען מער ווי די נאָז און אַ שטיקל פון דעם שטאַרק געראָנצלטן פּנים. די אידענע איז אריינגעקומען מיט צוויי ערדערנע קריגלאַך, וואָס זי האָט מיט אַ זיפץ אַנידערגעשטעלט אויף דער ערד, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָנגעהויכט אויף די הענט, וועלכע האָבן געשטעקט אין הענטשקעס אָן פינגער, און די יאַנקעליכע האָט געבראַכט צו טראָגן אַ מילךפּאַן, האָט זי גענומען גיסן פון איינעם פון די קריגלאַך אין אַ בלעכן קווערטל אריין, און דערביי האָבן ביי איר די הענט אַזוי געציטערט,

דער אינזל

אַז סהאָט זיך געראַכט, אַט אַט גיט זיך דאָס קריגל אַ דריי און פליוך! די גאַנצע מילך אויף דער ערד. גרשון האָט שוין אפילו געזען, ווי די מילך צעלויפט זיך אין ברודיקע ריטשקעלאַך איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע. אָבער אַזוי ציטערנדיג האָט די אידענע אָפּגעמאָסטן צוערשט איין קווערטל און דערנאָך אַ צווייטס ביז צום ראַנד און קיין איינציקער טראָפּן האָט זיך אפילו ניט אויסגעגאָסן. די יאַנקעליכע האָט זיך אָנגעהויבן קרימען און געזאָגט: זע נאָר ווי אָנגענאָגט דאָס איז! איר גיט דאָך גאָר קיין מאָס ניט! — נאָר די אידענע האָט גאָר ניט געענטפערט און אַזוי ציטערנדיק אָפּגעמאָסטן נאָך אַ קווערטל און ווידער ביזן ראַנד און ווידער קיין איין טראָפּן ניט פאַרגאָסן אויף דער ערד. דאָ איז די יאַנקעליכע שוין ארויס פון די כלים: כלעבן, הענעלע, איכל מוזן אָנהייבן נעמען מילך ביי עמיצן אַנדערש. שוין געזען אַזוינס? אין אַן אַפּטייק איז מען דאָך ניט אַזוי אָנגענאָגלט!

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריידעריי און אַ דינגעניש, וואָס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די אַלטע הענעלע האָט צוגעגעבן אַ צוגאָב נאָך אַן עוקץ מילך און געזיפצט דערביי און אָנגעהויבן דערציילן וועגן פאַרשיידענע געשעענישן אין אַנדערע הייזער און מיט אַמאָל האָט זי אַ קוק טוענדיק אויף גרשונען אַ זאָג געטאָן צו דער יאַנקעליכע:

— ווייסט, זיין געשוועסטער קינד ווערט דאָך די טעג אַ חתן!

גרשון איז רויט געוואָרן, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, און יאַנקל האָט געפרעגט:

— זיין געשוועסטער־קינד? וועלכער?

— וואָס הייסט וועלכער? זיין פעטער זלמנס אינגל. ווי הייסט ער דאָרטן? דער מיטן קאָלפּאַקל!

גרשון האָט געוואוסט אַז זי מיינט יודלען. אַט דעם בעל־גאוה'ניק, וואָס שעמט זיך מיט אים און רוקט זיך אָפּ ווען ער באַגעגנט אים אויפן גאַס. און ער איז נאָך רויטער געוואָרן. און יאַנקל האָט אויסגערופן:

— וואָס? דער וועוועריק ווערט שוין אַ חתן? ער קען זיך דאָך נאָך די נאָז ניט אָפּווישן!

ווען הענעלע די מילך־אידענע איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען האָט וועלוועלע זיך גענומען נאָכקרימען ווי אַזוי דאָס אויסגעוויקטע חסידל וועט זיך פאַרשעמען ווען מען וועט אים צענויפברענגען מיט זיין כלה, ווי ער וועט פאַרמאַכן די אויגן, און זיך אַזוי צענויפקאָרטשען, אַז זיינע דינע ווי פלעשלאַך איינגעקרייזלטע פאה'קעלאַך וועלן אים אַריבערהענגען איבער דער איינגעפאַלענער ברוסט ביז

דער אינזל

צו דער גאַרטל, ער וועט בריִכן פּיסקלאַך ווי אַ קינד און זיך צעווינען: — כוויל אַ־היים־ גיי־יין!

גרשון איז געוואָרן נאָך רויטער און וועלוועלע, וואָס האָט דאָס דערזען, האָט אַ זאָג געטאָן:

— און וואָס מיינט איר, ער וואָלט געווען בעסער?

איצט האָבן שוין ביי גרשונען געברענט די אויערן און די אויגן זיינען אים פאַרשטעלט געוואָרן. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז ער דערנאָך געזעסן אָן איינגעבויגענער ביי דער אַרבעט און גע־שעמט זיך דעם קאָפּ אויפצוהייבן, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז וועלוועלע ווינקט זיך דורכן מיטן מייסטער און ביידע מאַכן זיי חוזק פון אים. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי ער האָט הריי נעכט זיך געדרייט פאַר דער רויטער שיינדלס פענסטער, און אַז ווען זי האָט אים איינמאָל דערזען, איז ער געוואָרן בלייך און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן אַזוי צו קלאַפּן, אַז זי האָט צוגערופן עפּעס נאָך אַ מיידל צום פענסטער און ביידע האָבן זיך אַזוי צעלאַכט, אַז די קני האָבן זיך אָנגעהויבן בייגן אונטער אים און אַלץ איז פאַר אים פינסטער געוואָרן. פון זינט דעמאָלט האָט ער זיך געזאָגט אַז ער דאַרף מער צו ריוועלען ניט גיין. און איצט איז ער געווען זיכער אַז ער וועט שוין ניט גיין אַהין. אָביער ווען עס איז געקומען דער שבת האָט עס אים פון גאַנץ פרי אָן ניט געלאָזט רוען. און איידער ער איז אַוועק אין שול אַריין האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין נייעם אַנצוג און אין דיעם באַראַנקאָוון אויבער־ראָק מיטן סאַמעטן קעלנערל וועלכן ער האָט אָפּגעקויפט ביים שיינעם איציק און אים געלאָזט איבערניצעווען פאַר זיך. ווען ער איז צוריקגעקומען פון שול, האָט ער זיך פאַר'גנב'עט הינטערן אויוון, ווען קיינער האָט ניט געזען און מיט אַ שמאַטע איבערגעפּוצט זיינע שטיוועלעטן. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אַז מען זאָל שוין גיין עסן און זאָל שוין זיין נאָכ'ן טיש.

וואָס עס האָט אים געצויגן אַהין, דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. נאָר יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער רויטער שיינדל האָט ער זיך געזאָגט, אַז היינט וועט ער איר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און טאָמער וועט זי ווידער לאַכן פון אים, ווייס ער שוין וואָס ער וועט טאָן. כאָטש ער האָט טאַקע ניט געוואוסט, וואָס ער וועט טאָן און פונם געדאַנק אַליין איז אים געוואָרן היים און קאַלט. ווי אויף צו להכעיס איז די רויטע שיינדל יענעם שבת דווקא ניט געקומען צו ריוועלען, און ווען גרשון איז אַרויס פון איר שטוב, האָט אים שטאַרק געגנאַגט ביים האַרצן און ער האָט געוואוסט, אַז געגאַנגען אַהין איז ער טאַקע נאָר צוליב איר.

דער אינזל

דעם צווייטן שבת איז ארויסגעפאַלן אזא זאווערוכע, אז מען האָט ניט געקענט ארויס פון שטוב און ווען ס'איז געקומען דער דריטער שבת האָט אין אים אַלץ אַזוי אָנגעהויבן צו ציטערן, ווען ער איז געווען אויפן וועג אַהין, אַז מיט אַמאָל האָט ער פּלוצים זיך פאַרקירעוועט און גענומען מיט אַן אַנדער געסל, וואָס האָט אים געפירט אַהיים צו דער מאַמען.

הינדע מירל איז געזעסן ביים אויוון און האָט געלייענט דאָס טייטש־חומש און שימעלע איז געלעגן אין אַלקער און האָט געשלאָפן. פון דאָרטן ארויס האָט זיך איבער דער שבתדיק צוגעקליבענער שטוב געטראָגן זיין כראָפּען און פייפן מיט דער נאָז, וואָס האָט זיך צענויפגעמישט מיט דעם וואַרימען טשאָלנט ריח פון דער שטוב און דער מאַמעס איינטאָניקן לייענען אין טייטש־חומש. הינדע מירל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווען ער איז אריינגעקומען, אים געוויזן ער זאָל זיך זעצן און האָט ווייטער געלייענט. און ער האָט געפאָלגט. דורכן פענסטער האָט אריינגעקוקט אַ לייטער, אויף וועלכער עס זיינען געהאַנגען צוויי פון פראָסט פאַרדאַרטע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך געוויגט אין ווינט און געקלאַפּט ווי טויטע האַרטע פליגל; אַ ברודיק פאַרשנייטער דאַך, און אַ טריבער פאַס הימל. גרשונען איז געווען אומעטיק און דאָס אַלץ האָט אָנגעוואָרפן אויף אים נאָך מער אומעט, אַזוי אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט צוריק אַוועקגיין. אָבער דאָ האָט הינדע מירל פּלוצים געמאַכט אַ קנייטש אין טייטש־חומש, אָפּגעזיפצט און זיך אויפגעשטעלט.

גרשונען האָט זיך געדאַכט, אַז זיין מאַמע האָט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעזען אַזוי שלעכט ווי היינט. און דאָס האָט נאָך מער פאַרקלעמט אים ביים האַרצן. אָן ווערטער איז הינדע מירל צוגעגאַנגען צום אויוון, געעפנט דאָס טירל און ארויסגענומען פון דאָרט אַ טעלער מיט אַ שטיקל קוגל, גלייך ווי זי וואָלט עס געהאַט אָנגעגרייט פון זיינעט וועגן און עס אַוועקגעשטעלט פאַר אים. דערנאָך האָט זי פון ערגעץ געבראַכט אַ האַלב צוגעפּרווירן עפּעלע און אַ גלאָז באַרלאַך יויך, זיך אַוועקגעזעצט אים אַקעגן און מיט גרויס איבערגעבנקייט געקוקט ווי ער עסט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט'ן שטיקל קוגל האָט זי פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, גערשעלע, איך האָב טאַקי געוואָלט שיקן נאָך דיר. כהאָב היינט באַקומען אַ בריוו פון טאַטן.

— טאַטע? וואו איז ער?

— אָט האָב איך אים, — און זי האָט דעם בריוו ארויסגע־

צוינגן פון בוזים. — נאָר קיין נחת, האָב איך מורא, וועסטו ניט האָבן.

גרשון האָט גענומען דעם בריוו און אים גענומען לייענען שטיל, מיט די אויגן. עס האָט אים געדויערט א היפשע ווײַלע ביז ער איז אים דורכגעקראָכן, און ווען ער האָט געענדיקט לייענען האָט ער דעם בריוו א צעעפּנטן געלאָזט ליגן אויפן טיש און געשוויגן.

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס אזא בשורה? — האָט הינדע מירל איבערגעהאקט די שטילקייט און אירע רויט אויסגעטריקנטע אויגן זײַנען געוואָרן פייכט, און אין א ווײַלע ארום: — סהאָט שוין קיינעם ניט געקענט טרעפן נאָר אים. אזוי פיל מענטשן גייען אויף שטיגן און סגעשעט זיי גאָרניט, און ער פאַלט אראָפּ. ער זאָל נאָר חלילה ניט האָבן א פוס צעבראָכן.

גרשון איז געזעסן פארטראכט. ער האָט פון דעם בריוו בשום אופן ניט געקענט דערגיין צי שרײַבט זײַן טאַטע אז ער געפינט זיך אין א שפּיטאָל אָדער ער וועט דאַרפן גיין אין א שפּיטאָל. נאָר עפּעס איז אים די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען. ווי אויף צו להכעיס האָט אים איצט אזוי געצויגן צו ריוועלען, אז ער האָט יעדע מינוט געוואָלט אויפשפּרינגען און אוועקגיין אהין. אָבער מיט אמאָל האָט הינדע מירל אָנגענומען זײַנע בײדע הענט און א פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, גערשעלע, פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס איז ער אַלעמאָל אזוי שלעכט צו מיר? — און זי האָט זיך צעוויינט.

סאיז שוין געווען פינסטערלאַך, ווען גרשון האָט זיך אויפגע־הויבן צום אוועקגיין. א טעמפּער צער און דער זשום פון א סך נאָנגדיקע און קלאָנגדיקע רייד האָבן אים ארויסבאַלייט פון דער טיר און אים פארשטעלט די אויגן. עפּעס האָט זיך אַלץ גע׳מישט ביי אים אין מוח און ער האָט ניט געוואוסט צי נאָגט אים אזוי דאָס הארץ פאַר זײַן מאַמען צי פאַר זיך אליין. אין פירהויז האָט ער זיך אָנגעשלאָגן מיט דער נאָז אָן עמיצנס שטערן, און ביידע זײַנען אָפּגעשפּרונגען. פײַעריקע רעדער האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זײַנע אויגן און ער האָט מיט דער האַנט זיך א כאַפּ געטאָן צו דער נאָז.

— כהאָב אײַנען ווײ געטין? — האָט געפרעגט א פרויען־קול, און באַלד האָט א ווארימע האַנט געשאַרט זיך איבער זײַן באַק. גרשון איז גלײַך געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ, און דערקענט, אז דאָס שטייט פאַר אים זײַן באַבעס נײַע דינסט, וואָס איז מסתמא געקומען מיט עפּעס א שליחות צו דער מאַמען.

— נ־ניין! — האָט ער ארויסגעשטאַמלט און זיך געוואָלט

ווייטער אָפּרוקן. אָבער די וואַרימע האַנט האָט אַלץ געגלעט די באַס און זי האָט מיט אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן:

— זי קומען קיינמאָל ניט צו דער באַבטשע?

אין גרשונען האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן, און ווען ער איז געווען אין דרויסן איז אַלץ פֿון היינטיקן טאָג געווען אָפּגעווישט. נאָר איר קול איז אים נאָכגעגאַנגען, פֿאַרלאָפֿן אים די טריט, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם פֿאַרפֿרוירענעם שניי, נאָכגעקלונגען נאָך זיין איינגענעם: „גוט וואָך" ווען ער איז אַריין צום מייסטער אין שטוב און מיט אַ וואַרמקייט אים אַרומגענומען איידער ער איז איינגעשלאָפֿן.

מערי אוסטין:

דאָס ליד פֿון די קוישן־טענצערינס.

מיר, די בעטערינס צו די רעגן־וואָלקנס,
אַלטע מוטערס פֿון דעם רעגן־וואָלקן־קלאַן,
מיר די קוישן־טענצערינס,
מיר בעטן אייך,
אָ. איר אַלטע,
ביי די פֿול־פֿאַרמירטע טראַכטן,
אַז דער בליץ און דער דונער און דער רעגן
זאָלן קומען אויף דער ערד,
זאָלן באַפֿרוכפּערן די ערד;
אַז די גרויסע רעגן־וואָלקנס זאָלן קומען צו דער ערד,
ווי ס'קומט דער ליבהאָבער צו דער יונגפֿרוי.

שיקט אייער אָטעם, ער זאָל בלאָזן,
אָ, איר אַלטע,
ווי דער ווינט בלאָזט די פֿעדערן
פֿון אונזער אָדלער באַפֿעדערטע געבעט שטעקעלאַך.
שיקט אָ, איר אַלטע,
צו די זעקס קוקורוז מיידלאַך,
צו דעם ווייסן קוקורוז מיידל,
צו דעם געלען קוקורוז מיידל,

דער אינזל

צו דעם רויטן קוקורוז מיידל,
צו דעם בלויען קוקורוז מיידל,
צו דעם פילקאָלירטן קוקורוז מיידל,
צו דעם שווארצן קוקורוז מיידל,
אז זייערע טראכטן זאָלן ברענגען פרוכט.

זאָל דער דונער ווערן געהערט,
אָ, איר אַלטע!
זאָל דער הימל ווערן באדעקט מיט ווייסע בליטן וואָלקנס,
אז די ערד, אָ, איר אַלטע,
זאָל ווערן באדעקט מיט פילקאָלירטע בלומען,
אז די זאָמען זאָל אויפגיין,
אז די שטענגלאך זאָלן וואקסן שטארק,
אז דאָס פאָלק זאָל האָבן קוקורוז,
אז זיי זאָלן עסן מיט שמחה.
זאָל דאָס פאָלק האָבן קוקורוז צו פארענדיקן דעם וועג פון לעבן.

ניט קיין גייסט און ניט קיין פויגל.

ניט קיין גייסט און ניט קיין פויגל;
דאָס איז געווען מיין פלייט וואָס דו האָסט געהערט
לעצטע נאכט ביים טייך.
ווען דו ביזט געקומען מיט דיין וואסער־קרוג
אהין וואו דער טייך שלעפט די ווערבעס,
דאָס איז געווען מיין פלייט וואס דו האָסט געהערט,
וואקאָבא, וואקאָבא,
רופען: קום צו די ווערבעס!

ניט קיין גייסט און ניט קיין פויגל
האָט געראַשט אין די לובין־בליטן.
דאָס איז געווען מיין בלוט וואס דו האָסט געהערט.
מיין בלוט וואס, האָט געענטפערט
דעם וויספער פון דיין קלייד
אין גראָז.
דאָס איז געווען מיין בלוט וואס דו האָסט געהערט
ביי דער ווילדער רויז אונטער דער ווערבע.

דער אינזל

דאָס איז ניט געווען קיין חיה וואָס האָט זיך געריהרט.
דאָס איז געווען מיין הארץ וואס דו האָסט געהערט
גיין אויף און אָפּ
אויף דער לויער פון מיין באַנער,
צום טאַקט פון מיין פּליים.
וואקאַבא, וואקאַבא,
דאָס איז געווען מיין הארץ וואָס דו האָסט געהערט
שפּרינגען אונטער די ווערבעס.

אידיש פון ר. א.

חצות, טפּוש, אָדער מלך המשיח?

"False gods are mortal,
They are for you to kill."
E. A. Robinson.

א באקאנטער פרעגט מיך דורכ'ן טעלעפאָן:

— שוין געלייענט לייוויקס צוויטן בריוו פון פאריז?

— ניין, — זאָג איך. — וואס איז דען?

— איזן איז גאָר נישט. נאָר מיר וואָלט זיך וועלן איר זאָלט לייענען. ווייל איך אליין קען אלץ ניט באשליסן ווי אזוי אָנצורופן אזא מין שרייבאכץ: חוצפה, טפּשות, צי ביידע צוזאמען?

איך האָב דעם באקאנטן צוליב געטאָן. גלייך אויפגעזוכט די „פרייהייט" פון 27טן יולי און איבערגעלייענט. אָבער ביז אויפ'ן היינטיקן טאָג פריי איך זיך, וואס דער באקאנטער האָט פארגעסן מיך נאָכאמאָל אָפּצורופן און אויפס ניי פרעגן מיין מיינונג. וואָרים כאָטש איך האָב דעם דאָזיקן בריוו ביז היינט שוין איבערגעלייענט פיר מאָל, ווייס איך נאָך אלץ ניט, צי איז לייוויק א חצות, א טפּוש צי גאָר א הייליקער צדיק?

ווען איך זאָל ניט קענען לייוויק'ן פערזענלאך, וואָלט איך געזאָגט: — א טפּוש. ווען איך זאָל ניט וויסן פון זיין גרוים „ענוות", וואָלט איך געזאָגט: — א חצות. אזוי ווי איך קען אָבער לייוויק'ן, מוז איך זיך מודה זיין, אז איך בין צוטומעלט.

„איבער אלע גאסן פון דער וועלט גייט אום דער, וואס איז געגליכן צו מיר, געראָטן אין מיר, שפּארט זיך צו צו א וואנט פון א שטוב, צי פון א בוים, און גיט א פרעג מיט א קול

דער אינזל

פון א האר, פון א נ י ט ד ע ר ק ע נ ט ן, א ב ע ר פ ו ן א ל ע מ ע ן ג ע א נ ט ע ן: האר, וואס וועט זיין דער סוף?"

און נאך איין רגע, איין מינוט, וועט זיך דער ניט־דערקענטער אויפדעקן, ער וועט א הייב טאן א האנט און אלע, פון אלע גאסן און בולווארן, וועלן זיך א לאז טאן צו דער אויפגעהייבענער האנט, וועלן זי ארומרינגלען פון אלע זייטן, און מיט אויפגעברענטע אויגן און פארהאקטע אטעמס וועלן זיי ווארטן אין פיינלאכן אומגעדולד, ביז די ליפן פון דעם פלוצלינג אויפגעדעקטן וועלן ארויסריידן איין קורצן ווארט נאר, איין קלאנג: ש ו י ן . . ."

אזוי אפן פארקינדיקן זיין התגלות קען נאר א צדיק, א נביא און אפשר נאר ער, דער געזאלבטער אליין.

ביז איצט, ווען איך האב געהערט פון אנדערע וועגן לייוויק'ן, דעם נביא און לייוויק'ן דעם משיח, האב איך עס אנגענומען אדער פאר א מליצה פון אן איבערקלוגן זשורנאליסט, וואס האט זיך דער־פרייט מיט א שטארק ווארט אדער פאר טפשות פון א מלמד. איןביידע פאלן האב איך געשמייכלט. איצטער אבער, ווען איך הער עס פון מויל פון זיין אייגענער הייליקער פען, כאפט מיך אן א ציטער פאר מיין פריערדיקער אומגלויביקייט. און איך בין שיער ניט גרייט אויסצוטאן די שיך און מיט א געבויגענעם קאפ צו גיין מקבל נזיפת זיין.

איך וואלט עס אפשר שוין געטאן. אבער צום באדויערן איז לייוויק איצטער ניט אין ניו יארק און מיר פעלן נאך דערווייל די ערשטע „פייפערס" און דאס נויטיקע ביסל מזומנים, וואס זאלן מיר ערלויבן א נסיעה איבערן ים. און צוליב מיין זינדיקייט האב איך דערווייל צו קפיצת הדרך אויך נאך ניט זוכה געווען. מוז איך אפ־ווארטן ביז לייוויק וועט צוריקקומען אין אונזערע מקומות. און איך בעט נאר ביי דעם וואס לעבט אייביק, אז ביז יענער שעה זאל זיך אין מיין נשמה חלילה ניט ארייננכאפן דער ווארים פון ספקות.

פאר דעם דאזיקן נחש הקדמוני שרעק איך זיך זייער, ווייל שוין איצט פיל איך ווי ער לאקערט אויף מיין זינדיקער און ארימער נשמה. און שוין איצט שעפטשעט ער מיר אין די אויערן אריין: — זיי ניט קיין שוטה! דו קענסט דאך לייוויק'ן. איך פארשטאפ זיך די אויערן און וויל ניט הערן די רייד פון דעם לעסטערער. אבער ער ווערט ניט מיד און האלט אין איין שעפטשן דאס זייניקע. און ווען איך פרואוו אים זאגן, אז ווי אזוי זאל איך ניט גלויבן, ווען צו־זאמען מיט זיין פארקינדיקונג האט ער אויך געוויזן צייכנס און מופתים? ווי, למשל, אז דער שפיץ פון דער נאטרדאם קירך „קריכט

דער אינזל

און פליט אין הימל אריין" ווייל ער קען ניט אויפנעמען דאָס וואָרט „סוף"? און ווי די טויטע כימערן, וואָס קריכן ארויס פון אלע טורעמס האָבן מיט האסט א „שטרעק געטאָן די העלזער זייערע, די לאנגע, די צעקרימטע העלזער זייערע, ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו דעם טויער פון נאָטרדאַם"? זיי האָבן געוואָלט שרייען, שימפן, שעלטן צי גאָר זיך לוסטיק מאכן איבער אים און זיין נבואה. נאָר זעט א נס: דערוואָרגן האָט ער זיי, „די העלזער זייערע, באדעקט מיט שטויב. טאָרטשן זיי אויסגעשטרעקטע און ווארטן אויך אויף זייער לעצטן טאָג". אפילו דער טויטער זשאָרעס, וואס איז ביים לעבן געווען אזא אומגלויביקער, אפילו ער, האָט אויך אויפגעהויבען אן אקסעל און מיט אים אונטערגעהויבן זיין קבר, ווען ער האָט דערזען דעם געזאלבטן לייוויק. און ווי קען מען נאָך אזוינע מופתים ניט גלויבן?

א חוץ דעם, זאָג איך ווייטער צו דעם איבעררייידער און פארפירער: הער, אדרבא, ווי אזוי ער טענה'ט זיך אוים מיט יעזוס'ן! ווי ער דערמאָנט אים אָן יענע טעג ווען זיי זיינען ביידע אין דער טורמע געווען חברים, ווי ער האָט אים דאן אָנגעבאָטן זיין ברויט און זיין געלעגער און פונקט דאָס זעלביקע טוט ער אויך איצט. און ער טוט נאָך מער. — „קום ארונטער פון דער וואנט — זאָגט ער צו אים — טו זיך א העלן אנצוג ווי איך, א הוט אויפ'ן קאָפּ, א שטעקן אין האנט, און מיר וועלן ביידע אומגיין שפּאצירן איבער די בולווארן פון פּאריז. ווייין וועלן מיר טרינקען. אויף דער סענע וועלן מיר זיך שיפן און אויף פריילאכע מיידלאך וועלן מיר קוקען." וועלכער פּשוטער בשר ודם וועט זיך אונטערשטיין אזוי צו ריידן צו א יעזוס'ן?

דער פארפירער ענטפערט גאָר נישט אויף דעם. ער שמייכלט נאָר מיט יענעם קאלטן, זיכערן שמייכל, וואס קריכט ווי א פראָסט אין די ביינער און נעמט אָפּ דאָס לשון.

גוטע און פרומע מענטשן! האָט רחמנות אויף איינעם, וואס וויל ניט ארייןפאלן אין אייביקן גיהנם. גיט אן עצה און א סגולה ווי אזוי צו פארשטאָפּן דאָס מויל פון שטן. ער זאָל ניט קענען שעפּטשען און ניט שמייכלען. ווארים איך דערפיל ווי זיין שמייכל וועט פון מיין נשמה מאכן א אתל, און אגב, אפשר קענט א י ר מיר זאָגן: וואָס איז לייוויק? חצוף, טפּוש, משיח, אָדער — גלאט א טשייניקהאקער, וואָס נעמט דעם עולם אויף זיכער מיט אָנגעבלאָזענע מיסטיפיקאציעס?

ר. א.

פערלשטיין און קאָמ.

האָט געעפנט א נייע סטאָר

באקאנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאק דעם רייכסטען און פארשיידנ־ארטיקסטען אויסוואַל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיק אטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.,
200 East Broadway,
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

זאקס און שטיינפעלד

י ו נ י אָ ן פּ ר י נ ט ע ר ס
12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן דריידאק 0432

ס ו פ ר י ם פ ר ע ס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.
דרוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר

אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער ספּעציעלע פּרייזן פאר די זומער חדשים, שרייבט פאר אינפאָרמאציע.

באשטעלונגען פון אויסער ניו יארק ווערן פּ י נ ק ט ל א ך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

דר. ש. פאקס

דענטיסט

דאון טאון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

אפּ־טאון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פּארק

דר. אברהם אייסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)
דענטיסט

184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשארד 6794

א נייע בוך לידער

דער ווייסער רייטער

פון נפתלי גראָס

פּרייז $1.50

פארלאג „אמעריקע“

צו באקומען אין אלע אידישע בוכהאנדלונגען און ביי

H. GOLD
1873 61st Street
Brooklyn, N. Y.

דער נייער אדרעס פון

„א י נ ז ל“

254 הענרי סט.
ניו יאָרק.

UP-TO-DATE PRINTING CO., INC., 200 195-197 CANAL ST., NEW YORK

דער אינזל

חודש זשורנאל

נומער 7 — סעפטעמבער, 1925

משה גראָס: הייליקייט און אידישקייט אין איד. ליטעראַטור

ה. ראָזענפעלד: וואינאמאַינען און וויפונען

א. מ. דילאָן: מיט דעם אָוונט שיין

אבא שטאָלצענבערג: צום פאָטער

ר. אייזלאַנד: מר. גוסטאַוו גילדנער

דוד קאַזאנסקי: וועראס טויט

זישא לאַנדוי: דריי לידער

25 סענט א נומער. — $2.50 א יאָר.

DER INZEL, Literary Monthly. Issued by Inzel Publishing Co., 254 Henry St., New York. Price per year, $2.50. Single copies, 25c.

בלויז אַכט מינוטען צו קאָכען
און די לאָקשען זיינען פאַרטיג!

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען

לאָקשען פאַבריק
171 לואיס סטריט

מצה פאַבריק
383־369 איסט 4טע סטריט

ניו יאָרק

פּערלשטיין און קאָמ.

באַקאַנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאָק דעם רייכסטען און פאַרשיידנ־ארטיקסטען אויסוואל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיג אטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.
200 East Broadway
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר

אַ גרויסער אויסוואַל פון אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער.

באַשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)
דענטיסט

184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשארד 6794

דר. אברהם אייסען

דענטיסט
423 גרענד סטריט
אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8
אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דער אײנזל

חודש זשורנאַל.

נומער 7. סעפּטעמבער, 1925 ניו יאָרק

משה גראָס :

הײליגקײט און אידישקײט אין דער אידישער ליטעראַטור

.1

די הערזאישע טאַלענטלאָזיגקײט

נאָך די לירישע כוואַליעס, וואָס האָבן אויף זײער פּאַטעטישער געהויבנקײט ארומגעטלומעט מיט רעוואָלוציאָנערער אומ׳רחמנות׳דיי־קײט דאָס שוואַכע שיפל פון דער אידישער ליטעראַטור, באַווײזט זיך הײנט אַלץ מער און מער פּראָזאאישע יבשה. די פּראָזאאיקער פון דער אידישער ליטעראַטור, יענע ליטעראַרישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן נישט געהאַט די העזה ארויסצואווײזן זיך מיט זײער פּראָסטער און שווערער וואָכעדיקײט אין סאַמע מיטן פון דעם צע־יאַכמערטן פּאַטעטישן יום־טוב, אויף יענער האָפּערדיקער שמחה, וואָס דער נײער גײסט האָט געמאַכט פאַר דעם פרעמדן רוח, פאַר דעם אינערלאַך אומבאַטײליקטן, אָבער נײגעריקן ליטעראַטור־עולם, וואָס איז געקומען קוקן אויף אונזער שײנעם „איבערבראָך“ — הײנט האָבן זײ, ווײזט אויס, דערפילט, אַז ס׳איז שוין אויס יום־טוב און אַז מען מעג זיך שוין ווידער נעמען צו דער מלאכה.

וואָרים די דאָזיקע אָנגעלאָפענע כאַליאַסטרעס, וואָס האָבן באַ־שײנט די אידישע ליטעראַטור אַזוי לאַנג ווי זי האָט זײ עפּעס „גע־געבן“, זײנען זיך הײנט שוין ביסלאַכווײז צעגאַנגען און האָבן איבער־געלאָזט די ליטעראַטור אַלײן מיט איר קאַצעניאַמער. זײ האָבן אָפּגעפּראַוועט זײער חלק „חורבן“ און זײ האָבן, לויט זײער „פּול־סירנדיקן“ טעמפּעראַמענט, קײן שום אינטערעס נישט פאַר דער טרוקענער פּראָזאאישקײט פון שאַפערישן אויפבוי, צו וועלכן די ליטעראַטור מוז זיך סוף כל סוף אומקערן צוריק. זײ האָבן מהנה געווען די ליטעראַטור מיט זײער גײסטיקער נע־ונד׳קײט, האָבן איר

דער אינזל

אָנגעטראָגן פולע נשמות מיט הייליקייט און אומגליק, כדי ס'זאָל איר נישט מאַנגלען קיין כאַאָס — זיי זיינען אָבער באַלד אַוועק צוריק אין זייער אומרו אַריין, ווי נאָר די ליטעראַטור האָט גענומען גיין דעם וועג פון שאַפערישער רו, דעם וועג צו איר אינערלאַכער באַשטענדיקייט.

דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַט האָט זיך פּלוצים דערפילט שטאַרק אָפּהענטיק, ווייל די אידישע ליטעראַטור האָט זיך — אין דיצר נייער בעלעטריסטישער פּראָזע — אומגעקערט צוריק צום ט אַ ל ע נ ט, צו איר אייגענער ווירקלאַכקייט, און ווייל זי האָט זיך אינערלאַך אָפּגעזאָגט פון דער זשעניאַלער רייסעניש צו יענע הויכע אומווירקלאַכקייטן, ווי מען האָט זיך געפּרואווט באַהאַלטען פאַר דעם צודרינגלאַכן, שאַרפן קאָנטראָל פונ'ם לעבן. דער ליטעראַט האָט דאָך שוין פון לאַנג זיינע פאַרבעסערונגס־פּלענער פאַר'ן לעבן, וואָס „געפעלט אים נישט" און וועלכער ער וויל באַזונדערס בעסער מאַכן מיט זיינע שלעכטע לידער. וואָרים די דאָזיקע פּראָגראַמאַטישע שלעכטקייט, פון זיינע לידער, וואָס ער האַלט זי נישט אַזוי פאַר אַן עסטעטישן דעפעקט, ווי פאַר אַן עטישן אויפטו, איז באַזונדערס מסוגל צו פאַר'מיאוס'ן די שיינקייט פון דער וועלט און אַרויסצורופן אין איר רעוואָלוציאָנערע אומצופרידנקייט. דערפאַר איז טאַקע דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַט אַזאַ פאַנאַטישער שונא פון דעם דיכטערישן טאַלאַנט, וואָס פאַרמערט מיט זיין ווערק די שיינקייט פונ'ם לעבן און דערפאַר האָט ער מקבל געווען אויף זיך דאָס הייליקע מאַרטיריום פון נישט־קאָנען. ער איז שוין ליבער געוואָרן אַ . . . זשעני.

דאָס דאָזיקע זשעניאַליטעטס־אומגליק האָט אויסגעבראָכן אין דער מאָדערנער אידישער ליריק אין דער צייט פון איר גרויסן איבער־בראָך. די ברייטע שורות, וואָס די רעוואָלוציע האָט פּלוצים געעפנט פאַר איר, האָבן זיך גענויטיקט אין ברייטע קאָסמישע געפילן — און ווייל מען האָט זיי נישט געקאָנט באַקומען אַזוי שנעל, האָט מען דערווייל פאַרמוטשעט אָט די אייגענע נ ע ג אַ ט י ו ו ע איבערלעבונג, די ווינציקע, מיט וועלכער מען האָט קוים געקאָנט אויספילן די שמאָלע שורות פון דער אַלטער עפּאָכע, און מען האָט זי מיט געוואַלט צעצויגן אויף דעם גאַנצן ברייטן שטח פון דער נייער צייט. פון דאַנען האָט זיך גענומען די גרויסע געמוטשעטקייט אין דער אינגסטער אידישער ליריק, אפילו דאָרט, וואו די מחברים האָבן אָן אַ ספק געהאַט דיכטערישן טאַלענט.

וואָרים זיי האָבן אים — צוליב דער מאָדע — „גובר" געווען אין זיך און מיט וואונדערלאַכער גיכקייט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט

די קונץ פון — נישט קאָנען שרייבן. אַזוי פּאַרשטיי איך דעם מאָדנע קרומען שידוך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין דער אינג־סטער ליריק צווישן דעם אָריגינעלן גראַפאָמאַן און זיין נאָכמאַכער, דעם דיכטער. מען האָט דעם לעצטן פון רחמנות וועגן ארייַנגענומען אין דעם צעך, ווי אַ באַשיידענעם וואָלונטיר, פּאַרטרויענדיק אין תּוך דאַרויף, אַז ער וועט נישט מאַכן קיין קאָנקורענץ דער טאַלענט־לאָזיקייט און אַז ער וועט זיך בכלל האַלטן אין דער אַלטער מעלה — אָבער ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַלע כּחות אין דעם נייעם חסרון, צו וועלכן ער איז פּריווילעגיק צוגעשטאַנען, כּדי מען זאָל אים נישט האַלטן פאַר אָפּגעשטאַנען.

די דאָזיקע הערלאַשע טאַלענטלאָזיקייט, וועלכע האָט זיך גע־פּלייסט אויסצודריקן מיט ריזיקע מאָסן שפּראַך, אַז זי האָט נישט וואָס אויסצודריקן — זי האָט היינט בּיסלאַכווייז פאַרלוירן דעם גלויבן אין איר מיסיע און זי קומט ביי זיי איצט שוין אייגנטלאַך אויס אַזוי געפאַלן און אומהיילעק, גלייך זי וואָלט גאָר געהאַט — טאַלענט. וואָרים דער גאַנצער ענין פון נישט קאָנען, וועלכער איז געווען די סטיליסטישע באַזונדערקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָדע־ליריק אין די יאָרן פון אויפבּלי, פון די „יונגע טריט", איז היינט געוואָרן אויס יחוס. מען קאָן שוין נישט ערגעץ אַנדערש אויך — און ס'איז נישטאָ דערפאַר מיט וואָס זיך צו גרויסן.

דערצו קומט, וואָס די דאָזיקע „אינגסטע" גראַפאָמאַנען זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַלטע געניטע פּאַרטאַטשעס, וואָס האָבן נאַטירלאַך דערגרייכט אַ געוויסן גראַד פון שלמות אין זייער לאָ־יוצלח'דיקייט — און אָט די נעגאַטיווע שלמות איז געוואָרן דער טויטער פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם לירישן שטום־לשון. דער ט ו נ ק ע ל ע ר ז י ן פון זייערע נייע רייד, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי פּיעסטשענדיק גע'חנ'דלט אין דער צייט פון אָנהויב, האָט זיך צום סוף אַרויסגעוויזן פאַר אַ ק ל אָ ר ן א ו מ ז י ן און פון דעם „יונגן וואָרט" איז גאָר שנעל געוואָרן אַלטגעבאַקענער תּרגום־לשון. די דאָזיקע „קלאַסישקייט" בּיצל כּרחה, די פאָרם־פּול־קאָמענהייט אין כאָאָס, האָט איר אינגאַנצן פאַר'נמאס'ט די מלאָכה און זי האָט פאַרלוירן לחלוטין די „שאַפערישע" אַמביציעס.

אַזוי איז פון זיך אַליין ליקווידירט געוואָרן דער אויפטרייס־לונגס־עפּיזאָד פון דער יונגער אידישער פּאָעזיע און ס'איז געקומען די צייט פאַר דער פּ ר אָ ז ע. דערביי פאַלט מיר נאַטירליך נישט איין צו זאָגן, אַז די פּאָר נייע בעלעטריסטישע ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין דער לעצטער צייט און וועגן וועלכע איך וועל רעדן אין קומענדיקן אַרטיקל, שטעלן מיט זיך פאָר אַ נייע ליטעראַרישע

עפּאָכע. איך גלויב בכלל נישט, אַז די אידישע ליטעראַטור נויטיקט זיך אין „נייע עפּאָכן" און איך האַלט, אַז גיכער פון אַלץ איז נויטיק פאַר איר אַנטוויקלונג אַן אינערלאַכער אומקער צו דער אַזויגערופענער אַלטער עפּאָכע, ווען אין צענטער פון'ם אידישן שאַפן איז געשטאַנען דער קינסטלער מיט זיין טיפער, כמעט רעליגיעזער באַהעפטקייט מיט דער לעבעדיקער וועלט, מיט איר טרויער און פריילאַכקייט, וועלכע דער האָפּערדיקער ליטעראַט איז מבטל מיט דעם אויבער־חכמ'דיקן שמייכעלע פון זיין איידעלער אימפּאָטענץ — אומקער, מיין איך, פון יענע „זשעניאַלע" חבלי־לידה, וואָס דערקוטשן דאָס לעבן מיט זייער פּרעטענציעזער שלאַפקייט און מיט די גרילציקע איינרייסענישן, וואָס ווילן קיין סוף נישט נעמען, צו דעם שטאַרקן, געווינערישן טאַלענט, וואָס דערפרייט דאָס געמיט מיט זיין כח און וואָס קאָן דאָס, וואָס יענע ווילן.

איך ווייס וואויל, אַז די פירער פון דער הייליקער בלאָנדזשעניש, וואָס זייער כח איז באַזונדערס גרויס אין יענער ראַפינירטער אַסקעטישער קדושה, מיט וועלכער זיי פאַרשוועכן און פאַראומווירדיקן די ריינע הייליקייט פון דעם פּראָסטן לעבן, האַלטן גאָר ווייניק פון דעם „גשמיות'דיקן" כח פון'ם קינסטלער, וואָס זיין נאַאיוו־בעל מלאָכה'שער צוגאַנג צום לעבן דורך זאַכלאַכקייט ווערט באַטראַכט ווי אַ העזה'דיקער פּאַרמעסט קעגן דער כלי־קודש'דיקער „פּערזענלאַכקייט" פון'ם ליטעראַט — און זיי האָבן זיך דערפאַר צורעכט געמאַכט אַ קבלה'שע סברא, אַז אין דער קונסט איז נישט דער עיקר דאָס ווערק, נאָר דער גייסטיקער ווילן און אַז וויכטיקער פון'ם ציל איז דער וועג.

די דאָזיקע מיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס קומט באַזונדערס צונויף אַלע יענע גייסטיקע ארחי־פרחי'ניקעס ,וואָס הוליען אָפּ אַ לעבן „אונטערוועגס", מיט האָפּערדיקער קבצנות, אָן אחריות צו זיך און צו דער וועלט און וואָס האָבן אייביק מורא אהיימצוקומען צום ציל, כדי מ'זאָל ביי זיי נישט מאָנען דאָס ווערק, פון וועלכן זיי דרייען זיך אַזוי קונציק אַרוים מיט אַלעמאָל נייע „גייסטיקע ווילנס", איז פּונקט אַזוי באַליבט ווי פאַלש, און איר פאַלשקייט ווערט נאָך שאַרפער און געפערלאַכער דורך דעם, וואָס זי ווערט לעצטנס ביי אונז אַרויסגעזאָגט פון דיכטער ווי לייוויק און אָפּאַטאָשו.

וואָרים איך האַלט, אַז די סאָציאַלע פונקציע פון'ם דיכטער, ד. ה. דאָס, וואָס „באַהעפט דעם קינסטלער פון וואָרט מיט וועלט און מענטש" — ווי לייוויק דריקט זיך אויס — איז נישט דאָס „זוכן", נאָר דאָס געפינען, און אַז די עטישקייט פון זיין דערשיינונג ליגט קיינמאָל נישט אין דעם עטישן טיטל פון די פּראָבלעמען, מיט

דער אינזל

וועלכע ער פאַרנעמט זיך, נאָר איינציק אין דעם שאַפערישן כח, וואָס ער האָט צו זיי, ווי צו אַלץ אין דער וועלט.

דער דיכטער, אין וועלכן דאָס פאָלק לעגט אריין זיין גאַנצע גייסטיקע ענערגיע, זיין העכסטן פאַרמעג, מוז אָנגיין שטרענג עקאָנאָמיש מיט דעם דאָזיקן פאַרמעג, ד. ה. ער מוז קאָנען דערגרייכן אַ מאַקסימום פון ווערט מיט אַ מינימום פון שאַפערישער ענערגיע, אַז נישט פאַרלירט ער מיט רעכט דעם צוטרוי פון פאָלק, וואָס פילט זיך פון אים אָפּגענאַרט, און ער בלייבט מיט זיינע גייסטיקע עקספערימענטן, מיט זיינע זשעניאַלסטע זוכענישן מחוץ פון דער געזעלשאַפט, אָן אַ צובונד צו דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם פונ׳ם פאָלק, וואָס קאָן נישט אויפנעמען אין זיך זיין פאַרמעדקייט. ער בלייבט אַן „אָריגינעלער״ ליטעראַט, וואָס רעדט אין נאָמען פון קיינעם נים, אַן אָפּגעריסענער אין טאָפּלטן זין פונ׳ם וואָרט, אַ פוסטער מרה שחורה׳ניק.

די דאָזיקע פוסטע מרה שחורה פון דעם אָפּגעריסענעם, בייזן ליטעראַט, דעם הייליקן נאַר, וועלכער האָט פיינט דאָס לעבן, די נאַטור, און וועלכער קאָן נישט פאַרטראָגן די שיינקייט פון איר גראַנדיעזער פשטות, ווייל ער האָט אויף איר אָנגעוואָרפן די חשבות פון זיין אייגענעם קאָמפּליצירטן גייסט — זי איז נישט קיין גייסטיקע קוואַליטעט, נאָר אַ צרה, און איר וואָרט איז נישט דער „בונד פון מענטשלאַכער פאַרברידערונג״, פון וועלכן לייוויק חלומ׳ט, און אויך נישט דער אויפלייזער פון מענטשלאַכער איינזאַמקייט״, נאָר איר טרייסטלאָזער פאַרפינסטערער.

זייענדיק אָפּגעריסן פונ׳ם לעבן, רייסט זיך דער ליטעראַט שטענדיק אָפּ אויף אים — און אין דער דאָזיקער אָנגעכמורעטקייט פון זיין גייסט מוז שנעל פאַרוויאַנעט ווערן די שאַפערישע ליבע. זי קאָן גאָר נישט געבוירן ווערן. זיין געפיל איז צו טעמפּ און שלאַף, כדי צו דערוועקן די נאַטור, כדי צו וועקן שאַפעריש אויף איר שטומער גרויסקייט — און ווייל ער קאָן זי נישט באַפרידיקן מיט דער קראַפט פון זיין געפיל, צערייצט ער זי מיט זיינע אָנמעכטיקע, קלוגע רייד, איז ער איר מסביר די זאַך אויף אַ „העכערן שטייגער״. ער וואָלט בכלל וועלן, זי זאָל נישט אין זינען האָבן אַזעלכע אומהייליקע ערדישע גלוסטונגען, וואָס מאַכן אַ תל פון דער „אויסלייזונג״, און ער דערמאָנט זי כיטרע און אירע „פּנימות״, כדי זי זאָל דערוויל פאַרגעסן זיין אימפּאָטענץ. ער פאַררעדט זי מיט פאַנטאַזיע. ער רעדט איר צו מיט אַזאַ איבעריקער, גנבה׳שער באַרעדעוודיקייט צו דעם הימלישן גליק פון „באהעפטונג״, אַז זי האָט

אַזש מורא מסכּים צו זיין. דאָס איז די צ י נ י ש ק י י ט פון היַנט נאַטור־פיינדלאַכן ליטעראַט.

אָט די נאַטור־פיינדלאַכקייט — און זי איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר דער באַציאונג פונ׳ם ליטעראַט צו דער נאַטור אין ענגערן זין פונ׳ם וואָרט — וועלכע נעמט זיך פון דעם איבערשאַצן די איינענע באַדייטונג, איז זיכער אַנטי־עטיש און זי איז באַזונדערס אַ קללה פאַר דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע קאָן נאָך ווייניקער ווי אַנדערע ליטעראַטורן פון דער וועלט אויסהאַלטן די מאָדערנע „דער־הויבונג“ צו דער אומווירקליכקייט.

וואָרים דער רעאַליזם פון דער אידישער ליטעראַטור איז נישט גלאַט אַ קונסט־פאָרם, איינע פון די מאָדע־פאָרמצן, וואָס קומען אויף און גייען אונטער — ער איז די אור־פאָרם פון דער אידישער ליטע־ראַטור, אויסגעוואַקסן אָרגאַניש צוזאַמען מיט דער טיפער בענק־שאַפט פון דעם אידישן מענטשן צו דער רעאַליטעט, ער איז די־צר פורם, אין וועלכן עס איז געגאָסן ד י ליבע פון דעם ווירקלאַכקייט־שוואַכן אידישן מענטשן צו דער שטאַרקייט פונ׳ם לעבן. אין דער דאָזיקער אידישער בענקשאַפט צו דער יִרדישקייט פונ׳ם לעבן, וועל־כע דער ליטעראַט טייטשט אויס ווי דאָס מיסטישע שטרעבן צום אין־סוף און וועלכע איז, לויט מיין מיינונג, גראָד אין איר ריינער אַנטי־מיסטישקייט, די איינציקע שאַפערישע אידייע פון יענער לע־בענס־ספערע, וואו ס׳ליגט דער מקור פון דער אידישער ליטעראַטור, איז קלאָר אָנגעצייכנט איר נאַציאָנאַלער סטיל און כאַראַקטער — און איך האַלט עס פאַר אַן אָפּשוואַכונג פון איר שאַפערישער א י־ד י ש ק י י ט, ווען עס ווערט אונטערגעגראָבן איר רעאַלער יסוד, ווען מען פּרואווט איר — אָנשטאָט דעם „אַלטפרענקישן“ רעאַליזם — אָנטאָן מיט געוואַלט יענע מאָדערנע פאָרם־וויַיטאָגן, וואָס מען האַלט זיין נאָר פון „שיינקייט“ וועגן און וואָס מען וואַרפט זיי דערנאָך באַלד אַוועק, ווי אַן אָפּגערוימטן „לבוש“ פון דער קבלה.

נאָר אַזוי קאָן איך פאַרשטיין די טיפע אינערלאַכע פרעמדקייט, וואָס שטייט צווישן די לעצטע ליטעראַרישע מאָדע־עקספּערימענטן אויף אידיש און צווישן דיַר לעבעדיקער גאַנצקייט פון דער אידישער ליטעראַטור. וואָרים עס איז זיכער נישט מער ווי אַן אויבערפלאַכ־קייט, צו דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונג נאָר מיט דער קורצער השגה מצד דעם לעזער, וואָס קאָן נישט „כאַפּן“. די אַזוי גערופענע „אומפאַרשטאַנענקייט“ פון דעם נייַעם ליטעראַטור־זשאַרגאָן, וועלכע דער ליטעראַט רעדט זיך איין און מיט וועלכער ער פּרואווט זיך אַריינגאַרן אין שכנות פונ׳ם זשעני, מוז אין אמת׳ן פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ קאַטעגאָרישער אינערלאַכער אָפּזאָג מצד דעם פאָלק, וואָס

דער אינזל

לאָזט נישט צו צו זיך די פּסעוודאָ־גייסטיקייטן פון׳ם לעבנס־פיינד־לאַכן ליטעראַט.

דאָס אמת׳ע קונסט־ווערק, אָבער, ד. ה. דאָס, וואָס דער קינסט־לער שאַפט מיט די גייסטיקע כחות פון׳ם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין אים, איז דעם פאָלק מיינסטנס נאָענט און פאַרשטענדלאַך, ווארים עס איז זיין איינגנס. דאָ איז נישט נויטיק יענע ווילדע חריפות, צו וועלכער דער מאָדערנער ליטעראַט צווינגט זיין לייענער — מען קומט דאָ אויס מיט דער פּראָסטער נאַ־טירלאַכער ליבשאַפט, וואָס דאָס פאָלק פילט אינסטינקטיוו צו זיין אייגענעם גייסטיקן פאַרמעג.

אַזוי איז געווען שלום עליכם׳ס איינציגאַרטיקע באַליבטקייט אין אונזער ליטעראַטור, פון וועלכער דער מאָדערנער ליטעראַט חוזק׳ט זיך אָפּ מיט דער פיינער איראָניע פון זיין עקסקלוסיווער אומבאַליבטקייט, מיט וועלכער ער גרויסט זיך שוין אייגנטלאַך אַביסל צופיל. ער האַלט דאָס פאַר זיין גרעסטער מעלה און ער פאַרגעסט דערביי, אַז אָט די באַליבטקייט פון שלום עליכם׳ן אין דער אידישער וועלט איז אפשר ביז׳ן היינטיקן טאָג דער איינציקער קאָנ־קרעטער באַווייז פאַר דער ווירקלאַכער לעבעדיקייט פון דער אידישער ליטעראַטור, דער קלאָרסטער אויסדרוק פון יענער אָרגאַנישער, היי־מישע באַציאונג צווישן דעם קינסטלער און דעם פאָלק, וועלכע איז אַליין בכח ארויסצופירן די ליטעראַטור פון איר פאַפירענער עקזיס־טענץ און מאַכן פון איר אַ גייסטיקע רעאַליטעט.

שלום עליכם איז דערפאַר געווען דער גרעסטער דיכטער ביי אידן, ווייל ער איז געווען דער אידישסטער דיכטער, ווייל ער האָט אונז געגעבן די וועלט צו זען — אין יעהופּעץ. ער האָט נישט מטריח געווען די אידישע ליטעראַטור אין דער „גרויסער וועלט" אריין, נישט געפירט זי בלאָנדזשען צווישן די הויכע אידייען און די גרויסע „שבת׳דיקע" פערזענלאַכקייטן — ער איז אויסגעקומען מיט די קליינע מענטשעלאַך און ער האָט פון זייער ווינציקייט, פון דער פינסטערניש פון זייער אָרימען לעבן ארויסגעשלאָגן אַזעלכע רייכע אוצרות מיט פרייליאַכקייט. אין דעם אַקעגנשטעל פון דער אָרימ־קייט פון די שטאָפּלאַכע אורזאַכען אַקעגן די הויכע קינסטלערישע ווירקונגען, וועלכע שלום עליכם האָט דערגרייכט, אַנטפּלעקט זיך ערשט איינגאַנצן זיין שאַפערישע גרויסקייט. ער האָט אויף אַ וואונ־דערלאַכן אופן דערפילט די סאָציאַלע פונקציע פון דעם דיכטער. ער האָט נישט פאַרטראַצעט דעם גייסטיקן פאָלקס־פאַרמעג מיט אויס־געטראַכטע „אידייען און פּראָבלעמען", נאָר אדרבה: ער האָט אים

פאַרמערט און פֿאַרשטאַרקט, אַנטפּלעקנדיק ליכטיקע וועלטן אין אונזער פינסטערער ענגשאַפט.

אודאי האָט שלום עליכם געהאַט הומאָר — און די דאָזיקע קוואַליטעט האָט אים נאַטירלאך געפּסל׳ט אין די אויגן פון דעם מאָדערנעם מרה־שחורה־ליטעראַט מיט זיין אַסקעטישער לאַנגווייליקייט, וואָס ער פאַרבייט זי זייער גערן מיט הייליקער ערנסטקייט, און וועלכער שלעפּט אויף זיך שטענדיק דעם דלות פון זיין גייסט, כדי צו פייניקן מיט אים די מענטשהייט.

ביי דעם קינסטלער ווערט זיין טיפסטע טרויעריקייט איבערגעשאַפן אויף גייסטיקער שיינקייט. ער פּראָדוקטיווירט אַזוי צו זאָגן זיין סוביעקטיווע מרה שחורה און ער ציט איר ארויס איר אַנטיסאָציאַלן גיפט דערמיט, וואָס ער גיט איר יענע אָביעקטיווע, אַלגעמיין־גילטיקע פאָרם, וואָס אין איר קינסטלערישער פולקאָמענהייט ליגט ריינע פרייליכקייט. דער ליטעראַט אָבער, דער אומשאַפעריש מענטש, האַלט, ווי באַוואוסט, נישט פון קיין פאָרם און ער גיט דערפאַר דער וועלט צו פילן זיין אָריגינאַל־עצבות. ער האָט אַן עלעמענטאַרן פּחד פאַר׳ן הומאָר, פאַר זיין ליכטיקייט, וואָס דערקוטשעט זיין אייגענעם גייסטיקן בין השמשות און ער האָט, ווי מען ווייסט, באַשלאָסן ביי זיך, נישט צו מאַכן קיין הבדלה, כדי מתקן צו זיין די וועלט. דער הומאָר אָבער איז, ווייזט אויס, נישט קיין מבין אויף דער הערלאַישקייט פון דעם דאָזיקן באַשלוס און ער דערלאָזט נישט צו קיין באַזונדערע איינרעדענישן דאַרויף.

דערפאַר פילט זיך דער מאָדערנער ליטעראַט אַזוי אָפּגעשטויסן פון דער אַזוי גערופענעם שלום עליכמ׳דיקייט פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע לאָזט אים נישט קיין הנאה האָבן פון יענע נישט געמאַכטע הבדלות, מיט וועלכע ער פאַר׳שכור׳ט זיך. וואָרים די דאָזיקע לעבנס־ריכטונג אין דער אידישער ליטעראַטור איז דער שאַרפסטער ווידעראַנאַנד צו די פאַלשע קדושה־מינאָריעס פון יענעם אַטלעסענעם פאַטאָס, וואָס דערדושעט מיט זיין שווער׳צר, אָנגעבלאָזענער רייכקייט, מיט דער נגיד׳ישקייט פון די אַנטליגענע שמות נרדפים דאָס אייגענע לעבעדיקע ביסל אָרימקייט.

אָט דער ווידעראַנאַנד דאַרף גרינטלאך קלאָר געמאַכט ווערן. עס מוז פריי געמאַכט ווערן פאַר דער אידישער ליטעראַטור דער וועג פון קודש צו חול און אויף דעם דאָזיקן וועג פירט די רעאַליסטישע פּראָזע. איך מיין נאַטירלאך נישט, אַז פון היינט אָן און ווייטער דאַרף די אידישע ליטעראַטור ווערן אַ ליטעראַטור פון לויטער פּראָזע און אַז מען דאַרף אסר׳ן די פּאָעזיע — איך האַלט נאָר, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער נייער אידישער פּראָזע וועט זיך די גאַנצע

דער אינזל

אידישע ליטעראטור ענדלאך אויסניכטערן פון איר איינגערעדטער געהויבנקייט, מיט וועלכער זי האט זיך אנגעשמעקט צווישן די ווילד־פרעמדע וועלטס־פראזן, צו וועלכע זי האט זיך אסימילירט אין איר גייסטיקער בלאנדזשעניש.

די דאזיקע אסימילאציע איז מעגלאך געווען הויפטזעכלאך אין דער ליריק, צוליב איר אינערלאכער ווייטקייט פון דער רעאליטעט. זי האט נישט געהאט גובר צו זיין קיין ממשות'׳דיקע מניעות ביי די איבערקערענישן, וואס זי האט מיטגעמאכט. ווארים די רוחניות, פון וועלכער זי לעבט, האט זי געקאנט באנוצן אויך אויף דער „איבערגעקערטער" זייט — און מיט איר גרינגן געפילס־באגאזש איז זי געווען אלעמאל אויף א נייער צייט. דאס איז דער סוד פון איר געוואלטיקער פרוכפערדיקייט.

אנדערש אבער די פראזע. זייענדיק בעצם צוגעקאוועט צו דער ווירקלאכקייט, שווער באלאדן מיט מענטשן און זאכן, וואס פאר זייער גורל טראגט זי קינסטלערישע אחריות, האט זי זיך נישט געקאנט איבערקערן אזוי פלינק ווי די מאדע האט פארלאנגט און זי האט זיך אויך נישט געקאנט אזוי לייכט אסימילירן צו יענע פוסטע רייד, וואס די נייע ליטעראטן האבן פארשלעפט אין דער דיכטונג אריין. און בשעת דער נייער ליריקער האט שוין געהאלטן ערגעץ ווייט, ביים „נייעם טאן", מיט וועלכן ער האט באזונגען האפערדיק זיין נעראטענע „אויפטרייסלונג", איז די פראזע געבליבן „הינטער־שטעליס" און אן א מבול, ריצאל און ממילא אויך א י ד י ש.

אט די באשטענדיקייט פון איר אידישקייט, וואס ליגט אין דער רעאליסטישער פראזע, איז דער שטארקער יסוד פון דער אידישער ליטעראטור. דא ליגט איר שאפערישער כח; דא, אין איר ארימער ווירקלאכקייט, אין יענער „גרויער טאג־טעגלאכקייט", וואו זי איז אין דער היים, פריי פון דער צוגעטשעפעטער „מיסיע". ווארים די אמת'ע, נישט פראקלאמירטע מיסיע פון יעדער ליטעראט איז, צו זיין אויפריכטיק און שטארק אין איר שאפערישקייט — און עס איז אודאי און אודאי א פאלשע איינרעדעניש, אז די אידישע ליטעראטור מוז אדער קאן זיין מ ע ר ווי אנדערע ליטעראטורן.

דער דאזיקער פאסטולאט איז פארשטענדלאך, ווען ער קומט פון יענע כלל־ליטעראטוערס, וואס מוזן שטענדיק וועלן „מער", ווייל זיי קאנען ווייניקער און וואס קאנען זיך דערפאר נישט א ריר טאן אן „זשעניאליטעט", ווייל זיי האבן אליין קיין טאלענט נישט. עס איז אבער לחלוטין אומפארשטענדלאך, וואס אזא בעלעטריסטישער טאלאנט ווי אפאטאשו למשל האלט עס אויך פון זיין זייט פאר נויטיק צו שטעלן אזא מין מאדנע פראגע: ווער ס'זיינען „די

כהנים פון אונזער ליטעראטור, צי רייזין מיט זיין גרויער טאָג־טעגלאכקייט, צי די, וואָס מיינען מיט שאפן דאָס אייביקע ראנגלען זיך, דאָס שלאָגן קאָפּ אָן וואנט, דאָס שטענדיקע וועלן זיך פארמעסטן מיט׳ן אין־סוף״, א. אז. וו.

דער דאָזיקער קבלה־ספּאָרט, מיין איך, איז נישט אזוי וויכטיק ווי מען מיינט און ס׳איז בכלל אָן עבירה די ענערגיע, וואָס מען דארף ארײנלעגן אין דעם דאָזיקן ליטעראטורנען — מען קאָן זי בעסער פארנוצן אויף דעם שאפן גופא, וואָס איז דאָך סוף כל סוף אויך אָן ענין. וואָרים איך האלט, אז ס׳איז א סך וויכטיקער פאר יעדער ליטעראטור און ממילא אויך פאר דער אידישער, צו האָבן שאפערישע קינסטלער, איידער כהנים, יענע אויס־געסטראָיעטע אויבער־אידן, וואָס וואָלטן שטענדיק נאָר געפּראוועט געהויבענע יום־טוב׳דיקייט אויפ׳ן חשבון פון דער דערשלאָגענער אָרימקייט, וואָס זיי פאראכטן, און וואָס קאָנען איינשלינגען א וועלט אין זייערע ברייטע נשמה יתירה׳ס — און איך האלט ווייטער, אז דער „גאָט אין הארצן״, וואָס אָפּאטאָשו וויל האָבן, איז אין תוך נישט מער ווי א פּאטעטישע פאָרמולירונג פון דעם, וואָס מיר אלע מיינען: פון דעם דיכטערישן טאלענט.

און סוף כל סוף ליגט דאָך אויך די באדייטונג פון אָפּאטאָשו׳ן פאר דער אידישער ליטעראטור נישט אזוי אין דעם מליצה׳דיקן „שלאָגן קאָפּ אָן וואנט״, וואָס דאָס רעדט זיך דאָך נאָר אזוי, ווי אין די בעלעטריסטישע ווערק, וואָס ער שאפט. וואָלט אָפּאטאָשו, דער בעלעטריסט, זיך ווירקלאָך נאָר וועלן פארמעסטן מיט׳ן אין סוף, וואָלט דאָס שוין פון לאנג געווען זיין סוף. וואָרים דאָס דאָזיקע וועלן קאָנען אויך אנדערע און מען דארף דערצו בכלל קיין דיכטער נישט זיין.

ווייל דער דיכטער מאניפעסטירט זיך אויסשליסליך אין זיין קאָנען, אין זיין שאפערישן כח. נאָר דאָס שאפערישע קאָנען, מיט וועלכן דער דיכטער מאכט רייכער און שטארקער דאָס לעבן, מיט וועלכן ער פארטיפט און באהעלט אונזער דערקענטעניש, אונזער וועלט־השגה — דאָס אליין האָט עטישן זין, האָט א ווערדע פאר יענעם גאָט, וועלכן אָפּאטאָשו ציטירט און וועלכער לאָזט זיך קיינ־מאָל נישט פארטיצן מיט געהוקעטער ליטעראטור, מיט שטום־לשון לשמה. ווער ס׳וויל זיין אָ דיכטערישער שליח־ציבור — אויב מיר רעדן שוין געהויבן — דארף קאָנען נוסח, מוז קאָנען זעצן עברי. מען טאָר זיך נישט מוטשען עפנטלאָך, און מען טאָר קודם כל נישט פארמוטשען דערמיט די עפנטלאכקייט. אָפּאטאָשו, דער בעלע־

טריסט, ווייסט דאָס זייער וואויל, און ער ווייסט באַזונדערס, אַז דאָס „ראַנגלען זיך“ איז אַן אינערלאַכער ענין פֿונ׳ם דיכטער, פֿון יעדן דיכטער, אַפֿילו פֿון די „גאָטלאָזע“, און אַז דאָס טוט מען בצינעה און יעדער פֿאַר זיך, ווען קיינער זעט נישט. וויזן אָבער, ווייזט מען נאָר דעם ז י ג, דאָס ווערק.

דאָס איז, דאַכט זיך, שוין אַן אַלטער כּלל. וואָרים וואָס אַ שטייגער וואָלט זיך דאָ אָפּגעטאָן, ווען מיר וואָלט ווירקלאַך דעקרעטירט, ווי אָפּאַטאַשו דער טעאָרעטיקער מיינט, אַז שאָפּן הייסט באמת טאַקע דאָס אייביקע ראַנגלען זיך — וויפֿיל אַזוינע ראַנגלערס וואָלטן זיך נישט איבער־נאַכט געיאַוועט אין דער ליטעראַטור אריין, פֿון יענע גייסטיקע קאַליקעס, וואָס וואָלטן מיט גרויס חשק זיך גענומען קלאַפּן אַן וואַנט דעם קאָפּ, וואָס זיי האָבן נישט, אַבי נאָר נישט צו מוזן שרייבן קיין גוטע לידער אָדער ראָמאַנען. אויף וועלכע די ליטעראַטור האָט זיך דווקא פֿאַר׳עקשנ׳ט? וואָס פֿאַר אַן אמת׳ע ישועה וואָלט דאָס געווען פֿאַר די אַלע, וואָס זיינען מבטל די „געטרייע לעבנס־באַשרייבערס“, ווייל זיי האָבן נעבאַך אַליין אַ מיחוש אין באַשרייבן און וואָס קאָנען ניכער פֿאַררעדן דעם גאַנצן „אין סוף“, איידער צוקומען צו יענעם „קליינעם לעבן“, וואָס איז זיי אַזוי גרויס אין די אויגן און וואָס זיין שטילער פּאַטאָס, די אמת׳דיקייט פֿון זיינע מענטשלאַכע וויטאָגן און פֿריילאַכקייטן זיינען אודאי און אודאי טיפֿער און דעם שאַפֿערישן גייסט נענטער ווי דער פּאַפּירענער גאָט אין הארצן, וואָס דאָס איז דאָך פֿאָרט נישט מער ווי — פּאָעזיע־צרות.

איך מיין, אַז מיר דאַרפֿן בכלל שוין מאַכן אַ סוף צו די אַלע שיינע מעטאַפֿאָרישע מליצות, וואָס באַצייכענען דווקא די נאַנטסטע זאַכן מיט די ווייטסטע נעמען און וואָס דערפֿון קומען אַרויס ביי אונז יענע גרויסע קאָפּ־פֿאַרדרייעניש, וואָס מ׳האָט פֿאַר זיי דערנאָך דרך ארץ ווי פֿאַר „גייסטיקע ריכטונגען“. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן נוצן אין דער ליטעראַטור „כּהנים“ און „דור הפּלגה“ און „מעשי בראשית“ א. אז. וו., וועלן מיר בכלל נישט קאָנען אַרויס פֿון דער קאָמפּליצירטער טערמינאָלאָגיע פֿון חומש. וואָרים מען וועט דאָרט שטענדיג קאָנען געפֿינען נאָך אַ סך אַנדערע שיינע ווערטער, מיט וועלכע איין „שטרעמונג“ וועט אייביק באַקעמפֿן די אַנדערע.

מיר שפּילן זיך צופֿיל מיט שיינע משלים, מיט אויסגעבלאָזענע הייליקייטן — און מיר פֿילן נישט, ווי עס פֿאַרלירט זיך אונז אַלץ מער און מער דער נ מ ש ל, די געוואַלטיקע א מ ת ׳ ד י ק י י ט פֿון לעבן און טויט, די אמת׳דיקייט פֿון דעם מענטשן אויף דער ערד... דער דאָזיקער אַלטער אמת, וועלכן מיר האָבן שוין אייגנטלאַך אַוועק־

געוואָרפן אין דער נייער ליטעראַטור — מיר האָבן אים אין דער ווירקלאַכקייט נאָך נישט דערגרייכט. אונזער ליטעראַטור, וועלכע איז שוין אויסגעוועבט א קאָסמאָס און וועלכע פילט זיך היימיש צווישן די ווילד־פרעמדע, הימלישע פּלאַנעטן וואָס גרעניצן זיך מיט איר'ס „ברייטע האָריזאָנטן", זי איז פרעמד און ווייט פון יענער גאַנצער „גרויער טאָג־טעגלאַכקייט", אין וועלכער ס'איז איינגעבונדן די אייביקייט פון מענטשלאַכן טרויער און פרייד, די אייביקייט פון לעבן און טויט.

דאָס זיינען די צוויי פּאָליוסן פון דער דיכטונג — לעבן און טויט — און פון זיי ציט זי איר גייסטיקע שטאַרקייט. די דיכ־טערישע פאָרם מילדערט דעם שרעק פון זייער אבסאָלוטקייט און נאָר אין איר — אין דער פאָרם — קאָנען מיר איבערלעבן זייער אומענדלאַכקייט, נישט אָבער אין יענער כאַאָטישער פאָרמלאָזיקייט, וואָס פּלאַצט אויף אַלע זייטן, וואָס פירט פּ א ר ב י י דעם לעבן און דעם טויט — אין דעם גרויסן גאָרנישט אריין.

הערש ראָזענפעלד:

וואינאַמאָינען און וויפּונען

17־טע רונע פון דער „קאַלעוואַלאַ".

(סוף)

„בייזער הונט דו פון מאַנאַלאַ
הער מיין הארץ מיר אויף צו רייסן,
און מיין אינגעווייד צו גראָבן,
לאָז צורו מיין מילץ, מיין לעבער,
הער מיר אויף די לונג צו שטעכן,
הער מיך אויף צו מוטשען, קוועלן,
לאָז צורו מיך, לאָז מיך שלאָפן!

„ווען אליין וועל איך ניט קענען,
וועט קיין כישוף מיר ניט קלעקן
דיך פאַרטרייבן און פארניכטן, —
וועלן אנדערע מיר העלפן
פון מיין פּיין מיך צו באַפרייען
צו פאַרטרייבן דיך פון דאַנען.

דער אינזל

„פון דער טיף רוף איך די ערד־פרוי,
רוף פון פעלדער די חילות,
אלע רייטער פון די זאמדן,
אלע העלדן פון פארצייטן
און די קריגסלייט מיט די שווערדן,
רוף איך מיר צו הילף אצונדערט,
אויסצולייזן מיך פון ליידן
און באפרייען מיך פון ווייטאָג.

„שרעקסטו זיך פאר זיי ניט איבער,
וועלן זיי דיך ניט פארטרייבן, —
קומט איר העלדן פון די וועלדער,
קומט חילות פון די קוסטן,
קומט צו מיר איר הויכע סאָסנעס
מיט דער קראפט אין אייך באהאלטן,
בערג און אָזערעס און וועלדער
מיט די וואלד־ און וואסער־מיידלאך,
אלע קריגסלייט פון די ימים
מיט די שטארקע לאנגע שפיזן,
קומט אהער און העלפט פארטרייבן,
העלפט פארניכטן אסי׳ס שרעקן,
קומט און הרג׳עט אָט־דעם מאָנסטער!

„האָסט אויך פאר זיי קיין מורא,
קענען זיי דיך ניט פארטרייבן, —
קום דו שיצערין פון וואסער,
שטייג ארויף אין בלויען מאנטל
פון די אָזערעס און ימים,
לאָז דיין ליבלאך פנים אָנזען,
שטארק און קרעפטיק מיך אצונדערט
איך, אומשולדיק, זאָל ניט ליידן,
פון דער וועלט פריצייטיק גייען.

„ווערסטו אויך דארויף ניט קוקן
פאר דעם רוף זיך אויך ניט שרעקן, —
קום דו, קאפע, שיינע געטין!
ביזט די ערשטע צווישן מוטערס,
אף דער וועלט די שענצטע טאָכטער,

דער אינזל

קום, לייז אויס מיך פון די ליידן
און באפריי מיך פון מיין ווייטאָק.

„שיינקסטו אויך דארויף קיין אכט ניט
און פארלאָזט מיך ניט אויך איצטער, —
קום־זשע דו אראָפּ איצט אוקקאָ,
פון דיין אויסגעוועלבטן הימל,
פון דיין קעניגרייך פון שטורעמס,
אייל אין שטורעמווינט צו הילף מיר,
שיץ מיך פון די פייער־שמערצן,
העלף און שיץ מיך פון מכשף,
מאך צונישט זיין גאנצן כישוף
מיט זיין פלאמענדיקער קוזניע,
מיט זיין בלאָז־זאק און קאָוואדלע.

„גיי פון דאנען, דו ניט־גוטער!
שווינד, פארשווינד, דו פעסט פון נאָרדלאנד,
זאָלסט אהער שוין מער ניט קומען,
ערגעץ זיך קיין אָרט געפינען,
זאָלסט שוין מער קיין היים ניט בויען,
גיי צוריק גלייך צו דיין הערשער,
צו דיין הערשערן גיי ווידער.

„ווען דו ועסט דיין לאנד דערגרייכן,
ווען דו ועסט אהיים שוין קומען,
לאָז זיך מערקן דורך א סימן,
לאָז אין דונער־קנאל זיך מערקן,
און אין העלן פלאם פון בליצן,
פון דעם הויף שפאלט אויף די טירן,
פון די פענצטער רייס די ברעטער,
שפאן די צימערן דורך אלע,
טו א הויב זיך, ווי א שטורם,
פאק דעם באלעבאָס פון דאָרטן.
טו א כאפּ די באלעבאָסטע,
מאן און ווייב, דו כאפּ זיי ביידן,
שלאָג די קעפּ זיי אָן צוזאמען,
בלענד דעם מאן אויף זיינע אויגן,
שפאלט דעם קאָפּ פון ווייב דעם בייזן,

דער אינזל

דריי צענויף זיי אַלע גלידער,
און דערנאָך וואַרף די פּגרים
פאַר די ווילדע הינט און פויגל.

„וועט אויך דאָס פאַר דיר ניט קלעקן,
זאָלסטו גלייך אַ הינדל ווערן,
זאָלסט צום שטאַל אַריבערפליען,
אַלע פערד דאָרט איבערשרעקן,
שרעק אַף טויט די קי דאָרט איבער,
פלעכט צוזאַמען זיי די עקן
בינד די הערנער צו די גריוועס,
און דערנאָך וואַרף די פּגרים
צו די ווילדע הינט פון לעמפּאַ.

„אפשר ביסטו גאָר אַ קראַנקהייט
פון דעם ווינט אַהער פאַרטראָגן,
פון דער לופטן אָנגעווייעט.
אפשר האָבן פרעסט און קעלטן
דיר דעם וועג אַהער געוויזן —
לויף־זשע ווייטער מיט די ווינטן
צו די בערג מיט קופּער שפּיצן,
שווינד מיט שטורמווינט צוזאַמען,
לויף, און רו ניט אַף קיין בוימער,
שטעל ניט אָפּ זיך אַף קיין צווייגן,
זאָל דער קופּער־ווינט דיך וויגן,
און די וואָלקנס דיך באַשיצן.

„אויב דו האָסט אַראָפּגענידערט
פון דעם הימל, פון די וואָלקנס,
שטייג אַרויף אין הימל ווידער,
הויב אַרויף זיך אין דער לופטן
איבער רעגנדיקע וואָלקנס,
צו די פינקלענדיקע שטערן,
דאָרט צו שימערן און גלאַנצן,
ביי דעם הימל ראַנד צו פלאַמען
ווי די זון דאָרט אייביק ברענען.

„אויב דו שטאַמסט פון טיפן וואַסער,
פון די כוואַליעס פון די ימים,
צי פון שטראָמענדיקע טייכן, —

דער אינזל

טוק ארונטער זיך אין וואסער,
טויך אראָפּ אין טיפע שטראָמען,
זאָלן וואסערן דיך שאָקלען.
און די כוואַליעס דאָרטן הוידען.

„אויב דו קומסט פון קאַלמאַס געננט,
פון דעם קעניגרייך פון טויטע, —
אייל אַהיים צוריק וואָס שנעלער,
גיי צוריק זיך צו די מתים,
אין די טיפע קאַלמאַ שלעסער,
אין די ווייכע ערד־פּאַלאַצן
וואו עס פאַלן די חילות.

„אויב דו קומסט פון איסי'ס וועלדער,
פון די טונקלע לעמפּאַ קוסטן,
פון דעם שלאָס פון טאַנענבוימער, —
הער אַצינדערט מיין באַפעל אויס:
גלייך זאָלסטו אַהיים צוריקגיין,
אין די טונקלע איסי־וועלדער,
אין דעם שלאָס פון טאַנענבוימער.
בלייב אַדאָרטן שטיל פאַרבאָרגן
ביז דער דיל פאַרוואַקסט מיט שוואָמען
און עס פאַלן איין די ווענט דאָרט
און עס קראַכט דער דאַך ארונטער.

„איך באשווער דיך, גייסט דו בייזער!
גיי פון דאנען, גיי זיך ווייטער!
גיי זיך צו די ווילדע בערן,
צו די עקדישן און שלאַנגען,
אין מדבריות אין וויסטע,
צו די שלאַם־ און בלאָטע ריטשקעס,
און צו וואסערן וואָס שטייען,
צו די זודיק־הייסע קוואַלן,
און אין וואסערן אָן פישן,
צו דעם טויטן ים פון נאָרדלאַנד.

„וועסטו דאָרט קיין פּלאַץ געפינען,
שיק איך דיך אוועק נאָך ווייטער,
צו דעם ווייטסטן נאָרדלאַנד־גרעניץ,
צו דעם וויים־פּאַרלויגטן לאַפּלאַנד,

דער אינזל

צו די אייז־באַדעקטע לענדער,
וואו די זון טוט מער ניט לייכטן,
די לבנה טוט ניט שײַנען,
וואו עס פינקלען ניט קיין שטערן,
און דאָס ליכט איז לאַנג פאַרלאָשן —
פונקט פאַר דיר אַ פּלאַץ געמאָסטן,
הירשן הײַנגען אַף די בוימער
און מען קען זיי דאָרטן שלאַכטן
און מען קען דעם הונגער שטילן.
שלאָג זיך דײַן געצעלט אויף דאָרטן,
עס און טרינק און רו בסדר
אַף די פעלדער פון פאָהיאָלאַ.

„איך באַפעל דיר גיין נאָך ווײַטער!
ניי צו רומיאַ׳ס וואַסער־ווירבל,
צו דעם קעסל־גרוב פון פײַער,
דאָרטן וואו עס רײַסט מיט בוימער,
רײַסט מיט ריזן סאָסנעס שטענדיק,
דאָרטן זאָלסטו איצטער שווימען,
אין די פײַערדיקע שטראָמען
אין דעם ענדלאָזן געווירבל
פון די טיפע קעסל־גריבער,
אין דעם זודיק־הייסן וואַסער.

„ווועסטו דאָרט קיין פּלאַץ געפינען,
וועל איך ווײַטער דיך נאָך טרײַבן, —
ביז טואָנים טײַך דעם שוואַרצן,
צום פאַר׳סמ׳טן שטראָם פון מאַנאַ.
וועסט אַף שטענדיק דאָרטן בלײַבן,
וועסט פון דאָרט שוין ניט אַוועקגיין,
קיינמאָל שוין פון דאָרט אַנטלויפן
ביז איך וועל דיך ניט באַפרײַען
און אַליין פאַר דיר באַצאָלן
ניין באַראַנעס פון איין מוטער,
הירשן ניין מיט גרויסע הערנער,
אויסגעצויגן פון איין הירשין
און אויך אָגערן ניין שטאָלצע
אַלע ברידער פון איין מוטער.

דער אינזל

„פעלט אַ פערד דיר צו דער רייזע
אָדער דיר פעלט אויס אַ זאָטל, —
איך אַליין וועל פערד דיר געבן,
וועל דעם פלינקסטן אָגער געבן.
איסי האָט אַ פערד אַ פלינקן,
רויט ווי פייער איז זיין גריווע,
רויט דער קאָפּ און רויט דער ווידל,
פון זיין נאָז טוט פייער שפּריצן
און פון מויל אַ פלאַם זיך רייסן,
זיינע קלויען — שטאַרקער אייזן
און די פיס פון שטאָל און קופּער,
לויפט עם פלינק אַף בערג די העכסטע,
ווי אַ בליץ אין טיפע טאָלן,
ווען דער רייטער איז נאָר מוטיק
ווען ער קען דאָס פערד נאָר פירן.

„וועט דאָס פערד דיר אויך ניט קלעקן, —
גיב איך צו דיר איסי׳ס שניי־שיף
לעמפּאָ׳ס פלינקע שיף פון אולם־האָליץ
און זיין גרויסן שטאַרקן שטעקן,
וועסטו איצטער קענען רייזן
אין די ווייטע איסי־לענדער,
און אַף לעמפּאָ׳ס ברייטע פעלדער
אין די ווייטע יונטאַ־וועלדער.
טרעפסטו אַף דעם וועג אָן שטיינער
זאָלסטו זיי אַף שטויב צערייבן,
וועט אַ בוים אין וועג זיך שטעלן —
ברעך אים איבער גלייך אַף צווייען,
קומט אַ מענטש דיר אָן אַנטקעגן —
נעם, צעברעך אים האַלז און נאַקן.

„בייזער גייסט דו אייל זיך שנעלער!
גלייך זאָלסטו מיין גוף פאַרלאָזן!
איידער דער פרימאָרגן קומט נאָך
און די זון הויבט אָן צו שיינען.
גיי זיך, גיי דו פעסט פון נאָרדלאַנד,
איצט האָסטו נאָך צייט צו לויפן,
די לבנה טוט נאָך שיינען,
וועט זי דיר דעם וועג באַלייכטן.

דער אינזל

„וועסטו הונט איצט ניט אנטלויפן,
וועסטו גלייך מיך ניט פארלאָזן —
שיק איך אָן אַף דיר דעם אָדלער
מיט די בלוט־פארפלעקטע נעגל,
און איך שיק אַף דיר דעם שפּארבער
מיט זיין קלעם פון אייזן שטארקער,
וועלן זיי דיין גוף צערייסן
און דיין פּגר איסי'ן ווארפן.
אז אפילו בייזער לעמפּאָ
האָט מיין איינגעווייד פארלאָזן,
ווען איך האָב גערופן אוקקאָ'ן,
מיין באשעפער הילף געבעטן.
לויף, אנטלויף, דו זון אָן מוטער,
בייזער גייסט פון סאריאָלאָ,
הונט אָן מייסטער, גיי פון דאנען,
איידער דער פרימאָרגן קומט נאָך,
איידער עס פארגייט לבנה
און די זון הויבט אָן צו שיינען.

וואינאמאָינען, אלטער זינגער,
הויבט אליין אָן ענדלאך ריידן,
און ער זאָגט צום העלד וויפּונען:
„מיר איז גוט דאָ, וואויל צו לעבן,
איך פארברייננג מיין צייט דאָ פריילאך,
לעבער עס איך דאָ פאר ברויט איצט,
כ'האָב דאָ שמאלץ גענוג צו עסן
און גענוג אויך בלוט צו טרינקען.

„כ'וועל מיין קוזניע ווייטער שפּארן
טיפער, טיפער אין דיין הארצן,
מיט מיין האמער שטארקער קלאפּן,
אַף דיין הארץ און לונג און לעבער,
קענסט פון מיר זיך ניט באפרייען
וועסט פון מיר ניט פּטור ווערן
ביז איך קען ניט אלע ווערטער,
אלע כישוף־שפּרוכן דיינע.
ווערטער טאָרן ניט פארשווינדן,
כישוף אין דער ערד ניט זינקען,

דער אינזל

חכמה טאָר ניט אונטערגיין
ווען דער חכם זעלבסט גייט אונטער
מעג אליין דער חכם שטאַרבן.

און וויפונען דער מכשף,
גרויסער העלד און אַלטער זינגער,
רייך אין חכמה און אין לידער,
עפנט אויף זיין גרויסן אוצר,
און צעעפנט אַלע קעסטלאַך
אָנגעפילט מיט אַלטע לידער,
אָנגעפילט מיט כישוף־שפּרוכן,
און מיט מעשות און מיט רוניצס,
און ער זינגט דאָס ערשטע שטאַם־ליד,
זינגט דאָס ליד פון ערשטן כישוף,
פון דער ערד און פון איר אָנהויב,
פון באַשעפעניש דעם ערשטן,
פון דעם קוואַל פון גוטס און בייזן, —
נאָר פאַרצייטן פלעגן קינדער
קליינע זינגען אָט־די לידער,
איצטער, אין די טעג פון אומגליק,
אין די טרויעריקע צייטן,
קענען העלדן קוים פאַרשטיין זיי;
זינגט דאָס ליד פון וועלט באַשאַפונג,
ווי דורך אוקקאָ'ס וואָרט און ווילן
איז די וועלט אַליין געוואָרן,
ווי עס שיידט זיך לופט פון וואַסער,
און פון וואַסער שיילט די ערד זיך,
ווי עס קומען אויף די פלאַנצן,
פיש און פויגל, מענטש און העלדן.

און עס זינגט דער העלד וויפונען,
ווי לבנה ווערט באַשאַפן,
ווי עס ווערט די זון באַפעסטיקט,
ווי עס קומען די קאָלירן
איינס נאָך איינס אין רעגנבויגן,
און פון לופט די קלאָרע זיילן,
און ווי הימל ווערט באַשפּריינקלט
פול מיט פינקלענדיקע שטערן.

און עס זינגט און זינגט וויפונען,

דער אינזל

און עס קלינגט זיין וואָרט אוים קרעפּטיק,
אַז געהערט האָט נאָך ניט קיינער
אַזאַ זינגען זינט די וועלט שטייט,
און ער זינגט אָן צאָל די לידער
און די קלאַנגען זיינע פליען
שנעל ווי צינגער פון די שלאַנגען,
זינגט אַ טאָג אָפּ און אַ צווייטן,
זינגט דעם דריטן טאָג אַ גאַנצן,
פון פרימאָרגן ביסקל אָוונט,
און פון אָוונט ביז פרימאָרגן,
פריידיק הערט אים די לבנה,
און עס הערן צו די שטערן,
און די זון בלייבט שטיין אין הימל,
אַלע כוואַליעס פון די ימים
לייגן אוים זיך אויף דעם וואַסער,
און עס בלייבן שטיין די טייכן,
און דער וואַסערפאַל פון רוטיאַ,
און דער ווירבל פון דעם וואוקסען,
אויך דער ירדן הערט אויף פליסן.

און דער אַלטער וואַינאַמאָינען
האָט גענוג זיך אָנגעלערנט
מיט די ווערטער, מיט די שפּרוכן,
אויפגעזאַמלט אַלע לידער,
און די אַלטע, אַלטע מעשות,
דאָס געהיימע וואָרט פון מייסטער, —
און ער הויבט זיך אָן צו גרייטן
פון וויפּונען'ס בויך אַרויסגיין,
פון דעם גוף פון גרויסן גיבור.
זאָגט דער אַלטער וואַינאַמאָינען:

„אָ, דו גרויסער העלד וויפּונען,
עפן אויף דיין מויל דאָס ברייטע
וועל איך איצטער דיך פאַרלאָזן
און שוין מער צו דיר ניט קומען,
כ'וויל זיך אומקערן אַצינדערט
צו די פעלדער פון וואַינאָלאַ,
צו די קאַלעוואַלאַ־טאָלן“.
און וויפּונען גיט זיין ענטפער:

דער אינזל

כ׳האָב פאַרזוכט שוין פיל מאכלים,
שאָף געגעסן, ציגן, הירשן,
בערן, אָקסן, וועלף און שווייגען,
אָן אַ צאָל געשלונגען מענטשן,
און אויך העלדן פיל געגעסן,
נאָר דאָס מאכל וואינאַמאָינען
ניט פאַרזוכט האָב איך נאָך קיינמאָל;
וואָס געזוכט האָסטו געפונען,
האָסט די ווערטער דריי פון מייסטער,
איצטער גיי זיך, גיי בשלום,
זאָל מיין ברכה דיך באַגלייטן״.

און וויפונען דער מכשף
נעמט און עפנט ברייט דאָס מויל זיינס,
און צעעפנט זיינע ציינער;
און דער אַלטער וואינאַמאָינען
שפּאַרט אַרויס פון זיך פון דעם חכם,
פון׳ם גוף פון דעם מכשף,
און ער שפּרינגט פון מויל אַרונטער,
און ער טוט אַ לאָז זיך מונטער,
ווי דער מאַרדער גאָלדנברוסטיק,
ווי אַ הירש אַ רויטער לויפט ער
איבער בערג און איבער טאָלן,
גלייך אַהיים קיין קאַלעוואַלאַ,
צו די הייזער פון וואינאָלאַ.

וואינאַמאָינען קומט אין קוזניע
צו זיין ברודער אילמאַרינען.
טוט אים גלייך אַ פרעג דער מייסטער:
„האָסטו אויפגעזאַמלט שפּרוכן?
דאָס געהיימע וואָרט געפונען?
קענסטו איצט די שיף שוין בויען,
און באַפעסטיקן די זייטן?
קענסטו איינריכטן דעם באַלקן?״
ענטפערט גלייך אים וואינאַמאָינען:
„כ׳האָב געפונען הונדערט ווערטער,
און געזאַמלט טויזנט שפּרוכן,
כ׳האָב דעם שליסל צו דעם כישוף,
דאָס פאַרלוירענע וואָרט געפונען״.

דער אינזל

נייט דער אַלטער וואַינאַמאָינען,
שפּאַנט אַוועק צום כישוף־ווערקשטאַט,
הויבט די כישוף־שיף אָן בויען;
שנעל באַפּעסטיקט ער די זייטן,
קאָוועט איין דאָרט אַלע באַלקנס,
טוט קיין ריר ניט מיט קיין פינגער,
טוט קיין בויג ניט זיינע קניעס,
און די שיף ווערט אויפגעבויעט
ניט מיט אַרבעט, נאָר מיט כישוף.

א. מ. דילאָן:

מיט דעם אָוונט־שיין.

מיט דעם אָוונט־שיין אין דער נאַכט אַריין,
מיט דעם מאָרגן־שיין פון דער נאַכט אַרויס.
מיט דעם אָוונט־שיין, וויג זיך האַרץ און וויג,
מיט דעם מאָרגן־שיין, קלינג דיין פרייד אַרויס.

ווי דער אָוונט־שיין ווער פאַרלאָרן וואו,
ווי דער מאָרגן־שיין געפין זיך גלייך צוריק.
אין דעם אָוונט־שיין ווער אַליין דיין טרוים,
אין דעם מאָרגן־שיין ווער אַליין דיין גליק.

אַבאָ שטאָלצענבערג:

צום פאָטער

איך זאָג צום פאָטער: שענק אַוועק
די אַנדערע ברידער דיין גאַנץ פאַרמעג.
מיך צו דער נחלה רעכן ניט צו —
אין דיין הויז וועל איך נישט געפינען קיין רו.

ציען וועל איך אין דער גרויסער וועלט,
אומעטום אויפשטעלן מיין געצעלט;
איטלאַכע שוועל וועט זיין מיין היים,
מיין דאַך דער הימל, דער ווייטער רוים.

דער אינזל

און לאָזן וועל איך זיך גאָלן דעם קאָפּ,
פון די פּיס די שיך ווארף איך אראָפּ;
באָרוועס וועל איך פון שטאָט צו שטאָט
דורכגיין די וועלט, דאָס גרויסע ראָד.

דוד קאַזאַנסקי:

ווערא׳ס טויט

ווערא האָט זיך א צאַפּל געטאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט, ניט לעבעדיק. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אין שלאָף, אַז אימיצער האָט איר א שרעקלאכן זעץ געטאָן מיט א פלאָקן איבער דער גאַנצער לענג פון רוקן. זי האָט געקוקט א פארטויבטע, א צעטומלטע, נאָר קיינער איז ניט געווען נעבן איר בעט. זי האָט זיך געטאַפּט דעם רוקן, דאָס לייב, האָט עפּעס ניט פארשטאַנען און האָט זיך שטארק אויף עפּעס געוואונדערט.

זי האָט זיך צוריק אַנידערגעלעגט, האָט צוגעמאכט די אויגן, נאָר זי איז שוין געווען גוט אויסגעשלאָפן און זי איז געלעגן א וואַ־ביקע. אין דער נאכטיקער שטילער פּוסטקייט האָט זיך הילכיק וואָס געזיפּט, געדיכט, איילנדיק און מיט א ווייכן גלאַנץ. עס האָבן זיך געשאָטן ברעקלאך און עס האָט גצקלונגען.

דער גאַנצער גוף אירער איז געווען אָנגעגאָסן, שווער. טיף אין בויך ביי איר האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, ווי א קניפּל האָט זיך א קייקל געטאָן אהין און אהער, און עס האָט מיט אמאָל אויסגעשאָסן איבערן גאַנצן לייב אין אַזא ווייטיק, אַז זי איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אָנגעכאַפּט פארן קאָפּ מיטביידע הענט.

זי האָט געשריען מיט וויפל כח זי האָט נאָר געהאַט. זי האָט אליין געהערט די גוואַלדן און די גוואַלדן אירע האָבן זי אי געשראָקן, אי בארואיקט. די ווייטיקן האָבן ביסלאכוויים אָפּגעלאָזט, אָפּריער דאָ, דערנאָך דאָרטן. דאָס הארץ האָט שטיל געקלעמט, ביז דער גאַנצער לייב אירער איז געבליבן אַזוי, ווי מען וואָלט אים אקאָרשט אָפּגעבונדן פון ענגע שטריק. טיף אין אַלע גלידער איז איר געוואָרן מאָדנע ווארעם, און די ווארימקייט האָט זיך געגליטשט אין איר ווי א וואַסער.

זי האָט צוריק א פאַל געטאָן אויף די קישנס. דער קאָפּ האָט זיך איר שטארק געדרייט און אין מויל איז געשטאַנען א שטעכיקע זיסקייט. זי האָט געוואָלט א טרונק וואַסער.

דער אינזל

אי יודל אי לייזער זיינען שויןביידע געשטאַנען אַרום איר. זי האָט ניט געזען ווי זיי זיינען אַריינגעקומען, נאָר זי וואונדערט זיך ניט פאַר וואָס זיי זיינען איצט נעבן איר. זיי זיינען ביידע האַלב־נאַקעט, באָרוועס, אין איינע הויזן, און זיי ציטערן. זי וויל זיי זאָגן: „מיר איז גאָרניט", נאָר זי זאָגט:

— איך שטאַרב...

זי האָט שטאַרק אויף זיך רחמנות געהאַט און זי האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעוויינט.

לייזער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו יודלען, ער זאָל אויף גיך לויפן נאָכן דאָקטאָר, אויף גיך! און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט ביי איר אויפ׳ן בעט. אין שלאָף־צימער איז שוין געווען ליכטיק, עס האָט געברענט דער עלעקטרישער לאָמפּ. עס איז געווען ווייס, שרייאיק, און לייזער האָט פאַרבויגן, האָט באַהאַלטן זיינע באָר־וועסע פיס.

ווערען האָט זיך איצט זייער שטאַרק געוואָלט ריידן צו לייזערן, זאָגן אים עפּעס, נאָר אַלץ איז געווען אַזוי צעשוואומען, און עס האָט זיך איר נאָר געוויינט און מער גאָרניט.

אין דער גאַנצער שטוב איז שוין געווען ליכטיק, אפילו אין קיך. נאָר מאָדנע פּוסט, לעדיק. די טירן פון איין חדר אין אַ צווייטן זיינען געשטאַנען אָפן. דער דאָקטאָר, ווען ער איז אריין אין שטוב, האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— קאַלט...

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט דער קימפּעטאָרן און לייזער מיט יודלען האָבן געוואַרט אונטן, אין עס־שטוב.

יודל איז נאָך געווען אָנגעטאָן אַזוי, ווי ער איז געלאָפן נאָכן דאָקטאָר: אין אַ ווינטערדיקן פּאַלטאָ אַרויפגעוואָרפן אויף די הוילע אונטערוועש און די באָרוועסע פיס אין גרויסע קאַלאָשן. די קאַ־לאָשן האָבן געפּאַטשט אָן דער פּאָדלאָגע, ווי נאָר ער האָט געמאַכט אַ טראָט, און דאָס האָט אים געהאַלטן אַ צוגעשמידטן צו איין אָרט.

אויבן, אין דעם פאַרשלאָסענעם צימער, איז פריער געווען שטיל, נאָר באַלד האָבן זיך פון דאָרט גענומען שטופּן אַזעלכע קולות, ווי אימיצער וואָלט אימיצן געשלאָגן.

לייזער שפּאַנט אַרום איבערן חדר אַהין און צוריק, און יודל נעמט ניט אַראָפּ פון אים די אויגן. ער וויל אויסטאָן די קאַלאָשן און נאָכגיין נאָך לייזערן.

דער פאַרשלאָסענער צימער, דאָרט אויבן מיט ווערען, פילט זיך ווי אַ וואונד, וואָס מען האָט אקאָרשט פאַרבאַנדאַזשירט. די וואונד

דער אינזל

האָט אָפּגעלאָזט, האָט אויפגעהערט און עס דוכט זיך, עס וועט שוין מער קיינמאָל ניט ווי טאָן.

נאָר אָט האָבן זיך באלד ווידער א שאָט געטאָן גוואלדן, ווי פון א כלי אָן א דעק. יודל שפּיצט אָן די אויערן, ווערט ווי א הונט. ער וואַרט, אז לייזער זאָל אים הייסן עפּעס טאָן, נאָר לייזער פאַר־האַלט זיך אויפן מיטן טראָט, ווי אונטער זיינע פיס וואָלט זיך אונ־טערגעקייקלט א גרויסער שטיק גוואלד.

און יודל איז רואיק. ער וואַרט. נאָר אז לייזער זאָגט אים גאָרניט און טוט אליין אויך גאָרניט און די גוואלדן הערן ניט אויף, קוקט ער אויף לייזערן און טראַכט: אפשר איז לייזער גאָרניט גע־טריי? אפשר?

און די גוואלדן הערן ניט אויף. ניט ווערא שרייט עס און ניט דער דאָקטאָר. דאָס זיינען די גוואלדן אליין, ווי לעבעדיקע באַשע־פעניש אַזעלכע. זיי שפּאַרן זיך ארויס פון דעם פארשלאָסענעם צימער, שפּאַרן זיך ענג און גרויס פון חדר צו חדר און פאַרנעמען די גאַנצע שטוב.

נאָר פון צווישן די גוואלדן האָט זיך באלד דורכגעשלענגלט א געשריי ווי א קלאָרער וואסער פון אונטער אָנגעוואָרפענע שטיינער. דאָס האָט שוין ווערא געשריען. זי האָט געוויינט, האָט זיך געבעטן, האָט זיך אַזוי געבעטן און אַזוי געוויינט, אז יודל קען עס שוין מער ניט אריבערטראָגן. און ער גיט זיך א ריס פון אָרט, שפּרינגט ארויף די עטלאכע טרעפּ, קנאַקט אין דער פארשפּאַרטער טיר און גייט אריין אין חדר.

ווערא ליגט א נאַקעטע, אָן אָפּגעדעקט און אזא גרויסע, א גע־שוואָלענע. זי פּאַרנעמט דעם גאַנצן חדר. זי דרייט זיך אין דרייען, קרעכצט ווי פון א גרוב ארויס און דער דאָקטאָר שטייט נעבן איר און טוט גאָרניט. דער דאָקטאָר קוקט אים רואיק אָן:

— וואָס דאַרפט איר?

יודל בלייבט א צעטומלטער: וואָס איז דאָ? וואָס פּראַוועט מען דאָ מיט אים פאַר א קאָמעדיעס?

ווערא קרעכצט שטיל. זי זאָגט עפּעס. די ווייטיקן האָבן זי אָפּגעלאָזט, האָבן אויפגעהערט, נאָר זי ווייסט, אז ס'איז נאָר אויף א מינוט. זי האָט זיך שוין לאַנג געבעטן ביים דאָקטאָר:

— גיט מיר עפּעס, איך זאָל שטאַרבן!

זי האָט אויסגעצויגן א האַנט, האָט געפונען א ברעג לײלאַך, און האָט זיך צוגעדעקט די פיס.

דערנאָך האָט זי צוגערופן צו זיך יודלען, און אז ער איז צוגע־גאַנגען, ניט זיכער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אז מען וויל אים דאָ

אָפּנאַרן, פאַרנאַרן, האָט זי אים אָנגעקוקט אַזוי פאַרלאָרן — זאָל ער זיין געזונט. איר איז שווער, אַזוי שווער!...

אין די ווינקלען פון אירע אויגן איז געבליבן שטעקן אַ גלעזערנע טרער. יודל קוקט זיך אַרום. אין חדר איז קיינער ניטאָ. דער דאָקטאָר נאָר אַליין שטייט אַ פרעמדער, אַ רואיקער, און יודל קען ניט פאַרשטיין: וועמען דאַרף ער דאָ דער׳הרג׳ענען? וועמען?!

ער קוקט צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט און פירט אים אַרויס פון חדר.

ער קומט צוריק אַראָפּ אונטן, צו לייזערן. לייזער פרעגט ביי אים עפּעס, דערמאָנט, דאכט זיך, ווערט נאָמען, נאָר יודל קען ניט פאַרשטיין, וואָס מען וויל פון אים האָבן. און דאָ באַווייזט זיך פּלוצלונג דער דאָקטאָר אויף דער אויבערשטער טרעפּ. ער שרייט:

— נאָך אַ טשייניק מיט הייסע וואַסער! גיכער!

לייזער גיט זיך אַ וואָרף צום קיך, און עס ווערט אַ יאָגעניש, אַ טאַראַראַם. לייזער שלעפּט דעם טשייניק, דערנאָך שלעפּט ער ליי־לאַכער, האַנטאַכער, וואַרפט מיט ביינקלאַך, קלאַפּט מיט שופלאָדן, און יודל שטייט אין אַ ווינקל און טוט גאָרניט; ער פאַרשפּיליעט זיך נאָר דעם פּאַלטאָ אויף אַלע קנעפּ און שפּאַרט אַריין די הענט טיף אין די קעשענעס.

ביי ווערן אין צימער איז געווען שטיל אַ לאַנגע ווייל, נאָר פּלוצלונג האָט דאָרט אויפגעריסן אַ גאַנצער באַרג מיט געוואַלדן. לייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דערינען, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן עמער מיט וואַסער און מיט דער צווייטער האָט ער געוואָלט עפּעס אָנכאַפּן אין דער לופטן, נאָר ער האָט ניט געקענט. די געוואַלדן האָבן געבראַכט מיט זיך אַ מאָדנע שטילקייט, און די שטילקייט האָט זיך געשפּרייט פאַראויס פאַר זיי, ווי אַ שאָטן, און עס האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט ווי עס ציטערן די שויבן, ווי עס פינטלט דער עלעקטרישער לאָמפּ און ווי עס רירן זיך די ווענט. רירן זיך, און עפּעס האָט זיך געהויבן אין דער הויך, דער דאַך פון שטוב צי דער מוח פון קאָפּ.

לייזער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו יודלען, האָט אים אַרומ־געכאַפּט מיט ביידע הענט, און יודל האָט אים אויך אַרומגענומען, האָט זיך געטוליעט צו אים, און די געוואַלדן האָבן זיך געקייטלט אַרום זיי אַלץ ענגער און ענגער, אַז זיי זיינען ביידע שיער ניט דער־שטיקט געוואָרן. זיי האָבן זיך גאָר ניט געזאָגט, און קיינער האָט זיי גאָר ניט געזאָגט, נאָר זיי האָבן באַלד אַליין דערפילט, דערהערט:

— געשטאָרבן!

יודל איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער, און לייזער האָט זיך אַ ריס

דער אינזל

געגעבן פון זיינע הענט, האָט זיך א וואָרף געטאָן אהין, אהער. ער האָט צוריק געכאַפּט דעם עמער, האָט אים שטארק געהאַלטן מיטביידע הענט און איז געשטאַנען און געוואַרט אויף עפּעס, מיט אַזוי פיל מאַטערניש.

נאָר באַלד איז נעבן זיי אויסגעוואַקסן דער דאָקטאָר, ווי פון אונטער דער ערד. ער איז צוגעגאַנגען צו יודלען:

— א מיידל!

דער דאָקטאָר זאָגט עס גאַנץ הויך, נאָר ער זעט, אַז יודל הערט אים ניט, און ער חזר'ט נאָך אַמאָל איבער:

— א מיידל!

יודל ווייסט ניט וואָס דער דאָקטאָר וויל פון אים האָבן, און ער קוקט צו לייזערן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל אים ראַטעווען, נאָר לייזער אַליין שטייט אויך ווי א ליימענער.

דער דאָקטאָר קוקט זיי ביידן אָן, נאָר לייזער גיט שוין א שלייַדער פון זיך דעם עמער, אַז דאָס גאַנצע וואַסער — פליוך אף דער פאַדלאָגע! דער דאָקטאָר כאַפּט זיך צו פונם וואַסער, און לייזער פּאַטשט איבער דעם מיט זיינע באָרוועסע פיס, ביז ער דערלאַנגט דעם דאָקטאָרס האַנט:

— א דאַנק!... א דאַנק!...

יודל נעמט אראָפּ פון זיך דעם פּאַלטאָ און טוט אויס די קאַלאָשן. איצט, אַז ער איז א נאַקעטער, און אים איז קאַלט, האָט ער נאָך שטאַרקער רחמנות אויף זיך. נאָר ער רופט זיך ניט אָפּ, דערמאָנט ניט וועגן זיך. פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן, גרויסע, סלאָרע.

דער דאָקטאָר גייט צו אים צו, נעמט אָן זיין האַנט און דריקט זי שטאַרק:

— מזל־טוב אייך!

יודל פאַרבייסט די טרערן. ער קוקט אויפן דאָקטאָר, אויף לייזערן און וויל זיי זאָגן:

— גייט אַוועק פון מיר אַלע! אַלע!

/

ווערא איז דערנאָך געלעגן א געלע, א קראַנקע, מיט אָפּגעצויגענע באַקן, מיט זיידענע צעשויבערטע האָר און אינגאַנצן אַזאַ ליבטיקע, א גליקלאַכע. זי איז פּלוצלונג געוואָרן קליין, אַזוי קליין, אַז עס האָט שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ צו קוקן אויף איר. נעבן איר, איינגעבונדן אין א קישן, איז געלעגן דאָס קינד.

זי האָט צוגערופן צו זיך יודלען, און אַז יודל איז צוגעגאַנגען און האָט זי דערזען, האָבן זיך ביי אים אָנגעפילט די אויגן מיט

דער אינזל

טרערן און ער איז אזוי שולדיק געווען קעגן איר, אזוי שולדיק. נאָר ווערא האָט אויפגעהויבן א האנט, א בלייכע, אָן א טראָפּן בלוט, האָט ברייטער אביסינקע פאַנאַנדערגענומען די קישן און וועלכער דאָס קינד איז געלעגן און האָט געזאָגט:

— זעסט?

דעם קינדס פּנים איז געווען רוי און רויט, ווי א שטיקל פלייש אָן א הויט. יודלען איז געוואָרן פון דעם ניט גוט. זיי האָבן זיך ביידע פאַר אים צונויפגעמישט, ווערא און דאָס קינד, און ער האָט אויף זיי ביידן רחמנות געהאַט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו ווערען און האָט זי א קוש געטאָן.

ווערא האָט אוועקגעלעגט איר בלייכע האנט צו אים אויף די קני. די האנט אירע האָט געהאַט לאַנגע, אויסגעצויגענע פינגער. יודל איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס.

נאָר זי האָט שטיל עפּעס גערעדט צו אים. זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ, און עס האָט זיך איר אמת'דיק געדאַכט, אז יודל איז טאַקע איר מאַן, זי ליגט אין קימפּעט, און אַט איז דער מאַן און אַט איז דאָס קינד. ווערא האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן און האָט פאַמעלאַך, פאַמעלאַך איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

דערנאָך האָט זי אויף דערזען לייזערן, ווי ער שטייט פון דער ווייטנס, און זי וויל ביי אים פרעגן:

— איר זיינט אויך דאָ? גוט...

יודל האָט געוואוסט די גאַנצע צייט, אז ווערא איז טראָגעדיק, און וואָס עס מיינט אז מען איז טראָגעדיק, נאָר דאָ, איצט — עס האָט זיך דאָ עפּעס ארייננגעמישט א נייע זאַך, איינגאַנצן א פרעמדע. יודל ווייסט ניט וואָס דאָס איז אזוינס, קען עס ניט פאַרשטיין, זיין מוח איז שווער ווי א שטיין, און ער גייט אום א גאַנצן טאָג — — אַט איז אים גוט, אזוי גוט, אז ער האָט אַלעמען ליב, וואָלט פאַר יעדן איינעם אוועקגעגעבן דעם לעבן זיינעם, און אַט איז אים אזוי אז ער וויל זיך פאַרשלאָגן אין א ווינקל איינער אַליין און וויינען שטיל, אָן כעס, אויף קיינעם ניט, נאָר וויינען אויף דעם אייגענעם מזל.

אין שטוב דרייט זיך ארום א פרעמדע אידענע, וואָס אימיצער האָט געבראַכט אהער, און די אידענע איז דאָ גלייך געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע. זי קאָכט וואַרמעס, וואַשט דעם קינדס ווינדעלאַך און אז זי דערלאַנגט צום טיש און מען וויל ניט עסן, שרייט זי:

— עסט! א מענטש דאַרף עסן!

יודל האָט פאַר איר מורא און ער פאָלגט זי.

די אידענע טרעט ניט אָפּ פון דער קימפּעטאָרן, זי שלאָפט

דער אינזל

אפילו ביי איר אין צימער, אין יודלס בעט, און יודל שלאָפט אין עס־שטוב, אויף דער קאנאפע.

די נעכט ציען זיך ניט, געדויערן ניט, נאָר ליגן אויסגעשפרייט, ווי א ווייכער, א שווארצער געוואנט.

יודל וויל ארייננגיין צו ווערא און זאָגן איר — — — וואָס וועט ער איר זאָגן? ער וויל צורופן צו זיך לייזער'ן:

— איך וועל אייך ניט טשעפען, האָט ניט מורא. זאָל איך שטארבן אויב איך וועל אייך אָנרירן. איך בין א פּראָסטער קאָוואל, פון קינדוויים אָן. טאָ זאָגט מיר, פאר וואָס מאטערט מען מיך? וועמען האָב איך שלעכטס געטאָן? זאָל מען מיך דער'הרג'ענען, מיט איין זעץ, און פארטיק!

ער וויינט. ער שלינגט די אייגענע טרערן, און עס ווערט אים גוט דערפון.

די ערשטע דריי טעג נאָכן האָבן האָט ווערא געפילט זייער גוט. זי האָט זיך שוין אפילו אויפגעזעצט, און זי האָט זיך געהאלטן אין איין איבערנעמען:

— איך בין אזוי שוואך...

די געלע באקן אירע האָבן זיך גערויטלט און זי איז געווען אזוי שיין אז אלע האָבן זי ליב געהאט. עפּעס האָט ארויסגעשיינט פון איר, ווי פון דער ווייטער זון, וואס פארבאהאלט זיך אונטער א ווייסן, שנייאיקן וואָלקן.

נאָר אפן פערטן טאָג האָט די פרעמדע אידענע פלוצלונג אויפ־געהויבן א טאראראם:

— איך בין שוין בא קימפּעטאָרנס, ברוך השם, ניט פון נעכטן, איך האָב זיך שוין אָנגעזען, הלוואי זאָל איך עס מער ניט זען. נאָר איך זאָג אייך, איר טאָרט ניט שווייגן! ניט דאָ געדאכט, ניט פאר קיין אידיש קינד געדאכט, איך וויל עס נאָר פארן מויל ניט ארויסברענגען, נאָר געדענקט וואָס איך זאָג אייך, געדענקט!

דער דאָקטאָר האָט זיך פארשפארט ביי דער קימפּעטאָרן, איי־נער אליין, און יודל און לייזער און די פרעמדע אידענע האָבן גע־ווארט אונטן, אין עס־שטוב. די אידענע האָט זיך נאָך אלץ ניט געוואָלט איינגעמען, און יודל איז געזעסן א רואיקער, נאָר א פאר־טראכטער, זייער א פארטראכטער.

דער דאָקטאָר איז באלד ארויסגעקומען צו זיי און זיי האָבן אים אלע ארומגערינגלט. נאָר ער זעט זיי, דאכט זיך, קיינעם ניט. ער קוקט ניט אף קיינעם פון זיי, זיי ארן אים ניט. ער איז שטארק

צעטראָגן און ער זאָגט קורץ, אָפּגעהאַקט, אַז מען מוז שיקן נאָך אַ פּראָפעסאָר, די מינוט!

— אַ פּראָפעסאָר?

— יאָ!

ביי יודלען ברעכן זיך די קני, און לייזער בלייבט אַ צעטומל־טער, אַ פאַרלאָרענער. דעם דאָקטאָר רייצט עס און ער שרייט:

— נו? טראַכט ניט!

און ווען דער פּראָפעסאָר איז געקומען, זיינען אַלע אריין מיט אים צו דער קימפּעטאָרן. נאָר דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָפּגע־שטעלט און האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן ארויסגיין. ער איז אַליין נאָכגעגאַנגען נאָך זיי און האָט אַליין פאַרמאַכט נאָך זיי די טיר. דער דאָקטאָר איז די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראָטן פון דער קימ־פּעטאָרן.

דער פּראָפעסאָר האָט שוין געוואָלט צוגיין צו דער קראַנקער, נאָר דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אָן יודלען. דער פּראָפעסאָר בעט אים נאָך אַמאָל, אַז ער זאָל ארויסגיין, און וואַרט. נאָר יודל נעמט פאַנאַנדער די ליפּן און ווייזט דעם פּראָפעסאָר צוויי קאַסטנס מיט ווייסע, געזונטע ציין, ווי ביי אַ חיה. דער פּראָפעסאָר גיט אַ טראַכט:

— אַ משוגע'נער?

יודל האָט קענטיק געוואָלט עפּעס זאָגן דעם פּראָפעסאָר, נאָר מער ווי פאַנאַנדעררייסן די ליפּן האָט ער ניט געקענט. ער האָט שוין געפילט, אַז זיינע ציין, נאַקעטע, שטשירען איצט ווי ביי אַ הונט, נאָר אַז ער האָט איינמאָל פאַנאַנדערגעריסן די ליפּן קען ער זיי שוין ניט צומאַכן.

דער פּראָפעסאָר האָט דאָ עפּעס ניט פאַרשטאַנען, האָט זיך געגעבן אַ קער אום צום דאָקטאָר, האָט ביי אים געפרעגט ווער דער מענש איז, און דער דאָקטאָר האָט אים שטיל געענטפערט:

— איר מאַן.

דער פּראָפעסאָר האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף אים און האָט אים געלאָזט שטיין דאָרט וואו ער איז געשטאַנען. ער האָט אויף גיך אויסגעהערט די קראַנקע, האָט איבערגעוואָרפן זיך מיטן דאָקטאָר און איז אַראָפּ צו די שטוביקע. יודל איז אים נאָכגע־גאַנגען, ווי אַ שאָטן.

דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט אויף לייזערן און אויף יודלען. ער האָט ניט געוואוסט ווער פון זיי איז דער מאַן. לייזערן איז פּלוצלונג

דער אינזל

קאַלט געוואָרן אונטערן האַרצן, עס האָט אים גענומען פּינטלען פאַר די אויגן. און יודל האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין ווינקל, ווי אַ פלאַקן, וואָס האָט, דאַכט זיך, אונטערגעשפּאַרט מיט זיך די גאַנצע שטוב, אַז עס זאָל ניט איינפאַלן. ער האָט זיך גערוקט פּאַמעלאַך, טראָט נאָך טראָט, ווי ער וואָלט טאַקע מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט איינ־פאַלן, נאָר אַז ער איז שוין צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר און די שטוב איז ניט איינגעפאַלן, איז ער געבליבן שטיין אַ קליינער, אַן אויס־געצווייגענער, ווי אַ סאָלדאַט.

דער פּראָפעסאָר האָט אים אָנגעקוקט, האָט פאַרגעסן אויף דער רגע אָן דער קראַנקער, האָט נאָר אים אליין געוואָלט טרויסטן. נאָר יודל איז געשטאַנען אַ קליינער, אַ רואיקער, און ווען דער פּראָפעסאָר זאָגט אים איצט: — שטאַרב! וואָלט ער צוגעמאַכט די אויגן און וואָלט געשטאָרבן.

זיי האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט, האָבן געוואַרט פון אים עפּעס, ביז די פרעמדע אידענע האָט זיך שטיל גענומען ווישן די אויגן:

— אוי, גאָטעניו, גאָטענוי! — — —

זישאָ לאַנדוי:

דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט.

אַזאַ לבנה! אַזוינע נעכט!
און ווי דאָס האַרץ שלאָגט היינט פאַרטרויט!
ווי נאָדלען מיינע פינגער שטעכט
דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט.

הויך איבער אונז האָט זיך צעוויגט
אין ווייטן רוים אַ פּורפּור פלאַם;
אויף וואָלקנס די לבנה ליגט,
ווי אין דעם פעלד אַ ווייסער לאַם.

און אין דעם שיין האָט האַרץ און וועלט
זיך דורכגעפלאָכטן, דורכגעצווייגט,

און אַלעם זינגט און קלינגט און קוועלט —
דער לאַם דער ווייסער ער נאָר שווייגט.

די פּאָרצעלייענע מאַרקיזין.

מאַרקיזין איז פון פּאָרצעליי
און טיף געררוזשט די ליפּן אירע,
איר וואָרט איז עכט־האָלענדישער ליין,
איר וואָרט איז גלייך ווי ס'איז א ווירע.

און אין א דונקעלן געוועב
די אויגן די גאָלדענע שטראַלן,
בין איך אַליין אצינד איר שלעפּ,
פריער איז ער געווען פון עלף טויזנט וואסאלן.

איבער זיבן ימים.

איבער זיבן ימים, איבער טעג און וואָכן,
איבער לייכט פארבראכטע אוונטן און רייד,
האָט שוין אונזער שיף דעם נעבל דורכגעבראָכן,
און אין ווינט שוין אונזער ווייסער זעגל וועהט.

און ווי קאַלטע זיילן גלאָצן שוין די בליקן,
בלינד איז אונזער וואָרט, וואָס האָט געררוישט ווי ווין ; —
איך וועל היינט ביינאַכט נאָך זיך דערשטיקן,
אָדער כ'יאָג א קויל מיר אין דעם מויל אריין.

ר. אייזלאַנד :

מר. גוסטאַוו גילדנער

.10

מיט איין פוס אויסגעשטעלט פאָראויס, און דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן אביסל אין א זייט, איז יאנקל היטלמאַכער געשטאַנען אין מיטן שטוב און מיט איין אויג באַטראכט א נאָר־וואָס פארענדיקט שטריימל, וואָס האָט זיך געדרייט ביי אים אויף איין פינגער ווי א מילכל. מיט א געוואַלטיקער הנאה האָט ער געזען ווי אַלע דרייצן

דער אינזל

שפּיצן יאָגן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן און דאָך גייט זיך יעדער זיין וועג.

— דאָס הייסט אַ שטריימל! — האָט ער אַליין אַנגעקוואָלן פון זיין אַרבעט און עס ווידער אַ לאָז געטאָן אויף איין פינגער. און מיטאַמאָל האָט אים זיין ווייב אָנגערירט ביי דער פּלייצע און אים אָנגעוויזן אויף גרשונ׳עז, וואָס איז געזעסן ביי דער מאַשין אַ פאַרגאַפטער מיט אַן אָפן מויל און די הענט זיינען געלעגן פאַר אים ווי צוויי קלעצער.

— דיינע באַלמעלאָכעס! — און זי האָט אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז.

יאַנקל איז צוגעגאַנגען צו אים און אים פון הינטן צוגעשטעלט אַ פינגער צו אַ באַק:

— גרשון!

גרשון האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. פאַרשעמט זיך און אָנגעהויבן רודערן מיט די פיס אויפ׳ן טרעטער פון דער מאַשין.

— טייערע געזעלן! — האָט יאַנקל אויסגערופן און אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ — טע, טע! מען קען נישט זאָגן. פון אַ שאָס אַזוינע קען מען אַרומגיין אַן הויזן.

נאָר גרשון האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר טיפער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זיך איינגעגעסן אין די צוויי העלפטן פון קאַשקעט, וואָס האָבן זיך איצט האַלב אויפגעבלאָזן אַרויסגעהויבן פון אונטער דער מאַשין־נאָדל.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ שניי. שטיל און גלייך האָט ער זיך געלעגט אין גרויסע שטיקער אויף די דעכער, אויף די שטיינער פון ברוק און אויף אַן איבערגעקערטן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענסטער פון מענדל שוסטער, וואָס האָט געוואוינט אַקעגן־איבער.

— זי זאָל נאָר קיינעם נישט דערציילן! —- האָט גרשון געטראַכט. און עס איז אים קאַלט געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי זיין באָבעס דינסט, פּערל, האָט געלאַכט ווען ער האָט זיך נעכטן פאַרנאַכט אַריינגעכאַפּט אין זיידנס שטוב, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דער זיידע איז אין קלויז, די באָבע אין געוועלב און אחוץ איר איז דאָרט קיינער ניטאָ.

— נישטאָ מיין ברודער, שימעלע? — און זיין קול האָט געציטערט.

נאָר דער שוואַרץ יאָר האָט אים געטריבן אַהין. נישט קראַנק געווען צו גיין אין בית מדרש אַריין צו מנחה־מעריב, ווי דער באַלע־

באָס און װעלװועלע? װען ער זאָל איצט קענען, װאָלט ער זיך אויס־געפּאַטשט דערפאַר.

זי איז געזעסן אין מיטן קיך אויף אַ ביינקל, געשיילט קאַר־טאָפל און זיי געוואָרפן אין אַ שעפל מיט וואַסער, וואָס איז גע־שטאַנען פאַר אירע פיס.

— װער? — האָט זי געפרעגט און אירע אויגן האָבן געלאַכט.

— ששימעלע! — און ער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן.

אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל איז האַסטיק אַ פלי געטאָן אין שעפל אריין, אַז דאָס וואַסער האָט אַזש אַ שפּריץ געטאָן אין דער הויך.

— חי! װאָס פעלט אינגען איין? שימעלע דאָ אין דער צייט? קיינער איז נישטאָ אין דער צייט.

— איצט װעט זי גיין און זיך באַרימען אַז איך קריך צו איר, װען ס'איז קיינער אין שטוב נישטאָ — און ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען ווי אַזוי ער איז צוריק אַרוים. — דער זיידע זאָל זיך נאָר ניט דערוויסן.

— אַזאַ פּאַסקודנע מויד! און זי האָט דאָך אַ װאָנצע, האָט זי דאָך!

און ער איז געװען זיכער ביי זיך, אַז ער װעט זי אויסװייכן ווי אַ פּעסט.

עטלאַכע טעג האָט ער זיך טאַקע געהיט ניט צוצוקומען נאָענט צום זיידנס הויז.

פרייטאָג, װען ער איז געגאַנגען אַ שליחות פאַר'ן מייסטערס ווענן, האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר אויפ'ן גאַס. זי האָט גע־טראָגן צום בעקער אַ בלעך מיט ראָגעלאַך און איר נאָז איז געװען פאַרמעליקט.

— שוין געפונען שימעלען? — האָט זי פאַרבייגייענדיק אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל און פון מויל האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע ציין און ברייטע געבערגלטע יאַסלעס.

ער האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן און זיך שניעל אָפּגעטראָגן. געדאַכט האָט זיך אים אַז זי קוקט אים נאָך און לאַכט און אַז אַלע קוקן אים נאָך און לאַכן.

אויף צו מאָרגנס איז ער ווי אַלע שבת געקומען אַהיים צו דער מאַמען. ער איז בלייך געוואָרן װען ער האָט דערזען אַז זי איז אויך דאָ. די מאַמע האָט געדאַוונט מנחה פון דעם גרויסן קרבן מנחה סדור. און זי, פּערל, איז געזעסן ביים טיש איינגעהילט אין אַ שאַל און געקנעטן צווישן די פינגער קרישקעס פון חלה.

דער אינזל

— וואָס איז זי געקומען, דאָס שטיק פלייש?

און די גאַנצע צייט וואָס ער איז דאָרט געווען האָט ער מורא געהאַט די אויגן אויפצוהייבן. ווען ער האָט זיך אויפגעהייבן אוועקצוגיין, האָט זי זיך אויך אויפגעהויבן און זיי זיינען צוזאַמען ארויס. אין פירהויז האָט ביי אים פלוצים איין קני אָנגעהויבן צו ציטערן און דער אָטעם איז אים געבליבן שטאָקן.

— זי זענען אזא יאָלדישער! — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און איר אָטעם האָט אים אַ קיצל געטאָן אויפ'ן פּנים.

דאָ האָט גרשון, אַליין ניט ווויסנדיק וואָס ער טוט, אויסגע־שטרעקט די האַנט און איר דערלאַנגט אַ טיפּן קניפּ אין דער זייט.

— או! — און זי האָט זיך אַזש אַ דריי געטאָן אין דרייען. באַלד אָבער האָט זי אָנגענומען זיין האַנט און זי צוגעלייגט צום אָרם, וואו ער האָט איר אַ קניפּ געטאָן.

— ס'טוט אַזוי וויי!

זיינע פינגער זיינען געווען אָנגעלאָדן ווי צום פּלאַצן און ער האָט אַזוי געציטערט אַז די ציין האָבן אים געקלאַפּט.

אין דרויסן האָט זי אים געפרעגט:

— זי זענען טאַקע געקומען זוכן אינענס ברודער?

— ווו־ווען?

— זי וויסן ווען.

— יאָ.

— און יעך האָב געמיינט . . . און זי האָט ניט פאַרענדיקט.

אַ פּאָר שריט ווייטער האָט זי געזאָגט:

— יעך האָב געוואוסט זי וועלן קומען.

עטלאַכע טעג נאָכדעם האָט גרשון כמעט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט, און אַלץ אין אים איז געווען אַזוי שווער ווי אָנגע־גאָסן מיט בליי.

און איין פאַרנאַכט, ווען דער מייסטער מיט וועלוועלען זיינען אוועק אין בית מדרש אריין צו מנחה־מעריב, איז ער אוועק מיט זייטיקע געסלאַך און געדרייט זיך ווי איינער וואָס היט זיך פאַר עמיצן און האָט רק מורא אַז מען גייט אים נאָך. צום סוף איז ער אריין אין אַ טויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט אַ שמאָל געסל פון מאַרק און דורך דעם טויער אין דעם פירהויז פון זיידנס שטוב.

ביי פּערלען זיינען די הענט געווען רויט ווי נאָך אַ וועש. און אויפ'ן טיש פון קיך איז געלעגן אַ פּאַק אויסגעוואַשענע שטשירקעס.

— אָ, גרשון! — האָט זי אים דאָס מאָל באַגריסט ווי אַ היימישן און אירע אויגן האָבן געפינקלט.

גרשון איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

ד ע ר א י נ ז ל

— גוט וואָס זי זענען איצט געקומען, — האָט זי געזאָגט. — איך דאַרף אַרויפגיין אויפ.ן בויקים אויפהענגען דאָס אָ, און אַליין האָב איך מורא. און אין אַ ווײַלע אַרום מיט אַ שמייכעלע: — ז'עלן מיטגיין, גערשעלע?

ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שטום קאַלב מיט אַן אָפּן מויל, און הענט און פיס האָבן בײַ אים געציטערט.

אויף די שטיגן איז געווען פינסטער. פערל האָט מיט איין האַנט געטאַפּט בײַ אַ וואַנט און איטליכס מאָל אויסגערופן: אוי! גלײַך ווי זי וואָלט האַלטן בײַם פאַלן. און מיט אַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ וואָרף געטאָן די פּלייצע אויף צוריק און אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— האָסט מיך ליב, גערשעלע?

בײַ גרשונען האָט אָנגעהויבן צו קלינגען אין קאָפּ. און מיט אַמאָל האָט ער אין דער פינסטער אויסגעשטרעקט בײדע הענט און פון הינטן אַרום זי אַ כאַפּ געטאָן.

פון דעמאָלט אָן זײַנען זיי אַ סך מאָל געווען אויפ'ן בוידים. און איין מאָל ווען ער איז געקומען האָט ער זי געטראָפן אויפ'ן בוידים זיצן אַ פאַרווײנטע. אין דרויסן איז נאָך געווען גוט ליכטיק. נאָר אויפ'ן בוידים איז שוין געווען פינסטער. בלויז עטלאַכע שינדלען האָבן געלויכטן ווי די שפּאַלטן צווישן די פינגער ווען מען האַלט די האַנט אַ געעפנטע אַנקעגן דער דער זון. אויף אַ קופּע שטרוי איז זי געזעסן און האָט אין דער פינסטער אויסגעזען ווי אַ קײַלעכדיק בינטל. זי האָט אים לכתחילה ניט געזען ווען ער איז אַרויפגעקומען. און ווי זי וואָלט געווען שטאַרק פאַרטראַכט און שטאַרק פאַרצערט האָט זי אַלץ אין איינעם אָנגענומען פולע זשמעניעס שטרוי, זיי אַוועקגעוואָרפן און ווידער אָנגענומען אַנדערע זשמעניעס.

גרשון איז צוגעקומען נענטער און דערזען אַז זי איז פאַרווײנט, האָט ער זיך דערשראָקן.

— וואָס איז?

זי האָט ניט געענטפערט. אים נאָר אָנגעוויזן ער זאָל זיך זעצן. גרשון איז אָבער ווײַטער געבליבן שטיין.

— זעץ דיך! — איר קול האָט געקלונגען ווי פון אַ קעלער אַרויס.

ער האָט געפאָלגט. זי האָט ווידער אָנגענומען זשמעניעס שטרוי און בײדע האָבן געשוויגן. און מיט אַמאָל האָט זי אָנגענומען זײַן האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— גערשעלע!

— וואָס איז?

זי האָט געשוויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אים אַ צופּ געטאָן בײַם אַרבל:

— גערשעלע!

ער האָט איר אַ גליעט געטאָן איבער דער האַנט און זי האָט זיך איצט צעוויינט אויפ'ן קול:

— מיר'ן מו־זן אוועקפאַ־רן. כּטראַאַג.

ביי גרשונען האָט אָנגעהויבן צו שיסן אין קאָפּ. און ס'איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. עפּעס האָט ער די גאַנצע זאַך ניט פאַרשטאַנען און אַלץ האָט זיך גענומען דרייען פאַר אים. אַליין ניט ווייסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער זיך גענומען אָפּרוקן פון איר און פּערל האָט פּלוצים אויסגעשאָסן אין אַ יללה:

— אוי, אַ בראָך צו מיר! אוי, אַ קלאָג! וואָס וועל'יך טין, וואָס וועל'יך טין? געבראָכן די הענט און זיי גענומען בייסן מיט די ציין. — אוי! אוי! וואָס וועל'יך טין? און זיך גענומען קלאַפּן אין קאָפּ אַריין מיטביידע פויסטן. — אוי, ער אַנטלויפט! אוי! — און זי איז צוזאַמענגעפאַלן אין אַ יאָמער, וואָס האָט זיך צעשאָטן ווי דריבנער שראָט. דערביי האָבן איר אַזוי געציטערט דאָס פּנים, די הענט און דער גאַנצער גוף, אַז ס'האָט זיך געדאַכט דאָס געוויין קומט ניט נאָר פון מויל, נאָר אויך פון די אַקסלען, די עלנבויגנס און די שפּיצן פון די פינגער.

נאָר גרשון האָט שוין דאָס ניט געהערט, ווייל ער איז שוין געשפּרונגען איבער די שטיגן ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

.11

פון דעם פאַל אויף די שטיגן האָט זיך נאָטיץ ניט שטאַרק באַשעדיקט. בלויז אַ קנעכל אויסגעלינקט. און דאָס האָט זיך אויך שנעל פאַרהיילט. נאָר צוויי וואָכן האָט עס אים געהאַלטן אין שטוב און ווי אַלעמאָל ווען אים איז אויסגעקומען צו זיין אַ לענגערע צייט אַליין, האָט ער זיך דערפילט שווידערלאַך עלנט און פאַרוואָגלט. זיין עלנטקייט האָט צו אים געשריגן פון אַלץ וואָס אַרום אים: פון די ווענט, פון דעם פּאַק אַלטע קליידער וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל, פון אַ קופּקעלע שטויב, וואָס ער האָט דערזען אין אַ ווינקל און פון די פּרעמדע גוי'אישע ריחות, וואָס האָבן דורך די שפּאַרעס אַריינגעדרונגען צו אים פון די אַנדערע צימערן אויף זיין קוואַרטיר.

ווי אויף צו להכעיס האָט ער נאָך דורך די נעכט געהערט קולות און רייד, וואָס זיינען אים אַמאָל געווען אַזוי ליב און וועלכע ער האָט שוין ניט געהערט אַ לאַנגע צייט, און גאַנץ אָפּט פלעגט אין

דער אינזל

מיטן דערינגען אים פארביישוועבן א פארגעסן פנים, וואס האט אויף אים א ווײ געטאן מיט היים, פריש־געבאקן ברויט, צי א ניגון וואס האט זיך יום־טוב'דיק צעגאסן איבער אלע זיינע איברים, און ער האט זיך געפילט נאך עלנטער און פארוואגלטער.

און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט איין פרימארגן, האט ער געוואוסט, אז זאל ער נאר אראפ פון בעט, וועט ער אהיים פארן.

און פון דעסטוועגן האט נאך געדויערט פינף חדשים איידער ער האט איינגענייט אין העמד די עטלאכע הונדערט מארק וואס ער האט אפגעשפארט און א טאג שפעטער איז ער שוין געזעסן אויפ'ן צוג וואס האט אים געפירט אהיים.

א טרויעריקער שמייכל האט זיך צעלייגט איבער זיין פנים ווען דער צוג איז אריבער די גרעניץ און ער האט דערזען די נידע־ריקע פוילישע כאלופעס, מיט די שטרוי־ענע דעכער. דאס איז גע־ווען איינער פון די ערשטע זומער־טעג, און דער צוג האט זיך גע־טראגן איבער ברייטע גרינע און ערטערווייז פריש־צעאקערטע פעל־דער, וואס זיינען דורכגעשניטן געווארן מיט גלייכע און קרומע וועגן, און אומעטום כאלופעס, כאלופעס, וואס האבן אויסגעזען ווי האלב איינגעזונקען אין דער ערד. עס האט אים אנגעהויבן קלעמען ביים הארצן למאי ער פארט אהיים. און אין מוח האט אן ענגבער געטאן: אפשר אומקערן דעם דישעל און פארן צוריק? נאר גע־וואוסט האט ער: פארפאלן! ער וועט שוין צוריק ניט פארן און אפשר טאקע קיינמאל ניט.

דאס איצטיקע מאל איז ער געווען אין דער פרעמד בלויז דריי־פערטל יאר. נאר ווי שטארק ער האט זיך געביטן, דאס האט ער ערשט דערזען ווען ער איז שוין געווען אין דער היים. אויף דארטן אין דער פרעמד פלעגט ער אמאל א קוק טאן אויף זיך אין שפיגל. נאר קיינמאל האט ער זיך דארטן ניט געזען ווי איצטער דא. אין די לעצטע עטלאכע חדשים האט ער דאס בערדל מער ניט געשוירן. און איצט האט עס אויסגעזען צעקנאדערט און אשיק גרוי. דאס פנים האט געקראגן אן ערד־קאליר און די אויגן זיינען אים געזעסן טיף אין די לעכער. ערשט איצט האט ער פארשטאנען פארוואס די פלייצעס ציען אים אזוי אראפ די לעצטע צייטן און די קני ברעכן זיך אונטער אים.

— יא, וויר ווערדן אלט! — און ער האט זיך דערפילט ווי א זקן.

א ליכטיקער זומער־טאג האט אריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער. צוויי שוואלבן האבן א שניט געטאן די לופט ווי אויסגעשאסענע

דער אינזל

פײלן. בײ אײנעם פון די פענסטער האָט אַ קאָלירט פּאַרהענגל געפלאַטערט װי דער פליגל פון אַ גרױסן משונה׳דיקן פױגל.

— די לופט איז גוט ! — האָט ער זיך אַלײן אַ זאָג געטאָן, צעעפנט די נאָז־פליגל און אַרײנגעצױגן אין זיך דאָס װינטל װאָס האָט אַרײנגעבלאָזן דורך די פענסטער. און מיט אַמאָל איז אים אײנגעפאַלן :

— װאָס װײזט זיך ניט, גרשון ?

שױן דעם דריטן טאָג, װי ער איז אין דער הײם, און מער װי אײנמאָל איז גרשון דאָ ניט געװען. ער אַרבעט. געװיס. נאָר דאָס איז קײן תירוץ ניט. גרשון איז שױן אַ גרױס׳ער בחור. ער פאַרשטײט שױן זאַכן און . . . װעמען האָט ער דען אױף דער װעלט אױבּ ניט אים ?

אָבער גרשון איז געקומען ערשט פרײטאָג צונאַכט. און איצט איז ער אױך ניט געזעסן לאַנג. ער איז מיד, האָט ער געזאָגט. און ער װעט קומען מאָרגן.

— פאַרװאָס זשע כאָטש דאָס ביסל צימעס ? — האָט זיך הינדע מירל געבעטן בײ אים.

— נײן. ער קען נישט. און ער האָט זיך שנעל אױפגעהױבן פון טיש.

— געדענק־זשע, זאָלסט קומען פרי ! — האָט אים הינדע מירל דערמאָנט. — װײל מאָרגן װעלן דאָ אױך זײן דער זײדע און די באָבע און דער פעטער װאָלף...

און איר קול האָט צוגעגעבן : — און ס׳װעט זײן פרײלאַך ! — דעריין איז זי געװען זיכער. װאָרים זי אַלײן געדענקט שױן ניט װען ס׳איז איר געװען אַזױ פרײלאַך אױף׳ן האַרצן װי הײנט. פון אַלץ איז איר הײנט פרײלאַך. פון דעם אופן װי נאָטע זיצט בײם טיש, װי אַזױ ער עסט און װי ער רעדט צו איר און צו די קינדער. אַפילו זײן קול האָט זיך געביטן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס מאָל װעט ער שױן בלײבן אין דער הײם.

אָבער גרשון איז אױך צו מאָרגנס בײטאָג אינגאַנצן ניט גע־קומען. ערשט נאָך הבדלה האָט ער זיך באַװיזן און זײן פּנים האָט אױסגעזען װי פון לײם.

הינדע מירל האָט זיך דערשראָקן :

— װײ איז מיר נישט ! װאָס איז דיר, גערשעלע ? — און זי האָט זיך שיער ניט צעװײנט װען זי האָט גענומען אַרומטאַנצן אַרום אים, באַטאַפּט אים די הענט, דעם שטערן און װידעראַמאָל די הענט. נאָר נאָטע האָט געזאָגט : — דו זעסט דאָך אַז ער איז ניט מיט אַלעמען ! — און בײדע זײנען צו אים צוגעשטאַנען אַז ער זאָל

דער אינזל

די נאַכט נעכטיקן אין דער היים. דאָס האָט גרשון בשום אופן ניט געוואָלט. ביים מייסטער האָט ער אַ בעסער געלעגער.

— זאָל זיין אַזוי.

און גרשון איז אַוועקגעגאַנגען.

זונטאָג גאַנץ פרי איז אים הינדע־מירל געקומען געוואָר ווערן. אַביסל שפּעטער איז געקומען נאָטע. זאָל ער דעם היינטיקן טאָג ניט אַרבעטן, — האָט נאָטע געזאָגט. נישקשה, דער מייסטער וועט גאָר נישט האָבן נעגן דעם. ער זעט דאָך אַליין אַז דו ביזט ניט געזונט — ניכט וואַר?

— אודאי קען ער גיין, אודאי, — האָט געענטפערט יאַנקל. — איך נייט קיינעם ניט צו אַרבעטן ווען מען קען נישט. נישט אַזוי, גרשון?

אָבער גרשון האָט ניט געוואָלט גיין אַהיים. עס איז אים גאָר נישט. דער קאָפּ טוט אים נאָר אַביסל וויי און ער פילט זיך בעסער ווען ער טוט עפּעס.

נאָר פאַרנאַכט האָט אים פּלוצים אַ הייב געטאָן פון בענקל און אָן אַ וואָרט האָט ער געכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל מיט'ן קאַפּעליוש און איז אַרויס. אַ פאַר'חושכ'טער האָט ער מיט לאַנגע שפּרייזן זיך געטראָגן איבער'ן מאַרק, איבער גאַסן און געסלאַך, איבער דעם שעכטהויז־פּלאַץ און פון דאָרטן צוריק אין מאַרק אַריין און ווידער אין אַ געסל אַריין און פון דאָרט צוריק אין מאַרק אַריין און אַזוי כסדר ביז עס איז געוואָרן פינסטער.

ערשט איצט איז ער אַריין אין טויער וואָס האָט געפירט צום זיידנס הויז. אָבער ווען ער איז אַריין אינווייניק האָט ער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. האָט ער זיך ווידער גענומען דרייען פון איין געסל צום צווייטן און צום סוף ווידער אַוועק צום זיידנס שטוב. אויך איצט האָט ער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן.

עס איז שוין געווען שפּעט און ער האָט געוואוסט אַז באַלד וועלן דער באָבע און דער זיידע קומען פון געוועלב. און זיי וועלן דאַרפן דורכגיין די קיך. אָבער אין קיך איז נאָך אַלץ פינסטער און קיינער איז דאָרט ניטאָ.

ער האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און איז געשטאַנען פאַרגליווערט ווי אַ שטיק זאַלץ. און אָט קומען שוין דער זיידע מיט דער באָבען. נאָר אינווייניק איז נאָך אַלץ פינסטער.

און אָט קומט אַרויס דער זיידע אַליין פאַרמאַכן דעם לאָדן.

— פערל איז ערגיץ פאַרשוואונדן!

— זי האָט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן!

דאָס גאַנצע געסל האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט די רעכער אַראָפּ.

.12

— שעמען מעגסטו דיך! — האָט עפּעס אַ פרעמד און דאָך באַקאַנט קול אַ קלאַפּ געטאָן פאַרביי אים, און גרשון האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ טיאַכק אין הארצן, זיך אַ הייב געטאָן און איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער אויף זיין געלעגער. אין איין אויער האָט אים געקלונגען ווי נאָך אַ פּאַטש, און ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען ווען ער האָט דעם פּאַטש געקראָגן און פון וועמען. ער האָט נאָר געדענקט, אַז בשעת מעשה און דערנאָך האָט ער זיך געקליבן ערגיץ צו אַנטלויפן. אָבער פאַרוואָס?

אויפ'ן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ. נאָר די שויבן זיינען געווען בלוי און די טיר איז געשטאַנען אָפן. פון ערגיץ ווייט איז געקומען דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון אַ וואַסער־פּלומפּ. — וואָס איז איצט? תחילת נאַכט צי פאַרטאָג?

— מען דאַרף אַנטלויפן! אַנטלויפן? נאָר אָט האָט זיך געהערט אַ שנעל מורמלען אונטער דער נאָז און גרשון האָט דערזען ווי וועלוועלע שטייט ביי איינעם פון די פענסטער אין די תפלין און דאַוונט. און מיט איין רוק איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס.

דער באַלעבאָס איז אריינגעקומען פון דרויסן, אַ פאַרשלאָפענער מיט אַ צעקנאָדערטער באָרד. דאָס קאָפּל מיט דער באָרד זיינען געווען פאַרקלעפּט מיט פעדערלאַך. מיט אַ קרעכץ איז ער צוגעגאַנגען צום וואַסערפאַס, אָפּגעשעפּט אַ קווערטל וואַסער, זיך געוואַשן די הענט און ווידער געקרעכצט.

— פאַרשפּעטיקט! — איז דורכגעלאָפן גרשונ'ען אין קאָפּ, און אַ שאַרפער וויטאָג האָט אים אַ שניט געטאָן איבער'ן הארצן.

דער שניט איז געבליבן שטיין דעם גאַנצן טאָג. די הענט זיינען אים געוואָרן שווער און אַ שווערע טעמפּקייט איז אים געזעסן אויפ'ן קאָפּ און אויף די אַקסלען און אים אַראָפּגעדריקט צו דער ערד. עטלאַכע מאָל איז אים אַ ציטער דורכגעלאָפן איבער'ן גאַנצן לייב: — אַנטלויפן! נאָר די טעמפּקייט איז אים געזעסן אין די ביינער און ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

און אָט איז די זון שוין אויף יענער זייט דאַך, און סיין זאַך איז ניט געשען.

— אוף! ס'איז גאָר נישט, און ס'וועט גאָרנישט זיין! און ער ווערט מאָדנע רואיק. ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען אין די לעצטע טעג. נאָר אָט האָט אויף דער שוועל זיך באַוויזן סענדער, מענדל שוסטערס נייער געזעל. מיט אַ געלעכטער פרעגט ער:

— שוין געהערט? די שוואַרצע פערל האָט זיך דאָך פאַרהורט. ביי גרשונ'ען פאַלט איין דאָס האַרץ און וועלוועלע פרעגט:

דער אינזל

— וואוּ?

— פאַרהורט!

— ווער?

— די שוואַרצע פּערל?

יאַנקל שטעלט זיך אויף און די יאַנקעליכע קומט אַריין פון אַלקער.

— זיין באַבעס דינסט? מיט וועמען?

— איך ווייס מיט וועמען? אפשר מיט איר באַלעבאָס. ווער קען זאָגן? — און ער האָט זיך צעכיכעט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און ביי גרשונ׳ען האָט זיך געקאָר־טשעט און געגרינט דאָס פּנים.

— ס׳קען ניט זיין! — האָט אַ זאָג געטאָן וועלוועלע. — ווער וועט זיך דאָס צורירן צו אַזאַ גלאָמפּ מיט אויגן?

— זעסטו דאָך! מען האָט זי געבראַכט צושלעפּן, און די גאַנצע שטאָדט קאָכט.

— וואָס הייסט, געבראַכט צושלעפּן? פון וואַנען?

— איך ווייס פון וואַנען? צוויי געזונטע בראַטשיקעס האָבן זי געבראַכט אויף אַ פויערשע פור און זי אַריינגעשלעפּט גלייך צו ר׳ מרדכי׳ן אין געוועלב. — איר׳ט איר אָנגעמאַכט אַ פּעקל — שרייען זיי — — איז האַלט אייך מיט איר!

— העי, גרשון! — האָט אים איצט יאַנקל אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע — אפשר דו?

און ער האָט זיך צעלאַכט.

די צוויי יונגען האָבן אויך געלאַכט און גרשון איז געוואָרן רויט ווי אַ בוריק.

— און וואָס זאָגט די מויד?

— זי ריטשעט! ווי אַ בהמה ריטשעט זי.

און דאָ האָט זיך גרשון פּלוצים אַ הייב געטאָן און איז אַרויס־געשפּרונגען דורך אַ פענסטער.

געקומען איז דאָס אַזוי שנעל און אַזוי אומגעריכט, אַז יאַנקל, וועלוועלע און סענדער האָבן אַ רגע ניט געכאַפּט זיך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער באַלד האָבן די צוויי יונגען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים מיט אַ געשריי:

— כאַפּט אים! כאַפּט אים!

און דאָס שניידערשע געסל איז באַלד פול געוועזן מיט מענטשן. פון אַלע פענסטער האָבן קעפּ אַרויסגעשטעקט און פון אַלע זייטן האָט מען געשריגן און געליאַרעמט.

דער אינזל

אָבער גרשון איז שוין געווען אין אַן אַנדער געסל, און וועל־וועלע מיט סענדערן הינטער אים.

— האַ, האַ, האַ! כאַפּט אים! כאַפּט אים! האַ, האַ!

נאָר גרשון איז שוין הינטער די יאַטקעס, און אַחוץ וועלוועלען מיט סענדערן יאָגן זיך שוין נאָך אים אויך צוויי קצבים־יונגען און רושין דער באָד־גוי.

אויפ׳ן שעכטהויז־פּלאַץ האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַסעגן אים פון צוויי זייטן אַ פּאַרמעליקטער בעקער־יונג און יונה סטאָליער. דעם סטאָליער האָט גרשון ניט געזען, נאָר די ווייסע פּליודערן פון בעקער־יונג האָבן אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. און ווען דער בעקער־יונג האָט שוין געהאַט אויסגעצויגן די האַנט אים אָנצוכאַפּן, האָט זיך גרשון פלינק אַ דריי געטאָן, און ער איז שוין געווען אין אַן אַנדער געסל.

איצטער האָבן זיך שוין געיאָגט נאָך אים אַ גאַנצע מחנה גרויסע און קליינע יונגען, און אויך עטלאַכע אידן מיט בערד. דאָס גאַנצע לייב איז אים געווען איינגעטונקען אין שוויים, אַ שוים האָט אים אַרויסגעזעצט אויף די ליפּן און די אויגן האָבן שוין גאָר ניט געזען. אָבער די קולות הינטער אים האָבן אים אונטערגעשמיסן ווי מיט בייטשן און ער האָט זיך ווייטער געיאָגט.

אין אַ שמאָלער ליק האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן אַן איבער־געקערט וויגל און איז אַ פאַל געטאָן מיט׳ן פּנים צו דער ערד. איין רגע איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן. נאָר אָט האָבן זיך איצט אַ גאָס געטאָן די קולות מיט די געוואַלטן, און ער איז שוין ווידער געווען אויף די פיס און איז שוין ווייטער געלאָפן. אַ שטיין האָט אים אַ זעץ געטאָן און ער האָט זיך שאַרף אַ בויג געטאָן. נאָר אָט האָט ער זיך שוין אויסגעגלייכט און ער לויפט שוין ווייטער.

איצט האָט ער שוין גאָרניט געוואוסט צי ער לויפט און פאַר־וואָס ער לויפט. נאָר די פיס האָבן זיך פון דעסטוועגן נאָך אַלץ געטראָגן, ביז עמיצער האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט עפּעס איבער׳ן קאָפּ און אַלץ איז פאַרשוואונדן.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָבן אים שוין צוויי פעסטע הענט געפירט צווישן אַ שוואַרצע מחנה, וואָס האָט געשריגן, גע־ליאַרעמט, געזונגען און געפייפט. און גרשון׳ען האָט זיך געדאַכט, די הייזער ליאַרעמען אויך.

געפירט האָט מען אים אַהיים צו זיין טאַטן. ווייל די צוויי יונגען, וואָס האָבן געבראַכט פּערלען, האָבן זי איצטער שוין געהאַט געפירט אַהין, און ווען מען האָט אים אַריינגעפירט אין דעם שמאָלן געסל, איז דאָרטן געווען אַזאַ געדרענג, אַז מען האָט אים ניט גע־

קענט דורכפירן. דער עולם איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. קינדער האָבן געקוויטשעט, ווייל מען האָט זיי געטראָטן אויף די באָרוועסע פיסלאַך. ווייבער האָבן געשאָלטן און מיט די הענט פאָראויס געזוכט אַ וועג אַרויס פון געדרענג. נאָר אָט איז געקומען ר׳ מרדכי און נאָך אים נאָך צוויי עלטערע אידן, און איינער האָט אַ געשריי געטאָן:

— פּראַים, וואָס זיינט איר אייך אָנגעלאָפן אויף בייז וואונדער?!

און די מחנה האָט זיך ווי אַ וואַנט אַ ריר געטאָן אויף צוריק. נאָר ווען ר׳ מרדכי מיט די צוויי אידן זיינען אריין אינוועניק, איז ווי אַ ווינט ווידער אַריבער איבער די קעפּ, וואָס האָבן זיך איצט ווידער געשטיקט פון אַלע זייטן און געטראָגן זייערע קולות צום הימל.

אַ פאַרשמירטער און פאַרבלוטיקטער, מיט איין אַרבל פון העמד איינגאַנצן אָפּגעשונדן, איז גרשון געזעסן אין אַ ווינקל מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. אין אַן אַנדער ווינקל איז געזעסן פּערל, ווי אַ קיילעכדיק קלומפּקל, גע־האַלטן דאָס פּנים איינגעגראָבן איןביידע הענט, געהעשעצט און די אַקסלען האָבן ביי איר געציטערט.

הינדע־מירל האָט זיך געקנייפּט די באַקן און פאַרביסן אין זיך אַ געוויין. נאָטע האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק מיט לאַנגע שפּרייזן און זיינע גרויסע אויגן זיינען געווען נאָך גרעסער. איינער פון די יונגען האָט געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין טיש:

— כ׳על דאָס הויז צעטראָגן!

און ר׳ מרדכי, ביי וועמען די באַקן האָבן איצט מאָדנע רויט אַרויסגעגלאַנצט פון דער באָרד, איז צוגעגאַנגען צו גרשונ׳ען:

— דו האָסט עס ניט געטאָן, גרשון! דו האָסט עס ניט געטאָן!

און זיין קול איז געווען ניט צו דערקענען.

— אודאי האָט ער עס ניט געטאָן! — האָט זיך אריינגע־מישט איינער פון די אידן, וואָס איז געקומען מיט ר׳ מרדכי׳ן — ווי קומט ער צו אַזוינס?

נאָר דער יונג, וואָס האָט געקלאַפּט אויפ׳ן טיש מיט די פויסטן, האָט אַ הייב געטאָן די ברייטע פּלייצעס:

— פאַרמאַכט אייער פּיסק, איר אַלטער תרח!

אָבער דאָ האָט דער צווייטער איד אריינגערופן דעם אַנדערן יונג אין אַלקער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

— דו האָסט עס ניט געטאָן, גרשון! — האָט ווידער געזאָגט

דער אינזל

ר׳ מרדכי. נאָר איצט זיינען אים די באַקן געווען בלייך, און זיין קול האָט געציטערט.

אין דרויסן האָט עמיצער אָנגעהויבן צו שפּילן אויף אַ האַר־מאָניק,

— ר׳ מרדכי! — האָט דער איד אַ רוף געטאָן פון אַלקער. — און מיט צענומענע פּאַלעס איז ער אויך אַריין אהין.

באַלד האָט מען אויך גערופן דעם צווייטן יונג, און דעם צווייטן אידן. עפּעס האָט מען זיך דאָרט גערונגען אינוועניק, און די קולות האָבן אַריינגעדרונגען אהער.

אָבער דאָ האָט זיך נאָטע פּלוצים אָפּגעשטעלט נעבן גרשון׳ען און אַ זאָג געטאָן:

— זאָל דיך שוין אַ כאָלערע כאַפּן!

ר׳ מרדכי איז אַרויסגעקומען פון אַלקער, נאָך אים די צוויי יונגען, און הינטער זיי די צוויי עלטערע אידן. די יונגען זיינען געווען אָנגעכמורעט, אָבער זיי האָבן גאָרניט געזאָגט, נאָר געקוקט אָנגעכמורעט צו דער ערד.

— אודאי האָט ער עס ניט געטאָן! — האָט ווידער אַ זאָג געטאָן יענער איד — וואָדען? כ׳האָב דען ניט געוואוסט?

אָבער דאָ האָט נאָטע פּלוצים אויף דעם אידן אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אַז יענער איז שטיל געוואָרן און זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכץ.

— ער האָט אָנגעמאַכט, וועט ער אויספּרעסן! — האָט נאָטע אַ זאָג געטאָן. — נאָך הויטע אבנד ווירד איין חופּה געשטעלט!

ר׳ מרדכי איז אַרויסגעלאָפן, און הינדע־מירל האָט אַ געשריי געטאָן:

— אוי, איך חלש!

צוויי טעג איז דערנאָך ר׳ מרדכי׳ס געוועלב געווען געשלאָסן, און ביי נאָטע׳ן זיינען די לאָדנס געווען פאַרהאַקט. אויפ׳ן דריטן טאָג האָט אַ שליח פון ר׳ מרדכי׳ן געבראַכט ק״ן ריינישלאַך, און צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווען דאָס שטעטל איז געשלאָפן, איז צום געסל, וואו נאָטע האָט געוואוינט, פאַרפאָרן אַ פור, און גרשון מיט פּערלען זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

הינדע־מירל איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן אַ שטיק וועג און באַ־לייט איר זון מיט אַ געוויין, ווי מען באַלייט אַ טויטן. און נאָטע האָט מיט לאַנגע שפּרייזן געשפּאַנט אויף און אָפּ אין שטוב, אַ פיר געטאָן מיט ביידע הענט איבער׳ן פּנים פון אויבן אַראָפּ און געפּילט ווי צום ערשטן מאָל פאַר אַ סך יאָרן שלינגט ער טרערן.

(סוף פון ערשטן טייל)

Up-To-Date Printing Co., Inc., 195-197 Canal St., New York

דער אײנזל

חודש זשורנאַל

נומער 8. | אָקטאָבער, 1925

אַ. ראַבאָי — דער פּריטשמע־
ליעטער; אל גוריה — פיר לי־
דער; ר. אײזלאַנד—אין גאָרטן
פון יעדאָ; זישאָ לאַנדוי—סענ־
טימענטאַלע פערזן; משה
ליװשיץ — העברײאישע לער־
ערס; הערש ראָזענפעלד —
די קאַלעװאַלאַ; א. נירענבערג
— אַמעריקאַנער פאָלקס לי־
דער; ז. ל. — דער ענין לעזן
— פּאָול הײזע אין חדר —
א מײדל אין די יאָרן — דער
קריזיס אין דער אידישער דיכ־
טונג. מאַיאַקאָװסקי אין ניו יאָרק

25 סענט אַ נומער. | $2.50 א יאָר.

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

אדרעסירט אלע בריף צו:
Inzel Pub. Co., P. O. Box 25, Sta. B, New York, N. Y.

Price per year, $2.50 Single copies, 25c.

דעם אינזל'ס

אַראַנזשירטער באַל

ארעבעסקע באַל שפּיל און טאַנץ

שבת, אָוונט, דעם 17טן אָקטאָבער

— אין —

206 איסט בראָדוויי

טיקעטס 50 סענט.

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 8. אקטאבער, 1925. ניו יארק

א. ראבאי:

דער פריטשמעליעטער

אין שטאט ביי אונז איז געווען א בעל־עגלה, האט ער פאר־מאגט א ווייב מיט קינדער און צוויי פערד מיט א וואגן. ער איז געווען א פראכטער מענטש, אבער זיין ווייב איז ארויסגעקומען פון א פיין ארט. און קיינער האט ניט געקאנט פארשטיין ווי אזוי אזא ווייב פון אזא פיין ארט קומט צו אזא פראסטן בעל־עגלה. נאר עס זיינען פאראן א סך זאכן אויף דער וועלט, וואס קיינער קאן ניט אפילו אנהויבן צו פארשטיין.

דער בעל־עגלה האט צוליב דעם ווייב זיינעם, וועלכע איז גע־קומען פון דעם פיינעם אידישן הויז, אויפגעהאלטן ביי זיך א משרת.

דער דאזיקער משרת איז געווען א פריטשמעליעטער מענטש. אזוי האט מען אים גערופן: דער פריטשמעליעטער. זיין ארבעט ביי דעם בעל־עגלה איז געווען אט וואס: אנטרינקען די פערד, זיי געבן עסן; רייניקן די שטאל; האלטן דעם וואגן ריין; שמירן די אקסן מיט מאזש, האקן האלץ, ברענגען וואסער אין שטוב אריין און נאך אנדערע זאכן. דער פריטשמעליעטער פלעגט דערפאר האבן א נאכטלעגער, טאקע אין שטאל, געדענקט זשע — טאקע אין שטאל, און גענוג צו עסן.

איינמאל האט געטראפן אזא מעשה: דער בעל־עגלה איז גע־פארן ביינאכט אין וועג מיט א פולן וואגן מיט מענטשן. אלע זיינען געווען מיד און זיינען איינגעשלאפן. דער בעל־עגלה איז אויך איינגעשלאפן. מורא האבן פאר זיינע פערד האט ער ניט באדארפט, ווארום זיי האבן געוואוסט דעם וועג, אזוי ווי ער אליין. איז דער בעל־עגלה אויך איינגעשלאפן, און דערווייל זיינען די פערד גע־

דער אינזל

גאַנגען גיך, וואָרום וויבאַלד אַז די מענטשן זיינען געשלאָפן, זיינען זיי גאָר גרינגער געוואָרן, און די פערד האָבן געמיינט, אַז זיי שלעפּן אַ ליידיקן וואָגן. פאַרגעסט זשע ניט — זיינען זיי, די פערד, הייסט עס, געגאַנגען גיכער און זיינען אָנגעקומען צו דעם טייך, דורך וועלכן מען האָט באַדאַרפט אַריבערפאָרן מיט אַ פּאַראָם.

צוגעקומען צו דעם טייך, זעען די פערד, אַז דער פּאַראָם איז פון יענער זייט טייך. זיינען די פערד געבליבן שטיין ביי דעם ברעג פון טייך. קלוגע פערד, ניט? וואַרטן זיי אַזוי ביז דער פּאַראָם וועט אַריבערקומען אויף דער זייט טייך.

דערווייל האָט זיך דער בעל־עגלה אויפגעכאַפּט, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך אויסצורייבן זיינע אויגן האָט ער דערפילט, אַז די פערד שטייען אויף אַן אָרט.

די בייטש האָט ער אַפילו אין שלאָף תמיד געהאַלטן אין זיינע הענט. הויבט ער אויף די בייטש און טוט אַ שמיר איבער די רוקנס פון זיינע פערד.

די קלוגע פערד ווייסן ניט קיין חכמות. אַז מען באַקומט אַ שמיר מיט דער בייטש באַדאַרף מען טאָן אַ הויב די פיס, און זיי האָבן טאַקע געטאָן אַ הויב אויף די פיס און אַריין אין טייך מיט דעם וואָגן און מיט די מענטשן און מיט דעם בעל־עגלה אויך. דאָס איז די טרויעריקע מעשה מיט דעם בעל־עגלה. איז געבליבן נאָך זיין טרויעריקן טויט דאָס ווייב מיט די קינדער און מיט דעם פּריטשמעליעטן אַזוי אָרים, אַז די שטאָט האָט זיך צונויפגעלייגט און געקויפט דעם בעל־עגלה'ס ווייב אַ פערד און וואָגן, כדי זי זאָל זיך קאָנען דערפון שפּייזן.

פאַרשטענדלאַך, אַז דער פּריטשמעליעטער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און געמוזט ווערן דער בעל־עגלה. וואָרום אַפילו נאָך דעם בעל־עגלה'ס טויט האָט ער זיך נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן ביי דער אלמנה. ער פלעגט אַלע טאָג פירן מענטשן מיט פערד און וואָגן. און צוביסלאַך האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס פערד מיט דעם וואָגן זיינען אים זייער נאָהנט, כמעט אייגענע.

די אלמנה האָט דערווייל אויפגעצויגן די קינדער פון די פאַר־ריכסטן וואָס דער פּריטשמעליעטער פלעגט אַ היים ברענגען.

עס פלעגט אַזוי זיין: דער פּריטשמעליעטער קומט אַהיים,

דער אינזל

שיט אוים דאָס גאַנצע געלט אויפ׳ן טיש. פון זיין מויל רינט ביי אים סלונעס און זיינע וואַסערדיקע, קליינע אויגן זשמורען זיך צוזאַמען; די אלמנה גיט אים אַ שיסל הייסע בולבעס מיט זויער־קרויט און אַ ראָזעווע־ברויט. ער עסט אָפּ, פאַרטרינקט מיט וואַסער און גייט אין שטאַל אריין שלאָפן.

און געשלאָפן איז ער תמיד אין זיין גאַנץ אָנגעטואַכץ, מיט די שטיוול מיט דער בלאָטע, און ווער ווייסט צי ער האָט גאָר געהאַט חלומות אין זיין שלאָף. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנעט ער קומט און וועמען ער האָט איבערגעלאָזן דאָרט אין דער היים. עס האָט זיך אפילו ניט געגלויבט, אַז ער זאָל ערגעץ האָבן אַ היים. מען האָט טאַקע געזאָגט, אַז ער איז ערגעץ פון דער ערד ארויסגעוואַקסן, אַזוי מיט די שטיוול, מיט דער בורקע און מיט דעם שטריק אַרום דער בורקע. געדענקט זשע: פון דער ערד ארויסגעוואַקסן. די ערד איז געלעגן אויף אים אין יעדער האָר פון זיין קאָפּ און באָרד, אין זיינע אוירען און נאָזלעכער; אונטער זיינע נעגל און זיין יעדן קנייטש פון זיין הויט. ער האָט, ווי עס האָט אויסגעוויזן, זיך ווינציק אומגעקוקט אויף זיך אַליין, פונקט ווי יעדער אַנדערער האָט זיך ווינציק אומגעקוקט אויף אים.

אָבער די אלמנה האָט געזען, אַז דער פּריטשמעליעטער איז אַזוי געטריי און פאַרלייקנט ניט אַ גראָשן פון אירע אויגן, איז זי געוואָרן פּאַמעלאַך אויך געטריי צו אים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען אים אַוועקצושיינקען די מלבושים פון איר מאַן.

און אַז דער פּריטשמעליעטער האָט אָנגעטאָן אַנדערע קליידער, האָט ער אָנגעהויבן אויף זיך צו כאַפּן אַ בליק. וואָרום ביז דאַמאָלט האָט ער ניט געהאַט קיין אַנונג, וואָס עס הייסט קוקן אויף זיך. און אַז ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך, האָט ער דערפילט אַז ער איז עפּעס. און דאָס האָט אים שוין נעגעבן אַ שטויס אָפּט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן זיך אַליין.

עס האָט שוין ביי אים געטראָפן נעכט, וואָס ער איז געלעגן אויף דעם שטרויענעם בעט אין שטאַל און אין דער פינסטער געקוקט אויף דער פאָרם פון פערד און זיך איינגעהערט צו די מחשבות פון דעם פערד, און זיך געהאַלטן גרעסער פון דעם פערד. וואָרום, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט ער יאָ פאַרשטאַנען

דער אינזל

וואָס דאָס פערד טראַכט, אָבער דאָס פערד קאָן ניט פאַרשטיין וואָס ער טראַכט.

עס האָט געטראָפן נעכט... אָבער ער איז געווען נאָך צופיל פּריטשמעליעט כדי ער זאָל קענען טראַכטן וועגן דעם. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין פּריטשמעליעטקייט, הנ״ט ער ניט געוואוסט. אָבער פון איין זאַך האָט ער געליטן אַ סך ווייטאָג, נעמליך: ער האָט ניט געקאָנט ריידן מיט אַ מענטשן...

הייסט עס, האַלטען מיר דערביי, אַז ער האָט ניט געקאָנט ריידן מיט קיין מענטשן. און אַז אַ מענטש גייט תמיד אַרום און מוז שווייגן, וואָרים ער קאָן ניט ריידן, ווערט זיין נשמה אָנגע־זאָפּט מיט אַ סך שמערצן.

דער פּריטשמעליעטער, ווי מען קאָן זיך משער זיין, האָט אויך געהאַט אַ נשמה פול מיט שמערצן. און ער איז אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו די דאָזיקע שמערצן, אַז ער האָט זיך אַפילו אויף זיי ניט אומגעקוקט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט גע־לעבט אויף דער וועלט ווי אַלע שטומע זאַכן לעבן אויף דער וועלט, אַ שטיינער, ווי אַ שטיין אָדער ווי אַ הילצערנער טיש.

געפאָרן אין וועג און געקומען פון וועג, אָפּגעגעבן דער באַלע־באָסטע דאָס גאַנצע געלט און אָפּגעגעסן און געגאַנגען שלאָפן אין שטאָל אריין.

די באַלעבאָסטע, דאָס הייסט דעם בעל־עגלה׳ס ווייב, האָט אים אָנגעהויבן צו געבן אַלע וואָך אַ פּאָר ריינע זאַכן און אַ העמד.

אַ שרעק, ווי גוט עס איז דעם פּריטשמעליעטן געוואָרן ווען ער האָט אָנגעטאָן דאָס ערשטע מאָל אַ פרישׁ אויסגעוואַשן העמד, און ווי ווייך די וואָלענע, ריינע זאַקן האָבן געגלעט זיינע פיס.

און ער האָט געטראַכט: עס איז גוט.

און ווען ער האָט געגעסן דאָס ברויט ביי דעם טיש האָט ער זיך ניט אַזוי געאיילט, ווי אַלע מאָל. עס איז אים געווען גוט צו זיצן און עסן און פילן אַז עס איז דאָ אַ האַנט נאָהנט נעבן אים, וועלכע האָט דאָס דאָזיקע ברויט געבאַקן.

שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרזאַמען זיך אין שטוב אַ ביסל מער נאָך דעם עסן.

געזעסן אַזוי מיט ביידע הענט אין אַרומגעגאַרטלטן שטריק

און געשווינגן; נאָכדעם זיך שווער אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען אין שטאַל.

און וואָס מערער ער איז געוואָרן היימישער אין שטוב, אַלץ מערער איז אים פּרעמדער געוואָרן דאָס שטרויענע בעט אין שטאַל.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן. צו וואָס קאָן אַ מענטש מיט אַ שמערצן־איבערפילטע נשמה ניט דערגיין. ריידן.

דאָס ערשטע וואָרט געזאָגט צו זיין באַלעבאָסטע, דעם בעל־עגלה׳ס אַלמנה, און ער האָט געטראַכט אַז עס איז גוט: — קאַלט!

און, וואונדער איבער וואונדער! אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט און ביי דעם פּריטשמעליעטן האָט דאָס מויל אויפגעהערט צו סלונען.

דער ווינטער איז אַוועק און עס איז געקומען זומער. האָט דער פּריטשמעליעטער צוגראָבן אַרום דער שטוב די ערד און פאַר־זעצט אַ גאָרטן.

זיינען דער אַלמנה׳ס קינדער געקראָכן מיט זייערע פיס אין גאָרטן, און דער פּריטשמעליעטער האָט געשריגן אויף זיי ווי אַן אייגענער טאַטע.

און אַבי ער האָט זיי, די קינדער, אָנגעהויבן צו לערנען ווי אַזוי צו זיין גוטע קינדער, האָבן די קינדער פאַר אים גרויס דרך־ארץ באַקומען. און די מאַמע, דעם בעל־עגלה׳ס ווייב, האָט שוין ניט געקאָנט ליידן ווי אַזוי דער פּריטשמעליעטער מוטשעט זיך אין שטאַל אויף דעם שטרויענעם בעט.

האָט זי דאָך אָבער אים דאָס ניט געקאָנט זאָגן, האָט זי אָנ־געשטעלט די קינדער, אַז זיי זאָלן דאָס אים זאָגן. קינדער ווייסן ניט קיין חכמות און האָבן דאָס אים געזאָגט.

און ער, דער פּריטשמעליעטער, האָט אויסגעהערט און גע־שוויגן און יענעם אָוונט איז ער נאָך דאָס לעצטע מאָל געשלאָפן אין שטאַל. אָבער מאָרגן אָוונט איז ער געבליבן אין שטוב.

מויל און אויער און ווענט אַרום, מויל און אויער און ווענט אַרום

און די אַלמנה האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז מען קוקט

דער אינזל

אויף איר. און זי ווייסט ניט פארוואס. האט זי אין זיך געשאלטן: אז זיי זאלן בלינד ווערן, און חרטה געהאט: ניין, זיי זאלן ניט בלינד ווערן!

ביז אזוי ווייט און אזוי ברייט, ביז זי האט אליין דערזען.

האט זיך די אלמנה שטארק דערשראקן, ווארום זי האט דער־פילט, אז ביי איר אינווייניק מוז עפעס ליגן א בריקענדיק פערדל. און אפשר האט זי גאט געשטראפט דערפאר, וואס זי האט געלאזט א מענטשן תמיד שלאפן אין שטאל אינאיינעם מיט דעם פערד.

אבער עס איז שלעכט, גאט, דער בויך ווערט געשוואלן.

— מענטשן, ראטעוועט מיך — פלעגט זי זיך בעטן — מענטשן רירט מיט אייערע הענט אן מיין בויך און זעט צי עס איז ניט קיין בריקנדיק פערדל...״

און מענטשן זיינען גוט, גוט. אבער אז זיי זעען אזא זאך ווערן זיי קלוג און ציען ארייו זייערע קעפ אין זייערע אקסלען און שווייגן.

שווייגט מען, און דערווייל גייט דעם בעל־עגלה׳ס אלמנה צו קינד און עס ווערט געבארן א צווילינג.

זעט שוין די אלמנה וואס דאס איז — אז עס איז ניט קיין בריקנדיק פערדל.

און גאנץ שטאט איז מיט דעם קאפ אראפ און מיט די פיס אויפ׳ן דאך. רעד אהין און רעד אהער. עס איז פארפאלן. עס איז פארפאלן.

איצט נעמט מען און מען שטעלט א חופה צווישן דער אלמנה מיט דעם פריטשמעליעטן, און די אלמנה קוקט אויף דעם צווילינג און וויינט און קלאגט און לעגט זיי אומיסטן אזוי ביינאכט לעבן זיך אין בעט, כדי זיי זאלן צעקוועטשט ווערן. און גאט האט איר געהאלפן און האט דעם צווילינג ביי איר צוריק גענומען. איך האב דיר געגעבן. ווילסט ניט, נעם איך אפ. ביי אים איז פאראן גערעכטיקייט.

די אלמנה קאן אבער ניט אריבערטראגן דאס מענטשלאכע אויג, און זי ווערט קראנק און שטארבט.

בלייבן די קינדער קיילאכדיקע יתומים. איינס איז שוין פופצן יאר און דאס צווייטע, פערצן און דאס דריטע, קלענער. טראגן די קינדער צוויי זאכן אין זייערע נשמות, אי ביטערקייט און אויך ווי.

דער אינזל

עס איז זיי ביטער ביז צום הימל און עס טוט זיי ווי ביז טיף צו דער ערד.

נעמען די קינדער און טרייבן ארויס דעם פריטשמעליעטן פון שטוב. גייט ער פון שטוב.

גייען זיי אים נאָך און הייבן אויף שטיינער פון דער ערד און באווארפן דעם פריטשמעליעטן מיט די שטיינער.

ער האָרבעט זיך איין, האלט זיין פנים אין זיינע הענט און נעמט צו מיט פיל ליבשאפט דעם קלאפּ פון יעדן שטיין, ביז אזוי לאנג, ביז אזוי ברייט, ביז ער בלייבט ליגן א פריטשמעליעטער...

אל. גוריה:

אויף מיינע קני.

ביי מיין פענסטער—א קליינער בוים, א טונקעלער הויב, טונקלע צווייגנהענט,

אין הינטער די ווענט —
די נאכט.
איצט בין איך אליין.
די נאכט וויג איך איצט אויף מיינע קני,
אזא צארטע איז זי, אזא דורכזיכטיקע איז זי,
און ווי מיין הארץ, אזוי גרינג, אזוי זאנפט...
דער יונגער ווינט אין דרויסן בעט פאר איר,
זיין געבעט איז עקסטאז, איז געוויין,
און א וועקן ביי מיר צו פארשטיין
דעם מורמל פון די צווייגן,
ווייל דאָס איז פאר מיר...

די נאכט אויף מיינע קני באַאבאכטן מיינע אויגן, —
ניט קיין טונקלער הויב און ניט קיין טונקלע צווייגנהענט
שטייען ביי מיין פענסטער צו מיר געווענדט,
און דאָס, וואס כ'וויג מיט מיין מויל אין דעם פארלוירן,
איז א געשטאלט, וואס לאָזט מיין בענקשאפט זיך געבוירן...

דער אינזל

צו די שטערן, דורך נאכט און צווייגן,
טראָגט זיך א געוויין פון געשלאָסענע אויגן.

גוט איז דער אויפהויב צו דער הויכקייט, ווי דו ביסט אין מיין רוים ;
ווי די הענט, וואס הייבן אויף צום בענטשן דעם בעכער מיט ווייַן;
ווי הויך ס׳ליגט די הימלישע רייכקייט צווישן די בערג,
ווי הויך ס׳שטייט דער מייסטער פאר זיין ווערטפולן ווערק ;
נאָר געווען בין איך אלע מאָל דער אומנוצלאכער שוים,
וואָס דער טרינקער שארט אראפ פונ׳ם גלאָז־פלאך.
כ׳בין געווען נאָר ביז איצטער א זאך,
וואָס לעבט ניט פאר יענעם און לעבט ניט אליין
ביז געקומען איז די געגוגטואונג און געווען אי זי
אזוי דורכזיכטיק, ניט באשטענדיק, ווי דאָס וואס לעבט איצט
אויף מיינע קני...

ע ר.

ער איז קיינמאָל ניט געווען אזוי טיף אין זיך באהאלטן,
אים מיידט אוים יעדער ווער נאָר ס׳וויל א שעה
און טומלדיקע פרייד פארווײַלן ;
נאָר ווען אלע האָבן מער קיין פרייד דאָ
און, ווילן זיך, ווי קינדער שטיל פארהאלטן,
דאָן זעצן זיי זיך שטיל ארום אים
און ער פארשטייט, אז עפעס דארף ער זיי דערציילן.

ער וואריאירט מיט זיין, ווי ער רופט דאָס, וואונדערלאך דערציילונג,
אלץ וועגן איינע און די זעלבע זאך...
נאָר הייבט ער אָן ווערט די זאך א נייע
און ער אליין — אויך נייער, אויסגעבוילעטער, שטאָלץ און יונג.
די הערער גאפן קוקנדיק אין זיינע פונקען־בלענדענדיקע אויגן,
דאָס האָט די קראפט פון שיינקייט זיי געצוואונגען שווייגן...

נאָר שפעט ביינאכט ליגט ער ניט רואיק אין אויף זיין געלעגער.
זיי אלע זיינען שוין צום שלאָף לאנג אפגעגעבן

דער אינזל

און פון איין בעט צום צווייטן שפּרייזט,
דער אויפדערוואַכטער און ניט רואיקער געוויסן.
ע ר אָבער ליגט, ווי אַן אָפּגעשטעלטער זייגער,
וואָס ערשט האָט ער געצייכנט ס'לעבן...
קען ווער דען זאָגן אַז ע ר ווייסט,
אַז דאָס בין איך — — —

נ יט ר ו א י ק ע ר שטייט שוין ביי מיין געלעגער,
ער וועט דאָס מיר באַלד לאָזן וויסן...

די נ ע כ ט.

אין צוויי טייל האָט זיך צעטיילט די גאַנצע פאַרגאַנגענע נאַכט:
די ערשטע העלפט איז אַוועק מיט ליבעס דורכטראַכטונגען,
די אַנדערע העלפט — צו זיך אַליין מיט פאַראַכטונגען,
און ס'איינציקע ביסעל מאָרגנשלאָף איז אויך געווען געשטערט.

די ערשטע העלפט פון נאַכט בין איך געווען צו זיך מיט ליוב:
כ'האָב דיך געהאַט און דיך געפילט,
דו, מיין נשמה'ס אונטערהויב,
און, ווי ס'האָט אונזער צוזאַמענזיין זיך אָפּגעשפּילט —
אויפסניי דאָס פייער איצט פאַרזוכט,
די פרייד געהערט...

פאַנטאַזיע האָט אָבער גיך אַראָפּגעלאָזט די פליגלען, זיך פאַרטראַכט,
און מח האָט גענומען גרילציק פיילן.
די פרייד האָט זיך איבערגעהאַקט,
בלוט־בענקשאַפט און חרטה־בליצן האָבן ווילד געזיגזאַגט
די גאַנצע צווייטע האַלבע נאַכט...

און ס'ביסל שלאָף באַגין — אויך א גיהנום'דיק ווירוואַר:
צוערשט א פּאָר מאָמענטן,
ווען כ'וואָר געערט, א דערקענטער
און אויפגענומען מיט צוגעזאַגטע גוטע טעג
נאָר באַלד אַנטלויף איך א געיאָגטער מיט באַזונדערן וועג
אויסמיידנדיק דעם האַס פון א קאָשמאַר...

דער אינזל

דערפאר האָט דער תיינטיקער פרי זיך צופליסנס געקליידט
אין זילבער־ווייס זייד,
אין בלויקייט פון הימל און גרינקייט פון פעלד — ווייס זילבער זייד.
נאָר אין דעם זילבער־זייד האָבן טראָפּנס בלוט געשעמערירט,
מיין נשמה האָט די פארלוירנקייט פון בלוט געשפירט...

יעדן באַגין.

יעדן באגין הער איך קינדער שטימען זינגען
און די קינדער זע איך ניט...
סעמלען־שטויב יאָגט אָן דער דרויסן,
ווען די זון שליסט זיך אָפּ פון טאָג;
וועגן מיט ציגיינער אויף שאָסייען רוישן,
נאכט נאָכיאָגנדיק, ווייט קלאפּן פערד־טריט
און מיין פענסטער ווערט ברייט, ווערט העכער,
און אין בלוט שלאָגן טויזנט ריט: —
וואו איז ס'לעבן און זיין צוזאָג?

וואו פארבאָרגט זיך איצט מיין הויך־בארירונג,
וועמענס וועלט באהויכט זי זים?
קעמלען־שטויב? — קיין קלאנגען שווינגען;
רעדער־רויש? — פיליכט אנטלויפט זי ...
אבער אין באגין, ווען קינדער שטימען זינגען,
טאנצט זי אין סאנדאלן אויף די פיס...
ווילד צעקנאָרערט איז היינט מיין נשמה,
און נאָך ווילדער טומלט א קאפּריז: —
נאט באפרוכטפערט די פרייד, די מי...

דיין דערנענטערונג איז הויך, אין טרוים צעעפנט
פאר מיר ברייטער מיין פּאָרטאל...
גרויס טראַנעדיע, גיכע שפּאסן,
קריסטאָל־צאפּלדיקס פאר מיין בארוף,
שכר פאר מיינע טעג און פאר אליין זיך האסן
שטראָמט פון דיר, ניין אומדערשעפּטער קוואל — — — —

רגע׳ס ברענגען ווען א פרעמדע פרייד
פרעמדער גליק און שיין, נאָר אין מערסטן פאַל,
זיינען מיינע וועלטן נאָר דיין נאָמען, וואס איך רוף...

ר. אייזלאנד:

אין גאָרטען פון יעדאָ

דער גאָרטן פון יעדאָ איז אַ פּארק אין דעם באַקאַנטן קוראָרט סאַראַטאָגאַ ספּרינגס, וואוהין אידן און אידענעס פאָרן היילן זייערע מאָגנס און פאַרשיידענע מיחוש׳ן וואָס קומען פון קראַנקע מאָגנס. דער פּארק איז אַ פּריוואַטער נאָר ער איז אָפן פאַר׳ן פּובליקום. און יעדער קור-גאַסט געפינט פאַר נויטיק כאָטש איינמאָל צו פאָרן באַקוקן דעם דאָזיקן פּארק און אַלע וואונדער וואָס עס געפינען זיך אין אים.

און כמעט אַלע קומען זיי צוריק פון דאָרטן מיט שיינענדיקע אויגן, און עס פעלט זיי אויס „אַכ׳ס" און „אָכ׳ס" וואָס זאָלן אויס-דריקן זייער געוואַלטיגע התפּעלות פאַר די שיינקייטן מיט וועלכע זייערע אויגן האָבן זיך דאָרט אָנגעזעטיקט, הגם פאַר אַ מענטש מיט אַ ביסל געשמאַק איז דאָרטן פאַראַן ווייניק פון וואָס נתפּעל צו ווערן. צירליך אויסגעלייגטע פּארקס אויפ׳ן לאַנד זיינען, לויט מיין מיינונג, בכלל עפּעס אַ משונה׳דיקע זאַך. וואָרים די אַלע שיינקייטן, וואָס דער מענטש וויל אַריינטראָגן אין דער נאַטיר-לאַכער לאַנדשאַפט, פאַרווייבלאַכן און פאַרסענטימענטאַליזירן זי נאָר. דאָס איינציקע, אמת-שיינע, וואָס דער מענטש קען אַריינ-טראָגן אין דער לאַנדשאַפט, זיינען וועגן, געביידעס און אפשר אַמאָל אויך אַ שורה טעלעגראַף-שטאַנגען. דער יעדאָ-פּארק האָט נאָך אויסער דעם דעם חסרון וואָס ער איז אויסגעלייגט געוואָרן לויט׳ן געשמאַק פון אַ ,סענטימענטאַלער פרוי, אַ מושלמת אויף אַלע קונסט-געביטן, און דער יעדאָ-פּארק איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט „שיינקייטן", אַז עס ווערט פון זיי פּונקט אַזוי איבל ווי פון די פּאָעטישקייטן פון אַ וויסטן דיכטערלינג.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. וואָרים איך האָב גאָר ניט

דער אינזל

בדעה צו באשרייבן דעם יערדא־פארק אדער אנצושרייבן אן עסעי וועגן לאנדשאפט־ארכיטעקטור, אין וועלכער איך האב אגב פונקט אזא קנאפע ידיעה ווי למשל ש. ניגער אין פאעזיע. וואס איך וויל יא ארויסברייינגען איז אט וואס: כמעט אלע אידישע קור־געסט, וואס ווערן אזוי נתפעל פון דער שיינקייט פון יערדא־פארק, בלייבן דאך מיט עפעס אומצופרידן. ניט ווייל זייער עסטעטישער גע־שמאק איז ניט גענוג באפרידיקט. חלילה. מיט שיינקייטן האבן זיי זיך דארטן דוקא אנגעזעטיקט די והותר. אזוי אז ניט נאר האט דאס געקלעקט פאר זייער אייגענער הנאה וועגן, נאר זיי בלייבט נאך גענוג פון די אנגעזעהענע וואונדיירים, אז זיי וועלן וואכן נאכאנאנד האבן וואס צו דערציילן פאר זייערע פריינט און באקאנטע אין דער היים. נאר וואס דען? שיינקייט אליין קען די דאזיקע מענטשן ניט צופרידן שטעלן. טאקע זייער שיין, זייער וואויל און זייער וואונדערלאך. אבער צו וואס טויג דאס אלץ, אז עס ברענגט קיינעם קיין נוצן ניט?

דאס וואס זיי האבן „גענאסן“ שיינקייט און געשעפט תענוג מיט פולע הויפנס ביז צום פארכלינען זיך, אז שוין דאס אליין הייסט נעבראכט נוצן, דאס איז פאר די מענטשן עפעס אזוינס, וואס זיי קענען בשום אופן ניט משיג זיין. פאלשטענדיק צופרידן וואלטן זיי נעווען נאר דעמאלט, ווען אט דער פארק, וואס זעט אויס אין זייערע אויגן אזוי וואונדערלאך שיין, וואלט ניט געפוס־טעוועט גאר ווען מען וואלט אים פארוואנדלט אין עפעס א ניצ־לאכן אנשטאלט, ווי למשל א קינדער־היים, א מושב זקנים צי א סאניטאריום פאר שווינדזיכטיקע, אדער עפעס אן אנדער אינסטי־טוציע פון וואס מענטשן וואלטן קענען האבן פראקטישע נוצן.

כמעט די מערסטע אידן און אידענעס, וואס קומען זיך היילן אין סאראטאגא, האבן שמאלציקע בייכלאך און נאך שמאלציקערע מחות, וואס אלע טעג פון א גאנץ יאר איז זייער העכסטער אידעאל צו קומען צו א פאר טאלער און ווערן „אלרייט“. גאר א גרויסער טייל פון זיי איז שוין פון לאנג אלרייט און זייערע בייטלען זיינען פונקט אזוי פעט ווי זייערע בייכלאך. קורץ, זיי געהערן צו יענעם בורזשואז־פיליסטערישן קלאס, אויף וועלכן עס קוקן מיט פאראכ־טונג סאי אונזערע פראלעטארישע טוער און סאי אונזערע נייע היפער־אידעאליסטישע קונסט־פארזארגער. און דאך, וואס פאר א שטארקע ענלאכקייט עס איז צווישן די ביידע. ממש לייבלאכע ברידער אין גייסט, מיט דערזעלביקער פסיכאלאגיע און דעמזעל־ביקן קוק אויף וועלט און זאכן.

דער איגזל

אויף אונזערע פּראָלעטאַרישע טוער און נייע קונסט־טעאַרע־טיקער קענען זיך ניט צופרידן שטעלן מיט בלויז שיינקייט. דאָס שיינע האָט ביי זיי קיין ווערט ניט סיידן ווען עס ברענגט אויך עפּעס נוצן, ניט חלילה פאַר זיי פּערזענלאך נאָר פאַר'ן כלל, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אָדער ווייניקסטנס פאַר'ן כלל ישראל. דער פּאָעט איז אין זייערע אויגן נאָר דעמאָלט אַ פּאָעט, ווען ער האָט אחוץ גוטע לידער נאָך אויך „גאָט אין הארצן". אין אַנדערע ווערטער: ווען ער שטעלט זיין פּאָעזיע צום דינסט פון עפּעס אַ העכערן ציל, גלייך ווי די פּאָעזיע וואָלט ניט אין זיך אַליין געווען איינער פון יענע געציילטע הויכע צילן צוליב וועלכע עס איז כדאי צו לעבן.

דאָס איז אַ ריין־אידישלאכער קוק, און אין דער הינזיכט איז די וועלט פון זינט נאָך דער מלחמה און די איבערקערעניש שטאַרק פּאַראַידישלאכט געוואָרן. און עס וואָלט דעריבער געווען נאַריש צו קעמפן ביי אונז געגן דעם, וויל דער אידישלאכער מענטש איז אין תוך אַנטי־קינסטלעריש און ניט מסוגל אויפצונעמען וועלט און מענטשן אַנדערש ווי ער קען. און פּונקט ווי דער אידישער אַל־רייטניק ווערט אין אַ געהויבענעם מאָמענט, ווען ער איז אידעאַליס־טיש געשטימט, ניט פאַרבייטן דעם קלענסטן און אָרימסטן בית־יתומים, וואו די קינדער זיינען פאַרגרינט און פאַרוואָרלאָזט, אויף דעם הערלאכסטן פּאַרק, פון וועלכן ער קען נאָר הנאה האָבן קוקנ־דיק, אַזוי ווערט אונזער נייער קונסט־פאַרזאָרגער ניט פאַרבייטן די ערגסטע מאַכערייקע אין פערזן צי אין פּראָזע אין וועלכער מען פאַרמעסט זיך אויף גאָט און אויפ'ן קאָסמאָס אויף אַ פּערל פון אַ ליד אין וועלכן דער דיכטער האָט בלויז געוואָלט און עס איז אים געלונגען אויסצודריקן זיינע אַ פּערזענלאכע שטימונג אָדער איבער־לעבונג.

און וואויל צו יענע דיכטער וואָס קומען נאָך די פאָדערונגען פון די פּראָלעטאַרישע טוער און נייע קונסט־פאַרזאָרגער. וואָרים סוף כל סוף איז דאָך אויך אַזוי פיל פּראָפּיטאַבעלער און באַקוועמער פאַר אַ דיכטער צו שטעלן זיך אין דינסט פון אַ גאַנגבאַרן אידעאַל אָדער אידייע איידער נאָכצופאָלגן דעם אייגענעם דראַנג נאָך קינסט־לערישער באַפרידיקונג. דאָס ברענגט אי געלט, אי כבוד און נאָך אַ צוזאָג פון אומשטערבלאכקייט. און לייכטער איז עס אודאי. וואָרים ווי נישטיס מען זאָל אַליין ניט זיין וואַקסט מען אויס גרויס אין די אויגן פון המון ווען מען זעצט זיך רייטן אויפ'ן רוקן פון אַ גרויסער אידייע, אָדער אַפילו נאָר אויף די פּלייצעס פון אַ גרויסן מענטשן.

דער אינזל

בעת דער, וואָס הערט זיך צו צו זיין אייגענעם אינערלאכן אידעאַל, מוז צוזאַמענעמען זיין גאַנצן יש ווען ער וויל ארויסברייינגען עפּעס ממשות׳דיקס, און ערשט דעמאָלט זעט מען אים ניט ארויס.

דאָס איז אַזוי ביי אַלע אומקינסטלערישע פעלקער און מער ווי אומעטום ביי אונז. ביי אונז ווערט מען בכלל ניט נתפּעל פאַר קיין דיכטעריש ווערק נאָר מען ווערט סענטימענטאַל פאַר דעם אינהאַלט פון א ווערק, און סענטימענטאַל ווערט מען ווען אין דעם ווערק איז אַפילו נאָר פאַראַן אַן אַנצוהערעניש אויף עפּעס א מטושטש׳ע אידייע אָדער ווען עס ווערט דאָרט דערמאָנט דער נאָמען פון א גרויסן מענטשן (אפשר א סימן אז מיר האָבן ביידע ניט). און נאָר דערמיט לאָזט זיך דערקלערן די היסטעריקע, וואָס איז ביי אונז אַנטשטאַנען ארום אַזוינע צוויי אומקינסטלערישע ווערק ווי לייוויק׳ס „גולם״ און אַפּאַטאָשו׳ס „פּוילישע וועלדער“.

און אויב עס איז גערעכט מלך ראַוויטש, אַז א דיכטער מוז דורך זיין וואָרט קענען שאַפן קאָנטאַקט צווישן זיך און זיין פאָלק, און ווי איך שטויס זיך אָן האָט ראַוויטש דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז דער אידעאַל פון דעם דיכטער מוז אויך קענען ווערן דער אידעאַל פון זיין פאָלק (זיכער בין איך ניט צי האָט דאָס טאַקע ראַוויטש געמיינט, וואָרים זיין גאַנצער ארטיקל איז געשריבן אַזוי, אַז עס איז בכלל שווער צו וויסן וואָס האָט ער דאָרטן געוואָלט), דאַן האָט דער אידישער וואָרט־קינסטלער זיכער ניט צו וואַרטן אויף קיין צוקונפט. ווייל דער היינטיקער כלומרשט מאָדערנער וועלטלאַכער איד איז אין תוך פונקט דערזעלביקער אַנטי־קינסטלערישער מענטש, ווי זיין אַלטמאָדישער טאַטע און זיידע. און פונקט ווי דער אַל־רייטניק וואָס פאָרט קיין סאַראַטאָגאַ אויף קור, וועט אפשר קענען „געניסן“ ביז טרערן פאַרשיידענע פּסעוודאָ שיינקייטן בעת אמת׳ע שיינקייט וועט אים לאָזן קאַלט ווי א שטיין, און אַפילו מיט די פּסעוודאָ־שיינקייטן וועט ער אויך ניט בלייבן אין גאַנצן צופרידן ביז מען וועט זיי ניט פאַר אים פאַרוואַנדלען אין פּאַקטישע אָדער גייסטיקע קינדער־היימען צי מושב זקנים׳ס. און דאָך קען איך מיר ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל כאָטש ביי איין אמת׳ן קינסטלער ביי אידן אָפּטויטן דעם אינערלאַכן דראַנג. אמת, טאַקע, קיין וועלטן קען דער קינסטלער ניט איבערמאַכן (כאָטש דער פּסעוודאָ־קינסטלער וויל דוקא איינריידן זיך און אַנדערע אַז דאָס איז די מיסיע פון דער קונסט), אָבער זיין אייגענע וועלט קען ער שאַפן און אין איר פילט ער זיך גוט אַפילו ווען ער בלייבט דאָרט אייביק איינזאַם. ווייל זי איז געפּורעמט לויט זיין גייסט און ער ווייס

אז זי איז דויערנהאפטער און באשטענדיקער, ווי אלע צוגעטשעפעטע אידייען און אידעאלן דורך וועלכע דער פסעוודא־קינסטלער וויל זיך פארקניפן מיט דער אייביגקייט און אין איין וועג נוצט ער זיי דערווייל אויס פאר חיי שעה, אדער פארקערט.

זישא לאנדוי:

סענטימענטאלע פערזן.

און מיט דער שארפקייט פון א חלף דיין געהער ערוואכט,
דיין וואכיקער געפיל נעמט פליען אן א סוף
אין פיאלעטענעם באגין, אין ראזיקן פארנאכט,
און טיילמאל קומט עס אויך צו דיר אין מיטן שלאף.

ווערסט פלוצים וואך, דו ווערסט די אנגעשטרענטקייט מיט אמאל,
דו ווערסט געהער, נעמסט הערן מיט די ווארצלען פון די האר,
און וואס הערסטו? דו הערסט אין זיך א וואונדערלאך קול,
און הערסט דעם הארץ־שלאג פון א קינד דיינס אין א טויזנט יאר.

און מיטאמאל ווערט דיר גיט אויסצוהאלטן לייכט און גוט
און ס'נעסט זיך איין אין הארץ ביי דיר דער ווייסער פויגל פרייד,
און רואיק פליסט, ווי פליטן אויף א טייך, אין דיר דיין בלוט
און דורך דעם נעבל פון די דורות ווערט א האנט און וועהט.

ארום איז וויסט, אדום איז לער, דיין הארץ אליין איז פול
און לאזט אראפ דעם אנקער זיינעם אין דער ווייטסטער טיף.
ביסט מער ניט דו, — ביסט דער בעל־שם־טוב, א פרוכת אין אן
אלטער שול,
ביסט די לבנה, א פרינץ פון אינדיע, דו ביסט א זעגל שיף.

משה ליוושיץ:

העברייאישע לערערס.

העברייאישע לערערס, אז זיי ווערן אַלט
און די קורצע בערדלאַך ווייס און שיטער
סטאַרטשען ווי וואָרצל־קלעצער אין וואַלד
באַשאָטן מיט שווערמלאַך, מיט בלעטער און היטער.

און זייער עלטער, ווי הפקר'ע קעץ,
איז קיינעם נישט ליב און איז קיינעם נישט חשוב,
ווייל וואָלט זיי איינער באמת געשעצט
וואָלט ער זיי דאָך פאַר רחמנות פאַרלאָשן;

ווי מע פאַרלעשט אַן איבעריק ליכט,
וואָס ברענט נאָך בייטאָג ווען ס'איז זוניק און ליכטיק —
און איז אַזוי — אַ שאָד דאָס געדיכט,
נאָר כ'מוז עס זאָגן — אַזוי נישט וויכטיק.

און קיינער דערפרעגט זיך נישט קיינמאָל ביי זיי
אַפילו אַן עצה, אַפילו דעם זייגער. —
און טו איך עמיצן איצטער ווייי
ער פאַרגעסט עס שוין אין אַ רגע.

און זייערע עוגסטע תלמידים גראָד
דערלאַנגען אין לעבן צו גליק און צו ערע,
ווייל זייערע בעסטע — ס'אַרא שאָד! —
ווערן אַליין העברייאישע לערערס.

הערש ראָזענפעלד:

די קאַלעוואַלאַ

(אינפאָרמאַטיווע באַמערקונגען)

די קאַלעוואַלאַ איז א זאמלונג פון די פינישע עפּישע לידער.

אין דער עפּישער פּאָעזיע פארנעמט די קאַלעוואַלאַ א פּלאַץ אויבען־אָן גלייך מיט דער איליאַדע, דער מאַהאַבאַראַטאַ און דעם ניבעלונגען־ליד, אי צוליב איר אינערלעכער שיינקייט און פרישקייט אי צוליב איר אַלטקייט. די קאַלעוואַלאַ איז פול מיט דעם גאָר אַלטן „אַמאָל", מיט דער פארקריסטלאַכער צייט, מיט דעם געצנדינערישן ציטער און שוואונג. מען קאָן אָבער פון דעם אמת ניט אַוועקגיין. אין דעם משך פון די פיל יאָרהונדערטן, וואָס די קאַלעוואַלאַ האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, האָט זיך צו איר אויך צוגעקלעפּט א ביסל קריסטלאַכער שימל. אָבער דערפון איז ניט כדאי צו ריידן, ווייל אַזעלכע פלעצער זיינען ווינציק פאַראַנען און זיי ווערן בטל בשישים.

די קאַלעוואַלאַ באַשטייט פון עטלאַכע ציקלען לידער. דער גרעסער ציקל, כמעט א האַלבער קאַלעוואַלאַ, באַזינגט און דערציילט וועגן די רייזעס פון די העלדן אילמאַרינען און וואַינאַמאָינען. אָט־די העלדן וואוינען אין קאַלעוואַלאַ אָדער אין קאַלעוו־לאַנד, אין דרום־פינלאַנד. אין פּאָהיאָלאַ, אין דעם צפונ'דיקן טייל פון פינלאַנד וואוינט די „אַלטע הערשערין פון צפון", לאָוהי. זי האָט א יונגע שיינע טאָכטער, וואָס זיצט אפ'ן רעגנבויגן און וועבט פאר זיך קליי־דער פון גאָלד און פון זילבער. וואַינאַמאָינען, דער אַלטער זינגער, וויל מיט איר חתונה האָבן. לאָזט ער זיך אוועק קיין פּאָהיאָלאַ. פון דעם שדוך לאָזט זיך גארניט אויס. דאָס שיינע מיידל וויל מיט אים ניט חתונה האָבן. אילמאַרינען, דער גרויסער מייסטער, דער שמיד, האָט מער מזל. די „הערשערין פון צפון" שטימט צו צום שידוך. דאָס שיינע מיידל האָט מיט אים חתונה, ווייל אילמאַרינען שמידט אויס פאר לאָוהי'ן די סאַמפּאָ — דאָס וואונדערלאַכע בישוף־קעסטעלע, מיט וועלכן מען קען איבערקערן וועלטן. די העלדן לאָזן זיך שפּעטער ווידער קיין פּאָהיאָלאַ. זיי ווילן צוריק ארויסרייסן די סאַמפּאָ פון דער בייזער אַלטער לאָוהי. עס קערן זיך וועלטן. טויזענטער שטרויכ־

דער אינזל

לונגען, אָן א שיעור העלדענטאַטן און קלוגע איינפאַלן. וואַינאַמאָינען׳ס חכמה, זיינע גבורות, שפּילן די גרעסטע ראָלע אין אָט־דעם קאַמף פאַר דער סאַמפּאָ.

דער צווייטער ציקל, שוין א קלענערער, איז דער ציקל פון די חתונה לידער. ווידער איז פאַראַן א גרופּע פון צען רונעס, וואָס באַזינגען די גבורות פונ׳ם העלד לעמינקיינען, זיין טויט, זיין תחית המתים. זיין מוטער געפינט אים אויס אין די טיפע אָפּגרונטן פון ים און מאַכט אים צוריק לעבעדיק.

א ציקל פון זעקס רונעס וועגן קולערוואָ׳ן, דעם בייזן זון פון קאַלערוואָינען.

די ערשטע צוויי רונעס באַשעפטיקן זיך מיט דעם געבורט פון וואַינאַמאָינען. דאָס איז אין דער זעלביקער צייט א געזאַנג וועגן וועלט־באַשאַף.

די פופציקסטע, די לעצטע רונע איז דאָס געזאַנג וועגן מאַריאַטאַן און איר זון, וועמעס טאַטע איז געווען א פעלד־יאַגדע. אָט־דער זון דאַרף סוף כל סוף באַזיגן דעם גרויסן העלד וואַינאַ־מאָינען.

פון דעם אָנהייב ביז׳ן סוף פון דער קאַלעוואַלאַ ציט זיך, ווי א רויטער שנור, דער אַנימיזם. אַלץ לעבט און איז לעבעדיק. חיות און פלאַנצן, בערג און טאָלן, ווינטן, די וואָלקנס, די ימים און טייכן, די זון, די לבנה און די שטערן, דער פראָסט און דער שניי, דאָס פייער. אפילו זאַכן וואָס ווערן געמאַכט פון דער מענטשלאַכער האַנט לעבן און זיינען פאַרבונדן מיט׳ן מענטשן, ווי פריינט אָדער ווי פיינט.

וואַינאַמאָינען דאַרף בויען א שיף, זוכט ער האָלץ. דערציילט אים די אָסינע, אַז איר האָלץ טויג ניט, עס איז דורכגעפוילט. גייט ער צום דעמב. ראָט אים דער דעמב צו נעמען זיין האָלץ. זיין האָלץ איז גוט און שטאַרק. לעמינקיינען לויפט אָפּ מיט בלוט. דאַרף ער א זאַלב צו היילן זיינע וואונדן. געפינט זיך די זאַלב אָבער נאָר ביי אוקקאָ׳ן, דעם טרעגער פון די הימלען. איז דאָ א גוטער פריינד— די בין. זי לויפט אוועק אין פּאַלאַץ פון אוקקאָ׳ן און ברענגט צוטראָגן דעם זאַלב. וואַינאַמאָינען ליגט ביי זיין מוטער אין בויך ניין הונדערט יאָר כסדר, ווערט אים נמאס דאָרט צו ליגן. ער וויל זיך באַפרייען. ער וויל ארויס אויף דער ליכטיקער וועלט כדי צו קוקן אויף דער

דער אינזל

זון אין הימל, אויף דער לבנה, אויף די שטערן. בעט ער זיך ביי דער זון, לבנה און בער אין הימל:

„פיר ארויס מיך אָ, לבנה,
פיר מיך, זון, איך בעט דיך איצטער,
פיר ארויס מיך בער אין הימל,
פון די אומבאקאנטע טירן,
פון די טויערן, די פרעמדע,
פון מיין קליינער ענגער וואוינונג,
פון מיין חשכ'דיקער תפיסה!"

(ערשטע רונע)

ווילן זיי אָבער קיינער אים קיין הילף ניט געבן. מוז ער אליין עפעס טאָן.

ניט שטענדיק העלפט מען דעם מענטשן. אמאָל זאָגט מען אים אָפּ. אמאָל דרייט מען זיך ארויס מיט א תירוץ. לעמינקיינענס מוטער זוכט איר פארלוירענעם זון. קומט איר א וועג אָן אנטקעגן, פרעגט זי אויף איר זון. זי פרעגט, און דער וועג ענטפערט:

און זי זוכט איר זון און זוכט אים,
און זי קאָן אים ניט געפינען;
קומט א שטעגל איר אנטקעגן
און זי הייבט אים אָן צו פרעגן:
„זאָג מיר שטעג — פון גאָט געשפרייטער,
האָסטו וואו מיין קינד באגעגנט?
ניט געזען מיין גאָלדערנעם עפל?
ניט געזען מיין גאָלדענעם עפל?
ענטפערט איר אזוי דאָס שטעגל:
„כ'האָב געגנוג מיר מיינע דאגות
ווער קאָן טראָגן פרעמדע זאָרגן?
ס'האָט א צרה מיך באטראָפן,
כ'האָב א פינצטער ביטער מזל:
וואו א הונט טוט אויף מיר לויפן,
שטענדיק פאָרן אויף מיר רעדער,
און פון שיך ווער איך געטראָטן,
און פון קנאפל און פון זוילן."

(פינפטע רונע)

דער גערשטן בעט זיך מען זאָל פון אים ברויען ביר. דאָס ביר שרייט ארויס פון פאָס מען זאָל דאָס טרינקען און טאָקע ניט אנדערש

דער אינזל

ווי ביי געזאנג. דער באַלעבאָס דאַרף חתונה האָבן, דאַרף אַריינגעמען אין שטוב אַ יונגע באַלעבאָסטע, דערפילן דאָס גלייך די טירן און פענסטער. אפילו די שוועלן און די קליאַמקע. זיי צאַפּלען זיך פון אומגעדולד, גייען אויס פון ביינקעניש. אַלע וואַרטן אויף דער גוטער מינוט.

אַזוי צאַפּלט אַלץ מיט לעבן. אָט דער לעבעדיקער אָטעם באַהויכט די קאַלעוואַלאַ און דערהויבט זי צו דער העכסטער שטופע פון פּאָעזיע.

זאַכן לעבן. אַמאָל זיינען זיי גוט צום מענטשן, אַמאָל שלעכט. דער מענטש וויל זיי אַריבערציען אויף זיין זייט. מוז ער אויף זיי ווירקן. ווירקט ער אויף זיי מיט אַ וואָרט, מיט אַ שפּרוך. כישוף שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע, און די קאַלעוואַלאַ איז אָנגעפּיקעוועט מיט באַשווערונגען. דער הויפּט-העלד, וואַינאַמאָינען, איז דער גרעסטער מכשף. כישוף ווירקט אָם-בעסטן, ווען דער שפּרוך ווערט אַרויסגעזאָגט אויף אַ ריטמישן שטייגער. איז טאַקע וואַינאַמאָינען דער בעסטער זינגער. געזאַנג איז אין דער קאַלעוואַלאַ שוין אַליין אַ כישוף. מיט געזאַנג קען מען אָפּשטעלן די ברויזנדיקע כוואַליעס אין ים, אַרויסרופן גראָז אויף די פעלדער, שלאָגן דעם שונא. וואַינאַמאָינען דאַרף באַזינגען זיין געגנער — זינגט ער. יאָוקאַהיינען וויל זיך פאַרמעסטן מיט'ן זינגער וואַינאַמאָינען, דערשרעקט זיך זיין מוטער און ראָט אים צו בלייבן אין דער היים, וויל

„מיט זיין זינגען וועט ער כישוף\
אויף דיר וואַרפן, עפּעס אָפּטאָן,\
וועט אין שטיקער אייז פאַרוואַנדלען\
דיינע פינגער, אַלע אברים,\
וועט פאַרזינקען דיך אין שניי-בערג."

(דריטע רונע)

די קאַלעוואַלאַ, אין איר איצטיקער פאָרם, איז אַ פּראָדוקט פון לאַנג-יאָריקער אַרבעט פון יחידים. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פון יחידים. דאָס פינישע פאָלק איז איר אמת־דיקער באַשאַפער. אָבער דאָס גאַנצע וואונדערבאַרע שאַפן וואָלט אפשר געווען אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, ווען יחידים זאָלן דאָס ניט געווען אויפזאַמלען און סיסטעמאַטיזירן. פיל זאַמלער האָבן יאָרן לאַנג געאַרבעט, געזוכט און גענישטערט, צוזאַמענגעקליבן שטיקלאַך און ברעקלאַך פון'ם פינישן פאָלק-לאָר, ביז עס האָט זיך איינגעגעבן

דער אינזל

צוריק ערשט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צונויפגעשטעלן דאָס גאַנצע פון די טיילן.

עס איז כדאַי אַ קוק טאָן אויפ׳ן גאַנג פון אָט־דער אַרבעט.

ביז׳ן סוף פונ׳ם זיבעצעטן יאָרהונדערט האָט די וועלט ניט געוואוסט וועגן דער פאָלקס־פּאָעזיע פון די פינען. קיינער האָט איר מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט. די ערשטע זאַמלער פון פינישן פאָלק־לאָר זיינען געווען פּאַלמסקאָלד און פּעטער באַנג. זיי האָבן געזאַמלט הויפּטזאַכלאַך כישוף־שפּרוכן און פאַרשיידענע פאָלקס־לידער. דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער פינישער פאָלקס־פּאָעזיע איז געווען גאַבריעל מאַקסעניוס. זיין ווערק איז דער־שינען אינ׳ם יאָר 1733 און איז געשריבן געוואָרן אויף לאַטיין. אין אָט־דעם ווערק זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אייניקע לידער און כישוף־שפּרוכן.

דאַניעל יוסלעניוס, אַ באַרימטער בישאָף און אַ גרויסער גע־לערנטער, האָט אויך אָנגעהויבן צו שטודירן די פינישע פּאָעזיע און די פינישע שפּראַך. אינ׳ם יאָר 1700 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דיסער־טאַציע וועגן אָפּשטאַם פון דער פינישער שפּראַך. שפּעטער, אין דעם יאָר 1745, האָט ער אָפּגעדרוקט נאָך אַ ווערק וועגן די פינישע כישוף־שפּרוכן, וועגן דער פינישער שפּראַך און פאָלקס־פּאָעזיע. מיט גרויסער מי און פאַרזיכטיקייט האָט ער אָנגעהויבן צו זאַמלען די לידער פון סואָמי (פינלאַנד). אָט־די זאַמלונג איז אָבער פאַרלאָרן געוואָרן.

קיינער האָט אין יענע יאָרן קיין סך אויפמערקזאַמקייט ניט געשיינקט דער פינישער פאָלקס־פּאָעזיע. אפילו געטע, וואָס האָט, אגב, אליין באַאַרבעט אַ פיניש ליבע־ליד. אין פינלאַנד גופא האָט מען זיך אויך ווינציק וואָס באַשעפטיקט מיט׳ן זאַמלען און פּובליקירן פאָלק־לאָר. דער ערשטער פינלאַנדער, וואָס האָט זיך מיט ערנסט און מיט גרויס ברען אַ נעם געטאָן צו אָט דער אַרבעט, איז געווען דער באַרימטער פּראָפעסאָר פּאָרטהאַן. חוץ דעם, וואָס ער איז געווען דער גרינדער פון דער „געזעלשאַפט פון פינאָ־פילן״, וואָס איז עד היום פאַרבליבן דער ליטעראַרישער צענטער פון פינלאַנד, האָט ער אויפ־געזאַמלט אַ גרויסע צאָל לידער. אונטער זיין איינפלוס האָבן גע־אַרבעט די געלערנטע גאַנאַנדער און לענקוויסט. די אַרבעט איז אָבער אַליין געווען אַ פראַגמענטאַרישע, ניט געקוקט, וואָס צו איר האָבן זיך געכאַפּט אַ גאַנצע גרופּע געלערנטע טוער. זיי האָבן שוין דעמאָלט געזוכט די שטיקער פון דער גרויסער עפּישער פּאָעמע. אַרום יענער צייט האָבן שוין די זאַמלער געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַ גאַנצע

דער אינזל

און אַ גרויסע עפּישע פּאָעמע ביי די פינען. ווייל אַלע שטיקער האָבן זיך נעדרייט אַרום צוויי דריי העלדן, צווישן וועלכע וואַינאַמאָינען איז געשטאַנען אין צענטער.

די קאַלעוואַלאַ, ווי מען רופט אייגנטלעך דעם עפּאָס פון די פינען, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די צוויי פינישע געלערנטע זאַכאַריוס טאָפּעליוס און עליאַס לענראָט.ביידע זיינען געווען דאָק־טוירים און האָבן פּראַקטיצירט זייער פּראָפעסיע. דאָקטאָר טאָפּעליוס האָט אויפגעזאַמלט אַכציק שטיקער פון די קאַלעוואַלאַ־געזאַנגען. די לעצטע עלף יאָר פון זיין לעבן איז ער אָבער קראַנק געווען אויף אַ טויטלאַכער קריינק און איז קיין איין מאָל ניט אַראָפּ פון בעט. אָבער ניט געקוקט אויף דער קרענק זיינער, האָט ער דאָך פאַרגעזעצט צו זאַמלען אַט־די לידער. ער האָט געהאַט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישן די פינלענדער, וועלכע פלעגן אָפט צו אים קומען און זינגען פאַר אים די העלדן־לידער. די ערשטע זאַמלונג האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1821, די לעצטע אין 1831.

דאָקטאָר עליאַס לענראָט (געבאָר. אין 1802, געשט. אין 1884) איז אַליין געווען אַ פּאָלקס־מענטש. זיין פּאָטער איז געווען אַ פּויערישער שניידער. זיין יוגנט האָט דאָקטאָר לענראָט פאַרבראַכט אין דאָרף און ער האָט אַליין געקאָנט זינגען פיל לידער. ווען ער האָט שוין פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע, איז ער אויסגעפאָרן וואו ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע אין פינלאַנד, אויסגעהערט פיל פּאָלקס־זינגער און פאַרצייכנט אַלץ וואָס ער האָט געהערט. די שטיקער האָט ער סיסטעמאַטיזירט און באַהאָפטן, און אינ׳ם יאָר 1835 האָט ער פאַר־עפנטלאַכט אין העלסינגפאָרס, פינלאַנד, די קאַלעוואַלאַ אין צוויי בענד. אַרויסגעגעבן דאָס ווערק האָט די פינישע ליטעראַטור געזעל־שאַפט. אין 1849 איז דערשינען אַ צווייטע אויסגאַבע פון דער קאַלע־וואַלאַ. אין אַט דער אויסגאַבע זיינען פאַראַן פופציק געזאַנגען אָדער רונעס מיט אַרום דריי־און־צוואַנציק טויזנט פערזן.

עס איז כדאי אָנצואווייזן אויף די סימנים פון אַלטקייט אין דער קאַלעוואַלאַ. ראשית ווערט אין איר אַ וואָרט ניט דערמאָנט וועגן די רוסן, דייטשן און שוועדן, די אַרומיקע שכנים פון די פינען. דאָס ווייזט, אַז די פּאָעמע איז געשאַפן געוואָרן איידער אַט־די פעלקער זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פינען.

נאָך אַ סימן. ווי באַוואוסט זיינען די אונגאַרן זייער נאָנטע קרובים מיט די פינען. די שפּראַך פון די מאַגיאַרן באַזיצט די

דער אינזל

זעלביקע כאראקטעריסטישע שטריכן, וואָס די פינישע שפּראַך באַזיצט. האָט דער אונגאַרישער איבערזעצער פון דער קאַלעוואַלאַ, באַרנאַ, אָנגעוויזן אויף א בוך, וואָס א געוויסער פּעטער באָרנעמיזשאַ האָט אָנגעשריבן אינ׳ם יאָר 1578. דאָס בוך איז א זאַמלונג פון באַשווערונגען, וועלכע פלעגן גענוצט ווערן פון די אונגאַרישע דאָרפס־פּויערים אין יענער צייט. אָט־די באַשווערונגען זיינען די זעלביקע, וואָס אַלע פעלקער פון אוגריאַנישער אָפּשטאַמונג נוצן. די קאַלעוואַלאַ איז פול מיט אַזעלכע באַשווערונגען. קען מען דערפון דרינגען, אַז די כישוף־לידער פון דער קאַלעוואַלאַ שטאַמען נאָך פון דער צייט ווען די אונגאַרן און די פינען זיינען נאָך געווען פאַראייניקט. דאָס הייסט, אַז זיי זיינען געשאַפן געוואָרן אפשר מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.

עס איז כדאי אָנצואווייזן, אַז די קאַלעוואַלאַ איז איבערזעצט געוואָרן אין פיל אייראָפּעאישע שפּראַכן. אינ׳ם יאָר 1844 האָט אַלעקסאַנדער קאַסטרען זי איבערזעצט אין שוועדיש. עס איז פאַראַן א פראַנצויזישע פּראָזע איבערזעצונג פון לע דוק (1845). אויף דייטש זיינען פאַראַן צוויי איבערזעצונגען, איינע פון אַנטאָן שיפנער (1852) און די צווייטע פון הערמאַן פּאָול. די אויבנדערמאָנטע אונגאַרישע איבערזעצונג פון באַרנאַ איז דערשינען אינ׳ם יאָר 1871. א רוסישע איבערזעצונג פון בעלסקי׳ן. א חוץ בעלסקי׳ן, האָבן נאָך אַנדערע געאַרבעט און איבערזעצט שטיקער אויף רוסיש. אַזוי האָט דער אַקאַדעמיקער גראָט זיינע היפּשלאַכע ציטאַטן פון דער קאַלעוואַלאַ אַליין איבערזעצט. אויף ענגליש זיינען פאַראַן צוויי פולשטענדיקע איבערזעצונגען, איינע פון דזשאָן מאַרטין קראָפאָרד און די צווייטע פון פ. וו. קוירבי. דער העברייאישער דיכטער, שאול טשערניכאָווסקי האָט אָפּגעדרוקט אין דעם זאַמלבוך „התקופה" אַן איבערזעצונג פון דער עלפטער רונע. די איבערזעצונג איז געווען געדרוקט אין דער צוואַנציקסטער זאַמלונג פון דער „התקופה".

צולעצט וויל איך זאָגן, אַז מיין איבערזעצונג איז ניט געמאַכט געוואָרן פון דעם אָריגינאַל. איך האָב זיך באַנוצט מיט די ענגלישע איבערזעצונגען פון קראָפאָרד און קוירבי און מיט די דייטשע איבערזעצונגען פון הערמאַן פּאָול און אַנטאָן שיפנער. אויך האָב איך מיין

אינפארמאציע פאר אָט־די עטלאכע באמערקונגען גענומען הויפט־זעכלאך פון די פאררעדעס, וועלכע קראַפּאָרד און שיפּנער האָבן נע־מאכט צו זייערע איבערזעצונגען און ביי דעם אויבנדערמאָנטן אקא־דעמיקער גראַט.

אַמעריקאַנער פאָלקס־לידער

אידיש פון אברהם נירענבערג.

דער איינזאַמער קאו באָי.

איך האָב ניט קיין טאַטען,
איך האָב ניט קיין טאַטען,
איך האָב ניט קיין טאַטען,
וואָס זאָל מיר קויפען קליידער.

איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאובאָי,
און ווייט פארוואָרפן פון דער היים.

איך האָב ניט קיין מאַמע,
איך האָב ניט קיין מאַמע,
איך האָב ניט קיין מאַמע,
וואָס זאָל מיר די קליידער פאַרריכטן.

איך האָב ניט קיין שוועסטער,
איך האָב ניט קיין שוועסטער,
איך האָב ניט קיין שוועסטער,
וואָס זאָל זיך שפּילן מיט מיר.

איך האָב ניט קיין ברודער,
איך האָב ניט קיין ברודער,

דער אינזל

איך האָב ניט קיין ברודער,
וואָס זאָל מיט מיר טרייבן די אָקסן.

איך האָב ניט קיין כלה,
איך האָב ניט קיין כלה,
איך האָב ניט קיין כלה,
וואָס זאָל מיט מיר זיצן און שמועסן.

איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאַובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאַובאָי,
איך בין אַן איינזאַמער, עלנדער קאַובאָי,
און ווייט פאַרוואָרפן פון דער היים.

דזשעסי דזשיימס.

דזשעסי דזשיימס אין לעבן זיינעם האָט א סך אוועקגעלייגט,
און בארויבט די דענוויל באַן האָט ניט קיין אַנדערער ווי ער,
דאָך אַ שמוציקער פאַררעטער האָט געטריבן אים אין קבר, —
דזשעסי, דזשעסי, אונזער דזשעסי לעבט שוין איצט ניט מער!

דזשעסי האָט אַ ווייב, וואָס וויינען וועט אויף זיין פארשניטן לעבן,
דזשעסי לאָזט נאָך זיך דריי קינדער, קינדער בראַוו און שיין.
אָבער ס'איז געווען באשערט אים, ליגן זאָל מען אין דער ערד אים
דורך דער האַנט פון אַ פאַררעטער, דורך אַן עקלהאַפטן פייגלינג.

ראָבערט פאָרד, אָט דער פאַררעטער, אָט דער עקלהאַפטער פייגלינג,
דורך זיין פאַלשער האַנט געפאַלן איז האָך אונזער דזשעסי טויט!
מיאוסער פייגלינג! דו ביסט דאָך אין דזשעסיס בעט געשלאָפן,
מיאוסער פייגלינג! דו האָסט דאָך געגעסן דזשעסיס ברויט.

שווער געווען איז דזשעסין קוקן אויף די ליידן פון אַ צווייטן,
דזשעסי איז געווען אַ חבר און אַ פריינד פון אָרעמאַן,
מיט זיין ברודער פרענק צוזאַמען די שיקאַגאָ באַנק באַ'גנב'עט
און בארויבט דערנאָך אין גלענדייל האָבן זיי די באַן.

די גאַלאַנטין באַן באַ'גנב'עט, דאָס האָט פרענק, דער ברודער זיינער,
און זיך אָפגעטראָגן האָט ער פונ'ם שטעטל מיט'ן געלט.

דער אינזל

און די ברידער האָבן דאָ זיך אָפּגעשטעלט א קורצע ווײַלע
און אוועקגעשיקט דעם שעריף אויף דער אמתדיקער וועלט.

און נאָך איידער די לויה פון דעם שעריף איז געוועזן,
האָבן זיי די זעלבע מעשה אָפּגעשפּילט ניט ווייט פון דאָ;
אין געפאר פארלירן ס'לעבן, האָט דער וועכטער אָפּגעגעבן
זיינע שליסלען די באנדיטן פרענק און דזשעסי דזשיימס.

שבת־נאכט, ווען דזשעסי איז זיך אין דער היים ביים טיש געזעסן
און געשמועסט מיט די קינדער און זיין יונגן ווייב,
גנב'עט ראָבערט פאָרד אריין זיך, ווי א גנב אין דער פינסטער,
און מיט קוילן דורכגעלעכערט האָט ער דזשעסיס לייב.

ביל גאשייד פארפאסט האָט ס'לידל, וואָס איר לעזט אָט דאָ אצינדערט
ווי די טרויעריקע ניים האָט זיך נאָר ביי אונז פארשפּרייט,
בילי זאָגט, אז ניט פאראנען אויף דער גאנצער וועלט א מענטש איז,
וואָס וואָלט קענען פאנגען דזשעסין לעבעריקערהייט.

דזשאָו באוערס.

מיין נאָמען איז דזשאָ באוערס,
איך האָב א ברודער אייק,
און פון מיזורי קום איך,
איך קום פון וויַיטן פּייק.
איך האָב מיין היים פארלאָזן,
פארוואָס און ווי אזוי,
דאָס וועל איך, ברידער מיינע,
דערציילן באלד גענוי.

כ'האָב ליב געהאט א מיידל,
און סאלי בלעק הייסט זי;
איך האָב געוואָלט זי נעמען,
זאָגט סאלי „ס'איז צו פריה".
„דזשאָ באוערס — זאָגט זי, — איידער
אין לעבן ווערסט פארדרייט,

דער אינזל

זע, אַז דיין קליינטשיק ווייבל
ניט ליידן זאָל קיין נויט."

„גערעכט, — זאָג איך, — איז סאַלי,
גערעכט, מיין איינציק גליק,
איך גיי קיין קאַליפאָרניע,
און קום מיט גאָלד צוריק."
זי זאָגט: „דזשאָ באָוערס, בעסערס
פון דיר קאָן גאַר ניט זיין,
דערוויייל דערלאַנג אַ קוש שוין."
איך האַק אַ טוץ אריין.

כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן
מיט איר מיין לעצטן טאָג,
ס'דריקט סאַלי מיך צום הארצן,
און איך, איך וויין און קלאָג.
און יעדער אויסגעבראָכן
האָט אין גרוים געוויין
ווען כ'האָב געלאָזט פון פייס זיך
קיין קאַליפאָרניע גיין.

און דאָ אהער געקומען
בין אָן אַ שטיקל ברויט,
אַ לאַנגע צייט געבעטן
האָב איך אויף זיך דעם טויט.
דערנאָך גענומען גראָבן,
לאָז זיך אין גרוב אראָפּ;
דער קלאַפּ פון האמער מיינעם
קלינגט אין דער געגנד אָפּ.

געארבעט אָן אָן אויפהער,
געארבעט טאָג און נאכט,
ווייל ס'טוט דאָס דזשאָ פאַר סאַלי'ן,
האָט'ס אים ניט אויסגעמאַכט.
ס'האָט צוגעשפּילט דער מזל,
ווי ס'זאָגט אייך קלאָר מיין גאָלד. —
איך ארבעט דאָך פאַר סאַלי'ן,
וואָס כ'האָב ווי ס'לעבן האָלט.

דער אינגל

א בריוו איז אָנגעקומען
פון ליבן ברודער אייק,
דער בריוו קומט פון מיזורי,
ער קומט פון ווייטן פּייק.
וואָס ס'איז אין בריוו געשטאַנען,
דערציילן איז מיר שווער;
מיין הארץ ווערט שיר צעריסן —
זייט מוחל מיר מיין טרער.

כ'וועל אלץ דערציילן, ברידער,
ווארט אוים נאָר א מינוט.
ווען כ'האָב דעם בריוו געלעזן,
איז דזשאָ געוועזן קאַפּוט.
די קני זיך נעמען בייגן,
איך ריים די האָר פון קאָפּ.
אויך איצט, ווען איך דערמאָן עס,
נעמט זיך די צונג מיר אָפּ.

עס שטייט אין בריוו, אז סאַלי,
צוריק נאָך מיט א יאָר
גענומען האָט א קצב
מיט פייער רויטע האָר.
וואָס ווייטער איז געשטאַנען,
האָט שיר געמאכט מיך בלינד, —
זי האָט א קינד געבאָרן,
און רויטע האָר האָט ס'קינד.

ס'איז ניט קיין בייזער חלום,
אָ, ברידער, ס'איז די וואָר!
מיין סאַלי איז א קצב'ס,
איר קינד האָט רויטע האָר.
— א אינגל צי א מיידל?
איך האָב ניט קיין באַגריף!
בלויז, אז ס'האָט רויטע הערלאך,
געשטאַנען איז אין בריוו.

דער אינזל

ז. ל.:

נאָטיצען

וועגן דעם ענין לעזן.

וועגן דעם ענין לעזן האָט מען זייער וועניג גערעדט ביי אונז. קיינער האָט ניט גערעדט וועגן דעם, צי אַ מענטש דאַרף באמת לעזן און צי וועט ער ניט זיין פּונקט אַזוי איידל, פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט און פייאיק אויפצונעמען שטימונגען און איינדרוקן, ווען ער וועט ניט אַריינקוקן אין געדרוקטע ביכער.

עס האַנדלט זיך ניט וועגן קלאַסיקער, וועגן אַלטע, פאַרהייליקטע, באַרימטע שריפטשטעלער. מיט זיי דאַרף מען זיין באַקאַנט. דאָ איז שוין ניט די פראַגע צי דורך זיי ווערט אייער האַרץ און קאָפּ באַרייכערט. זיי זיינען אַ פאַקט, און מיט פאַקטן מוז מען זיך רעכענען. עס זיינען דאָ האַוואַנאַ סיגאַרן, עס איז דאָ רוים און עס איז פאַראַן אַ שעקספּיר. איר דאַרפט ניט רויכערן צו קענען זאָגן אייער אויטאָראַטיווע מיינונג וועגן דעם פיינעם אַראָמאַט פון האַוואַנאַ סיגאַרן. איהר דאַרפט ניט באַזוכן רוים צו קענען גלאַנצן מיט אַ פּאָר פיינע באַמערקונגען וועגן אָט דער אַלטער שטאָט און איר קענט האָבן אַ געזונטע און ריכטיקע מיינונג וועגן שעקספּירן ניט לעזענדיק אים. גוטע מענטשן האָבן געמאַכט לייכטע און קורצע קאָמפּעלאציעס און אין וואָסער שעה־אָנעדרטהאַלבן ווייסט איר אַלץ, וואָס אַן אנשטענדיקער בירגער דאַרף וויסן וועגן אים. און אפשר נאָך אַ ביסל מער. אָבער ניט וויסן ווער עס איז געווען שעקספּיר איז אומפאַרגעבלאַך, פּונקט אַזוי ווי ניט וויסן, אַז קאַלווין קולידזש איז אונזער פּרעזידענט. אַ שיין פּנים קען האָבן אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט דעם נאָמען פון אונזער פּרעזידענט !

דאָס זעלבע איז מיט נייע ביכער. מיט ביכער וואָס דערשיינען איצט און וואָס האָבן אַ סענסאַציאָנעלן ערפאָלג. זיי פאַרקויפן זיך אין הונדערטער טויזענטער עקזעמפּלאַרן, זיי ווערן באַאַרבעט אין מואוויס, וואו איר שטייט און גייט הערט איר ריידן וועגן זיי, וועגן זייער פאַרפאַסער, אַז ער האָט זיך שוין גע'גט, אַז ער האָט שוין חתונה געהאַט און ער קלייבט זיך שוין ווידער גט'ען. מיט איין וואָרט, ביכער, וואָס זיינען היינט צו טאָג אויף יעדנס ליפּן, און וועלכע מען וועט זיכער פאַרגעסן מאָרגן, וואָס עס מיינט, אגב, אין קיינפאַל ניט, אַז זיי זיינען שלעכטע. וועגן אַזוינע ביכער מוזט איר אומבאַדינגט

דער אינזל

וויסן. עס איז נייס, עס איז אינפארמאציע. אמת'ע צייטונגען זעען טאקע, אז עס זאל באלד זיין ביי זיי וועגן די ביכער. אבער ניט קיין קריטיק, צי דער שרייבער פון דעם צי אן אנדערן ערפאלגרייכן בוך קען טאקע גוט באשרייבן די נאטור, אדער א ליבעס סצענע. דאס איז, אגב. דער עיקר איז צו געבן דעם אינהאלט, אדער אזוי ארומצורעדן דאס בוך, אז דער לעזער, „וואס וויל ניט אפשטיין פון דער צייט", זאל קענען פריי אריינוואַרפן א ווארט, ווען עס וועט זיך האנדלען וועגן דעם.*)

ווען מיר ריידן וועגן דעם ענין לעזן, האב איך אין זינען די געוואוינהייט פון געוויסע מענטשן צו לייענען ביכער. די געוואוינ־הייט, וואס ביי פילע איז זי שוין לאנג געווארן א נויטווענדיקייט.

ניט לאנג צוריק איז אין דער אידישער פרעסע אנגעגאנגען א גאנצער שמועס וועגן דעם וואס מען קויפט ניט קיין ביכער. ניט וואס מען לעזט ניט, נאר וואס מען קויפט ניט. ניינציק פראצענט פון פון די ביכער וואס דערשיינען אין אידיש באשטייען פון זאכן וואס זיינען פריער געווען געדרוקט אין צייטונגען, און מען דארף אננעמען, אז זיי זיינען געלעזן געווארן.

דער שמועס איז געווען זייער אן אינטערעסאנטער. פון איין זייט איז זיך געשטאנען דער לעזער, וואס האט זיך רואיק ערקלערט, אז ער לעזט ניט און קויפט ניט דערפאר, ווייל מען דערלאנגט אים ניט די ריכטיקע סחורה. ער איז ניט קעגן דעם, אין געגנטייל, ער איז ווידער גרייט אויסצוגעבן געלט ווי אמאל, נאר עס איז ניט גענוג

---

*) איך וויל זיך דא פאר אלעמען מודה זיין, אז איך לאז זעלטן דורך א רעצענזיע פון הלל ראגאף, און נאך זעלטענער לעז איך א מאמר פון ש. ניגער, אויסער ווען עס איז וועגן א באקאנטן. אבער דאמאלט איז עס דאך רכילות, און רכילות האב איך ליב ווי דאס לעבן. כאטש דער ערשטער שרייבט וועגן ענגלישע און דער צווייטער וועגן אידישע ביכער.

ראגאף גיט איבער דעם אינהאלט און דערציילט וועגן אן אינטערעסאנט נאר־וואס ערשינען בוך, אדער וועגן א ווייניקער אינטערעסאנט, אבער דער־פאר זייער דערפאלגרייך בוך. עס איז אינפארמאציע. און ניגער? געוויינטלאך רעדט ער וועגן א שרייבער, וואס איז ווייניק באקאנט, וואס פארקויפט זיך ווייניק, און ניט אז ער האט טאלאנט, נאר אז ער קען, למשל, ניט באשרייבן די נאטור, און דערצו ברענגט ער א צוויי־שפאלטיקע ציטאטע, אז ער קען טאקע ניט.

ווי מען זאגט, זיינען דא פאראן אזוינע מענטשן, וואס לעזן די דאזיקע מאמרים און האבן שטארק הנאה דערפון. רבונו של עולם! וואונדערלאך און אומפארשטענדלאך איז דיין וועלט.

אינטערעסאַנט פאַר אים. דערצו האָט ער פאַרלאַנגט אַנדערע אויס־בעסערונגען אין דער ביכער־אינדוסטריע, למשל, אַז דער פּרייז זאָל פאַרקלענערט ווערן און די ביכער זאָלן שענער ארויסגעגעבן ווערן. ער האָט גערעדט ווי עס רעדט אַ קונה, וואָס מען קומט ביי אים נעמען זיין שווער־פאַרהאָרעוועט געלט. די סוחרים און פאַבריקאַנטן אין אַנדערע אינדוסטריעס, ווען זיי הערן אַזוינע רייד פון זייערע קונדן, זענען זיי גלייך צופרידנשטעלן, ווייל זיי ווייסן, אַז זיי זיינען גערעכט.

די אידישע שרייבער, וואָס זיינען מאַטעריעל פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל זיך וואָס מער פאַרקויפן אידישע ביכער, זיינען שרעקלאַך געוואָרן אין כעס, כמעט אריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און געהאַלטן אין ערקלערן די לאַגע אַלס אַ קאַטאַסטראָפע, כמעט אַן אומגליק פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק. אָבער דערביי זיך געהיט ניט צו זיין קאָנקרעט, נאָר ריידן ארום, שטאַרק פאַרגלאָצט די אויגן, געשאָקלט זיך און צוגעקרעכצט דערביי.

עס איז געווען אַ קאַמף צווישן דעם קונה און דעם סוחר. דער קונה איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, אַז ער איז פריי, אַז ער קען טאָן וואָס ער וויל; און אין די אינטערעסן פון דעם סוחר איז געווען אים איינצורעדן, מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן, אַז ער מוז אומבאַדינגט לעזן, איך מיין, אַז ער מוז אומבאַדינגט קויפן ביכער.

אַ קאַמף צווישן סוחר און קונה.

און וואָלט איינער פון די לעזער זיך געווענדט אין דער שטיל צו איינעם פון די שרייבער, וואָס פאַר אַ ביכער זיינען דאָס דער־שינען אין אידיש לעצטנס, וואָס ער איז כמעט אַ פאַררעטער צום אידישן פאָלק אויב ער לעזט זיי ניט, וואָלט ער קיין ענטפער ניט געקראָגן: דער שרייבער וואָלט זיך געשעמט צו דערמאָנען זיינע אייגענע ביכער.

אָבער דער ענין לעזן אין פאַרט אַן אינטערעסאַנטער.

לעזן איז אין קיין פאַל ניט קיין פליכט. קיינער איז ניט מחויב, ניט צו זיך, ניט צום פאָלק ישראל, ניט צו ווייב און קינד, צו לעזן ראָמאַנען אָדער לידער, אויב זיי פאַרשאַפן אים קיין פאַרגעניגן ניט, אויב ער האָט דערפון קיין הנאה ניט.

לעזן איז אַ פּריווילעגיע. איך ווייס ניט צי עס איז אַ גע־באָרענע, אָדער אַן ערוואָרבענע. איך ווייס בלויז געוויסע מענטשן האָבן אַ נויטווענדיקייט צו לעזן. באַזונדערס לעזט זייער די יוגנט,

דער אינזל

וואָס איז מער גייציק צו באַקענען זיך מיט נייע מענטשן, אומ־שטאַנדן, שטימונגען און באַגריפן. מיט די יאָרן ווערט דער אינ־טערעס אין לעזן שוואַכער, און די זעלבע מענטשן נעמען פאַר־וואַנדלען זייער פרייע צייט אין אַנדערע ריכטונגען, אָדער זיי זיינען פאַרנומען מיט ו ו י כ ט י ק ע ר ע ז אַ כ ן, אַז זיי האָבן קיין צייט ניט פאַר ביכער. אַנדערע, ווידער, לעזן דאָס גאַנצע לעבן. איר הערט אָפט פון אַזוינע מענטשן, אַז זיי קענען איצט שוין ניט לעזן אַזויפיל וויפיל זיי וואָלטן וועלן. באַזונדערס דערעסן זיך לידער. מענטשן אין די פּערציקער האָבן זעלטן געדולד אַוועק־צוזעצן זיך ביי אַ בוך לידער, און טוען זיי עס אַמאָל יאָ, איז עס מיינסטן אַלטע לידער, וואָס זיי האָבן געלעזן אין דער יוגנט און זיי זיינען זיכער, אַז עס וועט זיי געפעלן, ווייל זיי האָבן פון זיי אַמאָל גרוים הנאה געהאַט.

דאָס איז זייער שלעכט פאַר דעם אידישן שרייבער. ער, ווי יעדער אַנדער שרייבער, דאַרף און מוז האָבן לעזער. עס איז פרנסה, עס איז פּרעסטיזש, עס איז זיין טעגלאַך ברויט, ער קאָן אָן דעם ניט אויסקומען. געוויס, איך וויים, אַז עס איז דאָ אויסנאַמען. איך רייד, אָבער, פון כלל. פאַר דעם שרייבער איז עס ניט קיין אַקאַדעמישע פראַגע, נאָר אַ פּערזענלאַכע. ער איז גרייט אפילו אייך צו צוצוגעבן, אַז עס איז ניט קיין גרויסער אומגליק, אַז איר וועט אַ צווייטן ניט לעזן, — אָבער אים? ! גאָט איז מיט אייך! וואָס פאַלט אייך איין! עס איז דאָך אַ סוף צו דער אידישער ליטעראַטור, עס איז דאָך כמעט אַ פאָלקס־אומגליק!

די פאַרפאַסער פון אָריגינעלע ראָמאַנען וועט איר ניט צו־פרידנשטעלן, ווען דער עולם וועט לעזן אַנשטאָט זיי, גוטע און אינטערעסאַנטע איבערזעצונגען. זיי וועלן אייך אויפווייזן, אַז דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַז דער עיקר איז אָריגינעלע ליטע־ראַטור, — איבערזעצונגען קען מען לעזן אין אַנדערע שפּראַכן. די איבערזעצער, ווידער, וועלן טענה׳ן, אַז עס איז וויכטיקער פאַר דער אידישער ליטעראַטור, ווען מען גיט אַרויס גוטע איבער־זעצונגען, ווי שלעכטע, אָדער שוואַכע אָריגינעלע ווערק, ווייל דורך די איבערזעצונגען געוואוינט מען צו מענטשן צו לעזן אַ אידיש בוך.

אין דער דעבאַטע האָבן ניט אנטייל גענומען שרייבער פון „ערפאָלגרייכע“ ביכער, אויב עס זיינען דאָ אַזוינע, און דער גאַנצער

ענין איז אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן די, וואָס האָבן ניט קיין ביכער אויפ'ן מאַרק.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר דער גאַנצער ענין לעזן ניט אין גאַנצן קלאָר. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס קענען ניט אויסקומען אָהן אַ בוך. אָבער פּונקט אַזוינע איידעלע, פּונקט אַזוינע פיינע, פּונקט אַזוינע עמפּינדלאַכע און איינדרוקספולע האָב איך באַגעגנט צווישן די, וואָס נעמען קיין בוך אין דער האַנט ניט אַריין.

אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דער גאַצער ענין איז שטאַרק איבערגעטריבן, אָבער איך האָב פּאַרט ליב ביכער, איך בין כמעט אַזוי ווי אייפערזיכטיק צו געוויסע שרייבער, איך וויל מען זאָל זיי באַוואונדערן, ווי דיך, וואָס איך האָב באַשריבן אין איינעם פון די נומערן פון דעם זשורנאַל. אָבער דעם צויבער זייערן וויל איך האָבן פאַר זיך און ניט טיילן אים מיט אַנדערע.

לעזן איז אַ פּריווילעגיע. לעזט בלויז דאָס, וואָס אינטערעסירט אייך, די איינציקע אויסנאַם מאַכט מיט דעם „אינזל“, ווייל דאָ קאָן זיין אַן אומגליק...

פּאָול הייזע אין חדר.

עס איז געווען אַ פרייד און אַ פאַרגניגן צו זען ווי אידישע שרייבער האָבן זיך לעצטנס גענומען די לויבנסווערטע מי און געפירט פּאָול הייזע'ן אין חדר אריין. זיי האָבן אים באַוויזן און אויפגעוויזן, אַז געוויסע שטעלן פון זיין „שאול המלך“, וואָס ווערט איצט אויפ־געפירט פון מאָרים שוואַרצ'ן, שטימען ניט מיט'ן תנך. זיי האָבן גערעדט מיט אים מעשה באַהעלפער, מיט ווירדע, פון אַ דיסטאַנץ, אָבער אין דער זעלבער צייט מיט אַ געוויסער פריינדליכקייט און דערביי אים אַ צי געטאָן פאַר'ן אויער: אָט וואָלסטו דערפון געקענט מאַכן אַ פיינע דראַמאַטישע סצענע, דאָס האָסטו געדאַרפט מאַכן אַזוי, און דאָס ווידער האָט זיך געפאָדערט צו טאָן אַזוי.

ניט ווילנדיק האָסטו געמוזט שטאָלץ ווערן מיט די אידישע שרייבער. עס הערט דיך שוין אויף צו אַרן, וואָס דער ערל האָט ניט געוואוסט, נאָר וואָס אונזערע ווייסן יאָ. אַ קליינינקייט עפּעס! מענטשן קענען אַריינקוקן אין תנך! און עס איז ביי די זייער גע־שעצטע קאָלעגן ניט געווען דער מינדעסטער צווייפל, אַז ווען פּאָול

דער אינזל

הייזע וואָלט געפאָלגט זיי, אז ווען ער זאָל טאָן ווי זיי ווייזן אים אָן, וואָלט „שאָול המלך" ניט געווען וואָס עס איז — ניט קיין געזעענע, נאָר אן איבערדערצײלטע מעשה און דערפאר אָן פאנטאזיע, אָן שוואונג, אָן איין איינציקן געדאנק, פּוסט ווי די דורכשניטלאכע צייטונגס־ארטיקלען וועגן טיפע ענינים — נאָר עס וואָלט געווען אפשר א קונסט־ווערק, אָדער עפּעס ענליכעס דערצו.

עס איז צו באוואונדערן ווי אונזערע שרייבער ריידן וועגן ליטע־ראטור. (איך שטעל מיר פאָר זיי ריידן פּונקט אזוי וועגן פּאָליטיק, אָבער דאָס אינטערעסירט מיך ניט). עס איז ניט דאָס ניט־וויסן, וואָס שלאָגט צום הארצן: מען מעג זיין ניט קיין גרויסער קענער פון ליטעראטור אָדער טעאטער און דאָך זאָגן, אָדער ווען מען איז אָנגעשטעלט אין א צייטונג, שרייבן, אז דאָס בוך צי די פּיעסע גע־פעלט מיר ניט. און אויב אימיצן אינטערעסירט אייער מיינונג, איז עס פאר אים אינטערעסאנט. פרעגן מיר דאָך איינער דעם צווייטן פער טעלעפאָן צי ער איז געווען נעכטן אין טעאטער און ווי עס גע־פעלט אים דאָס שטיק, און דער קורצער ענטפער, יאָ אָדער ניין, אנט־שיידט אָפטמאָל צי מיר זאָלן עס גיין זען אָדער ניט. דער שרייבער האָט א סך אזוינע באקאנטע, וועלכע ער קען ניט פערזענלאך, אָבער וועלכע קענען אים יאָ.

וואָס עס שלאָגט יאָ צום הארצן איז דאָס עצה געבעריי, דער טאָן. דער אויפגעקומענער גראָבער יונג האָט פאר קיין זאך קיין דרך־ארץ ניט, זאָגט ער דעות. עס באליידיגט ניט, נאָר עס איז נאריש. פּונקט אזוי נאריש איז דאָס דאָזיקע סאָרט עצה שרייבעריי.

ביי א סך שרייבער, אָם מיינסטן ביי די, וואָס שרייבן וועגן זאכן, וואָס זיינען זיי ניט שטארק נוגע, און דאָס מיינט 90 פּראָצענט פון זשורנאליסטן אין דער וועלט און 99 און ניין־צענטל אידישע צייטונגס־שרייבער, ווען עס האנדלט זיך וועגן ליטעראטור און טעאטער, אנטוויקלט זיך מיט דער צייט עפּעס א מין פּאָטערלאכע באציהונג צו דעם געגנשטאנד, וואָס זיי באהאנדלען. מען שטעלט זיך אוועק אָן א זייט, מען בלאָזט זיך א ביסל אָן, מען רעדט אויס, עפּעס אזוי כלאחר־יד, אָט פּונקט אזוי ווי ניט־באוועגלאכע און ניט־געראָטענע טאטעס באהאנדלען זייערע מער געראָטענע קינדער, וועלכע זיינען אָבער אָנגעוויזן אָן זיי.

א מיידל אין די יאָרן.

דאַרף א מיידל גיין צו בחורים אויף בוידימער? איך ווייס ניט. אויף ערן וואָרט, איך ווייס ניט. עס דאַרף ניט זיין אומעטיק, אָבער פון דער צווייטער זייט קען געשען אַן אומגליק. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז עלטערע און ניט איבעריג שיינע מיידלאַך דאַרפן זיך היטן דערפון. נאָר מיך אינטערעסירן איצט ניט די מיידלאַך, נאָר בחורים, און צו זיי וויל איך זאָגן: נעמט ניט קיין מיאוסע און עלטערע מיידלאַך מיט זיך אויף בוידימער, אפילו ווען זיי ווילן.

וואָס פון אזא באַגעגעניש איז אַרויסגעקומען איז קלאָר באַשריבן געוואָרן אין דעם לעצטן נומער „אינזל". דער יונגער גרשון איז געווען אויפ'ן בוידעם מיט אַן אַלטער און מיאוסער מויד און איז אַרונטער פון דאָרט אַ צעבראָכענער, דערשלאָגענער באַלעבעסל.

עס איז אמת, אַז די מויד איז גראָד אויפגעריכט געוואָרן, אָבער דאָס איז גראָד ניט קיין ראיה פאַר אַנדערע מיידלאַך. אָט זע איך ניט דאָס גליק, וואָס עס האָט, למשל, פריילין מ. ראַוויטש אויס וואַרשע, וואָס האָט אַ טבע צו קריכן אויף בוידימער.

פריילין ראַוויטש איז אַ מיידל אין די יאָרן. זי איז ניט איבעריק שיין, ניט איבעריק אָנציהענד, דערפאַר זייער סימפּאַטיש, אינטעליגענט און באַלעזן. נאָך יעדן קריכן אויף אַ בוידעם קומט זי אַרונטער, פּונקט ווי די מיאוסע מויד פון ר. אייזלאַנד'ס מר. גוסטאַוו גילדנער, אַ טראָגעדיקע. און די ניט איבעריק שיינע, די ניט איבעריק אָנציענדע, דערפאַר זייער סימפּאַטישע, אינטעליגענטע און באַלעזענע פריילין ראַוויטש ווערט אַ קוויטשעדיקע, צעקראָכענע, טראָגעדיקע אידענע.

לעצטנס האָט פריילין ראַוויטש ערקלערט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אַז עס איז איר שרעקלאַך קאַלט אויף די בוידימער און דערצו זייער סקוטשנע. עס איז איר לאַנגווייליק, נעבאַך. און דאָס איז מיט די בעסערע. מיט אזא, ווי אַ זישא לאַנדוי, וויל זי אין גאַנצן ניט גיין אויף בוידימער.

אַך, קוזינע, דאָס פעלט דאָך מיר חשק צו אייך! אייך וואָלט מען דאָך געקאָנט ווי ניט איז איבעררײדן; מיט ערגערע ווי זישא לאַנדוי זייט איר שוין געוועזן אויף בוידימער.

דער קריזיס אין דער אידישער פּאָעזיע.

אין דער אידישער פּאָעזיע פון אמעריקא איז פארהאן א קריזיס. אין פוילען ניט.

קויפט מען יאָ, קויפט מען ניט קיין ביכער. דאָס מאכט ניט אויס. מען האָט קיינמאָל ניט געקויפט א סך לידער ביי אונז. דער אונטערשיד פון היינט ביז אמאָל איז אזוי קליין, אז דאָס קען ניט און האָט באמת קיין שום ווירקונג ניט.

רעדט מען וועגן א קריזיס מיינט מען אן אינערלאכן. די וואס לעבן אין דער אידישער דיכטונג אין אמעריקא פילן עס.

מיר האָבן אמאָל געהאט א אידישע דיכטונג, מיר האָבן געהאט א גרופּע אידישע דיכטער, צו וועלכע מען מוז זיך נאָך אלץ ווענדן, וועלכע מען מוז נאָך אלץ האָבן אין זינען, ווען מען רעדט וועגן אידישער דיכטונג אין אמעריקא.

פאר די לעצטע יאָרן זיינען זייער ווייניג נייע צוגעקומען. דאָ און דאָרט איז דאָ א גוט ליד, אָבער קיין נייע פּנים'ער — כאָטש זוך מיט ליכט.

אמת, עס איז א ביסל איבערגעטריבן. עס זיינען צוגעקומען ראובן לודוויג, י. י. סיגאל, אל גוריה, יעקב גלאַדשטיין. אָבער אויסער ראובן לודוויג, וואס האָט מיט זיך געבראכט זיין אייגנס, איז סיגאל שרעקלאך צושוואומען, נאָך ערגער מיט אל גוריה, און פון דעם „יונגן" גלאטשטיינ'ען שלאָגט א דריי־טויזנט יאָריקע טובלעקייט.

און זיי זיינען אונזערע בעסטע. די אנדערע — נאָך מעהר אומקלאָר. אפשר וועט עפּעס ארויסקומען.

אין אזא פאַל מוז זיך פילן א קריזיס. עס ווערט דיר שווער. און דו בלעטערסט אונזערע זשורנאלן און אָן וואָס דו שלאָגסט זיך אָן איז אָדער שלעכטע לידער, אָדער עפּעס אזוינע אלט־געבאַקענע.

מיט א צייט צוריק האָט מען ביי אונז גערעדט וועגן נייע ריכטונגען. געוועזן ביי אונז אן „אין זיך"־ריכטונג. אָבער דורך א קאָמישן צופאַל, דורך אונזער נאאיוויטעט האָט מען זיי אָנגענומען פאר עפּעס נייעס.

דאָס איז געווען א חברה פון אלטע פּארטאטשעס, אָדער יונגגעבאָרענע אינוואלידן. גענומען האָט זיך דאָס צו אלטן טאנדעט

דער אינזל

מיט דריי גאָרנדיקער מליצה און אַזוי ווי יעדער איינער, וואָס קען נאָר אָנשרייבן אַן אדרעס, דאַרף זיין בכח צו מאַכן אַ ניט שלעכט שטיקל ארבעט ווען ער נעמט זיך צו טאַנדעט, צו רוטין, און זיי האָבן אפילו דאָס ניט געקאָנט, האָבן מיר, אין אונזער נאַאיוויטעט, אָנגענומען זייער ניט קאָנען פאַר עפּעס „נייס״.

איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיך נעמען ווערטערלאַך. אַ פּאָר פון די, וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום יענעם זשורנאַל האָבן זיכער טאַלאַנט. אָבער צוזאַמען איז דאָס געווען עפּעס אַזוינס אשר לא ראו אבותינו, ניט קיין טאַלאַנטלאָזיקייט, נאָר איבערטאַלאַנטלאָזיקייט, ניט גראַפאָמאַניע נאָר עפּעס אַ מין גראַפאָמאַניע דע לוקס.

און ווען ס'גייען אוועק יאָרן און עס זעען זיך אַלץ ניט קיין נייע פּנים'ער, איז פאַרשטענדלאַך, אַז עס איז אַ קריזיס.

פּוילן האָט זיך ניט וואָס צו קלאָגן. אין פּוילן זיינען קיינמאָל ניט געווען פילע אידישע דיכטער. מיר דאַכט זיך, אַז היינט איז דאָ אין וואַרשע מער ווי ווען עס איז פריער.

עס איז אמת, אַז זיי פילן זיך אויך עפּעס ניט יום־טוב'דיק. אָבער דאָס איז זייער אייגענע שולד.

זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווי מיר דאָ, זיך אָפּצוטיילן פון די איבעריקע. געווים, צו זיין אין קאָנטאַקט מיט'ן לעזער, איז אַ גרויסע זאַך, איז אפשר אַ זכיה, אָבער פאַרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אדער פּאָליטישע קלובן זיינען ניט קיין לעזער. איך שטעל מיר ניט פאָר, אַז אידישע דיכטער אין אמעריקע וואָלטן איינגעלאַדן צו אַ באַנקעט פון איינעם פון זיי דעם פאָרשטייער פון דער בוטשער אָדער בעקער יוניאָן, למשל, זיי וואָלטן ניט געוואָלט האָבן אַ דרשה פון אַ פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער, אַנאַרכיסטישער אָדער ציוניסטישער פּאַרטיי. און ביי זיי דאָרט ווערן איינגעלאַדן צו רעדן וועגן פּאָעזיע מיכאַליעוויטש, ליטוואַק, שיפּער, זרובבל. טייערע, גאָלדענע מענטשן! אָבער? איך וועל ניט זיין ווייט פון אמת, ווען איך וועל זאָגן, אַז איך פאַרשטיין אין פּאָליטיק אַ ביסל מער, ווי זיי אין פּאָעזיע און ביז'ן היינטיקן טאָג האָט נאָך קיין איין פּאָליטישע פּאַרטיי ניט מיך און ניט קיין אנדערן פון אונז איינגעלאַדן צו רעדן וועגן פּאָליטיק.

און זיי ווייסן, וואָס זיי טוען!

דער אינזל

דאָס איינציקע לאַנד, וואו די אידישע פּאָעזיע לעבט, וואו עס איז צוגעקומען עפּעס צאַפּלדיקעס, עפּעס פרישעס איז רוסלאַנד. וואָס פאַר א ליכטיקער פּאָעט איז איציק פעפער! איציק פעפער שרייבט ניט קיין קאָמוניסטישע פּאָעזיע אין דעם זין, ווי עס האָבן געטאָן די פריערדיקע דיכטער פאַר אים, וואָס האָבן מיט רעוואָלוציע אינערלאַך ניט געהאַט צו טאָן (האָפּשטיין, קולבאַק, בראָדערסאָן און מ. ל. האַלפּערן ביי אונז). ער שרייבט, וואָס ער לעבט איבער. אימיצער קאָן עס אויסנוצן? — מיט׳ן גרעסטן פאַרגעניגען!

מיר זיינען אַזוי אפּגעריסן, אז מיר ווייסן ניט, אָדער זייער ווייניק פון די איבעריקע יונגע דיכטער פון רוסלאַנד, אבער עס איז אוממעגלאַך, ווען עס איז דאָ אַן איציק פעפער, אז עס זאָל ניט זיין קיין אַנדערע, וואס עס איז ווערט זיך צו באַקענען מיט זיי.

איציק פעפער איז פריידיק און פרייד איז זייער אַנשטעקנדיק.

מאַיאַקאָווסקי אין ניו יאָרק.

איז מאַיאַקאָווסקי א גוטער דיכטער?

יאָ. ער שרייבט וואָס ער וויל.

ער ווערט ניט געפירט פון דער פען, נאָר ער פירט מיט דער פען.

ניט קיין סך קאָנען זיך באַרימען דערמיט.

עס איז דאָ א געוויסער רייץ אין קאָנען!

פאַרשטייט זיך, אויב ער געפעלט אייך ניט, קען ער אייך ניט מיטרייסן, אבער אַן אינטערעס פאַר מאַיאַקאָווסקי׳ן, אַלנפאַלס, פאַר א צייט דאַרף מען קאָנען האָבן.

ער איז פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט אַלס רעדנער.

אין מיטן פון זיין ערשטער ניו יאָרקער רעדע איז פּלוצלינג דורכגעלאָפן דורך דער גאס א פייער־לעשער מאַשין און דער טומל פון דער מאַשין האָט שוין געהאַלטן אין פאַרשרייען מאַיאַקאָווסקין, אָבער ער האָט זיך ניט פאַרלאָרן און אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו דונערן, אז ער האָט איבערגעשריען די מאַשין.

ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון און דאָס פּובליקום נאָך מער. ער האָט געקראָגן אַן אָוואַציע דערפאַר.

דער אינזל

אָבער מאַיאַקאָווסקי האָט עס אייגנטלאַך שוין פריער געוואוסט. ער וואָלט זיך דאָך ניט געגאַנגען אויסרייסן דעם האַלז, ווען ער זאָל ניט וויסן, אַז דאָס וועט שטאַרק אויסנעמען ביים עולם. אפילו ווען דאָס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מאַשין, און ער — אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער.

מאַיאַקאָווסקי איז אַ קאָמוניסט. ווי אַנדערש! ער האַלט אין איין דערמאָנען זיך און לעגינען. ער רעדט וועגן פּלאַקאַטן ליטעראַטור און עס קומט ביי אים אויס ווי דאָס וואָלט אַרויסגעוואַקסן אויפ׳ן קאָמוניסטישן מיסט. ער דערמאָנט ניט, אַז דאָס האָט ער זיך ניט געלערנט פון לעגינען נאָר פון דעם היינטיקן פאַשיסט מאַרינעטי.

עס וואָלט געווען לעבערלאַך צו פאָדערן פון מאַיאַקאָווסקין, ווען עס הערשט איצט אין רוסלאַנד קאָמוניזם צו דערמאָנען צום גוטן דעם נאָמען פון אַ פאַשיסט.

איך בין אמאל געווען אין טעאַטער. לודוויג זאַץ באַווייזט זיך מיט אמאָל אַ פאַרשמירטער, אַ פאַרשוואַרצטער און איידער ער האָט נאָך צייט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, גיט ער אַ זיפץ:

— איך וועל נאָך היינט פּטור ווערן פון מיין ראָלס ראָיס.

— פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ טייערער אַוטאָמאָביל? דו האָסט דאָך בלויז אַן אַלטן פערד!

— צייט ער איז געוואָרן אַן אַנטיסעמיט, וויל איך מער זיין נאָמען ניט אַרויסברענגען אויף מיינע ליפּן. — האָט אָפּגעענטפערט לודוויג זאַץ.

אינהאַלט פון די ערשטע 7 נומערן פון
„א י נ ז ל"

נומער 1.

זישא לאַנדוי — פּאַר׳ן כבוד פון וואָרט.
דוד קאַזאַנסקי — אַ בלעטל פון אַ ראָמאַן.
ר. אייזלאַנד — קונסט און פּראָפּאַגאַציע.
א. ראַבאַי — ענטל.
משה גראַס — הומאָר און מרה שחורה.
א. מ. פוקס — שבעה.
י. קיסין — געזעצן און גרעניצן.

נומער 2.

מאַני לייב — דריי לידער.
ר. אייזלאַנד — א. מ. פוקס.
אבא שטאָלצענבערג — צוויי לידער.
זישא לאַנדוי — דער נייער נשמה־פּאַר־זאָרגער.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
זישא לאַנדוי — די גאָלדענע האַרף.
א. מ. פוקס — זעמל און זיין ווייב.
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — וואָס איז אידישיזם?

נומער 3.

דוד קאַזאַנסקי — אַש־גרוי.
דוד קאַזאַנסקי — אַ קנעפּל.
משה גראַס — דער נייער נודניק.
מאַני לייב — אַן ענטפער ה. לייוויק׳ן.
א. מ. דילאָן — לידער.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
י. קיסין — די געפאַר פון אייגזייטיקייט.
זישא לאַנדוי — דיכטונג, דיכטער און לעזער.

נומער 4.

א. מ. פוקס — חולף.
י. קיסין — פאָלק און שפּראַך.
דוד קאַזאַנסקי — אין ראָד.
זישא לאַנדוי — דריי לידער.
י. קיסין — ליד.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
זישא לאַנדוי — קלאָגמוטערס; עוואָלוציע; אַן אומגערעכטע אַטאַקע.
ר. אייזלאַנד — די טראַבעל־מאַכערס; דער באַאיוועער דוד איגנאַטאָוו.

נומער 5.

ר. אייזלאַנד — פיר לידער.
פּילים ס. וואַלד — אַ קאַפּיטעל פון מיין לעבן.
מענדל נייגרעשל — ווערטער.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
ז. לאַנדוי — צוויי לידער.
נ. פּאָמעראַנץ — פּילים ס. וואַלד.
דוד קאַזאַנסקי — יודעל.
ר. א. — נאָמיצן.

נומער 6.

זישא לאַנדוי — לידער.
ר. אייזלאַנד — י. י. שוואַרץ אין קענטאַקי.
הערשל ראָזענפעלד — וואַינאַמאָינען און ווייפּונען.
דוד קאַזאַנסקי — פרעמד.
נפתלי גראַס — אַ רגע.
מענדעל — נייגרעשל — ווערטער.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
מערי אויסטין — אינדיאַנער לידער.
ר. א. — חצוף, טפּוש אָדער מלך המשיח?

נומער 7.

משה גראַס — הייליקייט און אידישקייט אין דער אידישער ליטעראַטור.
ה. ראָזענפעלד — וואַינאַמאָינען און ווייפּונען.
א. מ. דילאָן — מיט דעם אָווענט שיין.
אבא שטאָלצענבערג — צום פאָטער.
ר. אייזלאַנד — מר. גוסטאַוו גילדנער.
דוד קאַזאַנסקי — ווערטס טויט.
זישא לאַנדוי — דריי לידער.

שוין ערשינען
חיים קאַנטאָראָוויטש

אין ליכט פון מאַרקסיזם

פרייז $1.50

הויפּט פאַרקויף
מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט.

די אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקע

— פון —

זישא לאנדוי

מיט באצירונגען פון ז. מאָוד.

פרייז 2 דאָלער.

צו באקומען אין אָפיס פון „אינזל“.

א נייע אויפלאגע פון

הערמאַן באַנג'ס

ר א מ אַ ן

אָן אַ פאָטערלאַנד

איבערזעצט פון ר. אייזלאנד.

אין פאַרלאַג „אינזל"

ווערט צוגעגרייט א נייע אויפלאגע

פון

מאַני לייבּ'ס

לידער,

באַלאַדן,

אידישע און סלאווישע מאָטיוון

די אלע דריי ביכער אין איין באנד.

נאָר וואָס אַנגעקומען:

דער מאָראַלישער פּנים פון דער רעוואָלוציע

— פון —

יצחק נחמן שטיינבערג

350 זייטן.

פרייז $1.50

אויף פרעמדער ערד

דערציילונג

— פון —

י. י. זינגער

פרייז $2.75

אונטער'ן בריק

דערציילונגען

— פון —

א. מ. פוקס

פרייז $2.00

מאַקס נ. מייזעל

424 גרענד סטריט ניו יאָרק

פערלשטיין און קאָם.

באקאנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאק דעם רייכסטן און פארשיידנ־ארטיקסטן אויסוואל פון די נייסטע און וועלטנסטע אויסגאבן פון אייראפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיק אַטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.
200 East Broadway
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

זאקס און שטיינפעלד

יוניאָן פּרינטערס
12 רזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן דריידאק 0432

סופרים פּרעס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.
דרוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר

אַ גרויסער אויסוואַל פון אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער.

באשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

דער בלויער נאכטיגאל

פון זישא לאַנדוי.
שפּיל אין דריי סצענען.
פּרייז 35 סענט.
צו באקומען אין פארלאג „אינזל״.

דר. ש. פּאקס

דענטיסט

דאַון טאַון אָפיס:
12 רזשעפערסאָן סטריט.

אַפּ־טאַון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פּארק

דר. אברהם איסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט
אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)
דענטיסט
184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשארד 6794

שוין ערשינען!

א באנד לידער פון

געזאַנגען פון אונזער דור

פּרייז 1 דאָלאר

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

הויפּט־פארקויף ביי:

B. CALFEN
1176 Columbus Ave.
Roxbury, Mass.

דער קונדס

באהאנדלט די וויכטיקסטע געזעלשאפטלאכע און קולטורעלע פראגן — שארפזיניג, אָן מורא און אָן רחמנות.

קאנאדא

פעריאָדיש-ליטעראַרישער זשורנאַל

רעדאַקטירט פון י. ראַבינאָוויטש און א. ש. שקאָלניקאָוו

אינהאַלט פון צווייטן נומער:

לידער — י. י. סיגאל
וויבער (אַ שפּיל אין איין אַקט) ת. טאָלמאַטש
ליד — אשר ראָזען
לידער — אסתר סיגאל
ליד — אײדא מאָזע
בעטהאָווענ׳ס סוד (סוף) — י. ראַבינאָוויטש
ליד — רבקה רויזענבלאַט
פילאָזאָפיע — דער אייביקער פּראָמעטעאום — א. אַלמי
פּייגע לאה די משוגענע (דערציילונג — אַגנעס קאָהן
לידער — ברוך קאַצענעלסאָן
Self-reliance (עסיי) — ר. וו. עמערסאָן
לידער — א. ש. שקאָלניקאָוו
בריוו פון ניו יאָרק — י. י. סיגאל
לידער — חיים קרול
ת. לייוויק (אָפּהאַנדלונג) — פּעסיע כתנא
וועגן מינקאָוון — א. ש. שקאָלניקאָוו
מנורה זשורנאַל — י. י. ראַבינאָוויטש
רעזאָנאַנסן

אַבאָנעמענט פּרייז: יערלאַך — $2.50 איינצעלנע נומערן — 25ס.

מיט רעדאַקציאָנעלע און געשעפט איינגע לעגנהייטן זיך ווענדן:
1102 City Hall Ave., Montreal

בלויז אַכט מינוטען צו קאָכען און די לאָקשען זיינען פאַרטיג!

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען

לאָקשען פאַבריק
171 לואיס סטריט

מצה פאבריק
383-369 איסט 4טע סטריט

ניו יאָרק

שוין ערשינען אין פארלאג „אינזעל"

דזשעק לאנדאן:

דער אייזערנער קנאפל
דער וועג
פאר אדמ'ן
די שטימע פון בלוט

פ ר א כ ט ־ א ו י ס ג א ב ע ן

פרייז פון יעדען בוך $2.00

עס ווערען צוגעגרייט נאך איניגע ביכער פון דזשעק לאנדאן.

Up-To-Date Printing Co., Inc., 195-197 Canal St., New York

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 9. נאָוועמבער, 1925

דער שינעל

דערציילונג פון עוזר וואַרשאַווסקי

לידער פון ר. אײַזלאַנד, אפרים אויערבאך, אַבאָ שטאָלצנבערג און זישא לאַנדוי

שלום ושלוה:

I א. מ. פוקס און משה גראָס II ר. אײַזלאַנד

25 סענט א נומער $2.50 אַ יאָר

Der Inzel

Literary Monthly
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

אדרעסירט אלע בריף צו:
Inzel Pub. Co., P. O. Box 25, Sta. B, New York, N. Y.

Price per year, $2.50 — 200 — Single copies, 25c.

די אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקא

— פון —

זישא לאנדוי

מיט באצירונגען פון ז. מאָוד.

פרייז 2 דאָלער.

צו באקומען אין אָפיס פון „אינזל".

סעמועל פאַלעי — מענעדזשער פון פאָבליק נעשאָנאל באנק

דער מענעדזשער פון הויפּט־אָפיס פון דער פּאָבליק ניישאָנאל באנק אף 77 דילענסי סטריט איז מר. סעמועל פּאלעי. דער פּאקט וואָס אזא גרויסע פינאנס־אינסטיטושאָן ווי די פּאָבליק ניישאָנאל באנק, וועלכע האָט ברענטשעס איבער אלע טיילן פון ניו יאָרק, האָט באשטימט מר. פּאלעי אלס מענעדזשער פון איר הויפּט־אָפיס, איז אינטערעסאנט פארצייכנט צו ווערן.

מר. פּאלעי איז דערהויבן געוואָרן צו זיין הויכן אמט נאָר א דאנק זיין אומדערמידלאכער ענערגיע גרויסע פעאיקייטן און טיפער פארשטענדניש פאר ביזנעס. דער איצטיקער מענעדזשער פון איינער פון גרעסטע אידישע באנקען איז געקומען קיין אמעריקע מיט איבער 40 יאָר צוריק. אן אָרעמער בחור געוועזן, אין קליינעם דערפעל אין מינסקער גובערניע, וואו ער איז אויסגעוואקסן, האָט ער שווער געארבעט ביי זיין פּאָטער אין דער וואסער־מיל. די ערשטע יאָרען אין אמעריקע זענען פול געוועזן מיט טאָג־טעגלאכער ארבעט, מיט שווערער האָרעוואניע. זיין ארבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג און איצט שניידט ער די פרוכט פון'ם שווייס וואָס ער האָט פארזייט אויפ'ן אמעריקאנעם באָדן.

מר. פּאלעי איז זייער באליבט ביי אלע אָנגעשטעלטע פון דער פּאָבליק ניישאָנאל באנק און די אלע, וואָס טוען ביזנעס מיט דער באנק, האלטן אים פאר זייער בעסטן, איבערגעגעבענסטן פריינט.

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 9. נאָוועמבער, 1925. ניו יאָרק

עוזר וואַרשאַווסקי:

דער שינעל

1

בלענד־ווייסע, בלענד־בלאָע, בלענד־רויטע אוניפאָרמען. אַ פּאַ־ראַדע־וואָך. רייטערס אויף הויכע, שוואַרצע פערד און אויף קאַשטאַן־פאַרביקע און אויף ווייסע. אויף די טראָטואַרן — אַן אומגעהויערער עולם, אַ פאַרשיידנפאַרביקער. די הויפּט־גאַסן ווערן אויסגעמיטן דורך אַלערליי פאַרבינדונגס־מיטלען פון גאַנץ פרי אָן.

טראָטואַרן בילדן סימעטרישע פיגורן: אַרום איטלאַכן בוים אַ קיילאַכיקער חלל און צום פאַר־ברוק — אַ גראַדע ליניע, ווי אַ מויער. פון די מענגעס וואָלט זיך׳ס קיינער נישט געקענט מוחל זיין, ווען ער זאָל ווערן די סבה, אָדער גאָר דירעקט אַ צוברעכער פון דער גרענעץ־ליניע צווישן טראָטואַר און גאַס.

ס׳איז אַ קרעפטיקע צונויפמישונג פון געזעמל: גלייך מע זאָלט געוועזן מיט געוואָלט אַרויסרייסן האַנדלס־מויערן, הויכע, פינצטערע אַרבעטס־הייזער, אַלטע פאַרשטאָט־געביידעס און אַריינגעפלאַנצט זיי אין מיטן, צווישן דעם פּאַלאַצן־רייך און פאַרנעמסטן שטאָט־פערטל.

דערוואַרטונג. עס מערקט זיך נישט, ווי די צייט גייט כסדר, כסדר. די זייטן ביי די גאַסן יוירן אויף, ווי אַ מעכטיק געשווילאַכץ. קיינער וויל נישט אויסנבלייבן ביי דער וויכטיקער געשעעניש: די הערלאַכסטע פיגור קען אין יעדן אויגנבליק אָנקומען און רעדן צום פאָלק. אַלעמענס געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דעם, וואָס דאַרף זיך אָט באַווייזן, און דערווייל האָבן זיי גערוט אויף דער אוניפאָרמירטער גאַס.

אָבער דעם ציווילן עולם האָט איבערגעוועלטיקט אַ ים אַלטנקעפּ: גרויסע און קליינע, אויסגעפעלבטע און לויטערע, בלאָנדע און גראָע, העלע און פינצטערע. אַ מאַנסטרום האָט געקוקט פוןביידע זייטן אויף דער פּאַראַדע־וואָך. זי האָט עס אָבער גלייך גאָרנישט באַמערקט. מיט אַ גרויסער און זייער וויכטיקער פאַרזיכטיקייט האָט זי אָפּגעהיט די ליניע און אַזוי אַרום האָט זי דערפילט איר חוב.

באַוועגונג. טרומייטן שפּילן אויף. די לופט גיט זיך אַ צע־

טרייסל. אַ גרויסע ליכט־קאָלאָראַדע. גוואַרדיע. סוויטע. די אַלער־
העכסטע פיגור.

אומענדלאַכע אויסרופן. אַלטע קאַלע קעפּ שאָקלען צו דאָס העכ־
סטע געזונט פאַר דעם העכסטן צווישן זיי. ביי קליינע מיידעלאַך
און ביי אַלטע מאַטראָנעס שטעלן זיך טרערן אָפּ אין די אויגן. בלומען־
געוואָרף. הימן. ערגעץ דעררופט נאָך אַ געטרייער קערל דעם גליק־
וואונש אויס. ער זעט נישט און ווייס נישט, אַז אַלץ אַרום איז שוין
אַנטשוויגן. זיין וואַסערדיק קול טרומבלט:

„האָך, האָך, אונזער קייזער!"

האָט דאָס ריזיקע געזעמל זיך אַ צי־איין געטאָן אַרום דעם רע־
וועלער, אַזוי ווי אַ שלאַנג, וואָס קאָרטשעט זיך איין פאַר דעם וואָרף.
נאָר עס האָט צופריער פרום איבערגע׳חזר׳ט זיין רוף:

„האָך! האָך פאַר אונזער קייזער!"

און יענער האָט נאָך אַ הויב־אויף געגעבן אַ שיינענדיקן קופל
ביר, וועלכן ער האָט אויף גאָר שוין אַ וואונדערלאַכן אופן מיטגענומען
אַהער. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אָנגעשפּאַרט אויף׳ן אַקסל פון
אַ בכבוד׳יקן אַלטיטשקן, אַן אַריינגעוואַקסענעם אינגאַנצן אין זיין
גרויסן, גרינעם הוט מיט אַ ספּאָרט־פעדער. פאַר דעם דאָזיקן באַאַמ־
טערישן הוט, וועלכער האָט זיך אַפילו מיט דעם פאַרשפּעטיקטן האָך־
רופער קיין פּיצל קרובה׳שאַפט נישט אָנגעקערט — האָט די מאַסע
אַ שטילן דרך־ארץ דערשפּירט און זי איז אויך תיכּף פאַרפאָרן אין
חידושים דורך דעם ביר־טרינקער גופא, וועלכער האָט אויסגעליידיקט
זיין קופל מיט אַזאַ התלהבות, אַז איטלאַכער שלוק זיינער האָט זיך
געהערט פון ברעג ביז ברעג. אַט דער קערל וואָלט שיר געקענט
ווערן אַ העלד, ווארים דער קייזער האָט אויך שוין צוגעקערעוועט זיין
פערד אין זיין זייט; נאָר גראָד האָט פון קעגנאיבער אַ קוואַל יונגע
קולות׳לאַך אַ שלאָג־אויף געגעבן, אַזוי ווי אַ דורכזיכטיק מעטאַלן
רעגנדל. דער קייזער האָט מיט דערשטוינונג געזען העל־געקליידטע
מיידעלאַך און אינגעלאַך, אויפוואַקסנדיקע איבער די קעפּ פון זייערע
מוטערס און פון אַלדעם אַלטוואַרג. יונגע פלייטעלאַך האָבן געפּאַטשט
אין די הענטלאַך און פאַרגעסן אין זייער צומישטקייט אַראָפּציען זיך
די קליידעלאַך, וועלכע האָבן אויפגעפלאַטערט אַזוי ווי פאָנען, אָפּ־
דעקנדיק פאַר אַלעמענס אויגן זייערע מאַיסטעטן: די מילכאַרטיקע
שויסלאַך, די מאַנדל־פאַרביקע און די פּאָספּאַריזירנדיקע. דער קייזער
האָט אויך געפּאַטשט אין די הענט. דאָס פאָלק האָט זיך צעיובלט.

די זון האָט זיך געשטעלט גאַנץ הויך. צייט פון מיטאָג עסן איז
געקומען. דאָס פאָלק האָט אָבער נישט געטראַכט איצטער דערפון.
איטלאַכער פון זיי איז געוועזן שטאָלץ צו האָבן אַ זון, אַ ברודער,
אָדער אַ פאָטער — צווישן די הערלאַכע רייטערס דאָ, אויף די הויפּט־
גאַסן אין זייער הויפּט־שטאָט, אָדער דאָרטן, אין די קאַזאַרמעס און

אויף די אויסגעפּלאַסטערטע וועגן איבער'ן גאַנצן לאַנד; אָדער גאָר אויף דער גרויסער, דונערנדיקער יענער זייט, פון וואַנען עס שלאָגט שוין אַהער קלאָר אָפּ דער אָטעם פון זייערע נאָענטע גבורות. יעדער פון די פאַרזאַמלטע האָט היינט געטראָגן הינטער זיין מאַנטל אַ גראָע בלוזע פון יענער צייט נאָך, ווען ער איז געווען מיט ערשט־אויפגייענ־דיקע וואָנסעס און ער האָט געלערנט די קונסט פון פאַרטיידיקן זיך, און פון נצחון. אַ גאַנצע מענגע איז אפילו געקומען אָן די אויבער־מאַנטלען און זייערע גראָע העמדלאַך האָבן מיליטעריש געזונגען מילי־טער־מעלאָדיעס, וועלכע ווערן, קען זיין, איצטער אויך געזונגען פון די זייעריקע אויף יענער זייט. זיילן פון אויסגעוואַקסענע ברוסט־שטימען האָבן זיך אַ דרענג געגעבן ארום דעם קייזער. און פון ברוסטן שוין איינגעטריקנטע אין זיך אריין. און פון אַזוינע, וואָס צעוואַקסן זיך ערשט פון זיך אַרויס. ער, דער קייזער, איז געשטאַנען אין דער מיט אויף דעם העכסטן פערד און — געערדט צו זיין פאָלק. איטלאַ־כער זאַץ זיינער איז געוואָרן פאַרטרונקען אין די פון ברוסט־ און האַרץ־געזונגענע פעלד־געזאַנגען, אויסגעצערטלטע אין די ריינע וואוין־הייזער, אין די קירכעס, אין די שולן, אין פאַבריקן, אין האַנדלס־שטעט און אויף די ווייט און ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע דערפער. עס האָבן זיי געזונגען די יונגע מיידן, וועלכע ווערן אין די אויפשמעקנדיקע פריי־יאָר אָוונטן ארויסגעלאָקט דורך זיי צו די יונגע יונגען. עס האָבן גע־מענגט וויינען די באַלעבאַטים פון שוואַכע, קראַנקע העלזער, וועלכע האָבן נישט געקענט אריינגלעקרן זייער קול אין דעם אַלגעמיינעם כאָר.

אודאי האָבן געטרויערט אין דער שטיל אויך די הינט, גאַנץ געדיכט אין געדרענג אריינגעקייטלטע, צוזאַמען מיט זייערע באַלע־באַטים. די לעדערנע אָדער דראָטענע מויל־שלעסלאַך האָבן דערמאָנט זיי כסדר, אַז זיי געפינען זיך נישט ביי זיך אין דער היים און אַז דאָ דאַרפן זיי אומאויפהערלאַך טראַכטן ערנסט און מיט אַרטיקייט. די זעלטענע צערעמאָניע און דאָס פּלוצלאַכע אויפזינגען פון די מענטשן האָט זיי אָבער אַ ביסל צומישט און זיי האָבן געוואָלט אויך זייער קול לאָזן הערן אין דעם דאָזיקן געבריל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זיי אויסצעווייזן גאָרנישט ערנסט און אַרטיק; אַזוי, אַז זיי האָבן גע־טראַכט: אַ פרייערע מינוט איז שוין אָנגעקומען זיכער. אָבער זיי האָבן שלעכט אָפּגעשניטן דערביי. גאָר צום מיינסט — איינער, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, וועלכער האָט גענומען אָנבלאָזן זיינע באַקן און בויך, גרייטנדיק זיך צו זיין יום־טוב'דיקן טאָן, בשעת די בלויזע רעשטלאַך גיבן זיך אַ צופאָר איבער דער לופט, אַזוי ווי אַ גאַנץ פּייק־לער־געזינדל. נאָר קיינער פון די אַרומשטיינדיקע האָט נישט געזען די קונסט פון דעם דאָזיקן הונט, וועמעס לאַנגער גוף האָט זיך אויס־טערליש איינגעצויגן, געווינענדיק אין דער ברייט דאָס, וואָס ער האָט

פארלאָרן אין דער לענג. דעם פּיסק האָט ער ארונטערגערוקט הינטער'ן קלייד פון אַן עלטערער דאַמע, וועלכע האָט זיך געפונען געדיכט לעבן אים. אָבער די פּאָזיציע פון זיין פּנים איז נישט געווען קיין באַקוועמע, אויך האָט דאָרטן דאָס ליכט געשלאָגן טונקעלער און אַ ריח איז געווען זייער שוין אַ געדעמפּטער; נאָר ער האָט כאָטש דעם פּיסק געקענט האַלטן ארויף־צו, ווי אַ רער. ער האָט געמיינט, אַזוי וועט ער קענען דונערן און זיין קליין באַלאַבעסל וועט זיין צופרידן מיט אים. אָבער דער ערשטער טאָן זיינער איז נאָך נישט געווען דערגאַנגען צו די רעשטעלאַך, וועלכע קלינגען אָפּ אַזוי ווי אַ פּייקלער־געזינדל, ווען זיין באַלאַבעסל האָט גענומען קריצן מיט די ציין. זיינע וויעס האָבן זיך כסדר, רויטלאַכע, נאַסע, צו־ און אויפגעקלעפּט און ער האָט נאָר געוואָלט קנייפּן שטיקער לייב. „אַ גאָט, אַ גאָט, אַ גאָט — דער קייזער"... — האָט ער געשוויטשערט מיט זיינע דינע, נאַסע ליפּעלאַך און זיין קליין, נאָס הענטל האָט געקנעטן אין הונט'ס בויך אריין. דער הונט האָט שוין אפילו דעם ערשטן טאָן ניט דערענדיקט. אין אים איז אָנגעלאָפן אַ גרויסער שמערץ און ס'איז אים געוואָרן זייער שווער צום אָטעמען. זיין געעפנטן פּיסק האָט ער געגליטשט איבער דעם ווייכן פוס פון דער שכנות'דיקער דאַמע, ווייל אַ טונקעלער חשק האָט זיך נאָך געקלערט אין אים, אַן אָרעמער פאַרלאַנג, ארויסצולאָזן דעם לעצטן הויך אויף דער גוטער, פרייער לופט שוין. נאָר דאָס איז אים אויך נישט געראָטן. זיינע פיס האָבן אַ צאַפּל געגעבן. זיי האָבן אָפּגעזאָגט ווייטער צו האַלטן אויף זיך דעם גרויסן, שווארצן גוף זיינעם...

פון די אַרומשטייענדיקע האָט אויך דעמאָלט קיינער נישט באַמערקט, וואָס עס איז זיך, אין דער נידער, סאַמע אויף זייערע פיס, פאַרלאָפן. אַלע זייערע חושים האָבן זיך געהאַט צונויפגענומען און זיינען געווען קאָנצענטרירט אין צוויי: אין אויג און אין מויל. מיט די צוויי חושים האָבן זיי געקוקט אויף דעם, וואָר ס'איז געווען פאַרהייסן צו ליבן און זיי האָבן געזונגען.

די פּאַראַדע איז געענדיקט. דער עולם שטייט געררירט. דעם קייזער'ס שווערד איז געוואָרן ארויסגעצויגן דורך זיין אייגענער האַנט און זי האָט געבליצט פון דער הויך. מיט כח האָט זיך איבער קעפּ זיין שבועה געטראָגן. ער האָט געשוואָרן פריער נישט אָפּצורוען, ביז אויף יענער זייט וועט ווערן דערגרייכט יענער ווייטסטער פּונקט, וועלכער זאָל זיין ביכולת אוועקגעשטעלט צו ווערן אין איין ליניע מיט די דערגרייכונגען פון זיינע פאָר־עלטערן, די גרויסע מנצחים. אין די זילבער־גלאַנצן פון דער שווערד האָבן אויך אויפגעשוואָלן די וואַסערן פון זייער לאַנד'ס טייכן. קיינער פון די פאַרזאַמלטע וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט דעם כבוד, רואיק אַדורכגעשטאָכן צו ווערן פון דער שווערד, צום רום פאַר זיין קייזער.

דער אינזל

די זון איז שוין געשטאַנען פיל נידעריקער, ווי אין די גרויסע זומערדיקע טעג צו דער אייגענער צייט. פון דעם ים, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן רירן, האָבן זיך אָפּגעטיילט צוויי עלטערע לייט. לאַנג־זאַם און גאָר וויכטיק האָבן זיי זיך אונטער די הענט געפּירט. זייערע אויגן זיינען געשטאַנען אין אַן עבענע, נאָכדענקלאַכע, ערנסטע. זיין יום־טוב׳דיקער צילענדער און די קאָלירטע זייד־בלומען אויף איהר הויכזיצנדיקן הוט האָבן כסדר געגרוסט צו אַ סך אַזעלכע צילענדערס און היט, וועלכע האָבן געקרייציקט אַלע מעגלאַכע אויסגאַנגס פּונקטן פון דער גאַס. כ׳איז געווען דער עפּילאָג נאָך די געשעענישן פון היינטיקן טאָג. אויף די באַלקאָנען האָבן געוויעט ווייס־שוואַרצע פאָנען און צווישן בערגער טעפּיכער, אַזוי ווי טיפערגעזעצטע סטאַוון, האָבן ארויסגעבלאַנקט די בונטע בילדער פון זייער קייזער. אַלעמענס אויגן זיינען געהאַנגן צו זיי אין אַן עבענע.

די צוויי זיינען געוועזן ווייט נאָך פאַרטאָן און זיי האָבן כמעט פאַרגעסן אַן זייער יונגסטן מיידל, וואָס איז געגאַנגען הינטער זיי. אויף אירע הענט איז שטיל אַ קליין הינטעלע געזעסן, צודריקנדיק זיך מיט אַ ציטערן צו די העלאויפטענערנדיקע, דורך דער גרויסער באַ־וועגונג אויפוואַכנדיקע ברוסט־שפּראָצונגען אירע. זי האָט געקוקט אויף דער גאַס, וואָס האָט זיך בויג פאַר הינטער איר פאַרלאָרן און זי האָט זי געזען נישט קלאָר, וואַנקנדיק אין טאָפּל־קאָנטורן. זי האָט געקוקט מיט אַ יונגער פרייד. שטאַרק נייגעריק און נישט פאַר־שטייענדיק האָט זי דאָך פאַרנומען פון איר עפּעס גרויסעס, מעכטיקעס. פעסטער און אַלץ צאַרטער האָט זי געדריקט דאָס הינטל צו אירע אויפגייענדיקע ברוסטן.

2

עס איז נישט געוועזן דער טאָג, אַז בענעדיקט און גרעטע זאָלן נישט צוקומען פאַר זייער בילדערוואַנט און זי נעמען צו באַטראַכטן מיט פרייד. דאָס איז געזעוון די ליכטיקסטע וואַנט אין זייער סאַלאָן־צימער. ביי די ווינקלען זיינען געשטאַנען שמאָלע, געשניצטע טיי־שעלאַך מיט בלומען. די פּאָדלאָגע איז אינגאַנצן געווען איינגעדעקט דורך אַ מעכטיקן דיוואַן, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט פראַגמענטן פון אַ גרויסער מלחמה. נאָר די האָט געמוזט פּאַסירן שוין גאַנץ לאַנג אהער, ווייל קיינער פון די קעמפערס האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין גרא העמדל; אפילו נישט קיין פאַנצער, וועלכער איז שוין אַ היפּשע צייט נישט אין באַנוץ. — נאַקעטע לייבער זיינען מיט כח געוועזן פאַרשלאָגן אויף די רוקנס פון אומגעוויינלאַכע פערד. אַ געזעמל פון מוסקולן און שפּיזן אין הערלאַכע גסיסה־באַוועגונגען האָט ראש און בונטגעפאַרבט זיך געריסן אין אויג.

טאָג פאַר טאָג פלעגן די בענעדיקטס צוקומען פאַר דער בילדער־

וואַנט. אויפ׳ן אָנגעזעענסטן אָרט איז געהאַנגען זייער קייזער׳ס פּאָרטרעט, צו וועלכן זיי האָבן אויסגעגלייכט די פינגער פון זייערע הענט, ווי פאַר אַ הייליק בילד. זיי האָבן געהאַט דאָס פולע פאַרטרויען אָן אים: ער וועט שוין ברענגען פאַר זייער צייט אַ רום, לדורות. אין אַ בכבוד׳יקע דערוווייטערטקייט האָט זיך געזילבערט אַ קאָפּ: דאָס ברוסט־בילד פון אַ גענעראַל, אָנגעטאָן אין לבוש פון אַ רייטער מיט אַ סך אָרדערס באַצירט. אַ קאָפּ איז דאָס געווען מיט די פיינע, פולענקע באַקנבערד; די גאָמבע זאָרגלאַך אויסגעראַזירט; רואיק; אין באַוואוסטזיין פון אייגענער וויכטיקייט; — אַ ווייטער פעטער בענעדיקט׳ס, דער שטאָלץ אין זיין משפחה. ווייטער זיינען, אויך אין אַ בכבוד׳יקן אָפּזאַץ, געהאַנגען — שוין איינגערעמטע — די כל׳ערליי לאַנד־אויסצייכנונגען, וואָס פעלן נישט אויס אין קיין איינציק הויז פון אַ דייטש. ביי בענעדיקט׳ן האָבן זיך געפונען אויסצייכנונגען אין מיליטער און ביי וועט־געיעגן; ערנפרייזן פון הינט־אויסשטעלונגען, פאַר פיינע חזירים־דערציאונג, פאַר היגיעניש הויז־ און הויף־האַלטן, אַ חוץ עטלאַכע אַטעסטאַטן: לערער־צייגנישן פאַר גוט ממלא זיין די פליכטן פון אַ תלמיד. דאָס דאָזיקע ביסל אויסצייכנונגען האָט באַטייט גאָרנישט קיין סך פאַר אַ פּאָטער פון אַ בעסערער בירגער־משפחה; אָבער בענעדיקט איז געווען שטאָלץ אויף זיי. צום מיינסטן האָט ער געשעפּט נחת פאַר גאָר נישט קיין קליינער לאַנדס־לייסטונג דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל, אין די יונגע מאַן־ און ווייב־יאָרן פון גאַנץ קליין־אויס אויפגעהאָדעוועט אַ בלענד־ווייסע מילך־קאָזע און געבראַכט מיט איר אין פאַרוואונדערונג אַלע גרעסטע מבינים. אָט צוליב יענער ציג׳ס דערציאונג איז ער יאָרן־לאַנג אָפּגעזעסן אין דאָרף, די זומערס, ווי די ווינטערס. פון יענער צייט זיינען שוין אַלע איבערלעבונגען בענעדיקט׳ס געבליבן פאַרבונדן מיט דער ווייסער ציג: עס האָבן געפלעגט קומען צו אים מענטשן פון העכסטן אַדל, בלויז כדי זי אָנצוקוקן. יאָ. ער האָט ס׳זייניקע געטאָן. אויך זין פאַר׳ן פּאָטערלאַנד אויפגעצויגן; הויכגעוויקסיקע, שטאַרקע — אין קריג זיי געגעבן. וואַנדערנדיק אַזוי פון קייזער׳ס פּאָרטרעט, פון זיין פעטער און פון די מעדאַלן, האָט ער זיך לסוף אָפּגעהאַלטן ביי די קליינע פאָטאָגראַפיע פון זיינע דריי זין, רעדענדיק צו זיי במחשבה. ער האָט זיי דערמאָנט אָן זייער חוב: אַז פון היינט מאָל אָן דאַרפן זייערע בילדער ווערן פאַר דער משפחה דאָס אייגענע, וואָס דאָס בילד פון דעם גענעראַל איז געווען פאַר איר ביז אַהער.

גענוי ווי בענעדיקט פלעגט גרעטע אין די פרייע מינוטן טראַכטן פון אירע זין. אין די צייטונגען, וואָס זיינען שוין דאָס צווייטע יאָר איבערפילט מיט קרגס־ידיעות, פלעגט זי אַלע טאָג געדולדיק זוכן צווישן די אויסגעצייכנטע, ווי צווישן די העלדיש־אומגעקומענע — אפשר וועט זי געפינען איינעם פון אירע טייערע נעמען. אין די

בריוו, וואָס זי האָט זיי אָפּט געשריבן, האָט זי אין איטלאַכן באַזונדער זיי אָנגעוואונשן אַ סך גליק, דערמאָנענדיק זיי, אַז:

„אין דער היים טוען זיי אויך אַלץ, וואָס עס ליגט נאָר אין זייערע יכולת'ן. דריי מלחמה־הלוואות האָט בענעדיקט שוין געצייכנט און ער וועט נאָך צייכענען, נישט קוקנדיק, וואָס זייער קאַסע גייט כסדר איין, אַזוי ווי אַ וואַסערל אויסגעשטעלט אויף דער זון"...

אַ חוץ האָט זי זיי מודיע געווען פון אַלע ענדערונגען אין זייער היים, איבערגעבנדיק גענוי, מיט אַלע קלענסטע איינצלהייטן:

„ווי זייער הורט־האַנדל האָט שוין באַוויזן פאַר דער צייט צו ווערן אַ דעטייל־קראָם, וואו קינדער, וועלכע גייען אויך זעלטענער אין די שולן, קומען נאָכמיטאָגס נאָך אַ בליי־פעדערל, אַ פען, אַ קאַיעטל. אַז די צוויי אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען תמיד אַזוי געווען פאַרנומען אין אויף־ און צופאַקן סחורות, זיינען שוין נישטאָ: זיי זיינען אויך געגאַנגען אויף דער מלחמה"...

אַזוי האָט גרעטע מיט ליבשאַפט געטראַכט און געשריבן צו אירע דריי זין, שיקנדיק זיי פון צייט צו צייט אַ היים־מתנה און דערמאָנענדיק זיי כסדר, אַז ביי זיי אין די הענט ליגט דער כבוד פון זייער טאַטע־מאַמע און פון קריסטינען, וועלכער איז פאַר דער צייט, וואָס זיי זיינען נישטאָ — אויסגעוואַקסן אַזוי, אַז זיי וועלן זי שווערלאַך דערקענען.

עס האָט געשלאָגן דער גלאַנץ פון פאַראַדעס און פון גוואַרדיע־געווער און פון זיגערישע לידער. אין שפּעטע אָוונטן פלעגט נאָך גרעטע מיט האַלבע טענער אונטערכאַפּן אַזאַ ליד, אַ געזונגענס פון אַזאַ פאַראַדע־גוואַרדיסט, ערגעץ, אין שכנות פון איר הויז.

כאָטש עס האָט אַזוי געפרייט זיך דאָס האַרץ ביי בענעדיקט'ן אויף די אומגעווייגלאַכע, ווייט־נישט־געהערטע נצחונות אויף יענער זייט; כאָטש דער שטאָלץ האָט זיך טיף אין זיינע געדאַנקען באַזעצט, מאַכנדיק אי ספּילן דעם גרויסן כח פון זיין פאָלק, וואָס געפינט צו זיך קיין גלייכן נישט איבער דער גאַנצער וועלט; און ווען עס איז נאָך אַמאָל אַן אויסגנעומענער טאָג, בשעת צו אַ שכן קומט איינער פון יונגוואַרג אויף אורלויב און די צייט פאַרלויפט דעמאָלט אין דער־ציילונגען, אָפּשילדערנדיק פאַר די אַלטע, וואָס נעמען זיך צוזאַמען פון גאַנצן הויז, די מלחמה־פּאַסירונגען מיט אַלע מורא'דיקע און פריי־דיקע אוואַנטורעס; און אַז די דערציילונגען האָבן נאָך אפילו אין בענעדיקט'ן אויפגעוועקט שוין גאָר פון אים ווייטע חשק'ס און ס'זיינען געוועזן מינוטן, ווען ער האָט די אייגענע קינדער מקנא געווען, — נישט קוקנדיק דערויף האָט זיך אַלץ שטילער שוין געצווינגען זיין לעבן. דערווידער דעם אַלעם איז אַ שווערקייט געפאַלן אויף זיינע שטיבער, וועלכע זיינען בטבע גראָד גרינגער געוואָרן: אַ סך גוטע, ווערטיקע

דער אינזל

זאַכן זיינען ביסלעכווייז פאַרלאָרן געגאַנגען פון זיינע שופלעדער אַרויס, פון די ווענט אַראָפּ, פון די טישן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ העלן פלעק, דעם צייכן פון זייער זיין. צו בענעדיקט׳ס גוף האָט זיך אַ לאַסט גענומען שלעפּן; ער האָט זי נאָך פון ווייטן דערשפּירט און שוין גענומען זיך בייגן אונטער איר כח. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט פאַמעלאַכערע טריט. האָט אויפגעשלאָסן זיינע טירן מיט אַ געפיל פון געדריקטקייט. און אַז ער איז געזעסן אין אַ שטאָט־צוג, האָט געווייעט פון אים און צו אים אַ גראָער טרויער, אַ שטומער און אַ פיינלאַכער. עס האָט נישט אויפגעוועקט אים פון זיינע פאַרטראַכטקייטן דאָס לוסטיקע געזאַנג פון אַן אָנגע׳שכור׳ט אינגל, וועלכער זאָל אין אַ זונטיק־טאָג אַהיים פירן זיין מיידל אין אַ שכנות׳דיקער אָפּטיילונג. דאָס אינגל איז געווען געצוואונגען צו זינגען זיין ליד אויף אַ פרעמדער ערד און צו פאַראומגליקן — און אפשר אויך צו דערפרייען — אַנדערע, פרעמדע מיידן. זיינען די היימישע טעכטער געוואַקסן אין די יאָרן אַריין און זייערע גלוסטן זיינען איינגעדאַרט געוואָרן אין זיך אַריין. די ערד האָט געפילט זייער צער.

נאָר קריסטינליין האָט נאָך נישט באַדויערט אירע קינדער־יאָרן, וואָס פליען פון איר שוין אַוועק, אַזוי ווי וואַנדערנדיקע פייגל־באַנדע. פיל מער האָט זי שוין מקנא געווען די אויסגעוואַקסענע מיידן, וועלכע זי פלעגט וואָס אַמאָל אַלץ מער אין די גאַסן טרעפן: די זיינען געווען אָנגעטאָן אין קריגס־קליידער און אָנגעלאָדנט מיט געווער, צוגלייך מיט די מענער. עס איז געווען דער איינציק איבערגעבליבענער טרומף פאַר די זיך עלטערנדיקע מיידלאַך; אויך פאַר אַזוינע, וואָס האָבן צו שטאַרק ליב געהאַט זייערע בחורים כדי קענען רואיק וואַרטן אין די היימען. וואָרים שטאַרקער פון אַלעם שוין האָט דער מיליטער־געניע געהאַט אָנגעקלאַפּט אין די הערצער פון אַלע עכטע דייטשן און זייערע נעכט האָבן זיך צופאַרבט אין חלומות, גרויסאַרטיקע, גבורהדיקע, דורכגעזאַפּטע פון נצחונות און איבערגעגעבנקייט צו זייער קייזער.

אָ, האָט עס קריסטינליין מקנא געווען די גרויס־געביינערטע פיס, די מיוחס׳דיקע פּנים׳ער און די גאָרנישט מיידלאַרטיקע בייכער פון די קריגפירנדיקע מיידן! זי וואָלט אין דער קירכע די קאַלטע שטיינער געוועז קושן, ווען זי וואָלט זיך געקענט דערזען אַזוי ווי יענע... אָבער איר מיילעכל האָט זיך געפאָרמט קליין, ווי ביי אַ קינד נאָך, און זי וואָלט געקענט פאַרשעלטן אירע ווינציקע יאָרן, פאַרוואָס זיי האַלטן זיך ביי איר אַזעלכע... איצטער, אין איר לעצטן שול־יאָר, האָבן זיך טונקעלע רייציקייטן גענומען אויפוועקן אין איר; איר מוח׳ל האָט זיך צוראָיעט אין הערואָישע פאַנטאַזיעס, אומגעווייגלאַך הערואָישע... זי וואָלט געוועז קענען אַריינגיין אין מיטן פון אַ האַרמאַטן־געזאַנג, נעמען איינעם אויף די הענט און זיך לאָזן מיט פייער

אין לאַנד פון אַ שונא... אויך דעם קייזער, אָדער זיין יונגן זון, וועלכער איז תמיד אויסגעשטעלט אויף סכנות, וואָלט זי מיט אירע בלויזע, נאַקעטע האַנט־פלאַכן אָפּגעהיט פון פליענדיקע קוילן... און אויף אַ פערד וואָלט זי געריטן, אויף אַזאַ, וואָס זאָלט געווען ביכולת אַ היץ אַזוי אין אירע פיסלאַך אָנצוצינדן, אַז צוגאַנגען אין אַ שמעלץ וואָלטן די מויערן ביים פיינט׳ס פעסטונגען, דערפילנדיק די בלויזע באַרירונג פון זיי... אַ! זי וואָלט זיך געלאָזט רופן „די יונגפרוי פון נצחון" און איר יונגפרווישאַפט וואָלט געמוזט, אָך, בלייבן הייליק — הייליק...

3

א פיבערהאַפטער טאָג. אויטאָמאָבילן קלאַפּן אין אַ גיכן טעמפּאָ. פאַרבינדונגס־באַנען, וועלכע שלאָגן אין דער שטאָט, פון איר אויבער־פלאַך, פון דער לופטן און טיף פון דר׳ערד אַרויס — זיינען אַלע גע־פאַקט דורך מיליטער. אויף אַלע ברייטערע גאַסן פון דער שטאָט, אַ כסדר׳דיק מאַרשירן פון טרופּן. אין די ווינקלען, צווישן איין גאַס און אַ צווייטער — באַפעלקערונג און מענגעס, וואַרטנדיק אויף פרייען דורכגאַנג. פול גאווה און אַרויפצושוועבנדיקע רעיונות איז דאָס באַ־גריסן זיך פון ניי־געשמידטע מיליטער־לבושים, אָנטרעפנדיק זיך מיט אַ כת פאַרשטויבטע מונדירן, איבער לאַנגע וועגן אָפּגעטראָגענע און אַלט־געוואָרענע. דער שטילער ענטפער פון די לעצטע פאַלט מיט׳ן קלאַנג פון ווייך־געוואָרענעם בלעך, ווי אַ געוויין אויף די הייזער פון שטאָט. פון זיי ביידן, ווי פון די ציווילע, ווייעט אַרויס נאָך דער ווילן צו גיין: אייביק פאָראויס, אייביק ווייטער; אָבער אין די קליידער פון ציווילע האָבן זיך שוין באַוויזן אַריינצו׳גנב׳ענען מאַטע בייגלאַנצן פון קאַזאַרמע און אין מונדירן ביי סאָלדאַטן פלאַקערן שוין שטילערהייט קליינע פלעמעלאַך אויס, קלייניטשקע פלעמעלאַך פון פעטערשע הייזקעס איבער׳ן לאַנד צושפּרייטע. — עס קלעטערט אַרום זיי די מעלאַנכאָלישע בייַנקשאַפט נאָך פרידלאַכע פעלדער, וואָס גייען אויף אַלע טאָג פאַר דער זון מיט תבואות און ירקות. וואָרים, לעבנביי, שרייבט אַ מאַמע זיי צו: „אַז אין די וועלדער רייסן זיך אויף אַ גוואַלט די בלאָע יאַגדעס פון אונטער׳ן טראָט אַפּער און זיי צובלוטיקן די פיס מיט זייערד זאַפט; אַז די פעלדער וואָלטן גע־מעגט אויפלאַכן אין אַ תענוג, דערהערנדיק דאָס גיין פון אירע פינף האַנסן מיט זייערע אַרבעטס־מכשירים. אָבער די פינף האַנסן זיינען ממלא זייער חוב פאַר׳ן קייזער און זי בעט דערום צו גאָט אַלע זונטיקס פאַר זייער געזונטס־וועגן. נאָר איז זיי פון העכסטן ווילן באַשערט אומצוקומען, אַזוי בעט זי אים, ער זאָל זיי צושיקן אַ העלדישן טויט...

* * *

א טרויער האָט זיך אָפּגעלעגט ביי די הויכע אַרטילעריע־פערד און ער דרוקט זיי אויף די רוקנס. שטעקן זיי אָן אַ זייט די קעפּ

זייערע, אזוי ווי צונגען, איבעריקע, און פרעגן ביי די באַרייטערס זייערע אָן ווערטער:

„לאַנג וועט עס נאָך געדויערן אזוי, דאָס דאָזעדיקע — — — — לאַנג?"...

און אַז זיי באַקומען קיין ענטפער נישט, גיבן אַ שוויל־אויף זייערע וואונדיקע הינטנס, וועלכע שלעפּן פון נאָך דער בלוטיקער זריעה — רויטע שטיקער נאַכט, אַ מתנה דער שטאָט...

דעמאָלט פאַרוואַרפן אויך זייערע פירערס די קעפּ אָן אַ זייט. אזוי ווי אַ מעכטיקער האָגל שניידט זיך אַריין אין זייער צווישן אַ מחנה צעזונגענע יאַטקעס פון רויטן צלם. אין זייערע אויפגעפּראַלטע מיילער שפּרינגען טויב אַריין די רייטערס, מיט גסיסה־בליצן אין אויג, אזוי ווי פאַר׳כשופ׳טע פייגל...

אַ טאַנץ הויבט אָן ווירבלען איבער די גאַסן: דאָס טאַנצנדיקע ראָד פון משוגעת. — לאָזט שטאָט אַראָפּ אַ נעפּלדיקן קאַפּטור, איינ־הילנדיק זיך דעם קאָפּ אין אים, אזוי ווי אין אַ זילבערנער עטרה, כדי נישט צו קוקן אין די אויגן אַריין דעם זוכנדיקן טאָג...

נישט אומקוקנדיק זיך, גייען ווייטער די פערד. בלויז זייערע אויערן, ווי די טורמס, זיינען שאַרפער אַריינגעשרויפט אין די נעפּלען אַריין. הינטער זיך הערן זיי דעם סטענקעדיקן גאַנג פון טויט. ווערן איינגערונצלט אויף זיי די הויטן און, אַראָפּלאָזנדיק זייערע טורמס, אזוי ווי שומרים וואָס באַהאַלטן זיך — הויבן זיי אָן צו לויפן דאָס געלויף פון פחד...

איבער זייערע רוקנס האָבן זיך קאַלט צובלאָזן די נאַקעטע כלי־זינ׳ס פון זייערע באַרייטערס. אַליין יענע ווערן שוין הינטער זיך געפּירט אין וועגלאַך אַזעלכע, רויט־אָנגעצייכנטע — דער אָפּרו פון פיין...

* * *

נאָך די מאַרשירנדיקע טרופּן איז געבליבן אַ מונדיר ביי דער עבענע פון שטאָט. אויף די פעדים פון זיין געוועב האָט נאָך געזיפּל־בערט די טוי פון ביינאַכטישע רייטערס. אַ צוקנייטשטער, אַ געטרע־טענער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט. זיין איינגעפאַלענע ברוסט האָט ער אַ בלאָז־אויף געגעבן מיט כח; — האָט זי זיך אויסגעשטייפט און, ווי אַ געשוואָלענער באַרג, האָט זי געשטאַרט אין פאָראויס. די אַרבל און די הויזן האָבן, אזוי ווי אויסגעהוילטע קלעצער, אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן אין אַ טאַקט.

ער האָט גענומען גיין: אַרום האָט די נאַכט זיך צופאַליעט פאַר דעם גייענדיקן חלל. — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

* * *

בענעדיקט האָט זיך אומגעטראָגן פון איין גאַס אויף דער אַנדערער.

טרעטנדיק, האָט ער געהערט דעם אָפּקלאַנג פון זיינע אייגענע טריט אויפ׳ן שטיין און ער האָט גערעדט צו זיך:

„דעם ראָזיקן ברוק האָבן דאָך געמאַכט די ברידער פון מיין פאָלק״...

ער האָט אויפגעהויבן דעם גראָען קאָפּ, באַוואונדערנדיק די שיינע מויערן, וועלכע קוקן אים אַזוי היימיש צו. עס האָט אים אויסגעדאַכט צו הערן זיי ריידן אויף אַ שטילן קול:

„בענעדיקט, מיך האָבן דאָך אַנידערגעשטעלט די ברידער פון אונזער פאָלק״...

ער איז צוגעקומען צו איינער פון די אומצייליקע בריקן אין זיין שטאָט. פון אונטן, דאָס שמאָלע, איינפּעמויערטע וואַסער, האָט גאַנץ סיל אים אַ פרעג געגעבן:

„בענעדיקט, וואָלט איך נישט געברויכט זיך צו געבן אַזאַ שלענגעלע אריין אין יענע ווייטע, ווייטע ימים?״...

בענעדיקט האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין פון דער בריק מיט אַ שווערן אָטעם. און, גייענדיק, האָט ער זיך דערזען איינגעדרוקט צווישן אַ מענגע ווייבער און קינדער, דרענגענדיק זיך אַרום אַ גרויסן קופּאָל. יענער האָט שוין געפּרעסן די לופט מיט אַ ריזיקער מודעה. בענעדיקט האָט זיך דורך אים גלייך דערוואוסט, אַז די אויפגאַבע פון זיין קייזער גייט איבער שווערע ווענן און אַז מען ברויך זיך ווייטער אַנצושטריינגען; טריי זיין; און אַנגעברייט אויף קרבנות. ער האָט אָנגעהויבן קנייטשן דעם שטערן. אין זיין רעיון האָט מיט אַמאָל אויפגעבליצט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט שוין אַוועקגעגעבן. אין זיין גרויסן גוף האָט איטלאַכע אָנגעוואוירענע זאַך פון זיינע שטיבער אַרויס ווידער אָפּגעפונען זיך. ער היט זיי דאָרטן אויף, טראָגט זיי אַרום און רייניקט זיי פון צייט־באַשעדיגונג. ער געפינט איין, בענעדיקט, אַז ער האָט שוין געגונג אָפּגעגעבן! באַלד אָבער גיט אַ פלי־אָן צו אים זיין בילדער־וואַנט אין אַ מורא׳דיקן כעס. די פּאַגאַנעס ביי די אַקסלען פון זיין קייזער האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַזוי ווי הענער, אויף אים; און — דאָס בילד פון זיין פעטער. קוקנדיק אויף זייער גערעכטן צאָרן, באַשליסט ער תיכף:

„אַז ווען, ווען — איצטער וועט ער זיך שוין נישט אָפּשטעלן מער״...

און ער שטאַרקט זיך אַליין און לאָזט זיך גיין אַהיים. במחשבה רעדט ער צו זיך כסדר:

„ניין, ניין. נישט אָפּשטעלן זיך איצטער. פיל מער ,איצט — בשעת אין דער היים איז דאָך נאָך עפּעס פאַרבליבן״...

דורך אַזאַ מין געטרייקייט צום קייזער גיסט זיך אין זיינע ביינער אַ העלרישקייט אָן און ער דערפילט זיך מיט׳ן גאַנצן בלוט אַ דייטש. צוגעבנדיק זיך כסדר מוט, פרעגט ער זיך:

דער אינזל

„בין איך דען נישט א ברודער פון אונזער פאלק ?"
און ענטפערט זיך אליין אפ:
„אוודאי, אוודאי"...

און ,גייענדיק, וואקסט נאך לעבן אים אוים א ריזיקער שפיגל און ער דערזעט זיך אין אים — אזא גרויסן! זיין גוף דערגרייכט ביז די אויבערשטע וויטרינעס און ער וואקסט נאך אפילו אין גארן אריין. ער בלייבט שטיין א פארציטערטער אקעגן דער משונה'דיקער גרויס פון יענעם אין שפיגל. ער פרעגט אים:

„פאר וועמען טראגסטו דאס אזא גוף ארום ? געהערסטו דען נישט מיט אלעמדינג דעם קייזער ? !"...

און א צולאג דערלאנגט אים נאך אויך די פארשטעלונג א שטעל אוועק פאר די אויגן זיין אלטע קליידער־שאנק, די, וואס ער האט שטיין אין א באזונדערן חדר שוין אזוי פיל יארן.

„צוליב וואס האסטו דאס אזוי אויסבאהאלטן די דאזיקע שאנק, בענעדיקט ?"

בענעדיקט דערשפירט מיט אמאל א גוואלטיקן כח אין זיך. גלייכט ער זיך באלד אויס, שטייפט אן די אלטע ברוסט און גייט אהיים. גרעטע זיצט אין געוועלב און ארבעט ארום א זאק. קוקט ער זי אן אזוי פון דער זייט. פרעגט זי אים:

„בענעדיקט ?"

הויבט ער גלייך אן:

„די גרויסע פעסטונג, וואס האלט זיך אזוי גבורה'דיק, וועט א ליאדע מינוט שוין אריין אין אונזערע הענט"...

באקומט זי גאר פלוצלונג מורא פון וועגן אירע קינדער.

„בענעדיקט", — פרעגט זי, — „ווייסטו עפעס פון אונזערע זין ?"

„ניין", — ענטפערט ער.

ווערט גרעט'ן אביסל לייכטער. דאנקט זי גאט, נאר זיפצט עפעס צו.

און ביים גרויען בענעדיקט'ן רויטלען זיך מיט אמאל די באקן, אזוי ווי ביי א שול־אינגל, בשעת עס פארלאנגט א נישטאַרטיקע זאך.

„זעסטו, גרעטע", — נעמט ער רעדן ערנסט און שמייכלענדיק און ער שטאמלט גאר: — „איך מיין, אז קיין שום איינער פון אונז טאר נישט איצט בלייבן שטיין אן א זייט... איך מיין: א חוב" — וואונדערט עס זי:

„דו שטייסט דען אן א זייט ? טוסטו נישט לויט דיינע כחות און נאך איבער זיי ? וויפיל האסטו שוין עס אוועקגעגעבן !... ווייז מיר, ווייז מיר אן, בענעדיקט, איין בעסערן דייטש" — — —

בענעדיקט באטאפט זיך זיין גוף, קוקנדיק צו זיין ווייב מיט א שעמעוודיק שמייכלען. זי הערט אויף צו שטריקן. זי שטייט אויף.

דער אינזל

אירע צוויי טונקעלע הענט — צונויפגעלייגטע אויף דער ברוסט. זי בליקט מיט טריישאפט צו זיין פנים ארויף. זי ווארט. דעמאָלט זאָגט ער איר שטיל און גוטמוטיק:

„גרעטע, איך טרעט אויך אריין אין מיליטער"...

טוען א לייכט־אויף אירע אויגן. א קאָשמאר פון געפילן: אי־בעראשונג, שטאָלץ, אויפשוואונג. זי מוז זיך צוריק אנידערזעצן. אירע טונקעלע הענט זיינען בלייך געוואָרן.

בענעדיקט האָט זיין ווייב׳ס רעגונגען נישט געזען. ער איז אריין אין זיין סאלאָן־שטוב און זיך אָפּגעשטעלט פאר דער בילדער־וואנט מיט א געהויבן געפיל.

שפעטער, אין דער נאכט. אין קליינעם חדר שלאָפט קריסטינליין אויף א ווייסן בעטל. ארום איר גוף׳ל טאנצן חלומות. דאָס קעפל האָט זי טיף אין קישן איינגעגראָבן. נאָר אירע פיסלאך שארן זיך פון אונטער דער לייכטער קאָלדרע אפער: שלאנקע, פאָספאָריזירנדיקע פיסלאך מיט וואונדערבארע, קליינטשיקע טריטעלאך. זי ווערט דורך עפעס אויפגעטרייסלט, זי ווארפט זיך אהין און צוריק און בלייבט ליגן מיט אן אויפשטראלנדיק פנימ׳ל. זי ווערט צושפילט, ווי א רויז: הענטלאך, פיסלאך, א שויסל, לאכן און וויינען. נאָך מיט צוגעבונדענע אויגן שטייט פאר איר די צייט פון אירע מאָרגנדיקע מעשים.

און אין שלאָפצימער, אויף צוויי גלייך הינטער זיך צושטעלטע בעטן, זיצן די אלטע אין לאנגע נאכט־העמדער. זיי זיצן נאָענט צו זיך. בלויז דאָס קאָפּשטיק פון איין בעט און דער פיסאָנלען פון אנדערן זיינען א צווישנשייד צווישן זיי. שטילערהייט רעדן זיי צו זיך אין דער נאכט. ווערטער — געטרייע. זכרונות. פריילאכער עבר. אויך ס׳טרויעריקע פון יענער צייט קומט זיי איצטער פאָר, ווי א פרייד. עס שווימט אויף זייער ליבסטע צייט: די יאָרן פון זייער ווייסער ציג. זיי האָבן זיך ליב געהאט מיט דער ערשטער ליבע נאָך און געוואוינט אין א דאָרף. בענעדיקט ווערט באלעבט, ווי גאנץ זעלטן. דערפילט מיט אמאָל א קראפט אין זיך, ווי שוין לאנג, לאנג נישט. ער גייט אריבער דעם אָפּשייד צווישן זייערע בעטן און זעצט זיך לעבן זיין ווייב. זיי נעמען זיך ביידע ארום. די געוועזענער ציטערן אויף זייערע ליבער. ער נעמט אָן די ברעגעס פון איר לאנגן העמד און הויבט זיי ארויף, ארויף. זי נעמט אָן ביי די ברעגעס זיין נאכט־העמד און ווארפט עס אים איבער׳ן קאָפּ. אן אויפשיינענדיקע מינוט. זי קושט אים געטריי אין דעם כוס, וועלכער האָט צו איר געבראכט א פרוכט דורך אזוי פיל יאָרן. ער קושט איר אויפ׳ן בויך, וועלכער האָט איבער־געגעבן און גערולדיק געטראָגן אין זיך און אויסגעטראָגן זיינע פרוכטן דורך אזוי פיל צייטן. די מינוט פלאקערט זיך פאנאנדער. זיי דרוקן זיך אין די אָרעמס. עס מאָלן זיך פאר זיי גילדענע טעג.

4

אין דער שטוב, וואו עס געפינט זיך בענעדיקט'ס אלטע קליידער־שאנק, איז געווען איינגעזאמלט זיין קליינע משפחה, א חוץ צוויי פרעמדע. די שאנק איז געשטאנען אן אויפגעשלאגענע — עס האט ארויסגעצויגן פון איר אן אלטן ריח. גרעטע האט זיך געבוקט פאר איר. שטילערהייט האט זי ארויסגענומען מלבושים און זיי צוגעטראגן דעם מאן. דאס זיינען געווען יענע קליידער, וועלכע הענגען אין דער שאנק שוין פון לאנגע צייטן. קריסטינע איז געשטאנען לעבן די פרעמדע, וועלכע זיינען געווען אויסגעזעצט ביים טיש. די נידעריקע מאכע איז נישט געווען אינגאנצן א פרעמדע : א ווייטע קרובה פון בענעדיקט'ן. געקומען, האט זי זיך באלד געזעצט צום טיש און איז שוין געזעסן א שטומע; די ליפן איינגעזויגן אין זיך, אן ארעמע, האט געטראגן הילצערנע שטעקשיך, כאטש זי איז געקומען פון זייער א ווייט־לינגדיקער גאס. מאכע איז געווען אנגעלאדנט און ס'האט געשלאגן פון איר דאס אומגליק. איר אומגליק אבער איז געקראכן בלויז ארום איר אליין. זי האט געטראכט דערפון, וואס זי וועט אזוינס טאן נאך בענעדיקט'ס אוועקפארן : צי וועט זי ווייטער קענען קומען צו גרעטע'ן נעמען ביי איר שטיצע, אזוי ווי ער פלעגט עס איר צוצוטיילן יעדן חודש ? פון דעם האט זי געטראכט כסדר, איין מאל און א צענט מאל, נישט געפינענדיק אין זיך גענוג קוראזש אויף א פרעג טאן וועגן דעם. איר טאכטער איז, פארקערט, זייער געווען פארטאן אין דעם, וואס בענעדיקט און גרעטע מאכן. זייער פאנאנדערשפרייטן די אלטע מיליטער־בגדים, ארומבאטראכטנדיק די קנעפ און די בענדלאך צו זען, אויב זיי זיינען אין ארדנונג נאך — האבן זי ארויסגעבראכט פון זיך, אזוי, אז זי האט זיך מיט אמאל גאר דערמאנט אן אירע ברידער, וועלכע האבן מיט יארן צוריק אויך געהאט אנגעטאן אזעלכע. אויך האט דאס זי דערמאנט אן איר בת־יחידה'שקייט : אט זי איז אויך איבערגעבליבן אן איינציקע ביי דער מאמען אין שטוב. זי האט געזען קריסטינע'ן און זיך געפילט פארלארן אקעגן איר. איר אייגענער גרויסער גוף, וואס איז אפגעזעסן אזוי פיל יארן שוין אין די טונקעלע ארבעטס־שטובן ביי איר מייסטערין — איז געווארן צו א גרויסע נישט אנזעעוודיקייט. די ערשט זיך צעוואקסנדיקע קריסטינע האט אן אשיעור מער ארט פארנומען, ווי זי. דאס אפפאל פון נישט דערשלאפן, נישט דערעסן, אומקלארן פראטעסט, לחלוטין נישט אויפבליענדיקע באגערן — האט זיך אפגעזעצט אויף איר פנים און געמאכט דארויס א רירנדע מאסע, נאר א פארשטאנענע, מיט צוויי מאטע אויגן. זי איז געווען קנאפ וואס עלטער פאר קריסטינע'ן, אבער האט אויסגעוויזן אויף א גאנצן דור עלטער. איצט האט זיך איר פנים באוועגט, ווייל זי איז געווען אויפגערעגט. עס האט איר געשמייכלט מיטצוקומען מיט דער מאמען צום רייכן קרוב און

זי האָט זיך באַלד אויך איינגעליבט אין אים, אין זיין ווייב און אין זיין קינד. אויך אַן אומרואיקייט האָט זיך אין איר געוועקט. זי איז אויפגעשטאַנען. אירע פיס האָבן זיך געצייכנט לאַנגע, אויף אַ סך גרעסער ווי איר גוף איז. בלויז רייכע בלאָנדע האָר זיינען אַ באַרג אויף איר קאָפּ געלעגן. עס איז געוועזן אַן אַנגענעמע אָפּוועקסלונג פון אירע שטיבן בשעת דער אַרבעט, צי אין דער היים, ביז בענעדיקט'ס רייכלאַך און ברייט-פאַרלייגטע וואוינונג. זי האָט באַקומען חשק זיך אויסצודרוקן אין עפּעס. אַ לאַנגע ווייל איז זי אַזוי געשטאַנען, נישט וויסנדיק וואָס זי וויל אייגנטלאַך. אירע אויגן זיינען ווייטער געבליבן אַן פאַרב. און נאָר פּלוצלונג איז אין איר קלאָר געוואָרן דאָס, וועלכעס זי האָט נישט געהאַט פאַרשטאַנען, אויך דאַריבער נישט געטראַכט, דעמאָלט, ווען אירע ברידער האָבן אָנגעטאָן אַזעלכע קליידער; און נישט די גאַנצע צייט שפּעטער. עס האָט אַ בליץ געטאָן אין אירע אויגן. די ווייסלען האָבן זיך אין זיי אַ צייכן-אָפּ געגעבן שאַרף און ווי אויסגעשניטן פון די ברוינע שטערנס. זי איז צוגעפאַלן צו בענע־דיקט'ס פיס און זיי געקושט. אַ שטורם האָט זיך אין איר צוברויזט. ערשט האָט זי באַגריפן, אַז די מלחמה, דאָס לאַנגווייליקע ערגעץ-זיך-שלאָגן, וועלכעס דויערט שוין אַזוי לאַנג, איז אייגנטלאַך אַ גרויסע זאַך; אַז זי איז גלייך פאַרהייסן צו די אָרעמע, ווי צו די רייכע — אַ באַדערפניש פאַר אַלע דייטשן. אָט זיינען אירע ברידער געגאַנגען און זיי זיצן אין דעם ערגעץ. און אָט גייט אויך בענעדיקט אַהין. אירע טרערן זיינען געקומען מיט אַ קלאַנג. זי האָט געקושט בענע־דיקט'ס פיס און גערעדט:

„גאָט זאָל אייך העלפן, אַז איר, גנעדיקער הער, זאָלט אַ גרויסע זאַך אויפטאָן. אָט, ס'איז געקומען, אַז עס איז נישטאָ קיין אַרבעט, די מאַמע איז אויסגעשוואַכט און די ברידער זיינען אין דינסט. וועט איר שוין אויפטאָן אַ גרויסע זאַך, כדי עס זאָל ווערן אַ פרידן".

זי האָט נאָך ווייטער גערעדט, נאָר בענעדיקט האָט מער נישט געהערט. ער האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד. אירע ברוסטן זיינען פאַרשטאַנענע אין זיינע הענט אַריינגעפאַלן און ער האָט געפילט אין זיך אַ ווייכקייט. עס האָט אים גערירט דאָס פאַרהאַלטן זיך פון מאַכע'ס טאָכטער. ער האָט דערשפּירט אין איר אַנדערש, גאָרנישט אַזוינס, ווי אין אַ יעטווידער דייטשיש מיידל. ער האָט זי געגלעט. ער האָט באַקומען אַ פאַרלאַנג מיט איר גוטס צו טאָן.

און מיט אַמאָל האָט פאַר אים געטאָן אַ לויכט-אויף די אָרעמע טייל פון דער הויפּט-שטאָט, דאָס אַרבעטער-פערטל, וואו מאַכע וואוינט. אַלע רעגנבויגן-פאַרבן האָבן דערפון אַרויסגעשלאָגן און זיך אַליין האָט ער וואונדערבאַר דערבליקט אין אַ דיסטאַנץ: איינער, וואָס גייט עפּעס אַוועק אין אַן ערגעץ, כדי זיך צו שלאָגן. מיט וואָס גייט ער אַוועק, וואָס נעמט ער מיט זיך און וואָס לאָזט ער איבער?

מיט וועמען גייט ער זיך שלאָגן? קען זיין, זיין קעגנער וועט זיין א יונגער מענטש מיט בלאָע אויגן, מיט א געל פּנים, מיט אן אויסגע־שוואכט הארץ. קען זיין א ברוינער, פון דער זון אן אָפּגעברענטער, אזעלכער וואָס פלעגט פאשן שאָף אויף בערג און ארבעטן ארום שאָפּנ־קעזלאך. קען זיין איינער, וועמעס הענט זיינען איינגעטונקען אין רויב און אין מאָרד; און קען זיין אזוינער, וואָס טראָגט אן אויס־געבלייכטן בליק דורך אלע זיינע טעג מיט. שטייענדיק אין זיין שטוב און גלעטנדיק די פולע האָר פרידע׳ס, האָט בענעדיקט דערבליקט אזוי פיל מענטשן, וועלכע שיידן זיך אין אלעם פון זיך אונטער; אזוינס, וואָס ער האָט ביז איצטער נישט באמערקט נאָך קיינמאָל, אפילו בשעת דער גרעסטער איינזאמלונג. עס האָט דורכאנאנד געבלייכט פאר אים און אויפגעגלאנצט. ער האָט זיך מאָדנע געפילט. אויף זיינע שפעטע יאָרן האָט ער פלוצלונג גאָר דערזען אזוינס, וואָס האָט אים געמאכט אויפציטערן: ער האָט פארשטאנען.

אָבער איין מינוט שפעטער האָט ער זיך אין רעיון שוין פאָרגע־וואָרפן זיין אפיקורסות. דער אויבנאויפיקער מיין אין דעם מיידל׳ס וואונש האָט נאָך געקלונגען בולט אין זיינע אויערן און זיין געהירן האָט זיך צושפילט און א טאנץ געטאָן נאָך די קלאנגען. אָ, ער וועט טאקע אויפטאָן א זאך! ער מוז אויפטאָן א גרויסע זאך — פאר׳ן קייזער און פאר׳ן פאָטערלאנד!...

ער האָט פייערלאך צוגעזאָגט ווייטער צו שטיצן דער אָרימער מאכע׳ן, פונקט אזוי ווי ער אליין וואָלט געבליבן אין דער היים. דאָס האָלט ער זיך פאר א חוב. הערנדיק זיין הבטחה האָט זיך מאכע דער־פרייט און אויפגעהערט באלד צו טראכטן. אינערלאך האָט זי יאָ עפּעס געשפּירט, אז מיט בענעדיקט׳ס דערקלערונג האָט איר טאָכטער גאָר א וויכטיקן שייכות. אָבער דער גוטווייליקער אויסדרוק אויף נרעטע׳ס פנים האָט זי טיף שוין פארמישט און זי איז געבליבן זיצן רואיק און צופרידן.

אויך ביי פרידע׳ן האָבן די אויגן שוין זיך צוריק געהאט אויסגע־לאָשן און פארגליווערט געוואָרן אין מאטן. זי האָט זיך געהאט שוין צוריק צוגעזעצט צום טיש, וואו זי איז פריער געזעסן און זי האָט זיך געשעמט. קיינע האָט שוין איצטער אָבער נישט געדענקט אָן איר, א חוץ קריסטינע, וועלכע וואָלט זיך געמעגט ווינשן צו האָבן אירע היפש־געצייכנטע פיס, כדי אליין צו קענען גיין אויף דער מלחמה און באווייזן א גרויסע זאך.

אויף דער שטוב איז געוועזן א שטילקייט געפאלן. בענעדיקט איז געשטאנען גרייט און פארזען מיט אלעמדינג. א לעדערנער פאס האָט געשטעקט ארום זיין גארטל און א קינזשאל איז אים נאָכגע־האנגען ביי דער זייט. די לאנגע באקנבערד, וועלכע ער האָט זיך פאר־לאָזט אין די לעצטע וואָכן, האָבן זיך שוין געהאט געגעבן א צובלי

אין דער ברייט: זיי זיינען געוואָרן פולע און בונטע אין פאַרנעם. בלויז די גאָמבע איז אים געבליבן נאַקעט. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און האָט זיך אַליין נישט דערקענט: די וואָנסעס זיינען אים געוועזן אַזוי אויפגעוואַקסן, ווי גאַנץ זעלטן ביי איינעם. לאַנג האָט ער זיך באַטראַכט אין דעם שפּיגל. און קוקנדיק איז אויפגעקומען אַ שמייכל איבער זיינע באַקן און אַ געפיל פון כבוד. ער האָט געפונען אין זיך אַן ענלאַכקייט צו איינעם, זייער אַ געשעצטן מאַן. ער איז אויך געוואָרן אַדורכגעטרייסלט אין זיך. ס׳איז אים פאַרגעקומען, אַז אַליין — ער — גייט איצט פאַרלאָרן אין ערגעץ און אַן אַנדערער גייט גאָר אין אים אויף. דער שטאָלץ אין זיין משפחה האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף דעם שטוב אַרויס. דער גענעראַל מיט די באַקנבערד איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, כדי צו ווייזן וואונדער. ער איז אַראָפּ פון דער וואַנט, אָנגעטאָן זיך צוריק אין פּראָסטן געקלייד, ונקט ווי אין סאַמע ערשטן אָנהויב זיינעם. דער וועג וואַרט שוין אויף אים.

בענעדיקט האָט זיך אויסגעשטעלט אין דינסט־אָנגעברייטקייט און, ווי ענטפערנדיק אויף פרידע׳ס רייד, האָט ער אויסגערופן:

„יאָ! איך וועל עס טאָן" — — —

דעמאָלט האָבן די טרערן געגעבן אַ פאַרפּלייץ גרעטע׳ס פּנים. אַן איבערפלוס פון פיינלאַכקייט האָט זיך געדרענגט אין איר. זעענדיק דער מאַמען, האָט זיך קריסטינע אויך צעוויינט און, אין אויפריכטי־קייט, אַרומגענומען פרידע׳ס קאָפּ, אָנלענענדיק אים אויף איר האַרץ. דער הויכער, ברייטפּלייציקער מיליטערמאַן האָט פאַרגעסן דעם גענע־ראַל; אים איז אויך געוואָרן שווער. די מינוט פון שיידן זיך איז געקומען. ער וואָלט געוואונשן אַליין זיך לייכטער צו מאַכן, אָבער ער איז געבליבן שטיל און באַדריקט. זיין ווייב׳ס שלוכצן האָט זיך געטראָגן צו אים, אַזוי ווי איר געוויין אין יענער ערשטער נאַכט, בעת זי האָט ווייטאָג אין איר גוף דערשפּירט.

איין מאָל האָט ער נאָך געפּרוווט אָנצובינדן אַ שמועס וועגן דער וואונונג אויף אַ זייטנגאַס. עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער לאָזט פלוצלונג איבער דאָס לעצטע: זיין ווייב און זיין קינד און זיי וועלן זיך מאַטערן. וויל ער כאָטש נישט איבערלאָזן אַ צו גרויסע משא פון זייערטוועגן. אָט די וואוינונג איז טאַקע צופיל פאַר זיי ביידן. אויך די הוצאות זיינען צו שטאַרק שוין. נאָר ווי אַלע מאָל, אַזוי אויך איצטער, איז דער שמועס גלייך איבערגעריסן געוואָרן דורך גרעטע׳ן. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט הערן דערפון. די שטיבן, וואו זי האָט אויפגעצויגן אירע זין, וואו זייער איינציקע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, וואו ער, בענעדיקט, שלאָגט צו איר פון אַלע ווינקלאַך אַרויס — זי וויל אָפּהיטן אין דער היים דאָס, פאַר וועלכן ער האָט געשיקט אין דער מלחמה אַריין אַלע דריי זין אירע; און איצט, כדי אויסצאָלן

דעם חוב אין גאַנצן, פירט ער זיך אַליין פאַר אַ קרבן אַהין. גרעטע האָט, אפשר צום ערשטן מאָל זייט דער יאָרן לאַנגער מלחמה, געשפּירט אַזוי דאָס האַרץ ציטערן אין בייַנקשאַפט נאָך אירע קינדער. אָבער זי האָט זיך געוואָלט באַהערשן, כדי נישט אָנצוטאָן מער קיין צער דעם לעצטן מאַן אין איר הויז, וואָס וויל מיט זיך פאַרלייגן דעם וואַקסנדיקן ריס אין איר לאַנד. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט. נאָענט האָט זי איר רעדן געצויגן צו אים:

„בענעדיקט, דו דאַרפסט נישט אַזוינס צו פאַרלאַנגען. דו גייסט אַוועק און דו קומסט ווידער. וואו ווען איך דיך דעמאָלט אויפנעמען: אין צוויי קעלער שטיבלאַך, וואָס האָבן אַ אַ ריח פון פאַרפוילעניש?”

דאָ האָבן אים, דעם גרויסן זעלנער, גענומען שטיקן די טרערן. ער האָט שווער געאָטעמט.

„מיינסטו? — האָט ער איבערגעפרעגט זיין ווייב, — „מיינסטו באמת, איך קום צוריק אַזוי גיך? איך גיי אויף אַ וויטן וועג אַרויס... קען זיין ביים אָנהויב שטייען מיר נאָך אַלע”...

גרעטע איז געוועזן געפּאַסט. נאָך יענער ערשטער נאַכט אין וויטאָג זיינען, דורך יאָרן שפּעטער ווידער געקומען אַזעלכע, אַ סך אַזעלכע נעכט. די מוטער האָט געוואָלט טרייסטן. דאָס ווייב פון סאָלדאַט האָט אין איר ביטערקייט געוואָלט האָפן.

„דיק”, — האָט זי געזאָגט, — „בשעת די אַלטע גייען שוין אויך, וועט די מלחמה, אין נישט לאַנגע מינוטן, מוזן איינגעזונקען ווערן, ווי אַ מגפה”...

בענעדיקט האָט שוין מער נישט געענטפערט. די מינוט פון פאַרלאָזן משפחה און היים איז געשטאַנען ביי דער טיר. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אַוועקגעשטעלט שטייף — גרייט צום געזעגענען. ער האָט גאָרנישט גערעדט צו קיינעם פון זיי. בלויז ביים אַרומנעמען קריסטינע'ן, דאָס געליבטע מיידל, האָט נאָך אָפּגעגלאַנצט אַ טרער אויף די שפּיצן האָר פון זיינע ברעמען. צו צוויי מאָל האָט ער געקושט איטלאַכן פון די דריי. דערנאָך איז ער אַריין אין דער בילדער־שטוב און זיך אַוועקגעשטעלט מיליטעריש פאַר'ן בילד פון קייזער.

מיט געמאָסטענע טריט האָט ער זיך שפּעטער גענומען אין זיין וועג אַריין.

* * *

אַ ליכטיקער הערבסט־טאָג. פון הייזער איינגאַנגען קומען אַרויס אַ סך אַלטע מענער אין פרעמדע קליידער; — זיי האָבן צו זיי נישט געפּאַסט מער, אַזוי ווי צו די יונגע. אויף די גאַסן, וואו פון צייטן הערשט שוין אַ שטילקייט, האָט זיך געהערט דאָס שליסן פון טירן, ווי אַ ווייט ביינער־קנאַקעריי. נאָך לאַנגע יאָרן זיינען אויפגעקומען מתים און זיי האָבן זיך צולאָזט איבער די גאַסן אין זייער גלאַנץ־באַלייגטע קליידער. בלויז אונטער די דאָזיקע קליידער מוזן נאָך

שיטערלאַך און מיט אַ טרוקן ערד־קול די סקעלעטן זיך וואַרפן, קוים מיט אַ הייטל איבערגעצויגן. זיי קושן זיך מיט די איבערבלייבנדיקע. די מזוזות ביי יעדן הויז ווערן אָנגעשוואָלן פון טויטע קושן.

זיי גייען. דער געלאַסענער טריט און די גראָע האָר פון הינטער די היטלען אַפער מאַכן טראַכטן פון עפּעס אויסטערלישעס:

אַז זיי זיינען בחורים נאָך. אַז שלאָגן זיך זיינען אַרום אין די יאָרן פון זייער יוגנט. אַז אַ גאַנץ לעבן פאַרברייינגען זיי אין די מונ־דירן און אין געווער: האָבן די קליידער שוין באַוויזן אַריינצעוואַקסן אין זייער פלייש אַריין און אויך זיי פרעמד צו ווערן. איצטער גייען זיי — אַלטיטשקע, אומעטיקע, אַזוי ווי ביימער אויסגעוואַקסענע אין אַ שטורם. און פון הינטן גייען נאָך זייערע מוטערס, וועלכע האָבן נישט געקענט אָפּשטאַרבן, וואַרטנדיק אויף זייערע קינדער...

5

די זאַנג, אַראָפּגענומען פון פיינט׳ס פעלדער, האָט אַ קנאַפּע זעטיקייט געבראַכט דעם אויסגעהונגערטן לאַנד. הונגער האָט זיך באַזעצט אין אַלע ווינקעלאַך און דורך זיין געזאַנג האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן קינדער מיט מאָדנע־געפּאָרמטע הענט־און־בייכער. עס האָט אָנגערוקט, אַזוי ווי אַ שרעקלאַכער וואָלקן, דאָס בילד פון :אָענטן אונטערגאַנג. אין אַזאַ שווערער מינוט איז ווידער אויפגעקומען צום ליכט יוסף׳ס אויפטו פון פאַרצייטנס: אַלע סחורות, וואָס דאָס לאַנד האָט פאַרמאָגט, זיינען געוואָרן איינגעזאַמלט אין באַשטימטע ערטער, כדי פאַנאַנדערגעטיילט צו ווערן אויף מעסטלאַך — איין מעסטל צו אַ פּערזאָן. פאַר די דאָזיקע זאַמל־ערטער האָבן פון טאָג צו טאָג גע־נומען אויסוואַקסן אַלץ לענגערע מענטש־קייטן וואַרטנדיק אויף דער רייע נאָכ׳ן מעסטל. עס איז געשען, אַז אויפשטייענדיק פון שלאָף האָט מען זיך מיט פאַרשפּעטיגונגס־פּחד געלאָזט צו דער רייע. און זיך לייגנדיק אין די טווערע נעכט האָט מען פּשוט מיט קדוש השם איבערגעטראַכט דערפון, וואס מען האָט אַלץ געקראָגן אין יענעם טאָג און — וואָס מען דערוואַרט פון דעם מאָרגנדיקן. די פינצטער־אויגיקע ברויטן און אויסגעוואַויגענע גרויפּן־בייטעלאַך האָבן געשוועבט פאַר די הונגעריקע אויגן פון די בירגער, סיי אין די טעג, סיי אין די נעכט. עס האָט געמעגט צופרידן זיין די משפּחה, וואָס האָט אין איר הויז אַ סך קליינע קינדער, וואָרים אַ סך ברויטן און גרויפּן ווערן פאַר זיי שוין צוגעגרייט אין די שפּייז־קעלערס. אויף איטליכער גאַס פלעגן צו עטלאַכע לויות נאָכשיקן מיט גיריקע בליקן יעדן איינציקן פון זיי, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַהיים גיין מיט׳ן מעסטל שוין אין דער האַנט. אין אַלע האָבן זיך שאַרף געקלערט די אויסרעכענונגס־חושים, די וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטיקער זומפּ, וואו זיי האָבן ביז דעמאָלט געהאַט גערוט. קריכנדיק מיט אַ געראָיע צום אויבן־אָן, האָבן די דאָזיקע חושים מיט זייערע פילפינגערדיקע

פּיס אַוועקגעשאַרט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן אין וועג געטראָפן: און אויבן־אָן האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט, מיטשלעפּנדיק מיט זיך פעלקער גאַנצע, פאַרטאָגענע אין אויסרעכענונגען אַזוינע, צי אַזוינע.

צו דער צייט האָט די זון שוין געשיינט מיט אַ גלייכער טריבלאַכקייט איבער אַלע טיילן פון דער שטאָט. אויסערלאַך האָבן זיך הייזער אונטערגעשיידט נאָך פון אַנאַנדער: רויטע, ווייסע, שיינע, בונט־געפאַרבטע, פרישע, שמעקנדיקע און — גראָע, שוואַרץ־ און געלבלאַך־גראָע. נאָר טיפער אין זיי האָט דאָס ליכט געשלאָגן אָן איינציקס, אַ גלייכס פאַר אַלע בירגער: זייערע אַלעמענס הערצער האָבן געאָטעמט מיט דולדזאַמקייט, אַרבעטזאַמקייט, רואיקייט און קלאָרקייט.

דער זומף, דער אויסגערעכנט־קריכנדיקער, האָט ווי אַ נעץ זיך געצווינגען אין אומפאַנג אַריין. פון אים האָבן אַרויסגעשטעקט אַלע מיליאָנען אויגן, נישט האָבנדיק די חוצפה צו טראַכטן וועגן אַן אויסלייזערישער מינוט, אָבער אין דער טיף פון זייער באַוואוסטזיין האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו בייַנקען נאָך איר. איינע מאַכע בלויז האָט נישט געפונען אין זיך קיין כח צו בייַנקען, כאָטש זי האָט אירע קינדער נישט פאַרגעסן. אויך דאָס בסדר׳דיקע „איינשטעלן־זיך”, דאָס „אָטשערעדעווען”, איז געווען מסוגל אפילו אויף אירע אויסגעשטאָרבענע פעלדער אַ טרייסל צו געבן מיט די אַלט־פאַרגעלטע זכרונות אירע. אַזוי האָט זיך צו איר אויפגעוויקלט פון אַ תהום אַרויס אַ טאָג, וואָס האָט אויף אייביק פון איר צוגענומען דעם מאַן: „אויף זיין קבר באַנייען זיך יערלאַך די אַלטע גראָזן”. אויך האָט שוין מאַנכע מאָל איר אַ צופּ געגעבן די עלטער: „אַז אַ מענטש ווערט דאָך נישט אינגער; רק איר פרידע איז דערווייַלע נאָך יונג און זי הויבט זיך שוין אויך אָן צו עלטערן”. אויך: „אַז דעם אָרעמאַן איז צום שווערסטן — אָט ליידט זי דאָך נישט פון נעכטן און נישט פון פאַראיאָרן אָן””. ביי די ווענט פון הייזער איז פאַרביי מאַכע׳ן אַ שטיק פון איר לעבן אַדורך, ווי אַ שאָטן. אויך זי איז שוין געווען ווי אַ שאָטן. נישט זי האָט זיך געשפּירט טרויעריק דערפון, גלוסטיק צו באַקלאָגן זיך, אויך נישט קיין פאַרדראָס צו קריגן אויף ווער מען צוליב איר עלנד. אָן איר אייגענעם ווילן גאָר האָט עס זיך אין איר געטראַכט, אפשר אויך אָן איר וויסן; וואָרים די גאַסן זיינען געלעגן גראָע, טטילע, איינגעדרענגטע צווישן די טונקעלערע זייטן, וועלכע פלעגן טיילמאָל אויפמורמלען, אַזוי ווי אַ וואַלד, וואָס איז געבוירן אָן בלעטער.

דערפון האָט מאַכע אָבער גאָר נישט געוואוסט. אירע פינף חושים האָבן עס איר נישט צום שפּירן געגעבן. דערפאַר האָט זי זיך אַקטיוו אַריינגעטאָן אין רעכענען, אין אויסרעכענען, באַרעכענען און אַרומרעכענען אירע באַדערפנישן. אָט האָט זי געהאַט צער דורך

גרעטע'ן, ווייל זי האָט נישט געהאַלטן פון איר מאַנ'ס צוזאָג. דריי חדשים האָט זי איר ריכטיק געצאָלט, ראַיעל, יעדן ערשטן פון חודש, דערנאָך האָט זי אויפגעהערט. „זי האָט נישט פון וואַנען", — האָט זי איר דערקלערט, — „ס'געשעפט שטייט, ווי אַ בר־מינן". נו, האָט עס שוין מאַכע'ן די אַנדערן איינגעצויגן, בשעת'ן אָפּרעכענען די סומע פון אירע אויסגאַבן. אירע הוצאות זיינען גאַנץ קליינע געווען, זי האָט קיין שום איבעריגס נישט געפונען אין זיי; אַלץ נויטיקע הצטרכות'ן — די סאַמע נויטיקסטע. אָבער אַן אויפשיינענדיקע מינוט האָט איר אָנגעוויזן אויף אַן אויסוועג צו איר שווערער לאַגע: ווען זי קריגט פון וועמען אַ שפּייזקאַרט, איין איינציקע שפּייזקאַרט, וואָלט עס איז געווען די גרעסטע דערלייכטערונג אין דעם מאַטערנ־דיקן ברויט־פּאַרזאָרגן. אָ, איינע אַזאַ און — זי ווערט געהאָלפן! זי האָט גוט געוואוסט, וואס און וויפיל זי קען אַלץ באַקומען דערפאַר און זי האָט איינגעפונען, אַז עס וואָלט אָן אַן ערך נאָך אַריבערגעשטיגן גרעטע'ס „שענקאַזשע". אָ, איין איינציקע שפּייז־קאַרט און זי איז געהאָלפן נאָך מיט אַן עודף!...

אַ צייט לאַנג האָט זיך מאַכע אַרומגעטראָגן, ווי אַ שלאָפנדיקע. טיילמאָל האָט זי זיך גאָר שוין פאַרלאָרן און זי האָט געהאַט טענות צו זיך אַליין, הלמאי זי האָט געהאַט אַ טענת אין חשבנן: וואָרים ביים ערשטן מאָל רעכענען האָט זי אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אָן די קוילן, וועלכע געהערן אויך צו צו אַ קאַרט און אָן די זייף־פּראָשקעס. מאַכע האָט זיך מיט'ן גאַנצן נפש איבערגעגעבן דער אידייע וועגן אַן איבעריקע שפּייזקאַרט. שטייענדיק אין דער רייע זיינען אירע מחשבות'לאַך זיך צוקראָכן, איבער ברעקעלאַך זאַמד, צווישן הייפעלאַך מיסט, זוכנדיק און גראָבלענדיק אין זיי מיט שפּיצעלאַך פינגער, אפשר ר— אפשר וועט איר גאָט צושיקן אַזאַ גליק און זי וועט געפינען איינע...

אהיים קומען פלעגט זי אָוועגט צייט, אין האַלבער פינצטערניש, קייען דאָס פאַרקילטע עסן, וואָס פרידע האָט איר איבערגעלאָזט. צו גרעטע'ן פלעגט זי מער נישט קומען, ווייל זי האָט שוין גאָרנישט פון איר דערוואַרט און ווייל זי האָט אויך קיין צייט נישט געהאַט דאַרויף. זעלטן פלעגט זי זיך נאָך אַריינכאַפּן צו אַ שכנ'טע און דאָס נאָר כדי אַ שמועס צו טאָן וועגן אַ מין, וואָס איז דעם חודש אָנ־געקומען ווינציקער און אויף וועלכן מע רעכנט שפּעטער נאָך צו־צוקריגן. ביי דער שכנ'טע איז איר איינמאָל איינגעפאַלן, ווי אַרום צו פאַרגרעסערן אירע הכנסות. יענע האָט טאַקע געהאַט צוויי שטיבער מיט אַ קיך און זי האָט בלויז איין פּיטשעדיק חדר'ל און אַ קעכל אויך אַזאַ קליינס. אָבער זי איז געווען גרייט מיט דער טאָכטער אין קעכל צו שלאָפן און דאָס חדר'ל צו פאַרדינגען. אויף דעם געדאַנק איז זי געקומען, זיצנדיק אין אַ שפּעטן אָוונט ביי קעטע'ן. קעטע האָט פון לאַנג שוין געהאַלטן אַ סובלאָקאַטאָר אין איינעם פון אירע שטיבער.

זי האָט זיך טאַקע שטאַרק געקוועלט, וואָרים ביי אַזאַ פֿאַמיליע ווי זי — און אַלץ קליינע קינדער — איז עס נישט געווען לייכט זיך איינצואָרדנען מיט אַ פֿרעמדן מענטש. אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך איינגעוואוינט און זי האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף איינגשאַפּט. און אָט איז מיט איר שכן איינמאָל מיטגעקומען אַ פֿריינט זיינער, וועלכער האָט געזוכט אַ וואוינונג. דער האָט דערקלערט פּשוט, אַז עס איז אים נישט קיין חילוק וואָס — ער זוכט בלויז אַ קליין שטיקל אָרט צום שלאָפֿן; וואָרים צייט דער מלחמה קריגט ער מער נישט קיין בריף פֿון זיינע עלטערן, וועלכע וואוינען אין אַ לאַנד, וואָס ליגט זייער ווייט פֿון דאַנען; אויך קריגט ער קיין געלט נישט צוגעשיקט פֿון זיי און ער איז געצוואונגען דעריבער איינצוטוישן זיין פֿיין צימער, וואָס ער האָט אויף אַ פּאַרנעמער גאַס. דערביי, ווי ער האָט אַזוי גערעדט, האָט זיך אין מאַכבע'ן עפּעס אַ ריר־אויף געגעבן, אַזוי ווי אַ טרער, צוליב האָפֿנונג. זי האָט זיך געווענדט צו אים און אים באַלד צו וויסן געגעבן, אַז ביי איר קען ער קריגן דאָס, וואָס ער זוכט. האָט ער זיך דערפֿרייט, איז מיטגעגאַנגען אין איר שטוב אַריין, באַקוקט דאָס חדר'ל און עס איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן. צו־מאָרגנס האָט פֿרידע שוין ריין געמאַכט אין צימער פֿון זייער נייעם שכן און מאַכבע האָט באַצערטלט די פּאָר מאַרק, וואָס יענער האָט איר באַצאָלט אין פֿאָראויס.

דעמאָלט אָבער איז איר רעיון וועגן אַ דריטער שפּייזקאַרט געגעבן אַ וואַקס־אויס צום מעכטיקסטן און ער האָט איר גאַנץ גוט באַהערשט. ער האָט זיך באַזעצט אין איר מוח, אַזוי ווי אַ גרויסער פּראַשנזומפּ, וועלכע שווימט נישט קיינמאָל. אָפּנעמענדיק אינאיינעם מיט אירע קאַרטן, איינע פּאָר איר צוגעקומענעם שכן — אַ דריטע, איז אין איר אַ גיריקייט אויפגעשוואָמען, אַ קליינע גיריקייט, וואָס איז באַלד אפילו צוריק איינגעגאַנגען אין איר, ווי אין אַ געמייזאַכץ: אירע געדאַנקען, באַרויטלטע פֿון אָט דער גיריקייט, האָבן זיך איבערגעריסן פֿון זיך אַליין, אויסגעטאָן פֿון דער פּאַרב און — פֿאַרשוואָלן געוואָרן ערגעץ אין אַ פֿאַרגליווערטן סטאַוו אַריין, טויט, גאָר באַלד נישט געבוירן, נישט. נאָר דער חוש פֿון איינפֿאַלן, פֿון זוכן, איז אויפגעשטאַנען דעמאָלט, ווי אַ ווערעמל און זיך גענומען אויפ'ן וועג, אָן איילעניש, פֿאַדראָבנע, מעג דער וועג זיבן יאָר דויערן —

צו דער ברונע וועט ער שוין סוף כּל סוף צוקומען...

און די ברונע האָט זיך אַנטפּלעקט גאַנץ פֿרי נאָך, אומגעריכט, איבעראַשנד. מאַכבע האָט אויפגעשיינט. אין אירע אַלטע אברים זיינען נאָך אַליין צוריק אויפגעקומען צוגן, העט — פֿון אַזוי לאַנג שוין פֿאַרוועזענע; העט — אין גריבער אַריינגעשלאָגענע; העט —

אָפּגעשטאָרבענע. אין דעם פאַרדונגענעם חדר'ל איז איר פרידע געווען: זי האָט געריימט דאָרטן פאַר דעם שכן. יענער איז אויך געווען אין שטוב. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, גערדרייט זיך אַהין און אַהער — געשטערט פרידע'ן אין דער אַרבעט. אירע באָרוויסע פיס, די נאַקעטע ביז איבער די קני־קנעכלען אַריבער, האָבן אים זייער גלוסטיק אויסגעוויזן און היים אים געמאַכט. אָ, מאַכע האָט עס גוט באַמערקט: אין דער שלעכטסטער צייט, אין שווערסטן מלחמה־יאָר, האָבן אים איר טאָכטער'ס פיס פאַרשאַפט פרייד... זי האָט דאָס גוט געזען. דעמאָלט האָט זיך אין איר קאָפּ אָנגעהויבן צו טומלען, אַז זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אייגנטלאָך אין איר און אַרום איר. זי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער טיר, האָט זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקל פון איר קיך, אָבער זי איז גלייך ווידער אויפגעשטאַנען. זי איז געווען אין אויפרעגונג און אַן אומגעדולדיקייט האָט זיך געוויקט אין איר אפשר צום ערשטן מאָל אין לעבן. זי איז אַרויס פון איר שטוב, איז געווען ביי דער שכנ'טע, איז געווען אויף דער גאַס, איז צוריקגעקומען אַהיים, ווידער אַמאָל אַוועקגעגאַנגען און — ערשט אויף דער נאַכט איז איר גאַנץ, ווי תמיד, אָנגעקומען איר רו און זי האָט זיך ערשט דעמאָלט דערשפּירט פייאיק צום אויסרעכענען.

אין יענער נאַכט איז אויך אויף לאַנג פאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פון אונטער מאַכע'ס ברעמען — זי האָט כסדר גערעכנט. אין זייער אַ שפּעטער שעה האָט זי אַפילו אונטערגעהויבן דאָס שפּילקעפלעמעלע אין איר נאַכט־לעמפּל און זי האָט מיט פאַרטאָענקייט גענומען צו באַטראַכטן דעם גוף פון איר טאָכטער. זי האָט צוגעשאָקלט מיט דעם לאַנגן קאָפּ: „יאָ". עס האָט פאַר איר עפּעס געשטימט. בעת'ן אַרומטאַפּן פרידע'ס פיס האָט זי מער נישט געשאָקלט דעם קאָפּ—דער האָט זיך שוין געוואָרפן, צוקוקנדיק פאַר'חידוש'ט, ווי אָט די צוויי לחלוטין נישט מאָגערע זיילן־פלייש, פאַרוואַנדלען זיך אין דער רגע אין אַ וואונדערבאַרער שפּייזקאַרטע, אַ פאַר'כשופ'טע, אַ פרעכטיקע — אַ שפּייכלער פון ברויט, פון קאַשעס און פון קוילן...

אַ נס איז געשען מיט מאַכע'ן אין יענער זעלטענער נאַכט. נאָך אַלע צויבערלאַכע בילדער איז איר מאָדנע ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: זיי האָבן לייכטיטשקע אויפגעשמייכלט. אין איר מוח האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ רעגן פון קלאָרע, קלוגע, קיינמאָל נאָך נישט געטראַכטע רייד. זייער פרי איז זי אויפגעשטאַנען פון בעט און געשטעלט זיך וואַרטן אויף איר שכן. און בעת יענער האָט זיך נאָר באַוויזן ביים וואַסער־קראַן צום איינוואַשן זיך — האָט זי אים תיכף מודיע געווען פון עפּעס אַן עסק'ל, וואָס זי האָט פון זיינעטוועגן און וואָס זי וויל אים טאַקע אויפ'ן אָרט איבערגעבן.

פון אויפגעדרייטן קראַן איז דאָס וואַסער געהאַט געלאָפן מיט רעש — האָט זי אים איינגעדרייט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן רואיק,

דער אינזל

געלאַסן, אַז שום פּאַרבאַרייטונג, פּראַקטיש און זייער, זייער אויס־גערעכנט:

„הער! איר זעט דאָך און ווייסט אודאי וואויל, אַז נישט בײַ עשירים וואוינט איר. איך בין אַן אָרעמע אַלמנה. מיינע זין זיינען אויף דער מלחמה. אָ, ווען זיי זאָלטן געוועזן אין דער היים בלייבן! און פרידע — איר זעט דאָך: זיצט אָן ארבעט פון תחילת קריג אָן. אַזאַ מיידל אָן ארבעט, הער, אַ נישט? דאָס לעבן איז אימה'דיק שווער, אומגעהויער שווער, הער. ווי איז מעגלאַך אויסצוהאַלטן ווייטער? אַט, איין איינציק שפּייזקאַרטל מיר זאָל צוקומען, וואָלט עס געהייסן פאַר מיר די גרויסע ישועה. וואו קריג איך אָבער די וואונדערבאַרע זאַך? האַ, הער?"

דאָ האָט זי אָפּגעשטעלט די קנויל פון אירע רייד. זי האָט אים אָנגעוויזן אויף פרידע'ן, וועלכע איז געשטאַנען ביים קליינעם קעכל, איינגעוואַקסן אין איר מאַמען מיט די צוויי מאַטע אויגן. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן שטילער א ביסל און פון אַן אַנדערער זייט גאָר:

„אַט, פרידל; אַ מיידל, דאַכט זיך, אַ נישקשה'דיגס — הם? ווי מיינט איר, הער? זאָגט, זאָגט, זייט מוחל. איך זאָג אייך: זייער אַ נישקשה'דיקס. און איר אַליין — אויך אַ יונגער מענטש, אַ נישקשה'דיקער — איר זייט מיר געפעלן. דעריבער זאָג איך אייך טאַקע: דאָס שפּייזקאַרטל — און איר וועט מעגן, כע־כע, ווי אייך וועט זיך גלוסטן... איר וועט מעגן: כע, כע, כע... הם־הם"...

ווי מאַכע האָט זיך נישט געהאַט אַלצדינג פאָרגעברייט אין די געדאַנקען, דאָך האָט די אומגעווינלאַכע פאַרהאַנדלונג זי גענוג פאַר־מישט. איר לאָקאַטאָר, וועלכער איז תחילת געוועזן זייער איבער־ראַשט דורך דעם גערייד פון זיין ווירטין, ווען ער האָט זייער זעלטן געהערט אויסרעדן אַ וואָרט — האָט שוין באַוויזן צו פאַרגיין אין פלאַמען, אפשר נאָך פיל מער פאַר פרידלען, וועלכע איז אייגנטלאַך געוואַקסן אין דער אומענדלאַכקייט אריין, אַזוי, אַז ווי ער האָט נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר פנים, מער ווי אירע פיס האָט ער נישט געקענט דערבליקן, בשום אופן... אַ חוץ איז אים געוואָרן גאָר שוין מיאוס — ער האָט זיך טויטלאַך געשעמט פאַר דער מאַמען אירער, וואָס רעדט צו אים איבער אַזוינס...

מאַכע האָט זיך אָבער תיכף געהאַט אָפּגעפונען. דער רעגן פון ביינאַכט האָט אין איר קאָפּ זייער קלאָר געמאַכט. זי האָט איצט אוועקגענומען איר שכן מער אַן אַ זייט און אַראָפּגעלאָזט זייער נידריק איר קול, רעדנדיק ווייטער צו אים. זי האָט אים געגעבן צו פאַר־שטיין אַלץ און גאָר, וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים און וואָס זי גיט אים אָקעגן. דאַביי האָט זי אים כסדר געפרעגט שוין העכער און צוזאָגנוודיקער:

„איר פאַרשטייט, הער?... איר פאַרשטייט?"...

אזוי ארום האָט מאַכע פאַרשטאַנען צו רעדן צו איר שכן און איז דאַדורך געקומען צו אַ דריטער שפּייזקאַרטע; וואָרים ער האָט זי איר שווערלאַך, נאָר מיט אַ לייכט האַרץ — אַוועקגעגעבן. מיט איר אונטער'ן קישן איז מאַכע אײַנגעשלאָפן אין דער קומענדיקער נאַכט: פעסט, צופרידן, רואיק. עס איז איר געווען פאַרגעקומען, אַז זי האָט ריכטיק געהאַנדלט, גאַנץ גוט אײַנגעקריגן, פּשוט — אַ מציאה... אויך אויפ'ן געוויסן האָט זי זיך געפילט זייער גוט און ערלאַך, וואָרים עס איז געווען פאַרגעקומען, אַז אויך דער שכן האָט נישט אײַנגע־האַנדלט, חלילה, קיין שאָדן...

6

מיט איטלאַכן טאָג איז גרעטע'ן געוואָרן אומהיימלאַכער אין אירע חדרים. די גרויסע, אויף העלפט שוין אויסגעליידיקטע וואוינונג אירע, האָט אַ סך שאַטנדיקס אין זיך געקראָגן און עס האָט איר גענומען אויסדאַכטן: אין די שטיבער גייט ווער אום, אַ נישט־דאַאיקער, אַ שרעקלאַכער. עס האָט זיך אויך אָפּגערופן אין אירע פיס אַן אַלטער ווייטאָק. די איז געהאַט זי באַפאַלן אין דער צייט פון איר קינדלען, נאָר פון נאָך קריסטינע'ס געבוירן ווערן איז זי פאַרשוואונדן געוועזן און זי האָט אָן איר גאַנץ פאַרגעסן. איצטער האָט זי זיך אָפּגע־זוכט מיט כח און זי איז נאָך געוואַקסן צוליב דער מורא, וואָס זי האָט געשפּירט אין אירע חדרים. אירע פיס זיינען געוואָרן דער צענטער פון אירע שלאָפקייטן.

גלייך ווי מאַכע איז גרעטע געשטאַנען אין דער רייע. דאָס איז איר אָנגעקומען מיט מאַטערניש, ווייל די פיס האָבן איר שוין דויערנ־דיק ווי געטאָן. אָבער זי האָט נישט געוואָלט זיך צוגעבן אין דער שוואַכקייט און זי האָט זי אפילו אָנגענומען באהבה. זי האָט גע־טראַכט וועגן דעם, אַז אַלע מוזן זיי שוין טאָן פאַר'ן קייזער. צום ערשטן — זיי, גייען דאָרטן מיט געוועהר אין די רייעס און שפּעטער — זי, שטייט אין די רייעס דאָ. ביידע קעמפן זיי פאַר דער גרויסער זאַך; ביידע רייעס צוזאַמען. און פעדימער ציען זיך צווישן זיי, נאָענטע, האַרצלאַכע, איבערגעגעבענע און דערמוטיגנדיקע.

מיט דער צייט, אָפּשטייענדיק שעה'ן אויף דער גאַס, האָט זי אויך אָנגעהויבן נאָכצורעכענען אירע באַדערפנישן און איטלאַכס מאָל אײַנגעפונען פון דאָס ניי, ווי די דאַזיקע, גאַנץ און גאָר פאַרקלענערטע, קען זי שוין אויך נישט גענוג טאָן. אויך האָט זיך ביי איר דאָס גע־מיט פאַרטונקלט צוליב אַן אומ'חן, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין די רייעס: גענומען האָט ער זיך פון טויזנטע מעשיות איבער זיין דער־הרג'עטע אין מלחמה; קליינע קינדער, וואָס זיינען געשטאָרבן פון אויסטרוקעניש; און טויזנטערליי פּלאָגן, פון וועלכע מען האָט נישט געהאַט די מינדסטע ידיעה פאַר דער מלחמה. — ערשט מיט איר אָנהויב אָן האָבן זיי דעם ערשטן טריט געשטעלט אין דעם לאַנד אריין

ביז, איצטער, לויפן זיי שוין אין א געיעג: מענגעסווייז, חמרים גאַנצע, אין פרישן בלוט געטונקען, אויסגעפּולטע מיט פּחד.

צו דער צייט איז שוין גרעטע געווען אן אויסגעדאַרטע א שווייגדיקע, א פינסטערע. דערזען האָט זי זיך מיט אמאָל א פּאָר־לאָזענע פון מענטשן און פון גאָט. זין האָט זי אויסגעטראָגן פיל ווייטאָג האָט זיך אָנגעגעסן איר לייב, ביז זיי זיינען אויפגעוואקסן און דעמאָלט זיינען זיי פון איר אוועק. אויך דער, מיט וועמען זי האָט אָפּגעלעבט א לעבן, א גאַנצס, איז אוועקגעגאַנגען פון איר. די בריוו זייערע פון מלחמה־פעלד האָט זי אויפגעהערט צו ליינען מיט א גוטסקייט — זי האָט געפילט, אז א שלעכטס איז געוואָרן אָפּגעטאָן צו איר לאַנד, אזא שלעכטס, וואָס וועט זיך אפשר קיינמאָל נישט לאָזן מער גוט מאַכן.

נאָר, בשעת ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון פריצ'ן, איר יונגסטן זון, אז א דאַנק זיין העלדישקייט האָט ער באַקומען דעם טיטל אָפיצער — און זי האָט עס אויך באַלד אָפּגעפונען אין דער צייטונג, צוזאַמען מיט זיין בילד, איז איר דאָס געווען צו אן איבער־נעמענדיקן אָפּצאָל פאַר אירע צרות, און עס האָט זיך איר געטראָגן צום וויינען. האָט זי זיך טאַקע אויסגעוויינט. איז איר שפּעטער לייכטער געוואָרן און זי האָט זיך דערשפּירט אויך בעסער אין געזונט. אויך האָט די זון א שיין געגעבן אין אירע שטיבער אריין און זיי זיינען געוואָרן באַלעבט דורך איר וואַרעמען אָטעם. דעמאָלט, אז עס איז געקומען זונטאָג, האָט זי זיך אָנגעטאָן יום־טוב'דיק און, געאָרעמט מיט קריסטינען, איז זי ארוים אויף א שפּאַציר אין פּאַרק. וואָס האָט זיך געפונען נאָנט פון איר וואוינונג.

געגאַנגען זיינען זיי מיט דער שמאָלער אַלייע, וועלכע גרענעצט זיך דירעקט מיט דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן. הערנדיק פון דאָרטן־אויס אן אומאויפהערלאַך ברומען, פייפן און רופן פון די אַלערליי חיות און פויגל — איז גרעטען געוואָרן גאַנץ פריילאַך אויף דער נשמה, אזוי, אז זי האָט אליין דערפון געוואוסט.

„קריסטינלייןˮ, — האָט זי געזאָגט — „איך ברויך עפּעטערס ארויסצוקומען אויף דער לופט, וואָרן דאָ ווערט מיר גאַנץ גוט אזוי — — —.ˮ

קריסטינע האָט איר געענטפערט, ווי גערן זי וואָלט וועלן אָנקוקן די חיות. נו, זיינען זיי צוגעקומען צום גרויסן עלפאַנטן־טויער און זיינען אריינגעגאַנגען באַקוקן די חיות.

דאָרטן איז, באמת, די שטימונג אויך געווען אן אַנדערע, ווי אויף דער אַנדערער זייט מויער. די שוואַרץ־ און ווייס־געפלעקטע זשיראַפלאַך, די קאָמיש־מורא'דיקע געשרייען פון זעלטענע אייזעלאַך־פערדעלאַך, באַליידיקטע אויסרופן פון פּאָפּוגייס, דריקנדיקע ברילן פון געפערלאַכע רויב־חיות — האָבן אויסגעוויזן אין מיטן דער הויפּט־

שטאָט פון מלחמה, אזוי ווי א בונט־געפארבט קינדער־ביכל, א שפיל פון הילצערנע לייבן, לעמפערטן, קאַטשקעס און שאָף. קליינע מאָלפעלאך האָבן זיך אזוי לוסטיק געכאפט איבער די שטאַכעטן ביי זייערע שטייגן, אז ביידע, די מאמע ווי די טאָכטער, האָבן הערצלאך געלאכט קוקנדיק אויף זיי. גרעטע האָט זיך גאר דערמאָנט אָן אירע מיידל־יאָרן, בשעת זי איז צום ערשטן מאָל געוועזן אין דעם גאָרטן. זי האָט זיך זייער איבערגענומען מיט דעם בילד פון אירע דעמאָלטיקע איבערלעבענישן און זי האָט זיך געלאָזט צוגיין צו א באנק, כדי אויסדערציילן זיי פאר קריסטינען. נישט ווייט פון דער באנק, וועלכע זי האָט אָפגעקליבן, האָט זיך געפונען די גרויסע שטייג, וואו א ריזיקער עלפאנט האָט געהויבן זיינע מעכטיקע פיס און די שנייצע. פאר דער שטייג איז געוועזן געשטאַנען א יונגער אָפיצער. דער אָפיצער האָט זיך א גלייך־אויף געטאָן, זעענדיק אָנקומען די צוויי פרויען. אים האָט דערשטוינט דאָס יונגע מיידל, וועמעס האָר זיינען געוועזן לויז צונויפגענומען אויף איר קארק און פארבונדן מיט א גרויסער, שווארצער שלייף. פון איר רייפן גוף'ל האָט ער געפילט אַן אומבאַגרייפלאכן רייץ צו זיך קומען, וועלכער האָט אים ארומגעכאפט און ער איז דאדורך געוואָרן אריינגעבראכט אין שטח פון א וואונדערלאכן פאַנטאַן, וואס שפריצט אויף אים מיט תאוות צום אָנזעטיקן זיך מיט זיינע קוואלן. דער אָפיצער האָט זיך א דריי געטאָן די וואָנצעס, האָט ארויסגעשטויסן די ברוסט און זיך געלאָזט צוגיין צו זיי. לעבן קריסטינען איז ער געבליבן שטיין, האָט מיליטעריש געגריסט און געפרעגט, אויב זי דערלויבט אים זיך זעצן לעבן איר. קריסטינע האָט זיך פארשעמט, איז רויט געוואָרן און האָט אראפגעלאָזט דעם קאָפ. גרעטע אָבער, וועלכע וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט גלויבן, אז אַן איידעלער דייטש וועט זיך ווענדן צו א מיידל ווען זי זיצט מיט איר מוטער, האָט זיין פראגע אָנגענומען גלייך צו איר געווענדט און זי האָט זיך געפילט געצוואונגען איינצואוויליקן מיט פארגעניגען. ער האָט געדאַנקט. זעצנדיק זיך, האָט ער געמאכט א באַמערקונג וועגן זעלטענעם וועטער, צו וועלכער גרעטע האָט תיכף איינגעשטימט. דער אָפיצער האָט כסדר געדרייט זיינע וואָנצעס, זוכנדיק ווערטער, מיט וואס ער זאָל זיי קענען פאראינטערעסירן. קריסטינע איז אלץ געזעסן מיט אַן אראָפגעלאָזטן קאָפ. גרעטע אָבער איז באמת געוועזן אויך דערפרייט דור דער שכנות פון אזא מיליטער־מאן. זי האָט אים נייגעריק באַטראכט. א יונגיטשקער, א שיינער און אַן אָפיצער, אזוי ווי איר פריץ איז עס. ער איז איר געוועזן געפעלן. זיין גאנץ אויסזען, אויך זיין נייע יוניפאָרם האָבן איר געמאכט טראַכטן וועגן איר זון, וועלכן זי וואָלט פריילאך געוואָלט אָפגעפינען אין דעם דאָזיקן אָפיצער. איר מוטער־שטאָלץ איז געוועזן דערוואכט. זי האָט געקראָגן חשק אויסצורוימען פאר איר שכן די העלדישע מעשים פון איר פריץ'ן. נאָך א

סך אנטשולדיגונגען האָט זי אים געפרעגט, אויב ער איז שוין געווען אויפ'ן פראָנט. ער האָט אויפגעלעבט, דערזעענדיג זיך אריינגעצויגן אין געשפרעך דורך איר אליין. זייער העפלאך האָט ער אָפּגעענטפערט:

„פון ערשטן אָנהייב אָן."

קריסטינע האָט ביסלעכווייז אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איר פאַרלעגנהייט פון פריער איז אינגאנצן געווען פארשוואונדן. מיט היץ האָט זי א בליק געגעבן אויף דעם שיינעם אָפּיצער. זי האָט אויסגערופן:

„אויך אלע מיינע ברידער געפינען זיך אויפ'ן פראָנט פון אָנהייב אָן; און אויך דער טאַטע — !"

דעמאָלט האָט זי גרעטע אָנגענומען ביי דער גאָמבע, פארהייסנדיק צום שווייגן און אליין האָט זי אים ווייטער געפרעגט, וואו עס געפינען זיך זיינע אָפּטיילונגען און, צי ער איז שוין לאנג פון מלחמה־פעלד. ער האָט פון דער זייט א פילבאדייטנדיקן בליק געווארפן צו קריסטינען און געענטפערט מיט שטאָלץ:

„מיין קאָמפּאניע שטייט אויפ'ן מערב; אונזער פּאָלק איז בארימט און דער קייזער האָט צו אונז שוין פיל בריוו איבערגעשיקט. נאָר אי בין נעכטן אָנגעקומען אהער אומגעריכט פאר מיר אליין: דער שטאַב האָט מיך אויסגעקליבן צום שליח."

גרעטען האָט זיין דערציילן שטארק פאראינטערעסירט. זי האָט מיט אמאָל א טראַכט געגעבן, אז דער דאָזיקער אָפּיצער דאַרף זיכער קענען אירע קינדער. איר קול איז געווען גערירט:

„אויך צוויי פון מיינע זין זיינען אויפ'ן מערב."

און האסטיק, אויך ניט מיט ווינציק שטאָלץ, האָט זי גענומען דערציילן, וואו, אויף וועלכן אָרט און פארוואָס איר פריץ איז אויסגעצייכנט און רייך־באַשאָנקען געוואָרן. אז זי האָט געענדיקט איז דער אָפּיצער אויפגעשטאַנען, האָט אָנגענומען איר האנט, דריקנדיק זי פעסט און — ער איז געווען אויפגערעגט. קריסטינען האָט פאַרחידוש'ט די דאָזיקע סצענע. גרעטע איז געווארן אויפגערעגט גלייך ווי ער, און זי האָט געווארט אויף א דערקלערונג.

לאנג האָט דער אָפּיצער גרעטע'ס האנט געדריקט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער מיט אַן אומגעווײנלאכן ערנסט אויפגעקנעפּלט זיין מונדיר, האָט אין בליק ארויסגעקריגן א זאָרגפול־איינגעוויקלטע צייטונג, וועלכע ער האָט פּאַמעלאך אויפגעעפנט און, אָן ווערטער, איבערגעגעבן צו גרעטע'ן. זי האָט עס גלייך דערקענט. ס'איז געווען פונקט אַזאַ אילוסטרירטער בלאַט, ווי יענער, וואָס טראָגט אַף זיך דאָס בילד פון איר פריץ'ן. זי האָט אריינגעקוקט אהין און אים טאַקע דערזען. תיכף האָט זי געעפנט איר האַנט־בייטל און ארויסגענומען אויך אַזאַ צייטונגס־פּאַפּירל. זי האָט ביידע

פארגלייכט: זיי האָבן געשטימט. איצט האָט זי נייגעריק געקוקט אף דעם אָפּיצער.

ער האָט זיי פּלוצלינג גענומען איבערבעטן, וואָס ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט פאר זיי. ער איז פּריץ'ס בעסטער פריינט; הייסט: יאָהאַן קרייזלער. אויף דער דענצמאָלדיקער אוואַנטיורע זיינען זיי געוועזן צוזאַמען און האָבן אויך גלייכע אויסצייכנונגען געקריגן. גרעטע איז שוין געוועזן גערירט ביז גאָר. זי האָט גע־רעדט מיט אַ ציטערנדיק קול, פאַרבעטנדיק אים צו זיך, אַזוי ווי איר זון'ס בעסטן פריינט, וועמען עס וועט איר אַזוי אנגענעם זיין צו זען אין איר שטוב. אין מיטן האָט זי זיך אַליין באַמערקט:

„איר זענט דאָך מיט אַ וויכטיקער שליחות — דאַרפט איר זיך נישט שטערן. נאָר איך וויל אייך שרעקלאַך ווייזן מיין הויז, כדי איר זאָלט קענען אָפּדערציילן פּריץ'ן, ווען איר וועט צוריקפאָרן".

קרייזלער האָט מיט שמחה אָנגענומען איר איינלאַדונג. ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז זיין שליחות האָט ער נאָך נעכטן דערפילט און דער היינטיקער טאָג שטייט אים פריי צו מאַכן וואָס ער וויל. ער האָט איר דעריבער געזאָגט:

„עס וועט מיר שרעקלאַך ליב זיין צו פאַרברענגען היינט אין הויז בא מיין פריינט'ס עלטערן, וואָרים מאָרגן פאָר איך שוין אַוועק פון דאַנען".

קריסטינע איז געוואָרן שטאַרק צורודערט דורך דער לעצטער באַמערקונג פון אָפּיצער. גרעטע איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק. איר פּנים איז געוועזן צופלאַמט פון רעגונגען. אויף די איבעריקע האָבן זיך אויפגעשטעלט גרייט צו גיין.

און, שטייענדיק, האָבן זיי צוריק איינגעלעגט, לויט די קנייטשן, די צוויי ציטונגס־בלעטער און זיי באַהאַלטן: קרייזלער — אין אַ הינטערשטער טאַש ביי זיין מונדיר און גרעטע — אין דעם קליינעם קעשענקעלע פון איר האַנט־טאַש.

באמת, ווי גרעטע האָט נאָך אויף אַ לויף, אַ פּאָר געטאָן אויף די זעלביקע ערטער, וואו איר פּריץ איז אומערשראָקן געגאַנגען, צוזאַמען מיט דעם דערציילער, יאָהאַן קרייזלער, איר ליבן מבשר. וואָרן ריכטיק, אַזוי ווי די גרויסע בשורה, האָט גרעטע געהערט זיינע רייד, און פון דער העלדישער געשעעניש, וואָס האָט איר זון אַזוי באַגליקט — פון וואָס זי האָט שוין איינגנטלאַך געהאַט געוואוסט, נאָר אויבנאויפיק, נישט פאַרשטייענדיק רעכט אין וואָס די גבורה איז באַשטאַנען — האָט זי זיך אַריינגעטאָן אין אַ שווייגנדיקער שטילקייט. ס'איז געוועזן, ווי אַ רעליגיעזער אויפבליה ביי גרעטען: עס האָט זי געגלוסט גאָט צו דאַנקען.

דעם גאַסט האָט זי געוואָלט אויפנעמען מיט פיינקייט, ער זאָל זיין צופרידן און דערנאָך דערפון אָפּדערציילן צו איר קינד. זי

דער אינזל

האָט אים דרום אַליין איבערגעלאָזט אין זאַל, אַליין מיט קריסטינ־לין, איבערבעטנדיק אים וואָס זי גייט אַוועק — זי קומט באַלד צוריק. אין דער קיך האָט זי זיך מישב געווען, וואָס זי זאָל פאַר אים מאַכן כבוד און ס׳איז איר געוואָרן טרויעריק, ווייל ס׳איז דאָך ביי איר גאָרנישט דאָ, מיט וואָס אויפצונעמען אַ גאַסט. אָבער דאָס האָט זי אויך שטאָלץ געמאַכט. איר קנאַפּער באַזיץ איז דאָך איר געווער, מיט וועלכן זי העלפט צו דערשלאָגן דעם פיינט. און אַ טרייסט איז עס איר געווען אויך דאָס וויסן, אַז היינט איז ביי אַלע אַזוי, אומעטום, אין דער גאַנצער שטאָט, איבער׳ן גאַנצן לאַנד.

זי האָט אויפגעקאָכט שוואַרצע קאַווע און אַריינגעטראָגן אין זאַל. דער שיינער אָפּיצער, אָן היטל און אין בלויזן, קורץ און אויס־געפּאַסטן רעקל, איז געשטאַנען ביי דער בילדערוואַנט, רעדנדיק צו קריסטינען. דאָס יונגע מיידל האָט געשלונגען זיינע ווערטער. זי איז געווען פאַרוויטלט אינגאַנצן. אירע אויגן זיינען געטרונקען אין אַנטציקונג. אירע פּיסלאַך האָט זי געהאַט פאַרלעגט איינס אויף ס׳אַנדערע. גרעטע האָט איר שטיל אַ באַמערקונג געמאַכט, אַז ס׳איז נישט שיין צו זיצן בשעת דער גאַסט שטייט. קרייזלער האָט עס דערהערט, איז ער אַ פייערלאַכער צוגעקומען צום טיש. באַלד איז גרעטע ווידער אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. דעמאָלט האָט ער זיך איינגעבויגן איבער קריסטינען, אויפהויבנדיק זי ביי דער טאַליע. ער האָט איינגעאָטעמט אירע געשמאַקן, וועלכע זיינען אַ ריין שכרות פאַר אַזאַ איינעם, וואָס קומט פון אַ מלחמה־פּלאַץ. ער האָט זי געפרעגט אויב זי איז פריינטלאַך פאַר אים געשטימט. ער האָט צוגעזאָגט צו דערציילן זיין פריינט, וואָס פאַר אַ ליבע, שיינע שוועסטער עס וואַרט אויף אים אין דער היים; און, אַז ער וויל איר אַ קוש טאָן אין פריצ׳ס נאָמען. זי איז געוואָרן אויפגעטרייסלט אין זיך דורך דעם געפיל אַרומגעהאַלטן צו ווערן פון אַ מאַן, צוליב זיין רעדן און קושן. שטאַרק האָבן זיך אירע פולע נאָר קליינע ליפּלאַך געדריקט צו זיינע וואָנצן. אָ, האָט זיך עס אין איר ברוסט, אין קאָפּ, אין האַרץ, אַ ראַיע געגעבן דורך הייסע, רייצנדיקע ביל־דער, וועלכע זיינען אפשר גאָר קיין בילדער נישט! זי האָט פאַנאַנ־דערגעלאָזט אירע הענטלאַך, האָט געוואָלט אויך אַרומנעמען אים, נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפן צום קליינעם דיוואַנדל, וואו עס האָט זי ווידער געטראָפן איר מוטערס באַמערקונג וועגן זיצן און שטיין אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גאַסט.

גרעטע האָט געבעטן צו קאַווע טרינקען. זי האָט איצט שוין זעלטן דעם גאַסט אַ פראַגע געשטעלט. די שווייגנדיקע שטילקייט איז געוואַקסן אין איר, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אירע גלי־דער; זי האָט געשיינט צו קלערן זיך פון אירע פּיס אַרויס. דרויסן איז די זון געווען פאַרלאָפן פון וואָלקנס און אין שטוב איז געוואָרן

גראָ און שטאַנדיק. גרעטע האָט זיך געפילט מיד. און גאָר אין
דער מיט פון דעם שיינעם טאָג אירן, האָט זיך אָפּגערופן פון איר
שמערץ אויף אַ דערדריקט אָבער אַ מעכטיק קול. ווידער האָט זי
געשפּירט די טריבע, נאָכאַנאַנדיקע טרויעריקייט, וואָס שפּרייזט אַרום
איר, אַרום אַלע, שוין יאָרן גאַנצע. דער אָפּיצער איז אויפגעשטאַ־
נען פון טיש. ער האָט געדאַנקט פאַר דעם וואַרעמען קבלת־פּנים
און געבעטן דערלויבניש, אַרויסצוגיין אַביסל מיט קריסטינען: וואָרן
ער איז דאָס ערשטע מאָל אין דער רעזידענץ־שטאָט, האָט נאָך גאָר־
נישט כמעט פון איר געזען און מאָרגן פאָרט ער דאָך שוין אַוועק.
גרעטע האָט איינגעוויליקט אויף זיין בקשה.

באַלד זענען די צוויי געווען אַוועק. זי — אַ צושטרייטע, אַן
אויפגערעגטע, אַ שטאָלצע און אַ דערוואַרטנדיקע. ער — אַ צוקאָכ־
טער, אין זיך צופלאַמט דורך אַן אויפברויזנדיקער ליידנשאַפט, אַן
איינהאַלטער פון זיך אַליין, צוליב דעם צודרינגלאַכן בילד פון זיין
פּריינט; און איבער דעם אַלעם — אַ באַרעכנער, אַז ער קערט דאָך
ווידער אויפ'ן קאַמפּס־פּלאַץ אַרויס און, קען זיין, אין דער ערשטער
שלאַכט נאָך וועט ער אָפּגעבן זיין לעבן פאַר'ן קייזער...

און אין דער היים איז גרעטע, אויסגעפילט דורך אַנונגען פון
שלעכטס, אין טונקעלע טראַכטונגען וועגן אירע דריי זין, איר מאַן,
וועגן קריסטינען — געלעגן אויף איר בעט, שווימענדיק אין אַ
שווייגנדיקער שטילקייט. אַליין, בלויז דער שמערץ, האָט גערעדט
אין אירע פּיס.

.7

אויף פרעמדער ערד האָט ממלא געווען זיין חוב בענעדיקט.
מיט מערקווירדיקן פליים און תמיד אין אַ געהויבנקייט פלעגט ער
אין די ערשטע צייט טאָן זיין אַרבעט. איבערגעבן מיטן גוף און
מיט דער נשמה האָט ער געטראַכט דערפון ווי בעסער און געטרייער
אויסצונוצן זיינע כחות. ער איז געווען אין באַשטענדיקער באַוועג־
גונג. באַשעפטיקט אין אַ פעלד־שפּיטאָל, האָט ער אינאיינעם דער־
מיט מיטגעמאַכט אַלע טאַנצפיגורן, וועלכע די קעמפנדע פראָנט־
ליניעס האָבן נאָר אָנגענומען. אין אַ שפּרינגענדיקן, רויט־געקריי־
ציקטן וואָגן איז ער געפלויגן פאָראויס און צוריק, רעכטס און לינקס.
בערגער באַנדאַזשן אין וואַטע האָבן אויסגעפילט דעם וואָגן מיט אַ
דויערנדיקן כלאָראָפאָרם־ריח. דער דאָזיקער ריח האָט זיך שוין גוט
אַריינגעפרעסן אין בענעדיקטס לונגען און לסוף אים שוין גאָר אַרויס־
געריסן פון זיין געדולדיקייט. לכתחילה — קוים, נישט מערקבאַר,
אָבער ווייטער אַלץ קרעפטיקער און דונערנדיקער האָט אויפגעשריגן
די ענדערונג אין אים. צו אַלע געשעצטע לייט האָט זיך צוגעקריגן
דער ריח פונ'ם קאַרבאָל. ער האָט אַרויסגעאָטעמט פון אים פון
אַלע בריף, וואָס ער האָט נאָר אין דער האַנט גענומען. ער האָט
זיך שוין אויך געבלעזלט אַרום דער זון, אַרומ'ן קייזער, אַרום גאָט

אין הימל. אויף אַ גרילצנדיק קול האָט זיך צעזשומעט דער שנוי אין בענעדיקטן. פונקט ווי גרעטע אין דער היים, אַזוי האָט ער זיך שוין דאָ אַרומגעטראָגן אַן אויסגעדאַרטער, אַ שווייגנדיקער, אַ פינצטערער. אויך ער האָט זיך געפילט פאַרלאָזן פון גאָט און פון מענטשן. בלויז וואָס אויף אים האָט זיך די שטילקייט נישט געלעגט מער, אַזוי ווי אַ מויער, אַ פייכטע פאַר צער — ער האָט זיך געבונטעוועט. אין זיין בלוט האָט אויפגעטויכט אַ פייערל פון אומרו. אויף שטענדיק שוין, בעת איטליכעס פון די צאָלרייכע אָפעראַציעס, וועלכע ער האָט בייגעוואוינט, האָט דאָס פייערל זיך שאַרפער געשפיצט פון זיינע אויגן אַרויס. ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלייד מער מיט אַ קראַנקן. עס האָבן אים אויפגעהערט צו רירן די וואונדיקע געשרייען זייערע. פאַרקערט: נאָך אַ פריינטשאַפט האָט זיך גענומען וועקן אין אים צו זיי אַ פיינטשאַפט — אַ גרויסע, אַ גרוילאַכע. בעת אָפרו האָט ער געטראַכט פון זיין פריערדיק לעבן, אָבער ער האָט נישט געבענקט דערנאָך. און אין איין טאָג האָט ער זיך פלוצלינג אויף דערבליקט, ווי אַ פיינטלאַכן לאַגער: ער, אַליין, בענעדיקט, פון איין זייט, און זיי, אַלע איבעריקע — פון דער צווייטער זייט. אויף דער צווייטער זייט האָבן זיך אַלע איבעריקע געפונען: זיין משפחה און זייערע משפחות; די, וואָס שלאָגן זיך אויף דער זייט פון זיין פאָלק, און די, וואָס שלאָגן זיך אויף דער זייט פון די אַנדערע פעלקער; זיין קייזער און זייערע קסריים; אַפילו די חיות און די זאַכן, וועלכע אַרבעטן צו דינסט פון זיי, האָט ער אויך פיינט געקריגן. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך געדרענגט צווישן אים און זיי, אַזוי ווי אַ קלעפיקער דאַמף, פאַראייניקנדיק זיי נאָך דערווייל — איז געוועזן דער ריח, דער האַרבער, דער אויפרעגנדיקער, דער קרענקלאַכער.

בענעדיקט האָט געוואָלט וואַרפן די אַרבעט. דערצו האָט זיך אָבער די קלענסטע מעגלאַכקייט נישט געוויזן. אין מלחמה־קרייז איז אַלדינג אַזוי צונאַנדערגעקייטלט אין זיך, פאַרבונדן און צונויפגעשמאָלצן, אַז קיין איינציקער קען נישט באַווייזן אַן אייגענע, אַן אַליינקע באַוועגונג צו מאַכן. דאַדורך האָט זיך בענעדיקט אויף דערזען אַ קנעכט; אַזאַ איינער, וואָס טוט אַלדעם מעגלאַכע לויט אַ פאָרשריפט, נאָך אַ באַפעל, און פאַר נישט אויספירן פינקטלאַך די אַרבעט, וואַרט אים שוין די שטראָף.

צוזעענדיק, ווי אַ האָגל, דאָס פאַלן פון מענטשן, קומענדיק אין אַ דירעקטער באַרירונג מיטן טויט — האָט ער דערפילט פאַר אים אַ פיל טיפערע מורא, ווי פריער, נאָר אינאיינעם דערמיט אויך עפעס אַזוינס, ווי אַ היימישקייט. ער האָט אים גלייך אין די אויגן געקוקט. און וואַנדערלאַך, וואָס אים האָט ער נישט באַטראַכט ווי אַ שונא — אין אַ טריבן וואָלקן האָט געשוועבט דער אויסלייזער פון לעבן אין בענעדיקטן איז ער פאַרגעקומען צו זיין שוין גיכער דער פריינט פון

די אלע, וואָס ליידן דאָך ריכטיק אַזוי פיל. אים האָט מער געמאַכט פילן שנאה דער ריח פון מענטשנס רפואות, וועלכע ראַנגלען זיך אומעכטיק, וועלנדיק ראַטעווען די צום טויט פאַר׳משפּט׳ע.

טיילמאָל האָט ער געקוקט אויף די קראַנקע און אויף די גע־זונטע מיט אַ נייגעריקייט, אַזוי ווי איינער, וואָס זוכט עפּעס. אים איז געוואָרן אומהיימלאַך מיט זיך אַליין. אַ טרויער איז אויפגע־גאַנגען צון אים פאַר יענער זייט וואָלקן. די פיל מאָל אומגעוויינ־לאַכע פּאַסירונגען אויף די בעטלאַך האָבן אים איינגאַנצן צוטראָגן און געבראָכן.

איינמאָל האָט געטראָפן, ווי אַ מורא׳דיק־פּאַרוואונדעטער, אַ צוקאַלעטשעטער אויפן גאַנצן גוף, אַ פאַרהעסלאַכטער, אַ געלעס־טערטער, האָט בשעת אַן אַנדרינגלאַכער מינוט אָנגעהויבן צו זידלען און שעלטן די אַלע, וועלכע זענען געוואָרן די סבות צו זיין אונטער־גאַנג. ער האָט גערופן:

„וואָס גייט מיך אָן שוין דאָס פאָטערלאַנד, און וואָס ליגט מיר נאָך אין קייזער? מיין הויז איז פאַרוואַקסן געוואָרן אין ווילדעניש און מיין מאַמע וועט נישט שטיין איבער מיר אין מיין לעצטער מינוט... וואָס האָב איך געבראַכט דען אַ פאָטערלאַנד און ווער הייסט זיך עס רופן נאָך: קייזער?...“

און אין מאָמענט פון גאַלאָפּירנדיקן ווייטאָג איז ער אויפגע־שפּרונגען אין בעט. זיין מויל איז געווען גוואַלטיק צעעפנט. די אויגן — געל און רויט. ער האָט געלעסטערט אין לעצטן עקסטאַז, זיין אָטעם איז געווען פייער און שוועבל. ער האָט געשריגן:

„לייז!... לייז פרעסן מיר דאָס לייב!... ווי בעת אַ מגפה זענען זיי אונז באַפאַלן... מיט איטלאַכער מינוט פאַלן אַוועק הונדערט פון אונז... מיט איטלאַכער שעה — טויזנט...“

דעמאָלט האָט בענעדיקט אפילו אַ־יפגעלויכטן, וואָרן אַ באַשטע־טיגונג און אַ באַרעכטיגונג אויף זיינע בונטעווענדיקע רעיונות איז אים געוואָרן צוגעטראָגן פון אַזאַ אָנגעפּייערטער וועלט. באַלד אָבער האָט זיך די דאָזיקע וועלט אַליין אָפּגעקילט און זי איז אומענדלאַך־געטריי אויסגעגאַנגען אין דעם אַלט־געוואוינטן אויסרוף:

„זאָל לעבן דער קייזער — — —“

איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ פינצטערע בושה אויף בענעדיקטן. ער האָט זיך דערפילט שולדיק אין אַ מורא׳דיקער עבירה און ער האָט זיך דערבליקט — אַ נישטווערטיקן מענטש און דייטש...

דאָס בילד פון דער איינפּרירנדיקער וועלט האָט אים אַ לאַנגע צייט געשפּייזט מיט כח ווייטער זיך אָפּצוגעבן צו זיינע אַרבעטן מיט אַ דערהויבנקייט און מיט פלייס.

נאָך אַ לענגערן אַרומפאָרן אין טיל איז ער געברענגט געוואָרן אויף אַזאַ אָרט, וואו אין דער אומגעגנט האָט זיך געפונען איינער

פון זיינע זין — דער עלצטער. דאָס צונויפּברעננגען אהין אַן אומגעהויערע מאַסע רויטע וועגעלאַך האָט געלאָזט פאַרפּילן דעם ריח פון אַ גרויסער שלאַכט. דאָקטוירים און זייערע העלפערס זענען געווען פאַרוואָרפן דורך צוברייטונגס־אַרבעטן. בענעדיקט האָט זיך אויך, מיט די אומגעוויינלאַך־וואַקסנדיקע וואַנצן און באַקנבערד זיינע — מיטן גאַנצן לייב האָט ער זיך פאַרטאָן אין איבערקוקן, רייניקן און אָפּצייִלן געגוי די אַלע בלישטשענדיקע אינסטרומענטן, אין וועלכע ער האָט צייטנווייז דערבליקט אַ רויטקייט, נישט צום באַגרייפן. בענעדיקט האָט זיך געשטאַרקט. ער איז געווען צווייטער פעלדשער און זיין השגחה האָט שוין זייער פיל וויכטיקס אַרונטערגענומען אונטער איר שוץ. דורך ווינציקע טעג זענען געמאַכט געוואָרן אַלע פאָרברייטונגען, דערנאָך האָט מען גערוט. בשעתן אָפּרו האָט בענעדיקט אין די אָנמאַרשירנדיקע טרופּן אויסגעקוקט זיין עלצטן זון, ווען ער וואָלט גערן געוואָלט זען פאַר דער שלאַכט. ער האָט געקריגן אַ טונקעלע אַנונג פון אַ שלעכטס, וואָס רוקט אָן אויף זיינע פעלדער. אָפּוואַרטנדיק, האָט ער אויך דורכגעלעבט אַ סך. די פאַרבייגייענדיקע אַרמייען האָבן אים אויסגעוויזן, אַזוי ווי אַ הימל, וואָס גייט אַרויס, אַליין, פון זיינע אייביקע גרענעצן און ער גייט אויך אַליין אַקעגן דעם שטורעם. בענעדיקט האָט שוין געהאַט איבערגעדייעט אַ סך פון זיינע פיינטשאַפטן. אַ רואיקייט איז לאַדורך אַריין אין זיינע אָדערן.

נישט קוקנדיק אויף דעם גרייטן־זיך און כסדר׳דיקער דערוואַרטונג, האָט דער קלאַפּ זיך אָנגעהויבן אין אַ פּלוצלאַכער מינוט. ער איז געקומען, אַזוי ווי אַ טעמפּער אויסגעשריי. אינאיינעם מיט דעם ערשטן טריט איז אויך אויסגעבראָכן דאָס פיבערדיקע לויפן, דאָס וואַקלען זיך פון די אַרמייען, אָן אויפהער, אָן אָפּהאַלט. ס׳איז געווען דאָס מעכטיקע פאָראויס־ און צוריק־געלויף, בשעתביידע צדדים זענען אי שטאַרק, אי גרויס געגוג זיך צו פאַרטיידיקן. נאָך יעטוועדערן טריט פון אַזאַ איינע זענען חמרים־ווייז געבליבן ליגן שרייענדיקע זיילן, קראַכנדיקע בעת׳ן פאַלן, אַזוי ווי צעדונערטע ביימער, און באמת זענען זיי אויך פאַרדונערטע געלעגן דורכן גערויש פון כלי־זין און מלחמה־געזאַנג. בענעדיקט איז אין קאַמף נישט געווען, אָבער ער האָט געזען דעם טויבן קלאַפּ אויסגעקריצט אין די פּנימער פון פאַרוואונדעטע. ווי פון אַ רויטן תהום אַרויס זענען אָנגעלאָפן די טרעגערס מיט זייערע רויטע משאות. די דאָקטוריים האָבן אַרומגעקוקט די פאַרוואונדעטע, געגעבן זיי די ערשטע הילף מיט אַן איילנדיקייט, אין געיעג, כאַפּנדיק און סאָרטירנדיס זיי, ווען — צום אָוועקשיקן ווייטער און ווען — צום איבערלאָזן אויפן אָרט. די לעצטע האָט מען געוואָרפן אויף די אָפּעראַציאָנסטישן, אַזוי ווי סחורה, וואָס מען האָט מורא זי זאָל נישט קאַליע ווערן אין דער גיך. בענעדיקט האָט געוואַשן, געשמירט און געבונדן

מיט זיין איבערגעגבנקייט, וועלכע האָט כסדר אויפמערקזאם אויף אים געמאכט זיין דאָקטאָר.

אין א פיינלאכער לופט זיינען געלעגן די געקרייציקטע אויף טישן. איינס נאָכ'ן אנדערן זיינען זיי געוואָרן אָפּגעפּאַרטיקט דורך די דאָקטוירים און באַזייטיקט פון ארום זיי. אָבער גיכער זיינען די טישן ווידער פאַרפולט געוואָרן: אזוי ווי אין מגפה־צייט, ווען די טויטע קומען אליין אויפ'ן בית־הקברות צו גיין און זיי וואַרטן אויף זייער רייע צו קבורה־ברייגגען... אין דרויסן האָט מעכטיק געריסן דער שטורם. ווידער און ווידער זיינען די טישן געשטאַנען, וואַרטנדיק. אויף זיי, די פאַריואונדעטע, זיינען, ווי זיי, געוועזן ענלאַך צו אנאַנדער: נישט בלויז די מונדירן, נישט נאָר דאָס בלוט, וואָס האָט נאָס און וואַרעם אָן זיי געקלעפּט — זייערע אַלעמענס פּנים'ער האָבן אויסגעוויזן ענלאַך צו זיך פאַר דעם פאַרנומענעם בענדעדיקט'ן. קנוילן וואַטע זיינען נעלם געוואָרן אין די רייסנדיקע לעכער פון די אָפּגעפירטע און א סך זיינען שוין געפירט געוואָרן צום רחבות'דיק־געגראָבענעם ברודער־קבר מיט דער וואַטע אין זיך. בענעדיקט איז ארומגענומען געוואָרן און גאַנץ פאַרכאַפּט דורך דעם שניידיקן טעמפּאָ פון מלחמה און טויט און ער האָט געטאָ [זיין ארבעט מיט א פאַרוויכערטן פליים.

ביז איין טיש האָט זיך צוגעשאַרט און אָנגעשטעלט אויף אים זיינע אויגן. בענעדיקט איז געוואָרן באַטויבט און פאַרשטומט אין זיך. ער האָט געגלאָצט צום ליגנדיקן זעלנער און נישט געהערט, וואָס דער דאָקטער רעדט צו אים. דער זעלנער איז געוועזן צומישט. אין זיינע בליקן האָט זיך גערייכערט משוגעת. דאָך האָט ער, דער ערשטער, אויסגערופן צו בענעדיקט'ן:

„טאַטע!"...

האָט זיך בענעדיקט אויף א מינוט א וואַקל געגעבן. באַלד אָבער איז ער צוריק געשטאַנען, א גלייכער, א הויכער; ער האָט זיך בלויז נאָך העכער און גלייכער אויפגעהויבן אין זיין פיגור. ארום, די דאָקטוירים און די קראַנקע, זיינען אַלע געוועזן דערשיטערטע פון דעם וואַנזיניקן געשריי. בענעדיקט האָט איבער אַלע געפירט מיט זיין בליק; פון אים האָט געבליצט דאָס פייער פון אומרו. אין זיין מח האָט זיך צוגאָסן זיין שנאה. ער האָט אויך אויפגעשריגן. זיין קול האָט זיך געוואָרפן מיט תאוה. ער האָט גערופן זיין זון און אין דעם רופן איז אויך געוועזן פאַרגראָבן א פיינטשאַט. באַלד איז ער אויך געוואָרן צומישט און ער האָט גענומען וואַרפן צו דער ערד געבונטן הייל־לייוונט, טרעטענדיק זיי מיט די פיס. ער האָט זיך געריסן, האָט געסאַרפּעט [illegible] טיש, וועלענדיק אראָפּקריגן פון אים זיין זון, וועלכער האָט שוין דעם הימל געהאַט אָפּגעגעבן איין אבר און מיט

א בלוטנדיקע קני האָט ער זיך געטראָגן אין די טיפקייטן פון משוגעת...

דעם אויפברויזנדיקן בענעדיקט'ן האָבן באַדינטע אָנגענומען מיט כח. אויפ'ן וועג האָט ער נאָך געזונגען זיין זון און געזידלט אים צו־זאַמען מיט אַלע איבעריקע, וואָס שלאָגן זיך נאָך אין דעם דרויסן. אויף דער וואַך האָט מען אים מכבד געווען מיט קאָלבעס, כדי ער זאָל אויפהערן צו שרייען. ביז ער איז געשטאַנען פאַר דעם קאָמענ־דאַנט.

די פאַרהאַנדלונג וועגן אים איז געווען אַ קורצע: צוויי זעלנער האָבן געדאַרפט אים צושטעלן צו דער וואַנט. נאָר דער דאָקטער, וואָס האָט בענעדיקט'ן בכבוד געהאַלטן, האָט צוגעשיקט זיין עדות־זאָגן, אַז בענעדיקט איז זיכער משוגע געוואָרן, טרעפנדיק זיין זון אויפ'ן אָפּעראַציאָנס־טיש. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז זיינע איבעריקע צוויי זין דינען אויך דעם קייזער און איינער פון זיי, איז שוין ביי היינטיקן טאָג, צוליב זיין אומדערשראָקנקייט, אָנפירער פון אַ גאַנצן פּאָלק. דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן לטובת דעם פאַרברעכער האָט באַלד געמאַכט איינזען אויפ'ן ריכטער. ער האָט סאַלוטירט לכבוד דעם אָפּוועזנדיקן פּאָלקאָווניק און באַפוילן בענעדיקט'ן צו באַפרייען פון זיין דינסט, צוליב זיין שוואַכן געזונט און — אים תיכף אהיים צו שיקן.

אַזוי אַרום האָט זיך געענדיקט די צייט בענעדיקט'ס מלחמה־פירן, אויף וועלכן ער האָט אין תחילת אַזוי פיל האָפנונג געלייגט. אַ געשטילטער, נאָר זייער אַ צעוויינטאָגטער, איז ער נאָך אין דעם איי־גענעם טאָג איבערגעשיקט געוואָרן צו די נאָענטסטע פּאָסטנס. יענע האָבן אים אויך גלייך ווייטער געשיקט. נאָך אַ גרויסער נסיעה. וועלכע האָט דאָך נישט לאַנג געדויערט, איז ער אָנגעקומען צוריק אין זיין היימאַטס־שטאָט.

* * *

ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין שטוב, איז געווען נאַכט. פון דרינען האָט ער גלייך פאַרנומען דאָס קרעכצן פון זיין ווייב. ער איז געשטאַנען אַ געבראָכענער, נאָר פול מיט דערוואַרטונג. דעמאָלט האָט אים די טיר געעפנט אַן אַלטע קראַנקע גויה און אַ גרויסער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער זיינע שטיוול, אויפבילנדיק פאַר ווייטאָג.

8.

אַזוי ווי אַ ווינט וואָס דויערט אַ גאַנץ לעבן, איז איבער בענע־דיקט'ן אַריבערגעגאַנגען די מלחמה. זי איז אַדורכגעפאָרן איבער זיין קאָפּ, אַזוי ווי אַ שווערער וואָגן און האָט אים דאָרטן אַ מיש געטאָן. זיינע אויגן האָט זי גאַנץ פינצטער געמאַכט. לאַנג און פיל האָבן אַ וואַקס־אויס געגעבן זיינע וואָנסעס, צודעקנדיק געדיכט די ווינקלען ביי זיין מויל, וועלכע האָבן שוין אומאויפהערלאַך געציטערט. דורך

זיינע געדאנקען האט זיך גענומען ציען א רויט פעדעמל, וועלכעס ער האט אליין נישט באמערקט, נאר עס איז זיך פריי געוואקסן און ס'האט אנגעהויבן ארויסצוקוקן פון זיינע מעשים ארוים ; נאר ער האט דאס נישט געזען. ער האט בכלל ליב געקראגן ווייניק צו זען. אזוי ווי די וואנסעס ארום מויל, אזוי האבן די ברעמען זיינע אויגן איינגעדעקט אונטער זיך.

די צייט, ווען ער איז באפרייט געווארן פון דינסט, איז שוין געוועזן דער אנהויב פון סוף. פון איין פיינטלאך לאנד, וואס איז באַזיגט געווארן און עס האט איצטער שוין אין פרידן מיט זיי געלעבט — זיינען אנגעקומען וואונדערלאכע ידיעות. עס האט אויסגעוויזן פאנטאסטיש און נישט צום גלויבן, וואס דארטן איז געשען :

„אין אן אויפשטאנד האט דאס פאלק דארטן געזאלט צווינגען זיין קייזער זיך אפצוזאגן פון דער מלוכה"...

דאס איז געווען אי זעלטזאם צו גלויבן, אי שרעקלאך. עס האט אפגעקלונגען ווי דער עכא פון א ווייט בארבאריש לאנד און ס'האט אויך ווי געטאן דעם אלטן, דעם יונגן, אויף דעם געשטארבענעם אויף די בית־עלמינ'ס — ווייל אלע זיינען זיי דאך, שוין אזוי פיל דורות, אויפגעצויגן געווארן אין א כסדר'דיקן טריישאפטס־געפיל צו זייער קייזער. מיט דעם געפיל זיינען זיי אויך געבוירן געווארן און שטארבן וועלן זיי שוין זיכער דערמיט. בענעדיקט האט זיך ארומגעטראגן איבער דער הויפט־שטאט, וועלכע האט מיט א הונגעריק הארץ אויפגענומען די ידיעות. מיט איין אויג איז זי תמיד געשטאנען געווענדט צו די פעלדער. זי האט געזען, ווי עס האט זיך אויף זיי אנגעהויבן דאס ביטערע, איינגע'עקשנ'טע פארפאלגן זיך. איטלאכער איינגעהאלטענער, אדער אפגעטרעטענער ערד־שפאן איז שוין געבליבן די אויפגעריסענע מינע פון פיל מענטשן־לעבנס און פיל אנשטריינגונגען. דער פראדוקט נאך גאנצע יארן מנצח זיין איז געווארן א צוהאקטער, דורכגעאקערטער געמיש פון פלייש, ערד און שטיינער. אין דער היים האט דאס פאלק געהונגערט מיט פיין.

אויף די ארעמע גאסן האט זיך בענעדיקט ארומגעשלעפט אין זיין צווייפלען. דערוויטערט פון לעבעדיקן מלחמה־אטעם, האט ער שטומערהייט אויסגעהערט געשפרעכן, וועלכע האבן אויפגערייצט די פארביטערטע געמיטער. ער האט געזען נישט דערקלערלאכע זאכן. ער האט געהערט נישט הערבארעס. ער האט געאנט, אז עפעס אן אויסטערלישעס קומט אן אויף זיין לאנד.

מיט נייגער האט ער זיך צוגעקוקט צו די איינוואוינער פון זיין שטאט : אומוויילן האט זיך געקלערט אויף זייערע פנים'ער ; זייער אויסזען איז געווארן דראענדיק. און ער האט מיט אמאל פארשטאנען, אז אן אים, אן דעם סך וואס איז צו אים ענלאך, וועט קיין גוטער אויסוועג קיינמאל נישט דערגרייכט ווערן. נאר צו די געשפרעכן האט

דער אינזל

ער זיך נישט געמישט, וואָרים אין זיין היים איז נאָך, ווי אמאָל, געהאנגען דעם קייזער'ס פּאָרטרעט און דאָס בילד פון זיין פעטער, דעם גענעראל.

דאָס גורל פון זיין לאנד האָט אים באהערשט. כדי ווינציקער עול צו האָבן, האָט ער איינגעטווישט זיין גרויסע וואוינונג, אויף דעם קעלער־געוועלבל, וואָס איז שוין פון לאנג אים געלעגן אין אויג. גרעטע איז געוואָרן וואָס אמאָל קראנקער; זי פלעגט שוין טעגווייז אָפּזיצן אין בעט און ארויסבליקן, דורך א קליין טיר־שייבל, אין געוועלב אריין. זי האָט זיך געפילט איינג אין איר גוף, ווייל די מלחמה האָט זי באהערשט און איז אריינגעוואקסן געוואָרן אין איר. אויך זי איז אריינגעוואקסן געוואָרן אין דער מלחמה. דאָך האָט זי די ידיעה וועגן טויט פון אירע צוויי יונגע זין, אויפ'ן אָרט דערדריקט. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס איר פריץ איז טויטערהייט באערט געוואָרן מיט דער ראנגע פון גענעראל; זיי אָפּצוראטעווען איז שוין געוועזן א בחינמ'דיקע מי. גרעטע איז געשטאָרבן, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. מיט די בלויזע אויגן איז זי געשטאָרבן, שטיל, אין איר נייער וואוינונג. און אָן שום איוסצייכנונג אויך, ווייל זי איז דאָך נישט געוועזן קיין העלדין און האָט קיינמאָל אויך קיין גבורות נישט באוויזן. בענעדיקט האָט זיך דערשפּירט איינזאַם אויף זיין אונטערגייענדיקן משפּחה־אינזל און ער האָט זיך געלאָזט באהערשן פון טרויער.

אזוי ווי איוב האָט ער זיך ארומגעטראָגן אין זיין איינגער היים. ער האָט שוין געווארט אויף ווייטערדיקע מפּלות, וועלכע זאָלן ווידער פאלן אויף זיין קאָפּ. ער איז נאָך נישט געוועזן איינגעשטילט אין טרויערן נאָך זיין געטריי ווייב, ווען ס'האָבן זיך א צוקלינג געטאָן די גלעקער, וועגן אָפּרופן דאָס מיליטער גאָר אינגאנצן פון דער פיינט־לאכער ערד אראָפּ; מכח אָפּזאָגן זיך פון ווייטער מלחמה'ווען; און אז מע דארף אויך אראָפּזעצן דעם קייזער, נאָך דעם ביישפּיל פון יענעם לאנד. און נאָך גיכער, ווי די ידיעות זיינען געלאָפן, צוטראָגנדיק זיך, אזוי ווי שרייענדיקע פייגל, איבער דער הויפּט־שטאָט, איז שוין דער קייזער געוועזן ארויסגעצויגן פון זיין פּאלאַץ און טרופּן האָבן גענומען אָנקומען אהיים, געצווייטלטע, געדריטלטע און געפירטלטע. די גאסן זיינען געוועזן באלאגערט פון פאָלק. עס איז געוועזן אויפגערעגט. אויף די פארשיידנסטע אופנים איז איבערדערציילט געוואָרן דער אקט פון אבריקאציע. אזוי ווי כוואליעס האָט זיך דאָס פאָלק באוועגט אין די דערציילונגען. דער קייזער האָט געזאָלט אָן געוואלט און מיט איינ:ענעם ווילן איבערגעבן דאָס לאנד צו די פירערס פון פאָלק. טיף געליבט דורך זיין פאָלק איז ער איצטער א וואקס־אויסגעטאָן אין זייערע אויגן צו גאָר שוין אָן איידעלן און זייער א גרויס־מוטיקן העלד, וועלכער קומט צו זיי צוגיין און זאָגט זיי:

„ס'איז א י י ך שלעכט, אָבער איך האָב געוואָלט ג ו ט; אַזוי זאָל אייך גאָט העלפן. איר ווילט אַליין רעגירן, איר ברויכט נישט מער אייער קייזער — איך גיב זיך אונטער צו אייער ווילן; אייער קייזער גיט זיך אונטער צו זיין פאָלק"...

דורך די גרויסע מעשים, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן און אָפּגעטאָן פאַר זייער בליק, איז דאָס פאָלק געוואָרן ווילד. בלויז וואָס אין זיין ווילדקייט איז פאַרוואָרצלט אויך געווען די רואיקייט, די פאַסיווע רואיקייט, וועלכע וואוינט זיך מתמיד ביים בירגער פון דעם דאָזיקן לאַנד. דער טייל, וואָס האָט פון שווערן גורל־געשפאַן, אויפגענומען די געשעעניש מיט פרייד; אי יענער, וועלכער האָט פריי אָדער באַהאַלטן געוויינט דורך איבערגענומענקייט, ווייל ער האָט באמת און שטאַרק ליב געהאַט דעם קייזער —ביידע האָבן זיך אין אויפרייסנדיקן אָנהויב אַרטיק־גענוג פאַרהאַלטן אין פנים פון אַזעלכע וויכטיקע פאַסירונגען.

אין יענע טעג פלעגט בענעדיקט עפטער און לענגער זיך אָפּשטעלן פאַר דעם דעקאָרירטן בילד אין זיין קעלער־שטוב. ער איז געווען ערנסט און פאַרטראַכט. פון זיינע אויגן פלעגן — אָן זיין וויסן אפשר — טרערן רינען. אויך ער האָט אין דער טיף פון זיין נשמה געליבט די פּערזאָן פון זיין קייזער. ער האָט זיך דעמאָלט געפילט אַ סך, אומגעהויער אַ סך, עלנטער, ווי בעת'ן טויט פון זיין געטרייער גרעטע.

בענעדיקט איז געוואָרן איינגעגראָבן אין זיך. ער האָט געלעבט אַליין. זיין טאָכטער האָט אים פיל עגמת־נפש פאַרשאַפט: זי האָט נישט געוואָלט טאָן אַלע שמוציקע אַרבעט אין שטוב און אין געוועלב. אין די פרייע שעה'ן פון זיין באַשעפטיקונג, ווען אים וואָלט זיך געגלוסט אפשר צו גלעטן אָדער צו קוקן אויף זיין טאָכטער, דאָס איינציקע געזונטע איבערבלייבעניש נאָך זיין גאַנצן דור — איז זי גאָר אינגאַנצן אין הויז נישט געווען. וואו אַהין גייט זי דאָס איטלאַכן טאָג אַוועק און צו וועמען? ער פלעגט דערשטיקן אין זיך זיין כעס, וועלכער, ער האָט דאָך געוואוסט: פריער צי שפּעטער קען ער שוין אַ גרויס שלעכטס אָפּטאָן דורך אים.

די איינציקע לעבעדיקע זאַך ,וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט, איז תמיד געווען אין שטוב און אין אויגנבליק אויף זיין רוף זיך געשטעלט — איז געווען באָל, דער הונט, דער וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי אים פון קליינערהייט אָן. ער איז געווען טריי דער שטוב מיט זיין גאַנצען בלוט און צייט בענעדיקט'ס אומקערן זיך אַהיים, פלעגט ער אָן אָפּהאַלט שוין צוקוקן אויף זיין הער.

בענעדיקט האָט געלעבט אַליין. אַלץ האָט ער שוין באַלד געהאַט פאַרלאָרן, אַלץ וואָס איז אים געווען טייער. פון די דריי זין זיינען צוויי נישט מער אַהיים געקומען און קורט, דער וואָס איז אויסגעהיילט

געוואָרן, וואוינט איצטער מיט זיין ווייב אין אַ ווייטער שטאָט. עס טרעפט, ער קלייבט זיך אַמאָל אויס צום פאָטער, זיצט ער אויף דער באַן אין אַן אָפּטיילונג פאַר שווער־מלחמה־געליטענע און ביים פאָטער אין שטוב מוז ער תיכף אַן עקסטראַ שטול אויף האָבן, וואו ער זאָל קענען אויסלייגן זיין רעכטן, גומענעם פוס, אַזוי ווי אַ פאַרצעליי־זאַך, אויף וועלכן ער לאָזט קיין שטויבעלע נישט פאַלן. אָט דאָס איז פון זיינע דריי ריזיקע יורשים געבליבן! אָט האָט ער, בענעדיקט, פאַרזייט אינ׳ם פעלד פון זיין פאָטערלאַנד צוויי שטאַרקע יונגען און איין פוס, אַן עקסטרען, ביז צו דער קני. דאָס פעלד, דאָס דאָזיקע, איז אַ גרויס, אַן אומדערמעסטלאַך פעלד און אַ סך אַזעלכע בענעדיקטס, נישט צום אָפּציילן אַ סך — האָבן דאַרין איינגעזייט ברידער, טאַטעס און קינדער. אָבער אים איז נעענטער דאָס קבר פון זיינע זין און עס טוט אים אויך ווי זייער גורל: געפאַלן און גאָרנישט אויסגעקויפט מיט זייער בלוט. פאַר בענעדיקט׳ן איז דאָס געוועזן איצטער דאָס טרויריקסטע: פאַרשפּילט די מלחמה. און פון אַלע זייטן זעט ער מענגעס געגומעטע פיס; און קעפּ; און די אָפּטיילונגען פאַר די שווער־קריגס־באַשעדיקטע זיינען תמיד געפּאַקט פון קינסטלאַכע גלידער...

צוזאַמען מיט זיין גאַנץ פאָטערלאַנד האָט בענעדיקט אַזוי אַרום געשפּירט דעם פאַרלאָרענעם שפּיל בשעת דער לעצטער גרויסער מלחמה. ער איז געוועזן זייער דערנידעריקט אין זיך. דער געליטענער שעאַליז, די ווערסיעס איבער דעם אוועקגיין פון קייזער און די מורא פאַר׳ן פיינט׳ס שפּאָטן זיינען מיט שאַרפע שפּיצן פאַרשטיקטע געלעגן אין זיין לייב. דאָס לעצטע איז דערוויל אויך געווען דאָס ביטערסטע פאַר בענעדיקט׳ן. האָט ער דאַרום עפּטער און שעה׳נווייז זיך געפלעגט שוין אוועקצושטעלן פאַר׳ן קייזער׳ס פּאָרטרעט און שווערן דערצו טרייהייט. מיט אַלע כחות האָט בענעדיקט אין זיין איינזאַמקייט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דעם דאָזיקן בילד. דאָס האָט אים געשיינט צוצוזאָגן, אַז עס וועט באַלד צוריקקומען אין זיין פּאַלאַץ אַריין און אַז עס וועט זיך נעמען צום באַצאָלן זיינע שונאים. עס וועט קומען און זיי אַלע אָפּגעבן פאַר אַלץ, אַלץ. — — —

דאָס האָט בענעדיקט׳ן געשפּייזט מיט האָפענונג.

זיינע האָפנונגען זיינען גיך אָפּגעלענקט געוואָרן — האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין אַ פּוסט אוועקבליקן פון דער ווירקלאַכקייט. דער קייזער איז שוין פון לאַנג מער אין זיין לאַנד נישט געוועזן. אין געהיים איז ער אַנטלאָפן פון זיין פאָלק און אויף פרעמדער ערד זיך באַזעצט. אַ גאַסט האָט ער זיך איינגעבעטן ערגעץ און גענומען פראַווען אורח׳שאַפט צווישן פרעמדע מענטשן... דאָס האָט בענעדיקט׳ן זייער שווער געטראָפן אויף זיינע אַלטע יאָרן. ער האָט זיך געפילט אַנטוישט אויף אַן אומגעוויינלאַכן אַרט. ער האָט געשפּירט, ווי אַלץ נעמט שוין פּלאַצן אין דעם לאַנד און ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין

זיין קעלער־שטוב, אקעגנאיבער דעם פּאָרטרעט, אָנהויבנדיק זיך אין דער שטיל מתודה צו זיין און צו מאַכן אַ חשבון הנפש.

גרויסע ספקות זיינען אויפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגן. עס האָט זיך אים געטראַכט פון זיין לעבן און איבער דעם לעבן פון אַלע דייטשן: „וואָס האָט ער געטאָן בשעת זיין לעבן? און וואָס האָבן זיי אַלע געטאָן? אָט, ער איז געוועזן געבוירן, ער איז געגאַנגען אין דער שול, האָט געלערנט די מנהגים און ס'לשון פון זיין פאָלק. דורך דעם אַלעם איז ער געוואָרן פאַרגעבנרייט צו טאָן וויטער דאָס קיינ־מאָל נישט ענדיגנדיגע — ווי לאַנג עס וועלן אויף דער ערד זיין גרענעצן, אָן אָפּשייד צווישן לענדער; ווי לאַנג עס וועט זיך נאָך געפינען כאָטש אַן איינציקע ערד־טייל אונטער דער ממשלה פון אַן אנדערן. — זיין לאַנד האָט געדאַרפט אין די קומענדיקע צייטן צו פאַרלייגן זיין זריעה איבער אַלע עקן וועלט". אזוי האָט בענעדיקט געטראַכט פון זיין לעבן. צו זיינע פיס איז געלעגן באַל מיט דער מאָרדע אויף זיינע שטיוול. אין דעם קליינעם חדר'ל האָט בענעדיקט געקוקט אין אַ שפּיגל אריין, אין שפּיגל פון זיין לאַנד'ס פאַרגאַנגענהייט. ער האָט זיך געפרעגט:

„טאַקע? צי האָט מען באַדאַרפט טאַקע?" — — —

און אַלע זיינע נערוון האָבן געשריגן אין אים:

„מע האָט געדאַרפט און געמוזט!"

נאָר דאָס בילד פון קעגנאיבער האָט געלעסטערט זיינע גע־דאַנקען. ער האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן. באַל איז אויפגע־שפּרונגען מיט אַ געהייל. בענעדיקט'ס האַרץ איז געוואָרן מלא רציחה. ער האָט זיך צושריגן אויף דעם בילד:

„דו האָסט נישט געטאָרט אוועק פון אונז! האָס געדאַרפט אָפּ־צוואוואַרטן די מינוט אין דער היים, נישט גיין זיך היטן דאָס לעבן צווישן פרעמדע פעלקער. — — — דאָס גרעסטע אומרעכט איז צו אונז געוואָרן אָנגעטאָן דורך דיר... דו האָסט זיך געשטעלט ווי אַ העלד און האָסט געטאָן ווי עס טוט אַ פּחדן: דיין לעבן ביזטו דיר נעגאַנגען היטן?!"

און אין אויפפלאַקערנדיקן כעס האָט ער אַ ריס געטאָן דאָס בילד פון דער וואַנט אראָפּ, וואָרפנדיק עס, אזוי ווי הייל־בענדער, צו דער ערד און מיט אַן אויפגעריסענער געטרייקייט האָט ער עס צוגעטרעטן מיט די פיס...

אָן דער זייט איז באַל געשטאַנען, טרויריק סקאָמליענדיק, אזוי ווי ער וואָלט געוועזן אַ שטאַרבנדן דערשפּירט אין דער נאָענט.

* * *

בענעדיקט האָט מיט אַמאָל באַנומען דעם גרויסן סוד, וואָס בינדט צונויף זיין פאָלק מיט דעם קייזער. עס איז נישט די ליבע און אָזפּער־וויליקייט פאַר זיין פּערזאָן אַליין, דערפאַר וואָס ער איז דער ירושה־דיקער מושל איבער זיי. — עס איז אמת'דיקער דאָס פּאַרטרויען צו

אים, אַז ער וועט, אַזוי ווי אַ שליח, מיט זייער הילף קענען דערגרייכן און מנצח זיין איבער אַנדערע פֿעלקער צוליב זייער שטאָלץ; אַ געגנוגטואונג פֿון זייערטוועגן; צוליב אַ גיריקייט זיך אויסצוצייכנען פֿאַר זיך, פֿאַר דער אייגענער משפחה און אויך פֿאַר אַלע פֿעלקער אויף דער וועלט. בענעדיקט האָט דאָס באַנומען און ער איז געבליבן רואיקער אין זיך, נאָר עס האָט אים ווייטער אויך וויי געטאָן.

.9

נאָך נסיונות זיינען שוין געווען אין וועג צו בענעדיקט'ן און פּרואוון פֿאַר זיין כח. ווי אַ מבול, אַזוי איז די הויפּט־שטאָט פֿאַרפלייצט געוואָרן פֿון פֿרעמדע. דאָס לאַנד, אַ געדרוקטס, אַ באַצווינגס, האָט געגעבן גוטע האָפֿנונגען פֿאַר גליקזוכערס און די שפּראַך פֿון דער שטאָט האָט זיך פֿאַרלאָרן אין אַ ווירבל פֿון רווישנדיקן, בונטן פֿרעמדעלעמענט, וועלכער האָט רירעוודיק, אין אַ בליציקע אָריענטאַציע, געסטיקולירנדיק און זיכער אַריינגעריסן זיך אין לעבן פֿון דער רעזידענץ. בענעדיקט האָט זיך צוגעקוקט דערצו מיט בלישטשענדיקע אויגן. דערצו פֿלעגט נאָך טאָג־טעגלאַך קומען צו אים אַ שכן זיך באַקלאָגן פֿאַר אים, דעם מלחמה־זעלנער, אויף דער פֿאַרשפּילטער קריג. בענעדיקט האָט אויף אַלע זיינע טענות גאָרנישט געענטפֿערט, ער פֿלעגט נאָר שמייכלען, רואיק, פֿינצטער, דורך די וואָנסעס און ברעמען. בלויז אין אים איז רייף און רייפֿער געוואָרן זיין שנאה.

עס האָט געגעענט די שעה פֿון אַנטשיידונג. קריסטינע איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען פֿון דער היים און טעג זיינען פֿאַרביי — זי האָט זיך נישט באַוויזן. בענעדיקט איז אין אָנהויב געווען געבראָכן. ער האָט געפֿילט, אַז גאָר אַ מיאוס אומגליק קריכט שוין, ווי אַ וואָרים, אין זיין שטוב אַריין. אָבער ער האָט זיך העלדיש פֿאַרטראָגן. ער האָט געוואַרט. ער האָט גוט געשפּירט די סבות פֿון זיין טאָכטער'ס פֿאַרשוואונדן זיין, נאָר ער האָט געוואַרט.

נאָך אַ וואָך צייט איז זי צוריקגעקומען. עס איז געווען טיפֿער אָוונט. די טיר פֿון דער וואוינונג איז געווען נישט פֿאַרשלאָסן. זי האָט זיך באַוויזן אין איר אַ מידע, אַ טרויעריקע. בענעדיקט איז געזעסן שטום אויף זיין ביינקל. דער הונט — אים צופֿיסנס. דער האָט געוואָלט אַקעגנטאַנצן זיין געליבטן מיידל, ביי וועמען ער האָט געהאַט געקושט די ברוסטן, נאָך וועןביידע זיינען זיי גאַנץ יונגע געווען. אָבער זיין הער'ס אָטעם האָט אים אָפּגעהאַלטן. בענעדיקט איז אויפֿגעשטאַנען. דורכפֿאָרשנדיק האָט ער זיין טאָכטער אָנגעקוקט מיט די ברעמען. איר איז געוואָרן ענגסטלאַך פֿון זיין בליק. זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר, מורא האָבנדיק ווייטער צוקומען. ער האָט גאָרנישט גערעדט.

נאָר בשעת זי האָט פֿאַר מידקייט גענומען אויף דער שוועל נאָך אויסטאָן זיך אירע קליידער, אַזוי האָט בענעדיקט העל אַרויפֿגעדרייט דעם פֿלאַם און צוגעטראָגן דאָס לעמפּל נאָענט פֿאַר איר פּנים. אין

דער אינזל

איר אויפגעריסענעם מויל איז איינגעגראָבן געוואָרן אַ געשריי. ער האָט איר אויסגעוויזן, אַזוי ווי איינער, וואָס גייט מאָרדן און איז אויך משוגע. ער האָט אַלץ געשוויגן. ער האָט אַריינגעקוקט גוט אין פּנים פון זיין טאָכטער. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל, האָט זי אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט מיט איר, האַלטנדיק זי אויף דער שויס. ער האָט זי געטוליעט, האָט זיך געשאָקלט מיט איר, ווי מיט אַ קליין קינד. ער האָט אויך גענומען אַליין איר אויסטאָן די קליידער, באַקוקנדיק גוט איטלאַכס שטיקל פון זיי. קריסטינע האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט רעדן — צי שרייען. דאָס אויסזען פון איר פּאָטער האָט זי אינגאַנצן געבונדן. ער איז געווען שוין וואַנזיניק און זיינע הענט האָבן געציטערט. און ווען ער האָט דאָס לעצטע פון אירע קליידער אַראָפּגענומען פון איר גוף און דערזען איר לייב, אַזוי האָט ער זי אַ וואָרף געגעבן צו דער ערד, נעמענדיק אַליין אַרומצושפּאַצירן אויף דער שטוב. באַל, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן שטום צו די פּיס פון בענעדיקט׳ס ביינקל, האָט זיך צובילט אויפ׳ן קול. דרויסן האָט אַ נאַכט-וועכטער זיך אָפּגעשטעלט פאַר׳ן נידעריקן פּענצטערל פון בענעדיקט׳ס קעלער-וואוינונג, איינהערנדיק זיך מיט חשד צום גערויש פון אונטן. בענעדיקט איז געווען מיט אויפגעראָלטע ברעמען און וואָנסעס. אויף דער ערד איז קריסטינע געלעגן, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין אירע ברוסטן. נישט זעענדיק דעם פּאָטער, האָט זי שלוכצנדיק געוויינט אין זיך אַריין. בענעדיקט איז געווען ווילד. שפּרינגנדיק, האָט ער שוין געריסן פון די ווענט אַלע אויסצייכנונגען, וועלכע זיינען מיטגעוואַקסן מיט אים: ער האָט זיי געטראָטן, צונישט געמאַכט. דערנאָך האָט ער אויפגעשטעלט זיין טאָכטער ביי די אויסגעשפּיציקטע אַקסלען און געוויזן אויפ׳ן בעט. זי האָט אים גלייך געפאָלגט.

שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף זיין ביינקל, אַזוי ווי פריער. צו זיינע פּיס איז ווידער דער הונט געלעגן. נאָר וואָס אויף דער שויס האָט ער אַ באַרג קליידער געהאַלטן. די האָט ער געהויבן קעגן דער שיין, האָט זיי געטאַפּט צווישן די פינגער און — פּלוצלונג האָט ער זיך געשפּירט אָנקומען אויף אַ ריזיקן קברים-פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען מעכטיק פאַנאַנדערגעלאָזן איבער דער סביבה און ער האָט אומגעהייערע שטחים אין איר פאַרכאַפּט. בענעדיקט איז געווען אַליין. אַרום אים האָט זיך אויסגעלייגט די ערד בערגלדיק, אין געדיכטע בערגלאַך, אַזוי ווי אויסברוקירט דורך שוואַרצע שטיינער. ער האָט דערקענט אין זיי די אויסגעטריקנטע ביינער פון די זייניקע און פון די זייניקעס זייניקע. אַלע זיינען זיי בלינדע פאַרשטעקט געווען אין פּאָטערלאַנד׳ס בית-עולם. זייערע אויגן-הייטלאַך זיינען געווען צוגעקלעפּטע.

ער איז אויפגעשטאַנען. דער הונט, וועלכער איז אפשר מיטגעגאַנגען מיט זיין הער איבער די מורא׳דיקע מקומות, האָט זיך אַרויפ-

דער אינזל

געשטעלט אויפ'ן ביינקל און געקוקט בענעדיקט'ן גלייך אין פנים אריין. דער האָט געזען בלויז די זייניקע און ער האָט זיך געריסן צו זיי.

„עפנט!" — האָט ער גערופן. — „מאַכט אויף אייערע אויגן... איר זייט געפאַלן? — — — איר זייט אומגעקומען? — — — נאָר איך, איך איינער בין געבליבן"...

דעמאָלט איז פון די שוואַרצע שטיינער ארויסגעקומען צו אים אַ קול:

„בענעדיקט, דו ביזט געקומען צו אונז, געקומען; אָבער נישט ווי אַן אונזעריקער. אין דיר האָט אויפגעטויכט דער אומרו און דער האַס. דאַריבער קלייבן מיר דיך אויס און דו זאָלסט גיין צו אונזערע פיינט און דו זאָלסט צו זיי זאָגן אין אונזער נאָמען: מיר ווילן נישט מער! מיר ווילן נישט מער ליידן! מיר ווילן נישט ווייטער געבן פון אונזער מילך און פון אונזער בלוט — גענוג!" — — —

האָט בענעדיקט זיך אָנגענומען אין זיינע הענט און זיך אליין מיט זיי אויפגעהויבן אין דער לופט. ער האָט גערופן צום פאַרגייענ־דיקן פעלד:

„איך שווער! איך שווער צו נעמען נקמה — — — איך וועל זיך נוקם זיין" — — —

צומאָרגנס איז ער געזעסן אין זיין שטוב. קריסטינע, וועלכע האָט זיך געפילט שולדיק קעגן אים, האָט גאָר מיט אמאָל איינגעזען, אַז איר פאָטער איז אַן אַלטער מענטש שוין און אַז ער איז קראַנק. זי האָט אים צוגעבראַכט פשרשיידנס צום עסן, נאָר ער האָט אַלץ גלייכ־גילטיק און אָן ווערטער אָפּגעשטויסן פון זיך.

בלויז אין אים איז געוועזן אַ טומל. און ווען דער טומל איז געוואָרן אַ ביסל איינגעשטילט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע פאַרענדערונג איז שוין געשען אין אים. ער האָט זיך אַליין געזאָגט:

„איך האָב אין מיר געקראַגן איצט איינגעוואָרצלט אַלדאָס בייזע און אומקולטורעלע פון מיין פאָלק; אָבער דערביי אויך דעם גאַנצן פראָ־טעסט און דאָס וועקנדיקע צום פּראָטעסט. איך וויל ניט מער געהאָרכן. געהאָרכזאַמקייט האָב איך דערטרונקען. דיסציפּלין האָב איך צו־בראָכן. אַלע מיינע זינ'ס בילדער האָב איך פאַרניכטעט. דעם קייזער'ס פּאָרטרעט. און די מעדאַלן. מיר איז איבערגעבליבן בלויז נאָך דאָס איינע".

און, אויפשליסנדיק אַ קליינטשיק שענקעלע, האָט ער פון דאָרטן ארויסגענומען אַ זעלנערשן פּאַסעק און אַ קינזשאַל און ער אים זיך אָנגעטאָן אונטער זיין מאַנטל.

ער איז ארויסגעקומען פון זיין שטוב. אין דער נאָענט האָט זיך געגעלט אַ גרויסע באַן־געביידע. זי האָט מיט זיך פאַרלייגט די היפּש־

סטע העלפט פון א רווישנדיקן סקווער. ער האָט זיך געלאָזט גיין אהין, אזוי ווי איינער, וואָס האָט צו דערפילן א שליחות.

דאָרטן האָט געקרייזלט זיך דער ביי־ריח פון געדראַנג. די באַוועגונג האָט געקלעטערט אין דער הויך. צוויי קינאָ טעאַטערס, לעבן זיך ליגנדיק, האָבן מידע געבלינצלט אין דער גאַס ארוים: פון גאַנץ פרי אָן קלאַפּט שוין אין זיי דער אָטעם פון טויזנטער מענטשן, וועלכע בייטן זיך כסדר.

צוויי מיאוס'ע מיידלאַך האָבן אים פאַרהאַלטן אין מיטן גיין. דאָ פאַרהאַלטן די מיידלאַך אויך אזעלכע זקנים ווי בענעדיקט און רופן זיי נישט צו קיין שפּאַס. בענעדיקט האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי, ווי פון א גרויס מיאוס'קייט, כאָטש ער האָט געפילט, אז ווער, ווער — ער דאַרף זיי נישט אזוי אוועקצושטויסן מיט חרפה.

ווייטער זיינען, צו פּאָרן, יונגע יונגען געגאַנגען. זייערע הוטן זיינען ווייט און טיף געלעגן אראָפּגערוקטע איבער זייערע אויגן. נאָר זייערע ענערגישע באַוועגונגען האָבן דערוועקט חשד און מורא. די פינגער ביי זייערע הענט זיינען געווען לאַנגע און אויסגעבויגענע.

די אונטערגייענדיקע זון האָט מיט פּורפּור איינגעשפּריצט דעם סקווער. רווישיקע וואַגנס זיינען געלאָפן אין פּורפּור אריין. עלנטע און דערשראָקענע האָבן די פערד געהויבן זייערע קעפּ אין דעם בלאַלאַכן גאַז־שטראָם פון די זידנדיקע אויטאָמאָביל קעסלען. אויפשיינענדיקע לאַמטערנס האָבן זיך א גליטש געטאָן איבער דער גאַס און געבליבן ליגן אויף זיי, שיפע, באָלוואַניש־דערפּאָרמירטע, אונטער די טריטן פון געדרענג.

בענעדיקט איז געגאַנגען אין מיטן פון דעם פּאָרוועג. אונטער'ן מאַנטל האָט ער גוט געשפּירט דאָס בימלענדיקע מעסער. ער האָט געאַנט, אז מאָרגן, איבערמאָרגן, וועט זיך דאָ די גאַנצע שטאָט א דריי טאָן מיט די קינזשאַלן אונטער די מאַנטלען. און אפשר — אפשר טראָגט שוין א יעדערער היינט זיין קינזשאַל מיט זיך...

ער איז געווען באַשריגן פון אַלע זייטן. די הינפאָרנדיקע און די צוריקפאָרערס, אַלע האָבן אים צוגערופן מיט פאָרזיכטס וואָרנונגען. ער האָט נישט גענומען אין אכט זייער וואָרענען. ער איז געגאַנגען כסדר ווייטער. נאָר פאַר דעם איינגאַנג צו דער באַן־געביידע איז ער געבליבן שטיין א צו'חוש'טער.

דאָרטן איז אויף א קאַרעטע געלעגן א הירש. ער איז געלעגן אין דער טיפקייט און זיינע פיס זיינען געווען איינגעבראָכן אין די קניען. דער קאָפּ איז אים געווען אריבערגעבויגן איבער זיין גוף און אין דער גאַנצער לענג פון זיין האַלז האָט זיך געצויגן א ברייטע, בלוטנדיקע רינע. דאָס בלוט איז געווען א דיקס, א פאַרטרוקנטס, אָבער עס האָט, ווי א רויט געוויין, אָפּגעבלאַנקט אין ווידערשיין פון פליסנדיקן לאַמטערן־ליכט...

ביי בעאַדיקט'ן האָט זיך א מיש געטאָן אין קאָפּ. דער אויפ־

געטרענטער האַלז איז געווען זיין אייגענער האַלז, צי אַן אַנדערענס. דער הירש האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע איינגעבראָכענע פיס און איז געגעבן אַ פאַל אריין אין אים, קרום, באַלוואַניש־דעפאָרמירט, באַגיסנדיק אים מיט בלוט...

* * *

ווידער איז ער געגאַנגען מיט דער מיט גאַס,צווישן אַהין־און־אַהער־פאָרנדיקע וואָגנס. אַרום אים האָבן זיך ווייטער גענומען דרייען צוויי מיאוס׳ע מיידלאַך, רופנדיק אים מיט זיך נישט צו קיין שפּאַס. דער הימל האָט איצט געוואָרפן אין סקווער אריין אַ זילבערנע שוואַרצ־קייט. פון איר האָבן געוואונקען צו בענעדיקט׳ן טויזנטער רויטע וועגן פון אויפגייענדיקע לאָמפּן.

קריסטינע איז צום צווייטן מאָל נעלם געוואָרן פון דער היים. בענעדיקט האָט לגמרי פון איר נישט געטראַכט. ער איז געזעסן הינ־טער דעם לאַנגן, אין סחורה׳לאַך פאַרוואָרפענעם טיש. ער האָט גע־טראָגן אויף זיך זיין מאַנטל. דעם הונט האָט ער געהאַלטן אין דער שטוב.

שטיל און רואיק. פון דרויסן זעט ער עקן פון פיס. הערט אַ זעלטן גיין פון אַ וואָגן.

צוויי פיס גיבן זיך מיט אַ מאָל אַ צעוואַקס אין זיינע אויגן. פון דער גאַס דרנעענטערט זיך עמיץ צו די שטיגן פון זיין געוועלב.

ער טראַכט אין כעס:

„וואָס ווילן זיי פון מיר? זאָל מען מיך לאָזן אין רו״.

עמיץ איז אַראָפּגעקומען. ער פאַרלאַנגט אַ נאָטיצן־בוך; ניין, אַ נאָטיץ־ביכעלע, אַ קליינטשיקס, דאָס קלענסטע, דאָס ביליקסטע.

ער ווייזט אים שטומערהייט די סחורה. יענער בעט אַנדערע: אַ רויטס וויל ער האָבן און עס זאָל זיין אין לעדער.

בענעדיקט׳ס מויל ווערט אויפגעריסן. ער איז פול מיט קנאה. ער דערקענט אָן זיין קונה אַ פרעמדן. פון זיין מויל נעמט מיט געזאָט אַ ווייסע שנאה שפּריצן:

„פאַר די גראָשנס! פאַר די פאַר גראָשנס״ — — — —

דער פרעמדער קוקט פאַר׳חידוש׳ט אָן זיין סוחר. ער שלאָגט אים, לאַכנדיק, איבער:

„איר ווילט נישט פאַרקויפן — קענט איר זיך האַלטן מיט אייער סחורה״...

דעמאָלט איז בענעדיקט אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויפגע־הויבן זיינע ברעמען און אַ קוק געגעבן אויף זיין קונה, גלייך ער וואָלט אים ערשט געוועזן דערבליקט. זיין שנאה האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגיין איבער די ברעגעס.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען. מיט אַ געענדערט קול האָט ער אָנגענומען דעם פרעמדן און געצויגן נאָך זיך אין זיין שטוב אריין.

יענער האָט זיך געקווינקלט אין גיין, אָבער בענעדיקט האָט אים נישט נאָכגעלאָזט.

„קומט, קומט, איך וועל אייך אָט־דאָ ווייזן שענערע נאָטיץ־ביכעלאָך — אין לעדער"...

אריינקומענדיג אין דער שטוב, האָט ער באַלד צוגעוואָרפן די טיר. באַל האָט אַ ביל געטאָן, האָט ער אים שטיל געמאַכט. זיין קונה האָט ער געהייסן וואַרטן.

„אַ מינוט — איין מינוטקעלע"... — האָט ער געזאָגט.

און איין מינוט שפּעטער איז עמיץ געלעגן אויף דער ערד. זיין איינציקן געשריי האָט קיינער נישט געהערט. אויך בענעדיקט האָט אים נישט באַנומען. באַל האָט אַ לעק געגעבן צו עמיצ'ס האַרץ און זיך תיכף צוגעזעצט צו אים מיט בלוטיקע אויגן. בענעדיקט איז אויפגעקראָכן אויף זיין טיש. אויך זיינע אויגן זיינען געווען בלוטיקע. נאָר אין זיי האָט זיך שוין געוויסלט דער קלאָרער, דער אַנטפּלעקטער שגעון. שטייענדק אויפ'ן טיש האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף דעם שומר און אויף זיין שמירה.

* * *

אין שפּעטן אָוונט איז קריסטינע אהיים געקומען. עפּענענדיק די טיר, האָט זי מורא'דיק אויפגעשריגן, אָבער איר פאָטער האָט זי גלייך שטיל געמאַכט. דערנאָך האָט ער זיך צוגעשפּיליעט דעם מאַנטל און איז ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

געגאַנגען איז ער מיט גלייכע, געמאָסטענע טריט, אין דער ריכטונג צו זיין אמאָליקער היים. אין דער נאָענט האָט זיך געפּלעקט דער שפּאַציר־גאָרטן און דער חיות־גאָרטן. עס האָט גערעגנט. די זון האָט זיך געדרייט אַרום איר אַקס. און ס'איז געווען נאַכט. שטיל איז געפאַלן פון די ביימער דאָס געבליט. אין גאָרטן האָבן די חיות געברילט אין זייערע שטיינער.

1923.

ר. אייזלאַנד:

צווישן רייד און רויך

מיט'ן רעגן קומט אַלץ נעענטער דער ווינטער.
מיט'ן ווינטער קומען לאַנגע נעכט געוואָרעמטע
פון גוטע און פון שלעכטע רייד.
וועגן זיך און וועגן די חברים דיינע.

שלעכטס צו רעדן האָבן תמיד ליב די מענטשן.
דאָך נים אַלע מאָל איז אַלץ נאָר שלעכט געמיינט.

דער אינזל

ביין זע ווערטער אויף די ליפּן פון אַ פּריינט
זיינען אָפּטמאָל ווי אַ באַלזאַם פאַר'ן הארצן.

זייט געגריסט מיר, איר רכילות־שטונדן זיסע,
אין די קאַלטע ווינטער־נעכט ביים הייסן טיי.
צווישן רייד און רויך און פינקלדיקע אויגן
ווייגט די זעל זיך אין אַ נעץ פון בליציקע געדאַנקען.

אפרים אויערבאַך:

לידער

1

נייעס.

אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט,
איך בין אַ נעץ פון דראָטן,
אַ פּולס פון טויזנט פּולסן,
אַ סעיסמאָגראַף פון וועלט'ס געלאַף.
אין מזרח־לאַנד גייט אויף אין מיר די זון,
אין מערב־לאַנד פאַרגייט אין מיר די זון,
מאַראָקאָ שטורעמט מיינע פעסטונגען,
און אוראַגאַן מאַכט חרוב מיינע תבואה'דיקע פעלדער,
אויף ברום סטריט פאַרגיי איך אין פלאַמען,
דער שוואַרצער האָדסאָן שלעפּט מיך צו זיין גרונט,
די וועלט צינד איך אין פייער פון מרידה,
מיט ברוסטן נאַקעטע, צעוואונדיקטע,
מיט אויגן הונגעריקע, פויסטן פלאַמיקע
אויף זאַטע וועלטן גיי איך, —
אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט
און איך אין איר — אַ פינסטער משוגעת.

פּאַפּירן שטויביקע און פּנים'ער פאַררייכערטע,
מאַשינען — קלאַפּנדיקע הערצער,
דערוואָרגענע געדאַנקען אויף פּלייצעס פרעגנדיקע,
טייוואָלעמלאַך אין אויגן מידיקע
און פינגער שפּרינגען ווי אויף דראָטעלאַך.
דער בלייענער מחבל אויבן
דערשלינגט די אותיות אין ברענענדיקן בויך

און שפּייט זיי אויס אין שורות, שורות,
דער מולך פון געפילן ווערט נישט זאַט,
ער וועט מיך אויך פאַרשלינגען
און אויסשפּייען אין שורות בלייענע,
די וועלט אין מיינע פינגער
און איך אין זודיקן בויך פון זעץ־מאַשין.

האָט אָפּגעשטעלט די וועלט זיך פּלוצלונג
און מיינע פינגער בלייבן רוען
אויף קלאַפּערלאַך פון שרייב־מאַשין,
צעוואָרפענע, פאַרגליווערטע.
דער קאָפּ זינקט בלייאיק אויפ'ן דעסק,
די דראָטן־נעץ ווערט פליגלען שטעכיקע,
וואָס שפּרייטן זיך אויף מיר מיט בלינדער רואיקייט,
מיט קאַלטע, דריבנע שפּילקעלאַך, —
און מולך אויבן רייסט אין זיך דעם בויך.
זיין צאָרן זעצט ארוים מיט גרויען רויך,
דער הונגער קרעמפּט אים די געדערים,
פון זיינע אויגן קריכן רויטע ווערים —
און מיינע פינגער
אויף קלאַפּערלאַך פון שרייב־מאַשין,
צעשפּרייטע און פאַרגליווערטע.

2

דער רויטער פּאָדים.

מיין עלטער זיידע ז"ל,
דער ערשטער בעלצער שוחט,
האָט נאָך פאַרכאַפּט דעם טערק,
נאָך וועמען ס'איז ביי אונז געבליבן
האַלב־קיילעכיקע מויערן,
אין דר'ערד פאַרזונקענע,
מיט פענסטערלאַך פאַרשפּיצטע
און זיבנקקאַנטיקע קאַרניזן.
ארונטער פינה טרעפּלאַך
און איבער דיר א יאַרמעלקע
מיט שויבן פאַרביקע,
וואו ס'שפּילט די זון זיך מיט קאָלירן.

דער טערק האָט אויך געלאָזט
א טורמע וואָס ישראל האָז

דער אינזל

האַלט איצטער דאָרטן וואָל
און ווייץ און גערשטן און פּאַפּשויעס.
און אַז סע קומט אַ חתונה אין בעלץ,
פאַרדינגט ער זי צום טאַנצן,
אַכטצען פּאַרלאַך אין דער לענג,
און ס׳בלייבט נאָך פּלאַץ גענוג
צו שטעלן טישן פאַר דער „וועטשערע״
און אויך פאַר בעל הבתים
צו שמועסן פון דער פאַרשייטער יונגוואַרג.

נאָר אונטן איז אַ לאַבירינט
פון שטיינערדיקע קעמערלאַך,
מיט טיש און בענק פון גרויע שטיינער,
מיט מורא אויסגעפינסטערטער
אין שאַרפע שפּיצן פון די ווענט.
אין בלינדקייט זיינען מענטשן
דאָרטן אויסגעגאַנגען.
און אויבן שפּילט ירוחם קלעזמער
פאַר אַכטצן פּאָרלאַך אין דער לענג
אַ קאַדריל.

דער זיידע ז״ל האָט די חזקה
מיט נחת רוח אָפּגע׳ירשנ׳ט —
אַ תמימות׳דיקער איד געווען,
געגאַנגען אין די דרכים פון די אבות.
דער טאַטע שוחט,
ער שוחט.
אַ רינגעלע אין דער שלשלת.
און אָפּגעהוסט האָט ער דאָס לעבן,
און אַ הוסט האָט אין קבר אים געטריבן..

געבליבן איז מיין טאַטע אַ בן־יחיד,
דער יורש פון דער שוחט׳ישער חזקה —
אַ יאָך אויף זיינע ברייטע פּלייצעס.
אין קאָפּעסט ביי די שניאורסאָנס,
די אייניקלאַך פון בעל התניא
און מענדעלע ליובאַוויטשער,
האָט ער געלערנט שחיטה,
נאָר שחיטה איז אַ יאָך אַ שווערער
פאַר שוואַרצע, גוטע אויגן
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,

דער אינזל

פאר א זינגענדיקער, פריילאכער נשמה,
וואָס גייט אויס אין בענקען נאָך א וואָלאך.
די באָבע אסתר־לאה האָט אויסגעוויינט די אויגן:
אין פרעמדע הענט די שוחט'ע חזקה
פון ערשטן בעלצער שוחט,
אז וואָס האָט זי דערלעבט אזא ירידה.
דער זיידנ'ס און דעם עלטער־זיידנ'ס קברים
האָט זי געריסן מיט יללות:
מיט זיך דאָרט אויף יענער וועלט
ביי אלע אבות, קומט פאר רש"י'ן,
אייער עלטער־עלעט־זיידן,
אז די מחשבות זרות פון אלעזר'ס קאָפּ
אויף וויסטע פעלדער, פוסטע וועלדער
זאָלן צעשפרייט ווערן
און ער, א ריינער און געלייטערטער,
זאָל איבערנעמען די חזקה
און ווייטער שפינען דעם רויטען פאָדים.

שטאָט האָט זיך ארייגעלייגט,
קרובים אזש פון קעשענעוו געקומען:
מ'איז גוזר אויף דיר, אלעזר ברב חיים־שמואל,
דו זאָלסט די אבות נישט פארשעמען.

דער טאַטע איז געווארן שוחט.

מיט שווארצע, גוטע אויגן,
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,
מיט א זינגענדיקער, פריילאכער נשמה,
וואָס גייט אויס אין בענקען נאָך א וואָלאך.

און אז ישראל האָז האָט זיך דאָס צווייטע ווייב גענומען,
האָט זי נאָר טייבעלאך געוואָלט פאר יאכלאך
האָט זי נאָר טייבעלאך געוואָלט פאר יאיכלאך
(אויבן טאַנצן אכצען פאָרלאך אין דער לענג
און אונטן איז א לאבירינט פון קעמערלאך
מיט שרעק פארגליווערטער אויף ווענט),

האָט דער טאַטע ווייסע טייבעלאך געקוילעט,
קלאָרע, לויטערע, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזלאך,
אמאָל זיי נישט דערקוילעט און מיט די פינגער

דער אינזל

אין הייסן בלוט זיך איינגעגראָבן
און די גערגלאַך צעריסן.

ווייסע, כשר'ע טייבעלאַך.

ישראל האָז'ס ווייב איז א שטיק געזונט צוגעקומען
פונ'ם זיסן פלייש, פון די ווייכע ביינדעלאַך,
א דריטער גוידער האָט זיך שוין געוויגט ביי איר,
פארשטעלנדיק דעם אויסגעקארבטן האלדז,
דער טאַטע מיינער האָט ווייסע טייבעלאַך געקוילעט
און זיינע אויגן זיינען פינסטערער געוואָרן,
בייזער, שטעכיקער, —
אָך, מיין טאַטנ'ס שווארצע, גוטע אויגן.

און איך, אפרים בן אלעזר,
איך הער ביינאַכט, ווי אָקסן רעווען,
ווען ס'פלייצט דאָס בלוט פון זיי'רע העלדזער,
איך זע די שטומע אויגן מיט שרעק פארגליווערטער
אין שווארצע פינטעלאַך.
שטרעקן ווייסע טייבעלאַך די העלדזלאַך,
איך קוילע זיי.

מיינע ווייסע טייבעלאַך,
אין בלוט פון אייגן הארץ דערטרונקענע
דער רויטער פאָדים שפינט זיך ווייטער.

אויבן טאַנצן אַכצן פאַרלאַך אין דער לענג
און אונטן איז א לאַבירינט פון קעמערלאַך
מיט שרעק פארגליווערטער אויף ווענט.

3

צום שטול פון טויט

מען פירט זיי היינט צום שטול פון טויט.
נאָך האַלבער נאַכט.
דורך ווייסטע קאָרידאָרן,
וואו ס'חלש'ן די שאָטנס פון אָפּגעהאַקטע יאָרן.
דער וועג איז נאָר אהין. דער לעצטער וועג.
צוריק — א קוק א גסיסה'דיקער.

צוויי ברידער היינט צום שטול פון טויט.

די בויערי פארשלינגט דעם לעצטן טרעמפּ,
וואָס שלעפּט אין זיינע וואַקלענדיקע טריט
זיין גורל צו דער נאכט פארשטיינערטער.
אין פענסטער קוקט אריין די שטאָט
מיט אויסגעהוילטע, בלינדע אויגן.
דער נייעס־קלאַפּער איז נערוועז.
געציילטע זיינען די מינוטן.
ער קלאַפּט דעם פּולס פון זיי
וואָס גייען איצט צום שטול און טויט.

די פינגער מיינע טאַנצן אויף די קלאַפּערלאך
פון שרייב־מאשין מיט אויפגערייצטער פרייד.
איך שרייב: דער שטראָם האָט אין די אָדערן
אריינגעגאָסן זיי דעם טויט.
און יעדער אבער מיינער ציטערט,
דערגרייכנדיק דעם קרענקלאכן עקסטאַז
פון האלטן צאַפּלענדיקע לעבנס אין די הענט
און אונטערברעננגען זיי.
איך שאַף דעם טויט.
די אותיות פארברענען דאָס פּאַפּיר.
דער שטראָם עלעקטרישער
פון מיינע פינגער שפּריצט ארוים.
דער לעצטער קלאַפּ. זיי זיינען אויסגעגאנגען
אין מיינע פינגער.
דאָס הארץ איז אויסגעליידיקט.
איך שלעפּ זיך אויף דער בויערי
אין שאָטן פון די וואַקלענדיקע טריט
פון לעצטן טרעמפּ.

4

אַ פריילאַך לעבן.

אז אלע ווארטן איך זאָל זיי באשרייבן
און גרויסן זיי און לויבן, —
אודאי איז מיר פריילאַך.
איך עסן אויף מיין זאַק
און שיט מיט שטויב מיט גילדערנעם
אויף אלע קעפּ וואָס דארפן געָלד.
מיט כישוף שמיד איך קרוינען דימענטענע
און קרוין מיט זיי די הונגעריקע קעפּ.
אַ מענטשעלע אויף פּים געליימטע

דער אינזל

דערהויבן האָב איך איבער אַלע.
א זון אַרויפגעזעצט אים אויפ׳ן פּוסטן קאָפּ.
א שמייכל אויף די טעמפּע ליפּן.
און פריילאַך איז מיר — מיין באַשאַף,
די קעפּ די קליגסטע בייגן זיך פאַר אים.
באַנקעטן. פיש און הון און אלערליי מאכלים,
צעזעצט צו ווערן עסנדיק.
ציגאַרן גיט מען מיר קאָראָנעס
וואָס זייער בלויער, וואוילשמעקעדיווער רויך
דאַרף קיצלען די צעפּלעטשטע נאָז
פון בודא׳ס געטשקע אויף מיין טיש.
און בלאָנד איז די סטענאָגראַפיסטקע.
איר בלאָנדער שמייכל ליכטיקט מיין געזיכט
ווען, איבערבויגנדיק איר כוואַליענדיקן קאָפּ,
דערלאַנגט זי מיר „אַדוועטנסד קאָפּ״.

נאָר אַז די טעקסי יאָגט צוריק
אויף גאַסן ליידיקע, האלב־נאַכטיקע,
יאָגט נאָך דאָס מענטשעלע אויף די געליימטע פיס
און וואַרפט מיר נאָך דעם טעמפּן שמייכל.

אבאָ שטאָלצענבערג:

אַז קיין גלינע קומט אַן אַלטער קאַוואַליר.

אַז קיין גלינע קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר,
אַ באַאַמטער, אַ סוביעקט צי גאָר אַ מאַכער אין דעם מאַגיסטראַט,
רעדט מען באַלד אין שטאָט פון נייעם פּאָלסקי בראַט
און אָפּן שטייט פאַר אים איעדער טויער און טיר.

און פריילינס מעסטן אים אָז פון דעם קאָפּ ביז פיר.
— האָסט אויפגעפּאַסט — זאָגט איינע צו דער צווייטער — ווי זיס
ער רעדט? ממש צוקער גיסט זיך אים פון מויל.
— מיר דאַכט זיך, — זאָגט די צווייטע, — ער איז פויל
און געניצט ווען ער רעדט און גלעט דעם קנייטש פון הויז.
— וואָס דיר ווייזט זיך אויס!
נישט וויכטיק דאָס. די הויפּטזאַך וואָס אַ מענטש,
און ווי סימפּאַטיש, העפלאַך און ווי שיין געבויט,
און סאַרע פענסיע! — ביי אַזוינעם ווייס מען שוין ניט וואָס איז נויט.

דער אינזל

אזוי רעדט מען צווישן זיך ווען ס'קומט אראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר,
און אויף צו מאָרגנס איז געדיכט אויף דעם שפּאַציר.
איעדער מעסט אים לויט זיין אויג און זיין פאַרשטאַנד,
און ער שפּאַצירט זיך טראַט ביי טראַט, די הענט אין קעשענעס,
צי מיט א שטאָק אין האַנט.

זישא לאנדוי:

אין אָנפאנג איז געווען דאָס וואָרט.

אין אָנפּאנג איז געווען דאָס וואָרט,
און ס'איז דאָס וואָרט פארבליבן
און אלץ, וואס איז געשען מיט מיר,
און אלץ וואָס איז געשען מיט דיר
האָט לאנג די צייט פארטריבן,
און בלויז א שוואכער אָפּשיין איז
אין הארץ ביי אונז פארבליבן.

ווי קלינגט עס ווייט, ווי קלינגט עס פרעמד,
אז ביסט אמאָל געוועזן מיינע.
באטאָווים, דאָס איז דאָך ניט וואר,
דאָס, איז דאָך בלויז נאָר א רעפריין
פון א פרעמד־לענדיש ליד וואָס איך,
האָב ווען אמאָל געהערט.

ווי אומגעלומפּערט איז די טאַט,
און סארא שווערקייט ווייט פון איר.
זי בויגט דאָס הארץ דיינס צו דער ערד
און פילט מיט טרערען אָן דיין בליק.
אָ, לופטיק, ריין, איז ס'וואָרט אליין,
דאָס וואָרט דער אייביקער רעפריין,
פון יענעם ליד, וואָס איך האָב און וואָס דו
געהערט אמאָל, ניט דאָ, נאָר אנדערש וואו
און לאנג שוין לאנג צוריק.

דער אינזל

שלום ושלוה

I.

חשוב'ע חברים!
מיר בעטן אייך אָפּצודרוקן אין „אינזל“ דעם דאָזיקן בריף:

פון די ליטעראַרישע ויכוחים, וואָס זיינען די לעצטע צייט געפירט געוואָרן צווישן פאַרשידענע גרופּן פון אידישע שרייבערס אין אמעריקע און פּוילן, האָבן מיר, די אונטערגעשריבענע, וואָס שטייען, אַזוי צו זאָגן, אין געאָגראַפישן פּרט מחוץ פון די ליטעראַרישע צענטערס און וואָס האָבן אפשר דערפאַר, פון אַזאַ דיסטאַנץ, אַ בעסערע מעגלאַכקייט צו באַטראַכטן דעם היינטיקן אָרגאַניזאַטאָרישן מצב פון דער אידישער ליטעראַטור אויסשליסלאַך פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אינערלאַכער צוועקמעסיגקייט און אָן אַ שום פּערזענלאַכער נגיעה בדבר, האָבן מיר ארויסגעפילט, אַז די מער אָדער ווייניקער זאַכלאַכע און אָפּט אינגאַנצן פּערזענלאַכע סכסוכים, וואָס קומען דאָך פאָר סוף כל סוף צווישן שרייבערס, וואָס זיינען אין תוך פאַראייניקט דורך דער אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור, צו וועלכער אַלע זיינען דאָך גרייט צו דינען אויף זייער באַזונדערן אופן — אַז די דאָזיקע סכסוכים, וואָס פירן שטענדיק צו אַ צערייסונג פון די כוחות, האָבן נישט קיין שום רעאַלן יסוד און זיינען עלול אָנצוטאָן אַ שווערן שאָדן אין דער אידישער ליטעראַטור.

דער דאָזיקער איינדרוק וועגן דער איבעריקייט פון די אָפּזונדערונגען און וועגן דער שעדלאַכקייט פון די מחלוקת'ן אין דער אידישער ליטעראַטור איז ביי אונז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן ביי פּערזענלאַכע שמועסן, וואָס מיר האָבן די לעצטע צייט צופעליג געהאַט מיט עטלאַכע אָנגעזעענע אידישע שרייבערס, וועלכע מען האַלט געוויינלאַך פאַר צוגעהעריקע צו פאַרשידענע „גרופּעס“, וואָס זיינען אָבער פּאַקטיש, ווי זיי האָבן אונז אויסדריקלאַך דערקלערט, שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַן אינערלאַכן צוזאַמענשלוס פון אַלע שאַפערישע כוחות, וועלכע וואָלטן אפשר געקאָנט מעגלאַך מאַכן די שאַפונג פון אַ צענטראַלן, רעפּרעזענטאַטיוון אָרגאַן פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

אַזאַ זשורנאַל, ארום וועלכן עס וואָלטן זיך געקאָנט גרופּירן אַלע פּראָדוקטיווע כוחות פון דער אידישער ליטעראַטור, איז היינט, ווי אַלע פילן, אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, וועלכע קען נאַטירלאַך נישט אינגאַנצן באַפרידיקט ווערן פון די שוין פאַרהאַנענע אָדער פון צייט צו צייט אויפקומענדיקע ליטעראַרישע אויסגאַבן, וואָס קאָנען

צוליב פאַרשטענדלאַכע טעמים נישט געהעריק פונדירט ווערן, נישט גייסטיק און נישט מאַטעריעל.

מיט דער דאָזיקער ווענדונג זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, נישט אויסן צו ווען לכתחילה מבטל זיין ילע גייסטיקע דיפערענצן צווישן איינציקע שרייבערס אָדער גרופּן, וואָס וועלן שטענדיק פּאָרקומען ווי אַ נאַטירלאַכער פּועל יוצא פון דער פאַרשידענקייט פון דער־ציאונג, טעמפּעראַמענט און וועלט־באַנעם.

אָבער מיר מיינען, אַז די דאָזיקע גייסטיקע פאַרשידנקייטן, ווי בולט און שאַרף זיי זאָלן נישט זיין, קאָנען אַלע געפינען זייער באַזונדערן אויסדרוק און אַמאָל אפשר אויך זיין אינערלאַכן אויס־גלייך אין אַ גרויסן שותפות'דיקן אָרגאַן, וועלכער וועט האָבן דעם ציל, צו אַנטוויקלען דאָס, וואָס ס'איז פאַראַן ביי אַלע — דאָס פּאָ־זיטיווע, ווערטפולע — און זאָל דער אידייען־קאַמף, וואָס מיר פירן היינט און וואָס מיר וועלן אויך ווייטער פירן אין דער אידישער לי־טעראַטור, זיין אַ פ ר י י נ ט ל אַ כ ע ר און נישט קיין קאַמף פון ליטעראַטור־שונאים.

מיר וואָלטן וועלן, אַז דער דאָזיקער בריף זאָל נישט בלייבן קיין ט ע אָ ר ע ט י ש ע ר שלום־פאָרשלאַג, נאָר אַז ס'זאָל דורך אים אַרויסקומען אַ פּראַקטישער נוצן פאַר דער אידישער ליטעראַטור. מיר בעטן דערפאַר די אמעריקאַנער חברים פון די זשורנאַלן „אינזל" און „פון צייט צו צייט" צו באַטראַכטן אונזער ווענדונג מיט דעם געהעריקן ערנסט און אַליין, צווישן זיך, זוכן דעם וועג אויף צו רעאַליזירן דעם פּלאַן וועגן שאַפן אַ שותפות'דיגן ליטעראַרישן זשורנאַל.

ווין, 7טן אָקטאָבער, 1925.

א. מ. פוקס,
משה גראָס.

II.

טייערע קאָלעגן פוקס און גראָס!

איבערגעלייענט דאָס ערשטע האַלבע זייטל פון אייער בריוו איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע. ווארים אַז די ויכוחים, אָדער ווי איר רופט זיי אויך, סכסוכים, וואָס זיינען די לעצטע צייט געפירט גע־וואָרן צווישן פאַרשידענע גרופּן פון אידישע שרייבער, זיינען נאָר טיילווייז געווען זאַכלאַכע, דאָס האָב איך אויך געפילט, נאָר אַז אָפּט זיינען זיי געווען אינגאַנצן פּערזענלאַכע, דאָס איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן חושד צו זיין אפילו. פּונקט ווי איך קען מיר נאָך איצטער ניט פּאָרשטעלן, אַז אייער קרייצצוג, ליבער גראָס, קעגן יענע אַלע נודניקעס, וואָס טראָגן אַריין מרה שחורה אין אונזער ליטעראַטור, זיינען ניט דיקטירט געוואָרן פון ליבע צום אמת און

דער אינזל

צו דער אידישער ליטעראַטור, נאָר פון עפּעס אַ פּערזענלאַכער קריוודע, וואָס איר האָט צו דעם אָדער יענעם גודניק.

ווען איך האָב אָבער געלייענט ווייטער און געזען, אַז אייגנטלאַך זיינט איר אויסן צו ברענגען שלום אין דער אידישער ליטעראַטור, צו שליסן אַ מין „בורג־פרידן" צווישן די שטרייטנדיקע צדדים, איז מיר אראָפּ אַ שטיין פון הארצן. וואָרים למען השלום דערלויבט מען זיך אַ סך זאַכן און ממילא מעג מען זיך אויך דערלויבן אַ שטיקל גוזמא און געוויסע ניט־פּינקטליכקייטן. בפרט נאָך ווען מען ווייזט ניט אָן, ווער, ווען און וואָס. און דאָס וואָס מען זאָגט סתם אין דער וועלט אריין קען פאַלן אויף אַלעמען און קיינעם ניט.

און למען השלום וועל איך דעם פּונקט אויך מער ניט באַרירן. כאָטש דעם אמת געזאָגט, הייב איך ניט אָן צו וויסן, צו וואָס עס איז נויטיק אזא „בורג־פרידן" אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי איר, ליבע חברים, שלאָגט פאָר. בורג פרידנס ווערן געוויינלאַך גע־שלאָסן, ווען עס איז דאָ אַ מורא פאַר אַ דרויסנדיקן שונא. אַקעגן אַ דרויסנדיקן שונא מוזן אַלע שטרייטנדיקע צדדים פון אַ געזעל־שאַפטלאַכן אָרגאַניזם אַרויסשטעלן אַ פאַראייניקטן פראָנט. איך זע אָבער ביי אונז ניט אזא דרויסנדיקן שונא, סיידן ווען מיר זאָלן האַלטן פאַר דרויסנדיק און פאַר אַ שונא דעם גרויסן אידישן עולם, און אַקעגן אים איז קיין תחבלה ניטאָ. ווייל אַנטקעגן אונזערע אַלע אויפטואכצן און פארזוכן קעמפט ער מיט דעם שטאַרקסטן כלי־זיין — גלייכגילטיקייט.

איך בין אָבער גרייט מיט אייך מסכים צו זיין, „פאָר דהי סייק אָוו ארגומענט", ווי דער ענגלענדער זאָגט, אַז אזא בורג־פרידן וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, בפרט נאָך ווען ער זאָל קענען פירן צו אַ בשותפות־דיקן ליטעראַרישן זשורנאַל, ארום וועלכן עס זאָלן זיך גרופּירן אַלע „שאַפערישע כחות" אין דער אידישער ליטעראַטור. איך וויים אַפילו ניט די גרויסע גוטסקייט וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען פון אזא בשותפות'דיקן זשורנאַל, וואָרים עס איז נאָך ניט באַוויזן געוואָרן וועלכע זשורנאַלן עס טוען מער אויף אין אַלע ליטעראַטורן: די דיקע, באַלעבאַטישע, וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט כל טוב, אָדער די דינע, מאָגערע העפטלאַך, וואָס האַלטן זיך נאָר אויף ליטעראַרישע מחלוקת'ן. דער דיקער זשורנאַל, וואָס פאַראייניקט אַלע, איז נאָר אַ געווינס פאַר דעם לעזער. אָבער אונזער לעזער איגנאָרירט אונז געגוג, אַז מיר זאָלן זיך מעגן דערלויבן אויך אים צו איגנאָרירן. איבריגענס, האָט ער די ברירה צונויפצובינדן עטלאַכע זשורנאַלן אין איינעם, און זאָל ער זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז איין איינציקער בשותפות'דיקער זשורנאַל.

איך בין אויך נאָך שטאַרק מסופק צי אזא זשורנאַל איז ווירק־לאַך אזא „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" ווי איר מיינט. וואָרים,

וואָס עס איז נוגע די פאַך־אינטערעסן פון דעם אידישן ליטעראַט, האָט אונז שוין די היסטאָריע באַזאָרגט מיט אַזאַ אָרגאַן אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער”, און די ערשטע דריי נומערן פון דער שיקאַגאָ׳ער „קולטור” ווייזען, אַז איר רעדאַקטאָר באַמיט זיך אויף אַן אמת צונויפצוזאַמלען אַלע שאַפערישע כחות אונטער איין דאַך. און מיר האָבן אויך „די צוקונפט”. און באַלד וועלן מיר אויך האָבן אַ נײַ זאַמל־בוך „שריפטן”. נאָר לאָמיר אָננעמען אַז נאָך אַ בשותפות׳דיקער זשורנאַל וואָלט געווען אַ וואוילע זאַך. וואָרים, ווי זאָגט דאָס ווערטל: גוטס האָט קיין שיעור ניט. וואָלט איך אָבער וועלן וויסן צוויי זאַכן:

ערשטנס, צי איז שוין געשאַפן געוואָרן יענער טריבונאַל, וואָס זאָל האָבן דאָס אויטאָריטיווע רעכט צו באַשטימען ווער עס גייט אַרײַן אין דעם רייסטער פון „שאַפערישע כחות” און ווער ניט?

און צווייטנס, אָנגענומען אַז וועגן דעם וועט מען שוין ווי עס איז אויסקומען, און אַלע וואָס וועלן פון אַלעמען אַנערקענט ווערן פאַר שאַפערישע כחות וועלן זיך אונטערשרייבן, אַז „דער אידייען־קאַמף וואָס מיר פירן היינט און וואָס מיר וועלן אויך ווייטער פירן אין דער אידישער ליטעראַטור, זאָל זײַן אַ פריינטלאַכער”. צי וועט מען דעמאָלט צוליב דעם וואוילזיין פון דער אידישער ליטעראַטור און צוליב די אינטערעסן פון כלל ישראל, וואָס דאַרף זיך שפּייזן אויף דער ליטעראַטור, מוזן זען דווקא „צו אַנטוויקלען דאָס וואָס איז פאַראַן ביי אַלע — דאָס פּאָזיטיווע, ווערטפולע”, אָדער וועט מען, אויף אַ „העכסט פריינטלאַכן אופן”, פאַרשטייט זיך, אויך מעגן אָנווייזן אויף דעם נעגאַטיוון, דעם פּסולת, דעם נישטיקן, וואָס איז אויך פאַראַן ביי אַלע אין אַ היפּשער מאָס?

אין אַנדערע ווערטער: צי וועט איר, ליבער גראָס, מוזן דווקא זוכן אַ שמץ פון טאַלאַנט ביי דעם אָדער יענעם שרייבער, אָדער וועט איר אויף אַ גאַנץ פריינטלאַכן אופן מעגן אָנווייזן, אָדער בעסער, ב אַ ו ו י י ז ן, אַז ער האָט גאָר קיין טאַלאַנט ניט?

מעגלאַך, אַז די אידישע ליטעראַטור אַלס גאַנצע איז אייך אויף אַזוי פיל ליב און טייער, אַז צוליב אירע אינטערעסן וואָלט איר אפשר אייגגעגאַנגען צו זײַן נאָר אַ „יאָ”־זאָגער. אָבער, גלויבט מיר, אַז איר וועט דערמיט דער ליטעראַטור קיין גרויסע טובה ניט טאָן. וואָרים, מיט אייער לעבלאַכער פּאָזיטיווער שטעלונג (און לעבלאַך וועט זי מוזן זײַן ווען איר האָט נאָר די מינדסטע באַציהונג צו דער ליטעראַטור) וועט איר פון קיין טאַלאַנטלאָזיקייט קיין טאַלאַנט ניט מאַכן. אין דער זעלביקער צייט אָבער וועט איר די אידישע ליטעראַטור באַרויבן פון אייער טאַלאַנט, וואָס איז דווקא צום שטאַרקסטן, ווען איר ווייזט אָן אויף דעם נעגאַטיוון.

און אגב, ליבער גראָס, צי האָט איר זיך ניט אַמאָל פאַרטראַכט פון וואַנען עס נעמט זיך צו אייך אַזאַ ליידנשאַפטלאַכע בייסיקייט

אין טאָן? האָט דאָס ניט צו טאָן דערמיט, וואָס איר האָט באמת ליב דאָס קינסטלערישע, אָרגאַניש לעבעדיקע — דעם פּראָדוקט פון אמת־שאפערישע כחות, און ביי אונז, אין אונזער ליטעראטור, איז אזוי זעלטן צו געפינען דעם דאָזיקן ארטיקל?

מיט ליבשאפט,

אייער

ר. איי זלאנד.

אין פאַרלאַג „אינזל"

א נייע אויפלאגע פון

הערמאַן באַנג'ס

ראמאן

אָן אַ פאָטערלאַנד

איבערזעצט פון ר. אייזלאנד.

שוין ערשינען

חיים קאַנטאָראָוויטש

אין ליכט פון מאַרקסיזם

פרייז $1.50

הויפט פארקייף

מאַקס נ. מייזעל

424 גרענד סטריט.

פערלשטיין און קאָם.

באַקאַנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאַק דעם רייכסטן און פאַרשיידנ־אַרטיקסטן אויסוואַל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאַבן פון אייראָפּע און אַמעריקע.
אָרדערס פּינקטלאַך און זאָרגפעלטיק אַטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.
200 East Broadway
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

סופרים פּרעס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.
"רוקט פון א קאַרטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי'ס בוך סטאָר

א גרויסער אויסוואַל פון אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער.
באַשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאַך און געוויסנהאַפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

די צווייטע אויפלאַגע פון

„אַ קאַריערע"

א באַנד דערציילונגען פון
אַלטער עפּשטיין
אויך

„דער הויקער"

א בוך דערציילונגען פון זעלבן שרייבער איז צו באַקומען אין טויבענשלאַג'ס בוך סטאָר.
239 איסט 12טע סט. און 2טע עוו.
ניו יאָרק
פּרייז פון יעדן בוך 1 דאָלאַר.

דר. ש. פּאַקס

דענטיסט
דאַון טאַון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.
אַפּ־טאַון אָפיס:
1490 קראָטאָנאַ פּאַרק

דר. אברהם אייסען

דענטיסט
423 גרענד סטריט
אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראָבערטס

(דר. גראָבאַרד)
דענטיסט
184 — 7טע גאַס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן אָרטשאַרד 6794

שוין ערשינען!

געזאַנגען פון אונזער דור

א באַנד לידער פון
י. גויכבערג.
פּרייז 1 דאָלאַר
צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען
הויפּט־פאַרקויף ביי:

B. CALFEN
1176 Columbus Ave.
Roxbury, Mass.

זאַקס און שטיינפעלד

יוניאָן פּרינטערס
12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן דריידאָק 0432

קאנאדא

פעריאָדיש-ליטעראַרישער זשורנאַל

רעדאַקטירט פון י. ראַבינאָוויטש און א. ש. שקאָלניקאָוו

אינהאַלט פון צווייטן נומער:

לידער — י. י. סיגאל
ווייבער (אַ שפּיל אין איין אַקט) ת. טאַלמאַטש
ליד — אשר ראַזען
לידער — אסתר סיגאל
ליד — אײדא מאַזע
בעטהאָווענ'ס סוד (סוף)—י. ראַבינאָוויטש
ליד — רבקה רויזענבלאַט
פילאָזאָפיע — דער אייביקער פּראַמעטע־אוס — א. אַלמי
פויגע לאַת די משוגענע (דערציילונג — אַגנעס קאָהן
לידער — ברוך קאַצענעלסאָן
Self-reliance (עסיי) — ר. וו. עמערסאָן
לידער — א. ש. שקאָלניקאָוו
בריוו פון ניו יאָרק — י. י. סיגאל
לידער — חיים קרול
ת. לייוויק (אָפּהאַנדלונג) — פעסיע כהנא
וועגן מינקאָוון — א. ש. שקאָלניקאָוו
מנורה זשורנאַל — י. י. ראַבינאָוויטש
רעזאָנאַנסן

אַבאָנענטן פּרייז: יערלאַך — $2.50
איינצעלנע נומערן — 25ס.

מיט רעדאַקציאָנעלע און געשעפט איינגע לעגנהייטן זיך ווענדן:
1102 City Hall Ave., Montreal

בלויז אַכט מינוטען צו קאָכען און די לאָקשען זיינען פאַרטיג!

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען

לאָקשען פאַבריק
171 לואיס סטריט

מצה פאַבריק
369־383 איסט 4טע סטריט

ניו יאָרק

דער אינזל

חודש זשורנאל

נומער 10. דעצעמבער, 1925

ר׳ אָשר כהנא, דראַמע פון ר. אַייזלאַנד;
לידער פון מאַני לייב, י. י. סיגאַל,
נפתלי גראָס, א. בערגער, און
יוליאַן טואווים; שרעק,
דערציילונג פון א. מ.
פוקס; פּאָעזיע
פון זישא
לאַנדוי.

25 סענט א נומער $2.50 אַ יאָר

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company
254 Henry St., New York

אדרעסירט אלע בריף צו:
Inzel Pub. Co., P. O. Box 25, Sta. B, New York, N. Y.

Price per year, $2.50 — 200 — Single copies, 25c.

די אַנטאָלאָגיע פון דער
אידישער דיכטונג אין אמעריקע
— פון —
זישא לאנדוי
מיט באַצירונגען פון ז. מאָוד.
פרייז 2 דאָלער.
צו באַקומען אין אָפיס פון „אינזל".

בלויז אַכט מינוטען צו קאָכען
און די לאָקשען זיינען פאַרטיג!

האָראָוויטץ בראָס. און מאַרגאַרעטען
לאָקשען פאַבריק
171 לואיס סטריט
מצה פאַבריק
383־369 איסט 4טע סטריט
ניו יאָרק

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 10. | דעצעמבער, 1925. | ניו יאָרק

ר. אייזלאַנד:

ר׳ אָשר כהנא

דראַמע אין פיר אקטן.

פּערזאָנען:

ר׳ אָשר כהנאַ.
חנה, זיין פרוי.
ביילטשע, דוד } זייערע קינדער.
שלמה.
זאַלקע, אַן אלטער בחור.
יאָסעלע, א אינגל אַ אידיאָט.
הערשל קראַדניס, א מלחמה גביר.
שלום וואָרענע.
פּנחס שמש.
בירגערמייסטער זאַסלאַווסקי.
שטעטלער פיליפּעצקי.
ערשטער באַלעבאָס.
צווייטער באַלעבאָס.
דריטער באַלעבאָס

אידן, אידענעס, שטעטלערס, קינדער שקצים.
אָרט: א קליין שטעטל אין גאַליציע.
צייט: ביים סוף און באַלד נאָכ׳ן וועלט קריג.

ערשטער אַקט.

אַ ווינקל אין אַ חרוב שטעטל. אין הינטערגרונט — חורבות פון הייזער, הויכע, פּוסטע קוימענס און בערגלאַך אַש, שטיינער און אַלטע ציגל. אין מיטן — אַ וועג פון רעכטס צו לינקס. אין פאָדערגרונט, רעכטס — אַ האַלב־אַיינגעפאַלענער מויער. נעהענטער צום פּובליקום אַ הויפן ציגל. לינקס — אַ פּוסטער פּלאַץ אָנגעוואָרפן מיט אַש, שטיינער און ציגל. אַ זוניקער פרימאָרגן.

זאַלקע, אַן אַלטער בחור מיט אַ פאַרברודיקט באַוואַקסן פּנים, פון וועלכן עס קוקן אַרויס הונגעריקע און דערשראָקענע אויגן. אויפ׳ן קאָפּ אַ זעלנעריש היטל אָן אַ דאַשעק. אויפ׳ן לייב אַ צוריסענע בעקעשע, דורך וועלכער עס זעט זיך אַרויס אַ האַלב־נאַקעטער פוס. די פיס באָרוועס און שוואַרץ פון בלאָטע. ער שטייט נעבן דעם הויפן ציגל, פון וועלכן ער גראָבט אויס אַ האַלב

דער אינזל

מירל פון אַן אויוועלע, אַ צובויגענעם טשוואַק, אַ שטיקל פֿאַרזשאַווערט בלעך און אַנדערע שטיקלאַך אַלטע אײַזען, וועלכע ער באַטראַכט און לעגט פֿאָרזיכטיק אַוועק נעבן זיך.

אויפ'ן פּוסטן פּלאַץ לינקס באַווייזט זיך יאָסעלע, אַ אינגל פֿון אַ יאָר פֿערצן־פֿופֿצן, מיט אַ קליין פֿאַרשמירט דאַר פּנימ'ל, וואָס קוקט אַרויס פֿון אַ היטל מיט אַ צולעכערטן בוידים. אויפֿ'ן לייב — אַ לאַנגער, ווייבערשער שפּענצער ביז איבער די קני, פֿון וועלכן עס קוקן אַרויס צוויי דינע פֿאַרבלאָטיקטע פֿיס. אין איין האַנט האַלט ער אַ שטיק שוואַרץ ברויט. אין דער צווייטער — אַ שטיק קאָלאַבס.

זאַלקע (דערזעט אים, לאָזט ער פֿאַלן אַ שטיקל אײַזן, וואָס ער האַלט אין האַנט און אײַלט אים אַנטקעגן): ברויט, יאָסעלע, ברויט? וואו'סטו גענומען?

יאָסעלע (דריקט צו דאָס ברויט און די קאָלבאַס צום האַרצן): מײַן ברויט, ניט דײַנס.

זאַלקע (מיט אַ פֿײַערל אין די אויגן): טאַקע ברויט? לאָמיך זען, יאָסעלע, וואָס האָסטו מורא? (נעמט אים אָן ביי אַן עלנבויגן.)

יאָסעלע (גיט אַ מאַך מיט'ן מויל ווי אַ הונט, וואָס וויל זיך בײַסן): מײַן ברויט, מײַנס, ניט דײַנס. דו!

זאַלקע (שטרעקט אויס איין האַנט צום ברויט): אַ קליין שטיקל, יאָסעלע, אַזאַ קליין שטיקעלע.

יאָסעלע: וויל ניט.

זאַלקע: האָב רחמנות, יאָסעלע, שוין צוויי טעג ניט געגעסן. צוויי טעג, יאָסעלע, אויף מײַן נאמנות.

יאָסעלע וויל זיך אויסרײַסן. זאַלקע דריקט אים פֿעסטער בײַם עלענבויגן.

יאָסעלע: אַי, אַי, מײַן האַנט. וואָס ווילסטו?

זאַלקע: ביזט דאָך אַ אידיש קינד. אַזאַ קליין פּיצעלע! שוין צוויי טעג ניט געהאַט אין מויל. צוויי טעג, יאָסעלע. און מען האָט מיך געשלאָגן. טריבולעץ. דער אַלטער טריבולעץ, אַ כאָלערע אויף אים. און מאַרטשין. דער ראַזבויניק מאַרטשין. זעסט? (ווײַזט אָן אַ בייל אויפ'ן שטערן. מיט אַ וויינענדיק קול): כאָטש אַזאַ פּיצעלע, יאָסעלע. ביזט דאָך אַ יתום און איך בין אויך אַ יתום. די איינציקע אידישע קינדער צווישן גוים און רשעים.

יאָסעלע (רײַסט זיך פֿון אים.)

זאַלקע: וועל איך דיר געבן אַ מעסערל. ווילסט אַ מעסערל? (זוכט מיט איין האַנט אין אַ קעשענע) ביזט דאָך אַ אידיש קינד און מיר שלאָפֿן צוזאַמען דאָרט הינטער דער וואַנט. און מען שלאָגט אונז. אָט האָב איך עס, יאָסעלע. (נעמט אַרויס אַ מעסערל פֿון קעשענע) זעסט?

י אָ ס ע ל ע (קוקט אַ ווײַלע אויפ׳ן מעסערל און דריקט נאָך פעסטער דאָס עסן צום האַרצן): וויל ניט.

ז אַ ל ק ע: ס׳האָט דרײַ קלינגעלאַך. דרײַ. זעסט? אײנס אַ גרויס און צוויי קלײנע. און אַ שערל אויך. (עפנט מיט׳ן מויל דאָס גרויסע קלינגל) כ׳על דיר ווײַזן ווי ס׳שנײַדט, ווילסט זען?

יאָסעלע פאַרקוקט זיך אויפ׳ן מעסערל. זאַלקע נוצט אויס די געלעגנהייט און וויל בײַ אים אויסרײַסן דאָס ברויט. יאָסעלע וועדט זיך און בײַסט זיך. ענדלאַך געלינגט דאָך זאַלקען אַרויסצורײַסן דאָס שטיק קאָלבאַס פון זײַנע הענט און ער אַנטלויפט.

י אָ ס ע ל ע (טופעט מיט די פיס ווי אַ קינד וואָס מען נעמט עפּעס צו בא אים און שרײַט): מײַן קאָלבאַס! מײַן קאָלבאַס! גימיר מײַן קאָלבאַס! אַ כאָלערא דיר, דו. (זײַן שרײַען גייט איבער אין אַ מרוקע. און אַזוי מרוקנדיק הייבט ער אָן בײַסן שטיקער פון ברויט. און מרוקנדיק פאַרקריכט ער הינטער דעם מויער).

מיט׳ן וועג פון רעכטס קומען אָן ר׳ אָשר כהנא, אַ איד אין די הויכע פערציקער, מיט זילבערנע פאַסן אין דער באָרד. זײַן פרוי חנה, און הינטער זיי — דוד און ביילטשע. ר׳ אָשר טראָגט אַ גרויסן פאַק אויף דער פּלייצע, פאַרבונדן פון פאָרנט בײַם האַלז, אַ קלײן פּעקל אין אײן האַנט און אַ שטעקן אין דער צווייטער. חנה, ווי ער, אויך מיט אַ פּאַק אויף דער פּלייצע און אַ פּעקל אין האַנט. דוד מיט אַ שווער רענצל אויף דער פּלייצע און אַ קלענער רענצל אין האַנט. הינקט אַ ביסל אונטער אויף אַ שטעקן. ביילטשע מיט אַ לײַכט ריזע־טעשל אין אײן האַנט און אַ זון־שירעמל אין דער צווייטער. ר׳ אָשר און חנה אין דער געוויינלאַכער טראַכט פון גאַליצישע אידן. דוד און ביילטשע אײראָפּײאיש אָנגעטאָן. בײַ דוד׳ן הויבט אָן שפּראָצן אַ בערדל.

ר׳ אָ ש ר (בלײַבט שטיין אין מיטן וועג און קוקט זיך אַרום): דאַכט זיך דאָ דאַרף עס ערגעץ זײַן.

ח נ ה: איך האָב מורא דו האָסט אַ טעות.

ר׳ אָ ש ר: איך האָב שוין גאַר נישט קײן טעות. אַז איך זאָג: דאָ, דאַרף עס זײַן דאָ.

ח נ ה: אָן וואָס דערקענסטו?

ר׳ אָ ש ר: איך האָב מיר שוין מײַנע סמנים. פאַר דער מלחמה אַז מען פלעגט אַרײַנפאָרן אין שטאָט, האָט מען פריער געמוזט פאַרבײַ די גמינע, דערנאָך ר׳ העניכ׳ס הויז, דערנאָך די פּאָסט. און אַנטקעגן איבער דער פּאָסט איז געשטאַנען אונזער הויז.

ח נ ה: ביזט טאַקע נערעכט. נאָר זאָג מיר, חכם מײַנער, וואו האָסטו געזען כאָטש אַ שפּור פון דער גמינע מיט דער פּאָסט מיט ר׳ העניכ׳ס הויז, אַז זיי האָבן געמאַכט אַזאַ חורבן פון אַלץ. (ווישט די אויגן).

ב י י ל ט ש ע (צו דוד'ן): און דאָ אהער האָט ער אונז פאַרשלעפּט!

ר' אָ ש ר (אויפגערעגט): אהאַ! עס הייבט זיך שוין אָן. זי ווישט שוין די טרערן און די פּאַניענקע פּאַרדרייט די נאָז. (לאָזט זיך גיין ווייטער מיט'ן וועג לינקס און פאַרשווינדט הינטער דער סעצענע).

ח נ ה (וואַרפט אַרונטער פון זיך די פּעק און לאָזט זיך צום פוסטן פּלאַץ): ער איז דאכט זיך גערעכט. דאָ דאַרף עס ערגעץ זיין.

ב י י ל ט ש ע (צו דוד'ן): וואָס האָבן זיי אונז פאַרשלעפּט אהער? ווי אזוי וועט מען דאָ לעבן אין דער וויסטעניש?

ד ו ד: אז זיי האָבן זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן, נאָר אהיים און אהיים. אזוי שנעל ווי זיי האָבן געהערט אז די רוסן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, איז גלייך „נאָר אהיים און אהיים“.

ב י י ל ט ש ע מיך נעמט אָן אַ שוידער. וואו וועלן מיר זיך דאָ אהינטאָן? וואו וועט מען איבערנעכטיקן?

ד ו ד (שפּאַסיק): נו, דאָס איז שוין ניט אזא אומגליק, שוועסטער לעבן. ס'איז שוין באַלד שבועות, די נעכט זיינען קורצע און מילדע, ס'וועט דיר גאָר ניט שאַדן ווען דו וועסט אפילו דאַרפן עטלאַכע נעכט איבערנעכטיקן אונטער'ן פרייען הימל.

ב י י ל ט ש ע (בייז): און דו שפּאַסט נאָך. דו זעסט דאָך אליין וואו ער האָט אונז פאַרשלעפּט.

ח נ ה (בלייבט שטיין נעבן אַ גרויסן שטיין און רופט אויס מיט פרייד): אָשר! אָשר! דאָ איז'ס טאַקע. דאָ, דאָ, דאָ! (טענצלט אונטער פאַר פרייד): דאָ, אָשר, דאָ, דאָ! (נעמט ארום דעם שטיין מיטביידע הענט, לעגט צו אים צו אַ באַק מיט ליבשאַפט): דאָ, דאָ, דאָ!

ר' אָ ש ר (הינטער דער סצענע): געפונען חנה? געפונען? (קומט אָן צו לויפן) נו, וואָס האָב איך געזאָגט?

ח נ ה: אָט איז ער דער שטיין. דערקענסט אים ניט? דאָ איז דאָך געשטאַנען די קיך:. (גלעט דעם שטיין ווי מען גלעט אַ ליב באַשעפעניש.)

ר' אָ ש ר: אהאַ! וואָס האָב איך דיר געזאָגט! זיינען מיר אין דער היים. נאָך אזוי פיל יאָרן אין דער פרעמד צוריק אין דער היים. (רייבט די הענט פאַר פרייד): דאָ איז געשטאַנען די קיך און דאָ די סאַלע, און דאָרטן דער אַלקער און ווייטער ארויף צום וועג... נו אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען!

דוד אוןביילטשע שטייען אין מיטן וועג ביי די פּעק, קוקן אויף די אַלטע און שמייכלען און רעדן צווישן זיך שטיל.

דער אינזל

ר' אשר: נו וואָס שטייט איר דאָרט קינדער? דוד! בייל־טשע! וואָס שטייט איר? ברענגט אהער די זאכן. מיר זיינען דאָך אין דער היים. (דרייט זיך אויף און אָפּ און רייבט די הענט פאַר פרייד. דוד און ביילטשע ברענגען די פּעק. מיט'ן וועג פון לינקס קומט אָן זאַלקע).

זאַלקע: אוי, וועמען איך זע! אידן! צוריק געקומען אידן! (מיט אַ קול וואָס לאַכט און וויינט): ר' אשר, חנה! דוד! צוריק־געקומען. (לויפט ווי אַ ווילדער פון איינעם צום אַנדערן און וויל זיי קושן די הענט פאַר פרייד).

ר' אשר: ווער איז דאָס?

חנה: דערקענסט אים ניט, אשר, ס'איז דאָך ז... זאַלקע, שפרה דער חזנ'טעס בחור. (צו זאַלקען): אַליין? און די מאַמע?

זאַלקע (וויינענדיק): געשטאָרבן. אַלע געשטאָרבן. (פאַרגייט זיך אין אַ שלוכצן).

פון הינטער דער מויער באַווייזט זיך דער קאָפּ פון יאַסעלע'ן. ביילטשע דערזעט אים און לאָזט אַרויס אַ קוויטש. יאַסעלע לויפט אַפּיר פון הינטער דעם מויער און אַנטלויפט.

חנה: און ווער איז דאָס?

זאַלקע: יאַסעלע. מירעלע וויינשענקערס יאַסעלע. משוגע געוואָרן. ווען די קאָזאַקן האָבן פאַרפּייניקט די מוטער איז ער משוגע געוואָרן.

חנה: אוי, מירעלע וויינשענקער פאַרפּייניקט? צום טויט?

זאַלקע: צום טויט. און דעם אַלטן ר' זלמן זילבערשטיין האָבן זיי געהאַנגען. אויף די רצועות פון די תפילין געהאַנגען.

ביילטשע (דערשראָקן): און דאָ אהער האָבן זיי אונז פאַר־שלעפּט.

(ר' אשר קוקט זי אָן מיט כעס).

זאַלקע (וויינענדיק): פון אַלע זיינען מיר געבליבן אַליין. איך מיט יאַסלען אַליין צווישן לויטער גויים. (וויינט זיך פאַנאַנדער).

חנה (גייט צו צו אים נעענטער): נו, שוין,! דאַרפסט ניט מער וויינען. וועסט ניט זיין מער אַליין. באַלד וועלען אַלע צוריק־קומען. וועסט מער ניט זיין אַליין.

דוד (צו ביילטשען): ווי דאָס זעט אויס!

ר' אָשר דרייט זיך אַרום איבער'ן פּלאַץ און מעסט אים מיט די אויגן און רעדט צו זיך אַליין זייער אויפגעהייטערט. זאַלקע הערט פּלוצים אויף צו וויינען, גייט צו צו חנה'ן און רוימט איר עפּעס איין.

חנה: די מינוט, די מינוט. וואו איז ערגעץ דאָס קלימעקל

דער אינזל

מיט'ן עסן, דוד? ער איז נעבאך הונגעריק. צוויי טעג שוין אין מויל ניט געהאט. אוי, ווי איז מיר. (נעמט זיך פארען צווישן די פעקלאך. פלוצלינג דערזעט זי, ווי מיט'ן וועג, פון לינקס, קומט אן פיליפעצקי, לאזט זי אלץ פאלן, רופט הויך אויפ'ן קול): פאן פיליפעצקי! פאן פיליפעצקי!

פיליפעצקי (פון וויטנס): זע נאר זע, ווער ס'איז דא. טאקע צוריקגעקומען. א, איר פאן קאהאנע! און איר קאהאנאווא. אט דאס איז גוט! ווען האט איר זיך אומגעקערט פאנאוויע?

ר' אשר: נאר וואס, ווי איר זעט, פאן פיליפעצקי.

פיליפעצקי: פיין, פיין. און דער זון אויך. און די טאכטער — או, א גאנצע פאניענקע געווארן. הע, הע. (צו ר' אשר'ן) און די איבעריקע? קלייבן זיי זיך שוין אויך צוריק?

ר' אשר: ווי דען? אלע קלייבן זיך אהיים. אזוי שנעל ווי מען האט געהערט, אז די רוסן האבן זיך אפגעטראגן, קלייבן זיך אלע אהיים.

פיליפעצקי: דאס איז פיין! איך האב אבער געזאגט צו אונזער בורמישטש: ווארט, פאן זאסלאווסקי, האב איך אים געזאגט. די וועלט גייט נאך ניט אונטער. די מאסקאלעס וועלן נאך האבן א מפלה. די אידן וועלן זיך אומקערן און דאס שטעטל וועט ווידער אויפגעריכט ווערן. (דערזעט זאלקען): און דיר זאלקע, וואס פלעג איך זאגען? נאר ניט געזארגט, פלעג איך אים זאגן. נאר ניט געזארגט. דיינע מענטשן וועלן נאך צוריקקומען און ס'וועט נאך גוט זיין. ניט אזוי, זאלקע?

זאלקע (שאקלט מיט'ן קאפ).

פיליפעצקי: נאר געליטן האט ער. אוי, האט ער געליטן. טע, טע, ניט נאר פון זיי, די מאסקאלעס, נאר אויך פון אונזערע, גאט זאל זיי ניט שטראפן. און א חתונ'קע האבן זיי דאס אפגעשפילט! שוין איינמאל א חתונ'קע. טע טע, איר זעט? (ווייזט אויף די חורבות): דאס איז אלץ זייער ארבעט. אלץ זייער ארבעט. געברענט, געבראטן. און פון אלץ געמאכט א תל. איינעם געשאסן, צוויי געהאנגען. און צוויי פון אייערע, ווי האבן זיי דאס געהייסן, די צוויי אלטע, די ברידער מיט די לאנגע בערד? געמוטשעט זיי אזוי לאנג ביז זיי האבן זיך אליין אויפגעהאנגען. אלע שבת פלעגן זיי נעמען די צוויי אלטע אידן און זיי איינשפאנען אין מיסט־וואגן און זיי פירן איבער'ן מארק. און די קאזאקן פלעגן צופן די בערד. און א טייל פון אונזערע פלעגן שטיין, קוקן און לאכן. גאט זאל זיי ניט שטראפן.

ר' אשר: פאן פיליפעצקי, ווייסט איר אפשר, וואו מען קען

דער אינזל

דערוייל קריגן א שטיקל דירה?

חנה: מיר וואָלטן אייך דאָס אייביק געדענקען.

פיליפעצקי: דאָס זעט איר, האָב איך מורא, וועט זיין שווער צו געפינען.

מיט'ן וועג קומען אָן צוויי שטעטלערס. איינער אַן אַלטער און דער צווייטער אַ אינגערער און אַ הויכער.

הויכער שטעטלער: זעט נאָר, טריבולעצ, וועמען מיר האָבן דאָ, די זשידקעס קומען דאָך צוריק.

אַלטער שטעטלער: וואָס דען האָסטו געמיינט, זיי וועלן נית צוריקקומען? פון הינט און זשידעס ווערט מען נית אזוי שנעל פטור, מארטשין.

הויכער שטעטלער: מען דאַרף זען, וואס זיי האָבן געבראכט. (ביידע פארנעמען זיך אויפ'ן פוסטן פּלאַץ) טאַקע צוריקגעקומען, הא?

ר' אָשר: אודאי! יעדן מענטש ציט צוריק צו זיין היים.

אַלטער שטעטלער: א הונט האָט אויך אהיים?

פיליפעצקי: שעמט אייך, טריבולעצ.

דוד: פארמאכט אייער חזיר'שן פּיסק.

אַלטער שטעטלער: און אז נים, דו הינטיש בלוט?

דוד: אז נים וועל איך אייך ווייזן, איר פארדאמטע מאָרדע.

הויכער שטעטלער: קוקט אים נאָר אָן, ווער עס רעדט. און ווער עס סטראשעט! (פארמעסט זיך אויף אים מיט די פויסטן).

פיליפעצקי (שטעלט זיך צווישן אים און דוד'ן) נאָר נים מיט קיין רוגזא, פאנאוויע. נאָר נים מיט קיין רוגזא.

אַ שייגעצל קומט אָן מיט'ן וועג, זעט די צוריקגעקומענע, לאָזט ער זיך לויפן צוריק

אַלטער שטעטלער: קום מארטשין. מיר וועלן זיי שוין ווייזן. מיר וועלען זיי שוין ווייזן. (נעמט אים אָן ביי אַן אַרבל און ביידע גייען אָפּ).

פיליפעצקי: נים געשראָקן זיך. נאָר נים געשראָקן זיך. זיי וועלן נים וואגן אייך אָנצורירן.

דוד איך האָב פאר זיי קיין מורא נים.

ר' אָשר: דו זיי נאָר נים אזא גרויסער חכם.

עס קומען אָן עטלאָכע שטעטלערס און יונגע שקצים.

ערשטער שטעטלער: זיי זיינען דאָך טאַקע דאָ. יאָק באָגא קאָכעם.

צווייטער שטעטלער: מיט אלע בעבעכעס צוריקגעקומען.

דריטער שטעטלער: און זעט נאָר דער וואריאַט איז דאָך שוין אויך מיט זיי.

ערשטער שטעטלער: אודאי, סוואַי דאָ סוועגאָ. (אַלע צעלאַכן זיך און קומען צו נעענטער).

ערשטער שטעטלער (גייט צו צום פּאק): עפּעס גוטע זאַכן מיטגעבראַכט?

צווייטער שטעטלער: גענוג אויף צו באַשווינדלען אַ וועלט.

פּיל.: האַלט דאָס מויל, מאַשעניק! פּאַן כהנא איז אַן ער־לאַכער אַבעוואַטעל.

ערשטער שטעטלער: וואָס מישסט דו זיך, פּיליפּעצקי?

פּיל.: איך וועל ניט לאָזן, אַז עמיצער זאָל זיי אָנרירן.

דריטער שטעטלער: אַזוי! איר וועט ניט לאָזן! ווער זיינט איר דאָס אַזוינס?

פּיל.: ווער איך בין? ווער איך בין איך וועל אייך באַלד ווייזן ווער איך בין. (גייט אָפּ האַסטיק).

די שקצים הויבן זיך אָן דרייען אַרום די פּעק. דוד טרייבט זיי אָפּ. די עלטערע מונטערן אויף די שקצים, זיי זאָלן צוריק צוגיין.

ר. א. (בעטנדיק): פּאַנאָוויע, וואָס האָט איר צו אַן אַלטן באַ־קאַנטן? איך האָב אייך ווען עס איז שלעכטס געטאָן?

ערשטער שטעטלער: ווער טשעפּעט אייך דען?

אַ שייגעצל שלעפּט אַרויס אַ מעשענעם לייכטער פון אַ פּעקל. דוד כאַפּט דעם לייכטער צוריק אַרויס פון זיין האַנט. אַ צווייטער שייגעץ הויבט זיך אָן דרייען אַרום די פּעק. ר׳ אָשר טרייבט אים אָפּ. די עלטערע שטעטלער טרייבן זיי צוריק און עס הויבט אָן ווערן אַ גערודער. פּיליפּעצקי קומט צוריק אַן אויפגעקאָכטער.

פּיל.: מאַרש פון דאַנען, זאָג איך אייך. מאַרש! מאַרש!

ערשטער שטעטלער: זעט נאָר ווער עס טרייבט אונז!

פּיל.: אַז שעמען מעגט איר אייך. איר אַלע. מענטשן קומען צוריק מידע, הונגעריקע, פאַרוואַגלטע און מען באַגעגנט זיי מיט אַזוי פיל שנאה. גאָט זאָל אייך נאָר ניט שטראָפן.

ערשטער שטעטלער: זע נאָר ווער עס נעמט זיך אָן גאָט׳ס קריוודע! האַלט בעסער אַן אויג אויף אייער שיינער פּאַ־ניענקע...

פּיל.: האַלט ס׳מויל, דו הינטיש בלוט! (פאַרמעסט זיך אויף אים מיט די פויסטן. עס קומט אָן בירגערמייסטער זאַסלאַווסקי).

בירגערמייסטער: וואָס טוט זיך דאָ, וואָס?

דער המון רוקט זיך אָפּ.

פיל.: געזעגן אזוינס! טשעפּען זיך צו שטילע פרידלאַכע מענטשן.

בירגערמייסטער (מיט כעס): מאַרש פון דאַנען! די מינוט, מאַרש פון דאַנען! אז ניט, לאָז איך גלייך רופן מיליציאַנטן. (דער עולם רירט זיך ניט) אָבער די מינוט, זאָג איך אייך! (הויבט אָן פייפן מיט אַ פּאָליציי־פייפל. דער עולם טראָגט זיך שנעל אָפּ.)

בירגערמייסטער: איר דאַרפט אייך גאָר ניט שרעקן, פאַן כהנא. עס וועט אייך דאָ גאָר קיין שלעכטס ניט געשען. קום, פּיליפּעצקי. (ער און פּיליפּעצקי גייען אָפּ).

דוד: אַט האָסטו דיר דיין היים, טאַטע. צווישן די רשעים ווילסטו דאָס צוריק אויפבויען דיין היים.

ר. א.: און דיינע ווינער דייטשלאַך זיינען בעסער? רשעות איז דאָ אומעטום.

חנה: און איך זאָג דיר, זון מיינער, אז נאָך אמאָל זאָלסטו ניט זיין אזוי היציק. דו זאָלסט דיך מיר ניט אָנהויבן מיט קיין גוים. הערסט? הענט האָט עשו שטאַרקערע פאַר דיר.

דוד: אודאי, אז אייך אַרט גאָר נישט ווען מען באַליידיקט אייך, ווען מען שפּייט אייך אין פּנים אריין.

ביילטשע: וואָס אַרט זיי דען יאָ, אבי זיי זיינען אין דער היים.

חנה: אויף דעם זיינען מיר דאָך אידן אין גלות.

דוד: אַנטלויפט מען פון גלות. ניט מען נייט זיך אין אים אויפס'ניי באַפעסטיקן.

ר. א. (קרימט אים נאָך): אזוי! אַנטלויפט מען פון גלות! אז נאָר אַ גאָטס שטראָף רוט אויף מיר. יענע האָט זיך איינגעליבט אין ווין אין טאָבאָר שטראַסע, מיט דעם בוידים־שטיבל און דעם ריח ניחוח; און דער האָט דערהערט אַ פּאָר דרשות פון ציוניסטלאַך, האַלט ער זיי אין איין איבערקייען ווי אַ מעלה גרה. — פון גלות אַנטלויפט מען ניט, תכשיט מיינער! פון גלות קען מען ניט אַנט־לויפן.

דוד: און איך וועל דיר ווייזן, אז מען קען יאָ.

ר. א.: אזוי! דו וועסט מיר ווייזן! מיט דיין אונטערגע־שאָסענעם פיסל אפשר?

ביילטשע צופט דוד'ן ביי אָן אָרבל, ער זאָל ניט ענטפערן.

חנה: ביסט אַ רוצח, ניט קיין טאַטע. לאָ די וואָס דאָס קינד איז געוואָרן אַ קאַליקע אין דער מלחמה, שיט ער אים נאָך זאַלץ אויף די וואונדן! וואָס קריגט מען זיך דאָ, וואָס? אז נאָט האָט געהאָלפן און מען האָט שוין ענדלאָך דערלעבט צו קומען אַהיים,

קריגט מען זיך. העלף מיר, אשר, בעסער צופאַקן די פּעקלאַך, וועט מען עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. (חנה נעמט זיך צעפּאַקן עטלאַכע פּעקלאַך, פון וועלכע זי נעמט אַרויס אַ טישטוך, אַ ברויט, אַ זעקעלע זאַלץ, עטלאַכע ציבעלעס, אַ רעטאַך, אַ קווערטל צום וואַשן, און עטלאַכע בלעכענע כלים.)

זאַלקע גייט צו צו איר און רוימט איר עפּעס שטילערהייט אײַן.

חנה: אוי, אַ קאָפּ! טאַקע שיער ניט פאַרגעסן. אָט שוין קריגסטו. (חנה שנײַדט אָפּ אַ שטיק ברויט און דערלאַנגט אים. זאַלקע קערט זיך אָפּ מיט'ן שטיק ברויט און קײַט אויף ביידע באַקן.)

חנה: נו, קומט איר אויך עסן. קום, אָשר! און איהר, דוד און ביילטשע.

ר. א.: איך וועל ניט עסן. איך בין ניט הונגעריק.

תנה שפּרייט אויס דאָס טישטוך אויף דער ערד און לעגט דאַרויף דאָס ברויט און די איבעריקע זאַכן. דוד לעגט צונויף עטלאַבע ציגל אין אַ שטויס און זעצט זיך אויף אים. ביילטשע זעצט זיך אויפ'ן שטיין.

חנה: זעץ זיך אויך אַוועק, אָשר! זאַלקע וועט ברענגען וואַסער, וועסטו זיך וואַשן און עסן.

ר. אָ.: ניין, איך וועל איצט ניט עסן. איך וועל בעסער אַרויסגיין איבער דער שטאָט און גיין זוכן אַן אָרט, וואו דערווײַל דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן; און בלי נדר מאָרגן פאַרטאָג, כעלות השחר, וועט מען אויפשטיין און זיך נעמען אָפּלייזיקן דעם פּלאַץ צום בויען.

ביילטשע: אודאי טרעפסטו שוין גלייך אַ דירה. האָסט דאָך געזען די אויפנאַמע, וואָס דו האָסט דאָ געקראָגן!

ר. א.: נאָר ניט געזאָרגט, טאָכטערשי. וועלט איז נאָך וועלט און די מענטשן זײַנען מענטשן. אפילו די גוים זײַנען אויך מענטשן, נישט קיין וועלף. נישקשה, אַז מען האָט געקענט לעבן צווישן זיי פאַר דער מלחמה, וועט מען איצטער אויך קענען לעבן צווישן זיי. עס וועט זיך נאָך געפינען אַ גוי, וואָס וועט פאַרדינגען אַן אַלקער. און אַז ניט וועט מען מיט אַ שייער אויך מוזן פאַר־ליב נעמען.

ביילטשע: אָבער צו וואָס האָט מען געדאַרפט די גאַנצע מעשה?

ר. אָ.: מען האָט געדאַרפט, טאָכטערשי, געדאַרפט. אַ מענטש קען ניט אַלעמאָל זײַן נע ונד אין דער פרעמד און ווערן אויסגעריסן. אַ מענטש מוז האָבן אַ היים.

דוד: יאָ, אַ מענטש מוז האָבן אַ היים. אָבער דאָ איז ניט אונזער היים. אַ היים, וואו מען איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, איז ניט קיין היים.

ר. אָ.: וואָס טויגן מיר דײַנע דרשות, דוד? אידן זײַנען

אַלעמאָל געווען אַרומגערינגלט מיט שונאים. דאָ איז געווען און דאָ וועט ווייטער אויך זיין אונזער היים. דאָ, צווישן די מענטשן, האָבן מיר געוואוינט, דאָ האָבן געוואוינט אונזערע טאַטעס און זיידעס און דאָ וועלן מיר, מיט גאָטס הילף, ווייטער וואוינען. די שנאה וועט ניט אייביק אָנהאַלטן און מיר וועלן זיך צוריק איינ־פונדעווען.

ב ײ ל ט ש ע: אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס, אַז מיר האָבן זיך געקענט גאַנץ גוט איינלעבן אין ווין! איך האָב גיזאַרבעט, דוד ווען ער איז אַהיים געקומען פון שלאַכטפעלד האָט געאַרבעט, און דו האָסט פון צייט צו צייט אויך עפּעס פאַרדינט.

ר. אַ. (אויפגעבראַכט): ווייסט אויפהערן, פאַניענקע מיינע, צי ניט? אַ גאַנצע צייט נאָר מען הערט פון איר דעם זעלביקן פּזמון: איך האָב געאַרבעט, דוד מיט'ן אונטערגעשאָסענעם פיסל האָט געאַרבעט... אַז איך וויל ניט איר זאָלט אַרבעטן אויף מיר. איך וויל ניט זיין אָנגעוויזן אויף קיינעם. מיט מיינע אייגענע הענט וויל איך פאַרדינען אויף מיין ברויט, און ניט אין דער פרעמד, נאָר דאָ. דווקא דאָ אין דער היים.

ב ײ ל ט ש ע: אַלץ איז ביי אים אַ היים!

ר. אַ.: נו, וואָס ווילסטו? זאָג, וואָס ווילסטו, פאַניענקע מיינע. ס'געפעלט דיר דאָ ניט? ווער האַלט דיך? נעם דיר דיין פעקל און פאָר צוריק אין דיין טאַבאַר שטראַסע. איך וועל בלייבן דאָ. און וועל דאָ זיכער ניט זיין אַליין. נישקשה! איידער מען וועט זיך אַרומקוקן, וועט דער גאַנצער עולם זיין צוריק. דער עולם קערט זיך שוין אום. איך בין אפשר דער ערשטער, אָבער זיכער ניט דער איינציקער.

ד ו ד: הלואי קערט מען זיך ניט אום צוריק. הלואי בויט מען מער ניט אויף די לויזיקע און פאַר'עיפּוש'טע שטעטלאַך, וועט מען זיך אפשר אַרומזען, אַז מען דאַרף האָבן אַן אמת'ע היים!

ח נ ה: וואָס טוט זיך דאָ, וואָס מען האַלט זיך נאָר אין איין קריגן?

ר. אַ.: דו הערסט דאָך אַליין, חנה. אים געפעלן ניט מער די פאַר'עיפּוש'טע שטעטלאַך. און די פאַרדריפּעטע אידן געפעלן דיר נאָך? און דיינע אייגענע טאַטע־מאַמע געפעלן דיר נאָך?

דוד לעגט אַוועק דעם ביסן פון האַנט און הויבט זיך אויף. ביילטשע דאָס זעלביקע. ר' אָשר דרייט זיך אום אַ בייזער אויף און אָפּ. זאַלקע גייט צו נאָך אַמאָל צו חנה'ן און וויל איר עפּעס איינרוימען.

ח נ ה: ניין, זאַלקע. מער קענסטו איצט ניט קריגן. מיר האָבן אַליין ניט. (זאַלקע בלייבט שטיין, ווי אַן אָפּגעשמיסענער און טראָגט זיך פאַמעלאַך אָפּ).

ר. אָ. (הויבט אָן מאַכן מיט'ן שטעקן צייכנס אויפ'ן פּלאַץ, ווי ער וואָלט אָנגעצייכנט עפּעס אַ פּלאַן. מאַכט מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט רעדן צו זיך אַליין. דערנאָך הויבט ער אויף אַ ציגל, גייט צו צום שטיין, שאַרט מיט דער האַנט אַוועק אַביסל אַש און לעגט אײַנ'ם גריבל אַרײַן דעם ציגל, וועלכן ער קלאַפּט צו מיט דער האַנט): אין אַ מזל'דיקער שעה!

חנה (צוריק פֿאַרבינדנדיק אַ פּאַק): אָמן, גאָטעניו!

פ אָ ר ה א נ ג

צ ו ו י י ט ע ר א ק ט

אַ קאַמער אין אַ שאָפּע פֿון ברעטער. אין הינטערגרונט, לינקס — אַ טיר, רעכטס — צוויי פֿענסטער, צווישן די פֿענסטער — אַ פֿיר־עקיקער שפּיגל. בײַ דער רעכטער וואַנט אַן אַלטע קאַנאַפּע. נענטער צום פּובליקום — אַ טיר, פֿאַרהאַנגען מיט אַ פֿאָרהאַנג. בײַ דער לינקער וואַנט — אָנגעפּילטע זעק, נענטער צום פּובליקום — אַ טיר. אין מיטן אַ טיש, צוויי בענקלאַך און אַ באַנק. אַלץ פֿון רויע ברעטער. טיר און פֿענסטער אין הינטערגרונט שטייען אָפֿן.

אַ זוניקער נאָכמיטאָג. דורך דער טיר און פֿענסטער זעט מען חורבות ווי אין ערשטן אַקט. נאָר איין חורבה איז באַדעקט מיט אַ דאַך פֿון ברעטער. דאָ און דאָרטן זעט מען אַ שאָפּע פֿון ברעטער און אָנגעוואָרפֿן געהילץ. אַלץ איז באַגאָסן מיט זונשײַן.

אין הינטערגרונט פֿאַר די פֿענסטער גייען פֿאַרבײַ: אַ יונג אין די בלויזע העמד־אַרבל, שטופּנדיק אַ טאַטשקע; צוויי אידן, וואָס שלעפּן אַ וועגעלע מיט האָלץ, און אַ אינגל און אַ מיטל־יעריקער איד, וואָס טראָגן אַ ברעט אויף די פּלייצעס. דאָס אינגל שטעלט זיך אָפּ

ד ע ר א י ד: ניט געשטאַנען, נח, ניט געשטאַנען. ס'ווערט שפּעט.

ד אָ ס א י נ ג ל: אז כ'קען ניט, טאַטע. ס'איז צו שווער.

ד ע ר א י ד: מען מוז אָבער קענען, נח. דער טאָג שטייט ניט. און מאָרגן שטעלט מען זיך בויען. (ביידע פֿאַרשווינדן).

נאָך צוויי אידן גייען פֿאַרבײַ. איינער מיט אַ זעג אויף דער פּלייצע, דער צווייטער אַ פֿאַרשטויבטער מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד.

ע ר ש ט ע ר א י ד: און וואו האָט איר געלאָזן דאָס הויז־געזינד, ר' זלמן?

צ ו ו י י ט ע ר א י ד: דערווײַל זיי געלאָזן אין קראָקאָ. מען מוז דאָך פֿריער אויסזוכן אַ דירה.

עס גייען פֿאַרבײַ אַ פּאַרטיע פּליטלינגען פֿון מענער, פֿרויען און קינדער מיט פּעק אויף די פּלייצעס, אויפֿס לעצט — צוויי אידן, איינער מיט אַ פּאַק, און איינער, קענטיק, שוין אַן אײַנגעפּונדעוועטער.

דער אינזל

איינגעפונדעוועטער: איז הייסט עס קערן זיך שוין אלע אום אהיים.

דער איד מיט׳ן פאק: און נאך ווי אומגעקערט! דער גאנצער וועג איז באדעקט מיט זיי. פונקט ווי דעמאלט, ווען מען איז אנטלאפן פון די רוסן. (פארשווינדן).

עס קוקמט אריין חנה א פארשמייעטע, און נאך איר — זאלקע, איינגעבויגן אונטער א שווערן זאק, און יאסעלע מיט א קויש אויפ׳ן ארעם.

חנה (גייענדיק פאראויס צו דער טיר רעכטס): אהער, דא. זאל־קע. דא מיט׳ן קויש, יאסעלע. (אלע דריי פארשווינדן אין דער טיר רעכטס).

פון דער טיר לינקס קומט אריין ביילטשע מיט צולאזט האר און גייט צו צום שפיגל. הינטער דער סצענע דערהערט זיך דאס זעגן פון א זעג, דאס פארן פון א וועגעלע און דאס קלאפן מיט האמערס.

א בייז קול פון הינטער דער סצענע: וואס שלאפסטו, זעליג. שנעלער, דער טאג שטייט ניט!

א צווייט קול: רחל לאה, דערלאנג מיר נאר די טשוועקעס.

דאס קול פון א אידענע: זאנוועלע, דערלאנג נאר דעם טאטן די טשוועקעס.

ביילטשע שטעקט ארויס א האלבן קאפ דורך א פענסטער און שמייכלט. יאסעלע, זאלקע און חנה קומען צוריק דער טיר רעכטס. אלע דריי לאזן זיך גיין ארויס. פלוצים בלייבט זאלקע שטיין און רוימט עפעס איין חנה׳ן.

חנה: באלד, באלד. באלד וועסטו קריגן עסן. מיין מאן וועט נאר אהיים קומען וועלן מיר אלע עסן ווארעמעס. דערווייל גייט ארויס און ברענגט אריין די פאר ברעטלאך. א סכנה צו לאזן אין דרויסן. עמיצער קען נאך צונעמען. דערנאך וועט איר צונויפלייגן די ציגל.

ביילטשע: שוין ווידער געקויפט ציגל, מאמע?

חנה: וואדען? מען דארף זיך דאך באלד נעמען בויען.

ביילטשע: און איך האב געמיינט, אז מיר האבן שוין ציגל פאר דריי הייזער.

חנה: רעדסטו דאך טאקע ווי א קינד. ווייסט דאך, דער טאטע וויל צוריק א גרויס הויז, אזא ווי פאר דער מלחמה. און טאקע אי״ה באלד נאך שבת בלי נדר שטעלט מען זיך בויען. שפעטער, זאגט דער טאטע, וועט מען קיין באלמעלאכעס ניט קריגן.

ביילטשע: אבער וואו וועט ער נעמען געלט?

חנה: זאל איך אזוי טאקע ניט וויסן פון קיין שלעכטס. נאר

דו קענסט דאָך דיין טאַטן. אַז ער זאָגט בויען, וועט ער אַ וועלט איבערקערן און אויספירן זיינס. איבעריגענס דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט אַן אויסזיכט צו קריגן געלט ביי הערשלען.

ביילטשע: ביי וועמען?

חנה: ביי הערשלען, ביי הערשל מלכה׳לעס.

ביילטשע: ביי הערשל קראַדניק? סאַראַ מחותן איז דער טאַטע מיט אים?

חנה: דו ווייסט דאָך, אַז מען דאַרף דעם גנב שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה. אחוץ דעם, איז ער גאָר נישט אַזאַ ווי דו מיינסט. אַ גוטער מענטש מיט אַ גוט אידיש האַרץ. טאַקע נאָר אים צו פאַרדאַנקען האָבן מיר שטיין דאָס ביסל קאַרטאָפל. (ווייזט אויף די זעק) און טאַקע נאָר וואָס האָט ער אונז באַזאָרגט מיט אַ זאַק היר̇זש און אַ קוישל פאַסאָליעס.

ביילטשע: זעסטו, מאַמע, און מיר געפעלט נישט זיין גוטסקייט. איך האָב מוראַ, אַז זיין גוטסקייט זאָל אונז צום סוף נישט צו־טייער קאָסטן. עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז פון אַזאַ מענטשן, וואָס איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אַזאַ...

חנה: מען טאָר ניט, ביילטשע, מען טאָר ניט רעדן קיין שלעכטס אויף קיין מענטשן. מילא וואָס אַ יונגער בחור האָט אַמאָל געהאַט אויף זיך עפּעס אַ חטא! ווען ניט ער, טאָכטערשי, ווייס איך אָסור ניט וואָס מיר וואָלטן געטאָן. אַ דאַנק אים קען דער טאַטע אַמאָל אַרויסגיין אין דאָרף און כאַפּן אַ פאַרדינסטל.

ביילטשע: מען האָט דאָס טאַקע נויטיק געדאַרפט. מיר האָבן דאָך טאַקע ניט געקענט בלייבן אין ווין, און ניט דאַרפן אָנ־קומען צו הערשל קראַדניק.

חנה: וואָס רעדסטו, קינד! מיינסט טאַקע, אַז ס׳איז אַזוי גוט צו וואַלגערן זיך אין דער פרעמד? אָט קומען זיי דאָך שוין אַלע צוריק. (דערמאָנט זיך אָן עפּעס.) ס׳וואַרט אויף מיר אַזוי פיל אַרבעט און איך שטיי דאָ און פּלאַפּל. (פאַרריכט זיך די פאַטשיילע און אײלט אַרוים).

ביילטשע גייט צו צום שפּיגל און מאַכט צורעכט די האָר. אין דער טיר באַווייזט זיך הערשל.

הערשל: גוט נ׳אָוונט!

ביילטשע (וואָס האָט אים ניט באַמערקט, דרייט זיך אום דער־שראָקן. דערזעענדיק אים פאַרנייגט זי זיך לייכט און ענטפערט אונטער דער נאָז): גוט נ׳אָוונט!

הערשל (קוקט זיך אַרום): ר׳ אשר אין דער היים?

ביילטשע (קוקנדיק אין שפּיגל אַריין): ניין. אין דאָרף.

דער אינזל

הערשל: נאָך נישט אהיים געקומען?

ביילטשע: נאָך נישט.

הערשל (נעמט ארויס אַ גאָלדענעם זייגער פון דער וועסטל־קעשענע און פאַרקוקט זיך אויף אים): און די מאַמע איז אויך נישט אין דער היים?

ביילטשע: זי מוז זיין ערגעץ וואו אין דרויסן.

הערשל: הם.

ביילטשע מאַכט אַ גרימאַסע, וואָס ווייזט, אַז זי איז ניט צופרידן, וואָס ער איז נאָך דאָ.

הערשל: איר ווילט זיין אזוי גוט און עפּעס איבערגעבן פאַר מיר אייער טאַטן?

ביילטשע: ביטע זייער.

הערשל: הם. זאָגט אים, אַז איך האָב שוין גרייט פאַר אים דאָס וואָס ער האָט געבעטן און ער קען שוין באַשטעלן די באַלמעלאָכעס.

ביילטשע (פאַרציט דעם שטערן): גוט. אזוי שנעל ווי ער וועט אהיים קומען וועל איך עס אים זאָגן.

הערשל (פאַרקנעפּלט זיך ווי צום אַוועקגיין. איז מיטן דערינען אָבער בלייבט ער שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין שאַכטעלע): איך האָב נאָר וואָס געקויפט עפּעס, וואָס וועט אייך זיכער געפעלן. איר וואָלט עס וועלן זען?

ביילטשע: וואָס זשע, איר דאַרפט מיין מבינות?

הערשל: ניין, ניט דוקא. נאָר איך מיין... אזוי... אַז אייך וועט עס אפשר זיין אינטערעסאַנט אָנצוקוקן.

ביילטשע: נו... יאָ.

הערשל גייט צו נענטער, עפנט דאָס שאַכטל און ווייזט איר אַ רינג מיט אַ בלישטשענדיקן שטיין. ביידע באַטראַכטן אים און זייערע קעפּ זיינען נאָענט. אין דער טיר באַווייזט זיך שלמה אין אַן אָפּגעטראָגענעם זעלנערישן מונדיר.

הערשל: איר קענט־אים אָנמעסטן אויף אַ פינגער.

ביילטשע (טוט אַ לייכטן צוק מיט די פּלייצעס): ניין, מען דאַרף נישט. (דערזעט שלמה'ן און רוקט זיך אָפּ. הערשל בלייבט שטיין אַ ווײַלע מיט אַן אָפן מויל, דערנאָך מאַכט ער צו דאָס שאַכטל, לייגט עס צוריק אין קעשענע אריין און קלייבט זיך צו גיין.)

הערשל: וועט איר, הייסט עס, שוין איבערגעבן אייער פאָטער, וואָס איך האָב אייך געזאָגט?

ביילטשע: יאָ, אזוי שנעל ווי ער וועט קומען.

הערשל: נו, אַ גוטן!

ביילטשע: אַ גוטן!

הערשל אָפּ. שלמה קוקט אים נאָך און זיין פּנים ווערט פינסטער.

שלמה: וואָס האָט ער דאָ געוואָלט?

בײלטשע: ער האָט געזוכט דעם טאַטן.

שלמה (קוקט זי אָן פאַרשנדיק): און וואָס האָט ער דיר געוויזן אַזוינס?

בײלטשע: אַ רינג.

שלמה: אַ שיינער רינג?

בײלטשע: יאָ. זייער אַ שיינעם.

שלמה: ער געפעלט דיר?

בײלטשע: ווער?

שלמה (פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט אַ ווײַלע): דער רינג.

בײלטשע: יאָ. זייער.

שלמה: הם. און ער?

בײלטשע: ווער?

שלמה: ער, ער. דער קראַדניק מיין איך!

בײלטשע (טראָציק): יאָ. ער אויך.

שלמה (מעסט זי אָפּ מיט די בליקן): זיכער?

בײלטשע: אוודאי.

שלמה: האָב איך, הייסט עס, געשטערט?

בײלטשע: יאָ, געשטערט.

שלמה: הייסט עס, אַז מער דאַרף איך ניט שטערן?

בײלטשע: אַזוי הייסט עס.

שלמה (קוקט זי אָן בייז און דערנאָך קומט ער צו נענטער): דו מיינסט עס טאַקע? (וויל זי אָנכאַפּן ביי דער האַנט).

בײלטשע (נעמט צו די האַנט): יאָ, איך מיין עס.

שלמה: גוט. (קערט זיך אָפּ און וויל גיין).

בײלטשע: וואַרט אַ ווײַלע. (שלמה קערט זיך אום און בלייבט שטיין).

בײלטשע: דו גייסט טאַקע?

שלמה: דו ווילסט דאָך איך זאָל גיין.

בײלטשע: יאָ. (ער לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, נאָר אין דער לעצטער מינוט פאַרלויפט זי אים דעם וועג און פאַרשטעלט פאַר אים די טיר): דו גייסט נאָך נישט!

שלמה (וויל זי אָפּשטופּן): לאָז מיך!

בײלטשע: ניין. ניט איצט. (נעמט אים אָן ביי אַ האַנט און ברענגט אים צוריק.) ביסט אַ נאַריש אינגל, שלמה! (צעלאַכט זיך). אָבער גאָר גאָר אַ נאַריש אינגל. (הויבט ביי אים אַרויף דאָס היטל און גיט אים אַ קוש אויפ׳ן שטערן. שלמה פאַלט צו צו איר ע הענט און קושט

זיי. זי רוקט זיך אָבער אָפּ.)

שלמה (פאַרדראָסיק): וואָס איז מיט דיר, ביילטשע?

ביילטשע: וואָס איז דען?

שלמה: וואָס ביסטו אַזוי... קאַלט צו מיר?

ביילטשע: ווייל איך קען ניט זיין וואַרים.

שלמה: ביילטשע!

ביילטשע: וואָס איז?

שלמה: פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט צו מיר?

ביילטשע: איך שלעכט?

שלמה: יאָ, קאַלט און שלעכט.

ביילטשע: איך בין ניט שלעכט, שלמה. איך בין נאָר אַביסל אַנדערש ווי אַמאָל.

שלמה: וואָס מיינסטו אַנדערש?

ביילטשע: איך מיין, אַז דו ביסט פאַר מיר מער ניט דאָס. וואָס אַמאָל.

שלמה: ביילטשע!

ביילטשע: וואָס איז?

שלמה: ס'איז נישט אמת. איך ווייס, אַז ס'איז נישט אמת. אַ מענטש וואָס שרייבט אַזוינע בריף קען נישט פּלוצלונג ווערן אַזוי ווי דו.

ביילטשע: דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל, אין די ערשטע יאָרן פון קריג, ווען איך בין נאָך געווען כמעט אַ קינד און האָב נאָר נישט פאַרשטאַנען, האָב איך געמיינט, אַז איך בין פאַר־ליבט אין דיר.

שלמה: און איצט?

ביילטשע: איצט בין איך מער נישט קיין קינד.

שלמה: ווי קענסטו זיין אַזוי שלעכט, ביילטשע?

ביילטשע: איך טו דיר גאָרנישט.

שלמה: ווי קענסטו אַזוי רעדן צו מיר? (סענטימענטאַל). איך האָב זיך שוין קוים דערלעבט צו קומען אַהיים כדי דיך צו זען. בין ניט געגאַנגען אַפילו פריער זען די מאַמע, נאָר בין גלייך גע־קומען צו לויפן אַהער. פרעג אַדרבא דיין דוד'ן. און דו ביסט אַזוי שלעכט. נאַ זע! אַט טראָג איך אַרום ביי זיך אַלע דיינע בריף און דיין בילד, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט אויפ'ן פראָנט. (צוקנעפּלט דעם בוזים און נעמט אַרויס פון אונטער'ן העמד אַ האַלב־צעריסענע פאָטאָגראַפיע און עטלאַכע בריף.) די גאַנצע צייט זיי געטראָגן ביי מיר, אַפילו אין די שווערסטע מינוטן זיך ניט געשיידט מיט זיי. (אין זיינע אויגן באַווייזן זיך טרערן).

דער אינזל

ביילטשע (גערירט): ביזט א גאָלד, שלמה. נו, גענוג, טייערער. (ווישט אים אויס די אויגן). גענוג, מיין טייער אינגל.

זאַלקע און יאָסעלע טראָגן אַריין אַ שווער קעסטל אין דער טיר רעכטס.

שלמה: און אַז מען האָט מיך דערנאָך טראַנספּערירט אויפ'ן מערב־פראָנט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה...

זאַלקע און יאָסעלע קומען צוריק. ביידע קייען אויף ביידע באַקן. אין דער טיר וואָס פירט צו דער גאַס דרייט זיך זאַלקע אום און שטעלט אָן אַ ביסטרן בליק אויף ביילטשען. זי גיט אַ ציטער.

שלמה: וואָס איז? וואָס האָסטו אַזאַ ציטער געטאָן? (קוקט צוערשט אויף דער טיר און דערנאָך אויף ביילטשען).

ביילטשע: גאָר נישט. (גיט ווידער אַ ציטער).

שלמה: אָבער וואָס?

ביילטשע: פאַרוואָס ביזסטו געקומען אהער?

שלמה: ביילטשע!

ביילטשע: איך האָב דיך פיינט. אייך אַלעמען פיינט.

שלמה: אָבער וואָס איז געשען?

ביילטשע: גאָר נישט. ס'איז גאָרנישט געשען. נאָר איך האָב דיך פיינט. איצט האָב איך דיך פיינט.

שלמה: וואָס האָב איך געטאָן?

ביילטשע: ווי דו באַגרייפסט נישט! דו האָסט מיר גאָר־נישט געטאָן. קיינער טוט מיר דאָ גאָרנישט. נאָר איך קען דאָ קיינעם ניט פאַרטראָגן און דיך אויך נישט. אין מיינע אויגן זיינט איר אַלע ווי אָט דער האַלב־פאַריקטער אַלטער בחור.

שלמה: ביילטשע!

ביילטשע: נו יאָ. וואָס ביזטו אין כעס? אפשר נישט אַזוי? ס'וועט אַוועק אַ וואָך, צוויי אָדער דריי, וועסט פון דיר אַרונטערוואַרפן די זעלנערשע טראַנטעס און ווערן אַ מענטש (שפּאַ־טיש) מיט לייטן גלייך. זיך פאַרלאָזן אַ בערדל און אפשר אויך אַ פּאָר פּאה'קעלאַך, ווי דוד און אַלע אַנדערע, זיך אַרומדרייען אין מאַרק און ווערן דער זעלביקער כניאָק ווי אַלע. אַ, ווי איך האָס אייך אַלעמען! (שאָקלט זיך אָפּ).

שלמה: אָבער דו ווייסט דאָך . . .

ביילטשע: יאָ, איך ווייס, דו האָסט מיך ליב. נו איז וואָס? הערשל קראַדניק האָט מיך אויך ליב, מאַכט חנ'דלאַך צו מיר, ווען ער דערזעט מיך אין גאַס, טוט דעם טאַטן טובות. האָ, האָ, נאָך וואָס פאַר טובות! און היינט איז ער מיר געקומען ווייזן אַ שיינעם רינג, וואָס ער האָט געקויפט... אפשר טאַקע פאַר מיר.

אפילו אַט דער וואַריאַט, זאַלקע, האָט דאָך מיך אויך ליב. יאָ! (צולאַכט זיך).

שלמה: ביילטשע!

ביילטשע: וואָס, דו גלויבסט נישט? (לאַכט.) האָסט גע־דאַרפט זען וואָס פאַר אויגן ער שטעלט אָן אויף מיר. ווי אַ חיה. ווייסט, אָפטמאָל דערפיל איך, אַז אָט וועט ער זיך אַ וואָרף טאָן אויף מיר, מיך אָנכאַפּן באַם האַלז און . . .

שלמה: אוי, איך קען נישט הערן...

ביילטשע: יאָ. וואָס האָסטו דיך אַזוי דערשראָקן? (מיט אַן אַנדער קול.) איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, טײלמאָל ווילט זיך מיר ער זאָל עס טאַקע טאָן. (שלמה ציטערט אויף.) זאָל כאָטש עפּעס דאָ געשען מיט מיר. איך ווער דאָ דערשטיקט. פון לאַנגווייליקייט דערשטיקט. אין ווין האָב איך געוואוסט אַז איך לעב. מען איז אַמאָל ארויסגעגאַנגען, געזען מענטשן, געזען שיינע גאַסן, גרויסע געשעפטן, געגאַנגען אין טעאַטער, און די מענטשן זיינען עפּעס גאָר אַנדערע. העפלאך, ציען די היט, פאַרנייגן זיך: „קיסע די האַנד", „ביטע שיין, גנעדיגעס פריילין", „ווי נעהט'ס, שיינער לאָקיגער קאָפּ?"...

שלמה: ביזט אַ מרשעת, ביילטשע.

ביילטשע: נו, בין איך.

שלמה: ביזט פאַריקט... ביזטו!

ביילטשע: ווי וואַגסטו דאָס?

שלמה וויל עפּעס ענטפערן. די ווערטער בלייבן אים אָבער שטעקן אין האַלז און אַן אויפגערעגטער לאָזט ער זיך צו דער טיר, וואו ער שלאָגט זיך אָן אָן דוד'ן.

דוד: וואָס איז? וואָס לויפסטו אַזוי?

שלמה: לאָז מיך, לאָז מיך.

דוד (פאַרשטעלט די טיר): אָבער וואָס איז דאָ געווען?

שלמה: לאָז מיך, זאָג איך דיר. (שטופּט אים אָפּ און לויפט ארוים).

דוד: וואָס איז דאָ געווען אַזוינס?

ביילטשע: וואָס האָט דען געזאָלט זיין?

דוד: איך מיין, פאַרוואָס איז ער עפּעס אַנטלאָפן?

ביילטשע: ווייל איך האָב געוואָלט ער זאָל אַנטלויפן.

דוד: איך פאַרשטיי דיך נישט, ביילטשע.

ביילטשע: איך ווייס, אַז דו פאַרשטייסט מיך נישט. קיי־נער פאַרשטייט מיך דאָ נישט.

דוד: אָבער וואָס איז דאָ פּאַרט געשען אַזוינס?

דער אינזל

בײלטשע: ס'איז גאָרנישט געשען. איך האָב אים בלויז געזאָגט, אַז איך האָב אים מער נישט ליב.

דוד: דו האָסט שלמה'ן מער נישט ליב? ווען ווילסטו אײַנרײַדן איך ווייס דאָך ווי דו . . .

בײלטשע: וואָס ווילסטו פון מיר, דוד?

חנה פאַלט אַרײַן אַ פאַרשמאַיעטע.

חנה: דער טאַטע גייט און דאָ האָב איך גאָרנישט אָנגעגרייט. אַז איך ווייס אָסור ניט וואָס פריער צו טאָן. (אײַלט אַרײַן אין דער טיר רעכטס).

דורך די פענסטער זעט מען ווי עס גייט ר' אָשר, אײַנגעבויגן אונטער אַ שווערן קאָרב, וואָס איז פאַרבונדן ביי אים אויף דער פּלייצע און מיט אַ קלענערן קויש אויפ'ן אָרעם. נעבן אים גייט אַ יונגערמאַן מיט אַ געל בערדל.

דוד: אָט אַזוי שלעפּט ער זיך אַרום איבער די דערפער מיט די קערב און פילט גאָרנישט ווי ער פאַלט מיט יעדן טאָג.

בײלטשע: וואָס אַרט עס אים? איז ער נישט מער ר' אָשר כהנא דער וואַלד־סוחר, נאָר אָשר דער דאָרפס־לויפער, אַבי ער איז אין דער היים.

ר' אָשר (אין דער טיר צו דעם יונגענמאַן): נו, שלום, אָפּגע־מאַכט? שותפות?

שלום: איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, ר' אָשר, ס'לוינט נישט. פאַר צווייען לוינט נישט.

ר' אָשר: וואָס, שלום, דיר שטייט טאַקע נישט אָן צו זײַן מײַן שותף?

שלום: זאָלט איר מיר געזונט זײַן, ר' אָשר. ס'איז דען אַ פראַגע פון אָנשטיין? ס'איז אַ פראַגע פון געשעפט. און איך מיין, אַז אַלס אַ געשעפט איז . . .

ר' אָשר: נו מילא. נישט איז נישט. וועסט אָבער חרטה האָבן, שלום.

שלום: זאָלט איר מיר געזונט זײַן, ר' אָשר, פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט באַרעכענען?

ר' אָשר: נו שוין, שוין. אַ גוטן!

קוקט אַרײַן אינוועניג און מאַכט הינטער זיך צו די טיר. חנה קומט אַרײַן און נעמט ביי אים צו דעם קויש פון דער האַנט.

חנה: וואָס פאַר עסקים האָסטו דאָס מיט שלום וואָראָנע?

ר' אָשר: ווער האָט מיט אים עסקים? עס האָט זיך נאָר געמאַכט צו קויפן אַ ביסל פלאַקס, האָב איך געוואָלט ווערן אַ שותף.

חנה: און אים שטייט נאָך נישט אָן?

ר' אָשר: וואָראָנע בלײַבט וואָראָנע. פון אַ חזיר־וויידל קען

מען קיין שטריימל נישט מאַכן. העלפט מיר ווער ארונטערנעמען דעם קאָרב פון די פּלייצעס. (דוד גייט צו און העלפט אים.) פּאַ־וואָליע, דוד, פּאַוואָליע. דאָרטן זיינען אייער. גיב אַכטונג זאָלסט נישט צעברעכן.

חנה: נו, האָט זיך כאָטש געלוינט היינט?

ר׳ אָשר: אַ דאַנק גאָט פאַר דעם. קיין גרויסע מציאות האָב איך היינט נישט איינגעהאַנדלט. אַז זיי ווילן גאָרנישט פאַר־קויפן.

חנה: וואָס־זשע האָסטו געקויפט? (קוקט אריין אין די קערב).

ר׳ אָשר: זעסט דאָך: עטלאַכע שאָק אייער, אַביסל ארבעס, אַ פּאָר פעלכלאַך פון קראָליקעס און . . .

חנה: און וועגן דעם האָט זיך געלוינט אויפצושטיין פאַרטאָג און זיך ארומשלעפּן איבער די דערפער?

ר׳ אָשר: נו, האָט זיך נישט געלוינט. וואָס זשע ווילסטו?

חנה: איך זאָג דען עפּעס?

ר׳ אָשר: אודאי זאָגסטו. איך פּלאָג זיך אָפּ גאַנצע טעג. שלעפּ זיך ארום פון דאָרף צו דאָרף, לויף אָפּ דאָס געזונט מיט׳ן לעבן, עס זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט די פּויערים, שטעל דאָס לעבן אין סכנה, און צום סוף אַז איך קום שוין אהיים געפעלט איר ערשט נישט.

חנה: גאָט איז מיט דיר, אָשר. ווער האָט דען עפּעס צו דיר?

ר׳ אָשר: ווער? דו און דאָס זונדל דיינס, און די פּאַניענקע. זע נאָר ווי דאָס קוקט אָף מיר. מיט וואָס פאַר אויגן דאָס קוקט אָף מיר!

דוד: אודאי געפעלט אונז נישט דיין שיינע פּרנסה.

ר׳ אָשר: זיי געפעלט נישט! אים געפעלט נישט! אדרבא, לאָמיך זען דו זאָלסט עפּעס אויסזוכן אַ שענערע!

ביילטשע: אַז מען האָט דאָס איינגאַנצן נישט גערדאַרפט.

ר׳ אָשר: איך וויים. (שפּאָטיש.) אַז מען האָט געקענט בלייבן אין ווין, וואוינען אין טאַבאָר שטראַסע און ארויסקוקן אָף דיינע פּאַרדינסטן, אָדער גאָר אָף די פּופּציק העלער קצבה פון דער רעגירונג.

דוד: זעסטו אַליין נישט, טאַטע, ווי דו פאַלסט מיט יעדן טאָג, אַז דו האָסט מער נישט וואָס צו טאָן, אַז גריליאָוו איז מער נישט דאָס וואָס פאַר דער מלחמה?

ר׳ אָשר: וואָס זשע ווילסטו, תכשיט מיינער?

דוד: איך וויל גאָר נישט. איך זאָג נאָר, אַז פאַר ר׳ אָשר

כהנא איז דאָ מער קיין אָרט נישטאָ, אַז היינט פירן דאָ די גרענדע אַזעלכע ברואים ווי הערשל קראַדניק און באַלד וועט שלום וואָראָנע שוין אויך זיין אַ שיינער באַלעבאָס.

ר׳ אָשר: אַזוי! טאַקע! און איך וועל דיר ווייזן, אייך אַלעמען ווייזן, אַז איך בין נאָך אַלץ ר׳ אָשר כהנא.

ביילטשע: מען זעט דאָך טאַקע! אַז אַפילו שלום וואָראָנע פּאַסט שוין נישט צו זיין דיין שותּף.

ר׳ אָשר: וועסט פאַרשטומט ווערן, דו חצופה דו!

לאָזט זיך צו איר מיט די פויסטן. חנה לויפט אונטער און כאַפּט אים אָן ביי די הענט. ביילטשע ווערט היסטעריש און לאָזט זיך לויפן צו דער טיר לינקס.

פּ אָ ר ה א נ ג.

מאַני לייב:

דריי לידער.

1

ווי די גאַנצע זון
פינקלט אין אַ קליינעם טראָפּן טוי —
אַזוי פינקלט אין מיין זעל
די גאַנצע וואונדערלאַכע וועלט.

נאָר מיין זעל איז פינצטער
אין איר אייגענעם כשוף,
און פון צופיל וואונדער
וואָס זי פאַרנעמט אין וואונדער.
איז וואָס קאָן איר צונג דערציילן —
איר וואָרט, איר שיכור׳ער גלאָק?

שלאָג דעריבער נאָר פונקען,
נאָר ניט קיין מילך און האָניג
פון האַרטן קיזלשטיין.

2

נישטיק זיינען מיינע טאטן,
אויפ׳ן ווינט ווי שטרוי.
אייגן בלוט האָב איך פאַרראַטן —
שנייד איך וואָס איך זיי.

קלייב איך שטעכעדיקע דערנער,
בינד זיי אויפ׳ן שניי.
ראָבען — לעסטערער און צערנער
שפּאַרען ריי נאָך ריי.

אויף מיין ערד פון די פיר איילן,
שוואַרצע, קומען זיי,
און מיין נישטיקייט דערציילן
אין אַ ווילד געשריי.

3

צו דער זון ניט דערגרייכט האָט מיין פליגל,
אין איר שטראַל האָב איך אבער געשטראַלט.
אויף דער ערד, ווי אין ליכט פון אַ שפּיגל,
איז אויף אייביק פאַרקריצט מיין געשטאַלט.

מיין געשטאַלט, ווי אַ שאָטן אַ דינער
פון מיין זון דורך די אָדערן ברענט:
אויגן — געפּל געזוניקטער, גרינער,
ווי אין חלום צוויי אינגלשע הענט.

י. י. סיגאַל:

פינצטער.

און מיר אַלע עפענען זיך אויף,
און נעמען אויף דיין ברכה און דיין ליכט,
און זאַפּן איין אין זיך
דעם זאַפט פון דיינע טעג און נעכט —
דעם ווייַן און סם און סוד.
און נאָכדעם מאַכן מיר זיך צו...

דער אינזל

בלאט צו בלאט בליט צו.
בלאט צו בלאט וועלקט צו.
שלאף וויגט אונז,
דרימל זשומעט און זינגט אונז צו.
נאכט פאר'חלום'ט אונז,
פאר'חלום'ט אונז
אין פינסערניש.

נאך גלוט און בלוטיקונג,
פארוועבט זיך
און פארמאכט זיך אונזער לייב
און אינ'ם לייב —
אונזער נשמה.
בלוט צו בלוט בליט צו.
חלום זשומעט און זינגט אונז צו.
טויט פאר'חלום'ט אונז
אין פינסטערניש.

עפנט.

ביי אונז איז תמיד אומעטיק,
אין שטוב, אין גאס.
און אנטלויפן קאן מען ניט,
און אנטלויפן טאר מען ניט.
ווייל פון אונזער אומעטיקער שטוב ארויס,
דורך דער ענגקייט פון אונזערע גאסן,
האבן מיר אוועקגעפירט מיט'ן שווארצן וואגן
אונזערע נאענטע,
די נאענטע און אומעטיקע.

ברייט איז צעשפרייט איבער'ן בית עולם דער הימל.
און די פליגל פון דער זון
איבער קברים און גראזן
און שוואכע ביימלאך.
קומען מיר אמאל אהין א קוק־טאן.

ביי אונז איז תמיד אומעטיק.
און א געבעט פליסטערט אין אונז,
ווי א יונגער קראנקער פויגל:

עפנט מיר די וועלט,
עפנט מיר די וועלט.

טראָפּנס טויטע קעלט טריפט איבער מיין האַרץ
קאַלטער בלייַ בלענדט מיין בליק.
עפנט מיר די וועלט,
עפנט מיר די וועלט.

ווי שניי.

מיט מיין טיפן פיין אין זיך, צו זיך אַליין,
בין איך געבליבן אין מיין גרויסן סוד פאַרשלאָסן, קליין.
און ריין.

אויפגעהויבן האָט זיך מיר אַ חלום פרי און יונג.
אָפּגעבליט און שטום אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.
בין איך קליין געבליבן צווישן שטילע מענטשן אויף דער ערד.
באַשערט.

וואו איך זאָל זיך ניט דערשלעפּן שוין — אַלץ איינס.
אויף מיין האַרץ אַ קילע שטילקייט. און אין מיין זין
ווייסער אַש ווי שניי דעקט צו פאַרהילט אַלץ ייִדיש, דין.
רואין.

דורכ'ן דורכזיכטיקן אַש שייַנט נאָר פאַר מיר אַליין
אַ פאַרגליווערט שווייגן ווי אַן אויסגעלאָשן ליכט.
איך דערמאָן זיך זאַכן: אומגעריכט... געריכט...
אַן אויסגעלאָשן ליכט.

ברענג.

מיינע פענסטער, מידע נאַכטיקע,
שלאָפן זיך נאָך אויס.
קאַלטער האַפן, כמורנע וואַסערן,
שיילן זיך פון אינדערפרי אַרויס.

שטום מיט עלנטקייט. כמורנע וואַסערן
ליגן ביי אַ וואַכעדיקן ברעג.

דער אינזל

מיינע אויגן, מידע, נאכטיקע,
פון פוילנדיקע טעג.

שיק ארוים דיין זון אויף מיינע וואסערן,
צינד מיין האפן אָן מיט מאָרגנליכט.
ברענג די שיפן די פארבלאָנדזשעטע,
אין מיין מאָרגנליכט.

נאָכדעם.

נאָך דיין שווערער שטראָף אויף מיין לייב,
ברענג ליבשאפט כאָטש אויף איין מינוט.
עפן אויף די טויערען צו דער וועלט פאר מיר,
מיט ליבשאפט כאָטש אויף איין מינוט.
אין ווייט־פארגראָבענער זינד
וואָס איך דערקען שוין קוים,
נעם איך אָן פאר ליב די שטראָף
און — לייד.
אונטער דיין צאָרנדיקער האנט שרומפ איך איין
ביז צו דער פינסטערער ערד.
נאָר — נאָכדעם,
קום א פרידלאָכער צו מיר
און פיר מיך פאר'ן האנט אין דער וועלט אריין
און לאָמיך זיין אין הויז פון דיין וועלט
צווישן אלעמען,
אָן איינענער.
א נאָענטער.

זיי שטעכן דורך.

זיי שטעכן דורך דורך מיינע רויע ווערטער
די דערנער מאָכיק־גרוי און דאַר.
און אויף די שאָטנדיקע וועלק־בלעטער פון אומעט
פארזיגלען זיי מיט טראָפּנס בלוט און צער.

אין מיר — א לעבן א צעשלאָגנס, חרוב'ט.
נאָר קינדיש איז דאָס וואָרט און אזוי קליין.
דערציילט, דערציילט און קאָן אלץ ניט דערציילן,
דערציילט און מען קאָן אלץ ניט פארשטיין...

דער אינזל

וואָלקנס גייען אין די רויע טיפעניש
די טרער איז קינדיש ווי דאָס וואָרט איז קליין
דורך איר קלאָרקייט און איר וואָרקייט זעסטו...
זעסט און זעסט און קאָנסט נישט אַלץ דערזען...

אַנטלויפט, אַנטלויפט פון מיר צופלאָמטע ווערטער.
און דערנער, מאָכיק־גרוי און דאַר, אַנטרינט.
איך וויל פאַרפאַלן ווערן אין מיין שטראָף אַ שטומער,
איך וויל פאַרלאָרן גיין אין גרוב פון מיינע זינד.

אָנגעשפּאַרטע נאַכט.

אין רויען פיין מיט מיר,
אין ענגער קאַלטער פרעמד,
איז אונזער קליינע שטוב,
פאַראיינזאַמט און פאַרשעמט.

אַ בלינדע שעה האָט אונז
פון אומגליקליכן וועג,
געפירט ביז אָט־דער שטוב,
מיט טרויעריקע טעג.

האָסטו אַ קינד געהאַט,
האָסטו זיך ניט געפרייט.
אַ קוק־געטאָן אויף דעם
צעוויינט זיך שטילערהייט...

כ'בין ביי דיין קראַנקן בעט
גִעזעסן שטום, געוואַכט.
אָן וואַנט פון אונזער שטוב,
האָט שווער זיך אָנגעשפּאַרט
שטיינעריק און שוואַרץ
די טויטע נאַכט.

אַלטע מעשה'ס.

אַלטע מעשה'ס.
פון גוטע אידן, דאָרפסלייט, פישערלייט
פון אַלע לענדער, פון דער עלטער־צייט צעבליען זיי.

דער אינזל

האָב נאָר אַ גוטע פרידלאַכע מינוט,
און זיי קומען אָן צו דיר,
און זיי דערציילן זיך אַליין.

איך ווייס, איך ווייס,
מורא, ווייטיק סם׳יקער,
האָט מיד און בלינד געמאַכט דיין אויג.
חורבן האָט דיין געמיט אָרונטערגעוואָרפן.
דיין מידער פּנים ציט זיך דורך די װאונט־נעצן
אין אַ לאַנד וואו ס׳האָט געקינדיקט נאָענטקייט.

און —
עס שווימט אַרויס אַ שטיק ערד אין ווייט ערגעץ פון וועלט
אַ שמאָלער בריקל ווינט זיך ציטערדיק איבער אַ טייך.
אַ שטוב, אַ קו, אַ קינד אויף געלן זאַמד
און די זון.

און — מאַמעס עלטערע,
און אידן מיט ווייסע בערד.
(אַ, וויפיל געטלאַכע באַהיטונג.)
און זיי דערציילן זיך אַליין —
אַלטע מעשה׳ס פון גוטע אידן, דאָרפסלייט, פישערלייט
פון אַלטער צייט און פון ווייטע לענדער.

ליכטיקייט.

פאַרגעפילן העלע, קלאָרע פאַרגעפילן.
שוועלן איבער שוועלן וועל איך איבערשפּאַנען.
ביז איך וועל דערגרייכן דיין באַלויכטן שטיבל,
אין אַ שטילן װאונט אין אַ שטילן גאָרטן.

ווי די ריינע שטילקייט אין דיין װאונט־גאָרטן,
וועט די טיר זיך פון דיין שטיבל עפענען.
מיר אַנטקעגן־קומען מיט אַ פריינטלאַך פּנים,
מיר פאַרבעטן ביי דיין טיש זיך זעצן.

אַלץ און אַלץ וועל איך דיר אויסדערציילן.
מיט אַ פריי געמיט וועסטו מיך הערן:

אָט אַזוי בין איך אין פּיין געגאַנגען
און בין איצטער צו דיין שטוב געקומען.

און איך וועל דיך בעטן: עפן מיר דעם אַלקיר,
וואו מיין קינד טוט שלאָפן זינט ס'איז מיר פאַרלאָרן.
וועסטו נעמען מיך ביים האַנט, מיך פירן.
און אַ קרוין פון ליכטיקייט,
וועט אונזערע קעפ באַלייכטן.

די שעפעלאַך פון אָוונט.

דער הייסער תמוז איז געפאַלן
מיט רייפע גלוסטן אויפ'ן פעלד.
און אויפגעזוניקט האָט דאָס קאָרן
און בלענדט מיט זאַטן גאָלד און קוועלט.

די שעפעלאַך פון אָוונט ליגן
ביים ברעג פון טאָג,
שטילע, שטיל.
די שעפעלאַך פון אָוונט ליגן
ביים שאָטן פון דער וואַסער־מיל,
און רוען.

וועט נאָר די הייסע זון אַראָפּגיין
וועט אָפּקילן דאָס גאָלד פון פעלד.
ווי פרישע וואַסער וועט זיך טונקל
אַ ווינט אַ וויי־טאָן אין דער וועלט.

די שעפעלאַך פון אָוונט וועלן
אַרויסגיין, שטיל,
איבער'ן פעלד.
און די לבנה וועט אַרויסגיין
און גיין מיט זיי איבער'ן פעלד,
און לייכטן.

א. מ. פוקס:

שרעק

— סראָל־עלי, וואו ביסטו ערגעץ? סראָל־על־יי־י!

אַלע מאָל, ווען די אידענע האָט זיך באוויזן, אָנגעבויגן אין סאַזשיקן קיך־ווינקל, אָנפילנדיק דעם חלל מיט איר גאַנצער אָנגעפּעלצטער שמאַטיקער ברייטקייט, האָט זי דערזען דעם גרויסן שטינקענדיקן ציבער, פול מיט'ן אויג, אָנגעפילט העכער פון די ברעגעס מיט שוואַרץ־פּעטיקע געזאַלצענע פּאָמיניעס. האַלבע אייער־שאָלאָכץ זיינען, ווי קליינע שיפלאַך, ארויסגעשוואומען פון אויבן, און כאָטש דאָס ווייב האָט געוואוסט, אַז דער מאַן אירער ליגט קראַנק אין בעט, האָט זי אים פונדעסטוועגן גערופן מיט אַ קול אַ ברייטלאַכס, אַן איינגעגעסן־גלייכגילטיקס:

— סראָל־עלי! טראָג ארויס דעם ציבער! זי נאָר אַ ציבער, סראָל־עלי! נו זשע! האַ?

דאָס פאַרשמירטע, טייניק־צעגאָסענע פּנים, מיט די גראָע האַרטע, ארויסקריכנדיקע האָר פון אונטער דער אידענע'ס פּאַטשיילע איז געווען ווילד־פּרעמד, משונה'דיק דערווייטערט, און די דריי שוואַרצע הערלאַך, וואָס האָבן געשפּראָצט אויפ'ן וואָרצל פון איר געמבע, האָבן סראָל־עלי'ן ווי שפּיזלאַך געשטאָכן אין די אויגן.

פון דער אָפּגעריבענער הרובע, וואָס דער בלאָער קאַלך איז געווען שוואַרץ פון פּעטקייט, האָט געזעצט די אָנגעהייצטע וואַרימקייט מיט זאַטער, געדיכטער פּריילאַכקייט. געבראָטענע ציבעלעס האָבן שאַרף געשמעקט, זינגענדיק געפּרעגלט זיך, און די ניי־מאַשינען האָבן היל־כיק געטומלט, געקלאַפּט באַשעפּטיקט און גיך־איילנדיק. ווי תמיד האָבן די ברייטע, הויך־ברוסטיקע, גערויטלטע טעכטער סראָל־עלי'ס ביי דער אַרבייט געלאַכט, געקוויטשעט. מיט שטיקלאַך ווייסן פּאָדים אין די צעפּאַטלטע האָר, האָבן זיי זיך געהוידעט די פיס, געזונגען ליד־לאַך און געגעסן פון גרויסע פאַרענדיקע שיסלען. נאָר ער, סראָל־עלי דער בעדער, איז געלעגן אַ פרעמדער אין שוואַרצלאַך־קויטיקן בעט, דאָס קורצע שוואַרצע איבערבעט ווי אַ פּאַס איבער זיך, די יאַרמולקע אָנגערוקט איבער'ן שוויצנדיקן שטערן און דאָס ווייסלאַך־גראָע בערדל זיינס האָט, ווי אַ פאַרוויאַנעט בלאָטיק קרענצל היי, ארומגעזוימט

זיין לאַנגע אַרויסשטעקנדיקע נאָז, שאַרף און קנאָכיק ווי אַ צוגעשפּיצט מעסער.

ער האָט געקרעכצט שטיל, אין זיך אַריין, אָן אַ קול, מיט דער שווערער, שטומער טרויעריקייט פון חולאים, וואָס דערפילן זיך פּלוצלינג אומפאַרשטאַנען און פאַרלאָזן פון גאָט און מענטשן.

— אָ, טאַטע דערבאַרעמדיקער! שווער, זייער שווער קאָנסטו פּרוּווען אַ באַשעפעניש.

געדאַכט האָט זיך אים, סראָל־עלי'ן, אַז עפּעס אין בויך טוט אים וויי. ס'דריקט דאָרט עפּעס אַ שווערע, שטומפּיקע זאַך, אַ שטיק אייזן, אַ שטיין אַפּנים. ער האָט ניט געוווּסט אויף זיכער, וואָס עס פעלט אים, און צי ס'פעלט אים טאַקע עפּעס. אָבער די דאָזיקע אומזיכערקייט האָט באַשאָטנט זיין געמיט מיט שווערער שרעק, מיט אַ וואָלקן פון פינסטערער אומרוה. דאָס קבצנות האָט אַלע יאָרן, ווי אַ רויך וואָס פאַרטרייבט פליגן, ניט צוגעלאָזט קיין חולאת'ן צו אים, סראָל־עלי'ן. נגידים קענען קרענקען, זיי האָבן פאַר וואָס, זיי זיינען מבינים אויף דעם באַזונדערן נחת'דיקן טעם פון דעם ווייכן פּיעסטשען זיך פאַר זיין ליבן גאָמען. אָרעמע לייט אָבער, האָבן ניט קיין צייט און קיין געלט צו קרענקען. זיי האָבן ניט קיין חוש פאַר דעם ריח פון פּוילעניש, פאַר דער בייזער שאַרפקייט פון די קראַנקע און פאַר דער שיינער איידלקייט, וואָס וויאַנעט אויפ'ן אָטעם פונ'ם פאַרגיין.

אַצינד אָבער איז ער, דער אייביקער קבצן, געוואָרן אַ נגיד. ער, סראָל־עלי דער בעדער. דאָס געלט איז צוגעשוואומען, קיין עין הרע, פון אַלע זייטן, דער ריוח האָט זיך געמערט, די גוי'אישע זעלנער מיט די לעדערנע גאַרטלען אויף די צעפּליקטע מאַנטלען האָבן ביי אַלע אידן געראַבעוועט, אַלצדינג צוגענומען. צו סראָל־עלי'ן האָבן זיי געטראָגן לייזונג, פאַרדינסט. אַ, ווי רואיק איז געווען דער ווערטלדיקער קלוגער מח, ווי פריילאַך אויפגעלעבט דאָס האַרץ דעמאָלט, ווען ער, סראָל־עלי, איז געזעסן אויף דער זוניקער שוועל פון דער באָד און געבונדן בעזימלאַך פאַר די באַלעבאַטים, און ווי טרויעריק און פאַראומערט איז היינט דאָס געמיט, טאָמער געשעט עפּעס, חלילה, אַן אומגליק, אַ צרה. מ'קען עפּעס וויסן? דווקא אַצינד, ווען מ'קאָן שוין רואיק און נחת'דיק אָפּלעבן די פּאָר יאָר, גראַד אַצינד דאַרף ער ניט־געזונט ווערן. די שרעק פאַר דעם קרענקען האָט אים קראַנק געמאַכט, סראָל־עלי דעם בעדער:

— ניי נעם און שטאַרב אַקוראַט אַצינד, ווען אין שטוב איז דאָ פון אַלע גוטע זאַכן, פון כל טוב, קיין עין הרע. מען קאָכט און

דער אינזל

מען באַקט און דאָס בעקל גנעלט אין קופּערט וואַקסט, ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער, אָנגעשוואָלן. ס'אַ גוטער טעם צו ליגן אין דער ערד דווקא אַצינד. ס'גייען אַרום אונטערגענג, כאָליערע, טיפוס, אידן שטאַרבן גיך און געשווינט און מ'טראָגט אַלע טאָג אַרויס די מתים. קליינע שיטערע לוויות שווארצן זיך פּלוצלינג אויף דער ווייסלאַכער פלאַך פונ'ם שניי, גיך־לויפנדיקע, אָנגעבויגענע אין איילעניש. און שוין ליגן אין די שטיבער נייע מאָגערע מתים, אָפּגעהויבענע אויף דער ערד, אויף דריי שטרוי, איין לייכטער צוקאָפּנס און דאָס אַנדערע ליכטל שטעקט אין אַ פלאַש.

מ'זאָל כאָטש אים, דעם שלאָפן, קומען מבקר חולה זיין. דאָס ווייב זאָל כאָטש פרעגן וואו ס'טוט אים וויי, די טעכטער זיינע, די ברייט־היגטנדיקע שניידער־מוידן, זאָלן כאָטש וויינען:

— ט־אַ־ט־ע, ט־אַ־ט־ע, דו שטאַרבסט, ווייי איז אונז, טאַ־ט־ע!

ס'זאָל כאָטש אימיצער צוקומען צום בעט און זאָגן: נאַסערו־טעבי, סראָל־עלי!

אַזוי האָט ער געקלערט, געבאָדן אין אנגסט־שווייס. אַ באַרג שרעק אויפ'ן האַרצן, אָבער אַלץ חכמה'דיק. געהערט האָט סראָל־עלי, אַז צום לאַנגן הערש, דעם חולה מסוכן, האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם קאָזלאָווער דאָקטאָר. סראָל־עלי האָט געגרעדט, ליגנדיק אין בעט, גע־בייזערט זיך, געשריגן:

— סטייטש, גזלנים, רוצחים, דער דאָקטאָר איז דאָ! וואָס גייט מען ניט און מען ברענגט ניט צו אים דעם דאָקטאָר! וואָס לאָזט מען אים שטאַרבן! נו, הא? ווער איז גערעכט? האָב איך ניט געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין ווייב און איך האָב נ קיין קינדער? אַז זיי מעגן איינגעזונקען ווערן אַלע אינאיינעם... אָ האָסט דיך מוידן! האָבן זיי ניט ... – ...סגערונגען ווערן ביי דער מאַמען אין בויך? וואָס טויג זיי אַ טאַטע? איי, איי, איי!

דאָס קלאַפּן פון די ניי־מאַשינען האָט פאַרשלונגען זיין קול. די קוויטשענדיקע געלעכטערס האָבן פאַרטויבט זיין קרעכץ. מען האָט אים געהערט ווי דעם רב, דעם טאַטן. פּלוצלינג אָבער איז ער אַרויסגעקראָכן פונ'ם בעט, סראָל־עלי, אָנגעטאָן זיך, פאַרגאַרטלט דאָס לייב־פוטער, אַרומגעבונדן אַ שאַל איבער'ן קאָפּ, ווי אַ אידענע,

דער אינזל

און ער איז אוועקגעגאַנגען, אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן שטעקן, געבויגן אין דרייען, בלייך פון רחמנות צו זיך אַליין, געקראָכן איבער די אָנגע־פּרוירענע שוועלן פון אומעטיקע, קאַלטע אידישע שטיבער, זוכן דעם דאָקטאָר.

— גאָט העלף!

— גוט יאָר. אַ גאַסט, ר׳ סראָל־עלי!

— נישט געווען דאָ דער דאָקטאָר?

— יאָ געווען. מ׳האָט אים אַוועקגענומען צו שלמה־שׂרה׳ס.

— וואָס טוט איר עפּעס, ר׳ סראָל־עלי, האַ?

— איך בין עפּעס, ניש פאַר אייך גערעדט, עפּעס נישט געזונט.

— וואָס האָט איר עפּעס אַזוינס?

— איך ווייס? איך זאָל אַזוי וויסן פון מיינע שונאים. עפּעס דער מאָגן אַפּנים...

געזען האָט סראָל־עלי ביי די דאָזיקע רייד, אַז אין שטוב, דער טונקעלער, ליידיקער און בלאָ־קאַלטער, איז עפּעס פּלוצלינג אַביסל ליכטיקער געוואָרן, מיט אַ שלעכטער ליכטיקייט, ווי ס׳טוט אַמאָל אַ שיין אַריין דורך די פענסטער אַ פרעמדע שׂרפה.

הערש דער לאַנגער, אַ קרום־קעפּיקער איד מיט אַ פלאַמיק־רויטער באָרד און צעשפּאָלטענע ליפּן, איז געזעסן אין בעט, איינגעפּאַקט אין אויסגעקראָכענעם פוטער, און ער האָט איינגעמאַכט אַלטע ציצית אין שוואַרצלאַך־פּעטיקן לייבצודעקל אַריין. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער, הערש אַליין איז חולה מסוכן און אַז דער דאָקטאָר האָט אים ערשט צו־געקלעפּט צו די אויסגעדאַרטע קנאָכיקע פּלייצעס צוועלף באַנקעס, און די גלעזלאַך מיט די בלוילאַכע פלעמלאַך אין זיי האָבן שטומפּיק געבראָטן, געצויגן מיט קאַלטן שאַרפן פייער. מיט פריידיקער הנאה האָט ער אויפגעהויבן אַ פּאָר קליינע, האַלב־צוגעמאַכטע לצנות׳דיקע אויגן, פאַרזונקענע צווישן שיטערע, רויטלאַכע האָר־שטעכערס, און ער האָט געזאָגט:

— אַ ראַק, סראָל־עלי? האָסט אַ ראַק אין בויך, האַ? אַ גוט פּעקל. צי אפשר האָסטו גאָר טיפוס? ס׳איז אַצינד אַן אונטערגאַנג אויף טיפוס. קודם כל וועסטו ניט עסן. די געדערים וועלן דיר גע־שוואָלן ווערן. מ׳קען דערפון שטאַרבן אויך.

דער אינזל

סראָל־עלי האָט זיך געטאָן אביסל א הויב־אונטער פונ׳ם בענקל, גלייך ווי ער וואָלט ניט דערהערט, און ער פלייסט זיך מיט אונטער־געשטעלטן אויער און צעקרימטן, ליידנדיק־איבערגעשראָקענעם מויל־גום צו הערן, וואָס הערש האָט א זאָג געטאָן. דאָס פּנים איז אים געווען גרוי און שפּיציק פון שרעק.

— א ראַק? — האָט סראָל־עלי אומגלויביק איבערגע׳חזר׳ט יע־נעמס ווערטער — ווייס איך וואָס, נאָדיר גאָר א ראַק... אָ, ווייז איז מיר ניט געשען... האָ וואָוע? א ראַק זאָגסטו! הערש!

אָבער דער לאַנגער הערש האָט שוין געשוויגן. זיינע פינגער האָבן גיך־גיך געקניפּט די ציצית, ווי שפּיזלאַך וואָס ארבעטן א זאָק. דער דלות האָט דאָ, אין דעם ליימיק־איינגעפאַלענעם, פראָסט־באַוואַק־סענעם שטיבל, שטאַרק געפּייפּט מיט א קאַלטן, אומעטיקן און ליידיקן פּייף. נעץ־טראָפּנס זיינען אין לאַנגע ריטשקאַלאַך גערונען פון די ווענט. די אַרויסשטעקנדיקע פּאָר אָרימע שיטערע שטרוי פון הערש׳ס צעבראָכענעם בעטל האָבן שוין ניט געהאַט קיין שום קאָליר און קיין ממשות. די הערשיכע האָט א גאַנצן ווינטער געשלעפּט פון זיי ווי־בעטשעס צום אונטערהייצן, ביז ס׳זיינען אונטער זיי פאַרבליבן די ליידיקע, איבערגעפּוילטע מאָרשע ברעטלאַך. ס׳קוועטשט, ס׳קוועטשט, ס׳איז קאַלט. און ס׳איז געווען שרעקלאַך אָנצוקוקן די צעבראָכענע טעפּ־טשערפּעס, מאָגערע און ליידיקע, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אין זיך דאָס חשך פון דער הערשיכע אליין. זי איז געזעסן, די איבער־געבויגענע אידענע, אויף א האַלבן קאַסטן אין מיטן שטוב, איינגע־פּאַקט אין אַן אַלטן זאַק, א פאַרטריקנטן פון בלאָטע. דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אריינגעצויגן און פאַרגליווערט אין שטום־שווייגעניש. מיט דעם פאַרשפּיצטן נז און מיט דעם איינגעפאַלענעם קנאָכיקן פּנים, איז דאָס שוין עפּעס ניט עהנלאַך געווען צו קיין מענטשלאַכער צורה, נאָר צו עפּעס א שרעקלאַכן רויב־פויגל. די געשוואָלענע אויגן, פאַר־קלעפּטע אין די ווינקלען, האָבן געקוקט עפּעס קרומלאַך פון אונטן אַרויף, פאַרנעפּלטע, ווי דורך א שטויביקן זאַק, און מיט ביידע הענט האָט די הערשיכע געשיבערט, געקראַצט מיט די גראָבע שוואַרצע נעגל אין קאָפּ, צווישן די שיטערע זייטן־האָר אונטער דער פאַטשיילע, גע־קראַצט דאָרט שטומפּיק, אָן ווילן, זייער שטאַרק און באַשטענדיק.

ס׳האָט א שווערן קרעכץ געטאָן. די טיר האָט זיך געעפנט און

נתן, הערש׳ס זון, איז אריינגעקומען.

ער האָט געטראָגן אַ בלויען זעלנערישן ראָק מיט איין אַרבל. דער אַנדערער איז אינגאַנצן אָפּגעפּליקט און ס׳האָט ארויסגעקוקט אַ שוואַרצער פלעק. די פיס זיינען געווען ארומגעבונדן מיט שטרוי. איין באַק איז אים געווען אָנגעשוואָלן, גלאַנציק און רויט ווי אַן עפּל. די אַנדערע איז געווען בלוי און מיט אַ לאָך אין דער מיט.

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט די קאַלטע הרובע און געזאָגט:

— שלמה שרה׳ס איז געשטאָרבן...

נפתלי גראָס:

אין צימער פון דעם כלהמיידל.

ביי איר אין צימער איז זיך אַלץ געלעגן
אַזוי אין אָרדענונג, ווי יעדע זאַך
וואָלט וואַך געשלאָפן אונטער כישוף,
און וואַרטן, וואַרטן, עס זאָל פון זייערטוועגן
ווער קומען. וואַרטן ווי מיידלאַך וואַרטן
אין די פאַרנאַכטן אויף אַ געגאַרטן, —
און זאָל זיי נאָר באַרירן. און מיט אַ מאַך
וועט אָפּטאָן זיך פון זיי דער כישוף־שלאָף,
און לאַנגזאַם וועלן נעמען ווערן וואַך
די ווייסע און געפּלעקטע הערטן שאָף,
וואָס רחל טרייבט פון פעלד צום ברונים צו
וואו יעקב וואַרט מיט נאַכט און רו,
און וועלן נעמען לאַשטשען זיך ווי ליבע;
אויפלייכטן וועלן שולמית טיפע אויגן,
און שלמה׳ס — וואָס ווי שאַרפע פיילנבויגן
זוכן זי אין די וויינגערטנער אַרום;
עס וועלן נעמען בליען בלום נאָך בלום
פון בילדער און פון שטיקעריי
אויף טיש און פיאַנע און פון אַלע ווענט

און וועלן ציען זיך ווי גארנדיקע הענט;
די אויסגעשטריקטע פויגל וועלן נעמען פליען,
נים ווערן וועט די שטילקייט פון מאראַנעס
און דער לבנה'ס בלייבע אויסגע'חלומ'טקייט,
וואָס ליגט אויף יעדער זאַך פארשפרייט.
דאָס גאַנצע צימער וועט אָנהויבן בליען
ווי פרילינג־צייט צעבליען זיך וואזאַנעס
און ווי עס בליט אין מיידל־האַרץ א כלה־פרייד.

א. בערגער:

סען סאן.

אויף מיין געמיט:
ווי אויף טרויבן־בלעטער הארבסטיק קילע רעגן־טראָפּנס,
טריפן שטיל און ציטערן
טענער פון א פליים.

אויף מיין געמיט:
ווי אויף א זוניקער גאָלד־געזוימטער אָזערע
פארנאַכט צווישן וואסער־גראָזן,
שווימט און שטארבט שטיל זינגענדיק א שוואַן.

סילועט.

פון ראָז אין געל. פון געל אין בלאַסן גרין.
און טונקל פאר די שויבן די נאַכט זיך איצטער ציט,
און שטיל פארזוקט אין מאַטן ליכט זיץ איך און האַרך:
ווי ס'שארן אויף דעם דיל זיך שטילע דיינע טריט.

און פון דער ווייט — די הענט פארלייגט אזוי אין גיין
פארשוואומען האלב אין נעפל שווין דיין סילועט
מיר מאָלט: — אן אלטער גאָרטן הארבסטיק שפעט, פארלאָזט.
און אויף א סטעזשקע דאָרט א פאווע איינזאם טרעט.

לייענענדיק קאָנפוציוס.

פון צווישן די גרעלע בלעטער און אלטע טאָוולען פון בוך,
ווי קלוג
ווייען דופטיק-זיס ארויס
דעם חכמ'ס רייד.
די טאָוולען צו. — מיין קאָפּ געבענטשט פון מייסטערס זעלן־דרו
זינקט לייכט. —
ווי לייכט אריבער מיר
וואָלט ליכטיק דין געפאַלן ווייסער מאנדל צווייט.

יוליאַן טואָווים:

אַ טאָג.

מען רעגט זיך אויף, מען לויפט זיך אָן אַ גאנצן טאָג,
דורך די אויגן קריכן אין קאָפּ אריין זאכן, זאכן.
ווערטער, פארבן און געדאנקען פון אַ גאנצן טאָג —
ביינאכט די מידע אויגן חלש'ן און שמאכן.

וויינט די בענקשאפט די צעוויינטע —
אָ, גאָט! אָ, האר,
פארוואָס בין איך ניט געלעגן פאר דיין צלם
פון אינדערפרי אָן, שטאר?

מען רעגט זיך אויף, מען לויפט זיך אָן אַ גאנצן טאָג,
דאָ אַ שטיקל פרייד און דאָרט אַ פיצל טרויער.
און פון אלעמען אַ מארנע שטיקל שאַרבן —
ביינאכט די אויגן הייבן אָן פון בענקשאפט שטאַרבן.

דריי פיר גלעזלאך בראנפן אויסגעטרונקען זיץ איך טעמפּ ווי אַן
אידיאָט —
און איבער פּנים שלאָגט און פאטשט מיך אַ פאָקסטראָט.
און אז איך בין שוין שכור גיי איך שלאָפן מיט פארשוואָלענע אויגן,

און אין מיין שווארצן חלום
שטייט איבער מיר דער טויט געבויגן.

מאָמענט.

אין גרויען פענסטער פון א קרעמל איז א זילבערנע טרומנע פאראנען,
און אין דרויסן פאר די שויבן איז א דאר, אָרים מיידל געשטאַנען.
פארקוקט איז זי געווען אין איר בלייכן געשטאַלט אין די שויבן,
און אויף דער טויטן טרומנע, און אויף איר ניט לעבעדיק לעבן,
און ניט וויסנדיק האָט זי געוואוסט, און ניט לויפנדיק איז זי געלאָפן,
און אויף ימ'ען געשוואומען און נאָך רעטונג גערופן.

עפּאָס.

אפשר קלינגען דאָס וואונדערגלעקער,
אפשר הילכן דאָס וואונדערהעקער,
אפשר דורך טאָלן מיט געפילדער,
יאָגט א פערד — א משוגע ווילדער?

א גאָלדענער סערפּ שניידט דורך דעם הימל
וואונדער־טייכן ליגן אין דרימל
ס'זשומען פליגן, — ס'לויפן האָזן
אין טאנץ זיך לאָזן גראָזיקע גראָזן.

א פינסטערער־יעגער בלאָזט טויב אין האָרן,
א שווארץ־ווייסער באָק קומט ארויס פונ'ם דאָרן,
קומט ארויס און פארבלוטיקט די גראָזן, וואס שפּראָצן,
ארויף צו דער לבנה זיינע אויגן גלאָצן.

ריטשעט ווילד די הייליקע חיה
און דער אייביקער שטורעם הייבט אָן זיך צעשרייען. —
היי, טאטע ביס! איך הער! איך הער!
אויף שטערן רעוועט א שטערענדיקער בער.

אידיש ש. און ש.

אַלטיטשקע.

אדורכ׳ן פענסטערל געבויגן
מיר קוקן מיט פארקלערטע אויגן.

מיר קושן פרעמדע קינדער־קעפלאך,
באגיסן בלומען אין די טעפלאך.

מיר לעבן אָט, ווי אומפארענדערט
און רייסן בלעטלאך פון קאלענדער.

לויה.

דאָס נאכטלעמפל האָט מאט געלויכטן ;
זיי האָבן געבראכט אויף שווארצע שטיגן,
אויף שווארצע, הילצערנע טרעפ ;
געגאנגען שטילערהייט,
געשעפּטשעט עפּעס, גערעדט,
געבויגן די פּעק,
מיט די קעפּ געשאָקלט,
געגאנגען שטיל, געקראָכן ;
דער שניי איז געפאלן, ס׳איז נאס געווען,
ז׳האָבן די הענט זיך געבראָכן.

אידן.

שווארצע, בערדיגע, כיטרע,
מיט שגעון אין די אויגן,
וואו ס׳ליגן באהאלטן שטענדיקע מורא׳ס,
א ירושה פון טויזנטער דורות ;
מענטשן,
וואָס ווייסן ניט, וואָס איז אַן איינן אָרט,
ווייל זיי לעבן דאָ און דאָרט,

דער אינזל

טראגישע, נערוועזע מענטשן,
נע ונד.

שעפטשען, אייביק עפעס שעפטשען,
פּאַכן מיט די לאַנגע הענט
און דערציילן זיך עפּעס מאָדנע, שרעקעוודיקע זאַכן
מיט א כיטרע שמייכל ;
זיי האָבן דערגרונטעוועט דעם טיפן שכל
פון מיליארדן אותיות קליינע, קרום־געשריבענע,
די קראַנקע משוגעים,
דאָס אויסדערוויילטע פאָלק,
די אויסגעקליבענע !
א גלעט די פייכטע בערד
און ווידער זיך עצה'ן, עצה'ן...
דעם נעמען זיי אויף א זייט,
דעם רופן זיי אוועק.
צאַפּלען... די אויגן מיט שרעק
קוקן ארום און ארום,
צי עמיץ ניט הערט...

ס'האָבן די דורות אויסגעקריצט אויף זייער פנים
פון ווייטאָג צער־פולע אוואיעס,
ווייל זיי טראָגן טיף אין דער נשמה דאָס גערעכניש
פון ירושלים'ס מויערן,
פון עפּעס שווארצע לויה'ס
און יללה'ס אויפ'ן בית־עולם...

...א מעסע פון טייוולאָנים
און גזילות באהאלטענע פיל...
(ביים פענסטער... פרייטאָג־צו־נאכטס... א דורכגייער...
גוים... וועלן נאָך קוקן דורכ'ן פענסטער... שא! שא! שטיל!...)
אידיש : מענדל ניינרעשל.

זישע לאנדוי:

פאָעזיע

איך האָב ליב לידער, משוגענערווייז האָב איך ליב לידער. דער אמת איז, אז פּאָעזיע איז די איינציקע ליטעראַרישע פאָרם, וואס נייט צו מיר צו אם נאָענטסטן, פון וואס איך האָב אם מערסטנס הנאה, אין קורצן: די איינציקע ליטעראַרישע פאָרם וואס איך פאַר־שטיי און באַנעם אויף אַן אמת.

איך ווייס אָפּטמאָל ניט צו וואס מענטשן שרייבן ראָמאַנען, ערציילונגען. מיט'ן קאָפּ פאַרשטיי איך עס אויסגעצייכנט, אָבער בלויז מיט'ן קאָפּ, מיט שכל, אָבער איך אליין, מיין א י ך, דאָס וואס עס שיידט מיך אָפּ פון אנדערע מענטשן, פאַרשטייט עס ניט, באַנעמט עס ניט. מיר דאַכט זיך, אז סוף כל סוף זיינען אַלע ראָ־מאַנען איינס און דאָס זעלבע און אז אפילו פון א גוטען ראָמאַן בלייבט דיר איבער ווייניגער ווי פון א גוט ליד.

און איך ווייס וואָס עס איז פּאָעזיע. צענדליקער און אפשר הונדערטער דעפיניציעס געהערט און געלעזן. איך ווייס עס וואויל, אז ניט אַלץ וואס עס ווערט אָנגערופן לידער איז פּאָעזיע, אז אין א „פּראָזאאיש" ווערק געפינט מען אָפּטמאָל מער „פּאָעזיע" ווי אין די אזויגערופענע לידער. איך ווייס דאָס אויסגעצייכנט. ווער ווייסט עס ניט?

און וואויל ווייס איך אויך, אז פּאָעזיע מוז ניט זיין דוקא אין גערייטע אדער ניט גערייטע שורות, אין א שטרענגען אָדער לויזן מעטער אדער ריטם: אין וואָס פאַר א פאָרם עס וועט ארויסשפּראָצן פון א דיכטערישער נשמה, וועט עס זיין פּאָעזיע.

און דאָך, פאַרוואָס האָב איך אזוי ליב לידער? דאָ רייד איך ניט פון זייער אינהאַלט, נאָר פון דער אראנזשירונג פון ווערטער און שורות לויט דער ליטעראַרישער פאָרם, וואָס מיר זיינען צוגעוויינט צו רופן לידער. פאַרוואָס רייצט מיך מער א בילד, א שטימונג, אַן איינפאַל, קאַפּריז, אַפּאָריזם, אַנאָנס ווען עס ווערט איבערגעגעבן אין דער לידער פאָרם, ווי ווען עס וואָלט איבערגעגעבן געוואָרן פּשוט,

דער אינזל

אין דאָס וואָס מיר רופן פּראָזאַ?

איך וויל עס נאָכאַמאָל ווידערהאָלן, כדי עס זאָל מיר אליין קלאָרער ווערן: ניט פאַרגלייכן טאָלסטאָי'ס אָדער פלאָבער'ס „פּראָזאַ" מיט אַ דריט־קלאַסיגן דיכטער'ס „פּאָעזיע". דאָס וועט מיינען אַוועקגעהן פון ענין, און דער ענין, דאַכט זיך מיר, איז אַז אינטערעסאַנטער, און אפשר אינטערעסירט ער מיך בלויז, ווייל איך האָב ליב לידער.

איך האָב געטאָן עפּעס אַנדערש:

גענומען שאַרל באָדליער'ס „פּאָעמען אין פּראָזאַ". זעהר פיינע זאַכן און זיי פאַרגלייכט מיט זיינע לידער. כאָטש אַ סך פון זיינע פּאָעמען זיינען טיף, פיין, דאָך ווירקן זיי ניט אַזוי. איך בין געגאַנגען נאָך ווייטער: גענומען אַ ניט געריימט ליד, וואָס האָט מיך זייער געריצט און עס איבערגעשריבן אין פּשוט'ע שורות מיט דעם רעזולטאַט, אַז דאָס ליד האָט פאַרלאָרן העלפט פון זיין חן אין מיינע אויגן.

דאָס מיינט אבער ניט, אַז ווען מען זאָל נעמען אַ ביסל באַ־נאַלע פּראַזאַ און עס צושטעלן אין פערזן, וועט עס ווערן בעסער. און אפשר? איך בין אפילו אין דעם שוין ניט זיכער.

דערפאַר דאַכט זיך מיר אָפּטמאָל, אַז דאָס וואָס עס רייצט אונז אין לידער איז ניט זייער אינהאַלט, נאָר דער אופן ווי דער אינהאַלט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

אויב דאָס זאָל אַזוי זיין, זיינען אַלע אונזערע דעפיניציעס וואָס עס איז אַזוינס פּאָעזיע, זייער ווייט פון צו זיין אמת.

עס וועט דאַמאָלט מיינען, אַז דאָס וואָס מיר רופן אָן פּאָ־עזיע איז ניט עפּעס איינהייטליכעס, אַז עס באַלאַנגט ניט צו איין קאַטעגאָריע, נאָר אַז יעדער אַרט שרייבן, אָנהויבנדיק פון קאָ־מערציעלע ליטעראַטור ביז דעם פיינסטן בילד אָדער איידלסטער שטימונג, אַריינרעכנענדיק זשורנאַליסטיק, פּאַמפלעט א. א. וו., קאָן זיין פיינסטן אויסדרוק געפינען, ווען עס זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן אין פאָרם פון פערזן.

אויב אַזוי, וועט מען שוין ניט קענען אַוועקמאַכן מיט דער האַנט הערוועג'ס „ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל", ווייל עס איז קיין פּאָעזיע ניט, ווייל אין פאַרגלייך

דער אינזל

מיט קיעט׳ס אָדער שעלי איז עס פּוסט, אָן אינהאַלט. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט שעלי אָדער קיעטס, עס באַלאַנגט צו פּאַמ־פּלעטן און טענדענציעזער מאַמריסטיק און אין פאַרגלייך דערמיט איז עס ווירקזאַם, טרעפנדיק אין ציל, פול מיט אינהאַלט. אין פּראָזאַ וואָלט מען געדאַרפט פאַרנוצן אַ מאַסע פּאַפּיר און טינט כדי דאָס אַרויסצוברענגען. און עס וואָלט קיינמאָל ניט אַרויס־געקומען אַזוי אָפּגעטאָקט און אַזוי ווירקזאַם.

אונזער מיכל גאָרדאָנ׳ס „דו ווייז זיך אין גאַס ניט אין לאַנגען כאַלאַט, זאָל קיינער ניט זאָגן, אָט גייט דער אַזיאַט״, אָדער: „דו רייד ניט קיין לשון, פאַרקרימט און פאַרדרייט, רייד לשון המדינה, וואָס יעדער פאַרשטייט״ דאַרף ניט קריטיקירט ווערן אין ליכט פון ווערליין׳ס פּאָעזיע, נאָר עס דאַרף פאַרגליכן ווערן מיט די גלות לאַנגע השכלה אַרטיקלען וועגן די זעלבע ענינים און דאַמאַלט וועלן די דאָזיגע שורות געווינען: קיין איין משכיל איז ניט געלונגען די דאָזיקע געדאַנקען אויסצודריקן אין אַזאַ קאָנצענטרירטער פאָרם ווי דעם משכיל מיכל גאָרדאָן, און דאָס בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט דער פערזן פאָרם.

מען קאָן ברענגען און ברענגען נאָך הונדערטער ראיות. און איך ווייס אויך, אַז ווען מען פאַרלירט די מאָס ווען מען באַהאַנדלט דעם שטאָף אין פערזן־פאָרם, איז טויזנט מאָל ערגער, ווי ווען מען וואָלט עס באַאַרבעט אין פּראָזאַ, אָבער דאָס שוואַכט ניט אָפּ דאָס אויבן געזאָגטע.

אויב אַזוי וועט הייסן, אַז פּאָעזיע איז ניט אַ באַזונדערע צווייג אין דער ליטעראַטור, נאָר עס איז דער העכסטער אויסדרוק פון יעדן סאָרט שרייבן. אַז דער וואָס שרייבט פערזן וועגן ליבע, איז ניט קיין בעסערער פּאָעט פון דעם, וואָס מאַכט אַנאָנסן אין גראַמען, נאָר אַז ער איז דער בעסטער צווישן די וואָס שרייבן בכלל וועגן ליבע און דער ווירקזאַמסטער צווישן אַלע אַנאָנסן שרייבער איז דער, וואָס מאַכט עס אין גראַמען.

וואָס פאַר אַ רייץ, וואָס פאַר אַ צויבער ליגט אין לידער, שוין אין דער פאָרם אַליין און ווי וואונדערלאַך זיינען פּאָעטן, זיי זיינען פאַר׳חלומ׳ט, פאַנטאַליסטיש און טרויעריק ווי קלאָונען און פול מיט חיה׳שן שרעק, ווי ווייבער.

פערלשטיין און קאָמ.

באַקאַנטער דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאָק דעם רייכסטן און פאַרשיידנ־אַרטיקסטן אויסוואַל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאַבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאַך און זאָרגפעלטיס אַטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.
200 East Broadway
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

סופרים פרעס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.

ירוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.

121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי'ס בוך סטאָר

אַ גרויסער אויסוואַל פון אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער.

באַשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאַך און געוויסנהאַפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

די צווייטע אויפלאַגע פון

„אַ קאַריערע“

אַ באַנד דערציילונגען פון

אַלטער עפּשטיין

אויך

„דער הויקער“

אַ בוך דערציילונגען פון זעלבן שרייבער איז צו באַקומען אין טויבענשלאַג'ס בוך סטאָר.

239 איסט 12טע סט. און 2טע עוו.
ניו יאָרק

פּרייז פון יעדן בוך 1 דאָלאַר.

דר. ש. פּאַקס

דענטיסט

דאַון טאַון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.

אַפּ־טאַון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פּאַרק

דר. אברהם אייסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8 אָוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראָבערטס

(דר. גראַבאַרד)

דענטיסט

184 — 7טע גאַס, ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן אָרטשאַרד 6794

שוין ערשינען!

געזאַנגען פון אונזער דור

אַ באַנד לידער פון

י. גויכבערג.

פּרייז 1 דאָלאַר

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען

הויפּט־פאַרקויף ביי:

B. CALFEN
1176 Columbus Ave.
Roxbury, Mass.

זאַקס און שטיינפעלד

יוניאָן פּרינטערס

12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראָדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן דריידאָק 0432

אין פאַרלאַג „אינזל"

א נייע אויפלאגע פון

הערמאַן באַנג'ס

ראמאן

אָן אַ פֿאָטערלאַנד

איבערזעצט פון ר. אייזלאנד.

שוין ערשינען
חיים קאַנטאָראָוויטש

אין ליכט פון מאַרקסיזם

פרייז $1.50

הויפט פארקייף
מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט.

שוין ערשינען אין פארלאג „אינזעל"

דזשעק לאנדאן:

דער אייזערנער קנאפל
דער וועג
פאר ארמ'ן
די שטימע פון בלוט

פראכט־אויסגאבען

פרייז פון יעדען בוך $2.00

עס ווערען צוגעגרייט נאך איינינע ביכער פון דזשעק לאנדאן.

Up-To-Date Printing Co., Inc., 200 195-197 Canal St., New York

דער אײנזאַג

חודש זשורנאַל

נומער 11. יאַנואַר, 1926

אַ מחלוקת װעגן שלום

1. משה גראָס ; 2. זישאָ לאַנדוי

ר׳ אָשר כהנא

דראַמע

ראובן אײזלאַנד

לידער:

מאַני לײב, אבא שטאָלצענבערג, זישאָ לאַנדוי

װאָװילקלאַנג און װיסנשאַפט

נפתלי גראָס

25 סענט אַ נומער $2.50 אַ יאָר

Der Inzel

LITERARY MONTHLY
Issued by the
Inzel Publishing Company

אדרעסירט אלע בריף צו:
Inzel Pub. Co., P. O. Box 25, Sta. B, New York, N. Y.

Price per year, $2.50 — Single copies, 25c.

צו אונזערע אַבאָנענטן!

קומענדיקן חודש ענדיקט זיך דער ערשטער יאָרגאַנג פון אונזער זשורנאל און מיט'ן מערץ נומער הייבט „דער אינזל“ אָן דאָס צווייטע יאָר פון זיין עקזיסטענץ. די הוצאות פאר'ן יאָר האָבן באַטראָפן איבער צוויי טויזענט דאָלאר. צוויי-דריטל פון די הוצאות זיינען אריינגעקומען פון אַבאָנענטן, קויפער פון איינצל נומערן און דורך אנאָנסן. דער דעפיציט איז געדעקט געווארן טיילוויז פון דער גרופּע, וואָס גיט ארויס דעם זשורנאל און טיילווייז דורך אנדערע קוואַלן. די בייטראַגן פון יחידים זיינען געזיכערט אויך פאַר דעם קומענדיקן יאָר. מיר בעטן דעריבער אלע אונזערע אלטע אבאָנענטן, אַז זיי זאָלן באַנייען זייער אַבאָנאָמענט אַזוי שנעל ווי מעגלאך, און מיר וועלן זיי דאנקבאר זיין, ווען זיי וועלן אונז אָנווייזן אויף די יעניקע פריינט וועלכע קענען געמאכט ווערן פאר אבאָנענטן.

מיט אכטונג,

די פארוואלטונג.

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 11. יאַנואַר, 1926. ניו יאָרק

מאַני לייב:

דריי לידער.

1

מיך האָט אויפגעוועקט אַ רוף אַ ווייטער,
העלער קופער פון אַ שאַלענדיקן האָרן,
איילנדיקער גאַלאָפּירן פון אַ רייטער,
און דער בלויער שטאָל פון פּאַנעצרן און שפּאָרן.

און אויף רויטע ביימער זיינען דורכגעפלוינן
קלויען — ראָז און פייער און אַן עק אַ בלויער.
און אויף געלע לאַנגע טייכלאַך בלוי ווי אויגן,
זון אין רויך און רויטע קרייטעכער און טרויער.

2

דער שייטערהויפן פון מיין אינדיאַנער זומער
אין טראַפּעס גאָלד און רינגען רויך דערברענט.
דעם לעצטען שטערן קויל אַ שטומער און אַ פרומער
אין אַש פאַרשאַר איך איצטער מיט די הענט.

און נאַכט און דערפער. אויף לבנה'דיקע פּלייטן
די גרילן שפּילן טרויער אין מיין זעל.
אויף ווייסן גראָז ביי אויפגעבלויטע פּלייטן,
די קירבעסן ווי די לבנה געל.

און ביימער — בלויער וואַקס — אין קילע הוילקייט שטראַלן,
ווי גלייכע ליכט, ווי פּאָרכטיקע פאַר גאָט,
און שטילקייט צייכנט שאַרף פון וועלקן בלאַט דאָס פאַלן,
און שאַרפער נאָך די אומרו פון מיין טראָט.

3

דער צער אין אוינן ביי א צווייטן,
באצווינגט מיך ווי א גוטער האר.
און וויליג נעם איך יענעמס קייטן,
און וויליג טראָג איך יענעמס צער.

נאָר צער אזוי פיל קומט באצווינגען
דעם שווארצן שייטל פון מיין קאָפּ!
איז רייס איך רינגען פון די רינגען
און נייג די אלע קייטן אָפּ.

איך בין אַן עפּלבוים א מידער,
אין ערד געוואָרצלט ביז׳ן דיך.
און ווי דער בוים די עפּל — לידער
ווי עפּל וואַרף איך ארום זיך.

אַ מחלוקת וועגן שלום

1

אין זיין ענטפער אויף דעם אָפענעם בריף, וואָס מיר, א. מ. פוקס און איך, האָבן אָפּגעדרוקט אין „אינזל״ (נומער 9), האָט מיך אייזלאַנד, אזוי צו זאָגן, פאַרבעטן צו א היימישן מחלוקת וועגן דעם שלום, וואָס ווערט פּראָפּאַנירט פאַר דער אידישער ליטעראַטור. דערביי מוז איך זאָגן גאַנץ אָפן: איך זע נישט, אז ס׳זאָל עפּעס ארויסקומען דערפון און איך זע אפילו נישט, אז ס׳זאָל כאָטש עמיצער קאָנען ווי ס׳ניט איז הנאה האָבן פון אזא מין מחלוקת מיט היימישע העלפערס. מיר קאָנען זיך אזוי, ליבער פריינט אייזלאַנד, אָפּקריגן לאַנג און לייטיש און אָן א טעם, אזוי ווי עס קריגן זיך להבדיל אין לערנען רבנישע מחותנים, וואָס שאַנעוועז איינער דעם אנדערנס כבוד און וואָס טראָגן זיך אונטער, אין סאַמע מחלקות, גוזמות מיט כבוד — ס׳א עבירה די רייד!

עס איז אייגנטלאַך מער א ליטעראַרישער הסכם, וואָס מיר פירן אין פּאָלעמישער פאָרם, אַן אַלגעמיינער הסכם צווישן מיר און אייזלאַנדן אין די פּרינציפּיעלע פראַגן פון דער אידישער ליטעראַטור, ביי

דער אינזל

וועלכע מיר קאָנען מיינסטנס אויסקומען מיט איין איינציקער מיינונג פאַר ביידע צדדים, וועלכע צושפּאַלט זיך אָבער גראַד אין יענע פּרטים, וואָס זיינען נישט נוגע אינגאַנצן דעם עיקר, וואָס האָבן נישט קיין אוממיטלבאַר פּרינציפּיעלן באַטייט.

פונדעסטוועגן וויל איך פּרואוון זיי קלאָר מאַכן Sine ira און אפילו אויך אָן יענער האַרציקער בייסיקייט, מיט וועלכער אייזלאַנד האָט צוגעשפּיצט זיין ענטפער אויף אונזער שטרענג זאַכלאַכן בריף. אייזלאַנד פילט דאָס היינט מן הסתם זייער גוט, אַז די איראָניע, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אונזער דערמאָנטן בריף אויפ'ן קעפּל — „שלום ושלוה" — איז געווען אַ ביסל אַ צוגעטשעפּעטע און אַז זי איז אויף יעדן פאַל שטאַרק אָנגעשמעקט מיט יענער „גוזמא און ניט־פּינקט־לאַכקייט", וואָס מיר האָבן זיך, לויט אייזלאַנדן, דערלויבט אין אונזער בריף „למען השלום" און מיט וועלכע ער אליין האָט זיך אויך נישט שטאַרק געוואָרפן אין זיין ענטפער — למען המחלוקת.

וואָלט אייזלאַנד געווען געקאָנט פּועל'ן ביי זיך, מוותר צו זיין אויף דעם וויציקן איינפאַל, אַז מען קאָן מיט אַזאַ לייכטן מאַנעווער דיסקרעדיטירן דעם ריינסטן געדאַנק פון שלום, אוועקשטעלנדיק אים אין שכנות מיט אַזעלכע שלים־מזל'דיקע שמות נרדפים ווי „שלום ושלוה", און אַז ס'איז בכלל פּראַקטישער, צוליב דער זיכערקייט פון דער פּאָלעמישער ווירקונג, צו דער'הרג'ענען איין פליג מיט צוויי קלעפּ, דאַן וואָלט ער אפשר מיט דער זעלבער ענערגיע, וואָס ער האָט אויס־געגעבן אויף אָט דעם וויציקן איינפאַל, געווען געקאָנט מאַכן די פּשוט'ע, אָבער דערפאַר צום אמת נענטערע אַנטדעקונג, אַז מיר האָבן אייגנטלאַך אין אונזער בריף אין ערגעץ נישט גערעדט וועגן אַזאַ מין לעבלאַכן שלום, פאַר וועלכן אייזלאַנד האָט מורא, סיידן אין נעגאַטיוון זין, און אַז מיר האָבן אדרבה געוואָלט, אַז „אונזער בריף זאָל נ י ש ט בלייבן קיין טעאָרעטישער שלום־פּאָרשלאַג, נאָר אַז ס'זאָל דורך אים אַרויס־קומען אַ פּראַקטישער נוצן פאַר דער אידישער ליטעראַטור".

וואָס אָבער האָט אייזלאַנד צו זאָגן קעגן אַזאַ מין פּראַקטישן נוצן, אויב מען זאָל אים קאָנען דערגרייכן, ד. ה. וואָס פאַר אַרגומענטן ברענגט ער קעגן דער שטרעבונג צו אַ „בשותפות'דיקן, רעפּרעזענטאַ־טיוון זשורנאַל, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך גרופּירן אַלע שאַפערישע כוחות אין דער אידישער ליטעראַטור" ? ער מיינט, אַז ס'איז נאָך ניט באַוויזן געוואָרן, וועלכע זשורנאַלן עס טוען מער אויף אין אַלע ליטעראַ־טורן : די דיקע, באַלעבאַטישע, וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט כל טוב, אָדער די דינע, מאָגערע העפטלאַך, וואָס האַלטן זיך נאָר אויף ליטעראַרישע מחלוקת'ן..."

אבער איך מיין, אז נאָך א סך יוייניסער איז שוין באַוויזן געוואָרן,

דער אינזל

אז אַלע דיקע א. אז. וו. זשורנאַלן, אַבי זיי זיינען נאָר אָנגעפּיקעוועט מיט כל טוב, מוזן שוין זיין שלעכט. עס איז זיכער אַן אונטערבאַוואוסטע איבערבלייבעניש פון אינטעלעקטועלער וואויל־יונגישקייט, וואָס האָט זיך ארויסגעכאַפּט ביי אייזלאַנדן אין דער דאָזיקער טראַדיציאָנעל־רעוואָלוציאָנערער אָפּשאַצונג—דיק און דין— און עס איז פאַר מיר לחלוטין נישט זיכער, אַז „דער דיקער זשרנאַל, וואָס פאַראייניקט אַלע, איז נאָר א געווינס פאַר׳ן לעזער...״

אדרבה: איך האַלט, אַז גראָד דער היינטיקער אידישער לעזער, וועלכער קומט צו דער ליטעראַטור דורך דער ליטעראַטור־פּאָליטיק, איז נישט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט יענע „דיקע זשורנאַלן, וואו מ׳איז פאַראייניקט״, נאָר דוקא מיט יענע דינע, מאָגערע העפט־לאַך, וואו מ׳קריגט זיך. דער היינטיקער אידישער לעזער איז אַזוי שטאַרק פאַרליטעראַרישט, אַז עס שטייט אים אייגנטלאַך שוין נישט אָן, ער זאָל ליינען פּשוט און אָן פּרעטענזיעס דאָס, וואָס דער דיכטער האָט דאָרט אָנגעשריבן ערגעץ פאַר זיינעטוועגן. ער איז אַליין, ווי מען ווייסט, א שטיק טיפע נשמה, וואָס קאָן שוין אַליין „ליידן״ און ער קאָן נישט ליידן, וואָס מען הייסט דוקא אים קומען צום גרייטן, הנאה האָבן דאָרט פון יענעמס קונסט — גלייך ער וואָלט שוין גאָר נישט געקאָנט „מיטשאַפן״. ער האָט ליב, דער טראַכטער, מען זאָל אים ווייזן האַלבע אַרבעט, מען זאָל פאַר אים פירן פּיקאַנטע מחלוקת׳ן וועגן אַלערליי אינטימע ענינים פון דער ליטעראַרישער מלאכה, וואָס גייען אים בעצם גאָר נישט אָן, צו וועלכע ער קאָן זיך אָבער צוקוקן ווי צו א לוסטיקן ספּעקטאַקל, ווי אַנדערע לייזן פלעם — און דאָס קען ער נאַטירלאַך א סך לייכטער דערגרייכן אין די דינע מחלוקת־העפטלאַך, וואו „מ׳טוט עפּעס״, איידער אין די דיקע באַלע־באַטישע זשורנאַלען, וואָס זייער „כל טוב צווינגט אים צו האָבן דרך־ארץ פון ווייטנס, אָנשטאָט זיך צו מעגן „מישן״.

ווייזט זיך ארויס, אַז די גאַנצע איראָנישע „לעזער״־קאָמבינאַציע, וואָס אייזלאַנד האָט געמאַכט אויף אונזער חשבון, אַז מיר ווילן כלומר׳שט שליסן א „בורג־פרידן״, ווייל מיר האָבן „מורא פאַר דעם דרויסנדיקן שונא, דעם גרויסן אידישן עולם״, אָדער אַז מיר האָבן גאָר נעהאַט ברעה צו באַפרידיקן דעם סוחר׳ישן אינטערעס פונ׳ם לעזער, ער זאָל פאַר זיין געלט באַקומען א סך — די דאָזיקע גאַנצע קאָמבי־נאַציע האָט קיין שום יסוד נישט און אייזלאַנד האָט זי נאָר גלאַט אַזוי אונטערגעשטעלט אונטער אונזער פאָרשלאַג, אַזוי ווי א איד, א היימי־שער, וואָס שלאָגט אריין, פון גוטפריינטשאַפט וועגן, א קרומן פלאָקן — און אַן איבעריקן! — אין א פרעמדער סוכה אריין — ער פאַרהאָפט, אַז מען וועט אים מן הסתם שוין ארויסרייסן...

דער אינזל

אָבער אייזלאַנד איז בכלל „נאָך שטאַרק מסופק, צי אַזאַ זשורנאַל איז ווירקלאַך אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט", ווי מיר מיינען, און ער רעכנט אויס, אַלס קעגן־אַרגומענט, אַ גאַנצן צעטל מיט חשוב'ע זשורנאַלן, וואָס קאָנען, ווי ער ווייסט אוודאי, ביים בעסטן ווילן נישט דערפילן די אָנגעצייכנטע אויפגאַבע, וועלכע ליגט נישט אויף דער ליניע פון זיין פּראָגראַם — און מיר חידוש'ט נאָר, וואָס ער האָט שוין נישט „למען המחלוקת" אויסגערעכנט אין איין וועגס דאָס גאַנצע פעקל ליטעראַטור־בענטשערלאַך, וואָס ווערן היינט — צוליב דער שטרענגער באַזונדערקייט פון די „ניואַנסן" — אַרויסגעגעבן אין אַלע שטעט און שטעטעלאַך, וואָס האָבן זייער אייגנס אַ קיבוץ און אַ רעדאַקטאָר, וואָס קאָן אַפילו נישט אויסלייגן, וואָס קאָן אָבער מיינסטנס זיך אויסלייגן אויף דרוק און פּאַפּיר — קורץ: יענע פאַרבאָר:ענע ליטעראַרישע קהלה־בענדלאַך, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף צו היילן די פּריוואַטע פּאָזיציע־מיחוש'ן פון די מחברים און וואָס האָבן די איינע זאַך בשותפות מיט די פון אייזלאַנדן אויסגערעכנטע ערנסטע זשורנאַלן, וואָס זיי זיינען ביידע — צוליב פאַרשיידענע טעמים — נישט קיין אַרגומענט קעגן דער נויטיקייט פון אַ צענטראַלן, רעפּרעזענטאַטיוון זשורנאַל פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

און צי פילט דען אייזלאַנד באמת נישט, אַז אַזאַ שותפות'דיקער זשורנאַל, וואָס מיר האָבן פּראָיעקטירט, וואָלט געהאַט די היסטאָרישע אויפגאַבע צו ליקווידירן גרינטלאַך די קאַצעניאָמער־שטימונג און די גייסטיקע היסטעריקע, וואָס ס'האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך די נישט געראָטענע איבערקערעניש? און צי ווייסט ער דען נישט, אַז דעם דאָזיקן נאָך־טעם קאָן מען קיינמאָל נישט אויסרעדן מיט פּאָלעמיק אַליין, ווי שאַרף און אמת'דיק זי זאָל נישט זיין, און אַז דערצו איז נאָך אומבאַדינקט נויטיק, אַוועקצושטעלן שטאַרקע דיכטערישע ווערטן אין דער אויפגעטרייסלטער ליידיקייט — דיכטונגען, וואָס זייער ווערט זאָל נישט מער באַשטימט ווערן לויט די „ריכטונגען", צו וועלכע זיי זיינען פאַרשריבן, נאָר לויט זייער אמת'דיקייט, לויט זייער אינערלאַכער לעבנס־קראַפט?

ער ווייסט דאָס, רעכן איך, זייער וואויל און ער ווייסט אַפילו, בין איך אים חושד, אויך יענע וויכטיקע „צוויי זאַכן", וועלכע ער וואָלט כלומר'שט ערשט וועלן געוואָר ווערן פון מיר: „ערשטנס, וועלכער טריבונאַל וועט אַשטימען, ווער עס גייט אַריין אין רייסטער פון שאַפערישע כוחות און ווער נישט. צווייטנס: אָנגענומען, אַז „דער אידייען־קאַמף, וואָס מיר פירן אין

דער אידישער ליטעראַטור, וועט טאַקע זיין אַ פריינטלאַכער", צי וועט מען דעמאָלט, צוליב דעם וואוילזיין פון דער אידישער ליטעראַטור און צוליב די אינטערעסן פון כלל ישראל, וואָס דאַרף זיך שפייזן אויף דער ליטעראַטור, מוזן זען דוקא „אַנטוויקלען דאָס, וואָס ס'איז פאַראַן ביי אַלע, דאָס פּאָזי־טיווע, ווערטפולע", אָדער צי וועט מען אויף אַ העכסט פריינטלאַכן אופן אויך מעגן אָנווייזן אויף דעם נעגאַטיוון, דעם פּסולת, דעם נישטיקן" א. אז. וו.

דאָס איז, אויב איך האָב קיין טעות נישט, מער אָדער ווייניקער: איראָניע. ווארום אין ערנסט ווייסט אייזלאַנד גאַנץ גוט, אַז מען וועט מעגן! און מען וועט אפשר שוין מעגן אין איין וועגס אָנ־ווייז אויך אויף דעם אייגענעם נעגאַטיוון און נישטיקן, אויף וועלכן אַלע קעמפּעריש גרופּן האָבן נישט קיין צייט זיך אומצוקוקן ווי געהעריק אין אַזאַ טומלדיקער מלחמה־שטימונג. עס קאָן אודאי זיין גאַנץ נוצלאַך, מיר זאָלן נישט געצוואונגען ווערן דורך דעם אייביקן סאַמף, צו זען אייביק נאָר די אייגענע מעלות. דאָס איז לאַנגווייליס. דערמיט אָבער וואָלט צוגלייך אויך שוין געגעבן געוואָרן די גייסטיקע אַטמאָספערע און די אינערלאַכע פּאָראויסזעצונג פאַר דעם „טריבונאַל", וועלכן אייזלאַנד נעמט אויף איראָניש, ווי א מין בייזן רעדאַקטאָרישן אויבער־בית־דין, וועלכן מען קאָן זיך אָבער אויך פאָרשטעלן — אָן איראָניע — ווי דאָס סומירטע העכסטע געווויסן פון די שאַפערישע כוחות אין דער ליטעראַטור.

און אויף זיין צווייטער פראַגע: איך קאָן נישט געפינען אַזאַ האַרבן ווידערשפּרוך צווישן אַנטוויקלען דאָס פּאָזיטיווע, ווערטפולע ביי דעם אָדער יענעם דיכטער און צווישן אָנווייזן אויף דעם נעגאַטיוון און נישטיקן טאַקע ביי דעם זעלבן דיכטער. לויט מיין געפיל איז נישט נאָר נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן די צוויי זאַכן, נאָר אדרבה: זיי דערגאַנצן זיך איינע די אַנדערע אין דער שטרעבונג פון דער גייסטיקער קריטיק, צו געפינען אין דער ליטעראַטור דעם קינסטלערישן אמת. — פון וואַנען אָבער ס'איז נעפאַלן אויף אייזלאַנדן דער פּחד, אַז מען וועט זיך פּלוצים נעמען זוכן אַ „שמץ פון טאַלאַנט" דאָרט וואו „ס'איז גאָר קיין טאַלאַנט ניטאָ" — דאָס קען איך באמת נישט פאַרשטיין. צוליב וואָס זאָל מען דאָס נעמען טאָן אַזאַ אומזיסטיקע ארבעט? און בכלל: וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע אומאַפּעטיטלאַכע מלאכה, זיך צו גראַב־לען דאָרט ביי עמיצן אין ווערק, צי האָט זיך נישט פאַרוואַלגערט ערגעץ אַ שמצ'ל פון טאַלאַנט!

אייזלאַנד וואָרנט מיך, איך זאָל מיך אויסהיטן פאַר לעבלאַכער

דער אינזל

„יאָ־זאָגער" אין דער ליטעראטור, ווייל דערמיט וועל איך „פון קיין טאַלאנטלאָזיקייטען קיין טאלאנטן נישט מאכן, אין דער זעלביקער צייט אָבער וועל איך באַרויבן די אידישע ליטעראַטור פון מיין אייגענעם טאַלאנט, וואָס איז דוקא צֻום שטארקסטן, ווען איך ווייז אָן אויף דעם נעגאַטיוון".

אָבער אַ פּאָר שורות ווייטער האַלט דאָך אייזלאַנד אליין, אַז מיין „ליידנשאַפטלאכע בייסיקייט אין טאָן" נעמט זיך אין תוך דערפון, וואָס איך האָב באמת ליב דאָס קינסטלערישע, אָרגאַניש לעבעדיקע" — דעם פּראָדוקט פון אמת־שאַפערישע כוחות" א. אז. וו. — נו, און וואָס פאַר „שאַפערישע כוחות" האָבן מיר דען געמיינט? ! און פאַר־וואָס זאָל טאַקע נישט געמאכט ווערן דער פּרוּוו, צו שאַפן געזונטע, דויערהאַפטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַט דעם „קינסט־לערישן, אָרגאַניש לעבעדיקן", אויף וויפיל עס איז פאַראַן אין אונזער ליטעראַטור? צי הייסט דאָס „לעבלאַכע יאָ־זאָגעריי"?

איך קאָן אייזלאַנדן באַרואיקן — אויב דאָס איז באמת נויטיק, — אַז לעבלאַכע ליטעראַטור־קריטיק איז מיר פּונקט אַזוי דערווידער ווי אים אליין. און בנוגע ווידער צו די „טאַלאַנטלאָזיקייטן", וואָס מ'קאָן פון זיי, ווי אייזלאַנד באַמערקט זייער ריכטיק און איבעריק, קיין טאַ־לאַנטן נישט מאַכן, דאַרף נאָר צוגעגעבן ווערן, אַז מען וויל דאָס אויך נישט. נישט פוקס און נישט איך האָבן ווען ס'איז אין זין גע־האַט צו ווען מאַכן אַן אַזיל פאַר טאַלאַנטלאָזע, אָדער אַזאַ מין ליטע־ראַטור־חדר פאַר יענע אויסגעוואַקסענע „אינגסטע", וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט, וואו אָנצוהויבן... וועגן זיי איז נישטאָ זיך וואָס צו זאָרגן. זיי וועלן שוין זייער וועג אָפּבלאָנדזשען אַזוי צי אַזוי.

מיר אָבער האָבן גערעדט בפירוש וועגן די „פּראָדוקטיווע כוחות אין דער אידישער ליטעראַטור", אַלזאָ נישט וועגן גראַפאָ־מאַנען און נודניקעס, נאָר וועגן שרייבערס, וועגן די שאַפערישע מענטשן פון דער און פון יענער זייט „אינזל", וואָס זייער טאַלאַנט דאַרף מען נישט ערשט „זוכן", אָדער גאָר „מאַכן", נאָר וואָס איז לכל הדעות העכער פון יעדן ספק, כאָטש זיי זיינען צווישן זיך פאַרשיידן לויט טעמפּעראַמענט, וועלט־באַנעם און דער עיקר: לויט זייערע זשורנאַל־צוגעהעריקייט, וואָס אין איר עלעמענטאַרער נאַטור־נויטווענדיקייט האָבן מיר זיך דערלויבט צו צווייפלען.

משה גראָס.

דער אינזל

.2

די גרעסטע צרה מיט מיר איז, וואָס מיין ווילן איז ניט שטאַרק גענוג, וואָס מיינע איבערצייגונגען זיינען ניט פעסט גענוג, וואָס איך האָב ניט גענוג כח צו באַשטיין אויף מיינע מיינונגען, וואָס איך האָב ניט קיין אויסדויער, וואָס איך בין ניט גענוג אַמביציעז, וואָס איך בין ניט גענוג פּרינציפּיעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן ענינים, וואָס זיינען מיר שטאַרק ניט נוגע.

איך האָב זיך אַליין געכאַפּט, אַז ווען איך בין אויף אַ דעבאַטע אַפּלאָדיר איך יעדן רעדנער, און ווען עס קומט אויס צו שטימען פאַר געוויסע פאָרשלאַגן שטים איך פאַר יעדן, ווייל אין מיינע אויגן איז יעדער רעדנער גערעכט און יעדער פאַרשלאַג פּראַקטיש, ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן מ י י נ ע זאַכן.

און טריי צו זיך, צו מיין נאַטור און מיינע געוואוינהייטן האָב איך מיט גרויס שמחה געלייענט אין 9טן „אינזל” גראָס און פוקס וועגדונגג. טייערע, גאָלדענע ווערטער! אייגנטלאך, די ווערטער ניט אַזוינע טייערע, ניט אַזוינע גאָלדענע! אָבער אין חדר, וואו איך בין געגאַנגען האָט מען מיך געלערנט, אַז מען זאָל ניט קוקן אויף ווערטער, נאָר אויף דאָס וואָס מען האָט געוואַלט דורך די ווערטער אַרויסברענגען. בריף און אַרטיקלען זיינען דאָך ניט קיין לידער. איך האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער אימפּולס צו שרייבן דעם בריף איז ניט געקומען צו דערפילן אַ „היסטאָרישע נויטווענדיקייט”, נאָר אַ פּערזענלאַכע. ווייל איך שטוים זיך אָן אַז גראָס און פוקס, פּונקט אַזוי ווי איך, האָבן בילכערע דאגות ווי די היסטאָרישע נויטווענדיגקייטן פון דער אידישער ליטעראַטור. מיר האָבן צופיל ריין פּערזענלאַכע ליטעראַרישע דאגות, און גלאַט אַזוי פּערזענלאַכע צרות, אַז מיר זאָלן זיך גלאַט אַזוי אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַוועקזעצן דאַגה'נען פאַר'ן כלל. דאָס טוען בלויז ציניקער! ניט נויטיק, רבותי, איך וויים גאַנץ וואויל, פּונקט אַזוי ווי איר, אַז יעדער שרייבער, אַז יעדער ליטעראַט איז אַ טייל פון דער ליטעראַטור, און אַז די ליטעראַטור איז ניט עמיצנס פּריוואַט אייגנטום, נאָר זי באַלאַנגט צו אַלע; איך וויים וואויל, אַז עס איז דאָ אַ גרעסערער ריכטער און אַז אמת'ערער ווי דער שרייבער אַליין. אָבער איר ווייסט דאָך פּונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז יעדער שרייבער איז שרעקלאַך פּערזענלאַך, אַז ער טראַכט בלויז פאַר זיך, אַז ער האָט קיינעם ניט אין זינען און האָט אין דער אדמה די ליטעראַטור, אויסער ווען עס לוינט זיך אים און דערפאַר וואָלט מיר געווען זייער שווער אויפ'ן האַרצן ווען איך וואָלט נעגלויבט, אַז דער בריוו פון משה גראָס און

דער אינזל

א. מ. פוקס שטאַמט טאָקע פון ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור און ניט דערפאר ווייל זיי זיינען פּערזענלאך נוגע בדבר.

די היינטיקע צוריסנקייט און די גאַנץ פיינטלאַכע באַמער־קונגען פון איין לאַגער אויפ׳ן צווייטן, זיינען זיי ניט צום הארצן, דאָס איז די אורזאַך פון זייער ברייוו. זיי האָבן גוטע ווערטער מסתמא פאר זאכן, וואָס ערשיינען אין „אינזל" און פּונקט אזוי פאר זאכן פון די, וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום „פון צייט צו צייט". איך שטוים זיך אָן, אז זיי וואָלטן זיך ניט אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין ביידע זשורנאַלן. עקזיסטירט בלויז איינער און דורך דעם פאַלן זיי אַריין אין א פּאָזיציע, וואָס עס איז זיי ניט זייער אנגענעם. ווי רירנד וואָלט געווען ווען זיי שרייבן אזוי! ווער וואָלט זיך אָפּגעזאגט צו טאָן א פּערזענלאַכע טובה משה גראָסן אָדער פוקסן? איך, ניט!

און זיי זיינען זיכער גערעכט, אז מען וואָלט געקענט אויס־קומען מיט איין זשורנאַל. מען האָט עס שוין פריער געזאָגט. ניגער האָט עס באַמערקט, און נאָך אַנדערע האָבן עס באמערקט, און אַ זייטיקער וויים בעסער ווי די, וואָס קאָכן זיך אין דעם.

מענטשן, וואס זיינען נאָך ווייטער איינס פון דאָס אַנדערע ארבעטן בשלום אין איין און דערזעלביקער צייטונג, און די „צוקונפט"—סוף כל סוף, אונזער איינציקער גרויסער זשורנאַל, דרוקט לייוויקן און מאַני לייבן און איך צווייפל זייער צי זישאָ לאַנדוי וואָלט געשטעלט דער „צוקונפט" א באַדינגונג, אז ער וועט זיך דאָרט דרוקן בלויז דעמאָלט, ווען מען וועט מאַרקישן ניט דרוקן.

איז דאָך דאכט זיך גוט, קומט צוגיין אייזלאַנד און לאָזט ניט.

אייזלאַנדס ענטפער באַשטייט אויך טיילווייז פון „העכערע" פּראָזע, ער רעדט אויך ניט פּשוט, צום פּונקט. ער איז אין טאָן מיט גראָסן און פוקסן. ער זאָגט ניט אָפּן ניין, ווייל מען דאַרף דאָך זיין משוגע צו באַשטיין אויף אזא לאַגע. ברענגט ער טשיקאַווע אַרגו־מענטן, ווי ער וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון דער פראַגע, אוועק־שטופּן זי.

אייזלאַנד ווייסט אָבער אזוי גוט ווי איך, אז עס איז אוממעגלאך אַרויסצוגעבן אזא מין אָרגאַן. עס איז פּשוט ניטאָ די מיטלען דערצו, ניט ליטעראַרישע און, דער עיקר, ניט קיין מאַטעריעלע. אין אמעריקע איז ביז היינטיקן טאָג ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן א זשורנאַל, וואָס זאָל ניט צולייגן קיין געלט. דער „פאָרווערטס" לייגט צו טויזנטער צו דער „צוקונפט". אַלע קליינע זשורנאַלן האָבן דעפּי־ציטן און די איינציקע טרייב־קראַפט זייערע איז פּערזענלאַכע אַמבי־

ציע און שנאה. אַט דאָס האָט מען געקענט אויפטאָן דורך קריגערייען און דורך שלום און דורך ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור?

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ טשיקאַווע ערשיינונג. אין דעם מאָמענט וואָס מען הויבט אָן ריידן ביי אונז וועגן אַ זשורנאַל וואָס זאָל זיין געווידמעט דער אידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל אויפהויבן דעם מצב פון דער אידישער בינע און דאָס אידישע וואָרט, אַזוי געשעען זאַכן, וועגן וועלכע מען וואָלט בעסער ניט געדאַרפט ריידן אין דער עפנטלאַכקייט. דאָס בלאַסע, בלוט אָרימע, מאָגערע „דאָ נייע לעבן", וואָס זשיטלאָווסקי און ניגער האָבן אַרויסגעגעבן מיט איייניקע יאָר צוריק איז אונטערגעגאַנגען, זאָגט מען, מיט איבער צוויי טויזנט אַבאָנענטן, און האָט אויפגעפרעסן אין דעם יאָר וואָס עס האָט עקזיסטירט, אַזוי פיל געלט, וואָס עס וואָלט געווען גענוג צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ אפשר פאַר צען יאָר, ווען עס וואָלט געפירט געוואָרן מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט צו דער אידישער ליטעראַטור, ווי עס ווערן געפירט די „קליינע" זשורנאַלן. און „טעאַליט", וואָס ניגער און מוקדוני האָבן אַרויסגעגעבן צו ראַטעווען דאָס אידישע טעאַטער און נאָך עפּעס אַ וויכטיקן ענין, וואָס איך געדענק גראָד איצט ניט, וואָלט אויך געקענט לענגער עקזיסטירן, ווען די רעאַדקטאָרן און די מיטאַרבעטער וואָלטן ניט געהאַט אַזאַ ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור.

די פאַרזאָרגער פון דער אידישער ליטעראַטור האָבן געוואוסט, אַז אידישע זשורנאַלן קענען זיך ניט באַצאָלן און דאָך האָט מען זיך געלאָזט גאַנץ שיין באַצאָלן פאַר דער אַרבעט און דער אינטערעס צו דער ליטעראַטור און דער בינע, וואָס מען האָט געדאַרפט ראַטעווען איז פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דעם צוזאַמענגעשנאָרעטן געלט.

זאָל קיינעם ניט איינפאַלן, אַז מען קען אַנדערש פירן „אַ רעפּרעזענטאַטיוון זשורנאַל פאַר דער אידישער ליטעראַטור". דאָס וואָלט געמיינט, אַז איך באַשולדיג אין עפּעס די רעדאַקטאָרן פון די נאָר וואָס דערמאָנטע זשורנאַלן. ניט נאָר זיי, נאָר איך, און שמערל, און בערל, די אַלע וואָס גיבן אַוועק צייט און מי פאַר די זשורנאַלכלאַך האָבן דאַרט ניט געוואָלט געבן אַ שורה, ווען זיי האָבן ניט געקראָגן דערפאַר באַצאָלט.

הפנים, אַז שנאה איז שטאַרקער פון ליבע, און באַזונדערס פון אַזאַ לעבלאָכער ליבע, ווי ליטעראַטן קאָנען פילן און האָבן צו ליטעראַטור.

דאָס איז די לאַגע פון דער אידישער ליטעראַטור! אומשטיינס געזאָגט אַ ליטעראַטור, וואו עס איז ניטאָ קיין איינציקער שרייבער, וואָס זאָל קאָנען האָבן זיין אָרים אויסקומעניש פון זיינע ביכער

אליין. איך ווייס ניט צי עס איז אמת, אָבער איך האָב געהערט, אַז סעגאַלאָוויטש „מאכט א לעבן" פון פארפאסן ראָמאַנען. רבונו של עולם! דאָס איז דאָך א וואונדער! אויב דאָס איז אמת, בויג איך מיין קאָפּ פאר אים און האלט אים פאר'ן גרעסטן אידישן שרייבער.

דערפון איז פארשטענדלאך, אז דער בריף פון גראָסן און פוסקן האָט ניט געקאָנט האָבן אין מיינע אויגן קיין אנדער פּנים, ווי פון זייער א טייערן וואונטש, כאָטש זיי האָבן געהאלטן אין פארזיכערן, אַז זיי מיינען פּראקטישע נוצן. איך בין מיר געבליבן ביי דאָס מייניקע, אז וואָס מיר דארפן טאָן, אויב מיר ווילן עפּעס טאָן, איז אָנגיין מיט די קליינע זשורנאלן. דאַרף אָבער גאָט העלפן, אז גראָסן זאָל ניט געפעלן אייזלאנדס באמערקונג און ער ענטפערט אויף דעם.

משה גראָס פארמאָגט א פּען, וואָס זעט זאכן אין בילדער, איין בילד קייקלט זיך אין א צווייטן און פארטיידיקנדיק זיינעם א שטאנדפּונקט דערלאנגט ער דערוייל קלעפּ זיין געגנער און גאנץ נעראָטענע. זיינע אלע ארגומענטן פאר „גרויסע, רואיקע זשורנאלן" זיינען בלויז פאטערלאכע געפילן אין אנגעזיכט פון אונזער ווירק־לאכקייט און אויב עס איז אים ניט געלונגען צו איבערצייגן מיך, אז עס קען דערפון ארויסקומען א פּראקטישער נוצן פאר דער אידישער ליטעראטור און אז עס קען דערפון בלייבן עפּעס מער ווי בלויז א שלום־פארשלאג, האָט ער אָבער מיך ארונטערגעשלאָגן פון מיין זיכערקייט אין דער צוועקמעסיקייט פון די קליינע זשורנאלן און עס פאלט מיר איין א נעדאנק, אפשר זיך אָפּזאָגן דערפון אויך.

די אומשטענדן ערלויבן ניט קיין גרויסע זשורנאלן. פארפאלן. אָבער דאָס מיינט אבער ניט, אז מיר דארפן ארויסגעבן קליינע בענטשערלאך, אויב זיי זיינען באמת ניט מער, ווי דאָס, וואָס גראָס זאָגט וועגן זיי.

אייזלאנד האָט מורא, אז אין א זשורנאל וואס וועט דינען דער אידישער ליטעראטור וועט מען אפשר דארפן אונטערבעטן מיט לויב־ווערטער מענטשן, וואָס האָבן עס ניט פארדינט, לויט גראָס' ענטפער קומט כמעט אויס, אז דאָס ווערט פּראקטיצירט איצט אין די קליינע זשורנאלן.

נראָס גלויבט, אז די קליינע זשורנאלן זיינען כמעט א ספּעקטאקל פאר אונזערע לעזער, וואס האָט ניט קיין אינטערעס אין דעם, וואָס מיר שרייבן, נאָר האָט גרויס הנאה ווען מען פארפּאָרט יענעם.

איז דאָס אמת? איך בין אביסל צודרייט פון דער אנטדעקונג און עס ווערט מיך אומהיימלאך. סוף כל סוף — גיט דאָס איז מען דאָך אויסן.

דער אינזל

זאָל נאָך אימיצער ריירן וועגן דעם ענין. אייגנטלאך האנדלט זיך דאָ בלויז וועגן דעם „אינזל". אלע איבעריקע זשורנאלן זיינען באמת גין גאָלד ריינער, אונזער זשורנאל איז די שווארצע שאָף צווישן ריינע, ווייסע לעמעלאך.

בין איך קעגן א גרויסן רעפרעזענטאטיוון זשורנאל? חלילה, פונקט ווי איך בין ניט געגן נאָך א פּאָר טויזנט לעזער פאר אידישע ביכער, און אין איין וועג לאָמיך פארטרויען גראָס'ן א סוד, אז דער ענין ליגט ניט אויסשליסלאך אין די הענט פון די „אינזל" און „פון צייט צו צייט" לייט, אז עס זיינען נאָך דאָ ביי אונז אידישע דיכטער, וואָס באלאנגען ניט צו קיינעם פון די שטיבלאך און האָבן וועגן דעם אויך עפּעס צו זאָגן, ניט קוקנדיק, וואָס גראָס און פוקס האָבן עס איבערגעלאָזן אין גאנצן אין אונזערע הענט.

זישאָ לאנדוי.

אבא שטאָלצענבערג:

לידער

1

אויף יאגד קומט ארויס, קאמעראדן!
אויף צוויי פיסיקע סארנעס, אויף מיידלאך.
מיט שרויט די אויגן געלאָדן.

יאָגט!... די ביקסן געשטרעקט —
רעגנט מיט'ן שרויט פון די אויגן!
עס שמעקט ווי פון סאָסנאָווע וועלדער...
זיי קומען אונז שלאנקע אקעגן.

2

כ'האָב ווי א סערפּ זיך אָנגעשארפט,
און בין ארויס אויף שניט.
איך האָב דעם גאנצן טאָג געבלאנקט,
געשניטן און געגליט.

אָפּגעשניטן אלע תבואות
היט איך איצטער ס'פּוסטע פעלד.

דער אינזל

ביז ס׳קומט דער ווינטער מיט זיין בעזים
און קערט אראָפּ מיך פון דער וועלט.

3

זאָל לויבן ווער עס וויל די שווייץ,
איטאַליע, גריכענלאַנד צי שוועדען;
און ווען ס׳איז ליב דער זאָל פאַרגיין זיך
פאַר די ווינטערנעכט אין נאָרוועגען.

מיך דאַכט זיך אָבער, און ס׳דאַכט זיך אַנדערש,
אַז אונזער האַרבסטיקע בלאָטע,
איז ביי גאָט באַליבטער מער נאָך,
ווי שווייץ, איטאַליע און גאָלגאָטע.

4

כ׳קען נישט ענגליש, ניט פראַנצויזיש. — כ׳האָב אַן עקל פאַר די שפּראַכן.

גאָט, איך וויל פאַרשטיין די שפּראַך פון זאַכן.
איך בעט אויף ווערטער אויסצודריקן יענעם ווייטיק
פון איינגלאַך און פון מיידלאַך, ווען זיי ווערן צייטיק,
פון אַ שטאַרבנדיקן ווען די באַקן ציגעל ווערן;
פון אַ פאַרשעמטן לאָז פאַרשטיין די האַלבע טרערן.

6

גאָט האָט מיך געהייסן ברענען
מיט אַ פלאַקערדיק פייער.
פאַר אַלץ וואָס כ׳וועל דערקענען
מיט פייער צאָלן שטייער.

ווי אַ גרויסער האַר פון גיטער
מיט מיין פייער צאָל איך גערן.
און ווי אַ צעגליטע שויב איך ציטער,
ווען כ׳זעה ווי ס׳פרירט מיין מזל־שטערן.

ר. אייזלאַנד:

ר' אָשר כהנא

דראַמע אין פיר אקטן.

פערזאָנען:

ר' אָשר כהנאַ.
חנה, זיין פרוי.
ביילטשע } זייערע קינדער.
דוד
שלמה.
זאַלקע, אן אלטער בחור.
יאָסעלע, א אינגל אַ אידיאָט.
הערשל קראַדניס, אַ מלחמה גביר.
שלום וואָרענע.
פּנחס שמש.
בירגערמייסטער זאסלאַווסקי.
שטעטלער פיליפּעצקי.
ערשטער באַלעבאָס.
צווייטער באַלעבאָס.
דריטער באַלעבאָס

אידן, אידענעס, שטעטלערס, קינדער שקצים.
אָ ר ט: אַ קליין שטעטל אין גאַליציע.
צ י י ט: ביים סוף און באַלד נאָכ'ן וועלט קריג.

ד ר י ט ע ר א ק ט.

סצענע די זעלביקע וואָס אין צווייטן אַקט. נאַכט. אַפ'ן טיש ברענט אַ לאָמפּ. ארום טיש ר' אשר און דריי שטאַטישע באַלעבאַטים.

ע ר ש ט ע ר ב א ַ ל ע ב א ָ ס: וועט איר, הייסט עס, ראש השנה שוין זיין צוריק אין אייער אייגן הויז?

ר' א ָ ש ר: איך האָף מיט גאָטס הילף נאָך פריער.

צ ו ו י י ט ע ר ב א ַ ל ע ב א ָ ס: דער דאַך, האָב איך געזען, איז שוין געדעקט. איז עס שוין אינוועניק אויך פאַרטיק?

ר' א ָ ש ר: דאָס הייסט — כמעט פאַרטיק. די פּאָדלאָגעס זענען שוין געלייגט און נאָך איידער מען וועט בלאָזן שופר, וועלן מסתמא די ווענט שוין זיין געקאַלכט.

ד ר י ט ע ר ב א ַ ל ע ב א ָ ס: איך זאָג אייך דעם אמת, ר' אָשר: איר זיינט אַ בעל־מזל.

ר' א ָ ש ר: בעל־מזל? (מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.) אַז מען

שטייט נישט לײדיק און מען נעמט זיך טאָן, דאַרף מען נישט וואַרטן אויף קיין מזל.

ערשטער באַלעבאָס: איר זענט אפשר גערעכט. נאָר פון דעסטוועגן...

צווייטער באַלעבאָס: גרינג צו זאָגן אַז מען נעמט זיך טאָן. דאַרף מען דאָך אָבער קענען.

ר׳ אָשר: אַז מען וויל נאָר קען מען שוין.

דריטער באַלעבאָס: אָט אַ שטייגער וויל איך אויך. און פונדעסטוועגן וואַוין איך נאָך אַלץ ביי יאַרוש׳ן אין שייער.

ר׳ אָשר: איר ווילט נישט.

צווייטער באַלעבאָס: דעם ווּעמען דער אויבערשטער העלפט איז גרינג צו ריידן.

ערשטער באַלעבאָס: איך וויל אויך. און פונדעסטוועגן האָב איך מורא אַז איך וועל ווינטער נאָך אויך מוזן וואַוינען אין דער שאָפּע.

ר׳ אָשר: איר ווילט אויך נישט.

ערשטער באַלעבאָס: זאָלט איר מיר געזונט זיין, ר׳ אָשר, וואָס הייסט אַז איך וויל נישט?

ר׳ אָשר: דאָס הייסט, אַז ווילן ווילט איר אפשר, ווי איך וואָלט למשל וועלן צוריק זיין דער אמאָליקער וואַלד־סוחר. נאָר איר טוט נאָרנישט, וואָס זאָל ווייזן אַז איר ווילט עס באמת.

ערשטער באַלעבאָס: וואָס הייסט איך טו נישט? וואָס אַ שטייגער וואָלט איך באַדאַרפט טאָן?

ר׳ אָשר: וואָס איר האָט באַדאַרפט טאָן, דאָס וויים איך נישט. איך ווייס נאָר אַז איך האָב געטאָן וואָס איך האָב געדאַרפט.

צווייטער באַלעבאָס: אייך האָט פּשוט צוגעשפּילט דאָס גליק.

דריטער באַלעבאָס: אָט איז למשל געקומען צו אייך אַזאַ מענטש ווי . . . הערשל און האָט אייך אָנגעבאָטן . . .

ר׳ אָשר: ער איז צו מיר נישט געקומען און האָט מיר נישט אָנגעבאָטן.

ערשטער באַלעבאָס: נאָר ווי דען? איר זיינט אפשר געגאַנגען צו אים?

ר׳ אָשר: אודאי בין איך געגאַנגען צו אים.

ערשטער באַלעבאָס: כע־כע, איר ווילט דווקא אויסטראַכטן אַ בלבול אויף זיך, ר׳ אָשר?

ר׳ אָשר: אַ בלבול? פאַרוואָס מיינט איר אַ בלבול? פאַר וואָס האָב איך נישט געזאָלט גיין צו אים? צו פיליפּעצקי דעם

דער אינזל

רימער בין איך נישט געגאנגען? און צו דעם בורמישטש זאסלאוו־סקי? איך האָב געדאַרפט אָנקומען צו אים, האָב איך אויסגעטאָן דאָס שעם היטעלע און בין אוועק צו אים און געזאָגט: הערשל, איך קען זיך נישט וואַלגערן אין אַ שאָפּע. איך וויל צוריק אויפ־בויען מיין הויז. איך האָב נישט אַ העלער ביי דער נשמה. איך בין אָבער גרייט צו טאָן אַלץ און איך האָף אַז גאָט וועט מיך נישט פאַרלאָזן. קענסטו מיר לייען עטלאַכע הונדערטער? האָט ער מיר געליען.

ערשטער באַלעבאָס: און ניט דערלעבט וואָלט דער אַ, אַז איך זאָל זיך אַזוי דערנידעריגן און גיין צו אים.

צווייטער באַלעבאָס: און איך אויך נישט.

ר' אָשר: זייט איר גרעסערע יחסנים פון מיר. אָבער דערפאַר וועל איך... נאָר צו וואָס טויגן די אַלע רייד? איר זייט דאָך ניט צוליב דעם געקומען אהער.

ערשטער באַלעבאָס: יאָ, איר זייט גערעכט, ר' אָשר. ניט צוליב דעם זיינען מיר געקומען. מען בלאָזט שוין באַלד שופר, און קיין געלט אויף צו פאַרענדיקן דעם פּאָליש איז נאָך אַלץ ניטאָ. ס'וועט נאָך אויסקומען ימים־נוראים צו דאַוונען אין דרויסן.

צווייטער באַלעבאָס: און דער רב, זאָל לעבן, וואַל־גערט זיך נאָך אַלץ אינדערפרעמד. ער חלש'ט אהיים צו קומען. איר וואָלט באַדאַרפט זען דעם בריף, וואָס איך האָב די טעג באַקומען פון אים.

דריטער באַלעבאָס: און איך זאָג אייך, אַז גיכער פאַר אַלץ דאַרף מען עפּעס טאָן פאַר די קינדער. זיי האָבן דאָך שוין באַלד פאַרגעסן, ווי אַזוי מען נעמט אַ סידור'ל אין דער האַנט אריין — אַז ס'איז ניטאָ קיין חדר...

ר' אָשר: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך בין אַזוי פאַריאָגט און אַזוי פאַרנומען מיט מיינע אייגענע עסקים, אַז כ'האָב ביז איצט אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן צרכי צבור. האָט איר עפּעס אויסגעטראַכט אַן עצה?

ערשטער באַלעבאָס: שייך אַן עצה? מיר קלייבן זיך צו טאָן דאָס, וואָס קהל טוט אַלעמאָל, ווען מ'דאַרף געלט.

ר' אָשר: דהיינו?

צווייטער באַלעבאָס: מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטל פון אַלע באַלעמאַטים, און איטליכער וועט מוזן צוטראָגן זיין חלק.

ר' אָשר: וואו האָט איר היינטיקע צייטן באַלעבאַטים,

וואָס זאָלן קענען געבן? מען דאנקט דאָך גאָט, אז מ'האָט דעם טאָג איבערצוקומען.

ערשטער באַלעבאָס: מיינט איר צו זאָגן, אז מיר זאָלן זיך בעסער גאָרנישט נאריש מאכן?

צווייטער באַלעבאָס: און לאָזן דעם רב זיך ווייטער וואלגערן אין דער פרעמד?

דריטער באַלעבאָס: און די קינדער — זיי זאָלן אויפּוואקסן, ווי די גויים?

ר' אָשר: וואָס זשע מיינט איר? ס'איז טאקע ביטער. נאָר אדרבא ווייזט מיר וואָס מען קען עפּעס טאָן.

ערשטער באַלעבאָס: איר הערט, ר' אָשר? מיין עצה איז פאָרט דער צעטל.

צווייטער באַלעבאָס: איך מיין אויך אזוי.

ר' אָשר: איך וועל זיך נישט שפּארן מיט אייך. האָט איר אפשר עמיצער דעם צעטל ביי זיך?

ערשטער באַלעבאָס: אָט האָט איר אים. (נעמט ארויס פון בוזים־קעשענע אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און דערלאַנגט אים ר' אשר'ן. ר. אָשר נעמט אים פאַנאַנדער, לויפט אים דורך מיט די אויגן. שאָקלט מיט'ן קאָפּ און צעלאַכט זיך).

צווייטער באַלעבאָס: דעם צעטל האָבן מיר אויסגעאַ־בעט אין דרייען און מיר ווילן איר זאָלט אויף אים אויך געבן אייער הסכמה.

ר' אָשר: מיין הסכמה וועט איר נישט קריגן.

ערשטער באַלעבאָס: וואָס זשע? ער געפעלט אייך נישט?

ר' אָשר: געפעלן געפעלט ער מיר זייער. נאָר איך וואָלט צו קיין איינציקן פון די אַלע נישט געגאַנגען בעטן קיין געלט.

ערשטער באַלעבאָס: פאר וואָס למשל?

ר' אָשר: ווייל זיי זיינען אַלע אזוי־נע קבצנים, אז מען וואָלט זיי געדאַרפט עפּעס געבן.

ערשטער באַלעבאָס: און איך בין נישט מסכים מיט אייך. אנו ווייזט נאָר זייט מוחל מיר דעם צעטל אויף אַ רג'לע! (ר' אָשר דערלאַנגט אים דאָס פּאַפּיר.) נע! נישט אזוי געפערלאָך. נישקשה! ר' יאנקעלע גאָלדציער קען נאָך געבן אַ פינפערל, אָשר זילבערבערג — אַ צענערל און מאָטל וויינבלאַט, אז ער זאָל זיך נאָר אַ קוועטש טאָן, קען ער אויך נאָך צוטראָגן אַ פינפערל און . . . (בלייבט שטיל).

דער אינזל

ר׳ אשר: און וויפיל נאך פינפערלאך קענט איר דארט ארויסקוועטשן?

צווייטער באלעבאס: אז נישט קיין פינפערלאך איז צווייערלאך.

ר׳ אשר: דער איבעריקער עולם קען אפילו א העלער אויך נישט געבן.

דריטער באלעבאס: אז מען דארף און מען מוז, קען זיך נאך יעדער אנטאן א כח און עפעס געבן.

ר׳ אשר: זאל זיין אזוי ווי איר זאגט. אבער ווער וועט אויף זיך נעמען די טרחה און גיין אויפמאנען די טאקסע?

ערשטער באלעבאס: וואס הייסט ווער? מיר. מיר אלע אין פירען. מיר זיינען די שענסטע באלעבאטים, און וואו מיר וועלן קומען וועט מען אונז ניט מעיז זיין.

ר׳ אשר: מיך נעמט ארויס פון קאן.

צווייטער באלעבאס: פארוואס עפעס?

ערשטער באלעבאס: ווייל איך וועל נישט גיין.

דריטער באלעבאס: אבער פארוואס?

ר׳ אשר: ווייל איך האב קיין חשק נישט. ווייל איך קען נישט גיין מאנען ביי יענעם ווען איך אליין קען גאר נישט געבן.

ערשטער באלעבאס: און איר אליין, ר׳ אשר, קענט אויך נאך עפעס געבן.

ר׳ אשר: ניין, איך קען נישט. לעת עתה נאך נישט. אזוי לאנג ווי איך קען נאר געבן גראשנס, קען איך גאר נישט געבן.

צווייטער באלעבאס: צו וואס טויגן די אלע רייד? איר האט עפעס א בעסערע עצה?

ר׳ אשר: צי מיין עצה איז בעסער, דאס ווייס איך נישט. נאר איך מיין אז נאך געלט דארף מען גיין צו די וואס קענען געבן.

דריטער באלעבאס: ווער זשע, מיינט איר, קען יא געבן?

ר׳ אשר: איך מיין יענע... די נייע גבירים.

אלע: וואס?

ר׳ אשר: זיי, די נייע גבירים. זיי האבן געלט, זיינען זיי נישט קראנק צו געבן.

ערשטער באלעבאס: מיר זאלן אנטאן דעם כבוד די קראדניקעס און די ווארשנעס און ווי זיי הייסן דארטן און גיין בעטלען ביי זיי געלט?

ר׳ אשר: מה רעש? איר גייט דאך ניט פאר זיך, נאר פאר קהל!

ערשטער באלעבאָס: ביי מיר וועלן זיי דאָס נישט דערלעבן.

די אנדערע: ביי מיר אויך נישט.

ר' אָשר: האָב איך אַן אַנדער עצה.

אלע: למשל?

ר' אָשר: אַז קהל זאָל דערווייל זען צו קריגן ערגיץ אַ הלואה און אי"ה לכשירחיב, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און אידן וועלן האָבן פרנסה, וועט מען דעמאָלט אויסשטעלן אַ טאָפּלטן צעטל און מען וועט דעם חוב באַצאָלן.

ערשטער באלעבאָס: דאָס לייגט זיך אויפ'ן שכל. אָבער ווער וועט היינטיקע צייטן לייען קהל געלט?

ר' אָשר: מאָלט אייך אַז מען קען נאָך געפינען איינעם, וואָס וועט לייען. אַז מיר וועלן זיך נאָר מטריח זיין און אַריבערגיין צו אים, וועט ער בלי שום ספק ניט אויסריידן קיין וואָרט נאָר אַרויסנעמען דעם טייסטער און געבן וויפיל מען וועט נאָר פאַרלאַנגען.

ערשטער באלעבאָס: איך זע נישט פאַר זיך אַזאַ מענטשן.

צווייטער באלעבאָס: איך אויך נישט.

ר' אָשר: און איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ער וועט יאָ לייען. לאָמיר נאָר אין פירן אַריבערגיין צו אים, וועט ער זיכער לייען.

ערשטער באלעבאָס: קענט איר מיר זאָגן וועמען איר מיינט?

ר' אָשר: אוודאי. איך האָב אין זינען . . . הערשלען.

דריטער באלעבאָס: ווער זאָגט איר? הערשל? הערשל קראַדניק אפשר?

ר' אָשר: יאָ, הערשלען מיין איך. וואָס זיינט איר דאָס אַזוי נשתומם?

ערשטער באלעבאָס: מיר זאָלן גיין צו הערשל קראַדניק?!

צווייטער באלעבאָס: אַ שיינע מעשה כלעבן. כע, כע, מיר זאָלן גיין צו הערשל קראַדניק. דאָס דערמאָנט מיך...

ר' אָשר: וואָס, אייך שטייט נישט אָן?

ערשטער באלעבאָס: אוודאי שטייט אונז נישט אָן. געהערט אַזוינס?

ר' אָשר: אוודאי שטייט אייך נישט אָן. ווייל איר זיינט איידעלע צעקראָכענע יחסנים, וואָס קענען נאָר זיפצן און קרעכצן

אויף דעם וואָס איז געווען און וועט שוין נישט צוריקקומען, און איר קענט נישט פאַרטראָגן די, וואָס קרעכצן נישט נאָר טוען.

צווייטער באַלעבאָס: אָבער גאָט איז מיט אײַך, ר׳ אָשר. וואָס הייסט, מיר זאָלן גיין צו דעם אַ...

ר׳ אָשר: וואָס האָט איר אַזוי מורא אָנצורופן זײַן נאָמען? יאָ, צו אים, צו הערשל קראַדניק. אויב מיר ווילן האָבן אַ פּלאַץ וואו צו דאַוונען די ימים־נוראים און אַליין האָבן מיר קיין געלט נישט, מוזן מיר גיין צו אַזוינעם וואָס האָט יאָ.

ערשטער באַלעבאָס: איר קענט אײַך גיין צו אים. איר האָט מיט אים עסקים...

ר׳ אָשר (שטעלט זיך אויף): און אַז איך האָב עסקים מיט אים?!

ערשטער באַלעבאָס (שטעלט זיך אויך אויף): האָט איר.

ר׳ אָשר (ציטערט פון כעס): ער איז מיר חשוב׳ער . . . (ערשטער באַלעבאָס דערוווייטערט זיך שווײַגנדיק פון טיש).

צווייטער באַלעבאָס: צו וואָס די אַלע רייד? מיר זײַנען דאָך נישט געקומען אַהער זיך קריגן.

ר׳ אָשר (מיט כעס): קוקט אים נאָר אָן דעם פאַרשייטן קבצן. אים פּאַסט נישט. אים שטייט נישט אָן. ווער זײַנט איר דאָס אַזוינס? מיר איז אַמאָל נישט אָנגעשטאַנען צו שטיין אין דײַנע דלת אמות.

דריטער באַלעבאָס: פון אײַער כעס׳ן זיך וועט קיין אָרט צום דאַוונען נישט זײַן.

ר׳ אָשר: וועט מען דאַוונען אין דרויסן.

ערשטער באַלעבאָס: וועט מען.

ר׳ אָשר: און איך וועל אײַך ווייזן, אײַך אַלעמען ווייזן, אַז ער וועט יאָ זײַן. און נאָך הײַנט בײַנאַכט, און טאַקע שוין גלײַך. (טוט אָן דעם קאַפּעלוש, פאַרקנעפּלט זיך און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. די איבעריקע גייען אים שטיל און אָנגעכמורעט נאָך).

(ביילטשע, אויסגעפּוצט אין הוט און זשאַקעטל, שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורך דער טיר און קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום. קומט אַריין אינגווייניק, גייט צו אַף די שפּיץ־פינגער צו דער טיר רעכטס און קוקט אַריין. און דערנאָך צו דער טיר לינקס און קוקט אַריין. גייט צוריק צו דער טיר און רופט שטיל.)

ביילטשע: שששש! די מאַמע שלאָפט און די איבעריקע זײַנען נישטאָ אין דער היים. קענסט דאָ זײַן אַ ווײַלע. (טוט אויס דאָס היטעלע און גיט עס אַ וואָרף אויף דער קאַנאַפּע, גייט צו צום שפּיגל און פאַריכט די האָר.) די באַקן זײַנען אויסגעצוויקט און די נאָז

גלאַנצט ווי אַ שפּיגל. אָבער אַ שפּאַציר איז עס געווען גאָר אַ פיינער. שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ הנאה.

שלמה: און מיר איז נאָך אַלץ אין די ביינער דער ריח פון היי און געבראָטענע קאַרטאָפל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פעלד, און פאַר די אויגן טאַנצן מיר נאָך אַלץ די פייערלאַך וואָס האָבן זיך נעצונדן פון ווייטנס. ווייסט, ביילטשע, יעדעס מאָל ווען מיר קומען אַרויס פון שטאָט און דער ווינט נעמט מיך אַרום דאַכט זיך מיר אַז איך בין נאָך מיט פיר יאָר אינגער און אַז ס'איז קיינמאָל קיין מלחמה ניט געווען.

ביילטשע: און איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז מיר האָט איין ווײַלע אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. דיר האָב איך עס ניט געוואָלט אַרויסווייזן, נאָר איך האָב געפילט אַז איך קען זיך צעוויינען. דערנאָך אָבער איז מיר ווידער געוואָרן גוט. אמת'ד'יק גוט.

שלמה: וואָס איז שוין ווידער?

ביילטשע: גאָר נישט, שלמה. נאָר איך קען מיר נישט העלפן. איטליכס מאָל ווען מיר קומען אַרויס פון שטאָט און איך דערזע דעם וואַלד און די פייערלאַך פון ווייטנס, כאַפּט מיך אָן אַזאַ בענקעניש נאָך ווין. ווייסט, שלמה, ווין איז קיינמאָל נישט אַזוי שיין ווי פאַרנאַכט, ווען עס איז נאָך האַלב ליכטיק און די גאַסן־לאָמפּן צינדן זיך איינציקווייז אָן. אַלץ ווערט שענער דעמאָלט, די מענטשן, די טראַמווייען, די פּיאַקערס, אפילו די שטיינער פון די גאַסן ווערן דעמאָלט שענער. איך האָב משוגע ליב געהאַט ווין פאַרנאַכט. (פּויזע.) ווייסט, שלמה, איינמאָל אַ פאַרנאַכט בין איך מיר אַזוי געשטאַנען אויף דער רינגע שטראַסע און זיך פאַרקוקט. פּלוצים איז נעבן מיר אויסגעוואַקסן אַ יונגער הער, זיך פאַרנייגט אַזוי גאַלאַנט און . . .

שלמה: הייבסט שוין ווידער אָן, ביילטשע?

ביילטשע: וואָס ווערסטו אַזוי צערייצט ווען איך רעד פון ווי'ן? דו ווייסט דאָך ווי איך האָב ליב די שטאָט און ווי איך חלום פון איר. האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט נעמסטו מיך צוריק אַהין.

שלמה: נישט דאָס. דו ווייסט אַליין, אַז נישט דאָס רעגט מיך אויף.

ביילטשע: וואָס זשע דען?

שלמה: איך קען נישט ליידן ווען דו רעדסט אַזוי פאַר בענקשט פון די . . . פאַצעטלאַך.

ביילטשע: פאַר וואָס זאָל איך נישט רעדן פון זיי? אַז

זיי זיינען אזוי עלעגאנט און אזוי העפלאך. גאָר אנדערע מענטשן. (שלמה גיט זיך אַ קרים און קערט זיך אָפּ פון איט, ביילטשע שמייכלט צו זיך.) פאַרוואָס קענסטו נישט הערן דעם אמת?

שלמה: ווייל איך וויל נישט. ווייל איך קען דיך נישט אָנקוקן ווען דו רעדסט אזוי.

ביילטשע (טראָציק): טאַקע?

שלמה: יאָ, זיכער אזוי.

ביילטשע: פאַרמאַכט מען די אויגן און מען קוקט נישט. און אז נישט, הייבט מען זיך גאָר אויף און מען גייט אַוועק און מען קומט שוין נישט צוריק. פאַרשטייען זי, מיין הער?

שלמה: וועל איך אזוי טאָן.

ביילטשע: ביטע. אפילו שוין. (שלמה פאַרבייסט די ליפּן און ענטפערט גאָר נישט. ביילטשע קוקט אים לאַנג אָן און פּלוצים גייט זי צו צו אים און שטעלט אים אונטער די האַנט צום מויל.) אנטשולדיק דיך און גיב אַ קוש. (שלמה פאָלגט.) נו שוין. זאָג איך דיר צו אַז פון היינט אָן וועל איך שוין נישט רעדן וועגן דעם, אפילו נישט דערמאָנען. צופרידן? (גיט אים האַסטיק אַ קוש און שפּרינגט אָפּ. שלמה וויל זי כאַפּן, שפּרינגט אָפּ נאָך ווייטער. ער לאָזט זיך נאָך איר און זי הייבט זיך אָן דרייען ארום טיש אויף די שפּיץ פינגער, און ער נאָך איר. ווען ער איז שוין נעבן איר גיט זי מיט'ן פינגער אַ שנאַל אַראָפּ זיין הוט פון קאָפּ, לויפט נאָכאַמאָל אַרום טיש, גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער קאַנאַפּע און צעלאַכט זיך. שלמה לאָזט זיך ארונטער פאַר איר אויף די קני און קושט אירע הענט איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל).

ביילטשע (רייסט אויס אירע הענט און פּאַטשט אים לייכט־שאפטלאך איבער'ן פּנים): דו! דו! דו! (דערנאָך כאַפּט זי אַרום זיין קאָפּ מיט ביידע הענט און קושט אים אויפ'ן מויל, אויף די אויגן און אויפ'ן שטערן): דו! דו! דו! (דערנאָך כאַפּט זי אים אָן ביי די האָר, בויגט אַראָפּ זיין קאָפּ ביז'ן דיל און שטעלט אויס אַ פיסל): נאַ, גיב אַ קוש! (ער פאָלגט און זי שטעלט אויס דעם צווייטנ'ס פוס): דעם אויך! (ער פאָלגט).

(די טיר עפנט זיך און ס'קומט אַריין ר' אשר. דערזעט די סצענע, בלייבט ער שטיין אין מיטן קאַמער.)

ביילטשע (שפּרינגט אויף): אוי, דער טאַטע!

(שלמה הויבט פּאַמעלאַך אויף די אויגן און דערזעענדיק דעם אַלטן לאָזט ער זיי צוריק אַרונטער מיט'ן פּנים צו דער ערד. ליגט אזוי אַ ווײַלע און וואַגט נישט אויפצושטיין. מיט אַמאָל הויבט ער אָן קריכן אױף אַלע פיר, גיט אַ כאַפּ זיין הוט און האַלב־איינגעבויגן רוקט ער זיך צו דער טיר און שיסט אַרויס מיט'ן קאָפּ פאַראויס.

דער אינזל

בוילטשע זיצט אַ ווײַלע מיט'ן פּנים אײַנגעגראָבן אין בײדע הענט, דערנאָך שטײט זי אויף און וויל זיך אַרויסשאַרן.)

ר' אָשר (כאַפּט זי אָן בײַ אַן אָרעם): וואָס איז דאָ געווען? (בוילטשין שווײַגט און קערט אָפּ דעם קאָפּ.) וואָס א־יז דאָ געווען אַזוינס? (בוילטשע רײַסט זיך פון אים.) וואָס איז דאָ געווען אַזוינס? (מיט אַ טאָן העכער.) זאָג, וואָס איז דאָ געווען פאַר אַ קאָמעדיע?

בוילטשע (רײַסט זיך): לאָז מיך!

ר' אָשר: איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז דו וועסט מיר פריער נישט זאָגן, ווער איז דער בחור?

בוילטשע (אונטער דער נאָז): שלמה.

ר' אָשר: וועלכער שלמה?

בוילטשע: לאָז מיך!

ר' אָשר: איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן. וועלכער שלמה?

בוילטשע: שלמה העלער.

ר' אָשר: אַזוי! דעם לערער'ס זונדל! (בוילטשע שווײַגט. ער לאָזט אָפּ איר האַנט.) מער זאָל זײַן פוס מײַן שוועל נישט אריבערטרעטן. הערסט?

בוילטשע: וואָס ווילסטו פון מיר?

ר' אשר (מיט אַ טאָן העכער): מער זאָל זײַן פוס מײַן שוועל נישט אריבערטרעטן, זאָג איך דיר.

(חנה קומט אַרײַן אַ פאַרשלאָפענע און האַלב־דערשראָקענע.)

חנה: וואָס א־יז? וואָס שרײַסטו אַזוי, אָשר?

ר' אָשר: וואָס איך שרײַ? איך שרײַ, וואָס איך האָב אויסגעהאָדעוועט אַזאַ טאָכטער.

חנה: אָבער וואָס איז דאָ געווען, וואָס?

ר' אָשר (קרימט זיך איר איבער): אָבער וואָס איז דאָ געווען, וואָס? איז אין דער היים און זעט נישט וואָס אונטער איר נאָז טוט זיך.

חנה: אָבער וואָס איז אַזוינס געשען?

ר' אָשר: ווען דו וואָלסט אָבער נישט געווען אַזאַ פאַרשלאָפענע באָבע, נאָר אַ מאַמע וואָס האַלט אָפן די אויגן אויף דער פאַניענקע...

חנה: אָבער וואָס?

ר' אָשר (מיט כעס): נו גײ דערצײל איר וואָס דאָ איז געווען. גײ דערצײל איר וואָס די אויגן האָבן נאָר־וואָס אַלײן געזען. פרעג אדרבא דײַן שײַן טעכטערל, אפשר וועט זי דיר אַלײן דערצײלן.

(דוד קומט אָן. בוילטשע דערזעט אים, לויפט צו אים אנטקעגן און וואַרפט זיך אים אין די אָרעמס.)

ב י י ל ט ש ע: אוי, דוד! דוד!

ד ו ד (דערשראָקן): וואָס איז?

ר' אָ ש ר (קרימט זיך אים נאָך): וואָס איז? וואָס איז? אָט האָסטו דיר נאָך אַ חקירה־ודרישה! (דרייט זיך ארום אַ בייזער אַהין און צוריק. צום סוף שטעלט ער זיך אָפּ אַקעגן דוד'ן מיט ביילטשע'ן און רופט אויס אַנטשלאָסן): הער זשע, פאַני־ענקע מיינע. נאָך די טעג ווערסטו אַ כלה!

ח נ ה: אָשר!

ר' אָ ש ר: נאָך די טעג ווערט זי אַ כלה.

ח נ ה: אָשר!

ר' אָ ש ר: דאָס איז מיין זאַך!

ח נ ה: וואָס הייסט דיין זאַך? און וואו בין איך? איך האָב שוין גאָר קיין דעה נישט? און דאָס קינד?

ר' אָ ש ר: דאָס קינד! דאָס קינד! ווען דו וואָלסט אָבער נישט געשלאָפן, וואָלסטו געזען וואָס דיין ק י נ ד קען.

ח נ ה: וואָס איז מיט דיר געשען היינט? חלילה אויף שונאי ציון אַראָפּ פון זינען צי וואָס?

ר' אָ ש ר: אָט האָסטו דיר אַ נייע מעשה! באַלד ווען זיי מיך נאָך מאַכן פאַר משוגע אויך. ווייל איך טאַקע אַז דו זאָלסט ווייסן, אַז דאָס טעכטערל זאָל ווייסן, אַז איר אַלע זאָלט ווייסן: איך וועל זיך משדך זיין מיט הערשלען.

ח נ ה און ד ו ד: מיט וועמען?

ר' אָ ש ר: יאָ, מיט הערשלען.

ד ו ד: מיט הערשל קראַדניק?

ר' אָ ש ר: מיט הערשל קראַדניק!

ח נ ה: ביזטו דאָך טאַקע חסר דעה!

ד ו ד: טאַטע!

ר' אָ ש ר: אַזוי זאָג איך און אַזוי וועט זיין.

ד ו ד: דו וועסט נעמען הערשל קראַדניק פאַר אַן איידעם? וועסט דיך גאָר נישט שעמען?

ר' אָ ש ר: פאַר וועמען זיך שעמען?

ד ו ד: פאַר דיר אַליין. פאַר דער וועלט. פאַר מיר.

ר' אָ ש ר: אַזוי! פאַר דיר זיך שעמען! וואָס ביזטו? צו וואָס טויגסטו? תכשיט מיינער, קענסטו אַ קאַץ אַן עק פאַרבינדן?

ח נ ה: אָבער, גאָט מיינער, ביזט דאָך טאַקע, אויף מיינע שונאים, חסר דעה.

ר' אָ ש ר: ווער עס איז חסר דעה, דאָס ווייס איך נישט.

איך ווייס נאָר איינס: אז איך האָב זיך שוין לאַנג גע׳ישוב׳ט וועגן דעם, און איצט איז עס אַן אָפּגעמאַכטע זאַך.

דוד: דו וועסט זיך משדך זיין מיט הערשל קראַדניק — דו, טאַטע, וואָס האָסט נישט געקענט בלייבן אין ווין, ווייל דאָרט האָט קיינער נישט געוואוסט ווער ר׳ אָשר כהנא איז?

ר׳ אָשר: נישט אמת. נישט דערפאַר בין איך אוועק פון ווין.

דוד: יאָ דערפאַר.

ר׳ אָשר: פאַרמאַך דעם פּיסק, דו שייגעץ דו! ווייסט אַליין, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז נישט דערפאַר האָב איך פאַרלאָזט ווין. נאָר ווייל איך האָב נישט געוואָלט אונטערגיין. ווייל איך האָב נישט געוואָלט מיר אַלע זאָלן אונטערגיין.

דוד: און דאָ גייען מיר נישט אונטער?

ר׳ אָשר: דאָ וועלן מיר זיך מיט גאָט׳ס הילף צוריק איינ־פונדעווען.

ביילטשע: מיט קראַדניק׳ס הילף!

ר׳ אָשר: און אויך מיט קראַדניק׳ס הילף.

דוד (סאַרקאַסטיש): איינפונדעווען!

ר׳ אָשר: יאָ, איינפונדעווען.

דוד: ניין, נישט דו. אפשר די קראַדניקעס, די וואָראָנעס און די אַנדערע וואָס זיינען רייך געוואָרן פון גנבה און גזלה בעת׳ן קריג, אָבער נישט דו.

ר׳ אָשר: וואָס וואַרפסטו דיך אַזוי מיט די קראַדניקעס און די וואָראָנעס? וואָס ביזטו אַקעגן זיי? דו ביזט אַ גאָרנישט, אַ לא־יוצלח, און זיי טוען, זיי האַנדלען, זיי בויען, און זיי העלפן, אַז אַנדערע זאָלן אויך עפּעס קענען טאָן. אָט קום איך נאָר־וואָס פון הערשלען. ווער גיט געלט אויפ׳ן פּאַליש, אויב נישט ער? ווער העלפט מיך זיך שטעלן אויף די פיס, און ווער העלפט אַנדערע? און דו, וואָס טוסטו? און וואָס טוט דיין שיינער חבר, ווי הייסט ער דאָרט? אָט האָב איך אים נאָר־וואָס געפונען ליגן פאַר דיין שוועסטער אויף דער ערד, ווי אַ הונט, ווי אַ וואָרים.

ביילטשע (שפּרינגט אויף): דאָס וועט נישט זיין!

ר׳ אָשר: וואָס וועט נישט זיין?

ביילטשע: וואָס דו ווילסט וועט נישט זיין! קיינמאָל נישט!

ר׳ אָשר: און איך זאָג, עס וועט יאָ זיין.

ביילטשע: דו וועסט מיך נישט צווינגען!

ר׳ אָשר: איך וועל דיך יאָ צווינגען.

בײלשעשע: װעל איך זיך אַ מעשה אָנטאָן. (װיל לױפֿן צו דער טיר. חנה פֿאַרלױפֿט איר דעם װעג מיט אױסגעשפּרײטע הענט).

חנה: קינד מײנס, טאָכטערשי!

פֿאָרהאַנג.

פֿערטער אקט.

אַ נײַע פּוסטע שטוב. די װענט געקאַלכט. אין הינטערגרונט אַ טיר, װאָס פֿירט אין אַ פֿירהױז און צװײ פֿענסטער פֿאַרהאַנגען מיט פֿאָר־האַנגלאַך. אין בײדע זײַטיקע װענט טירן, װאָס פֿירן אין אַנדערע צימערן. תּחילת נאַכט. די שטוב איז באַלױכטן פֿון אַ הענג לאָמפּ. דורך דער טיר אין הינטערגרונט קומט אַרײַן פּנחס שמש און נאָך אים זאַלקע און יאָסעלע, װאָס טראָגן אַ לאַנגע און ברײטע דעק פֿון אַ טיש. פּנחס גײט פֿאָראױס הינטערװײלאַכץ.

פּנחס: פּאַװאָליע, זאַלקע, פּאַװאָליע, גיב אַכטונג און צע־קראַץ נישט די װאַנט. פּאַװאָליע, יאָסעלע, דאָ אַהער, דאָ. (װײַזט אָן אױף אַ װאַנט, װאו זײ שפּאַרן אָן די דעק אין דער לענג.) אָט אַזױ! און איצט גײט און ברענגט די פֿיס און די בענק. הערסט, זאַלקע? בענק!

זאַלקע: עע. ס'עט טאַקע זײַן אַ סעודה?

פּנחס: דאָס װעסטו שױן שפּעטער זײַן. איצט גײ.

זאַלקע: אַ גרױסער עולם?

פּנחס: שרעק דיך נישט. דײַן חלק װעט קײנער נישט צונעמען. גײ.

(יאָסעלע און זאַלקע גײען אָפּ).

חנה (קומט אַרײַן דורך דער טיר רעכטס, אָנגעטאָן שבת'דיק, גײט צו צום פֿענסטער, רוקט אַװעק דאָס פֿאָרהענגל און קוקט אַרױס): װי מײנסטו, פּנחס, זײ װעלן זיך נאָך לאַנג זאַמען?

פּנחס: זאָל נאָר אַלץ זײַט גרײט, װעלן זײ שױן קומען. ר' אָשר האָט מיך טאַקע געבעטן איך זאָל אים קומען אָנזאָגן, װען אַלץ װעט זײַן פֿאַרטיק.

חנה: ער האָט געמעגט קומען אַביסל פֿריער. ער זאָל כאָטש שכל האָבן, מײַן אַלטער, און נישט ברענגען קײן גרױסן עולם. איך װײס אָסור נישט װי מיר װעלן זיך אַן עצה געבן. אַז קײן זאַך איז נישט צו קריגן. איר זעט, אַפֿילו דאָס ביסל געשיר, װאָס מען דאַרף צו אַ שטיקל שמחה, איז מיר אױך אָנגעקומען מיט קופּערנע װערים. אַ מערכה הערשל, װען נישט ער... (זאַלקע און יאָסעלע קומען צוריק

מיט אַ לאַנגער באַנק.) פּאַוואָליע, זאַלקע דער לאָמפּ! (זיי שטעלן אַנידער די באַנק און פאַרשווינדן.) אָרימע יתומים נעבאך! האָסט באדאַרפט זען, פּנחס, סאַרע פּנים דאָס האָט געהאַט ווען מיר זיינען געקומען אהער: נאַקעט, באָרוועס, פאַרשוואַרצט און פאַרוויסט, ממש ווי חיות, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד.

פּנחס: דעריבער אַ פּנים זיינען זיי נאָך ביז היינט הונגעריק. (לאַכט).

חנה: וואָס איז דען דער וואונדער? זיי האָבן זיך גענוג אויסגעשטאַנען און נישט איין טאָג נעבאך האָבן זיי געפּאַסט. אַז זיי זיינען געווען די איינציקע נפשות, וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן.

(זאַלקע קומט צוריק מיט צוויי פיס פון אַ טיש אָנגעהאַנגען אַףביידע אַקסלען.)

פּנחס (אָנווייזנדיק אויף אַן אָרט אין מיטן שטוב): דאָ אהער, דאָ. (זאַלקע פלאָגט.) און איצטער, זאַלקע, וועסטו מיר העלפן אויפ־שטעלן דעם טיש און גיין ברענגען נאָך אַ באַנק.

(ביידע שטעלן אויף דעם טיש. חנה גייט אַריין אין דער טיר רעכטס, פון וואַנען זי קומט באַלד צוריק מיט עטלאַכע טישטוכער. זאַלקע אָפּ. פּנחס העלפט חנה'ן פאַרשפּרייטן די טישטוכער.)

פּנחס: טאַקע אמת, חנה?

חנה: דהיינו?

פּנחס: אַז מיר וועלן היינט האָבן אַ טאָפּלטע שמחה?

חנה: איך ווייס? גלויב מיר, איך ווייס אַליין נישט, פּנחס. סען זיין אַז יאָ.

פּנחס: גייט שוין גיין. וואָס הייסט, איר ווייסט אַליין נישט?

חנה: דאָס הייסט... דו קענסט דאָך מיין אָשר'ן? רעדט האַלבע ווערטער און איבערפרעגן אים טאָר מען נישט. לעצטע וואָך זאָגט ער מיר: אי"ה נאָך שבת פּראַוועז מיר אַ חנוכת הבית. זאָג איך אים: ווי קען מען פּראַוועז אַ חנוכת־הבית, אַז דאָס הויז איז פּוסט, די ווענט זיינען הויל און אין שטוב איז אפילו אַ בענקעל נישטאָ? זאָגט ער: אַ טיש מיט בענק וועט מען ברענגען פון קלויז. זאָג איך אים: אָבער ווי אַזוי פאַרבעט מען מענטשן אין אַזאַ פּוסטע שטוב אריין? ווערט ער שוין אין כעס: מען קען פּראַוועז אַ חנוכת הבית ווען אפילו די שטוב אין פּוסט. טראַכט איך מיר: נו, מילא, זאָל זיין אַזוי.

פּנחס: אין שטאָט רעדט מען, אַז צוזאַמען מיט'ן חנוכת־הבית וועט מען אין איין וועג שוין אויך פּראַוועז אַ תנאים.

חנה: און וואָס זאָגט מען דארויף אין שטאָט?

פּנחס: אויף וואָס?

חנה: אויף דעם שדוך מיין איך.

פנחס: הם. איר ווייסט דאָך: אַ טייל זיינען מקנא און אַנדערע דרייען מיט די נעזער.

חנה: וואָס איז דאָ צו דרייען מיט די נעזער?

פנחס: איך ווייס וואָס? זיי זאָגן, אַז עס איז אַ פּחיתת הכבוד פאר ר' אָשר כהנא. ר' אָשר, זאָגט מען, האָט געמעגט טאָן אַ בעסערן שדוך.

חנה (בייזלאך): בייזע צינגער! וואָס הייסט אַ בעסערן שדוך?

פנחס: וואָס האָט איר פאראיבל אויף מיר? דאָס זיינען דען מיינע רייד? איך זאָג נאָר וואָס אַנדערע זאָגן.

חנה: אודאי וואָלט אָשר פאר דער מלחמה נישט געוואָלט נעמען אַזאַ איידעם.

פנחס: אָשר! און איר? איר אַליין? איר מיינט איך געדענק נישט אייער טאַטן, אייך צו לענגערע יאָר? איין קליינינקייט. ר' יאָסעלע שאפּיראָ!

חנה: איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, פנחס, קיינער הערט דאָך דאָ נישט, איך אַליין בין נאָך היינט אויך נישט אין גאַנצן מסכים. ערשטנס שטייט מיר טאַקע נישט אָן, און צווייטנס: דאָס קינד וויל דען? נאָר וואָס קען מען טאָן? אַז מיין מאַן נעמט זיך עפּעס אין קאָפּ אַריין, מוז ער עס אויספיר'ן. (זאַלקע קומט אַריין מיט נאָך אַ באַנק.) ווידער זיך פארעדט. איך ווייס דען וואָס ס'טוט זיך מיט מיר? קום, זאַלקע, וועסטו מיר העלפן אַריינטראָגן די טעלער, און דערפאַר ווען דו וועסט אי"ה אַ חתן ווערן וועל איך זיך אויך פּאָרען.

פנחס (שפּאָטיש): אפשר ווייסט איר טאַקע פון אַ שדוך פון זאַלקע'ס וועגן?

זאלקע: נישט אייער חזיר'שער עסק.

פנחס: וואָס האָסטו דיך אַזוי פארשעמט וואָס? האָסט שוי'ן פון לאַנג געמעגט הערן שפּילן, ביזט שוין לאַנג נאָך שלושים.

חנה: לאָז אים צורו, פנחס. גיי בעסער אָנזאָגן אַז מען קען שוין קומען.

פנחס: גוט. (אָפּ).

(חנה און זאַלקע גייען אַריין אין דער טיר רעכטס, פון וואַנען זיי קומען באַלד צוריק מיט שטויסן טעלער, וואָס זיי נעמען זיך אויס־שטעלן אַפ'ן טיש.)

זאלקע: עע. ס'עט טאַקע זיין תנאים?

חנה: וואו האָסטו געהערט וועגן דעם?

זאַלקע: מען רעדט אין שטאָט.

זאַלקע (מיט אַ זיפץ): אַז מען קלינגט וועט מסתמא זיין אַ חגא.

(הינטער דער סצענע דערהערט זיך אַ שווערער קלאַפּ.)

חנה (טוט אַ ציטער): וואָס איז דאָס? (לאָזט פאַלן אַ טעלער וואָס ווערט צעשמעטערט און גייט אריין אין דער טיר לינקס און קומט באַלד צוריק אַ צעטומלטע.) אוי, אַ בראָך האָט מיך געטראָפן! (לויפט ארויס דורך דער טיר אין הינטערגרונט, איר קול הינטער דער סצענע): בייל־טשעע! בייל־טשעע! (קומט צוריק אריין נאָך מער צעטומלט און דערשראָקן. צו זאַלקע'ן): גיי, לויף! שנעלער! זאָל ער אהיים קומען! אָבער שנעלער! זאָל ער שוין אהיים קומען!

זאַלקע: ווער? ר' אָשר?

חנה: יאָ. ר' אָשר! אָבער לויף שוין! שנעלער!

(לויפט צוריק ארויס און זאַלקע נאָך איר).

חנה (הינטער דער סצענע):ביילטשע! ביילטשע! (איר קול פארשווינדט אַלץ ווייטער און ווייטער. לאַנגע פּאַיזע).

ר' אָשר (הינטער דער סצענע): וואָס? אנטלאָפן? וואו? מיט וועלכן וועג?

(ביידנס שטימען פאַרשווינדן אין דער ווייט. דוד פאַלט אריין אַ דערשראָקענער און לויפט צוריק אַרויס. אַנדערע פּנים'ער באַווייזן זיך אין דער אָפענער טיר און פאַרשווינדן. ר' אָשר און חנה קומען צוריק פאַרסאָפּעטע. ר' אָשר לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַ באַנק, באַהאַלט דאָס פּנים אין ביידע הענט און שאָקלט זיך ווי אַ מענטש וואָס איז אין טיפן צער. חנה ברעכט די הענט און יאָמערט פאַר זיך שטיל. עס קומט אָן דוד און נאָך אים עטלאַכע אינגלאַך, וואָס שטעלן זיך אין דער טיר ווי אַ קנויל.)

דוד (צו די אינגאַך): פּראָים! וואָס זיינט איר אייך אָנגעלאָפן ווי אויף אַ בייז וואונדער? טראָגט אייך פון דאנען!

(דער קנויל אינגלאַך רוקט זיך אָפּ. דוד מאַכט צו הינטער זיי די טיר).

(ר' אָשר הויבט זיך אויף און אַן איינגעבויגענער אין דריען גייט ער שטיל אָפּ אין דער טיר לינקס.)

חנה (מיט אַ פאַרשטיקט קול): מיין קינד! מיין אוצר! מיין נשמה!

(דוד דרייט זיך אויף און אָפּ).

חנה: מיין אויג אין קאָפּ! מיין גאָלד! מיין טייער לעבן!

דוד: זי איז דאָך, חלילה, נישט געשטאָרבן, מאַמע.

חנה (הערט אים נישט): מיין צירונג! מיין קרוין פון קאָפּ!

דוד: אָבער זי איז דאָך חלילה נישט געשטאָרבן, מאַמע. דאַרפסט זי נישט אַזוי באַוויינען.

דער אינזל

חנה (וויינענדיק הויך אויפ'ן קול): מיין קינד!

דוד: זאָל זיך דיר דאַכטן, מאַמע, זי האָט חתונה געהאַט, פון אַ פרעמדער שטאָט חתונה געהאַט און אַוועק פון דיר.

חנה (נאָך אַלץ וויינענדיק): זי האָט דאָך אָבער נישט חתונה געהאַט. זי איז אַנטלאָפן פון מיר. מיין ביילטשע, מיין קרוני, אַנטלאָפן פון מיר.

דוד: נישט פון דיר איז זי אַנטלאָפן.

חנה: אָבער וואָס וועל איך טאָן אָן איר, וואָס וועל איך טאָן?

דוד: זי האָט געדאַרפט אַנטלויפן, זי האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאַנען. אפילו ווען איר וואָלט זי נישט געוועזן פאַר'קנס'ן צו אַזאַ נפש ווי הערשל האָט זי אויך געדאַרפט אַנטלויפן. דאָ איז נישטאָ מער געוועזן קיין אָרט פאַר איר. (פּאַוזע.) פאַר מיר אויך נישט.

חנה (דערשראָקן): דו אויך? ווילסט אפשר אויך אַוועק?

דוד (אַנטשלאָסן): יאָ, איך אויך.

חנה: און לאָזן מיך מיט'ן טאַטן אַליין? איצט אונז לאָזן אַליין?

דוד: אַז איר דאַרפט דאָ אויך נישט בלייבן. דאָ איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיינעם פון אונז. דאָ איז איצט נאָר אַן אָרט פאַר די וואָראָנעס, די קראַדניקס און די אַנדערע פון זייערס גלייכן.

חנה (לויפט צו צו אים און פאַרשטעלט אים דאָס מויל): שווייג, דוד קרוין! רעד נישט אַזוי. דער טאַטע זאָל עס נאָר חלילה נישט דערהערן.

דוד: וואָס קען איך העלפן, אַז ער טרייבט אונז פון דאַנען? מיט זיין אויפפירן זיך און מיט זיינע מעשים טרייבט ער אונז פון דאַנען. אַז ער האָט פאַרלוירן יעדע בושה, איז זיך משדך מיט קראַדניק'ן, חבר'ט זיך מיט די וואָראָנעס און די אַנדערע, וואָס פירן דאָ היינט די גרענדע, פילט נישט ווי ער ווערט איינגעשלונגען פון זיי און זעט נישט ווי לייטישע מענטשן מיידן אים אוים און דער־ווייטערן זיך פון אים. (סאַרקאַסטיש.) געקומען זיך איינפונדעוועון! איינפונדעוועון זיך געקומען, און פילט נישט . . .

(ר' אָשר באַווייזט זיך אין דער טיר. דוד האַקט איבער אין מיטן).

ר' אָשר (קוקט אים אָן מיט ביטול): וואָס ביזטו שטיל גע־וואָרן, דוד? רעד ווייטער, נו רעד!

חנה: איך בעט דיך, דוד, ענטפער אים נישט. איך בעט דיך, קרוין.

ר' אָשר: וואָס האָסטו אַזוי מורא, וואָס? ער קען רעדן וואָס ער וויל. איך וועל אים חלילה גאָרנישט טאָן. איך וועל אים

אפילו נישט אפשטרייטן. ווארים ער איז גערעכט. אבער לחלוטין גערעכט.

דוד: מאמע!

ר' אשר: נו, וואס שווייגסטו? פאר וואס פארענדיגסט נישט דיין דרשה? דו ביזט דאך גערעכט. אבער לחלוטין גערעכט. דא איז מער נישט קיין ארט פאר דיר. נישט פאר דיר, נישט פאר ביילטשען, און זיכער נישט פאר דעם יונג דארטן וואס איז אנטלאפן מיט איר.

חנה: אשר!

ר' אשר: נישט פאר קיינעם פון אייך. אבער פאר מיר יא. איך בין דא געבוירן געווארן, מיין טאטע איז דא געבוירן געווארן און מיין זיידע, עליו השלום, און מיין זיידנס זיידע. איך בין צוגעבונדן צו דעם ארט. מיט טויזנט ווארצלען צוגעבונדן. ווי א בוים צו דעם ערד. איר אבער זיינט ווי אפגעדארטע צווייגן, וואס א שטורם-ווינט האט אפגעבראכן פון בוים. קיין זאך פארבינדט אייך מער נישט דא.

חנה: וואס וויל ער, וואס?

ר' אשר: וואס איך וויל? דו זעסט דאך, אז איך וויל מער גארנישט. פריער האב איך געוואלט. א סך זאכן געוואלט. געוואלט צוריק באהעפטן די אפגעבראכענע צווייגן צום בוים, געוואלט צוריק אויפבויען דעם חורבן אין מיין שטוב, אין מיין שטאט. איצטער אבער וויל איך מער גאר נישט. איצטער זע איך, אז כ'האב געהאט א טעות. דאס וואס איז אפגעבראכן, דאס קען מער נישט באהעפט ווערן. די ווענט פון מיין שטוב האב איך געקענט צוריק אויפבויען. די שטאט וועלן בויען אנדערע. נאר מיין שטוב, די נשמה פון מיין שטוב, וועט בלייבן חרוב.

חנה: ווי אזוי רעדסטו, אשר?

ר' אשר: נישט איך רעד, נאר מיין ווייטאג רעדט. דו האסט געזען, דוד האט געזען, אלע האבן געזען, אז קיין זאך איז פאר מיר נישט געווען צו שווער אבי זיך צוריק צו באפעסטיקן דא. איך האב מוחל געווען אויף מיין כבוד, האב געטראגן פעק אויף די פלייצעס, בין געגאנגען איבער די דערפער ווי א שלעפער, געליטן בזיונות און בין אויסגעשטאנען רשעות פון די גוים, געשטעלט דאס לעבן אין סכנה, און אלץ צוליב וואס? נאר דערפאר וואס איך האב געוואלט זיך צוריק איינפונדרעווען, זיך אליין און מיינע קינדער. איך האב אבער געהאט א טעות. געדארפט וויסן פריער, אז עס איז א טעות. איך האב געדארפט דערקענען אן זייערע רייד און אן זייער רייסן זיך דער אהער און דער אהין . . .

דער אינזל

דוד: אַז דאָ איז פאַרט מער נישט קיין אָרט פאַר אונז! אַז מיר קענען זיך דאָ בשום אופן צוריק זיך מער נישט איינלעבן!

ר׳ אָשר (אויפגעבראכט): דאָס זאָג איך דאָך, אַז דאָ איז מעהר נישט קיין אָרט פאַר דיר. אַז דאָ איז איצטער נאָר אַן אָרט פאַר די, וואָס פילן זיך צוגעבונדן אהער. יענע רעדן נישט, קלאָגן נישט און רייסן זיך נישט אין ערגעץ, נאָר זיצן דאָ און טוען. טוען אַלץ. האַנדלען, בויען און העלפן אַנדערע. זיי בוי׳ען פאַר זיך און ממילא שוין אויך פאַר דער גאַנצער שטאָט. איך האָב געוואָלט נעמ׳ען פאַר אַן איידעם הערשל קראַדניק. פאַר וואָס? פאַר זיין געלט אפשר? פאַר זיין הצלחה? ניין. אויב דו האָסט נאָר אַ טראָפּן שכל, דאַרפסטו אַליין וויסן אַז ניט דערפאַר. נאָר ווייל ער און אַנדערע ווי ער זיינען צוגעבונדן צו דער היגער ערד. ער בויט, ער פונדרעוועט זיך איין און איך האָב געוואָלט אַז מיין קינד זאָל זיך איינפונדרעווען צוזאַמען מיט אים. איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. ביילטשע געהער נישט מער אַהער. איר זיינט ביידע פאַרכאַפּט געוואָרן. זי פון טאַבאַר־שטראַסע מיט די ווינער דייטשלאַך און דו פון דרשות, וואָס דו האָסט שוין אַליין פאַרגעסן. דאָס האַרץ טוט וויי. אוי, טוט עס וויי! ווייל איר זיינט מיינע קינדער, מיין בלוט און פלייש, און אַזוי אָפּגעריסן פון מיר. אָבער וואָס אמת איז אמת. איר געהערט נישט מער אַהער. (מיט אַ געענדערט קול.) אַהער געהער א״ך. און איך וועל דאָ בלייבן. מיט די וואָראָנעס און קראַדניקעס, אָבער דאָ בלייבן, דאָ! (פּאַוזע.) און דו, דוד, קענסט ניין. אַפילו שוין! (מיט אַ געבראָכענער שטים.) קענסט ניין, דוד! (ברעכט צוזאַמען און גראָבט איין דאָס פּנים אין ביידע הענט).

(דוד שטייט אין אַ ווינקל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און חנה ברעכט שטיל די הענט. אין אַ ווײלע ארום דערהערט זיך הינטער דער סצענע אַ טומל פון רייד).

חנה: אוי, אַן אָנשיקעניש! זיי קומען דאָך טאַקע. אָט האָסטו דיר איצטער אַ שמחה. אויף מיין קאָפּ. גיי, מאַך צו דיר טיר, דוד. איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. ניי מאַך צו די טיר!

ר׳ אשר: (גלייכט זיך אויס, פאַרענדערט, שטרענג): אַז נישט דערוואַגן זאָל ער זיך. מיין טיר פאַרשליסט מען נישט. אוודאי אַ שמחה. מיין שמחה! מיין היים איז פאַרטיג איז אַ שמחה. פאַר מיר אַ שמחה (לויפט און עפנט אויף די טיר) גייט אריין, אידן, קומט אריין! דער טיש איז געגרייט!

(אַ קנויל אידן באַווייזט זיך אין דער טיר און צעשפּרייט זיך מיט אַ טומעל איבער דער שטוב. חנה בלייבט שטיין מיט פאַראַנאַנ־

דערגעלאָזענע הענט. דוד דרייט זיך אוים מיט'ן פנים צו דער וואַנט. ר' אשר לויפט ארום צווישן די געסט מיט אן איבערגעבריי־בענער פריילאכקייט).

פ אָ ר ה א נ ג.

נפתלי גראָס:

וואוילקלאנג און ווימנשאפט

ש. ניגער איז מלא חימה אויף מיר (ז. „טאָג" פון 13טן דעצעמבער, 1925). פאר דריי זאכן איז ער אין כעס אויף מיר: ערשטנס, וואָס איך האָב געוואגט זיך צו נעמען צו אזא וויסנשאפט־לאכע ארבעט ווי איבערזעצן „שיר השירים"; צווייטנס, למאי האָב איך עס געטאָן נאָכדעם, ווי יהואש האָט שוין איבערגעזעצט; און, דריטנס, וואָס איך האָב געוואָלט אויסבעסערן יהואש'ן און האָב גאָר ערגער געמאכט.

ביי לייטישע מענטשן איז א מנהג, א קריטיקער ניט צו ענטפערן. און מיר וואָלט זיך אויך וועלן זיין א לייטישער מענש. איז אָבער די מעשה, וואָס ה' ניגערס „עמפּערונג" קען מיך קאָסטן א „דזשאב", מחמת צווישן אנדערס גיט ער אָנצוהערן, אז איך קען ניט קיין אידיש, און איך בין גראָד א לערער פון אידיש, וואָס איז לכל הדעות מחויב צו קענען דאָס לשון וואס ער לערנט, און אזוי ווי עס האנדלט זיך שוין וועגן פרנסה וויל איך פרואוון באווייזן, אז אלע ניגערס „באווייזן" קענען מיר האָבן נישט קיין שום גרונט.

קודם כל וויל איך דעם הער ניגער פארזיכרן, אז איך האָב קיינמאָל ניט געהאט בדעה אויסצובעסערן יהואש'ן. צווישן ליטע־ראטן ווייצלט מען זיך אפילו, אז יהואש'ס איבערזעצונג פון תנ"ך וואָלט מען ערשט געדארפט איבערזעצן אויף אידיש. איך בין אָבער לחלוטין נישט פאראינטערעסירט צו נעמען אויף זיך אזא ארבעט. איך בין יאָ געווען פאראינטערעסירט אין „שיר השירים" און דאָס נאָך אין יאָר 1918, און דעמאָלט האָב איך טאקע מיין איבערזעצונג געמאכט. איך האָב זי ביז איצט נישט פארעפנטלאכט פשוט דערפאר ווייל איך האָב נישט געהאט וואו. דער הער ניגער איז באקאנט פאר־

דער אינזל

אן איש אמת און ווי אלע מענטשן פון אמת וועט ער מסתמא גלויבן וואָס איך זאָג דאָ. און טאָמער נישט, זאָל ער אזוי גוט זיין און זיך ווענדן דעם אָנפרעגן ביי חבר ל. מילער, אונטער וועמעס רעדאקציע די איבערזעצונג ווערט איצט פארעפנטלאכט. וואָרים מילער געדענקט נאָך ווי ער האָט מיר מיט פיר יאָר צוריק געהאָלפן „פּעדלען" מיט איר.

איצט לאָמיר זען ווי אזוי דער הער ניגער „באוויזט", אז מיין איבערזעצונג טויג נישט. ער נעמט דעם ערשטן פּסוק און באוויזט ווי וואונדערלאך יהואש האָט אים איבערגעזעצט און ווי קלאָגנדיק דער זעלביקער פּסוק איז ארויסגעקומען ביי מיר. שוין ביי דעם ערשטן פּסוק, ווי ביי די אנדערע, ווייזט ה' ניגער, אגב, ארויס זיין גאנצע וואוילקענעוודיקייט: בקיאות אין פּשט, אין פערזבוי, מעלאָדיק און גראמאטיק.

> „דאָס געזאנג פון געזאנגען, וואָס פון שלמה'ן" — גיט איבער יהואש דעם ווערטערלאכן זין, ווי אויך דעם בוי און בויג פון פּסוק. קומט ה' גראָס, בעסערט אויס יהואש'ן און שרייבט „דאָס געזאנג פון געזאנגען פון שלמה'ן". אים מאכט ניט אויס, וואָס עס קלינגט זייער שלעכט אויף אידיש צוויי מאָל „פון" איינס נאָך דאָס אנדערע. ער נעמט זיך אויך ניט צום הארצן, וואָס עס איז פארלוירן געגאנגען דער ריטם פון דעם העברעאישן פערז."

אזוי פּשט'לט זיך דער ה' ניגער. „דאָס געזאנג פון געזאנגען, וואָס פון שלמה'ן" גיט יהואש איבער דעם ווערטערלאכן זין, זאָגט ער. וועלן מיר טאקע פּרואוון זען צי א י ז דאָס אזוי, און צי קען דאָס זיין אזוי. לאָזט זיך טאקע זאָגן אויף אידיש: „וואָס פון שלמה'ן"? ווי וואָלט אשטייגער געקלונגען פאר ה' ניגערס „פיינעם" געהער אזא אידישער זאַץ, למשל: „דער שטעקן, וואָס פון משה'ן", אָדער „דאָס געצעלט, וואָס פון יעקב'ן?" איך מיין, אז אפילו פאר דעם „פיינעם" געהער פון א הער ניגער וואָלט דאָס קלינגען ווי טאָטעריש נישט אידיש. אמת טאקע, דער טייטש פון „אשר" איז „וואָס" און יהואש מיט ניגערן געדענקען דאָס זייער גוט (אמאָל איז אָבער א סך בעסער, ווען מען פארגעסט). אָבער וואו האָבן זיי ביידע אין אָריגינאל געפונען א וואָרט, וואָס איז דער טייטש „פון"? עס שטייט דאָך „לשלמה", וואָס דער טייטש דערפון איז — „צו שלמה'ן"? ווען יהואש האָט זיך אזוי באמיט צו זיין טריי דעם אָריגינאל, האָט ער דאָך געדארפט איבערזעצן, „וואָס צו שלמה'ן". דאָס וואָלט אגב געווען אידישער ווי „וואָס פון שלמה'ן". נאָר וואָלט

אפילו אין אָריגינאַל געווען א וואָרט וואָס איז טייטש „פון", מיינט עס נאָך נישט, אז אין אידיש מוז זיין אי „וואָס", אי „פון". וואָרים אין אידיש זאָגט מען פאָרט נישט „וואָס פון". „פון" אליין איז אין זיך שוין כולל דעם „וואָס". אָבער דאָס ארט ניט די הערן ניגער און יהואָש, אבי ס'איז ווערטערלאָך.

נאָך א צרה:

אין דעם זעלביקן זאַץ קען ה' ניגער נישט פארטראָגן דעם צוויי מאָל „פון". איז דען ביי יהואָש'ן דער „פון" ניטאָ צוויי מאָל? איז אָבער דער תירוץ: ביי יהואָש'ן איז אויסער דעם וואָרט געזאנגען צווישן „פון" און „פון" נאָך פאראן דאָס וואָרט „וואָס". דאָ ווייזט דער ה' ניגער ארויס זיין „פיינעם" חוש פאר וואוילקלאנג. יהואָש האָט דאָ מסתמא אומיסטן ארייגעשטעלט דאָס וואָרט „וואָס", כדי ס'זאָל דעם הער ניגער קלינגען בעסער. א חידוש נאָר וואָס דער ה' ניגער האָט דאָסמאָל נישט אויפגעציילט די „נונען" און „נג"לען, וואָס זיינען פאראן אין דעם פערז. אים געפעלט דאָך דאָס. ער איז זיך דאָך ממש מחיה, ווען ער קריגט אריין אזא פערז ביי יהואָש'ן. איז אבער דאָ דער אומגליק, וואָס אין מיין פערז זיינען אזוינע אותיות דאָ פונקט אין דערזעלביקער צאָל וואָס ביי יהואָש'ן, און פון אויסענווייניק ווייס דער הער ניגער, אז יהואָש'ס איבערזעצונג דארף זיין בעסער ווי מיינע, פונקט ווי ער האָט נישט לאנג צוריק געוואוסט פאָראויס, אז פרצ'עס איבערזעצונג „קלינגט" בעסער ווי יהואש'ס, הגם פרצ'עס איז גאר קיין איבערזעצונג נישט, און די ציטאטן וואָס ער האָט געבראכט פון אים, וואָלט ער אויס כבוד צום נפטר בעסער נישט נעדארפט ברענגען.

און אָט איז נאָך א שטיקל פירוש פון הער ניגער (נישט — וואָס פון ה' ניגערן):

„דעם צווייטן פסוק זעצט יהואָש איבער: „קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל, וואָרים בעסער פון וויין איז דיין ליבשאפט". יהואָש האָט געוואָלט אָנהויבן דעם פערז (ווי ער הייבט זיך אָן אין אָריגינאַל) מיט אַן עיקר־וואָרט („קושן", ניט „זאָל ער"). אויך איז ער, קאָן זיין, אויסן געווען אָפּצורוקן איינס פון דאָס אנדערע די צוויי גלייך־קלינגענדיקע ווערטער (קושן מיט די קושן). ה' גראָס האָט אָבער ניט געטראכט וועגן די אלע זאכן און איבערגעזעצט: „לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל" א. אז. וו."

־אָ, זעט איר, ווייזט דער ה' ניגער ארויס ממש חריפות'דיקע

פאַרשטענדניש ווי אַזוי מען דאַרף איבערזעצן, וואָס עס מיינט מעלאָדיק און לערנט נאָך צו אַ ביסל דקדוק.

לאָמיר זשע טאַקע זיך גוט צוקוקן.

יהואָש, ווייזט ה' ניגער, איז דאָ טריי דעם אָריגינאַל. ער איבערזעצט מלה במלה. ער שטעלט נישט חלילה אַ פּירוואָרט פאַר אַ צייטוואָרט, אָדער אַ צייטוואָרט פאַר אַ פּירוואָרט, נייערט אות באות ווי אין אָריגינאַל. אים אַרט נישט, צי איז דאָס גאַר איבערהויפּט וויכטיק, אָדער צי איז גאַר מעגלאַך אַזוי צו איבערזעצן. (דווקא דאָ, אין דעם פאַל, איז גראָד אי וויכטיק, אי מעגלאַך). וואָרים אַן איבערזעצער, וואָס אַרבעט לויט אַזאַ מעטאָדע, וועט שוין קיין גוטע איבערזעצונג קיינמאָל נישט מאַכן. שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַיין שפּראַך האָט נישט פּונקט אַזאַ זאַצבוי ווי אַ צווייטע. אָבער דאָס אַרט נישט דעם הער ניגער. מלה במלה זאָל זיין. וואָרים אויב יהואָש טוט אַזוי (אָפּט פאַרגעסט ער, אַז ער דאַרף דאָס טאָן, כדי ס'זאָל שטימען מיט ה' ניגערס פּירוש) איז דאָס דער ריכטיקער אופן. נאָר לאָמיר פאַר אַ ווייל צוגעבן, אַז מלה במלה דאַרף זיין. פרעגט זיך, איז טאַקע יהואָש'ס איבערזעצונג „קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל" אַזוי ווי אין אָריגינאַל? דאָ וואָלט גראָד גוט געווען ס'זאָל זיין ווי אין אָריגינאַל. שטייט דאָך „ישקני". דער פּעל־עומד איז „נשק—קושן". קושן איז דאָס „עיקר־וואָרט" (ניגערס אַ טערמין) און „י" איז טייטש „לאָז ער" אָדער „זאָל ער". הייסט עס, אַז אין אריגאַנאַל איז קודם „לאָז ער" און ערשט נאָכדעם דאָס „עיקר"־וואָרט" קושן. („נשק" איז אַ ווערב, אַ צייטוואָרט, און נישט קיין עיקר־וואָרט, ווי ה' ניגער וויל האָבן). דאָ רעדט זיך דאָך פון פּשוט'ן פּשט. און וועלכן אידן האָט דער הער ניגער געהערט זאָגן „קושן זאָל ער מיך", סיידן ווען ער וויל זיין וואַויל־יונגעריש?

יהואָש'ס פערז קלינגט ה' ניגערן אַ מחיה, אויך דערפאַר, וואָס די צוויי גלייכקלינגענדיקע ווערטער „קושן" זיינען ביי יהואָש'ן מער אָפּגערוקט ווי אין מיין פערז: „לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל". ביי מיר זיינען די צוויי גלייכקלינגענדיקע ווערטער נעענטער איינס צום צווייטן. דערפאַר „שטערן" זיי דעם וואָוילקלאַנג און רייסן ה' ניגער'ס „פיין" געהער.

זאָל דער הער ניגער די מעלאָדיק בעסער לאָזן צו אַנדערע. און אַליין זאָל ער נעמען (נישט — נעמען זאָל ער) לעקציעס ביי די אמת'ע מייסטערס פון וואָרט, די אידישע און די גוי'אישע (נאָר נישט ביי יהואָש'ן), פון זיי וועט ער עפּעס אָפּלערנען אין דעם ענין. וואָרים דער הער ניגערס אייגענער באַגאַזש אין אַזעלכע זאַכן, זיין באַהאַונטקייט אין וואָוילקלאַנג און מעלאָדיק, האָט ער דאָך ארויס־

געלייענט און „געשעפט", ווי מען זעט ארויס פון זיין רעדן, פון שול־ביכלאַך, און אז ער צערעדט זיך וועגן „מעלאָדיק" און „וואווילקלאנג" און נעמט זיך ציילן די גלייכע אותיות, זעט מען דאָך באשיינפערלאָך, אז ער אליין וויים, אז ער ווייס נישט.

לאָמיר זען ווייטער :

„דיינע איילן זיינען אָנגענעם צו שמעקן" (מיין פערז), זאָגט ה' ניגער איז נישט ריכטיק לויט גראמאטיק. מ'דארף זאָגן, זאָגט ער : „דיינע איילן איז אָנגענעם צו שמעקן". ליבער לעזער, נעם שטעל אליין צוזאמען ענלאכע זאצן, וועסטו זען וועמעס זאצבוי עס איז ריכטיק. נעם אשטייגער : „דיינע קליידער זיינען שיין צו טראָגן", דערנאָך : „דיינע קליידער איז שיין צו טראָגן" און אז. וו. — אזוי וועסטו שוין אליין אויסגעפינען. אגב, מיט וואָס א מבין פון קונסט פארנעמט זיך ! ...

„שמן תורק שמך" זעצט איבער יהואש : „געקלערטע בוימל איז דיין נאָמען". ה ניגערן געפעלט עס. ער זאָגט, דאָס איז ווי אין אָריגינאל. מיין טייטש : „דיין נאָמען איז איבערגעגאָסענער אייל" געפעלט אים נישט. איז טאַקע מעגלאָך, אז יהואש האָט דאָ עפּעס מחדש געווען. אָבער פון וואנען איז געדרונגען, אז זיין „חידוש" איז תורת לאָקשן ? איינע פון די אטריבוטן, וואָס מען פארלאנגט ביי א קריטיקער איז א גוטער זכרון. און אויב דער הער ניגער איז א קריטיקער, געדענקט ער דאָך נאָך מסתמא, אז רש"י האָט אזוי געטייטשט ווי איך, און אנדערע אידישע מפרשים אויך. וואס וועגט אים איבער צו פארווארפן רש"י'ס פירוש און אָננעמען יהואָש'ס ? אפשר דערפאר וואס רש"י'ס פירוש איז שוין פארעלטערט און היינט צו טאָג האָבן מיר בעסערע קוועלן ? וועלן מיר אדרבא זען ווי אזוי עס טייטשן „שמן תורק" די איבערזעצער, וואס האָבן זיך באַטייליקט אין דער לעצטער אידיש־ענגלישער איבערזעצונג, וואָס איז מיט עטלאכע יאָר צוריק ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי". אין דער דאָזיקער סטאנדאריזירטער איבערזעצונג ווערט „שמן תורק שמך" פארטייטשט : „דהאי נעים איז עז אויל פּאָרד פּאָרטה". פּונקט ווי ביי מיר. איבעריקנס לייגט זיך פשוט אויפ'ן שכל, אז די אלטע מפרשים זיינען געווען גערעכט און נישט יהואָש. וואָרים דער נאָמען ווערט דאָ פארגליכן צו א שמעקעדיקן אייל. געקלערטער אייל קען יאָ און קען נישט זיין שמעקעוודיק, אָבער ווען מען גיסט איבער אייל פון איין כלי אין דער אנדערער פארשפרייט זיך שטארקער דער ריח.

און אָט איז נאָך א ביסל וואווילקענעוודיקייט פון ה' ניגער :

„ציִ מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפן !" (ביי יהואש'ן) איז

פונקט ווי אין אָריגינאַל: „משכני אחריך, נרוצה“. געפעלט עס גיט ה׳ גראָסן און ער שרייבט: „צי מיך, מיר וועלן נאָכלויפן נאָך דיר“... מיט אמאָל האָט די שווארץ־חנ׳עוודיקע שולמית אָנגעהויבן רעדן וועגן זיך בלשון „מיר“!

מיט וואָס איז דאָס דער ה׳ ניגער אזוי שטאָל און אייזן, אז יהואָש׳ס פערז איז פונקט ווי אין אָריגינאַל? האָט ער טאקע שוין פארגעסן, אז דער רבי האָט אמאָל אנדערש געלערנט? און אויב ער מיינט, אז דער רבי האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען־זשע אָבער וויים ער, אז יהואָש וויים יאָ? וואו נעמט ער די זיכערקייט, אז „אחריך“ גייט מיט „משכני“ און נישט מיט „נרוצה“? האָבן אידישע מפרשים אזוי געטייטשט? טייטשט רש״י אזוי? אמת, עס זיינען פאראַן מפרשים וואָס ווילן טאקע האָבן, אז מען דארף דעם פסוק טייטשן ווי יהואָש. אָבער דאָס גיט דאָך ניגערן נאָך נישט קיין רעכט צו זאָגן, אז יהואָש האָט געטייטשט פונקט ווי אין אָריגינאַל? און עס קען דאָך געמאָלט זיין, אז עס איז פונקט פארקערט?

ניגער וויצלט זיך אויף מיין חשבון, אז אין מיין פערז האָט מיט אמאָל די שווארץ־חנ׳עוודיקע שולמית פלוצלינג אָנגעהויבן רעדן בלשון „מיר“. דערמיט האָט ער געוואלט ארויסווייזן מיין גאַנצע עם־הארצות. וואָרים וואָלט איך געוואוסט, אז ווען א מיידל זאָגט פריער „איך“ אויף זיך, קען זי נישט פלוצלונג איבערגיין אויף „מיר“, וואָלט איך דאן פאר־שטאַנען, אז יענע וואס האָבן פארבונדן דאָס וואָרט „אחריך“ מיט „נרוצה“ און נישט מיט „משכני“, האָבן נישט געוואוסט, וואָס זיי טוען. יהואש האָט אָבער יאָ דערזען די סתירה און דעריבער האָט ער געטייטשט ווי ער האָט געטייטשט. און זיין טייטש איז דער ריכטיקער. דערביי אָבער האָט דער הער ניגער פארזען, אז יהואָש האָט פארזען, אז טאקע אין דעם זעלביקן פסוק חזר׳ט זיך איבער די זעלביקע סתירה נאָך אמאָל. וואָרים גלייך נאָך „משכני אחריך נרוצה“, קומט א צווייטער פערז, וואָס לייענט זיך: „הביאני המלך חדריו — דער קעניג האָט מיך געבראכט אין זיינע קאמערן“ — „נגילה ונשמחה בך—מיר וועלן זיין לוסטיק און זיך פרייען מיט דיר“. אויב שולמית קען אָנהייבן רעדן בלשון „איך“ און פארענדיקן בלשון „מיר“ אין צווייטן פערז מעג זי זיך דאָס זעלביקע אויך ערלויבן אין ערשטן.

און אזוי דערלויבט זי זיך טאקע, נישט נאָר ביי מיר, נאָר ביי די מערסטע מפרשים און איבערזעצער ביז צו די לעצטע, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער ביבל פון דער „דזשואיש פאָבליקיישאָן סאָסייעטי“: אויך זיי איבערזעצן:

„דראָו מי, ווי וויל ראַן עפטער דהי“.

און ווייטער:

„דהי קינג העטה בראָטה מ י אינטו היז טשיימבערס;
ו ו י וויל בי גלער ענד רידזשאָיס אין דהי."

דער אמת איז אָבער, אז אויף דעם דאָזיקן פסוק האָבן זיך א סך מפרשים נעבראָכן די ציין. זייער מעגלאך, אז דאָ איז פשוט א גרייז, און אַן אלף איז דאָ פשוט פארגרייזט געוואָרן אויף א נון. אָבער איך האָב זיך געהאלטן ביי דער מסורה. און כדי אויסצוגלעטן די סתירה בין איך נאָכגעגאנגען יענע מפרשים, וואָס דערקלערן, אז אין דעם פסוק האָבן מיר פאר זיך א ליד, וואָס ווערט געזונגען סאָלאָ און כאָר אויף אזא אופן:

ס אָ ל אָ: משכני.
כ אָ ר: אחריך נרוצה.
ס אָ ל אָ: הביאני המלך חדריו.
כ אָ ר: נגילה ונשמחה בך,
נזכירה דודיך מיין.

אין מיין איבערזעצונג האָב איך זיך טאַקע געפלייסט און אויס־געשטעלט דעם ערשטן זאַץ פון דעם פסוק אין צוויי באזונדערע שורות

„צי מיך
— מיר וועלן נאָכלויפן נאָך דיר",

מיט א פאוזע־צייכן, וואָס דערמיט האָב איך געמיינט אָנצודייטן, אז דאָס זאָגט ניט שולמית אליין. אָבער דער הער ניגער האָט נעדארפט זיך א וויצל טאָן אויף מיין חשבון, האָט ער פון די צוויי שורות געמאכט איינע און דעם צייכן (—) צוגענומען.

דער הער ניגער ווייזט אויך אָן, אז א טייל פערזן זיינען ביי מיר גלייך ווי ביי יהואָש'ן. דאָס זאָל ביי אים זיין א סימן, אז איך בין נאָכגעגאנגען יהואָש'ן. און ער ווייס נעבאך נישט, אז איך האָב גאָר נישט געהאַט בדעה דעם אָריגינאל איבערצומאַכן. וואָס־זשע בין איך שולדיק, אז יהואָש'ן האָבן זיך וואו נישט וואו איינגעגעבן גוטע שורות און ביי אים איז אויך ארויסגעקומען ווי אין אָריגינאל? לויט דעם הער ניגער, קומט אָבער אויס, אז איך וואָלט יענע שורות דווקא געדארפט קאליע מאכן..

דער הער ניגער איז גלאַט מלא חמה למאי מען וואגט אויפסנייע צו איבערזעצן „שיר השירים", ווען עס איז פאראַן אן איבערזעצונג פון יהואָש'ן. דאָס איז, זעט איר, סתם עפעס אזוינס, וואָס קען גאָר געמאָלט זיין ביי אונז. וואָס זשע? יהואָש האָט טאַקע מאָנאָפּאָליזירט די ביבל? און קיינער אויסער אים טאָר זיך מער צו איר נישט צורירן? ווייס נישט דער הער ניגער, אז אין אנדערע לשונות זיינען פאראַן אומצייליקע איבערזעצונגען פון תנ"ך און פון יאָר צו יאָר

דער אינזל

וואַקסט נאָך זייער צאָל? און מיט וואס זיינען די שרייבאכצן פון א קריטיקער מיט אזוינע השׂגות בעסער ווי די ערגסטע איבערזעצונג פון „שיר השירים״?

וישאַ לאַנדוי:

די באלאדע פון די נאקעטע בריליאנטען.

האלב־נאַכט, עס שווימען שעה'ן
צום האפן פונ'ם ליכט;
האלב־נאַכט, און אלע פרויען
שוין האָבן איין געזיכט.

און דאָס געזיכט איז רייציג,
ביז וועהטאָג נאָהנט און ליב,
און דיינע אויגן גייציג,
און ווי דער סנה דיין ליפ.

אין אזא שעה געפאנגען
האָט אים א רוי געשריי,
איז ער אים נאָכגעגאנגען
א הוילער ווי דער וויי.

דער קול פירט צו א קעלער;
ער לאָזט זיך דאָרט אראָפּ.
פון גליסטונג ווערן שמעלער
די אויגן אין זיין קאָפּ.

אָ, שווער גערדעקטע טישן!
א. רייד, אָט פויל, אָט ניך!

דער אינזל

און פרויען, ווי אָפּישען
צופרידענע מיט זיך!

ער מעסט אָפּ מיט די אויגן
דעם עולם פון דער שוועל.
און וואו ער דאַרף זיך נוינן
האָט ער גענויגט זיך שנעל.

דערנאָך דורך רייען שווערע
פון שפּיזלדיגע רייד
גייט ער מיט אויגן לערע,
און נאַקעט ווי דער טויט.

ער גייט ווי ס'וואָלט אים טראָגן.
דערזעט ער מיטאַמאָל:
ביי זיינע פּיס נעמט קלאָגן
א וויינענדיגער קול.

און ווען צום וויטן טישל
דערפירן אים די טריט,
ווי אויף א הוק א פישל,
צוקט אין אים גליד נאָך גליד.

ווי איבער אים געבויגן
מאָן רויטן זייט ווער, זייט:
„איך קוק מיר אויס די אויגן,
„איך האַלט די הענט צושפּרייט!"

ער זעט צוויי עדלשטיינער
פאַרגאַנגען אין געבעט:

דער אינזל

„דו איינציק, איינציק, איינער,
„טייל היינט מיט מיר מיין בעט!”

א קול אין אומבאקאַנטן —
א תּהום — א שמאָלן ראַנד —
צוויי נאַקעטע בריליאַנטן —
א זאַמדיק גנעלע האַנט —

און נאָך האָט ער געזען
און נאָך האָט ער געהערט;
דאָס קול נעמט איצטער ווייען
היים, דומפּיק, ווי די ערד.

פאַר שבתים, ימים טובים און פאַר אלע טאָג

האַראָוויטץ מאַרגאַרעטען

ריינע אייער

לאָקשען

פונקט אַזוי גוט ווי היימיש געמאַכטע, כשר, ריין, באַ'טעמ'ט

אויך ספאגעטי, גערגעלאך, בארלי, א. ז. וו.

צו באקומען אין אלע גראָסערי־סטארס.

HOROWITZ BROS. & MARGARETEN

Matzo Factory
369-383 EAST 4th ST.

Noodle Factory
171 LEWIS STREET

NEW YORK

שוין ערשינען אין פארלאג „אינזעל"

דזשעק לאָנדאָן:

דער אייזערנער קנאפּ
דער וועג
פאַר אדמ'ן
די שטימע פון בלוט

פראַכט־אויסגאַבען

פרייז פון יעדען בוך $2.00

עס ווערען צוגעגרייט נאָך אייניגע ביכער פון דזשעק לאָנדאָן.

פערלשטיין און קאָמ.

באַקאַנטעו דילער און אימפּאָרטער פון ענגלישע, רוסישע, העברעאישע און אידישע ביכער, האָט שטענדיק אין סטאָק דעם רייכסטן און פארשיידנ־ארטיקסטן אויסוואל פון די נייסטע און זעלטנסטע אויסגאבן פון אייראָפּע און אמעריקע.

אָרדערס פּינקטלאך און זאָרגפעלטיג אטענדעט.

I. PERLSTEIN & CO.
200 East Broadway
New York, N. Y.
Phone: Orchard 9609

סופרים פרעס

וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי אין בראָנזוויל.

ידרוקט פון א קארטל ביז א ציימונג.

121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

י. לידסקי'ס בוך סטאָר

א גרויסער אויסוואַל פון אידישע, רוסישע און ענגלישע ביכער.

באשטעלונגען פון אויסער ניו יאָרק ווערן פּינקטלאך און געוויסנהאפט אויסגעפילט.

J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

די צווייטע אויפלאגע פון

„אַ קאַריערע“

א באנד דערציילונגען פון

אַלטער עפּשטיין

אויך

„דער הויקער“

א בוך דערציילונגען פון זעלבן שרייבער איז צו באקומען אין טויבענשלאג'ס בוך סטאָר.

239 איסט 12טע סט. און 2טע עוו.

ניו יאָרק

פרייז פון יעדן בוך 1 דאָלאר.

דר. ש. פאקס

דענטיסט

דאַון טאַון אָפיס:

12 דזשעפערסאָן סטריט.

אַפּ־טאַון אָפיס:

1490 קראָטאָנא פּארק

דר. אברהם אייסען

דענטיסט

423 גרענד סטריט

אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8

אוו. זונטאג — פון 10 ביז 1.

דר. ב. ראבערטס

(דר. גראבארד)

דענטיסט

184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן אָרטשארד 6794

שוין ערשינען!

געזאַנגען פון אונזער דור

א באנד לידער פון

י. גויכבערג.

פרייז 1 דאָלאר

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

הויפט־פארקויף ביי:

B. CALFEN
1176 Columbus Ave.
Roxbury, Mass.

זאקס און שטיינפעלד

יוניאָן פּרינטערס

12 דזשעפערסאָן סטריט

(נעבן איסט בראָדוויי)

ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן דריידאק 0432

אין פאַרלאַג „אינזל״

א נייע אויפלאגע פון

הערמאַן באַנג׳ס

ראמאן

אָן אַ פאָטערלאַנד

איבערזעצט פון ר. אייזלאנד.

שוין ערשינען

חיים קאַנטאָראָוויטש

אין ליכט פון מאַרקסיזם

פרייז $1.50

הויפט פארקויף

מאַקס נ. מייזעל

424 גרענד סטריט.

שמחת הנפש פון אלחנן קירכהן

(פראַכט איבערדרוק פאַר ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, אין נומערירטע 500 עקזעמפּליאַרן)

אונזער ליטעראַרישע פאַרגאַנגענהייט איז כמעט נישט באַקאַנט דעם הײַנטיקן אידישן לעזער. דאָס איז צוליב דעם, וואָס די אַמאָליקע אידישע ביכער געהערן צו די גרעסטע זעלטנהייטן און עס איז אוממעגלאַך מיט זיי זיך צו באַקענען אפילו אין ביבליאָטעקן.

דערפאַר הערשט ביי אונז אַ מיינונג, אַז די אידישע ליטעראַטור איז אַ פּראָדוקט פון בלויז די לעצטע הונדערט יאָר. מיר פאַרמאָגן אָבער פילע ווערק, וועלכע האָבן אַ קולטור היסטאָרישן און אַ ליטעראַרישן ווערט. כדי צוגענגלאַך צו מאַכן די דאָזיקע ווערק דעם הײַנטיקן לעזער, האָט דער פאַרלאַג מ. מייזעל באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ רייע אַלטע אידישע ווערק אין פאַטאָגראַפישע איבערדרוקן מיט אויספירלאַכע קולטור־היסטאָרישע און ביאָגראַפיש־ביבליאָגראַפישע אײַנלייטונגען.

די ערשטע אויסגאַבע, וועלכע דער פארלאג האָט איצט ארויסגעגעבן, איז „שמחת הנפש“ פון דעם אידישן דיכטער אלחנן קירכהן, וועלכער האָט געלעבט אין דייטשלאַנד אין אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט.

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען נאָר איין איינציק מאָל אין דער שטאָט פיורדא, אין יאָר 1727. דאָס בוך איז זייער זעלטן. עס זיינען באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט נאָר פינף עקזעמפּליאַרן, פון דעם — צוויי אין אַמעריקע. דעריבער איז דאָס בוך אַ סך ווינציקער באַקאַנט ווי אַנדערע אידישע ביכער, וועלכע זיינען אַרויס אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט.

„שמחת הנפש“ פון קירכהן איז אַרויסגעגעבן אין דער באַגרענעצטער צאָל פון 500 נומערירטע עקזעמפּליאַרן; אַן אויספירלאַכע קולטור־היסטאָרישע אײַנלייטונג האָט ספּעציעל פאַר דעם בוך אָנגעשריבן דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר. יעקב שאַצקי. דער בוך איז געדרוקט אויף אַ ספּעציעל פּאַפּיר, שיין אויסגעשטאַטעט און טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַלטערטימלאַכקייט.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז נאָך ביז איצט ניט געווען אַזאַ מין אַנטיקוואַרע אויסגאַבע. דאָס איז זיכער דאָס שענסטע בוך, וואָס איז נאָר ווען דערשינען אין אידיש.

דורך אַזעלכע אויסגאַבן וועט צוריק אויפגעבויט ווערן די אידישע ליטעראַטור־פאַרגאַנגענהייט, אָן וועלכע די געגנוואַרט איז ניט פאַרשטענדלאַך.

* * *

עס זיינען שוין דאָ מערערע באַשטעלונגען אויף דעם בוך און די ביז יעצט געבליבענע עקזעמפּליאַרן וועלן שנעל אָפּגעקויפט ווערן פון די ביבליאָטעקן און איינצלנע ליבהאָבער פון דעם שיינעם אידישן בוך. עס זיינען זיכער דאָ מער ווי פינף הונדערט מענטשן צווישן אידישע ביכער־קויפער, וועלכע וועלן שנעל אָפּשעצן דעם ווערט פון אַזאַ אונטערנעמונג און וועלן ניט וועלן צאָלן אַ דאָפּלטן פּרייז אין גאָר אַ קורצער צייט.

דער פּרייז איז דערווייל $3.50 נעט. שיקט אייער באַשטעלונג צו:

MAX N. MAISEL

424 Grand Street, New York City

Up-To-Date Printing Co., Inc., 200 195-197 Canal St., New York

דער אינזל

חודש זשורנאַל

נומער 12. פעברואַר, 1926.

ענגלישע באַלאַדן — זישאָ לאַנדוי
דער מגיד; אַ גאָלדן זינגען — נפתלי גראָס
טויבנשטיל; שלאָף — מענדל נייגרעשל
דריי לידער — אבאָ שטאָלצבערג
אין אַ שאָפּנפּעלץ — מאיר שטיקער
אין אַ פאַרשלאָפענער שעה — ר. אייזלאַנד
דרום-פּלעטבוש — ה. גנעלבוים
אינדיאַנער תפילות — מערי אוסטין
דער פאַסטעד טימאָפּעי — אפרים אויערבאַך

25 סענט אַ נומער $2.50 אַ יאָר

Der Inzel

Literary Monthly
Issued by the
Inzel Publishing Company

אדרעסירט אלע בריף צו:
Inzel Pub. Co., P. O. Box 25, Sta. B, New York, N. Y.

Price per year, $2.50 — 200 — Single copies, 25c.

סופרים פרעס
וויכטיקסטע יוניאָן דרוקעריי
אין בראָנזוויל.
־רוקט פון א קארטל ביז א צייטונג.
121 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

דר. ש. פאקס
דענטיסט
דאון טאון אָפיס:
12 דזשעפערסאָן סטריט.
אַפּ־טאָון אָפיס:
1490 קראָטאָנא פארק

דר. אברהם אייסען
דענטיסט
423 גרענד סטריט
אָפיס־שטונדן: 10 מאָרגנס ביז 8
אוו. זונטאָג — פון 10 ביז 1.

י. לידסקי׳ס בוך סטאָר
א גרויסער אויסוואַל פון אידישע,
רוסישע און ענגלישע ביכער.
באשטעלונגען פון אויסער ניו
יאָרק ווערן פינקטלאך און
געוויסנהאפט אויסגעפילט.
J. LIDSKY
202 East Broadway
New York
Tel. Orchard 4980

שוין דערשינען!
אין דע־לוקס אויסגאבע
דר. א. אייסענ׳ס
איבערזעצונג פון
אָמאַר כאַיאַם
מיט א פאָרעדע פון
אברהם רייזען
און צייכנונגען פון
שאול ראסקין
מיט ארדערס זיך צו ווענדען צום הויפּט־
פארקויפער, מר. מאקס נ. מייזעל,
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

דר. ב. ראבערטס
(דר. גראבארד)
דענטיסט
184 — 7טע גאס, ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן ארטשארד 6794

זאקס און שטיינפעלד
יוניאָן פרינטערס
12 דזשעפערסאָן סטריט
(נעבן איסט בראדוויי)
ניו יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן דריידאק 0432

דער אינזל

חודש זשורנאל.

נומער 12. פעברואר, 1926. ניו יאָרק

ענגלישע פאָלקס־באַלאַדן

אידיש פון זישאָ לאַנדוי.

די ודוי פון דער קעניגין עלינאָר.

די קעניגין קראנק איז א לענגערע צייט,
איצט פילט זי, איר שעה האָט געשלאָגן.
— ברענגט מיר צוויי פריסטער פון פראנקרייך, — בעט זי, —
צייט איז מיר ודוי צו זאָגן.

געהערט האָט דער קעניג דער מלכה׳ס פארלאנג
ביין לייכטן אים אויף זיינע אויגן ;
ער שיקט נאָך לאָרד מארשאל און זאָגט וואס צו אים,
זיין וואָרט איז געמאָסטן, געוואויגן.

עס הערט אויס לאָרד מארשאל דעם קעניג׳ס פארלאנג,
עס נעמען די קני זיך אים בויגן :
„אָ, קעניג, עס זאָגט מיר דאָס הארץ, אז דאָ ווערט
א שטריק ארום האלז מיר פארצויגן.”

— לאָרד מארשאל, איך גיב דיר מיין וואָרט און איך וועל
ביי ענגלאנד ביי מיינער דיר שווערן :
דורך קעניגין עלינאָר׳ס ודוי וועט דיר
קיין האָר אויך געמינערט ניט ווערן.

פארשטעלן פאר פריסטער וועל איך זיך און דו,
די קליידער די פריסטערשע טראָגן.
און גיין וועלן מיר צו דער קעניגינס בעט,
און ודוי מיט איר וועלן זאָגן.

און ווען דורך די גאסן פון שטאָט זיינען זיי
צום הויף פון דער מלכה נעגאנגען,

דער אינזל

געפאלן איז ס'גאנצענע פאָלק אויף די קני,
און פרום אין געבעט זיך פארגאנגען.

מיט פנים'ער כלומר'שט פארמאטערט און מיד
זיי זיינען אין הויף אָנגעקומען.
און גלייך אין דער רגע דאָ האָט מען זיי שוין
צום בעט פון דער מלכה גענומען.

— זייט איר צוויי פראנצויזישע פריסטער, — זאָגט זי —
וועל איך אייך מיט פרייד איצט באגעגנען,
נאָר זייט איר צוויי ענגלישע פריסטער מעגט איר
זיך שוין מיטן לעבן געזעגנען.

— מיר קומען פון פראנקרייך, — שטיל ענטפערן זיי, —
מיר האָבן די שיף ערשט פארלאָזן. —
און צוויי טיף־געבויגענע קעפ האָבן זיך
נאָך טיפער ארונטערגעלאָזן.

איצט וועל איך מתודה זיך זיין אויף די זינד,
וואס איך בין באגאנגען אין לעבן.
מיין מיידלשאפט האָט דער לאָרד מארשאל געהאט,
אים האָב איך זיך איבערגעגעבן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד.
פארגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מארשאל ער ציטערט אזוי ווי א בלאט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

א צווייטע זינד בין איך באגאנגען דערנאָך,
וואָס איך וויל, איר זאָלט פון איר וויסן:
ניט איימאָל געפרואווט האָב איך שרעקליכן סם
אין כוס פון דעם קעניג צו גיסן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד,
פארגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מארשאל ער ציטערט אזוי ווי א בלאט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

א דריטע זינד בין איך באגאנגען דערנאָך,
וואָס זי איז א סוד אויך פארבליבן:

דער אינזל

דעם קעניג׳ס געליבטע האָב איך מיט מיין סם
פריהצייטיג אין קבר פארטריבן.

עס ענטפערט דער קעניג: — כאָטש שווער איז די זינד,
פארגיב איך זי דיר אין גאָטס נאָמען. —
לאָרד מארשאל ער ציטערט אזוי ווי א בלאט,
און ציטערנדיק זאָגט ער נאָך אָמן.

און זעט איר דאָס אינגל, וואס שפרינגט דאָרט ארום,
לויפט לייכט, ווי ער וואָלט עס גאר שוועבן,
דאָס אינגל האָב איך פון לאָרד מארשאל געהאט.
און ליב איז ער מיר ווי מיין לעבן.

און זעט איהר א אינגל א קלענערס דערביי,
וואָס שפרינגט דאָרט און האלט אין איין יאָגן,
דאָס קינד איז דעם קעניג׳ס און איך האָב אים פיינט,
איך קען אים צומאָל ניט פארטראָגן.

א קאָפּ האָט דאָס אינגל אזוי ווי אן אָקס,
א נאָז האָט עס פונקט ווי א האָרן.
דאָ ענטפערט דער קעניג: — דערווייל איז נאָך ניט
קיין שענערס געבאָרן געוואָרן.

ערווארפט גיך דעם פריסטערשן מאנטל אראָפּ.
בלייבט שטיין אין די קליידער די רויטע.
מיט ווילדע געשרייען די מלכה שפרינג אויף,
און פאלט אויפ׳ן בעט אום א טויטע.

אריבערן אקסל דער קעניג קוקט בייז,
און האָט בייז א שמייכל געגעבן:
— לאָרד מארשאל, ווען כ׳גיב ניט מיין וואָרט וואָלסטו זיך
געזעגנט אצינד מיט דיין לעבן.

די טראגעדיע פון דער פאמיליע דאָגלאס.

לאָרד דאָגלאס, לאָרד דאָגלאס, קיין רגע פארליר,
נעם וואפן און לאָז זיך ארויס!
זאָל קיינער ניט זאָגן, אז אונזערס א קינד
אנטלאָפן ביי נאכט איז פון הויז.

דער אינזל

און איר זיבן זין מיינע, גלייך צו די פערד
און לאָזט זיך נאָך זיי אין געיעג,
און זעט אייער אינגערע שוועסטער זאָל כאָטש
ניט גיין אין דעם זעלביקן וועג!

ער זעצט זי ארויף אויף א מילך ווייסן פערד,
און גרוי איז דאָס פערד, וואס ער רייט.
זיי רייטן און ריידען צו זיך ניט קיין ווארט, —
א יאגד האָרן הענגט ביי זיין זייט.

לאָרד וויליאם קוקט אָפטמאָל אויף הינטער זיך אום
און האָט אין דער פינסטער דערזען:
עס יאגן אכט מענטשן נאָך אים זיך אצינד, —
זיי זיינען שוין נאָענט געווען.

— מיין לידי, שטייג גיכער ארונטער, — זאָגט ער, —
און נעם אָן מיין פערד פאר׳ן צוים.
קוים האלט איך ניט איין זיי, פארלאָרן בין איך,
און גיכער, קיין רגע פארזוים!

זי נעמט מיט איר מילך ווייסער האנט אָן זיין פערד,
עס גיט זיך קיין קרים ניט איר מויל
ביז לעבן די ברידער, דער פאָטער פאלט אויך
דערשאָסן אויף טויט פון א קויל.

— לאָרד וויליאם, לאָרד וויליאם, הער אויף! — שרייט זי אוים —
און דו גאָט באשיץ מיך, באהיט!
א ליבסטן געפינען קען איך נאָך אמאָל,
א פאָטער מער קיינמאָל שוין ניט.

און זי האָט גענומען א שניי־ווייסן טוך
פון פיינסטן און איידלסטן ליין,
די וואונדן פון פאָטער ווישט זי מיט אים אוים,
זיי זיינען נאָך רויטער פון וויין.

קלייב אוים לידי מארגארעט, — לאָרד וויליאם זאָגט איר —
צי בלייבסטו, צי גייסטו מיט מיר?
לאָרד וויליאם כ׳וועל גיין דאָרט אוואו דו וועסט גיין,
כ׳האָב גאָרנישט שוין איצט אויסער דיר.

דער אינזל

ער זעצט זי ארויף אויף דעם מילך ווייסן פערד,
און גרוי איז דאָס פערד, וואס ער רייט,
א יאגד האָרן הענגט ביי דער זייט אים אראָפּ, —
די לײדי זי רייט ביי זיין זייט.

עס שווימט די לבנה אין הימל ארום,
פאר'חלומ'ט און מילד איז איר שיין —
זיי זעען עס שלאָגט פון דער ווייטן א קוואל
און האלטן די פערד זיי'רע איין.

עס ווילט זיך זיי טרינקען. זיי שטעלן זיך אָפּ.
זיי גייען אראָפּ פון די פערד,
און ווי ס'בויגט לאָרד וויליאם זיך צו נאָר צום קוואל,
דער קוואל א פארבלוטיקטער ווערט.

לאָרד וויליאם, לאָרד וויליאם, — די לײדי שרייט אויס —
דו ביסט דאָך פארוואונדעט אויף טויט.
— מילײדי, דאָס שיינט אָפּ מיין מאנטל אין קוואל,
און ווייסט דאָך, מיין מאנטל איז רויט.

ער זעצט זי ארויף אויף דעם מילך ווייסן פערד,
און גרוי איז דאָס פערד, וואָס ער רייט,
א יאגד האָרן הענגט ביי דער זייט אים אראָפּ,
עס זעט זיך א שלאָס פון דער ווייט.

עס לייכט און באלייכט די לבנה דעם וועג,
די לײדי וויגט שטיל מיט'ן קאָפּ.
שטיל נענטערן ביידע זיך צו צו דעם שלאָס,
דאָרט שטייגן זיי ביידע אראָפּ.

—וואך אויף, לײדי מוטער, — לאָרד וויליאם שרייט אויס, —
וואך אויף, לײדי מוטער, — שרייט ער, —
דעם קאמף פאר מיין ליבסטער געוואונען האָב איך,
און איך האָב געבראכט זי אהער.

— און מאך, לײדי מוטער, דאָס בעט מיינס, — זאָגט ער, —
און מאך, לײדי מוטער, עס גיך.
און לייג לײדי מארגארעט מיר ביי דער זייט,
אז שלאָפן געשמאקער זאָל איך.

דער אינזל

לאָרד וויליאם אין ליידן אין שרעקלאכע איז
געשטאָרבן אין מיטן דער נאַכט,
און ס'האָט אירע אויגן אין גרויען באַגין
די ליידי אויף אייביג פאַרמאַכט

און זייערע קברים, וואס זיינען ביינאַנד
זיך טיילן פון אנדערע אויס:
עס שפּראָצט אויס פון קבר פון זיינעם א שטרויך,
פון אירן — א בלוט רויטע רויז.

ביי זייערע קברים ניט איינער בלייבט שטיין
געבויגן אין היילינן וויי:
אָ, גאָט אלע טרייע געליבטע גיב שוין
א בעסערן מזל פון זיי!

דער יונגער וואטערס און די קעניגין.

און קאַלט און פראָסטיק איז דער ווינד,
דער הימל שווארץ, ווי פאר געוויטער.
ס'איז ווייגאַכט, און דעם קעניגס שלאָס
איז פול מיט שאטלאנד'ס שטאָלצע ריטער.

דער קעניג און די קעניגין,
זיי קוקן פון דעם שלאָס ארונטער.
זיי זעען, ס'קומט סער וואטערס אָן,
דער יונגער וואטערס שטאָלץ און מונטער.

זיין מאנטל שיינט ווי ריינער גאָלד,
זיין זאָטל שיינט ארוים נאָך העלער;
און ס'רייט סער וואטערס אויף א פערד,
וואָס איז פון שנעלסטן ווינד נאָך שנעלער.

די לויפערס לויפן אים פאָראויס,
און נאָך אים זיינע רייטערס רייטן.
ווי א געדיכטער שפּיזן וואלד
זעט אויס די מחנה פון דער ווייטן.

א ביטרער הויפלינג ביי דער זייט
איז פאר דער קעניגין געשטאַנען

דער אינזל

— איז עפּעס שיינע ריטער פיל
אין אונזער גרויסן לאַנד פאַרהאַנען?

„ס'איז ריטער דאָ אין אונזער לאַנד,
וואָס ס'קען קיין שענערע ניט געבן,
סער וואַטערס אָבער שענער איז
פון אַלע, וואָס כ'האָב געזען אין לעבן".

פון קנאה שרימפּט דער קעניג איין,
ווערט איינגעבויגענער און קלענער:
— דו, אָבער, דאַרפסט דערמאָנען מיך,
מעג ער זיין טויזנט מאָל נאָך שענער.

— דו ביסט קיין לאָרד ניט און קיין לאַירד,
דו ביסט דאָך שאָטלאַנדס גרויסער קעניג.
און אַלע ריטער אינ'ם לאַנד
זיי זיינען דיר דאָך אונטערטעניג.

דער מלכה'ס אויג פון שרעק ווערט מאַט,
דעם קעניג'ס נעמט מיט שנאה שטראַלן,
ווייל דו ביסט שיין, סער וואַטערס, וועט
דער קאָפּ פון דיינע פּלייצעס פאַלן.

און נאָכגעיאָגט אים האָבן זיי,
אָ, וויי, זיי האָבן אים געפאַנגען,
און פון סער וואַטערס הענט און פיס
איצט זיינען קייטן נאָכגעהאַנגען.

— דורך סטוירלינג בין איך אָפטמאָל שוין
אויף דיר, מיין שטאָלצער פערד געריטן!
דאָך קיינמאָל האָט אין סטוירלינג ניט
קיין שווערע קייט מיין לייב געשניטן.

— דורך סטוירלינג האָב איך אָפטמאָל זיך
מיט פרייד און מונטערקייט געטראָגן,
דורך סטוירלינג, אָבער רייט איך איצט,
און וויים עס האָט מיין שעה געשלאָגן.

ביים פוס פון בערגל ס'לעצטע מאָל
האָט ער זיך מיט זיין פערד באַגעגנט.

און מיט זיין העלם און שווערד און חערב
און מיט זיין יונגן זון געזעגנט.

און פון דעם בערגל ס'לעצטע מאָל
זיין ליידי זעען זיינע אויגן,
און צו דעם קלאָץ דעם בלוטיקן
נעמט זיך זיין קאָפּ דער שטאָלצער בויגן.

לאָרד מאָסגרייוו און ליידי באַרנאַרד

לאָרד מאָסגרייוו אין גאָלדענעם מאַנטל
טרעט שטאָלץ אין דער קירכע אריין;
פון זיינע פאר'חלום'טע אויגן
צעשפרייט זיך א ליכטיקער שיין.

ער גריסט טיף די דאמען די שיינע,
ווארפט בליקן אהער און אהין;
באגריסן גאָטס הייליקע מוטער —
ליגט אים ניט אפילו אין זין.

די אויגן פון ריטער, זיי זוכן
און שטעלן זיך אָפּ אויף דער טיר.
ס'איז ליידי בארנארד אָנגעקומען,
און ווער איז נאָך שענער פון איר!

איר בליק איז געפאלן אויף מאָסגרייוו,
האָט לאנג אויף דעם ריטער געקוקט.
„אָ, מיינס איז דאָס הארץ דיינס, מילײדי!"
האָט שטארק דורך זיין הארצן געצוקט.

עס מורמלט די ליידי: „לאָרד מאָסגרייוו,
ס'האָט ליב שוין פון לאנג דיך מיין זעל."
— דאָס זעלבע מיט מיר איז, מיין ליידי,
נאָר ס'וואָרט ווערט דערשטיקט אין מיין קעל.

„א שלאָס אין מיין וואלד אין פאראנען,
פון ביימער פארשטעלט און באוואכט;
אויב ווילסט צו מיר קומען לאָרד מאָסגרייוו,
לאָרד מאָסגרייוו קום היינט נאָך ביינאכט."

דער אינזל

דאָס האַרץ פון דעם ריטער נעמט קלאַפּן,
ווי זי וואָלט א קוש אים געטאָן:
ער זאָגט שטיל: ‚איך קום היינט, מיין לײדי,
ווען ס'לעבן זאָל שטיין אויף אין קאָן.”

דער פּאזש פון דער לײדי בארנארד האָט
דעם שמועס דעם גאנצן געהערט.
— דאַרף איך דאָס לאָרד בארנארד דערציילן? —
דער פּאזש האָט א ווײלע געקלערט.

ער רוקט זיך ארוים פון דער קירכע,
נעמט לויפן מיט ווילדן געלויף.
שוין פינקלען אין הימל די שטערן,
ווען ער איז געקומען אין הויף.

— מילאָרד! אָ, מילאָרד! אָ, לאָרד בארנארד!
היים זאָטלען די פערד דיינע באַלד!
באַפלעקט איז דיין ערע: לאָרד מאָסגרייוו
שלאָפט איצט מיט דיין לײדי אין וואַלד!

לאָרד בארנארד נעמט ציען די ווערטער:
— אויב דאָס וואָס דו זאָגסט מיר איז וואָר,
וועל איך מיינע לענדער און וועלדער
דיר געבן אויף גאנצע צוויי יאָר;

נאָר אויב ס'איז א ליגן אין גאנצן,
צי ס'האָט זיך דיר בלויז אויסגעדאכט,
וועל איך אויף דעם בוים אויף דעם העכסטן
דיך הענגען נאָך היינטיקע נאכט.

און איצט, צו די פערד, מיינע מענטשן,
מיר מוזן זיך איילן צום וואַלד.
אָפט האָבן מיר שנעל זיך געטראָגן,
דאָך טראָגן מיר שנעלער זיך באַלד!

דער האָרן שאַלט אויף, און זיי יאָגן
זיך שנעל ווי א ווינט דורכ'ן פעלד, —
דער ריטער קושט פיינלאך די לײדי
אין זייער פארבאָרגן געצעלט.

דער אינזל

„עס הערט זיך א קלינגען פון ווייטן,
עס הערט זיך א רוישן אין קאָרן,
אַ, לײדי, מיין לײדי, מיין לײדי,
דאָס בלאָזט דאָך לאָרד בארנארד זיין האָרן.“

— קוש שטארקער, קוש שטארקער, לאָרד מאָסגרייוו,
וואָס ארט דיך ווער רוישט דאָרט און שאַלט!
בין איך ניט ביי דיר אין די אָרעמס —
ניט קוש אזוי פרעמד מיך און קאַלט.

קוים האָט זי די ווערטער געענדיקט,
לאָרד בארנארד קומט אָן אין גאַלאָפּ,
און ער האָט אין גאנצן געציטערט
ווען ער איז פון זאָטל אראָפּ.

האָט מיט זיך דריי זילבערנע שליסלען,
וואָס עפענען טויער און טיר.
„צום ערשטן מאָל, הויז מיינס, געקומען
בין איך אין פארצווייפלונג צו דיר.“

א ריס געטאָן האָט ער דעם פאָרהאנג,
עס ציטערט פון ווייטאָק זיין לייב:
— געקומען בין איך ביי דיר פרעגן,
לאָרד מאָסגרייוו, ווי שמעקט דיר מיין ווייב?

— לאָרד בארנארד, לאָרד בארנארד, לאָרד בארנארד,
ווי זיס איז דאָס ווייב דיינס און צארט!
מיר דאכט זיך, איך האָב אויף דעם אָוונט
דאָס לעבן דאָס גאנצע געוואָרט.

— טו אָן זיך וואָס שנעלער, לאָרד מאָסגרייוו,
זאָל קיינער ניט זאָגן אין לאנד,
אז בלוט פון א נאקעטן מענטשן
פארגאָסן אמאָל האָט מיין האנט.

און האָסטו מיט זיך ניט קיין וואָפן,
צוויי שווערדן האָב איך דאָ ביי מיר;
די קירצערע לאָז פאר מיר איבער,
די לענגערע זיין זאָל פאר דיר.

דער אינזל

עס פאַלט אָן צום ערשטן לאָרד מאָסגרייװ,
און טיף שניידט אַריין זיך זיין שווערד,
עס ענטפערט אים גלייך אָפּ לאָרד באַרנאַרד, —
לאָרד מאָסגרייװ פאַלט טויט צו דער ערד.

די ליידי פאַלט צו צו דעם קעמפער:
— מיין ליבסטער, ביסט פון מיר אַוועק!
וועל פאַר דיין נשמה גאָט בעטן
ביז ס'ענדיקן זיך מיינע טעג.

— נו טו עס מיין ליידי וואָס גיכער,
און בעט אין איין וועג שוין פאַר זיך!
עס זינקט אין דעם מילך ווייסן נאַקן
די שווערד די פאַרבלוטיקטע גיך.

אַרום איז לאָרד באַרנאַרד פאַמעלאַך
ווי ס'וואָלט זיך ניט וועלן אים גיין:
— באַגראָבן זאָלט איר זיי צוזאַמען,
איין קבר און אונטער איין שטיין.

באַרבאַראַ אַלען

עס איז געווען אין מיטן הערבסט,
ווען אַלע בלעטער פאַלן,
געוואָרן איז דזשאָהן גרייהעם קראַנק
פון ליבע צו באַרבאַראַ אַלען.

עס קומען שלוחים אָן צו איר:
„ס'איז אונזער האַר פאַרלאָרן!
ער איז פון בענקעניש נאָך דיר,
אָ, ליידי, קראַנק געוואָרן.

און דו קענסט מאַכן אים געזונט,
אויב דו זאָלסט צו אים קומען."
האָט זי זיך אויפגעהויבן גלייך
און ניין מיט זיי גענומען.

און זי איז אין דעם שלאָס אַריין,
צום קראַנקען צוגעגאַנגען:

דער אינזל

— דזשאהן גרייהעם, דו לאָזט רופן מיך,
זאָג, וואָס איז דיין פארלאנגען?

— איך לאָז דיך רופן, ווייל ס'איז הערבסט
און אלע בלעטער פאלען.
האָסטו קיין איינציק וואָרט פאר מיר? —
איך שטארב, בארבארא אלען.

— דזשאהן גרייהעם, ביסט אמאָל געווען
מיין איינציק גליק און לעבן,
דאָך דו האָסט זיך ניט אומגעקוקט,
קיין שמייכל ניט געגעבן.

נאָר דאָס געוועזן איז אמאָל,
היינט האָט זיך אלץ געביטן,
איצט שמייכל איך און דו גאָר ליידסט,
אמאָל האָב איך געליטן.

זי גייט אהיים און הערט ווי שווער
די גלאָקן-קלאנגען פאלען.
זי ווייסט, אז ס'איז דזשאהן גרייהעם טויט
פון ליבע צו בארבארא אלען.

„אָ, מוטער, גראָב א גרוב מיר אויס
טיף אונטער בוימער פארבאָרגן,
דזשאהן גרייהעם געשטאָרבן איז פאר מיר היינט,
און איך שטארב פאר אים מאָרגן."

נפתלי גראָס:

דער מגיד

אים, וואָס איז אויסגעפאלן אויף זיין גורל
זיין א מוכיח און א טרייסטער צווישן אידן —
איז פאר דער עדה ווי א חלום פון פרידן.
פון זיינע ליפּן שנירן זיך די רייד ווי פערל —
און אלע הערן. זיינע ווערטער ווערן
ווי לעבן, וואס איז לאנג געווען באהאלטן
אין יעדנס הארצן, און וואָס נעמט זיך געשטאלטן
און גליט ווי נבואה הינטער יעדן שטערן.

און פאַר די אויגן נעמט די וועלט זיך דרייען
מיט דורות און מדינות, זעגלען ווייען,
עס גייען שיפן פון די ווייטסטע קעניגרייכן
מיט פימסענהאָלץ און צעדער און געשטיין,
מיט גינגאָלד, פערל און מיט עלפאַנטביין,
מיט מייסטעראַרבעט איינגעפאַסט אין אייכן;
עס קומען אָנגעלאָדענע קאַראַוואַנען —
(ווי מעשה׳לעך, משלים און פאַרגלייכן) —
מיט אײלן, נעגעלאַך און בשמים,
מיט ווייטע הענדלער און חכמים,
מיט אוצרות און מיט תורה אָנגעלאָדן.
עס גייען רויכן אויף פון ווייערכפאַנען
און ס׳טאַנצן געצנדינער, ווייבער, מיידלאַך, מאַנען.
און היילן מיט מכשפים און מכשפות
מיט טוינטנצייכנס, ביינער און מיט שרפות.
עס טרעטן אויף נביאים מיט פייערדיקע רייד,
עס קומט א פאָלק נאָך פאָלק, קומט און פאַרגייט,
עס וואַנקט און פאַלט מדינה נאָך מדינה,
און גאָט כביכול אליין קלאָגט אויף גלות־השכינה.
עס ווערן בײסלאַכווייז אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענישן —
און אַלע גרעניצן נעמען זיך פאַרווישן,
און ס׳ווערן נאָענט ווי פאַר א פאַסטעך שאָף
נסתרים, מקובלים און לאַמעדוואָוו,
און נאָענט ווערט דער קץ — משיחס צייטן,
ווען משיח בן־דוד וועט קומען צו רייטן.
און אַזוי גייט ער מיט אידן און מיט תורה
מיט פראָסטן עם־הארץ און דעם חסיד.
דורך ווייטן עבר צו דעם קומענדיקן עתיד
פון אייביקן פרידן און יראת־הבורא.

א גאָלדן זינגען

א גאָלדן זינגען ציט דורך אַלע שטיבער
און וויגט זיך ווי א קעניגלאַכער טרוים,
און ווי אין זונגאָלד בלעטער פון א בוים,
און גיסט זיך ווי א פולער טייך אַריבער.

פאַרבאָרגענע אוצרות לייכטן אויף אין גריבער,
און בליען פאַר די פענסטער אויף ווי גאָלדענער מאָן.

א פריידיגע דערהויבנקייט פילט אָן
דאָס הארץ און גייט פון אַלע אויגן איבער.

אָ, וואונדערלאכע מעשות פון אמאָל.
ווי שבת־יום־טוב׳דיקע לידער
ציט איר גאָלדיק איבער אַלע שטיבער.
די אָוונטן ווערן היימלאכער און ליבער,
און וויגן זיך אויף יונגע אויגנלידער
ווי פרילינגצייט דער פולער טייך אין טאָל.

מענדל נייגרעשל:

טויבנשטיל

כ׳וואָלט וועלן זיין א זקן, מיד און טויבנשטיל,
די שטורעמדיקע טעג אויף ווייכע רו פארבייטן.
מיט אייניקלאך זיך זעצן אויפן הארטן דיל
און מעשה׳לאך דערציילן פון פארהילכטע צייטן.

די אָוונטיקע זון זאָל מיט א מידן ברען
באגילדן מיר מיין שטוב (ווי וואונדערלאך דער לוין איז!...)
כ׳וואָלט זיך געזעצט צום טיש מיט א געשניצטער פען
און אָנגעהויבן שרייבן ס׳לעצטע ווערק: „זכרונות”...

און כ׳וואָלט געשמייכלט: היי, בין איך געווען א יונג!
א חוצפה׳ניק א ווילדער (כאָטשע אָן באדייטונג)
געוואָרפן מיט די הענט, געמאָלן מיט דער צונג,

און דוקא זיך געשטופט, געדרוקט זיין אין א צייטונג —
כאָטש נעם מיך און צעהאק! (שוין אזא מאָדנער שכל) — —
און כ׳וואָלט א טיפן זיפץ פארצויגן צו א שמייכל...

שלאָף

די שפּיצן פון די פינגער שטארן איין.
די פיס פארגליווערן. דער האלז ווערט טרוקן.
ס׳האָט ווער געלייגט אריבער תהום מיין רוקן
און שטום דעם גוף מיט כשוף־שפּרוך פארפרוירן.

דער אינזל

כ'וויל אויפהייבן די הענט. כ'פיל, אז פארלוירן
כ'האָב וואו די הענט.

אינאיינעם מיטן זיין
ווער איך פארגליווערט אין א מאָדנעם טרוים.
דער רוקן אויסגעגלייכט אריבער תהום.

ווי סאמעט־קלאנגען פאלן שטיל אריין
צו מיר (פון וואנעט ?...) צערטלאך־ווייכע ווערטער.
(...די מאמע שטריקט איצט זאָקן א פארקלערטע...)
איך ליג פארגליווערט. כ'קען זיי ניט פארשטיין,
כאָטש אויסגעגלייכט ליגט פאר מיר זייער מיין:
— „ער שלאָפט ? אודאי שלאָפט ער איצטער. ש־ש־ש...“

און עפּעס שמייכלט מאָדנע פון מיין גאנצן לייב:
אודאי שלאָף איך שוין, א־ו־דאי...
ש־ש־ש...

אבא שטאָלצענבערג:

אין שטיינערנע אַלייען

(מיינע חברים פּ. ש. און ל.)

אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אלייען
בליען מיר ווי יאשמין, גרינען מיר ווי מאי.
אויף פארנאכטיקע שפאצירן רוישן מיר ווי וועלדער
און ס'פאלט דער צוויט פון אונז ווי שניי.

אין נעכט אין אָנגעצויגענע ווי וואונדן
גליען מיר ווי גלי ווערים אויפ'ן פעלד.
און מיט אלע וואָרצלען זיינען מיר פארבונדן
מיט די ווייטסטע און טיפסטע קוואלן פון דער וועלט.

פּ ע ל א ך

אוי פּעלאך, פּעלאך, וויי צו דיינע יאָרן,
אז דו האָסט געלאָקערט אויף די וועגן, ווער איז זיכער דורכגעפאָרן ?
ווער איז גאנץ ארויס פון דיינע הענט ?

דער אינזל

גערענקסטו נאָך די שטראַלן וואָס דו האָסט פאַרברענט.
און ווי דו האָסט געבראָכן הונדרען רוק און לענד?
קייטאַלאַך זשאַווערן איצט אויף דיינע הענט.

שעם זיך, שעם זיך, מ׳האָט דיך בייגעקומען,
א געבונדענעם קיין סטאַניסלאַוו געפירט.
איצט זיצסטו אין די באָרגיטקעס און שפּייסט אין קיבעל,
און ווערסט משוגע ווען אין דרויסן פרירט.
דיר גלוסט זיך אַלץ נאָך מיט די וועלף אויף רויב.
נאָר געלויבט איז גאָט — ס׳איז דאָ א גראַטע ביי דיין שויב.

ס׳שווימט דער בוג און ס׳שווימט דער דניעסטער,
דער ווייץ איז צייטיג און דאָס קאָרן.
נאָך פעלאַכ׳ן וויינט נישט קיין ברודער און נישט קיין שוועסטער,
ווי צו אים און ווי צו זיינע יאָרן.

נ י י ־ י אָ ר

פריצישער שניי — ווייסער פלאַך.
דער קוימענקערער קומט נישט פון דאַך. —
אין שוואַרצן קיסטאַנטל און הויכן צילינדער,
קומט ער און טיילט אויס קאַלענדערס די קינדער.

מאיר שטיקער:

אין אַ שאָפּנפּעלץ

גליק וועט קומען אין א שאָפּנפּעלץ,
אין ווייכן שאָרך פון זיידנס און פון וואָל.
אין גאָלד און הייטערקייט פון אויסגעשטרעקטע בערג,
אין בליאַסק פון וואַסערלאַך אין פלאַכן און אין טאָל.

זיין בליק וועט צערטלען פרעמדע ווינקעלאַך.
געגעזונג וועט א שפּריי טאָן פון זיין מויל.
און ווי א סאַרנע מיט א וואונד אין האַרצן
פאַלן אויף מיין בעט ווי פון א קויל.

ר. אייזלאַנד:

אין א פאַרשלאָפּענער שעה

די מידקייט פון טאָג אויף די ברעמען. —
כ'האָב עפּעס געהערט — נאָר פון וועמען?
כ'האָב עפּעס געזען און פארגעסן. —
א אינגל האָט שטערן געשלונגען
און שטיקער לבנה געגעסן.

א זילבערנער טייך האָט געציטערט,
א וואקסענער מענטש איז געריטן,
א שניטער האָט דעמבעס געשניטן,
א פּאסטוך האָט זונען געפּיטערט.

דער שלאָף ווי א קראָט אין די ביינער. —
משיח און לייוויק און ניגער.
אפּאטאשו אזוי ווי א שווינגער
מיט בייזע, פארשטשומעטע ציינער.

א שמייכל, פארגליווערט אין וואונדן.
צוויי אויגן וואָס גליען דורך שויבן.
און באָבעס אין זיידענע הויבן
מיט טרערן פון ליכטער געצונדן.

א ברונים, א בוים און א שייער.
א נאָס ווי א פּנים מיט לעבער.
ווי א גולם שפּאנט אום איבער דעבער
דער וואולוואָירט א רויטער ווי פייער.

ה. געלבוים:

דרום-פלעטבוש

1

נאָך דעם ערשטן אָנפאַל, האָט מרדכי עטינגער אין דריי חדשים ארום געהאט א צווייטן. און איינמאָל ווען ער איז געזעסן אין זיין נייעם אָפיס, אויף דער פיפטער עווועניו, האָט ער פלוצלים דערפילט, גלייך ווי א טויזנט־פודיקע משא וואָלט אים געפאלן אין קאָפּ אריין. אים האָט זיך גערוכט, אז עפּעס האָט זיך אינעווייניק, אין זיין מח איבערגעריסן; און עס איז אים געוואָרן פינסטער אין די אויגן. ער האָט גע'חלש'ט, און מען האָט אים צוגענומען אין א האָספּיטאַל.

א גאנצן חודש איז מרדכי עטינגער נאָכדעם געלעגן אין דער היים. דאָס איז געווען פאר פסח. מיט יעדן טאָג איז אלץ פריער אויפגעגאנגען די זון. אלץ פריער האָט דאָס מאָרגן־ליכט זיך אריינגעשפארט דורך די שווער־באהאנגענע פענסטער. בלויער און טיפער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן דער הימל. פון ערגעץ א נאָענטער ווייטקייט האָט געקלאפּט א וואסער־מיל.

פון וואנען האָט זיך גענומען אין מיטן ניו יארק אן אַלטמאָדישע וואסער־מיל? מרדכי עטינגער האָט געהערט קלאַפּן א וואסער־מיל. אָפּגעלאָזטע זאסטאַווקעס האָבן געקלאפּט און געדרייט שווערע רעדער. פון דער ווייסער וואסער־שוים האָט זיך יעדעס מאָל ארויסגעוויזן א שטיקל מאָכיק ראָד. דאָס שטיקל מאָכיק ראָד איז געווען בלאָטיק־גרין, און זיך געדרייט כסדר, רעגולמעסיק. פּונקט צו יעדן אָטעם־צוג, וואס מרדכי עטינגער האָט געטאָן, האָט זיך אומגעדרייט דאָס בלאָטיק־גרינע שטיק ראָד. איז דאָס אויכעט עפּעס א סימן? אים האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען מ'האָט זיין בעטל, צוזאמען מיט אים, ארויסגעשטעלט אויף דער אָפענער וועראנדע. זיינע פיס זיינען געווען איינגענייט אין ווייסער פלאַנעל. מיט דער קאָלדרע אונטערגעבויגן אונטער דעם מאטראַץ און אונטער זיין איינגענעם גוף, האָט ער זיך קוים געקענט רירן. ער האָט גערייט מיט'ן קאָפּ אהער און אהין און, ווי א געפּענטעט פערד, האָט ער מיט א פּאָר צעשפּרייטע נאָז־לעכער געזופּט די פרישע לופט. די פרישע לופט אין דעם גאָרטן האָט געשטאַרקט זיין הארץ. דער גאָרטן איז געלעגן צוליגט בארג אראָפּ. ארונטערן בארג איז גע־

דער אינזל

ווען א גרויס שטיק גרין לאנד. פון דעם גאָרטן בארג אַרונטער־האָבן זיך אלע מאָל ארויסגע׳גנב׳עט פּוכיקע וועווערקעס. די וועווער־קעס זיינען אָפּגעלאָפן א שטיק וועג און צושראָקענע זיך אומגע־קערט. מרדכי עטינגער האָט איין וועוריקע נאָכגעקוקט און ער האָט געזען, ווי זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף א צווייג און מיט די פאָ־דערשטע פיסלאך געליינגט א קליינע נוס אין מויל אריין. ווען ער איז צום סוף אַרונטער פון בעט האָט ער געפילט די פרייד פון א קינד זיך צעשפרייטן איבער זיין הארץ. און מיט קינדערשער איינ־געשפּאַרטקייט האָט ער געטראַכט: — ער וועט נאָך אַלץ גובר זיין. אַרטעריע סקלעראָזע איז גאָר ניט. צען און פופצען און צוואַנציק יאָר קען ער אזוי אָפּלעבן. מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אזוי זיך צופירן. ווי אזוי זיך אָפּצוהיטן. ניט אויפרעגן זיך. לעבן אנדערש. אַנדערש. בלויז אנדערש דאַרף ער איצט זיין לעבן פירן.

ער איז סיי ווי געוואָרן אַנדערש.

— אין וואָס באַשטייט דען דעם מענטשנס לעבן? איז עס דען בלויז דאָס פיזישע, וואָס מיר זעען און הערן, צי איז עס דאָס, וואָס מיר קענען ניט באַגרייפן? וואָס איז עס דאָס, וואָס מיר קענען ניט באַגרייפן? איז עס א יענע וועלט? ווי אזוי קוקט אויס יענע וועלט?

מרדכי עטינגער האָט געוואוסט, ווי אזוי עס קוקט אויס יענע וועלט. ער האָט דאָס געוואוסט פון די ספרים. ער האָט געוואוסט אַז דאָרטן, פּונקט ווי דאָ, פירט זיך א שטרענגע מלוכה. אַלע מעשים ווערן פאַרשריבן אין א פייערדיקן בוך. מיט א פייערדיקער פעדער. יעדן מענטשענ׳ס מעשים ווערן געוואויגן אויף א וואָג־שאָל. עס גע־ווענד זיך דאַן וועלכע מעשים וועגן איבער. צי די שלעכטע מעשים, צי די גוטע מעשים. מרדכי עטינגער האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט געוואוסט אַז וואָס מער גוטע מעשים ער וועט ברענגען אַלץ א העכערן אויבן־אָן וועט ער קריגן. ער האָט געהאַט א קלאָרן באַגריף וועגן דעם אַלעמען. ער האָט געוואוסט מיט וואָס א מענטש דאַרף קומען פאַר׳ן כסא הכבוד. ער האָט די גאַנצע צייט ליגנדיק אין בעט זיך געגרייט דערצו. ער האָט געריינִיקט זיינע מחשבות. ער האָט געלויטערט זיינע רעיונות. ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן מיט אַן אנדער פירונג. ער איז געוואָרן עלטער. זיין שפּיציק צוגעשניצט בערדל איז געוואָרן שיטערער און גרויליך. זיין שטערן האָט זיך אַרויפגעשניטן נאָך העכער. איבער זיינע ברעמען, אויפ׳ן שטערן, זיינען אויסגעוואקסן צוויי הויכע ביינער, ווי קליינע הער־נער, — משה רבינו׳ס הערנער. און די פינגער פון די הענט זיי־

דער אינזל

נען ביי אים געוואָרן דין און בלייך, ווי די הענט פון א תלמוד־חכם. אין סאמע מיטן מויל איז אים ארויסגעפאלן א מיטעלסטער צאָן, און ווען ער האָט אויפגעעפנט די ליפּן האָט ארויסגעקוקט פון דעם לאָך אן אונהיימלאכע טונקלקייט.

אלץ, וואָס איז ביז איצט אין אים געווען פארשלייערט איז געווארן דורכזיכטיק. זיין מח איז געווען קלאָר. ער פלעגט אויפשטיין מיט'ן באגינען.

איין פרימאָרגן. אין די פענסטער האָט זיך געשפּילט א לייכטע בלויקייט. לייכט שפּילנדיק איז די מאָרגן־זון צוגאנגען מיט'ן אָנקומען פון טאָג. מרדכי עטינגער איז ארומגעגאנגען אין זיין מאָרגנראָק. ווייך און שטיל געשפּאנט איבער די ווייכע דיוואנען. מיט ביידע הענט, די פינגער צעשפּרייט ארום א גלאָז־וואסער, האָט ער אזוי געשפּאנט און געזען, ווי עס ווערט צורינען די מאָרגן־בלוי. ווייסער שיין קומט אריין אין פענסטער. א פריש אויסגעבאָדענע קומט ארויס די זון. ער האָט זיך אָנגעטאָן. זיך ארייינגעזעצט אין גרויסן אָטאָמאָביל. מיט ביידע הענט ארויפגעלייגט אויף דער זילבערנער גאלקע פון שטעקן, איז ער אזוי געזעסן אין ווינקל פון אָטאָמאָביל ביז ער איז צוגעפאָרן צו זיין אָפיס.

און דין, מיט א חוש פון א יאסטרויב, האָט ער, דעם גאנצן וועג פאָרנדיק, פארנומען דאָס שפּילן פון זיין נשמה. און געהערט דאָס מינדסטע איבערפליסן פון זיין בלוט, און מיט אמאָל האָט ער געהערט רופן א קול פון זיינע אייגענע אברים:

— מרדכי עטינגער מרדכי עטינגער! אָט־אָ־דאָ שטעל זיך אָפּ! אהער גיי ארויף! אָט איז שוין געקומען דער טאָג פון ארבעט!

און ער האָט זיך פלוצים — ווען די מאשין איז נאָך געפארן — זיך אויפגעשטעלט פון זיין ווינקל, איז צוריקגעפאלן אויפ'ן זיץ און זיך א צווייטן מאָל אויפגעשטעלט. זיך אָנגעהאלטן מיט די שוואכע הענט אין דעם מעשענעם האלטער, און מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ, איז ער ביים אָפּשטעלן פו דעם אָטאָמאָביל שוין געשטאנען א גרייטער נאָך איידער דער שאָפער האָט אויפגעעפנט דאָס טירל.

— א גוטער טאָג — א גוטער־טאָג — גוט מאָרגן — גוט־מאָרגן — דעם פאָרטער, דעם עלעווייטער־מאַן, דעם מאַן, וואָס שטייט ביים „סיגאר־סטענד” — א שיינער מאָרגן! א פיינע־טאָג, גוט־מאָרגן!

מען האָט פאר אים געעפנט טירן. מען האָט אים אונטער'ן אָרעם געפירט, אין עלעווייטאָר אריינגעשטעלט.

דער אינזל

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — האָט ער געשאָקלט מיט'ן קאָפּ — פאַר וואָס קומט עס מיר אַלץ? נאָך וואָס זיך מטריח זיין? אַ דאַנק.

מען האָט אים אַזוי אריינגעפירט אין זיין אָפּיס, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן צוועלפטן שטאָק פון דער גרויסער געביידע אויף דער פיפטער עוועניו.

2

דער גאַנצער שטאָק איז געווען צוטיילט אין קליינע אָפּטיילונ־גען. אָפּגעצאַמט מיט נידריגע שטאַכעטן. אין יעדער אָפּטיילונג זיינען געשטאַנען צו פיר טישן, און אויף יעדן פון די שרייב־טישן זיינען געשטאַנען קליינע, מעשענע שילדן מיט'ן נאָמען פון דעם מענטשן — „מר. האָל" — „מר. בראָדי" — „מר. מאַק'קינ־לי" א. אַז. וו. עס האָבן ווייט געגלאַנצט די שוואַרצע בוכשטאַבן אויף די מעשענע שילדן — ביז ארויס צום „עלעווייטאָר" צו. אַזוי ריין אָפּגעפוצט, מיט אַן אינערלאַכן גדלות — האָבן די שילדן אראָפּגעקוקט פון די טישן. און די אָפּטיילונגען זיינען געווען אַלע אין אַ ריי. פוןביידע זייטן פון דעם גרויסן שטאָק, אָפּגעטיילט אין מיטן מיט אַ שמאָלן נידריגן קאָרידאָר, אַזוי אַז מען האָט גע־קענט לייכט צו יעדן צוקומען. און אַזוי אַז מרדכי עטינגער האָט געקענט פון זיין פענסטער ארויס דעם אָפּיס זיינעם מיט איין בליק ארומנעמען.

די דורכגאַנגען זיינען געווען אויסגעשפרייט מיט גרינעם סאַמעט, און די מענטשן פלעגן אַזוי שטיל אַנטקעגנקומען, אַז עס האָט אין הארצן אַ ריס געטאָן פון שרעק, ווען דער פּאָרטער איז אַ שטילער, ווי אַ שאָטן אונטערגעקומען, און מיט אַ פון פריער שוין אָנגעגרייטן שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— הו איז איט, יו וואָנט טו סי סיר?

— אָווער דהער — האָט ער מיט דער ווייסער הענטשקע אויף זיין האַנט געוויזן, — גלייך ארונטער צוואַנציק פוס, איז דאָרט פאַרנעמט זיך רעכטס.

ביי איין זייט וואַנט, גלייך ביים אריינגאַנג, איז געווען צו דער וואַנט צוגעפּעסטיקט אַ שמאָלער, לאַנגער טיש, אַזוי ווי אַ לאַנגער שטענדער. ביי דער וואַנט — העכער, דאָרט וואו די מענטשן האָבן זיך מיט זייערע עלנבויגנס אָנגעלענט — נידריקער. און אויף דעם שמאָלן לאַנגען טיש זיינען געווען צוליינט נעדרוקטע

דער אינזל

קאָפּיס און פאָטאָגראַפיעס פון אַלערליי הייזער און מויערן. עס האָט זיך געדרוקט אז די גאנצע שטאָדט ניו יארק, מיט אַלע אירע וואָלקנקראַצער, ליגן דאָרטן צום פארקויפן. און אָן אַ צאָל ציפער: ציפערן, ציפערן — 4-5-6-צימערן צו דער פראָנט — 2-3 און דאָבל זעקסיקע ביי די זייטן — זעקס שטאָק הויך — צוועלף קראָמען אויף מעדיסאן עוועניו — זעקס קראָמען אויף הונדערט און צענטער גאס — צוויי הונדערט מיט פופציק טויזנט ערשטער מאָרגעדזש, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער — אַ לאַנגער, שמאָלער טיש; אביסל העכער ביי דער וואנט, וואו עס ליגט אַ גאַנצע שטאָט צום פארקויפן. און ביי דעם שמאָלן, לאַנגן טיש שטייען מענטשן. די מענטשן קוקן אין די געדרוקטע קאָפּיס, אויף די פאָטאָגראַפישע בילדער. איינער ווייזט דעם צווייטן אַ בילד, איינער לייגט אריין אין בוזעם קעשענע אַ קאָפּי. מען קויפט, און מען פארקויפט הייזער און מויערן ביי מרדכי עטינגער׳ן אין נייעם אָפּיס אויף דער פיפטער עוועניו.

— וויפיל מאכט איצט מרדכי עטינגער אַ טאָג פון דעם נייעם מסחר? מען טאָר ניט ציילן, מען טאָר ניט רעכענען יעדן טאָג דאָס פארמעגן. עס איז גענוג צוויי מאָל אַ יאָר, יולי און יא־נואר. מרדכי עטינגער צאָלט איצט זיינע צאָלונגען יולי און יא־נואר. צוויי מאָל אין יאר. יולי און יאַנואר זיינען צוויי גרויסע טעג. יולי און יאַנואר — וועט ער נאָך דערלעבן יולי און יאַנואר?

אָם שטאַרקסטן האָט זיך אין דעם נייעם אָפּיס אויף דער פיפ־טער עוועניו געוואָרפן אין די אויגן די שטילקייט, אזוי ווי אין אַ מקום קדוש. עמיצנס גייסט האָט דאָרטן אין דער לופט געפלאַטערט. די מענטשן ביי די טישן, מיט זייערע אָנגעכמורעטע פּנים׳ער, האָבן אויסגעזען, ווי פּריסטער אין אַ קירך. צו יעדער מינוט, האָט זיך געדוכט, וועלן זיי זיך אויפהויבן און מיט די פארשלאָסענע ליפּן אָנהייבן בעטן אַ שטיל געבעט.

מיטאמאָל האָט זיך איבער׳ן גרויסן אָפּיס צעטראָגן אַ טעמפּ קלאַפּן פון שרייב־מאַשינען. עפּעס, ווי פון עמיצנס אַ באַפעל, האָט זיך מיטאמאָל פארשפרייט אַ מורמלען פון צענדליקער געראַזירטע ליפּן. פּענ׳ען האָבן געקריצט איבער גלאַטע בויגנס פּאַפּיר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע באַוועגונג. עס איז אריינגעקומען מרדכי עטינגער.

ער איז גלייך אריין אין זיין גרויסן צימער, מיט די פיר פענס־טער. די וויינדיקע טיר האָט זיך שטיל פארמאכט הינטער אים. די גרויסע שויבן איבער די גאַנץ־וואַנטיקע פענסטער, האָבן זיך

געווינט אין זייער ריינקייט. הויכע, ווייכע, סאַמעטענע שטולן, אין ווענעס לײַדיקייט עס האָבן זיך געווינט שאָטנס פון גרויסע סוחרים, זיינען געשטאַנען צושטעלט ארום די ווענט. א טונקל גרינער טעפּיך, ווי פריש געשוירן גראָז, איז געלעגן איבערן שטיינערטיקן דיל. מרדכי עטינגער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש. פון פריער איז שוין געלעגן אָנגעגרייט און געוואַרט אויף אים א פּאַק מיט בריוו און באַשטעלונגען. ביי זיין זייט איז געזעסן א גרייטע די סעקרעטארין. זי האָט פאַר אים געלייענט די בריוו. מיט׳ן קאָפּ אָנגעבויגן עטוואָס אין א זייט, מיט דער לינקער האַנט צובייגנדיק דאָס לעפּעלע פון אויער, האָט ער ערנסט און פּאַוואָליע זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט.

— פּאַוואָליע, נאָכאַמאָל — האָט ער געזאָגט — צוויי טויזנט פונט נעמט ער. צוויי טויזנט, וועט ער נעמען דעם צוועלפטן. יאָ, ווייטער.

דאָס מיידל האָט ווייטער געלייענט. לאַנגזאַמער, שאַרפער. זי איז אליין געוואָרן אָנגעשטעקט מיט זיין שאַרפער רוהיקייט. פּאַוואָליע, לאַנגזאַם. עפּעס האָט זיך איבערגעגאָסן פון מרדכי עטינגער׳ן צו זיין סעקרעטארין. זי האָט געלייענט לאַנגזאַם, אויפמערקזאַם. זיינען ביי איר אויפ׳ן שטערן אויסגעוואַקסן צוויי קליינע הערנער? די סעקרעטארין האָט שוין געאַרבעט ביי מרדכי עטינגער׳ן פּאַר יאָרן און יאָרן. זי איז צוזאַמען מיט׳ן געשעפט אויסגעוואַקסן.

— אָלרייט, אָלרייט, — און וואָס ווייטער? און וואָס זאָגסטו? און וואָס איז דיין מיינונג?

מרדכי עטינגער האָט זיך שטענדיק נאָכגעפרעגט אויפ׳ן צווייטנס מיינונג. ער האָט שטענדיק געשעצט א צווייטנס מיינונג.

— זייער גוט. א גוטער איינפאַל. א פיינער געדאַנק. איך דאַנק דיר.

— איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר. — ווען דאַנקט דען נישט מרדכי עטינגער? און ווי אזוי זאָל ער נישט דאַנקען? אלערליי בריוו קומען דאָך שוין איצט אָן. באַשטעלונגען אויף וואָל. אָנבאָטן וועגן אלערליי הייזער. אָנבאָטן וועגן אלערליי לענדערייען — א דאַנק, א דאַנק, — יולי־יאַנואר — קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ.

— וואו איז אלדד? אלדד וואו איז? נאָר מען דאַרף אים זוכן.

מרדכי עטינגער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ. ער האָט אויסגעדרייט די העלפט פון דעם אויבערשטן קערפּער, און מיט א שטילן באַפעל אָנגעהויבן רופן: אלדד! אלדד! וואו איז אלדד?

און מען האָט אין אלע ווינקעלאך אָנגעהויבן ארומטאָפּטשען מיט מתים׳דיקע טריט, און מען האָט אין אלע ווינקעלאך אריינ־געשושקעט: אלדד! און אלע פּנים׳ער זיינען געוואָרן ערנסט, און אלעמענס אויגן זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן פארכמורעטע מיט דער גרויסער זאָרג: וואו איז אלדד?

3

אלדד איז דעמאָלט, ווען מען האָט אים ארומגעזוכט, ארומ־געגאנגען צווישן די רייע שרייבטישן. זיינע לייכטע טריט זיינען געזונקען אין דעם ווייכן סאמעט. זיינע האָר זיינען געווען גלייך אויף ארויף פארקעמט. אלדד האָט שוין איצט געשפּאַנט מיט אן איינענעם, זיכערן שפּאַן. ער האָט שוין געפונען דעם וועג פון אייגענער פארטיפונג: עס איז דער יחיד, וואס שטייט איבער אלץ. און א וועג דארף זיין פון פריער אָן אויסגערעכנטער. שרייבן ביכער איז גוט ביז אין די דרייסיקער. פרויען מעגן נאָך פירן ליבעס אפילו ביז פינף־און־דרייסיק. אָבער וואס פאר א פּנים האָט עס ווען א פרוי פון פערציק הויבט אָן פירן ליבעס, און א מאַן, ווי אלדד הויבט אָן שרייבן ביכער?

ביי יעדן טיש באזונדער, האָט ער איינגעבויגן זיין הויכע פי־גור. ביי יעדן טיש באזונדער, האָט ער עפּעס אריינגעמורמלט אין יענעמס פּנים אריין. מיט דעם אָנצייג־פינגער האָט ער יעדע וויילע אפיר געטאָן איבער זיין צונג, אויפגעמישט א בויגן פון די אָנגע־וואָרפענע פּאַפּירן און שטענדיק קאָרעגירט.

אלדד קאָרעגירט שטענדיק עפּעס. די העל־בלאָנדע האָר גיבן צו אן אָריגענעלן שטריך צו זיין פּנים. עס דוכט זיך אויס, אז ער רעדט די ענגלישע ווערטער מיט דער „ריש", כאָטש ער רעדט גאר ניט אזוי.

— פרוי און מיסטער אדרעסירט — זאָגט ער שטיל באפּעלנדיק,
—ביידע זאָלן זיי זיין אויף די וועקסלען גע׳חתמ׳ט. אדרעסירט צוביידן „פּליז".

עס זיינען באפּעלנדיק זיינע רייד. אלץ, וואס אלדד זאָגט איצט איז באפּעלנדיק. ער האָט אפילו געזינגט דעמאָלט, ווען מרדכי עטינגער האָט אָנגעוואוירן דעם גרויסן קונד זיינעם „די דזשווירמען אמעריקען וואולן קאָ." ער האָט אלעמען באהערשט. ער האָט זיך אליין באהערשט. ער האָט שוין געפונען דעם וועג פון זיין פאר־טיפונג. עס איז דער יחיד, וואס שטייט איבער אלץ. מיט זיינע

געזונטע פיס צוטראמפלט ער אַלץ, וואָס שטייט אין זיין וועג. עס שפילט אים נאָך צו שטענדיק זיין מזל. מעגלאַך, ווען אַלץ גייט ניט צו אַזוי גוט ביי מרדכי עטינגער׳ן אין געשעפט, וואָלט זיך אַלדד געמוזט ברעכן. די טעאָריע פון דעם יחיד׳ס שטיין איבער אַלץ, איז ניט אַזאַ לייכט־דורכפירנדיקע. אָבער אַלדד האָט מזל — גלייכע, בלאָנדע האָר; דינע, פאַרצויגענע ליפן. בעקי האָט אים ליב. ער ווייסט שוין אַפילו, וואָס ער וועט טאָן מיט בעקי׳ן. בעקי וועט זיין אַזאַ ווי ער וויל. אין וואַקלעניש און אין צווייפל וועסטו, מענטש, צו דיין ציל ניט קומען. פונקט אַזוי ווי מען קען אַ געפיל קולטיווירן און אויסוואַרעמען, פונקט אַזוי קען מען פון אַ געפיל אָדער געדאַנק זיך באַפרייען. מען דאַרף נאָר האָבן אַ ווילן, ביי זיך אַן אָפגעמאַכטע באַרעכטיקונג. נעם צענויף דיין כח שלים זיך איין אין דיין ווילן — דעמאָלט וועט שוין זיין אַלראַיט.

אַלדד האָט זיך ביי איין טיש אָפגעשטעלט אַביסל לענגער.

— מאַך דעם קאָנטראַקט אַזוי — האָט ער געזאָגט — „דאָס געלט ווערט אויסגעליען אויף דער פאַרזיכערונג פון אַלע פערזענלאַכע פאַרמעגנס. אַלץ איז ביי אונז פאַר׳משכנ׳ט. דיינ׳ס און דיין ווייב׳ס, און דאָס פון דיין משפחה. דו און דיין ווייב זיינען מחויב צו יעדער צייט און צו יעדן טאָג פון אונזער אויפפאָדערונג צוריקצוגעבן דעם גאַנצן סכום. און מיט אונזער געלט טאָרסטו ניט שפעקולירן. און מיט אונזער געלט טאָרסטו ניט קויפן קיין זאַך פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. מיט אונזער געלט — מיט אונזער געלט — עס איז געווען אָנגעפילט די לופט מיט׳ן קלונג פון געלט. אין דעם האַלב־טונקעלן ליכט איבער׳ן טיש וואו אַלדד איז געשטאַנען, האָט מען געקענט זען דאָס קופער־געלע געוויכט פון גאָלד. אַלדד האָט טיף און ערנסט געצויגן זיינע פראַזן. עס זיינען געווען, ווי אַ ליד, די דאָזיקע רייד זיינע.

ווען ער איז צום סוף אַריינגעקומען אין עטינגער׳ס אָפגעצוימטן חדר, האָט מען אים שוין דאָרטן ניט געזוכט. מרדכי עטינגער איז געזעסן אין מיטן פון זיין טיש. מיט זיין ווייסער האַנט, די פינגער צעשפרייט איבער׳ן גרויסן שטערן איז ער געזעסן דעם קאָפ אונטער־געשפאַרט. ער האָט געקוקט אין אַ פאַפיר. פאַוואָליע געציילט די ענגלישע ווערטער. און זיי צו עטלאַכע מאָל איבערגערעדט. ווען ער האָט דערזען אַלדד׳ן, האָט ער אים מיט אַ וואונק פון דער האַנט צוגערופן:

— נעם לעז איבער, אַלדד, אַ יאָ? — „מאַי קלייענט איז

פּוירפעקטלי סעטעספּאיט וויט דהי פּראָפּאָזישאָן — פּליעז אַפּאָינט אַן אינטערוויו".

מרדכי עטינגער האָט געציילט די ווערטער, דריבנע זיי ארויס־געלייגט אויפ׳ן טיש, ער האָט באַטאָנט יעדע זילבע.

— איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. דאָס הויז שטייט אין א גוטן געגנט. איך האָב זיך שוין דערמיט איינגעלעבט.

אלדד האָט שוין לאנג געזוכט א געלעגנהייט צו ריידן מיט׳ן פעטער, איצט האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט. ער האָט געזאָגט:

— איך פארשטיי אייך ניט, פעטער! מיר האָבן דאָך באַשטימט א פּאָליסי נאָך וועלכער מיר דארפן האנדלען!

— ס׳איז אָבער א נסיון אלדד — הונדערט טויזנט אין איין „פּראָפּערטי"!

— און ווען איר זאָלט אויסרעכענען די הכנסה פון א יאָר, צוויי, פיר — צוואַנציק.

שפּיציקע פייערלאך, ווי דריי עקן האָבן זיך געשפּארט פון אלדד׳ס אויגן. ער איז געווען אויפגערעגט. אין זיין מח האָבן זיך געשטויסט פּלענער. ער האָט שנעל גערעדט:

— ניט דאָס איז דער עיקר. עס איז א פּרינציפּיעלע פראגע.

אלדד האָט צעשפּרייט זיינע פיס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיטביידע הענט אריינגעלייגט אין די הויזן־קעשענעס, האָט ער הויך אויפ׳ן קול גערעדט:

— ווילט איר פירן אייערע געשעפטן אויף אייער אלטמאָדישן וועג — ד. ה. קויפן, און ווען מען גיט פּראָפּיט — פארקויפן, און זיין שטענדיק אויפ׳ן מארק, צי ווילט איר פירן א געשעפט אויף מאָדערנע עקאָנאָמישע יסודות? דער געזעץ פון עקאָנאָמיע — איז „אקיומילייטשאָן" — ד. ה., ביז וואנען איר דערגרייכט צו א מדרגה ווען דער איינענער „סורפּלוס" איז דער קאפּיטאל־שאַפער.

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין מיליאָנער! דו ווילסט זיך פארגלייכן מיט ראקעפעלערן?

— ערשטנס, מוז מען ניט זיין קיין ראקעפעלער; צווייטנס, איר זייט א מיליאָנער, איר, פעטער זייט א מיליאָנער. דאָס געשעפט: „די עטינגער וואולען קאָמפּאַני" טוט מסחר ביז פינף מיליאָן דאָלער א יאָר. די הייזער אויף בראָדוויי זיינען ביז צום ערשטן „מאָרט־

גיידזש” אויסגעצאָלט. די „פּראָפּערטי” אינ׳ם נידריקן טייל פון שטאָט איז אויסגעצאָלט. מיט דעם באַלאַנס וואָס איר האלט אין די בענק, וואָלט איך געקויפט לאנד פאר א גאנצן מיליאָן אין פלעטבוש. איך וואָלט אפגעקויפט גאנץ דרום־פלעטבוש — דאָרט איז דער פּלאַץ פאר דער צוקונפט.

ביידע זיינען זיי געבליבן, ווי פאר׳כשופ׳טע. אלדד׳ס איבערצייגטע רייד, האָבן זיך געשאָטן, ווי פערל פון מויל. זיין קויל איז געווען שארף, ווי א זילבערנער גלאק פון עפּעס א ווייט, זיין פּניב איז געווען צופלאַמט, ארום זיין מויל זיינען געלעגן קנייטשן, פול אָנגעשטאָפּטע מיט אייזערנעם ווילן.

מרדכי עטינגער האָט געציטערט. זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט און פארמאַכט. מיט זיינע פינגער האָט ער געצופּט שטיקלאך פון א פּאַפּיר, וואס איז געלעגן אויפ׳ן טיש. זיינע אויגן זיינען געווען מיט א נעבל פארצויגן. די גאנצע צייט, פון אלדד׳ס ריידן האָט ער בלויז געהערט, ווי א ווייט, ווייטן אָפּקלאנג פון עמיצנס א קול. מיט אַן ארויסגעשפּארטן קאָפּ, מיט׳ן שפּיציקן בערדל ארויסגעשטארצט אין מיט א שווער בלאָזן פון זיינע נאָזלעכער איז ער געבליבן אזוי זיצן א פארשטיינערטער.

4.

אלדד האָט געוואָלט איבערצייגן דעם פעטער אין זיין אמת. ער האָט אים געמוזט איבערצייגן. אלדד האָט קיין סך ניט גערעדט פון זיינע פּלענער. מיטאמאָל פלעגט אים ווערן ענג אין דער שטוב, און ער פלעגט דעמאָלט ארויס אויפ׳ן גאס, אין דעם שמאָלן פּארק, וואָס לויפט פּאַזע דעם האָדסאָן. דער גאָרטן איז א שמאָלער. אין מיטן דערינען א שטיק אפּגעהאקטע גאס, מיט געדרייטע טרעפּ צום אראָפּגיין, ציט זיך אזוי פּאַזע דער לענג פון האָדסאָן. באוואקסן מיט געדיכטע קוסטעס און פארבאהאלטענע ווינקלען, און מיט גרינע אייזערנע בענק. אין אָוונט צולייגט זיך די ליכט פון דעם ניו־דזשוירזי ברעג ביז אין מיטן טייך. דער גאנצער ברעג פון ניו־דזשוירזי איז צולייגט אין מיטן טייך. און אויף יענער זייט טייך דרייען זיך ווייסע וועגן ארויף די פּאליסאדן. טראמווייען דרייען זיך אויף די געדרייטע וועגן. אלע מאָל לייכטן אויף די עלעקטרישע לאָמפּן און אלע מאָל פארשווינדן זיי אונטער די הויכע שטיינער. אלדד האָט ליב דאָרטן שפּאצירן און דאָרטן צו זיצן. דאָרטן קען ער טראכטן אלערליי חלומות. דאָרטן קען ער געפינען א בארעכטיקונג פאר אלע זיינע מעשים. זיינער א חבר האָט אים אמאָל געזאגט: —

דער אינזל

„און וואָס, אז דאָס ווייב הונגערט? און וואָס אז דיר פעלט אויס א מלבוש, צי א מאָלצייט? ווען א מענטש האָט א מיסיע אין לעבן — זיינען די אלע זאכן קלייניקייטן". אלדד האָט א מיסיע אין לעבן. די אלע זאכן זיינען קלייניקייטן. א מענטש נאָך דרייסיק נעמט זיך ניט שרייבן קיין בוך. אלדד איז שוין איצט געווען איבער דרייסיק. אלדד מוז איבערצייגן דעם פעטער אין זיין אמת. ער האָט זיך שוין איצט מיט זיין גאנצער נשמה אריינגעווארפן אין דעם נייעם לעבן. ער האָט גע'חלום'ט חלומות. ער האָט געזען קאָנקרעטע בילדער. ער איז פארכאפּט געווארן פון זיין אייגענעם איינפאל — פון אָפּקויפן דרום־פלעטבוש. ער האָט דאָרטן געזען גרויסע מעגלאכקייטן. און איינמאָל איז ער אין מיטן העלן טאָג נעלם געוואָרן. ער איז אוועקגעפאָרן קיין פלעטבוש.

ברייטע, אומענדלאכע ברייטע זומפּן האָבן זיך געצויגן פאר מיילן לאנג. וואו ניט וואו זיינען געלעגן צעוואָרפן קליינע פארמשטיבלאך. גערטנער מיט פארשיידענע גרינגווארג האָבן אין זייער פרישער גרינקייט געקוועלט אנטקעגן דער זון. פון ערגעץ האָט געבלאָזן א קיל ווינט. גאָר ווייט אין א שטח איז געלאָפן דער „על". דער טומלדיקער רויש פון דער הויך־באַן האָט זיך פון צייט צו צייט אהער דערטראָגן מיט א פארשטיקן קלאַפּ. אלדד האָט ארומגעטאָפּטשעט איבער די זומפּיקע וועגן. שנעלע, שטראַליקע פלענער אין איינפאלן האָבן זיך געטווישט אין זיין מח. אָט האָט ער געטראכט פון א גרויסער שטאָט ביים ברעג פון ים, מיט ברייטע פאָרטן פאר אויסלענדישע שיפן. און אָט האָט ער געטראכט פון נידריקע שטיבלאך, מיט גראָז־באוואקסענע פליינען — א רעזידענץ־שטאָט. אין זיין צוהיצטן מח האָט ער זיך אוועקגעטראָגן אויף פייערדיקע פליגלען.

אין מיטן פון דער גרויסער נייער שטאָט וועט שטיין א רויט הויז. דאָס רויטע הויז וועט האָבן א גרינעם דאך. אויפ'ן גרינעם דאך וועלן זיין טויבן־נעסטן. און אין דעם הויז — ער און בעקי. בעקי האָט גרויסע וואסערדיקע אויגן. בעקי בייסט מיט אירע ציין. ער וועט געבן בעקין זיין ליב, בעקי וועט אים געבן איר ליב. בעקי האָט ברייטע היפטן. אפשר צען קינדער קען זי אויסטראָגן. טאָמער וועט דער רייכער מאן אויסכאפּן בעקין? בעקין קען מען נאָך אויסכאפּן. אלץ פארבלענדט נאָך אירע אויגן. זי האָט מורא פאר אים. זי געטרויט אים ניט. פארוואָס האָט זי מורא פאר אים?

אלדד האָט מיט א קאלטן ישוב הדעת אָנגעהויבן אויסרעכענען ביז דער קלענסטער מעגלאכקייט די נייע אונטערנעמונג. מיט דעם, וואס אין דעם נעגנט לויפט דורך דער „על", וועט זיין לייכט

צוציען א באפעלקערונג. טראנספּאָרטאַציע איז די ערשטע פּראָבלעם אין אזא אונטערנעמונג. דער געגנט מוז זיין פארבונדן מיט ניו יאָרק. ניו יאָרק דאַרף אָנפילן דעם געגנט. אלדר איז געווען זיכער, אז ניו יאָרק מוז זיך צעשפּרייטן. די באפעלקערונג מוז זיך אליין אריבער־וואקסן. אין פינף אָדער צען יאָר ארום, וועט ניט זיין קיין איינציק פריי ווינקל אין דער גרויסער שטאָט. מען וועט מוזן — אונטער אלע אומשטענדן וועט מען מוזן זוכן א ניי ווינקל, וואו מען זאָל קענען די שטאָט אויסשפּרייטן — טראנספּאָרטאַציע — קלאַפּ־קלאַפּ — עס לויפט פון ווייטן א גאסן־באן — ווער עס וועט דאָ הייזער בויען, פאר דעם וועט זיך דאָ עפענען אן אוצר. אלדר האָט אָנגע־הויבן גיין אין דער ריכטונג צום „על" צו.

די גאנצע צייט האָט אלדר אויך געטראכט פון בעקין. עס האָט זיך געשלאָגן א געדאנק אין א געדאנק. קיינער וואָלט די געדאנקען ניט געקענט אָפּטיילן איינעם פון דעם צווייטן. אריינגעפלאָכטענע זיינען זיי געווען. איז עס געווען דערפאר, וואָס בעקי און די נייע אונטערנעמונג און זיין נייער גייסט זיינען געווען איינס און דאָס זעלבע? די גאנצע צייט, וואָל אלדר האָט זיך דאָ ארומגעדרייט, האָט זיך געדוכט, אז דער מענטש וויל דאָס מיט זיין אייגענעם טראָט אויספרואוון די הארטקייט פון דעם באָדן. פון אונטער זיין באוואוסטזיין האָט עפּעס א געפיל שוין איצט, אים אונטערגעזאָגט ווערטער פון פּאָזיטיוויטעט. ער האָט לאנגזאם, מיט אויפמערק־זאמקייט זיך צוגעקוקט צו יעדן שטיינדל. ער האָט באמערקט יעדעס גרעזל. ער האָט געפילט די ווייכקייט פון דעם באָדן. גלייך ווי ער זאָל שוין איצט גיין קויפן דאָס לאנד, אזוי האָט ער יעדע זאך רואיק באטראכט. די ברייטע ארומיקייט האָט ברייט צעשפּרייט זיינע אייגענע האָריזאָנטן. אין דער שטיל זיינען געפלאָסן זיינע געדאנקען. ער האָט געהערט דאָס פארבייפלאַטערן פון א פּאָר פלאַטערנדיקע פליגל. עס איז געווען א טויב, וואָס איז נידריק, כמעט איבער זיין קאָפּ, דורכגעפלויגן. אלדר האָט פונקט אין יענעם מאָמענט באשלאָסן, אז ער מוז פארבויען דעם דאָזיקן געגענט. אפשר וועט דאָ אויסוואקסן אָט א דאָס, וואָס וועט אים זיין נשמה אויספילן. ער ווייס ניט וואָס, און ער ווייס ניט ווען — אָבער עס קען דאָך זיין — עס קען דאָך זיין אז בעקי זאָל אן אנדערע ווערן — עס קען דאָך זיין ער זאָל בויען אין מיטן דער נייער שטאָט א רויט הויז מיט א גרינעם דאך. און אפשר וועט זיין בוך אָנמאכן א גרויסן טומל? קען א בוך, געשריבן פון א מאן אין די דרייסיקער אָנמאכן א גרויסן טומל? אלץ קען זיין. אלץ איז מעגלאך. עס איז מעגלאך, אז אין דער ארבעט פון בויען א שטאָט, זאָל ער זיך אליין געפינען;

עס איז מעגלאך, אז פון אמעריקע זאָל ארויסוואקסן די גרויסע וועלט־רעוואָלוציע; עס איז מעגלאך, אז מיסטער קאַמבערלענד זאָל מוזן איבערגעבן זיין פארמעגן צו די ארבעטער; עס איז מעגלאך, אז אין די קומענדיקע צען יאָר, זאָל זיך ניו יאָרק אזוי צעוואקסן, אז יעדעס שטעטל זאָל זיין מיט גאָלד גלייך. עס איז מעגלאך — עס איז מעגלאך. — טראנספאָרטאציע איז די הויפטזאך אין אז אונטערנעמונג — — —

עס איז שוין געווען פינסטער אין דרויסן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער ליידנשאפטלאך גערויכערט. ער איז געגאנגען שפאצירן אין ריווערסאיד פארק. זיין הוט איז געווען אביסל ארויפגערוקט איבער'ן שטערן. שיפן האָבן געקרייצט דעם האָדסאָן. גייענדיק האָט ער געקנאקט זיינע פינגער פון די הענט און אויסגעלייגט איין פלאן נאָכ'ן אנדערן. ווען ער האָט דערנאָך גערעדט מיט'ן פעטער האָט ער אין זיינע רייד אריינגעפלאָכטן אלערליי טיפזיניקע און אלערליי טיפנארישע געדאנקען. ער האָט צום פעטער גערעדט פון דעם רויטן הויז, וואָס ער וועט פאר פאר זיך אויסבויען. אין עקסטאז האָט ער אָנגעוואָרפן א בילד אויף א בילד. פונקט, ווי אמאָל, ווען פאר אים זיינען געשטאנען טויזנטער מענטשן, האָט ער איצט אין א רעדנערס פאָזע גערעדט פאר'ן פעטער. ער האָט אויסגעמאָלט א בילד פון א ניי־אויפוואקסנדיקער שטאָט. מרדכי עטינגער האָט געזען באלויכטענע גאסן, גראד־ליניקע קווארטאלן. קצבים און קרעמער און מעל־הענדלער האָבן זיך געדונגען און געריסן די קונים אין זייערע קראָמען. מרדכי עטינגער האָט געהערט דאָס פלאפלען פון קליינע קינדער. דער הימל איז געווען באלויכטן מיט בליציקע פייערן. קינעמאטאָגראפן און טעאטערס האָבן געוואָרפן ברענענדיקע בליצן ביז אין מיטן גאס אריין — ער האָט געפילט ווי עס רירט זיך אים דער מח.

5.

— עס איז מיר שווער, עס איז מיר שווער, — האָט געזאָגט מרדכי עטינגער צו אלדד'ן, ווען זיי זיינען אין אָוונט ביידע געזעסן אויף דער וועראנדע. די וועראנדע איז ארויסגעקומען אין סאָד אריין. די וועראנדע איז געווען אין גאנצן באוואקסן מיט קריכנדיקן וויינריב. דורך דעם קריכנדיקן וויינריב האָבן אריינגעשטורעמט, ווי קליינע בליצן, פינקלדיקע פייערלאך, און באשפריצט די היימישע טונקלקייט אין וועלכער עס זיינען געווען איינגעוויקלט אלדד און מרדכי עטינגער.

— עס איז מיר שווער. צופיל טראָג איך אויף מיין קאָפּ. דאָס געשעפט, און מיין הויז, און מיינע קינדער — אלץ האָט מיך אריבער־געוואקסן.

אלדד האָט געשוויגן.

פאר א ווײַלע האָט מרדכי עטינגער אויך געשוויגן.

אָבער, ווי לאנג קען ער דען שווייגן?

— פארשטייסט? — זאָגט ער — ביז איצט איז אלץ געווען אונטער מיין קאָנטראָל. איך האָב געזען, וואָס איך טו. געקענט די מענטשן מיט וועמען איך האנדל. געזען דאָס פּנים פון דעם קונה. איצט איז אלץ, ווי א מאשין, א טויטע זאך, ציפערן, ציפערן.

אלדד שווייגט און שמייכלט.

— ציפערן, ציפערן, — זאָגט מרדכי עטינגער.

אלדד שמייכלט.

— עס איז בלויז א מעטאָד אזא. אן אנדערער מעטאָד, פעטער. די זעלבע זאך, בלויז פארברייטערט, פארפילפאכט. איר דארפט זיך צו דעם צוגעוואוינען.

— צו וואָס זיך צוגעוואוינען? — זאָגט מרדכי עטינגער — נאָך וואָס דארף איך דאָס? פאר וועמען? איך האָב שוין קיין כוחות נים.

אין אמת'ן האָט מרדכי עטינגער איצט נייע כוחות. עס איז נים קיין כוחות, נאָר א נייער גייסט. צי עס איז גאָר קיין גייסט אויך נים, — עס איז עפּעס אזא בלינדע אומבאהאָלפנקייט אין וועלכער ער ווערט מיט יעדן טאָג אלץ מער אריינגעשלעפּט. און אָן כוחות, שפּארט פון אים ארויס עפּעס א בלינדער כח, וואס וועט זיך באלד פארמעסטן מיט די ווינטן און מיט די איבער־וואָלקנס הויכקייטן. ערשט איצט האָט זיך אין אים צובראָכט זיין גייציקייט. א גייציקייט נים נאָך געלט, נאָר נאָך עפּעס אזוינס, וועגן וואָס ער האָט מיט ווערטער גאָר נים געקענט ריידן. עפּעס פויגלדיקס, איבער־מענטשליכס, האָט אים אין גאנצן באהערשט. עס איז געווען אומ־באשטימטע, גיגאנטישע לײַדנשאפטן, וואָס האָבן זיין נשמה ארומ־גענומען. ער האָט געזען ציפערן אויסגעשטעלט אין אזא לאנגער רייע, אז עס האָט אים אזש געשווינדלט אין די אויגן. דאָס לאנד איז דרום־פּלעטבוש איז פאר אים, ווי אן אויסטערלישערע חלום געשטא־נען. דעם חלום האָט ער געזען אזוי, אז פריער איז געווען א גרויס בלענדעניש, אן אויגנשניידיק ליכט, אָנגעוואָרפן מיט קרישטאָלן און גאָלדענע רענדלאך. און באלד איז פון דעם גרויסן ליכט געוואָרן

גרויסע, פייערדיקע רעדער. די רעדער האָבן געשווינדלט. אַלע מאָל זיינען זיי געוואָרן קלענער און גרעסער. גרעסער און קלענער. זיך געדרייט שנעלער און שנעלער, און צום סוף איז אַלץ געוואָרן פינסטער. און ווען אַלץ איז צום סוף פינסטער געוואָרן האָבן זיך ערגעץ אויפגעעפנט שווערע ערדענע טירן. פון דער עפענונג האָט א שלאַג געטאָן א טוכלער און א דומפּער ריח, און פון דער דאָזיקער טוכלעקייט האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן ארויסשיילן א בלאָטיקע שאָלעכץ, צוערשט פארשמירטע שטיקער גאָלד, דערנאָך אַלץ ריינערע און העלערע. און די שטיקער גאָלד זיינען זיך אַלץ צוואַוואַקסן אין שורות און אין קופּעס — און צום סוף זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע בערג מיט גאָלדענע שטיקער.

נאָך אַזעלכע אילוזיעס איז מרדכי עטינגער געבליבן אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, פון זיך אַליין אַן אויסגעהוילטער. ער האָט ניט געהאַט קיין כח. א שוואַכקייט איז באַפאַלן זיינע הענט און זיינע פיס. אים האָט זיך אין אַזוינע מינוטן געדוכט, אַז עמיצער נעמט אַלץ פון זיין אינגעווייד ארויס, אַז ער פילט דאָס און זעט דאָס — און קען זיך ניט העלפן.

— ווען איך קען זיך אָפּרוען, — האָט ער שטיל געזאָגט — אויף א שטיקל צייט זיך אָפּרוען, באַפרייען, כאָטש א שטיקל צייט.

א ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. א פאַרדאַכט פון איינעם צום צווייטן. דער שווייגט און קוקט אויף דעם, און דער שווייגט און קוקט אויף דעם. וויל איינער דעם צווייטן אויסנאַרן? וויל איינער דעם צווייטן מיט עפּעס איבערשפּיצלען?

— און וואָס וועט זיין, אַז „ריעל עסטייט" וועט פּלוצלינג פאַלן? — זאָגט מרדכי עטינגער, שפּאַרט אָן דאָס שפּיציקע, שיטערע בערדל אויף דער גאַלקע פון שטעקן, וואָס ער האַלט צווישן די פיס, און אין דער פינסטער זעט מען, ווי זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאַנצן — איך שטעל דאָך מיין גאַנץ פארמעגן אין קאָן?

אַלדד האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. ער שטייט שוין גרייט, ווי אַן אָנגעלאָדענע ביקס, פאַרקאַטשעט דאָס היטל איבער'ן שטערן. ער פאַרשליסט די צען פינגער פון די הענט און לייגט זיי אוועק אויפ'ן בויך.

— „ריעל עסטייט" וועט אַזוי גיך ניט פאַלן. יעדע אונטער-נעמונג איז גוט פאַר די קומענדיקע פינף יאָר. עס איז גאָר קיין שפּעקולאַציע ניטאָ.

— מיט וואָס ביזטו אַזוי זיכער?

— ווייל מיר האָבן איצט אַ מלחמה.

אלדרד האָט זיך פאַר עמיצן פאַרשעמט. ער האָט אין דער שטיל אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „מלחמה”. ער האָט נאָך שטילער געזאָגט:

— די מלחמה וועט זיך נאָך ציען און ציען.

— איך געדענק נאָך גאַנץ גוט דעם קראַך פון יאָר 1907, — זאָגט עטינגער. ער איז שוין אין גאַנצען אויפגערעקט. ער וואַרפט שנעל אַרום די רייד פון מויל, — מענטשן זיינען רואינירט געוואָרן. מען האָט זיך דעם האַלז איבערגעשניטן.

מען שווייגט שוין ווידער. קלאַפּ־קלאַפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ — אין ביידע מוחות. איין שטערן איז הויך, מיט אויסגעפּליקטע טיפע ווינקלען. איבער די ווינקלען געשוואָלענע אָדערן — אַ פאַרלאַנג פון שטילן אויסלעבן די לעצטע יאָרן, דרייט זיך אויף אַן אַקס פון אויפגעיורטע ווייכקייטן — איין שטערן געדיכט באַוואַקסן מיט איינגעשפּאַרטער באַוואַקסנקייט — אַ פאַרלאַנג פון אויפהויבן דעם אַנטקעגנדיקן באַרג און אים אַזוי אַ שליידער טאָן אין וואַסער אַריין.

ביידע מוחות מאָביליזירן זיך.—ביידע מוחות גרייטן זיך.—דער שווייגט און קוקט אויף דעם; דער שווייגט און קוקט אויף דעם. אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט — הויכע בערג קען מען שליידערן אין ים אַריין — אויסלעבן שטילע, לעצטע יאָרן פאָרט מען קיין ירושלים...

אַלדרד שרייט שוין מיט אַ הויך, קלאָר קול:

די מלחמה וועט זיך ציען און ציען. און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זיין אַ נייע מלחמה, אַן אַנדערע. שווערע יאָרן קומען.

מרדכי עטינגער האָט פאַרבויגן די אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין און זי געביסן. עס איז אים געוואָרן הייס איבער׳ן לייב. הייס אין די אויגן. נאַס צווישן די פינגער.

אַלדרד רעדט נאָך העכער:

— איבער׳ן לאַנד וועט ווערן אַ דוחק. די גאַנצע באַפעלקערונג וועט מען אַריינוואַרפן אין דער פּראָדוקציע פון געווער און פון שיפן. אַמעריקע וועט אויפבויען אַזוי פיל שיפן, אַז זי וועט קענען מאַכן אַ בריק איבער׳ן ים. יעדעס ווינקל פון לאַנד, וועט ווערן עקספּלאָאַטירט. עס וועט פעלן וואָל אויף צו מאַכן קליידער, עס וועט פעלן מאַטעריאַל אויף צו בויען הייזער. מען וועט ניט קענען קריגן

כעטן. די וואָס וועלן זיך מיט די אַלע זאַכן אָנגרייטן, וועלן זיך אָנשיטן מיט גאָלד.

שוין שווייגנדיק, קלינגט נאָך אלדד'ס קול. ער איז שטאַרקער. ער איז יונג. מרדכי עטינגער האָט ניט קיין כח. אַן עלטערער מענטש פאַרגעסט לייכט, וואָס ער האָט ערשט געטראַכט, אָנגעקליבענע ענערגיע ווערט שנעל צערונען. מרדכי עטינגער איז ניט עובר בטל. ער זיצט בלויז אַזוי ווי אַ תם. ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. זיין צוהיצטער מח האָט זיך שוין אָפּגעקילט — ווייניקסטנס אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעקילט. איבער'ן סאָד און איבער'ן הויף קלינגט נאָך אלדד'ס קול, ווי די רייד פון אַ נביא, וואָס לאָזן איבער אַ לאַנג־דויערנדיקן אָפּקלאַנג. עס האָט זיך געדוכט, אַז דיביימער אין סאָד, די שטילע, ביינאַכטיקע לופט, די אַרומיקע פאַר'חלום'טע הייזער — אַלע האָבן אויפגעעפנט זייערע אויערן, כדי צו פאַרנעמען אלדד'ס רייד.

אלדד האָט זיך זיין וועג — אַ מענטש נאָך דרייסיק נעמט זיך ניט שרייבן קיין בוך. בעקי האָט אַ ווייך ווארים לייב — זיין שטערן די מענער אויף צו בויען די הייזער. אין איין דירה וועלן וואוינען צו צוויי און צו דריי משפחות. מען וועט צאָלן פאַר אַ פּאָר שיך און פאַר אַ קלייד און פאַר אַ דירה אַזוי פיל, וויפיל מען וועט נאָר איז געדיכט באוואקסן מיט איינגעשפּאַרטער באוואקסנקייט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער גרויסע וועראַנדע. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. די אַרומיקע פינסטערניש האָט זיך ביסלעכווייז צושיטערט און אָנגעהויבן אַרויסווייזן דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען איינגע־הילט אין איר שוואַרצער דיקקייט. קוסטן מיט רויזן און כריזאַנטעמען האָבן בלאַסע זיך געוויגט אין דער שטילער לופט. די אַרומגעשווירענע יונגע קשאַקעס האָבן זיך אָפּגעצייכנט מיט זייער געדיכטער שוואַרצקייט אין דער שיטערער פינסטערקייט. דער גוט איינגעקאַטשעטער „טעניס קאָרט" האָט אין זיין ווייסער זאַמדיקייט זיך געוויגט, ווי אַ ווייסער טייך.

אַלץ איז געווען שטיל, איינגעדרעמלט. אָבער אין אַלץ האָט געקלאַפּט דער פּולס פון אינערלאַכן לעבן. עס האָט זיך געדוכט, ווי אַלץ אַרום איז בלויז אויף אַ ווײַלע איינגעשלאָפן כדי מאָרגן זיך אויפצוהויבן מיט אַ נייעם שטאַרקערן לעבן.

אלדד האָט דאָס אַלץ פאַרנומען. ער האָט פאַרנומען דאָס שטילע אויפוואַכן אין זיין נשמה. ער האָט געהאַט די פּעאַיקייט אַריינצוקוקן מיט זיינע אויגן אין ליידיקן רוים און דאָרטן זען

לעבעדיקע געשטאַלטן. זיינע אויגן זיינען געווען גרויס ארויסגע־שטאַרטשעט. עס האָט זיך געדוכט, ווי ער זאָל עפּעס אין דעם ליידיק־ווייטן זוכן.

האָט ער טאַקע עפּעס געזוכט? האָט ער טאַקע עפּעס געזען? וואָס האָט ער געזען?

אלדר האָט געהערט דאָס שטילע וויגן זיך פון די ביימער, דאָס שטילע איבערקאַטשן זיך פון א זעמדל אויפ׳ן „טענים קאָרט”. ער האָט פאר זיך, אין דער פינסטער, מיט אמאָל דערזען גרויסע בויגנס פּאַפּיר, באַשריבן מיט אלערליי חשבונות, אָנגעזעצט געדיכט מיט ציפערן. אויגן נעמען גלייך אויף דאָס, וואָס דער מח מאָלט אָפּ — מחות טראַכטן באַלד אויס דאָס וואס אויגן ווילן זען — ער איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט׳ן געדאַנק וועגן דרום־פּלעטבוש. די אויגן האָבן געזוכט אויסגעשריבענע פּלענער. אין זיין מח האָבן זיך אויסגעלייגט באַשריבענע פּלענער.

ער וועט שפּעקולירן. מיט׳ן אָנבאָט פאר מזומן, וועט ער דעם גאַנצן געגנט אָפּקויפן ביליק. ער וועט דאָס לאַנד קויפן ביים אַקער. אויף „לאָטס” וועט ער עס שוין אליין צעשניידן. געהילין ווער ער קויפן גלייך פון וואַלד. ער וועט אריבערפירן אין די וועלדער פון די ניי־ענגלענדער שטאַטן. דאָרטן וועט ער אָפּקויפן אַקערס וואַלד. אהין וועט ער ארויספירן זעג־מאַשינען. די גראָבע דעמבענע ביימער ווער ער לאָזן ווי זיי זיינען. דאָס איז גוט פאר באַלטשאַסעס און איבערצוליינגן איבער די סטריטבעס. און די סאָסנעס וועט ער שניידן אויף ברעטער, און די בעריאָזעס — אויף דינע דיל־ברעטער. און אין די זומפּן פון ניו־דזשוירזי וועט ער אוועקשטעלן א ציגל־פאַבריק — קלאַפּ־קאַלפּ, קלאַפּנדיק־קלאַפּ — טערע־קאָטא — אין ניו דזשוירזי א ציגל פאַבריק — ביים ברעג פון האַדסאָן וועט ער מאָלן פון הויכע סקאַלעס — זאַמד. און ווען דאָס אלץ וועט זיין אָפּגעטאָן, וועט ער אליין אויסבויען א גרויסע עלעקטרישע קראַפט סטאַנציע, וואָס וועט באַלייכטן דעם אייגענעם געגנט.

— זעסט, בעקי, וואָס אלדר קען זען אין ליידיקן רוים? זיינע אויגן זיינען געווען גרויס־ארויסגעשטאַרטע. אין זיין מח האָבן זיך אויסגעלייגט די באַשריבענע פּלענער. גלייך ביים אָנפאַנג, וועט אויסקומען צו בויען צום וויינציקסטן טויזנט הייזער. דאָס וועט פאַרנעמען צום וויינציקסטן צען קוואַדראַטנע קוואַרטאַלן. און נאָכהער וועט מען מען דאַרפן בויען וועגן און אויסלייגן די וואַסער לייטונג. און ער האָט געטראַכט, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען אריבערצופאָרן

דער אינזל

אין דער סאוט, אריבערגרענגען פון דאָרטן טויזנט נעגערס — מען וועט דאָך באלד דארפן האָבן צום וויינזקסטנס טויזנט שווארצע ארבעטער.

ער האָט שוין ניט געפילט זיינע אייגענע טריט. ער איז געגאנגען ארויף און אראפּ דער ווערענדע. זיין הארץ האָט יאָ געקלאפּט און ניט געקלאפּט. ער האָט זיך אויפגעלייזט. ער איז געוואָרן אויפגעלייזט אין א ווייסער דורכזיכטיקייט. עס האָבן דורכזיכטיק געלויכטן די נעגל פון די פינגער. פארקאטשעט דאָס היטל איבער'ן שטערן — ליגט עס ניט אויפ'ן שטערן. אלדר פילט דאָס ניט. ער הערט ניט דאָס קרעכצן פון די ברעטער אונטער זיינע פיס. ער האָט בלויז געפילט, ווי ער וויגט זיך אויף א שיף, וואָס שניידט זיך דורך א גרויסן ים.

— און א נאָמען? — האָט ער זיך אין מיטן באדאכט, — מען דארף א נייעם נאָמען האָבן. א ניי געשעפט דארף דאָס זיין. מיט א באזונדערער פארוואלטונג, מיט א בטזונדערן אָפיס — „די פלעטבוש דעוועלאָפּינג קאָמפּאני" — וועט עס הייסן. יאָ, דאָס איז א גוטער נאָמען — „די פלעטבוש דעוועלאָפּינג קאָמפּאני".

ווען אלדר האָט אזוי אין באגייסטערונג געטראכט פון דעם נייעם נאָמען, האָט אין סאָד אריין זיך געגעבן א בויג אריין צוויי בלים־טשענדיקע פייערן. די פייערן האָבן צוערשט באלויכטן די ווייסע כריזאנטעמען, מיט די רויטע רויזן, דערנאָך זיך אויסגעבויגן אויף דעם ווייסן שפּיל־פּלאַץ. צום סוף האָבן די צוויי פייערדיקע אויגן זיך אויסגעגליכן, באלויכטן דעם גרוי־אָנגעשאָטענעם זאמד־וועג, און ער האָט דערזען א מאשין אריינפאָרן.

עס איז געווען בעקי.

זי איז ארויף אויף דער ווערענדע. אין דער טונקעלער פאר־שטעלטקייט האָבן א בליץ געטאָן אירע צוויי אויגן. זי האָט זיך צוערשט דערשראָקן. דערנאָך האָט זי מיט פארוואונדערונג אויס־גערופן:

— דאָס ביזטו, אלדר! איך האָב זיך אזוי דערשראָקן.

— וואָס טוסטו דאָ אזוי שפּעט? — האָט זי ווידער איבער־געפרעגט.

— גאר נישט. איך קען ניט שלאָפן.

בעקי איז אריינגעגאנגען אין שטוב אריין.

וואָס זאָל טאָן אלדד, ווען בעקי איז אים איינע אליין שפּעט אין דער נאכט פארבייגעגאנגען? זאָל ער איר נאָכגיין?

ער איז איר ניט נאָכגעגאנגען. ער איז אריינגעגאנגען אין זיין איינענעם צימער. ווען בעקי איז אין א ווײַלע ארום צוריק ארויס־געקומען האָט זי שוין אים ניט געטראָפן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער פּארענטשע פון דער וועראנדע, האָט אריינגעקוקט אין זיין פענסטער. אָלדד איז געזעסן אין ווינקל פון צימער אין דעם ווייכן שטול. בעקין איז מיט אמאָל געוואָרן גוט אויפ'ן הארצן. איבער'ן וואנט וואוינט אָלדד. ווען זי בויגט זיך אריבער איבער דער פּארענטשע פון דער ווערענדע קען זי אים זען. זי האָט מיט אמאָל אָנגעהויבן הויך אויפ'ן קול צו לאכן. מיט אירע געזונטע ווייסע ציין, האָט זי אפּגעווייסט א קליינעם שטח פינסטערניש לעבן איר מויל, און די פרייד שפּארט זיך פון איר הארצן.

— וואָס נאָך קען בעקי טאָן?

זי האָט אראָפּגעכאפּט א שוך פון איר פוס; מיט א לאנגען פייף פון איר מויל האָט זי פון דער ווערענדע פארוואָרפן דעם שוך טיף אין גארטן אריין, און אזוי אויף איין פוס זיך אריינגעהאָצקעט אין שטוב אריין.

איז פונקט דעמאָלט צוריק ארויסגעקומען אָלדד.

7.

אין דערזעלבער צייט איז מרדכי עטינגער געלעגן ביי זיך אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן. אין דער פינסטערניש פון צימער, האָט אלע מאָל אויפגעבליצט א טליענדיק פייערל פון זיין דיקן סיגאר. ער האָט אריבערגערעדט צו זיין פרוי, עטל, אין צווייטן בעט אריין. שוין לאנג אז מרדכי עטינגער שלאָפט אליין אין א בעט. עס איז אים די ערשטע צייט געווען קאלט. אפשר צוואנציק יאָר האָבן זיך געפרייט צוויי לייבער אונטער איין קאָלדרע. זומער פלעגט זיין היים. איינער האָט זיך אפּגערוקט פון צווייטן; ווינטער איז אנגענעם צו ליגן א לייב לעבן א לייב. איצט שלאָפט שוין מרדכי עטינגער אליין. סיי זומער, סיי ווינטער. ביינאכט, ווען עס איז פינסטער, און ער קען ניט איינשלאָפן, רעדט ער אריבער אין צווייטן בעט אריין.

— כ'וויים גאָרניט, וואָס מיט מיר איז געוואורן לעצטנס. כ'קען מיט קיין אויג ניט צומאכן.

— אז אַ מענטש איז רק פּאַרנומען. פאַרגינט זיך ניט אַמאָל אַ שעה אפּצורייסן.

— דו דאַרפסט ערגעץ אַוועקפאָרן, — זאָגט זי אין אַ ווײַלע אַרום — טראַכט פון אַ מיל. נעם דיר אַרײַן אין זינען אַ מיל, מיט מאָל־שטיינער, שטעל זיך פאָר, ווי עס דרייען זיך רעדער און עס מאָלט זיך מעל — וועסטו אײַנשלאָפן.

מרדכי עטינגער קרעכצט און שווײַגט.

עטעל הויבט אַליין אָן טראַכטן פון אַ מיל. זי נעמט זיך אַרײַן אין זינען מאָל־שטיינער, אַזוינע, ווי זי האָט געדענקט פון אַמאָל אין דעם קליינעם שטעטל. רעדער דרייען זיך. עס קלאַפּט און עס ווערן צוריבן זערנעס קאָרן און ווייץ. אין קאָפּ הויבט זיך אָן עפּעס וויגן. עפּעס קלאַפּט מאָנאָטאָן. ביסלאַכווײַז מאַכן זיך צו אירע אויגן.

מרדכי עטינגער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. ער האָט געהערט עטעל׳ס שטאַרבנדיקע רייד. דערנאָך האָט ער געהערט דאָס שטילע פייפן פון איר נאָז. ער האָט אין דער פינסטערניש געקוקט אויפ׳ן שוואַרצן פלעק, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט. פונקט, ווי אַלדיד האָט ער אויך געטראַכט פון פלעטבוש. נאָר אים האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ער האָט ניט געקענט באַשליסן, וואָס צו טאָן. ער האָט זיך צום סוף אָנגעטאָן און איז שטילערהייד אַרוים פון בעט. אויף זײַן לײַב האָט ער אַרויפגעוואָרפן דעם לאַנגן מאָרגן־ראָק. אויפ׳ן קאָפּ — די זיידענע יאַרמולקע. ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון דעם שלאָפצימער, און דערמאָלט האָט ער אָנגעצונדן אין אַלע צימערן דאָס ליכט. ער האָט ליכטיק געמאַכט דאָס לעז־צימער, און דעם עס־זאַל און דאָס גרויסע אויפנאַמס־צימער. ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ שטילער. באַטראַכט דאָס מעבל. מיט די פיס טאַפּנדיק די דיוואַנען, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער ווייכקייט פון זײַן טראָט. צום סוף האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ווייכן שטול און ער האָט אָנגעהויבן הויך אויפ׳ן קול צו קרעכצן.

ער האָט געפילט פיזישע ווייטאָקן. אָנגעשטרענגט אין זײַן מח, איז נאָכהער דער ווייטאָק איבערגעגאַנגען אין אַלע זײַנע אבֿרים. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָק אין זײַנע קריזשעם. עס האָבן אים געבראָכן די פלייצעס. ביסלאַכווײַז, האָבן די העמערלאַך אין זײַן קאָפּ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. צוערשט אין דער רעכטער זייט פון קאָפּ, בײַ דער רעכטער שלייף, דערנאָך אין דער לינקער זייט, בײַ דעם לינקן שלייף. די ביינער איבער די אויגן האָבן, ווי צעשאָסענע, געהאַמערט

דער אינזל

מיט ווייטאָק. ער האָט זיך דערשראָקן — איצט אין מיט'ן דער נאַכט מיט זיין קאָפּ־ווייטאָק. וואָס וועט ער טאָן? וואוהין וועט ער לויפן? און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט. אויף אַ פאַרלאָזטן אינזל. עס זיינען ניטאָ קיין מענטשן. ער פילט, ווי עס ווערט אים אַלץ טרוקענער אין מויל. זיין צונג קלעפּט זיך צום גומען און ער האָט ניט קיין וואַסער. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן, זיך געלאָזט לויפן איבער די ביינאַכטיק־באַלויכטענע צימערן. דאָס ליכט איז איצט געווען נאָך שאַרפער, ווי אַלעמאָל. איינער אַליין איז געהאַנגען דער גרויסער בליץ־לאָמפּ און געוואָרפן זיינע קרישטאָלענע בליצן איבער אַלע ווינק־לען. אפשר אין דרויסן אַרויסגיין? אפשר אינגאַנצן אַנטלויפן פון דאַנען? וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? און נאָך וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ? וועמענס הויז איז עס   אלדד! אלדד! וואו איז אלדד? וואוהין שלעפּסטו מיך, אלדד?

ער האָט אַזוי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שווערן מאַנטל און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

אַ קילער ווינט האָט אים אַ בלאָז געטאָן גלייך אין פּנים אַריין. ער האָט זיך אָפּגעפרישט. איז געקומען צו זיך. און ער איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב. אַריין איז ער אין דעם לעז־צימער, אַרויס־גענומען פון שראַנק אַ ספר און אָנגעהויבן אַהין אַריינצוקוקן.

עס איז געווען ליכטיק־שטיל. אַ פאָרהאַנגל האָט זיך לייכט גע־ווינט פון אַ שטילן ווינט. די ווערטער פון דעם בוך האָבן זיך בולט אַרויסגעשפּאַרט און גערעדט מיט רעדעוודיקע רייד. מרדכי עטינגער האָט זיך געשאָקלט און אָן באַוואוסטזיין נאָכגעזאָגט די ווערטער. עס האָט זיך געדוכט, ווי ער נעמט אַריין די ווערטער אין מויל אַריין, האַלט זיי דאָרטן אַ ווײַלע, און רעדט זיי צוריק אַריין אין דעם אָפענעם ספר אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיט'ן געשריבענעם וואָרט, און אַנשטאָט פון דאָרט צו לעזן, האָט ער זיינע אייגענע ווערטער אַהין אַריינגערעדט.

— דעריבער דאַרפן מיר אָפּוואַרפן די משא פון אונזערע פּלייצעס. און די זינד. און זיך גרייטן צום הייליקן טאָג, ווען מיר וועלן שטיין פאַר'ן כסא הכבוד. און גרייטן זיך דאַרפן מיר יעדע מינוט. ווייל יעדע מינוט קען אונז ברענגען די דערלייזונג. און גרייטן זיך מיינט — ניט פאַרגעסן הכנסת אורחים. ניט פאַרגעסן צדקה. ניט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, וואָס

דער אינזל

זעט אַלץ, און ווייסט אַלץ, און איז דער איינציקער הערשער איבער נאָר דער וועלט.

ווען פרוי עטינגער האָט זיך אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט אויפגעכאַפּט, און געזען אַז דעם מאַנ׳ס בעט שטייט ליידיק, מיט׳ן ליילאַך פאַרקאַטשעט ביז׳ן העלפט פון געלעגער, ווי אַ צע־פּראַלטע טיר — האָט זי אָנגעהויבן רופן:

— מרדכי! מרדכי!

נאָר מרדכי האָט אַזוי לאַנג געשוויגן און ניט געענטפערט, ביז עטעל איז אַ נאַקעטע, פון קעלט אַ ציטערדיקע, און מיט האָר צע־פּאַטלטע, אריינגעלאָפן, און אויסגעשאָסן אויף אים איר גאַנצע שרעק:

— פו, פו, צו מיינע שונאים׳ס קעפּ — דו האָסט מיר מיין נשמה ארויסגענומען!

.8

— ניט פאַרגעסן קיין צדקה — מרדכי עטינגער דאַרף זיך גרייטן צום הייליקן טאָג — אַלדר גרייט זיך צום נייעם טאָג — אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט — אויסצולעבן שטילע, לעצטע יאָרן פאָרט מען קיין ירושלים — אַלדר וויל נאָך ניט פאָרן קיין ירושלים — מען האָט דערוויילע געטאָן אַזוי:

די גאַנצע סומע געלט, וואָס מרדכי עטינגער נעמט אריין דורכ׳ן יאָר דירה־געלט, האָט מען פאַרקויפט צו אַן אַגענטור. מען האָט זיך אויסגעגליכן פאַר צוויי הונדערט מיט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער. מען האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף צען יאָר. דער אַגענט האָט באַדאַרפט דאָס געלט איינצאָלן אין צוויי ראַטן. איין איינצאָלונג ביים שליסן דעם קאָנטראַקט און איין איינצאָלונג אין זעקס חדשים אַרום. מען האָט אַפילו ניט געוואַרט ביז צום סוף פון די זעקס חדשים. מען האָט גענומען בויען הייזער אין דעם דרום זייט פון פלעטבוש.

.9

עס איז שוין דאָס גאַנצע לאַנד אויפגעריסן. די ברייטע פלאַכן זיינען שוין צעשניטן אויף קוואַדראַטנע סקווערן. איבעראַל, אין אַלע מיטנס, זיינען צעלייגט גלייכע ליניעס שטריק. פון אַלע יונגע וועלדלאַך איז געבליבן שוואַרצע פּעניעס נידעריק צו דער ערד. פון אַלע נידעריקע בערגלאַך איז געוואָרן איין גלייך שטיק. צעוואָרפענע,

דער אינזל

איבער אַלע ווייטן, קריכן אַרום קליינע מענטשלאַך, ווי פליגן, און מעסטן דעם באָדן. ערגעץ ווייט הודזשעט שוין אַ דאַמף־מאַשין. קליינע שטיקלאַך האָלץ מיט ווייסע שילדן צעטיילן שוין די צו־קונפטיקע גאַסן. אויף די ראָגן בויט מען שוין. פון טיפע גריבער, אין וועלכע עס ליגן פאַרבלאָטיקטע נעגערס און איטאַליענער, האַלט מען אין איין אַרויסשיטן פרישע ערד. די ערד שיט זיך אָן אַלץ העכער און העכער, און באַלד וועט שוין פאַרשאָטן דער גאַנצער מיטלסטער וועג. מען קען נאָך איצט מיט די וועגענער צו די גריבער צוקומען. אָבער באַלד — היינט אָדער מאָרגן — היינט אָדער מאָרגן, וועט מען שוין מוזן צופאָרן מיט'ן זייטיקן וועג. דער זייטיקער וועג ציט זיך אַרום און אַרום. דאָרטן גיסט זיך פון אָפענע רערן וואַסער. דאָס וואַסער מישט זיך צונויף מיט דער ערד, און עס ווערט אַ בלאָטע. היינט אָדער מאָרגן וועלן שוין די נעגערס און די איטאַליענער אָנטאָן די גרויסע „ראָבער־בוטס". הו־האַ — די גרויסע „ראָבער־בוטס" פאַרדעקן ביז אַריבער די ליטקעס — עס רייבט צווישן די פיס. דער פוילער נעגער קען ניט פאַרטראָגן, ווען עס רייבט אים צווישן די פיס. ער לייגט אַרויס דעם ריסקל, שלעפּט אַראָפּ דעם שטיוול, פון שטיוול ויצט אַרויס אַ הייסע פאַרע. זיין נאָז האָט ליב דעם ריח פון הייסער פאַרע. אַלדד מוז אַלעמאָל צולויפן היטן די נעגערס. נעגערס זיינען פוילע. נעגערס קענען אפילו אַ מינוט צו'גנב'ענען. און עס קומען די וועגענער. מען דאַרף זיי אָנלאָדן. זאָל רייבן צווישן די פיס. מען דאַרף זיי אָנלאָדן. די וועגענער. די וועגענער זיינען געשפּאַנט מיט שווערע פערד. די שווערע פערדישע פיס זינקען איין אין דעם ווייכן באָדן. שנעלער. גיכער. אינזשענירן מיט אַפּאַראַטן, ווי פאָטאָ־גראַפערס, מעסטן שוין ווייטער דעם באָדן. אָט ווערט פאַרטיק נאָך אַ שטיק לאַנד. שטעל אָן די וואַסער־רער אַהער. לאָז דאָס וואַסער אַריין. גרויסע אינדזשינס האָבן געקאָכט מיט זודיקן וואַסער. געבלאָזן פון זיך מיט פאַרע און פאַרטויבט דעם געגנט מיט'ן הוזשעריי און פייפעריי. די מענטשן לויפן אַרום פאַרשמירטע אין בלאָטע. מיט די הויכע „ראָבער־בוטס", מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיט צעבראַסטעטע בריסט, און איבער דעם פייפן פון די מאַשינען און איבער דעם הודזשען פון די אינדזשינס שרייען זיי און ליאַרעמען און פאַרטויבן די לופט.

מרדכי עטינגער און אלדד, ביידע זיינען זיי גאַנצע טעג אין דעם געגנט איבערגעלעגן. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשמירטע. מיט די שיך איינגעקלעפּט אין ליים. מיט פאַרשפּריצטע מאַנטלען. מיט פאַר־שטויבטע היט. מרדכי עטינגער איז אַרומגעקראָכן איבער'ן ליימיקן

באָדן. צווישן קופּעס שטיינער און ציגל און צעמענט. מיט'ן שטעקן אין האַנט האָט ער אַלעמאָל אָנגעקלאַפּט אין אַ ציגל אויף דער ערד. אַלעמאָל געפּרוּווט דעם ציגל צי איז ער האַרט גענוג. מרדכי עטינגער איז אַן ערלעכער מאַן. אַלעמאָל נעמט ער אָן אַ זשמעניע מיט זאַמד, רייבט דאָס זאַמד מיט צוויי פינגער און פּרוּווט אין זיין געדאַנק באַשטימען ווי פיין און דין דאָס זאַמד איז.

— עס זאָל כאָטש דער וועג שטיין אַ גוטער — זאָגט ער.

— עס זאָל דאָס האָלץ פון וואַלד ניט פאַרשפּעטיקן — ענטפערט אלדד.

און דער וועג איז געשטאַנען גוט. אַ הויכע ברענענדיקע זון האָט געוואָרפן היציקע שטראַלן איבער אַלע פּנים'ער. מען קען זיך פון דער זון ניט באַהאַלטן. זי וואַרעמט און ברענט אָפּ דאָס פּנים, און דעם קאַרג און די אויבערשטע זייט פון די הענט. אינוויינִיק, אויף דער דלאָניע, זיינען די הענט נאָך ווייס און צאַרט, אָבער פון אויבן זיינען די הענט פאַרברענטע, רויט־האַרטע. אַלעמאָל וויל אלדד עסן. אַלעמאָל וויל מרדכי עטינגער טרינקען. ציגאַרעטן זיינען צו גרינג. אלדד רויערט אַ ליולקע. בעקי האָט אים געקויפט אַ ליולקע. זי האָט אים געקויפט דעו טאַבאַק. די קריסע פון זיין הוט איז פון אַלע זייטן אַראָפּגעבויגן. דאָס פּנים און דער קאַרג פאַרברענט. ער טראָגט גרויע „ניקערס" און אַ גרויען „נאָרפאָלק זשאַקעט", אין ענגלישן שניט. הויכע, וואָלענע זאָקן. און אַ ליולקע אין מויל.

האָט אלדד זיך שוין געפונען?

בעקי זאָגט, אים פּאַסט דער ספּאָרטישער אָנצוג. ער קוקט אויס, ווי אַ געבאָרענער ענגלענדער. די שאַרפע „ריש'ן" גיבן צו חן צו זיין ענגלישער אויסשפּראַך. פורן און פורן מיט באָלטשאַסעס און דרענגער און סלופּעס האָבן זיך געצויגן, ווי אַ לאַנגער קאַראַוואַן אין דעם שוין־איצט טומלדיקן פּלעטבוש. די וועגענער בלייבן שטעקן אין דער ווייכער, בלאָטיקער ערד. מען האָלט אָנגעגרייט אַן עקסטראַ פערד, אַ ווייס, מיט ברייטע פּלייצעס, איינגעשפּאַנט אין אַן איינציקן שפּאַן, וועלכער העלפט אַלעמאָל אַרויס, ווען איינער פון די וועגענער בלייבט שטעקן אין דער ווייכער בלאָטע. מרדכי עטינגער קען ניט צוזען, ווי די פערד, אין זייער אָנשטרענגונג, ציהען אויס די לאַנגע בייכער און שפּאַרן זיך איין מיט די גראָבע פיס אין דעם ווייכן באָדן — ער שפּאַרט אונטער זיין אַקסל אונטער'ן וואָגן, צוזאַמען מיט די גוים שמאָטשקעט ער מיט די ליפּן, פּאַכט מיט'ן שטעקן אין דער לופטן און שרייט „געט־אַפּ!"

און מיט יעדן טאָג זיינען געוואקסן די קולות. און מיט יעדן טאָג האָבן זיך פאַרמערט די מענער ביי דער ארבעט. און עס איז געוואקסן דאָס קלאַפּן פון די מאשינען. אויסגעמישטע געשרייען פון איטאַליענער און פּאָליאקן און נעגערס האָבן זיך געהויבן ביז'ן הימל, ווי בינע אין א בין־שטאָק, זיינען זיי ארומגעלאָפן, געזשומעט און געטראָגן האָלץ און ציגל און ליים; און אָט טראָגט מען שוין אין דעם ערשטן הויז וואָס שטייט אויפ'ן ראָג שינדלען פאַר'ן דאַך. די שינדלען זיינען רוי. דאָס בינטל איז ארומגענומען מיט דיקן דראָט. עס איז שווער צו טראָגן א בינטל שינדלען צוויי שטאָק ארויף. שוויים גיסט זיך איבער'ן פּנים. שוויים רינט אריין דורכ'ן קאָלנער איבער'ן הייסן לייב. אָבער א דאַך דאַרף מען צודעקן. אויב מען דעקט ניט צו דעם דאַך קוקט אויס א הויז, ווי א גרויס אָפן מויל פון א ווילדער חיה. דאָס גרויסע מויל קען איינשלינגען אלע רעגנס. ווער דאַרף האָבן רעגן אינעווייניק אין שטוב פון מרדכי עטינגערס הייזער אין דרום־פּלעטבוש?

מען טראָגט בינטן שינדלען. מען טראָגט לאַנגע ברעטער. פאַרטיק געמאַכטע פענסטער, „סטים ראַדיאייטאָרס", „סינקס" און 'בעט טאָבס". וויפיל פאַרשיידענע ארטיקלען מען דאַרף דאָס אלץ האָבן צו בויען הייזער? און שלעסער, און טירן, און פאַרב, און שפּאַליר־פּאַפּיר, און וואָס ניט?

מרדכי עטינגער איז מיד. אין אָוונט קומט ער אהיים אין גאַנצן אָן אויסגעגעשעפּטער. ארום זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעלייגט שוואַרצע רעדער. ער האָט אנגעוואַרן דעם אפּעטיט. א גלאָז טיי מיט א שטיקל געטריקנט ברויט איז גענוג פאַר'ן מאָלצייט.

— איז דאָס באמת א מענטשלאַך טועכץ? גראָבט א מענטש אליין זיין אייגענעם קבר? האָט קיין מענטש ניט קיין כח זיך באפרייען פון דעם, וואָס ער דאַרף זיך באפרייען?

מרדכי עטינגער האָט קלאָר געזען זיין סוף. ער האָט די אלע געדאַנקען געטראַכט און געזען, ווי ער ווערט מיט יעדן טאָג אלץ שוואַכער און מידער. מען האָט אים שוין איצט אין דער הייסער וואָנע געמוזט אריינזעצן. עטל האָט אים געמוזט יעדן טאָג היטן עפּעס מאָדנע איינפאַלן האָט ער לעצטנס. ער האָט אנגעהויבן ארומגיין אין די נעכט. א האַלב נאַקעטער, מיט א תמ'עוואַטן פּנים דרייט ער זיך ארום איבער די גרויסע חדרים און רעדט נאָך אויף אויס־ווייניק פּסוקים פון אלערליי ספרים. מידערהייט זיצט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט און קוקט אריין אין די פּלענער. חזר'ט אויס אויף אויסנווייניק די בלוי געצייכנטע פּאַפּירן — דאָ וועט זיין דאָס עס־צימער — רעדט ער צו זיך אליין, ווי א חסר־דעה. — רעכט פון דעם

אָפּגעשפּאָרטן ווינקל וועט מען מאכן אן איינגעמויערטע שאפע פאר קליידער; אויפ׳ן צווייטן שטאָק, איבער די אונטערשטע טרעפּ, וועט צוקומען אן איבעריקער שלאָף־צימער.

מרדכי עטינגער פּרוּווט קאָרעגירן דעם פּלאַן. ער זאָגט צו אלדד׳ן:

— ווען מען פאָלגט מיך, וואָלט מען די „וועסטיביול" אינגאנצן ארויסגעוואָרפן. מען וואָלט דעם שטיק פּלאַץ בעסער צעטיילט צווישן דעם עסצימער און דער קיך. מענטשן האָבן ליב גרויסע עסצימערן. א גוטע באַלעבאָסטע קוקט צוערשט אויף דער קיך.

אלדד שלאָגט אים גלייך איבער:

— פאר דעם פּרייז, וואָס מיר שטעלן אוועק דאַרף מען געבּן א „וועסטיביול".

מרדכי עטניגער שווייגט שוין. ער האָט מורא פאר אלדד׳ן. ער דרייט זיך אָפּ פון אים מיט א פּנים פון אן אונטערטעניקן, ווי א קינד, וואָס האָט מורא פאר אן עלטערן. בלויז אונטער די פּלייצעס שטעלט ער ארויס די צונג, מאַכט א פארקרימטע גרימאסע, פאר־רוקט די יארמולקע איבער׳ן שטערן, ווי אלדד טראָגט זיין הוט, און שטעלט אים אויף גיך ארויס די צונג.

10.

און אָט איז אויסגעוואקסן א שטאָט — א טייל פון א שטאָט, וואָס וועט זיך נאָך צעשפּרייטן און פארצווייגן ביז ארונטער צום ים צו.

אלץ איז געווען פּונקט אזוי, ווי אלדד האָט פארטראכט אויף די נייע גאסן זיינען געשטאנען נ׳ייע הייזער. צוויי־פאַמיליעדיקע. אלע מיט דעם זעלבן אויסזען און אלע פון דער זעלבער גרויס. גרויע ׳סטאָקאָ" מיט גרינע דעכער, מיט האלב רונדע פענסטער, מיט באַלקאָנען צום ארויסגיין. אין דער פראָנט זיינען די אויבערשטע עטאזשן, אין סאמע מיטן, געווען עטוואס ארויסגערוקטע, אזוי ווי אין דער לופטן הענגענדיקע, און פוןביידע זייטן האָבן געשיינט מיט זייערע גלאנציקע שויבן, אנטקעגן דער זון, די צוויי „זון־פּאַרלאָרס". פאַזע דער גאנצער לענג פון דער גאַס, זיינען געלאָפן אויסגעפלאַס־טערטע טראָטוארן, איינגעוויקלט אין פריש פארזייטן גרינעם גראָז. דער אריינגאנג צו די הייזער איז געווען מיט ברייטע רויט־אָפּגע־פארבטע טרעפּ, מיט געשניצטע פּעדעסטאלן, מיט שמאָל־לאנגע טירן, מיט קליינע אכט־עקיגע שויבן, וועלכע זיינען געווען פארצויגן מיט זאמד־קאָלירדיקע שטאָרן. ארונטער די גאסן, דאָרט, וואו עס איז

דער אינזל

געווען געעגטער צום „על", זיינען געווען די קראָמען, ווייסע, גראמע, הויכע ווענט, מיט הויכע סטעליעס, מיט גרויסע גלעזערנע פענסטער און טירן. די פענסטער זיינען געווען איינגעשמירט אין קאַלך, די טירן — אין פרישן פארב. די טראָטוארן זיינען דאָרט געווען ברייט געפלאַסטערט, ביז אין מיטן וועג אריין. — מען האָט געוואוסט, אז ווען עס וועט קומען דער טאָג פון שפע, וועט מען דארפן האָבן פלאַץ וואו זיך אהינצוטאָן.

אלץ איז שוין געשטאַנען און געשיינט אנטקעגן דער זון. מיט'ן ריח פון פרישער פארב, און מיט'ן ריח פון פייכטן האַלץ און פון קאַלך און פענסטער איז געווען אָנגעפילט די לופט. מרדכי עטינגער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט, ווען ער האָט דאָס בילד געזען. איב האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז א חלום. אים האָט זיך געדוכט, אז ער גייט ארום אויף א וועלט, א ניט־דאָאיקע. פארביי זיינע אויגן זיינען ארומגעפלויגן פלעדערמייז און יאַסטרויבן און פייערדיקע רעדער. ער האָט געזען א וועלט, וואָס שטייט אויף פיר הויכע דרענגער. אונטער די דרענגער איז געווען א טיפע פינסטערניש. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצן כח אהין אריינצוקוקן, אָבער ער האָט גאָר ניט געזען. ווען ער זאָל איצט זיין אינגער! ווען זיין ראיה זאָל זיין א ווייטע! מרדכי עטינגער האָט געוואָלט קוקן ערגעץ אין א ווייטער ווייט. ער איז געוואָרן, ווי אָפּגעטיילט פון אלץ עקזיסטירענדיקס. דאָס נאָענטע פון אים האָט ער ניט געזען. ער האָט עס ניט געוואָלט זען. זיין מח האָט זיך אין אים איבערגעקערט. אלץ איז געוואָרן שפיציק. יעדע זאַך איז געווען פונקט פארקערט. דערפאר, וואָס אלע מענטשן האַלטן די צונג צווישן די ציין, האָט ער דוקא געוואָלט זיין צונג ארויסשטופן. אלע מענטשן שטייען אויף די פיס, האָט זיך אים דוקא געוואָלט שטיין אויפ'ן קאָפּ. ער האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט בלויז אויף איין קליינער ווײַלע ארויסגעשטעקט די צונג און געגעבן א שפרונג אונטער, ווי איינער וואָס וויל פליען — אבער בלויז אויף א ווײַלע. באַלד האָט ער געגעבן א בייזן מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס אָפּשטופן — גלייך, ווי ער זאָל וועלן די פינסטערניש צעטרייבן. אָבער אין זיינע אויגן איז נאָך פינסטערער געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו שרייען:

— אלדד! וואו ביזטו! וואוהין האָסטו מיך פארפירט! אלדד! אלדד!

ווען מרדכי עטינגער איז געקומען צו זיך האָט ער זיך פארשעמט. ער איז געבליבן אזוי שטיין און געקוקט מיט צוויי תמ'עוואַטע אויגן אויף די לאַנגע צײַלן הייזער. ער האָט געהאַט א פנים ווי א חולה

דער אינזל

נופל, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. ער האָט זיך ארומגעקוקט צי עמיצער האָט אים געזען. ווי א גנב האָט ער זיך פארקליבן צו איינער פון די פארמאכטע קראָמען.

— גאָט מיינער גאָט מיינער — האָט ער אין דער שטיל אָנגעהויבן צו וויינען — צו וואָס טויג מיר דאָס אלץ? פאר וועמען וועל איך דאָס איבערלאָזן? זאָל קומען עמיצער און דאָס אלץ פון מיינע הענט ארויסרייסן. זאָל קומען א פייער און דאָס אלץ פאר־ברענען. זאָל קומען עמיצער און מיך פון דער משא באפרייען — איך וועל דאָך משוגע ווער.

ער איז ווידער ארייננעפאל אי א הינ־תער פלעט. שטייענדיק אין דעם חלל פון די פארשלאָסענע טירן, לעבן דער ליידיקער קראָם, האָט מרדכי עטינגערן זיך מיט אמאָל געדוכט, אז ער שטייט פאר'ן כסא הכבוד. פלאמענדיקע מלאכים, יעדער מיט זעקס פליגלען, שוועבן ארום און ארום א פייערדיקן זייל. פון א טיפער אומענדלאכקייט האָט שוואך אָפּגעהילכט א דומף־קול: ביזטו געווען אזוי ערלאך ווי אברהם? האָסטו אויסגעטיילט גערעכטיקייט צו דיינע שכנים? און מיט וואָס האָסטו מכפר געווען דיינע זינד? דיינע קינדער זיינען אוועק אין שלעכטע וועגן, האָסטו געבראכט א קרבן פאר א כפרה? און מיט אמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו פליען אין אן אויסגעהיילט; רוים. גרינגער פון פעדערן זיינען געוואָרן זיינע פיס. זיין קאָפּ האָט פון שנעלקייט געשווינדלט. ער האָט פארמאכט זיינע אויגן. אָבער מיט פארמאכטע אויגן, האָט ער געזען — ווי פייערדיקע רייטער יאָגן זיך נאָך אים. ער האָט אָנגעהויבן פילן די ברענענדיקע היץ, וואָס עס האָט פון זיי געשלאָגן. א העליש פייער האָט ארומגענומען זיין קאָפּ. ער איז אנידערגעפאלן אויפ'ן ברוק.

מערי אוסטין:

אינדיאַנער תפילות און קלאָג לידער

א תפלה צום בארג־גייסט.

אינגלינג, הויפטלינג,
אויפגעוואקסן אין בארג,
האר פונ׳ם בארג,
הער צו דאָס געבעט פון א אינגלינג!

פארנעם א תפלה פאר ריינקייט.
היטער פון ער רעגן,
וואָס פויקט אויפ׳ן בארג,
האר פון זי רעגן,
וואָס גיט דער ערד איר נייקייט;
היטער פון ריינעם רעגן,
פארנעם א תפלה פאר גאנצקייט!

אינגלינג, הויפטלינג,
פארנעם א תפלת פאר געשיקטקייט.
היטער פון די הירשענס וועגן,
אויפגעוואקסן צווישן אָדלערס,
רייניק פון קויט די פיס מיר!
פארנעם א תפלה פאר געראָדקייט!

פארנעם א תפלה פאר א געוואגטקייט!
היטער פון די בליצן,
אויפגעוואקסן צווישן דונערס,
היטער פון טונקעלן וואָלקן
ביים טויער פון מאָרגן,
פארנעם א תפלה פאר מעכטיקייט!

אינגלינג, הויפטלינג,
נייסט פון בארג!

דער אינזל

די קלאָג פון א פאָטער אויף זיין זון.

זון, מיין זון!
איך וועל ארויף אויפ'ן בארג,
און דאָרט א פייער אָנצינדן
פאר די פיס פון מיין זונס גייסט.
און דאָרט וועל איך אים באקלאָגן,
און וועל זאָגן:
— אָ, מיין זון,
וואָס איז מיר מיין לעבן, ווען דו ביזט נישטאָ מער!

זון, מיין זון,
אין דער טיפער ערד
האָבן מיר דיך ווייך אוועקגעלייגט,
אין מאנטל פון אן עלצטן,
אין קלייד פון א קריגער.
וואָרהאפטיג, אז דאָרטן
אין לאנד פון גייסט,
שטייען דיר ביי דיינע מעשים!
וואָרהאפטיג,
אז דער קוקורוז טראָגט שוין ווידער פרוכט!

איך אָבער, דאָ,
איך בין דאָס שטענגל, וואָס דער שניטער פאראכט,
און לאָזט עס א ליידיגס שטיין אליין.

זון, מיין זון, וואס איז מיר מיין לעבן, ווען דו ביזט נישטאָ מער!

רעגן־לידער פון די ריאָ־גראַנדע פועבלאָס.

1

איר פון מיטלסטן הימל,
איר וואס דרייט זיך גליקלאכע ארום הינטער ווייסע שוועבנדיקע וואָלקן־מאסקעס,
איר וואס דרייט זיך באשעפטיקטע ארום הינטער די פון רעגן־אויסגעגלייכטע וואָלקן־מאסקעס,
איר פון די בליצן,

דער אינזל

איר פון די דונערס,
איר פון רעגנבויגן:
רעגן! רעגן! רעגן!

2

וואָלקן־פּריסטער,
וואָס אייערע הערצער גייען אויף דורכ'ן יעל בוים
אויפ'ן בארג פון צפון,
בעט פאר אונז!
וואָלקן־פּריסטער,
וואָס אייערע הערצער גייען אויף
דורך דער סאָסנע פון מערב,
דורך דעם דעמב פון דרום,
דורך דער עספּע פון מזרח
דורך דעם הויך־פארצווייגטן צעדער פון הויכלאַנד,
דורך דעם נידעריקן טונקעלן צעדער פון נידערלאַנד:
בעט פאר אונז!

3

אויבער־פּריסטער פון די זעקס וועלט־טיילן,
ארבעט מיט אונז!
אז די וואסערן פון די זעקס קוואלן פון דער וועלט
זאָלן באפרוכפּערן די ערד, אונזער מוטער,
אז זי זאָל ברענגען פרוכט פאר אונז!

מיר די אַלטע,
פון די פיר וועלט טראכטן,
פון טויער פון דער אונטערשטער וועלט,
פון שיפּאפּו,
קומען מיר,
הייבן אויף די געדאנקען צו די וואָלקנס,
צו די בליצן, צו די דונערס,
הייבן אויף אונזערע הערצער,
און מאכן כשוף־שפּרוכן.

איר פון דער מיטלסטער וועלט,
שיקט אייערע געדאנקען צו אונז!

דער אינזל

אז אונזערע לידער זאָלן גיין גלייך
צום הייליקן מעלוועג,
דעם אַלטן וועג,
גיין מיט שטאַרקייט,

שיקט אייערע געדאַנקען צו אונז!
שיקט צו די וואָלקן־פריסטער,
שיקט צו די אויבער־פריסטער,
אז זייערע לידער זאָלן אונז ברענגען די וואַסערן,
צו באַפרוכפּערן די ערד;
אז די זון זאָל אומאַרמען די ערד,
אז זי זאָל ברענגען פרוכט.

4

איר פון די בליצן,
שיקט אונז די שלאַנגען־פאַרשפּיצטע פיילן!
האָרכט, דער דונער קלאַפּט
מיט זיינע פליגל פון שוואַרצע וואָלקנס!
ווער איז דאָס וואָס קומט?
זיי פון די ביימער פון די זעקס וועלט בערג,
זיינען אויפגעשטאַנען צו בעטן אויף רעגן,
אַלע אייערע לייט און אייערע געדאַנקען
קומט צו אונז!

ווער איז דאָס וואָס קומט?
איר פון שוואַרצן וואָלקן,
זאָלן אייערע געדאַנקען קומען צו אונז!
איר פון די בליצן,
זאָלן אייערע געדאַנקען קומען צו אונז
איר פון דעם בלוי־פאַרוואָלקנטן האָריזאָנט,
זאָלן אייערע געדאַנקען קומען צו אונז!
רעגן! רעגן! רעגן!

אידיש ר. א.

אפרים אויערבאַך:

דער פּאַסטעך טימאָפּעי

לאָמיך אייך אצינד דערציילן
פונ׳ם פּאַסטעך טימאָפּעי,
וואָס איז זעכציק יאָר געשלאָפן
אויף אַ טרוקן ביסל העי,
צי אויף גראָז, אַ שטיין צוקאָפּנס,
צוגעדעקט מיט אַלטע זעק,
און דער אויסגעקאַרבטער שטעקן
איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעג.
מיט די ווינטן זיך גע׳חבר׳ט,
מיט די לעמעלאַך געשפּילט
און געלאַכט מיט ברוסט און אַקסל
ווען זיין הונט האָט זיך צובילט.

אויסגעהאַקט האָט ער אַ יאַדלע
מיט אַ זעכציק יאָר צוריק
און אַ באָרוועסער געקומען
אויף דער צווייטער זייט פון בריק
פרעמדע שאָף און רינדער פּאַשען
אויפ׳ן בלוי־באַזוימטן סטעפּ,
פרעמדע קעז און פּוטער קלייבן
אין די לאַדישעם און טעפּ,
ווייל דאָס הארץ האָט אים געצויגן
צו די לעמעלאַך און שאָף,
ווייל דער סטעפּ האָט טויזנט פאַרבן
אין זיין ליכטיק קלאָרן סוף
און דערפאַר נאָך וואָס דער שטעקן
איז אַ יאַדלענער געווען
ווי דער שטעקן ביי דעם פּאַסטעך
אינ׳ם דערפל ווערטוזשען.

יונגערהייט אַ ליכטיק פּנים,
אויגן בלויע ווי דער סטעפּ,
האָר ווי אויסגעגילדטע זאַנגען

דער אינזל

און געוואקסן — פלעכט נאָר צעט.
זומער באָרוועס, ווינטער שמאטעס
אויף די ברוינע, הארטע פיס
און דער קאָפּ אנטבלויזט, דערהויבן —
פלאַקער זון און רעגן גיס,
ווירבל שטורעם, יאָג זיך וואָלקן,
צאָרנדיקער דונער קראַך,
אז עס איז דאָ נאָר ערד און הימל,
דאַרף נישט טימאָפּעי קיין דאַך.

פרילינג שניידן זיך די שטראָמען
פון די בערג אראָפּ צום טאָל
מיט די וואסערן די מוטנע,
נאָר מיט קלאַנגען ווי קריסטאָל.
זיי צעאָדערן דעם באָדן,
פּאסעווען דעם שווארצן גוף.
וואָס זיי פּלאַפּלען און דערציילן,
קומט ווי פון דער ווייט א רוף,
פון דער ווייט וואָס האָט געווינטערט
אויף דער צווייטער זייט פון סטעפּ,
וואו די מענער שפּארן אונטער
זיבן הימלען מיט די קעפּ.

שאָף מיט שווערע מוטער־בייכער
און מיט הייגנענדיקער וואָל
טראָגן קוים אין זיך די משא
און פארבלעקערצן דעם טאָל.
שאָף איז מוטער, ערד איז מוטער,
מוטער איז דער בוים אין פעלד,
אלע ווילן זיי געבערן,
אויפ׳ן סטעפּ און אין געצעלט.

טימאָפּעי — דאָס הארץ איז אָפן
פאר׳ן פרילינג אָנגעברייט,
הערט זיך צו ווי שטראָמען לויפן
אָפּגעריסן פון א קייט.
זעט די גרעזלאַך ווי זיי שפּראָצן
מיט א שעמעוודיקער פרייד,

דער אינזל

שאָף וואָס ליגן מיט די בייכער
אויף דער רויטער זון צושפּרייט.
ווערט ער ווי צונויפגעגאָסן
מיט'ן סטעפּ און גרינעם גראָז,
איז אים גוט און ווייסט אַליין נישט
צי ס'איז גוט און נאָך פאַרוואָס.
כאַפּט דעם באַראַן פאַר די הערנער:
זע די טראָגנדיקע שאָף.
נאָר דער שוטה מיט'ן בערדל
איז פאַרטאָן אין פוילן שלאָף,
רייסט ער אויף די מוטנע אויגען, —
מע, די הערנער לאָז צורו,
צופּט אים טימאָפעי דאָס בערדל:
שאָף מיט בייכער, שוטה דו.

קומט אַמאָל אַ נאַכט אין פרילינג —
אַ רחמנות אַזאַ נאַכט,
אויפ'ן אויסגעבלייכטן בראָכשטול
עפנט אויף די ערד איר טראַכט
און געבערט מיט מוטער־ווייטיק
וואָס געבערן איז באַשערט,
ווינטער זאָמען אויסגעטראָגן
און דער פרילינגס־וויי געבערט.

בלויער צער. פאַרבלייכטע וואונדן.
אָפן איז דאָס האַרץ פון טאָל.
טראָגן שאָף די נאַכט פון פרילינג
אין דער איינגעקנוילטער וואָל.
שאָף אויף שטרוי. די אויגן אָפן.
בייכער ברענען אוים דאָס שטרוי.
אַז מען דאַרף מיט וויי געבערן,
דאַרף אודאי זיין אַזוי.

יענע נאַכט — דער רויך פון לולקע
קרייזלט זיך אין זיין געדריי.
מיט געקרייזלטע געדאַנקען
אויף אַ שטיין זיצט טימאָפעי.
מיט אַ רואיקער דערוואַרטונג.

דער אינזל

פּיפּ — אַ רויך און פּיפּ — פאַרגייט.
ווי אַ קנויל פון פּוכקער בייוול
ליגט דער הונט צונויפגעדרייט.

טימאָפעי — אַליין אויף סטעפּעס,
קומט אין דאָרף נאָר נאָך טיטון,
ווייסט אַז ער וועט זיין אַ טאַטע
איידער אויפגיין וועט די זון.
אַז טאַראַסקאַ ברענגט צוטראָגן
דעם צושויבערטן בייסטרוק,
גיט ער פרעמד און אָנגע'ברוגז'ט
פון דער זייט אויף אים אַ קוק
און דערלאַנגט דער בלאָנדער שיקסע
פּוטער, קעז, אַן עוף, אַן איי,
אַ צופּאַסעוועט פּוזיטל —
נאַ, טאַראַסקאַ, נעם און גיי.
פרעמד טאַראַסקאַ און קירילקע,
כאָטש ווי ער איז בלאָנד דער יאַט,
כאָטש אויף שטרוי ביי אים אין סטינע
האָט טאַראַסקאַ אים געהאַט.

גיט אַ שניט — ס'ערשטע קלאָרע,
ווייס־געוואַלגערטע אין שניי
לעמעלע איז אָנגעקומען.
קאַרבט דעם שטעקן טימאָפעי
און באַזאַלצט דאָס ווייכע פעלכל
מיט אַ ווייסן, בליאַסקן שפּריי.
לעקט די שאָף דאָס זלאַץ. די לולסע
רויכערט ווייטער טימאָפעי.

יאָרן זיינען שטעקנס, קאַרבן,
ווינטערס־זומערס זיינען זיי,
ס'האָט דער סטעפּ אַזוי פיל פאַרבן
און דעם סטעפּ האָט טימאָפעי.
אָפּגעציילט שוין זעכציק שטעקנס,
זעכציק שטעקנס אויסגעקאַרבט,
דער איינאונזעכציקסטער שוין ציטערט
ווען דער רויטער זומער שטאַרבט.

מעז בויט שוין! | די אידישע | מעז בויט שוין!

קאָאָפּעראַטיווע היים־געזעלשאַפט

אַ אידישער קולטור־צענטער אין שענסטען,
געזונטסטען, זוניקסטען געגנט אין די בראָנקס!

2־3־4 און 5 צימערן

מיט די לעצטע מאָדערנסטע
איינריכטונגען

מיט: אודיטאָריום, פּארוויילונגס־צימער, ביבליאָטעק, פאָלק־שול, דעי נוירסערי, גימנאַסטיק, שווים־פּלאַץ און קאפעטעריא.

דאָס אלץ פאר

$12 ביז $13

א צימער

און רענט ווערט רעדוצירט

אָפיס אָפען טעגליך פון 10 פרי ביז 8 אין אָוונט. זונטאָג ביז 2 בייטאָג.
נאָך אינפאָרמאציע אין אָפיס: 406 איסט 149טע גאס, צימער 39.
טעלעפאָן: מאָט הייווען 5321

באַזאָרגט זיך גלייך מיט אַ וואוינונג!

פאר שבתים, ימים טובים און פאר אלע טאָג

האָראָוויטץ מאַרגאַרעטען

ריינע אייער

לאָקשען

פונקט אַזוי גוט ווי היימיש געמאַכטע, כשר, ריין, באַ'טעמ'ט
אויך ספּאגעטי, גערגעלאך, בארלי, א. ז. וו.

צו באקומען אין אלע גראָסערי־סטאָרס.

HOROWITZ BROS. & MARGARETEN

Matzo Factory
369-383 EAST 4th ST.

Noodle Factory
171 LEWIS STREET

NEW YORK

טעטלי׳ס טיי איז זיין גאַנגבאַרסטער אַרטיקל

מר. ס. סילווערמאַן, פון 951 וואַשינגטאָן עוועניו, בראָנקס, ניו יאָרק, איז איינער פון די הונדערטע אידישע גראָסערי-לייט, וועלכע האלטן אימער פון דעם כלל, אז איר האָט גוטע סחורה, שטעלט עס אזוי אוים, אַז אלע זאָלן עס קענען זען און — קויפן.

מר. סילווערמאַן האָט געמאַכט אַ שיינעם דיספליי פון דער באַרימטער **טעטלי׳ס אָרענדזש פּעקאָו טיי**. די קאָסטאָמערס האָבן געזען די באַרימטע טיי און עס האָט זיי אָנגענומען אַ חשק צו קויפן די טיי. דערנאָך זיינען זיי געקומען דאנקען מר. סילווערמאַנ׳ען און זיינען געבליבען זיינע שטענדיקע קאָסטאָמערס.

עס איז דאָס זעלבע איבעראל. טעטלי׳ס טיי פארקויפט זיך מער ווי אנדערע סאָרטן טיי. דאָס איז דערפאר וואָס טעטלי׳ס טיי האָט צו זיך נים קיין גלייכן. די גוטסקייט פון טעטלי׳ס טיי דערפילט איר גלייך ביים ערשטן זופּ. דער אָנגענעמער אראָמאט און דער געשמאַקער טעם דערפרישט און דערקוויקט אלע אברים און ווירקט אויף אייער געמיט ווי א צויבער.



טעטלי׳ס
טהעע שטעלט צופרידען מבינים

פיעלפאך גערייניגט

עס געהט דורך איניגע מאָל ספּעציעלע
רייניגונגס מאשינערי, אזוי אז

מאקסוועל הויז
קאַפּפע

אין 1 פונטיגע פעסט פארזיגעלטע קענט קומט צו אייער טיש גערייניגט פון יעדע ברעקעל שטויב און ניוועץ. עס קומט צו איך אין דער געשמאקסטער געזונדסטער און ריינסטער פאָרמע.

פארקויפט נור אין 1 פונטיגע פארזיגעלטע רונדע בלעכענע קענס באקוועם צו עפענען און געברויכען.

איהר וועט דעם טעם קיינמאָל ניט וועלען פארבייטען. איהר וועט אלעמאָל טרינקען "מאקסוועל הויז קאַפּפע", די וועלכע איז גוט ביז'ן לעצטען טראָפּען.

קארגט ניט ווען עס איז
א פראגע פון געזונד

פריי! שיקט פאָר דעם אידישען ביכעלע
"ווי אזוי צו מאכען א גוטען קאפע קאפפע"

CHEEK-NEAL COFFEE CO.,
40th St. & 2nd Ave., B'lyn, N. Y.

CHEEK-NEAL COFFEE CO.
NEW YORK. NASHVILLE. HOUSTON
JACKSONVILLE. RICHMOND. LOS ANGELES

Up-To-Date Printing Co., Inc., 200 195-197 Canal St., New York

COLUMBIA UNIVERSITY LIBRARIES
0074772830

26